STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00522

BOVL

Peretz Hirschbein

Permanent preservation of this book was made possible by
Wilfred & Marjorie Wyler
in memory of
Grandpa Solomon Rosenfield

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בבל

(טרילאָגיע)

פון

פּרץ הירשביין

ניו־יאָרק, 1942

Copyright 1942
by PERETZ HIRSHBEIN
NEW YORK, N. Y.

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS
19 West 21st Street
New York, N. Y.
255

ערשטער טייל

ג ל ו ת

מיין האַרציקן דאַנק אייך, מיטגלידער פון פאַרלאַג־קאָמיטעט, וואָס איר האָט מעגלעך געמאַכט אין איצטיקער צייט, די טרילאָגיע „בבל“ זאָל געדרוקט ווערן. געבענטשט זאָל זיין אייער גוטער ווילן.

אייך, מיינע פריינט, ווידמע איך די טרילאָגיע „בבל“.

קאַפּיטל איינס

ישראל לוריא האָט געבויגן דעם קאָפּ, ווען דער שטורעם איז געווען נאָענט. געלאָזן, דער שטורעם זאָל איבער זיין קאָפּ זיך אַריבערטראָגן. ער האָט געהאָפּט, אַז דעם רשע איגנאַטיעווס גזירות אויף יידן וועלן ניט אויף לאַנג האָבן זייער ממשלה. דער וואַרשעווער פּאָגראָם, וואָס האָט צו „ביטל“ אויסגעבראָכן, און דער שפּעטערדיקער, מוראדיקער באַלטער פּאָגראָם, וואָס האָט געמאַכט ציטערן דאָס האַרץ פון זקן און ס'האַרץ פון עופהלע, וואו נאָר יידן האָבן געהאַט אַ דאַך איבערן קאָפּ, דאָס האָט אים ניט אויפגעטרייסלט געגוג, ער זאָל איבערלאָזן זיין שטוב, וואָס איז צו אים איבערגעגאַנגען בירושה, און זיך לאָזן מעבר לים, וואוהין עס האָבן שוין געצויגן די איבערגעשראָקענע קינדער פון פאָלק ישראל.

— אויב דאָס איז אַ גזירה מן השמים, יידן זאָלן קיין רו ניט האָבן, איז קיין פּעולה ניט, אויב מ'וועט זיך לאָזן עק וועלט אפילו. פון גאָטס צאָרן קען זיך קיינער ניט אויסבאַהאַלטן.

די שפּע, וואָס ער האָט געצויגן פון אַ שמאָל־פינצטערער אייזנקראָם, איז נאָך דערוויייל ניט געמינערט געוואָרן. די אייזנקראָם איז צו אים געקומען בירושה. אין איר האָט ער געהאַט גרויס אמונה.

זיין ווייב טויבע, די בלאַסע און מיט איינגעפאַלענע באַקן, זי האָט דווקא אינדערשטיל טרערן פאַרגאָסן, ווען ידיעות זיינען אָנגעקומען, אַז יידן פון שטאָט און שטעטל פּאַקן זיך, אין די פינצטערע נעכט ציען זיי צו אַ גרענעץ־שטאָט, און פון דאָרטן — וואוהין די אויגן וועלן טראָגן. אַז טויבע האָט געקוקט צו די געראָטענע קינדער, צו איר „יונגן וואַלד“, איז איר נחת דערטרונקען געוואָרן אין צער.

— די קינדער זיינען אויסגעוואקסן. און ווי קען מען טראַכטן פון אַ תכלית, אויב אַזעלכע מוראדיקע גזירות האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די יידישע קעפּ!

נתן און דניאל, דער צווילינג, ווי צוויי שיינעביימער האָבן זיי אויסגעקוקט דער מאַמען אין די אויגן. דהילל איז שוין אויך געווען ביי זיינע צוואַנציק יאָר. אָשר און שלמה זיינען שוין געשטאַנען נאָענט צו היללן. און אַז די זאָרג נעמט אַרום צוליב די עלטערע קינדער, פאַרפעלט די מאַמע ניט צו פאַרגיסן אַ טרער, ווען זי באַטראַכט פון אַ זייט דעם געראָטענעם, יינגסטן צווילינג. קריינדל און זכריה, וואָס ווי צוויי טראָפּן וואַסער זיינען זיי געראָטן איינס אָן אַנדערן, כאָטש יינגל און מיידל.

ערשט נאָך דעם, ווי צוליב אַן „אוקאַז“ פון פּעטערבורג איז מיט אַמאָל זייער שטעטל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דאָרף, פונוואַנען יידן האָבן

געמוזט ארויסציִען צו אַ גרעסערער שטאָט, ערשט יעמאָלט האָט ישראל לוריא ווי צום ערשטן מאָל אַ קוק געטאָן און באַטראַכט זיינע זיבן קינדער, דער עיקר — זיינע זעקס ייִנגלעך, און באַשטימט, אַז גזירות קען מען אויך איינטיילן לויט זייערע מדרגות.

עס איז געווען אַ פּאָר וואָכן פאַר פּורים. דרויסן האָט די זון דעם שניי געשמאָלצן, ווען ישראל לוריא האָט צונויפגענומען דאָס גאַנצע הויז־געזינד און פאַר זיי אויסגעלייגט זיינע מחשבות.

יעמאָלט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער עלטערער צווילינג, נתן און דניאל, האָבן זיך שוין געגנוג אַרומגעקריגט צווישן זיך. נתן האָט זיך שוין געהאַט אָנגעשלאָסן אין אַ חברה מיטן נאָמען: „עם עולם״, וואָס האָט אַריבערגעקוקט קיין נאָרד אַמעריקע, דאָרטן זיך באַזעצן אויף דער ערד און לעבן אינאיינעם ווי ברידער אין קאָמונעס. דניאלן האָט אין די אויערן געקלונגען דער רוף: „בית יעקב לכו ונלכה!״ ער האָט זיך געוואָלט אַנשליסן אָן די, וואָס האָבן די הענט געשפּרייט קיין ארץ ישראל, אויפ־ריכטן די צוגעזאָגטע ייִדישע היים. היללן האָט עס געצויגן קיין אַמעריקע, וואו אָן קיין שום שוועריקייטן וועט ער זיך קענען באַזעצן אויף דער ערד.

— וואָס זאָגט איר, קינדער — האָט ישראל לוריא, ווי ער וואָלט געווען דער ייִנגסטער און שוואַכסטער צווישן זיינע זיבן שוואַרצאויגיקע קינדער אָנגעהויבן — צי וועטן זיך צו עפּעס דערשלאָגן? צי די, וואָס זיינען שוין אַריבער די גרענעץ, צי האָבן זיי זיך דערשלאָגן צו אַ רואיקן ברעג?

— לויפן פונדאַנען וואוהין די אויגן וועלן טראָגן! — האָט נתן גערעדט מיט אַ זיכערער שטים—ווי מען גייט אַריבער די גרענעץ, הייבט זיך אָן אַ ליכטיקע וועלט. דאָרטן וואַרטן אָפּ חברות, וואָס העלפן און ווייזן דעם וועג. מען העלפט מיט געלט און מיט עצות.

— אָבער וואוהין? — האָט ישראל לוריא געפרעגט.

— קיין נאָרד אַמעריקע! אין „נעוויאָרק״ לעבן שוין ייִדן פון מאָסקווע און פּעטערבורג, פון וואַרשע און ווילנע, פון אָדעס און פון יעקאַטערינאָסלאַוו. ייִדן פון אַלע עקן רוסלאַנד ווערן דאָרטן דערנעענטערט.

— וואָס טוען זיי דאָרטן?

— מען לאָזט יעדן טאָן וואָס ער וויל, און לעבן ווי ער וויל.

— קיין אייגן לאַנד איז דאָך עס פאַרט ניט — האָט דניאל גערעדט מיט אַ דערשלאָגענער שטים — כאָטש ארץ ישראל איז נאָך ביים טערק, אַז ייִדן וועלן דאָרטן ווערן שטאַרק, וועלן זיי עס אָפּנעמען ביים טערק.

ישראל לוריא האָט אָנגעשטעלט פאַרחידושטע אויגן אויף דניאלן.

— זאָגסט, אָפּנעמען ביים טערק ארץ ישראל? דו וועסט עס אָפּנעמען? און צוליב וואָס בעטן מיר אַלע טאָג: „ולירושלים עירך ברחמים תשוב״? צוליב וואָס האָפן מיר אויף משיחן? ביז די אמתע גאולה וועט קומען, וועט דער ייִד זיין אין גלות. טרייבט מען פון דעם גלות, וועל איך פאָלגן נתנען, און זוכן אַן אַנדער גלות.

— איצטער, דניאל, פאָר מיט אונדז קיין אַמעריקע — האָט נתן גערעדט — פון דאָרטן גייען אויך שיפן קיין ארץ ישראל.

די מאַמע טויבע האָט אויפגעהויבן די אויגן צו די קינדער, און געזאָגט:

— וואָס איז מיין לעבן אָן אייך? אויב שוין ארויסרייסן זיך פונ־דאַנען מיט די קאָרעניעס און זיך לאָזן איבער ימען, איז כאָטשבע זיין אינ־איינעם; וועט מיר מיין האַרץ זיין שטאַרקער.

דער מוטערס פשוטע רייד האָבן זיך טיף איינגעקריצט ביי אלעמען אין האַרצן. אויב מיט דעם אָנקומען פון קריסטלעכן פסח, הייבט מען אָן צו קוקן דעם טויט אין די אויגן אריין — איז טאָקע ניט קיין יושר און ניט קיין שכל צו נעמען און צעררייסן אַ משפחה. אויף שטיקער; נעמען אַזאַ „יונגן וואַלד", ווי טויבע האָט ליב געהאַט אָנצורופן אירע זיבן קינדער, אויסרייסן מיט די וואָרצלען און צעשליידערן איבער ווייטע פעלדער. אגב זיינען פון אַמעריקע, פון נעוויאָרק, אָנגעקומען ידיעות און א סך גוטע בשורות: — אַז די מלוכה איז דאָרטן גוט צו יידן; „מען שפרייט אויס די הענט מיט גרויס רחמנות צו באַגעגענען די יידן." האָט מען שוין מער פון דעם ניט גערעדט קיין סך. דער פחד איז איצטער שטאַרקער געוואַקסן. ווען מען האָט אַ טראַכט געטאָן פון פסח, פון די קריסטלעכע חגאות און די באַדהאַלטענע באַפעלן צו די רוצחים, זיי זאָלן זיך גרייטן צו יידישע פּאָגראָמען. אפילו די פויערים וואָס קומען צו די לוריאַס אין אייזנקראָם אריין, צו די פרידלעכע גויים, קוקן שוין די לוריאַס מיט פחד.

עס איז נאָך געבליבן אויסצופאַרקויפן דאָס אייזן פון דער שמאָלער אייזנקראָם; פאַרקויפן די שטוב און שטאַל און דעם גרויסן גאָרטן הינטערן שטוב. געבליבן צו פאַרקויפן אַ סך קלייניקייטן. מען האָט מודיע געוועזן אין די שכנישע דערפער. פויערים האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן קויפן מציאות. פאַר די לוריאַס האָט עס אויסגעוויזן, ווי דער פּאָגראָם האָט זיך שוין באַצייטנס אָנגעהויבן אויף זייער האָב־און־גוטס.

דאָס געבעטגעוואַנט האָט טויבע און קריינדל איבערגעשאָטן אין פרישע ציכן, ישראל לוריא האָט איבערגעקליבן און געלופטערט זיינע ספרים, ש"ס און פוסקים. אים האָבן הילל און זכריה אונטערגעהאָלפן. נתן און דניאל האָבן געלופטערט זייערע רוסישע און העבּרעאישע ספרים. ציטעריק האָט מען דאָס איינגעפּאַקט. מיט בענקעניש און קלעמעניש דהאָט מען באַטראַכט די ווענט פון שטוב; און מיט פחד — די ליידיקע, פינצטערע ווענט פון דער דורותדיקער אייזנקראָם.

ביי קיינעם אין פּאָדאָליער שטעטל האָט עס קיין חידוש ניט ארויסגערופן, וואָס מיט אַמאָל האָט זיך די משפחה ישראל לוריא פון אָרט אַ ריס געטאָן. דער פחד האָט שוין געהאַט אַרומגענומען דאָס יידישע לעבן פון שטאָט און שטעטל; די אויערן ביי יידן זיינען געווען אָנגעשטרענגט, צו פאַרנעמען דעם „בעי זשידאָוו", דער נאָמען: „איגנאַטיעוו" איז געווען ביי אלעמען אויף די ליפּן, און מען האָט אים מורא געהאַט הויך ארויסצורעדן. דעם קיסר אלעקסאַנדער דעם דריטנס נאָמען האָט מען אזוי אָפּט ניט דער־מאָנט, ווי דעם נאָמען פון אינערן מיניסטער, וואָס האָט זיך פאַרלייגט מיט אלערליי גזירות „ריין" צו מאַכן רוסלאַנד פון יידן. האָט עס דעריבער ניט געחידושט, וואָס די לוריאַס לאָזן זיך אין וועג אריין. סוף־כל־סוף וועט דאָך יעדערער, פריער אָדער שפּעטער, מוזן נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט.

דערנאָכדעם זיינען אָנגעשטאַנען טעג, ווען מען האָט באַדאַרפט נאָך נידעריקער בייגן דעם קאָפּ צו דער ערד, כדי מען זאָל ניט זיין גרויס ביי יענעם אין די אויגן. אָנגעשטאַנען די צייט פון געזעגענען זיך און שטיין אַ ווײַלע מיטן פּנים צום היימישן שטעטל. טאַטע־מאַמע האָבן געקוקט צו די קינדער סיי מיט אומרו, און אויך מיט אַ געפיל, אַז אינאיינעם מיט זיי וועט מען שוין ניט פאַרפאַלן ווערן. ישראל און טויבע, ער — פינף און פערציק, און זי — דריי און פערציק יאָר, האָבן זיך דערשפּירט אַלט און שוואַך, ווען דאָס דורותדיקע אייזן קרעמל איז ווי אין גפעל פאַר־שוואונדן.

אָנגעקומען די צייט, ווען מען האָט זיך געלאָזן פון שטעטל מיט האַסטיקן האַרץ־קלאַפּ ביז ווייטיק. מען איז געזעסן ענג אין אַ וואָגן צווישן אייגענע, דערווייל נאָך ציטעריקע חפצים און בעטגעוואַנט — ממש ווי פון אַ פּאָגראָמירטער שטאָט האָט מען געצויגן. אין די אויערן האָט געקלונגען דער: „בעי זשידאָוו"... אַמאָל איז דער אויסגעשריי געקומען פון ווייט, און אַמאָל פון נאָענט. עס האָט צומאָל אויסגעדוכט, אַז אָט באַלד, באַלד, וועלן זיך דרענגענער אַראָפּלאָזן איבער די קעפּ! יידן און ניט־יידן, קאָנטראַבאַנשטשיקעס פון ביידע זייטן גרענעץ האָבן סודותפול די וואַנדערער געפירט צו דער מערב־גרעניץ. כאָטש עס איז געווען אַ וואונק פון די „היכע פענצטער" אין פּעטערבורג, מען זאָל ביי דער מערב־גרענעץ „האַלטן די אויגן צוגעמאַכט;" אָן אָפענעם טויער האָט מען געלאָזן, יידן זאָלן אין טויט־שרעק אַנטלויפן פון רוסלאַנד.

און אָט איז די שטאָט בראָד, שוין אויף דער אַנדערער זייט גרענעץ! גאָר אַנדערע יידן, מיט לאַנגע קאַפּאָטעס און סאַמעטענע קאַפּעליושן; רויט־בערדיקע, שוואַרץ־בערדיקע מיט געקרייזלטע פּיאות און שמאָלע פּנימער... האָבן ניט קיין מורא פאַר פּאָגראָמען; העלפן די וואַנדערער, שטרעקן אויס צומאָל די הענט און גיבן הילף. און עס זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס שטרעקן אויס די הענט — מחמת די וואַנדערער טראָגן מיט זיך מיט שפע, פירן מיט זיך „באַרעס געלט" אויסצוגעבן. אַ חלום איז דאָס, אַ בייזער חלום. מען וואַנדערט פון אַ פּאָגראָמען־לאַנד. טאַטע־מאַמע, נאָך יונגע מענטשן, זיינען פון אַ ווינט אויפגעכאַפּט געוואָרן, ווערן געטראָגן איבער פרעמדע לענדער, דאָ פאָרן אויך וועגענער, און דאָ — אין פּראַכט־וואַגאָנעס, אין ענגשאַפט, אין בייסיקן ריח פון בהמה־שע מיסט. אַנדערע מענטשן, אַנדערע לשונות. ווייטער, ווייטער פון אייגענעם שטעטל, ווייטער פון רשעות־דיקן לאַנד — מען טראָגט זיך צווישן הימל און ערד!

אָט איז מען אין האַמבורג צווישן דייטשן — אָבער יידן קומען אַנטקעגן און העלפן אַרויס. די יינגערע קינדער דערשפּירן זיך עלטער; די עלטערע — פאַרוואָגלטע גלות־מענטשן.

— אַזאַ משפחה וועט שוין ניט פאַרפאַלן ווערן... אַלע פון איין מאַמעש, שוואַרצחנעוודיקע אַזעלכע; אין אמעריקע וועט איר מיט אַזאַ משפחה אויפגעריכט ווערן.

— ניטאָ קיין פחד צו פאָרן אויפן ים; אויף דער יבשה איז מער פחד; אָט אַנטלויפט איר דאָך אַלע פון דער יבשה. אויפן שיף מאַכט מען אויף קיינעם ניט קיין פּאָגראָמען!

ענגשאַפּט... וואָס איז ענגשאַפּט? פֿאַר דעם האָט קיינער ניט קיין מורא. אַ מוה. אויף אַ שיף, צווישן־דעק, מענטשן און בהמה; מענטשן און אָקסן און פֿערד. מענטשן אין זייער בראָך, אין זייער ברעכן אַרום זיך; אַ אינעווייניקסטער קוואַל פֿון האָפֿענונג שטאַרקט די כּחות. אַט איז מען בשלום אַריבער דעם וועג צווישן האַמבורג און ליווערפּול אויף אַ קליין שיפֿל, צוגעקומען צום גרויסן „אַקרענט", וואָס ליגט צווישן ליווערפּול און נעוויאָרק. איין קליינינקייט, אַ שטאָט אַ גאַנצע שווימט דאָך פֿון ליווערפּול קיין נעוויאָרק! ממש עס קוועלט אַרויס אַ היימיש ניגונדל; קריינדל הויבט אָן, און הלל און זכרידה העלפֿן אונטער. די מאַמע האָט נחת. דער נחת קוועלט אינאיינעם מיט די טרערן פֿון די אויגן אַרויס. טויבע האָט געשפּירט דאָס גרויסע גליק וואָס וואַרט אויף איר אין נייעם לאַנד, און צופֿיל האָט עס געמאַכט איר האַרץ ציטערן.

טויבעס האַרץ איז אָפּגים טאָקע צו שוואַך געווען אַריבערצוטראָגן אַזויפֿיל אין אַ קורצער צייט. אויב די קינדער האָבן געשפּירט ווי זיי ווערן געטראָגן צווישן הימל און ערד — האָט עס זיי צומאָל אויך אויסגעוויזן, אַז פֿליגל שפּראָצן זיי אַרויס, און גרינג טראָגן זיי זיך אויף די פֿליגלען מיטן ווינט; האָט עס דער מאַמע טויבען אויסגעוויזן, גלייך ווי מען וואָלט זי פֿון היימישן שטעטל אין פֿון רוסלאַנד ביי די האָר אַרויסגעריסן, אַט ווי מען רייסט אַרויס אַ בוריק ביי די גרינע בלעטער פֿון דער פֿייכטער ערד אַרויס און מען שליידערט אים אַוועק אין שטויב. די קינדער שוועבן, און זי ווערט געשלעפּט. דאָס האַרץ קלאַפּט אַזוי האַסטיק, קלאַפּט אַזוי הויך; קלאַפּט הויך און טוט ווי.

מען איז געלעגן אין ענגשאַפּט „צווישן־דעק", איינס איבערן אַנדערן אויף פּאַרעיפּושטע געלעגערס; און מען האָט זיך געוואַלגערט אויפֿן דיל, ווען די איבלדיקייט האָט צו דער ערד געצויגן. שוין אויפֿן צווייטן טאָג ווי מען האָט איבערגעלאָזן דעם ענגלישן ברעג הינטער זיך, האָט טויבע דערפֿילט אַ מידקייט אין אַלע גלידער, און ספּאַזמעס אין די הענט. פֿאַרן ים האָט זי ניט געהאַט קיין מורא. ניט קיין פּחד־געפֿיל האָט זי באַצוואונגען, און דעם אינגעווייד אירן אין איין קנויל צונויפֿגעדרייט. גיכער זיינען די שוואַכע כּחות אויסגערונען ווי נאָר מען האָט אָנגעהויבן אַליין חרוב מאַכן די אויסגעוואָרימטע היים. אין אָנבליק פֿון גרוי־גרינעם אויפֿגעבלאָזענעם ים, אין אָנבליק פֿון די אויפֿגעשפּיצטע כוואַליעס, וואָס האָבן ווי בלאַטערס געפּלאַצט און פֿון זיך ווייסן שוים אַרויסגעשאָסן — האָט טויבע פֿאַרלאָרן דעם גייסטיקן אָנריר מיט דער ווייטער, ווייטער רוסלאַנד און נאָענטן היימישן שטעטל. זי האָט אויך ניט באַנומען די ווירקלעכקייט, וואָס האָט זי דורך שטורעם דערנענטערט צו אַ ברעג פֿון אַ פֿריי לאַנד.

די ערשטע פֿינף טעג האָט עס זי געצויגן רק אין דער טיף, גלייך ווי דאָרטן אין דער טיף פֿון שיף, וואו זי האָט שוין איר גאַנץ לעבן אויסגעבראָכן — וועט זי אויך גענעזן ווערן. אויפֿן זעקסטן טאָג האָט עס שוין טויבען געצויגן אויבן צום דעק. דאָרטן האָט איר צאַנקענדיק לעבן זיך געכאַפּט אָן ביסל פֿרישע לופֿט. פֿון דער בלאַסער, אָפּגעצערטער טויבען, וואָס אינדערהיים האָט עס אויסגעזען, אַז גאָר אירע כּחות האָט זי אירע זיבן קינדער, איר „יונגן וואַלד" איבערגעגעבן — דאָ אויפֿן שיף

האָט טויבע אויסגעזען, ווי אַלע פּאָגראָם־שרעקן פון גאָר דעם גרויסן רוסלאַנד האָט זי איבערגעלעבט! די שרעקן האָבן זי צעטרייסלט, און גליד פון גליד לויז געמאַכט. אירע טיף־ברוינע אויגן זיינען גרעסער געוואָרן, האָבן געבלאַנדזשעט אונטערן שטערן, געזוכט עפּעס צו געפינען, און האָבן זיך נאָך מער פאַרלאָרן. צען טעג פאַר פסח, אויפן עלפטן טאָג זינט מען האָט זיך אויפגעזעצט אויפן גרויסן אָקרענט, דריי מעת־לעת פון ניו־יאָרק, אונטן, אין דער טיף פון שיף, האָט די מאַמע פון זיבן קינדער איר לעצטן אָטעם אויסגעהויכט.

יעמאָלט האָט די זעכצניעריקע קריינדל, וואָס האָט אזויפיל געשוויגן די גאַנצע דריי וואָכן זינט מען איז צו דער גרענעץ צוגעקומען — דערשפירט אירע יונגע כחות. דורך דעם פריש־צאַפּלדיקן געוויין, וואָס האָט זיך פון איר האַלדז ארויסגעריסן, האָט זי אויפגעוואַכט צום לעבן. קריינדל האָט ניט געוויינט ווי מען באַוויינט אַ טויטן; ניין, דאָס איז גיכער געווען אַ געוויין פון אַ קינד וואָס ווערט געבוירן, און ברעכט אויס מיט אַ ביטער געוויין, ווען עס דערשפּירט אַ קאַלטע, אומבאַקאַנטע וועלט.

קריינדל האָט געוויינט, טרערן האָבן געפלאָסן. יעדער טייל פון פּנים האָט געציטערט באַזונדער און געפילט די הייסע טרערן וואָס זיינען געפאַלן אויף דער מאַמעס איבערגעדעקטן קאָפּ. זי האָט דורך איר שרייענדיקן געוויין געהערט דאָס שטילע מורמלען פון די זעקס ברידער און פון נידערגעשלאָגענעם טאַטן. זי האָט דורך אירע טרערן אויך ארויסגעזען פנימער פון פרעמדע, וואָס האָבן ניט געקענט זייער צער אויסבאהאלטן, צו איר מאַמען זיך דערנענטערט, און אויך געלאָזן די טרערן זאָלן פאַלן.

טויבע איז אויסגעגאַנגען פאַרנאַכטצו, און ביז האַלבער נאַכט האָבן תהילים־זאָגערס און בעטערקעס ניט אָפּגעטראָטן פון איר. מען האָט פון ליילעכער פאַר איר תכריכים גענייט. מען האָט זי אויך גוט איינגעוויקלט, איר זאָל חלילה ניט זיין קאַלט. מחמת וויפיל מען האָט ניט געבעטן ביים שיפס־קאַפּיטאַן, אפשר וועט ער דער טויטער מאַמען דערפירן ביז צום לאַנד — האָט דער שיפס־קאַפּיטאַן געשאָקלט דעם קאָפּ אויף ניין. „אַ סכנה צו פאָרן מיט אַ בר־מינון אויף איין שיף. קען חלילה אַ מגפה אויסברעכן".

שוין אויפן דעק, ווען טויבע איז געלעגן אויפן באַוועלעכן בריקל, גרייט אראָפּצולאָזן זי צו קבורה אין ים אריין — האָט ישראל פון זיך אראָפּגעכאַפּט זיין קאַפּטן, און זי צוגעדעקט. קריינדל האָט פון האַלדז אַ טיכל אַראָפּגעריסן, און אויף דער מאַמעס פיס אַרויפגעלייגט. ניט נאָר ביי ישראלן און די קינדער נאָר ביי די אַלע וואָס האָבן טויבן צו דער אייביקער רו געפירט — האָט זיך דאָס האַרץ אָפּגעריסן, און פאַרשטומט געוואָרן. די „שיף־מענטשן" האָבן דאָס בריקל אונטערגעהויבן, און די שיף אליין האָט אויף אַ ווייל דעם אָטעם איינגעהאַלטן, די מאַשינען זיינען שטיל געוואָרן, בעת מען האָט די מאַמע פון זיבן קינדער אין ים צו קבורה אַראָפּגעלאָזן. שווערע געוויכטן האָט מען איר צו די פיס צוגעבונדן, כדי טיפער זאָל זי איר קבר געפינען.

דערנאָכדעם איז שוין ביי דער משפחה לוריא פאַר די אויגן טונקל געווען ביז צום ברעג פון נייעם לאַנד. מער ניט, וואָס קריינדל, נאָך דעם ווי די טרערן האָבן זיך אויסגענומען, האָט דערשפירט, אז אַ מאַמע איז זי

איצטער געוואָרן צו די זעקס קינדער: נתן, דניאל, הילל, אָשר, שלמה און זכריה; און צו דעם פון טרויער־דערשלאָגענעם טאַטן ישראל לוריא.

אויפן פערצנטן טאָג זינט מען האָט ליווערפּול פאַרלאָזן, באַגינען, ווען די זון איז אויפגעגאַנגען, האָט קריינדל די ערשטע דערזען דעם ראַנד פון נייעם לאַנד, דעם ראַנד פון „גאָלדענע מדינה"...

* * *

אין אַ שמאָלן צימער אויף אַ פערטן שטאָק, אין אַ געלבלעכן טענעמענט־הויז אויף לודלאָו סטריט, ניט ווייט פון חזיר־מאַרק, זיינען איצטער די לוריאס דערזעסן דעם לעצטן טאָג שבעה. דריי טעג פון די זיבן האָבן זיי פאַרכאַפּט אָפּצוזיצן צווישן־דעק אויפן שיף.

צוליב דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט די משפחה געטראָפן ערב אריינפאָרן אין פרייען לאַנד, צוליב דעם וואָס די מאַמע פון זיבן קינדער האָט מען מקבר געווען אין ים — זיינען שוין די מחשבות פון ישראלן און די זיבן קינדער אַוועק פון די פינצטערע טיפענישן. די בת־יחידה קריינדל האָט מיט איר דמיון באַגלייט איר מאַמען צום פינצטערן אָפּגרונט. מען האָט צו דער מאַמען צוגעבונדן שווערע שטיקער אייזן, די מאַמע זאָל שווערער ווערן, זעט קריינדל ווי די מאַמע זינקט, און צום אָפּגרונט איז נאָך אַלץ ווייט...

זכריה, איר צווילינג־ברודער, איז אויך מיטן דמיון אַוועק נאָך דער מאַמען. ער זעט שוואַרצע פיש און גליטשיקע ים־חיות, וואָס לאָזן זיך נאָך דער טויטער מאַמען, און רייסן פון איר שטיקער.

פונדעסטוועגן האָט ישראל לוריא און די עלטערע זין, זיצנדיק אויפן ברוין־שוואַרצן, אומריינעם דיל אָנגעשפּיצט די אויערן צום ווילדן פּעדלער־געפילדער, וואָס האָט זיך צו זיי אַרויפגעטראָגן פון גאַס. אָפּגעריסענע קולות, זינגעוודיקע און וויינענדיקע, יונגע און אַלטע, הייזעריקע און וואויל־קלינגענדיקע קולות האָבן זיך געטראָגן פון דער גאַס. געווען עטלעכע טעג פאַר פּסח, און די פּעדלער האָבן שוין דעם פּסח אויך אַרויסגעטראָגן אויף זייערע טראָג־ברעטלעך און אין קוישן:

— „קאַרטאָפליעס... בולבעס... פּאָטייטעס!"... — „פרישע בייגל... פּלעצל... און געבייטלטער ברויט!"... פּסחדיקע כלים... פּסחדיקע גלעזער!"... „כשרער וויין לכבוד פּסח"... — וויסאָצקיס טיי... פּאָפּאָווס טיי... און היימישע טשייניקעס!" — ציץ, פּערקאַיל... נאָדל־פּאָדים... טאָשמעס און קנעפּלעך!"... — „שמעקעדיקע זייף!"... — „האָבערנע גרויפּן... הערטשענע גרויפּן ... לינדזן און בעבלעך!"... — „שלייקעס און אַרבע־כנפות... הגדות... סידורים און מחזורים!"... — „אַרענ־דזשעס... אָפּעלצינען... ציטרינען... לעמענעס... כריין און בערע־קעס!"...

דינע שטימען האָבן איבערגעריסן די גראָבע; וויינענדיקע — די זינ־געוודיקע; אַמאָל העכער, אַמאָל נידעריקער האָבן זיך די קולות געוויגט; געווען פּעדלער, וואָס האָבן אויסגעמעקעט ווי ציגן זייער סחורה, און אַנדערע — האָבן געבולן ווי הינט. מעסערשלייפער האָבן געקלונגען אין גלאָקן ווי צו אַ חגא; און בלעכער האָבן געקלאַפּט מיט די בלעכענע כלים. און דורך דעם אַלעמען האָט דורכגעשניטן אַ מין שופר בלאָזן פון די פיש־

פּאַרקויפער... אָבער העכער פון אַלץ און אַלעמען האָט אַ זינגעוודיקע שטים אַריבערגעשריגן: „קאַרטאָפליעס... בולבעס... פּאַטייטעס!"...

דער דאָזיקער געפילדער האָט תחילת די שטובלייט צעטומלט. צום טרויער, וואָס האָט געהערשט, צו דער שבעה־שטימונג — איז צוגעקומען אַ געפיל פון רחמנות.

ישראל לוריא האָט ניט ארויסגענומען זיינע אויגן פון דעם „עין־יעקב", אָבער זיינע מחשבות זיינען געווען מיטן פּעדלער־געפילדער. ער האָט געטראַכט:

— גאָרנישט מיט נישט ווערט דאָ פון פאָלק ישראל... אַנטרונענע פון די רוסישע פּאָגראָמשטשיקעס, ווערן זיי דאָ ווי בהמות, וואָס זיינען אַ גאַנצן טאָג פאַרנומען מיטן מאָגן...

אַז הילל האָט פון זיין אָרט אַ פרעג געטאָן:

— ווי געפעלט עס דיר, טאַטע?

— דער הונגעריקער מאָגן שרייט, מיין זון.

נתן האָט געזאָגט:

— יידן וועלן צו זיך קומען. די פּעדלער וועלן היזעריק ווערן.

— דו וועסט אויך ווערן אַ פּעדלער — האָט הילל זיך אָפּגערופן. אַז מען וועט זיך אויפהייבן פון שבעה, הערסט, נתן, וואָס איך זאָג? וועלן מיר געוואויר ווערן וואָס פון די „עם־עולמניקעס" איז געוואָרן.

— איך האָב נאָך אין „קעסטל־גאַרדן" געהערט, אַז די וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף דער ערד אין אַ קאָלאָניע ניט ווייט פון דאַנען, זיינען זיך שוין צעלאָפן. צווישן די פּעדלער זיינען פאַראַן גענוג פון די „עם־עולמניקעס".

— הלואי וואָלטן מיר אָוועק מיט די בילו"וצעס קיין ארץ ישראל — האָט דניאל זיך אָפּגערופן.

— וועסט נאָך דאָ בקרוב די בילו"וצעס אויך באַגעגענען. פון די פּעדלער וועלן ווערן קרעמער.

שלמה און אָשר זיינען געזעסן דערשלאָגענע. פון אַ סך וויינען נאָך דער מאַמעס קבורה איז ווי שפּיציקע שטיקער בליי וואָלטן אין קאָפּ אומגעשוואומען. פאַר ביידן האָבן די קומענדיקע טעג אויסגעזען זייער מטושטש. ניט געווען קלאָר, וואָס זיי וועלן באַדאַרפן אָנהייבן טאָן, כדי כאָטש מיט עפּעס העלפן, מען זאָל אין שטוב ניט הונגערן.

די דירה וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי חדרים, איינער מיט צוויי פענצטער צו לודלאָו סטריט, און דער אַנדערער — אַ פינצטערער, דאָס האָבן זיי געקראָגן גלייך ביים אַרויס פון „קעסטל־גאַרדן". מענטשן, וואָס זיינען געקומען באַגעגענען קרובים, אויס מיטגעפיל צו דער אומגליקלעכער משפּחה — האָט מען אַלץ אָוועקגעוואָרפן, געהאָלפן די לוריאס געפינען אַן אָרט וואו די פּעקלעך אַראָפּצוואַרפן. און טאַקע מער ווי די פּעקלעך אָנגעוואָרפענע דאָ־און־דאָרטן איז דערוויל אין שטוב ניט געווען. אַ קוילן־אויוון אין ליכטיקן צימער — דאָס האָט מען געפונען אין דער דירה. אַ קעראָסין־לאָמפּ אויף צו קאָכן; אַ פּאָר קעראָסין־לעמפּלעך צום באַלייכטן די דירה, דאָס האָבן אויך גוטע מענטשן אריינגעבראַכט, און בשעת מעשה

דערציילט פון די גרויסע גליקן וואָס אַמעריקע האָט פאַר די „אומגליקלעכע יידן וואָס לויפן פון דער פאַרשאָלטענער רוסלאַנד״.

עס איז אָנגעקומען אַ בלאָנדער יונגערמאַן פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק. אָנגעטאָן אין אַ געקעסטלטן ענג־געפּאַסטן אנצוג, און קיילעכדיקן, פלאַכן קאַפּעליוש אַביסל אָן אַ זייט פאַרשאַרצט. לייבל חלפן איז דאָס געווען, וואָס ד׳האָט שוין אויך געהייסן לעאָנאַרד חלפן. ער האָט זיי באַגעגנט אין „קעסטל־גאַרדן״ ביים אָנקומען, און האָט זיי אַ סך אַרויסגעהאָלפן פון ערשטן טאָג אָן. „אַ ווילד־פרעמדער, און האָט זיך אַזוי צוגעקלעפּט צו אונדז״ — האָט קריינדל ביי זיך געטראַכט.

די שטובלייט האָבן פון דיל צו אים אויפגעהויבן די אויגן. ער איז געווען פאַר זיי די דרויסנדיקע וועלט, אַמעריקע מיט דער שטאָט „נעוויאָרק״. אינאיינעם מיטן יינגערן ברודער האָט ער אַ פּאָר הייזער וויטער געהאַט אַ שוויץ־שאָפּ, וואו מען האָט געניייט מענער־העמדער. בלויז מיט צוויי יאָר צוריק איז ער געקומען מיט זייניקע, און האָט זיך „פיין ארויפגעאַרבעט״. בשעת ער האָט דערזען אין „קעסטל־גאַרדן״ די לוריא־משפּחה, האָט ער מיט דעם הכנסת־אורחים געפיל זיך געוועונדט צו זיי און אָנגעבאָטן ד׳הילף. פאַר די פיר טעג וואָס די לוריאס זיצן דאָ שבעה, האָט ער קיין איין טאָג ניט פאַרפעלט אריינצוקומען, און עפּעס מיטברענגען מיט זיך. איצטער אויך האָט ער ארויסגעבראַכט עטלעכע אָראַנדזשעס, אַ פּליטקע שאָקאָלאַד, און אָן ווערטער האָט ער עס אַנידערגעלייגט לעבן קריינדלען.

— נאָך אַ פּאָר שעה וועט איר שוין קענען אָנטאָן די שיך און אַראָפּגיין באַטראַכטן אונדזער אַמעריקע, — האָט לייבל חלפן געמאַכט אַ מונטער פּנים.

— צוליב וואָס שרייען זיי מיט אַזעלכע באַנומענע קולות? — האָט ישראל געפרעגט — צי דען וואָלט מען ביי זיי ניט געקויפט ווען זיי שרייען ניט אַזוי?

— זיי שרייען ארויף, מען זאָל הערן אויף אַלע פלאָרס, דאָס מיינט אויף אַלע גאָרנס. איר וואוינט דאָך אויפן טאָפּ פלאָר, בע־בע־בע.

די לוריאס, אויף לייבלען קוקנדיק, האָבן אויך געשמייכלט.

— וואָס וועט דאָ זיין פון אונדז דער תכלית? — האָט ישראל געפרעגט.

— מיט אַזעלכע הענט וועט איר שוין דאָ ניט ווערן פאַרפאַלן. אַלע וועט איר ווערן פאַרדינער. אַז אַלע זיבן וועט איר פאַרדינען אפילו צו דריי דאָלער אַ וואָך — וועט איר אויך מאַכן אַ פאָטשן...

— האַ, וואָס? — האָט הילל געפרעגט.

— אַ פאַרמעגן, מיינט עס.

— ווי אַזוי וועט מען עס מאַכן דעם פאַרמעגן?

— ווי אַזוי? רב ישראל לוריא וועט גיין אין אַ שאָפּ נייען קינדערשע הייזקעס, ניפּענס, ד׳הייסט עס ביי אונדז. די צוויי בחורים — האָט לייבל אָנגעוויזן אויף שלמהן און אָשערן — נעם איך צו זיך אין שאָפּ אַריין. און איר — האָט ער אָנגעוויזן אויף דניאלן און בערנען — איר וועט טאַקע די ערשטע צייט אַרויסגיין פעדלען. ווי נאָר איר וועט זיך אויסלערנען גענוג ענגלישע ווערטער, וועט איר קענען אוועק נענטער צום איסט־ריווער,

דאָרטן וואוינען אמתע יענקיס, וואָס גיבן גוט צו לייזן. און איר — האָט ער אָנגעוויזן אויף הילן — איר וועט אַרבעטן ביי ציגאַרן; מע פאַרדינט גוט ביי ציגאַרן.

— וואָס וועל איך טאָן? — האָט קריינדל באַזאָרגט געפרעגט.

— קען מאַכן אָרט ביי מיר אין שאַפ...

אָנגעשטאַנען אַ געדריקטע שטילקייט. לייבל חלפן האָט זיין פלאַן אויסגעלייגט מיט אַזאַ זיכערקייט, ווי פאַר יעדן איינעם האָט ער אָנגעצייכנט דעם תכלית, אָנגעצייכנט זיין צוקונפט. זיינע פלענער האָבן אין דער ערשטער רגע קיינעם ניט דערמונטערט.

נתן האָט זיך אַ רודער געטאָן אין געדאַנק:

— פאַרוואָס האָט איר מיך און מיין ברודער פונקט אויסגעקליבן פאַר פעדלער?

נתן איז אויפגעשטאַנען, זיך געשטעלט ביים פענצטער, און ווידער גערעדט:

— פאַרוואָס זייט איר ניט געוואָרן קיין פעדלער? וואָס, אייך האָט עס ניט געווינט?

— איך שפּיז איצטער פערציק גרינע פאַמיליעס; אפשר סייף איך אָפ אַ פאַר דאָלער. פון אָנהייב בין איך אליין אַוועק אַרבעטן אין אַ שאַפ, האָב פינעוו חדשים געאַרבעט ביי יענעם. דאָס איז אַמעריקע: ווער עס ברענגט הענט, און ווער סע ברענגט אַ קאָפ מיט אַ סמיקעלקע אין קאָפ.

ווידער איז אָנגעשטאַנען אַ געדריקטע שטילקייט. לייבלען איז געוואָרן אַביסל פינצטער אין קאָפ פון נתנס פראַגע. ער פילט, אַז ניט נאָר נתן, אַלע וואָס זיצן דאָ אויפן דיל, זיינען אים חושד, אַז ניט מיט הוילער גוטסקייט איז ער געקומען צו זיי; ער האָט עפּעס אַן אויסגערעכנטן פלאַן. אין דעם איז אים אפילו קריינדל אויך חושד, מחמת, ער האָט באַמערקט ווי זי האָט פון זיך אָפגערוקט דאָס פליטקעלע שאָקאָלאַד, וואָס ער האָט פריער נעבן איר אַנידערגעלייגט. ער האָט קלאָר געשפּירט ווי זיינע רייד האָבן געמאַכט אויף די שטובלייט ניט דעם געוואונשטן איינדרוק. ער האָט עס געפרואווט פאַריכטן.

— און אַמאָל קען מען גאָרניט וויסן וואָס פון אַ מענטשן קען דאָ ווערן אין אַמעריקע. אוודאי, אַז אימעצער זוכט אַ תכלית פאַר די גרינע הענט, דאַרף ער טאָן וואָס איך האָב געזאָגט. ווער סע האָט מיטגעברענגט אַ קאָפ אויף די פּלייצעס... דער וועט זיין אָלרייט. איך וועל אַראָפגיין און אַרויפרופן אַ פאָר יידן, וועטן דאַוונען מנחה.

מיט די ווערטער איז לייבל חלפן אַרויסגעגאַנגען.

— ער איז אַ פויגל — האָט הילל ווי פאַר זיך געזאָגט — כאָטש נעם, גיב זיך אים איבער אין די הענט!

ישראל האָט זיך אויפגעהויבן, און איז אריין אין צווייטן צימער.

— ווי געפעלט דיר דער שניידער? — האָט דניאל אָנגעוואונקען אויף ישראלס זייט.

— זאָל עס זיין די לעצטע דאגה; מיט וואָס איז אַ שניידער ערגער פון אַ שניטקרעמער?

— אַ ייד וועט דאָ פון זיך די הויט אויך אַראָפשינדן. איך קוק דורכן

פענצטער אַרויס, עס דוכט מיר, ווי זיי זײַנען דאָ פון דער דרויט אַרויסגעקראָכן.

אין טיר האָט זיך באַוויזן דער שרײַער: — „קאַרטאָפליעס, בולבעס, פּאַטייטעס״... זײַן נאָמען איז געווען אריה דעמבעוויץ, אָבער אין גאַס האָט ער געהייסן אריה פלאָקן, צוליב זײַן איבערגעוואַקסנקייט און שמאָלקייט; און צוליב דעם וואָס ער איז געווען אַ ווייסער, כמעט מיט פלאַקסענע האָר, האָט מען אים נאָך צוגעגעבן — דער „ברעזענער פלאָקן״. דרײַ יאָר איז ער שוין געווען אין לאַנד, אַלע דרײַ יאָר האָט ער געהאַלטן אין אַרויסשרײַען זײַן „קאַרטאָפליעס, בולבעס, פּאַטייטעס״ און איז קיין איינמאָל ניט געווען הייזעריק. ער איז דער ערשטער אַרויפגעקומען מיט זײַנע קאַרטאָפליעס, און ער האָט אויך ניט פאַרפעלט אַרויפצוקומען אויספילן דעם מנין, כדי די שטובלײַט זאָלן קענען קדיש זאָגן. צו די זעקס אייגענע מאַנסבילן האָט מען כסדר באַדאַרפט צוקריגן נאָך פיר.

— היט זיך פאַר דער פּיאַוקע, וואָס דרייט זיך אַרום אײַך דאָ אַרום — האָט דערבײַ אריה אַוועקגעשטעלט בײַם טיר זײַנע צוויי קוישן קאַרטאָפל.

— וועמען מיינט איר? — האָט אים קרײַנדל געפרעגט.

— איך מיין דעם לייבל חלפן. איר וועט מסתמא פאַרזוכן זײַן שאַפעלע, שרפענען זאָל ער! פאַרוואָס האָט ער ניט אײַנגענומען די מיתה משונה אויפן ים, איידער ער איז אַהער געקומען? אים האָט מען געדאַרפט אַראָפּלאָזן אין ים, ער זאָל דאָרטן זײַן קבר געפינען, שרפענען זאָל ער!

פון פינצטערן צימער איז אַרײַנגעקומען ישראל לוריא, האָט אָנגעשטעלט אַן אויער, הערן וואָס אריה רעדט.

אריה האָט אין ישראלס אַנוועזנהייט אַביסל געביטן זײַן שטים.

— איר וועט דערקענען אַמעריקע — האָט ער גערעדט אײַנגעהאַלטן — לאַנג וועט מען אײַך ניט לאָזן וואַרטן. אַ מדינהלע אַמעריקע, און אַ שטעטעלע, נעוויאָרק. וואו האָבן עס ייִדן אַזעטיקע אַפּעטיטן גענומען? וואו האָבן עס ייִדן אַזעטיקע געשוואָלענע הערצער גענומען? און אַז מע איז געוואָרן טריפניאַקעס, איז וואָס? אַז מע האָט אָפּגעגאָלט די באָרד, איז וואָס? און אַז מע האָט אויפגעהערט צו דאַוונען, איז וואָס? מעג מען שוין דעריבער אויפעפענען שעפער און ציען די אָדערן בײַ אייגענע לאַנדסלײַט? ציען פון זיי דעם קליאַק פון די ביינער, די זעל זאָל אַרויס?... וואָרן איז אײַך, וואָס איר זייט אַראָפּ פון שיף, זיך אַנידערגעזעצט שבעה, און ניט פאַרזוכט ריכטיק דעם טעם פון מאַכן אַ דאָלער.

— פאַרוואָס זייט איר אַזוי אין כעס אויף דער וועלט? אַז דאָרטן מאַכט מען אויף ייִדן פּאָגראָמען, איז בעסער?

ישראל לוריא האָט דערבײַ זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן דיל.

— דאָס זאָגט איר? אַלערליי פּאָגראָמען פאַראַן אויף דער וועלט. אין רוסלאַנד מאַכט די פּאָגראָמען איגנאַטיעוו, ימח שמו זאָל ער ווערן! און דאָ — מאַכן אייגענע די פּאָגראָמען; איין ברודער מאַכט אויפן אַנדערן אַ פּאָגראָם; אייגענע קינדער מאַכן אַ פּאָגראָם אויף אַן אייגענעם טאַטן.

— איר זייט נאָך אַ יונגערמאַן, אַ עטלעכע און צוואַנציק יאָר אַלטינקער, און איר ווייסט שוין אַזויפיל? — האָט ישראל אַרויפגעקוקט צו אריהן מיט חידוש.

— עך, עך, וואויל איז צו די וואָס, אנשטאָט אמעריקע, זיינען זיי אַוועק קיין ארץ ישראל. ווערן דאָרט אויסגעריסן; קומען אַן גרוסן, אַז זיי ווערן אויסגעריסן, אָבער זיי ווייסן פאַרוואָס און פאַר ווען. דאָ איז מען אין גלות. אָט די עטלעכע גאָסן ארום העסטער סטריט, דאָ האָבן זיך יידעלעך איינגעזאַמלט, דאָ איז מען ביי זיך אינדערהיים; כע־כע־כע — און איין ביסעלע ווייטער...

— וואָס איז ווייטער? — האָט דניאל געפרעגט.

— אויב איר ווילט האָבן אייערע בערד, ט׳איר בעדאַרפן זיצן אָטאָ דאָ.

— פאַרוואָס עפּעס נאָר דאָ? — האָט ישראל געגאַפּט.

— אַז איר וועט אויפשטיין פון שבעה, אַז איר וועט ארויס אויף דער וועלט, פון שטוב, אַז איר גייט אַרויס און פאַרנעמט זיך רעכטס צום איסט־ריווער...

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— דאָס איז אַ טייך אַזאַ, דאָרטן וואוינען די באָומס, איירעשע און דייטשע, זאָל זיך נאָר אַ ייד מיט אַ באָרד באַווייזן, פליקט מען זי אים אויס.

— איר טרייבט ליצנות.

— סיידן, איר וועט די באָרד פאַרבינדן מיט אַ פאַטשיילע, מע זאָל מיינען, אייך טוען ווי די ציינער.

קריינדל האָט אַ לאַך געטאָן, און זיך באַלד פאַרכאַפּט, אַז זי טאָר ניט לאַכן.

— און איר, מיס... א מיידל רופט מען דאָ מיס; אז איר גייט ביינאַכט אַרויס פון שטוב, אַז איר וועט זיך פאַרנעמען לינקס, זאָלט איר צו ווייט ניט אַוועקגיין; אויף דער בויערי שוויבלט עס און גריבלט ביינאַכט מיט אויסוואורפן, מיט הורן, טפוי זאָלן זיי ווערן!

— איז דאָס אַלץ אמת וואָס איר זאָגט? — האָט זכריה געפרעגט.

— יעס, יונגערמאַן; דאָ ס׳טו זיך מוזן אויסלערנען פייטלען... אָט אַזוי, מיט די קולאַקעס... יענעם אַ זעץ טאָן אונטער די אויגן, מאַכן יענעם בלויע קישעלעך אונטער די אויגן, יעמאָלט ט׳מען פאַר דיר האָבן דרך ארץ... ווער סע קען דאָ געבן דעם שטאַרקערן פּלעם אין די אויגן, דער איז דאָ א מענטש, יו בעט...

— הפנים, איר דערציילט אונדז ניט פון דער אַמעריקע וואָס איך ווייס... — האָט נתן מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן געזאָגט.

— אָטאָ דאָס איז אַמעריקע, מיסטער... הלואי וואָלטן מיר דאָרטן אין רוסלאַנד געהאָט דעם נערוו וואָס דאָ, וואָלטן מיר די כוליגאַנעס אזוי גע־פייטלט, אַז די ניכפּה זאָל זיי נעמען. איצטער זע איך ארויס, אַז מיר זיינען אַנטלאָפן ווי מייז פון אַ גרויס וואַסער. איכ׳ל נאָך פאָרן צוריק! אָפּסייפן עטלעכע דאָלער, און האַיידאַ צוריק. וועל מיר פאַרנעמען אַ קינ־דזשאַלכל און א רעוואָלווער, איך וועל זיי ווייזן!

— זעט איר דאָך, אַז אין אמעריקע האָט איר דערשפּירט אייער כח — האָט אָשר זיך אָפּגערופן — איז דאָך טאַקע גוט וואָס יידן קומען אהער און ווערן שטאַרק.

— נאָר צוליב וואָס באַדאַרף איך טאָקע נעמען און באַרעדן די גאָלדענע מדינה? — איז אריהן געקומען אַ פּאַרב אין פּנים אריין — איר האָט אויגן, איר האָט קעפּ אויף די פּלייצעס. ווער קען וויסן וואָס פון אייך קען דאָ ווערן? ווער קען וויסן וואָס פון דיר, מיס, קען ווערן? אַמעריקע האָט ליב שיינע מיידלעך.

ביי די ווערטער האָט זיך אריה ווי אַראָפּגעלאָזן, נידעריקער געוואָרן. ער האָט געשפּירט, ווי ער האָט מיט זיינע לעצטע ווערטער קאַליע געמאַכט דעם איינדרוק פון זיינע ערשטע, „שטאַרקע" רייד.

— איי, אמעריקע, אַמעריקע — דהאָט אריה ווידער אָנגעהויבן, שוין מיט אַ געפּאַלענער שטים — נאָך קיין פולע דריי יאָר בין איך דאָ ניטאָ, וואָס האָב איך זיך דאָ שוין ניט אָנגעזען.

אַ ווײַלע האָבן אַלע זיך צוגעהערט צו די פּעדלערס דרויסן. אריהס רייד זיינען ניט פאַרשוואונדן אין דער טונקלקייט פון דער געל־שווארצער לעכער, נאָקעטער וואוינונג. זיינע ווערטער האָבן זיך באַגעגנט מיט די קולות פון דרויסן, וואָס האָבן איינס דאָס אַנדערע איבערגעשריגן אין געיעג נאָך „מאַכן אַ לעבן".

ישראל האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און צוגעמאַכט די אויגן; פאַר זיין דמיון האָט אַ ציטער געטאָן, האַלב אין ליכט און האַלב אין פינצטערניש, דאָס פאַרשאָלטענע לאַנד רוסלאַנד, וואָס ער האָט געלאָזן הינטער זיך אין די נעפּלען פון עבר, אָפּגעצאַמט מיט אַ ים, וואָס זעט אים אויס שוואַרץ, צוליב דער שוואַרצער נאַכט, וואָס האָט זיך געשפּרייט איבער אים בשעת מען האָט די מאַמע פון די זיבן קינדער געבראַכט צו קבר ישראל אין מיטן ים.

און די קינדער, פון עלטסטן צווילינג נתן און דניאל, ביז צום ייִנגסטן צווילינג, זכריה און קריינדל — ביי זיי איז איצטער געווען שטאַרק דער פאַרלאַנג, שבעה זאָל זיך ענדיקן, מען זאָל קענען אַרויס, זען אַמעריקע מיט די אייגענע אויגן.

קריינדלס בליקן זיינען געפאַלן אויף די נאַקעטע ווענט; זי האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז מען וועט באַדאַרפן פון די נאַקעטע ווענט מאַכן אַ שטיקל דהיים; שווער האָבן זיך באַוועגט די פלענער אין קאָפּ.

דערווייל זיינען נאָך פיר יידן ארויפגעקומען; אין אָנגעזיכט פון די אבלים האָבן זיי אויך געבויגן די קעפּ. לייבל חלפן איז צוריק ניט ארויפ־געקומען.

די שטוביקע האָבן זיך אויפגעהויבן פון דילן, אויסגעגלייכט די פלייצעס, גרייט צו דאַוונען מנחה; וואָס האָט אויך געמיינט, אַז מיט דעם וועט זיך זייער רייזע קיין אמעריקע ענדיקן.

* * *

אָבער אינעווייניק, אין האַלב־פינצטערע, פאַרפעסטעטע, ענגע דירות, האָט דער פּסח צו די „גרינע" אריינגעקוקט פּונקט ווי אין פּאַגראָמען־לאַנד. ווען מען איז אויפגעשטאַנען ביי די לוריאס פון שבעה, זיינען אָנטפּלעקט געוואָרן פאַר די שטובלייט, דער עיקר פאַר קריינדלס און פאַר זכריהס אויגן — די פאַוואַליענדיקע וואַנצן אָנגעפּיקעוועט אין יעדן שפּעל־טעלע און ווינקעלע פון דער נייער היים. איצטער האָט מען אויך קלערער

דערזען מיט אַלע חושים די פלינקע פּרייסן, וואָס האָבן געבאַלעבאָטעוועט איבער אַלע שטאָקן, און געאײַלט פראַנק־און־פרײַ דורך אויסגעפּראַוואָטע וועגן, געשמאַיעט און אויסגעשפּירט מיט די שפּיר־הערנדלעך וואו עס איז גע־שמאַקער. אָט זײַנען זיי ווינציק, בלויז אַ פּאָר האָבן פאַרבלאָנדזשעט אַהער, און מיט אַמאָל — מחנות גאַנצע זײַנען פון ערגעץ אָנגעקומען, אַלטע און יונגע, שוואַר־בײַכיקע און שמאָל־לענגלעכע, און צווישן זיי — גאַנצע פלאָדן ערשט געבוירענע...

דער ערב־פּסח האָט געוועקט פאַרשלאָפענעם מוט, חשק, מען זאָל פון די צוויי חדרים די בלאָטיקע הויט אראָפּוואַשן, פאַרען און בריען, און פראַווען אַ פּסח — ממש ווי עס פּאַסט נאָך אַ „יציאת־מצרים", און אפשר טאַקע פאַרטרײַבן אין דער טיף פון אייגענעם בלוט דעם טרויער און יתום־געפיל, פון וועלכן די זיבן קינדער, בתוכם דער טאַטע ישראל לוריא, זײַנען באַהערשט געוואָרן.

די שיינע, בלאָנדע, בלוי־אויגיקע און בנעימות־דיקע יוכבד, וואָס האָט אויפן שיף געהאָלפן קריינדלען באַוויינען די געשטאָרבענע מאַמע, זי האָט אויפגעזוכט די לוריאס, געקומען טרייסטן קריינדלען, און איר דער־ציילן פון די „גרויסע גליקן" אין נײַעם לאַנד.

— מיר בענקט זיך צוריק אַהיים — האָט זי מיט פאַרטרערטע אויגן דערציילט קריינדלען — אַז איך וועל פאַרדינען גענוג אויף אַ שיפסקאַרטע, וועל איך אפשר פאָרן אַהיים.

יוכבד איז געקומען צו אירע עלטערע שוועסטערקינדער, בחורים וואָס זײַנען פאַר אַ יאָר צײַט געוואָרן גאַנצע אַמעריקאַנער, און זיי האָבן זי פאַרנומען אין אַ העמדער שאַפּ וואו זיי האָבן געאַרבעט; האָבן יוכבדן געזעצט ביים אײַנבייען קנעפּלעך, מיט אַ דערוויילקן פאַרדינסט פון צוויי דאָלער אַ וואָך.

— איך ווייס ניט צי מיר איז גוט, צי מיר איז שלעכט; ס'איז מיר טרויעריק און איך בענק — האָט יוכבד דערציילט, און האָט פאַרקאַשערט דעם אַרבל פון דעם לינקן אָרעם — זעסט, קריינדל, די רויטע פינטלעך... דאָס האָבן מיר וואַנצן אַזוי צוגעסן. די רוסישע וואַנצן בייסן גאָרניט אַזוי טיף... דו האָסט זיך געריכט, אַז אין אַמעריקע לעבט מען אין אַזאַ ענגשאַפט?

אַז דער צוואַנציק יאָריקער אשר איז אַרײַנגעקומען, אַ נעם געטאָן יוכבדן אויף די הענט, זי שטאַרק אַ טרייסל געטאָן, און דערבײַ איר אָנגע־קושט אירע בײדע באַקן — האָט מיט אַמאָל פאַר איר אויך דער ערב פּסח אַ שיין געטאָן און ס'איז ליכטיקער געוואָרן פאַר די אויגן.

כחות אײַנגעשלאָפענע אונטערן לאַסט פון טרויער האָבן איצטער מיט ניי־לעבן אויפגעוואַכט ביי געוויסע קינדער פון דער משפּחה לוריא. אַז מען האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון פענצטער, געקוקט אין דער יידישער טומלדיקער וועלט אַריין, האָט עס צומאָל אויסגעזען, ווי אין אַ לאַגער געפינען זיך אַלע וואָס זײַנען פון גלות אַנטלאָפן.

תחילת האָבן נתן און דניאל, יעדערער אויף זײַן אופן אויפגעהויבן דעם קאָפּ. נתן, וואָס ביים אַרויספאָרן פון רוסלאַנד האָט ער געטראַכט פון די „עם עולמניקעס", געהאָפט, אַז אין נײַעם לאַנד וועט ער העלפן

בויען קאָמוניסטישע ישובים ביי דער ערד, האָט איצטער, גלייך ווי ער איז פון שבעה אויפגעשטאַנען דערפילט, אז איבערגעאייל־ט טאָר מען ניט זיין. האָט ער באַשלאָסן: „אַלץ אין דער וועלט, אַבי קיין פעדלער ניט זיין... ארבעטן — איז ארבעטן!"

אַ סך אַנדערש האָט געטראַכט דניאל: „שיפן גייען פונדאַנען אין אַלע עקן וועלט; אויב ארץ ישראל וועט אויסשטרעקן אַ האַנט, וועל איך ניט פאַרפעלן זי אָנצונעמען. דערווייל מוז מען אָנהייבן פאַרדינען; און קיין שום זאַך זאָל ניט זיין שווער; אפילו פעדלען — מאַכט מיר איצטער אויך ניט אויס"...

קריינדל האָט דערפילט אין זיך דעם כוח פון אחריות, אירע זעכצן יאָר האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ שורה און געוואָרט אויף אַ באַפעל. דערווייל איז פאַר די אויגן געווען איין ציל — באַשאַפן אַ שטיקל היים פאַר זיך און פאַר די אַלע מאַנצבילן, וואָס וועלן אַט באַלד זיך באַדאַרפן איינשפּאַנען יעדערער אין זיין יאָך.

קריינדל און יוכבד האָבן אַ וואָרים געטאָן די יינגערע בחורים; זיי האָבן פאַרקאָשערט די אַרבל און געמאַכט אַן אמתן פּאַגראָם אויף די וואַנצן און פּרייסן. מען האָט געקאָכט וואַסער אויפן קעראָסין־אייוועלע; דאָס ביסל אַלטע מעבל וואָס מען האָט אריינגעשלעפּט אין שטוב אריין, האָט מען אויך פאַר איין וועג מיט קאָכיק וואַסער געבריט.

אַז ישראל לוריא איז אריינגעקומען פון דרויסן און געזען, ווי די יינגערע דריי זין און די צוויי מיידלעך ראַמען און וואַשן — האָט זיין אייגענער מוט אַ לויכט געטאָן.

— גוט, קינדער, וואָס איר טוט עס; ווען עס איז באַשערט צו לעבן, דער וועט שוין מסתמא לעבן.

— מע וועט שוין איצטער לעבן — האָט קריינדל געזאָגט — גלייך אויס, טאַטע, די פּלייצע! גענוג געבויגענע פּלייצעס דאָ פאַראַן.

— יאָ, טאָכטער, איצטער וויל איך מיט דיר ניט ריידן פון גאָרניט. זאָל נאָר פסח אריבער; האָב איך אַ סך פּלענער...

ישראל לוריא האָט שוין געפּרואווט ארומשמעקן דעם דרויסן. ער האָט באַטראַכט די שכנישע פּאָר גאַסן; באַטראַכט וואָס עס טוען יידן אין פרייען לאַנד. ער האָט באַגעגנט לאַנדסלייט, פאַרכאַפּטע מיט דעם נייעם הו־האַ, מיט אַ בהלה; מיט אַ ניי ווערטל אַזעלכס, וואָס יידן האָבן שוין אויף די ליפּן געטראָגן: — „מאַכן אַ לעבן"... אגב, האָט ער געזוכט און געפונען וואו יידן דאַווענען, וואו זיי האָבן מנינים; האָט געפונען, אַז דאָרטן וואו מען שוויצט ביי דער אַרבעט, דאָרטן פראַוועט מען אויך מנינים... און טאַקע אין אַ שניידער־שאַפּ דערביי וועט מען פסח אויך דאַווענען.

זייער פאַרזיכטיק קומט לייבל חלפן אריין צו די לוריאס. אָבער ער קומט אריין. פאַרברענגט ווינציק מיט קריינדלען. ער רעדט כמעט ניט מיט איר. ווען ער קומט אריין, לאָזט זי אַראָפּ אירע פוליע, ברוינע אויגן. די בחורים קוקן אויף אים מיט פאַרדאַכט, זינגט זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז ביי אים אין שאַפּ מען זייער שווער — ממש ער צאַפּט דאָס בלוט ביי די אַרבעטער. אָבער אין דער אייגענער צייט פילן זיי, אַז צו אים וועט מען זיך ווענדן נאָך פסח, אפשר וועט ער אריינגעמען צו זיך

אין שאַפּ אַריין. לייבל חלפן האָט אונטערגעגעבן חשק, מען זאָל ביי די לוריאס פּראַווען אַ סדר ווי אין דער אַלטער היים.

איין מענטש געפינט זיך ניט קיין אָרט זינט מען איז אויפגעשטאַנען פון שבעה, און דאָס איז דער דריטער זון, הילל. ער ווערט פאַרפאַלן אויף עטלעכע שעה דרויסן, נישטערט אין די אַרומיקע גאַסן, און קומט אַרויף צוריק אַ נידערגעשלאָגענער און צעטומלטער.

— וואָס ראַמט איר? וואָס פאַרעט איר די וואַנצן און די פרייסן? איר וועט סיי ווי פון זיי ניט פּטור ווערן — דהאָט הילל אַ ברום געטאָן, ווען ער איז אַריין אין שטוב, און געפונען די מיידלעך און זכריהן אַזוי פאַרטאָן אין בריען די וואַנצן.

— וואָס וועט זיין, וועט זיין; דערווייל קען מען אין אַזאַ שטוב ניט לעבן. דו בעסער פאַרקאַשער די אַרבל און קום העלף אונדז... בעט אים, יוכבד, דיר וועט ער פאָלגן.

— דאָ איז ניט מיין היים; וועל נאָך פסח לויפן פונדאַנען אַוואו די אויגן וועלן מיר טראָגן.

— פאַרוואָס, הילל, — האָט אים יוכבד געפרעגט.

— אין אַזאַ ענגשאַפט וועלן יידן איינס דאָס אַנדערע אַנהייבן פרעסן... איך האָב געפונען אַ יונגען גוי פון אונדזער געגנט, מיט אים וועל איך זיך אַוועקלאָזן פונדאַנען!

— זיי ניט קיין משוגענער, הילל!

— איך בין, קריינדל, גאָרניט קיין משוגענער.

מיט די ווערטער איז הילל ווידער אַרויס דרויסן, אַוועק אַ צעטומלטער און געשפאַנט צווישן די אַלערליי פּעדלער.

דין, דין איז געהאַנגען צום ערשטן סדר די פרייד איבער די קעפּ ביי די לוריאס, און איבער די עטלעכע געסט, וואָס האָבן אין דער ענגשאַפט אַרום סדר־טיש צווישן די לוריאס פּלאַץ געפונען. אַזוי דורכזיכטיק האָט אויך דער שטילער טרויער באַצויגן די געזיכטער פון הויזגעזינד. די דירה האָט מען געמאַכט ריין — ממש עס האָט געפינקלט פון יעדן ווינקל. וויין און מצות האָבן די חלפנס אַריינגעבראַכט. אויסער לייבל חלפן — זיינען איצטער ביים סדר געזעסן: זיין יינגער ברודער, וועלוול חלפן, און אַ יינגערע שוועסטער מלכה; אַ בלאָנדע, אַ שלאַנקע, מיט גרינלעכע אויגן; אַ שמאָל־פּנימדיקע, ווי איר עלטערער ברודער.

עס האָט געקענט זיין אַ פאַרשטערטער סדר, מחמת הילל האָט זיך ביז גאָר שפּעט ניט באַוויזן; ער האָט קריינדלען שטיל איינגערוימט, אַז ער וועט גאָר צום סדר ניט קומען. שוין פאַרנאַכטצו איז ער אַריינגעקומען אַ טרויעריקער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אַ צייט איז ער געשטאַנען מיט דער פּלייצע צום פענצטער און באַטראַכט זיינע פאַרשטויבטע שיך.

קריינדל האָט געבעטן יוכבדן, זי זאָל אויף היללן „אַכטונג געבן", ער זאָל ווערן אַביסל לעבעדיקער. יוכבד האָט זיך פאַרשעמט; כאָטש איר האָט הנאה געטאָן, וואָס קריינדל טרויט איר אָן אַזאַ מלאכה. אגב, האָט זי שוין היינט אַשר עטלעכע מאָל אויפגעהויבן און איר אַריינגערעדט אין אויער אַריין ווערטער אַזעלכע, וואָס האָבן ביי איר דאָס האַרץ אויפגעוועקט.

קריינדל האָט געפּרואווט ווירקן אויף דהיללן:

— איך בעט דיך, היל, פֿאַרשטער ניט דעם יום־טוב; מע האָט זיך אַזויפֿיל אָנגעהאָרעוועט. בעט איך דיך, הילל, ווייז ארויס אַ פֿריילעך פּנים...

קריינדל האָט אין דער מאַמעס לייכטער געבענטשט ליכט, פּונקט ווי די מאַמע האָט עס געטאָן; זי האָט לאַנג ניט געקענט אַראָפּנעמען די הענט פֿון די אויגן, מחמת די אויגן זיינען פֿאַרלאָפֿן געווען מיט טרערן. מען האָט דריי קראַסין וואַנט־לאָמפּען, מיט זילבערנע גלעזלעך, אָנגעצונדן אויף די ווענט. אַ פּוס־לעמפּל האָט העל באַלויכטן דעם סדר־טיש. דרויסן איז אַנטשוויגן געוואָרן דער פּעדלער־געפּילדער, און פֿון די אָפֿענע פֿענצטער, דורכן וואַרימען אָוונט, האָבן געצויגן די טענער פֿון קידוש און פֿון הגדה־זאָגער. ביי די לוריאס האָט זכריה געפֿרעגט די פֿיר קשיות, און ביי דער לעצטער קשיה ווען ער האָט באַמערקט ווי קריינדלווישט די טרערן, האָט ער זיך דערמאָנט, ווי פֿאַראיאָרן איז אַנטקעגן אים די מאַמע געזעסן, און עס האָט אים אַ וועריג געטאָן אין קעל.

ישראל לוריא האָט זיך אַ וויג געטאָן ביי זכריהס לעצטע ווערטער; מיט אַ הייזעריקלעכער שטים האָט ער אָנגעהויבן דעם „עבדים היינו לפרעה במצרים"... און נאָך אים האָבן מיט באַנומענע קולות די קינדער אָנגעהויבן איינס דאָס אַנדערע איבערשרייען. קריינדל און יוכבד זיינען ביידע געזעסן ענג געאָרעמט; האָבן געהערט ווי עס גייט איבער די וואַרימקייט פֿון איינערס גוף צו דער אַנדערער. ביידע האָבן געשפּירט, ווי בחורימשע מחשבות פֿאַרלאָזן די הגדה און זוכן אַ באַשייד פֿאַר דער נאָגנדיקער בענקשאַפֿט ביי די צוויי מיידלעך. מלכה חלפֿן, אָדער מילדרעד, ווי אירע ברידער האָבן זי גערופֿן, זי איז געזעסן צווישן נתנען און דניאלן. איר פּנים האָט געביטן די קאָלירן; אירע אויגן זיינען געווען פֿאַרטראַגן.

שטילער פֿון אַלעמענס שטימען איז געווען היללס שטים. ער האָט די הגדה געמישט און איבערגעמישט; עס האָט אויסגעוויזן, ווי גאָרניט אין דעם נייעם לאַנד געפֿינט ער זיך איצטער. נתן האָט פֿון צייט צו צייט צו אים אריבערגעקוקט. ער האָט געקענט זיין ברודערס טבע נאָך פֿון־דערהיים; זייער אָפֿט איז הילל אריינגעפֿאַלן אין אַ מין מרה שחורה; אָבער נתן האָט גערעכנט, אַז דאָס נייע לאַנד וועט היללן איבעראַנדערשן. צום סוף ווייזט זיך ארויס פֿאַרקערט; הילל וויל זיך ניט אונטערגעבן.

מען האָט געטרונקען די ערשטע כוסות. דער ווייַן האָט דעם עולם אַביסל צעגומען. אַלע מענער האָבן געוואַשן די הענט גאָר אויף אַ מלכותדיקן אופֿן. מען האָט געוואַשן די הענט אין אַ שיסל אריין וואָס קריינדל האָט אונטערגעטראָגן; יוכבד האָט דערלאַנגט וואַסער, און מלכה האָט אונטערגעטראָגן יעדן דעם האַנטעך און בשעת מעשה געשמייכלט צו די לוריא־בחורים, און קריינדל האָט מיט אַ געפֿיל פֿון דאַנקבאַרקייט געקוקט צו די חלפֿנס.

לייבל חלפֿן האָט געוואָרט אויף אַ געלעגנהייט אַרויסצוזאָגן אַביסל „פּראַקטישע און קלוגע געדאַנקען"... צו דער לוריא משפּחה ווערט ער וואָס אַ טאָג ווייטער צוגעבונדן מיט פֿאַרבאָרגענע שטריק. ער קען זיך אַליין קיין חשבון ניט אָפּגעבן, וואָס עס ציט אים צו די־אַ ניי אָנגעקומענע מענטשן.

נאָך דעם ווי מען האָט טועם געווען פון די געשמאַקע פיש, האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צו ישראל לוריאן אַנטקעגן, און געזאָגט:

— היינטיקן פסח האָט די הגדה דעם אמתן טעם. פרעה און רוסלאַנד, אינגנאַיעוו ימח שמו, האָט שוין מער אויף אונדז קיין שליטה ניט. הא, וואָס זאָגט איר?

ישראל לוריא האָט אויף דעם גאָרניט געענטפערט. ישראל לוריא האָט מיט אַ פּאָר טעג צוריק פּאַרקוקט אין עטלעכע שוויץ־שעפער; ער האָט אויך פּאַרקוקט צו די חלפנס אין שאַפּ אַריין. ער האָט געזען די איינגעבויגענע יידן, אַלט און יונג — איבער די ניי־מאַשינען; ער האָט געזען די, וואָס האָבן זיך אָפּגעגאָסן מיט שווייס אין פאַרדומפּענע, פינצטערע לעכער ביים פּרעסן מיט אַ שווערן פּרעס אין פאַרטשאַדעטן, פינצטערן אַרבעט־צימער. ווען ניט דער פּסח וואָס איז אָנגעקומען גלייך אויף די טריט פון די טרויעריקע שבעה־טעג — מעגלעך, ישראל וואָלט איצטער אויך עפּעס געהאָט צו זאָגן.

ישראל לוריא האָט אוועקגעלייגט די לעפל, אויסגעגלעט די שוואַרצע באָרד, און געזאָגט מיט אַ סך ווייכקייט אין זיין שטים:

— אוודאי פאַרהאַף איך צו גאָט, אַז מירן דאָ ניט פאַרפאַלן ווערן. אויב מען וויל די כחות דאָ אוועקגעבן פאַרן ביסל חיונה, פעלט דאָ ניט וואו די כחות אָוועקצוגעבן.

— פאַרוואָס עפּעס אוועקגעבן די כחות? — האָט לייבל חלפן אַביסל דרייסטער געפרעגט — איך טענה מיר מיינס: יידן זיינען אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים, דאַטס אָל! אין רוסלאַנד איז ניט געווען אפילו פּאָר וואָס און פאַר ווען די כוחות אוועקצוגעבן... אין פאַרשאָלטענעם רוסלאַנד האָבן אונדזערע שונאים נאָר געזוכט דאָס יידישע לעבן אומצו־ברענגען. דאָרטן וועט מען אַלע יידן אויסקוילענען!

— רעד ניט אזוי — האָט מלכה אים איבערגעשלאָגן — יידן וועלן זיך נאָך דאָרפן שטעלן אַנטקעגן.

— הלוואי וואָלט מען עס געטאָן, און ניט צעלאָפן זיך ווי מייז — האָט הילל געזאָגט — אויב דאָרטן איז ניט אונדזער לאַנד, איז דאָ אויך ניט אונדזער לאַנד; איז דאָ אין די גאַסן ניט מער ווי אַ לאַגער פון פאַר־וואָגלטע!

— איר אליין ווייסט נאָך גאָרניט וואו איר זייט — האָט לייבל חלפן גערעדט מיט היץ — איר אליין ווייסט נאָך דערווייל ניט וואָס מיט אייך וועט זיין איבעראַיאָר. איר קענט איבעראַיאָר זיין אין אַ בעסערן מצב ווי איך בין איצטער.

הילל האָט זיך פּלוצלונג אויפגעהויבן, אַרויס פון הינטערן טיש, און גענומען שטעלן טריט צום אַרויסגאַנג.

— וואוהין, הילל?! — האָט קריינדל אַ צעשראָקענע צו אים אַריבער־געשריגן.

נתן איז אויפגעשטאַנען, פאַרשטעלט היללן דעם וועג.

— נעם זיך אין די הענט אַריין, הילל, ס׳איז יום־טוב ביי אונדז, ס׳איז איצטער יום־טוב אין אַלע גאַסן אַרום; קום, זעץ זיך אַנידער...

גאָר אומגעריכט האָט זיך קריינדל אויפגעהויבן פון אָרט, פאַרדעקט איר מויל, כדי צו פאַרשטיקן דאָס געוויין, וואָס האָט אָנגעצונדן אַ פייער אין איר גאַנצן לייב. זי האָט געוואָלט ארייננאיילן אין צווייטן, פינצטערן צימער, נאָר דער מאַמעס געשטאַלט איז אַ מאָל איר געקומען פון דאָרטן אנטקעגן. זי האָט זיך שאַרף אַ נויג געטאָן אויף צוריק, געפאַלן מיטן קאָפּ אויף יוכבדס האַלדז, און האָט זיך צעוויינט אויפן הויכן קול.

ישראל האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש, איז אריבערגעגאַנגען צו קריינד־לען, געגלעט איר קאָפּ און זי איינגענומען.

— ניטע, קינד מיינס... ס׳איז יום־טוב, מיין קינד... ס׳איז פסח, מיין קינד; יציאת מצרים... יידן זיינען דאָך אַ מאָל אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים; און מיר זיינען אויך אויסגעלייזט געוואָרן. יאָ, מיין קינד, מיר זיינען אויך אויסגעלייזט געוואָרן... גיס אָן די כוסות, וועט מען בענטשן.

קריינדל האָט געפאָלגט דעם טאַטן, האָט זיך אומגעקערט צוריק צום טיש, און מיט אַ פאַרפייניקטן שמייכל אריבערגעקוקט צו אַלעמען. פון דרויסן האָט זיך געטראָגן דאָס פריילעכע „חד־גדיא״־געזאַנג באַגלייט מיט אַ געפּלעסק פון הענט.

מלכה חלפן איז, צו אַלעמענס צופרידנקייט, אויפגעשטאַנען פון אָרט און אָנגעהויבן צו דערגיסן די האַלב־אָפּגעטרונקענע כוסות.

נתן האָט מיט אַ אינווייניקסטער קלעמעניש נאָכגעקוקט די באַוועגונגען פון אירע הענט.

קאַפּיטל צוויי

דניאל איז געזעסן אויפֿן דיל און צונויפֿגעשלאָגן פֿון דינע ברעטלעך אַ פֿעדלער־קעסטל, וואָס מען זאָל עס קענען מיט אַ פֿאַסיק אַריבערהענגען איבערן האַלדז, כדי עס זאָל אַראָפּהענגען פֿונפֿאָרנט מיט אויסגעסדרטע סחורות. ער איז שוין געווען ביי אַ „סופּלאַי־קרעמער" אויף אָרטשאַרד סטריט, און אָפּגעקליבן קעמעלעך, שפּיגעלעך, שערעלעך און מעסערלעך, שמעקעדיקע שטיקלעך זייף, נאָדל־פֿאָדים און קנעפּלעך — סחורה, וואָס זאָל אים „אַרויספֿירן צו לייטן".

געווען אַרום האַלבן טאָג, מוצאי־פּסח. אַנטקעגן דניאלן זיינען געזעסן ישׂראל לוריא, נתן און הילל; האָבן נאָכגעקוקט דניאלס הענט וואָס האָבן געמייסטרעוועט אַרום די ברעטלעך, און האָבן אים אין האַרצן מקנא געווען וואָס ער האָט זיך שוין „צו עפּעס גענומען". מחמת די ביטערע וואָר איז גלייך נאָך פּסח צו די לוריאס אַנטקעגן געקומען, און דערמאָנט, אַז דער וועג אויף צוריק איז דערווייל אָפּגעשניטן; אַז דאָ, אין דער פֿאַרמיסטיקטער און פֿול מיט געפּידלער יידישער וועלט, אין דעם „משוגעים־הויז", ווי הילל האָט די יידישע געגנט אָנגערופֿן — באַדאַרפֿן זיי זיך איינוואָרצלען און האָפֿן אויף אַ בעסערער צייט.

דער וועג אויף צוריק איז געווען אָפּגעשניטן ניט נאָר פֿאַר די לוריאס. כאָטש אַ גרויסער טייל פֿון די יידישע וואָגלער האָבן טיף אין האַרצן געוואַרימט די האָפֿענונג — ווען־עס־איז ווידער זיך לאָזן אַהין פֿונוואַנען מען האָט מיט קללות און טרערן די וואָרצלען אַרויסגעריסן.

— אפֿילו אַ שטיין, אַז ער ליגט אויף אַן אָרט, ווערט ער אַרומגעוואַקסן, אַ פּשיטא שוין אַ מענטש. און דאָ איז מען ווי אויסגעגראָבענע שטיינער אַרויסגעשליידערט געוואָרן צום דרויסן.

דאָס האָט ישׂראל לוריא געטראַכט און האָט עס מורא געהאַט פֿאַרן מויל אַרויסצוברענגען. דניאל איז געווען כמעט דער איינציקער וואָס האָט זיך גלייך אונטערגעגעבן. חול־המועד־פּסח ווען ער איז געבליבן אַליין אין שטוב האָט ער אַרויסבאַקומען פֿון פֿינצטערן צימער זיינע רוסישע און העברעאישע ביכער, האָט זיי געבלעטערט, ווי צום לעצטן מאָל זיך געזעגנט מיט זיי. ער האָט אַ טרער אויסגעווישט בשעת ער האָט די ספֿרים פֿאַר־זיכטיק אויסגעלייגט אויף אַן איבערגעקערט קעסטל אויפֿן דיל.

נתן האָט אויך אַרויסגענומען פֿון אונטערן בעט זיינע רוסישע ביכער, וואָס ער האָט אינדערהייט געשטודירט מיט דער דעה ווען־עס־איז זיך דער־שלאָגן צום „זשיטאָמירער יידישן לערער־אינסטיטוט." ווי מיט אַ נעפּל זיינען אים איצטער די אותיות פֿאַרצויגן געוואָרן. דער תּכלית, וואָס האָט

צו אים אין דעם לאַנד פון פּאַגראָמען אַרויסגעקוקט פון דידאַזיקע ביכלעך — איז איצטער פון זיין דמיון פאַרשוואונדן געוואָרן אין די ווייטע נעפּלען. ער האָט אויך די ביכלעך צוריק פאַררוקט אונטערן אייזערנעם בעטל, און האָט זיינע הענט באַטראַכט... „הענט באַדאַרף מען דאָ האָבן אין לאַנד" — האָט נתן בשעת מעשה צו זיך געזאָגט — „אפילו דער קאָפּ איז אויך דאָ דערוויל אין לאַנד איבעריק"...

און איצטער, בשעת ער האָט נאָכגעקוקט ווי דניאל מיינסטרעוועט, און ווי א קינד איז ער פאַרטאָן אין די ברעטלעך וואָס ער האָט פון א צע־בראָכן קעסטל באַקומען, האָט ער אויך קיין ווערטער ניט. נתן, ווי דהילל, האָט געשפּירט די וועלט אַרום דעם יידישן קוואַרטל; א וועלט וואָס איז פרעמד, און וואָרנט: „גיי פון דיינע גרעניצן ניט אַרויס."

— ווען איך האָב אַ צונג, קען מיר צוניפרעדן אויף ענגליש, איך וואָלט די גאַנצע וועלט איינגענומען!

דניאל האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צו נתנען, געפאַרשט וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינע ווערטער האָבן געמאַכט, און האָט באַמערקט אַן איראָנישן שמייכל אויף נתנס פּנים.

— וואָס, דו גלויבסט ניט וואָס איך זאָג, נתן? — האָט דניאל זיך אויסגעגלייכט, זיצנדיק אויפן ד״ל — הלוואַי וואָלטן מיר זיך איינדערהיים געלערנט ענגליש, כאָטש אויס׳ערגען די נויטיקע ווערטער, כדי ניט באַ־גראָבן צו ווערן אין דעם־אַ משוגעים־הויז אַרום. עד, עד, ווען איך וואָלט געהאַט שכל פריער... דערוויל, נתן, מיט א שטומער צונג, פאַרמאָגסטו דערוויל ניט מער ווי הענט צו פאַרדינגען, און איך — פיס, אומצוקריכן אין די גאַסן, קלאַפּן אין די טירן און באַווייזן מיין סחורה.

— וואָס קומט אַרויס די פעולה פון רעדן? הענט, און פיס, און שטומע צינגער. מיט דער צייט, דניאל, — האָט נתן אויסגעשטרעקט זיינע הענט צו דניאלן — מיט דער צייט וועט פון אַהינטער די הענט אַרויסקוקן א מענטש, א שטאַרקער מענטש. איך וועל נאָך היינט אפשר צוגיין צום הכנסת־אורחים, דאָרטן אין קעלער נעבן קעסטל־גאַרדן; א סך האָבן דאָרטן דורך די בעלי־טובות געקראָגן אַרבעט.

דערביי האָט זיך נרתן פאַרנומען אַרויסצוגיין.

— וואַרט, מיין זון, איך גיי אויך מיט דיר.

אַביסל געבויגן, זיינען ישראל לוריא און נתן אַרויסגעגאַנגען פון שטוב.

— וואָס וועט זיין מיט אים? — האָט הילל געפרעגט נאָכדעם ווי ישראל לוריא און נתן זיינען אַרויסגעגאַנגען.

— מיינסט דעם טאַטן? — האָט דניאל געפרעגט, און איז אויפגעשטאַנען פון דיל.

— איך ווייס שוין אליין ניט וועמען איך מיין.

—אַפּריער וועלן אַלע גיין אַרבעטן; אַלע, הילל! וואָס איינער וועט אריינברענגען אין שטוב אריין, וועט זיין ווי געפונען. אפילו דו, הילל... שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ דיינע איינרעדעניש; גיי אוועק אין אַ שאַפּ אַרבעטן. די, וואָס האָבן תיכף אָנגעהויבן צו פאַרדינען, האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן אַן רוסלאַנד.

הילל האָט אויף דעם ניט געענטפערט. ער האָט אויפגעהויבן פון דער ערד דניאלס סטענדערל, האָט עס באַטראַכט, און דערנאָכדעם געפּרואווט אָנהענגען אויף זיך.

דניאל האָט באַמערקט א ביטערן שמייכל ארום הילל׳ס מויל.

— וואָס, הילל, כ׳האָב עס שלעכט געמאַכט?

— פאַרקערט, האָסט עס געמאַכט ווי אַ סאַמאָראָדנער בעל־מלאכה.

— וואָס איז אַ פּעדלער, הילל? וואָס איז דער חילוק פון א קרעמער ביז אַ פּעדלער? טאָקע ניט מער וואָס א קרעמער האָט זיין קראָם שטיין אויף דער ערד; קונים קומען צו אים אין קראָם אריין. א פּעדלער טראָגט דאָס ביסעלע סחורה אויפן סטענדערל, אָדער אין א פּלאַטשיקן קאַשיק, און אנשטאָט וואָס די קונים זאָלן צו אים אין קראָם אריין — קומט ער מיט זיין קראָם צו די קונים און קלאַפּט אין די טירן. עך, עך, ווען איך זאָל האָבן אַ צונג, הילל!

אויף דעם האָט דער הילל ניט געענטפערט, אים האָט שטאַרק געחידושט דניאלס פּראַקטישער קוק אויפן לעבן. אָט, האָט ער שוין אַ קרעמל צו־נויפגעשלאָגן פון דינע ברעטלעך — נאָר דאָס ביסעלע סחורה אויפן סטענדערל אויסלייגן; דאָס בערדעלע האָט ער גידעריק ביז צו דער הויט אָפּגעשאָרן, כדי אויסצוזען לייטישער... „הלוואי זאָל אים וואויל אוועקגיין״ — האָט הילל א טראַכט געטאָן — דערוויל איז מען אינאיינעם, זאָל כאָטש איינער אָנהייבן צו פאַרדינען.

— ווייסט שוין אין וואָס פאַר אַ גאַס צו גיין מיט דיין קרעמל, מע זאָל דיר ניט אָנברעכן אָפּטמאָל די ביינער?

— זאָל מען; וועל אַ קלאַפּ אויך צונעמען; ביז איך וועל זיך אויסלערנען אָפּצוגעבן צוריק, ווי דאָס טוען די, וואָס זיינען מיט אַ יאָר פריער פאַר אונדז געקומען. די צרה מיט דיר, הילל, וואָס פאַר די דריי וואָכן, זינט מיר האָבן דאָ די פּעקלעך אָפּגעוואָרפן, ביסטו נאָך ווייטער פון לודלאָוו און העסטער סטריט ניט אוועקגעגאַנגען... נעכאַי וואָלסטו אראָפּגעגאַנגען אין „קעסטל־גאַרדן״, דאָרטן עפּעס אַ זוך טאָן...

— פאַר מיר, דניאל, איז קיין נפקא מינה ניט צי לודלאָו סטריט, צי העסטער סטריט; צי אפילו אָרטשאַרד סטריט, וואו עס לעבן שוין אויפ־געקומענע פּעדלער, די, וואָס גיבן שוין ארויס סחורה צו אזעלכע דניאלס און שינדן פון זיי די הויט.

— איך קוק יאָ אריין צו זיי; פאַראיאָרן זיינען זיי געווען פּעדלער, און איצטער.

— ביסט זיי מקנא!

— איך בין קיינעם ניט מקנא; אויב איבעראיאָר וועל איך עפענען אַ קראָם און ארויסגעבן צו פּעדלער מיין סחורה, וועט קיינעם דערפון דער קאָפּ ניט וויי טאָן.

— שלמה האָט חשק אַוועקצוגיין אַרבעטן ביי ציגאַרן; „סטריפּערס״ רופט מען די, וואָס שלעפּן ארויס די אָדערן פון די טאַבאַק־בלעטער. וואָס קוקסטו מיך אזוי אָן, הילל? איך רעד ניט פון היץ. מ׳איז אהער געקומען אָן אַ צונג און אָן געלט, וועט עס האָט הענט — זאָל פאַרדינגען די הענט. איך האָב פּיס — וועל איך זיי פאַרדינגען, כאַ־כאַ־כאַ.

זייער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן צוליב א מחלוקת דרויסן. דורכן אָפענעם פענצטער האָבן זיך דערטראָגן קולות, א קריגעריי צווישן אַ מאַן און א פרוי. ביטערע קללות פוןביידע זייטן האָבן ווי פון א קוואַל אַ שלאָג געטאָן און זיך דערשלאָגן צו די לוריאס אָפענע פענצטער.

— די פיס האָסטו זיך געקענט צעברעכן איידער דו ביזט אריבער דעם גרענעץ, גנב דו, — האָט א פרויען שטים געפילדערט — אמעריקע האָט געגוג שלעק אָן דיר, א בייזער יאָר אויף דיין קאָפּ, גנב איינער!

— פראַנצן זאָלן זיך דיר אויסזעצן ארום דיין פּיסקעלע, צדיקת מיט ווענצעלעך, א כאָלערע אין דיינע ביינער — האָט א מענערשע האלדז־שטים אָפּגעענטפערט.

— פּרואוו זיך נאָר אויף אָט אזויפיל זיך צורוקן צו מיר נענטער מיט דיינע שמאָכטעס, וועט דיך די ניכפּה כאַפּן דאָ אויף אַן אָרט — האָט די פרויען־שטים שטעכיק מיט א געזונגעלע ארויסגעקוויטשעט.

— שטינקען זאָל אזוי פון דיר, ווי סע שטינקט פון דיין קויש געפּגרטע פּיש, אַז די דער זאָל דיך שרפּענען, מאַרק־זיצערקע, פּאַסקודנע איינע...

באַלד איז געוואָרן אַ געטומל, א געקוויטשעריי — אַ געשלעג האָט דרויסן אויסגעבראָכן, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט א פרויען געיאָמער און קללות אויף זיך אליין:

— אַז איינזינקען האָט געדאַרפט אמעריקע איידער איך האָב מיך אַהער דערשלעפּט — האָט די פרויען־שטים געיאָמערט — הלוואַי וואָלטן מיך די רשעים געשאָסן אויפן גרענעץ, וואָלט איך פאַרשפּאָרט צו ווערן אויסגעריסן מיט מיינע יתומים... הלוואי וואָלט איך אויפן שיף איינגענומען אַ מיתה משונה, מיין געביין זאָל אין פינצטערן ים איינגעזונקען ווערן, וואָלט איך פאַרשפּאָרט דאָ שטיין טאָג־איין, טאָג־אויס אויף דעם וויסטן יאַריד. הלוואי וואָלטן מיך נאָך דאָרטן די גויים מיט א שטיק אייזן דעם קאָפּ צעפּלעט, איך זאָל ניט באַדאַרפן אָנקומען צו מיין פינצטערער דאָליע אין אמעריקע. אַז א מפּלה זאָל קומען אויף דער גאַנצער אמעריקע, רבונו של עולם!

נאָך דעם איז שטיל געוואָרן; דער דרויסן האָט זיך צום געיאָמער צוגעהערט.

פון פינצטערן צימער איז אריינגעקומען קריינדל און ארויסגעבראכט מיט זיך אַ פּאַק אומריינע וועש.

— וואָס טוט זיך עס דרויסן? — האָט זי געפרעגט די צוויי ברידער, וואָס זיינען געשטאַנען מיט די קעפּ אין אָפענעם פענצטער.

ביידע מענער זיינען ארויס דרויסן גאָרניט זאָגנדיק.

און קריינדל...

באַלד דריי וואָכן זינט די לוריאס זיינען געקומען קיין ניו־יאָרק און האָבן זיך באַזעצט אויף לודלאָו סטריט; אויב די מאַנצבילן האָבן געטאַפּט אין דער פינצטערניש, האָבן זיך כמעט פאַרלאָרן אין יידישן געזעמל — מיט אַן אויסנאָם אפשר פון דניאלן — און האָבן דערווייל מורא געהאט איינצושפּאַנען די הענט אין די אלערליי אומבאַקאַנטע מלאכות, וואָס זיינען נאָך מיט א פּאָר חדשים צוריק אזוי פרעמד געוועזן — האָט דווקא קריינדל, די ניט־דערפאַרענע און געצערטלטע בית־יחידה, דערשפּירט, ווי עס קוועלט אין איר א ניי־געבוירענער כח. די פרוי האָט אָנגעהויבן אויפצוואַכן

אין אַ פּאַסיקער צייט. ווען מענער ווערן צו דער ערד געבויגן אונטער די אומגעריכטע לאַסטן, וואָס דאָס נייע לאַנד האָט אויף די אומבאהאָלפענע פּלייצעס אָנגעלייגט — איז זי, די פרוי, באַמערקט געוואָרן. פאַראַנען אויגן וואָס קוקן זי נאָך; פאַראַן אַ מענטש וואָס באָט איר אָן הילף. דורך איר באָט מען אפילו הילף צום נידערגעשלאָגענעם ישראל לוריא.

דער מענטש איז לייבל חלפן. ניט אליין האָט ער עס געטאָן; נאָכן ערשטן סדר ביי די לוריאס האָט זיין שוועסטער מלכה געגעבן קריינדלען צו פאַרשטיין, אַז איר וועט דאָ אין אמעריקע זיין גוט, באשר... קריינדל האָט פאַרשטאַנען, און זיך געמאַכט ניט פאַרשטיין בשעת מלכה דהאָט עס איר געזאָגט.

— האַלט זיך ניט ווייט פון מיין ברודער — האָט איר מלכה געזאָגט.

בכלל שוויגט קריינדל אַ סך. דאָס אייגענע איז מיט איר צווילינג־ברודער — זכריהן. ווען די עלטערע ברידער רעדן, זאָרגן איינאיינעם, רעדן אַרום די פרעמדע, כאָטש יידישע וועלט, וואוהין זיי זיינען אריינגעפאַלן — באַמערקט מען ניט, אַז קריינדל און זכריה זאָלן זיך אין די שמועסן באטייליקן. זינט מען איז אָנגעקומען און זיך באַזעצט אויף לודלאָו סטריט, פאַרנעמט זיך קריינדל מיט דער באַלעבאטישקייט: קאָכט, וואַשט, און זעט, די מאַנצבילן זאָלן האָבן אין צייט זייער מאָלצייט. אָבער דאָס ווירקט ניט צום שלעכטן אויף איר אויסזען. מען באַמערקט אין איר אַ דערוואַקסנקייט. זי איז שענער געוואָרן. אירע טיף־ברוינע אויגן — ברייטער, אָפן.

מלכה חלפן האָט אויך דערציילט קריינדלען, ווי ווייט אין אמעריקע איז אַ מיידל אליין די באַלעבאָסטע איבער זיך. „מיידלעך גייען אוועק אַרבעטן און פרעגן ניט ביי קיינעם מיט וואָס פאַר אַ בחור מען מעג יאָ ארויסגיין שפּאַצירן, און פון ווען אַ מיידל זאָל זיך האַלטן פונדער־ווייטנס"...

נאָכן צווייטן סדר האָט זי לייבל חלפן אַרויסגענומען שפּאַצירן אויף גרענד סטריט, בסך הכל אַ פּאָר טריט פון העסטער סטריט; זי האָט געזען די יום־טובדיקע יידישע וועלט, וואָס איז ארויסגעקומען אַהין שפּאַצירן. זי האָט באַטראַכט די בלאַסע, אָפּגעצערטע שאָפּ־מיידלעך, וואָס דהאָבן אליין, אָדער מיט בחורים אומגעשפּאצירט. „זיי אַרבעטן, גיבן זייערע כחות אוועק צו אַזעלכע חלפנס, וואָס גייט איצטער נעבן מיר".

א געדאַנק איז איר יעמאָלט דורכגעלאָפן: „ווען ער נעמט מיך אריין אַרבעטן צו אים אין שאַפּ אריין, וואָלט איך אים איבעררעדן, ער זאָל בעסער באַהאַנדלען זיינע ארבעטער". קריינדל האָט יעמאָלט ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס לייבל חלפן האָט אַ לאַך געטאָן, ווען זי דהאָט אים געפרעגט, צי ער וועט זי אריינגעמען צו אים אין שאַפּ אריין אַרבעטן.

איצטער האָט זיך קריינדל געקליבן ארויסגיין הינטער דער טיר וואו די טשעהובענע וואַש־קאָרעטע איז געשטאַנען פאַר די איינוואוינער פון גאַנצן שטאָק. זי האָט צונויפגענומען אַ פּאַק בלאָטיקע וועש וואָס די מאנצבילן האָבן פון זיך נאָך פּסח אַראָפּגעוואָרפן, און איז געבליבן אַ ווײַלע זיצן נעבן פענצטער פאַרקלערט אין זיך. בליץ־שנעל זיינען די מחשבות געלאָפן פון לודלאָו סטריט — צום וואָלינער שטעטל; און פון היימישן

שטעטל, וואו יעדן איינעם האָט זי געקענט און יעדער איינער האָט געקענט לוריאס בת יחידה צו דער געדיכטעניש פון יידיש לעבן, וואָס איז אזוי שרייעדיק, אַזוי נאָענט און אייגן, און פּאַרט אזוי פרעמד. פון א שטעטל מיט א קיילעכדיקן מאַרק, ארום יידישע קראָמען, וואו בתוכם איז געווען לוריאס אייזנקרעמעל; און וואו אויפן קיילעכדיקן מאַרק זיינען זיך איינמאָל א וואָך, מאָנטיק, פויערים צענויפגעפּאָרן פארקויפן זייערע תבואות, עופות און בהמות, און איינקויפן אין יידישע קראָמען — איז זי דאָ ארייגעפאַלן אין אַ גרויסן מאַרק אריין, וואו נאָר יידן און יידן זיינען די קויפער און יידן — די פאַרקויפער... „א יידישער מאַרק — ווי נתן רופט עס אָן; אָדער „משוגעים־הויז" — ווי הילל רופט עס אָן.

קריינדל זעט דאָס בילד, ווי אלע מאָנצבילן פון שטוב, בתוכם דער טאַטע, זיינען סוף כל סוף אוועק אין די שוויץ־שעפער. האָבן זיך איינגעקויפט ביי־מאַשינען, געפונען „באָסעס" ביי וועמען אין די שעפער אָנידער־שטעלן די מאַשינען, און נייען און נייען... אַזוי געבויגענע איבער די מאַשינען ווערן זיי איינגעטריקנט אויף שטענדיק. זי זעט איר טאַטן אָן איינגעבויגענעם איבער אַ מאַשין; ער, דער ייד, וואָס איז אינדערהיים געזעסן גאַנצענע טעג אין בית המדרש און דאָט געלערנט, באשר עס איז געווען ווער עס זאָל אין אייזנקראָם אַכטונג געבן — דאָ וועט ער אפשר ווערן אַ פּרעסער, וועט זיך אָפּגיסן מיט שוויס און פּרעסן און פּרעסן — ווי זי האָט עס געזען אין שאַפּ וואו יוכבד אַרבעט.

קריינדל שטעלט זיך אַנטקעגן פאַרנעפּלטן שפּיגל, וואָס איבער א ברוין, געבויגן קאָמאָדל. אין דעם אַלטן שפּיגל זעט זי אויס ווי אונטער א נעפּל; אַ רגע ווערט דאָס געשטאַלט אין שפּיגל פאַר קריינדלען א רעטעניש. און בשעת מעשה שטעלט זיך אָפּ איר געדאַנק אויף איר צווילינג־ברודער און אויף דעם מענטשן, וואָס הייסט לייבל חלפן. „אפשר גאָר בעטן חלפנען, ער זאָל זכריהן צונעמען צו זיך אין העמדער־שאַפּ."

און ווען זי קלערט פון זכריהן, הייבן טרערן אָן צו קוועלן פון די אויגן ביי דער קריינדל, וואָס קוקט צו איר אַפיר פון דעם פאַרנעפּלטן, אַלטן שפּיגל.

— זכריהן, וועל איך צו חלפנען אין שאַפּ אַריין. זאָל זכריה מאַכן דעם אָנהייב ביי חלפנען.

דידאָזיקע מחשבה פאַרשטעלט דעם וועג פאַר די טרערן; פייערלעך צינדן אָן אירע אויגן. די פרוי דערוואַכט אין איר. אויך א מאַמע־געפיל וואַכט אויף אין איר; א מאַמע, וואָס פירט ביים האַנט אירע שוואַכערע קינדער...

* * *

אוי, מיין האַרץ זי ווערט דאָך מיר צעריסן,
אַז כ'טו באַטראַכטן מיין בייע היים.
אין האָלדז, אוי, ווערגט מיר יעדער ביסן,
כאַטש דאָלערס טו איך דאָ פאַרדינען סיים.
כאַטש דאָלערס טו איך דאָ פאַרדינען סיים.

אוי, קעסטל־גאַרדן איז ביים ים דעם סיינעם
און מענצן זיינען אויכעט אַלע גלייך;
נאָר מיין וויטיק, אוי, ווינץ איך גאַרניסט קיינעם,
אַז איך טראַכט פון ניעמאַן, דעם סיינעם טייך.
אַז איך טראַכט פון ניעמאַן, דעם סיינעם טייך...

דאָס לידל האָט פאַרצויגן ריווטשע די ליטווטשקע, אַ רויטהאָריקע מיט זומער־שפּרענקלעך אויפן שמאָלן פּנים, אַ מיידל פון אַ יאָר ניינצן, וואָס איז געזעסן אויפן דיל ביי לייבל חלפן אין שאַפּ, און איינגעבייט קנעפּלעך אין וויס־און־בלוי געקעסטלטע העמדער. דאָס לידל האָט געצויגן איבערן פאַרדומפּענעם שאַפּ — ווי אַ טרויעריקער פּאַס ליכט וואָס רייסט זיך אַרויס נאָך אַ פאַרנאַכטיקן רעגן־שטורעם.

דער שטורעם האָט אויסגעבראָכן נאָך דעם ווי דער יינגערער חלפן האָט געהייסן די „אַרבעטער" זיינע, וואָס זיינען באַשטאַנען פון יידן אין די פופציקער ביז צען יעריקע קינדער, זיי זאָלן אַראָפּגיין אונטן אין גאַס און אַרויפטראָגן פון עקספּרעס די פּעק צוגעשניטענע סחורה אויף העמדער, וואָס איז אָנגעקומען פון אַ יידיש־דייטשן פאַבריקאַנט, ביי וועמען די חלפנס, ווי קאָנטראַקטאָרס, האָבן אָנגענומען צו נייען מיט די „גרינע הענט". די מערסטע האָבן ביי חלפנען געאַרבעט פון שטיק; האָבן סיי־ווי פון זיך די נשמה אַרויסגעיאָגט, ביז מען האָט פאַרדינט די פּאָר דאָלער אַ וואָך; קיין חשק ניט געווען ביים אויסגעמאַטערטן אַרבעטער אָנצואווערן צייט צוליב אַ זייטיקע, ניט קיין באַצאָלטע אַרבעט. אויסער דעם, כאָטש קיין האָניק האָט דער גרינער ניט געלעקט ביי קיינעם פון די אויפגעקומענע באָסעס, איז אָבער חלפנס שאַפּ, וואָס איז געווען צעוואָרפן איבער דריי פינצטערע דירות אין דעם אייגענעם טענעמענט־הויז אויף לודלאָו סטריט, נענטער צו העסטער — געווען אַ שם דבר צווישן די גרינע. די צוויי ברידער, לייבל און וועלוול, האָבן אַכטונג געגעבן אויף דער אַרבעט; אָבער די מיאוסערע צונעמענישן האָט געקראָגן דער יינגערער, וועלוול. ער איז אויך געווען ניט קיין איבערגעוואַקסענער ווי דער עלטערער, אַ בלאָנדער און שמאַל־פּלייציקער; ער האָט געטראָגן זייער ברייטע הויזן הויך אויפגעהויבן אויף שלייקעס, וואָס האָט נאָך מער פאַרקלענערט זיין געשטעל. „ווייסע לויז", „ווייסע הנידע" — האָט מען אינדערשטיל צוגעוואָרפן אים ווען ער איז דורכגעגאַנגען, און געמאַכט זיך אַ וועג צווישן די אָנגעוואָרפענע פּעק צוגעשניטענע העמדער און די מיידלעך, וואָס זיינען געזעסן אויף די פּעק און פאַרענדיקט די העמדער.

געווען שוין באַלד צוויי וואָכן זינט פון די לוריאַס זיינען נתן, אשר און זכריה אָנגעקומען אַרבעטן צו די חלפנס; און עס איז געווען צום ערשטן מאָל וואָס נתן האָט דערפילט דעם „מענטש" הינטער זיינע „הענט":

— וועלף! — האָט נתן, גאַרניט מיט זיין אייגענער שטים אויסגעשריגן, נאָך דעם ווי דער יינגערער חלפן איז אַריינגעקומען און געסטראָשעט אַרויסצויאָגן פון שאַפּ די אַלע, וואָס ווילן ניט גיין אַרויפברענגען די פּעק סחורה פון עקספּרעס אונטן אין גאַס — יידישע וועלף... אָנגעקומען אינאיינעם מיט די שעפּסן אַהער; ווי פוקסן האָט איר זיך אונטערגעחנפעט

מיט אייערע פאַרדינסטן! פאַסטקעס האָט איר דאָ אָנגעשטעלט, וואוהין איר פאַרנאַרט אייערע שעפסן און פרעסט זיי ביסלעכווייז אויף מיט אייערע קלאָמפערשטע טובות... וועלף! אפילו קיין צורת אדם האָט איר ניט; קיין ברעקל האַרץ און געוויסן האָט איר ניט — האָט נתן געטייט צום ייִנגערן חלפן — איר קענט נעמען און אויסשמירן די טישן מיט קעראָסין, כדי מע זאָל ניט קענען אַנידערלייגן ס'עסן אויפן טיש. פונוואַנען אַזאַ אכזריות ביי יידן? פונוואַנען אַזאַ טעמפע בלוטדורשטיקייט!

— איך גיב אייך אַלעמען צו פרעסן — האָט וועלוול מיט אַ הייזעריקער שטים זיך געוועָרט קעגן נתנען.

בשעת נתן האָט גערעדט, האָבן קעפ און נאַקנס זיך טיפער אַריבער־געבויגן איבער די ניי־מאַשינען; די ניי־מאַשינען האָבן האַסטיקער געשטעפט; די נאָדלען ביי די מיידלעך אין די הענט ה האָבן פלינקער געזוכט דאָס אָרט וואו אַ שטאָך צו טאָן, און האָבן אַזש אין אייגענעם לייב געטראָפן. אזוי האָבן אין צווייטן, אָנפּענצטערדיקן צימער די פרעסער שטאַרקער געקלאַפּט מיט די אָנגעהיצטע פרעסאַייזנס...

באַלד איז אַלץ שטיל געוואָרן. קעפ האָבן זיך אַפיר געצויגן צו נתנען, וואָס איז געשטאַנען מיט דער פלייצע נעבן זיין מאַשין ביים וואַנט. אויגן האָבן מיט צעשראָקענעם פייער אויפגעגליט, און אַפיר געקוקט צום מענטשן, וואָס איז ערשט ניט לאַנג אָנגעקומען צו דער אַרבעט — און שוין האָט ער געפונען די ריכטיקע ווערטער אַריינצוזאָגן דעם באָס! די פרעסער מיט די אָנגעהיצטע פרעסן אין די הענט האָבן זיך באַוויזן אין טיר פון אָנפערנצטערדיקן צימער — געלע שוויס־טראָפנס אויף די פנימער, און חידוש אין די אויגן, ממש ניט צו גלויבן וואָס די אויערן האָבן געהערט.

נתן האָט זיך אַזוי גיך ניט באַרואיקט:

— בעלי־טובות זייט איר געוואָרן, קלאָמפערשט אַ צדקה גדולה געעפנט אין אַ קעלער אַנטקעגן קעסטל־גאַרדן, וואו איר קומט ראַטעווען די פאַר־לאָרענע שאָף, קאָרמענען די הונגעריקע און געבן זיי אַ היים... אַז אַך־און־ווי צו אונדז, וואָס לויפנדיק פון פאָגראָמען־לאַנד, פון די רוסישע צעיושעטע מוזשיקעס, זיינען מיר אריינגעפאַלן אין אייערע וועלפישע לאַ־פעס!

מיט די ווערטער האָט זיך נתן צוריק אַנידערגעזעצט נעבן זיין ניי־מאַשין, ווי עס וואָלט גאָרניט געשען, און אָנגעהויבן צונויפשטעלן אַן אָרבל; אָבער דער ייִנגערער חלפן האָט אָפגעכאַפּט דעם אָטעם, איז צוגעגאַנגען האַרט צו נתנען, און אריינגעזאָגט אים אין קאָלנער אַריין:

— יונגערמאַן, נאָך אַזאַ דרשה מיינסטו וועל איך דיר לאָזן פאַר־נעמען דאָ אַ פּלייס און געבן דיר אַ מאַשין, זאָלסט מיר קאַליע מאַכן פאָדים אומזיסט? זיי מוחל, ראָם אָפּ דעם אָרט, גיי זוך דיר בעסערע באָסעס!

דערביי האָט וועלוול חלפן אָנגענומען נתנען ביים קאָלנער פון זיין צעכראשטשעט העמד און געוואָלט אים אויפהייבן פון אָרט.

אָבער נתן איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון חלפנען און דערווייל נאָך אַ שיין ביסל שטאַרקער פון אים, ער האָט אַ נעם געטאָן דעם חלפנען פאַר ביידע הענט, האָט זיי אים פאַרדרייט אויף הינטן, און מיט דער קני האָט ער אים אַ זעץ געטאָן אין מחילה, אַזש חלפן האָט זיך אָוועקגעקייקלט

צווישן די אַנגעוואָרפענע פעק סחורה. דערנאָכדעם האָט נתן געכאַפּט זיין רעקל אונטערן אָרעם, און אַרויסגעשפּאַנט דרויסן.

אָשר און זכריה לוריא האָבן געאַרבעט מיט אַ שטאָק נידעריקער, אין אַ צווייטער אָפּטיילונג פון חלפנס שאַפּ.

ווען ריוועטשע די ליטוועטשקע האָט פאַרצויגן איר לידל, האָבן זיך די קעפּ און פּלייצעס פון די שטעפער אַריבערגענייגט צו די ניי־מאַשינען; די פּרעסער האָבן זיך אומגעקערט אין אָנפּענצטערדיקן און פאַרעיפשטן צימער, און די מיידלעך אויפן דיל האָבן זיך מכלומרשט פאַרטיפט אין דער אַרבעט, געזוכט מיט די נאָדל־עז וואו אַ שטאָך צו טאָן. אָבער אין האַרצן האָט מען נאָכגעזונגען ריוועטשעס ווערטער:

אין האַלדז, אוי, ווערגט מיר יעדער ביסן,
כאָטש דאָלערס טו איך דאָ פאַרדינען סיים..."

דער עלטערער חלפן איז בשעת דעם סקאַנדאַל אין שאָפּ ניט געווען. ווען נתן האָט אַזוי אומגעריכט אָנגעהויבן צו ריידן, איז לייבל חלפן שטיל אַראָפּ אין דער צווייטער דירה מיט אַ שטאָק נידעריקער. ער האָט ניט געוואוסט וואָס דאָרטן אויבן איז פאַרגעקומען. ער איז געווען פאַרחידושט, ווען זיין יינגערער ברודער איז אַ צעקאָכטער אריינגעלאָפן, און געגומען טרייבן אָשרן און זכריהן פון שאָפּ. ביידע זיינען געזעסן ביי ניי־מאַשינען, וואָס זיי האָבן געקראָגן דורך לייבל חלפנס חסד.

— גייט אייך פונדאַנען! — האָט דער יינגערער חלפן געשריגן — דאָ איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר יחסנים. גייט אייך פונדאַנען!

ער האָט זיך געלאָזן צו זכריהן, מיט דער כוונה אָנצונעמען אים פאַרן קאָלנער, אָבער דער עלטערער ברודער האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג, מיט אַלע כחות אים אָפּגעפירט אָן אַ זייט.

— גיי דיר צוריק אויבן; גיי, דאָ גיט מען אַכטונג אָן דיר!

לייבל חלפן האָט דעם יינגערן ברודער אַרויסגעשטופּט הינטער דער טיר.

אין אָוונט איז לייבל חלפן אריינגעקומען צו די לוריאס. געקומען אַראָפּ־ריידן פון האַרצן און שלום מאַכן מיט נתנען. אין שטוב ביי די לוריאס איז קיינער, אויסער קריינדלען, ניט געווען. זי האָט זיך געעסקט ביים קעראָסין־לאָמפּ, אויפצוזידן אַביסל וואַסער. קריינדל האָט שוין געוואוסט וואָס ביי די חלפנס אין שאָפּ איז פאַרגעקומען; מען האָט איר אפילו איבערדער־ציילט וואָס נתן האָט מיט דעם יינגערן חלפן געטאָן.

קריינדל האָט אים אויפגענומען קאַלט.

— די ברידער זיינען ניטאָ? — האָט לייבל געפרעגט — איך מיין דעם עלטסטן ברודער.

קריינדל האָט ניט געענטפערט; האָט אים אפילו ניט געבעטן זיצן. זי האָט אַראָפּגעדרייט דעם קנויט פון קאָך־לאָמפּ, און אים אויסגעלאָשן.

— מיס לוריא — האָט לייבל חלפן ווידער אָנגעהויבן — איך וויל אייך זאָגן, אַז כאָטש אייער עלטערער ברודער האָט זיך ניט גוט אויפ־געפירט, פונדעסטוועגן בין איך געקומען זאָגן, אַז איך בין אים מוחל. מיט מיין ברודער וועל איך דורכקומען. וועל אין שאָפּ מאַכן אָרט פאַר אייך אויך.

קריינדל האָט צו אים אויפגעהויבן דאָס פּנים, און אים אָנגעקוקט מיט גרויס חידוש.

— וואָס קוקט איר אַזוי סורפּרייזט? איר האָט דאָך געוואָלט, איך זאָל אייך אריינגעמען צו זיך אין שאָפּ אַריין.

— איך וועל צוג׳אייך אין שאָפּ ניט גיין אַרבעטן.

— ניטאָ קיין בעסערע און קיין ערגערע שעפּער. אַלע האָבן איין פּנים. איך בין אויך ניט דער ערגסטער און ניט דער בעסטער.

— פאַרוואָס קענט איר ניט באַווייזן צו זיין דער בעסטער?

— ווען איך זאָל זיין דער אמתער באָס, איז עפּעס אַנדערש. איך נעם מיין אַרבעט ביי דייטשע יידן, זיי גיבן אונדז אַרויס שוין צוגעשניטענע סחורה. זיי צאָלן ווינציק. זיי אַליין מאַכן פון מיר אַ בלוטזויגער.

— איר דאַרפט זיך פאַר מיר ניט פאַרענטפערן. איך ווייס, אַז אין קיין שום שאָפּ איז ניט גוט.

— זעט איר, אַז איך בין גערעכט. אומעטום דאָס אייגענע.

— צוליב וואָס ווילט איר צו די לוריאס זיין בעסער ווי צו אימעצן אַנדערש?

— דאָס איז מיינע אַ זאַך.

— זאָגט מיר, צי איר וואָלט מיך אַנידערגעזעצט אויפן דיל צווישן די אָנגעוואָרפענע שמאַטעס, איך זאָל איינבייען קנעפּלעך?

— פאַרוואָס ניט?

— און איר וועט הייסן באַשמירן דעם טיש, וואו מען אַרבעט מיט קעראָסין, איך זאָל ניט קענען אַנידערלייגן מיין שטיקל ברויט?

לייבל חלפן איז רויט און בלאַס געוואָרן. ער איז נעבנטער צוגעגאַנגען צו קריינדלען, האָט זי גענומען ביים האַנט; זיין שטים האָט געקלונגען הייזעריק:

— אפשר דאַרטן, וואו מיס פינקלשטיין ארבעט... ביי מיר האָט עס דער ברודער געטאָן.

— איר זייט דאָך אייער ברודערס אַ נאָענטער קרוב...

— מיס לוריא, איר זייט ניט אין רוסלאַנד. איך בין דאַרטן אויך געווען אַ מענטש מיט אידעאַלן! דאַרטן קען אַ מענטש האָבן אידעאַלן, אָבער דאָ אין לאַנד, דאָ זיינען מיר ניט די אייגענע.

— פאַרוואָס קענט איר ניט זיין דער אייגענער און האָבן די אייגענע אידעאַלן? פאַרוואָס זייט איר דאָ געוואָרן אַזוי אַריינגעטאָן אין געלט, אַז איך מאַכט ניט אויס ווי אַזוי איר קריגט ס׳געלט אַרויס? וואָלט איר אין רוסלאַנד אָנגעשטאָפּט מענטשן אין אַזאַ ענגשאַפט, און פון אינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט טרייבן פון זיי די נשמה?

— ניין, דאַרטן וואָלט איך דאָס ניט געקענט טאָן.

— פאַרוואָס איז דאָ אַנדערש? דאָ זיינען דאָך הוילע יידן; יידן מיט יידן. מען קען לעבן אינאיינעם, און ניט אַזוי דערשטיקן איינער דעם אַנדערן.

לייבל חלפן האָט געהערט ווי קריינדל רעדט, ער האָט איר געגעבן ענטפערס אויף אַלע אירע פראַגן; אָבער אין אמת׳ן איז ער ניט אויסן געווען אַזוי זיך פאַרענטפערן. ס׳איז אים געווען אַ חידוש צו זען

קריינדלען אין אַזאַ אויפגערעגטן מצב. איר שטים האָט קלאָר און מיט אַן יינגלשער פאַריסנקייט געקלונגען. אירע ברוינע אויגן האָבן אים דורכ־געעגבערט, און ער האָט געפילט, אַז קריינדל האָט איצטער גאָרניט מער אינזינען ווי דאָס, וועגן וואָס זי רעדט.

— נתן וועט צונ'איך אין שאָפּ מער ניט גיין אַרבעטן. מסתמא וועלן אָשר און זכריה אויך זוכן אַן אַנדער אָרט צו אַרבעטן. עס פעלן ניט קיין שעפער.

— כאַ־כאַ־כאַ, עס פעלן ניט קיין שעפער; עס פעלן אָבער אויך ניט קיין הענט! גרינע וואַלגערן זיך אין קעסטל־גאַרדן, און אויף באַרזשעס דאָביי; גרינע וואַלגערן זיך לרוב; הענט — מיט זיי צו ברוקירן די גאַסן.

— כאַ־כאַ־כאַ — און איר האָט זיך אַריינגעקוואַפּעט אין די לוריאַס! אַלעמען ווילט איר צו זיך אין שאָפּ אַריין!

אויף די ווערטער זיינען אַריינגעקומען ישראל לוריא, נתן און זכריה. מיט חידוש אין פּנים האָבן זיי באַמערקט דעם אומגעריכטן גאַסט.

לייבל חלפן האָט אַנטקעגן געטראָגן ישראלן די האַנט.

— וואָס מאַכט איר? בין געקומען שלום מאַכן מיט אייער עלטערן זון. מסתמא ווייסט איר דאָך וואָס היינט האָט געטראָפן ביי מיר אויבן אין שאָפּ, פּונקט ווען איך בין געווען אונטן אויפן דריטן פלאָר...

עס איז אַנגעשטאַנען אַ געדריקטע שטילקייט צווישן די מאַנצבילן און דער מיטאַמאָל דערוואָקסענער קריינדלען. אַזוי אומגעריכט איז פאַר די שטובלייט געווען לייבל חלפנס אָנקומען. וויפל מאָל האָבן די לוריאַס אים שוין באַטראַכט ווי אַן אייגענעם און איבערגעגעבענעם פריינט, וואָס זוכט ווי ווייט מעגלעך אַרויסהעלפן אין צייט פון נויט! און אָט איז ער פאַר די שטובלייט אַ גאַלע רעטעניש, אַ כיטרע באַשעפעניש, וואָס האָט זיך אַהער אַריינגעשלייכט, און אַלעמען, אין דער דושנער פאַרנאַכטיקער שעה אין שטוב, נאָך דושנער און ענגער געמאַכט.

— הענט, ניט מער ווי הענט... — אָט איז ער דער נייער מענטש און נייער ייד, וואָס זעט אין דעם אַנדערן מענטשן ניט מער ווי הענט.

דאָס האָט נתן ביי זיך געטראַכט, און אים האָט געריפּעט פון דעם אַנצו־הייבן און איבעררייסן די שטילקייט.

אָבער לייבל חלפנען אַליין איז שווער געוואָרן די שטימונג וואָס האָט אים אַרומגענומען. ער האָט מיט אַ געצוואונגענעם שמייכל אָנגעהויבן אויף דער זייט פון ישראלן, וואָס איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ ביים פענצטער, כאָטש מייגען האָט חלפן געמיינט נתנען:

— אַ רחמנות אויף די וואָס גליבן נאָך אַלץ, אַז דאָ איז רוסלאַנד. און מיינען, אַז דאָ קען מען זיך מען אַרויפאַרבעטן ווען מען גייט אַרום מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. דאָ איז אַ לאַנד פון האַרי־אָפּ. מען מוז יאָגן און כאַפּן, אַז ניט — — —

לייבל חלפן האָט זיך פאַרהאַקט, און ניט אויפגעקלערט דעם: „אַז ניט", מחמת ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אַן זכריהס בליק. אים האָט אויף אַ ווייל דאָס לשון אָפּגענומען.

— איך בין געקומען זיך דורכשמועסן מיט אייך, מיסטער נייטן לוריא
— האָט חלפן, מיט אַן ערנסטער מינע גערעדט אויף נתנס זייט — פֿאַר דעם וואָס איר האָט היינט געטאָן ביי מיר אין שאָפּ, קומט אייך אַ שטראָף.
— איך האָב מיר אַליין באַשטראָפט — האָט אים נתן פֿאַרכאַפּט — בין אַליין אַוועק פון אייער שאָפּ.
— כ'וויל איר זאָלט קומען צוריק.
—איר דאַרפט מיינע הענט? זיי טויגן דערוויל צו גאָרניט.
— איך דאַרף אייער קאָפּ אויך, ניט נאָר די הענט.
— כאַ־כאַ־כאַ — האָט זיך נתן צעלאַכט.
— יאָ, מיסטער נייטן, אַזאַ מענטשן ווי איר דאַרף איך האָבן פֿאַר אַן אינוויייניקסטן מענטשן. קוקט מיך אַזוי ניט אָן; איך בין ניט קיין וואָלף, ווי איר האָט געשריגן. און איר זייט ניט קיין אומשולדיק שעפּסעלע. כ'דהאָב אייער שוועסטער דערציילט ווער די אמתע וועלף זיינען. דאָס זיינען די, וואָס האָבן געהאַט שׂכל צו קומען קיין אַמעריקע מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר פֿאַר אונדז. אונדזערע דייטשע יידן, ביי וועמען איך נעם אַרבעט פֿאַר אַייערטוועגן!
— הייסט עס, יענע נאָגן, נאָר איר זייט די רער דורך וועלכער זיי נאָגן אויס דעם קליאַק פון די בייגער ביי די אומגליקלעכע, וואָס לויפן פון פּאָגראָמען־לאַנד. די, וואָס האָבן אין הייליקע ספרים אויסגעמאָלן די שבעה מדורי גהינום, האָבן קיין גרויסע פֿאַנטאַזיע ניט געהאַט. אויף די שוויץ־שעפּער אייערע, וואוהין איר האָט פֿאַרשלעפּט די הונגעריקע און צעשראָקענע גרינע יידן, האָבן זיי אין די הייליקע ספרים ניט אָנגעוויזן.
— וואָס זאָלן דאָ יידן טאָן? אדרבה, זאָגט מיר, וואָס זאָל מען טאָן? אַז מערסטע גרינע זיינען דאָך די באַלעבאַטים אויף זיך אַליין; נעמען די אַרבעט צו זיך אין טענעמענט אַריין און אַרבעטן מיט אייגענע קינדער. אייגענע טאַטעס ציען דעם קליאַק ביי די אייגענע קינדער, נאָך ערגער ווי מיר טוען עס אין אונדזער שאָפּ.
— אפשר וועט די צייט באַווייזן; דערוויל זיינען מיר אין אייערע הענט. אויב איר ווילט, וועל איך מאָרגן צונ'אייך ווידער ברענגען מיינע הענט.
— איך דהאָב מיין ברודער אויסגערעדט; האָב אים געזאָגט, אַז מיט מענטשן דאַרף מען זיך באַגיין ווי מיט מענטשן — כאָטשבע מע איז אין אַמעריקע. איר וועט דאָ אָפּלעבן אַ פּאָר יאָר, איר וועט זיך אויסגרינען, וועט איר פֿאַרשטיין אַליין, אַז אַנדערש קען דאָ אַ מענטש ניט לעבן.
— די אַלע וואָס זיצן געבויגן פופצן שעה אין מעת־לעת איבער די ניי־מאַשינען, אָדער די פּרעסער אין די אָנגעהיצטע לעכער, זיינען זיי מענטשן באַנ'אייך?
— הער אויף, מיין זון, — האָט מיט אַ ווייכער שטים ישראל זיך געווענדט צו נתנען — איך באַגער צו לעבן, און מיר מוזן לעבן. אויב מען מוז איינבויגן דעם קאָפּ, וועל איך; מחמת, וואוהין צו לויפן איז דערוויל ניטאָ.
לייבל חלפן האָט אויף דעם געזאָגט „גודנאַיט", און איז אַרויסגעגאַנגען. די בליקן פון די שטובלייט זיינען לאַנג געבליבן ביי דער טיר, דורכוואַנדן דער אומגעריכטער גאַסט איז אַוועק.

קאַפּיטל דריי

די ענגשאַפט אין דער נייער יידישער היים איז געוואַקסן, און מיט איר — אַ סך ביטערניש און טאָפּלטע קללות: „אַ מפּלה אויף דער פינצטערער רוסלאַנד״; און „אַ בראָך צו קאָלומבוסעס מדינה״. און פּונקט ווי ביי אַ צאָל איינוואַנדערער פון דער פינצטערער רוסלאַנד איז אויפגעקומען די האָפענונג אויף בעסערע און רואיקערע צייטן אין קאָלומבוסעס מדינה — אַזוי איז ביי אַ סך פון די געבויגענע ביי ניי־מאַשינען, פּרעס־אייזנס, צי ביי די, וואָס האָבן געאַרבעט ביי ציגאַרן און אָנגעהויבן אויסהוסטן דאָס חיות, געוואָרן דער געדאַנק געווענדט צו דער ווייטער, און פּאַרט נאָך אַזוי נאָענטער רוסלאַנד — טאָמער הערט מען דאָרטן שוין ישועות אויף יידן.

די לעצטע פּאָר וואָכן גייט ישראל לוריא אַרום ווי אָן אַ קאָפּ, כאָטש כמעט אַלע קינדער זיינען געוואָרן פאַרדינערס: נתן, אָשר און זכריה אַרבעטן פּאַרט ביי חלפנען. מען האָט זיך איבערגעבעטן. קריינדל איז דער שטילער כוח, וואָס צווינגט דעם עלטערן חלפנען ניט איבערצוריסן מיט דער לוריא משפּחה. הילל האָט געקראָגן אַרבעט, צו שלעפּן שטיינער און פאַנאַנדערגראָבן די ערד ביים אַרויפפאָר צו דער נייער „ברוקלין בריק״, וואָס באַדאַרף בקרוב פאַרטיק ווערן. קריינדל איז נאָך אַלץ די באַלעבאָסטע אין שטוב.

אָבער אין קליינינקייט האָט געטראָפן: ישראל לוריאן האָט זיך פאַר־גלוסט אַראָפּגיין צום „איסט־ריווער״, באַטראַכטן דעם גרויסן טייך וואָס שיפן גייען אויף איבם, און, אַגב, פונדערווייטנס אַ קוק טאָן צום גרויסן „נס״, ווי אַ מיילן־לאַנגע, אייזערנע בריק האָבן מענטשן אויפגעהאַנגען איבערן טייך — טאָקע ניט ווייט פון טייך דאָרטן האָבן אים אַ פּאָר בויאַנעס אַריינגעוואָרפן אַזאַ זאַך אין באָרד אַריין, וואָס האָט זיין שיינע, שוואַרצע באָרד אין איין קנויל צונויפגעדרייט; ממש אַ קנופּ איז געוואָרן פון זיין שיינער באָרד! ער איז אַרויס פון די כלים, ניט געוואוסט, צי זאָל ער וויינען, צי זאָל ער לאַכן. ער האָט דעם האָריקן קנופּ, וואָס האָט געזאָלט הייסן באָרד, מיט ביידע הענט פאַרדעקט, און אַזוי איז ער געקומען אַהיים.

קריינדל האָט געהאַט אַ שיין שטיקל אַרבעט דעם קנופּ פאַנאַנדערצו־פּלאָנטערן! זי האָט בשעת מעשה געוויינט און געלאַכט. די איירישע „וואָילע־יונגען״, האָבן אַזאַ מין שפּינדל געמאַכט פון אַ בויגיק, דין שטעקעלע, וואָס זיי דרייען אייַנגעבויגן ווי אַ דוהע, מיט אַ פאָדים עס צענויפגעצויגן געגנוג שטאַרק, אין פאָדים אַריינגעשטעקט אַ העלצל, מיטן העלצל געדרייט דעם פאָדים שטאַרקער, און אַזויאַרום די דוהע אַלץ מער צענויפגעצויגן ווי אַ שפּרונדזשינע — און דאָס האָט מען לוריאן אַריינגעלאָזן

אין באָרד אַריין. אָפּגעלאָזן, דאָס העלצעלע זאָל זיך מיט אימפּעט נעמען אָפּדרייען פּריי, און דרייענדיק זיך, די האָר אַריינכאַפּן. און ווי פּאָרזיכטיק קריינדל האָט זיך ניט באַמיט אַרויסצופּלאָנטערן פּון באָרד דאָס „מאַשינדל" איז איר אויסגעקומען אָפּצושערן אַ סך האָר פון לוריאַס באָרד. אויף ישׂראל לוריאַן האָט געציטערט די הויט, און בשעת מעשה האָבן זיינע ליפּן געמורמלט: „צוגעדעקט איז די ערד מיט רשעים, רבונו של עולם. וואָס אַרט זיי, אויב יידן לאָזן וואַקסן זייער באָרד?" בשעת מעשה האָט אים אויך וויי געטאָן, וואָס די עלטערע זין האָבן אַזוי נידעריק אָפּגעשוירן די בערדלעך זייערע — אַט באַלד ווערן זיי אמתע גלוחים.

אַ צולאָג צו דעם ביטערן געלעכטער, וואָס ישׂראל לוריא האָט געהאַט צוליב זיין באָרד, איז דעם אייגענעם פאַרנאַכט דניאל געקומען מיט זיין פּעדלער־סטענדערל אויפן האַלדז, און געבראַכט אַן אונטערגעשלאָגענעם, בלויען אויג. ער איז אויך געווען מיט זיינע „סחורות" אין דער איריש־דייטשער געגנט, נעבנטערביים איסט־ריווער. נאָך ניט־קשהדיקן לייזן — ער וואָלט דעם טאָג אוודאי פאַרדינט אַ פּופציק־זעכציק סענט — האָט ער זיך פאַריסן מיט אַ געזונטן, איירישן יונג, וואָס האָט דווקא געוואָלט דניאלן אַרויפוואַרפן אַ טויטע קאַץ אויף זיין סחורה. דניאל האָט אַנידערגעשטעלט די סחורה זיינע אָן אַ זייט, און זיך אַריינגעלאָזן אין אַ געשלעג. דער איירישער יונג האָט אַ פּאָר מאָל געקראָגן אַ פליק אין זייט פון דניאלס רעכטער פוס, אָבער דער „באָם" האָט דניאלן צום סוף אַזאַ מעק געטאָן אונטער דעם לינקן אויג — אַזש דניאל איז פון קלאַפּ אומגעפאַלן. הייס איז אים געוואָרן אין דעם לינקן אויג, און הייס איז אים געוואָרן אַרום האַרצן. דאָס האַרץ האָט זיך שפּעטער אָפּגעקילט ביי דניאלן; אָבער ווען ער האָט אין איינס פון זיינע שפּיגעלעך באַטראַכט זיין פּנים — איז אים פינצטער געוואָרן אין ביידע אויגן. אים איז פּשוט געווען אַ חרפּה צו ווייזן אַזאַ פּנים פאַר די שטובלייט.

אָבער ישׂראל לוריא איז ניט געווען דער איינציקער ייד צו וועמען „שונאי ישׂראל זיינען אַריין אין באָרד און זי געוואָלט אויסרייסן, מיינענדיק מיט דעם אויסצורייסן דעם שורש ישׂראל." דניאל איז ניט געווען דער איינציקער בראַווער יונג, וואָס האָט די בויאַנעס געוואָלט באַווייזן, אַז כאָטש ער איז אַ רוסישער ייד, אַ „דווירטי שיני", פונדעסטוועגן לאָזט ער זיך ניט שפּייען אין דער קאַשע אַריין. גאַנץ אָפט האָט זיך דאָ־און־דאָרטן באַוויזן אַ „יידישער העלד" מיט אַן אונטערגעשלאָגענעם אויג. דאָס האָט באַשיינפּערלעך באַוויזן, אַז די צייט איז געקומען וואָס יידן זאָלן פאַרשטיין ווי צו „פייטלען" זיך אויך.

סוף חודש מאַי, אין יאָר טויזנט אַכט הונדערט דריי און אַכציק איז טאַקע אויף אַ וויילע דערפרייט געוואָרן דאָס האַרץ פון רוסישן יידן, וואו נאָר זיין וואוינאָרט איז געווען. באשר דער קיסר אלכסנדר דער דריטער האָט, „ווי דעם בייזן הונט דורכגעיאָגט פון זיין מיניסטער שטעל דעם צורר היהודים איגנאַטיעוו, ימח שמו... און אויף זיין אָרט האָט דער קיסר אלכסנדר דער דריטער נאָזנאַטשעט פאַר אינערן מיניסטער אַ מענטשן, וואָס אין זיין משפּחה זיינען פאַראַן חסידי אומות העולם. איינער אַ גראַף טאָלסטאָי האָט איגנאַטיעווס אָרט פאַרנומען"...

אויף דער איסד־סייד האָט זיך געראָדערט. יידישע געמיטער האָבן זיך געהיצט. ווער עס האָט אין האַרצן אָנגעהויבן מאַכן הכנות אומצוקערן זיך צוריק קיין רוסלאַנד, און ווער עס האָט געשפּיגן קלעק אויף דער גאַנצער בשורה.

אויפן ווינקל העסטער און לודלאָו האָט מען ביז אַ שטיק נאָך האַלבער נאַכט זיך געפּילפּלט, און צעלייגט אויף טעלערלעך די נייס. עס האָט ניט געפעלט קיין געוויין און ביטערער געלעכטער.

אריה פלאַקן האָט מיט זיין פידלער־ניגון אַרויסגעפּשטלט:

— אויב אויף המנען איז געקומען אַ מפּלה, ווען זיין צייט איז אָנגע־שטאַנען, פאַרוואָס זאָלן די יידישע שונאים אין רוסלאַנד זיין בעסער? אַ קליינער המן איז דער איגנאַטיעוו דען געווען?

— פּשש... פּשש... — האָט אַ עלטערער ייד געקראַצט די שוין לאַנג ניט צעקעמטע, ברודיק גרויע באָרד, און געטענהט מיט אַ גמרא ניגון — ס'לייגט זיך אויפן שכל, יידן... באשר, ניקאָלאַי דער ערשטער איז געווען אַ רשע מרושע, אויף זיין באַפעל האָט מען קינדער פון וויג אַרויסגעכאַפּט און אָפּגעגעבן פאַר סאָלדאַטן; אָבער אלכסנדר דער צוויי־טער איז געווען שוין עפּעס אַנדערש; אַ מלך של חסד איז ער געווען, אַ מין אלכסנדר מוקדון איז ער געווען! ער האָט די מוזשיקעס געגעבן סוואָבאָדע, און האָט פאַר יידן אויך געטאָן אַ סך חסדים. ווען די אויס־וואורפן נעמען ניט אַוועק זיין לעבן פאַר דער צייט, איז רעכט — ער האָט געקערט געבן יידן פאָלנע סוואָבאָדע. דער איצטיקער קיסר איז אויך אַן אלכסנדר, אלכסנדר דער דריטער. דערומעד, לייגט זיך אויפן שכל, אַז די בשורה איז טאָקע אַ גוטע...

שטימען האָבן זיך צעוויגט און זיך געטראָגן אין דער נאַכט אַריין; שטימען פון אַלט און יונג, שטימען פון מאַמעס און טעכטער:

— מיט וואָס איז דען אונדז דאָ בעסער ווי אונטער איגנאַטיעוון? נעכאַי וואָלט מען יידן דערלאָזט צו באַזעצן זיך אין דערפער צוריק, וואָלט איך דער ערשטער זיך געלאָזן צופוס אַהיים.

— צופוס, ווי צופוס; איך זע ווי איבער דער פאַרשאָלטענער רוסלאַנד לייטערט זיך דער הימל אויס.

— ווי איז מיר, ווינד איז מיר, איך בין אָפּגעריסן געוואָרן פון אייגן פלייש און בלוט... אפשר וועט שוין טאָקע גאָט רחמנות האָבן...

— אַ ליגן די גאַנצע מעשה! אַזאַ נפש ווי איגנאַטיעוו לאָזט זיך אַזוי גרינג ניט אַראָפּוואַרפן.

— איין קלייניקייט, אלכסנדר, דער קיסר אליין האָט אים באַוויזן דעם וועג!

— אַ מיניסטער מיט אַ נאָמען טאָלסטאָי געפעלט מיר אויך ניט. אַ פּאָניע חזיר, ווי איגנאַטיעוו!

— גלויבט ניט, אַז אין רוסלאַנד איז דאָס גאַנצע פאָלק פון גאָלע רשעים. דאָס רוסישע פאָלק איז געגליכן צו אַ פאָלק פון קליינע קינדער. זיי האָבן ניט געקלערט צו מאַכן פּאָגראָמען אויף יידן. מע האָט זיי אָנגע־רעדט, גיין און פאַרנעמען יידנס האָב־און־גוטס; זיינען זיי געגאַנגען! כ'זאָג

איך, דאָס רוסישע פאָלק וועט זיך קלאַפּן אין האַרצן חטאתי, און בעטן, יידן זאָלן מוחל זיין.

— אַ מיניסטער אַראָפּ, אַ מיניסטער אַרויף, אַ פאָלק פון חזירים וועט קיינמאָל ניט אויפהויבן דעם קאָפּ צו דער ליכטיקער זון!

דאָס לעצטע האָט הילל לוריא אַ געשריי געטאָן, און אויף אַ רגע אַלעמען איינגעשטילט.

— דערפאַר וואָס דעם חזיר איז אַלץ קאַרג! ווען די רוסישע מוזשיקעס נעמען און דערלאָזן ניט, מע זאָל יידן אַרויסטרייבן פון דערפער — וואָלט מען זיי ניט געטריבן. האָט מיר עפּעס געקענט פעלן דאָרטן, ווען איך וואָלט געקענט זיך נאַזשיווען אַ שטיקעלע ערד ערגעץ אין אַ דאָרף? איך וואָלט זיי ענג געמאַכט? — האָט הילל מיט אַ בעטנדיקער שטים געטענהט.

— גערעכט, גערעכט — האָבן זיך אַ טראַג געטאָן שטימען.

— אַ פאָלק פון גאָלע חזירים, דאָס איז אַ גרויסער אמת.

— חזירים רויען זיך מיטן שנוק אין טינוף, און זיי — אין יידיש בלוט!

— אָבער, הערט איר דאָך, אַז איגנאַטיעוון האָט מען דורכגעיאָגט!

—זאָלן זיך פאָרן צוריק ווער עס וויל. איך האָב אין רוסלאַנד קיין אמונה ניט מער.

— דאָס לאַנד אַמעריקע איז אַ גאָלדן לאַנד, נאָר מיר האָבן דאָ געמאַכט אויס אַמעריקע — האָט דניאל לוריא אריינגעשריגן אין עולם אַריין.

— וואָס מיינסטו מיט דעם?

— איך מיין, יידן פלאָדזשען דאָ וואַנצן מיט פרייסן אין די עטלעכע גאַסן ארום; און ווייטער פון דאַנען האָט מען מורא די נאָז אַרויסצושטעקן.

— און אַז דו האָסט קיין מורא ניט — האָסטו דיר דערפאַר אַן אונ־טערגעשלאָגן אויג, כאַ־כאַ־כאַ...

— גערעכט! וואָרן, אַן אונטערגעשלאָגן אויג, וואָס איז דאָס, ניט קיין פּאָגראָם?!

— מיר לעבן דאָ, ברידער, אין אַ פרייער מדינה, וואו אַלע מענטשן זיינען גלייך.

— אַלע גלייך פאָרן באָס, וואָס שינדט אונדזער פעל!

— טאָ לאָזט זיך ניט שינדן!

— כאַ־כאַ־כאַ, ניט לאָזן זיך שינדן... אַז מען ווערט געשוואָלן פון הונגער.

— זאָל ברענען רוסלאַנד מיט דעם נייעם קיסר, מיט דעם נייעם מיניסטער! לייגט זיך ניט קיין פייגעלעך אין בוזים, אַז צוליב דעם וואָס איגנאַטיעוון האָט מען געגעבן אין קאַרק, דהויבן זיך אָן ישועות אויף יידן. דאָס איז נאָר קלאָמפּערשט, כדי צו פאַרבלענדן די אויגן. פון סאַמע אויבן איז מען שולדיק. איגנאַטיעוו, צי אַן אַנדער שוואַרץ יאָר, פילט נאָר אויס די „פריקאַזן" וואָס קומען פון אויבן, באשר, מע האָט אין אַלע לענדער געהאַט אסיפות און געשיקט דעם צאַר גרויסע פּראָטעסטן. אין לאָנדאָן, און אפילו אין נעוויאָרק האָט מען גרויסע אסיפות געמאַכט. ניט־יידן האָבן געשיקט פּראָטעסטן, הלמאי מע מאַכט פּאָגראָמען אויף יידן! אפשר וועט'ן

דאָרט אויף אַ ווײַלע די פּאָגראָמען אײַנשטילן; אָבער אַ חוץ פּאָגראָמען וועלן זײַ צוקלערן אַלערלײַ גזירות. אַ רשע אַראָפּ, אַ רשע אַרויף — ייִדן וועלן פֿון רוסלאַנד אַנטלױפֿן. הערט זיך ניט אײַן צו די פֿאַלשע בשורות, אַז אין רוסלאַנד קומען שוין ישועות אויף ייִדן!

דאָס אָפּגעזאָגט, האָט נתן אָפּגעווישט דעם שווייס, און אַרויף צו זיך אויבן.

אין דער אייגענער צײַט, בשעת אונטן אין גאַס האָט מען זיך געהיצט וועגן די גרויסע ישועות אויף ייִדן, זײַנען אין דער שטיל אויבן בײַ זיך געזעסן קריינדל און זכריה. נאָך דעם ווי בײַדע האָבן זיך דערמאָנט אָן דער געשטאָרבענער מאַמען, ווי מען האָט זי בײַנאַכט פֿון שיף אַראָפּגעלאָזן אין ים אַרײַן; און נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך בײַדע שטיל אויסגעוויינט — האָבן זיי אויפֿגענומען זייער מצב.

זכריה האָט געאַרבעט בײַ חלפֿנען אין שאַפּ, פֿאַרדינט צוויי דאָלער אַ וואָך. קריינדל האָט נאָך דערווײַל אינערגעץ ניט געאַרבעט. בײַדע האָבן אַפֿילו אין דער אַרבעט פֿון זייערע ברידער ניט אַרויסגעזען קיין תכלית.

— אונדז וועט זיך שלעכט, גאָר שלעכט — האָט זכריה שטיל גערעדט און געקוקט קריינדלען אין די אויגן אַרײַן — אויב מיר וועלן ניט אָנהייבן צו טראַכטן פֿון אַן אַנדער תּכלית, וועט זײַן שלעכט. פֿאַר דיר וועט זײַן בעסער, אויב דו וועסט גאָרניט גיין אַרבעטן. וועסט אין שאַפּ אָנווערן די כּחות, און אפֿשר קראַנק ווערן, ווי אַ סך מיידלעך אין שאַפּ, וואָס הוסטן און טשאַכנען. איך וועל פֿאַרדינען, און דו הויב זיך אָן לערנען ענגליש. אפֿשר וועל איך נאָך מיט דיר אינאיינעם גיין אין אַ בײַנאַכטיקער שולע. איך קען אין אונדזער שאַפּ אַן אַרבעטער וואָס טוט עס.

— וואָס לערנט ער? — האָט קריינדל נײַגעריק געפֿרעגט.

— ער זאָגט, אַז אין ניין יאָר אַרום וועט ער זײַן אַ דאָקטער.

— אַ דאָקטער, אין ניין יאָר אַרום!

— אַזוי זאָגט ער. פֿאַרוואָס קענסטו דאָס קריינדל ניט טאָן?

— גוט וואָס דו האָסט זיך דערטראַכט צו דעם. נאָר איך האָב מורא, דו וועסט דײַנע כּחות לאָזן אין שאַפּ, און מער קיין כּוח ניט האָבן צו גיין צו לערנען.

בײַדע האָבן זיך אַ ווײַל באַטראַכט, און שפּעטער האָט זכריה פּלוצלונג קריינדלען אַ פֿרעג געטאָן:

— דערקענסט ניט עפּעס אויף אָשרן?

— ער זעט אויס שלעכט, ווי אַלע וואָס אַרבעטן אין שאַפּ.

— דערקענסט גאָרניט?

— דערצייל מיר, זכריה. וואָס, דו ווייסט עפּעס?

— ער גייט אויף עלען סטריט בײַנאַכט. דאָרטן זײַנען די מיאוסע הײַזער...

—וואָס זאָגסטו?!

— יאָ, קריינדל. אַ סך, וואָס האָבן ניט קיינעם דאָ, גייען אַהין. ער איז אויף דער בוערי אויך געווען. ער איז איינמאָל געווען שיכּור.

— ווען?!

— פֿאַראַכטאָגן זונטיק.

— פונוואַנען וויסטו ?

— אויף עלען סטריט בין איך אים שטיל נאָכגעגאַנגען.

— וואָס האָסטו געזען ?

זכריה האָט זיין פּנים באַהאַלטן אויפן אָרעם, און ניט געענטפערט.

— איז דאָס אַלץ אמת, וואָס דו דערציילסט ?

— מיר זיינען דאָ אַרומגערינגלט מיט אַלערליי מיאוסקייטן. מיר זיינען דאָ אויסגעמישט מיט מיאוסע מענטשן.

— מיט וואָס זיינען זיי מיאוס געוואָרן, זכריה ?

— איז דען ניט מיאוס ווי מיר אַלע לעבן דאָ ? וואָס וועט זיין, וואָס וועט זיין פון אונדז, קריינדל ?

— טו דאָס, וואָס דו האָסט נאָר וואָס געזאָגט. מיט אַלע כּחות רייס אָפּ צייט, און הויב זיך אָן לערנען. איך וועל אויך אָנהייבן פאַרדינען, און איך וועל דיר אַרויסהעלפן. אָבער, זכריה, מיר גייט ניט אַרויס פון זינען דאָס, וואָס דו האָסט מיר דערציילט פון אָשרן.

— קענסט אים פרעגן, אפשר וועט ער גאָרניט פאַרלייקענען.

— אָ, איך פאַרשטיי איצטער, הלמאי יוכבד וויל אַהער מער ניט קומען !

— האָט קריינדל זיך געכאַפּט פאַרן האַרצן מיט ביידע הענט — איך פאַרשטיי עפּעס. איך מוז זיך זען מיט יוכבדן, זי וועט מיר אַלצדינג דערציילן.

— זי האָט אים אויסגעפּאַטשט און צעדראַפּעט זיין האַלדז. וועסט נאָך דערקענען אַ צייכן אויף זיין האַלדז.

— אוי, אוי, אוי, — האָט זיך קריינדל געכאַפּט פאַרן קאָפּ — אַזוינע בזיונות !

קריינדל האָט זיך אָנגעהויבן וואַרגן מיט די טרערן, און אָנגעשטעלט אַ צעטרייסלטן פּנים אויף זכריהן.

אין דער צייט איז נתן אַרויפגעקומען, צוגעגאַנגען צו קריינדלען און צו זכריהן, האָט מעשה עלטערער אַרויפגעלייגט די הענט אויף זייערע אַקסלען, און געזאָגט :

— זאָלן זיך גרינגע פרייען מיט אַ נעגאַטיעווס מפּלה, און האָפן אויף גרויסע ישועות. איך האָב רוסלאַנד דערווייל אויסגעמעקט פון זכרון. איר זאָלט זיך ביידע אָנהויבן לערנען, מיר אַלע וועלן אייך העלפן. איר זייט יונג, און אויף אייך וואַרט אַ שיינע צוקונפט. הער אויף צו וויינען, קריינדל.

* * *

מיט גרויס עקשנות איז דניאל לוריא אַוועק אויף זיין פּעדלער־וועג. ער האָט זיך אויסגעלערנט אָנצורופן אויף ענגליש זיינע דראַבנע סחורות, און דערביי זאָגן דעם פּרייז. דערווייל האָט ער מער ניט באַדאַרפט. ער האָט געקלאַפּט אין די אָרימע, יידישע, אָבער צום גרעסטן טייל — אין ניט־יידישע טירן ; אָנגערופן זיינע סחורות און פאַרנייגט זיך מיטן קאָפּ. וואו מען האָט אים די טיר פאַרקלאַפּט „אונטערן סאַמע נאָז" ; וואו מען האָט אים אַרויסגעבאַגלייט מיט אַ גאַנצע תוכחה, און ער האָט זיך געמאַכט ניט פאַרשטיין. און וואו — אַ באַלעבאָסטע האָט אים מיט אַ גוטן, צופריי־דענעם שמייכל אריינגעלאָזן אין דער ענגער דירה, באַטראַכט זיינע אַנטיק־לעך, אָנגעקוקט זיך געגנוג אין זיינע שפּיגעלעך, און שיין באַדאַנקט. און אַמאָל האָט ער טאַקע ביי אַזאַ באַלעבאָסטע געקראָגן צולייזן עטלעכע סענט.

אָפּט האָט דניאל געטראַכט: „ניט דאָס איז די אַמעריקע, וואָס איך האָב מיר אויסגעמאָלן פונדערווייטנס." אָבער נאָך אַ טאָג טרעטן אַרויף און אַראָפּ איבער די אַלערליי אָפּגעלאָזענע, שמוציקע, פינצטערע טרעפּ, און ווען פאַרנאַכטצו האָט ער געהאַט זיינע מזומנים, אַן אָפּגעשפּאָרטן פאַר־דינסט, זאָל זיין אפילו פופציק סענט — איז ער געווען צופרידן, און ניט מקנא געווען זיינע ברידער. אים האָט אונטערגעגעבן מוט דאָס, וואָס אַ סך פון איצטיקע „גרויסע קרעמער" זיינען גאָר ניט לאַנג געווען פּעדלער ווי ער. „אין אַ יאָר, אָדער צוויי יאָר, אויב עס וועט ניט גיין ערגער, וועל איך האָבן מיין קראָם אויף אָרטשאַרד, און אפשר — אויף איסט־בראָדוויי."

אַ שוואַכקייט האָט דניאל געהאַט צו פאַרברענגען מער צייט אין אַ ניט־יידישער דירה. מיט די יידישע באַלעבאָסטעס האָט ער זיך לאַנג ניט געעסקט. געקויפט — איז גוט; ניט געקויפט — האָט ער געזאָגט „גוד־באַי", און אַרויסגעגאַנגען. אַלע קלאָג־לידער, אַלע קללות אויף קאָלומ־בוסעס מדינה, וואָס די יידישע ווייבער האָבן פאַר אים אויסגעשאָטן, האָט ער שוין געקענט אויף אויסנווייניק. אָבער אין אַ ניט־יידישער שטוב, ווי גרויס די אָרימקייט זאָל ניט זיין, ווי גרויס דער עיפּוש אין שטוב איז ניט געווען — האָט דניאלן שטאַרק הנאה געהאַט, אויב די מיסיס האָט אים געגעבן אַ געלעגנהייט צו בלייבן אַביסל לענגער ביי דער טיר. אים איז געווען ליב, ווען קינדערלעך האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום זיין פּעדלער־קעסטל און אפילו אָנגערירט זיינע סחורות. ער האָט זיך אָפּט פאַרגונען אָפּצושניידן אַ שטיקל ראָזע, רויטע, אָדער בלויע סטענגע און געגעבן אַ מאַמען, זי זאָל עס איינפלעכטן אַ מיידעלע אין די האָר אריין. די קינדער מיט די בלויע אויגעלעך און פלאַקסענע הערעלעך, סיי ביי די אירישע, און סיי ביי די דייטשע עלטערן, האָבן אים מחמת דעם ליב געהאַט.

איינמאָל אין וואַרימען פאַרמיטאָג האָט דניאל אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר פון אַ צוויי־צימערדיקער, האַלב־פינצטערער דירה, ניט ווייט פון איסט־ריווער. פון אינעווייניק האָט אַ פרויען שטים געגעבן: „קאַם אין!" אַ יונגע, אירישע פרוי מיט צוויי ליכטיקע, בלויע אויגן האָט אים מיט די בליקן באַגעגנט, ווען ער איז אריינגעקומען. אירע אויגן האָבן אַרויס־געלויכטן פון אונטער אַ הויכן, אָפענעם שטערן, און באַלויכטן דאָס שמאָלע, אָפּגעצערט פּנים. זי איז געזעסן נעבן האַלב־טונקעלן פענצטער. דניאל האָט אין האַרצן זי געשאַצט ניט מער ווי דריי און צוואַנציק יאָר, כאָטש צוויי קינדערלעך האָט ער ביי איר געטראָפן. איין קינד, אַ מיידעלע, אין איר גערעאָטן פון אַ יאָר פיר, איז געזעסן אויפן דיל און זיך געשפּילט מיט קאָלירטע פאַפּירלעך; און אַ צווייט קינד, אונטער אַ יאָר, אַ יינגל, האָט געזויגן איר ברוסט.

ווען ער איז אריינגעקומען, האָט זי די ברוסט ניט באַהאַלטן. א יונגע, לענגלעכע, ניט שטאַרק אָפּגעשטאַנענע פון גוף, איז געווען די אָפּגעדעקטע ברוסט. דאָס קינד, וואָס האָט געהאַט אַ קליין, לענגלעך פּנימל, איז אַזוי בלייך־ווייס געווען ווי דער מוטערס ברוסט. אין שטוב איז געווען אויפ־געראַמט; אַביסל שוין צופיל זויבער, וואָס האָט געשמעקט מיט עלנט — ווי אין שטוב וואָלט קיין ברויט ניט געווען.

די יונגע פרוי האָט אים מיט די אויגן פאַרבעטן, ער זאָל נעבן איר

אַנידערשטעלן אויף אַ בענקל זיין סחורה. מיט דער באַנעמונג פון אַ גוט דערצויגן קינד האָט זי אַנגעריירט זיינע סחורות. אַ שפּיגעלע — דאָס האָט זי אין דעם אריינגעקוקט, און דערנאָכדעם עס פאַרזיכטיק אַנידערגעלייגט צוריק אויף אַן אָרט. אַ שטיקל שמעקעדיקע זייף — האָט זי טיף דעם ריח אין זיך אריינגעצויגן, און דערנאָכדעם פאַרזיכטיק צוריק אַנידערגעלייגט. אַ שערל האָט זי אויסגעפּרואווט אין לופט ווי עס קלינגט דער שטאָל ווען מען שערט; אויפגעעפנט אַ פּאַר „בריוולעך" נאָדלען, און געציילט די נאָדלען... ס'האָט ניט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז די פרוי קלייבט זיך עפּעס קויפן ביים יידישן פּעדלער. דאָס מיידעלע איז צוגעגאַנגען נאָענט, שטיל נאָכגעקוקט דער מוטערס באַוועגונגען — אָבער זיך ניט צוגערירט צו די „שיינע" זאַכן ביים פּעדלער אין זיין פּלאַך קעסטעלע, וואָס ער האָט עס באַפעסטיקט פון די שטריקלעך אויף זיין האַלדז. דאָס קינד ביי דער מוטער אויפן האַנט האָט איינגעדרימלט, ארויסגעלאָזן דעם ברוסט־נאַפּל פון מויל; אַ ראָזן, ניט קיין צו לאַנגן נאַפּל, מיט אַ ברוין רעדעלע ארום. די מוטער האָט די ברוסט ניט באַהאַלטן, ווי זי האָט גאַרניט געפילט, אַז דאָס קינד איז איינגעשלאָפן.

דניאל האָט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ פּעדלער, וואָס האָט אַנגעקלאַפּט אין טיר צו פאַרקויפן עפּעס פון זיין סחורה. ער האָט זיך ניט אָפּגעגעבן קיין חשבון וויפל צייט ער פאַרברענגט דאָ. עס האָט אים אפילו ניט געאַרט דאָס וואָס ער איז שטום, ער פאַרמאָגט ניט די ווערטער פון איר שפּראַך — ער זאָל איר עפּעס קענען זאָגן.

באמת, ווען ער קען זיך מיט איר צונויפרעדן, וואָלט ער איז אזוי געזאָגט:

— כ'זע דו ביסט אָרים, ווילסט קויפן און האָסט ניט קיין געלט צו באַצאָלן, דאַרומעד איז מיין עצה: קלייב זיך אויס וואָס דיר געפעלט און איך וועל עס דיר אויסבאָרגן; באשר איך געטרוי דיר. איך בין זיכער, אַז מיט דער צייט וועסט עס מיר באַצאָלן.

באמת וואָלט ער איר אַזעלכעס געזאָגט. אין דער היים, אין טאַטנס איינקראָם, האָט מען אויך געגעבן אויסגעבאָרגט. אים לייגט זיך אויפן שכל, אַז דאָ וועט ער מיט דער צייט אויסבאָרגן סחורה אַזעלכע באַלעבאָסטעס, וואָס מען קען געטרויען.

אָבער איצטער ווייס דניאל אליין ניט וואָס צו טאָן. אים חידושט שטאַרק, וואָס די פרוי מאכט ניט קיין וועזן פון דעם וואָס איר ברוסט איז געבליבן אָפּגעדעקט. אמת, זי האָט נאָך אויף אים קיין רעכטן קוק ניט געטאָן. איר בליק האָט זיך אַ פּאָר מאָל אַראָפּגעגליטשט און געפאַלן אויף זיינע הענט, וואָס זיינען געלעגן אויף זיינע קני, בעת ער איז געזעסן ביים זייט פון זיין סחורה.

צום סוף האָט זי אויסגעקליבן אַ גרעסער שערל, האָט עס אַנגעשטעלט אַנטקעגן זיין פּנים, און עפּעס געזאָגט, וואָס ער האָט ניט פאַרשטאַנען דעם גאַנצן מיין. ער האָט אַנגערופן דעם פּרייז: — „טווענטע פייוו סענטס". זי האָט אויף דעם געענטפערט מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל, און דערביי האָט זי זיך געכאַפּט — אַז אַ ברוסט איז ביי איר אָפּגעדעקט. אין געאייל, האַלב פאַרשעמט און האַלב דערשראָקן, האָט זי די ברוסט באַהאַלטן אונטער אַ

דינער, זויבערער, אין אַ פּאָר ערטער פאַרצערעוועטער, גרין־ראָזער בלוזע.

אין דעם מאָמענט איז פון דרויסן אריינגעקומען אַ מאַן אין אירע יאָרן, אויך אַ בלאָנדער; אַביסל שכור דהאָט ער אויסגעזען. זיין פּנים האָט געגליט. דניאל האָט דערקענט, אַז דאָס איז דער מאַן און טאַטע פון די קינדער. די פרוי האָט זיך אויפגעהויבן מיטן קינד אויף דער האַנט, איז געגאַנגען דעם מאַן אַנטקעגן. זי האָט אים עפּעס געזאָגט, און דערביי צו אים אַ ליבלעכן שמייכל געטאָן. אָבער דער מאַן האָט איר ברוגז אָפּגעענט־פערט. באַוויזן זיינע לײדיקע הויזן־קעשענעס, און איז אריין אין צווייטן, פינצטערן צימער.

פון דעם אַלעמען האָט דניאל פאַרשטאַנען, אַז די פרוי וויל קויפן אַ שערל, נאָר דער מאַן האָט אויף איר ברוגז אַנגעשריגן, באַוויזן זיינע קעשענעס, אַז ער פאַרמאָגט ניט קיין סענט.

האָט דניאל אַרויסגענומען פון צווישן זיין סחורה דאָס אייגענע שערל, וואָס די פרוי האָט אויסגעפּרואווט און מיט אַזאַ ליבשאַפט צוריק אַנידער־געלייגט אויף אַן אָרט, און געזאָגט אויף יידיש: „נעם דיר דאָס שערל; ווען דו וועסט האָבן — וועסטו מיר באַצאָלן”... שנעל האָט ער עס געטאָן; אויף שנעל אריינגעלייגט איר דאָס שערל אין האַנט אריין, אַריבערגענומען דאָס שטריקל פון זיין פעדלער־קעסטל איבערן קאָפּ, און אַרויסגעאיילט פון שטוב. אין איילעניש האָט ער אפילו פאַרגעסן אַ קוק צו טאָן אויף דעם נומער פון דהויז.

דאָס האָט געטראָפן אין יענעם פאַרמיטאָג, ווען ער האָט שפּעטער זיך פאַרריסן מיט אַן אירישן וואוילן יונג און געקראָגן אונטערגעשלאָגן אַן אויג. אַ סך האָט דניאל געטראַכט פון יענעם טאָג. אים איז כסדר אויפן זינען אַרויפגעקומען די אירישע משפחה, די קינדערלעך, איר מאַן, און דאָס שערל, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אויף באַרג. אַ וואַרימקייט האָט אַרומ־גענומען זיין האַרץ, ווען ער האָט געטראַכט פון יענעם פאַרמיטאָג. אַ פרעסטעלע האָט אין דער אייגענער צייט אַנגערירט זיין לייב, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אַן ברוגזן מאַן.

— עך, ווען איך וואָלט דאָס לשון געהאַט! — האָט ער בשעת מעשה געטראַכט.

מיט אַ וואָך דריי שפּעטער, ער האָט שוין כמעט אַנגעוואָרן די האָפענונג צו דערקענען דאָס דהויז, וואו אויפן דריטן שטאָק האָט ער געלאָזן אַ שערל אויף באַרג, האָט ער אין דער געגנט אַרום איסט־ריווער פלוצלונג דער־קענט דאָס בלאָנד מיידעלע, וואָס האָט זיך איצטער מיט נאָך קינדער גע־שפּילט... „אָט איז דאָס הויז!”

עס האָט אים אַ צי געטאָן אַרויפצוגיין. ער האָט ניט געדענקט גוט די טיר. אָבער נאָך דעם ווי ער האָט אַנגעקלאַפּט אין אַ דריי טירן און האָט ניט געקראָגן קיין ענטפער — האָט ער פלוצלונג פון דער פערטער טיר דערהערט דעם באַקאַנטן און אַזוי ליבן: „קאַם אין”. אים האָט אַנגעהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ בעת ער האָט די פרויען־שטים דערהערט.

ווען דניאל האָט געעפנט די טיר — האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַ געדיכטע, גרויע פּאַרע און אַ זויערער ריח פון וועש וואַשן. דאָס גאַנצע צימער, פון דיל ביז צו דער סטעליע האָט זיך געוויקלט אין פייכטן

נעפּל. אין דעם נעפּל, ביים פענצטער, איבערגעבויגן איבער אַ בלע־כענער באַליע, פול מיט וועש, מיט ביידע הענט אין די וועש, איז גע־שטאַנען די אייגענע יונגע, בלאָנדע פרוי, בלויז אין אַ קורץ אונטערקליידל, פון די היפטן ביז אַרויף איז זי געווען נאַקעט. זי האָט געוואַשן און ביידע בריסט האָבן זיך געוויגט אין נעפּל.

דניאל איז אַ ווײַלע געבליבן ביי דער טיר און געוואַרט. „ניט אירע אייגענע וועש וואַשט זי; פרעמדע וועש, און דאָס איז דער מקור פון איר חיונה... פון גרעט וואַשן וועט זי באַצאָלן פאַרן שערל". שנעל, שנעל זיינען די מחשבות געלאָפן אין קאָפּ, בעת זי האָט אין די ערשטע פּאָר מינוט צו אים אפילו דעם קאָפּ ניט געווענדט.

— אוי, ווען איך וואָלט איצטער געהאַט איר לשון! — האָט ער שטיל געשעפּטשעט.

ווען ער וואָלט איצטער זיך געקענט מיט איר צונויפרעדן, וואָלט ער זיך פאַר איר נידעריק ענטשולדיקט און אַרויס פון שטוב. אפילו מער ניט אַנקלאַפּן אין איר טיר מער. אָבער וואָס קען ער איר איצטער זאָגן? אַז בלויז אָנצורופן ביים נאָמען זיינע אַרטיקלען, און אָנרופן דעם פּרייז — מער קען ער ניט. ער קען נאָך אויך זאָגן: „גוד־מאָרנינג" און „גוד־באַי."

אַ שווידערלעכער געדאַנק איז אָנגעלאָפן:

— און וואָס, אויב פון פינצטערן צימער נעמט און שפּרינגט אַרויס אַ צעכראַשטשעטער איר מאַן, און וואַרפט זיך אויף מיר שלאָגן?!

אין די פּאָר אָנגעשטרענגטע מינוטן האָבן זיינע אויגן אַרומגעבלאָנ־דזשעט. ער האָט מורא געהאַט צו קוקן אין דער זייט פון דער האַלב־נאַקעטער פרוי, וואָס שטייט איבערגעבויגן איבער דער באַליע, און וויגט איבער דער וועש אירע צוויי יונגע, אָרימע בריסט.

ווען דניאל האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי צום אַרויסגיין — האָט זיך די יונגע פרוי פּלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן, פאַרלאָפן אים דעם וועג, מיט דער פּלייצע אין טיר און מיטן פּנים צו אים — האָט זי אַראָפּגעכאַפּט פון זיין האַלדז זיין קעסטל סחורה, אַ שטעל געטאָן עס אויפן דיל, אַריינגעכאַפּט זיין קאָפּ אין אירע פייכטע אָרעמס, געדריקט זיין קאָפּ צו איר פייכט און וואַרים לייב, מיט אירע בריסט האָט זי אים זיינע אויגן און מויל פאַרמאַכט — אַזש אין קאָפּ האָט אים אַ שווינדל געטאָן, און ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן דיל.

זי איז אַנידערגעפאַלן צו אים און ווידער אַרומגעכאַפּט זיין קאָפּ; געקושט זיין פּנים, זיינע ליפּן — ביז בלוט זיך איינגעזויגן אין זיינע ליפּן. ער האָט געהערט ווי איר האַרץ קלאַפּט. ער האָט געהערט ווי איר בלוט רוישט. אין איר דין, אָפּגעצערט לייב האָט זיך געבויגן איבער זיין נאַקן, זיך געגראַבן אין זיין לייב. זי האָט געמורמלט ווערטער וואָס ער האָט ניט פאַרשטאַנען, געקרעכצט אַ צעפּייניקטע, בעת איר לייב איז אַלץ הייסער געוואָרן און זיך געצאַפּלט אין פאַרלאַנגקייט אונטער דער וואָג פון אַ מאַן, וואָס איז אויף אַ ווײַלע אַרויסגעריסן געוואָרן פון זיין קרעמערשער וועלט און אַרויפגעשליידערט געוואָרן אויף אַ זודיקער כוואַליע, וואו ער ווערט אויפגעלייזט און אין נעפּל צערונען.

דערנאָכדעם האָט זי אים אָנגענומען פאַר ביידע אַקסלען און אים אַנידערגעזעצט. זי האָט אים אָנגעטאָן אויפן האַלדז זיין פעדלער־קעסטל און דערצו צוגעלייגט דאָס שערל וואָס ער האָט איר איבערגעלאָזן. דער־נאָך האָט זי אים אָנגענומען ביי ביידע הענט, ווי מען נעמט אָן אַ קליין קינד, אויפגעהויבן פון דער ערד דעם געזונטן מאַן, האָט אים אויפגעשטעלט אויף די פיס, צוגעפירט צו דער טיר, אויפגעעפנט, אַרויסגעלאָזן אים, און צוגעמאַכט די טיר הינטער אים. ער האָט נאָך געהערט ווי זי האָט דעם שליסל איבערגעדרייט אין שלאָס.

שפּעטער האָט דניאל אזוי גרינג ניט געטראָפן אַהיים. ער האָט דעם טאָג שוין מער ניט געקלאַפּט אין קיין שום טיר, און קיינעם ניט פאַר־געלייגט זיין סחורה. ער האָט זיך דערקליבן ביז צום ברעג פון איסט־ריווער און איז דאָרט אַ מידער געבליבן זיצן. ער האָט געפּרוּווט אליין פאַר זיך דורכלופטערן דאָס, וואָס מיט אים איז פאַרלאָפן אין דער אַנגע־פאַרעטער שטוב.

זייט־ביי־זייט מיט דעם זיינען פאַר זיין דמיון פאַרבייגעגאַנגען איינס־ביי־איינס די שטוב־לייט. „ווען זיי וואָלטן זיך דערוויסן וואָס מיט מיר איז היינט פאַרלאָפן! ווי דערציילט מען עס נתנען, צי היללן?" ער האָט שוין געהערט מעשיות פון פעדלער, וואָס האָבן ניט קיין ווייבער, און באַלעבאָסטעס באַצאָלן זיי פאַר זייער סחורה מיט אייגן לייב. טוען עס צוליב אָרימקייט, און אפשר... צאָלן מיט אייגענעם לייב!

— אָבער וואָס איז מיט מיר געשען? וויפיל איז דאָס גאַנצע שערעלע ווערט... פינעוו און צוואַנציק סענט!

דניאל ווייס, אַז פאַר אַ קלייניקייט קויפט מען זיך איין אויף עלען סטריט פרויען־לייב און אַביסל ליבשאפט. אָבער דאָס איז דאָך ניט עלען סטריט. אַ מאַמע פון קינדער. ער האָט זי צום ערשטן מאָל געזען אַזאַ פרומע, אַזאַ ריינע, אַזאַ באַשיידענע און לויטערע. צי דען פאַר אַ שערעלע צאָלט מען אזוי טייער? ניין, אוודאי ניט. „האָט זי דען פאַרשטאַנען, אַז יעמאָלט וואָלט איך באַנ׳איר איבערגעלאָזן מער ווי אַ שערעלע? צום סוף האָט זי דאָך מיר דאָס שערעלע אויך אומגעקערט!"...

דניאל פילט ווי אַ וואַרימער טוי באַדעקט זיינע אויגן, און דאָס גרינלעכע וואַסער פון איסט־ריווער פליסט ווי אונטער אַ דינעם נעפל.

— זי איז דאָך אַ ניט־יידישע. מע שרייט מיר אַזוי אָפט נאָך אין יענע גאַסן „דוירטי שיני"... ווי קומט זי אַזוי גרינג אַוועקגעבן איר גאַנץ לעבן צו אַ יידן, וואָס זי האָט ניט ליב? דאָס איז דאָך ניט צוליב אַ שערעלע!

ס׳פאַרלויפט אַ געדאַנק:

— און וואָס, ווען אין יענער רגע עפנט זיך די טיר, ווי צום ערשטן מאָל, און עס קומט אַריין איר מאַן — וואָס וואָלט יעמאָלט געשען? אפשר וואָלט ער ביי מיר פון קעסטל אַ כאַפּ געטאָן אַ מעסער און אונדז ביידן דערשטאָכן!

אַ סקרוך לויפט אים דורך איבערן גאַנצן לייב. ער פילט ווי די האָר אויפן קאָפּ הייבן זיך אָן צו רירן — ממש די האָר זיינע שטעלן זיך אויף פאַר גרויל. א פחד כאַפּט אים אַרום צו זיצן אַזוי ביים איסט־

ריוועד. אפשר איז טאָקע דער מאַן אירער אריינגעקומען, ער האָט זיך דערוואוסט פון געשעענעם — און ער האָט זי שוין דערשטאָכן... איצטער, אַ האַלב משוגענער טרייבט ער זיך אַרום איבער די גאַסן און זוכט אַרום דעם „דוירטי שיני", דעם פּעדלער, וואָס האָט זיך איינגענאַדזשעט און קומט צו זיין ווייב, בעת ער איז אין שטוב ניטאָ.

דניאל האָט דערפילט אַ שוואַכקייט אין זיינע קני. פונדעסטוועגן איז ער אויפגעשטאַנען, מיט שלאַבעריקע טריט האָט ער זיך געלאָזט אהיים. ער האָט בשעת מעשה מורא געהאַט צו קוקן רעכטס און צו קוקן לינקס.

שוין נעבן זיין דהויז האָט אימעצער אַ כאַפּ געטאָן דניאלן פון הינטן ביים קאָלנער, און אָפּגעשטעלט.

דניאל האָט זיך טויט דערשראָקן. איז שיעור ניט אוועקגעפאַלן.

— וואָס האָט איר זיך אזוי דערשראָקן? כאַ־כאַ־כאַ!

ס'איז געווען לייבל חלפן, וואָס האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— האָ, זיך איינגעמאַטערט; די ברידער, האָב איך מורא, זיינען אייך ניט מקנא... גוט, איך קען פאַר אייך געפינען אַ פּלאַץ ביי מיר אין שאַפּ.

— וועל זיך אפשר מישב זיין.

דניאל האָט איבערגעלאָזן חלפנען, און איז אוועק צו זיך אין שטוב.

אין שטוב האָט דניאל געטראָפן קריינדלען, זי איז געשטאַנען ביי אַ באַליע און האָט געוואַשן וועש.

— אַ רחמנות אויף דיר, ווי דו האָרעוועסט אזויפיל... לאָז, איך וועל דיר העלפן.

קריינדל האָט אירע אויגן ניט געגלויבט בשעת דניאל האָט פאַרקאַשערט די אַרבל און איז אַריין אין די גרעט אַריין. „ווי קומט צו דניאלן אַזאַ גוטסקייט?" — האָט זי אַ טראַכט געטאָן.

דערנאָכדעם איז קריינדל צוגעגאַנגען צו דניאלן, אַרומגענומען זיין קאָפּ און מיט ליבשאַפט אים צוויי מאָל אַ קוש געטאָן אין באַק. דניאלס פנים האָט זיך אָנגעצונדן, אין די אויגן איז אים געוואָרן הייס. ער האָט געריבן, געריבן די גרעט גאָר אָן חשבון, דערמיט ניט אַזוי צו דהעלפן זיין איינאיינציקער שוועסטער — ווי אויסצוקויפן זיך פון אַ שווערער זינד.

— גיי אַרויס דרויסן, קריינדל. זעסט אויס אַזוי שלעכט. גיי ארויס און באַטראַכט די וועלט, און איך וועל וואַשן די גרעט... — האָט דניאל גערעדט און ניט אומגעווענדט דאָס פנים צו איר.

קריינדל איז געשטאַנען, פון דער זייט געקוקט צו איר ברודער. איר איז ליכטיק געוואָרן אין האַרצן פון זיין גוטסקייט.

קאַפּיטל פיר

צו די לוריאַס האָט אריה דעמבאָוויץ דער ערשטער געבראַכט גרוסן פון די אלערליי רעוואָלוציאָנערע קרייזן. ער האָט אָבער וועגן זיי גערעדט ווי אַ ציניקער:

— די גרויסע העלדן האָבן דאָרטן אין רוסלאַנד איינגענומען אַ שטור־מעניש; נאָר דאָ רעדן זיי פאַר פּייער און פאַר וואַסער. אָבער ס'איז „אמרו לאלהים״... מע רעדט צו דער וואַנט!

— פאַרוואָס? — האָט הילל געפרעגט.

— דאָרטן, וואו מע לאָזט שילטן אפילו דעם קיסר אין דער מאַמען אריין, איז אַ סימן, אַז מע האָט פאַר סתם דיבורים קיין מורא ניט. טי מואוו, א יאַ זדרואוו... אונטערערדישע פייערן, ווען זיי ברעכן אויס, ברודערקע, ווערט א ערדציטערניש; און אַז אַן ערדציטערניש, ברודערקע — פאַלן שוין פאַרפוילטע בנינים איין. דאָ איז אַ פרייע קאַונטרי. ווילסט ווערן אַ מיליאָנער — קענסטו.

— פאַרוואָס ביסטו פאַר די פאַר יאָר ניט געוואָרן קיין מיליאָנער?

— איך פאַרשטיי די קונץ ווי צו ווערן א פאַסקודניאַק, נאָר איך וויל ניט.

— כאַ־כאַ־כאַ, האָט זיך הילל צעלאַכט.

דו וועסט אויך ניט ווערן קיין מיליאָנער; אָבער דיין בראַטאַק, דער פעדלער, אויף אים קען מען זיך ריכטן. דו וועסט קיינמאָל ניט זיין צו־פרידן מיט קאָלומבוסעס מדינה.

דאָ האָט אריה הילן גוט תופס געווען.

— איך האָב דאָך געזאָגט — האָט הילל אויסגעשטרעקט זיינע צוויי שווער־געוואָרענע הענט — זיי בענקען נאָך שווערער פּראַצע. און זיי דאַ ווילן מיך אָנידערזעצן מיט אַ נעדעלע אין האַנט. איך זאָל שטשאָבען, צי איינ־נייען קנעפּלעך. אַז ניט דערלעבן זאָל אַמעריקע, איך זאָל מיר עסקן מיט אַ נעדעלע! איך וויל אַרבעטן אויף דער פריי!

הילל האָט פון אונטער דער ערד געגנישטערט שווערע אַרבעט. דער עיקר, ער זאָל קענען אַרבעטן אויף דרויסן. די פאַר וואָכן וואָס ער האָט געאַרבעט צווישן ניט־יידן, ניט ווייט פון „ברוקלין־ברידזש״, וואו ער האָט געגראָבן די ערד און געשלעפּט שווערע שטיינער — דאָרטן איז ער געקומען צו זיך. ביי דערדאָזיקער אַרבעט האָט ער זיך דערפילט דערהויבן אין זיינע אייגענע אויגן. און דעם דרייסיקסטן מאַי, ווען „ברוקלין־ברידזש״ איז אָפיציעל געעפנט געוואָרן פאַר דעם ברייטן עולם, האָט הילל גענומען אונטער זיין שוץ קריינדלען און יוכבדן און זיך געלאָזט שפּאַנען צופוס

איבער דער „גרעסטער בריק אויף דער וועלט". אין דער פּאַניקע, וואָס האָט אויסגעבראָכן צווישן דער גרויסער מענטשן־מאַסע, וואָס האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן צו זיין פון די ערשטע דורכצושפּרייזן „ברוקלין־ברידזש" ביז ברוקלינער זייט; אַ סך מענטשן זיינען יעמאָלט צעטראָטן געוואָרן — האָט הילל, ווי אַן אמתער העלד ארויסגעראַטעוועט די צוויי מיידלעך. ער האָט נאָר אַ צעשלאָגענעם רעכטן עלנבויגן געבראַכט אַהיים. אָבער פון בריק אין טייך אריין דהאָבן זיי אַלע דריי אַראָפּגעקוקט! אָ, אַ גרויסער טאָג איז דאָס געווען פאַר היללן! יוכבד איז ווי „אַ צאַרטע בלום" געהאָנ־גען אויף זיין ברוסט אין גרויסן געדרענג. ער האָט אין אירע צעשראָקענע און בלויע אויגן אריינגעקוקט. אַ גרויסער טאָג איז דאָס פאַר היללן געווען.

ביי זיין ארבעט איז הילל ניט אליין. ער האָט זיך פארחברט מיט אַ וואָלינער יונגען פויער, וואָס איז פאַרשלעפּט געוואָרן קיין ניו־יאָרק פון זיין היימישן דאָרף. ער האָט זיך געפּוילט גיין דינען דעם נייעם קיסר, און מיטן יידישן שטראָם איז ער אַריבער די גרענעץ, געקומען אין דער יידישער מדינה אויף דער איסט־סאַיד — טאַראַס ראַזומני האָט ער געהייסן, און יידיש האָט ער גערעדט אויף חידושים. אָט, דערדאָזיקער איין און צוואַנציק יאָריקער גוי האָט געהאַט גרינגע, וואַסערדיקע אויגעלעך, וואָס האָבן שטענדיק געלאַכט. היללן איז ער געווען איבערגעגעבן מיטן גאַנצן לעבן, און צוליב דעם איז ער געוואָרן איינגייער צו די לוריאַס.

— איך, העלפן קריינדלען קוכן — דהאָט טאַראַס זיך יעדעס מאָל פאַרענטפערט.

קריינדלען האָט ער שטענדיק ריין געמאַכט דעם קאָכלאָמפּ און גע־שיילט פאַר איר קאַרטאָפליעס.

— איך לופע צען בולבעס, איינע פאַר זיך, כאַ־כאַ־כאַ.

* * *

אין אַ דושנעם אָוונט איז אריה דעמבאָוויץ געקומען און פאַרנומען היללן און קריינדלען אויף אַ דיסקוסיע אין אַ קעלער ערגעץ אויף איסט־בראָדוויי. אויף יענע דיסקוסיעס איז געווען וואָס צו הערן. ס'מויל, וואָס איז אין רוסלאנד פאַרשלאָסן געווען אויף זיבן שלעסער, די שאַרפע צונג, וואָס האָט אין דער פאַרשאָלטענער רוסלאַנד איינגענומען אַ שטומעניש, — דאָ, אין פרייען לאַנד, איז דאָס פאַרשלאָסענע מויל אויפגעפּראַלט געוואָרן, און פראַנק און פריי האָט דער היימישער רעוואָלוציאָנער געקענט שיסן מיט קללות אויף די דעספּאָטישע הערשער. די שאַרפע צונג האָט מיט פלאַם־פייער געשאָסן אויף די קעפּ פון די אומגערעכטע וועלט־פאַרכאַפּער, אויפן דעספּאָטישן צאַר און זיינע אַרויסהעלפער.

אויף דער איסט־סייד, וואו אַלטער, היימישער עלנט האָט אויף אַ נייעם שטייגער געבליט; וואו אין דער כלומרשטדיקער פרייהייט האָבן דערוויילן קראַנקייטן געבליט, ענגשאַפט, אומריינקייט האָבן געלייגט זייער שטעמפּל אויפן טאָג־טעגלעכן „גרין־גרויען" לעבן, און וואוהין די דרויסנדיקע ניט־יידישע וועלט, און אויך טייל פון דער אויפגעקומענער יידישער וועלט, דהאָבן אַריבערגעקוקט מיט אַ געפיל פון עקל און שפּאָט — אָטאָ־דאָ, צווישן די קנעכט פון מאָדערנעם מצרים, זיינען אומגעגאַנגען די, וואָס

האָבן אין דער אַלטער היים „וועלטן איינגעלייגט"; האָבן אין דער אלטער היים „אונטער דער ערד" רעוואָלוציאָנערע פייערן אָנגעצונדן. און אויך אַלערליי שפּאָגל נייע אידעאַליסטן, וואָס האָבן אין פרייען לאַנד דעם היילִיקן פייער דערשפּירט צום ערשטן מאָל אויפן שפּיץ צונג.

אין דער טומלדיקער, ענגער און אָפּגעשלאָסענער איסט־סיידער וועלט זיינען געווען גייסטיקע ווינקעלעך, פונוואַנען מען האָט אַריבערגעקוקט צו רוסלאַנד, ווי צו אַן אַלטער וועלט, וואָס וועט היינט־מאָרגן איינפאַלן; נאָר אַ גוטן שטויס טאָן, אַ געלונגענעם געשריי אַריבער ימען — וועט עס דאָרטן די רעוואָלוציאָנערע פייערן ווידער אויפבלאָזן. פריש איז נאָך געווען דער רושם פון אלכסנדר דעם צווייטנס מיתה משונה. אויף דער איסט־סייד זיינען פראַנק־און־פריי אומגעגאַנגען אַזוינע, וואָס האָבן מיט אלכסנדר דעם צווייטנס טויט געהאַט אַ גרויסע שייכות. עס האָט זיך געפּרוכפּערט ריינער אידעאַליזם אויף פליגל פון היימישער גאווה.

רעדן איז פאַראַן פאַר וועמען. דער, וואָס איז אַוועק פון קלויזנ־באַנק אַביסל אַ „געכאַפּטער", און איז געקומען קיין אַמעריקע און אויפגע־שפּיליעט אַלע ענג פאַרשפּילעטע קנעפּ ארום זיין גייסט; אַדער אַזעלכע, וואָס האָבן אינדערהיים אריינגעקוקט בגנבה אין די געפערלעכע ספרים וואָס רעדן פון „קאַפּיטאַל און ארבעט"; אָדער אפילו דער שטילער האָרע־פּאַשניק פון דער אַלטער היים — דאָ האָט מען אָנגעהויבן זוכן אַ זינען פאַר שווערער פראַצע; אַ זינען פון אַזעלכע ווערטער ווי „צוקונפט", און „פרייהייט". אויערן דורשטיקע און הונגעריקע, צו הערן אַ פסוק פון אַ נייער תורה — אַ, אַזעלכע אויערן זיינען געווען לרוב! מיט געפליגלטער רוסישער שפּראַך, און אויך מיט שלעכטן יידישן לשון האָבן אונדזערע יידישע רוסן געגלעט דאָס הארץ פון ערשט געבוירענעם יידישן פּראָלע־טאַריער, וואָס האָט געטאָן כל המינים עבודת פרך, און אומגעגאַנגען ווי אויפן עולם התוהו.

ווען אריה, הילל און קריינדל זיינען אָנגעקומען צום קעלער, וואו די דיסקוסיע איז אָנגעגאַנגען, איז שוין דער קעלער געווען געפּאַקט. אין דער שטיקנדיקער היץ איז מען געשטאַנען ממש אויף די קעפּ. זיי האָבן דעריבער באַדאַרפט בלייבן שטיין ביי דער טיר, זיך ציען אויף די שפּיץ פינגער, כדי צו כאַפּן אַ בליק אויף דעם רעדנער.

דער רעדנער, מיט פענסנע אויף זיין שמאָלער נאָז, האָט אַלע ווילע אַרויפגעשאַרט זיין שווארצע קוטשמע האָר וואָס איז אים פון דער זייט כסדר אַרויפגעקראָכן אויפן מיטן שטערן. ער האָט שוין געהאַלטן ביים ענדיקן. ער האָט גערעדט אויף רוסיש, און צופיל באַנוצט דעם „קאָנעטשנאָ".

— קאָנעטשנאָ, חברים און בירגער... ווער לאַכט עס פון אונדז און זאָגט, אַז מיר זיינען טרוסן; האָבן מורא געהאַט צו בלייבן אויף די באַריי־קאַדן, און אַז נאָר דאָ זיינען מיר געוואָרן גרויסע העלדן? קאָנעטשנאָ, יענע מודרעצעס וואָלטן געווען גערעכט, ווען דאָס וואָלט טאַקע געווען אַן אמת. אָבער, טאָוואַרישטשי, ס'איז ניט אַזוי. מיר דאָ פון ווייטן גרייטן מיר צו די נייע אַטאַקע. קאָנעטשנאָ, אלכסנדר דער צווייטער איז געפאַלן דורך אַן אַטאַקע, וואָס איז דאָרטן צוגעגרייט געוואָרן, אָבער מיר זעען דאָך ארויס, אז דער רוסישער טראָן שאָקלט זיך... אויב איגנאַטיעוו האָט

געמוזט אַראָפּ פון זיין פּאָזיציע, קאָנעטשנאָ, דאָס איז אַ באַוויז, אַז דאָרטן, גאָספּאָדאַ, איז מען צעטומלט. מיר שטרעקן אויס פונדאַנען אונדזערע רעוואָלוציאָנערע הענט איבערן אַטלאַנטיק, מיר שטרעקן אויס אונדזערע רעוואָלוציאָנערע הענט צו די ברידער רעוואָלוציאָנערן, וואָס שטייען אויף דער וואַך!

אין עולם האָט מען מוטיק אַפּלאָדירט. אויף זיינע „הייסע טריט" איז אָנגעקומען אַן אַנדער רעדנער, מיט אַ בלאָנד פאַרשוירן בערדל, אויך אין ברילן, וואָס האָט דוקא גערעדט אויף יידיש, איבערגעמישט מיט רוסישע ווערטער. ער האָט אויך דעם „קאָנעטשנאָ" ניט אַרויסגעלאָזט פון מויל:

— טאָוואַרישטשי און גראַזשדאַנעס — און ער האָט כסדר זיך אונטערגעהויבן, כדי אַריבערצובליקן צום עולם ביים טיר, וואו מען איז אויף די קעפּ געשטאַנען — די רוסישע דעספּאָטן, וואָס האָבן אונדז ראַזאָראַיעט ווי יידן, האָבן געהאַט זייער ראַשטשאָט צו איזדעקעווען זיך איבער יידן... זאָלן מיר זיין בלאַגאָדאַרנע פאַר דעם גליקלעכן סלוטשאַי! הלוואי וואָלטן אַלע יידן ווי איין מענטש זיך נעמען פאַר די הענט און פאַרלאָזן די נעשטשאַסטנע רוסלאַנד... צוליב וואָס טעראַיען אַ לעבן אין פינצטערער געטאָ, ווען אַזאַ פּראָסטאָר איז דאָ פאַר יידן אָפן?!

— וואו פּראָסטאָר? ווען פּראָסטאָר? — האָט אריה דעמבאָוויץ פון זיין פּלאַץ ביים טיר אַ געשריי געטאָן — צוריק קיין רוסלאַנד! דאָרטן איז אַ פּ ר אָ ס־ס ט אָ ר!...

— וואַרפט אים אַרויס, דעם חוצפּהניק! — האָט זיך דערהערט אַ שטים פון רעדנערס ווינקל — פּראָשו, גאָספּאָדאַ, וואַרפט אים אַרויס!

— כ'בין אייך מוחל אייער פּראָסטאָר, און פּרוּווט מיך אַרויסוואַרפן. ווי צעשראָקענע מייז זייט איר אַנטלאָפן פון רוסלאַנד, און איצטער קומט איר גאָר מאַכן רעוואָלוציעס אויף איסט־בראָדוויי, טרוסן וואָס איר זייט!...

— שליידערט אים אַרויס! — איז ווידער געקומען אַ באַפעל פון אויבנאָן.

אָבער אריה דעמבאָוויץ, וואָס איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון אַלעמען, האָט ניט געוואַרט מען זאָל אים אַרויסוואַרפן. ער האָט זיך אויפן הויכן קול צעלאַכט, אַרויס דרויסן, און מיט זיך מיטגעצויגן קריינדלען.

— קומט, מיס לוריא, איר וועט זיין קליגער, ווען איר וועט זייערע דרשות ניט הערן.

קריינדל האָט זיך אַביסל דערשראָקן פאַרן סקאַנדאַל וואָס איז צוליב איר באַגלייטער אַרויסגעקומען. איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אָט באַלד וועט פּאָליציי אָנקומען און אַלעמען אַרעסטירן, ווי עס פירט זיך אין רוסלאַנד.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, צוליב וואָס האָט איר דעם רעדנער איבערגעשלאָגן? — האָט קריינדל שטיל געפרעגט.

— זיי קענען מיך שוין גוט. שטענדיק, ווען איך הער זייערע נאַרישע רייד, טו איך עס. עד, ס'איז פאַראַן איין רעדנער, אויב איר וועט ניט מורא האָבן, וועל איך אייך אַמאָל נעמען אים הערן רעדן... ער רעדט אויף דייטש, ניט אַלץ פאַרשטיי איך וואָס ער זאָגט: אָבער אַלצדינג וואָלט

איך אַוועקגעגעבן אַבי אים צו הערן. אַז ער טוט אַ געשריי: „ר ע ו ו אָ ־ ל ו צ י אָ ן!...״ צינדט ער אין מיר מיין בלוט אָן! ווייס איך וואָס דאָס באַטייט, פלאַמען שפּאַרן פון זיין מויל, אַז ער רעדט. ער רופט זיי אָן, די גנבים, די וועלטרויבער, די קאַנאַליעס, ביי זייער אמתן נאָמען. קומט, אויב איר ווילט, אָטאָ דאָ זיינען מיר ווידער ביי אַ קלייזל, וואו קאָלומבוסעס סטראַפּטשעס ווילן פאַרהיטן אונדזערע נשמות.

זיי זיינען געווען אויף איסט־בראָדוויי, ווינקל דזשעפערסאָן סטריט. אַהין האָט מען אריינגעצויגן די „גרינע יוגנט״ — די עובדה פון די יאַהודים אויסצוגרינען די יידישע יוגנט און אָנווייזן איר דעם דרך הישר. דאָ איז אַלץ צוגעגאַנגען אויף אַ מאַנירלעכן אופן. דער רעדנער, אַ מיטל־יעריקער, וואוילדערצויגענער מאַן מיט איינגעפאלענע באַקן און בלאָנדער, פאַרשוירענער באָרד — האָט גערעדט מיט מיסיאָנערישער ווייכקייט. אַ גאַנץ גרויסער עולם, יינגלעך און מיידלעך, זיינען אויף בענק געזעסן און נייגעריק צוגעהערט. געווען צווישן זיי אָבער אויך אַ צאָל עלטערע יידן און יידענעס, וואָס האָבן די העלדזער געצויגן צום רעדנער.

— אונדזער אָפּגעזונדערטקייט, אונדזער געטאָ־לעבן איז אונדז שטענדיק געשטאַנען אין וועג. שטענדיק געווען אַ שטער, יידן זאָלן פּראָגרעסירן. עס איז גרינג צו באַנעמען ווי ס׳איז אויסגעקומען צו לעבן אין דער פאַר־פלוכטער רוסלאַנד, וואו יידן לאָזט מען ניט דעם קאָפּ אויפהייבן, און די טירן צו וועלטלעכער בילדונג זיינען פאר יידן דאָרטן פאַרשלאָסן. חדרים און אָבערגלויבן? פינצטערניש פון אינעווייניק און פינצטערניש פון דרויסן. גייסטיקע אָרימקייט, אינאיינעם מיט מאַטעריעלער אָרימקייט, און אַ צולאָג: ווילדע פּאָגראָמען. מען טרייבט יידן פון דאָרטן, און יידן לויפן פון דאָרטן... אָבער, צי איז דאָס קלוג, יידן זאָלן ווידער זיך אָפּזונדערן און פאַרשליסן אין אַ געטאָ; ווידער חדרים און ווידער פינצטערניש? צי דען גלויבט איר נאָך, אַז איר זייט אין רוסלאַנד? צי איר באַגרייפט גאָרניט, אַז איר זייט שוין, גאָט זיי דאַנק, אריבער דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן און דערגרייכט די ברעגעס פון אַ פריי לאַנד! אוודאי זייט איר אין דער פרייער אמעריקע! די טויערן פאַר בילדונג און פּראָגרעס זיינען פאַר אַלעמען אָפן. וואַשט אַראָפּ פון זיך דעם שימל פון דורות. איר, קינדער, גייט ניט אין די וועגן פון אייערע טאַטעס און מאַמעס, וואָס האָבן זיך געלאָזן טרעטן מיט די פיס. איר באַדאַרפט וואַקסן שטאַרקע מענטשן, באַפרייטע מענטשן, עכטע אַמעריקאַנער! אויב אייך וועט אויסקומען צו גיין קעמפן פאַר אַ לאַנד — איז דאָס פאַר דער פרייער אַמעריקע! פאַרגעסט אָן דער אַלטער היים. טראַכט ניט פון רוסלאַנד — ווייל דאָס פאַרשאָלטענע לאַנד האָט פאַר אייך ניט מער ווי פּאָגראָמען. טראַכט פון לאַנד, וואָס האָט אייך מיט אָפענע אָרעמס אויפגענומען. לערנט, איר זאָלט פאַרשטיין די שפּראַך פון לאַנד, כדי איר זאָלט זיך קענען באַנוצן מיט די אלע מעג־לעכקייטן, וואָס דאָס רייכע, פרייע לאַנד קען אייך דאָ געבן. אָבער אויב איר וועט זיך גרייטן אָפּצולעבן אַלע אייערע יאָרן אין דער נייער געטאָ, וואָס יידן האָבן דאָ באַשאַפן — וועט איר נאָר אויפרייסן די אויגן ביים אמעריקאַנער... אויב איר וועט אויסוואַקסן, און זיך אַרויסרייסן פון דער איסט־סיידער געטאָ — איז די רייכע און פרייע אַמעריקע פאַר אייך אָפן.

באפרייט זיך אליין פון געטאָ, און העלפּט אייערע טאַטע־מאַמע אַרויסצו־גיין און דערזען די ליכטיקע וועלט!

דער רעדנער האָט גערעדט, און קיין קעגנער האָט ער ניט געהאַט. אריה דעמבבאָוויץ איז דאָ שטיל געשטאַנען. אין דעם יאַהודימשן ווינקל האָט ער זיך געשפּירט אונטערטעניק. ער האָט אויך באַמערקט, אז אויף קריינדלען האָבן די רייד פון ד׳האַלבן מיסיאָנער געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק.

קריינדל האָט בשעת מעשה געטראַכט פון הילל׳ן. זי האָט מורא געהאַט, אַז דאָרטן וואו הילל איז איבערגעבליבן, האָט זיך דער סקאַנדאַל צעוואַקסן, און הילל איז אויך אין דעם סקאַנדאַל אריינגעשלעפּט געוואָרן. אָבער דאָס וואָס זי האָט געהערט, איז געווען אַביסל צופיל פאַר איין מאָל. אין מח איז איר אויף אַ ווייל ענג געוואָרן.

— ער איז אַ ייד? — האָט קריינדל שטיל אַריהן אַ פרעג געטאָן, ווען זיי זיינען שוין געווען דרויסן.

— אַוודאי איז ער אַ ייד, כאַ־כאַ־כאַ.

— וואָס לאַכט איר פון מיר?

— ניין, מיס לוריא, איך לאַך ניט פון אייך; איך טראַכט נאָר, הלוואַי וואָלט איך איצטער אַזוי יונג געווען ווי...

קריינדל האָט ניט גאָר אינגאַנצן פאַרשטאַנען אריהס מיין.

— איך ד׳האָב אייך געפרעגט, צי ער איז אַ ייד, און איר לאַכט פון מיר.

— ער רעדט דאָך אַזוי גוט יידיש, בעסער ווי יענע דאָרטן!

— מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער איז ניט קיין ייד.

— איר זייט אַ מאָלאָדעץ, מיס לוריא, אויב איר טראַכט אַזוי.

קריינדלען האָט עס אַ צי געטאָן אהיים. זי איז געגאַנגען מיט הילל׳ן, און געבליבן איז זי גאָר אליין מיט אריהן, וועמען זי האָט ניט גאָר ליב פאַר זיין אָפּלאָכן פון אַלצידנג ארום. און כאָטש ער איז שוין באַלד דריי יאָר אין לאַנד — שלעפּט ער זיך נאָך אַלץ ארום מיט זיינע קאָשיקעס קאַרטאָפליעס און זינגט אויס: „פּאַטייטעס“, „בולבעס“, „קאַרטאָפליעס“...

ווען זי האָט זיך דערנענטערט צו איר הויז, האָט זי אים אויף שנעל אַ זאָג געטאָן אַ „גוטע נאַכט“ און פאַרשוואונדן אויף די פינצטערע טרעפּ.

אין שטוב האָט זי געפונען שלמהן, וואָס האָט געאַרבעט ביי ציגאַרן אַ „סטריפּער“. ער איז געקומען אהיים, און האַלט אין איין ברעכן. שוין ניט צום ערשטן מאָל ווי דאָס טרעפט מיט של׳מהן. זיין פּנים איז געווען געל ווי אַ טאַבאַק־בלאַט, און פון אים אליין האָט געשמעקט מיט טאַבאַק. אויסער אים איז קיינער אין שטוב ניט געווען.

קריינדל האָט זיך צוגעזעצט אויפן בעט נעבן שלמה׳ן, האָט מיט דער האַנט געווישט דעם שווערן שווייס פון זיין שטערן.

— וואָס איז דיר, שלמה? — האָט קריינדל געגלעט זיין האַנט.

— מיר איז שלעכט, קריינדל... איך וועל עס ניט איבערטראָגן.

— פאַרוואָס רעדסטו אַזוי, שלמה? אפשר וועסטו זוכן עפּעס אַנדערש צו טאָן.

— ניט גוט, קריינדל. אַל׳עמען איז ניט גוט, נאָר מיר איז ערגער פון אַלעמען.

— אַלע, וואָס אַרבעטן ביי ציגאַרן, ברעכן אַזוי אויס די נשמה?

— ניט אַלע. אָבער וואָס קומט אַרויס? צוליב דעם האָב איך דען געדאַרפט קומען אַהער?
— וואָס זאָל מען טאָן, שלמה?
— כ׳ווייס ניט. מיר שטעכט אין אַ זייט אויך.
— גיי ניט אַ פּאָר טעג צו דער אַרבעט.
— איך קען נאָך דאָס אויך אָנווערן.

ביידע האָבן אַ צייט געשוויגן. קריינדל האָט געגלעט שלמהס האָר פון שטערן אויף אַרויף. זיינע האָר זיינען געווען פייכט. שלמה איז אין אַ ווילע אַרום אונטער קריינדלס הענט איינגעשלאָפן.

קריינדל האָט זיך געפּרוּווט דערמאָנען וואָס זי האָט נאָר וואָס געהערט אויף די צוויי מיטינגען, וואוהין אריה האָט זי פאַרפירט. זי איז געזעסן נעבן שלמהן, מורא געהאַט, זי וועט אים מיטן אויפשטיין אויפוועקן. אין די אויערן האָבן געקלונגען די ווערטער פון לעצטן רעדנער: „אַנטלויפט פון געטאָ״ — האָט ער געראַדט צו די יונגע צוהערער. „אָבער ווי אַזוי אַנטלויפט מען?״ — האָט קריינדל אַליין ביי זיך געפרעגט, ווען זי האָט באַטראַכט איר ברודערס געל און אויסגעלאָשן פּנים. אירע עלטערע ברידער זיינען אַוועק יעדערער מיט זיין וועג. נתן אַרבעט, אים גייט עס כּת און שטאָלץ. דניאל שלעפט זיך אַרום מיט זיין ביסל גאַלאַנטעריי סחורה און פּעדלט. ער איז אויך צופרידן. הילל טוט שווערע אַרבעט, און איז אויך צופרידן. „ווען זיי דאַביי בלייבן?״ און וואָס וועט מיין תּכלית זיין?״...

שטיל, מיט מוטערלעכער צערטלעכקייט, האָט זי אָנגעהויבן אַראָפּציען די קליידער פון דעם האַלב־פאַרחלשטן ברודער.

דערנאָכדעם האָט זי איינגענעצט אַ האַנטעך אין קאַלטן וואַסער, דעם האַנטעך אויסגעדרייט, און מיט אים אַרומגעוויקלט שלמהס קאָפּ.

שלמה האָט געהערט ווי די שוועסטער טוט אים אויס, און גוט איז אים געווען. גרינגער איז אים געוואָרן, בשעת קריינדל האָט מיטן נאַסן האַנטעך געקילט זיין קאָפּ. ער האָט שוואַך, ווי פון שלאָף זיך געבעטן: „לאָמיר אַנטלויפן פונדאַנען, קריינדל... אַנטלויפן״...

— שלאָף, שלאָף, שלמה. שלאָף איין, דיר וועט נאָך זיין גוט.

שטיל האָט קריינדל געקושט איר ברודערס קאַלטן, פייכטן שטערן.

* * *

גאָר נידעריק האָט זיך די זומערנאַכט אַראָפּגעלאָזן איבער דער איסט־סייד. אַנטקעגן דער נאַכט האָט די גאַס אַרויפגעשיקט קלאַנגען פון אַ פאַרחלשט לעבן. שלעכטע ריחות האָבן זיך פון ברוק אויפגעהויבן און שווערער געמאַכט דעם אָטעם פון דער נאַכט.

ביי די טענעמענט הייזער, אויף די טראָטואַרן, האָבן מאַמעס אויסגעבעט געלעגערס פאַר קינדער; אַרויסגעשלעפּט צום דושנעם דרויסן קישנס, שמאַטעס און צעריסענע קאָלדרעס. גאַסן־קעץ מיט גרינעם פייער אין די אויגן האָבן ווייך געטראָטן צווישן די מיסטן, האָבן ארומגעשמעקט די שלאָפנדיקע, אויסגעשוויצטע קינדער.

אין העסטער סטריט, אויפן טראָטואַר, זיצט אַ בחור האַלב נאַקעט, בלויז אין הויזן, די פיס אַראָפּגעהאַנגען צום רינשטאָק, און שפּילט אויף אַ

האַרמאָניקע אויס „באָזשע צאַרא כראַני״. ער שפּילט עס שוין צום צענטן און צום צוואַנציקסטן מאָל. ער שפּילט, און דאָס פאַרחלשטע, מידע, צעבראָשטשעטע לעבן האָט אָנגעשטעלט אַן אויער און הערט. מיט זיין שפּילן שפּרייט ער פּאַר די אין די פאַרשיטקטע היימען די רחבותדיקע רוסלאַנד, וואָס מען האָט פאַרשפּילט אויף אייביק.

אַ קינד הייבט אָן וויינען פון שלאָף. אַ מאַמע רעדט צו דעם מיט גוטן.

— שלאָף, קינד מיינס, נעם איין אַ מיתה משונה, קינד, נשמה מיינע, אינאיינעם מיט דיין מאַמען... שלאָף, שלאָף, זאָל דיין טאַטע אַזאַ הנאה האָבן פון וויסטן לעבן, ווי דיין מאַמע, די צעפּלאָגטע צויג, אַך־און־ווי איז צו מיר...

און ביי די לוריאס אויף לודלאָוו סטריט פּוילט מען זיך צו לייגן שלאָפן. אַשר איז נאָך ניט אַרויפגעקומען פון דרויסן. בלויז ישראל, זכריה און שלמה שלאָפן אין צווייטן צימער. היללס קאַוואַראַד, טאַראַס ראַזומני, וואָס איז אין אָוונט אַריינגעקומען העלפן קריינדלען שיילן קאַרטאָפליעס, איז אויך געבליבן זיצן. מען רעדט אַרום קאָלומבוסעס מדינה, און מען לאָזט דערוויל ניט אַראָפּ פון די ליפּן רוסלאַנד, די גרויסע און רחבותדיקע — אַלץ צוליב דעם, וואָס אויף העסטער סטריט שפּילט אַ יונג אויף אַ האַרמאָניקע שוין צום צענטן, און צום צוואַנציקסטן מאָל „באָזשע צאַרא כראַני״.

הילל האָט געפּרוווט אונטערברומען דעם ניגון, און ביים סוף האָט ער געשמאַק אויסגעשפּיגן. קריינדל האָרעוועט שוין מער ווי אַ שעה, בלענדט זיך די אויגן ביים קעראָסין־לעמפּל אויפן טיש. זי וויל אויפן פּאַטערס קאַרטעגעם קאַפּטן אַריינפּאַסן אַ לאַטקעלע אין פּלייצע, מען זאָל ניט דערקענען: — מחמת ישראל לוריא איז בייטאָג געגאַנגען אויף עלען סטריט, און אַן עלעוועיטער־צוג האָט פון לאָקאָמאָטיוו אַרויסגעשאָטן אַש מיט הייסע קוילן; אַביסל אַש מיט הייסן פּריסיק האָט זיך אַראָפּגעשאָטן אויף ישראל לוריאס געבויגענער פּלייצע און האָט אים אויסגעברענט אַ לאָך אין קאַפּטן. נאָך אַמאָל אַ ביטערער געלעכטער, אַ צולאָג צום אומגליק וואָס אים האָט געטראָפן מיט זיין באָרד. דערוויילע געלינגט עס קריינדלען ניט. זי האָט שוין די לאַטקע אָפּגעטרענט אַזויפיל מאָל, וויפיל יענער דאָרט דרויסן האָט געשפּילט אויף דער האַרמאָניקע דעם „באָזשע צאַרא כראַני״.

טאַראַס ראַזומני פילאָזאָפירט אויף זיין אייגנאַרטיקן יידיש:

— אין ראָסיי, איך זאָג, לויפן די סאַבאַקעס נאָך די סוקעס... אמעריקע — די סוקעס לויפן נאָך די סאַבאַקעס... איך אויסגעקער אַלע קאַרמאַנעס, זאָג צו דער סוקע: „איך ניט האָב אַ סענט ביי בידנער דושע״; זי מיר זאָג, אַ ווסטיד צו זאָגן וואָס די סוקע אויף עלען סטריט זאָג... „איך דיר באָרג״, — זי זאָג...

— רוסלאַנד, רוסלאַנד — האָט נתן געזיפצט — ביסט ניט קיין לייבלעכע מאַמע. ביי דיר זיינען ניטאָ קיין קינדער, ביי דיר זיינען אַלע שטיפקינדער... און די גרויסע, פרייע אַמעריקע נעמט אויף די פרעמדע, ניט ווי שטיפקינדער, נאָר ווי פאַרשיווע ממזרים...

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט זיך טאַראַס געכאַפּט פאַרן בויך — ביסט אַ מודרעץ, אַז דו אַזוי זאָגן... האַ, קריינדל, דער ברודער אַ מודרעץ, כאַ־כאַ־כאַ... וואָס דו זאָג, דאַנילע?

דניאל, זינט ער האָט געהאַט זיין גרויסן „נסיון" מיט דער יונגער, אירישער פרוי, גראָבט ער זיך אַלץ טיפער, ווי אַ יאַזש אין זיין אייגענעם נאָדל־פּאַנצער. אַ אינערלעך געפיל פון חרפה פאַר די אייגענע, און אַ געפיל פון דערוואַקסנקייט און לעבנסדערקענטעניש באַהערשן זיין איך. ער ליגט האַלב אַנגעטאָן אויפן געלעגערביים אָפענעם פענצטער, ער הערט וואָס מען רעדט, און פילט זיך אַנטייל צו נעמען אין שמועס. אפשר וואָלט ער עס געטאָן, ווען קריינדל זיצט ניט דערביי.

נאָר אַז מען דערמאָנט רוסלאַנד, טוט עס אים אַ ברי ביים שפּיץ צונג און ער געפינט וואָס צו זאָגן:

— אפשר פאַר דיר, טאַראַס, איז רוסלאַנד נאָך אַ מאַמע; האָסט אפשר פון רוסלאַנד ניט געדאַרפט אַוועק. האָסט געקערט אָפּדינען די פיר, צי די פינף יאָר ביי אלכסנדר דעם דריטן, דערגנאַכדעם וואָלסטו געקומען אַהיים, חתונה געהאַט, פאַרפירט אַ גוטע האָספּאָדאַרקע... וואָלסט קינדער געהאַט. רוסלאַנד איז פאַרט דיין היים.

— ניש אַלע זשידעס גוט ראַסיי, ניש אַלע קרעסטיאַנעס שלעכט ראַסיי... דו, דאַנילע, דיר אמעריקע גוט, דו אַמעריקע ווער אַ קופּעץ... גילעל, נאַטאַן, — אַמעריקע זיי געבן אַ־וואַ.

און טאַראַס האָט באַוויזן אַ פייג.

— פאַרוואָס, טאַראַס, קלערסטו, ווער איך און נתן בלייבן בעדניאַקעס?

— האָט הילל געפרעגט.

— פאַנימאַיעש... — האָט זיך טאַראַס אַנגעשטרענגט צו דערקלערן זיין געדאַנק — אָט אַ האַנט, פינף פאַלצעס... צוויי הענט — צען פאַלצעס... צען פאַלצעס, צוויי הענט — טרינקען וואַסער פון קרעניצע... איין האַנט גיט אַ פּאַטש אין ראָזשע. צוויי פאַלצעס — קען שמעק טאַבאַקע. איין פינגער קען הרגע אַ וואָש, טפוי! דאַנילע פּראַצעווע מיט צען פאַלצעס פאַר זיך — טאַראַס האָט באַוויזן מיטביידע זשמעניעס ווי זיי שאַרן צו זיך — גילעל, נאַטאַן, טאַראַס — ניין פאַלצעס פּראַצעווע פאַר אַ טשאָרט; איין פאַלעץ פאַר זיך צו הרגע אַ וואָש, כאַ־כאַ־כאַ... אַ בלאָכא — שוין איין פאַלעץ ניש הרגע!

קריינדל איז געווען מיט די אויגן אין דער אַרבעט, אָבער דער קאָפּ איז געווען אָפּן צום שמועס, צו די קלאַנגען פון דער האַרמאָניקע דרויסן, און אויך צו שלמהס טרוקענעס הוסט, וואָס האָט פון צייט צו צייט זיך געלאָזט הערן פון אַנדערן צימער. שלמהן פאַרשאַדט נאָך אַלץ די אַרבעט ביי ציגאַרן. קריינדל איז דעריבער שטאַרק באַאומרואיקט. די מאַנצבילן באַמערקן ניט ווי שלמה גייט איין. אַלערליי פּלענער ווימלען אין איר מוח. פּלענער וועגן זיך, וועגן טאַטן און זכריהן, און די זאָרג, וואָס שלמה גייט איין פון טאָג צו טאָג.

דאָס וואָס טאַראַס האָט איצטער אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן אַרויסגעבראַכט וועגן דניאלן וואָס אַרבעט מיט ביידע הענט פאַר זיך אַליין, און דעריבער וועט ער ווערן אַ „קופּעץ"; און די אַנדערע ברידער וואָס גיבן

אָוועק ביידע הענט פֿאַר יעגעם — ווע[לט]ן אפשר קענען אָפּשפּאָרן פֿאַר זיך איין פֿינגער, אַ לויז צו כאַפּן . . . „ס׳איז אַזוי קלוג אַרויסגעבראַכט" — טוט קריינדל ביי זיך אַ קלער. כאָטש זי אַליין האָט שוין באַשטימט אַוועקצוגיין אַרבעטן אין אַ שאָפּ, ניט אַזוי צוליב די פּאָר דאָלער, וואָס וואָלטן אוודאי צונוץ געקומען — נאָר אָנצוהייבן פֿילן אַביסל זעלבשטענדיקייט. קריינדל פֿילט ווי זי ווערט פֿון אַלץ אָפּגעשטאַנען. זי פֿאַרשטייט [אַ]פֿי[ל]ו ניט צוליב וואָס לייבל חלפֿן קומט נאָך אריין צו זיי.

מיט אַמאָל האָט ביי קריינדלען אַ בליץ געטאָן אַ שלעכטער געדאַנק אין קאָפּ, זי האָט אַרויסגעלאָזן די אַרבעט פֿון האַנט און אַ קוק געטאָן צו די מאַנצבילן. אָשר איז איר פּלוצלונג געקומען אויפֿן זינען, אָשר וואָס ער ווערט אַזוי אָפּט פֿאַרפֿאַל[ט]ן, און קומט נאָך האַלבע נאַכט אַהיים. זי געדענקט גוט וואָס זכריה האָט איר אין דער שטיל איבערגעגעבן וועגן אָשרן און יוכבדן. ווען איר קומען אויפֿן זינען אשר און יוכבד — אַרט זי מער פֿאַר יוכבדן, ווי פֿאַר אָשרן.

— כ׳וויל אַראָפּ אַביסל [א]ין גאַס, סיי־ווי קען איך אין אַזאַ שטיקעניש ניט איינשלאָפֿן. אָשר מוז נאָך זיין דרויסן . . .

און איידער אימעצער ד[א]האָט צייט געהאַט צו מאַכן אַ באַמערקונג וועגן דעם, איז קריינדל אויפֿגעשטאַנען און אַרויס פֿון שטוב.

דרויסן איז ניט געווען לופֿטיקער ווי אין שטוב. דער גאַנצער דרויסן האָט אויסגעזען ווי איין גרויס טענעמענט־הויז, באַלויכטן מיט געלבלעכע געז־פֿלאַמען און פֿאַרנעפּלטע לאַמטערנעס, וואו טוי[ט]טער מענטשן האָבן זייערע געלעגערס. און פּונקט ווי ביי איר דאָרט [א]ויבן, וואו אין פֿינצטערן צימער וואַלגערן זיך אויף די געל[ע]געערס ישראל, זכריה און שלמה, און די אַנדערע זיינען וואַך, רעדן ווי פֿון שלאָף — אַזוי איז דער דרויסן. שוין אַ שעה נאָך האַלבע־נאַכט. דער בייטאָגיקער געפּילדער איז אויך שלעכט איינגעשלאָפֿן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די מיסטן און קאָרטשעט זיך, און מורמלט אַרויס די בייטאָגיקע פֿאַרדראָסן, באַליידיקונג, יאוש, בענקעניש נאָך אַ פֿאַרלאָרן לעבן, [א]און אומזיסטיקע שפּיכת־דמים. ניט מער, וואָס פֿון מערב זייט, פֿון דער נאָנטער עלען סטריט און וויטערער בויערי דערטראָגן זיך אָפּגעריסענע מוזיק־קלאַנגען.

קריינדל איז אַ וויי[ל]ע געבליבן שטיין נעבן איר גאַניק און געשנאַפּט מיט דער נאָז — ווי אויסצושפּירן אין וואָס פֿאַר אַ ריכטונג זי זאָל זיך איצטער פֿאַרנעמען, כדי אַרויפֿצוקומען אויף [א]שרס שפּורן. אַ טונקל־געל־גרויע קאַץ איז צוגעקומען צו איר, אַרויפֿגעקוקט צו [א]יר מיט אַ גרינעם גלי אין די אויגן; דערנאָכ[דע]ם זיך אַ שאַר געטאָן ביי קריינדלס פֿיס, פֿריער מיט איין זייט, און דערנאָכדעם מיט דער צווייטער זייט זיך ווייך אַ רייב געטאָן אָן קריינדלס פֿיס. קריינדל האָט די קאַץ ניט אַוועקגעטריבן פֿון זיך, איר איז ליב געווען וואָס אַ לעבעדיקע באַשעפֿע[ני]ש ליאַשטשעט זיך אַזוי צו איר . . .

— וואָס ווילסטו ? — האָט קריינדל שטיל געפֿרעגט ביי דער קאַץ.

און ווען זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן נידעריקער, אַ גל[יי]עט טאָן די קאַץ איבערן קאָפּ, האָט זי באַמערקט, אַז ביי דער קאַץ אויף איין זייט זיינען די

האַר אויסגעקראַכן, ווי מען וואָלט דעם פּלאַץ אָפּגעבריט מיט קאָכיק וואַסער.

אַ סקרוך איז אַריבער איבער איר לייב. קריינדל האָט שוין ניט איין קאָץ מיט אַן אָפּגעבריטער פּעל געטראָפן. ווייבער טוען עס כדי צו פאַר־טרייבן די הימלאָזע קעץ פון פאַרן שוועל. קריינדל האָט אַ ציטער געטאָן מיט איר גאַנץ לייב, פאַרקערעוועט צו ד׳העסטער סטריט, און פון העסטער — לינקס, צו עלען סטריט. איצטער האָט זי געשפּאַנט מיט אַ געוויסער זיכערקייט; ווען אפילו זי וועט ביז עלען סטריט קיינעם ניט באַגעגענען — וועט זי אַראָפּגיין ביז צו דער בויערי. איר האַרץ האָט האַסטיק גע־קלאַפּט. איר האַרץ איז געלאָפן פאַרויס און געפירט אירע טריט. אַלע חושים אירע האָבן זיך איינגעהערט צו דער נאַכט, נאָר די אויגן זיינען געווען אָפּן. צו זיך אינעווייניק האָבן זיי אריינגעבליקט, דעריבער, ווען אָשר און יוכבד זיינען, אויף ווינקל עלען און העסטער, איר אַנטקעגנגעקומען — האָט קריינדל אַ געשריי געטאָן פאַר שרעק.

אָשר און יוכבד האָבן זיך אויך דערשראָקן. סיי פון קריינדלס פאַר־לאָרנקייט, און סיי פון דעם, וואָס קריינדל האָט זיי איצטער באַגעגנט. עס וואָלט גאָר קיין בייז ניט געווען, אויב אָשר און יוכבד גייען אַרום אין די גאַסן שפּעט ביינאַכט. ס׳איז אָבער פאַרדעכטיק געווען פאַר זיי דאָס, וואָס קריינדל, איינע אליין, גייט אַ צעטראָגענע צו עלען סטריט אַזוי שפּעט ביינאַכט. פון אָשרן האָט עס אַ טראָג געטאָן מיט בראָנפן. ער איז קוים איינגעשטאַנען אויף די פיס.

א רגע האָבן זיך אַלע דריי אָנגעקוקט. איינער האָט ביים אַנדערן אין ביינאַכטיקן פּנים עפּעס געפאָרשט.

יוכבד איז די ערשטע געקומען צו זיך. זי האָט אַרומגענומען קריינדלען און אַ קוש געטאָן אויף די ליפּן. און ווען זי האָט באַמערקט, אַז קריינדל ד׳האָט זיך פון איר אָפּגערוקט, האָט זי מיט אַ פאַרלאָרנקייט געזאָגט:

— כ׳שווער דיר, קריינדל, איך האָב קיין טראָפּן ביר, אָדער בראָנפן ניט גענומען אין מויל. דאָס האָט מיר אָשר געקושט און ער האָט איבער־געלאָזן אויף מיינע ליפּן דעם ריח.

יוכבד האָט נאָך אַמאָל אַרומגעכאַפּט קריינדלען, גערעדט מיט אַ ציטער אין שטים, ווי זי וואָלט דערוואַרטן אַ שטראָף.

— כ׳שווער דיר, קריינדל, אַז מיט אונדז איז גאָרניט געווען. אשר האָט געטרונקען אַביסל. איך האָב אים ניט געלאָזן, ער זאָל טרינקען.

— יוכבד אליין איז דיר ניט גענוג, דאַרפסטו נאָך פאַרבייסן מיט בראָנפן!

קריינדל האָט עס געזאָגט מיט פאַרוואורף, ווי זי איז די עלטערע, מיט אחריות אויף ביידן. אָבער איר האָט גלייך פאַרדראָסן, הלמאַי זי האָט זיך אַזוי שטרענג באַנומען מיט זיי.

אָשר האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, ניט מיט קיין גאָר ניכטערער שטים האָט ער אַ זאָג געטאָן צו קריינדלען:

— האָב דיר אינזינען דיינע אייגענע ביזנעס; כ׳קען מיין שטעטל אַליין באַשטיין...

אָשר האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו די מיידלעך, אַוועק

מיט האַסטיקע און ניט קיין זיכערע טריט אין דער ריכטונג צו לודלאָוו־סטריט.

—אַנטלויף ניט, אָשר, איך האָב מורא אַליין — האָט קריינדל אים נאָכגעשריגן.

— זאָל ער גיין, זאָל ער גיין — האָט יוכבד אַ שיפּע געטאָן, געפאַלן קריינדלען אויפן האַלדז, און זיך שטיל צעוויינט.

קריינדל האָט אויפגעהויבן יוכבדס קאָפּ:

— איך האָב צו דיר גאָרניט, יוכבד — האָט זי גערעדט פאַרזאָרגט — איך האָב נאָר מורא, אַז אָשר וועט דיך אומגליקלעך מאַכן.

— ער זאָגט, אים איז דאָ שלעכט אין אַמעריקע, זאָגט ער. מיט מיר איז אים גוט, זאָגט ער.

— ביסט אין אים איינגעליבט, יוכבד.

— כ׳וויל זיין גוט צונ׳אים.

— פאַרוואָס האָסטו דווקא אים אויסגעקליבן?

— ער האָט מיך אויפגעזוכט. אַנדערע מענער קריכן צו מיר, ווילן, איך זאָל ווערן ווי איינע דאָרטן אויף עלען סטריט. ער איז אַנדערש.

— כאָטש ער איז מיין ברודער, ביסטו מיר פונדעסטוועגן טייערער, יוכבד. אויב דו וואָלסט נאָר געקענט מאַכן, ער זאָל ניט טאָן דאָס, וואָס ער האָט נאָר וואָס געטאָן!

— כ׳האָב זיך מיט טרערן באַנ׳אים געבעטן, ער זאָל ניט טרינקען. אמת, כ׳בין אין אים איינגעליבט, קריינדל. ווען מיר ביידע קענען גענוג פאַרדינען, וואָלט איך מיט אים חתונה האָבן.

— דאָס איז די גאַנצע ליבע וואָס ער גיט דיר?

— קריינדעלע, טייערע, וואָס זאָל טאָן אַזאַ אומגליקלעכע ווי איך? וואָס קען יוכבד האָפן פון אַזאַ לעבן?

— יוכבד, קום צו אונדז וואוינען!

— באַנ׳אייך איז ענג אָן מיר.

— וועסט אונדז ענגער שוין ניט מאַכן. אפשר, אַז דו וועסט וואוינען באַנ׳אונדז.

— ניין, קריינדל. ווייסט נאָך דערוויל גאָרניט, לעבסט נאָך דערוויל ניט אין אַמעריקע, אויב דו ביסט נאָך ניט אָוועק אַרבעטן. ס׳איז מיין לעבן, קריינדל, ווייסט און ביטער. ווען מען און וואָס האָב איך אָטאָ־דאָ אַרום? — יוכבד האָט אויסגעשפּרייט אירע הענט צו דער איסט־סייד — איך בין ניט די איינציקע. אָשר איז אויך ניט דער איינציקער. אים איז ביטער. איך מאַך אפשר זיין לעבן גרינגער.

קריינדל האָט אַ לאַך געטאָן, און געגלעט יוכבדס האָר.

— וואָס לאַכסטו פון מיר, קריינדל? דאָ איז אַ נייע וועלט. מענטשן האָבן זיך אויסגעטאָן נאַקעט. זיינען שוין ניט מער די, וואָס זיי זיינען געווען אינדערהיים.

— קום אַרויף צו אונדז, יוכבד, וועסט מיט מיר שלאָפן אויף דר׳ערד. כ׳האָב מיט דיר גאָר אַ סך צו רעדן. כ׳וועל אויך די טעג אָוועקגיין אַרבעטן.

— וואָרט שוין איבער דעם זומער, וואָרן אין שאָפּ איז פון דער היץ ניט אויסצוהאַלטן. אפשר, ווען סע וועט אַביסל קילער ווערן.

— כ'בין ניט בעסער פון קיינעם. כ'ווייס אויך, אז איך בין ניט מער אינדערהיים. קיין היים איז דערוויַיל מער ניטאָ.

אַזוי זיינען זיי טריט־ביי־טריט צוגעקומען צום הויז וואו די לוריאַס האָבן געוווינט. דאָ איז קריינדל מיט אַמאָל שטיין געבליבן, אָנגענומען יוכבדן ביי ביידע הענט, און גאָר אומגעריכט האָט זי באַמערקט אַ שעלמיש פייערל אין יוכבדס אויגן.

— וואָס אי, יוכבד? — האָט קריינדל יוכבדן געדריקט צו זיך.

— ביסט נאָך גאָר אַ קינד, קריינדל. די זומערנעכט זיינען אַזוי הייס, און אויף דער נשמה איז אַזוי קאַלט.

— איך בין ניט שוין קיין קינד, יוכבד. כ'האָב דאָ אַ שווער לעבן באַגעגנט. בין פאַרנומען מיט די מחשבות, ווי אַזוי איך זאָל אין אַזאַ לעבן ניט פאַרלאָרן גיין.

— אין דיר איז דאָך אויך אַ מענטש איינגעליבט.

— ניין, יוכבד. דאָרטן אין רוסלאַנד האָב איך געוואָרט, די ליבע זאָל צו מיר פון הימל אַראָפּקומען. דאָרטן זיינען מענטשן פאַרטראָגן אין די הימלען. אָבער דאָ זיינען מענטשן אַלע אויף דר'ערד, רייסן זיך פאַרן ביסן ברויט פון באַגינען ביז שפּעט ביינאַכט, און די ליבע קען איך ניט! די ליבע זע איך דאָ ניט. דער מענטש, וואָס דו מיינסט, פאַרמאָגט נאָר איין זאַך: אַ גרויסן חשק צו ווערן רייך. וואָס ליבע איז, ווייס ער ניט.

— אַשר ווייס! אוי, ווייס ער.

יוכבד האָט קריינדלען שטיל אריינגערעדט אין פּנים אריין, און האָט מיט איר הייסן אָטעם אומאַנגענעם געגלעט קריינדלס פּנים.

— היינט וועל איך צו דיר ניט ארויפגיין; סיי־ווי הייס, ניט צו שלאָפן. אפשר מאָרגן, אפשר וועט קילער ווערן.

יוכבד האָט געקושט קריינדלען אַ גוטע נאַכט, און איז אַוועק אין דער ריכטונג פון קאַנעל סטריט.

אַ פאַרלוירענע איז קריינדל געבליבן אַ ווײַלע און נאָכגעקוקט יוכבדן וואָס איז פאַרשוואונדן אין דער נאַכט. דערנאָכדעם האָט זי מיט מידע, אונטערגעבראָכענע טריט גענומען זוכן די צעקרימטע טרעפּ וואָס פירן צו איר וואָכער היים.

קאַפּיטל פינף

די לוריאס זיינען אין שאָטן פון טויט געלאָפן פון אייגענעם וואָלינער שטעטל — ווי מען אַנטלויפט פון א שרעקלעכער פאַרפלייצונג, וואָס דערנענטערט זיך.

די משפחה חלפן פון ווייס־רוסלאַנד האָט קיין פחד־געפיל ניט גובר געווען. די רדיפות אויף יידן זיינען פאַר די חלפנס געווען אַ צייכן, אַז הינטער די רוסישע גרענעצן לאָזט זיך דער הימל ניט אַראָפּ. די משפחה חלפן ד׳האָט געפירט געשעפטן מיט „ראסיי". געהאַנדלט מיט פלאַקס און לייגען, אין תבואה־האַנדל האָט מען אויך די פינגער ניט פאַרשטאָכן. דער טאַטע, מאיר חלפן, אַ בלאָנד־רויטלעכער געפיקעוועטער ייד מיט אַ רויטן קאַרק — האָט געהאַט אַ דראָבנע, בלאָנד ווייבעלע, הויט און ביין, נעבעך האָט זי געהייסן, האָט זי אים געבאָרן דראָבנע קינדער, דראָבנע — אָבער זשוואַווע. אַלץ צוביסלעך, און פלינק. אַביסל געלערנט און אַ קאַפּעלע זיך געלערנט אין שוואַרצע פינטלעך. און ווען דאָס לערנען האָט גענומען קריכן פון האַלדז — האָט מען אָנגעהויבן דעם טאַטן אַרויסהעלפן. טאַטע־מאַמע האָבן פון די קינדער נחת געהאַט. דריי אינגלעך און צוויי מיידלעך האָבן זיי פאַרמאָגט.

ווען די ייִנגערע צוויי קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן, און ס׳ד׳האָט אָנגעהויבן אין דער יידישער רוסלאַנד צו בלאָזן מיט קילבלעכע ווינטן, ווען פון „ראסיי" האָט מען יידן געטריבן, און פון „יוג" האָט מען אויך געטריבן; קומען אָן ידיעות, אַז מעבר לים, אין דער גאָלדענער אמעריקע קלעפּן זיך מענטשן אויס די ווענט מיט גאָלע דאָלער־אַסיגנאַציעס — האָט מען ביי די חלפנס זיך גוט איבערגעלייגט, און ס׳איז געבליבן, די צוויי מיטלסטע בחורים, לייבל און וועלוול, און דאָס עלטערע מיידל מלכה זאָלן פאָרן זוכן גליק מעבר לים, קיין אַמעריקע. דער עלטערער זון ביי־ניש און דאָס ייִנגערע מיידל רחל זאָלן בלייבן אינדערהיים. ביי־ניש וועט העלפן דעם טאַטן פירן זיינע מסחרים, און רחל, אינגאַנצן זעכצן יאָר אַלט, זי זאָל בלייבן אינדערהיים — „דער מאַמען אַ פאָדפאָרע"...

לייבל, וועלוול און מלכה זיינען אַרויסגעפאָרן גאָר לייטיש. כאָטש געגנבעט די גרענעץ, זיך געשלעפּט אין פראַכט־וואַגאָנעס, געפאָרן צוויי וואָכן צווישן־דעק — אָבער דער „גראָשן האָט ניט געפעלט, קיין פחד האָט ניט באַגלייט, און אַמעריקע איז געווען פאַר זיי די „גאָלדענע מדינה". די צוויי יונגע מאַנצבילן האָבן דעם קאָפּ אויסגעגלייכט, שנעל אויסגעפונען דאָס צעבויטשעטע, פלאַכע וואַסער, וואו פיש איז ממש אָנצוכאַפּן מיט די הענט. אויב די צוויי ברידער און די שוועסטער האָבן א פּאָר חדשים געאַרבעט אין אַ שוויץ־שאָפּ — איז דאָס נאָר געווען כדי אַראָפּצוכאַפּן דעם שניט, כדי אויסצוגעפינען וואו־איין־און וואו־אויס. דער, פון דער

היים מבוהלדיקער לייבל, דהאָט אין נייעם לאַנד אַראָפּגעכאַפּט דעם שניט ווי זיך צו האַלטן. דווקא אין דער גאָלדענער מדינה פון „האַרי־אָפּ", איז ער געוואָרן געזעצטער, באַזאַכטער. זיין יינגערער ברודער וועלוול, דער געזעצ־טער פונדערהיים — איז דאָ געוואָרן דער היציקער, אַ כאַפּ־לאַפּ מענטשל.

אַ דירה האָט מען געדונגען אויף מאַנראָו סטריט, אַ פינצטערע דירה — אָבער מיט געז־פּלעמלעך צו באַלייכטן די שטוב. אַז מען האָט אין גאַז־מעטער אריינגעוואָרפן אַ קוואָדער, איז „ליכטיק געוואָרן אין אַלע ווינ־קעלעך". מלכה האָט זיך גענומען לערנען ענגליש, און „געפירט די שטוב". די ברידער האָבן זיך אין דער יינגערער שוועסטער געשפּיגלט, געקליבן נחת וואָס זי מענטשלט זיך, איז אַביסעלע אונטערגעוואַקסן — כמעט אַזוי הויך ווי לייבל איז זי. איז אַזוי געזעצט ווי ער. פאַרשטייט דעם שאָפּ ווי אַ מאַנצביל, און ווען זי קומט אַמאָל ארויף אין דעם חלפן העמדער־שאָפּ, דערקענען אַלע ארבעטער, אַז דאָס איז אַ מיידל מיט אַ שמאָל פּנים, שמאָלע פּלייצעס און שמאָלע הענט, און די בלוי־גרינלעכע אויגן, וואָס פאַרמאָגן אַ קאַלט פייערל, זיצן ניט אין קיין נאַרישן בלאַנדן קאָפּ... מיט אַ גוטער מאָס חשיבות באַווייזט זי זיך אין שאָפּ.

בלויז ריוועטשע די ליטוועטשקע האָט פאַר מלכהן אַ ווערטל. בשעת מלכה חלפן שפּאַנט מיט אירע דינע פיס צווישן די פּעק צוגעשניטענע העמדער, וואַרפט איר ריוועטשע צו:

— מיין דאַליע אויף איר געזאָגט געוואָרן. ווי אַ סלענגעלע גליצט זיך ביי איר דאָס גיפטעלע אונטער די דינע ליפּעלעך.

ווען די ברידער חלפן און זייער שוועסטער מלכה זיינען געזעסן ביי די לוריאס פסח צום סדר, ווען קריינדל האָט זיך אינמיטן דרינען צעוויינט און געלאָפן אין פינצטערן צימער אריין, וואו דאָס געשטאַלט פון דער געשטאָרבענער מאַמען איז איר אַנטקעגן געקומען — יעמאָלט האָט מלכה חלפן, וואָס איז געזעסן צווישן נתנען און דניאלן באַמערקט, אַז ביי נתן לוריא זיינען אויך די ברוינע אויגן ווי מיט אַ טוי באַצויגן געוואָרן. איר האַרץ האָט זיך יעמאָלט אַ ציי געטאָן צו אים. זי האָט געפילט אַלעמענס צער, ווי קליינע יתומים האָבן יעמאָלט איר אַלע אויסגעזען, אָבער נתן לוריא, וואָס איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון אירע ברידער — דהאָט איר אין דער רגע דאָס קלענסטע יתומל אויסגעזען. ערשט אַביסל שפּעטער, ווען קריינדל איז „צו זיך ניט געקומען", און מען האָט איר, מלכהן, מכבד געווען, זי זאָל דערגיסן די האַלב־אָפּגעטרונקענע כוסות, ווען זי איז גע־גאַנגען ארום און ארום טיש און פון קעגן איבער זיך אריבערגעבויגן צו נתנען, דערגיסן זיין כוס — האָט זי דערשפּירט זיינע בליקן אויף אירע הענט. זי האָט יעמאָלט אַביסל פאַרשעמט אויפגעהויבן די אויגן צו אים און באַמערקט, אַז זיינע בליקן באַגלייטן אירע הענט. איר ברוסט האָט זיך יעמאָלט הויך אָנגעהויבן צו צאַפּלען, און זי איז זיכער געווען, אַז נתנס ברוינע, מיט טוי־באַדעקטע אויגן, „גאַרן אויף איר אויפגעוואַכטער ברוסט זיך אויסצואוויינען".

מלכה איז ניט צופרידן געווען מיט איר ברודער, וואָס ער האָט נתנען אריינגענומען צו זיך אין שאָפּ אריין און אים אַנידערגעזעצט ביי אַ מאַשין שטעפּן העמדער־אַרבל. זי האָט עס פאַר איר ברודער ניט איבערגערעדט.

און יעמאָלט, ווען נתן לוריא האָט „אויפגעשפּילט א חתונה־דה” אין שאַפּ און אָנגערופן אירע ברידער: — „וועלף”... „פּיאַוקעס”... ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז דער ייִנגערער ברודער האָט נר־תּנען געטריבן פון שאַפּ אַרויס — איז זי שעהענווייז געלעגן און געוויינט אין קישן אריין. דער עלטערער ברודער האָט ביי איר ניט געפרעגט, פאַרוואָס זי וויינט. ער האָט זיין גלייכגעוויכט אָנגעוואָרן, און איז אליין אַוועק איינאָוונט צו די לוריאס איבערבעטן נתנען, בעטן, ער זאָל קומען צוריק צו דער ארבעט:

טאָפּלטע פּעדים האָבן אויף אַ פאַרבאָרגענעם אופן געבונדן די צוויי משפּחות איינס צום אַנדערן. די לוריאס, מיט איינגעבוירענער חשיבות, וואָס האָבן זיך דערווייל געבויגן אונטער דעם שווערן יאָך, גייען אום ווי אויפן עולם התוהו און זוכן, מיט אַן אויסנאַם פון דניאלן, זוכן אַלע בעלנים אויף זייערע הענט, און די חלפנס, מיט פּראַקטישן חוש, וואָס האָבן אין די „גרינע הענט” דערקענט די „גאָלדענע מדינה” מיט אַלע אירע מעגלעכקייטן — פאַרבאָרגענע פּעדים ציען זיך צווישן די צוויי משפּחות. קריינדל לוריא ווייס אליין ניט ווי אַזוי אַ פּאָדים פון חלפנס שאַפּ ציט זיך צו איר; און דעריבער קומט פון צייט־צו־צייט לייבל חלפן צו די לוריאס אריין, און ווייס ניט פון וואָס צו רעדן מיט קריינדלען. און דעריבער קומט אזוי אָפט מלכה חלפן אריין צו די ברידער אין שאַפּ אריין, און באַגרייפט אליין ניט פאַרוואָס איר האַרץ, אָט שפּרינגט עס אַרויס, בעת זי גייט אריין אַהין, וואו נתן לוריא זיצט ביים מאַשין מיטן פּנים צום וואַנט, און פּלייצע — צום פאַרדומפּענעם צימער. דאָס מעטאַלענע זשומענדיקע צאַק־צאַקן פון די ניי־מאַשינען פאַרטויבט ניט דעם שטורעם וואָס וואַכט יעמאָלט אויף אין איר בלוט. אָט־אָט, פאַלט זי אַנידער צווישן די פּעק צוגעשניטענע העמ־דער, צווישן די מיידלעך, וואָס זיצן אויף די פּעק און פאַרענדיקן העמדער. אָט, פאַלט זי אַנידער נעבן ריווטשען דער ליטוועטשקע, וואָס וועט איר אין אויער אריינשיפּען: „מיין דאַליע אויף דיר געזאָגט געוואָרן. ווי אַ סלענגעלע גליצט זיך דאָס גיפטעלע אונטער די דינע ליפּעלעך”.

נתן לוריא, ווען ער שטייט אויף פון זיין ניי־מאַשין, ווען ער דערמאָנט זיך אָן זיינע עטלעכע־און־צוואַנציק יאָר און גלייכט אויס זיין פּלייצע — קוקן זיינע פאַרבענקטע אויגן אין אַן אומקלאָרער ווייטקייט, אַריבער די גרענעצן פון לודלאָו סטריט און איסט בראָדוויי. צו אים זיינען דערגאַנגען ידיעות, אַז אין אַנדערע שעפּער, ביי אַנדערע פאַכן, נאָגט מען אזוי דעם אַרבעטער ניט אויס; דאָרטן איז דער אַרבעטער אויך אַ שטיקל מענטש; מען אַרבעט באַגרעניצטע שעהן, און מען אַרבעט ניט אין אזעלכע תּפיסות. יעמאָלט איז ער מיט אַ קאָפּ העכער פון די ברידער חלפן! אַזאַ איינעם האָט אים מלכה חלפן ניט איינמאָל געזען. און כאָטש ער ארבעט ביי איר ברודער אין שאַפּ, פאַרדינט פיר דאָלער מיט זיבעציק סענט אַ וואָך, פונ־דעסטוועגן איז ער אַזוי ווייט, אַזוי ווייט פון איר!

דעריבער, ווען אין א הייסן זומער־אָוונט האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן נתן; ער איז אָנגעקומען צו איר שטוב און געבליבן שטיין פאַר איר מיט זיין גאַנצער הויך און חשיבות, בשעת זי, אַ לייכט געקליידעטע, אַביסל אָפּגעלאָזן, איז געשטאַנען פאַרן טיר און „געכאַפּט אַביסל פרישע לופט”, האָבן זיך יעמאָלט מלכהן די פיס אונטערגעבראָכן.

— דאָס זייט איר? — האָט מלכה פאַרחידושט אַ פרעג געטאָן, נאָך אײדער זי איז געקומען צו זיך און באַקלערט וואָס צו זאָגן.

דאָס בלוט איז איר געקומען אין פּנים אַריין. עס האָט זי געצויגן צו דער ערד. זי האָט געוואָלט פאַרבעסערן אירע פריערדיקע ווערטער:

— כ'האָב אייך גאָרניט דערקענט; ביי דער אַרבעט, ביים מאַשין...

און מער האָט מלכה ניט געקענט רעדן. זי האָט זיך געכאַפּט, אַז זי איז ניט אָנגעטאָן ווי ס'באַדאַרף צו זיין. קליין האָט זי זיך דערפילט אין זיינע אויגן — קליין און אונטערטעניק.

נתן האָט עס באַמערקט. זי האָט געקוקט צו אים מיט פאַרלאָרנקייט. ער האָט געוואָלט איר אַרויסהעלפן.

— בין געקומען זיך דורכשמועסן מיט אייער עלטערן ברודער, געוואָלט באַנ'אים פרעגן אַן עצה מכּוח מיין פאָטער.

— יאָ, לעאָנאַרד איז איצטער ניטאָ. אָבער קומט אַריין, קומט אַריין. מסתמא וועט ער באַלד זיין.

מיט פלינקע, אָבער צעשראָקענע טריט האָט מלכה געאיילט פאָרויס און געשפּירט נתנס שווערע, באַזאָכטע טריט הינטער זיך. ווען זי האָט געעפנט די טיר צו איר דירה אויפן צווייטן שטאָק, איז זי אַריבער די שוועל, און געבליבן שטיין ביים זייט טיר, געוואַרט ביז ער וועט אַריינקומען. דריי מאָל האָט זי מיט דער טיר אַ קלאַפּ געטאָן, און די טיר איז אַלץ געבליבן אָפן.

— אָט וועל איך די טיר צומאַכן.

נתן איז צוגעגאַנגען איבערצונעמען ביי איר דאָס הענטל פון טיר, אָבער מלכה האָט פון דעם איר האַנט ניט צוגענומען. ניט ווילנדיק האָט נתן איר שמאָלע האַנט אַריינגענומען אין זיינער; און גאָר אומגעריכט, אַנשטאָט אָפּצוגיין פון טיר, איז זי ווי אַ גרין צווייגל, פון אינערלעכן שטורם געבויגן, געפאַלן אין זיינע אָרעמס, און זיין גלייכן, שטאַרקן, גוף דערשפּירט.

— ווער זייט איר?

נתן האָט ניט ווילנדיק אַ פרעג געטאָן, בשעת ער האָט מיט ביידע הענט זי אַרומגענומען, אַריינגעקוקט אין אירע פולע, מיט שעמעוודיקייט אָנגעגאָסענע אויגן.

— איך ווייס ניט ווער איך בין איצטער... — האָט איר שטים געציטערט.

נתן האָט זי אויפגעהויבן, צוגעטראָגן צום פאַרבעטן געלעגער וואָס איז געשטאַנען צווישן די צוויי פענצטער, האָט זי אַנידערגעלייגט אויפן געלעגער, און אַליין זיך געזעצט נעבן איר.

— זייט ניט אַזוי צעשראָקן — האָט נתן רואיק גערעדט, בעת ער האָט געגלעט איר האַנט — איך בין דער אייגענער נתן לוריא, וואָס שטעפּט העמדער־אַרבל, פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט ביי אייער ברודער אין שאַפּ.

— ניין, איר זייט עס ניט — האָ, איר זייט דאָך ניט געקומען צוליב אייער פאָטער ווי איר האָט דערציילט.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט נתן אַ לאַך געטאָן.

— כ׳ווייס, אַז ניט אַלע, וואָס זיצן געבויגן ביי די שטעפּ־מאַשינען זיינען דאָס וואָס זיי זעען אויס. כ׳ווייס, וואָס איר האָט יעמאָלט געזאָגט מיינע ברידער. כ׳ווייס ווי איר האָט זיי אָנגערופן. איר זייט יעמאָלט אַנטלאָפן פון שאַפּ. איך האָב אליין געבעטן מיין ברודער ער זאָל אייך איבערבעטן. איר גלויבט ניט? איך אליין האָב אים געבעטן!

מלכה האָט זיך אויסגעגלייכט, געזעצט נעבן אים; האָט אַ ווײַלע באַטראַכט זיין פּנים, בשעת ער האָט טרוקן געשמייכלט.

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן; כ׳קום באַלד אריין. אויב איר ווילט ליכטיק, וועל איך אָנצינדן ליכט.

מיט די ווערטער איז זי אין געאייל אַוועק אין צווייטן, טונקעלן צימער.

נתן איז אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט און באַטראַכט דאָס צימער. אויפ־געראַמט, זויבער, בייע שטיקלעך מעבל. אַ קאַמאָד, און איבער אים אַ שפּיגל. ער איז צוגעגאַנגען, באַטראַכט זיין פּנים אין שפּיגל. זיין פּנים האָט אים אויסגזען בלאַס און אויסגעצויגן. אַ שוויס האָט אים ארויס־געשלאָגן איבערן לייב.

— ניט שיין, ווען אַ פרוי פאַרלירט איר קאָפּ — האָט נתן אַ טראַכט געטאָן — זי איז שענער געווען יעמאָלט ביים סדר. ווען זי קומט אין שאַפּ אריין, איז זי אַ סוחרטע; וואָס איז דאָס איצטער מיט איר?

ער האָט אָנגעשפּיצט זיין אויער, געוואָלט אויפכאַפּן אירע באַוועגונגען אין אַנדערן צימער, אָבער אַזוי שטיל איז דאָרטן געווען, ווי קיין לעבע־דיקער מענטש וואָלט דאָרטן גאָרניט געווען. אריינגיין אַ קוק טאָן וואָס מיט איר איז געשען, האָט ער געפילט, איז ניט פּאַסיק. אפשר האָט ער זי פאַרשעמט, וויל זי פאַר אים ניט ווייזן איר פּנים. אָבער אַזוי נעמען און אַוועקגיין — האָט אויך ניט קיין זינען. בפרט, ער איז דאָך געגאַנגען אַהער מיט אַ ציל: ער האָט געוואָלט רעדן וועגן זיין פאָטער, און ער וואָלט ניט וועלן צוליב דעם קומען אַהער נאָך אַמאָל. אין שאַפּ איז אים שווער צו רעדן וועגן דעם מיט חלפנען.

נתן האָט דערהערט אַ ציטעריקן שלוכצן פון צווייטן צימער. ס׳האָט זיך אים עפּעס אָפּגעריסן אין האַרצן.

— האָב איך זי באַליידיקט? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — בין איך דען געווען גראָב צו איר?

אים האָט פאַרדראָסן אויף זיך אליין, — הלמאי ער האָט זיך אַזוי טרוקן באַנומען מיט איר, און איצטער, פון צווייטן צימער דערטראָגן זיך אָפּגעריסענע שלוכצן, און ער דרייט זיך דאָ אַרום אין טונקעלן צימער, מאַכט זיך, ווי ער וואָלט ניט געהערט!

— מיס חלפן... — האָט ער אַ רוף געטאָן פון זיין אָרט — איר ווילט דאָך ניט, כ׳זאָל צו־נ׳אייך אריינגיין.

ס׳איז ווידער שטיל געוואָרן.

— כ׳וויל אייך זאָגן „גוד־נאַיט", מיס חלפן.

פון אַנדערן צימער איז קיין ענטפער ניט געקומען.

— איר וועט זיין אַזוי גוט איבערגעבן אייער עלטערן ברודער, אַז איך בין דאָ געווען!

ווען נתן איז שוין געווען גרייט ארויסצוגיין פון שטוב — איז מלכה אריינגעקומען פון אַנדערן צימער, צוגעגאַנגען צום געז־מעטער, אריינגע־וואָרפן אַ קוואָדער, און אָנגעצונדן דעם גאַז.

מלכה חלפן איז געווען אָנגעטאָן אַזוי ווי יעמאָלט צום סדר. שלאַנק, א סך העכער, ווי ער האָט זי נאָר וואָס דרויסן באַגעגנט. דאָס פּנים שמאָל, און מיט אינערלעכער חשיבות קוקן צו אים אַריבער אירע גרין־בלוילעכע אויגן. מיט א געוויסער מאָס גאוה קוקט זי צו אים אריבער.

— זיצט, מיסטער לוריא — האָט זי רואיק און מיט א קאַלטן שמייכל זיך געווענדט צו נתנען — דאָס וואָס איר ווילט רעדן מיט מיין ברודער לעאָנאַרד, קענט איר מיט מיר אויך ארומרעדן. ס׳איז די אייגענע זאַך. אויב מיר קענען עפּעס טאָן פאַר אייער פאָטער, וועלן מיר עס מיט פאַר־גענינגן טאָן.

נתן האָט געפילט ווי זיין פּייכטע העמד איז מיט אמאָל אייז־קאַלט געוואָרן און ווי מיט א דינעם, קאַלטן פאַנצער נעמט זי ארום זיין לייב. ער האָט דערפילט, ווי ער ווערט נידעריקער און נידעריקער — ווי דער דיל וואָלט אים צו זיך אַראָפּגעצויגן.

— כ׳דאַנק אייך — האָט ער ארויסגעזייט פון האַלדז אַרויס, און איז מיט אונטערגעבראָכענע פיס ארויס פון שטוב.

מלכה איז געבליבן זיצן א פּאַרגליווערטע, מיט די אויגן צו דער טיר. דאָס ווינטל דורכן אָפענעם פענצטער האָט געוויגט דאָס גאַז־פלעמל — און געוויגט מלכהס שאָטן אויף דער טיר, דורך וועלכער נתן לוריא איז נאָר וואָס אַרויס.

* * *

נאָך דער אומגעריכטער און ניט מזלדיקער באַגעגעניש מיט נתן לוריא, איז מלכה חלפן מער ווי א חודש צו די ברידער אין שאַפּ אריין ניט געגאַנגען. אָבער נאָך נתנס אוועקגיין פון איר שטוב, ווען לייבל חלפן איז שפּעטער אריינגעקומען — האָט מלכה אים דערציילט, אז נתן לוריא איז נאָרוואָס געווען, געוואָלט מיט אים איבעררעדן מכוח זיין פאָטער.

מלכה האָט יעמאָלט גאַנץ ערנסט גערעדט מיט איר ברודער:

— א רחמנות אויף די לוריאס, מע דאַרף זיי העלפן מיט וואָס מע קען. כ׳וואָלט דיר הייסן געפינען א פּלאַץ פאַרן פאָטער. נעם אים אויף דער וואָך, און צאָל אים מיט א דאָלער אַ וואָך מער; זע, ער זאָל זיך ניט איבערהאָרעווען.

לייבל חלפן האָט רואיק אויסגעהערט. ער האָט נאָר ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס מלכה רעדט ממש מיט טרערן אין אירע אויגן. ער האָט נאָך געוואָרט, אַז די שוועסטער זאָל דערמאָנען לוריאס טאָכטער, זי זאָל אים הייסן געפינען פאַר איר אַרבעט. ער וואָלט חשק געהאַט צו רעדן מיט זיין שוועסטער וועגן קריינדלען, און ווייסט ניט ווי אזוי אָנצוהייבן.

— ערלעכע מענטשן זענען זיי, אָבער גרויסע קבצנים — האָט ער שטיל געזאָגט — גענוג וואָס נאָך יענעם סקאַנדאַל האָב איך אים גערופן צו זיך אין שאַפּ אריין.

— ער איז מיר געפעלן דערפאַר — האָט מלכה מיט א פאַרטאַיעטן שמייכל געזאָגט — כ׳האָב ליב א מענטשן, וואָס לאָזט זיך ניט טרעטן אויפן קאָפּ.

—פון אים וועט'ן נאָך אַמאָל האָבן טראָבל.

— מיינסט אזוי?

— ער'ט קיין אפרייטער לאַנג ניט בלייבן.

— מיינסט אַזוי?

— ער'ט קיין אַפּרייטער לאַנג ניט בלייבן.

—איז גוט אזוי!

— ער וועט נאָך אָוועקגיין שטודירן, ווערן אַ דאָקטער, צי עפּעס אַנ־דערש.

ביי מלכהן האָבן זיך אָנגעצונדן די אויגן.

— געפעלט מיר, לעאָנאַרד, וואָס דו האָסט אויף די לוריאַס אַזאַ קוק.

— פאַרוואָס פאַרבעטסטו ניט זייער טאָכטער אַהער?

— שעמט זיך; האָט ניט וואָס אָנצוטאָן.

— נעם זי אויף גרענד סטריט, קויף איר עפּעס אָנצוטאָן... זאָג איר, אַז מיט דער צייט וועט זי דיר עס אָפּצאָלן.

— זי וועט ביי מיר ניט נעמען.

דעם אייגענעם אָוונט נאָך איז לייבל אָוועק צו די לוריאַס, און די קינדער זאָלן הערן, האָט ער זיך געווענדט צו ישראל לוריאַן:

— וואָס וועט זיין דער תכלית, רב ישראל? אין אַמעריקע טאָר מען ניט ארומגיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. איך קען אייך ניט מאַכן פאַר קיין פּאַרטנער צו מיין שאָפּ; אָבער איך קען פאַר אייערטוועגן קריגן ארבעט. איר, אייערע קינדער — איר קענט די ארבעט דאָ אין שטוב פיינישן. כ'וועל פאַר אייך קריגן ביי־מאַשינען.

אויף אַ ווייל האָט עס אַלעמען אין שטוב צעטומלט. אויסער הילן זיינען אין שטוב אַלע קינדער געווען.

— טו עס, טאַטע! — האָט דניאל זיך אָנגעכאַפּט פאַר חלפנס פאַר־שלאָג.

— ס'לייגט זיך מיר ניט אויפן שכל די זאַך — האָט ישראל רואיק געזאָגט — אין דער דהיים בין איך געווען אייזנקרעמער; דאָס האָב איך גוט פאַרשטאַנען. וואָס זאָגסטו, מיין זון? — האָט ישראל זיך געווענדט צו נתנען.

— אויב דו וועסט נעמען פרעמדע אַרבעטער, וועל איך דיין שותּף ניט זיין. — האָט נתן רואיק געענטפערט.

— און אליין?

— כ'קען דיר, טאַטע, דערווייל גאָרניט ענטפערן. מיר'ן זיך גוט מישב זיין. דערווייל וויל איך נאָר דאַנקען פון גאַנצן האַרצן דעם מיסטער חלפן, וואָס איז תיכף אַהער אַריבערגעקומען.

— מיין שוועסטער האָט מיך געטריבן אַהער, איך זאָל עס ניט אָפּלייגן אויף מאָרגן.

— כ'בעט באַדאַנקען אייער שוועסטער פון מיינעטוועגן.

— ווי די זאַך זאָל ניט זיין, קומט דערווייל ארויף צו מיר אין שאָפּ, ר' ישראל, כאָטש אייערע יידן ווערן דאָ פרעסער; וועל איך אייך ביי קיין הייסן פרעס ניט אַנידערשטעלן, כאַ־כאַ־כאַ... כ'וועל אייך מאַכן פאַר אַן

אפּרייטער. מאַכט ניט אויס, אַ גמרא קאָפּ וועט פאַרשטיין ווי צו שטעפּן אויף א מאַשין אויך, כאַ־כאַ־כאַ, גוד נאַיט!

האָט עס נתנען שטאַרק געחידושט. אים האָט פאַרדראָסן וואָס אויף אַזאַ ניט געלונגענעם אופן האָט ער זיך מיט מלכה חלפן באַגעגנט.

א חידוש איז דאָס אויך געווען פאר ישראלן, וואָס לייבל חלפן האָט גאָר פשוט געהייסן עפּענען אַ שאַפּ אין שטוב, און האָט גאָר ניט קיין מורא טאָמער וועט עס פאַר אים זיין א קאָנקורענץ. ישראל לוריא האָט פאַר די עטלעכע חדשים ארומגעשמעקט וואָס ער וואָלט געקענט טאָן. ער איז שיעור, שיעור ניט געוואָרן אַ שותף צו אַ שטיקל אייזנקרעמל טאַקע אויף העסטער סטריט. שיעור, שיעור איז ער ניט געוואָרן אַ מלמד. לאַנדסלייט האָבן געוואָלט, ער זאָל ביי זיך אין שטוב מאַכן אַ שטיקל חדר, לערנען מיט די קלענערע קינדער, וואָס דרייען זיך ארום פּוסט־און־פּאַס.

פונדעסטוועגן האָט דער גייסט פון קאָלומבוסעס מדינה גובר געווען. ישראל לוריא האָט זיך מתקנא געווען אין די יינגערע, וואָס האָבן, יעדערער וואו ער האָט געקענט, פאַרדונגען די הענט. אים איז מיאוס געוואָרן ארומ־צוגיין ליידיק. אים איז ניט געלעגן אינזינען צו ווילן אביסל לענגער ביים מנין, וואו ער האָט דריי מאָל א טאָג געדאַוונט.

ישראל, ווען ער האָט שפּעטער געפרעגט א מיינונג ביי היללן, האָט הילל געקוועטשט מיט די פּלייצעס, ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. דניאל האָט אים אָנגעקוקט, און פאַרדעכטיק געשמייכלט. נתן, ווען ישראל האָט ביי אים געפרעגט אן עצה, האָט ער אים מודה געווען, אַז ער אליין האָט זיך דורכגערעדט מיט די חלפנס.

— ביסט, טאַטע, א יונגער מענטש, ביי אלע חושים און ביי אלע כחות — האָט נתן גערעדט — הייב עפּעס אָן, וועסט פאַרדינען עטלעכע דאָלער א וואָך; ס׳וועט צונוץ קומען.

מיט אן אינערלעכער אויפרעגונג איז ישראל אוועק אין שאַפּ אריין. זינט עס האָט מיט אים געטראָפן די ווילדע מעשה מיט זיין באָרד — היט ער די באָרד אביסל צו: ער האָט זי צוגעפּוצט; האָט פון די זייטן צו־געגלייכט, די באָרד זאָל ניט אויסזען אזוי ברייט. „אן אנדער מדינה, אַנדערע מנהגים — האָט ישראל געטראַכט — זאָגט דאָך די גמרא: אז ווען דו קומסט צווישן שלאָפנדיקע, לייג זיך שלאָפן; קומסטו צווישן אויסגע־טאַנצנע — טו זיך אויך אויס... אוודאי שטעקט אין דעם א גרויסער אמת”.

אין שאַפּ האָט זיך ישראל לוריא דערשפּירט יינגער. א לערניינגל! חלפן האָט אים אַנידערגעזעצט נעבן נתנען; ער האָט אים אליין געלערנט ווי אזוי די מאַשין אוועקצולאָזן, ווי אזוי צו זען, דער שטאָך זאָל זיין אַ גלייכער. בליקן האָבן זיך געריסן צו ישראלן פון אלע זייטן, מען האָט ממש געגאַרט צו זען דעם יידן מיטן הדרת־פּנים, ווי ער בויגט זיך איבער דער ניי־מאַשין. ישראל האָט אין דער ערשטער רגע דערשפּירט אין דער ניי־מאַשין אַ הארץ און א לעבן. ער האָט ביי דער ניי־מאַשין צום ערשטן מאָל דערקענט זיינע צען פינגער, און יונג בלוט האָט אַ ריזל געטאָן דורך אַלע גלידער. אמת, ער האָט זיך דעם ערשטן טאָג ווי געשעמט אומצו־ווענדן דעם קאָפּ, באַטראַכטן ווער נאָך ס׳אַרבעט אין שאַפּ, ער האָט זיך

געשעמט צו באַטראַכטן די מיידלעך וואָס זיינען געזעסן אויפן דיל, אויף די פּעק, און „געפּינישט" די העמדער.

בלויז איין מאָל, געווען שוין פאַרנאַכט — ניט זיין אייגענע מידקייט, נאָר די מידקייט פון גאַנצן שאַפּ האָט ער דערפילט יעמאָלט, ווען ריוועטשע די ליטוועטשקע האָט פאַרצויגן:

אוי, מיין האַרץ, זי ווערט דאָך מיר צעריסן,
אַז כ'טו באַטראַכטן מיין בייע היים...
אין האַלדז, אוי, ווערגט מיר יעדער ביסן,
כאָטש דאָלערס טו איך דאָ פאַרדינען סייבם...

יעמאָלט האָט ישראל לוריאַ דערפילט ווי אַ קעלט האָט אים אַ שניט געטאָן איבער זיינע אַלע צען פינגער וואָס זיינען געלעגן אויפן ניי־מאַשין און באַגלייט דעם געקעסטלטן שטאָף צום נאָדל. ניט ווילנדיק האָט ער אָפּגעקערט דעם קאָפּ, אויפצוכאַפּן ווער עס זינגט, און ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן ריוועטשעס מידע, ברוינע אויגן. ער האָט אויך באַמערקט איר רויט־געקרויזטן קאָפּ. אַ קלעמעניש האָט אים ארומגעכאַפּט ארום האַרץ, מחמת, אָן זיין טויבעס טויט אויפן מיטן ים האָט ער זיך דערמאָנט.

דעם אייגענעם אָוונט איז לייבל חלפן ווידער געווען ביי די לוריאס אין שטוב. אויסער ישראלן און קריינדלען איז קיינער אין שטוב ניט געווען. לייבל חלפן איז געווען שטאַרק אויפגעלייגט; צו אים מוז מען אָנקומען, אפילו אַזאַ משפחה לוריאַ, איינס־ביי־איינס בייגן זיך צו אים, דאַנקען אים אין האַרצן פאַר דעם חסד וואָס ער טוט מיט זיי.

אָבער קריינדל האָט אויף אים געקוקט מיט א געווויסן חשד. גאָר אומגעריכט האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, מיסטער חלפן, איר האָט זיך טאַקע אונטערגענומען צו מאַכן אַלע יידן וואָס קומען קיין אמעריקע פאַר שניידער?

— מיט וואָס איז שניידעריי אזוי שלעכט? — האָט חלפן גוטמוטיק צו איר געשמייכלט — דערווייליע זיינען עס די ערשטע טריט; מען פאָרסט קיינעם ניט צו בלייבן דערביי, פונקט ווי איך בין דערביי ניט געבליבן.

קריינדל האָט אַ לאַך געטאָן.

— וואָס לאַכט איר, מיס לוריאַ. איר האָט צוגעקלערט פאַר זיך א בעסערע ארבעט?

— יאָ, כ'האָב צוגעקלערט פאַר זיך אַ בעסערע אַרבעט.

—רעד ניט אזוי, מיין טאָכטער — האָט זיך ישראל מיד אָפּגערופן.

— פאַרוואָס, טאַטע, טאָר איך ניט זאָגן וואָס איך טראַכט? מיר איז געווען בעסער, אַז דו האָסט גאָרניט געטאָן. איך האָב געקלערט אָנהייבן פאַרדינען און דיר העלפן, זאָלסט זיך ניט דאַרפן באַגראָבן אַזוי לעבע־דיקערהייט.

— איר מאַכט א מיסטייק — האָט לייבל חלפן גערעדט מיט זיכערקייט — אייער פאָטער איז אַ יונגער מענטש נאָך; עס איז גוט, אויב אייער פאָטער פאַרדינט, און האַלט אויס אַ ייִנגער קינד. אפשר איז גאָר פאַר איך ניט קיין תכלית צו טאָן דאָס, וואָס אַנדערע מיידלעך טוען ביי מיר אין שאָפּ.

קריינדל איז רויט געוואָרן. לייבל חלפן איז בלאַס געוואָרן. ער האָט אין קריינדלס בליק דערקענט, אַז זי איז גאָרניט אַזוי קינדיש־אומשולדיק ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט. ער האָט זי איצטער נאָך אַמאָל באַטראַכט. זי איז געזעסן מיט אַ זייט צום אָפענעם פענצטער, איר אָפּגעדעקטער אָרעם איז געלעגן אויפן פענצטער־ראַם, און מיט דער לינקער האַנט האָט זי אונטערגעלענט איר קאָפּ, וואָס האָט זיך אַריבערגעבויגן אויף אַהינטער. זי האָט אים איצטער אויסגעזען דערוואַקסענער.

קריינדל פילט, ווען ישראל לוריא איז ניטאָ אין שטוב, וואָלט זי דעם דאָזיקן מענטשן באַליידיקט און ווי געטאָן. ווען זי הערט זיך איצטער איין צום בלוט וואָס רוישט אין איר אַזוי שטאַרק, קומט צו איר דער באַוואוסטזיין, אַז דער־אַ מענטש איז שולדיק אין דער גרויסער מאָס ביטער־ניש וואָס האָט זיך אין איר אָנגעקליבן. „אייער פאָטער האָט געמאַכט די ערשטע טריט" — חזרט קריינדל פאַר זיך איבער חלפנס ווערטער — „די ערשטע טריט צום וואָלף אין די ציינער אריין" — טראַכט ווייטער ביי זיך קריינדל. און ווען ישראל לוריא וואָלט איצטער אין שטוב ניט געווען — האָט זי אים עס איצטער געוואָלט אריינזאָגן.

אָבער ישראל לוריא, וואָס האָט היינט געמאַכט די ערשטע טריט אין חלפנס שוויץ־שאַפּ, און זיך דערשפּירט אַ סך יינגער, האָט איצטער געפילט, ווי ער וואָלט געדאַרפט זיין „אַ היינטוועלטיקער מענטש", און אַז אַ בחור איז געקומען אַביסל פאַרברענגען מיט זיין טאָכטער, איז מער יושר, ער זאָל גיין דאַוונען מערב אין נאָענטן „מנין".

— כ'וועל, קריינדל, גיין דאַוונען מערב; חלילה ניט פאַרפעלן קדיש־זאָגן.

ווען ישראל לוריא איז אומגעריכט ארויס פון שטוב, האָט זיך קריינדל תחילת ווי דערשראָקן צו בלייבן אליין מיט לייבל חלפנען. אין רוסלאַנד וואָלט עס איר פאָטער קיינמאָל ניט געטאָן. אלץ, וואָס זי האָט פריער געקלערט זאָגן דעם מענטשן ביי ווענען עס אַרבעטן פיר פאָר הענט, איר פלייש און בלוט — איצטער זיינען אַלע קלוגע און בייזע ווערטער פאַר־שווונדן.

קריינדל האָט געוואַרט, וואָס לייבל חלפן וועט זאָגן.

— מיס לוריא — האָט ער אָנגעהויבן — איך דערקען אייך ניט. אַ גאַנץ אַנדערן איינדרוק האָט איר אויף מיר געמאַכט ווען איך האָב אייך צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין „קעסטל־גאַרדן". יעמאָלט זייט איר געווען אַזוי רואיק, פאַרטיפט אין אייער טרויער; ניט נאָר איר, אייער גאַנצע פאַמיליע האָט אויף מיר געמאַכט דעם אייגענעם איינדרוק.

— אַ מענטש, ווען ער איז דערשלאָגן פון צער, איז שענער און בעסער.

— רעדט ניט אַזוי, מיס לוריא; ניט דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב אייך געוואָלט זאָגן. איר זייט שוין עטלעכע חדשים אין לאַנד. איר זייט ניט קיין בייבי. איר זעט און פאַרשטייט, וואָס דאָס לעבן פאָדערט דאָ פון מענטשן. דאָ פאַרט אַ שווערער וואָגן אויף שווערע רעדער דורך דער גאַנצער ברייט פון לעבן. ווער סע באַמערקט ניט די משא, וואָס רוקט זיך אָן אויף אים, דער ווערט צעקוועטשט אונטער די שווערע רעדער. כ'וויל אייך פאַרהיטן, ווי כ'האָב מיין שוועסטער פאַרהיט.

— וואָס טוט אייער שוועסטער, זי ארבעט אין שאַפּ?

— ניין, זי ארבעט ניט.

— אויב אַזוי, האָט איר אייער שוועסטער ניט פאַרהיט!

— כ'וויל אייך קלאָר מאכן וואָס איך מיין.

— צוליב וואָס דאַרפט איר עס גאָר אינגאנצן? כ'קען מיך ניט גלייכן צו אייער שוועסטער. זי האָט ווער סע זאָל פאר איר זאָרגן. איך, פאַרקערט, איך דאַרף פאר אימעצן אַנדערש זאָרגן.

— פאַר וועמען?

— איר, מיסטער חלפן, וועט קיינעם ניט באַזאָרגן מיט דעם, וואָס איר נעמט אים אריין אין שאַפּ אריין. אייער שוועסטער אפילו ווייס איך אויך ניט צי איר באַזאָרגט זי.

— וואָס זאָל מיין שוועסטער נאָך אייער מיינונג נאָך טאָן?

— דאָס וואָלט איך געזאָגט אייער שוועסטער, ווען זי פרעגט ביי מיר.

— לאָמיר גאָר אָוועקוואַרפן דעם גאַנצן שמועס.

— איר האָט דאָך מיין טאַטן שוין אויך געמאַכט פאַר אַ שניידער.

— אָל־רייט! כ'וויל אייך, מיס לוריא, ווען עס איז ארויסנעמען אַביסל באַוויזן ניו־יאָרק.

קריינדל איז ווידער רויט געוואָרן; איז אַזש אויפגעשפרונגען פון פלאַץ.

— איצטער, אז איר זוכט פאַר מיר קיין תכלית ניט, איז גוט!

— זאָגט איר מיר צו?

— כ'זאָג צו!

— ט'איר זיך לאָזן פירן וואו איך וועל אייך ארויסנעמען?

— פירט מיך וואוהין איר ווילט!

— אָפּגעמאַכט?

— אָפּגעמאַכט!

לייבל חלפן האָט אָנגעכאַפּט קריינדלס האַנט און געדריקט צו זיינע ליפּן.

קריינדל האָט אים גוטמוטיק, אָן קיין שום פאַרדאַכט אָנגעקוקט.

ווען לייבל חלפן איז א צעטומלטער ארויס פון שטוב, איז קריינדל צוגעגאנגען און זיך געשטעלט אַנטקעגן שפּיגל. זי האָט באַמערקט, ווי פאר די עטלעכע חדשים איז זי דערוואַקסענער און פולער געוואָרן.

* * *

— אוי, די בויערי! אַהין זיינען אָפּן די טויערן פון גהינום, כאַ־כאַ־כאַ; קומט אַ זונטיק, קאָכט דאָרט דער סמבטיון!

אַזוי האָט זיך איבער דער בויערי געוויצלט אריה דעמבאָוויץ, און האָט פונדעסטוועגן ליב געהאַט, ווי יעדער ניט־באַוויבטער מאַן, אין יענעם „טייך" אריינצושטעקן אַ פוס.

פון טשעטעם סקווער ביז אַכטער סטריט, ארויף און אַראָפּ, קאָכט דער „סמבטיון". ניט קיין שטיינער שליידערט ער פון זיך, דעם לעבעדיקן נפש צו פאַרטרייבן. די בויערי צינגלט און שלעפּט מיט אלערליי רעקלאַמעס, לעבעדיקע און טויטע, מיט אַלערליי צוזאָגונגען אויף געווינסן און פאַרגעניגן, מציאות און קערפּערלעכע באַפרידיקונגען, בלישטשענדיקע צירונג און ביליקע קליידער, צעכראשטשעטע פּראָסטיטוציע און ביליקע טענץ;

„סאלונס״ און „טרינק־גארטנס״, ועל כולם — לאגער־ביר! פון אומאויס־שעפלעכע קוואלן פירן פיר־פערדיקע געשפאנען פעסער ביר צום „סמבטיון״. דאס ביר פילטרירט זיך דורך דעם טרינקערס געדערים און „לופטיקט״ זיין מוח.

בראדוויי און די בויערי — צוויי הויפטגאסן אין ניו־יארק. ביידע ברויזן מיט לעבן. אבער בראדוויי איז א צדקת אנטקעגן דער בויערי. בראדוויי איז פרום, פארמאגט ניט קיין לײדנשאפט, און פארמאגט ניט מיט וואס צו באפרידיקן און שטילן יענעמס לײדנשאפט. אבער די בויערי... יידן האבן אויך אהין אנגעהויבן דעם קאפ ארויסצושטעקן. זייערע ביליקע קליידער־געשעפטן און צירונג־ווינקלען שטעכן די אויגן דעם יענקי א סך מער ווי דעם דייטשס ביר־סאלונען, צי ביר־גערטנער — וואו אהינטערן דיך־אפגעצאמטע ווענטלעך שוימט זיך ס׳ביר אין קרוג, און סע שוימט דאס אויסגעלאסענע, דאס צעלאזענע און דורשטיקע לעבן, וואוהין ניו־יארק קומט ארויס אפצודעקן איר שאנד. דאס זאטע לעבן קומט אנברעכן און זיך וואלגערן אין אייגענער צאה.

ווען לייבל חלפן האט קריינדלען געזאגט, אז ער וויל זי ארויסנעמען, באווייזן ניו־יארק — האט ער תחילת געטראכט זי נעמען אויף איינע פון די שפאציר־בארזשעס וואס פירן ארויס א טייל פון זונטיקדיקער ניו־יארק; א שלעפ־שיפל שלעפט די בארזשעס ארויף איסט־ריווער — אזש ביז האר־לעם! מען שטעלט זיך אפ ביי שיינע אינזלען, און מען האט הנאה פון דער זומערדיקער וועלט.

שפעטער האט לייבל חלפן חרטה געהאט: אים איז איינגעפאלן „אויס־צופרואוון די דאזיקע גרויסהאלטערן״, ווי ער האט וועגן קריינדלען אנגעהויבן צו טראכטן. ער וועט זי בעסער פארנעמען אויף דער בויערי, ארײן מיט איר אין איינעם פון די גרויסע, שיין־באפוצטע ביר־גערטנער — אהין, וואו איסט־סיידער גרינע האבן מורא די נאז צו באווייזן. „אפשר מלכהן אויך מיטנעמען״ — האט ער תחילת א קלער געטאן; אבער איב־איינעם מיט דעם געדאנק איז אים א שוויס ארויס אויפן שטערן. „א סך געזינטער פון אן אייגענער שוועסטער סודות אויסצובאהאלטן״. וואס ער וועט רעדן מיט קריינדלען, ווען ער וועט מיט איר בלייבן אונטער פיר אויגן; וואס וועט זי אים זאגן — דאס איז דערווייל באהאלטן אונטער א נעפל. מיט יעדן טאג נענטער צו זונטיק איז אים זיין הארץ אלץ אומרו־איקער געווארן. אים איז, אגב, שטארק קשה געווען וואס קריינדל האט אפילו קיין מינוט ניט איבערגעטראכט, ווען ער האט זי איינגעלאדן אויף זונטיק — מיט אים ארויסצוגיין זען ניו־יארק. אזויפיל סטירדעס האט זי אים יעמאלט א גאנצן אוונט ארויסגעוויזן; און פלוצלונג, ווי נאר ער האט איר דערמאנט וועגן זונטיק, האט זי זיך מיט אמאל אזוי געביטן!

ווען לייבל חלפן איז זונטיק פארנאכט געקומען ארויסנעמען קריינדלען, איז זי שוין געווען פארטיק ארויסצוגיין. א דין קליידל, ווייס מיט רויטער באפוצונג, אביסל ברייטלעך אויף איר מאס — האט זי געטראגן. הילל האט איר דאס קליידל געקויפט פאר זיין אפגעשפארט געלט. אים, היללן, האט הנאה געטאן וואס קריינדל האט עס פון אים אנגענומען. הילל, מיט דער געזונטער נאטור, האט געוואלט וואס גיכער זען זיין שוועסטער אן

אויסגעהיילטע פון צער און טרויער, וואָס דער מוטערס טויט האָט אין לעבן פון דער משפּחה לוריא איבערגעלאָזן.

לייבל חלפן איז געווען פאַרחידושט, ווען קריינדל האָט אים אַזוי רואיק באַגעגנט. זי איז אים אַנטקעגן געקומען ווען ער האָט זיך באַוויזן אין טיר; מיט אַ שמייכל האָט זי אים אויסגעשטרעקט די האַנט. דאָס קליידל האָט איר צוגעגעבן אַ ייִנגערן אויסזען. איר פּנים, וואָס האָט זיך אין אַמעריקע אַביסל אויסגעבלייכט, אויסגעצויגן — איז איצטער בולטער געווען. איר האַלדז אָפן, העכער און גלייכער, ווי איר גאַנץ לעבן דהאָט זיך אויף אַ רגע אויסגעגלייכט.

לייבל חלפן האָט ביי זיך געזוכט פּאַסיקע ווערטער אָנצוהויבן.

— האָב געקלערט אייך ארויסנעמען אויף דער בויערי, מיר זאָלן אריינגיין הערן שיינע מוזיק אין שענסטן ביר־גאַרדן... איצטער האָב איך חרטה.

— פאַרוואָס האָט איר חרטה?

— קען זיין, דאָרטן איז ניט גענוג אָנשטענדיק.

— וואָס טוט מען דאָרטן?

— אַ סך מענטשן, דייטשן קומען אַהין; מע טרינקט, מע הערט מוזיק, מע שפּילט, מע טאַנצט...

— דאָס אַלץ?

— כ׳ווייס ניט וואָס איר מיינט, כאַ־כאַ־כאַ. וואו דען האָט איר מיך געוואָלט נעמען?

— אפשר צו אונדז אהיים גאָר?

— קומט, פירט מיך וואו איר ווילט! כ׳וויל זען ווי מענטשן זיינען פריילעך; כאָטש כ׳טאָר ניט הערן קיין מוזיק. נאָך אפילו קיין האַלב יאָר ניט זינט מיין מאַמע...

ביידע זיינען אַ ווײַלע געבליבן שטיל. לייבל חלפן האָט אָנגעקוקט קריינדלען, וואָס איז געשטאַנען מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אָבער קריינדל דהאָט שנעל אויפגעוואַכט, אַ ציטער געטאָן, און זיך געווענדט ענערגיש צו חלפנען:

— קומט, כ׳האָב געוואַרט אויף אייך. קומט!

— לעבעדיקע דאַרפן לעבן, מיס לוריא.

— איך דאַנק אייך זייער, וואָס איר זייט געקומען מיך ארויסנעמען. כ׳ווייס, איר זייט ניט קיין שלעכטער מענטש, כאַ־כאַ־כאַ, קומט!

דורך דער בויערי האָבן אויף־און־אָפּ געשטראָמט מענטשן, ממש ניט דורכצוגיין. מסחר איז אָנגעגאַנגען אויף די טראָטואַרן, סיי מיט ביליקע סחורות, און סיי מיט פרויען־לייבער. די פּראָסטיטוציע האָט פון אַ סך פענצטער און הינטערטירן ארויסגעשריגן. וואווילע יונגען אין לאַנגע פּראַקן, אין צילינדער־היט האָבן פּרעך זיך פאַריסן מיט יעדער פרוי, וואָס איז געגאַנגען אַליין שפּאַצירן. פרויען מיט הפקר־פּנימער האָבן „איינזאַמע" פאַרבייגייער אריינגעלאָכט אין פּנים אריין. שיכּורע געזאַנגען און ווירוואַר־אויסגעשרייען האָבן געשפּאַרט צו דער גאַס פון די סאַלונס ארויס. ביי די טירן פון די סאַלונס האָבן שיכּורים געבראָכן און משתּין געווען אויף די ווענט.

קריינדל, וואָס איז געגאַנגען זייט־ביי־זייט מיט אַ מאַן, וואָס האָט זי געהאַלטן אונטערן אָרעם, איז אין דעם „סמבטיון" אריין מיט אַ שטאַרקן האַרץ קלאַפּ. האָט געשפּירט, אַז ניט קיין זייטיקע פּערזאָן איז זי דאָ, נאָר אַ טייל פון אַ משוגענעם לעבן. זי האָט עטלעכע מאָל אַ קוק געגעבן איר באַגלייטער אין פּנים אריין, און איר האָט געחידושט וואָס זיין פּנים אין געוויין גלייכגילטיק צום שרייענדיקן, שיכורן, צעלאָזענעם און וואולגאַרן לעבן.

— אויב מענטשן ווייסן ניט וואָס צו טאָן מיט דעם געלט, טאָ צוליב וואָס זיינען די מענטשן אַזוי פאַריאָגט צו פאַרדינען געלט?

— האָט ניט קיין מורא, מיס לוריאַ, — האָט חלפן געענטפערט — ניט אַלע וואָס יאָגן זיך נאָך געלט, פאַרדינען געלט, און ניט אלע וואָס פאַרדינען, ווייסן ניט וואָס צו טאָן מיט דעם. דאָ זיינען פאַראַן גענוג מענטשן, וואָס פאַרשטייען ווי אַזוי צו לעבן.

— איר פאַרשטייט ווי אַזוי צו לעבן?

חלפן איז אַביסל צעטומלט געוואָרן. ער האָט קריינדלען אָנגעקוקט, געפּאָרשט אין איר פּנים, וואָס זי מיינט מיט איר פראגע. ער האָט אַ לאַך געטאָן און ניט געענטפערט.

— כ'פרעג דאָך אייך, צי איר ווייסט ווי אַזוי צו לעבן?

— אַז איר וועט שטאַרק וועלן וויסן, מיס לוריא, וועל איך אייך באַווייזן.

זיי זיינען אַ פּאָר מאָל אַראָפּ ביז טשעטעם סקווער און צוריק ביז אַכטער גאַס; דערנאָכדעם זיינען זיי אַ ווילע געבליבן שטיין פאַר די „אַטלאַנטיק־גאַרדנס", און זיך איינגעהערט. מוזיק־טענער האָבן פון אינעווייניק געשלאָגן.

— אַהער וועלן מיר אריינגיין, מיס לוריאַ!

איידער זי האָט צייט געהאַט אַ טראַכט צו טאָן, האָט ער זי אונטערן אָרעם אריינגעפירט אינעווייניק.

אַ ריח פון ביר האָט אַ שלאָג געטאָן אין נאָז. אין צענטראַלן זאַל, אַרום טישן, זיינען געזעסן גאַנצע משפּחות מיט האַק־און־פּאַק, געגעסן פון אייגענע מאכלים און פאַרטרונקען מיט ביר, געסערווירט פון בופעט, וואו מען האָט פון פעסער אין קריג אריינגעצאַפּט. צוועלף, פּופּצן יעריקע מיידלעך, אין קורצע, פאַרביקע קליידלעך, אין רויטע שטיוועלעך, מיט געפאַרבטע, אָפּגעלעבטע פּנימער — זיי האָבן באַדינט דעם עולם טרינקער. אַן אָרקעס־טער פון ווינט־אינסטרומענטן בשותפות מיט איין האַרפּע — האָט שרייאיק געקלימפּערט. די מערערע געסט האָבן זיך געפונען אין זייטיקע צימערן, אונטן און אויפן אויבערשטן שטאָק. אַ ניט־יידישע וועלט!

פונדעסטוועגן האָט לייבל חלפן זיך אָנגענומען מיט מוט, באַשטעלט אַ באַזונדער צימער, וואוהין ער איז מיט קריינדלען אריין. ער האָט באַ־שטעלט אַ קרוג ביר און אלערליי זיסע זאכן. אַן אָנגעפאַרבט, יונג מיידל האָט עס אריינגעבראכט. מיט אַ פילמיינענדיקן שמייכל זיך פאַרנייגט צו ביידן, ארויס פון צימער, און צוגעמאכט די טיר הינטער זיך.

קריינדל האָט געוואָרפן אירע בליקן, אַמאָל צום שוימיקן קרוג ביר, און אַמאָל צו חלפנען. אומגעריכט איז איר אויפן זינען געקומען די נסיעה אויפן ים, ווען די שיף האָט זיך געוויגט און געמאכט — צום האַרצן זאָל עס שלאָגן מיט דער גרינער גאַל. איר איז אויך אויפן זינען געקומען דער

טרויעריקער סוף פון דער מאַמען, די דירה, אויף לודלאָו סטריט נאָך שבעה, ווען זי האָט לכּבוד פּסח אַנגעהויבן פּאַרען די וואַנצן און די פּרייסן. וואָס פאַר אַ שייכות דאָס האָט געהאַט מיט איר איצטיקן זיצן אין אַ זייטיקן צימער פון אַ דייטשן „ביר־גאַרטן", מיט אַ מענטשן וואָס הייסט לייבל, אָדער לעאָנאַרד חלפן — דאָס איז איר אַליין ניט קלאָר געווען. אפשר איז גאָר אין דעם שולדיק די מוזיק וואָס האָט זיך געטראָגן פון זאַל, און די מוזיק־טענער, וואָס האָבן יעמאָלט זיך געטראָגן פון ערגעצן אויף דער שיף, בשעת זי מיט איריקע האָבן זיך געוואָלגערט צווישן־דעק. די מוזיק־טענער האָבן פאַרבונדן יענע טרויעריקע טעג אויף דער שיף מיט איר איצטיקן זיין דאָ אין דער פרעמדער וועלט!

חלפן האָט באַמערקט אין קריינדלס פּנים דעם אומעט.

— אויב איך געפעלט דאָ ניט, קענען מיר גיין פונדאַנען; מ'קען אריינגיין אין אַ ייִדישן רעסטאָראַן אויף איסט־בראָדוויי.

קריינדל האָט אים אָנגעקוקט. אירע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט טרערן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי געזאָגט:

— קוקט ניט אויף מיר; כ'האָב זיך אָן עפּעס דערמאָנט.

לייבל חלפן האָט זיך איבערגעזעצט צונ'איר, האָט זי אַרומגענומען, צוגעדריקט איר קאָפּ צו זיין ברוסט, און אריינגערעדט איר אין פּנים אריין:

— ניטע, וויין ניט. ווען דו זאָלסט נאָר וועלן, קען איך אייער אלעמענס לעבן גרינגער מאַכן.

— אַלעמענס, אָבער ניט מיין לעבן — האָט זי שטיל געענטפערט.

— איר זייט נאָך אַזוי יונג. איר טאָרט אַזוי ניט רעדן.

— איך ווייס, אַז אַזוי טאָר אַ מיידל ניט רעדן. נאָר איך פאַרשטיי ניט פאַרוואָס איר רעדט מיט אַזאַ זיכערקייט פון דעם, וואָס איר קענט אויפטאָן; צי קענט איר גוט די לוריאס?

— דערווייל האָב איך נאָך קיין מיסטייק ניט געמאַכט.

— גיט מיר אַביסעלע ביר, כ'וויל פילן ווי דער קאָפּ צעך דרייען.

אים איז עס פאַרגעקומען אומגעריכט. אויף איר קוקנדיק האָט חלפן געקלערט גאָר אינגאַנצן פון ביר ניט פאַרזוכן, צום סוף גאָר! ער האָט איר אָנגעגאָסן אַ גלאָז ביר, געקוקט ווי זי נעמט צו די ליפּן און שווידערט אויף. קריינדל האָט זיך אָבער אָנגענומען מיט כּחות, און אָפּגעטרונקען אַ האַלבע גלאָז.

— און איר, מיסטער חלפן, איר וועט קוקן ווי איך טרינק?

— פאַרוואָס האָט איר זיך אַזוי אָפּגערוקט פון מיר?

— זייט מיר מוחל, כ'זיץ טאַקע צו ווייט פון אייך. טרינקט, כ'וויל זען צי איר קענט בעסער טרינקען פון מיר. האַ, די מוזיק איז אַזוי שיין און אַזוי טרויעריק! זאָגט דעם אמת, מיסטער חלפן, פאַרוואָס האָט איר אַהער ניט ארויסגענומען אייער שוועסטער? אלע דריי אינאיינעם האָט געקענט זיין... זעט, כ'האָב שוין באַלד אויסגעטרונקען אַ פול גלאָז, און איר?... נו, גוט, איר טרינקט אייערע ביר, וועל איך זיצן אַנטקעגן אייך, כאַ־כאַ־כאַ.

קריינדל איז מונטערער געוואָרן. דאָס פּנים קרעפטיקער. זי האָט קיין אויג ניט אַראָפּגענומען פון חלפנען. זי האָט תּופס געווען דעם קאָרגן,

גייציקן מענטשן, און פארשטאנען, אז די פעדים, וואס בינדן אים מיט דער לוריא־שטוב, ציען זיך גלייך צו איר. ער טראכט פון איר, איז איינ־געליבט אין איר. אבער דער חוש האט קריינדלען אונטערגעזאגט, אז אמע־ריקע איז ניט די ענגע פעדלער און שוויץ־שעפער וועלט; און מיט די עטלעכע מענטשן, וואס טרעטן אריבער איר שוועל, ענדיקט זיך ניט די צאל באגע־גענישן, וואס איר איז באשערט. טרויעריקע איבערלעבונגען האבן זי פארעלטערט, אויסגעטריקנט דעם קוואל יוגנט־פרייד, וואס זי האט אין רוסלאנד פארמאגט. אבער זי באגרייפט, אז ניט מער ווי זעכצן יאר איז זי אלט. קומענדיקן פרילינג וועט זי ערשט ווערן זיבעצן יאר.

אין פרעמדן פאר איר ביר־ריח און ביליקע פערפיום־ריחות איז איר דער באקאנטער מענטש וואס הייסט לייבל חלפן אויך געווארן פרעמד. אפילו זיין ערנסטע, אנגעצויגענע מינע איז זי איצטער חושד. פונדעסטוועגן פילט זי, אז ער איז דאך געקומען היינט אן אויסגעפוצטער, זי ארויסנעמען און פארשאפן פארגעניגן. ניט שכלדיק, זי זאל זיך באנעמען מיט אים ווי מיט א פרעמדן.

זי האט אויסגעטרונקען נאך א גלאז ביר. אינאיינעם מיט דער וואַ־רימקייט האט באהערשט א שווערקייט אירע אלע גלידער.

— אייער שוועסטער האט שוין א חתן? — האט זי פלוצלונג א פרעג געטאן, און דערביי א פארטאיעטן שמייכל געטאן.

— מיין שוועסטער איז אביסל איינגעליבט אין איינעם פון אייערע ברידער.

—כ׳וויס. — דערביי האט זי א לאך געטאן און זיך אריבערגעבויגן צו אים.

חלפן האט גענומען אירע ביידע הענט צו זיינע ליפן און מיט אינער־לעכער אויפרעגונג גערעדט:

— איר זייט א בייבי, ווי איר וואלט נאך איצטער געווען אין היימישן שטעטל, און ניט אין דער גרויסער ניו־יארק. אין אמעריקע טאר זיך א מיידל ניט האלטן ווי איר. אין אמעריקע איז די פרוי אזא גלייכער מענטש ווי דער מאן. פארדינט באלד אזויפיל ווי דער מאן, און ביי טאטע־מאמע פרעגט דא ניט א מיידל וואס צו טאן, און ווי אזוי זי זאל זיך אויפפירן.

— כ׳וויס, כ׳פיר זיך נאך אויף ווי א קליינשטעטלדיק מיידל. קיינער האט מיר נאך דערוויל ניט דערציילט ווי אזוי ס׳לעבן דא מיידלעך. פון די וואס איך דהאב געזען... מיסטער חלפן, טוט עס ניט, קושט מיר ניט אין די אויגן... מיינע אויגן האבן צופיל טרערן פארגאסן זינט איך בין אין אמעריקע.

— כ׳וויל מאכן, איר זאלט מער קיין טרערן ניט דארפן פארגיסן. ארבעטן זאלט איר אויך ניט דארפן. כ׳וועל אייך קליידן, ווי איך קלייד מיין שוועסטער. די דרעס, וואו האט איר זי געקויפט?

קריינדל האט באמערקט א פארדעכטיק פייערל אין חלפנס אויגן. ער האט גערעדט און באטראכט איר קליידל, זיינע הענט זיינען אומגעגאנגען איבער איר גוף. שווערע הענט, כאטש זיי זיינען געווען שמאלע און ניט קיין גרויסע. זי האט געשפירט ווי זיינע רייד ווערן אן די ליפן. די ווערטער ציטערן, גליטשן זיך אראפ גאר אן א ציל פון זיינע ליפן, בשעת זיינע

הענט האָבן מיט בלינדן אינסטינקט אָנגעהויבן אָנרירן איר גוף. ביי איר אין שטוב וואָלט ער גאָר קיינמאָל ניט געוואָגט אזוי זיך באַנעמען מיט איר. און קיין טראָפּן ביר האָט ער אפילו אין מויל אריין ניט גענומען!

— נאָנסענס, מיס לוריא, — האָט חלפן ווידער געריעדט — וואָס פאַר אַ ווערט האָט מיין שאָפּ? צי דאָס איז אַלץ וואָס איך וועל דאָ אין לאַנד האָבן? פאַר מיר וועלן נאָך אַרבעטן טויזנטער מענטשן! מיין שאָפּ וועט זיין איינער פון די גרעסטע ערגעץ אויף יענער זייט בראָדוויי אפילו. דאָס קען אַלץ זיין פאַר איך, מיס לוריא!

אין דער צייט, וואָס לייבל חלפן האָט אַלץ מער פאַרלאָרן זיין שטייפ־קייט און זיין אויסגערעכנטקייט, האָט אָנגעהויבן אָנווערן דעם באָדן אונטער זיך, אַן אונטערגעהאַקטער, מיט בליקן שיכורע ניט פון קיין לאַגער־ביר — אַלץ ניכטערער איז קריינדל געוואָרן. איר געדאַנק האָט איצט געזוכט אַן אויסוועג, ווי אזוי זיך צו באַפרייען פון אים, און אין דער אייגענער צייט ניט צו באַליידיקן אים. זי האָט אָפּגעמאָסטן מיטן געדאַנק זיין גרויס און זיינע פיזישע כחות, אויב ס׳וועט קומען דערצו, זי זאָל זיך באַדאַרפן פאַרטיידיקן.

קריינדל האָט איידל געפּרואווט באַפרייען זיינע הענט פון אַרום איר טאַליע. ער איז געזעסן הינטער איר, און זי — אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אָן זיין ברוסט. זיינע הענט זיינען געווען געשלאָסן איינע אין דער אַנדערער. ער האָט זיינע הענט אויפגעהויבן העכער צו איר ברוסט, און זיך איינגעגעסן מיט די ליפּן אין איר ווייסן האַלדז.

— מיסטער חלפן, — האָט קריינדל שטיל געזאָגט — ס׳איז שוין שפּעט, כ׳וויל צוריק אַהיים.

זי האָט געפילט ווי זיינע אָרעמס קלאַמערן זיך אַלץ שטאַרקער אַרום איר ברוסט.

— מיסטער חלפן, איך מוז שוין גיין אַהיים.

לייבל חלפן האָט ניט געענטפערט. ווען ער האָט באַפרייט די לינקע האַנט און אָנגעהויבן זוכן איר נאַקעט לייב, האָט אַ גבורהדיקער שטראָם אַ ברויז געטאָן אין איר בלוט און אַרומגעכאַפּט איר גאַנץ לייב.

— מיט אַ יונגן כוח האָט זי אים אָפּגעשאַרט פון זיך, און אַרויסגע־שפּאַנט פון ביר־שענק אַרויס.

קריינדל האָט געשפּאַנט אַהיים, ניט געקוקט רעכטס און ניט געקוקט לינקס; האָט ניט באַמערקט דעם מענטשן־שטראָם אויף דעם ניו־יאָרקער „סמבטיון". ביי העסטער סטריט האָט זי פאַרקערעוועט און, ווי פון אַ שטורעם געשטויסן, איז זי אָנגעקומען צו זיך אין שטוב.

אין שטוב האָט זי קיינעם ניט געפונען — אויסער יוכבדן, וואָס איז געלעגן אויפן בעטל, דעם קאָפּ איינגעגראָבן אין קישן און האָט געכליפּעט.

קריינדל האָט זיך נעבן יוכבדן אַראָפּגעלאָזן, געגלעט איר פּלייצע, געפילט איר מאָגערן און אָפּגעצערטן גוף, און געשוויגן. ווען יוכבד איז איצטער אין שטוב ניטאָ וואָלט זי איצטער, ווי יוכבד זיך געטרונקען אין אַ ים פון טרויער און פּיין.

קאַפּיטל זעקס

ס'איז געווען שפּעט אין אָוונט. אַלע קינדער זיינען געבליבן אין שטוב, מחמת דער פאָטער, ישראל לוריא, האָט געבעטן, מען זאָל זיך ניט צעקריכן: „צייט זיך ארומצוקוקן וואו מען איז אינדערוועלט". די קינדער האָבן באַמערקט, אַז ער האָט זיין פּלייצע אויסגעגלייכט. אַביסל האָט מען זיך אַנגעשלאָגן וואָס ישראל לוריא גרייט זיך אויסצולייגן פאַר די קינדער.

און די קינדער —

אמת, קיינער פון זיי קוקט ניט אַריבער צוריק קיין רוסלאַנד, ווי אַ סך אַנדערע פאַרוואָגלטע אין פרייען לאַנד, אָבער, מיט אַן אויסנאַם פון דניאלן, באַפאַלט זייער אָפּט יעדן איינעם פון די קינדער דער טרויער פון אַ געפאַנגענעם, וואָס קוקט ארויס צו דער וועלט דורך אייזערנע גראַטעס. דערצו גייען שוין ארום כמעט אַלע קינדער מיט אייגענע איבערלעבונגען, וואָס איינער האַלט פאַרן אַנדערן דערוויַיל אַ סוד. דניאל האָט ניט דערציילט קיינעם פון די קינדער וואָס מיט אים איז פאַרלאָפן אין דער דירה פון אַן אָרימער, יונגער, אייִרישער פרוי. אָבער ער אַליין איז פון יענעם נסיון ניט ארויסגעקומען אַזוי גאַנץ און זיכער ווי ער איז געווען. צו אָפט בלאָנדזשעט זיין געדאַנק אין יענער גאַס ביים איסט־ריווער, וואו דאָס געלבלעכע טענעמענט־הויז שטייט. ער האָט אפילו דערקאַנט דאָס מיידעלע מיט די פלאַקסענע הערעלעך און בלויע אויגעלעך, ער האָט איר אַ שמעקעדיק שטיקל זייף אריינגעלייגט אין האַנט אריין, און געהייסן גיין אויבן צו דער מאַמען. אָבער מער ווי ער אַליין ווייסט ניט פון דעם. זיינע אומרואיקע חלומות — זיינען זיינע, און מער קיינעמס ניט.

נתן גייט אויך אַרום מיט זיין אייגענעם סוד. אַ פרוי האָט אים אָנגעבאָטן איר ליבשאַפט. די פרוי איז חלפנס שוועסטער מלכה, אָדער מילדרעד. אויך דאָס איז זיין אייגענער סוד.

קריינדל גייט אום מיט איר סוד. אויך צו איר איז אַ מאַן געקומען מיט זיין פאַרדעכטיקער ליבע. דער מאַן איז ניט קיין אַנדערער ווי לייבל חלפן, ביי וועמען אין שאַפּ אַריקע פאַרדינען די אָרימע דאָלערס; און דעריבער איז איר יונג לעבן שטאַרק צעטרייסלט געוואָרן.

זינט דער פאָטער איז אַוועק אַרבעטן צו חלפנען, האָט ער אויסגעגלייכט די פּלייצע, גיט אַכטונג אויף זיין אויסערלעכן אויסזען: אפילו דעם קריעה־שניט אין זיין אויבערבגד, וואָס ער האָט איינגעריסן נאָך זיין טויבעס טויט, האָט ער צוגעשטאָכן, „דער שניט זאָל ניט קריכן אין די אויגן אַריין".

און די יינגערע קינדער, הילל, שלמה, אשר, זכריה — די שטוב איז פאַר זיי ניט קיין וואַרימע היים. אויסער זכריהן אפשר, וואָס איז אזוי

צוגעבונדן צו זיין צווילינג־שוועסטער, מיט איר רעדט ער אָפּט, לייגט אויס זיינע פּלענער. אינאיינעם לערנען זיי זיך רעדן און לייענען ענגליש.

ישראל לוריא האָט באַטראַכט זיינע זיבן קינדער. אים האָט אויסגעזען, ווי צום ערשטן מאָל זיצן זיי פּאַר אים אַלע אינאיינעם; און אַזעלכע אויסגעוואַקסענע, דערוואַקסענע און ערנסטע! אַ געפיל פון פאָטער־שטאָלץ האָט אים ארומגעכאַפּט אין דער ערשטער רגע.

אַביסל שפּעטער האָט ער דערפילט, אַז אויף איבם פאַלן בליקן פון קינדער, גאָר אַנדערע ווי אינדערהיים, אין רוסלאַנד. דאָרטן איז ער געווען פאָטער. דאָ פילט ער, אַז ער איז אַ גלייכער שותף צו אַ שווער, אַנגעשטרענגט לעבן.

— איך וויל זיך מיט אייך מישב זיין, קינדער, — האָט ישראל אָנגעהויבן, און די אויגן זיינע זיינען געווען געווענדט צום עלטסטן האַלבן צווילינג, צו נתנען — מיר זיינען שוין באַלד זעקס חדשים אין לאַנד. יעדן טומלען זיך, יעדערער וויל זיך ארויסרייסן פון דער אָרימקייט, פון דער פּאַנטששינע. קומט מיר אויס — אַז ס׳וואָלט געווען אַ סך מער יושר, מיר זאָלן אַלע אינאיינעם אָנהייבן עפּעס צו טאָן. אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן אונדזערע הענט פאַרקויפן, וועלן שוין די הענט דעם קאָפּ אויך שלעפּן אין כף הקלע.

די קינדער האָבן זיך איבערגעקוקט.

— וואָס איז דיין פּלאַן, טאַטע? — האָט דניאל געפרעגט.

— מיין פּלאַן איז, מיר זאָלן טאָן דאָס אייגענע וואָס חלפן, און זיין גלייכן טוען. נאָר אַנשטאָט דעם, וואָס באַנ׳אים פּראַצעווען פרעמדע מענטשן, וועלן מיר מיט אייגענע הענט. ווען מען זאָל נאָר אַ פּאָר ניי־מאַשינען, כאָטשבע אַלטע מאַשינען, קענען קריגן.

די קינדער ד׳האָבן זיך ווידער דורכגעוואָרפן מיט די בליקן. אויף היללס פּנים האָט זיך צעגאָסן אַ ברייטער שמייכל.

— וואָס, דיר געפעלט ניט מיין פּלאַן? — האָט ישראל זיך געווענדט צו היללן.

— כ׳ווייס ניט גאָרניט. כ׳בין סיי־ווי ניט קיין שניידער.

— וואו ווּעסטו מאַכן דעם שאָפּ? — האָט קריינדל געפרעגט.

— טאַקע דאָ אין שטוב! — האָט ישראל מוטיק געענטפערט.

— וואָס וועט ווערן פון שטיקל היים?

— מיר זיינען ניט די איינציקע.

קריינדל האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן.

— ווילסט נאָכטאָן חלפנען? — האָט נתן קורץ און שאַרף געפרעגט.

— אפשר איז דאָס דער גלייכער וועג; וואָס זאָגסטו, דניאל?

— כ׳האָב דאָך וואָס צו טאָן. האָב יענע וואָך פאַרדינט פינוו דאָלער. היינטיקע וואָך וועל איך אויך האָבן ניט ווינציקער.

ישראל האָט זיך ניט געריכט צו קריגן פון די עלטערע קינדער אַזאַ אָפּשניט. ביי די יינגערע האָט ער שוין ניט געהאַט וואָס צו פרעגן.

— איך וועל סיי־ווי אוועקגיין ארבעטן — האָט קריינדל אויפגעהויבן די אויגן צום פאָטער.

— אָבער קינדער, דאָס איז דאָך ניט קיין תכלית — האָט ישראל אויפגעהויבן זיין שטים — אינדערהיים האָב איך געדאַגהט פון אייערטוועגן.

ביי מיר אין שטוב איז געווען א היים. געווען שפע. אייך האָט גאָרניט געפעלט. פאַרוואָס זאָל דאָ זיין אַנדערש? פאַרוואָס זאָל איך דאָ ניט קענען אָנהייבן עפּעס טאָן פאַר זיך, און איר אַלע זאָלט מיר אויסהעלפן?

— נעם ניט פאַר אומגוט, טאַטע, — האָט הילל באַשטימט עפּעס אַרויסצוזאָגן — דערמאָן ניט דאָס, וואָס אין רוסלאַנד איז אַמאָל געווען. דאָרטן זיינען קינדער אויסגעוואַקסן ביים זייט פון טאַטע־מאַמע, גאַנצע קאַליקעס זיינען זיי אויסגעוואַקסן. אַז דאָרטן האָבן מיר גאָרניט געטאָן, איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס מיר האָבן דאָרטן ניט געהאַט וואָס צו טאָן. אָבער דאָ, טאַטע, קוק זיך אַרום, וועסטו זען, ווי קינדער גייען אַוועק זייער אייגענעם וועג. קינדער זוכן זייער אייגענעם תכלית...

— איז דאָס אַ תכלית, אַז א היים זאָל מען נעמען און חרוב מאַכן?

— אונדזער היים איז שוין חרוב געוואָרן — האָט הילל מיט עקשנות באַשטאַנען אויף זיינס.

— זיי באַדאַרפן נאָך האָבן אַ היים! — האָט ישראל אָנגעוויזן אויף דער זייט וואו זכריה און שלמה זיינען געזעסן.

נתן האָט ווינציק גערעדט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין פאָטער, זינט מען איז אויפגעשטאַנען פון שבעה, טראַכט פון א תכלית. נתן האָט געוואָרט פון טאָג־צו־טאָג, אַז דער פאָטער וועט אַרויסקומען מיט אַזאַ־אַ פּלאַן. ער איז דעם פאָטער אין עפּעס חושד. ער האָט גוט מיטגעפילט קריינדלען, ווען זי האָט אַ זאָג געטאָן: „וואָס וועט ווערן פון שטיקל היים?" נתן איז חושד, אַז קריינדל באַגרייפט אויך עפּעס.

נתן האָט באַמערקט, אַז דער פאָטער נעמט איצטער פון אים ניט אַראָפּ די אויגן — האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט:

— איך האָב דיך, טאַטע, גוט אויסגעהערט. ביסט גערעכט, אַז דאָס וואָס מיר אַלע טוען דאָ איז דערווייל ווייט פון אַ תכלית. פונדעסטוועגן איז מיר שווער זיך פאַרצושטעלן, אַז דאָ אין שטוב, וואו קריינדל האַלט אויף אַ שטיקל היים — זאָל ווערן א סוועט־שאַפּ. מיט אייגענע הענט וועסטו קיין סך ניט אויפטאָן. מיך האָסטו, טאַטע, ניט וואָס צו רעכענען. איך גיי ניט עקספּלואַטירן קיינעמס הענט. איך גיי זיך ניט אוועקזעצן רייטן אויף די געבויגענע פּלייצעס, ווי חלפן, אָדער ווי א סך אין זיין גלייכן טוען עס. כ'וועל דאָ אין פרייען לאַנד ניט ווערן קיין פּיאַווקע, וואָס זאָל יענעמס בלוט זויגן.

— כ'האָב ניט געמיינט אריינצונעמען קיין פרעמדע מענטשן; מיט אייגענע כחות, וויפל מ'וועט פאַרדינען, — האָט ישראל גערעדט מיט אַ געפּאַלענער שטים.

— גוט, טאַטע — האָט גאָר אומגעריכט אשר זיך אָפּגערופן — איך גיי מיט דיר! אוודאי איז אזוי גלייכער. און אז דאָ אין שטוב אַ שאַפּ, איז וואָס?

— און דו, וואָס זאָגסטו? — האָט ישראל זיך געווענדט צו זכריהן.

— אויב דו וועסט וועלן, קען איך גיין מיט דיר אינאיינעם.

— פאַרוואָס זאָלסטו, נתן, אזוי שלעכט באַנעמען די זאַך? — האָט ישראל מיט אַ געפּאַלענער שטים געפרעגט.

— הייב אָן מיט זיי! — האָט נתן שאַרף אָפּגעשניטן.

— אויב דאָ איז שטוב וועט ווערן אַ שאַפּ, וועל איך אַנטלויפן פון שטוב.
קריינדל האָט אָפּגעווענדט דעם קאָפּ אָן אַ זייט, און געווישט די טרערן.
— אויב אַזוי, האָב איך געמאַכט אַ טעות. אויב אייגענע קינדער קוקן אַזוי אויף אַ טאַטן וואָס שלאָפט ניט גאַנצע נעכט זינט מען איז אַהער אָנגעקומען, איז וואָס האָב איך שוין איצטער צו ברעכן זיך דעם קאָפּ?
מיט די ווערטער איז ישראל אַרויסגעגאַנגען פון שטוב.
— ער איז אַזוי ניט געווען אײידער ער האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן — האָט קריינדל טרויעריק געזאָגט.
— פאַרוואָס קוקט איר אַזוי קרום אויפן טאַטן? — האָט דניאל זיך אָפּגערופן — איך פאַרשטיי אים גוט. אַוודאי איז ניט קיין תכלית, איר זאָלט זיך לאָזן ציען די אָדערן פאַר דריי דאָלער אַ וואָך. ניט דערלעבן זאָלן די חלפנס, איך זאָל פאַר זייערטוועגן ציען די אָדערן. ווען איך וואָלט האָבן אַן אויג אויף שניידעריי, וואָלט איך אפילו קיין מינוט ניט געטראַכט. ניט נאָר איך וואָלט געאַרבעט, כ׳וואָלט צוגענומען אַ צענדליק פרעמדע הענט! איר גייט אַרום ווי אויף יענער וועלט; ס׳לאַנד האָט פיינט פּוסטע אידעאַ־ליסטן. כ׳זע אַרויס, ווער סע קען — דער שינדט יענעם. וועט איר זיך לאָזן — וועט׳ן פון אייך די הויט אַראָפּשינדן!
— וואו זיינען דיינע גליקן? — האָט אים הילל שטעכיק אַ פרעג געטאָן.
— מיינע גליקן? שוין ווילסטו זען מיינע גליקן? וואַרט, וואַרט נאָך אַ יאָר, נאָך צוויי, כ׳ווייס אין וואָס פאַר אַ מצב כ׳וועל זיין! ווען איך זאָל נאָר ניט באַדאַרפן יעדע וואָך?... האָב געקענט אָפּשפּאָרן אַ דאָלער אַ וואָך; אפשר צוויי דאָלער אַ וואָך!
— וואָס מיינסטו מיט דעם? — האָט קריינדל אָנגעשטעלט אויף דניאלן אירע אויגן.
— כ׳מיין, וואָס איך מיין!
— אוודאי מיינט ער וואָס ער זאָגט — האָט נתן בייסיק זיך אָפּגערופן
— ער ווייסט וואָס ער טוט. ער איז אַ בעל חשבון; ער לעבט מיט חשבון!
— אוודאי לעב איך מיט חשבון! פאַר דריי דאָלער וואָלט מען מיר ערגעץ־וואו אנדערש אויסהאַלטן אַ גאַנצן חודש... פאַר דריי דאָלער אַ חודש וועט׳ן מיר געבן דירה, און אפילו מיינע וועש וועט מען מיר אויך וואַשן. אפילו אַ מאַלצייט אַ טאָג, אַ צולאָג.
— האָסטו טאַקע געקערט זוכן אַ גראַמערן און ביליקערן פּלאַץ, אויב דאָ איז דיר צו ענג און צו טייער!
אויף דעם האָט דניאל ניט געענטפערט; ער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, אַרויס פון שטוב און אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר הינטער זיך.
— וואָס זאָגסטו צו אים, הילל? — האָט נתן געפרעגט.
— נו, וואָס, אויב ער פילט, אַז ערגעץ וועט אים קאָסטן ביליקער, פאַרוואָס זאָל ער טאַקע ניט זוכן און געפינען? איך וועל אפשר אויך גיין זוכן אַן אָרט וואו צו אַרבעטן, און וואו צו שלאָפן. נאָר איך וועל עס ניט טאָן ווי דניאל. איך וועל גיין אַהין, וואו ס׳לעבן אידעאַליסטן. וועל אפשר גאָר איבגאַנצן אוועק פון ניו־יאָרק.
שלמה האָט אָנגעהויבן צו הוסטן, און איז אַוועק אין צווייטן צימער.

אשר האָט זיך פלוצלונג שטאַרק צעלאַכט: צוגעגאַנגען צו נתנען און אים ארײַנגעזאָגט אין פּנים אַרײַן:

— ביסט א גרויסער מלמד געווען אינדערהיים, און א מלמד וועסטו דאָ אויך בלײַבן!

נתן האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, געוואָלט אים גוט מכבד זײַן, אָבער הילל האָט זיך אַנידערגעשטעלט צווישן זיי ביידן, ניט דערלאָזן, אַ געשלעג זאָל אויסברעכן.

האָט אשר מיט עקל אויסגעשפּיגן און ארויס פון שטוב.

— וואָס איז מיט אַמאָל געוואָרן אַזאַ איבערקערעניש אין שטוב? — האָט קריינדל מיט טרערן אָנגעהויבן — צי אזוי וואָלטן די קינדער גערעדט ווען די מאַמע ל״עבט? וואָס וועט מיר פון דעם אלעמען ארויסקומען? צוליב וואָס באַגראָב איך זיך אין שטוב?

— אפשר טוסטו א נאַרישקייט, קריינדל — האָט נתן שטיל געזאָגט.

— פאַרוואָס איז דאָס א נאַרישקייט, אַז איך וואָש פאַר אייך אלעמען, קאָך, און זע, איר זאָלט האָבן אַ ד״היים, פאַרוואָס איז דאָס א נאַרישקייט?!

— אפשר האָב איך מיך ניט גוט אויסגעדריקט, קריינדל.

— ניין, דו האָסט געזאָגט, וואָס דו האָסט געמיינט — איז קריינדל באַשטאַנען אויף אירס — פאַרוואָס האָט איר אזוי גיך אָן דער מאַמען פאַר־געסן?!

— איך האָב זי ניט פאַרגעסן! — האָט נתן אויסגעשריגן — כ׳וויים ווער ס׳האָט אָן דער מאַמען פאַרגעסן. און צײַט, דו, קריינדל, זאָלסט שוין וויסן, אַז אַ מאַמען קען קיינער ניט פאַרבײַטן!

— האַ? — האָט קריינדל אָנגעשטעלט אויף נתנען אירע צעטומלטע בליקן.

— וואָס חידושט איר זיך? דער טאַטע איז אַ יונגער מענטש. אויב ער זוכט פאַר זיך אַ תכלית דאָ אין ל״אַנד, איז ניטאָ וואָס צו קוקן קרום אויף אים.

— ניין, נתן, דו האָסט עפּעס אַנדערש געמיינט מיט דעם וואָס דו האָסט פריער געזאָגט.

— דער טאַטע וועט נאָך חר״טונה האָבן אויך. מיר קענען זיך אויף דעם ריכטן. און אויב ער וועט עס טאָן, קענען מיר א״ויף אים ניט האָבן דערפאַר קיין פאַראיבל!

— זכריה, דו הערסט וואָס נתן זאָגט?!

זכרי״ה האָט ניט געענטפערט. ווען נתן און הילל וואָלטן איצטער אין שטוב ניט געווען, מעגלעך, ער וואָלט יאָ זיך אָפּגערופן אויף קריינדלס ווערטער. קריינדלען האָט ער יאָ געוואָלט זאָגן. אים האָבן אויך געבריט די טרערן אין די אויגן, אָבער ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן ניט צו וויינען.

הילל איז צוגעגאַנגען צו קריינדלען, האָט זי ארומגענומען, געקושט א״יר קאָפּ, און גוטמוטיק האָט ער גערעדט צו איר:

— ביסט ניט קיין קל״יין קינד, שוועסטער מײַנע. האָסט געוואָלט פאַרנעמען בײַ אונדז אלעמען ס׳אָרט פון דער מאַמען, איז דאָס אַזוי גוט, אַזוי גוט פון דיר! — וואָס־זשע קומט ארויס? זײַנען מיר אלע שוין ברוך השם אין דער פרייער און גאָלדענער מדינה, אבער דו אליין ביסט

געבליבן אין רוסלאַנד. אָדער דו, שוועסטער מיינע, מיינסט, אז דאָ איז רוסלאַנד. האָסט געהערט וואָס דניאל האָט געזאָגט? אוודאי ביסטו, קריינדל, גערעכט, אויב דו ווייסט, וואָס יעדערער קוקט אין אַן אַנדער זייט. אוודאי וואָלט געווען גוט, ווען מיר אלע קענען זיין אינאיינעם, לעבן ווי נוצלעכע און אָרנטלעכע מענטשן.

— טאָ וואָס זאָל איך טאָן? — האָט קריינדל אַ פּאַרוויינטע געפרעגט.

— טו דאָס, וואָס דו האָסט פריער געזאָגט. קלער ניט צו זיין א מאַמע צו אלע לוריאס. גיי ארויס און הייב אָן ארבעטן, וועסט יעמאָלט דערשפּירן א גרויסע באַפרידיקונג, ווען דו וועסט ווערן זעלבשטענדיק.

— איך ווייס וואָס איך האָב וואָס צו טאָן. — האָט קריינדל זיך אויסגעגלייכט, און איז איבערגעגאנגען צו זכריהן — גלייך אויס דעם קאָפּ, זכריה! כ׳וויל דו זאָלסט אַוועק פון חלפנס שאַפּ. מירן ביידע אַוועקגיין ערגעץ אַרבעטן אינאיינעם!

זכריה האָט זי אָנגעקוקט, האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס קריינדל מיינט.

— אַ נאַר בין איך, וואָס איך ווין, זכריה! אויב זיי ווילן ניט האָבן קיין היים, דאַרף איך אויך קיין היים ניט. אויב די מאַמע איז פאר זיי שוין אויף אייביק געשטאָרבן, האָב איך שוין ניט אויף וועמעס זייט צו קוקן.

— זיי ניט אזוי אויפגעבראַכט, קריינדל, — האָט נתן באַדויערט — און וואָס וועסטו טאָן, אויב דער טאַטע וועט חתונה האָבן און אריינברענגען אַ שטיף־מאַמע אין שטוב אריין?

— דאָס קען ניט זיין! — האָט קריינדל זיך געכאַפּט פארן ברוסט, ווי צו דערשטיקן א שאַרפן ווייטיק — וויפיל איז אינגאנצן זינט די מאַמע איז געשטאָרבן??!

— איך מיין ניט, אַז דאָס וועט געשען מאָרגן, צי איבערמאָרגן, אָבער דאָס קען דאָך געשען. ער איז א לעבעדיקער מענטש ווי מיר אַלע!

דאָ האָט קריינדל זיך אינגאנצן פאַרלאָרן, פאַרבראָכן מיט די הענט, און מיט א גרויס געוויין אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן שטוב, ווי זי וואָלט נאָך אַמאָל איבערגעלעבט דער מוטערס טויט.

* * *

נתן, הילל און זכריה האָבן געוואַרט ביז קריינדל איז געקומען צו זיך. איר ביטערער געוויין האָט זיי דורכגענומען. לאַנג האָט זי געוויינט. ס׳האָט זיי דערמאָנט א לויה. הילל מיט זיין געזונטער נאַטור, וואָס איז פריער פון אלעמען פריי געוואָרן פון יתום־געפיל; ער, וואָס האָט נאָך מיט אַ פּאָר חדשים צוריק אָנגעהויבן צו פאַרבויגן דעם קדיש־זאָגן נאָך דער מאַמען — אים האָט דער שוועסטערס געוויין ביזן ביין גערירט.

ווען קריינדל האָט זיך אראָפּגעלאָזן אויפן בעטל ביי די פענצטער, באַגראָבן דאָס פּנים אין קישן, און אַלע ווילע אויפגעשווידערט פון אינער־לעכן פּיין — איז הילל צו איר צוגעגאנגען, געזעצט זיך נעבן איר און געגלעט איר קאָפּ.

— הער אויף, קריינדל — האָט דהילל מיט א צעבראָכענער שטים געבעטן — נעם זיך אזוי ניט דאָס לעבן. ניטאָ צוליב וואָס זיך אוועק־הרגענען. פאַר די עלטערע קינדער זאָלסטו קיין איין טרער ניט פאַרלירן. און פאַר די יינגערע וועגן אויך ניט. אַלע אַרבעטן צוביסלעך. דער טאַטע

פאַרדינט אויך א פּאָר דאָלער א וואָך. ס׳איז תחילת געווען אַן עולה וואָס מיר האָבן אויף דיר אָנגעוואָרפן די גאַנצע שטוב. קיין היים, ווי ס׳איז געווען אין רוסלאַנד, וועט דאָ סיי־ווי שוין ניט זיין. און איך זאָג דיר, קריינדל, מ׳באַדאַרף עס ניט. ביסט יונג, ביסט אזוי באַרעכטיקט ווי יעדער איינער א טראַכט צו טאָן וועגן זיך. דאָ טאָרסטו ניט זיין געפאַלן ביי זיך. הערסט, קריינדל, וואָס איך רעד צו דיר?

ווען הילל האָט גערעדט, האָט קריינדל איינגעהאַלטן דעם אָטעם און זיך איינגעהערט. ס׳האָבן זיך צו זיינע ווערטער גוט צוגעהערט נתן און זכריה.

שלמה, וואָס איז אַוועק אין צווייטן צימער, איז אריינגעקומען מיט שלאַבעריקע טריט, נאָך בלייכער, ווי זיין שטייגער די לעצטע טעג. קענטיק געווען, ער ד׳האָט געוויינט, די אויגן זיינען ביי אים געווען רויט. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, מיט די אויגן צום דיל.

— כ׳האָב געמיינט, דו שלאָפסט — האָט זיך נתן אָפּגערופן, און ווי צום ערשטן מאָל וואָלט ער איצטער באַטראַכט שלמהס אויסזען — האָסט געהערט ווי קריינדל האָט זיך געמאַכט נאַריש?

— ניט נאַריש — האָט שלמה געענטפערט, און האָט די אויגן פון דיל ניט אויפגעהויבן — אויב זי וויינט, טוט איר מסתמא וויי. אינדערהיים האָט קריינדל פאַר אבי־וואָס ניט געוויינט.

— וואָס־זשע מיינסטו זאָל מען טאָן?

— איצטער איז ניט קיין רייד פון מיר. איצטער האָט עס אינגאַנצן צו טאָן מיט קריינדלען. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר עפּעס אנדערש. און איך זאָג, ס׳איז א גרויסע עולה וואָס איר האָט אָנגעהויבן אזוי קוקן אויפן טאָטן.

— קיינער קוקט אויף אים ניט שלעכט.

— איר זייט חושד, אז ער טראַכט חתונה האָבן.

— איך קוק ניט אויף אים קרום, שלמה, — האָט זיך נתן געוועדט — אויב איך קוק אויף אימעצן קרום, איז עס קודם כל אויף מיין האַלבן צווילינג, אויף דניאלן, וואָס איז דאָ געוואָרן אָפּגעראָטן פון אונדז אַלעמען, און האָט אָנגעהויבן חשבונען יעדן גראָשן וואָס ער פאַרדינט, און יעדן גראָשן וואָס ער גיט אויס.

— זאָל עס דיר ניט אַרן. קוק זיך איין אויף מיר, וועסטו זיך דערוויסן וואָס מיט דיר קען ווערן. ניט נאָר ביי ציגאַרן ווערט מען אָן דאָס געזונט פאַר דער צייט. גיי אריין אין שפּיטאָל, וואו איך בין געווען מיט א פּאָר טעג צוריק, וועסטו זען, אַז געננוג הוסטערס קומען פון די סוועט־שאָפּס אויך. אפשר פון דאָרטן קומען מער ווי פון אומעטום! אויב הילל וויל בעסער גראָבן די ערד, צי אויסלאָדן שיפן, אבי ניט זיצן אין גהינום און נייען העמדער; אויב דניאלן געלוסט זיך בעסער זיין א פּעדלער, — איז אויך ניט קיין עולה. אונטערצינדן האָט מען געדאַרפט די אלע שעפּער, אַז קיין שריד־ופליט זאָל ניט בלייבן!

— אזוי, שלמה, אז דו רעדסט, געפעלסטו מיר. אזוי קלער איך אויך. בלוטזייגערס האָבן זיך דאָ אויף דער איסט־סייד באַזעצט און נאָגן אונדזער בלוט אויס!

— אויב דו פאַרשטייסט אַזוי, טאָ פאַרוואָס קוקסטו קרום אויף דניאלן?

— ער האָט היינט גערעדט ווי אַ חזיר. אויב קריינדל האָט צוליב דעם אפשר געוויינט, פיל איך זי מיט. ער איז אַ חזיר, אויב ער נעמט פלוצלונג און מאכט אַ חשבון, אַז ערגעץ וואו אנדערש וואָלט ער געקענט וואוינען פאַר דריי דאָלער אַ חודש און קריגן נאָך אַ צולאָג — וועש וואַשן און שבת־עסן!

ביי די ווערטער האָט קריינדל אויפגעהויבן דעם קאָפּ. איר פּנים, אירע אויגן — אויסגעלאָשן; די ליפּן ווי אַנגעשוואָלן. זי האָט אָנגעשטעלט טרויעריקע אויגן אויף שלמהן. זי האָט געוואָלט, ער זאָל נאָך רעדן. שוין לאַנג, אַז זי האָט שלמהן ניט געהערט רעדן בכלל. ווען שלמה קומט אַהיים פון דער אַרבעט אַן אויסגעמאַטערטער, פאַרקלייבט ער זיך אין פינצטערן צימער און שווייגט.

שלמה האָט אויפגעהויבן די אויגן צו קריינדלען, מיט אַ בלאַסן שמייכל, אָבער גוטמוטיק, און געזאָגט:

— דו, קריינדעלע, טוסט אַ נאַרישקייט וואָס דו נעמסט זיך דאָס לעבן צוליב אונדז. ביסט די יינגסטע, און מע קען מיינען, דו ביסט די עלטסטע, און שלעפּסט אונדז אַלעמען אויף דיינע פּלייצעס. וואָס געשען, איז שוין געשען. צוריק קיין רוסלאַנד קלייבט זיך קיינער פון אונדז ניט, כאָטש דאָ איז דערוויל ביטער ווי דער טויט. פּשוט, מ׳איז דאָ געוואָרן ווי די ערד. מע טרעט דאָ אויף מענטשן ווי אויף מיסט. הלוואי נעמט דער טאַטע און האָט חתונה מיט אימעצן, און זאָל אים ווערן גוט. צוליב דעם, קריינדל, האָסט ניט געדאַרפט וויינען.

כאָטש שלמה האָט אַזוי קלאָר דערמאָנט דאָס, וואָס האָט זי מיט אַ פּאָר שעה פריער אַזוי צעבראָכן, האָט זי עס איצטער גאַנץ רויִק אויסגעהערט.

— זאָגט מיר, קינדער, — האָט קריינדל גערעדט אויף דער זייט פון נתנען — ווי אַזוי איז דאָס אייך גאָר אין קאָפּ געקומען?

— דער טאַטע איז געוואָרן יינגער זינט ער איז אוועק אין שאַפּ אַרבעטן.

— אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט אָנגעהויבן פאַרדינען.

— אפשר... וואָס שוויגסטו, זכריה — האָט נתן מיט האַלב־געלעכטער זיך געווענדט צום איינגעקאַרטשעטן זכריהן, וואָס איז געזעסן נעבן שלמהן — אַרבעטסט דאָך אויך אין דעם אייגענעם שאַפּ וואָס דער טאַטע. דערצייל קריינדלען ווער ס׳וועט אונדזער שטיף־מאַמע זיין.

— האָ?! — איז קריינדל אויפגעשפּרונגען און צוגעלאָפן צו זכריהן — ווער איז עס, זכריהלע, אימעצער פון שאַפּ?

— כ׳ווייס ניט פון גאָרניט. — האָט זכריה זיך אָפּגעטרייסלט פון גאַנצן ענין.

— כ׳בעט דיך, דערצייל וואָס דו ווייסט, — איז קריינדל צוגעשטאַנען צו נתנען.

נתן האָט גענומען קריינדלען צו זיך אויפן שויס, האָט זי אונטערגעהאַקעט, דערנאָכדעם האָט ער איר אָנגעקושט ביידע באַקן, און גערעדט צו איר גוטמוטיק:

— הכלל, שוועסטער מיינע, א קו איז געפלויגן, כאָטש ס׳איז ניט געשטויגן און ניט געפלויגן. יעדן איז אַנגעוויזן זיין וועג. נעם דיר עס, שוועסטער קריינדל, אריין אינזינען. מ׳איז אין א ניי לאַנד, און מען טאָר פון גאָרנישט ניט אָפּשטיין. זכריה לערנט זיך אין דער שטיל ענגליש, איז גוט.

— איך לערן זיך גלייך מיט אים.

— מירן נאָך מיט דניאלן אויך אויסקומען. ער לויפט נאָך ניט פון שטוב. דער טאַטע האָט נאָך דערווייל ניט חתונה. און הילל גייט נאָך דערווייל ניט אוועק לעבן מיט די קאָמוניסטן קייען גראָז. טשוכע זיך אויס. דעם טאַטן וועלן מיר ניט לאָזן עפּענען קיין סוועט־שאָפּ דאָ אין שטוב. שלמהקע איז נאָך אויך ניט קיין פּאַרפאַלענער. אזעלכע שעפער ווי חלפנס וועט מען אונטערמינעווען מיט דער צייט. נאַר געדולד, הילל!

עס האָבן זיך דערהערט טריט הינטער דער טיר. אימעצער האָט געזוכט און געטאַפּט די טיר.

הילל איז אויפגעשטאַנען, זען ווער ס׳בלאָנדזשעט. ער האָט אויפגעעפנט, און אין דער אָפענער טיר, מיט א ברייטן שמייכל אויף איר פּנים, איז געשטאַנען ריוועטשקע די ליטוועטשקע!

שוין מער ווי צוויי חדשים, אז נתן זעט כמעט יעדן טאָג דידאָזיקע רויטהאָריקע ריוועטשע, איר באַשפּרענקעלטן מיט זומערשפּרענקלעך, נאָך גאָר יונגן און קרעפטיקן פּנים. זי זיצט ביי חלפנען אין שאָפּ אויפן דיל, פאַרענדיקט העמדער און זינגט אירע לידלעך. זכריה זעט זי זעלטענער, מחמת ער ארבעט אויף אַן אַנדער שטאָק. א פּאָר מאָל האָט זי קריינדל אויך געזען אין גאַס דערביי. אז ריוועטשע האָט זיך איצטער באַוויזן אין טיר — האָבן אלע אויף איר אָנגעשטעלט די אויגן ווי אויף א בייז וואונדער.

הילל האָט ריוועטשען אָפּגעטראָטן דעם וועג. זי איז אריין ביז אין מיטן צימער, און מיט א ברייטן שמייכל געזאָגט איר „גוד־איווינינג!‟ זי האָט באַמערקט ווי איר אומדערוואַרטעטער אָנקומען האָט אלעמען צעטומלט. האָט זי לעבעדיק א לאַך געטאָן, צוגעגאַנגען נאָנט צו קריינדלען, און איר דערלאַנגט די האַנט.

— איך קען אייך כמעט אינגאַנצן ניט. א סוועסטער איז געראָטן אין ברודער. וואָס מאַכסטו? — האָט זי זיך געווענדט צו זכריהן — דאָס איז דער צווילינג מסתמא, די סוועסטער און דער ברודער.

די בליקן פון די שטובלייט זיינען אומגעגאַנגען איבער איר גאַנצן געשטעל, פון איר רויט־געקרויזטן קאָפּ, ביז צו די פיס. איצטער, ווען זי האָט זיך גוט ארומגעוואַשן, אויפגעלופטערט די פלאַמיקע האָר, אָנגעטאָן אַ גאַנץ גוט געפּאַסט ברוין קליידל מיט א ווייסן פּאַסיק אַרום, אין ווייסע שיך, מיט א גרין שנירעלע פּאַטשערקעס אויפן לענגלעכן און מאָגערן האַלדז — איז בולטער געווען איר שאַרפע, כאָטש רונדע געמבע, ארויסגעבויגן צום דרויסן. אז זי האָט א לאַך געטאָן — האָבן א בלאנק געטאָן ווייסע ציינער, און א רויטע צונג האָט זיך צווישן זיי געצאַפּלט. ניינצן יאָר איז זי אַלט געווען, אָבער אויסגעזען האָט זי אַביסל עלטער. דאָס פּנים מאָגער, אָבער קרעפטיק. איר ברוסט־שטים האָט איר צוגעגעבן מענערישקייט.

נתן איז דער ערשטער געקומען צו זיך:

— אַז מ׳קען זיך נאָך אַביסל ארומוואַשן אין אַמעריקע נאָך דער ארבעט און אויסזען א ביסל בעסער...

ער האָט ניט פאַרענדיקט. ער האָט זיך געווענדט צו קריינדלען:

— דאָס איז מיס רבקה האַלפּערן. אין שאָפּ רופט מען זי ריוועטשע די ליטוועטשקע.

הילל האָט געזוכט א פּאַסיק וואָרט צו זאָגן: האָט זיך א פּאָר מאָל שווער אויפגעהויבן, צוריק זיך צוגעזעצט, און באַשטימט צו פרעגן:

— ווי לאַנג זייט איר שוין אין אַמעריקע?

— איך? האָב סייבם באַלד פאַרגעסן, כאַ־כאַ־כאַ. סיים דאָס צווייטע יאָר.

— אַליין, צי מיט קרובים?

— מיט א מאַמען; מיט אַ יינגערן ברודער און סוועסטער. אַלע האָ־רעווען ווי אַין דער גאָלדענער מדינה, כאַ־כאַ־כאַ. איר קוקט מיך אָן אזוי, איר באַטראַכט מיך אַזוי, כאַ־כאַ־כאַ. מירן נאָך ווערן גוטע פריינט אַמאָל אויך.

דערנאָכדעם האָט ריוועטשע זיך דערנענטערט צו קריינדל־ען, זיך אַני־דערגעזעצט אויפן ברעג בעט, און גערעדט צו נתנען, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן:

— כ׳בין געקומען צונ׳אייך, מיסטער נייטן. כ׳וויל מיט אייך איבער־ריידן וועגן אונדזער אַלעמענס אַ זאַך.

— אדרבה!

—ווי געפעלט אייך דער סאָפּ, כ׳מיין, וואו מיר בידעווען?

— ער געפעלט מיר פּונקט ווי ער געפעלט אייך.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט זיך ריוועטשע האַרציק צעלאַכט.

— איר קענט נאָך לאַכן! כ׳בין אייך מקנא.

— כ׳האָב סיים מיינס אָפּגעוויינט. האָב מיר ארומגעזען, אַז דאָ לייענט ניסט צו וויינען. קיינער צאָלט ניסט פאר טרערן אין אַמעריקע. דאָ קען מען מיט טרערן ביי קיינעם ניסט אויסנעמען. אז איר האָט אונדזער יינגערן באָס יעמאָלט אַ סליידער געטאָן, אַזש ער האָט זיך אַ קייקל געטאָן איבערן סאָפּ, האָב איך אַ קלער געטאָן: דאָס איז דער מענטש, וואָס וועט נאָך באַווייזן דעם באָס ווער דער אַרבעטער איז. צייט, מ׳זאָל אים געבן איבער די הענט. ער סינדט מענצן לעבעדיקערהייט!

— וואָס, קלערט איר, זאָל מען טאָן?

— כ׳האָב געטראַכט פיר פון אייך ארבעטן באַנ׳אים... כ׳וויס, איר האָט נאָך מיסכאָפּע. כ׳וויס וואו מ׳קען קריגן ארבעט; מיר׳ט מען גע־טרויען, אז איך וועל קומען בעטן ארבעט. מיר קענען זיין באָס איבער זיך אַליין.

— וואָס מיינט איר? — האָט נתן פאַרחידושט געפרעגט.

אירע ווערטער האָבן נאָך מער חידוש ארויסגערופן ביי קריינדלען און ביי היללן. אין איין אָוונט האָט מיט די קינדער וועגן דעם אייגענעם פּלאַן גערעדט ישראל לוריא, און איצטער — אַ ווילד־פרעמדע!

ריוועטשע האָט באַמערקט, אז איר פאַרשלאַג האָט צעטומלט די שטוב־לייט. זי ד־האָט אויך באַמערקט ווי קריינדל האָט זיך ממש דערשראָקן פאַר אירע פּשוטע רייד.

— זאָגט מיר דעם אמת, האָט מיין פּאָטער מיט אייך גערעדט פון אַזאַ פּלאַן?

נתן האָט עס געפרעגט מיט א קענטיקער אויפרעגונג, און ער האָט זיך באַלד פאַרכאַפּט:

— כ׳מיין עפּעס אַנדערש צו זאָגן, — כ׳האָב געמיינט, אז איר ווילט מיט מיר רעדן, מ׳זאָל זיך אָרגאַניזירן און ארויסרופן א סטרייק ביי אים אין שאַפּ. דאָס איז מיר געפעלן געווען. פון דעם דאַרף אָנהייבן יעדער באַוואוסטזיניקער פּראָלעטאַריער. צום באדויערן זיינען אלע, וואָס שוויצן אויס זייער לעבן פאַר די רויבער־באָסעס נאָך מער ווי שקלאַפן אין היינטיקן מצרים. טאָ, זאָגט זשע מיר, וואָס מיינט איר? ביידע פּלענער אייערע גייען דאָך ניט אײַנאײַנעם!

— איר קענט אונדזער פּאָטער? — האָט גאָר אומגעריכט קריינדל א פרעג געטאָן.

— ווייסט ווי דען: אַז מ׳ארבעט אין איין פינצטערן סאַפּ אָפּ גאַנצענע טעג, דערקענט מען זיך סיים.

קריינדל האָט געשפּירט ווי דער דיל אונטער איר הייבט אָן צו זינקען. איר קאָפּ איז אויף א ווייל ווי איינגעקליאַמערט געוואָרן אין אָן אייזערנעם רייף. פון די צוויי וועגט־לעמפּלעך אַנטקעגן האָבן זיך אָנגעהויבן ציען ליכט־שפּיזן און געשטאָכן אין ביידע אויגן, און פון די אויגן האָבן ליכט־שפּיזן ארויסגעשטראַלט און זיך אריינגעשטאָכן אין דעם פייער פון די ברענענדיקע קנויטן. די געזיכטער פון אירע פיר ברידער, דאָס געשטאַלט פון דער רויטהאָריקער מיידל, וואָס מיט אַזאַ טיפער שטים רעדט זי, און רעדט מיטן „סין״ — אלץ אינאיינעם האָט זיך אָנגעהויבן דרייען אין קאַראַהאָד. זי האָט זיך אויפגעד־הויבן גיין אין צווייטן צימער אריין, און געשפּירט, אז זי וועט פאַלן אין מיטן וועג. איז זי געבליבן זיצן אויפן געלעגער; פאַר פּיין געריבן מיט ביידע הענט דעם שטערן, די אויגן, און איבערגעגאנגען צו די ליפּן: זי האָט מיט ביידע הענט צונויפגענומען איר מויל — ווי ארויסצורייסן דאָס מויל פון פּנים ארויס.

דערנאָכדעם האָט זיך קריינדל פּאַרט אויפגעהויבן, מיט אונטערגע־בראָכענע פיס איז זי אוועק צו דער דרויסן־טיר און ארויסגעאיילט פון שטוב.

זכריה האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, אַרויס נאָך קריינדלען.

ריוטשע האָט עס באַמערקט. זי איז בלאַס געוואָרן, אויפגעשטאַנען, ווי ארויסצוגיין, און איז געבליבן אין מיטן צימער. אין דער לעצטער רגע האָט זי זיך אָנגענומען מיט כוח און געזאָגט צו נתנען:

— עפּסער בין איך צו פרי געקומען מיט אייך רעדן. עפּסער האָב איך געדאַרפט וואַרטן ביז ווינטער. אַזאַ ליבע סוועסטער האָט איר, זי ארבעט נאָך ניסט?

— איר האָט ניט געענטפערט אויף דעם וואָס זי האָט אייך געפרעגט. קען איך וויסן, צי מיין פאָטער, מיסטער לוריא, האָט מיט אייך גערעדט וועגן אָנהייבן פאַר זיך אן אייגענעם שאַפּ?

— יאָ, מיסטער בייטן, ער האָט מיט מיר גערעדט — האָט ריוטשע, מיט פאַרשעמטע בליקן, געענטפערט.

— כ׳וועל אייך מאָרגן זען אין שאָפּ, מיס האַלפּערן.

— גוד־נאַיט, גוד־נאַיט!

מיט איילנדיקע טריט איז ריוועשע ארויס פון שטוב, און געלאָזן הינטער זיך א בייזן סוד.

— וואָס זאָגסטו, הילל? — האָט נתן אַ צעשראָקענער געפרעגט.

— האַ, וואָס זאָגסטו, נתן? — האָט הילל זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן בעט.

— גייט, זעט, וואו קריינדל איז אַוועק! — האָט שלמה זיך געווענדט צו די ברידער.

— אָ, קריינדל... זי וועט זיך נעמען דאָס לעבן! קום ארויס, הילל, מירן זי געפינען און ארויפנעמען אין שטוב!

די ברידער האָבן זיך אַרויסגעלאָזן זוכן קריינדלען.

* * *

נתן און הילל האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין שטוב אריין מיט אראָפּ־געלאָזטע קעפּ. קריינדלען ד׳האָבן זיי ניט געבראַכט. האָבן זי ארומגעזוכט אין די ארומיקע גאַסן, און פון איר קיין שפּור ניט געפונען. אין צימער האָבן געברענט צוויי קעראָסין־לעמפּלעך. פון די ווענט האָבן שאָטנס געצויגן.

— וואָס וועט זיין? — האָט נתן געפרעגט.

הילל האָט אויף דעם ניט געענטפערט.

— פאַרוואָס טוט עס קריינדלען מער וויי ווי אונדז? — האָט נתן געפרעגט, און אליין געפרואווט אויפקלערן קריינדלס געמיט — זעקס ברידער, און זי איז די איינציקע שוועסטער; מיר האָבן דאָ אָנגעהויבן קוקן יעדערער אין זיין אייגענעם ווינקל און גאָר פאַרגעסן, אז מיר האָבן אן איינאיינציקע שוועסטער. מיר אלע רייסן זיך צו געפינען פאר זיך א תכלית, רייסן זיך צום ליכט. קריינדלען האָבן מיר געלאָזן אין שאָטן פון לעבן.

הילל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו נתנען, און האָט ביטער גע־שמייכלט.

— וואָס קוקסטו מיך אזוי אָן, הילל?

— ביסט מיט אמאָל געוואָרן א פילאָזאָף.

— פאַרוואָס טראַכסטו אזוי?

— אָט האָסטו זיך מיט אמאָל געכאַפּט, אז אַזאַ מיידל ווי קריינדל איז געבליבן אין שאָטן פון לעבן. און וואָס איז אונדזער אייגענער תכלית? מיר זיינען דאָ אלע געפאַלן. ווער איז זי, אָט, די־אָ רויטע מויד, וואָס איז געקומען רעדן אין זיין נאָמען, עפּענען דאָ א שאָפּ, ווי קומט עס צו נ׳איר? זי ארבעט דאָך מיט דיר אין איין לאָך דאָרטן, ווער איז זי?

—פאַרגעס אָן טאַטן. איצטער איז פאַראַן אַ שוועסטער. אלעמענס חוב צו זען, זי זאָל זיך שטעלן אויף די פיס. קודם כל, ניט זיין קיין חזירים. דאָס, וואָס די מאַמע וואָלט פאַר דער שטוב געטאָן ווען זי לעבט, דאַרף קריינדל ניט טאָן. מיר האָבן זי געמאכט פאר א דינסט. דאָ אין אמעריקע איז דאָס א פאַרברעכן.

— עד׳ נתן, זי וועט קריגן עטלעכע גוטע סטוסאַקעס פון לעבן וועט זי קלײגער ווערן. אָבער דעם פּאַסקודנעם ברודער דניאלן, אָ, ווען איך ד׳האָב אים איצטער פאַר די אויגן, כ׳וואָלט אים ווי אַ הערינג צעריסן!

אויף דידאַזיקע רייד איז אָנגעקומען דניאל. ער האָט דערשמעקט די שווערע שטימונג. ביידע ברידער האָבן אים אָנגעקוקט מיט חידוש, ניט גלויבנדיק די אייגענע אויגן, אַז דאָס איז דניאל.

— וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? קיינער אויסער אייך איז גיטאָ?

דניאל האָט פאַרקוקט אין פינצטערן צימער אַריין.

— וואו איז קריינדל? — האָט דניאל גאַנץ רואיק געפרעגט.

— ביסט אַ מנובל, אַ חזיר, אָט, וואָס דו ביסט, טפוי זאָלסטו ווערן!

הילל האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, אָנגעהייבן שפּרייזן פון טיר צום פענצטער און פון פענצטער צו דער טיר.

— וואָס מיינט ער, נתן? — האָט דניאל פאַרחידושט נאָכגעקוקט היללן.

— פרעג אים, וועט ער דיר זאָגן וואָס ער מיינט.

— ניט אַנדערש, ער איז משוגע. אַניט — וואָלט איך אים פאַרפאָרן אין באַק אַריין.

— שטיק חזיר, אוועק פון מיינע אויגן! — האָט הילל זיך אַ ריס געטאָן צו דניאלן.

נתן איז אויפגעשפּרונגען, אַרומגעכאַפּט היללן אים געשטופּט צום צווייטן צימער.

— זיי ניט קיין משוגענער, הילל!

— לאָז אים אָפּ, זאָל ער פּרוּוון צוגיין צו מיר, לאָז אים אָפּ! — האָט דניאל זיך געריסן צו היללן.

— כ׳האָב אים אינדערהיים פיינט געהאַט, און דאָ קען איך אין זיין צורה ניט קוקן!

הילל האָט זיך אַ ריס געטאָן פון נתנען און אויפגעפאַלן אויף דניאלן. אָבער דניאל איז געווען דער שטאַרקערער, דער זאַטערער. איינאיינעם מיט נתנען איז אים געלונגען אַריינצושטופּן היללן אין צווייטן צימער און פאַר־האַקן די טיר הינטער אים.

— פאַרוואָס פאַר אַ זינד וואַרפט ער זיך אויף מיר מיט אַזעלכע ווערטער? — האָט דניאל געליאַרעמט — בין איך שולדיק, אויב דער טאַטע האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן? וואָס פאַר אַ פּראָוו האָט איר אים אַ דעה צו זאָגן וואָס ער זאָל טאָן אין אַמעריקע?! וואָס פאַר אַ דעה האָט איר אויף מיר געקראָגן? וואָס וויל קריינדל פאַרשטיי איך ניט — וואָס, אַ מאַמע וויל זי ווערן? זי וועט קריגן אַ חתן, וועט זי חתונה האָבן, כאַ־כאַ־כאַ. דאָס קען טרעפן אַ ליאַדע טאָג, כאַ־כאַ־כאַ...

— דניאל רעדסט ווי אַ נאַר. זינט דו ביסט אַהער געקומען איז פאַר דיר יעדעס שטיקל אידעאַל אָפּגעשטאָרבן.

הילל ד׳האָט געעפנט אָביסל די טיר, האָט געהערט נתנס מוסר, און זיין האַרץ האָט זיך אָנגעהויבן אָפּצוקילן.

און קריינדל —

זי איז אַרויס פון שטוב מיט אונטערגעבראָכענע פיס. דרויסן האָט איר דאָס האַרץ פאַרקלעמט. יוגנטלעכע בענקשאַפט איז געקוואָלען אין איר

גאַנץ לייב. ווען זי וואָלט געפינען א שטילן ווינקל, זיך אַנידערזעצן, קיינער זאָל זי ניט באַאומרואיקן, וואָלט זי איצטער אזוי שטיל געזעסן און אפשר אזוי אָנשפּאַרן דעם קאָפּ און איינשלאָפן. אפשר וואָלט זי דערנאָכדעם זיך אויפגעכאַפּט א באַרואיקטע, א באַפרייטע פון פּיינלעכן פּלאָנטער, וואוהין איר לעבן איז אריינגעשלעפּט געוואָרן.

מיט די בליקן פאָרויס אין דער נאַכט, ניט געאַכט די מענטשן וואָס זיינען פאַרבייגעגאַנגען און צומאָל זי א שטויס געטאָן — זי האָט געשפּאַנט פאָרויס. מענטשן האָבן ארום איר גערעדט יידיש, רוסיש; אריינגעקוקט איר אין פּנים, אָבער זי האָט געשפּאַנט מיט בלינדע טריט פאָרויס. געווען שוין ארום האַלבע נאַכט. זי איז אָנגעקומען מיט העסטער סטריט צו דער בויערי צו, און פאַרן דמיון איז איר דורכגעשוואומען איר לעבן פון טאָג אָן זינט מען האָט זיך געלאָזן אין וויטן וועג אריין, ביז צו דער מאַמעס טויט אויפן שיף. פון א יונג מיידל, קינדיש נאָך, — ווערט זי מיט אמאָל דערוואַקסן, זי שפּירט צומאָל ווי זי איז די עלטסטע אין שטוב צווישן זיבן דערוואַקסענע מאַנצבילן. זי איז די מאַמע. אזוי איז דאָך עס טאַקע געווען. זי האָט א הייבם איינגעאָרדנט פאַר די זיבן מאַנצבילן, געקאָכט, געוואַשן פאַר זיי, געלאַטעט און געצירעוועט. מענער אומבאַקאַנטע זוכן ביי איר ליבע, און זי — זי איז א באַלאָדענע מיט זאָרגן, מיט זיבן מאַנצבילן, אויף וועמען זי באַדאַרף אַכטונג געבן. און איצטער, מיט איינמאָל איז די היים אויפגעריסן געוואָרן! זי דערקענט עס אין לעבן ארום. די „גרינע" זיינען אריבערגעקומען אין גאַנצע בינט, און דאָ, אין פרייען לאַנד, האָט דער בונט געפּלאַצט און מען איז צעשאָטן געוואָרן. זי קען בשום אופן ניט באַנעמען דעם פּלוצלונגן בייט אין פאָטער, וואָס איז מיט אַמאָל אזוי מונטער געוואָרן, „ער זאָגט דאָך קדיש נאָך דער מאַמען דריי מאָל א טאָג!"

— און אפשר איז דניאל גערעכט. — לויפט דורך א געדאַנק — דאָ איז יעדערער פאַרנומען, וואָס גיכער זיך ארויסצורייסן פון דלות און ענגשאַפט און שווערער פּראַצע. דער טאַטע איז נאָך יונג. אפשר איז דניאל גערעכט...

ווען זי איז ארויס אויף דער בויערי — איז איר געקומען אויפן זינען דער זונטיק פאַרנאַכט, ווען לייבל חלפן ד'האָט זי ארויסגענומען באַווייזן ניו־יאָרק, און האָט זי גאָר פאַרפירט אין „אטלאַנטיק ביר־גאָרטן" דערביי. זי דערמאָנט זיך דעם מאָמענט ווי ער האָט אָנגעהויבן צו קריכן צו איר לייב, געמיינט, זי איז שיכור געוואָרן פון איין גלאָז ביר. זי האָט אים יעמאָלט געלאָזן אליין און גענומען לויפן אהיים מיט דער אייגענער גאַס. עס גייט איר דורך א סקרוך איבערן לייב. זי עפנט אויף ברייט די אויגן און זוכט רעכטס און לינקס. כאָטש די בויערי איז כמעט ליידיק פון מענטשן, אָבער פון טירן און הינטערטירן שלאָגן זיך צום דרויסן פאַרדומפּענע קולות און שיכורע קלאַנגען. פאַרדעכטיקע מיידלעך גייען פאַרביי, ווען זי איז א מאַן — וואָלטן די מיידלעך איר פאַרגעלייגט זייער לייב.

זי האָט געשפּאַנט אויף און אָפּ מיט דער בויערי. זי הייבט אָן אריינקוקן אין די פּנימער פון די פאַרבייגייער און פאַרבייגייערינס. מיט אַמאָל האָט זי אָפּגעשטעלט א יונגער, שטאַרקער מאַן, א נעם געטאָן זי אונטערן אָרעם, און געוואָלט פירן מיט זיך. ווען זי האָט גענומען זיך רייסן פון

זיינע הענט, האָט דער מאַן זי ארומגענומען, אויפגעהויבן צו זיך, א קוש געטאָן אין שטערן, אראָפּגעלאָזן צוריק אויפן טראָטואַר און זיך גוטמוטיק צעלאַכט.

כאָטש דער מענטש האָט זי געלאָזט צורו — האָט זיך קריינדל געלאָזט לויפן צו קאַנעל, פון דאָרטן — צו דייוויזשאָן סטריט, וואו אויף אן אויבערשטן שטאָק האָט געוואוינט יוכבד. מיט א פאַרשלאָגענעם אָטעם האָט זי געאיילט אויף די טרעפּ און אָנגעקלאַפּט אין טיר.

דאָרטן איז מען שוין געשלאָפן. ס'איז געווען א צוויי צימערדיקע דירה, וואו א עלף נפשות, אייגענע און פרעמדע, האָבן געלעבט. יוכבד מיט נאָך דריי מיידלעך זיינען געשלאָפן אין צווייטן פינצטערן צימער.

די מיסיס האָט געעפנט די טיר; זי האָט געקענט קריינדלען.

— יוכבד שלאָפט שוין. זי איז געקומען אהיים זייער אַ פאַרמאַטערטע.

— קען איך ניט זען יוכבדן...

— כ'ווייס ניט, דאָרטן שלאָפן דאך נאָך דריי מיידלעך, איר'ט זיי אַלעמען אויפוועקן.

— וועל אריינגיין שטיל אויף די שפּיץ פינגער. וועל נאָר יוכבדן... כ'האָב צונ'איר א גערוס פון איריקע.

— יא, א גערוס, אַ בריוועלע... זי וועט זיך זייער דערפרייען; טאָ גייט אריין שטיל, כ'וועל קיין ליכט ניט אָנצינדן. היט זיך, איר זאָלט ניט פאַלן איבערן געלעגער.

— איז וועט איר דער מיס פינקעלשטיין גאָרניט זאָגן. כ'וועל זי שוין אליין זען... טאָקע שפּעט זי איצטער צו וועקן. גוד נאַיט!

קריינדל האָט פאַרקערעוועט צוריק אַן אָפּגעקילטע. פאַרן דמיון האָט א שלאָג געטאָן די היים. אלע אין שטוב זיצן איצטער אומרואיק — מען וואַרט אויף איר. און אפשר זוכט מען זי ארום אין די גאַסן! און אזוי שפּאַנענדיק אהיים, איז זי אויפן ווינקל לודלאָו און קאַנעל אָנגעקומען שלמהן אנטקעגן.

קריינדל האָט באַמערקט זיין בלאַס פּנים. זי האָט זיך פאַר אים פאַר־שעמט.

— וואָס טוסטו דאָ איצטער אזוי שפּעט? — האָט קריינדל א פרעג געטאָן, און באַגריפן, אז די פראַגע איז ניט צו דער זאַך.

— ווייסט, וואָס איך טו דאָ, אלע זוכן דיך ארום! וואוהין ביסטו געלאָפן אין מיטן דרינען?

— פרעג מיך ניט, איך ווייס ניט.

— נעם זיך ניט אזוי דאָס לעבן, קריינדל!

— דו זאָלסט עס זאָגן, שלמה.

— ווי דען אַנדערש? קענסט ניט טראָגן אַלעמען אויף די פּלייצעס.

— וואָס מיינסטו?

— נעמסט זיך דאָס לעבן פאַר יעדן באַזונדער.

— ס'איז אמת, אז דער טאַטע קלייבט זיך חתונה האָבן?

— אפשר אמת.

— זי וועט אריינקומען, און ווערן די באַלעבאָסטע איבער אַלעמען?

— אפשר האָט גאָר דער טאַטע מיט איר ניט גערעדט אפילו. זי איז אין כעס אויף חלפנען, איז זי געקומען מיט אַזאַ עצה. דער טאַטע און אלע קינדער זאָלן עפענען אַ שאַפּ אין שטוב.

— דאָס מיינסטו?...

— אויב אַפילו ניט דאָס; אויב אפילו דער טאַטע קלערט חתונה האָבן, און דאָס איז זיין כלה, דאַרף עס דיר אויך ניט אַרן. וואָס איז היינט דאָ אין דער יידישער אַמעריקע, צווישן די גרינע? מ׳זיצט אין שטייגן, מ׳שלאָגט זיך פאַרן ביסן ברויט, אָדער פאַרן ווינקל וואו דעם קאָפּ אָנצו־שפּאַרן. דאָס איז אַלץ דערוויילע.

— וואָס זאָל איך טאָן? — האָט קריינדל צעשראָקן געפרעגט.

— דאַרפסט פאר קיינעמסוועגן ניט ברעכן דעם קאָפּ. האָב אינזינען דיין אייגענעם קאָפּ... די מאַמע איז געשטאָרבן? וועסט איר אָרט ניט פאַרנעמען. ס׳געהערט וואָס הילל האָט געזאָגט? מיר זיינען אַלע דערווייל אין שאָטן פון לעבן. הייב אָן צו פאַרדינען, וועט דיר ווערן גרינגער צו לעבן!

— קום מיט מיר אביסל, ס׳ווערט מיר גרינגער אויפן האַרצן, אַז איך גיי מיט דיר... ווייסט שלמה, כ׳בין אליין געווען אויף דער בויערי און א מאַן האָט זיך צוגעטשעפּעט צו מיר!

— דהאָסט אים געדאַרפט פאַרפאָרן אין מאָרדע אריין.

— אויב א מיידל, וואָס גייט אויף דער בויערי זאָל כסדר דאַרפן אימעצן פאַרפאָרן אין מאָרדע אריין, כאַ־כאַ־כאַ...

קריינדל איז צוביסלעך געקומען צו זיך.

— קום אהיים, קריינדל. זיי זיצן דאָרטן אָן אַ קאָפּ. מען ווייסט ניט וואו דו ביסט אַהינגעקומען. קום, מאַך זיך אַ האַרץ. קוק ניט קרום אויפן טאַטן.

— אוי, שלמה, ווי דו רעדסט! צי ביסטו טאַקע אזוי בלינד און זעסט ניט וואָס פון אונדזער היים איז געוואָרן?

— כ׳בין דווקא ניט בלינד, קריינדל. ווילסט אפשר גיין צו מיר אין שאַפּ ארבעטן, וועל איך רעדן מיטן פאָרמאַן.

— ווילסט איך זאָל אויך אָנהייבן אזוי ברעכן מיט דער גרינער גאַל, ווי דו טוסט עס?

— אפשר טויג איך אויף כפרות. געננג מענטשן ארבעטן ביי ציגאַרן און ברעכן ניט מיט דער גרינער גאַל.

אַז שלמה האָט קריינדלען געבראַכט אין שטוב אריין, איז זי געווען פאַרחידושט צו געפינען די גאַנצע שטוב וואַרטן אויף איר. מען איז גוט אויפגעלייגט, ווי אָפּגערעדט, מען זאָל זי באַגעגענען מיט א פריילעכן פנים. אנשטאָט שטיל, אויף די שפּיץ פינגער, ווי זי האָט געטראַכט, אריינצוגיין אין צווייטן צימער און זיך לייגן שלאָפן, האָט זי געפונען די שטוב אַ וואָכע. ליכטיקער איז איר געוואָרן אין די אויגן. מיט גוטסקייט האָבן די מאַנצבילן צו איר געקוקט.

— וואָס קוקט איר מיך אַלע אזוי אָן? — האָט קריינדל גערעדט מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל — איר האָט אוודאי געמיינט, איך בין פאַרפאַלן גע־וואָרן. אין אַמעריקע ווערט קיינער ניט פאַרפאַלן. אמת, דניאל?

— וואוהין ביסטו טאַקע געלאָפן? — האָט ישראל לוריא זי גענומען פאַרן האַנט און אריינגעקוקט אין פנים אריין.

— כ׳ווייס אַליין ניט וואוהין איך בין געלאָפן.

— דו האָסט געוואָלט אַנטלויפן פון שטוב. קיין נאַרישקייטן האָט מען דאָ אין שטוב ניט גערעדט.

קריינדל האָט באַפרייט איר האַנט פון פאָטערס האַנט, איבערגעגאַנגען און זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ בעט. זי האָט מיט די בליקן געפאָרשט געוואָלט דערגיין וואָס איז פאָרגעקומען נאָך דעם ווי זי איז אוועק פון שטוב.

— לאָמיר גיין שלאָפן; צייט, מאָרגן צו רעדן, — האָט נתן אָנגעהויבן מאַכן הכנות צו גיין שלאָפן.

— איך וועל נאָך ביי דיר טרעבעווען אַ חשבון — האָט הילל ארומגענומען קריינדלען — אַלע גאַסן בין איך אויסגעלאָפן! גיי שלאָפן, און זיי אַ מענטש.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט צווידייטיק דער פאָטער אַ לאַך געטאָן, און איז אַוועק אין צווייטן צימער.

קריינדל און שלמה האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט. האָבן איינס דאָס אנדערע פאַרשטאַנען. די מענטשן האָבן געמאכט הכנות צו גיין שלאָפן. זייערע שאָטנס האָבן זיך געשאַרט איבער די ווענט.

קאַפּיטל זיבן

ליבע האָט ניט קיין ווערטער, מחמת הינטער ליבע איז גלויבן. אַזוי האָט אויך טרויער ניט קיין ווערטער, מחמת, הינטער טרויער איז האָפענונג. אַזוי האָט אויך ניט יוגנט קיין ווערטער, מחמת הינטער יוגנט איז לעבן.

עס איז דעריבער ניט קיין חידוש, וואָס ישׂראל לוריא, דווקא יעמאָלט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן געבויגן זיין קאָפּ איבער אַ ניי־מאַשין — ד'האָבן גלויבן, האָפענונג און לעבן שטיל אַנגעקלאַפּט אין זיין בלוט, געווירקט, אַז דער פאַרשוויצטער, דומפּיקער און שטויביקער שאָפּ מיט דעם ניי־מאַשין ציק־צאַק, און פרעס־אייזן טעמפּן קלאַפּן, זאָל פאַר אים פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ זוניקן אינדזל, וואו אויסגעטאָן פון אַ האַלב־אָפּגעלעבט, פאַרוועלקט לעבן, איז צו אים געקומען דער ערשטער באַוואוסט־זיין פון אַ יונג קינד, וואָס באַגערט צו זיין זעלבשטענדיק.

ער, דער אויסגעוואָרצלטער אלמן מיט דעם קריעה־צייכן אין זיין לאַץ, איז אין שאַפּ, ווי אין אַ געדיכטן נעפּל אריינגעקומען און געטראָגן זיינע הענט פאַרויס, מיט זיי צו פאַרדינען די פאַר דאָלער אַ וואָך. פאַר וועמעס־וועגן פאַרדינען? צוליב וועמען און וואָס? דאָס איז אים ניט געווען קלאָר. זיינע זעקס זין און איין טאָכטער האָבן עס פון אים ניט פאַרלאַנגט. זיין דניאל, נתן, הילל, אשר, שלמה, זכריה און קריינדל האָבן וועגן אים געאַנט, ווי וועגן אַן אָפּגעלעבטן פאָטער, וואָס וועט שוין אַ לעבן־לאַנג קדיש זאָגן נאָך זייער מאַמען, מיט וועמעס טויט עס איז אויך אויסגעלאָשן געוואָרן זייער פאָטערס לעצטער יוגנטלעכער פונק.

איז אָבער די מעשה, וואָס ניט איינמאָל לעבט און ניט איינמאָל שטאַרבט אַ מענטש אַזוי לאַנג ווי זיינע פיס טרעטן נאָך די ערד, און דער הימל איז אויפן קאָפּ ניט אַראָפּגעפאַלן. ווען ישׂראל לוריאס פינגער האָבן צום ערשטן מאָל באַגלייט דעם בלוי־געקעסטעלטן פערקאָיל אונטער דער ניי־מאַשין־נאָדל, האָבן די נעמען פון זיינע זיבן קינדער אָנגעהויבן טאַנצן פאַר זיין דמיון. אים איז פאָרגעקומען, פונקט ווי ער האָט זיך אויפגעזעצט אויף אַ שיפל איינער אַליין, אָן אַ וועסלע אין האַנט, נאָר אַ גוטער ווינט האָט זיין שיפל פאַרנומען, פירט אים אַוועק ווייטער פון ברעג, וואו זיינע זיבן קינדער זיינען געבליבן אין דער פאַרוואָרלאָזטער ווייט.

ווען ריוועטשע די ליטוועטשקע האָט פאַרצויגן איר:

„אוי, מיין ד'האַרץ עס ווערט דאָך מיר צעריסן,
אַז איך טו באַטראַכטן מיין נייע היים" —

האָט די שטים צו אים געקלונגען פון גאָר אַן אַנדער וועלט, וואו מען ווייסט ניט די נעמען דניאל, נתן, הילל, אשר, שלמה, זכריה און

קריינדל. מיד און יונג האָט אים ריוווטשעס שטים געקלונגען. און ווען זי האָט אויסגעזונגען: „נאָר מיין ווייטיק, אוי, ווינץ איך גאָרניסט קיינעם, אַז איך טראַכט פון ניעמאַן דעם סיינעם טייך—” — האָט אים אויסגעוויזן, אַז ניט נאָך דעם טייך ניעמאַן בענקט אָן אויסגעהאָרעוועט יונג מיידל ביי חלפנען אין שאָפּ, צווישן די שמאָטעס אויפן דיל, נאָר — אַ האַלבע נשמה האָט זיך פאַרבענקט נאָך איר זיווג, און זינגט גלייך צו אים אין הארצן אריין. ריוווטשע האָט מיט איר געזאַנג באַלויכטן זיין לעבן, און ער האָט דערשפּירט, אַז ניט מער ווי אַ האַלבע נשמה האָט ער אריבערגעבראַכט אין לאַנד פון זיין האָפענונג. זיין האַלבע נשמה בענקט און רייסט זיך גאַנץ צו ווערן, אַזש זיין האַרץ ווערט אים צעריסן.

שוין דעם ערשטן אָוונט, ווען ישראל לוריא האָט זיך געלאָזן פון חלפנ־שאָפּ אהיים, בסך הכל עטלעכע הייזער אַוועק, האָבן אים די פיס אַוועק־געטראָגן איבער די אַרומיקע גאַסן, און וואו ער האָט ניט דערגרייכט, ביי יעדן ווינקל גאַס, האָט ער געהערט ריוווטשעס שטים, וואָס האָט אים באַגעגנט, אָנגערירט זיין צעווייטיקטן געמיט און געקילט זיינע פאַר־ווינטע אויגן.

מיט אַ טאָג שפּעטער, געבויגן ביי דער ניי־מאַשין, ווען די נאָדל האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין איר אייגענעם פאָדים, און אנשטאָט שטעפּן, זיינען פון פאָדים געוואָרן קניפּלעך און צונויפגעשרומפּן דעם פערקאיל אונטער זיינע פינגער — האָט ריוווטשע דערשפּירט זיינע שווערקייטן. אַ פאַר־באָרגענער כוח האָט זי פון דיל אויפגעהויבן, צוגעפירט צו ישראלס ניי־מאַשין, און אירע פינגער און זיינע פינגער, גאַנצע צוואַנציק פינגער האָבן די נאָדל באַפרייט פון פאַרפלאָנטערטן פאָדים!

— איר פאַרטראַכט זיך צופיל, דעריבער פלאָנטערט זיך דער פאָדים אַרום נאָדל — האָט ריוווטשע שטיל געזאָגט, נאָר ער זאָל עס הערן — אויב איר ווילט, וועל איך נאָך דער ארבעט אייך ווייזן ווי מ׳דאַרף די האַנט האַלטן.

יעמאָלט האָט ישראל אַ טאָפּ געטאָן זיין קריעה־צייכן אין לאַץ פון זיין אָלפּעגענעם קאַפּטן, און בשעת מעשה דערהערט ווי זיין האַרץ וויל איבערשרייען די ניי־מאַשין, וואָס האָט מיט מער אימפּעט, כמעט פון זיך אַליין געשטעפּט און געשטעפּט.

די קינדער האָבן באַמערקט, אַז מיט יעדן טאָג וואָס דער פאָטער אַרבעט ביי דער ניי־מאַשין, ווערט ער ייִנגער, און גלייכער ווערט זיין פּלייצע.

— איר זאָגט נאָך קאַדיס — האָט ריוווטשע באַדויערט ישראלן, ווען ער איז פון מערב צוריק ארויפגעקומען אין שאָפּ, כלומרשט צו פאַרענדיקן עטלעכע פאָר ניט קיין צונויפגעשטעפּטע העמדער־אַרבל. — צי זאָגן אויך די געראָטענע קינדער קאדיס נאָך זייער מאַמען? איינאיינעם מיט די קינדער זייט איר אַ גאַנצער סאָפּ. אַלע אינאיינעם, און נעמט מיך אויך אריין.

דאָס אָפּגעזאָגט, איז ריוווטשע צוגעגאַנגען צו זיין ניי־מאַשין, באַטראַכט זיינע מידע הענט, און געזאָגט:

— איר וועט מיר לאָזן, ווען איך עס איין אַ מינוט, קוקט ווי איך סטעפּ, ווי פאַר מיר האָט די מאַסין מורא...

ישראל האָט יעמאָלט ריוועשען אָפּגעטראָטן דאָס אָרט. ער האָט דער־שפּירט, אַז ער איז נאָך גאָר אַ קליין קינד, נעבן זיין מאַמען וואָרט ער, ביז זי וועט פאַרענדיקן עפּעס אַן אַרבעט, און דערנאָך וועט זי אים אויפ־הויבן פון דיל צו זיך און אָנקושן אים דאָס פּנים.

— עס איז גוט צו פילן, אַז מען איז אַ טאַטע פון זיבן גראַטענע קינדער — האָט ריוועשע גערעדט צו אירע פינגער — עס מוז זיין סטאַרק גוט פאַר אַ מאַמען, וואָס האָט אַזעטיקע זיבן גראַטענע קינדער.

אין קאָפּ האָט אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק. זי האָט זיך תחילת פאַרן געדאַנק דערשראָקן. פונדעסטוועגן האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ארויפ־געקוקט צו ישראלס בלאַסן פּנים, און געזאָגט:

— איך וויל אייערע הענט פאַרסאַגעווען. אייערע הענט זאָלן עפּעס בעסערס טאָן. היינט איז סיין געגוג. איך אליין בין סיין עפּעס מיד. אַ גוטע נאַכט, מיסטער לוריא... — איז ריוועשע מיט שנעלע טריט ארויס פון שאָפּ.

זכריה, וואָס איז אריבערגעגאנגען ארבעטן אויף דעם אייגענעם שטאָק, וואו זיין פאָטער איז געזעסן געבויגן איבער דער מאַשין, האָט פון אַ זייט נאָכגעקוקט זיין טאַטן. ער האָט מיט אַ באַזונדערער כונה זיך צוגעהערט, ווען ריוועשע האָט פאַרצויגן איר ליד. ער האָט יעמאָלט זיך צוגעהערט צו זיין פאָטערס געמיט.

אָבער קריינדל האָט מיט איר שאַרפן פרויען־חוש פון פאָטערס אויסזען עפּעס ארויסגעשפּירט. איר האָט באַנג געטאָן, וואָס זי איז יעמאָלט אַנטלאָפן פון שטוב, ווען ריוועשע די ליטוועטשקע איז אזוי אומגעריכט אַריינגעקומען. זי האָט געפּרואווט אין דער שטיל אויסגעפינען עפּעס אַ תירוץ ווי צו באַגעגענען דעם מענטשן, וואָס, ווי איר דוכט זיך אויס, וועט צעשטערן איר נעבעכדיקע היים, וואָס זי וויל מיט אלע כוחות דערהאַלטן.

אָבער קריינדל האָט ניט געדאַרפט ארומזוכן די רויטהאַריקע ריוועשע, וואָס האָט שוין איינמאָל אזוי אומגעריכט אָנגעקלאַפּט ביי די לוריאס אין טיר. רבקה האַלפּערן אליין האָט געזוכט אַ געלעגנהייט צו באַוויזן זיך נאָך אַמאָל ביי די לוריאס אין שטוב. זי האָט פאַרזען די זעקס בחורים, און איז גלייך געקומען צו דער בת יחידה, צו קריינדלען.

ריוועשע, וואָס איז שוין געווען אַ גאַנצער כל־ולך אין דער אויס־טערלישער שטאָט ניו־יאָרק, איז געקומען פאַרלייגן קריינדלען, אפשר וועט זי מיט איר גיין אין גרויסן פּאַרק זען די חיות. זי, ריוועשע, ווייס דעם וועג אַהין; און זי וויל טאַקע קיינעם ניט נעמען. נאָר זי און קריינדל.

איז דאָס קריינדלען שטאַרק געפעלן געווען.

— דאָרטן איז פאַראַן אַ מאַלפּע, מ׳רופט זי „מיסטער קראָולי״. מ׳זאָגט, אַז זי איז נאָך קליגער פון אַ מענטשן. מ׳זאָגט יאַקבע, אַז זי פירט זיך אויף ווי אַ מענטש, עסט און טרינקט ווי אַ מענטש.

געווען איז דאָס אַ שבת ביימאָג. אַז קריינדל און ריוועשע זיינען אָנגע־קומען צו דער בויערי, האָט ריוועשע מיט אַמאָל חרטה געהאַט:

— ווייסט איר, מיס לוריא, כ׳האָב גאָר א פּריסן פּלאַן: לאָמיר גאָר אָקאָרסט אַראָפּספּאַצירן צו קעסטל־גאַרדן, באַטראַכטן דעם סיינעם וואַסער, און די „גרינע״, וואָס וואַלגערן זיך דאָרטן נעבעך אַרום.

קריינדלען איז ניט אָנגעגאַנגען, וואוהין די רויטהאָריקע ריוושע וועט זי פאַרפירן. קריינדל האָט געוואָלט דער עיקר זיין איצטער נענטער צו ריוושען, „ארײנקוקן איר אין האַרץ אריין״. און וואָס גייט איצטער קריינדלען אָן א מאַלפּע וואָס רעדט ווי א מענטש?... פונדעסטוועגן, אז ריוושע האָט פאָרגעלייגט גיין צו „קעסטל־גאַרדן״ — האָט מיט אמאָל אויף קריינדלען א ווייע געטאָן אַ טרויער.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום יידישן בית עולם אויף טשעטעם סקווער — האָט עס קריינדלען די פיס אונטערגעשלאָגן, און זי איז געבליבן שטיין.

— איר זעט, מיס לוריא, גאָרניסט לאַנג איז דאָ נאָך ניסט געווען סטאָט אפילו. ערסטע יידן ליגן דאָ!

ריוושע האָט גערעדט, און קריינדל האָט זיך איינגעהערט צו איר שטים. ריוושעס שטים האָט געקלונגען טיף פון דער ברוסט ארויס, ווייך און אָנגענעם. איר רעדן מיטן „סין״ האָט געשטערט צו פילן די דורכגעטראַכטקייט פון יעדן וואָרט וואָס ריוושע האָט ארויסגעזאָגט.

— איר ווייסט, אַז מיין מאַמע איז געשטאָרבן אויפן שיף דריי טעג פאַר ניו־יאָרק און מען האָט זי אריינגעוואָרפן אין ים אריין... ווי גוט מיר וואָלט געווען, ווען מען באַגראָבט זי אין דער ערד אויף א בית עולם, זי זאָל אָטאָ־דאָ ליגן!

ריוושע האָט געוואָרט, אז אָט באַלד וועט קריינדל זיך פאַנאַנדער־ווייגען. אָבער קריינדלס שטים האָט אפילו קיין ציטער ניט געטאָן בשעת זי האָט עס געזאָגט. זי האָט זיך צוגעדריקט צום צוים פון בית עולם. ריוושען איז געווען אומבאַקוועם צו נעמען און אָפּווענדן קריינדלס מחשבות אויף עפּעס אנדערש. זי האָט געוואָרט, אַז קריינדל וועט מסתמא באַלד ווידער פאַרקניפּן דעם שמועס וועגן איר געשטאָרבענער מאַמען. ריוושע איז גערן געווען, דאָס זאָל געשען.

אָבער קריינדל האָט גענומען און מיט א קאַלטער רואיקייט א פרעג געטאָן ריוושען גלייך אין פּנים אריין:

— ווער זייט איר?

קריינדל האָט דערביי די אויגן ניט צוגענומען פון ריוושען.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט ריוושע אַ לאַך געטאָן.

— איר לאַכט וואָס איך פרעג?

— האַ? — האָט ריוושע אָנגעשטעלט אירע אויגן, און איר פּנים איז נאָך שמעלער און שאַרפער געוואָרן.

— איר ענטפערט מיר ניט אויף דעם וואָס איך פרעג אייך.

— איר האָט מיר גאָרניסט געפרעגט.

— מיין פאָטער רעדט מיט אייך?

— יאָ, מיר האָבן אַ פּאָר מאָל גערעדט.

— איר זייט איינגעליבט אין מיין טאַטן, האַ?

פון קריינדלס דרייסטקייט און קלאָרע דיבורים — איז ריוושע תחילת צעטומלט געוואָרן. זי האָט ניט געגלויבט אירע אייגענע אויערן. שווער

איז איר געווען צו געפינען תיכף דעם ענטפער. איר איז שוין גרינגער געווען צו וואַרטן, אפשר וועט זי נאָך עפּעס הערן פון דער דאָזיקער ציטע־ריקער, און אַביסל צו שטרענגער מיידל, מיט וועמען זי רעדט איצטער צום ערשטן מאָל.

קריינדל ד'האָט ניט געלאָזט לאנג וואַרטן. ווי פריער, גאנץ רואיק, האָט זי ווידער גערעדט:

— כ'בין אייך ניט קיין שונא; איך רעד צוליב דעם, כדי איך זאָל אליין ווייסן וואו זיך צו קערן און ווענדן.

— איך האָב אייך ליב פאַר אייערע קלאָרע דיבורים, מיס לוריא. כ'בין אויך אזוי. אויב איר פרעגט, מוז איך ענטפערן. כ'האָב מיט אייער פאָטער נאָך גאָרניסט גערעדט. מיר האָבן זיך אפילו נאָך ניסט אָנגע־קוקט גוט. אָבער איר זייט א יונג מיידל, עפּסער ניסט סטארק יינגער פון מיר, וועט איר מיר מיטפילן, אַז איך זאָג אייך דעם אמת. מיר האָבן נאָך גאָרניסט גערעדט צווישן זיך. פונדעסטוועגן, אַז ער איז ניסטאָ אין סאָפּ, איז אין סאָפּ חייסעך, זינט ער איז אריינגעקומען ארבעטן אין אייגענעם סאָפּ...

פלוצלונג איז ריווטשע שטיל געוואָרן. איר קלאָרע שטים איז אביסל געוואָרן הייזעריקלעך. זי האָט מיט גוטסקייט אין פּנים אָנגעקוקט קריינד־לען, טרערן האָבן אַ בלישטש געטאָן און פאַרצויגן אירע לענגלעכע, ברוינע אויגן.

ביי קריינדלען אין פּנים האָט זיך דער אויסדרוק ניט געביטן. זי האָט ניט צוגענומען אירע אויגן פון ריווטשען, און ווי פריער, קלאָר, אָן אַ סימן פון בייזקייט האָט זי געזאָגט:

— איר וועט מיט אים חתונה האָבן.

— כ'ווייס גאָרניסט, גאָרניסט, מיס לוריא!

— איר זייט דאָ אליין, צי איר האָט דאָ משפחה?

— בין ניסט אליין.

— איר האָט טאַטע־מאַמע.

— כ'האָב אַ מאַמען, כ'האָב אייך סיין איינמאָל געזאָגט.

— זי איז דאָ אין אמעריקע?

— יאָ, איז מיט מיר.

— זי איז אַ יונגע?

— אַזוי אַלט עפּסער ווי אייער טאַטע.

— איר האָט ברידער אויך?

— כ'האָב איין ברודער, דריי יאָר עלטער פון מיר. ער איז דאָ ניסטאָ. ער איז ערגעץ ווייט מיט די אידישע פאַרמער.

— אז איר וועט חתונה האָבן מיט מיין טאַטן, וועט איר אייער מאַמען צונעמען צו זיך, יאָ?

ריווטשע האָט זיך פאַר דער לעצטער פראַגע דערשראָקן און איז בלאַס געוואָרן.

קריינדל האָט עס באַמערקט. איר האָט פאַרדראָסן, הלמאי זי איז אזוי ווייט פאַרקראָכן אָן א זייט. זי האָט געפּרוּווט פאַריכטן.

— כ׳ווייס, אַז מיין טאַטע טראַכט פון אייך גאָר אַ סך. האָב אָן אים דערקענט, ער איז געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש. ער איז ייִנגער געוואָרן. ער האָט פאַרגעסן אָן דער מאַמען אינגאַנצן. אַז מיר רעדן אַמאָל פון איר, גייט ער אריין אין אַנדערן צימער אריין.

— ער איז דאָך אַזאַ גוטער!... — האָט זיך אומגעריכט ארויסגע־כאַפּט פון ריוועשעס מויל. אָבער באַלד האָט זי זיך פאַרכאַפּט — כאָטשע כ׳ווייס דאָך אפילו ניסט ווער ער איז... אָט זעט איר ווי איר אַליין קענט אים גאָרניסט אזוי גוט. איר מיינט איצטער, אז ער איז אַ סלעכ־טער, בעאסער ער האָט צו פרי פאַרגעסן אָן אייער מאַמען. איר קענט פון די טיפעניסן פון ים ניסט ברענגען צוריק צו אים אייער מאַמען.

— וואָס וועט איר זיין צו מיר, אויב איר וועט מיט אים חתונה האָבן?

— איך האָב אייך ליב, מיס לוריא, כאָטשע איך קען אייך אזוי קנאַפּ... אָ, דהלואי, מיס לוריא, קענט איר אביסל מער ס׳לעבן, און איר פאַרשטייט וואָס ליבע מיינט. כ׳בין נאָך קיינמאָל ניסט געווען איינ־געליבט. גלויבט מיר, מיס לוריא! איצטער זע איך ניסט מער קיין יונגע מענטשן. איך זע נאָר אייער פאָטער מיט זיין בלייכן פנים און טרויעריקע אויגן. אין אמעריקע ווערן פון אַזעטיקע יידן גאָרניסט. פון אים וועט אין סאָף ווערן אַ צעבראָכענער סאַרבן.

— איר זייט אַיין אים איינגעליבט.

— כ׳בעט אייך, מיס לוריא, פרעגט מיר מער קיין סיילעס ניסט. כ׳זאָג אייך צו, כ׳וועל הינטער אייערע פּלייצעס גאָרניסט טאָן. כ׳וועל צו אייער טאַטן ניסט רעדן, אויב ער אַליין וועט צו מיר ניסט צוגיין און זאָגן... כ׳זאָג אייך צו, מיס לוריא.

— ווי אזוי האָט איר געוואוסט, אַז ער וויל, די קינדער זאָלן מיט אים אינאיינעם עפּענען ביי אונדז אין שטוב אַ שאָפּ?

— אָט דאָס וויל ער?

— איר ווייסט דען ניט פון דעם? איר האָט יעמאָלט ניט גערעדט מיט איבם, איידער איר זייט צו אונדז אריינגעקומען?

— איך ווייס ניסט, גאָרניסט.

— איידער איר זייט אריינגעקומען יעמאָלט האָט ער מיט די קינדער גערעדט ס׳אייגענע וואָס איר.

— כ׳ווייס פון גאָרניסט ניסט, מיס לוריא. בין יעמאָלט געקומען צונ׳אייך, כדי אים צו ראַטעווען. ער וועט אין סאָף ניסט קענען אויס־האַלטן. איך אליין האָב עס באַטראַכט.

קריינדל האָט ריוועשען איצטער אלץ געגלויבט. ריוועשע איז איר נענטער געוואָרן. ווען זיי שטייען ניט אַריבערגעבויגן צום אַלטן, יידישן בית עולם, ווען דער שמועס צווישן זיי וואָלט פאַרגעקומען ביי קריינדלען אינדערהיים, איז רעכט, — אַז קריינדל וואָלט איצטער געפאַלן ריוועשען אויפן האַלדז און געבעטן, זי זאָל איר מוחל זיין — הלמאי זי האָט אזוי אומברחמנותדיק אויף איר זיך אָנגעעזצט מיט אירע פראַגן. אָבער איצטער, אין מיטן גאַס; מענטשן שטראָמען פון אלע זייטן... א זוניקער פּאַס דהאָט זיך דורכגעריסן פון א זייט און באַלויכטן ריוועשעס קאָפּ. אירע רויטע האָר האָבן ווי אויפגעפלאַקערט. גאָר אויסטערלייש

האָט ריוּוטשע אויסגעזען קריינדלען. אפילו דאָס וואָס זי רעדט מיטן „סין" האָט קריינדלען ניט געאַרט. פאַרקערט — ס׳האָט נאָך צוגעגעבן חן.

— איר׳ט נאָך אַריינקומען צו אונדז אַמאָל?

— אויב איר וועט וועלן.

— האַ?

— כ׳וויל אייך נאָר בעטן, מיס לוריא, איר זאָלט צו מיר זיין אַזוי גוט, ווי איך בין צו׳נ׳אייך.

קריינדלען האָט אַ באַהאַלטענער כוח אַ שטויס געטאָן; זי האָט אַרומגעכאַפּט ריוּוטשען, געדריקט צו זיך, האָט איר הייס געקושט אין די באַקן, אין די ליפּן, און פאַרקערעוועט צוריק צו איסט־בראָדוויי. האָט זיך אפילו ניט אומגעקוקט צי ריוּוטשע קוקט איר נאָך.

כאָטש ריוּוטשע האָט עס ביי קריינדלען ניט געבעטן, איז דער שמועס און די באַגעגעניש געבליבן קריינדלס אַ סוד. קריינדלען האָבן זיך מיט אַמאָל די אויגן אויפגעעפנט, ניט נאָר צו דערקענען, צי איר פאָטער איז אַ גוטער, צי אַ שלעכטער. גאַרניט דאָס. זי האָט דורך דער רויטהאָריקער ריוּוטשען דערבליקט איר אייגן לעבן, איר אייגענע צוקונפט.

„איר קענט פון די טיפעניש פון ים ניט ברענגען צו אים אייער מאַמען..."

אָט דאָס האָט איר ריוּוטשע געזאָגט. ריוּוטשע האָט נאָך געקענט צוגעבן און זאָגן: „פאַר אייערע ברידער וועט איר אויך קיין מאַמע ניט ווערן מער..."

— פאַרוואָס זאָל איך זי פיינט האָבן און ניט פאַרגינען? זי האָט ליב אַ מענטשן, וואָס אָט איז ער געווען מיין טאַטע, און אָט איז ער גאָר אַ פרעמדער!

מיט אַזעלכע מחשבות האָט זיך קריינדל אַרומגעדרייט אין די דערבייאיקע גאַסן, ביז זי איז אָנגעקומען אהיים. זי איז געווען צופרידן, וואָס איסער ישראל לוריאן, וואָס איז געשלאָפן אין פינצטערן צימער, האָט זי קיינעם ניט געטראָפן.

זי האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן שפּיגל און באַטראַכט איר פּנים. זי האָט איצטער צום ערשטן מאָל באַמערקט, אַז פון ביידע זייטן אונטער די אויגן שניידן זיך אַרויס בלויע צייכנס. קראַנקע צייכנס. ווי צום ערשטן מאָל האָט זי איצטער דערקענט, אַז איר פּנים איז ניט ווי געהעריק געוואַשן.

— איר קענט פון די טיפעניסן פון ים צו אים ניסט ברענגען צוריק אייער מאַמען...

די ווערטער קלינגען איר אין די אויערן צום טאַקט פון איר האַרצן, וואָס קלאַפּט איצטער אַזוי שטאַרק. זי האָט געקעמט די האָר, אויסגעפּרוּווט אויף אַלערליי אופנים אויסצוקניפּן די האָר — כדי ס׳פּנים זאָל אויסזען יינגער. צופרידן געווען וואָס דער פאָטער האָט זיך ניט אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

נאָכדעם ווי זי האָט זיך גוט אַרומגעוואַשן, איז זי אַוועק צו יוכבדן. קריינדל איז געבליבן אין איר און געבעטן אַרויסרופן יוכבדן דרויסן. זי האָט יוכבדן אַרומגעכאַפּט און שטאַרק געקושט.

— וואָס איז — האָט יוכבד אַרומגעכאַפּט קריינדלען — דערציייל מיר...

— כ׳האָב דיר גאָרניט וואָס צו דערציילן. וויל דיר נאָר זאָגן, אַז מאָרגן גיי איך אוועק ארבעטן. ווי מיינסטו, ביי דיר אין שאָפּ איז גוט?

— ביי מיר איז ניט גוט. ביי חלפנען איז בעסער. כ׳האָב מיט איבם גערעדט: אפשר מאָרגן קום איך אָן צו אים.

— ביי אים גאָר! — ד׳האָט קריינדל געשטוינט.

— פאַרוואָס ניט ביי אים? ער גיט מיר מיט א דאָלער א וואָך מער. דיר וועט ער אויך געבן מער ווי אימעצן אַנדערש.

קריינדל איז מיט אַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן. מיט א געפאַלענער שטים האָט זי געזאָגט:

— ניין, יוכבד, דו גיי זיך צוג׳אים. איך וויל ניט זוכן ביי אים קיין טובה.

—דאָרטן ארבעט דיין טאַטע, דיינע דריי ברידער.

— אָבער איך וויל צוג׳אים ניט אָנקומען.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט יוכבד פּלוצלונג אַ לאַך געטאָן.

קריינדל האָט אין יוכבדס פּנים דערקענט אַ ניט־ריינעם אויסדרוק, ווי איינע וואָס ווייס צופּיל.

— דאַרפסט פון מיר ניט לאַכן, אויב איך וויל ביי חלפנען אין שאָפּ ניט אַרבעטן.

— נאַרעלע, כ׳לאַך ניט פון דיר. כ׳האָב זיך נאָר אָן עפּעס דערמאָנט. פאַרוואָס ביסטו אַזוי אומעטיק געוואָרן? קום אריין צו מיר, כ׳וויל דיר באַקענען מיט א מענטשן וואָס דו קענסט...

— אשר?

— קום אריין, קריינדל, ס׳ט ניט קוקן ווי מיר ליגןביידע אויף איין בעט... קום אריין!

קריינדל האָט הינטעריקס גענומען שטעלן טריט טרעפּ־אַראָפּ, און ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון יוכבדן, וואָס איז אין דער טונקלקייט געשטאַנען. מיט יעדן טראָט אראָפּ צו דער גאַס איז אַלץ מער דער שטורעם אין האַרצן איינגעשטילט געוואָרן.

— הענט האָב איך ווי זי... בעלנים אויף די הענט וועל איך געפינען, וועל אפשר ניט גיין סטשאַבען ווי זיי. אפשר טאָן דאָס וואָס שלמה טוט, און אפשר איז ציגאַרן מאַכן אויך צו גוט, וועל גיין שמאַטעס קלייבן. זאָלן זיי וויסן אז ביי דעם וועל איך אויך ניט ווערן פאַרפאַלן.

האָט קריינדל כסדר צו זיך אליין גערעדט, און גאָר אָן אַ ציל זיך אומגעבלאָנקעט איבער די איסט־סיידער גאַסן.

* * *

די דעמפּ־הייסע און מיט עיפּושדיקן אָטעם צעיורענע זומערטעג האָבן אָפּגעטראָטן פון דער איסט־סייד; אויף זייער אָרט, פון דער אַנדערער זייט ד׳האָדסאָן און איסט־ריווער, פון דאָרטן, וואו דער זומער האָט אָפּגעלעבט צווישן ביימער און לאָנקעס — זיינען מיט בענקשאַפט אין די אויגן אָנגעקומען בלוילעך־ראָזע טעג און האָבן מיט מעלאַנכאָלישן ליכט באַלויכטן די „געצעלטן פון ישראל״.

ימים נוראים זיינען אָנגעקומען און האָבן אָביסל איינגעטאַמעוועט דעם אימפעט פון די גליקזוכער אויף די לעבעדיקע מיסטן. גאַטספאָרכ־טיקייט „ווי אין לאַנד פון פּאַגראָמען" האָט דאָ אַרומגעכאַפּט דאָס האַרץ, וואָס האָט שוין געגלוסט צו מאַכן פון שבת וואָך. „מנינים" זיינען געבוירן געוואָרן. „חזנים" האָבן זיך באַוויזן. איבערגעבאַכט האָבן זיך זיסע זינגער פון די אייער אויסגעפּיקט. מליצי־יושר פאַרן רבונו של עולם האָבן געשפּראָצט לרוב. אידעלעך אין קאָלומבוסעס מדינה האָבן זיך אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן, אָנגעזינדיקט פאַרן יאָר — באַדאַרף מען זיך איצטער מיטן רבונו של עולם איבערבעטן. פון קעלערס און עפנטלעכע זאַלן האָבן געשאַלט די תפילות, דאָס ציקל־ען פון חזנים, דאָס פאַרגייען זיך פון די שופרס. קנייטשן אויף די געזיכטער, קנייטשן אויף די קאַפּאָטעס ביי מאַנצ־בילן און קליידער ביי די ווייבער, האָט מען אויסגעלעגט. נאָגעניש אַרום האַרצן, שפּראָצונגען פון היים־ווייי האָבן זיך באַהעפט מיט די תפילות. אויף די פליגלען פון אויפגעפלאַקערטן דמיון האָט מען זיך אויף אַ רגע פון דער זינדיקער וועלט אָפּגעריסן.

ביי די לוריאָס אין שטוב ד'האָט מען געהאַט אַ „מנין". ישראל לוריא איז געווען בעל תפילה. צווישן די דאַוונערס, פון די סאַמע נאָענטע און מקורבים זיינען, אויסער די לוריאָס און די צוויי ברידער חלפן, צוגע־קומען דער פאָטער, מאיר חלפן און דער עלטסטער זון בייניש. אין פינצטערן צימער איז געווען די ווייבערשע שול. צווישן די ווייבער האָט זיך געפּונען נעכע חלפן מיט מלכהן, און קריינדל מיט יוכבדן. די רויטע ריוועטשע איז אויך געשטאַנען, און מיט אַ פרום פּנים, ביים שיין פון ליכט, געקוקט אין אַ מחזור אַריין.

שופר האָט געבלאָזן מאיר חלפן. זיין פול פּנים און רויטער קאַרק האָבן בשעת מעשה ביז צום פּלאַצן מיט בלוט אָנגעקוואָלן. אין שטוב איז געווען וואַרים און פון ליכט־רויך פאַרנעפּלט. אין דערדאָזיקער פאַר־נעפּלטער וואַרימקייט האָבן געמיטער זיך צוגעטשאַדעט, און הערצער זיך דערנענטערט. מלכה חלפן האָט מיט יעדן צעל פון איר לייב געשפּירט אַז נתן לוריא, וואָס שטייט ביים פענצטער אין אַנדערן צימער, איז באמת ביי איר זייט. ער האַלט אונטער איר האַרץ, ס'זאָל ניט אַרויסשפּרינגען פון ראַם אַרויס.

ריוועטשע האָט די האָר אַרויפגענומען איבער די אויערן, כדי ישראל לוריאָס זיסע שטים זאָל זיך אין אירע האָר ניט פאַרפּלאָנטערן... זיין שטים איז פול מיט חנינה און צערטלעכקייט. ווי אַ קליין קינד בעט ער זיך ביי אַ מאַמען, זי זאָל אים פון דר'ערד אויפהייבן און אין די מאַמע־אָרעמס אַריינגעמען! מחמת ריוועטשע איז אין תוך געקומען חלילה ניט דאַוונען. זי „האַלט ניסט פון גאָט; אַמעריקע דאַרף קיין גאָט ניסט האָבן". אָבער אין רויש פון ניי־מאַשינען האָט זי קיינמאָל ניט געהערט זיין שטים. דער טאַטע פון די זיבן קינדער איז דאָך אַ קנעכט ביי די חלפנס. זי, ריוועטשע, איז דאָרטן אויך איינגעשפּאַנט אין יאָך, זי זינגט אירע לידער, און ווייסט, אַז דער ייד מיט דער זויבער־דורכזיכטיקער שוואַרצער באָרד, ממש ער קוויקט זיך מיט אירע לידער ווי מיט זיסן מעד. דאָס איז ביי חלפנען אין שאַפּ. איצטער אָבער איז זי געקומען הערן זיין זיסע שטים. אפשר ווייס

ער, און אפשר ווייס ער ניט, אז זי האָט אירע רויטע האָר אריבערגע־ נומען איבער די אויערן, און זי טרינקט זיין געזאַנג מיט יעדן צעל פון איר גוף.

קריינדלען האָט פארשלייערט די גאָטספאַרכטיקייט. זי מאָלט זיך אויס, ווי אין די טיפענישן פון ים איז איצטער אויך אַזאַ מנין, און איר מאַמע, אַזאַ גרינגעוואָרענע, און מיט ווילדע, לאַנגע גראָזן אַ באַדעקטע, הערט פונוויטנס איר טאַטנס געזאַנג, און זי ווייס און מיינט, אז צו איר שיקט ער זיין געזאַנג און די תּפילות. קריינדל טראכט אויך פון די חלפנס. נעבן איר שטייט די דראָבנע מאַמע חלפן, א סנאסט פון א מענטשן, און קריינדל פאַרט זי אין געדאַנק מיט דעם געלבלעכן, געפּיקעוועטן מאיר חלפן, דעם ייד מיטן רויטן קאַרק. זינט איר צוזאַמענשטויס מיט לייבל חלפנען אין דעם „אַטלאַנטיק ביר־גאַרדן", איז לייבל חלפן אין שטוב ביי איר ניט געווען. ער האָט די גאַנצע צייט מיט איר ניט גערעדט. אָבער זי ווייס, אז זינט זי, קריינדל, איז אַוועק אַרבעטן ביי אַן אַנדער „מבוזהדיקער אַרבעט" — איז ער ווי איינגעשרומפּן געוואָרן. זי פילט, אז ער רעכנט עס פאַר אַ מין צולהכעיס פון איר זייט. ער האָט מיט נתנען גערעדט און זיך געחידושט, ווי די ברידער האָבן דערלאָזן דער איינאונאיינציקער שוועסטער, צוליב דריי דאָלער אַ וואָך, זיך באַגראָבן לעבעדיקערהייט אין אַ פינצטערן, פאַרמיסטיקטן קעלער.

אָבער קריינדל ווייס אויך, אַז זינט זי איז אַוועק אַרבעטן ביי אַזאַ מבוזהדיקער ארבעט, און זינט שפרדה די פישערקע האָט אין שטוב פאַר־ נומען איר אָרט צו קאָכן און וואַשן, איז זי, קריינדל אויסגעוואַקסן, שענער געוואָרן. אפילו אירע אויגן זיינען פולער געוואָרן.

אַ גאַנצן ראש השנה האָט לייבל חלפן ניט געקראָגן קיין געלעגנהייט צו דערנענטערן זיך צו קריינדלען און אויסרעדן מיט איר א פּאָר ווער־ טער.

* * *

און דאָ זיינען אונטערגעקומען נאָך מילדערע טעג. גרינלעך־בלויע הימלען. טעג, וואָס האָבן ממש די טרערן פון פאַרבענקטע אויגן אויס־ געקושט — סכות־טעג זיינען עס געווען. די קינדער פון ישראל האָבן אין דער גאָלדענער מדינה באוויזן, אז ניט אין „געמויערטע פּאַלאַצן" וואוינען זיי, נייערט אין סכות. אמתע, היימישע סכות פון ברעטער, לייַ־ לעכער און לאָקשנברעטער, מיט גרויס געניטקייט צונויפגעטשעפּעט. גרי־ נער סכך פון יענער זייט גרויסע טייכן אריבערגעבראכט, האָט באַדעקט די סכות, און סוף זומערדיקע ריחות ארום האָבן געבשמימט די לופט. יידן אין די גאַסן טראָגן מיט צערטלעכקייט גרינע לולבים, מיט הושענות און הדסים; אין שיינע פושקעס, אידל אין וואַטע איינגעוויקלט — די שמעקעדיקע אתרוגים... סכות אויף באלקאָנען, סכות אויף דעכער, סכות ביי די הייזער, און סכות אין די הויפן — אין שכנעס מיט קהלשע „אַפּטרעטן". אויף די מיסטן זיינען יידישע געצעלטן אויסגעוואַקסן. פון די מיסטן האָבן זיך געזאַנגען דערהערט. אריה דעמבאָוויץ האָט געהאָלפן

די לוריאס אויסמייסטרעווען אַ סוכה פאַר זיך אליין. און צוליב דעם איז אריה שטאַרק אַנגעלייגט געווען אַ גאַנצן יום טוב ביי די לוריאס.

ביי די חלפנס, צוליב די געסט וואָס זיינען אַנגעקומען כמעט ערב ראש־השנה, האָבן די „אמעריקאנער״ זיך זיך געפלייסט און געמאכט גאָר אַ לייטישע סוכה פון נייע ברעטער און מיט אמתן סכך באַדעקט. גאָרניט דער ערך איינגעפונדעוועטער איז די חלפן־סוכה געווען. דעם צווייטן טאָג סכות ביי טאָג זיינען די לוריאס געקומען צוגאַסט צו די חלפנס. ארומגעוואַשן, אַנגעטאַן פון דאָס בעסטע און ריינסטע, האָבן די לוריאס אויסגעזען אין פאַרגלייך מיט די חלפנס ווי היימישע, איידעלע באַלע־באַטים, וואָס שטייען נאָך איצטער איין אין סאַמע מזרח.

מען האָט ביי די חלפן־געסט געוואָלט געוואויר ווערן, צי אין „ראסיי״ עקט זיך טאַקע די וועלט, און צי זיינען שוין טאַקע אויף צוריק אַלע בריקן צעבראָכן און אַלע וועגן אהין פאַרגאַראַדזשעט.

מאיר חלפן האָט מיט גרויס זיכערקייט גערעדט:

— אַ נאַרישקייט געווען וואָס כ'האָב מיר צוגעהערט צו מיינע אמערי־קאנצעס. כ'מע... די גרויסע גליקן וואָס יידן האָבן דאָ! וואָס האָט מיר געאַרט וואָס פאַניע טוט אָן נגישות? כ'האָב מיר געקליגט! און דער גוי, זאָג איך מיר מיינס, איז בטבע ניט אזוי פינצטער ווי מ'מאָלט אים. וואָס וועט פון גוי דען ווערן, אַז אַלע יידן וועלן אַוועקוואַרפן ראַסיי? כ'מע... גאָרניט וועט פון גוי ווערן! ט'ניט האָבן ווער ס'זאָל באַנ'אים קויפן זיין ליינען און זיינע תבואות. ט'ניט האָבן וואו אָפּצוזעצן אַ מעסטל קאַר־טאָפּליעס אפילו. אז דער ייד וועט אוועק פון ראַסיי, וועט דער גוי געשוואָלן ווערן פון הונגער!

— וואָרום וואָס — האָט צוגעגעבן די דראָבנע נעכע חלפן — מיר האָט דען חלילה עפּעס געפעלט? מיר האָט גאָרניט געפעלט. נאָר ס'איז געווען אָך־און־ווי צו דער מאַמען, אַז די קינדער זיינען אַ העלפט אַוועק אין נעוויאָרק, און אַ העלפט איז איבערגעבליבן אויף מיינע הענט. וואָלט הינטער די הרי־חושך זיך געלאָזן, אַבי ניט האָבן אַזאַ צעריסן האַרץ, זינט די דריי קינדער האָבן זיך אַוועקגעלאָזן מעבר לים. דער עיקר נאָך, וואָס נאָך מלכהן איז מיר דאָס חיות אויסגעגאַנגען.

— איר האָט חלילה ניט צוליב וואָס זיך אָפּעסן דאָס האַרץ — האָט ישראל לוריא בענעימתדיק געזאָגט — אייערע צווייַ זין, די אמעריקאַנער זין מיין איך, האָבן אוודאי ניט צוליב וואָס זיך אומצוקערן צוריק אין ראַסיי. זיינען שוין מפרנס א וועלט מיט יידן! דער אויבערשטער וועט זיי העלפן, זיי זאָלן אייך קענען האַלטן בכבוד.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט מאיר חלפן אַ צופרידענעם לאַך געטאָן — כ'בין אין לעבן צו קיינעם ניט אַנגעקומען. וועל אָבער ירצה השם צו מיינע קינדער דאָ אויך ניט באַדאַרפן אָנקומען. זאָלן זיי זיך זיין געזונט.

— וואָס, כ'וועל חלילה גיין לעבן באַזונדער נאָכדעם ווי דער רבונו של עולם האָט מיר געהאָלפן, מ'זאָל שוין קענען זיין אינאיינעם?

— דאגה ניט — האָט ער באַרואיקט זיין ווייב — כ'וועל דיר דיין געמיט ניט צעררייסן. וועלן זיי האָבן אַ באַגער צו זיין מיט טאַטע־מאַמע, מהיכא תיתא. אָבער מ'שמועסט, אַז באַנ'אייך אין אמעריקע זיינען זיך

טאַטע־מאַמע, יאַקבי טאַטע־מאַמע, נאָר קינדער גייען זיך אַוועק, ווי הינער מיט זייערע הענער, גראַבלען דעם אייגענעם מיסט, כאַ־כאַ־כאַ.

ישראל לוריא האָט גוטמוטיק מיטגעלאכט.

דאָס איז פאָרגעקומען אין דער סוכה־אונטערן גרינעם סכך. די יונגעלייט האָבן זיך אַלע אַוועקגעלאָזן באַטראַכטן „נעוויאַרק". אָבער נתן האָט זיך ניט געאײַלט מיטצוגיין, מחמת מלכה חלפן האָט מיט אים געהאַט עפּעס איבערצורעדן. אַגב, זינט יענעם אײנציקן מאָל וואָס נתן איז בײַ איר אין שטוב געווען, איז דאָס צום ערשטן מאָל וואָס די צוויי האָבן זיך ווידער באַגעגנט. זי האָט געוואָלט אָפּמעקן פון זכרון יענע, ניט־מזלדיקע באַגעגעניש.

מלכה, וואָס האָט געפּרוּווט אָנהאַלטן איר אָנגעצויגנקייט, מעשה עלטערע רעדן מיט נר־תנען, האָט געפילט ווי דער זיכערער באָדן אונטער אירע פיס וויגט זיך.

—איר, מיסטער נייטן, וועט מיר עקסקיוזן, וואָס כ'האָב אײַך פאַר־האַלטן. איר האָט אוודאי פאַרגעסן, אַז איך בין געווען ברוגז אויף אײַך. איך וויל מיט אײַך רעדן וועגן אײַער שוועסטער. ווי אַזוי האָט איר דער־לאָזן, זי זאָל אַוועק זוכן אַרבעט אויף בעקסטער סטריט?

זי האָט געקוקט נתנען אין פּנים אַרײַן, געפאָרשט, וואָס פאַר אַן אײַנדרוק עס מאַכן אויף אים אירע רייד. ער האָט לײַכט א שמייכל געטאָן, האָט מיט דער רעכטער האַנט אַרויפגעשאַרט זײַנע טונקעלע האָר.

— איר פאַרשטייט ניט פאַרוואָס איך רעד צונ'אײַך וועגן אײַער שוועסטער. אמת, מיר זײַנען ווילד־פרעמדע פאַמיליעס דאָ, ס'איז אפשר אַ צופאַל גאָר וואָס צוליב מײַן ברודערס שאַפּ האָט מען זיך באַגעגנט. ווער איז שולדיק, וואָס אײַער שוועסטער האָט זיך אויסגעלאָכט פון מײַן ברודער, ווען ער האָט איר געבעטן זי זאָל גיין צו אים אַרבעטן?

— וואָס איז דען דער חילוק? — האָט נתן רואיק געפרעגט.

— בײַ אײַך איז עס ניט קיין דיפערענס?

— ניין.

—ער האָט געוואָלט, זי זאָל אַרבעטן מיט דרײַ שעה ווינציקער, און זי וואָלט געקראָגן די אייגענע פּעידע, זי זאָל זיך קענען לערנען.

— פאַרוואָס האָט זי טאַקע ניט געוואָלט?

— כ'פרעג אײַך ס'אייגענע!

— אפשר האָט אײַער ברודער פון איר נאָך עפּעס פאַרלאַנגט?

— איר מאַכט אַ מיסטייק, מיסטער נייטן! אויב אַזוי, קענט איר ניט מײַן ברודער.

— איך מיין ניט קיין שלעכטס אויף אײַער ברודער.

— אוודאי מיינט מײַן ברודער אויך גאַרניט מיט דעם, וואָס ער איז געקומען צונ'אײַך בעטן איר זאָלט גיין צונ'אים צוריק אַרבעטן, ווען איר האָט אים אַזוי באַליידיקט.

— ניט אים, דעם יינגערן ברודער האָב איך באַליידיקט.

— כ׳ווייס וואָס איר האָט אים געזאָגט.

— כ׳וועל עס ביי אַ געלעגנהייט נאָך אַמאָל זאָגן.

— ניין, ניין, כ׳בעט אייך, טוט עס ניט!

מלכה האָט די לעצטע ווערטער מיט שרעק ארויסגעשריגן, און איז אויפגעשפרונגען פון אָרט.

— וואָס איז אייך דען דער חילוק, צי איך ארבעט יאָ, צי איך ארבעט ניט ביי אייערע ברידער אין שאָפּ?

— אפשר איז דאָס טאַקע קיין דיפערענס ניט — האָט מלכה מיט א געפאַלענער שטים געזאָגט — צוליב וואָס טאַקע בין איך געקומען זיך מאַכן נאַריש?

— ווען האָט איר געזען מיין שוועסטער?

— האָב זי היינט אויך געזען. כ׳האָב מיט איר ניט גערעדט. זי איז שענער געוואָרן.

— אָט זעט איר, זי איז שענער געוואָרן זינט זי איז אַוועק איבער־קלייבן שמאַטעס.

— מיין עלטערער ברודער טראַכט אַ סך פון אייך. איצטער, אַז מיין טאַטע איז געקומען, און דער עלטערער ברודער... אפשר וועט איר זיך צוהערן צו די ווערטער פון א גוטן פריינט.

— איך שטיי קיינעם ניט אין וועג. איך בין א פשוטער ארבעטער. ארבעט א סך, און צוביסלעך לערן איך, סטודיר. די צייט וועט קומען, וועלן מיר זיך קריגן. דערווייל אָבער ארבעט איך געטריי.

נתן איז געזעסן אויפן ראַנד פון אַ פאַרבעטן בעט ביים פענצטער פון פאַדערשטן צימער. מלכה האָט געביטן שוין עטלעכע מאָל איר פּלאַץ. האָט זיך ממש קיין אָרט ניט געפונען. זי האָט גערעדט אומשפּאַנענדיק איבערן צימער. נתן האָט איר נאָכגעקוקט. ער האָט באַמערקט איר בויגיקן קערפּער. אויף איר שמאָלן, בלאַנדן פּנים זיינען ניט געווען די סימנים פון פופצן שעה ארבעט אין די פאַרדומפּענע שעפּער. אויך ניט געווען קיין צייכן פון ניט־דערעסן און שווערער אַרבעט אין שטוב. גבירישקייט איז געווען אויף איר גאַנצן געשטעל אויסגעגאָסן.

ווען נתן האָט געזאָגט, אז ער שטייט קיינעם ניט אין וועג, און אַז ער איז א פשוטער אַרבעטער, איז מלכה פּלוצלונג צוגעגאַנגען גאָר נאָענט צו אים, האָט זיך געזעצט אויף זיינע קני, ארומגענומען זיין קאָפּ און מיט אירע דינע, ווייכע ארעמס, געדריקט זיין קאָפּ צו איר ברוסט.

— איר זייט ניט מער ווי א פשוטער ארבעטער, האַ... איר ווייסט גוט, אז איר זייט עס ניט! איר זייט א גרויסהאַלטער, א האַרטער מענטש. איר האָט מיך באַליידיקט, אָבער מיר אַרט עס ניט. איר קענט מיך נאָך אַמאָל באַליידיקן, מיר אַרט עס ניט.

נתן האָט זי ארייגענומען אין זיינע שטאַרקע אָרעמס, און נאָענט אריינ־געקוקט אין אירע גרין־בלוילעכע אויגן.

— איר ווילט, כ׳זאָל אייך באַליידיקן... ווייס איך ניט ווי אזוי. איר ווילט, כ׳זאָל אייך ליב האָבן... אפשר ווייס איך ווי אזוי.

— פֿאַרוואָס האַלט איר זיך גרויס?

— דערפֿאַר וואָס איר האָט מיט מיר פֿאַרצויגן אַ שמועס וועגן מיין שוועסטער, און דאָס איז ניט אמת. יעדערער דאָ טראַכט נאָר וועגן זיך. איר טראַכט אויך וועגן זיך, און איר רעדט וועגן מיין שוועסטער. ס'איז אמעריקע, ס'איז דאָס פֿרייע לאַנד, און די פֿרייהייט וואו דער מענטש זעט נאָר זיך אליין, און ווערט אַן זיין מענטשלעכן געפֿיל. אפֿילו די ליבע איז דאָ באַפֿרייט געוואָרן, פֿלייצט ווי א מוטנער טייך איבער דער בויערי און עלען סטריט.

מלכה ד'האָט זיך פֿון אים ניט באַפֿרייט. זי האָט נאָר אַראָפּגענומען זיינע הענט פֿון אירע אַקסלען. זיינע לעצטע ווערטער האָבן זי אָפּגע־קילט. ווי אַ ייִנגערע שוועסטער האָט זי זיך דערפֿילט נעבן אים. זי האָט געוואָלט ער זאָל נאָך רעדן, אָבער זי האָט איצטער ניט געוואוסט פֿון וואָס אָנצוהייבן.

— ווי אזוי האָט עס געטראָפֿן, אַז די צוויי משפּחות, כ'מיין די לוריאס און די חלפֿנס, זאָלן זיך אזוי אומנאַטירלעך צוקלעפּן איינס צום אַנדערן?

— פֿאַרוואָס איז דאָס אומנאַטירלעך? — האָט נתן רואיק גערעדט — ניט די אייגענע נויט האָט אהער די צוויי משפּחות אריבערגעבראַכט.

— וואָס מיינט איר?

— איך, און א טייל פֿון מייניקע האָבן געהאָפּט דאָ אָנצוהייבן לעבן, אַ אידעאַליסטיש לעבן. מיר זיינען אַהער געלאָפֿן פֿון אַ פּאָגראָמען־לאַנד. אייערע ברידער האָבן דאָ געפֿונען דאָס פֿעלד פֿון עקספּלואַטאַציע און עשירות!

—דער ברודער מיינער, כ'וויל איר זאָלט וויסן — — —

מלכה ד'האָט זיך פֿאַרכאַפּט און ניט ארויסגעזאָגט אינגאַנצן. אָנשטאָט דעם, האָט זי זיך צוגעטוליעט צו אים און שטיל גערעדט:

— איר פֿאַרשטייט ניט ווי אזוי די צוויי משפּחות האָבן זיך באַגעגנט, און מיר פֿאַרדריסט, וואָס די צוויי משפּחות האָבן זיך באַקענט און באַ־געגנט.

— איך באַדויער אויך.

— גוט, לאָמיר אָפּרעדן, מיסטער נייטן, מיר ביידע, מיר האָבן זיך אפֿילו קיינמאָל ניט באַגעגנט. אָבער איך וויים, דאָ האָט געטראָפֿן פּשוט אַן אומגליק מיט מיין ברודער, מיט לעאָנאַרדן: ער גייט ארום אַן א קאָפּ... כ'וויים, ער וואָלט אַלץ וואָס ער פֿאַרמאָגט צונישט געמאַכט. אים איז מיאוס געוואָרן דער שאָפּ. כ'בעט אייך, איר זאָלט ניט מאַכן קיין מיסטייק. איך רעד איצטער ניט מער ווי וועגן מיין ברודער און אייער שוועסטער.

— דאָ איז א פֿריי לאַנד. מיין שוועסטער, כאָטש זי איז נאָך ניט קיין זיבעצן יאָר אַלט, איז זי אין איר אייגענעם רשות. זי וויל ניט ארבעטן ביי די חלפֿנס אין שאָפּ, מסתמא פֿילט זי אזוי!

— זי האַלט זיך ווייט פֿון מיר. כ'האָב נעכטן געוואָלט זי אוועק־נעמען אַן א זייט, געוואָלט זיין גוט צו איר, האָט זי זיך ארויסגעדרייט.

— טראַכט ניט פון איר. מישט זיך ניט אריין אין אייער ברודערס ליבעס. טראכט וועגן זיך. אפשר וואָלט איר אויך באַדאַרפט גיין ארבעטן אין אַ שאָפּ. ביים ברודער אין שאָפּ, וועט איר דערקענען דאָס לעבן. דאָרט וואָלט איר דערשפּירן פונוואַנען די ליבע ציט איר חיות ארויס!

מלכה איז בלאַס געוואָרן. אירע אויגן האָבן צושראָקן אָנגעקוקט נתנען. אַזוי אומדערוואַרט איז פאַר איר געווען דאָס וואָס זי האָט נאָר־וואָס פון אים געהערט.

— יאָ, מיסטער נייטן, איר זייט גערעכט. איצטער פאַרשטיי איך וואָס איר מיינט. הייסט מיר גיין און ווערן איינע פון די טויזנטער מיידלעך אין שאָפּ, וועל איך...

מלכה האָט זיך אריינגעוואָרפן אין זיינע אָרעמס, און איר שמאָלער גוף האָט זיך געצאַפּלט פון שטילן געוויין.

נתן ד׳האָט מיטן לינקן אָרעם אַרומגענומען איר האַלדז, און מיט דער רעכטער האַנט געגלעט איר פּלייצע, געפילט, ווי אין זיינע אָרעמס ווערט זי אַלץ קלענער און קלענער, מחמת, ער קען זי ניט אָפּטיילן פון אירע ברידער. „אויף איר, ווי אויף זיי, די אייגענע גראָבע הויט” — האָט ער געטראַכט, און געמאכט פּלענער ווי זיך צו באפרייען פון איר.

קאַפּיטל אַכט

אין „קאָלומבוסעס מדינה" האָט מען געקליבן אַ פּרעזידענט. פּאָלי־טישע לײדנשאַפֿטן האָבן אױפֿגעברױזט און געשױמט פֿון סאַלון ביז צום פּאַלאַץ פֿון אױפֿגעקומענעם מיליאָנער. אױפֿגעבלאָזענע פֿראַזן, אָנגעפּילט מיט אידעאַליסטישן רױך האָבן, װי דער שטײגער, זיך געטראָגן צװישן פֿײַנטלעכע פּאָליטישע לאַגערן. גרױסע הבטחות, ממש עולם־הזה און עולם־הבא האָט מען צוגעזאָגט צו די װײלער; און, װי דער שטײגער, האָט מען פֿאָלקס געדולד און צוטרױ ניט בלױז אין דער שטיל פֿאַרהאַנדלט.

אין ניו־יאָרק, כאָטש דער דרױסן אַ טריבער, אַ פֿאַררעגנטער, האָט עס געררודערט און געזידט. אױפֿגעשטורמטע געמיטער האָבן זיך איבער די גאַסן געלאָזן, און אָפּטמאָל, צוליב נײַגער, אַרום די „פּיל־סודותדיקע" סאַלונס געקראָגן אָנגעבראָכן די בײנער. אין ניו־יאָרק האָבן די פּאָליטישע קעסלען געקאָכט, און אַ דיבש ביסל שום האָט איבער די ראַנדן פֿון די „קאָכיקע קעסלען" אױך אין דער איסט־סײד אַרײַנגעפּלאָסן. ײדישע גע־מיטער האָבן געשטורעמט פֿון אַזאַ נאָענטער, און פּאַרט אַזאַ װײטער געשעעניש. אַפֿילו די „גרינע" האָבן תופס געװען, אַז אַ מחלוקת האָט אױסגעבראָכן צװישן צװײ גרױסע מענטשן־מחנות; „צװײ גרױסע צדדים האָבן זיך ס'בונ־טעװעט, און יעדער צד באַזונדער װיל אױפֿן כסא הכבוד אַרױפֿזעצן זײַן אײגענעם מושל."

דער װערטער־קריג און די פּאַפּירענע מלחמה האָט פֿון הױפּטגאַסן און סקװערן אױך אַרײַנגעדרונגען אין די נאָך ניט אײַנגענומענע און „באַפֿעסטיקטע" ײדישע פּאָזיציעס. אױף דער פֿאַרװאָרלאָזטער איסט־סײד, װאו אונטן האָבן זיך געפּרעיעט מיסטן — האָבן אױבן, צװישן די שורות טענעמענט־הײַזער געפּלאַטערט פּלאַקאַטן מיט די „פּיקטשעס" פֿון די נאָ־מינירטע פּרעזידענטן, סענאַטאָרן, און „פּיקטשעס" פֿון אַ סך אַנדערע װיכטיקע פּאַרשױנען. די „גרינע" האָבן געפּינטלט מיט די אױגן, געגאַפּט, געקװעטשט מיט די פּלײצעס, און אַלײן ניט געגלױבט, צי דאָס מײנט מען אױף קאַטאָװעס — צי דאָס איז מען טאַקע געקומען בײַ זײ פֿרעגן אַן עצה און בעטן אַרױסזאָגן מבינות, װעמען מ'זאָל אױסקלײַבן פֿאַר אַ פּרע־זידענט: צי דעם „רעפּובליקאַנעץ" בלײן, צי דעם „דעמאָקראַטשטשיק" גראָװער קלײװלאַנד, װאָס איז גובערנאַטאָר פֿון סטײט ניו־יאָרק.

— ממש משיחס צײַטן, אַז ײדן זאָל מען צוטײלן אַזאַ כבוד!
אינדערשטיל האָט מען זיך געשושקעט:
— װער ס'האָט שכל, דער קען אָפּלעקן אַ פֿעט בײנדל...
— ס'דהײסט, װי אַזױ?

— מ׳שמועסט, אז אין די סאַלונעס, אין די שענקען האַנדלט מען מיט פּרעזידענטן!

— אין די שענקען, אין די סאַלונעס שטייען מענטשן פון די „צדדים״, האָבן דאָרט פולע זעק מיט זילבערנע דאָלערס און גילדערנע אימפּעריאַלן, יעדער צד קויפט אונטער, מ׳זאָל וואַרפן די „גאַלקע״ פאַר זיין פּרעזידענט.

— מ׳שמועסט, אז אפילו אין די „ניט שיינע הייזלעך״ האַנדלט מען און מ׳קויפט אונטער מענטשן.

אין שול־כּל, וואו לוריא דאַוונט, שוין שפּעטלעך אין אָוונט אין טאָג פון די וואַלן, זיינען פונדעסטוועגן די סקעפּטיקער און גאַטספּאָרכטיקע געזעסן ביי א בלעטל גמרא. שווער געווען ארייננזוקריכן אין אַ הארבן ענין — באשר דרויסן האָט עס ביז מיט א טאָג צוריק „געקערט א וועלט״. ס׳האָט זיך געטראָגן דער אָפּקלאַנג פון די מטיפים און רעדנער, וואָס זיינען פון דער העלער הויט אויסגעוואקסן אויף איבערגעקערטע קעסטלעך און פּעסער, מיט אַזעטיקע געשליפענע צינגלעך גערעדט צום עולם; אויף יידיש האָבן זיי גערעדט, און אויף ענגליש האָבן זיי גערעדט, פּלאי־פּלאים! דארומעך איז איצטער שווער ארייננצודרינגען אין א הארבער סוגיא. באמת גלוסט עס אויף דרויסן, אפשר קען מען שוין דערגיין וועמען מ׳האָט געמאַכט פאַר פּרעזידענט.

דער רבֿ, ר׳ מרדכי ליפשיץ, א יונגערמאַן נאָך, מיט אַ שוואַרצער, ויידענער באָרד, מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, און וואָס דאָ אין דער גילדערנער מדינה איז אויף אים זיין אַלפאַגענע קאַפּאָטע שמאָל געוואָרן — מיט א האַלב יאָר צוריק איז ער אריבערגעקומען פון ווייס־רוסלאנד, איז מלמד פון די קליינוואַרג און זאָגט אויך א שיר פאַר די דערוואַק־סענע — ער גאַפט און באַנעמט ניט אויף זיכער, צי דער ענין פון קלייבן א פּרעזידענט איז גוט פאַר יידן, צי אפשר חלילה... ער איז גערן צו וויסן, ער וואָלט א סך, גאָר אַ סך חשק ד׳האָבן אויסצופרעגן ביי געניטערע, וואָס זיינען שוין לענגער פון אים אין לאַנד.

— האַ, רבי, האָט אַ ייד געקענט אַמאָל חלומען פון אַזאַ כּבוד אין ראַסיי?

ר׳ מרדכי ליפשיץ האָט א צי געטאָן מיט די פּלייצעס, האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, מחמת אים זיינען קלערער די פאַרפּלאָנטערטע שטעגן אין דער גמרא, ווי די גאַסן פון ניו־יאָרק, און קאָלומבוסעס מדינה, וואו מען האָט זיך געקאָכט איבער די פּרעזידענט־קאַנדידאַטן.

— רבי, — האָט ישראל לוריא געפרעגט — האָט מען דאָרטן אין ראַסיי געקענט מצדיק זיין את הדין און זאָגן, אז דינה דמלכותא דינה, אז אַלץ וואָס אלעקסאַנדער דער דריטער טוט דאָרטן אָפּ איז אים אָנגעוויזן מן השמים?

לוריא האָט ניט געוואַרט אויף קיין תשובה פון רבֿ, ער האָט אליין געענטפערט:

— אַז מ׳האָט יידן ארייננגעלאָזן אין אמעריקע, אפילו קיין פּאַספּאָרט ניט געפרעגט, איז א באַוויז, אז מ׳קען די צוויי מדינות איינס צום אַנדערן ניט פאַרגלייכן.

— וואָס קומט אַרויס, אַז צום צאַר דאַט מען ניט צוגעלאָזן, און צום פּרעזידענט לאָזט מען אויך ניט צו...

— הערסט אַ מעשה! צום צאַר ווען מ׳לאָזט צו, מעלד איך אייך, איז שוין פאַראַן וואָס צו בעטן און אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן; אָבער דאָ, אויף וואָס קענט איר זיך דאָ באַקלאָגן? וואָרן וואָס, מ׳לאָזט אייך דאָ ניט טאָן וואָס איר ווילט? אַז ר׳ ישראל לוריא האָט געוואָלט מאַכן אַ שאַפּ, לאָזט מען אים ניט, וואָס?

— אדרבה, כ׳וואָלט דעם פּרעזידענט געבעטן, מ׳זאָל פאַרווערן מענטשן טאָן דאָס וואָס זיי קריכט גאָר אין קאָפּ אריין, אַ שטיקעלע סדר שאַדט ניט.

— וואָס איז פאַר אַ גליק צו זיין אַ פּרעזידענט, כאַטשבע, ס׳הייסט, אַז דאָס פאָלק קלייבט אים אויס, אויב דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן האָט מען דערהרגעט, און דעם פריערדיקן פּרעזידענט האָט מען אויך דער־הרגעט! דער איצטיקער פּרעזידענט איז דאָך ביים פריערדיקן געווען דער שני למלך; ס׳איז אַזאַ מנהג, אַז דער שני למלך פאַרנעמט זיין אָרט. גאַרפילד האָט ער געהייסן דער געהרגעטער.

— מ׳שמועסט, אַז דער איצטיקער פּרעזידענט אַרטהור איז אויך מיט אַ לב טוב. איינער פון די חסידי אומות העולם. גיט יידן אַלע לעגאַטעס.

— וואָלט איך אים טאַקע געדאַלטן נאָך אַ טערמין!

— כאַ־כאַ־כאַ, וואָס שייך לעגאַטעס? איז דען אַ ייד דאָ אַנדערש פון אַ ניט־יידן? מ׳שמועסט, אַז אַלע זיינען גלייך!

— כ׳מע, אַ ייד רעדט זיך איין, אַלע גלייך. וואָס, ניטאָ דאָ גאָר קיין אונטן און קיין אויבן?

— ווער לאָזט דיך ניט קלעטערן אויבן? קלעטער, אויב דו קענסט! די גרעסטע מיליאָנערן זיינען אַפריער געווען אונטן, און איצטער זיינען זיי אויבן.

— אָבער מ׳שמועסט, אַז סע קומען פאָר מיאוסע מעשים. מ׳קויפט אונטער די גאַלקע־וואָרפער!

— וואָס שייך אונטערקויפן? ביידע צדדים האָבן דאָך אַרויסגעשטעלט ממש גדולים!... די רעפּובליקאַנצעס האָבן אַרויסגעשטעלט זייערן, אָטאָ דער בליין, שמועסט מען, ער האָט אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער. און דער פון די דעמאָקראַטשטשיקעס איז אויך ניט קיין קלייניקייט. אַבי ווען מאַכט מען ניט פאַר קיין גובערנאַטער.

כ׳מעלד אייך, ס׳רעדעלע וואָלט זיך געדרייט אָן אַ פּרעזידענט. ניט מער, די וואָס קאָכן זיך אַרום גאַנצן עסק, פאַרשטעכן שוין ניט די פינגער.

— וואָס־זשע זאָגט איר, יידן — האָט ר׳ מרדכי ליפשיץ געגלעט זיין באָרד — איז טאַקע די מעשה פון איבערקלייבן אַ פּרעזידענט נאָר צוליב די גרויסע זשאַלאָוואַניעס וואָס ער טיילט אויס צווישן זיינע מקורבים?...

—אָ, אָ, רבי, מירן נאָך דערלעבן צו האָבן אַן אייגענעם פּרעזידענט. מ׳שמועסט, ס׳אי פאַראַן צווישן יענע יידן מיליאָנשטשיקעס אויך!

ארום פערצנטער סטריט און בראָדוויי, אין דער טעאַטער־געגנט, דורכ־געוויקטע פון רעגן, האָבן זיך איינס צום אַנדערן געטוליעט קריינדל און הילל. דאָס האָט ער זי אַרויסגעפירט אָנקוקן די רייכע וועלט, וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזן שמעקן אין דער לופט די רעזולטאַטן פון די וואלן. אויף־און־אָפּ האָבן געצויגן פּאַיעטאָנען, צו צוויי און צו פיר פערד געשפּאַנט, קוטשער און לאַקיי פאַרבנרייך געקליידט, מיט גילדערנע ליאַמפּאַסן און געגנעראַלסקע עפּאָלעטן. דאַמען מיט איינגעצויגענע טאַליעס, אין טוניקעס און האַלבע קרינאָלינעס, אין פאַרביקע פּאַסטעריקלעך אויפן קאָפּ, ביים זייט די מענער אין פראַק און צילינדערהיט. שיכורים האָבן אויך ניט געפעלט. און קרייזלעך, וואו מען האָט זיך געהיצט, און פויסטן האָבן זיך געהויבן. די נעמען בליין און קליוולאַנד אויף די ליפּן פון ניכטערנעם און שיכור, כאָטש ידיעות זיינען שוין אָנגעקומען, אז גראַווער קליוולאַנד ציט מער שטימען.

הילל האָט געטענהט צו זיך אליין:

— פייק און גנבה פון הימל ביז דרערד! יעדער גרינער וואָס קומט אַהער ווערט אין דעם אייגענעם פייק אַריינגעצויגן. צוליב וואָס זאָל אַן ערלעכער מענטש שטימען? צוליב וואָס זאָל אַ ריינער אידעאַליסט אָפּגעבן זיין שטים, פאַרקויפן זיין גוף און נשמה צו די פאַלשע הערשער? דער פּרעזידענט גיט אכטונג, אז די וואָס עקספּלואַטירן דיך, אָדער מיך, אויף זיי זאָל קיין שטויבעלע ניט פאַלן. ער גיט אַכטונג, די מיליאָנערן זאָלן קענען רואיק שלאָפן. אָט, אויף דידאָזיקע — האָט הילל אָנגעוויזן אויף אַ רייכן פּאַיעטאָן, מיט צוויי ווייסע פערד געשפּאַנט, וואָס האָט פאַרביי זיך דורכגעטראָגן — אָט אויף זיי גיט דער פּרעזידענט אַכטונג! ניט אומזיסט לאָזט מען די גרינע אַריין פראַנק־און־פריי אין לאַנד אַריין. דאָרטן וואו די גרינע וואַלגערן זיך קומען דידאָזיקע לייט ניט אַ שמעק צו טאָן. אונדזער מאַרך און בלוט נאָגן זיי אויס דורך אַזעלכע רערעלעך, וואָס מיר ווייסן אפילו ניט וואו זיי צו זוכן.

קריינדל האָט זיך צוגעהערט צו הילס רייד. אין דער אייגענער צייט האָט זי געטראַכט פון נתנען. אויך ער טענהט דאָס אייגענע. אויך נתן מאכט חוזק פון די וואַלן, ווייל מ'קלייבט אַ פּרעזידענט פאַר די רייכע וועגן, אָבער נתן זאָגט, אז פון וויטנס שטיין טאָר מען ניט. „מ'באַדאַרף שטיין דערביי און העלפן אויסקלייבן דעם בעסערן מענטשן”. נתן דרייסט קעמפן פאַר גערעכטיקייט. און הילל הייסט שטיין אָן אַ זייט און אויסלאַכן.

— איך קלער פונדעסטוועגן, אז נתן איז גערעכט — האָט קריינדל גערעדט — מיר האָבן אַזאַ חלק אין לאַנד פונקט ווי די רייכע. תחילת מוז מען קעמפן ביי זיך אין שאָפּ, וואו מיר ווערן עקספּלואַטירט.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט הילל אַ לאַך געטאָן — שיין צו הערן ווי דו רעדסט פון קאַמף, כאַ־כאַ־כאַ.

— פאַרוואָס לאַכסטו?

— ביסט נאַאיוו ווי אַ קינד. די צייט וועט דיך אויסלערנען.

— ס'לעבן לערנט מיך עפּעס אַנדערש.

אויף דער בויערי זיינען זיי אָנגעקומען אנטקעגן צוויי שיכורים; איינער איז ממש געפאַלן פון די פיס, און דער אנדערער האָט אים אונטערגע־

האַלטן. האָבן אויפן הויכן קול זיך געמאַטערט אויסצוזינגען עפּעס א לידל. אַנקומענדיק פּנים־אל־פּנים מיט היללן און קריינדלען, זיינען די שיכורים געבליבן שטיין, און דער ניכטערער האָט קאַלאָטשענדיק מיט דער צונג געפרעגט:

— זאָג, דו בלאָטיקער שיני, פאַר וועמען האָסטו געשטימט, פאַר בליינען, צי פאַר דעם קרוק קליוולאַנדן?

— כ׳האָב געשטימט פאַר דיר — האָט אים הילל געענטפערט גלייך אין פּנים אריין — ניכטער זיך אויס, וועסטו ווערן פּרעזידענט.

— כאַ־כאַ־כאַ, עקסקיוז מיר פאַרוואָס כ׳האָב דיך גערופן שיני... ביסט סמאַרט, ביסט ניט קיין גרינהאָרן. גערעכט, מיך האָט מען געזאָלט אויס־קלייבן פאַר פּרעזידענט. האָב ניט געהאַט קיין שכל פאַר זיך אליין אָפּגעבן מיין וואָוט... שייק הענדס, דו, דוירטי שיני! זע, דיינע לייט דאָרטן זאָלן ניט זיין קיין קרוקס און פּיקערס! כ׳האָב געוואָלט בליינען; ער געקענט זיין אַ שטרענגער פּרעזידענט... זאָג זיי דאָרטן דייניקע אויף דער איסד־סייד, זאָלן ניט זיין קיין קרוקס.

הילל און קריינדל האָבן זיך דערשפּירט ווי אָפּגעגאָסן מיט אַ טומריין וואַסער. קריינדל איז אוועק אהיים, און הילל איז נאָך געבליבן אין גאַס.

ווען קריינדל איז אריין אין שטוב, האָט זי געפונען נתנען און דניאלן:

— קריגן זיך ארום צוליב די פּרעזידענט־וואַלן. שלמה איז געזעסן אָן אַ זייט און זיך איינגעהערט.

דניאל האָט זיך געקאָכט, ער האָט אויפגעוויזן נתנען, אז ער, נתן, נעמט זיך צופיל רעכט צו משפּטן זאַכן וואָס זיינען אים פרעמד.

— אמעריקע איז אַ פרייע מדינה! — האָט דניאל אריינגעטענהט — מענטשן קומען אהער פון אלע עקן וועלט ניט צוליב דעם, זיי זאָלן דאָ ווערן פּראָלעטאַריער. יעדערער טוט וואָס ער קען און הויבט זיך ארויס. מענטשן זיינען דאָ פאַראַן ווי בינען, לעבן אין ענגשאַפט ווי אין אַ בינשטאָק, אָבער מענטשן זיינען ניט קיין בינען, נתן!

— מסכים, אז דאָ איז אַ פריי לאַנד — האָט נתן, שטייענדיק אין מיטן צימער, די הענט אין די הויזנקעשענעס, מיט חשיבות גערעדט — אַזאַ איינעם ווי דו וועט דינען וואָס פאַר אַ פּרעזידענט מ׳וועט אויסקלייבן, אָבער מיר און דער גאַנצער ארבעטער ארמיי...

— ווער לאָזט דיך ניט אויסנוצן די מעגלעכקייטן וואָס אמעריקע גיט יעדן איינעם? — האָט אים דניאל איבערגעשלאָגן — ווער צווינגט דיך, זאָלסט דאָ בלייבן אן אייביקער אָרימאַן? אפילו דער טאַטע רייסט זיך מיט אַלע כחות צו ווערן אַ מענטש מיט מענטשן גלייך! וואָס שרייסטו, אז וואַמפּירן זיינען באַפאַלן די איסט־סייד, נאָגן דאָס בלוט פון די גרינע? וואָס וואָלטן די גרינע געטאָן, ווען ס׳קומען ניט די שטאַרקערע, די בריהס, און גיבן ניט קיין ארבעט די טויזנטער הונגעריקע הענט? זע, אפילו דו, וואָס אין רוסלאַנד ביסטו געווען אַ גאַנצער יאַטעבעדאַם, איז דאָ גאָר פאַרמאַגסטו שוין ניט מער ווי הענט! וואו איז דיין קאָפּ? וואו איז דיין שכל? וואו איז אהינגעקומען אלץ וואָס דו האָסט דאָרטן געלערנט? וואָס, קלייבסט זיך איבערמאכן אמעריקע? דיר איז ניט אנגעשטאנען אָפּצוגעבן דיין שטים פאר קליוולאנדן?

נתן איז געשטאַנען אין מיטן צימער און גוטמוטיק געשמייכלט. ס'האָט אים הנאה געטאָן וואָס זיין פּראַקטישער ברודער האָט זיך אזוי אָנגענומען מיט מוט.

— וואָס זאָגסטו, קריינדל, אויף דניאלן? מיר וועלן נאָך זוכה זיין צו האָבן א מיליאָנער אין אונדזער משפּחה גאָר בקרוב, כאַ־כאַ־כאַ.

— לאָך, לאָך. ס'פּאַסט אייך ניט צו שטימען פאר א קאַפּיטאַליסטישן פּרעזידענט; וואַרט, וואַרט ביז...

דניאל האָט ניט דערזאָגט; איז צוגעגאַנגען צו קריינדלען, זי א קוש געטאָן און צערטלעך געפרעגט:

— וואָס מאכסטו, שוועסטער? ביסט אזוי בלייך.

— כ'הער ווי איר קריגט זיך. כ'האָב זיך אויך געקריגט און צעקריגט. פאר וועמען האָסטו אָפּגעגעבן דיין שטים, דניאל?

— קליוולאַנד איז מיין פּרעזידענט! — האָט דניאל מיט גאווה געענט־פערט, און אריבערגעקוקט צו נתנען.

ביי די ווערטער האָט זיך די טיר געעפנט און גאָר אומגעריכט, מיט אַזאַ צופרידענעם פּנים, איז אשר אריינגעקומען. אלע האָבן אויף אים אָנגעשטעלט די אויגן ווי אויף א בייז וואונדער.

— וואָס קוקט איר מיך אזוי אָן? — האָט אשר מיט א געצוואונגענער רואיקייט זיך אָפּגערופן — דערווייל האָב איך נאָך קיין מענטשן ניט געהרגעט.

— דניאל גלויבט, אז דאָ איז א פרייע מדינה — האָט נתן איראָניש גערעדט — פראַנק־און־פריי שפּאַצירן דאָ ארום שלעגער און רויבער, גנבים, אלפאָנסן און הורן, קעשענעקעס און אויסוואורפן!

פּלוצלונג האָט אשר געביטן זיין שטים:

— קליוולאַנד איז אויסגעקליבן געוואָרן פאר פּרעזידענט; יאָלדן וואָס איר זייט, איר האָט געקערט מאכן א פּאָר דאָלער. מ'האָט פאר בליינען געצאָלט צו דריי דאָלער פאר א שטים, און פאר קליוולאַנדן — צו צווי... כ'האָב היינט געמאכט אכצן דאָלער. כ'האָב פאר אלעמען געשטימט. האָב נאָך צוגעהאָלפן עטלעכע מענטשן צו פאַרדינען, האָבן זיך מיט מיר גע־טיילט.

דערביי האָט אשר אָנגעהויבן ארויסנעמען פון די קעשענעס זילבערנע דאָלערס, ארויסגעלייגט אויפן טיש, און געקוקט וואָס פאר אן איינדרוק דאָס מאכט אויף די שטובליים.

— נו, וואָס, אין רוסלאַנד האָט איר אויך געקענט קלייבן א פּרעזי־דענט? — האָט אשר מיט נצחון אָנגעשטעלט די אויגן אויף נתנען.

נתן, וואָס איז געשטאַנען פונדערווייטנס א בלאַסער, געקוקט ווי אשר לייגט ארויס די דאָלערס אויפן טיש, איז ניט געאיילטערהייט צוגעגאנגען צו אשרן, און שטרענג באַפוילן:

— זיי מוחל, נעם דאָס געלט אראָפּ פון טיש!

— כ'קען עס צונעמען צוריק — האָט אשר רואיק געזאָגט — און אָנגעהויבן לייגן דאָס געלט צוריק אין קעשענע אריין.

נתן האָט געוואַרט, ביז אשר האָט דעם לעצטן דאָלער באַהאַלטן אין קעשענע. יעמאָלט האָט ער אשרן אריינגעצײלט צוויי קלינגענדיקע פּעטש,

מיט גבורה אים א הויב געטאָן אין לופטן, און ארויסגעשליידערט פון שטוב.

— גיי, קליינ דיר פרעזידענטן, אָבער אויף מיינע אויגן זאָלסטו זיך מער ניט ווייזן!

דאָס האָט נתן אַ צולאָג צוגעוואָרפן אשרן, און האָט מיט אמאָל אַלע כחות אָנגעוואָרן. א בלאָסער האָט ער זיך צוגעשלעפּט צום געלעגער ביים פענצטער און באַהאַלטן דאָס פּנים אין די קישן.

צעטומלטע, האָבן שלמה, דניאל און קריינדל זיך דורכגעוואָרפן מיט די בליקן.

* * *

צו מר. קאצמאנען אין שמאַטעס־שאַפּ, אָדער שמאַטע־שטאָל, האָט קיינמאָל די זון ניט אריינגעשיינט. אין די ליכטיקסטע טעג האָט דאָרטן געהערשט אַ פאַרשטויבטער פאַרנאַכט. שאָטנס און שטויב האָבן זיך פון די בערג צעראָיעטע שמאַטעס אויפגעהויבן, געשוואומען אין לופט אַזוי שטיל — ווי שטיל דאָס לעבעדיקע לעבן האָט דאָרט געוועלקט. דער שאַפּ, וואָס האָט זיך געפונען אויף בעקסטער סטריט, איז געווען אין א האַלב־טיפן קעלער, די פענצטער ביי דער ערד. צו בעקסטער סטריט איז בלויז איין קליין פענצטערל ארויסגעקומען, א פארשלאָגנס מיט אייזערנע גראַטעס. פיר גרעסערע פענצטער און די טיר זיינען ארויסגעקומען צום שמאָלן הויף, פונקט אנטקעגן דעם אָפענעם, קהלשן אָפּטרעט.

— נידעריקער פון דיל פאַלט מען ניט — האָט קאַצמאַן ליב געהאַט צו טרייסטן די ארבעטער וואָס האָבן געקרעכצט.

ניט קיין ליכט און לופט, נאָר א שאַרף־זויערער געשטאַנק איז אין כוואַליעס אָנגעקומען דורך די האַלב־אויסגעבראָכענע שויבן, וואָס זיינען צום הויף ארויסגעקומען. און פון איינציקן, מיט גראַטעס פאַרשלאָגענעם פענצטערל, וואָס צו בעקסטער סטריט, פון דער גאַס, וואו מען האָט פארקויפט געטראָגענע קליידער און געטראָגענע שיך, די גאַס וואָס איז באַרימט געווען מיט אירע „פארגוואלדיקער״ און „אריינשלעפער״ קונים אין געשעפט אריין, מיט געוואלד זיי „אויסקליידן״ — פון דאָרטן זיינען געקומען אָפּגעריסענע קללות און חרמורת, וואָס קרעמער האָט אויף שכן־קרעמער געשאָטן, וואָס קרעמער האָט אויף א ווידערשפעניקן קויפער געהאָגלט.

געהאלטן האָבן זיך די ארבעטער ביי קאצמאנען אין שאַפּ נענטער צו די הויף־פענצטער, כאָטש די „פרישע לופט״ איז געקומען דירעקט פון אָפּטרעט. זיבן מענער, מערסטנס עלטערע מיט בערד; דריי ווייבער, איינע אן עלטערע, אן אויסגעטריקנטע מיט א שאַרפן הוסט, און צוויי מיטליאָריקע, באַלייבטע; צוויי דערוואקסענע מיידלעך, און צוויי מינדער־יעריקע מיידלעך — זיי האָבן געהערשט איבער די פעק שמאַטעס, אָפּפאַל, וואָס מען האָט געבראַכט פון אלערליי שניידער־שעפער. דאָ האָט מען די שמאַטעס איבערגעקליבן, געסאָרטירט, און געוואָרפן אין געפלאָכטענע פון דראָט זיפּ־קאַסטנס, מיט אונטערגעגייטע זעק פון אונטן — „דער נוצלעכער מאַטראַצן־שטויב זאָל זיך אָפּקלייבן״. די הענט ביי דער ארבעט האָבן בלינד אָנגעטאַפּט די שטיקלעך סחורה, דערשפּירט אין די פינגער

וואוהין א שמאַטע געהערט. די הענט האָבן פלינק די שמאַטעס אריבער־געשליידערט אין די אלערליי קאַסטנס.

צווישן די ארבעטער און שמאַטעס, געשטאנק און שטויב, האָט זיך אומגעדרייט דער באָס, מיסטער קאַצמאַן: א דאַר, געל יידל, מיט א געל־פאַרוואקסענעם פנים, וואָס האָט אלע ווײַלע אַראָפּגענומען די ברילן פון זיין שמאָל־טרוקענער נאָז, געווישט מיט „א ריינער שמאַטקע״ די גלעזלעך, און, אגב, שוין אויסגעווישט די פאַרטרערטע, רויט־באַזוימטע אויגן. די מענער אין היטלען און יאַרמולקעס, די פרויען מיט שמאַטעס דער קאָפּ ארומגעבונדן, האָבן פונדעסטוועגן ניט געקענט פאַרשטעלן דעם וועג פאַרן שטויב, וואָס איז געקראָכן אין די אויגן, פול געמאכט נאָז און אויערן, און באַשאָפן א טריקעניש אין האלדז. יעדערער אויף זיין אופן, ווער מיט א פאַרטיפטן הוסט, און ווער מיט א קוויטשיק און קכי־קכי, האָט געמיינטערט זיין האַלדז, בשעת מיט אַזאַ ווייכן גערויש זיינען די שמאַטעס געפלויגן פון צווישן די פינגער און ווייך געפאַלן צו רו.

אָט־דאָ, ביי מיסטער קאַצמאַנען אין שמאַטעס־שאַפּ, אנטקעגן דעם גרויסן, אָפענעם אָפטרעט — „ארבעט״ שוין עטלעכע וואָכן קריינדל לוריא. זי קלייבט איבער די שמאַטעס פלינק און געשיקט. האָט נאָך בשעת מעשה צייט צו באַטראַכטן מוסטער און קאָליר פון יעדער שמאַטע וואָס פאַרלאָזט אירע פינגער. זי פאַרדינט שוין דריי דאָלער מיט פינף־און־צוואַנציק סענט א וואָך.

קריינדלס עקשנותדיקער שריט איז ניט נאָר אינגאַנצן פאַרשטאַנען געוואָרן אין דער אייגענער ענגער היים, פונוואַנען יעדער איינער פון דער משפחה לוריא האָט זיך אויף זיין אופן געריסן פאַרדינען אויף חיונה, זוכענדיק דערביי א וועג צו א פרייערן לעבן. נאָך ווינציקער האָבן עס באַגריפן פרעמדע, וואָס האָבן געזוכט א דערנענטערונג צו די לוריאס.

לייבל חלפן איז געוועזן אויסער זיך. ער האָט אפשר געקענט באַגרייפן פאַרוואָס קריינדל וויל פון אים ניט קיין טובות, וויל ניט ארבעטן ביי אים אין זיין העמדער־שאַפּ, וואו זי האָט געהאַט א גוטע געלעגנהייט ניט צו זיין פאַרשקלאַפט.

— נו, מילא, האָט מען ניט ליב א מענטשן, וויל מען פון אים קיין טובות ניט.

דאָס געפעלט דוקא חלפנען, א באַווייז אויף א שטאַרקן און אָרנטלעכן כאַראַקטער.

— אָבער צי זיינען דען קאַרג פאַראַן שניידער־שעפּער, וואו אַזאַ קריינדל לוריא האָט געקענט פאַרדינגען אירע הענט? נעמט זי, און גייט אוועק אויף בעקסטער סטריט, און... טפוי, ס'איז דאָך ערגער ווי משוגעת!

הילל האָט קריינדלען איינמאָל אריינגעזאָגט, ווען ער איז געקומען אהיים און זי געפונען מיט רויט אָנגעוויינטע אויגן.

— אויב דו ווילסט זוכן א תכלית פאַר זיך, טאָ זע, דו זאָלסט ניט באַגראָבן ווערן אויף אייביק. זיי ניט קיין שטשאָבערקע. קענסט זיך מיט דעם איינלעבן, מיינען, דאָס איז דיר באַשערט. גיי מיסט ראָמען, וועסטו דערשפּירן, אז אויבן שיינט די זון. גיי, זוך דיר אן ארבעט, וואו

דו זאָלסט דערשפּירן, אז דו מוזט זיך ראַטעווען. א פריער מענטש מוז זיך אַמאָל פאָרט ארויסרייסן. ביסט נאָך יונג, און האָב ניט קיין מורא אַראָפּצופאַלן אַביסל נידעריק.

פונדעסטוועגן, אז קריינדל האָט גענומען, און איז אוועק ארבעטן ביים איבערקלייבן שמאַטעס, וואו זי האָט געאָטעמט א גאַנצן טאָג שטויב און אָפּטרעט־געשטאַנק, איז הילל אויך צעטומלט געוואָרן. ער אליין האָט זי געפּרואווט אָפּרעדן דערפון.

דער סוד ארום קריינדלען איז ניט אויפגעדעקט געוואָרן. קיינער האָט ניט באַנומען פאַרוואָס קריינדל, זינט זי האָט אָנגעהויבן צו ארבעטן ביי די שמאַטעס, האָט זי דעם קאָפּ אויסגעגלייכט. איר טראָט איז זיכערער, איר שטים, איינגעהאַלטן און בנעימותדיק. זי קומט אהיים פון דער ארבעט, וואַשט זיך ריין ארום, טוט זיך איבער איין וואָס זי קען, קעמט אירע האָר, און די יוגנט בליט אין איר אויף.

אַז זי קומט פון דער אַרבעט, האָט זי נאָך גענוג כוח און ליבע ארומ־צוקוקן און באַטראַכטן די דרייבם. לאָזט זיך ניט באַדינען פון דער יידענע וואָס באַלעבאַטעוועט איצטער אין שטוב. אליין, ווי פריער, טוט זי אלץ פאַר זיך. וואַשט אירע זאַכן, און האָט נאָך צייט אַכטונג צו געבן אויף די מאַנצפּאַרשוינען, זיי זאָלן ניט גיין אָפּגעלאָזן.

ניט מער, מען הערט זי אָפּט אונטערזינגען א לידל, וואָס זי האָט פון איר שאָפּ געבראַכט. כאָטש דאָס לידל פּאַסט זיך אינגאַנצן ניט מיט איר אויסזען, מיט איר קלינגענדיקער שטים:

אויף אַזאַ ביטערן מזל האָב איך זיך ניט געריכט.
מיט טרערן איז מיין בעכער שוין פול.
מיין לעבן גייט אויס ווי א וועקסענע ליכט,
יום כיפור, צו נעילה אין שול.

דאָס לידל זינגט קריינדל. אָבער קיין טרערן פאַרגיסט קריינדל ניט די לעצטע צייט.

קריינדלס שכן ביים סאָרטירן די שמאַטעס, וואָס זיצט קעגנאיבער איר, און וואַרפט די שמאַטעס אין די אייגענע דראַטענע קאַסטנס וואָס זי — זאָוול שטערן, איז אַן עלטערער ייד פון א יאָר זעכציק, מיט א געדיכטער, ברוין־רויטלעכער, צונויפגעשלאָגענער באָרד, וואָס ער פאַרקעמט נאָר לכבוד שבת. ער טראָגט ביי דער דאָזיקער „זויבערער" ארבעט דווקא א שווארצע, סאַמעטענע יאַרמולקע אויפן קאָפּ. זיינע קליינע, ברוינע אויגעלעך זיינען ארומגעזוימט מיט באַשטויבטע ווייסע און ברעמען.

יעדן טאָג ביי דער ארבעט, מיט די אויגן אין די שמאַטעס, פרעגט ער אויס אביסעלע פון קריינדלס „היסטאָריע". ער פרעגט ניט א סך פאַר אַמאָל. ער געדענקט וואו קריינדל האָט אויסגעלאָזן. א טאָג צייט האָט ער ביי קריינדלען גאָרניט געפרעגט נאָכדעם ווי זי האָט איר „היסטאָ־ריע" דערפירט צו דער נאַכט, ווען מען האָט פון שיף איר טויטער מאַמען אריינגעוואָרפן אין ים אריין. ער איז געבליבן מיט עטלעכע שמאַטקעס צווישן זיינע פינגער, און געשמועצערט מיט די ליפּן.

אויף מאָרגן ערשט האָט ער אָנגעהויבן ציען דעם פּאָדים ווייטער, ביז ער איז דערגאַנגען צו דער זייער אײדעלער פראַגע:

— נו, און דער טאַטע דײַנער קלײַבט זיך גאָרניט חתונה האָבן מער? אין אַמעריקע איז פּאסקודנע אַז אַ מאַן בלײַבט אַלײן. פּאַסקודנע — האָט ער אַ טשמאַקע געטאָן מיט די ליפּן — ווי מיר איז פּאסקודנע.

יעמאָלט דהאָט מיסטער שטערן אָנגעהויבן קריינדלען ביסל־עכווייז אויסדערציילן זײַן „היסטאָריע”. זי האָט בײַ אים ניט אויסגעפרעגט, כאָטש זי האָט זייער געוואָלט וויסן פאַרוואָס אין אמעריקע איז פּאַסקודנע, אויב אַ מאַן איז געבליבן אָן אַ ווייב.

— איך בין אויך אָן אלמן — האָט ער געזאָגט — קינדער שטייט ניט אָן, דער טאַטע זאָל פאַרגעסן אָן דער מאַמען, און נעמען און חתונה האָבן. וואָס קען טאָן אַ מאַן אַליין? וואָס קען ער טאָן? — האָט מיסטער שטערן גערעדט אין די שמאַטעס אריין — קינדער, זאָלן זיי זיין געזונט און שטאַרק, זיינען קינדער. קינדער וועלן חתונה האָבן, און ניט פרעגן ביים טאַטן קיין עצה; אבער הלמאי איך גיי ניט ווי זיי אויפן בית עולם צו דער מאַמען געוואויר ווערען, דאָס אָרט זיי יאָ. אַז איך וועל ליגן אויפן בית עולם, וועלן זיי אויך ניט גיין, וועלן זיי.

קריינדל האָט ביי אים ווינציק וואָס געפרעגט. דאָ האָט זי שוין ניט געוואָלט, ער זאָל ביי איר אָנהייבן איבערפרעגן די אייגענע מעשיות, וואָס איר איז שווער דאָ אין דער וועלט פון שמאַטעס, געשטאַנק און שטויב, איבערצודערציילן.

איר איז שוין בעסער, ווען פון אַנדערן ווינקל שאַפּ הייבט אַ מיידל אָן צו זינגען:

אויף אַזאַ ביטערן מזל דהאָב איך זיך ניט געריכט;
מיט טרערן איז מיין בעכער שוין פול.

יעמאָלט כאַפּט קריינדל אונטער די לעצטע שורה און זינגט מיט מתיקות:

מיין לעבן גייט אויס ווי אַ וועקסענע ליכט,
יום כיפור, צו נעילה אין שול.

אַ זייגער אַכט, ווען קריינדל איז ארויסגעקומען פון איר שאַפּ אויף בעקסטער סטריט, האָט זי זיך שטאַרק פאַרחידושט, ווען ביים ווינקל הויז וואו זי האָט געארבעט, האָט זי גאָר אומגעריכט געטראָפן, אַז איר פאָטער וואַרט אויף איר.

— וואָס טוסטו דאָ, טאַטע! — האָט זי דערשראָקן געפרעגט.
— שרעק זיך ניט, טאָכטער, ס'אי גאָרניט.
— טאַקע, טאַטע, צוליב וואָס ביסטו אַהער געקומען?
— געוואָלט זען וואו דו וואַלגערסט זיך.
— פאַרוואָס ביסטו ניט אריינגעקומען?
— כ'האָב געוואָלט מיט דיר מכוח עפּעס איבערשמועסן.
— פאַרוואָס ניט אין שטוב?

— האָב אַ באַגער נאָר מיט דיר זיך דורכשמועסן. רעכט, די קינדער וועלן ניט הערן.

קריינדלען האָט אַ וואַרימקייט דורכגענומען אַלע גלידער. זי האָט זיך ניט געקענט אָנשטויסן וואָס דער פאָטער וויל מיט איר רעדן. כאָטש זי האָט באַגריפן, אַז דאָס איז ניט סתּם אַ שמועס, וואָס ער וואָלט געקענט רעדן, אַלע קינדער זאָלן הערן. תּחילת האָט זי חושד געווען, אַז דער פאָטער קומט צו איר ווי אַ שליח פון חלפנען.

— ווילסט ניט, מיר זאָלן גיין אַהיים? — האָט קריינדל ווידער געפרעגט.

— קום אַראָפּ אַזוי מיט דער גאַס, אַהין.

ביידע זיינען אַ צייט געגאַנגען זייער פאַמעלעך און געשוויגן. איר איז געווען אומבאַקוועם צוליב דעם, וואָס זי איז אַרויס פון שאָפּ אַ פאַר־שטויבטע. ווי דער שטייגער די לעצטע צייט, האָט עס קריינדלען איצטער אויך געצויגן אַראָפּ צום אַלטן יידישן בית עולם ביי טשעטעם סקווער. ישראל האָט דערוויל ניט געמאַכט קיין שום באַמערקונג, וואָס זי האָט אים אַהין פאַרפירט.

— דאָ קענען מיר אַביסל שטיין, טאַטע. דאָ קענען מיר רעדן.

אָבער ישראל לוריא, וואָס איז געגאַנגען באַגעגענען זיין טאָכטער, און איז געווען אינערלעך אַזאַ אויפגעמונטערטער, האָט מיט אַמאָל זיין מוט פאַרלאָרן.

— פאַרוואָס האָסטו אויסגעקליבן פונקט דאָ? — האָט ער שטיל געפרעגט.

— ביסט גערעכט, דאָ איז אפשר טאַקע ניט גוט. קום, טאַטע, לאָמיר גיין גלייך אַראָפּ ביז צו קעסטל־גאַרדן. כ׳וויל טאַקע צוגיין אַהין!

ער איז גערן געווען, וואָס קריינדל פירט אים איצטער צום אָרט, דורך וואַנען ער איז מיט אַ געבויגענעם קאָפּ אָנגעקומען אין לאַנד בראש פון די זיבן קינדער. מיט פעסטע טריט האָבן זיי ביידע געשפּאַנט אַראָפּ בראָדוויי; ווי צו אַ באַשטימטן ציל, זיינען זיי אָנגעקומען צום ראַנד פון ניו־יאָרק, צום טויער, וואָס דורך אים, אינאיינעם מיטן טרויער, זיינען זיי אין לאַנד אריין.

אויף איינע פון די בענק ביי „קעסטל־גאַרדן״ האָבן זיך ביידע אַראָפּ־געלאָזן. ווי ניט באַמערקנדיק די וואַנדערער און וואַגלער, וואָס האָבן זיך דאָ געוואַלגערט און אַרומגעשלאָנדערט ווי אויפן עולם התּוהו.

ישראל לוריא האָט איצטער אויסגעזען, כאָטש מיד, אָבער אַ סך יינגער ווי זי האָט אים געקענט.

קריינדל האָט אויף איר פאָטער אָנגעשטעלט די אויגן, געוואַרט, וואָס דער פאָטער וועט איר זאָגן.

— יאָ, מיין טאָכטער, — האָט ישראל געציילט די ווערטער — זינט דו ביסט אַוועק אַרבעטן, שלאָג איך מיר שטאַרק מיט דער דעה, צי זאָל איך מיט דיר זיך מישב זיין וועגן אַ זאַך, וואָס וועט דיר אפשר פאַרשאַפן אַ סך צער. איר, קינדער, זייט געבליבן יתומים. די מאַמע וואָלט אפשר איצטער געלעבט, ווען מען פאַרט ניט אַוועק פונדערהיים. כאָטש ס׳איז אַ גאָט זאַך, פון טויט קען מען זיך ניט אויסהיטן. אָבער איר, קינדער, זייט דאָך שוין דערוואַקסענע קינדער. איר וועט חתונה האָבן מיט אייער

גלייכן. דו, קריינדל, ווי כ'זע ארויס, ווערסטו אויך מסתמא ניט פאַרזעסן ווערן ביזן גרויען צאָפּ אַריין. נו, און וואָס ווערט זיין מיט א יאָר דריי, און אפשר אין צען יאָר שפּעטער, אַז איר אַלע ווערט אייך חר־תונה האָבן; יעדערער ווערט זיך זיין גליקלעך ווי ער ווערט קענען, און ווי אים איז באַשערט, יעדערער ווערט פאַרנעמען זיין ווייב און אוועק פון טאַטן. דיך ווערט פאַרנעמען דיין מאַן און אַוועק פון טאַטן... האָט איר זיך, קינדער, אַריינגעטראַכט, וואָס ווערט יעמאָלט זיין מיט מיר, אייער טאַטן? אויב איר, קינדער, זייט געוואָרן יתומים, איז דאָס דער סדר עולם. איר אליין ווערט ווערן טאַטעס און מאַמעס פון קינדער. וואָס קען מיין פּוסט לעבן ממלא זיין?

קריינדל האָט געהערט ישראלן וואָרט־ביי־וואָרט. ער האָט מיט א סך רואיקייט גערעדט. אין זיין שטים איז ניט געווען קיין סימן פון באַקלאָגן זיך פאַר קריינדלען. ס'האָט גיכער אַרויסגעזען, ווי א ייִנגערער פרעגט אַן עצה און וויל אויסהערן אַ מיינונג פון א געזעצטן און עלטערן.

קריינדל ד־האָט באַגריפן, אַז דאָס וואָס דער פאָטער האָט פאַר איר איצטער גערעדט, איז ניט דער עיקר. דאָס האָט ער פּונקט אַזוי געקענט אַרויסזאָגן פאַר אַלע קינדער, זיי זאָל־ן הערן. זי האָט ביי אים גאָרניט געפרעגט מער.

ישראל האָט ווידער אָנגעהויבן, שוין מיט א שטילערער שטים:

— זאָג מיר, טאָכטער, האָסטו גערעדט מיט איר?

— האָ?

קריינדל האָט אָנגעשטעלט צעשראָקענע אויגן. איר האַרץ האָט שטאַרק אָנגעהויבן צו קלאַפּן.

— כ'מיין זי, וואָס אַרבעט ביי חלפנען אין שאָפּ...

— האָ, יאָ, כ'ווייס. כ'ווייס וועמען דו מיינסט. איך האָב מיט איר גערעדט.

— זי האָט דיר עפּעס געזאָגט?

— יאָ, כ'ווייס. זי האָט מיט מיר גערעדט. האָב עס פאַר קיינעם ניט געוואָלט איבערדערציילן.

— וואָס זאָגסטו אויף איר, טאָכטער מיינע, מיינסט, זי ווערט זיין גוט צו די קינדער?

— מיינסט שוין טאַקע באַלד?!

— חלילה... וועל דעם יאָר זאָגן קדיש נאָך דער מאַמען. ווייסט ווי דען... דאָס זאָלסטו זיין רואיק, מיין טאָכטער. כ'מיין, וואָס פאַר א מענטש איז זי, ווערט זי חל־ילה ניט ווערן אַ שטיפמאַמע פאַר אייך אַלע־מען?

— טראַכט ניט פון אונדז, טאַטע.

— ווייסט, כ'זאָל ניט טראַכטן פון אייך? ווער דען זאָל פון אייך טראַכטן? דו ליגסט מיר גוט אינזינען, מיין קינד. כ'וויל, זאָלסט זיך אָפּטער זעען מיט איר, דערגייי ביי איר ווער זי איז. וואָס טראַכט זי...

אין דער רגע האָט דער פאָטער איר אויסגעזען ווי א פרעמדער. די פרידיקע געפילן, וואָס דער פאָטער האָט פריער ביי איר אַרויסגערופן, בשעת ער ד־האָט זי באַגעגנט ביים שאָפּ, זיינען איצטער פאַרביטן געוואָרן

מיט מיטלייד־געפילן. ער פֿאַרלאַנגט איצטער פּשוט פֿון איר, זי זאָל ווערן זיין שדכנטע.

— צי האָסטו, טאַטע, מיט איר נאָך גאָרניט גערעדט?

— ניין, מיין קינד.

— טאָ ווי אַזוי ווייסטו גאָר... אפשר?

— אפשר ווייס איך ניט, מיין קינד; אפשר זאָגט א האַרץ אַמאָל ניט אונטער דעם רעכטן אמת. דערומעך האָב איך איצטער געפרעגט, צי דו האָסט מיט איר גערעדט.

ס'האַרץ ביי קריינדלען האָט אויפגעוואַכט גאָר פֿלוצלונג. דאָס קלאַפּן פֿון האַרצן האָט אַזש אין די אויערן אָפּגעהילכט. און הינטער דעם האַרץ־קלאַפּ איז א טעמפּער ווייטיק אונטערגעקומען. א ווײַלע האָט איר אָטעם אויסגעפעלט. מיט אַלע מעגלעכקייטן האָט זי עס געוואָלט פֿון פֿאָטער אויסבאַהאַלטן. איבערצוגעבן דעם פֿאָטער, וואָס זי האָט גערעדט מיט ריוועשען, איבערגעבן דעם פֿאָטער וואָס זי טראַכט וועגן איר — איז איצטער קריינדלען ניט איינגעפֿאַלן.

מיט אַמאָל האָבן די אינערלעכע געפילן גובר געווען. פֿון דער טיפֿעניש האָבן צוויי שטראָמען, אַ קאַלטער און א הייסער, געשלאָגן אויף אַרויף. הייץ און קעלט האָבן אין זיג־זאַגן, אַרויף־און־אַראָפּ, לענג־און־ברייט, גע־שניטן איר לייב.

ישראל דהאָט עס באַמערקט. אים האָט אָנגעהויבן פּאַרדריסן הלמאי ער דהאָט גענומען און אַזאַ שווערע לאַסט אויסגעלאָדן אויף זיין יינגסט קינד. אים האָבן אויסגעפעלט ווערטער אין דער רגע מיט וואָס דעם שמועס צו באַניִען.

— יאָ, טאַטע, א יאָר וועסטו וואַרטן... — האָט קריינדל זיך גע־שטאַרקט, מיט אַ פֿאַרלאַנג צו מונטערן דעם פֿאָטער — וועסט, טאַטע, זאָגן קדיש אַ גאַנץ יאָר. כ'האָב צו דיר גאָרניט, טאַטע. אפשר וועט זיין גוט אַזוי. זי וועט זיין צו דיר גוט, ווי די מאַמע איז געווען. קום, פֿיר מיך אַהיים, טאַטע.

שטיל זיינען זיי אויפגעשטאַנען און מיט מידע טריט זיך געשלעפּט אַהיים.

* * *

אַ שווערן סוד האָט ישראל לוריא אַנטפּלעקט פֿאַר זיין זיבעצן יאָריקער בת יחידה. א צו גרויסן אחריות האָט ער אויף איר אַרויפגעלייגט. איר האָט ער פֿאַרטרויט, אַז ער וועט חתונה האָבן, כדי ניט צו בלייבן אַליין ווען די קינדער וועלן זיך צוגיין יעדערער אויף זיין וועג. זי האָט ער געפרעגט, צי די, אויף וועמען ער האָט זיין „אויג געטאָן", און צו וועמען זיין האַרץ איז געצויגט, איז צוגעפּאַסט פֿאַר אים.

— צי וועט זי חלילה ניט זיין א פֿרעמדע צו די קינדער?

פֿון יעמאָלט אָן זיינען שוין אוועק דריי חדשים. פֿון יעמאָלט אָן האָט קריינדל אויף איר פֿאָטער אָנגעהויבן גאָר אַנדערש צו קוקן. זי האָט אין אים דערקענט עפּעס אַזוינס, וואָס פֿריער האָט זי פֿון דעם ניט געאַנט. זי האָט אים געקענט ווי אַ פֿאָטער פֿון דערוואַקסענע קינדער. איצטער איז ער אין אירע אויגן א מענטש פֿאַר זיך אַליין, וואָס שטייט נאָך פֿאַרן לעבן

מיט דעם אייגענעם ציטער ווי זי, אָדער ווי אירע ברידער. ער שטייט אויף פאַרן אָנד־ייב. מאַכט ניט אויס וואָס אַרום פּסח וועט ערשט ווערן א יאָר זינט די מאַמע און איר געביין איז ערגעץ אין די טיפענישן פון ים. ישראל לוריא האָט זיך צוליב דער דערהויבן אין קריינדלס אויגן; ישראל לוריא האָט אין דער אייגענער צייט זיך קריינדלען דערהויבן: פון קינד איז זי געוואָרן זיין גלייכן. ער טרויט איר אָן דעם טיפסטן סוד, און פרעגט ביי איר אַ מיינונג וועגן דער פרוי, וואָס האָט אין צייט פון גרויסן יאוש אין זיין האַרצן יונגע האָפענונגען פאַרפלאַנצט.

דערווייל האָט זיך אָנגערוקט דער ווינטער, און מיט אים — סלעק! „הענט" זיינען איבעריק געוואָרן. „הענט" וואַרפט מען אַרויס פון די שעפער אויף דרויסן. אין די ענגע טענעמענט הייזער ווערט נאָך ענגער. אויף יעדן פינצטערן ווינקל, וואו מען קען נאָר א געלעגער מאַכן, איז פאַראַן א בעלן. די טשעהונענע קוילן־אויוועלעך זיינען ניט אומעטום אָנגעהייצט. שווערגעוואָרענע הענט זיינען געוואָרן איבעריק. די איסט־סייד „שפּייט מענטשן אַרויס צום קאַלטן דרויסן". די איסט־סייד האָט א ליידיקן מאָגן, און ס'איז ניט פאַראַן מיט וואָס אים אָנצופילן.

חלפן האָט אויך אָפּגעזאָגט מער ווי א העלפט פון זיינע „הענט". כאָטש מיט די לוריאס האָט ער ניט געהאַלטן ביים איבעררייסן דעם לעצטן פאָדים. לייבל חלפן האָט געדאַט געדולד. ער אליין האָט זיך איינגערעדט, אז קיין שום זייטיקע כונה האָט ער ניט דערביי, מיט דעם וואָס ער „זעט צו" די לוריאס. דערווייל האָבן פון די לוריאס — ישראל, נתן, זכריה און אשר, ביי אים געאַרבעט צו האַלבע טעג.

— ס'איז פּיין פון אים — האָט ישראל געזאָגט צו נתנען — אין אַן אַנדער שאָפּ וואָלט מען זיך ניט אזוי באַגאַנגען מיט אונדז!

אָבער צווישן די „הענט", וואָס מען האָט פון חלפנס שאָפּ אויף דרויסן אַרויסגעוואָרפן, זיינען געווען די הענט פון ריוועטשען די ליטוועטשקע. אירע הענט, אינאיינעם מיט אירע טרויעריקע לידער און איר געזאַנג, האָט מען אויף דרויסן אַרויסגעוואָרפן. איר געזאַנג האָט געפעלט אין שאָפּ. ישראל לוריא האָט ווידער געהאַט זיין האַרץ אָנגעלאָדן, ער האָט זיך געקליבן עס אויס־צולאָדן פאַר קריינדלען.

אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט איז אויך הילל. שוין מער ווי צוויי חדשים, אז ער טוט גאָרניט. שלמה ביי די ציגאַרן, האָט יאָ געאַרבעט. אויך קריינדל איז שוין מער ווי א חודש אינדערהיים. צוליבן ווינטער, און צוליב סלעק, זיינען ביי דניאלן זיינע געשעפטן ניט אזוי גרויס. ער גייט, ווי דער שטייגער, יעדן טאָג אַרויס קלאַפּן אין די טירן מיט זיין ביסל סחורה, אָבער אויסער דעם וואָס די טעג זיינען קורצע, און ביינאַכט עפענען מענטשן אזוי ניט גערן די טירן פאַר א פּעדלער, איז אין סלעק־צייט אָפּגענומען געוואָרן ביי די באַלעבאָסטעס דער חשק צו קויפן.

פונדעסטוועגן, כל זמן די נויט האָט ביי די לוריאס אלעמען אינ־איינעם ווידער צונויפגענומען, געווען פאַרוואָס צו קויפן דאָס ביסל קוילן, האָט מען זיך געזשיוועט. כאָטש דער אומעט איז געוואַקסן.

קריינדל האָט באַמערקט דעם טרויער אין איר פאָטערס פּנים. זיינע אויגן קוקן אָפּט צו קריינדלען מיט חנינה. ער גייט אין צייט דאַוונען, זאָגט

קדיש נאָך דער מאַמען, אָבער ס׳איז פאַרשוואונדן יעדער פריילעכער שפור פון זיין פנים.

איינמאָל, ווען קריינדל איז מיטן פאָטער געבליבן אליין אין שטוב, האָט זי געפּועלט ביי זיך א פרעג צו טאָן:

— וואָס זעסטו אויס אזוי שלעכט, טאַטע? אדרבה, איצטער, ווען אַרבעטס נאָר האַלבע טעג, דאַרפסטו דאָך אויסזען בעסער.

האָט ישראל, מיט בושה אין פנים, געזאָגט צו קריינדלען:

— כ׳האָב צו דיר, טאָכטער מיינע, א בקשה: כ׳וויל, מיין קינד, זאָלסט זיך זען מיט דעם מיטלסטן זון, מיט לייבל חלפן.

קריינדלען האָט זיך אָפּגעריסן אין האַרצן. זי האָט מורא געהאַט, אז דער פאָטער וויל מיט איר אָנציען דעם אלטן שמועס, מכוח דעם גליקלעכן שידוך וואָס איר שטייט פאָר, האָט זי עס געוואָלט פאַרכאַפּן:

— איך בעט דיך, רעד מיט מיר ניט וועגן אים. כ׳בעט דיך.

— איך מיין ניט וועגן דיר. איך מיין גאָר עפּעס אַנדערש. דאָס בעדאַרפסטו טאָן. וועסט פשוט פאַרדינען א מצוה. איך ווייס, דיר וועט ער ניט אָפּזאָגן. כ׳וויל, זאָלסט אים בעטן, ער זאָל איר געבן כאָטש אויף האַלבע טעג אַרבעט.

— האַ, יע... כ׳ווייס וואָס דו מיינסט. זי איז געבליבן אָן ארבעט. כ׳וועל צו איר אריבערגיין, פרעגן, צי זי וויל עס.

— ווייסט וואו זי וואוינט?

— יאָ, טאַטע, כ׳ווייס וואו זי וואוינט.

ישראלן איז געקומען דאָס בלוט אין פנים אריין, און ער האָט ווידער געפרעגט:

— צי ווייסטו אפשר, מיין קינד, פונוואַנען זי נעמט צום לעבן?

— איר מאַמע וואָשט גרעט. אפשר וואָשט זי איצטער אינאיינעם מיט דער מאַמען. איר טאַטע איז דאָך אוועקגעפאָרן צוריק קיין רוסלאַנד.

— פונוואַנען ווייסטו עס אַלצדינג? — האָט ישראל געקוקט מיט חידוש.

— כ׳האָב געמיינט, אז דו ווייסט אויך.

ביידע זיינען א ווייַלע געבליבן זיצן, מיט די אויגן צום דיל. קריינדל האָט געזוכט פאַסיקע ווערטער, ווי אזוי אָנצוהייבן ווידער דעם שמועס. זי האָט באַגריפן דעם פאָטערס גייסטיקן מצב, ווען פאַר קיינעם, קיינעם, אויסער נאָר פאַר איר, עפנט ער אויף זיין האַרץ.

— איך זאָג דיר, טאַטע, אז אלץ אין דער וועלט וואָלט איך געטאָן, אַבי צוב׳אים ניט אָנקומען בעטן א טובה.

— ניט פאַר זיך גייסטו דאָך צוב׳אים בעטן א טובה!

— מיר איז אלץ איינס, פאַר וועמען איך בעט.

— וואָס האָסטו צו אים?

— כ׳האָב צו אים גאָרניט, אָבער פון זיין האַנט וויל איך קיין טובה ניט נעמען.

ישראל האָט ווידער אַראָפּגעלאָזן די אויגן. אים האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס ער האָט זיך געווענדט צו קריינדלען וועגן אַזאַ ענין. „אַ נאַרישקייט פון אָנהייב אָן געווען די גאַנצע זאַך" — האָט ישראל געטראַכט.

און קריינדל, איר איז ביטער, ווען דער פאָטער בלייבט אזוי זיצן שטיל, ווי א שולדיקער, און ווי א מאָנער, וואָס מאָנט פון איר, זי זאָל אים ראַטעווען. קריינדל פּרוּווט זיך אפילו ניט דורכקלייבן אין אירע געפילן צו דעם מענטשן, וואָס האָט איר קיין שלעכטס ניט געטאָן, דעם מענטשן, לעאָנאַרד חלפן, וואָס איז שטענדיק גרייט צו טאָן טובות דער גאַנצער לוריא־משפחה. קריינדל ווייס, אז איר פאָטער מאכט ניט קיין טעות, ווען ער שיקט זי צו חלפנען בעטן, ער זאָל געבן דער רויטהאָריקער ריוועשען האַלבע טעג ארבעט. ווען קריינדל קומט צו לייבל חלפנען און בעט א טובה... יאָ, דאָס איז אלץ אמת! איר איז שווער געוואָרן אליין צו טראָגן אַזאַ שווערן סוד. איר געמיט ווערט צעריסן אויף שטיקער. זי באַגעמט מיט אַלע חושים אירע, פאַרוואָס איר פאָטער גייט די לעצטע צייט ארום ווי אונטער דער ערד. זיינע אויגן זיינען פול מיט טרויער בעת ער קוקט צו איר.

קריינדל גלויבט אין איר פאָטערס ערלעכקייט, אז אין דער טיפסטער טיפעניש טראָגט ער דעם אָנדענק פון איר מאַמען. מיט זיין טרויעריקן שווייגן פאַרלאַנגט ער פון איר, זי זאָל זיין דער קשר, וואָס זאָל פאַרבינדן די צוויי מענטשן, וואָס ד'האָבן צווישן זיך אזוי ווינציק גערעדט. עס כאַפּט איר אַרום אַ פאַרבאָרגענער פחד, ווען איר קומט אָן די שרעקלעכע מחשבה: אַז — אפשר גאָר העלפט זי אליין צעשטערן איר אייגענע, ניט גענוג איינגעפונדעוועטע היים!

— האַ, איך ווייס... זי וועט אריינקומען, ניט ווי א מאַמע. ווי אַ בייזע שטיפמאַמע וועט זי אריינקומען אַלעמען מאַכן ענג. מ'וועט זיך צעלויפן פון שטוב נאָך דעם ווי זי וועט ווערן זיין ווייב. איך אליין וועל אפשר די ערשטע אַנטלויפן פון שטוב!

אַביסל שפּעטער איז קריינדל אוועק אויף מעדיסאָן סטריט און אויפגעזוכט די צוויי־צימערדיקע דירה אין א קעלער, וואו רבקה האַלפערן לעבט אינאיינעם מיט איר מאַמען און צוויי יינגערע קינדער.

זי האָט געפונען די מאַמע מיט דער טאָכטער, ביידע איבער באַליעס געבויגן, וואַשן וועש. א קליין קעראָסין־לעמפּל אויפן וואַנט, כאָטש דרויסן איז נאָך גענוג ליכטיק, האָט באלויכטן זייערע באַליעס. די לופט אין שטוב קראַנק און דומפּיק.

ריוועשע האָט ניט ארויסגעוויזן איר איבערראַשונג און פרייד, וואָס קריינדל האָט איצטער געבראַכט מיט איר אָנקומען. זי האָט איצטער פאַרשטאַנען הלמאי קריינדל האָט מיט א לאַנגער צייט צוריק ביי איר פאַרזיכטיק געפרעגט דעם אַדרעס אירן. ריוועשע, אין איר איצטיקן מצב, האָט יינגער און פריינטלעכער אויסגעזען אין קריינדלס אויגן. קריינדלען האָט הנאה געטאָן, וואָס זי איז אזוי אומגעריכט אָנגעקומען אַהער אין קעלער אריין. איר האָט אויך הנאה געטאָן, וואָס זי האָט זיי ביידן געכאַפּט ביים וועש וואַשן.

ריוועשע האָט זיך אויסגעגלייכט פון דער באַליע, אָפּגעווישט די הענט און די אָרעמס ביז ארויף. אירע אָרעמס זיינען געווען רונדע, ניט קיין שווערע, דער היפוך פון איר פנים, אויף וועלכן די האָר האָבן רעפלעקטירט

רויט, זיינען אירע אָרעמס דורכזיכטיק ווייס געווען. זי איז צוגעגאַנגען צו קריינדלען און, מיט נאַקעטע, אויסגעוואַשענע אָרעמס, האָט זי ווייך ארומ־גענומען איר האַלדז. מיט ציטער אין די ליפּן האָט זי געקושט איר שטערן.

— זעסט, מאַמע, דאָס איז א טאָכטער פון די לוריאַס וואָס איך האָב דיר אַמאָל דערציילט, מיט וועמען איך האָב געאַרבעט ביי די חלפנס אין שאָפּ.

די מוטער, אויך א רויטלעכע, די האָר דורכגעוועבט מיט א סך גרוי, אַן אויסגעהאָרעוועטע, אָבער נאָך אביסל א באַליבטע יידענע, האָט די הענט אָפּגעווישט אין פאַרטעך, און האָט זיך אַנידערגעשטעלט אַנטקעגן, באַטראַכטן קריינדלען.

— אייערע, הער איך, ארבעטן נאָך דערוויל צו האַלבע טעג. אפּנים ניט יעדערער קריגט חן אין די אויגן פון באָס.

— איך האָב אויך ניט געהאַט גענוג חן; מיר האָט מען אויך געגעבן די סעק — האָט קריינדל מיט א שמייכל געזאָגט.

— אויך ביי די חלפנס? — האָט די מוטער געפרעגט.

— איך האָב געאַרבעט אויף בעקסטער סטריט, אין א שמאַטע־שאַפּ.

— איך האָב דאָס גאָרניסט געוואוסט! — האָט ריוועטשע פאַרוואונדערט געזאָגט, און אָנגעשטעלט אויף קריינדלען די אויגן, ווי נאָך אַמאָל זי צו באַטראַכטן.

קריינדל האָט באַמערקט, אז דאָס וואָס זי האָט נאַרוואָס דערציילט האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף ריוועטשען. זי האָט אויך באמערקט, ווי ריוועטשע האָט זיך צוליב דעם פאַרדאגהט.

— אפשר ט׳איר לאָזן, אייער טאָכטער זאָל צו אונדז אריבערגיין. היינט ביינאַכט וועט אפשר באַנ׳אונדז זיין מיסטער חלפן — האָט קריינדל מיט א סך פריינטלעכקייט זיך געווענדט צו דער מוטער.

— אוודאי, אוודאי... טו זיך אָן, מיין טאָכטער, און גיי, אפשר וועט גאָט רחמנות האָבן, וואָרן, כ׳וויל ניט, זאָלסט זיך דאָ באַגראָבן לעבעדי־קערהייט.

— כאַ־כאַ־כאַ, מ׳ווערט אומעטום באַגראָבן, און מ׳וועט אפשר אינ־ערגעץ ניט באַגראָבן לעבעדיקערהייט — האָט קריינדל זיך גוטמוטיק גע־וויצלט — אייער טאָכטער זעט איצטער אויס בעסער ווי יעמאָלט. אפשר וועל איך אויך אָנהייבן וואַשן פרעמדע וועש, א צולאָג צו די בערג אייגענע, כאַ־כאַ־כאַ.

ווען די מיידלעך זיינען ארויס צום קאלטן דרויסן, האָט זיך ריוועטשע ארויפגעוואָרפן אויף קריינדלס האַלדז, געוויינט און געלאַכט. קריינדל האָט זי אריינגענומען אין אירע אָרעמס, געוואָלט ריוועטשען איבערגעבן אַלע פאַרבאָרגענע סודות וואָס זי טראָגט אינאיינעם מיט דער ליבע, וואָס אימעצער האָט איר פאַרטרויט.

דערנאָכדעם האָט ריוועטשע זיך אויסגעגלייכט, מיט אַן ערנסטן פּנים א ווײלע באַטראַכט קריינדלען, און געפרעגט:

— איר זייט טאַקע צוליב דעם געקומען מיך רופן?

— אפשר ניט אינגאַנצן צוליב דעם. אָבער צוליב דעם אויך.

— פאַרוואָס איז אײַך אײַנגעפאַלן, אַז איך גײ אום אָן אַרבעט, און אַז איר מוזט עפּעס טאָן פאַר מײַנעטוועגן, ווען באַנ'אײַך אַלײן איז סלעק?

קרײַנדל האָט אין דער ערשטער רגע ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. בײַ איר האָט זיך שיעור אַרויסגעכאַפּט פון מויל, אַז דאָס האָט ישׂראל לוריא פון איר פאַרלאַנגט. אין דער לעצטער רגע האָט זיך קרײַנדל געכאַפּט, דעם פּאָטערס נאָמען ניט צו דערמאָנען. עס האָבן זיך פאַר איר דמיון אויסגעשטעלט אַלע זעקס ברידער אירע — אַלע קוקן אויף איר אַזוי בײַז, הלמאי זי גאָר האָט געגומען און איז געוואָרן די בריק צווישן אַ רוויטהאַריקער שאַפּ־מײדל און דעם שטילן, פרומען טאַטן, וואָס איז געבליבן אָן אַלמן.

אָנשטאָט אָן ענטפער געבן ריוועשען, דערקלערן דעם אמת, ווער ס'האָט איר אַרויפגעבראַכט אויף דעם געדאַנק, זי זאָל בעטן בײַ חלפנען אַרבעט פאַר איר, האָט זיך קרײַנדל ווידער צוגעטוליעט צו ריוועשען, געזוכט בײַ איר וואַרימקײט, אַרויסצוטרײַבן דעם שוידער פון לײַב.

— ביסט דאָך אַזוי פרײלעך געווען מיט אַ ווײַלע פריער, פאַרוואָס ביסטו אומעטיק געוואָרן? קום גאָר אַרײַן צוריק צו אונדז. אָדער נײַן, דאָרטן איז ניט גוט. ווער איז פאַראַן באַנ'אײַך אין סטוב?

— אײדער כ'בין אַוועקגעגאַנגען איז נאָר דער טאַטע געווען. איצטער זײַנען אפשר די קינדער אויך געקומען.

— וואָס וועל איך זאָגן, אַז איך וועל צונ'אײַך אַרײַנקומען?

ריוועשע האָט ווידער אַרומגענומען קרײַנדלען, האָט אויף קרײַנדלס אַקסל געשלונגען די טרערן.

— מיר טוט באַנג וואָס איך ווײס אַזויפיל — האָט קרײַנדל שטיל געזאָגט.

— כ'ווײס, האָסט פאַר מיר מורא.

— אפשר... איך קוק דיך אָן, און איך קלער פון מײַן מאַמען.

— איך קען ניסט זײַן דײַן מאַמע. כ'וויל דיר גאָרניסט אײַנרעדן. נאָר איך וועל דיך האָבן ליב! גלײב עס מיר.

— כ'האָב געמײנט, אַז דו האָסט גאָר קײן הײם ניט. בין געקומען זען, ד'האָב גערעכנט, דיר פאַרצולײגן, זאָלסט אַריבערגײן צו אונדז, דיר זאָל גאָרניט קאָסטן, ביז דו וועסט קריגן אַרבעט.

— האַ? כ'האָב דאָך אַ הײם! זעסט דאָך. כ'העלף אַרויס דער מאַמען, און וואָס וועלן זאָגן דײַנע ברידער? און עפּסער דער מיסטער לוריא. כ'האָב מורא דערפאַר!

— וועסט מיט מיר שלאָפן אין אײן בעט. וועסט אַלעמען קענען זען. ווילסט דאָך אַמאָל קומען צו אונדז. איך געדענק נאָך, ווי איך בין געשלאָפן אײנדערהײם מיט דער מאַמען. אפשר ביז צען יאָר בין איך מיט איר געשלאָפן.

ריוועשע האָט אויך שנעל איבערגעטראַכט, ווי וועט עס זײַן, אויב זי וועט טאַקע נעמען און אַוועק וואוינען בײַ די לוריאָס, צווישן די זעקס יונגע בחורים. אײן מײדל, און מיט אַ טאַטן פון די זיבן קינדער. „צי וויל טאַקע דאָס מײדל, וואָס סטײט איצטער נעבן מיר, כ'זאָל פאַר איר זײַן דאָס וואָס די פאַרסטאָרבענע מאַמע איז פאַר איר געווען?"

ריוועטשען כאַפּט אַרום אַ פּחד פאַר קריינדלען: „אפשר גאַר איז דאָס ניסט מער ווי אַן אַנסטעל... אפשר גאַר קומט די מיס לוריא בלויז אויסצופאַרסן, און ספּעטער פּאַרמיאוסן."

— מיס לוריא, — האָט זיך ריוועטשע אַ כאַפּ געטאָן ווי פון חלום — כ'וויל אייך בעטן, אויב איר ווילט עס טאָן פאַר מיר ביי חלפנען, בעט איך, טוט עס ניסט! איר זייט בילכער. איך העלף דערווייל דער מאַמען אַרויס. די פּאַר דאָלער אַ וואָך קלאַפּן מיר אינאיינעם צונויף. ס'איז אַזוי קאַלט דרויסן, וועל גיין העלפן דער מאַמען.

אין איילעניש האָט ריוועטשע אַ קוש געטאָן קריינדלען און איז אַוועקגעלאָפן צוריק צו זיך. האָט זיך אפילו ניט אומגעקוקט, צי קריינדל גייט איר נאָך.

קריינדל איז געבליבן אַ צעטומלטע. האָט זיך געשפּירט שולדיק, וואָס זי האָט אַזוי קינדיש גערעדט מיט רבקהן.

— ווי אַ דערוואַקסענע, וואָס האָט ניט קיין מורא אָנצורופן אַ זאַךביים נאָמען, אַזוי האָב איך מיט איר געדאַרפט רעדן!

אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט. ס'איז אויך ניט געווען קיין שכל צו נעמען און צוריק אריינגיין צו ריוועטשען אין קעלער אריין. ווען אפילו די מאַמע אירע וואָלט דאָרטן מיט איר ניט געווען, איז שוין אויך איצטער ניט געווען די פּאַסיקע צייט זיך אומצוקערן.

די קעלט האָט דורכגענומען אַלע אירע גלידער. אַ שולדיקע, אַ פאַרזינדיקטע, האָט זי גענומען פּאַמעלעך ציען „מיט לײדיקן" צוריק אהיים. שווער איז איר אליין געווען צו באַנעמען, פאַרוואָס זי האָט זיך איצטער געפילט שולדיק גאַר קעגן איר אייגענעם פאָטער, וואָס האָט איר פאַרטרויט אַזאַ שווערן, אַזאַ טרויעריקן סוד.

דער פאָטער האָט אויף אירע יונגע און שמאָלע פּלייצעס אָנגעלאָדן אַזאַ משא, אַזאַ משא, באַלד וועלן זיך די קני אונטערברעכן, און קריינדל וועט אונטער דער שווערער משא פאַלן!

קאַפּיטל ניין

פונקט צום יאָר האָט ישראל לוריא געשטעלט חופה מיט דער רויט־האָריקער רבקה ד׳האַלפּערן. ביז צום יאָר האָט ישראל גיט פאַרפעלט קדיש־זאָגן נאָך דער מאַמען פון זיבן קינדער, וועמען ס׳איז באַשערט געווען צו שטאַרבן אויפן שיף קיין אמעריקע. ס׳איז געשען דאָס, וואָס ד׳האָט באַדאַרפט געשען. אַ שטאַרקער שטאָם איז אויפגעריסן געוואָרן ביי די סאַמע וואָרצלען!

— ווען די מאַמע ליגט אָט־דאָ אויף אַ בית־עולם אין אמעריקע, וואָלט אַ סך אַנדערש געווען!

כאָטש קיין קלאָרן חשבון האָט קריינדל זיך גיט געקענט אָפּגעבן, מיט וואָס עס וואָלט געווען אַנדערש, ווען די מאַמע ליגט באַגראָבן אין אמעריקע, אויב דער פאָטער האָט זיך אריינגענומען אין זינען גיט צו בלייבן עלנט אויף דער עלטער. ענג איז מיט אַמאָל געוואָרן די קינדער, ווען דער פאָטער האָט אריינגענומען אַ יונגע פרוי אין שטוב אריין. באמת האָט אין שטוב געקערט ליכטיקער ווערן, מחמת די יונגע פרוי האָט געבראַכט „אַ גוטן ווילן און אַ ערלעך האַרץ״. ישראל לוריא האָט עס אזוי פאַר־שטאַנען. נאָר גיי מאַך, אַז קינדער ווערן מיט אַמאָל שונאים!

ריוועשע אַליין האָט אין תוך געהאַט גוטע כוונות. זי האָט קריינדלען ליב געקראָגן פון ערשטן טאָג אָן זינט זי האָט זיך דערוואוסט, אַז איר האָט דער פאָטער פאַרטרויט דעם סוד פון זיין ליבע. ריוועשע האָט געגלויבט, אַז איר וועט זיך איינגעבן צו דערוואַרימען די שטוב ווי אַ אמתע מאַמע.

— כ׳וועל גיסט זיין קיין סטיפמאַמע צו אייערע קינדער — האָט זי געזאָגט ישראלן, יעמאָלט ווען זיי האָבן שוין די ד׳הערצער איינס פאַרן אַנדערן אויפגעדעקט — צו קריינדלען וועל איך זיין אי אַ גוטע מאַמע, אי אַ געטרייע סוועסטער.

ווען די קינדער האָבן נאָך דער חופה גענומען זיך צעלויפן פון שטוב, האָט עס ריוועשען פאַרקלעמט ביים האַרצן, און ס׳האָט איר שטאַרק פאַר־דראָסן הלמאַי זי האָט זיך געאיילט מיט דער חתונה.

— כ׳האָב גיסט געמיינט, מאַכן צוניסט אַזאַ סיינע מיספּאַכע. וועל מיר עס אַ גאַנץ לעבן גיסט קענען מוחל זיין.

אַז די קינדער האָבן איינציקווייז גענומען לופטערן די פעקלעך, איז ישראל לוריא אויך אויסער זיך געווען.

— ווי אַזוי קענען עס אייגענע קינדער נעמען און פּלוצלונג ווערן שונאים, נאָר צוליב דעם וואָס איך האָב ניט געוואָלט שטאַרבן פאַר דער צייט?

דאָס האָט ישראל געפרעגט אשרן, דער איינציקער, וואָס האָט ניט געמאַכט דערווייל קיין פּלענער אַוועקצוגייען פון שטוב.

ביי דער שטילער חופּה, וואָס איז פאָרגעקומען אין איינער פון די דערבייאיקע קלייזלעך, איז קיינער פון די קינדער ניט געווען. אין יענער שעה האָבן די קינדער איינס דאָס אנדערע ניט געקענט אָנקוקן גלייכ־גילטיק אין פּנים. איינציקווייז זיינען זיי זיך צעקראָכן איבער די זייטיקע גאַסן. שפּעט אין אָוונט האָבן זיי זיך איינציקווייז באַוויזן מיט אָראָפּגע־לאָזטע אויגן, מיט א שווער געמיט געקומען ווינטשן דעם טאַטן מזל טוב. מער קיין ווערטער האָבן זיי פאַרן טאַטן ניט פאַרמאָגט. אפילו קריינדל, אירע ברוינע אויגן האָבן ברייט און אָפן געקוקט אָן אַ ציל אַרום זיך. קיין טרערן האָט זי ניט פאַרמאָגט. ריווטשע האָט שוין פאַר אַלעמען פאַרגאַסן געננוג טרערן. אין אַ קוואַל טרערן האָט ריווטשע געבאָדן איר גליק. ביי אַלע קינדער איז געווען אַ פאַרלאַנג צו ווינטשן דעם פאַר־פאַלק אַלדאָס גוטס, אָבער אַ גליווער האָט איינגעשרומפּן אלעמענס גע־זיכטער, טרוקן איז געוואָרן אין קעל, ממש דאָס לשון האָט אָפּגענומען.

קריינדלען האָט צום שווערסטן געטראָפן דאָס, וואָס גלייך נאָך דער חופּה האָט דאָס „יונגע פאַר־פאָלק" אָנגעהויבן איינריכטן אַ שאַפּ אין דער היים, וואָס זי האָט אַזוי טייער געדהאַלטן. ישראל האָט נאָך אַמאָל גע־פרעגט די קינדער, צי זיי וועלן אינאיינעם העלפן פאַרלייגן אַ שאַפּ. אָבער אויסער אשרן און זכריהן האָבן אַלע קינדער אָפּגעזאָגט.

און נאָכדעם, ווען צוליבן שאַפּ איז די היים חרוב געוואָרן, איז אשר געווען דער איינציקער וואָס איז דאָרטן געבליבן וואוינען. אפילו זכריה, וואָס האָט תחילת צוגעשטימט צו ארבעטן מיטן פאָטער אינאיינעם, איז אַוועק פון שטוב, וואו קיין היים איז מער פאַר אים ניט געווען. מען איז זיך צעלאָפן. נתן, זכריה, שלמה און קריינדל זיינען אוועק לעבן אינ־איינעם. אין ענגע, צוויי־צימערדיקע דירה, כמעט אינגאנצן אַ פינצטערע, מיט די פענצטער אויף ווענט, האָבן זיי געפונען אויף מעדיסאָן סטריט, און האָבן זיך אַהין אריבערגעקליבן. דניאל דהאָט געפונען זיין פּלאַץ, ווי ער האָט געוואָלט: אַ בעט צום שלאָפן, מיט א צולאָג גרעט צו וואַשן און א שבת מאָלצייט. דאָס אַלץ האָט ער געקראָגן פאַר דריי דאָלער א חודש ערגעץ אויף עלען סטריט. הילל האָט זיך אומעטום צוביסלעך געוואַל־גערט. די ערשטע צייט, ווען ס'איז וואַרימער געווען, האָט ער און טאַראַס ראַזומני א סך נעכט זיך איבערגעקאַלאַטשעט אויף באַרזשעס ארום „קעסטל־גאַרדן". צווישן די צען פאַר „העגט" אין דעם לוריא שאַפּ, אויסער אשרן פון די לוריאס, האָט ריווטשע אריינגענומען איר מאַמען, אַ ייִנגערע שוועס־טער און ייִנגערן ברודער. ריווטשע האָט געהאַט אַביסל אָפּגעשפּאָרט געלט, און א צוטריט צו באַסעס, וואָס האָבן ארויסגעגעבן ארבעט, העמדער צוגעשניטענע צו פאַרפאַרטיקן. אַלטע ניי־מאַשינען האָט דווקא לעאָנארד חלפן געהאָלפן צו קריגן אויף באָרג. ס'איז, אגב, געווען דער גרעס־טער חידוש פאַר אלעמען, חלפן זאָל עס טאָן!

אמת, נרתן דהאָט נאָך ביי די חלפנס געאַרבעט.

— טרערן היילן קיין וואונדן ניט אויס.

ווען הילל איז אַרויסגעגאַנגען, האָט קריינדל פּאַר זיך איבערגעחזרט דידאָזיקע ווערטער. ניט איינמאָל האָט עס הילל עקשנותדיק איר אַריינ־געזאָגט גלייך אין פּנים אַריין, ווען זי האָט זיך דאָס לעבן גענומען צוליבן טאַטן און צוליב אשרן.

— טרערן היילן קיין וואונדן ניט אויס.

דאָס האָט איר דאָס לעבן גופא הויך אַריינגעשריגן גלייך אין פּנים אַריין. איר בלוט איז זינט יעמאָלט געשטאַרקט געוואָרן. איר אייגענער ברודער איז איר געקומען צוהילף אין דער צייט, ווען פאַר איר האָט זיך ממש די זון אויסגעלאָשן. איר ברודער שלמה האָט פון זיין ציגאַרן פאַבריק געבראַכט צו איר זיין קאַמעראַד, פאַלק בירשטיין, אַ פּאָר יאָר עלטער פון שלמהן, ווען די ציגאַרן־אַרבעט ביי זיי וואויל באַקומען. שלמהן האָט זיין אייגן האַרץ אונטערגעזאָגט, ער זאָל עפּעס טאָן פאַר קריינדלען, כדי זי זאָל ניט פאַלן אינגאַנצן, כדי קריינדל זאָל זיך אַרויסראַטעווען פון איר מרה שחורה, וואָס איז זי באַפאַלן נאָך דעם, ווי זי האָט אויפגעהערט אַרבעטן ביים סאָרטירן שמאַטעס. ער האָט זיך געקליגט צו געפינען פאַר קריינדלען איר פאַרלאָרענע יוגנט און פאַרלאָרענע פרייד, און ער האָט ניט געמאַכט קיין טעות. ער האָט צו קריינדלען געבראַכט דעם מענטשן, וואָס האָט אויך איר, שלמהן אויפגעעפנט די אויגן און געמונטערט. ס׳האָט אויסגעזען, אַז דערדאָזיקער צוויי־און־צוואַנציק־יעריקער פאַלק ביר־שטיין האָט שלמהן פאַרכישופט, ער זאָל ניט ברעכן מיט דער גרינער גאָל ביי דער אַרבעט. נאָך מער, גאָר אָן מורא האָט שלמה אפילו קריינדלען אַריבערגענומען אין זיין אייגענעם שאָפּ אַרבעטן. דאַריבער שמעקט שוין פון קריינדלען אויך מיט דעם ריח פון ציגאַרן־טאַבאַק. אָבער עס שאַדט ניט, קריינדל זאָל שפּירן דעם ריח פון שמעקעדיקן האָניק אין יעדער רגע וואָס זי איז באַהעפט מיטן לעבן.

פאַלק בירשטיין איז געקומען מיט זיינע עלטערן קיין ניו־יאָרק כמעט אין איין צייט מיט די לוריאַס. אַ שלאַנקער, מיט אַ שמאָלן פּנים, אַ ווייסער הויט און שוואַרצע אויגן און האָר; זיין קאָפּ האָט ער געטראָגן אַביסל פאָרויס, ווי פרומע יידן טראָגן פאָרויס דאָס פּנים צו קושן די מזוזה. דאָס איז תחילת קריינדלען אין אים ניט געפעלן געווען. שפּעטער, ווען זי האָט זיך איינגעהערט ביי דער אַרבעט צו זיינע רייד, ווען זי האָט פאַנאַנדערגעוויקלט זיינע שיינע געדאַנקען וועגן דער „צוקונפט פון דער מענטשהייט" — יעמאָלט האָט זי עס אין אים מער ניט באַמערקט. איר האָט נאָך געשטערט אביסל וואָס ער לאָזט זיינע גראָבלעכע, גלאַטע, שוואַרצע האָר זאָלן אים אַראָפּקריכן איבערן שטערן, ממש ביז אין די אויגן אַריין. ניט מער ווי איבער אַ יאָר איז ער אין לאַנד, און ער לעזט שוין פריי ענגליש. אַז ער פּרוּווט אַליין שרייבן און אַרויסברענגען זיינע געדאַנקען אויפן פּאַפּיר, וועגן דעם האָט ער קריינדלען ניט דערציילט.

ווען הילל איז אַוועקגעגאַנגען, איז קריינדל אויפגעשטאַנען, צוגע־גאַנגען צום טיר און זיך איינגעהערט צי אימעצער קומט. זי האָט געוואוסט ווען אויפצושטיין און גיין צום טיר. ס׳איז געווען אַ פערטל צו ניין. דרויסן איז נאָך געווען ליכטיקלעך. ער קומט קיינמאָל ניט שפּע־טער ווי אַ פערטל צו ניין. ניט ווי קיין אונטערטעניקע גייט קריינדל

צום טיר. זי האָט דאָך שוין פאר די לעצטע פּאָר חדשים קיין איינמאָל קיין טרערן ניט פאַרגאָסן. און דערצו איז זי שוין געוואָרן אַכצן יאָר. שוין באַלד א יאָר מיט פיר חדשים אין דער גרעסטער שטאָט פון אמע־ריקע, וואָס הייסט ניו־יאָרק. און שוין באַלד א פּאָר חדשים ווי זי פּרוואוט זיך צוהערן ווי ס'קלינגט בעסער: „קריינדל לוריא", צי „קעראָלאַין לוריא", ווי מיסטער פאַלק בירשטיין פּרוואוט זי רופן.

פאַלק בירשטיין האָט אָנגעקלאַפּט לייכט דריי מאָל אין טיר. ביי קריינדל האָט, ווי דער שטייגער, ס'האַרץ שטאַרק אַ רודער געטאָן, מחמת, זי איז זיכער, אַז אין זיינע אויערן הילכט אָפּ איר האַרץ־קלאַפּ, וואָס איז דערווייל א טייל פון איר געשפּרעך מיט אים, א טייל פון אירע רייד, וואָס זי גרייט שטענדיק אָן פאַר אים נאָך דעם ווי זי געזעגנט זיך מיט אים ביים ארויסגיין פון ציגאַרן־פאַבריק.

פאַלק בירשטיין, אַז ער קומט אריין, נעמט ער זי שטענדיק אריין אין זיינע אָרעמס, און מחמת ער איז העכער פון איר, קושט ער זי אויפן קאָפּ.

— פון דיין קאָפּ, קעראָלאַין, שמעקט היינט מיט זון און זומער, א חידוש, ווי סע וועפּט זיך אויס פון דיר אין אַזאַ קורצער צייט דער ריח פון ציגאַרן־טאַבאַק!

קריינדל ווייס, אַז דאָס איז א טייל פון זיינע שיינע רייד. אין דער צוקונפט, ווען די מענטשהייט וועט באַפרייט ווערן, וועלן מסתמא צווישן זיך די מענטשן כסדר אזוי רעדן, ווי פאַלק בירשטיין רעדט מיט איר ווען זיי בלייבן אליין.

— פאַרוואָס, אַז איך זוך שיינע ווערטער, געפין איך ניט? איך טו טאָקע גאָרניט, אַז פון מיר זאָל ניט שמעקן מיט טאַבאַק. אָט, שפּיר איך פון דיר אויך ניט קיין טאַבאַק, פונדעסטוועגן איז מיר ניט איינגעפאַלן דיר צו זאָגן דאָס, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט.

— כאַ־כאַ־כאַ, ווער זאָגט עס, אַז מיר זיצן אין אַן ענגן שאָפּ און מיר וויקלען ביידע ציגאַרן אַ גאַנצן טאָג, זאַפּן אין זיך איין דעם בייסיקן טאַבאַק־ריח? מיר זיצן גאָר אין אַ שיינעם בלומען־גאָרטן און גלעטן מיט צערטלעכקייט די פאַנאַנדערגעבליטע ראָזע און ווייסע רויזן, וואָס נייגן זיך צו אונדז!

— ווי אַזוי קענסטו שטיין אין מיטן פון אַזאַ קאָכיקן לעבן און זיך מאַכן גלייך ווי דו זעסט גאָרניט און הערסט גאָרניט? ווען דו וואָלסט איצטער זיך אַראָפּגעלאָזן נידעריק צו דער ערד, איך זאָל דיר קענען דערציילן וואָס מיך פּלאָגט אזוי, און פרעגן ביי דיר אַן עצה!

— צוליב וואָס דאַרפסטו ביי מיר פרעגן עצות? ביסט קליגער פון מיר.

— איך, קליגער פון דיר?

— אוודאי. ביסט יונג און שיין. ביסט געזונט און פאַרשטייסט ניט ווי אַזוי מען קען גאָר אימעצן בייז טאָן. וואָס קען דיך פּלאָגן?

— היינט האָב איך צער, וואָס איך האָב אַזוי שלעכט באַהאַנדלט מיין טאַטן. האָב געגנומען און אַנטלאָפן פון זיין שטוב, און צוליב מיר זיינען כמעט אַלע ברידער אַוועק. אַלץ צוליב דעם, וואָס מיר האָט אויס־געוויזן, אַז ער איז באַגאַנגען אַן עולה אַנטקעגן מיין טויטער מאַמען

מיט דעם, וואָס ער האָט גענומען און חתונה געהאַט מיט א יונג מיידל.
— אויב דאָס איז די מאָס שלעכטקייט וואָס דו דהאָסט פאַרמאָגט, קענסטו דיינע זינד אויסקויפן. אויב דיין טאַטע האָט אין זיך נאָך גענוג יוגנטלעכן פייער, צו קענען זיך פאַרליבן אין א יונג מיידל, זי זאָל אים אויך ליב קריגן, קומט עס אים. יעדער מענטש, אַז ער וויל לעבן, דאַרף מען אים לאָזן לעבן. ווי אַזוי וואָלט ער געקענט לעבן, אויב דו מיט דיינע זעקס ברידער וואָלטן געבליבן מיט אים?
— אָט, דאָס מיינסטו?
— וואָס פאַר אַ רשות האָסטו אויף דיין פאָטער, אויב דו ווילסט ניט זיין אין זיין רשות? וואָלסטו געוואָלט, דיין פאָטער זאָל דיר שטיין אין וועג, אויב דו גייסט אַנטקעגן צו באַגעגענען דעם מענטשן וואָס דו האָסט ליב? אָדער, צי וואָלסטו געוואָלט, דיין פאָטער זאָל זיין אן עדות, ווען דו טרינקסט פון א פאַרבאָרגענעם קוואַל דיין ליבע?
— טאָ, וואָס זאָל איך טאָן?
— כאַ־כאַ־כאַ, דו ביסט אנטקעגן אים ניט קיין פאַרשולדיקטע. דו ביסט אַנטקעגן מיר אויך ניט קיין פאַרשולדיקטע. מיר זיינען איינער דעם אַנדערן נאָר אויף אזויפיל שולדיק, אויף וויפיל מיר מיינען דערמיט גוטס טאָן יענעם.
קריינדל איז געבליבן זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. זיינע ווערטער האָבן געטריפט ווי אַ באַלזאַם אויף איר צעפלאַגטן געמיט. זי האָט אים ניט געוואָלט איבערפרעגן. ניט לאַנג האָט זי דעם מענטשן געקענט. אין האַרצן איז זי געווען פול מיט דאַנק צו איר ברודער שלמהן, וואָס האָט זי אין אַזאַ שווערער צייט צונויפגעבראַכט מיט דעם דאָזיקן מענטשן.
אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי פאַרשעמט אויפגעהויבן די אויגן צו ביר־שטיינען, און שטיל געפרעגט:
— און ווען איך וועל אפילו אָפּנאַרן, אויך יעמאָלט וועל איך ניט זיין שולדיק?
— יעמאָלט וועסטו נאָר זיך אליין אָפּנאַרן, מער קיינעם ניט.
— אָ, ניין, דיך וועל איך קיינמאָל ניט אָפּנאַרן! דו לערנסט מיך ווי אזוי ניט צו זינדיקן. לערנסט מיך, ווי אַזוי איך זאָל זיך באַפרייען פון אַלע נאַרישע איינגלויבעניש, וואָס האָבן מיך געמאַכט אזוי שוואַך און צעבראָכן. זאָג מיר, ווי לאַנג קען אַ מענטש אזוי טראַכטן און אזוי פילן?
— אַזוי לאַנג ווי דער מענטש איז באַפרייט געוואָרן דורך זיין אייגענער גוטסקייט. אזוי לאַנג ווי ער טוט זיך אליין גוטס דורך דעם, וואָס ער היט זיך אָפּ פון צו טאָן שלעכטס יענעם.
— אַז דו רעדסט צו מיר אַזוי, עפנט זיך מיין האַרץ אזוי ברייט אויף. איך וואָלט דיך אויף אייביק אזוי אריינגענומען צו זיך אין הארצן אריין. מיר וואָלט אין אלע ווינקעלעך ליכטיק געווען, און קיינמאָל, קיינמאָל וואָלט גאָר די זון ניט פאַרגאַנגען.
איצטער איז אוודאי הילל אויך גערעכט געווען, ווען ער האָט קריינד־לען געזאָגט, אז טרערן היילן ניט קיין וואונדן. אין די אָרעמס פון דעם יונגן, גלויביקן אַנאַרכיסט־פּאָזיטיוויסט, וואָס גייט אום א פאַרשלייערטער מיט דעם גלויבן, אז נאָר דורך אומבאַגרעניצטער גוטסקייט ווערט דער

מענטש באַפּרייט, אין זיינע אָרעמס האָט קריינדל זייער אָפּט ווי א רייפער, פולער זאַנג געניגט דעם קאָפּ און געהערט די שיינע ווערטער וועגן אַ באַפּרייטער מענטשהייט, וואָס פאַרגיסט מער ניט קיין בלוט — ניט נאָר בלוט פון אייגענעם ברודער און אייגענער שוועסטער, נאָר אפילו דאָס בלוט פון חיה און בהמה פאַרגיסט ער אויך ניט. „מיט זאַפטיקע און שמעקעדיקע גרינסן און פרוכטן וועט זיך יעמאָלט די גאַנצע מענטשהייט דערנערן... אָבער דערווייל זאָל יעדערער ווי וויט מעגלעך זיך אליין באַפּרייען, און זאָל זיך אליין באַטראַכטן ווי די גאנצע מענטשהייט.“

פאַלק בירשטיין האָט אָנגעהויבן טראָגן צו קריינדלען אין שטוב אריין די „שמעקעדיקע פרוכטן און זאַפטיקע גרינסן“. איז קיין חידוש ניט, וואָס פון איר האָט ער ניט געשפּירט דעם ריח פון ציגאַרן־טאַבאַק.

ווען קריינדל איז געלעגן אין די אָרעמס פון דעם מענטשן, וואָס האָט אירע טרערן אויסגעטריקנט, האָט זי אַרומגעטראַכט א פּלאַן ווי אַזוי צו גיין און איבערבעטן איר טאַטן און די יונגע, רויטהאָריקע ווייב זיינע.

* * *

ישראל לוריא האָט געלעבט ווי אין א ראָזן נעבל, געגנערט פון זיין ליבע צו א פרוי, וואָס האָט אין זיין האַרצן פאַרנומען דאָס אָרט, ניט נאָר פון זיין פאַרשטאָרבענער טויבען, אפילו זיין ליבע צו די קינדער איז אויך מטושטש געוואָרן. ריווטשע די ליטוועטשקע איז געוואָרן פאר ישראלן דאָס נייע, פרייע לאַנד.

אַז ישראל האָט א קוק געטאָן אין שפּיגל, באַטראַכט זיין יינגער־געוואָרענעם פּנים, מיט דער זיידענער באָרד, וואָס האָט איצטער נאָר די באַקן ביי די זייטן קוים־קוים צוגעדעקט, האָט ער עס אויך צוגעשריבן צו די אמעריקאַנער „מעגלעכקייטן“. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן וואָס ער טרינקט די ליבע פון א באַפּרייטן קוואַל. מיט פינפאונצוואַנציק יאָר צוריק, ער, א צוואַנציק יעריקער, בלאַסער בחור, ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט דער פאַרשטאָרבענער טויבען, זי אויך ניט מער ווי ניינצן יאָר אַלט — יעמאָלט איז ער געווען אין הוילע שרעק. ניט באַגריפן יעמאָלט וואָס די פרוי איז געווען פאַר אים. תיכף האָט זי אים אָנגעהויבן קינדלען, איז א מאַמע געוואָרן פון אַ גאַנצן פלאַד קינדער. און ער — אַן אייזן־קרעמער, א בית־מדרשניק אין די פרייע שעהן, מיט א בענקעניש אין האַרצן, און דינען גאָט מיט פאַרמאַכטע אויגן.

און דאָ, ריווטשע איז אויך ניט מער ווי ניינצן יאָר אַלט. זי, ווי ער, האָבן אין אמעריקע אויפגעעפנט די אויגן. מיט א ציטער אין לייב האָט זי צו אים אַרויפגעקוקט די ערשטע צייט, ווען ער איז אָנגעקומען צו די חלפנס אין העמדער־שאַפּ. מיט אַ נאָגעניש און בענקעניש האָט ער איר נאָכגעגאַנגען און געזאָנג געהאַלטן אין האַרצן. דאָס איז געווען אין שאַפּ. דאָס איז דאָך געווען אמאָל, אַמאָל, מיט עטלעכע חדשים צוריק. איצטער איז ער יינגער געוואָרן. זי האָט אירע טרויעריקע לידער געזונגען ביי חנפנען אין שאַפּ. אין דעם איז געווען פאַרטאַיעט דאָס גאַנצע יוגנטלעכע פייער. זי האָט געשפּירט אין ישראל לוריאן, דעם טאַטן פון די זיבן דערוואַקסענע און שיינע קינדער, יוגנט און גבורה. ניט צו קיינעם פון די זעקס זין

האָט איר האַרץ געגלוסט. ניט אויף קיין איינעם פון די יונגע זין האָט איר איינגעדרעמלטער פייער געוואָרט. דווקא צום פּאָטער פון די גרעסטע קינדער האָט זי געטראָגן דעם גאַנצן קוואַל ליבע.

ווען קריינדל האָט ריווטשען א פרעג געטאָן, צי זי וועט זיין צו די זיבן קינדער אַ מאַמע, צי א שטיפמאַמע, איז יעמאָלט ריווטשע בלאַס געוואָרן. „איך וועל זיין צו אים א געליבטע, און צו זיי — אַ מאַמע, א געטרייע מאַמע, וואָס ציטערט איבער אירע קינדער...״ זי האָט עס אָבער ניט געוואָלט פאַר די ליפּן אַפּירברענגען.

דעריבער, ווען די קינדער זיינען זיך צעלאָפן, האָט עס ריווטשען די ערשטע צייט ממש צעבראָכן.

— אין האַרצן קלאַגט און סע יאָמערט. ס׳האָט געקענט זיין אַזוי סייך, געקענט זיין אַזוי גוט. צי אַרט עס דיר גאָרניסט, ישראל?

אויך מיט דידאָזיקע ווערטער האָט ריווטשע ישראלן פאַרבלענדט. אַ גאַנצן טאָג איז אין שטוב אַ שאַפּ. אַ גאַנצן טאָג איז ריווטשע, ווי ביי חלפנען, א שאַפּ-מיידל. זי זיצט אויפן דיל און פאַרענדיקט העמדער. אַ גאַנצן טאָג איז אין שטוב הייס, פאַרדומפּן, אָנגעמיסטיקט, געדריש פון ניי־מאַשינען. ווען די נאַכט קומט, און די אויסגעשוויצטע, די אויסגעלאָ־שענע אַרבעטער פאַרלאָזן די אַרבעט, בשעת דער איינציקער פון דער משפחה לוריא, אשר, גייט אויך ארויס פון שטוב, יעמאָלט ווערט פון ישראל לוריאס שאַפּ אַ פּאַלאַץ, אַ העל-באַלויכטענער, כאָטש די קעראָסין-לעמפּלעך ברענען ווי פריער אויפן וואַנט, און די צוויי צימערן זיינען ווי פריער ניט אויפגעראַמט. אָטעמט אָבער ישראל לוריא פרייער און באַמערקט זיין רבקהן, וואָס צינדט אָן די זון ארום אים, שלעפּט אים אַרויס פון זיין ביי־טאָגיקער קנעכטשאַפט, כאָטש ער אַליין איז „באָס״. ער ווערט אזא פרייער, אַזאַ גרינגער. ריווטשע איז מיד פון א לאַנגען טאָג אַרבעט, זי פאַלט אויפן דיל צווישן די פּעק צוגעשניטענע העמדער, זי האָט אפילו קיין כוח ניט אויפצושטיין. דערומעך שטרעקט זי אויס אַ נאַקעטן אָרעם צו איר געליבטן, וואָס איז אויך פאָטער פון זיבן קינדער, ער זאָל איר זיין האנט דערלאנגען, און אויפהייבן. אָבער ער פאַלט אויך אַנידער אויף די קני, ווי גאָר דער אַמאָליקער ישראל לוריא, וואָס האָט געקניט בלויז איינמאָל — יום כיפור אין שול. און ווען זי נעמט ארום זיין האַלדז, ציט זיין מידן פּנים צו זיך, זיין פּנים זאָל רוען צווישן אירע יונגע, כאָטש מידע, אָבער וואַכע בריסט, איז שוין דער שוויץ־שאַפּ טאָקע ניט מער ווי אַ פאַרשטעלעניש.

— טראָגסט מיך צווישן הימל און ערד, רבקה — שעפּטשעט ישראל לוריא שטיל — טראָגסט מיך איבער גרינע לאָנקעס, לייגסט זיך מיט מיר אויף א קילן בערגל. מאַכסט, די זון זאָל איבער מיין קאָפּ אויפגיין!

און עס טרעפט, ווען דאָס בייצן יעריקע שאַפּ-מיידל דערשפּירט דעם שווערן יאָך, וואָס זי האָט גענומען אויף זיך; באַגרייפט, אַז צוליב איר איז א היים צעשטערט געוואָרן; זעקס קינדער פון די זיבן זיינען אַוועק וואוינען ערגעץ אנדערש, און דער עיקר, וואָס קריינדל, די איינאונאיינציקע טאָכטער, איז אויך אַנטלאָפן — דאָס ווירקט אַז דער שוויץ־שאַפּ זאָל זומער נאָך דער ארבעט ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרמיסטיקטער תפיסה, מיט שמאַטעס, ניי־מאַשינען און פּעק אָנגענייטע העמדער.

אַז ישראל דערקענט דעם טרויער אין ריווטשעס אויגן, ער גייט צו ריווטשען, נעמט איר האַנט צו זיין ברוסט. יעמאָלט פאַלט די גאַנצע ריווטשע אוועק אַזאַ מידע, אַזאַ צעבראָכענע. ביידע לאָזן זיך אַראָפּ אויף די פּעקלעך העמדער. ריווטשע שעפּטשעט שטיל:

— פאַרוואָס בין איך אַזוי זינדיק, ישראל? פאַרוואָס איז מיר ניסט באַסערט קיין נחת? פאַרוואָס האָסטו געוואָלט פאַרבייטן די מאַסינען אויף די קינדער? ווען איך האָב געקענט זיין אַ מאַמע צו דיינע קינדער, האָב געקענט זיין אַ געטרייע מאַמע צו אַלע דיינע קינדער!

— צי האָב איך דען זיי געטריבן פון שטוב? האָב איך דען איבער־געטראַכט, אַז מיין איינאונאיינציקע טאָכטער זאָל נעמען און אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט? צי דען, רבקה, מאַכסטו מיך שולדיק?

— איך האָב געוואָלט זיין אַ מאַמע צו קריינדלען.

— וועסט שוין זיין אַ מאַמע צו דיינע אייגענע קינדערלעך.

— איך וועל קיינמאָל קיין מאַמע ניסט זיין.

— טאָרסט ניט רעדן אַזוי, רבקה.

— ביסט אַ סלעכטער, ניסט אַ טאַטע, און האָסט ניסט קיין רחמנות אויף דיינע קינדער, האָסט ניסט קיין רחמנות אויף מיר אויך.

— פאַרדינסט, רבקה, אַן עבירה, אויב דו רעדסט אַזוי.

— כ'האָב סאַי ווי גענומען אויף זיך אַ צו גרויסע זינד, ווער איך באַסטראָפט. העלף מיר, ישראל, איך זאָל ניסט גאָר אינגאַנצן פאַרזינדיקט ווערן.

— נעם זיך אָן מיט כוח, רבקה, רעד איבער מיט קריינדלען, אפשר וועט זי זיך אומקערן. אפשר מיט איר וועלן די קינדער זיך אויך אומ־קערן.

— וועל איר זאָגן, אַז מירן מאַכן די היים צוריק ווי געוועזן.

—דעם שאַפּ מיינסטו?

— וועל צוריק גיין צו חלפנען. דו, ישראל, אויך.

— גאָט וועט העלפן, מירן אָפּשפּאָרן אביסל געלט, וועטן נעמען אַ גרעסערע דירה.

— דיין אייגן קינד איז גערעכט!

— וועמען מיינסטו?

— נתן איז גערעכט, וואָס ער וויל ניסט קיין שאַפּ. פאַר אים איז מיר אַ חרפה. געגומען און געוואָרן אליין בלוטזייגער, אויסנאַרער, וועלף...

אַז רבקה הייבט אָן אַזוי צו רעדן, פילט ישראל ווי ער פאַלט אַראָפּ פון די הויכע הימלען אין אַ באַרג שמאַטעס אריין, און נעבן אים, אין די אייגענע שמאַטעס וואַלגערט זיך אַ רויטהאָריקע פרוי, וואָס האָט איינמאָל צו אים צוריק די יוגנט געבראַכט, און איצטער דערטרינקט זי אים און זיך אין אירע טרערן.

דאָס טרעפט דערוויל אַ סך זעלטענער. מיט טרערן באַשענקט זי אים אַ סך ווינציקער, און מיט ליבע — אַ סך מער.

אזוי טראַכטן וועגן ריוושען כמעט אלע קינדער: „איר דאַרף איז ניט נאָכגעגאנגען די יונגע", דווקא דעם פאָטער האָט זי אויסגעקליבן. אין קיין שום שלעכטער כוונה האָבן די קינדער ריוושען ניט חושד געווען.

אָבער אשר... פאַרוואָס איז ער דער איינציקער געבליבן מיטן טאַטן? איז ער געבליבן אַרויסצוהעלפן אין נייעם שאַפּ? שווער צו זאָגן, אַז דאָס איז געווען זיין ריינע כוונה. אשר האָט אינגערלעך חוזק געמאכט פון אלץ ארום. חוזק געמאכט פון די ברידער סיי פון די מיט די פּראַקטישע בליקן, און סיי פון די אידעאַליסטן. יוכבדן האָט ער נאָר אויסגענוצט. קריינדל האָט געווירקט אויף יוכבדן, זי זאָל זיך אָפּטרייסלען פון אשרן. די ערשטע צייט נאָך דער חתונה, ווען ריוושע איז אריין אין שטוב, און אַלע קינדער זיינען אַרויס, האָט אשר געקוקט צו דער ערד, ווען ער האָט זיך געפונען אין ריוושעס ד' אמות. ער האָט באַגריפן, אַז ריוושע האָט קיין אַנדערע פניות ניט. זי האָט זיין פאָטער ליב.

שפּעטער, ווען אשר האָט געטראָפן ריוושען אין טרערן, האָט ער עס קרום פאַרשטאַנען. דאָס האָט אויסגעטייטשט, אַז ריוושע באַקלאָגט איר פאַרשפּילט לעבן. דווקא יעמאָלט האָט ער זיינע אויגן צו איר אויפגעהויבן. ריוושע האָט עס פאַרשטאַנען. זי האָט אים ניט געגעבן די מעגלעכקייט צו מיינען, אַז זי קוקט אויף זיין זייט. ריוושע איז ניט געווען צופרידן וואָס דווקא אשר איז איבערגעבליבן אין שטוב. „אויב ער — איז סיין גלייכער גאָר אָן קיינעם" — האָט ריוושע א סך מאָל געטראַכט.

גאָר אומגעריכט איז פאַר אשרן קלאָר געוואָרן זיין טעות. גאַנץ אומגעריכט האָט אויך ריוושע דערשפּירט, ווי ווייט איר איבערגעגעבנקייט צו ישראלן וועדט פון אן אייגן קינד פאַרזען!

דאָס איז געשען א שבת פאַרנאַכט. שבת האָט מען ווי דער שטייגער ניט געאַרבעט. ישראל איז אוועקגעגאנגען אין א באַנטן מנין. אשר, וואָס איז אַ גאַנצן טאָג אין שטוב ניט געווען, איז פּונקט אריינגעקומען, ווען ריוושע האָט אַרומגעוואַשן איר גאַנץ לייב און זיך געקליבן אָנטאָן. זי איז געשטאַנען פאַרן שפּיגל איבערן קאָמאָד אין פאָדער־צימער, ווען אשר איז אריין. ריוושע האָט מיט די הענט פאַרדעקט אירע בריסט און אוועקגעאיילט אין צווייטן, פינצטערן צימער. איר וויס לייב האָט אים פאַרבלענדט. ער האָט קיין רגע ניט געטראַכט, און זיך געלאָזן נאָך איר. מיט א בליגדן כוח האָט ער זיך אויף איר א וואָרף געטאָן, אראָפּגעריסן פון איר דעם ליילעך, וואָס זי האָט אין איילעניש ארויפגעכאַפּט אויף זיך. ער האָט זי אומגעוואָרפן אויף איינעם פון די דריי געלעגערס, און מיט דורשטיקע ליפּן צוגעפאַלן צו איר לייב.

— אַ חרפּה, אָסער! כ'וועל סרייען, אָסער, אויב איר טרעט ניסט אָפּ!

אשר דאָט אירע ווערטער ניט געהערט. ס'בלוט האָט אים געשלאָגן אין קאָפּ אַריין. ס'בלוט האָט אים ווי פון לייב ארויסגעשטראָמט.

— אָסער, כ'בין דאָך אייער טאַטנס ווייב... איר פאַרדינט א גרויסע עבירה, אָסער! כ'וועל סריינען, אז די גאַנצע גאַס וועט זיך צונויפלויפן!

אָבער ריוושע, וואָס האָט מורא געהאַט צו שרייען, האָט פּלוצלונג דערשפּירט אירע כוחות. איר גאַנץ לייב האָט זיך אָנגעצונדן מיט א

העליש פייער. מיט א ווילדן כוח האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פון געלעגער און אשרן פון זיך אראָפּגעשליידערט. ווי א שטיין איז אשר געפאלן צום דיל. זי איז אַ באָרוועסע אויף אים ארויפגעשפרונגען און אים געדעפּ־טשעט מיט די פיס. דערנאָכדעם האָט זי זיך אויף אים ארויפגעוואָרפן מיט איר נאַקעטן, אָנגעצונדענעם גוף, האָט זיינע האָר געריסן, האָט אים דאָס פנים געדראַפּעט, און געשיפּעט אין פנים אריין:

— כ'בין ניסט קיין נאַפקע, בין אַן אָרנטלעכע פרוי, בין דיין טאַטנס א ווייב! דיין טאַטן האָב איך ליב און מער קיינעם ניסט! אַ מאַמע האָב איך דיר געוואָלט זיין, און דו קוקסט אויף מיר ווי אויף אַ נאַפקע! דאָס האָסטו דיר... דאָס האָסטו דיר... און איצטער, גיי!

זי ד'האָט זיך אויפגעהויבן, אָפּגעטראָטן אין א פינצטערן ווינקל, גע־ווארט, ביז אשר, א צעדראַפּעטער, א געשלאָגענער, איז ארויס פון שטוב. יעמאָלט איז ריווטשע געפאלן אויפן געלעגער, און ווען זי קען, וואָלט זי פון זיך שטיקער געריסן, זיך אליין פאַרפייניקט, כדי צו באַרעכטיקן די טרערן, וואָס האָבן געפליצט און געבריט די אויגן.

— וועל לויפן צו קריינדלען, וועל אלץ דערציילן קריינדלען!...

דאָס איז תחילת ריווטשען געקומען אויפן זיגען, ווען זי האָט באַ־גריפן וואָס מיט איר האָט געטראָפן. כאָטש אשר האָט זיינס ניט דער־גרייכט, האָט ריווטשע געפילט, ווי איר גאַנצער ווען איז אומריין געוואָרן פון זיין האַנדלונג. זי האָט איצטער פאַרשטאַנען, פארוואָס פון אלע קינדער איז אשר דער איינציקער געבליבן אין שטוב.

— ישראלן וועל איך עס דערציילן, ער זאָל אים פון סטוב ארויס־טרייבן!

נאָר באַלד האָט זי זיך אליין דערשראָקן פאַר אזא געדאנק. מעגלעך, ישראל, ווי דער טאַטע, וועט גאָרניט גלויבן דעם גאַנצן אמת. ביי אים קען גאָר געבוירן ווערן א חשד, אז זי האָט אשרן אליין אונטערגעגעבן חשק אזוי צו האַנדלען.

ריווטשע האָט דערהערט ווי די דרויסנטיר אין פאָדערשטן צימער ד'האָט זיך געעפנט. אָבער זי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. האָט ניט געפרעגט ווער ס'איז אריינגעקומען. נאָך די טריט האָט זיך דערקענט, אַז דאָס איז ניט אשר. ניט קיין שווערע, מאַנצבילשע טריט. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט ריווטשע זיך צוגעהערט. די טריט האָבן גאָר היימיש געוואָנדערט פון ווינקל צו ווינקל, און זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן צו איר צימער. געווען שפּעט אויפצושטיין פון געלעגער און זוכן עפּעס אָנצוטאָן.

— קיינער איז אין שטוב ניטאָ?

ס'איז געווען קריינדלס שטים. און ריווטשע, אנשטאָט אויפשטיין פון געלעגער — האָט אויסגעבראָכן אין א געוויין. איר צעטריילסטער גוף האָט געיאָמערט.

קריינדל האָט אריינגעאיילט אין טונקעלן צימער, זיך אַראָפּגעלאָזן נעבן ריווטשען, און געגלעט איר נאַקעטן גוף, וואָס האָט געציטערט אין ספּאַזמעס. קריינדל האָט אין דער ערשטער רגע ניט באַגריפן וואָס דאָ

איז געשען, פאַרוואָס ריוועטשע ליגט איינע אַליין א נאַקעטע. זי האָט ניט געוואוסט פון וואָס אָנצוהייבן. אַלץ וואָס זי האָט איצטער געוואָלט, איז באַרוהיקן די צעפּייניקטע, יונגע ווייב פון איר פאָטער.

— וואָס איז מיט אייך? — האָט קריינדל מיט אירע ליפּן אָנגע־רירט ריוועטשעס אויסגעווייקט פּנים.

ריוועטשע ד'האָט דערפילט קריינדלס צאַרטע ליפּן, און מיט אַמאָל זיינען די ספּאַזמעס אָפּגעטראָטן. דאָס געוויין איז שטיל געוואָרן.

— וואָס אי, ריוועטשע? — האָט קריינדל מיט א ציטעריקער שטים ווידער געפרעגט.

— פרעג ניסט, טייערע קריינדל. בעסער פרעג ניסט...

קריינדל האָט ניט צוגענומען אירע הענט פון ריוועטשעס אָפּגעקילטן און פייכטן גוף. ס'ערשטע מאָל וואָס זי האָט דידאָזיקע כמעט פרעמדע, רויטהאָריקע יונגע פרוי אַזוי נאָענט אָנגערירט. „אָט דאָס איז מיין טאַטנס ווייב" — האָט קריינדל א טראַכט געטאָן — „זי איז דאָס געקומען אויף דער מאַמעס אָרט..." קריינדל געדענקט נאָך גוט איר מאַמעס מאָגערן גוף, מיט די מאָגערע בריסט, וואָס זיבן קינדער האָבן פון זיי געזויגט. ביז צען יאָר אַלט איז זי מיט דער מאַמען געשלאָפן. און די־אָ יונגע פרוי, וואָס איר ווייסער גוף בלייכט זיך ארויס פון דער טונקלקייט, איז ווי א צייטיקע באַרנע, וואָס איז פון בוים אַראָפּגעפאַלן, זיך צעקלאַפּט און פייכט געוואָרן פון אייגענע זאַפטן. קריינדלען דוכט זיך אויס, אז ניט אויף דער וואָר רירט זי איצטער אָן דאָס נאַקעטע לייב פון איר טאַטנס ווייב. ס'וואונדערט קריינדלען, וואָס ביי איר אין האַרצן פעלט גאָר צו ריוועטשען א געפיל פון שנאה. אדרבה, א געפיל פון ר'חמנות קוועלט אין האַרצן. קריינדל קלערט, ווי אַזוי אויפצומונטערן די צעפּייניקטע יונגע פרוי, וואָס האָט פון איר, קריינדלס, רייך־צוגעקליבענער היים געמאַכט א פאַרמיסטיקטן שאָפּ. ניי־מאַשינען, פּרעסאייזנס, און געפּעק סחורה אָנגע־שליידערט אויפן דיל. „אפשר אויף דעם קלאָגט זי איצטער?"

— וואָס איז אייך, — רבקה? — ד'האָט קריינדל ווידער שטיל גע־פרעגט — האָט דער טאַטע אייך אפשר... כ'בעט אייך, דערציילט מיר. געדענקט, אַז איך האָב אייערע סודות אויסבאַהאַלטן ביי זיך, כאָטש מיר איז דאָס האַרץ שיעור ניט צעריסן געוואָרן. ווען די קינדער וואָלטן פון דעם יעמאָלט געוואוסט, אָ, כ'האָב מורא צו טראַכטן פון דעם! איר מעגט מיר אַלץ דערציילן. אויב איך האָב אייך ארויסגעהאָלפן, איידער איר זייט נאָך געוואָרן מיין טאַטנס ווייב, וועל איך איצטער אוודאי.

קריינדל האָט נאָך אַמאָל געקושט ריוועטשעס פּנים און געגלעט איר לייב.

— נו, אויב איר ווילט מיר ניט דערציילן, טאָ זאָגט מיר כאָטש וואָס איך קען איצטער טאָן פאַר אייערטוועגן? אפשר וועט איר זיך אָנטאָן, און מיר וועלן ביידע אַרויסגיין שפּאַצירן. איר וועט אַריבערגיין צו אונדז, ביי אונדז...

קריינדל האָט געוואָלט זאָגן: „קומט צו אונדז, ביי אונדז איז א וואַרימע היים," אָבער זי האָט זיך פאַרכאַפּט און ניט ארויסגעזאָגט.

— כ׳סעם זיך פאר איך, קעראלאין — האָט ריוושע שטיל געזאָגט
— גייט ארויס אויף א רגע, וועל איך זיך אָנטאָן. האָב מיר גענומען ארומ־וואַסן, איז מיר געוואָרן ניסט גוט. קיינער איז אין סטוב ניסט געווען. כ׳בעט איך, קעראלאין.

קריינדל איז אַרויס פון טונקעלן צימער, באַטראַכט דעם שאַפּ. כאָטש לכבוד שבת איז אַלץ צוגעדעקט געוואָרן, אָבער די שאַטנס פון די ארבע־טער זיינען דאָ געבליבן, ווירקן, דאָס חשכות פון צימער זאָל אין לייב אריינדרינגען. קריינדל האָט זיך איצטער געוואָלט דורכקלייבן דורך די סבות וואָס האָבן די קינדער פון שטוב פאַרטריבן. זי איז דאָך איצטער געקומען, געוואָלט מיטן טאָטן רעדן, מיט ריוושען רעדן, אויפקלערן ווי שלעכט ס׳איז, וואָס מ׳האָט זיך אזוי מיט אַמאָל פאַרפרעמדט, און צום סוף גאָר!

ווי אַ בלאַסער שאָטן האָט זיך אין טיר באַוויזן ריוושע, אָנגעטאָן אין אַ גרוי קלײדל. איר שמאָל פנים, איז געווען פאַרגווילערט, און האָט זיך אַרויסגעטיילט פון אונטער די געקרויזטע רויטע האָר, וואָס האָבן איר שטערן אינגאַנצן צוגעדעקט.

קריינדל איז צו איר צוגעגאַנגען גאָר נאָנט, האָט אָנגענומען אירע הענט, גלייך אין פנים אַריינגעקוקט, און עפּעס געפאָרשט אין דער שטיפ־מוטערס פנים.

— פאַרוואָס זייט איר זיך אַלע אזוי צעלאָפן פונדאַנען? — האָט ריוושע, מיט גרויס מי ניט צו וויינען, אַרויסגערעדט.

דידאָזיקע פשוטע און צעפייניקטע ווערטער האָבן אונטערגעבראָכן קריינדלען. זי איז געפאַלן אויף ריוושעס אַקסל, און זיך אָנגעהויבן שטיקן מיט געוויין.

קאַפּיטל צען

מיט דער אייגענער התמדה ווי אין די ייִנגערע יאָרן, בשעת ער האָט געלערנט אין בית־המדרש גמרא, און מיט דעם אייגענעם ניגון מיט וועלכן ער האָט שפּעטער איינגעחזרט רוסישע גראַמאַטיק, האָט איצטער נתן איינגעחזרט און זיך פאַרטיפט אין די פאַרצווייגטע ציפערן פון קאַרל מאַרקסעס „קאַפּיטאַל". מיט דער הילף פון אן ענגלישן ווערטערבוך האָט ער זיך דורכגעקליבן אין די גרינגערע שטעלן, און דעם טעם פון א בלעטל גמרא האָט ער איצטער געשפּירט, בשעת ער האָט זיך פאַרטיפט אין דעם „מערוווערט" ענין.

נתן האָט קאַרל מאַרקסעס שטרענגען אַנאַליז פון קאַפּיטאַל־און־אַרבעט כסדר געפּרואווט אָנווענדן אויף די שוויץ־שעפּער, וואָס האָבן זיך ווי שוואָמען צעפּלאָדזשעט אין האַרצן פון ייִדישן ישוב אויף דער איסט־סייד.

— אמת — האָט נתן צו זיך געזאָגט — דער אַרבעטער שאַפט ווערטן, דידאָזיקע ווערטן, אין געשטאַלט פון אַלערליי סחורות, לאָמיר זאָגן, העמדער, גיבן דעם אַרבעטער די מעגלעכקייט פאַר זיין באַשאַפן די העמדער, ער זאָל קריגן דערפאַר אַ שטיקל גהינום אויף דער איסט־סייד. ווי אַזוי איז דאָס געקומען, אַז אַ טייל פון אונדזערע אייגענע שלים־מזלניקעס האָבן זיך דאָ אין פרעמדן לאַנד געכאַפּט ווי אַזוי אַרויסצוקריגן דעם „מער־ווערט" פאַר זיך, און פאַר דעם אַרבעטער זאָל קיין שום „ווערט" ניט בלייבן? כסדרדיקער קאַמף פאַר דאָס אייגענע ביסל רעכט, קאַמף, אַז פאַרן ביסל „ווערט" וואָס דער אַרבעטער קריגט, זאָל ער זיין אייגענעם ווערט גאָר אינגאַנצן ניט אַוועקגעבן!

נתן דערוויסט זיך פון מאַרקסן, אַז אין יאָר אַכצן־דריי־און־דרייסיק ד׳האָט מען אויסגעפונען ווי אַזוי צו מאַכן שוועבעלעך, אויסגעפונען, ווי אַזוי סירקע זאָל זיך האַלטן אויפן שפּיץ העלצל. אין פאַרשיידענע שטעט אין ענגלאַנד האָט זיך אויסגעשפּרייט די פּראָדוקציע פון שוועבעלעך, מען האָט אריינגעצויגן קליינע קינדער אין דער אַרבעט, און אינאיינעם מיט דער שוועבעלעך־פּראָדוקציע ד׳האָט זיך צווישן די אַרבעטער ברייט אַנט־וויקלט אַ ענצינדונג אין די קין־באַקן. „דאַנטעס וואָלט אין די שוועבעלעך־פאַבריקן געפונען אן ערגערן צושטאַנד ווי אין זיינע שרעקלעכע גהינום־פאַנטאַזיעס", „אוי, ווי אמת!" — טראַכט ביי זיך נתן, און זיין געדאַנק טראָגט זיך ווידער אַוועק צווישן די שוויץ־שעפּער אויף דער איסט־סייד. ער לייענט ווייטער ביי קאַרל מאַרקסן, אַז אין ענגלאַנד, אין די שעפּער, וואו מען האָט פאַבריצירט טאַפּעטן, און וואו א סך יונגע קינדער טוען די

ארבעט, זיינען פאַרשפּרייט אַלערליי קראַנקייטן צווישן די קינדער. אַ טאַטע דערציילט, ווי אַזוי ער פּלעגט ברענגען דעם זיבן יעריקן זון זיין מאַלצייט צו עסן, ווי ער האָט זיך באַדאַרפט אַראָפּבייגן צו זיין זון און קאָרמענען אים אין מיטן דער אַרבעט, מחמת זיין קינד האָט זיך אין צייט פון דער ארבעט ניט געטאָרט אויפהייבן און אוועקגיין פון ווערק־שטאַט.

נתן איז אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן צימער. אין שטוב איז געווען הייס. ער האָט מיט דער הוילער האַנט אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים און באַטראַכט די פּייכטע האַנט. אויפן זינען איז אים אַרויפגעקומען מלכה. חלפן און זיין לעצטע באַגעגעניש מיט איר, ווען זי האָט אים ווידער אָנגעוואונקען, אַז זי איז גרייט צו אַרבעטן און פאַר־דינען, כדי ער זאָל זיך איינגאַנצן אָפּגעבן שטודירן מעדיצין.

— זי האָט אַ פּראַקטישע סמיקלקע אין קאָפּ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — ווער ווייס, אפשר שטייען הינטער איר די ברידערלעך אירע, זיי ווילן ניט, איך זאָל זיך פאַרנעמען מיט סאָציאַליזם, און אויפקלערן די אַרבעטער אין זייערע שעפער. אוודאי וועל איך זיך לערנען, אָבער איידער וואָס, איידער ווען, וועל איך זען, אַז אַביסעלע פון „מערוועדט" זאָל צום אַרבעטער אין קעשענע אריינרינען. און אויב דער אַרבעטער מוז באַצאָלן מיט צייט און מיט לעבן פאַר דאָס ביסעלע „ווערט", וואָס ער קריגט פאַר זיך און פאַר זיינע קינדער, וועל איך זען, אַז דער ארבעטער זאָל ניט באַדאַרפן אַוועקגעבן צופיל צייט און צופיל לעבן.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

נתן האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, צוגעאיילט צום שפּיגל, אויפשנעל פאַריכט זיינע האָר, וואָס האָבן זיך געקלעפּט צום שטערן, און אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים. ער האָט חושד געווען, אַז דאָס קומט מלכה. ס'איז שבת, און זי אַרבעט ניט.

נתן איז צוגעגאַנגען, געעפנט די טיר, און אריינגעקומען איז גאָר פאַלק בירשטיין!

ביידע האָבן זיך אַ ווײַלע פאַרחידושט אָנגעקוקט. בירשטיין האָט ס'רעקל, וואָס ער האָט געטראָגן אויפן רעכטן אָרעם, פאַרזיכטיק אַריבער־גענומען אויפן לינקן אָרעם, מיט דער רעכטער האַנט האָט ער געגלעט זיינע שוואַרצע האָר אויף־אַרויף, און דערביי טיף אָפּגעזיפצט.

— קעראָליין וועט אפשר באַלד אריינקומען — האָט נתן טרוקן אַ זאָג געטאָן — אויב איר ווילט, קענט איר דאָ אונטערוואַרטן. איך באַדאַרף איינערגעצן צוגיין.

בירשטיין האָט פּאַרטאַיִש געשמייכלט, באַטראַכט נתנען פון אויבן־אַראָפּ, און שטיל, בנעימותדיק, געזאָגט:

..— צוליב וואָס? איך וועל אַוועקגיין, אויב איר האָט מיט מיר גאָרניט פון וואָס צו רעדן.

— פאַרקערט, מיר איז א פאַרגעניגן צו פאַרברענגען מיט אייך. כ'האָב געמיינט, איר זייט געקומען צו דער שוועסטער.

— קעראָלאַין האָט מיר אַ סך דערציילט פון איר ברודער.

— זי האָט זעקס ברידער.

— זי רעדט כסדר פון אײן ברודער, כאַ־כאַ־כאַ. זי רעדט פון איר ברודער דעם קעמפּער!

— זי האַלט ניט שטאַרק פון איר ברודער דעם קעמפּער. וואָס, איר קלײבט זיך אַוועקגײן? אדרבה, איך האָב דווקא געוואָלט מיט אײך זיך דורכשמועסן, געוואָלט באַנ׳אײך דעגײן דעם סוד פון לעבן.

בירשטײן איז רויט געוואָרן. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטול נעבן פענצטער און אָראָפּגעקוקט צו זײנע פּאַרשפּיצטע, געלע שיך. ער האָט פאַרשטאַנען די איראָניע וואָס איז געלעגן אין נתנס ווערטער. ער האָט געוואוסט, אַז נתן מאַכט חוזק פון אים און זײן גלײכן, וואָס פּרײדיקן אינערלעכן פרידן, און פרידלעכע דערהויבונג פון אײגענעם איך, דורך דעם באַגריף פון פּערזענלעכער פרײהײט.

בירשטײן האָט ניט געוואָלט אוועקגײן און לאָזן דעם אײנדרוק, אַז ער האָט זיך באַלײדיקט.

— די גרינע, וואָס ווײסן ניט פונוואַנען זײ זײנען געלאָפן און ווײסן ניט וואוהין זײ זײנען פאַרלאָפן, זײנען גליקלעך ווען זײ קענען פאַר־דינען די פּאָר דאָלער אַ וואָך — האָט בירשטײן געצײלט די ווערטער — איר ווילט זײ מאַכן פאַר רעוואָלוציאָנערן, ווען זײ ווײסן אפילו ניט דעם ווערט און זינען פון אײגענעם לעבן!

— וואָס האָט עס צו טאָן מיט אַרבעטן אײן מענטשלעכערע שעפּער, אָדער מיט אַרבעטן אַ פּאָר שעה אַ טאָג װײניקער, און פאַרדינען מיט אַ פּאָר דאָלער אַ וואָך מערער?

— איך וויל מיט אײך ניט דיסקוטירן.

— סע שטײט אײך ניט אָן?

— כאַ־כאַ־כאַ, וואָס אײך קען אײנפאַלן! איר האָט זיך געקליבן אַרויסגײן, ווײל איך אײך ניט פאַרהאַלטן.

— איר האָט אויף קעראָלאײן אַ גוטע ווירקונג. זי איז צופרידענער מיט זיך. קעראָלאײן האָט זיך געגויטיקט מ׳זאָל זי דערמוטיקן.

בירשטײן האָט אַנגעקוקט נתנען, און געשמײכלט.

— איך ווײס — האָט נתן ווידער געזאָגט — אַ יונגערמאַן, אַז ער איז פאַרליבט, איז ער יעמאָלט דער בעסטער מענטש אויף דער וועלט, און יעמאָלט זעט ער נאָר גוטס ארום זיך. איר און מײן שוועסטער אַרבעטן ביי ציגאַרן, און איר זעט אפילו ניט אַרויס אײער ביטערן מצב, איר פילט ניט, אַז מען עקספּלואַטירט אײך אזוי ביטער. איך בין דערווײל נאָך אין קײנעם ניט פאַרליבט, זינט כ׳בין געקומען אין דער גאָלדענער מדינה, האָב איך ניט קײן צײט און ניט קײן חשק אויסצופירן ליבעס.

פאַלק בירשטײן האָט געוואָלט ענטפערן, אָבער צוליב קרײנדלען, וואָס איז אויף נתנס לעצטע ווערטער אַרײנגעקומען, האָט ער געפּרוּווט נתנס פילאָזאָפיע דערשלינגען און מאַכן אַ פרײלעכן פּנים. ס׳איז אים ניט געלונגען. אגב, האָט ער באַמערקט קרײנדלס נידערגעשלאָגנקײט און דעם טרויער אויף איר פּנים. פאַלק איז געוועזן זיכער, ווען ער בלײבט איצטער אלײן מיט קרײנדלען, וואָלט ער, ווי דער שטײגער, איר געמיט אַרויסגעלײטערט.

— וואָס, איר האָט זיך געקריגט? — האָט קריינדל, אַ בלאַסע, גע־פרעגט.

— ניין, איך מיט מיסטער נייטן לוריאַ קריג זיך קיינמאָל ניט.

— דאָרטן וואו מען קריגט זיך איז פאַראַן לעבן! — האָט נתן פון זיין אָרט אויסגערופן.

— ביסט אינדערהיים אזוי ניט געווען, נתן, — האָט קריינדל מיט פאָרוואורף שטיל געזאָגט.

— פון וואָס פאַר אַ היים רעדסטו?

—רוסלאַנד!

— האָסט, מיין שוועסטער, אַ שלעכטן זכרון, אויב דו געדענקסט נאָך רוסלאַנד? האָסט שוין דאָ איבערגעקליבן שמאַטעס אין א פינצטערן, פאַרעיפּושטן קעלער, וועלגערסט איצטער ציגאַרן, האָסט געהאַט אַ טאַטן און אַ מאַמען, און האָסט זיי ביידן אָנגעוואָרן. ביסט אין דער גאָלדענער מדינה, מיין שוועסטער.

— וואָס מיינסטו מיט דעם? — האָט קריינדל אַביסל באַליידיקט געפרעגט.

— מיין איך צו זאָגן, אַז איך האָב שוין אָן רוסלאַנד פאַרגעסן. איצטער שטייט פאַר מיינע אויגן אַ ווירקלעכקייט וואו איך מוז אָנפירן אַ קאַמף, כדי איך זאָל ניט ווערן איינגעשלונגען. און דו, קריינדל, ביסט אויך ניט מער טאַטע־מאַמעס אַ בת־יחידה אין א פאָדאָליער שטעטל, דאָ ביסטו אויך א פראָלעטארישקע ווי איך.

— גוט וואָס דו דערמאָנסט עס מיר.

— אוודאי וועל איך עס דיר דערמאָנען, אויב דו וועסט פאַרגעסן.

פאָלק בירשטיינען איז ענג געוואָרן אין שטוב. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, געקוקט אויף קריינדלען, געוואָרט, זי זאָל איר ברודער ענטפערן ווי עס פּאַסט פאַר איר. ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס קריינדל איז אַזוי נאָכגעביק. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז קריינדל אליין איז איצטער געדרן, ער זאָל אַוועקגיין.

— גוד־נאַיט, מיס לוריאַ, — האָט פאָלק בירשטיין א פאַרשעמטער געקוקט צו קריינדלען, און שוין ביים טיר, האָט ער געזאָגט אויף נתנס זייט — איר, מיסטער נייטן, האָט זיך צו שנעל אויסגעגרינט. ניט אזוי גיך דאַרף מען פאַרגעסן רוסלאַנד, פאַרגעסן די אידעאַלן, וואָס מען האָט פון דאָרטן פאַרנומען.

— אידעאַלן זיינען אינטערנאַציאָנאַל, מיסטער בירשטיין!

מיט אַ געבויגענעם קאָפּ איז בירשטיין אַרויס פון שטוב.

קריינדל האָט אָנגעשטעלט די אויגן אויף נתנען, געפאָרשט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען צווישן אים און פאָלק בירשטיינען, וועמעס ווערטער זי האָט אין זיך איינגעזאַפּט. און נתן האָט אויך מיט די בליקן געפאָרשט, וואָס אזוינס איז מיט איר פאָרגעקומען אין טאַטנס שטוב, וואָהין זי איז אַזאַ מונטערע אוועקגעגאַנגען.

— וואָס קוקסטו מיך אזוי אָן? — האָט נתן שמייכלענדיק געפרעגט.

— וואָס קוקסטו מיך אזוי אָן? — האָט קריינדל געפרעגט.

— כ׳האָב געהאַט אַ דיספּוט מיט דיין חתן.
— צוליב וואָס איז דער גאַנצער חוזק? ער איז ניט מיין חתן!
— וואָס מאַכן עס אויס, ער איז אַ פיינער בחור. ער האָט דיך צו שטאַרק ליב. אַז ער קומט, און דו ביסט אין שטוב ניטאָ, זעט ער די וועלט ניט פאַר זיך. נו, לאָמיר פון דעם מער ניט רעדן. טאָמער בין איך געווען אַביסל האַרטלעך, וועסטו אים אַראָפּנעמען דעם שטיין פון האַרצן. האָסט געזען דעם טאַטן?
— ניין, כ׳האָב זיין ווייב געזען. אשר איז דאָ היינט געווען?
— ניין. וואָס איז מיט דיר, קריינדל? וואָס וויינסטו די טרערן? קום צו מיר, דערציילן, וואָס האָסטו דאָרטן געטאָן?
— כ׳ווייס גאָרניט, נתן. פרעג מיך ניט.
— אויב דו ווילסט ניט, איך זאָל פרעגן, איז ניט. וואו איז דער טאַטע געווען?
— ער איז אַוועק דאַוונען מנחה.
— ער דאַוונט נאָך אפנים, כאַ־כאַ־כאַ.
— לאָך ניט פון אים, נתן.
— ביסט גערעכט, פון אַ טאַטן טאָר מען ניט לאַכן. נו, אויב דו האָסט מיר ניט מער צו דערציילן, וועל איך ביי דיר מער ניט פרעגן. לאָמיר רעדן פון עפּעס אַנדערש. כ׳האָב דיר געוואָלט זאָגן, אַז דו זעסט אויס שלעכט זינט דו האָסט אָנגעהויבן עסן גראָז.
— טשעפּע מיך ניט, נתן! כ׳האָב דיך אַ סך מאָל געבעטן, טשעפּע אים אויך ניט!
נתן איז בלאַס געוואָרן, און אַ ווײַלע געשוויגן. ער האָט זיך אָנגעזאָגן, אַז עפּעס האָט קריינדל איבערגעלעבט ביים טאַטן אין שטוב, אָבער איבערפרעגן האָט ער מער ניט געוואָלט. פאַרקערט, קריינדל האָט איצטער אַליין געוואָלט איבעררייסן די שווערע שטימונג. זי האָט געוואָלט איר עלטערן ברודער דערציילן וואָס אשר האָט אָפּגעטאָן ביים טאַטן אין שטוב. די חרפּה וואָס ער האָט אַלעמען פאַרשאַפט. אָבער אין דער אייגענער צייט האָט זיך די טיר געעפנט, אין טיר ד׳האָבן זיך באַוויזן שלמה און ריווטשע. זיי האָבן זיך הינטערן טיר באַגעגנט.
קריינדל האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און איז געלאָפן ריווטשען אַנטקעגן.
— כ׳האָב געוואוסט, אַז איר וועט קומען!
ריווטשע איז געווען בלאַס. די אויגן—גרויס און אָפן. דאָס האָט איר צוגעגעבן חשיבות. נאָכן „גוד־איווניגג״, האָט זי זיך באַמיט צו שמייכלען, ס׳איז שווער אַרויסגעקומען. זי האָט אַ פּאָר מאָל זיך געכאַפּט פאַרן ברוסט און פאַרביסן די ליפּן.
קריינדל האָט עס באַמערקט. זי האָט מורא געהאַט, אַז ריווטשע וועט צוזאַמענברעכן. ס׳איז געווען צום ערשטן מאָל וואָס ריווטשע איז בכלל געקומען אַהער. ישראל לוריא איז יאָ אַ פּאָר מאָל געווען ביי די קינדער, אָבער זי — ניט. איז דעריבער קריינדל צוגעגאַנגען, זיך אַנידערגעשטעלט נעבן ריווטשען זייט־ביי־זייט, גענומען ריווטשען אונטערן אָרעם, און מיט ליבשאַפט געזאָגט:

— דאָס איז דאָך אונדזער מאַמע, נתן!

פון קריינדלס „דאָס איז דאָך אונדזער מאַמע, נתן" — האָט ריווטשען פון האַרצן אַ שלאָג געטאָן אַ וואַרימקייט, דערגרייכט ביז צום האַלדז און ענג געמאַכט אין סאַמע שלונג. אויף קריינדלס פּנים האָט ריווטשע ניט באַמערקט קיין שום שפּור פון בייזקייט. זי האָט אָבער אין דער אייגענער רגע באַמערקט, אַז אַלע דריי לוריא־קינדער, נתן, שלמה און קריינדל, זיינען בלאַס געוואָרן, קוקן צו איר ווי אויף אַ בייז וואונדער, און מיט אַן אויסדרוק פון פּחד אין פּנים.

ריווטשע האָט אויפגעכאַפּט צונויפגענומען אַלע אירע כּוחות: „נאָר ניסט וויינען, נאָר דאָ ניסט וויינען!" — האָט אַ אינערלעכע שטים אריינגעשריגן איר אין בלוט אריין.

ריווטשע האָט זיך אויסגעגלייכט, מיט דער רעכטער האַנט פאַרשאַרצט די רויטע קרויזן, וואָס האָבן צוגעדעקט איר יינגלשן, הויכן שטערן. מיט אַ געצוואונגענעם שמייכל האָט זי געזאָגט:

— איר סרעקט זיך פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט פאַר אייך ניסט מער ווי גוטס אין האַרצן. איר זייט זיך צעלאָפן, פּונקט ווי אייער טאַטע וואָלט אריינגענומען אַ סלעכטע חיה אין סטוב אריין. איך בין אַ מענטש, און האָב אַ האַרץ וואָס קען ניסט צעריסן ווערן אויף סטיקער. כ'בין אַ סאָפּ־מיידל געווען, און איצטער איז מיר אַ סך סווערער. טאָקע דערפאַר, וואָס איך קען ניסט ווערן אייער מאַמע.

— איר קענט ניט ווערן אונדזער מאַמע — האָט נתן ווי פאַר זיך איבערגעחזרט — מיר זיינען דערוואַקסענע מענטשן שוין. צוליב וואָס זאָלן מיר ווערן קליינע קינדער? און צוליב וואָס ווידער דאַרפט איר האָבן אַ פּלאָג פון זיבן קינדער? איר זייט נאָך אַזוי יונג!

— צוליב אייער טאַטן האָב איך עס געוואָלט.

— דער טאַטע איז יונג און וויל זיין אַ יונגערמאַן. מיט אונדז אינאיינעם וועט ער אויסזען אַן אַלטער מאַן.

— כ'ווייס, אַז צוליב מיר איז צעסטערט געוואָרן אייער היים.

— דאָס וואָס ווערט צעשטערט אין אַ היים נאָך דעם ווי אַ מאַמע שטאַרבט, קען דערנאָך אפילו די בעסטע שטיפמאַמע ניט פאַריכטן. איר וועט אביסל עלטער ווערן, איר וועט ווערן אַ מאַמע פון אייגענע קינדער.

— כ'בעט אייך, רעדט ניסט אַזוי!

— קיינער פון אונדז מאַכט אייך ניט שולדיק. קריינדל האָט אייך ליב.

נתנען האָט פאַרקוועטשט אין האַלדז, מער האָט ער ניט געקענט רעדן.

קריינדל האָט גענומען ריווטשען אונטערן אָרעם, זי צוגעפירט נענטער צו נתנען.

— כ'האָב גוט געהערט, נתן, וואָס דו האָסט צו מיר געזאָגט יעמאָלט, ווען איך האָב געקלאָגט הלמאי דער טאַטע גייט חתונה האָבן. האָסט גע־זאָגט, אַז דער מאַמען קען שוין קיינער פון ים ניט אומקערן צו אונדז!

— כ'האָב ניט געמיינט, אַז דו וועסט זיך אַוועקלאָזן זוכן אַן אַנדער מאַמען. ד'האָב געמיינט צו זאָגן, אַז דו ביסט שוין אַ דערוואַקסענע געגוג, דו זאָלסט קענען אליין דיין וועלטל באַשטיין.

— איך זאָג עס צו אייך ווי צום עלטסטן זון, כאַצבע איך קען אייך אַזוי ווינציק. באַקלערט צעך, ווי גוט סע וואָלט געקענט זיין, ווען איר אַנטלויפט ניסט אַלע פון סטוב. מיר האָבן געקענט זיין אַלע אינאיינעם.

— האָבן אַ סוועט־שאָפּ אינאיינעם, כאַ־כאַ־כאַ!

— אויב דאָס איז די מעשה וואָס איר זיט זיך צעלאָפּן, בין איך גרייט גיין צוריק אין סאָפּ אַריין. סיי־ווי זיינען קיין גרויסע גליקן ניסטאָ פון דער אַרבעט אין סטוב. ווען איר גיין צוריק אַהיים, אויב כ׳וועל דעם סאָפּ אַרויסוואַרפן פון סטוב?

— דאָס האָט ניט צו טאָן מיט אייך. דאָס האָט צו טאָן מיט ישראל לוריאַן, מיין פאָטער. ער וויל זיך פאַרנעמען אויף חלפנס וועגן. ער האָט כוח דאָס צו טאָן. איך וועל אים אין וועג אַריין ניט קריכן. און צוליב וואָס זאָל איך אים שטיין אין וועג? ער וויל פאַר אייך איינאָרדענען אַ שיין לעבן, און ער וועט עס באַווייזן. ער האָט מיר שוין ניט איינמאָל אָנגעבאָטן צו ווערן זיין שותף. איך וועל קיין עקספּלואַטאָטאָר דאָ ניט זיין.

— וואָס שווייגסטו? — האָט ריווטשע זיך געווענדט צו שלמהן, וואָס איז געזעסן פונדערווייטנס, אַ בלאַסער מיט אויסגעלאָשענע אויגן.

— איך הער גוט וואָס איר רעדט, — האָט שלמה שטיל געענטפערט.

ריווטשע האָט ווידער דערפילט ווי ס׳ווערט איר ענג און הייס אין האַלדז. אַלץ וואָס זי האָט געוואָלט הײנט אין אָוונט אַרויסזאָגן, איז מיט אַמאָל ווי צערונען געוואָרן. זי האָט דערשפּירט ווי זי ווערט קליין און קלענער, אָרים און אָרימער. ווי אַ בעטלערקע אַ געבויגענע שטייט זי איצטער דאָ. אַ געפיל פון חרפּה האָט אָנגעהויבן צו גליען אין פּנים. זי האָט ניט געוואָלט מער אין שטוב פאַרבלייבן. שווייגנדיק, מיט די אויגן צום דיל און מיט שטילע טריט איז זי אַרויס פון שטוב. איר רויטער קאָפּ האָט נאָר אַ גלי געטאָן אין טיר, איידער זי האָט די טיר הינטער זיך פאַרמאַכט.

— גיי, קריינדל, ארויס צו איר, בעט, זי זאָל צוריק אריינקומען, האָב ניט געמיינט צו באַליידיקן.

— איך קען ניט, נתן. כ׳האָב זי ליב, און ס׳טוט מיר מיין האַרץ ווי פאַר איר.

— ווייסט, מיין שוועסטער, כ׳האָב פיינט געקראָגן מענטשן וואָס האַלטן זיך נידעריק ווי דאָס גראָז!

קריינדל האָט אויף אים אָנגעשטעלט די אויגן, ס׳בלוט האָט איר אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אריין.

— אוודאי, מיין שוועסטער, אז דו וועסט זיך אָנהייבן האַלטן נידעריקער ווי דאָס גראָז, וועט שוין זיין דער, וואָס וועט אויפהייבן דעם קאָפּ, און אפילו ניט באַמערקן, אַז ער טרעט אויף דיר.

קאַפּיטל עלף

מער ווי אַ יאָר טראָגט דניאל לוריא אַום טיף אין זיין בלוט דעם סוד, וואָס קערעוועט אַזוי אָפּט זיינע טריט אַהין, צו דער גאָס ביים איסט־ריווער, וואו אין אַ געל טענעמענט־הויז אויפן דריטן שטאָק האָט ער אויסגעהאַלטן אַ גרויסן נסיון. די ליבע האָט אים יעמאָלט אויף אַזאַ פּלאַי־פּלאַימדיקן אופן באַגעגנט. אין גרויס אָרימקייט, ביי אַ באַליע וועש, אין אַן אָנגעפאַרעטער שטוב, האָט אים די ליבע באַגעגנט, געקאַרטשעט אין זיינע אָרעמס, און גערעדט צו אים ווערטער וואָס ער האָט ניט פאַר־שטאַנען.

יעמאָלט האָט ער די ווערטער ניט פאַרשטאַנען. איר ליבע האָט ער באַגריפן. אַין פאַרלויף פון יאָר האָט ער אין די ווערטער געפּרואווט אריינטייטשן אַלע זיינע געפילן און איבערבייטן זיי אויף אירע.

דעם מאַן האָט ער יעמאָלט באַגעגנט, ווען ער איז צום ערשטן מאָל אריינגעקומען מיט זיין פּעדלער־קעסטל. צוויי קינדערלעך האָט ער יעמאָלט אין שטוב געטראָפן. צום צווייטן מאָל האָט זי אים אַליין אויפגענומען אין אירע פאַרהאָרעוועטע, יונגע אָרעמס, אים איבערגעגעבן איר יונגען, מוטער־לעכן און פאַרד־האָרעוועטן גוף. זינט יעמאָלט האָט עס כסדר געלערנט ענגליש; אים האָט זיך געדוכט, אַז אים קומען אַנטקעגן די ווערטער, וואָס ער האָט יעמאָלט פון איר געהערט. ער ווייסט דעם טייטש. אין די ווערטער שלאָגט אַ האַרץ אַזוי הויך ווי אירס און זיין האַרץ האָבן יעמאָלט געשלאָגן. אין די ווערטער לייכט שטענדיק די זון.

דאָס איז אויך זיין גרויסער סוד, ווי אַזוי ער איז פאַר דער צייט דערגאַנגען צו איר נאָמען. לילי בראַנדט איז איר נאָמען. און כאָטש ער האָט ביי קיינעם ניט געפרעגט ווי אַלט זי איז, שאַצט ער אָפּ אירע יאָרן. מער ווי צוויי־און־צוואַנציק יאָר איז זי ניט אַלט, כאָטש זי האָט צוויי קינדערלעך: אַ מיידעלע פון פינף יאָר, און אַ קינד ביי דער ברוסט. דאָס האָט ער געזען צום ערשטן מאָל אריינקומענדיק צו איר מיט זיין סחורה. ווען ניט די קינדער, וואָלט ער געקלערט, זי איז זעכצן יאָר אַלט, און ניט מער.

— אַ ניט־יידישקע, מיט אַ מאַן, און מיט צוויי קינדער!

אַזאַ געדאַנק טוט אַמאָל אַ קלאַפּ אַין ביידע שלייפן, די אויגן עפענען זיך ברייט אויף. אַ לערע, בלאַנקע וועלט שפרייט זיך פאַר זיינע ברייט־אויפגעעפנטע אויגן.

קומט באַלד דאָס בלוט און הייבט אָן צו שלאָגן מיט אַזאַ בייסעניש אונטער דער הויט. שווער ווערט אים ארומצושלעפּן זיך אין די גאַסן

מיט זיין ביסל סחורה, קיין שום ציל, קיין שום תכלית איז מער ניטאָ אין זיין אומשלעפּן זיך איבער די אָרימע קוואַרטאַלן. צוליב וואָס קלאַפּן אין אַזויפיל טירן, אויב אין דער איינאונאיינציקער טיר, וואו ער האָט צום ערשטן מאָל באַגריפן, אַז אין דער באַגינען־זון ווערט ער אויסגעלייזט, אין יענער טיר קען ער ניט אָנקלאַפּן? דניאל איז אוועק לעבן באַזונדער — כדי צו שפּאָרן געלט. מען ד'האָט אים אין שטוב אַזוי שלעכט פאַר־שטאַנען. קריינדל האָט אויפגעהערט אפילו צו רעדן מיט אים דערפאַר. און צי דען האָט ער געקענט נעמען און דערציילן קריינדלען, צי נתנען, פון וועמען ער האָלט א סך, צי האָט ער געקענט דערציילן, אַז זיין האַרץ איז איצטער ניט מער ביי אים? ער האָט זיין האַרץ איבערגעלאָזן אויף אַ דריטן שטאָק, ווי אַ משכון געלאָזן ביי אַ ניט־יידישקע, וואָס האָט איג־איינעם מיט זיין האַרץ די ערד אַרויסגענומען פון אונטער זיינע פיס!

איר עלטער קינד, דאָס מיידעלע, וואָס ער האָט עס שוין איינמאָל געגעבן אַ שטיקל שמעקעדיקע זייף, און געהייסן אַרויפטראָגן דער מאַמען, ווען ער האָט עס ווידער געטראָפן דרויסן פאַרן שטוב, האָט ער געפרעגט ווי עס הייסט, און דערביי געגעבן א קליין שפּיגעלע; ד'האָט דאָס מיידעלע געענטפערט: „מיך רופט מען פלאָרא בראַנדט; מיין מאַמע איז לילי בראַנדט; און מיין טאַטע איז עדי בראַנדט." יעמאָלט איז דניאל אָנגעלאָדן געוואָרן מיט א גאַר גרויסן אינהאַלט. די דריי נעמען, ווי דריי גרויסע פעלזן, זיינען גאָר פלוצלונג אַרויס פון דער ערד און פאַרצאַמט פאַר אים דעם וועג צו יענעם הויז.

— פאַרוואָס האָט זי ניט געזאָגט ווי ס'הייסט איר ברודערל, וואָס איר מאַמע האָט יעמאָלט געהאַלטן ביים ברוסט?

זייער אָפט איז ער אין יענע גאַסן אומגעגאַנגען, געשלעפּט די פיס אויפן ברוק, און מיט דעם געדאַנק — פאַרטראָגן אין א וועלט פון פחדים. מיטן נאָפּל איז ער צוגעבונדן געוואָרן צו יענער גאַס, און ווייט פון איר קען ער ניט אַוועק. ער שפּירט, אַז אין יענער גאַס איז זיין לעבן, און אויך די גרויסע סכנה, וואָס קען א סוף מאַכן צו זיין לעבן.

איינמאָל, אַרום האַלבער נאַכט, איז ער שטיין געבליבן אַן אָנגעלענ־טער אָן וואַנט פון יענעם געלן טענעמענט־הויז. די נשמה זיינע האָט זיך געשלאָגן אָן די ווענט פון געלן טענעמענט־הויז, ווי סע שלאָגט זיך א געפאַנגענער פויגל אין די דורכזיכטיקע ווענט פון זיין געפענקעניש. פאַר זיין נשמה זיינען די ווענט געווען דורכזיכטיק. זי האָט זיך געשלאָגן און דערשלאָגן צו דער אויסגעבענקטער, אין אָרימקייט פאַרלאָזענער, איידעלער פרוי, וואָס איז געוואָרן זיין חלום און זיין וואָר.

אין אַזאַ רגע, אַן אויסגעליידיקטער און אויסגעבענקטער, שפּעט נאָך ד'האַלבער נאַכט, ווען ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט ווי זיין שטייגער אָן געלן טענעמענט־הויז, א סוף־חודשדיקע נאַכט איז דאָס געווען, איז פון דער נאַכט אַרויסגעקומען א ניט קיין שטאַרק געוויקסיקער מאַן, און האָט אים פריער מיט דער רעכטער פויסט, און שפּעטער מיט דער לינקער פויסט, א זעץ געטאָן גלייך אין פּנים אַריין. זיינע אויגן זיינען ווי פאַרבלענדט געוואָרן, די נאָז האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו בלוטיקן, און אים

האָט אויסגעוויזן, אַז אונטער די צעשלאָגענע ליפּן הענגען לויז זיינע פּאַדערשע ציין.

מחמת, דער מענטש איז ניט אַנטלאָפן, באַזאַכט אַוועק, און איז אַריין אין אייגענעם טענעמענט־הויז, האָט דניאל פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז איר מאַן. כאָטש צעוויטיקט און באַליידיקט איז אים אויף קיין רגע ניט איינגעפאַלן, אַז ער האָט זיך באַדאַרפט לאָזן נאָך דעם מאַן און פאַרפירן אַ געשלעג. כאָטש דניאל האָט געשפּירט, אַז ער איז שטאַרקער פון איר מאַן, מיט אַ קאָפּ געוויס איז ער העכער, אָבער איצטער איז דאָך זיין נשמה ניט געווען מיט אים, און זיין קאָפּ, אַ פאַרווירטער, איז ניט געווען בכוח צו ווענדן ענערגיש זיינע טריט, אויסער צו זיך, צו זיין פאַרדומפּענעם צימער, וואו צווישן נאָך דריי שווערע, פאַרהאָרעוועטע מענער, איז זיין געלעגער געווען.

יעמאָלט האָט ער דערציילט פאַר באַקאַנטע, אַז אַן איירישער „באָם" האָט אים צעשלאָגן. גוטע פריינט, „אמתע אמעריקאנער" ד'האָבן אים געמוסרט:

— אַ חרפּה און אַ שאַנד, אַ יאָר שוין אין לאַנד און ווייסט ניט ווי אַזוי זיך צו פייטלען!

ס'איז טאַקע אמת, א גרויסער אמת, אָבער נאָך אַ גרעסערער אמת איז געשטאַנען פאַר דניאלן, אַז „א פאַטש פאַרגייט און א וואָרט באַשטייט." דעריבער האָט דניאל דערוויל ניט געהאַט מיט ווען צו „פייטלען" זיך. דערוויל האָט דניאל, אויסער דעם איירישן „באָם" געפּרוּווט זיך פייטלען מיט זיין אייגענעם יוצר־הרע. ער האָט אפילו געפּרוּווט א צייט דאַוונען דריי מאָל אין טאָג, און ס'האָט ניט געהאָלפן. דעם יוצר־הרע האָט ער ניט געקענט בייקומען. מחמת, זיין נשמה האָט אויסגעוואַנדערט צום איסט־ריווער, צו א געל טענעמענט־הויז. און וואָס האָט זיין אָרימער גוף געקענט טאָן?

מיט דער הילף פון יוצר־טוב ד'האָט דניאל געלערנט אויף אויסווייניק ענגלישע ווערטער און זיי געבונדן מיט זיין ליבע. ווען ער וואָלט אויסגעלערנט פאַרן יאָר אַלע ענגלישע ווערטער, וואָלט ער פון זיי געפלאָכטן אַ קראַנץ פאַר זיין פלאַי־פלאַימדיקער ליבע.

און טאַקע דאָ איז נאָך אַ גרעסערער וואונדער געשען:

דניאל איז פאַרבייגעגאַנגען דעם ווינקל עסעקס און ברום סטריט, וואו עס איז געווען א „דיספּענסערי". אַהין איז ער טאַקע מיט א צייט צוריק אַ פּאָר מאָל געגאַנגען באַווייזן זיין צעשלאָגענעם פּנים. און איצטער, צופעליק פאַרבייגייענדיק, האָט ער פּלוצלונג דערקענט די שמאָלע פּלייצקעס, און דינע אָרעמס פון א יונגער פרוי, וואָס איז אַריין אין דיספּענסערי, און פאַרשוואונדן פון זיינע אויגן.

אין דער ערשטער רגע איז ער אונטערגעבראָכן געוואָרן. זיינע קני האָבן זיך אונטערגעבויגן ווי צום קניען. ס'האָרץ איז אים שיעור ניט אַרויסגעשפּרונגען. אים איז וואַרים געוואָרן אין פּלייצע. פון פּלייצע איז די וואַרימקייט געלאָפן אַרויפצו ביז צו די שפּיצן פון זיינע האָר, און אַ פייכטקייט האָט צוגעדעקט זיינע שוואַרצאַפּלען.

אָבער באַלד איז צו אים געקומען דער באַוואוסטזיין, אַז ער איז ניט ביים איסט־ריווער, און אויך ניט ביי יענעם טענעמענט־הויז. דערדאָזיקער געפיל האָט אים געהאָלפן אויסצוגלייכן זיינע פיס, אויסגלייכן דעם געבויגענעם גוף, און דערשפירן די פיזישע קראַפט וואָס ער האָט נאָך פון דער אַלטער היים מיטגעבראַכט.

— זי! קראַנק... איז אין נויט...

ווי אין א ווירבלווינט האָבן זיך די מחשבות געדרייט. אָבער אַלע מחשבות — קלאָרע!

— זי! קראַנק... איז אין א נויט...

אַרום צוויי שעה האָט ער אויף איר געדאַרפט וואַרטן. זי איז אַרויסגעקומען. געוועז אָנגעטאָן אין אייגן קליידל און בלוזקע ווי ער האָט זי געזען צום ערשטן מאָל. און מחמת קיין קינד האָט זי איצטער ביי דער ברוסט ניט געהאַט, האָט זי אים אויסגעזען זעכצן יאָר אַלט. דאָס פנים איז געווען נאָך בלאַסער און שמעלער. אין די אויגן — א ברענענדיקער בלוי. ער איז איר פאַרגאַנגען דעם וועג ווען זי איז אַרויס. זי האָט איר כוח פאַרלאָרן, און איז אריינגעפאַלן אין זיינע אָרעמס, ווי אַן אונטערגעשניטן בוימל פאַלט, און געפינט אָנלען צווישן די צווייגן פון א נאָענטן שטאַרקן בוים.

— לילי, ביסט קראַנק... — האָט ער שטיל איבערגעחזרט די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט איר פנים געהאַט אין אים באַהאַלטן.

זי האָט זיך אויסגעגלייכט, מיט גרויס פחד האָט זי אים אָנגעקוקט:

— קום, פיר מיך צו דיר, אָדער צו דייניקע! גיכער, פיר מיך אוועק פונדאַנען! פיר מיך אינערגעצן אריין, איידער איך פאַל דאָ אַוועק אין גאַס.

ער האָט זי תחילת געוואָלט פירן צו זיך, אָבער א געדאַנק איז אים פאַרלאָפן דעם וועג, ער זאָל עס ניט טאָן.

— צו קריינדלען! צו נתנען... זיי וועלן אונדז פאַרשטיין!

אַזוי זיינען זיי אָנגעקומען צו קריינדלען און נתנען, אָבער אין שטוב איז בלויז שלמה געווען. ער האָט זיך געשפירט ניט גאָר געזונט, און האָט ניט געאַרבעט.

— דאָס איז לילי! — האָט דניאל א צעטומלטער, מיט שרעק און פרייד מודיע געווען דעם בלאַסן שלמהן, וואָס האָט ניט געוואוסט פון וואָס ער זאָל זיך מער חידושן, צי פון זיין אויפגערעגטן ברודער, צי פון דער אומבאַקאַנטער, אויסגעצערטער פרוי.

— דאָס איז מיין ברודער, סאָלאָמאָן לוריא — האָט דניאל נאָך אמאָל, שוין מיט מער פרייד ווי פחד, מודיע געווען — און דאָס איז לילי בראַנדט. מיר קענען זיך שוין לאַנג. מיר האָבן זיך געטראָפן דאָ. לילי בראַנדט איז ניט קיין יידישקע, שלמה, מאַך ניט קיין טעות, שלמה!

דניאלס פרייד האָט ניט געביטן דעם אויסדרוק אין איר פנים. מיט אַן אויסדרוק פון באַוואונדערונג האָט זי א וויל אָנגעקוקט שלמהן, דערנאָכדעם געקוקט צו דניאלן, און געבעטן:

— אפשר וועט דיין ליבער ברודער אזוי גוט זיין און אונדז איבערלאָזן אליין?

שלמה, אַן אונטערגעשווענקטער, האָט זיך גענומען קלייבן צום טיר.

— בעט אים, ער זאָל ניט נעמען פאַר אומגוט. בעט אים, ער זאָל אַ ווייל שפּעטער אַריינקומען, איך וויל אים קענען.

אַז שלמה איז פון צימער אַרויסגעגאַנגען, האָט זי זיך אַ ריס געטאָן צו דניאלן, אַרומגעכאַפּט זיין האַלדז, אים געקושט, באַגאָסן מיט הייסע טרערן, און גערעדט. איר שטים האָט זיך קלאָר צעשאָטן אַרום אים. זי האָט זיך מער באַקלאָגט, ווי דערציילט:

— אַ, ווי האָסט עס מיך געלאָזן אַזוי לאַנג וואַרטן?! האַ, פאַרוואָס האָסטו יעמאָלט מיך אויף די הענט ניט אַרויסגעטראָגן פון שטוב? דיר, דעם איינציקן, האָב איך זיך אַזוי איבערגעגעבן, און דו דהאָסט געקלערט, אַז אַ גאַסנפרוי בין איך! האַ, מער ווי אַ יאָר האָסטו מיך געלאָזן, איך זאָל וואַשן פרעמדע גרעט אין מיינע הייסע טרערן, וואָס נאָר צוליב דיר האָב איך זיי פאַרגאָסן. דו שלעכטער איינער! האָסט ניט באַנומען די ריינסטע ליבע פון אַ פרוי, וואָס האָט קיינמאָל קיינעם ניט ליב געהאַט. דו שלעכטער מענטש וואָס דו ביסט! כ׳ווייס, אַז יידן זיינען גוטע מענטשן; און דו — אַ יאָר צייט האָסטו מיך געלאָזן כ׳זאָל זיך פּלאָגן! ענטפער מיר, מיין טייערער, מיין איינציקער! זאָג מיר איין וואָרט, מיין איינציקער, מיין אייביקער!

דניאל האָט זיך מיט איר אָראָפּגעלאָזן אויף דער פאַרבעטעטער בעט, און געקוקט אין איר פּנים אַריין. ער האָט געפאָרשט, צי דאָס איז די אייגענע פרוי וואָס האָט אים יעמאָלט מיט אירע האַרטע, בויגיקע אָרעמס אַראָפּגעצויגן צום דיל, אין זיין לייב זיך געוויקלט, און שפּעטער, ווען זי האָט פון אים אויסגעטרונקען גאָר די ליבע, האָט זי אים צום טיר צוגעפירט און פון שטוב אַרויסגעשיקט. ער האָט יעמאָלט ניט פאַרשטאַנען וואָס זי האָט אים ביים טיר געזאָגט.

— פאַרוואָס דו, שלעכטער איינער, דהאָסטו פאַרגעסן וואָס איך האָב דיר יעמאָלט געזאָגט?

— האָב נאָך יעמאָלט ניט פאַרשטאַנען דיין שפּראַך. וואָס האָסטו מיר יעמאָלט געזאָגט?

— כ׳האָב דיר געזאָגט, זאָלסט אויף מיר וואַרטן ביים שטוב... האַ, שלעכטער מענטש, פאַרוואָס ביסטו ניט געקומען?

— איך בין אַ סך מאָל געשטאַנען נעבן דיין שטוב, ביז נאָך האַלבער נאַכט געוואַרט ביי דיין שטוב.

— כ׳ווייס, מיין טייערער. כ׳ווייס, אַז ער האָט דיך צעשלאָגן. אַלץ ווייס איך. נאָר מיר איז איצטער גוט. כ׳ווייס, מיין ליבסטער, אַלץ ווייס איך. ער האָט מיר אַ פינגער אויסגעבראָכן. אָט, דעם־אַ פינגער... דעריבער גיי איך אַהין, וואו דו האָסט מיך היינט געטראָפן. אַ, זינט יעמאָלט, דעניעל איז געשטאָרבן.

— האַ?!

— מיין קינד, מיין זון, וואָס האָט יעמאָלט געזויגן מיין ברוסט, האָט ניט געוואָלט לעבן מער, ווען דו האָסט זיין מאַמעס האַרץ מיט זיך אַוועקגעטראָגן.

— אָט, בין איך דאָך מיט דיר, איך בין דאָך דניאל... איך לעב דאָך!

—דו? דיין נאָמען אַזוי?!

זי האָט אָנגעשטעלט אויף אים אירע בלויע אויגן, ווי זי וואָלט א פּלוצלונגן נס פאַר זיך דערזען. זי ד׳האָט טיף אָפּגעזיפצט, אויפגעשטאַנען, און אַלץ נאָך געקוקט אויף אים.

— איצטער ווייס איך שוין אַלץ. איצטער קען איך שוין גיין. א נס איז געשען! לאָז מיך איצטער אָפּ. לאָזט מיך גיין. איך ווייס וואו דיך צו זוכן. פאַרגעס מיך מער ניט, מיין טייערער...

און אַזוי, מיט חידוש אין די אויגן, צו דניאלן, האָט זי הינטערווייליקס צו דער טיר, געעפנט און איז פאַרשוואונדן פון דניאלס אויגן.

דניאל איז געבליבן אַ פאַרגליווערטער. ער האָט נאָר געפילט, אז איצטער טאָר ער איר ניט נאָכגיין. א צו וויכטיקן סוד האָט זי איצטער פאַר אים אנטפּלעקט. זיין נשמה האָט זי אים אומגעקערט. פּנים־אל־פּנים איז ער געשטאַנען פאַר זיין חלום.

אים האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבן שטאַרק צו קלעמען. אַ ליכטיקע האָפענונג האָט זיך ווי א רעגנבויגן נאָך א זומערדיקן שלאָקס רעגן אויס־געבויגן איבער זיין קאָפּ. מער קען ער ניט באַהאַלטן דעם סוד. ווען שלמה וואָלט איצטער אין שטוב געווען, וואָלט ער אים ארומגעכאפּט און אָנגעהויבן זינגען און טאַנצן, „זאָל שלמה מיינען, אז דניאל איז משוגע געוואָרן!" כאָטש די פענצטער זיינען ארויסגעקומען צום שמאָלן, האַלב־פינצטערן ד׳הויף, פונדעסטוועגן האָט ער מיט די אויגן זיך איינגעגעסן אין די שויבן. אפשר איז זי דאָרט הינטערן פענצטער.

— דניאל האָט געהייסן איר קינד! האַ־ד׳האַ, ביי די רוסן איז דאָך אויך פאַראַן א נאָמען דאַנילאָ... געשטאָרבן! פאַרוואָס האָב איך ניט געפרעגט, אפשר איז זי אין נויט?

מיט דידאָזיקע מחשבות האָט ער געשפּאַנט אויף־און־אָפּ, אַלע ווײלע אריינגעקוקט אין די פענצטער, אימעצן אויסגעקוקט. ער האָט בשעת מעשה פאַרגעסן, אַז ער איז אין דער היים פון די פיר קינדער: נתן, שלמה, זכריה און קריינדל. ווי אין א שטייג האָט ער זיך דערפילט. „לאָז מיך גיין, פאַרגעס מיך מער ניט, אזוי האָט זי באַפוילן!" ער האָט געוואַרט און געוואַרט, ביז קריינדל איז אריינגעקומען, פאַרוואונדערט אָנגעקוקט, ניט געגלויבט אירע אייגענע אויגן, ווען זי האָט אין טונקעלן צימער דערזען דניאלן.

דניאל ד׳האָט זיך א ריס געטאָן פון אָרט, געלאָפן אנטקעגן קריינדלען, זי אַרומגעכאַפּט, געקושט און געהאַלדזט.

— וואָס איז געשען, דניאל? פונוואַנען האָסטו זיך גענומען?

— אוי, קריינדל, קריינדל, ווען דו ווייסט וואָס מיט דיין ברודער דניאל איז פאַרלאָפן!

— פאַרוואָס באַוויזטו זיך ניט, דניאל, האָסט מורא כ׳וועל דיך מאַכן פאַר אַ קבצן?

— פאַרדינסט אן עבירה איצטער, קריינדל. כ׳בין געקומען דיך פרעגן, אפשר איז דיר ענג מיט דער הוצאה, יאָ, קריינדל, כ׳האָב זייער א גוטן

זומער. קלער, אפשר ווינטערצו גאָר אויפהערן פעדלען, און אַליין עפענען אַ סטאָר.

— ס׳איז גוט צו זען כאָטש איין ברודער אַ פריילעכן. דערצייל, מסתמא איז דאָך ניט אומזיסט, אז דו ביסט אַראָפּגעקומען! ווייסט, אַ בריוו איז אָנגעקומען פון הילל. ער איז ביי אַ פּאַרמער מיט טאַראַסן. ער האָט געהאָלפן איין שניטצייט, און איצטער שרייבט ער, אים געפעלט דאָרטן צו בלייבן. וויל ניט קומען צוריק קיין ניו־יאָרק. און אשר, יאָ, אפשר האָסטו אשרן געזען? שוין אַ פּאָר וואָכן ווי ער איז ניט מיטן טאַטן. ווייזט זיך ניט פאַר די אויגן. אוועק, און האָט אפילו קיין פּאַר ווערטער ניט איבערגעלאָזט.

— אַזוי גאָר, וואָס כ׳הער! מ׳איז אָפּגעריסן איינס פון אַנדערן. זעסט אויס זייער גוט, קריינדל. אַרבעטסט... יאָ, קריינדל, דו האָסט גערעדט נאַרוואָס. איך רעד, אָבער איך הער אַליין ניט וואָס איך רעד.

— קום, זעץ דיך אַנידער, דערצייל מיר, אפשר קלייבסטו זיך גאָר חתונה האָבן? וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן?

— דיר האָב איך געדאַרפט אַלץ דערציילן, ווי כ׳וואָלט עס פאַר דער מאַמען דערציילט, ווען זי לעבט. יאָ, קריינדל, כ׳וועל אפשר חתונה האָבן!

— מיט וועמען?

— כ׳ווייס אַליין ניט דערווייל מיט וועמען.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט קריינדל אַ לאַך געטאָן, ארומגענומען דניאלס קאָפּ און אַ קוש געטאָן.

— יאָ, קריינדל, ביסט אַ מיידל. אפשר טאַקע דו וואָלסט געדאַרפט געוואויר ווערן פון אַלץ. פרעג שלמהן, ט׳ער דיר זאָגן מיט וועמען.

— פאַרוואָס דוקא שלמהן?

— טאָ פרעג ניט, פרעג ניט, קריינדל. זי וועט נאָך אפשר אַמאָל קומען אַהער.

ער האָט ארומגעכאַפּט קריינדלען און גענומען מיט איר טאַנצן איבערן צימער.

קאַפּיטל צוועלף

ביי די חלפנס אין שטוב האָט זיך פאַרזאַמלט די גאַנצע משפּחה. אַריבער אַ יאָר זינט די עלטערע חלפנס זיינען אַריבערגעקומען קיין אַמע־ריקע. פאַרן יאָר האָבן זיי געהאַט אַ סך נחת און אַ סך עגמת־נפש.

פון די פּאָר קינדער וואָס האָבן פאַר די עלטערע אויסגעלייגט דעם וועג קיין אַמעריקע, פון לייבלען און וועלוולען ד האָבן זיי געקליבן נחת, וואָס האָבן באַוויזן פאַר אַ קורצער צייט אויפצובויען אַ גרויסע שפּע, באַ־שעפטיקן אין זייערע „סוועט־שאָפּס" קרוב צו זיבעציק נפשות. און עגמת־נפש האָט מען געהאַט פון דער עלטערער טאָכטער, פון דער גרעסטענער מלכהן, וואָס האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין דעם עלטסטן זון לוריאַס, נתנען. וואָלט עס נאָך קיין בייז ניט געווען. „אַ לייטישער בחור" — ווי די מאַמע חלפן האָט אויף אים געזאָגט. אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז ער האָט „אַ קאָפּ מיט ווינט" — ווי דער טאַטע חלפן האָט וועגן אים גע־טראַכט — „מלכהן האָט ער פון גלייכן וועג אַראָפּגעפירט. אַנשטאָט צו זיין אַ באַלעבאַטיש קינד, האָט זיך געקענט לערנען וויפיל ס'האַרץ האָט געגלוסט, האָט זי גענומען און איז אַוועק אַרבעטן! נאָך אַ שטיק גליק, וואָס זי איז אַוועק אַרבעטן אין אַן אַנדער שאָפּ אויף אַן אַנדער גאַס." און דעריבער וואָרגט מען זיך מיט אים אין חלפנס שאָפּ, כאָטש מען ווייסט, אַז „נתן לוריא וועט נאָך גענוג צרות אָנטאָן."

— ער איז אַ טראָבלמאַכער!

אַזוי האָט לעאָנאַרד אויף נתנען געזאָגט.

— אַ גליק, וואָס ער שטודירט ביינאַכט, אפשר וועט ער ווערן אַ דאָקטער און איינגאַנצן זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ זיינע נאַרישקייטן.

מען האָט געקלערט וועמען נאָך פון די לוריאַס אויסער נתנען, זאָל מען איינלאַדן. דער פאָטער חלפן האָט געוואָלט, מ'זאָל פאַרבעטן ישראל לוריאַן אויך. „פּאַרט אַ טאַטע, כאָטש די קינדער ד'האָבן זיך אויף אים אָנגעברוגזט". אין דער לעצטער רגע איז געבליבן, מ'זאָל נתנען אַליין פאַרבעטן, כאָטש מען איז גאָרניט געווען זיכער, צי ער וועט קומען, אויב ער וועט זיך נאָר דערוויסן, אַז מען רופט אים האָבן אַן ערנסטן שמועס צוליב מלכהן. אַגב, איז מען ניט געווען גאָר זיכער, צי מלכה וועט אויף דעם מסכים זיין. אַ גאַנצן טאָג האָט מען געוואַרט נתן זאָל קומען. פאַרנאַכטצו האָט מען שוין אָנגעהויבן חושד זיין, אַז מלכה אַליין האָט ניט דערלאָזן ער זאָל קומען. מלכה איז אויך אַ גאַנצן טאָג ניט געווען אין שטוב. ווען זי איז קעגן אָוונט אַריינגעקומען, האָבן אַלע שטובלייט אָנגע־שטעלט אויף איר ברוגזע אויגן.

מלכה האָט עס באַמערקט:

— כ'בין נאָך דערוויל ניט באַגאַנגען אַזאַ פאַרברעכן, וואָס איר זאָלט אַזוי קרום קוקן אויף מיר.

מלכה האָט עס מיט אַ שטרענגער מינע ארויסגעזאָגט, און איז אריין אין צווייטן צימער.

עס איז אַנגעשטאַנען אַ שטילשוויגן, מען האָט געוואַרט ביז מלכה וועט ארויסקומען צוריק.

מלכה איז אַרויסגעקומען פון צווייטן צימער, מיט א סך חשיבות אין איר ווענד־און־קער, האָט זי אַ פּאָר מאָל דורכגעשפּאַנט די לענג און ברייט פון צימער, און זיך אַנידערגעזעצט נעבן דער מוטער.

די מוטער נעכע, האָט מלכהן צוגעבויגן צו זיך, אַ קוש געטאָן אין שטערן, און פאַרזיכטיק געפרעגט:

— וואָס, מיין טאָכטער, ער'ט ניט קומען?

— ווען מען מיינסטו?

—כאַ־כאַ־כאַ, זי מאַכט זיך ניט וויסנדיק! — האָט דער פאָטער אַ פּירסקע געטאָן — וואָס, האָסט אים ניט געזאָגט, אַז טאַטע־מאַמע ווילן אים זען?

— וואָס קוקט איר מיך אָן מיט אַזאַ כעס? סיידן איר ווילט, כ'זאָל גאָר אינגאנצן אוועק פון שטוב. איר קענט עס ביי מיר אויספירן!

דאָס האָט אַלעמען געטראָפן ווי מיט אַ שווערן שטיין אין קאָפּ. קיינער האָט עס ניט דערוואַרט פון מלכהן צו הערן. די מאנצבילן האָבן זיך דורכגעוואָרפן מיט די בליקן; און די ייִנגערע שוועסטער איז, מיט אַן אַנגעצונדענעם פּנים, איבערגעגאנגען צו מלכהן, איר א קוש געטאָן אין באַק און זיך אַנידערגעזעצט נעבן איר.

מאיר חלפן איז צעטומלט געזעסן, געקייט א שפּיץ פון זיין געלער באָרד. ער האָט געפּרואווט צעקייען, וואָס דאָ אין אמעריקע קען זיך נעמען אַ טאָכטער און אַזוי־אַ אַ זאַג טאָן. „אינדערהיים, אין ראַסיי, פאַר אַזאַ ענטפער וואָלט איך איר אויסגעפּאַטשטביידע באַקן."

האָט מאיר חלפן אויפגעד־הויבן די אויגן צו די געראָטענע זין, געוואַרט, זיי זאָלן ארויסזאָגן דאָס קלוגע וואָרט. ער האָט באַמערקט, ווי זיין געראָטענער זון לעאָנאַרד זיצט א דערשלאָגענער. ער ווישט דעם שווייס פון שטערן, „אפנים אַנטקעגן א מיידל איז אין דער גאָלדענער מדינה... נע!"

מלכה אליין איז געקומען צוהילף, און האָט ווייטער גערעדט:

— כ'ווייס דאָך צוליב וואָס איר האָט געפּרופן אהער נייטן לוריאַן. זאָג איך אייך, אויב ער וועט אַהער קומען, זאָלט איר פון אים ניט דערוואַרטן, ער זאָל אייך עפּעס צוזאָגן. איר ווייסט דאָך אליין ניט וואָס איר ווילט פון אים.

— פון אים ווילן מיר גאָרניט. מיין טאָכטער, — האָט נעכע אַ באַטריבטע שטיל געזאָגט.

— אוודאי איז ער באַלעבאָס אויף זיך אליין. ער האָט שוין לאַנג געוואָלט אוועקגיין ארבעטן אין אַנדער שאָפּ, לעאָנאַרד אַליין לאָזט אים ניט אָפּ. — האָט מלכה א שמייכל געטאָן אויף לעאָנאַרדס זייט.

— ווען ער וואָלט געווען באָס אויף זיך אַליין, וואָלט ער מיך ניט געטראָבלט. כ׳ווייס, אַז ער אַליין וואָלט אַזאַ חוצפּה ניט געהאַט.

לייבל חלפן איז אַ בלאַסער אויפגעשטאַנען פון אָרט און אָנגעהויבן שפּאַנען אויף־און־אָפּ.

— אויף וועמען, לעאָנאַרד, נאָך איז ער באָס? — דאָס האָט אים מלכה געפרעגט און נאָכגעקוקט.

לייבל האָט זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן מלכהן, מיט ביידע הענט אין די הויזנקעשענעס, האָט ער איר אַריינגעזאָגט גלייך אין פּנים אַריין:

— ווילסט דווקא וויסן איבער וועמען נאָך ער איז באָס?

— יאָ, כ׳וויל עס טאַקע וויסן!

— איבער דיר, מיין שוועסטער, איז ער שוין לאַנג באָס. ער וויל נאָך ווערן באָס איבער מיין שאָפּ. וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן, מילדרעד? כ׳מיין וואָס איך זאָג. אויב ער איז אויף דיר באָס, איז עס דיר דיין עסק. ווייס איך, אַז אין אַמעריקע זאָגט מען: מאַינד יור אָון ביזנעס. אָבער אין שאָפּ ביי מיר, איז שוין מייגע ביזנעס. כ׳האַלט אָן אויג אויף אים. און אויב דו ביסט זיין פריינט, מעגסטו אים זאָגן, ער זאָל בעסער אינזינען האָבן זיין אייגענע ביזנעס.

— ער האָט אינזינען זיינע ביזנעס.

— וואָס מיינסטו?

— מיט דעם וואָס ער לאָזט זיך ניט עקספּלואַטירן.

— איך צאָל אים גענוג!

— כ׳ווייס, אַז דו צאָלסט אים גענוג.

— וואָס, ניט?

— ס׳איז אפשר אויך זיינע ביזנעס, אויב ער וויל, אַז אין די סוועט־שאָפּס זאָלן מענטשן באַהאַנדלט ווערן ווי מענטשן.

— וויל ער טאַקע יאָ זיין איבער מיר באָס!

— ביי דיר אין שאָפּ איז אַ גענוגער גהינום.

— וואָס מיינסטו?

— פונוואַנען נעמסטו אויף דער הוצאה, שוועסטער מיינע?

— איך אַרבעט, כ׳פאַרדין! און איך בעט דיך, לעאָנאַרד, אַזוי צו מיר ניט צו רעדן! אַלץ אמת, וואָס מ׳זאָגט אויף אייך! — האָט זיך מלכה געהיצט — איך אַרט ניט, ווי אַזוי מענטשן אַרבעטן פאַר אייך. זאָלן די גרינע אויסגעטריקנט ווערן, אויסגעטשאַכנעט ווערן, זאָלן זיי אויסגיין אונטער אייערע הענט...

— שאַ־שאַ! — דאָס האָט איר וועלוול חלפן איבערגעשלאָגן — האָסט ניט אויסגעקליבן דאָס ריכטיקע אָרט פאַר דיינע ריידעלעך. דאָרטן, אויפן „חזיר־מאַרק” איז דיין אָרט! גיי אַרויס, דאָרטן וועלן דיר אַלע לײדיק־גייער אויסהערן, כאַ־כאַ־כאַ.

— ביסט אַ באַלוואַן!

— הער אויף, טאָכטער מיינע!

מאיר חלפן איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, געווישט מיט אַ רויט־געקווייטלטער פאַטשיילע דעם שווייס פון פּנים. גאָר אומגעריכט האָט אויסגעבראָכן די מחלוקת צווישן די קינדער. ער האָט אינדערפרי נאָך

געבעטן, מ׳זאָל זײַן באַזאָכט, מ׳זאָל רעדן מיט שכל. „מ׳זאָל מיט זײַ ניט אײַנרײַסן״. און דאָ, גאָר, אײדער־וואָס, אײדער־ווען, און די קינדער האָבן זיך צעריסן.

מאיר חלפן איז צוגעגאַנגען צו מלכהן, האָט זי ארומגענומען, געקוקט מיט ליבע אין פּנים אַרײַן און געפּרואווט אײַנשטילן איר געמיט:

— כ׳דערקען דיך ניט, טאַכטער מײַנע, צי דאָס מאַכט אַמעריקע פון מײדלעך אַזעלכע יאַטעבעדאַמס? לעאָנאַרד איז גערעכט. ער איז מפרנס אַזויפיל משפּחות, און דו קומסט און רעדסט אַזעלכע דיבורים! ווי איז געווען, טאַכטער מײַנע, אין ראַסיי? דער מענטש וואָס איז בײַ יענעם געווען אויף אַ סלוזשבע, צי ער איז געווען אַ פּראָסטער ראַבאָטשי, צי אפילו אַ געלערנטער מענטש, וואָס, האָט ער דען ניט געאַרבעט! האָסט פאַרגעסן ווי דאָרטן איז? דאָרטן האָט אויך קײנער פאַר אומזיסט ניט געקראָגן וואָס צו פרעסן.

— אָט זעסטו, טאַטע, זאָגסט אויך, אַז פאַר דער פּראַצע האָסטו מענטשן געגעבן וואָס צו פרעסן! ווי אויף בהמות קוקט מען דאָרטן אויף די וואָס אַרבעטן. און דאָ איז נאָך ערגער. דאָ זײַנען די באָסעס פּיאַווקעס, אָט וואָס זײ זײַנען! יאָ־יאָ, קוק מיך, לעאָנאַרד, אַזוי ניט אָן, איך אַרבעט איצטער. איצטער האָב איך אַ באָס, אַ בעסערן באָס ווי דו, מיסטער חלפן! פונדעסטוועגן ווײס איך, ווער איז דער בלוטזויגער, און ווער סע טשאַכ־נעט!

בײַ די ווערטער האָט מלכה אַ כאַפּ געטאָן איר היטעלע אויפן קאָפּ, און אַרויסגעאײַלט פון שטוב.

— צוליב וואָס און ווען דיהאָט מען געדאַרפט? — האָט די דראָבנע נעכע געגומען פּינטלען מיט די אויגן, כדי די טרערן־טראָפּן זאָלן אַרויס־פאַלן פון אונטער די אויגן־לעפּלעך.

כמעט אין דער אײגענער צײַט, אויפן „חזיר־מאַרק״, אַרום העסטער און עסעקס סטריט, וואו „הענט״ זוכן אַרבעט, — דאָרטן האָט זיך גע־יאַרידלט. אין ענגשאַפט האָט מען זיך געריבן אײנס אָן אַנדערן, אַרומ־גערעדט אַלטע גליקן, און געשאָלטן די קומענדיקע טעג. נתן לוריא האָט געפּרואווט פאַרשפּרײַטן צווישן די גרינגע זײַנע „געדאַנקען״, וואָס האָבן אים די לעצטע צײַט קײן רו ניט געגעבן. אַ אײנערלעכע שטים האָט אים געשריגן און געמאָנט מעשים: „אָט, טראַכסטו ווי אַזוי צו מאַכן אַ גאַנצע איבערקערעניש אין די סוועטשאַפּס, פונדעסטוועגן האָסטו אַלײן נאָך ניט באַוויזן אפילו אײן שריט צו מאַכן און באַווײַזן דעם באָס וואָס ער איז. בלויז אײנמאָל, ווען דו ביסט נאָך געווען אַ גרינער, האָסטו די חלפנס אָנגערופן מיט די אמתע נעמען — וועלף, האָסטו זײ אָנגערופן, און איצטער האַלטסטו ס׳מויל!...״

אַזוי האָט ער די לעצטע צײַט, אין די פרײַע יום־טוב־טעג זיך אַרומ־געדרײַט גאַנץ אָפט אויפן „חזיר־מאַרק״, אַרײַנגעשמעקט אַהין, וואו עס איז ענג, געזוכט אַ געלעגנהײַט אַראָפּצורעדן פון האַרצן, וואָס האָט אים אַזוי שטאַרק געדריקט:

— מיט וואָס איז דער דאָזיקער מענטשן־מאַרק, וואו מיר פאַרקויפן אונדזערע הענט, אונדזער לײַב־און־לעבן, מיט וואָס איז דאָס טאַקע

אַנדערש פון דעם היימישן חזיר־מארק? אפשר דאָס, וואָס די פויערים האָבן אויפן מארק די חזירים צוגעבונדן ביי אַ פוס מיט אַ שטריק צום ראָד פון וואָגן, געוואַרט אויפן קונה וואָס זאָל דעם חזיר קויפן, און דאָ שפּאַנען מיר ארום פראַנק־און־פריי? קאַרג פּאַר זיי, מ׳זאָל ארבעטן נאָר צען שעה פּאַר די דריי דאָלער וואָס מע קריגט?! און די שעפּער אליין... איז ווערט געווען צו קומען אַהער אין דער גאָלדענער אמעריקע, כדי צו כאַפּן טשעכאָטקע, שפּייען מיט בלוט, פּאָכען מיט מיט דער נשמה און לויפן אין שפּיטאָל אריין?

דער עולם גרינע, מיט דעם אייגענעם טעם, ווי בשעת מען הערט אַ גוטן מגיד, דער קאָפּ געבייגט צום בעל דרשן, און מיט אַ ליבער וואַרימ־קייט ארום האַרצן, האָט זיך איינגעהערט צו נתנס ווערטער.

נתן האָט עס באַמערקט, און ער האָט אויפגעהויבן זיין שטים:

— לאָזט ניט, די פּיאַווקעס זאָלן פון אייך דאָס בלוט אויסזאָגן! לאָמיר זיי באַווייזן די בלוטזויגער וואו זייער אָרט איז. מאָרגן גייט מען ווידער צוריק אין די שעפּער ארבעטן, זאָלט איר זשע וויסן, אַז אין תפיסה אריין קערט מען זיך אום! לאָזט זיך ניט, מ׳זאָל אייך ווי חזירים באַ־האַנדלען!

אין דעם מאָמענט זיינען פון הינטן־אַרום צוגעקומען צוויי פּאַרדעכ־טיקע יונגען. איינער דהאָט מיט אַ זאַמד־זעקל אַ שווערן זעץ געטאָן נתנען איבערן קאָפּ. נתן איז אין אוממאַכט אַוועקגעפאַלן ווי אַן אונטער־געשניטענער. ווען ער איז שוין געלעגן אויף דר׳ערד, האָט אים דער אַנדערער נאָך עטלעכע מאָל מיטן שטיוול אַ קאָפּע געטאָן גלייך אין פּנים אריין. נתנס פּנים האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט. ס׳איז געוואָרן אַ גרויסע סומאַטאָכע צווישן די פאַרזאַמלטע, און דערווייל זיינען די צוויי שלעגער נעלם געוואָרן. ס׳איז אונטערגעקומען אַ שווערער פּאָליסמאַן, אָנגעהויבן אויספרעגן — ווער־און־וואָס. האָט זיך דער עולם צוביס־לעכווייז גענומען אָפּרוקן אָן אַ זייט. דער עולם, אַ פאַרבליפטער, איז צערונען געוואָרן.

נתן האָט אויפגעעפנט די אויגן, האָט זיך אויפגעזעצט און פאַרווירט געקוקט ארום זיך. דער שווערער פּאָליסמאַן האָט נתנען גענומען אונ־טערן אָרעם, אים אויפגעשטעלט, און געפרעגט ווער ער איז. נתן האָט געבעטן, מען זאָל אים ארויספירן צו די לוריאס אויף לודלאָו סטריט.

ווען נתן, אַן אונטערגעבראָכענער, בלאַס און מיט בלוט־צייכנס אויפן פּנים, האָט אָנגעקלאַפּט און איז אריינגעקומען אין שטוב, איז אין שטוב בלויז ריווטשע אליין געווען. ישראל לוריא האָט זיך געפונען אין אַ באָגטן מנין. הינטער דער טיר האָט זיך נתן געשטאַרקט און באַפרייט פון די פּאָר מענטשן, וואָס האָבן אים געהאָלפן זיך דערשלעפּן צו די לוריאס. אָבער אריינקומענדיק אין שטוב האָבן אים גאָר די כוחות פאַרלאָזן, ער איז אַנידערגעפאַלן אויף אַ בעט וואָס איז געשטאַנען ביים אריינגאַנג צום צווייטן צימער. ער איז געבליבן ליגן מיט צוגעמאַכטע אויגן, ווי גאָרניט באַמערקט, אַז אימעצער איז דאָ פאַראַן אין שטוב.

ריווטשע איז געשטאַנען אַ צעטומלטע, ניט באַגריפן וואָס דאָ קומט פאָר. צי איז דאָס אַ חלום, צי איז דאָס וואָר. נתן, דער גלייכער און

שטאָלצער, דער זויבערער, און מיט אַזויפיל חשיבות, איז אַריינגעקומען אַן אויסגעשמירטער, אונטערגעבראָכענער, און מיט אַ צעשלאָגענעם פּנים. אין דער ערשטער רגע האָט זי געגאַרט אַרויפצופאַלן אויף אים מיט גאָר דער ליבשאַפט, ווי אַ מאַמע, וואָס האָט פאַרגעסן אַכטונג צו געבן אויף איר קינד, און מען האָט עס צעשלאָגן אין גאַס. אָבער אַ אינער־לעכער כוח האָט זי אָפּגעהאַלטן. אַ פאַרגליווערטע איז זי געשטאַנען אין מיטן צימער, און מיט ברייט־אויפגעעפנטע אויגן געקוקט צום געלעגער, וואו נתן איז אַזוי אומגעריכט און מיט אַזאַ אויסזען אַוועקגעפאַלן.

נתן האָט אויפגעעפנט די אויגן, האָט אַ בלאָסן שמייכל געטאָן צו איר, און געזאָגט:

— שרעקט זיך ניט, דאָס איז דאָך נתן אײַער זון... אַ שלעכט קינד, האָט געכאַפּט קלעפּ אין גאַס.

ריווטשען האָבן זיינע ווערטער גאָר צענומען, און אָנשטאָט צוצוגיין צו אים, פרעגן וואָס אים איז, אפשר דאַרף מען אים מיט עפּעס העלפן — האָט זי מיט די הענט פאַרדעקט איר פּנים, אַריינגעאיילט אין צווייטן, פינצטערן צימער, און שטיל זיך געשטיקט מיט געוויין.

נתן האָט עס געשפּירט. ס'האָט אים אויפגעמונטערט, און געוועקט אַ טיפן ווייטיק אַרום הארצן. ער איז געקומען צו זיך. ער האָט פון געלעגער באַטראַכט דאָס גאַנצע צימער און די סמנים פון שאַפּ. ער איז יעמאָלט אַוועק פון שטוב אינאיינעם מיט קריינדלען נאָך איידער דאָ איז געוואָרן אַ סוועטשאַפּ. ער האָט איצטער נאָך צייט געהאַט אַ בליק צו טאָן אויף ריווטשען, איידער זי האָט אַרויסגעאיילט פון צימער, און אים איז געווען אַ חידוש אויף זיך אַליין — הלמאי ער האָט זיך אַזוי דער־ווייטערט פון טאַטן און פון דער רויטהאָריקער ריווטשען, וואָס האָט ביי זיין פאָטער ישראל לוריאן פאַרנומען ס'אָרט פון זיין מאַמען.

ריווטשעס פּנים האָט זיך אויסגעצויגן, קענטיק, אויף איר האָט זיך אָנגעלייגט דער לאַסט פון נייעם לעבן, כאָטש זי האָט איצטער ניט אויס־געזען עלטער פון אירע צוואַנציק יאָר. נתן איז געוואָרן אומגעדולדיק, וואָס ער ליגט דאָ, ער פילט זיך שוין בעסער, און זי דאַרטן, אין פינצטערן צימער. אים איז קלאָר, אַז זי וויינט דאָרט אינדערשטיל, אָבער אַראָפּ־גיין פון בעט און גיין אַהין, פילט ער, איז איצטער ניט די צייט. ער איז דאָך ניט אַריין אַהער מיט איר צו פאַרברענגען אָדער פאַרגרינגערן איר געמיט. ס'האָט אַזוי געטראָפן, ער אַליין באַגרייפט ניט, ווי אַזוי ער איז איצטער אַהער אַריינגעקומען, און ליגט אַ צעשלאָגענער דאָ אין שטוב. און צוליב דעם טאַקע וואָס ער איז דאָ אַזוי אומגעריכט, ווירקט עס אויף אים, ער זאָל קומען צו זיך שנעל. דער געררויש וואָס האָט אָנגע־האַלטן אין קאָפּ נאָכדעם ווי ער איז געקומען צו זיך, איז שוין כמעט אינגאַנצן אַוועק. ניט מער, וואָס די רעכטע באַק שמאַרצט זייער און ווערט מיט יעדער רגע ערגער.

ריווטשע איז אַריינגעקומען. ניט געוועזן צו דערקענען אויף איר, אַז זי האָט געוויינט. גאָרניט פרעגנדיק וואָס מיט אים איז געשען, האָט זי פריער צעוואַשן אירע אייגענע הענט, האָט אָפּגעריסן אַ שטיק פון אַ ריינעם ליילעך, האָט עס איינגענעצט אין וואַסער, צוגעגאַנגען צו נתנען,

זיך שטיל צוגעזעצט נעבן אים, און אָנגעהויבן אַרומוואַשן די וואונדן אויף זיין באַק. זי האָט עס געטאָן מיט דער גרעסטער פּאַרזיכטיקייט. דערנאָך האָט זי געלאָזן די ריינע זייט פון טיכל ליגן אויפן באַק, צוגעדעקט די וואונד.

— פאַרוואָס פרעגט איר ניט וואָס מיט מיר האָט זיך פאַרלאָפן? — האָט נתן, מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן, געפרעגט.

— כ׳ווייס ניסט וואָס צו פרעגן. מיר דוכט זיך, אַז דאָס אַלץ איז א חלום. עס גלויבט זיך מיר ניט, אַז נתן איז ביי מיר אין סטוב. און מיר גלויבט זיך ניט, אַז נתן זאָל אריינקומען א צעסלאָגענער.

— מ׳האָט מיך געשלאָגן דהלמאי איך קום ניט אהער.

— כאַ־כאַ־כאַ, דערפאַר ט׳אייך קיינער ניסט סלאָגן. דאָ, אין אמעריקע סלאָגט מען זיך ניסט קיין הטאתי אין האַרצן פאַר אַזאַ עבירה.

ריוּוטשע איז ווידער שטיל געבליבן, מיט ערנסטן נייגער האָט זי אים אָנגעקוקט, געוואָלט זיך דערשלאָגן צום סוד וואָס רינגלט איצטער ארום דעם מענטשן נעבן וועמען זי זיצט. ..

— אַ שאָד וואָס דער טאַטע איז ניסטאָ, ער וואָלט זיך סטאַרק געפרייט וואָס איר זייט אריינגעקומען.

— אפשר וואָלט ער זיך געפרייט, וואָס חברה שלעגער האָבן זיין זון צעשלאָגן, הלמאי ער האָט גערעדט צו אַרבעטער, זיי זאָלן זיך ניט לאָזן אויסזויגן דעם גאַנצן קליאָק פון די ביינער.

ריוּוטשע איז מיט אמאָל רויט געוואָרן. א פארחידושטע, האָט זי נאָך אַמאָל אָנגעהויבן באַטראַכטן נתנס פנים.

— איר גלויבט ניט, אַז דערפאַר האָט מען מיך געשלאָגן?

— איך ווייס איצטער אליין ניסט וואָס צו זאָגן. בין גאָר אינגאַנצן צעטומלט.

— כ׳בין געשטאַנען אויפן חזיר־מאַרק און אריינגעטענהט צו די גרינע וועגן זייער פינצטערן מצב, האָב איך דערפאַר געקראָגן. ווי אין אַמאָליקן מצרים האָט מען באַשטראָפט די בונטאָווּשטשיקעס, וואָס האָבן אויפגעדעקט פאַר די קנעכט זייער ביטערן מצב.

— איז דאָס אפנים אמת...

— וואָס מיינט איר?

— מ׳האָט געסמועסט, אַז די חלפנס דהאָבן געדונגען סלעגער.

— נו, וועט עס מיין טאַטע אויך טאָן, וועט ער אויך דינגען שלעגער?

ריוּוטשע האָט זיך דערשראָקן, און אַביסל זיך אָפגערוקט פון נתנען.

— וואָס האָט איר זיך אָפגערוקט פון מיר? בין געוואָרן א האַרטער מענטש, וואָס איך האָב אַזאַ זאַך געפרעגט. כאַ־כאַ־כאַ, ווער ס׳וויל דאָ ניט ווערן ווי א שטיק פאַרפוילט האָלץ, דער מוז פאַרהאַרטעוועט ווערן.

— דאָס איז עפּסער אמת.

— וואָס מאַכט דער טאַטע?

— איך ווייס ניסט.

— אָוואו איז אשר?

— אשר... כ׳האָב אים ניסט געזען מער ווי א כיידעס.

נתן האָט זיך אויפגעזעצט, און אָנגעשטעלט די אויגן אויף ריוּוטשען.

— אַוודאַי איז ער סיין מער ווי אַ כּיידעס דאָ ניטאָ. געמיינט, איר ווייסט וואו ער איז.

— וואָס הייסט ער איז ניטאָ? וואו איז ער דען?

— כ׳ווייס ניסט.

ריווטשע איז געבליבן זיצן מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— וואָס איז די מעשה מיט אים? פאַרוואָס ווילט איר מיר גאָרניט דערציילן?

קריינדל ווייסט. — האָט ריווטשע אַרויסגעזאָגט מיט אַ פאַרשטיקטער שטים און די אויגן ווי פריער ניט אויפגעהויבן.

נתן האָט צו איר אָפּיר געקוקט, אַלע חושים אָנגעשפּיצט אויס נייגע־ריקייט, געוואַרט וואָס ריווטשע וועט ווייטער דערציילן.

ריווטשע האָט אויפגעהויבן די אויגן, ערנסט און מיט זאָרג געזאָגט:

— איר מיינט, אַז איר וועט אויסבעסערן די לאַגע פון אַרבעטער אין סוועט־סאָפּ, און איר זעט ניסט קיין נענטערע זאַכן. אויף איין אָרט ווילט איר פאַרהיטן מ׳זאָל ניסט נאָגן קיין אומזיסטיקע בלוט, און ערגעץ אַנדערש־וואו פאַרגיסט איר אַליין בלוט.

— פאַרוואָס מעג קריינדל יאָ וויסן?

— אָ, קעראַלאַין, איר ווייסט אַליין ניסט וואָס פאַר אַ סוועטער איר האָט. אייער ברודער אָסער האָט געמאַכט אַ קליינעם מיסטייק. איז ער אַוועק פון סטוב און מער ניסט געקומען. דער טאַטע זיינער ווייסט ניסט פון דעם. ער מיינט, אַז אָסער איז מיט אייך. קעראַלאַין ווייס, אַז אָסער איז אַוועק.

נתנען איז אַזש אַ שווייס אַרויס אויפן שטערן. ער האָט אַ פאַר־גאַפטער אָנגעקוקט ריווטשען, גלייך ווי צום ערשטן מאָל וואָלט ער זי איצטער געזען, זי איז מיט אַמאָל דערהויבן געוואָרן אין זיינע אויגן. עפּעס האָט נתן געאַנט וועגן זיין ברודער אשר. ער האָט זיך געשטאַרקט, באַדאַנקט ריווטשען, אויסגעגלעט אויף זיך די מלבושים, און זיך געקליבן אַוועקגיין.

* * *

נתן לוריא האָט געשפּאַנט פון זיין טאַטנס דירה צו זיך אַהיים. ער האָט פאַרגעסן אָן דער וואונד אויפן פּנים, אָן דעם שטומפן ווייטיק אין קאָפּ, וואָס דער זעץ מיט אַ זאַמד־זעקל האָט אים איבערגעלאָזן. די נייס וועגן אשרן, וואָס נתן האָט זיך ביים טאַטן אין שטוב דערוואוסט, און די סיבה צוליב וועלכער אשר האָט „עוקר" געוועזן, האָט נתנען אונטערגע־שווענקט פון אָרט. ריווטשע האָט אים געדרייסן פרעגן ביי קריינדלען, וועט ער זיך דערוויסן וואָס ס׳איז פאַרלאָפן, איילט ער צו קריינדלען.

ווען נתן איז אַריין מיט דעם ברייטן בלוט־פלעק אויף דער בלאַסער באַק — איז קריינדל, אָן אָנגעצונדענע, אויפגעשפּרונגען אים אַנטקעגן. תחילת האָט זי געמיינט, מיט נתנען האָט געטראָפן דאָס אייגענע וואָס מיט אַ צייט צוריק האָט געטראָפן מיט דניאלן, בעת ער האָט געפּעדלט אַרום איסט־ריווער, און אַ „באָם" האָט אים אַן אויג אונטערגעשלאָגן.

— וואָס איז געשען? האָ, נתן, ווער׳ט עס דיר געטאָן?

— זיי ניט אַזוי דערשראָקן, קריינדל. בין געפאַלן.

— וואו ביסטו געפאַלן, האַ?

— וואָס קוקסטו מיך אָן אַזוי דערשראָקן, כ׳וועל גאַנץ זיין, כאַ־כאַ־כאַ. נאַרישע מויד, קום צו מיר. כ׳בין געווען אויף יידישע באַריקאַדן אויפן חזיר־מאַרק.

— אוי, כ׳ווייס שוין! — האָט זיך קריינדל געכאַפּט פאַרן קאָפּ — כ׳ווייס שוין אַלץ!

— וואָס ווייסטו, נאַרישע מויד?

— זיי האָבן אונטערגעשיקט אַ באָם דיך צו שלאָגן.

— ווער, וואָס?

— איך ווייס!

— ווער האָט אונטערגעשיקט שלעגער, חלפן?

— פון דאָרטן וואַקסט עס! כ׳וועל עס אים פרעגן. וועל אים גלייך אין די אויגן אַריינקוקן און פרעגן! לייג זיך צו, נתן, לייג זיך, אָט אַזוי, כ׳וועל דיר אַרומבינדן דעם קאָפּ.

— לאָז מיר, קריינדל, אַזוי אַביסל ליגן.

אין שטוב, אויסער זייביידן, איז קיינער ניט געווען. אויפן וואַנט האָט געברענט אַ קעראָסין־לעמפּל, און ס׳האָט זיך געשפּרייט די פּוסטקייט אין צימער. נתנען איז אַריין אין קאָפּ קריינדלס השערה, אַז פון די חלפנס האָט מען אונטערגעשטעלט אים אַנצוברעכן די ביינער. „זי איז אַ חכמה״ — איז אים דורכגעלאָפן אַ מחשבה אין קאָפּ, און פון אונטער די ברעמען האָט ער מיט וואַרימקייט אָפּירגעקוקט צו קריינדלען.

קריינדל איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיטן פּלייצע אָן קאָמאָד, אַריבער־געקוקט צו נתנען, אַ שווערער געפיל האָט זי געצויגן צום דיל. דער חשד אויף די חלפנס ווערט צוביסלעך פאַרטונקלט אונטער דעם אָנפאַלי פון אַלערליי געמישטע מחשבות. „נתן זאָל אַזוי צעשלאָגן ווערן... מיט אַ שטיוול אין פּנים!״ אַ שוידער שניידט דורך איר לייב. און באַלד לויכט אויף אַ געפיל פון שטאָלץ. אין אים, אין נתנען, האָט זי אַ סך אמונה. אפילו דאָס, וואָס ער האָט געווירקט אויף דער „געפּיעשטשעטער מלכהלן״, זי זאָל אַוועק אַרבעטן און ניט אָנקומען צו אירע ברידער, אפילו דאָס וועקט ביי איר גוטע געפילן צו איר ברודער. זי גאַרט צו פאַרציען אַ שמועס מיט נתנען. אויספרעגן איינצלהייטן ווי אַזוי איז דאָס אַלץ געשען, אָבער זי באַמערקט, אַז נתן האָט צוגעמאַכט די אויגן און איז איינ־געשלאָפן.

איצטער איז נתנס פּנים גאָר אינגאַנצן אויסגעלאָשן געוואָרן. אַש־גרוי. דאָס אָרימע ליכט פון קעראָסין־לעמפּל האָט אַרום אים געשפּרייט שאָטנס, אַ געדריקטע שטילקייט האָט געהערשט.

— פאַרוואָס באַהאַלט איך פון אים אַזויפיל סודות? — פרעגט ביי זיך אַליין קריינדל — פאַרוואָס האָב איך אים ניט דערציילט אין צייט, אַז דער טאַטע קלייבט זיך חתונה צו האָבן? און פאַרוואָס האָב איך אים איצטער ווידער ניט פאַרטרויט דעם סוד, וואָס אשר האָט אָפּגעטאָן, און איז אינגערעצן פאַרשוואונדן געוואָרן?

און ווען קריינדל קוקט אַריבער פון איר פּלאַץ צו נתנען — קומט איר אויפן זינען מלכה חלפן:

— ווי וואָלט זיין, ווען זי קומט אַהער און געפינט נתנען אין אַזאַ מצב? און אפשר, ווען זי דערוווירסט זיך נאָך, אַז אירע ברידער האָבן אַנגעשטעלט שלעגער...

קריינדל דערשרעקט זיך פאַר דעם חשד. איר פאַרדריסט, הלמאי זי האָט עס גאָר ארויסגעבראַכט פאַר די ליפּן. ס׳קען דאָך ניט געמאָלט זיין, מענטשן זאָלן אַזוי נידעריק פאַלן. כאָטש זי האָט שוין געהערט אין איר שאָפּ אויך, אַז אין ניו־יאָרק זיינען פאַראַן געניטע שלעגער, מען דינגט זיי פאַר גוט־געלט, זיי זאָלן זיך מיט אימעצן אָפּרעכענען. ביי די שעפּער, וואו מען גייט אַרויס אויף אַ סטרייק, קומען זיי שלאָגן די ארבעטער, וואָס וואָכן איבערן שאָפּ — קיין אַנדערע סטרייק־ברעכער זאָלן זיך ניט אריינקלייבן אין שאָפּ אריין. אָבער דאָ האָלט עס גאָרניט ביי קיין סטרייק, ביי די חלפנס איז אַלץ רואיק. די „הענט" בונטעווען זיך ניט!

— קריינדל, וואו ביסטו?

נתן האָט אויפגעהויבן די אויגן צו קריינדלען, און זי פאַרבעטן צו זיך.

— זעץ דיר אַטאָ־דאָ; כ׳האָב מיט דיר עפּעס וואָס צו רעדן. זאָג מיר, וואָס וויסטו פון אשרן?

— כ׳וויס, אַז ער איז פאַרפאַלן געוואָרן. שוין באַלד אַ חודש צייט, אַז ער קומט ניט נעכטיקן אַהין.

— וואָס איז דאָרטן פאַרלאָפן?

— ער האָט זיך באַנאַרישט.

— דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס אשר באַנאַרישט זיך. אינדערהיים איז ער געקראָכן צו מיידלעך, און דאָ פּרוואוט ער עס ווידער.

— ס׳איז אַ חרפּה צו דערציילן.

— נו, וואָס, אויב ער איז געקראָכן צום טאַנטס יונג ווייבל...

קריינדל האָט אים ארויפגעלייגט די האַנט אויפן מויל, ער זאָל ניט רעדן.

— מיר באַהאַנדלען ריוועטשען זייער שלעכט — האָט קריינדל ערנסט גערעדט — כ׳האָב זי ליב פאַר איר ערלעכקייט.

— אַזוי, אַזוי, אָט דאָס האָט זי געמיינט!

— וואו האָסטו זי געזען?

— מ׳האָט מיך אַהין אַ צעשלאָגענעם אריינגעפירט. זי האָט מיך אָפּגעמינטערט. דאָרטן ליגנדיק האָב זי צום ערשטן מאָל באַטראַכט פון נאָענט. איך ווינטש דעם טאָטן ניט קיין שלעכטס.

— וואו, קלערסטו, איז אשר?

— מסתמא אוועקגעשוואומען מיט דעם שלעכטן שטראָם.

— יוכבד וויס אויך ניט וואו ער איז.

מען האָט אַנגעקלאַפּט אין טיר.

נתן האָט זיך געוואָלט אויפהייבן; קריינדל האָט אים אָן ווערטער געצוואונגען, ער זאָל ליגן וואו ער ליגט, און איז אליין געגאַנגען עפענען די טיר. אַ בלאַסע האָט זיך באַוויזן מלכה חלפן.

ווי זי וואַלט וויסן וואָס מיט נתנען איז פּאַרלאָפן, איז מלכה שטיל צוגעגאַנגען צו זיין געלעגער, גענומען זיין האַנט און, מיט א ציטער אין וועזן באַהאַלטן איר קאָפּ אויף זיין ברוסט.

קריינדל איז געשטאַנען פון וויטן. ביי איר איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דער חשד, אַז די חלפנס האָבן אַנגעשטעלט שלעגער ארום זייער שאָפּ, זי האָט געגלויבט, אַז מלכה ווייס וואָס מיט נתנען איז פּאַרלאָפן.

— פאַרוואָס פרעגט איר ניט, מילדרעד, וואָס מיט נייטענען איז געשען?

— כ'ווייס ניט פאַרוואָס — האָט מלכה אונטערטעניק געענטפערט — מיין האַרץ איז מיר פאַרקלעמט.

— איר האָט געוואוסט, אַז מ'האָט אים צעשלאָגן בעת ער האָט גערעדט צו אַרבעטער?

— האָ?!

— איר באַמערקט ניט דעם צייכן אויף זיין באַק?

— מאַך ניט קיין וועזן פון דעם — האָט נתן גוטמוטיק זיך געווענדט צו קריינדלען — ס'איז דאָס ערשטע מאָל, אָבער ניט צום לעצטן מאָל וואָס איך וועל קריגן קלעפּ. ס'איז דער אָנהייב. קריינדל איז חושד, אַז דיין ברודער האָט אָנגעשטעלט שלעגער.

— וואָס, לעאָנאַרד?!

— קען זיין, אַז ניט לעאָנאַרד. דאָס קען אויך טאָן דער יינגערער ברודער. — דהאָט קריינדל פון איר אָרט טרוקן זיך אָפּגערופן.

— פאַרוואָס רעדט דיין שוועסטער אזוי, ווי זי וואָלט מיר וועלן ווי טאָן?

— קום צו מיר, קריינדל, — האָט נתן צו איר א וואונק געטאָן מיט דער האַנט.

— איך וויל קיינעם ניט ווי טאָן — האָט קריינדל ווידער טרוקן אָפּגעענטפערט.

— קום צו מיר, קעראָלאַין — האָט מלכה אויסגעשטרעקט צו איר ביידע הענט — ביסט דאָך אוודאי ניט אין כעס אויף מיר דערפאַר וואָס איך האָב ליב דיין ברודער, און צוליב אים בין איך געוואָרן אַזאַ שלעכט קינד צו טאַטע־מאַמע. קום צו מיר, קעראָלאַין, דערצייל מיר וואָס איז געשען מיט נייטענען? כ'האָב זיך דערוואוסט טאַקע פון מיין ברודער... אָבער איך קען מיין קאָפּ געבן, אַז ער איז ניט שולדיק. אזוי טיף זיינען נאָך די חלפנס ניט געזונקען.

— כ'ווייס, אַז מילדרעד חלפן איז ערלעך, כ'ווייס — האָט נתן זיך אויפגעזעצט — קום צו מיר, קריינדל, זאָג איר, אַז דו ביסט ניט אויף איר אין כעס.

קריינדל האָט גאָרניט געענטפערט. זי איז שטיל אַוועק אין צווייטן צימער.

מלכה האָט א ווײַלע געקוקט צו דער טיר וואו קריינדל איז פאַר־שוואונדן, דערנאָכדעם האָט זי אַרומגעכאַפּט נתנס קאָפּ, נערוועיש גע־קושט און זיך געוואָרגן מיט די ווערטער:

— מאַך אַ סוף צו מיינע ליידן, נתן, כ'קען ניט מער. מיר איז שלעכט אינדערהיים. כ'האָב גאָרניט צו דיין שוועסטער, אויב זי איז חושד

מיינע ברידער. כ׳בין זיי אויך חושד. זיי האָבן מורא פאַר דיר. קום, נתן, לאָמיר גאָר אוועקפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט. אפשר קיין פילאַדעלפיע, אפשר גאָר קיין שיקאַגע. כ׳ווייס, באַקאַנטע זיינען אַהין אוועקגעלאָפן, און זיי איז דאָרטן גוט.

— פונדאַנען, מילדרעד, ריר איך זיך ניט. ניו־יאָרק האָט מיר אויפגעעפנט מיינע אויגן. דאָ האָב איך ארויסגעוואָרפן פון זיך מיינע רוסישע סענטימענטן. דאָ וועל איך אָנפירן מיין קאַמף. אַזוי טאָר מען עס ניט לאָזן. מעג דער קאַמף אָנגיין יאָר־נאָך־יאָר. און צוליב וואָס ווילסטו פונדאַנען לויפן? ווילסט אויסוויכן דיינע לייט? ווייך זיי אויס!

— טאָ גיי ניט צו זיי אַרבעטן. זוך דיר אָן אַנדער שאַפּ.

— ביז דיינע ברידער וועלן מיך ניט ארויסטרייבן, בלייב איך דאָרטן. און דיר, מלכה, וויל איך געבן אַן עצה, זאָלסט גיין צוריק אַהיים.

— וואָס מיינסטו? — האָט מלכה אָנגעשטעלט אויף נתנען אירע צעשראָקענע אויגן.

— דיר איז שווער צו טאָן דאָס, וואָס דו האָסט זיך אונטערגענומען, דיר איז שווער צו ארבעטן אין א סוועט־שאַפּ.

— מיינסט עס ניט, נייטן!

— איך מיין עס, מילדרעד. בלוט איז ניט קיין וואַסער, און איך זאָג: בלוט איז ניט קיין וויין. איינער קען דעם אַנדערנס בלוט ניט טרינקען, און ניט באַשטראָפט ווערן דערפאַר. דיינע ברידער מיינען, אַז איך פאַרזאַפּ זייער בלוט, האָבן זיי מיך באַשטראָפט. דו מיינסט, אַז איך טרינק דיין בלוט. ניין, מילדרעד, איך טרינק ניט קיין וויין, און טרינק ניט קיינעמס בלוט. צו שווער קומט מיר אָן דער קרבן, איבערצורייסן מיט דיינע לייט.

— כ׳האָב איבערגעריסן, נייטן!

— וואָס־אויינסט מיט זיי, לאָזט זיך פון זיי פירן. כ׳בין חושד, אַז דו ווייסט אַלע זייערע פּלענער און דו באַטייליקסט זיך אין זיי.

— ס׳אַ ליגן!

— זיי ניט אויפגערעגט, מילדרעד. דער ווייטיק רעדט אין מיר. פאַר אויפריכטיקע רייד, פאַר ערלעכע ווערטער צו די קנעכט אין נייעם מצרים האָב איך געקראָגן איבערן קאָפּ. ערגעץ פון א ווינקל האָט דיין ברודער ארויסגעקוקט, אַכטונג געגעבן, צי איך האָב געקראָגן פאַרן פולן פרייז וואָס ער האָט באַצאָלט.

— ס׳איז ניט אמת! טאָרסט אויף זיי ניט אויסטראַכטן אַזאַ בילבול.

— דעריבער זאָג איך, זאָלסט מאַכן מיט זיי שלום.

— אָ, נייטן, וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס פייניקסטו מיך? ניט אַנדערש, דו ווילסט מיך אויספּרואוון, צי איך בין דיר איבערגעגעבן מיטן גאַנצן האַרצן. ווילסט מיך אויספּרואוון, צי כ׳וועל קענען אויסהאַלטן אַ לעבן אין אָרימקייט. דיין שוועסטער קוקט אויף מיר מיט שנאה, כ׳ווייס ניט פאַרוואָס. צי דען בין איך געקומען אַהער פאַרענטפערן מיינע ברידער?

מלכה האָט אַראָפּגעלאָזן די הענט, איז אויפגעשטאַנען און פאַמעלעך צוגעגאַנגען צום טיר פון צווייטן צימער, האָט געוואָלט אריינגיין צו קריינדלען, נאָר אין דער אייגענער צייט האָבן זיך דערהערט טריט און א

שמועס פון צוויי מענער הינטער דער טיר. מלכה האָט אויפגעציטערט, און אריינגעאײלט אין צווייטן צימער אריין.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. נתן איז אויפגעשטאַנען, האָט אויפ־געעפנט די טיר, מיט א געצוואונגענער רואיקייט האָט ער באַגעגנט די געסט: ישראל לוריא און מאיר חלפן זיינען אומגעריכט אריינגעקומען. ביידע גוט אויפגעלייגט. נתן האָט מיט דער לינקער האַנט פארדעקט די וואונד אויף דער באַק, און מיט א צופרידענעם אויסדרוק אין פּנים זיי דערלאַנגט די רעכטע האַנט.

— ביסט גאָר אליין? — דהאָט ישראל לוריא געפרעגט — וואו זיינען די קינדער?

— דרויסן איז שיין, יתמא זיך צעקראָכן איבער די גאַסן. מיינע זיינען אויך ניטאָ אינדערהיים. נו, וואָס מאַכסטו, נייטן?

מאיר חלפן איז געווען זייער גוט אויפגעלייגט. האָט ארומגעקוקט, באַטראַכט די דירה, און געגלעט די גלעלע באָרד.

— וואָס מאַכסטו, טאַטע? — איז נתן גאָר נאָנט צוגעגאַנגען צו ישראלן — זעסט, כ'בין היינט געפאַלן און זיך צעקאַלעטשעט די באַק.

— האַ, סטייטש, ווי פאַלסטו עס? — האָט זיך ישראל געחידושט — איינער קריגט קלעפּ פון די לויפערס, און דו גאָר האָסט זיך אליין צעשלאָגן. פאַרדריסט מיך וואָס דו האָסט אַזוי... עפּעס בלייך.

— נו, ר' ישראל, לאָמיר אים זאָגן צוליב וואָס מיר זיינען געקומען. וואָס האָט איר זיך אַזוי פאַרטראַכט, ר' ישראל?

— האָב געקלערט, וועל שוין אין איין וועג אלע קינדער זען. פאַר־דריסט מיך, הלמאי זיי זיינען אין שטוב ניטאָ.

אין דער רגע איז פון פינצטערן צימער אריינגעקומען קריינדל, איז גלייך צוגעגאַנגען צום פאָטער, אים ארומגענומען און געקושט.

— גוט, טאַטע, וואָס דו האָסט אויף דיינס פאַרבויגן און געקומען!

ישראה האָט זיך דערפרייט מיט קריינדלען, ער איז גאָר מונטער־רער געוואָרן.

— ריוועשע דהאָט מיר געזאָגט, אז זי האָט דיך א פּאָר מאָל געזען. וואָס מאַכסטו?

ישראלן איז איצטער שווער געווען אויפצוהייבן דעם גאַנצן היימישן שמועס. ווען מאיר חלפן איז איצטער אין שטוב ניטאָ, אפשר וואָלט מען פאָרט אָנגעצויגן א היימישן שמועס, ער וואָלט באַוויזן די קינדער, אז זיי האָבן זיך ניט באַדאַרפט אַזוי צעלויפן.

— נו, אויב איר, ר' ישראל, האָט קיין חשק ניט צו רעדן, וועל איך. מיר זיינען געקומען צונ'אייך זיך מישב זיין. אַזוי האָט געוואָלט ר' ישראל. איך דריי זיך אַרום שוין א קיילעכדיק יאָר און טו גאָרניט. מיינע זין האָלטן מיך אויס בכבוד, אָבער צוליב דעם בין איך ניט געקומען קיין אמעריקע. אויב אָנצוקומען צו יענעם, איז גלייכער א מושב זקנים. בין איך נאָך ביי אלע כחות, און ס'איז מיר פריקרע צו לעבן על חשבון הגביר, כאַ־כאַ־כאַ. נו, ר' ישראל, אייער טאַטע, איז נאָך אויך ביי די בעסטע יאָרן. האָט חתונה געהאַט, איז וערט צו לעבן ווי א מענטש לעבט. ניט קיין תכלית אַזאַ שאַפּ ווי ער האָט געמאַכט. דאָס איז בפירוש קיין תכלית

ניט. נו, היינטיקן יום טוב האָבן מיר זיך צונויפגערעדט, און מ'האָט זיך דערדערט. איך בין גרייט אינאיינעם מיט ר' ישראלן אויפעפענען אַ שאָפּ ווי ס'באַדאַרף צו זיין. וועל אַריינלייגן וויפיל געלט מע וועט באַדאַרפן. דערצו וועט מען דינגען אַ דירה, אַ לייטישע דירה. קודם כל וועט ר' ישראל האָבן אַ היים. איר וועט קענען לעבן אַלע אינאיינעם. וואָרן, ווי ר' ישראל לעבט איצטער, איז שוין בעסער אין גאַס. ווילן מיר דיין עצה. וואָס קלערסטו וועגן דעם?

— אויב איר לייגט אַריין דאָס געלט, און נעמט אַריין מיין טאַטן פאַר אַ גלייכן שותף, איז דאָס זייער פיין פון אייער זייט.

— מיר ווילן, דו זאָלסט זיין דער אופּראַווליאַיעשטשע אין שאָפּ. מלכהן וועל איך אויך צוציען צום געשעפט.

נתן, וואָס איז געווען איבערראַשט מיטן פאָטערס פּלוצלונגען אָנקומען, האָט זיך ניט געהעריק איז צוגעהערט צו מאיר חלפנס רייד. אגב, איז נתן מיט קאַפּ און האַרץ איצטער געווען אין צווייטן צימער, וואו מלכה איז געזעסן אין דער פינצטער. אין דער ערשטע רגע איז אים איינגעפאַלן אַריינצורופן מלכהן, זי זאָל אויך באַגעגענען איר פאָטער. נאָר באַלד האָט ער חרטה געהאַט. אים הייבט אָן צו פאַרדריסן, וואָס ער האָט זי אַזוי שלעכט אויפגענומען. נתן באַגרייפט גוט, אַזביידע טאַטעס זיינען איצטער אַהער געקומען — ווי צוויי מחותנים. כאָטש פון דעם רעדט מען ניט, אָבער דאָס מיינט מען. צוליב דעם זיינען איצטער דערמאָנט געוואָרן אין איין אָטעם מלכהס און זיין נאָמען. ביידע טאַטעס האָבן ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון נתנען, געוואַרט, וואָס ער וועט זאָגן.

נתן האָט אַ שמייכל געטאָן, און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן גערעדט:

— איר האָט ביי מיר ניט וואָס צו פרעגן קיין עצה. אויב איר האָט דאָס געלט, איר ווילט אַרויסהעלפן נאָך אַ מענטשן, פאַרבעסערן אים זיין מצב, דאַרפט איר ביי מיר קיין הכשר ניט אַרויסנעמען. נאָר וועגן דעם, צי איך זאָל ווערן ביי אייך דער פאַרמאַן, וועגן דעם באַדאַרף איך זיך גוט מישב זיין. איר אַליין מעגט אייך גוט מישב זיין, צי איר באַדאַרפט מיך אַריינגעמען צו זיך אין שאָפּ אַריין.

נתן האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר אַ גאַנצער קנויל האָט זיך אָנגעקליבן אין האַלדז. ער האָט ווידער איבערגעלעבט דאָס וואָס מיט אים איז פאַרלאָפן אויפן חזיר-מאַרק. ער איז אַ פּאָר מאָל אַ דורך אויף-און-אָפּ, געמאַכט אַ באַוועגונג אַריינצוגיין אין צווייטן צימער, און איז געבליבן אין טיר.

קריינדל האָט עס באַמערקט, זי האָט געוואָלט מאַכן אַ סוף צו דער גאַנצער אָנגעצויגענער שטימונג. זי האָט אַריינגעקוקט אין פינצטערן צימער אַריין, און האָט אַהין אַריינגערעדט:

— קום אַרויס, מילדרעד, באַהאַלט זיך ניט... קיין פרעמדע מענטשן זיינען דאָ ניטאָ.

מלכה איז אַרויסגעקומען פון פינצטערן צימער, און צו אַלעמענס פאַרוואונדערונג, איז זי דורכגעגאַנגען דורכן צימער, ווי זי וואָלט קיינעם ניט באַמערקט, אויפגעעפנט פאַרזיכטיק די דרויסן-טיר, און איז אַרויס.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט מאיר חלפן אַ צעטומלטער געלאַכט — מיט מיין טאָכטער טאָר מען זיך ניט קריגן. נו, מסתמא וועטן זיך ווידער איבערבעטן.

א געדריקטע שטימונג האָט ארומגעכאַפּט אַלעמען, בשעת קריינדל האָט שווייגנדיק געגומען אָנציגדן דעם קעראָסין קאָך־לאָמפּ, ארויפגעשטעלט וואַסער, צוצוגרייטן טיי פאַר די געסט.

* * *

ישראל לוריא איז אויפגעוועקט געוואָרן א סך פריער ווי זיינע קינדער. די רויטהאָריקע ריווטשע האָט זים אויסגעגלייכט די פלייצע, אויפגעוועקט אין אים איינגעדרעמלטע כחות. דאָס אָרימע שאָפּ־מיידל האָט מיטן חוש געשפּירט, אַז אין אַמעריקע זיינען פאַרבאַרגענע טרעפּ פאַראַן, ווער עס שפּירט זיי אויס, דער קען זיך ארויסדראַפּען פון אָרימקייט.

— ישראל, ביסט יינגער פון דיינע זין, ביסט סטאַרקער און סענער פון זיי; האָב ניסט קיין מורא אָנצוהייבן א ניי לעבן, ווי ס'פּאַסט אין היגן לאַנד.

ריווטשע האָט אין ישראלן ארייננגערעדט מיט איר יונג, וואַרים לייב.

— און קינדער, זאָגסטו, ווילסטו פון מיר האָבן: כ'וועל דיר געבערן קינדער, אַזעטיקע גערשטענע און סיינע, נאָר דענסמאָל ווען אַלע דיינע קינדער וועלן חתונה האָבן און אליין האָבן קינדער. נאָר דענסמאָל, ווען כ'וועל ניסט דאַרפן קלערן, אז כ'בין זייער סטיפמאַמע. דערווייל בין איך דיין כלה, און דו ביסט אין מיר איינגעליבט. ביסט נאָך גאָר אַ יונג יינגעלע, דאַרפסט נאָך וואַקסן.

— אָן מיינע קינדער האָב איך אפשר געדאַרפט פאַרגעסן, ווי זיי האָבן מיך באַהאַנדלט. האָבן דיך אויך פאַרשעמט. — האָט ישראל לוריא, שיכור און ניט פון וויין, צו ריווטשען געשעפּטשעט — מ'מוז גלויבן, אַז דער וואָס אין הימל האָט אָן אויג; גאָרניט ווערט געטאָן אָן זיין הסכמה. מסתמא האָט געדאַרפט אַזוי זיין, כ'זאָל בלייבן אָן אלמן איידער כ'בין צום ברעג פון א ניי לאַנד געקומען.

— האָ, האָסט זי נאָך אין זינען, ישראל! טאָקע דעריבער וועל איך מיט דיר קיין קינדער ניסט געבערן. ביסט אַ סלעכטער. ווען איך האָב זיך גאָר איינגאַנצן דיר איבערגעגעבן, קיינעם האָב איך אויף דער וועלט ניסט, קלערסטו גאָר פון דיין געסטאָרבענער ווייב!

ריווטשע הייבט זיך אָן צו פּיעשטשען. ריווטשע הייבט מכלומרשט אָן צו וויינען און שטופּט פון זיך אָפּ זיין האָריקע ברוסט.

ווערט לוריא אויך ניכטער, ער הייבט גאָר אָן רעדן פון פּראַקטישע זאַכן:

— זיי ניט קיין קינד, רבקה, רעד ניט קיין שטות, איך בעט דיך. ווען ניט דו, ווי האָב איך איצטער געקענט אויסזען! נאָר צוליב דיר האָב איך געשלאָסן שותפות מיט מאיר חלפנען. נאָר אויף דיין מזל איז דערדאָזיקער חלפן געקומען, מיר אָנגעבאָטן צו ווערן זיין שותף. אם ירצה השם, מ'וועט אָפּשפּאָרן אביסל געלט, ט'מען זיך אָנהייבן גלייכן צו לייטן. אלץ איז אין דיין מזל.

געוויס איז ישראל לוריא אויפגעריכט געוואָרן אין ריוועטשעס מזל. זי האָט איר יונג בלוט אין זיינע אָדערן איבערגעגאָסן. ווען ריוועטשע זיצט ביי אים אויף די הענט, קושט מיט היסע ליפּן זיינע אויגן — זעט ער ממש פון עק ביז עק וועלט, און דאָס מזל שטייט אים ביי, ער זאָל דעם קאָפּ קענען אויפהייבן.

דעריבער, ווען מאיר חלפן, נאָך דעם ווי ער האָט זיך מישב געווען מיט זיין לעאָנאַרדן און געקראָגן פון אים זיין הסכמה — איז ער געקומען צו ישראל לוריאן און פאַר אים אויסגעלייגט זיינע פּלענער — האָט ישראל לוריא ניט געמאכט קיין שפּלע מינע. אדרבה, ער האָט ארויסגעוויזן א סך חשיבות, גלייך ווי ער וואָלט זיך געקווענקלט:

— איר, ר׳ ישראל, האָט אפנים ניט איבערגעקלערט וועגן אונדזער שמועס מצאי־סכות. אָבער איך האָב ניט ליב צו באַלאַקען גלאַט אין דער וועלט אריין. בין אין ראָסיי ניט געווען פון די נעבעכדיקע, און דאָ וויל איך עס אוודאי ניט זיין. יאָ, ר׳ ישראל, ס׳איז א גילדענע מדינה. נאָר ניט יעדער איינער באַנעמט עס. מיינע קינדער האָבן עס גוט צעקייט. אייערע קינדער, אפשר דער איינער, דניאל, ער כאַפּט זיך וואו ער איז אין דער וועלט. ט׳איר פרעגן, צוליב וואָס גאָר גייט עס מיר אין לעבן דווקא א שותף, און צי קען איך ניט מיין שטעטל אליין באַשטיין? נאָר צוריק די אייגענע מעשׂה; ווי זאָגט מען עפּעס: „אין צווייען איז שטאַר־קער...״ וועט א שפּיל טאָן ס׳מזל, ט׳עס זיין אביסל אין אייער זכות אויך. בפרט, מיינע קינדער עצהן מיר: למען השם נאָר מיט אייך.

דאָס האָט מאיר חלפן ארויסגעבראַכט. ער האָט נאָר געוואָלט, און אפשר געדאַרפט צוגעבן: „אייער נתן, כאָטש ער האָט קאַליע געמאכט מיין טאָכטער, זי איז געווען א באַלעבאַטיש קינד, און איצטער, ניט ער דאגהט וועגן זיך, און ניט ער לאָזט, זי זאָל דאגהן וועגן זיך. זיינען מיר דאָך טאַטעס, אייער זון, מיין טאָכטער.״

דאָס האָט מאיר חלפן געטראַכט, און ניט ארויסגעזאָגט. ער האָט אויך געטראַכט פון זיין לעאָנאַרדן און ישראל לוריאס טאָכטער, קריינדלען. נאָר פון דעם האָט ער איצטער אוודאי ניט געקענט רעדן.

געווען ווער ס׳זאָל ארויסהעלפן מיט אַן עצה, ווער ס׳זאָל ארויסהעלפן די ערשטע טריט צו מאַכן. די עצה־געבער, די צוויי „אמעריקאַנצעס״ — לייבל און וועלוול — אָדער לעאָנאַרד און וואָולף — זיי האָבן געזוכט, און אריינגעבראַכט צום טאַטן אין שאָפּ אַלץ, פון העקל ביזן פלעקל, ס׳זאָל קאָסטן ביליק. פון דער דירה ביז די „הענט״ — אַלץ זאָל קאָסטן וואָס ביליקער. קיין סך זוכן האָט מען ניט באַדאַרפט. גענוג פינצטערע דירות האָט די איסט־סייד פאַרמאָגט, און גענוג ביליקע „הענט״ האָט דער „הזיר־מאַרק״ פאַרמאָגט. א דירה פון דריי שמאָלע חדרים, איינער א ליכטיקער און צוויי פינצטערע, אריינגערעכנט א פינצטערן דורכגאַנג־צימער, האָט מען געדונגען אויף הענרי סטריט. אַלטע ניי־מאַשינען און געניצטע פּרעס־אייזנס האָט מען געקראָגן, און „הענט״ — זיבנאונצוואַנציק פאַר הענט פאַר אַן אָהייב. און מחמת דעם שאָפּ האָט מען געעפנט ערב סלעק, דעריבער האָט מען די „הענט״ געקראָגן בזילי־זול.

ישראל לוריא האָט מיט צווײ פּאָדפּאָרעס אונטערגעשפּאַרט זײן געװיסן. ערשטנס האָט ער זיך אַלײן אָנידערגעזעצט בײ אַ נײ־מאַשין און געשטעפּט ד׳העמדער־אַרבל; מיטן פּנים צום װאַנט איז ער געזעסן, און מחמת אים איז איצטער אַ סך שווערער אָנגעקומען צו זיצן אײנגעבויגן, טאַקע דערפאַר וואָס ריוועשע האָט אים די פּלײצע אויסגעגלײכט — האָט ער מיטן ווײטיק אין פּלײצע אויסגעקויפט זײן שוואַכן געוויסן.

ישראל לוריא האָט אָבער א עיקר „פּאָדפּאָרע" ארײנגעשטעלט אין שאַפּ, און דאָס איז געווען: — אַן ארון קודש מיט צווײ ספר־תורות. אײן ספר־תורה זײנע אַן אײגענע, וואָס לאַנדסלײט האָבן אים אַריבערגעבראַכט, און אײן ספר־תורה האָט מאיר חלפן מיט זיך מיטגעבראַכט.

צווישן די זיבנאונצוואַנציק פּאָר „הענט" וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן די „חלפן־לוריא" העמדער־פירמע, איז געווען ר׳ סענדער טראַכטענבערג, אַ ברײט־בערדיקער ייד, ברודיק־גרוי, מיט א יארמולקע אויפן קאָפּ, א צעלניק־קרעמער פון דער הײם. מיכל בערגער, מיט א מילכיק קלויז־ניקשן פּנים, דאָס זײדן בערדעלע פלאַך צוגעשוירן — אויך מיט אַ יארמולקע אויפן קאָפּ. ר׳ נח ליפשיץ, א רויטבערדיקער מיט א רויטער, פלײשיקער נאָז, אַ דענקע אויפן קאָפּ און מיט א גאַרטל פאַרגאַרטלט. יאָסל קאַצמאַן, א דראָבנער יידל, מיט א ברײט־ברעטעלדיקער, שוואַרצער באָרד, און מיט פאַרטערטע, דראָבנע אויגעלעך. ר׳ נחום זײדמאַן, א תבואה־סוחר פון דער הײם, א ייד מיט א בלאָנדן, אָפּגעגעסן פּנים און מיט א הויכן, רבנישן שטערן, אין א יארמולקע — דאָס זײנען געווען די פּרעסערס. זײנען אין דורכגאַנג־צימער געשטאַנען, באַלויכטענע פון צווײ קעראָסין וואַנט־לעמפּ־לעך, און געקלאַפּט מיט די שווערע פּרעס־אײזנס, וואָס מען האָט אויף א קוילן אויוועלע אָנגעהיצט.

מנשה טויב, א הויכער, דארער ייד, מיט בלאָנדע בינטעלעך האָר פון אַלע קנאַכיקע ווינקלען אויפן פּנים, דווקא קורץ געקלײדט, אין א היטל; להיפוך צו אים — איז געווען נאָטע־בער, א מגושמדיקער, רויטער ייד מיט אַן אויסגעפּוצטער באָרד אַרום־און־אַרום, און מיט שווערע, פּוכיקע הענט. זלמן שוויצער, א בחור פון א יאָר צווײיאונצוואַנציק, מיט א יאַר־מולקע אויפן קאָפּ, מיט שוואַרצע, ברענענדיקע אויגן, טיף אײנגעגראָבענע אונטער א בלאַסן שטערן; ר׳ צמח צײטלין, א ייד מיט סמיכות אויף רבנות, מיט א שוואַרצער, דורכזיכטיקער באָרד און בלאַס דורכזיכטיקן פּנים, אין ברילן, און ברײטער דענקע אויפן קאָפּ. ר׳ משה דער האַרבאַטער, אַ ייד אָן א שפּראָץ האָר אויפן פּנים, מיט געלבלעך־גרינע אויגן, אין א יארמולקע, און מיט א מויל פול מיט תורה. צווײ ברידער גאָלדמאַן, גאָר גרינע, בײדע מיט אַ געלן פוך אויף די באַקן, בײדע אין ברילן, און בײדע לעבן פון תענתים. און צו זײ: — ישראל לוריא אַלײן, און זײן זון זכריה. דאָס זײנען די שטעפּער געווען, געזעסן אין פאָדערשטן האַלב־ליכטיקן צימער, ס׳פּנים אין די נײ־מאַשינען, און פּלײצעס צו דער וועלט.

אויפן דיל און אויף וואָס נאָר מ׳האָט זיך געקענט אײנמאָסטשען זײנען געזעסן ווײבער און מײדלעך, קנעפּל־אײנגײיערינס, פאַרסטריגערנס, און צווישן זײ — טעלצע די קאַטשקעלע. אַזוי האָט מען זי גערופן, מחמת

זי איז געווען רונד און דיק, קורץ און באַוועגלעך, מיט שוואַרצע אויגן אין איר ברוין־קיילעכדיקן קאָפּ. א טיכל האָט זי שטענדיק געטראָגן אויפן קאָפּ, מחמת פון פאַרנט האָט זי געהאַט א ברען פון א קעראָסין קאַך־לאָמפּ, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין קאָלומבוסעס מדינה. אָבער א זיסע שטים האָט זי געהאַט. אירע לידער האָבן ווי בוימל גענערט די רעדלעך פון די נײַ־מאַשינען. אָז זי האָט א זונג געטאָן:

„אויף בעקסטער סטריט, אין נעוואַרק די שטאָט,
וואו ס׳פאַרקויפט דער מענטש די לעצטע העמד;
געוואָרן בין איך דאָרט צו שאַנד־און־צו־שפּאָט.
אוי, כ׳האָב מײַן חופּה־קלייד פאַרשעמט...״

יעמאָלט האָט עס ישראל לוריאַן ממש געבריט אַרום האַרצן, דערמאָנט אים אין ריוטשעס געזאַנג, ווען זי איז אויף דרערד געזעסן בשעת ער האָט צום ערשטן מאָל זײַן פלייצע געבויגן איבער דער נײַ־מאַשין. ישראל האָט עס ריוטשען פאַרטרויט, און ריוטשע איז בכיון געקומען אין שאַפּ אַרײַן הערן דאָס לידל. ריוטשע האָט פאַרן ארון קודש אויפגעצייט א פּרוכת, און שבת, ווען אין שאַפּ איז געווען „מנוחה״ — האָבן דאָרט געקלונגען תּפילות, שירות און תשבחות. ישראל לוריא אליין איז געווען דער בעל־תּפילה.

מאיר חלפן האָט פון זײַן זײַט אַרויסגעשטעלט זײַן עלטסטן זון, א האַלב־גרינעם, זײַן ביינישן האָט ער געמאַכט פאַר פאַרמאַן. א פאַרביסענער איז ער געווען דער ביניש. די צײַט האָט אים ריוטשע אויסגעבאָרגט איר שכל. זי האָט ישראלן אויך אָנגעוויזן וואו־אײַן, וואו־אויס. אָבער זי איז צופרידן געווען וואָס ישראל זיצט מיט דער פלייצע צום שאַפּ, און די „גראָבלעכע ארבעט״, דאָס ארומקריגן זיך, דינגעניש און גריזאַטע — דאָס זאָל מאיר חלפנס זון אויף זיך נעמען. ריוטשע האָט תחילת געטראַכט, זי זאָל אין שאַפּ ארײַנעמען איר מאַמען מיט די צוויי ייִנגערע קינדער. אָבער ווען דער שאַפּ איז פאַרטיק געוואָרן, און זי איז טאַקע געוואָרן א שותּפטע צו אַ פירמע „חלפן־לוריא״ — איז איר ניט אָנגעשטאַנען, די מאַמע און ייִנגערע קינדער „זאָלן ביי איר אין שאַפּ בידעווען״.

קריינדל איז פון צײַט־צו־צײַט, ניט אזוי צום פאָטער, ווי צוליב ריוטשען, אַהין ארײַנגעפאַלן. ס׳לעצטע מאָל איז קריינדל אומגעריכט ארײַנגעקומען פון דער ארבעט, א מידע, א ניט־אָרומגעוואַשענע. האָט עס ריוטשען שטאַרק צענומען:

— קעראָלאַין, כ׳וועל אײַך היינט ניסט אָפּלאָזן, איר וועט ביי אונדז נעכטיקן. איר׳ט זיך ארומוואַשן, און איך וועל אײַך געבן עפּעס אָנצוטאָן.

קריינדל האָט דאָסמאָל באַשטימט צוליב טאָן. ווען קריינדל האָט פון זיך אַראָפּגענומען איר קלייד, אָנגעהויבן ארומוואַשן אביסל דאָס מידע לייב, האָט ריוטשע מיט ליבע און ליידנשאַפט אויסגעקושט אלע אירע גלידער.

— איצטער, קעראָלאַין, זײַט איר מײַן סוועסטער. איצטער וויל איך מער קיין קינדער ביי אײַער טאַטן ניסט צונעמען.

קריינדל האָט עס אָנגענומען פאַר ליב. ווען ריווטשע דהאָט מיט אַ האַנטעך געריבן איר נאַקעטע פּלייצע, האָט זיך קריינדל דווקא געוואָלט פילן ווי אַ קינד וואָס נעמט אָן די גוטסקייט פון אַ מאַמען.

ווען ריווטשע האָט פון אַלמער ארויסגענומען אַ וואַריבם און גוט געניית טוכן קליידל, צימערינג־ברוין מיט רויט געפּוצט, און מיט אייגענע הענט עס אָנגעטאָן קריינדלען, האָט ביי קריינדלען אונטער דער הויט אַ שטראָם געטאָן אַ וואַרימקייט און גריזלט ביז אין פּנים אַריין.

— איך דאַנק אייך, מאַמעלע מיינע, — האָט קריינדל גאָר אומגעריכט אַרומגענומען ריווטשען און צערטלעך אַ קוש געטאָן.

ריווטשען האָט עס צענומען. קעגן איר ווילן האָבן אַ פּליס געטאָן שטילע טרערן איבערביידע באַקן. זי האָט זיך ניט באַמיט צו באַהאַלטן די טרערן. זי האָט זיך שטיל געטוליעט צו קריינדלען, און אירע טרערן האָבן איינגעאַנצן נאָס געמאַכט קריינדלס אויסגעוואַשענעם האַלדז און נאַקן.

דערנאָכדעם דהאָבן זיך ביידע אַנידערגעזעצט אויפן בעט. קריינדל אין ריווטשעס קלייד האָט אויסגעזען עלטער. קריינדל האָט געזאָגט:

— איך האָב אייך ליב. אַז קיינער וועט ניט הערן, וועל איך אייך רופן ריווטשע. איך האָב געוואוסט, אַז מיר קינדער קענען דעם טאַטן גאַרניט געבן מער, מיר קענען אים אפילו ניט ארויסהעלפן. איר זייט אונדז ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. איך דערקען איצטער גאַרניט דעם טאַטן מיינעם. ער איז ניט מער דער פרומער ייד, וואָס איז געזעסן אין אייזן־קרעמל אַ גאַנצן טאָג, און ביינאַכט איז ער געבליבן אין בית מדרש לערנען. יעמאָלט איז ער געווען אַ ייד. אַן אַלטער ייד. איצטער איז ער אַ יונגערמאַן.

קריינדל איז געבליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אָנגעשטאַנען אַ שטילשווייגן. ריווטשע האָט עס באַמערקט.

— איך ווייס, קעראַלאַין, אַז נייטן האַלט זיין טאַטן פאַר אַן עקס־פלואַטאַטאָר. נייטן איז ניסט גערעכט. דער טאַטע איז גוט צו אַלע אַרבעטער, פרייטיק לאָזט ער זיי אָפּ פריער. די צייט איז סלעכט, ס׳איז סלעק, פונדעסטוועגן אַרבעטן איצטער אויך עטלעכע־אונצוואַנציק מענצן. וואָס סווייגט איר, קעראַלאַין?

— אַ שאָד, וואָס נייטן איז ישראל לוריאס אַ זון. טראַכט ניט פון אים. איר וועט נאָך אַמאָל זיין זייער רייך.

— רייך וויל איך ניסט זיין, אָבער אָרים לעבן וויל איך אויך ניסט. כ׳וויל, אַז מיין מאַמע זאָל ניסט דאַרפן לעבן פון ווער וואָסן.

אויף די ווערטער איז אָנגעקומען ישראל לוריא. ער האָט זיך ניט געריכט צו געפינען קריינדלען אין שטוב.

קריינדל האָט ניט געוואַרט ביז ישראל וועט צו איר צוקומען, איז אויפגעשטאַנען, געגאַנגען לוריאַן אַנטקעגן.

ישראלן האָט אַ וואַרימקייט דורכגענומען. אין דער ערשטער רגע האָט אים קריינדל, אין ריווטשעס קלייד, אויסגעזען אַ סך עלטער. ער האָט זיך ניט געכאַפּט וואָס דאָס איז. אים דהאָט אויסגעוויזן, אַז גאָר לאַנג שוין זינט ער האָט קריינדלען געזען.

— טוט מיר הנאה, קריינדל, וואָס דו קומסט אמאָל אריין אהער. כ׳האָב שוין איבערגערעדט וועגן דעם. פאַרוואָס קומסטו קיינמאָל ניט ארויף אין שאָפּ? אפשר וואָלסטו פּאָרט געקומען ארבעטן צווישן אייגענע, וואו מ׳וואָלט דיך באַהאַנדלט ווי אַ מענטשן.

קריינדל האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן אויף דעם. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף ריווטשען, וואָס איז געזעסן פונדערוויטנס און קאַלט געשמייכלט.

— וואָס, דער טאַטע האָט געזאָגט אַ קרומע זאַך? — האָט ישראל א פאַרוואונדעטער געפרעגט.

— כ׳ווייס אליין ניט, טאַטע, צי ס׳איז קרום, צי גלייך.

— איר, קינדער, זינדיקט. האָט זיך ארייננגענומען אין קאָפּ אריין, אַז אייער טאַטע איז דער גרעסטער נבזה, אייער טאַטע האָט גענומען אייגענע קינדער און זיי צעטריבן פון שטוב!

ישראל איז געווען אויפגערעגט. קריינדל האָט אים פאַר אַזאַ ניט געקענט. זיינע רייד זיינען שטענדיק געווען בנעימותדיקע. קריינדל האָט זיך מיט אַמאָל דערשפּירט ענג אין ריווטשעס קלייד.

ישראל האָט ווייטער גערעדט:

— דעם, וואָס איר האָט באַדאַרפט ליב האָבן, אים האָט איר פיינט. דניאלן האָט איר געמעגט נעמען פאַר אַ גוטןביישפּיל. ער וויל צו קיינעם ניט אָנקומען. ער העלפט שוין מענטשן ארויס. אים פאַרשוואַרצט איר אויך ס׳פּנים. וואָס האָט זיך נתן ארייננגענומען אין קאָפּ אריין, ער וויל איבערמאַכן די וועלט? צוליב וואָס זיינען אין רוסלאַנד געווען פּאָגראָמען? טאַקע נאָר צוליב די ייִנגלעך, וואָס האָבן זיך ארייננגענומען אין קאָפּ חרוב צו מאַכן די וועלט און אַראָפּוואַרפן דעם צאַר. דאָרטן האָב איך עס ניט באַנומען. דאָ זיינען מיר די אויגן געעפנט געוואָרן. מ׳קען נאָך חלילה וחס דאָ אויך אויפרייסן די אויגן צו זיך, און אומגליק ברענגען אויפן ביסל יידן וואָס האָבן זיך דאָ אָפּגעראַטעוועט.

— פאַרוואָס זאָגסטו עס ניט נתנען? — האָט קריינדל שטיל געפרעגט.

— כ׳וועל עס אים נאָך זאָגן! מאיר חלפן האָט פאַראיבל הלמאי ער האָט די טאָכטער אַראָפּגעפירט פון וועג.

— אויף נתנען זאָלסטו, טאַטע, ניט רעדן. כ׳וועל אים דערווייל ניט אויסבייטן אויף קיינעם פון די חלפנס.

מיט דעם איז דער פריערדיקער שמועס איבערגעריסן געוואָרן. ישראל לוריא האָט געשפּירט, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, און ווען צו אים איז איינמאָל אין אַ יובל געקומען קריינדל, האָט ער ניט געדאַרפט נעמען און פאַרציען אַזאַ שמועס.

— איך בענק שטאַרק נאָך היללן — האָט ישראל שוין ווייכער געזאָגט — האָט איר, קינדער געהערט פון אים? איך וויל אים אָנשרייבן, ער זאָל קומען צוריק, מיר ארויסהעלפן אין שאָפּ. דניאל וויל אויך, ער זאָל קומען שטיין ביי אים אין סטאָר. וואָס שמייכלסטו?

— כ׳בין געקומען זיך זען, און דו גאָר רעדסט פון תכליתים. כ׳באַקלאָג זיך ניט. היללן און נתן באַקלאָגן זיך אוודאי ניט. אפשר וועט איר גאָר צו אונדז אריבערקומען.

ריוועשע האָט זיך פאַר דעם אָנגעכאַפּט.

— גוט, ישראל, וועסט אָפּעסן, און מירן טאַקע אַריבערגיין.

— כ׳וועל גיין אהיים, זען די קינדער זאָלן זיין אין שטוב. כ׳וועל זיך נאָר איבערטאָן.

קריינדל איז אריין אין פינצטערן צימער, אין א ווײַלע אַרום איז זי ארויסגעקומען צוריק אין איר שאַפּ־קלײדל.

— פאַרוואָס, קערעלאַין, האָט איר אויסגעטאָן מיין קלײדל?

ערשט איצטער האָט ישראל באַמערקט, אַז קריינדל איז פריער געווען ניט אין איר קלייד. איצטער האָט אים פלוצלונג קריינדל אויסגעזען אָרימער. א רחמנות־געפיל האָט אים ארומגעכאַפּט. ער איז צוגעגאַנגען צו קריינדלען, זי ארומגענומען, געגלעט איר פּלייצע און גערעדט מיט א ציטער אין שטים:

— נו גוט, קריינדל, טאַקע אַן עוולה, וואָס מ׳האָט זיך אַזוי דערוויי־טערט, איך וועל נאָר עפּעס איבערכאַפּן, און וועל אפשר צוקומען.

גלעטנדיק איר פּלייצע, האָט ער זי צוגעפירט צום טיר. קריינדל איז ארויסגעגאַנגען און געלאָזן אַן אומעט אין שטוב.

— האָסט זי ניט באַדאַרפט באַליידיקן, ישראל—האָט ריוועשע פאַרזיכטיק באַמערקט.

— מ׳מוז אַמאָל זאָגן א אייגן קינד אויך דעם אמת אין די אויגן.

— אין אמעריקע מוז מען האַלטן דעם אמת ביי זיך אין בוזים.

— האָב ניט קיין צער, רבקה. כ׳בין נאָך א טאַטע, און וואָס איך האָב צו זאָגן, וועל איך ניט באַהאַלטן.

— ביסט אַ סלעכטער, ישראל. איך האָב געוואָלט מאַכן, איר זאָלט זיין גוט, געוואָלט איר אוועקגעבן ס׳קלײדל, האָסטו גענומען און זי באַליי־דיקט.

— פאַרוואָס קענסט עס איר איצטער ניט געבן?

— קענסט ניסט דיין אייגענע טאָכטער. אָ, ווען דו וואָלסט זי געקענט ווי איך!

זי האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן לוריאס טרויעריקע בליקן. איז צוגעגאַנגען צו אים, זיך געזעצט אויף זיינע קני און אים אריינגערעדט אין פּנים אריין:

— פאַרסטייסט ניסט ווי צו פירן זיך אויף דער וועלט. ביסט נאָך גאָר א קליין, קליין קינד.

ישראל האָט זיך איינגעהערט צו אירע רייד, און ער האָט זיך דער־שפּירט קינדיש אין די אויגן פון זיין קלוגער, רויטהאָריקער ריוועשען. אין האַרצן איז ער איצטער צופרידן געווען וואָס די קינדער האָבן אים צורו געלאָזן.

ער האָט זיך אנידערגעזעצט שרייבן א בריוו צו זיין זון הילל, וואָס „בידעוועט" ערגעץ ביי ניט־יידן אויף אַ פאַרם.

קאַפּיטל דרייצן

אַ דינער שניי איז אַרויסגעפאַלן ביינאַכט, און אַ דורכזיכטיקער געבליבן ליגן איבער דער באַרואיקטער געגנט. פון אונטערן שניי ד׳האָט זיך אַרויס־געבויגן די אָפּגעקילטע ערד מיט איר שטעכיקן פּנים פון אָפּגעשניטן ווייצנ־פעלד; און ס׳האָבן געלבלעך־שוואַרץ אַרויסגעשטאַרצט די קוקורוזע־שטעקענער. אַלץ, וואָס האָט נעכטן אויסגעזען לייב פון ערד אין שפּעטן האַרבסט, און האָט זיך צונויפגעגאָסן האַרמאָניש מיט דעם אָפּגעוועלקטן גאָלד פון בלעטערפאַל — איז היינט געווען איבעריק, און זיך געבעטן: רייס מיך אַרויס פון דער ערד איידער דער שווערער ווינטער קומט.

ווען הילל איז אַרויס דרויסן, אויפן וועג צום שטאַל, זען וואָס די בהמות מאַכן, האָט אים דער קאַלטער באַגינען אַרומגענומען און איינ־געררוימט אין אויער אַריין:

— ביסט אַ באַלוואַן, וואָס דו האָסט זיך ניט געלאָזן צוריק קיין ניו־יאָרק ל׳עבן צווישן דייניקע. דו ביסט דו, און טאַראַס — איז טאַראַס. און מרים מיט איר שמייכל, און די צוויי שורות ווייסע ציין וואָס זי האָט דיר דערביי באַוויזן איינמאָל, ווען דו האָסט געמאָלקן די קי, איז אויך קיין שושקע פּולווער ניט ווערט.

פונדעסטוועגן, אַז ער איז אַריין אין שטאַל, און ווען דריי קעלביקע קי און אַ טראַגיקע קליאַטשע האָבן צו אים אָפּיר געקוקט פון זייערע געשטעלן, האָט ער געטראַכט:

— שוין ליבער צו קוקן זיי אין די אויגן אַריין.

ווייטער האָט די מחשבה ניט געשוועבט. אַלץ איז ווי אין אַ נעפּל אַוועק און זיך ווי אין נעפּל צעשוואומען.

שניטצייט איז הילל מיט טאַראַסן אַוועק צופוס זוכן אַרבעט ביי פאַרמער. ס׳איז אים ניט שווער געווען צו געפינען אַ בעלן אויף זיינע שווערע הענט און ברייטע פּלייצעס. ביי אַ יונג פאַרמער פּאַר־פּאָלק, ביי די פּילזבעריס, „ביבלישע גוים״, האָט ער און טאַראַס געקראָגן אַרבעט. דער פאַרמער האָט געהייסן גבריאל פּילזבורי, און זי — אַ בלאָנדע, שלאַנקע שאָטלענדערן — האָט געהייסן מרים. גבריאל און מרים, גוטע מענטשן, האָבן גוט באַגעגנט די צוויי האַרעפּאַשניקעס — כאָטש פרעמדע אין אויסזען און באַגריף. די שווערע אַרבעט, וואָס די צוויי פרעמדע מענטשן האָבן פון שניטצייט אָן אָנגעהויבן צו טאָן, האָט די פּילזבעריס צו זיי דערנענ־טערט. טאַראַס און הילל זיינען געוואָרן די גאַנצע באַלעבאַטים איבער דעם באַשיידענעם, יונגען פאַרם. צו עסן איז געווען. די כחות האָבן געדינט, און מרים האָט פון צייט־צו־צייט געשמייכלט און באַוויזן צוויי שורות ווייסע ציין. די פּילזבעריס ד׳האָבן מיט די צוויי אַרבעטער געגעסן ביי איין טיש, געגעסן די אייגענע מאכלים. פּזילזבערי אַליין האָט אָפט מכבד געווען די צוויי „מענטשן״ מיט ליולקע־טאַבאַק און וואַרים זיי געקלאַפּט אין פּלייצע.

גאַנץ אָפּט, נאָך אַ טאָג שווערער און געזונטער ארבעט — אין שטאַל, אויפן בוידעם, אינעם היי, זיינען זיי ביידע געשלאָפן — האָט טאַראַס אַרומ־געוועדט דאָס לעבן, וואָס האָט הילל אויף אַ סך זאַכן אויפגעעפנט די אויגן.

— דו, גילעל — האָט אים טאַראַס שוין מיט שלאָף אין די אויגן געלערנט — דו ביש זשיד. זשידעס דומען א סך מיט קאָפּ. זשאָפּע וויל ניש זיך אויף אָרט. דו, גילעל, ניש זשענע זיך אַף א זשידאָווקע. זי דיר מאָראָטשען דעם קאָפּ: מאָני, דאָוואַי הראָשי, דו מיר גיב אַ כאָטע אין שטאָט...

הילל האָט ניט איינמאָל פון דעם איבערגעטראַכט. אָט איז מיסיס פּילזבערי, אַזאַ צופרידענע און לעבעדיקע, זויבערע און בנעימותדיקע, לעבט אָטאָ־דאָ אויף אַ פאַרם. האָט ליב די היים, האָט בלומען געזייט. ווען ער איז אָנגעקומען צו די פּילזבעריס, איז שוין ארום שטוב געווען א שיינער בלומען־גאָרטן.

— זי איז טאָקע א געטרייע ווייב אויך — טראַכט הילל — מער ווי איינמאָל איז זי צו מיר אין שטאַל ניט אריינגעקומען.

הילל וואָלט דאָ גערן געווינטערט. ס'פּעלט אים דאָ גאָרניט. די ארבעט איז אים ליב; נאָר א בריוול האָט ער די טעג דערדהאַלטן פון פאָטער, און דאָס ווירקט, אז דער ארויסגעפאַלענער שניי זאָל ביי אים וועקן א בענקעניש צו אייגענע.

דער טאַטע האָט געשריבן:

„לבני היקר והמשכיל הילל שיחיה! שוין צייט, בני הילל, איך זאָל פאַר דיר עפענען מיין הארץ. מחמת, דו ביסט אפשר דער איינ־ציקער וואָס וועט מיך פאַרשטיין און פאַרנעמען מיין גרויסן צער. מה פשעי ומה חטאתי, מיט וואָס האָט זיך אייער טאַטע פאַרזינדיקט, אז איר, קינדער, יוצאי כליותי, זאָלט אויף מיר קוקן ווי אויף א נבזה. צי דען האָב איך ביים לעבן אייער מוטער מרת טויבע באַהאַנדלט חלילה ווי ניט א מאַמע פון די זיבן קינדער? וואָס דהאָב איך דען אַנדערש געקענט מאַכן, אויב אייער מאַמע איז אוועקגעקומען בחצי ימיה? איך בין נאָך אזוי יונג געווען. אויב איך וועל אַלט ווערן אָלט און געבויגן פאַר דער צייט, איז דאָס נאָר צוליב די בזיונות וואָס איר האָט מיר אָנגעטאָן, און זיך אזוי צעלאָפן. אַ אומזיסטיקן און נאָך גרעסערן הארצווייטיק האָט איר פאַרשאַפט רבקהן, וואָס האָט באַגערט צו זיין צו אייך אלעמען ווי א מאַמע. הלוואי זאָל אייך דער רבונו של עולם מוחל זיין פאַר דער גרויסער בושה, וואָס איר האָט מיר אַלע אָנגעטאָן.

און איצטער, בני יקירי, וויל איך מיט דיר רעדן מכוח דעם תכלית דיינעם, וואָס פאַרשאַפט מיך אויך גרויס עגמת נפש. דו וואָלגערסט זיך אַרום, האָסט ניט קיין היים, און וועסט חלילה וחס פאַרגרעבט ווערן ווי איינער פון די רוסישע מוזשיקעס. נעם ניט פאַר אומגוט, בני יקירי, מחמת דאָס רעדט צו דיר אביך, וואָס הערט ניט אויף צו זאָרגן פאַר אייך אלעמען. זיי וויסן, אויב דו וואָלסט קומען איצטער קיין נעוויאָרק וועסטו ביי מיר געפינען א היים. מחמת דעם שאַפּ האָב איך ניט אין שטוב. מחמת ר' מאיר חלפן, וואָס איז געקומען מיט געלט קיין אמעריקע, און וויל ניט אָנקומען צו די קינדער, דהאָט מיט מיר איבערגערעדט, אז ער און איך זאָלן עפענען אַ שאַפּ אינאיינעם. פירן אלץ בשותפות. און לאָמיר דיר

זאָגן, בני יקירי, אַז נאָר מן השמים האָט מען אָנגענומען מיינע תפילות. וואָרן, איך האָב ניט געהאַט קיינשום ידיעה פון דעם מענטשן. זאָל איך זאָגן, זיינע זין האָבן זיך אין דעם אריינגעלייגט. בקיצור, מיר האָבן געעפנט אַ שאָפּ בשותפות. מיר גיבן ברוך השם פרנסה צו צוויי־און־דרייסיק נפשות. הלוואי זאָל דער, וואָס אין הימל, העלפן, מיר זאָלן קענען אריינגעמען נאָך מער נויטבאַדערפטיקע. די שטוב איז איצטער ליידיק, מחמת אשר איז ערגעץ אוועק און מען ווייסט ניט אפילו וואו אים צו זוכן. דארומעך, איז תקותי, דו וועסט זיך אומקערן צו מיר און וועסט מיר זיין מיין רעכטע האַנט. מחמת, ס'איז איבער מיינע כחות. פרנסה האָב איך ברוך השם בשפע. ניט מער, וואָס מיין האַרץ איז צעפּלאָגט.

ממני אביך, וואָס גאַרט דיך צו זען בקרוב

ישראל לוריא"

פאַר די פּאָר טעג, זינט הילל האָט דעם בריוו דערהאַלטן, האָט ער זיך שטאַרק אַראָפּגערוקט. דעם בריוו האָט ער שוין אַ מאָל צען איבער־געלייענט. אים רירן דווקא די ערטער וואו דער פאָטער באַשולדיקט, אַז די קינדער פאַרגיסן אומזיסט רבקהס בלוט, וואָס האָט געוואָלט ווערן אַ מאַמע צו זיינע קינדער. און נאָך אַ זאַך איז אים אַ חידוש, וואָס דער מאיר חלפן איז אליין געקומען פאַרלייגן ישראל לוריאן ווערן אַ שותף צו אַ גרויסן שאָפּ.

— צוליב וואָס טוט עס אַזאַ ייד? האָט ער קיין בעסערע שותפים ניט געקראָגן?

הילל קומט קריינדל פאַרן דמיון. ער ווייס, אַז קריינדל האָט איינ־גאַנצן אָפּגעשניטן מיט די חלפנס. הילל קלערט אויך איבער דאָס, וואָס אין נתנען האָט זיך איינגעליבט די עלטערע טאָכטער, מילדרעד חלפן. „פלאי־פלאים..." הילל קלעמט עס צומאָל אין האַרצן. אים פאַרדריסט וואָס ער האָט זיך אזוי אָפּגעריסן פון דער משפחה. אָבער ער ווייס ניט ווי אזוי ער וועט זיך קענען איינלעבן אין שטאָט, ציען חיונה פון די שוויץ־שעפּער. ער קען עס ניט. אפילו אין ניו־יאָרק, די גאַנצע צייט וואָס ער האָט יאָ פאַרדינט, איז דאָס געווען פון שווערער פראַצע ביים גראָבן און שלעפּן משאות. אַ סך טעג און וואָכן האָט ער געאַרבעט אין האַפן, אויסגעלאָדן און אָנגעלאָדן שיפן. „מיטן טאַטן אינאיינעם, ווערן אַן עקס־פלואַטאַטאָר... נתן איז גערעכט!" אָבער דאָס וואָס נתן אליין פאַרלירט זיין צייט ביי די נישטיקע פאַרדינסטן, אַ „האַנט" געוואָרן צווישן הונדערטער הענט! „נתן וועט סוף כל סוף אויסגענאָגט ווערן ביי זיין ארבעט..."

פונדעסטוועגן האָט אים ישראל לוריאס בריוו גאָר צעטומלט. און אַז ער איז אַרויס דרויסן, זיין בליק האָט אוועקגעבלאָנדזשעט איבער די וויטע, אָפענע שטרעקעס, באַטרושעטע מיט אַזאַ דינעם, דורכזיכטיקן שניי־צודעק, האָט אים שטאַרק געקלעמט דאָס האַרץ. אָבער ניט די ניו־יאָרקער היים איז אים געקומען פאַרן דמיון. די צעשטערטע היים אין פּאָדאָליער שטעטל, פון וואַנען די לוריאס האָבן ארויסגעוואַנדערט, איז אים לעבעדיק אַרויסגעקומען און אַנידערגעשטעלט זיך אַנטקעגן אים אויף דעם פריש־אַרויסגעפאַלענעם דין־דורכזיכטיקן ערשטן שניי.

הילל האָט אָנגעהויבן מאַכן פּלענער, פרעגן זיין באַלעבאָס, מיסטער פּילזבערי, צי ער וועט אים אָפּלאָזן אויף אַ פּאָר וואָכן, גיין קיין ניו־יאָרק זיך זען מיט אייגענע, מחמת, עס איז אָפּגערעדט געוואָרן, ער און טאַראַס זאָלן שוין ביי די פּילזבעריס בלייבן אַ גאַנץ יאָר. הילל האָט חשק געהאַט פאַרנעמען טאַראַסן מיט זיך, און וועגן דעם האָט ער מיט אים געהאַט אַ שמועס:

— מיר בענקט זיך אַביסל צו מייניקע, טאַראַס; וואָס זאָגסטו, וועסטו זיך אפשר מיט מיר אָוועקלאָזן צופוס קיין ניו־יאָרק?

— האַ־האַ, דיר שוין סקוטשנע דאָ. וואָלק שמעק וואַלד... גילעל, דו גיי שטאָט, דו שוין דאָרט בלייב.

— כ'קלער ניט דאָרטן צו בלייבן. מיין טאַטע באַקלאָגט זיך, אַז אַלע קינדער האָבן אים אָוועקגעוואָרפן.

— דיין טאַטע האָט אַ ספּריטנע באַבע, אַ יונגע באַבע, ער דיר ניש דאַרף.

הילל האָט דעם שמועס ארויפגעפירט אויף עפּעס אַנדערש.

— וואָס קלערסטו, טאַראַס, וועלן מיר ביידע אַמאָל האָבן אייגענע פאַרעמס? זע, סאַראַ גרויסע וועלט! דאָ ערגעץ אַ שטיקל ערד אַן אײנגס, טאַראַס...

— דו אַפריער פאַר שטאָט, פאַרדין, דערנאָך נאַפּלעוואַי אויף שטאָט. קויף פאַרם, איך באַ דיר פּראַצעווע.

— דו, טאַראַס, קויף אויך אַ פאַרם!

— איך אַ שלעכטער סמאַראָדינע קאַרטש, אויסגעריסן — קאַפּוט! דו האָב פאַרם, איך דיר העלף. דו נעם ווייב ניש אַ זשידאָווקע, דיר זיין גוט.

ס'איז ניט געווען קיין איבעריק גרויסע חכמה וואָס טאַראַס האָט אים געזאָגט, ער, הילל, זאָל אַין שטאָט פאַרדינען געלט, דערנאָכדעם וואַרפן די שטאָט און קויפן אַ שטיקל ערד. פונדעסטוועגן איז עס אים אריין אין זינען. דער געדאַנק האָט זיך פאַרבונדן מיטן פאַטערס בריוו, וואו ער בעט אים קומען, העלפן אים פירן זיין שאַפּ. אָבער טאַראַס האָט שוין אים עטלעכע מאָל געהייסן נעמען אַ ווייב, נאָר ניט קיין יידישע. דאָס חידושט אים זייער.

— פאַרוואָס געפעלן דיר ניט, טאַראַס, יידישע מיידלעך? דו אליין וואָלסט זיך ניט געסמט ווען אַ יידיש מיידל קריגט דיך ליב, און וויל מיט דיר חתונה האָבן.

טאַראַס איז אומעטיק געוואָרן, אַ ווײַלע געשוויגן, און דערנאָך געזאָגט:

— סקוקאָ גריזשעט, בראַטאָק, קען ניש העלף. דו גיי נעוויאַרק, איך דאָ זימעווען. מיסטער פּילזבערי דיך צוריק נעם. גיי נעוויאַרק, פאַרדין דאָלאַרטשיקעס, שפּעטער קויף פאַרם.

געווען שוין ארום ניי־יאָר ווען הילל האָט זיך דערקליבן צוריק קיין ניו־יאָרק. ער איז פאַרפאָרן צום טאַטן אויף לודלאָו סטריט, און גלייך ביים אָנקומען האָבן אים אַ סך זאַכן געחידושט.

ערשטנס: דעם טאַטנס יונג ווייבל, ריוועטשע די ליטוועטשקע, וואָס האָט אים באַגעגנט, געווען פאַרנאַכט ווען ער איז אָנגעקומען. האָט זי אים באַגעגנט, ווי אַ מאַמע באַגעגנט אַ קינד. זי האָט אים ארומגענומען, זיין

קאָפּ געדריקט צום האַרצן און געקושט. האָט ער זיך דעריבער דערשפּירט ווי אַ פאַרוואָגלט קינד, וואָס האָט זיך אומגעקערט אהיים נאָך אַ סך וואָג־לעניש.

דערנאָכדעם, אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט ער באַמערקט די צו־געקליבנקייט אין שטוב. נייע מעבל, ריין ארום. און ריוועשע אַליין איז אַזאַ ארומגעוואַשענע, איר פּנים אויסגערוט, און די רויטע קרויזן אויפן קאָפּ גיבן צו שטאַרקייט צו איר אויסזען. זי האָט ברייט געשמייכלט, און הילל האָט אין איר מויל באַמערקט אַזעלכע צוויי שורות ווייסע ציין, ווי ביי דער מיסיס פּילזבערי, וואָס האָט איינמאָל בלויז צו אים אַליין געשמייכלט בשעת ער האָט געמאָלקן די קי.

ניט ער און ניט זי,ביידע האָבן אין דער ערשטער רגע ניט געוואוסט פון וואָס אָנצוהייבן.ביידן האָבן טרערן געגליט אין די אויגן, און ס׳איז ענג געווען אין קעל. הילל האָט פאַרדראָסן פאַרוואָס אין שטוב פעלן איצטער די אַנדערע קינדער, און דער עיקר — דער טאַטע, צוליב וועמען ער איז ווי אַ וואָגל־קינד אראָפּגעקומען די גאַנצע דרייסיק מייל צופוס.

— איר, הילל, וועט איצטער ניסט באַליידיקן מיין סטוב, ווי דאָס האָבן די אַנדערע קינדער געטאָן. אַסאַך וואָס דער טאַטע איז ניסטאָ אין סטוב.

ריוועשעס ארויסרעדן מיטן „סין” האָט היללן איצטער געגראַבלט אין אויער. ס׳איז אויך געפאַלן די חשיבות, וואָס ער האָט אין דער ערשטער רגע אין איר באַמערקט. הילל האָט זיך אָנגענומען מיט כוח און געפרעגט:

— וואָס מאַכט דער טאַטע?

— ניסט ערגער ווי אייער סטיפמאַמע — האָט ריוועשע, מיט אַן אויס־דרוק פון באַליידיקונג אין פּנים, געענטפערט.

— אויב אזוי, איז ניטאָ וואָס צו דאַגהן.

— איר האָט טאַקע געדאַגהט צוליבן טאַטן?

— ס׳איז אמת, כ׳האָב ניט געדאַגהט.

— איר, הילל, זייט דער בעסטער פון אַלע קינדער. דער ערלעכסטער. כ׳וויס, אַז דער טאַטע האָט אייך געסריבן. ער האָט ניסט געגלויבט, אַז איר וועט זיך אָפּרופן.

— וואָס מאַכן די קינדער?

— כ׳וויס ניסט.

עס איז ווידער אָנגעשטאַנען אַ שטילשווייגן. „זי איז גערעכט, וואָס זי האָט מיר אַזאַ ענטפער געגעבן. אויב זיי טראַכטן ניט פון איר, טראַכט זי ניט פון זיי.”

— האָט איר זיך מיט די קינדער גאָרניט געזען? — האָט הילל אביסל שפּעטער געפרעגט.

— כ׳גיי ניסט צו זיי, און זיי קומען ניסט אַהער. פונדעסטוועגן בעט איך אייך, הילל, איר זאָלט דאָ מיט אונדז וואוינען. איך בעט עס אייך. וויזט איר ארויס, אז איר זייט נאָך ישראל לוריאַס אַ קינד.

הילל האָט זיך ווידער פאַרטראַכט. אים איז שווער געווען תופס צו זיין, וואָס דער יונגער פרוי גייט אזוי אין לעבן, אַז די דערוואַקסענע קינדער זאָלן לעבן מיט איר אין שטוב. ער איז איר ניט חושד אין קיינשום

זייטיקע מחשבות, כאָטש צו אים איז דערגאַנגען וואָס מיט אשרן ד'האָט געטראָפן. אויף אשרן האָט ער זיך אַלץ געקענט ריכטן. פונדעסטוועגן ווירקט עס אויף אים ניט גוט, וואָס זי בעט זיך ביי אים אזוי, ער זאָל בלייבן וואוינען דאָ אין שטוב.

— כ'בין אינגאנצן געקומען אויף א פּאָר וואָכן. וועל זיך מוזן אומקערן צוריק צום פאַרמער וואו איך און טאַראַס ווינטערן.

— דער טאַטע וועט מיט אייך סמועסן. איך וועל מיט אייך פון גאָר־ניסט רעדן. עפּסער ט'איר גאָר באַסטימען ניסט צו פאָרן צוריק.

און מיט אַמאָל האָט ריווטשע אָנגעהויבן מיט א שטרענגען טאָן, ווי א עלטערע:

— איר האָט געמעגט אראָפּנעמען א בייספּיל פון די חלפּנס; אינאיינעם האָט איר דאָ געקענט א וועלט איבערקערן. באַזונדער זייט איר דאָ געוואָרן „העגט". אזוי לאַנג דאָ אין לאַנד, און וואָס האָט איר פּאָר זיך געטאָן? אויב איר וועט איצטער ניסט ארייגכאַפּן, וועט דערנאָכדעם זיין צו ספּעט.

הילל האָט געשוויגן. ער האָט זיך צוגעהערט צו אירע רייד; זי, נאָך גאָר אַזוי יונג, און רעדט מיט אַזאַ זיכערקייט? „פונוואַנען האָט זיך צום טאַטן געגומען אַזאַ כוח אָפּצוטאָן דאָס, וואָס קיינעם פון די קינדער איז נאָך דערווייל ניט איינגעפאַלן צו טאָן?" ער האָט נאָך אַמאָל אויפגעהויבן זיינע אויגן צו ריווטשען, א ווײלע זי אָנגעקוקט און געשמייכלט.

— וואָס סמייכלט איר, וואָס איך זאָג אייך מוסר?

— ניין, כ'קלער, אַז ישראל לוריא איז גאָר אין אַמעריקע אויפגע־ריכט געוואָרן.

— ער איז מער מענטש פון זיינע קלוגע קינדער — האָט ריווטשע גוטמוטיק געזאָגט.

— כ'זע שוין ארויס, אַז ער איז מער מענטש.

—איך ווייס ווי איר אַלע קוקט אויף אים, דעריבער בין איך אזוי געפאַלן ביי זיך. וואָס ט'איר עסן, הילל? זעט איר סיין וואָס פאַר א סלעכטע מאַמע איך בין? איר זייט אוודאי ד'הונגעריק, און איך זאָג אייך מוסר!

— כ'בין זאַט. וועל איצטער אריבערגיין צו די קינדער.

— גייט איר סיין אַוועק?! — האָט ריווטשע זיך אַנידערגעשטעלט א צעשראָקענע, ווי צו פאַרשטעלן היללן דעם וועג.

— ניין, כ'גיי ניט אוועק. בין דאָך געקומען, וויל זען דעם טאַטן. נאָר ביז ד'ער טאַטע וועט ארייגקומען, וועל איך זיך אריבערכאַפּן צו זיי.

— דער טאַטע וועט מסתמא באַלד ארייגקומען. וואַרט סיין בעסער דאָ אויף אים, און איך וועל אָנזאָגן די קינדער, אַז איר זייט דאָ. זיי מעגן פאַרבייגן אויף זייער כבוד און קומען צום טאַטן אין סטוב אייך באַגעגענען.

פלוצלונג האָט ריווטשע זיך אונטערגעגעבן און אָנגעהויבן מיט א פאַרטערטער שטים:

— זייט איר ניסט אזוי סלעכט צו מיר. אוודאי, צוליב אייך וועלן עפּסער אַלע קינדער קומען אַהער. כ'בעט אייך, גייט ניסט אוועק, איך אליין וועל גיין און זיי דערציילן, אַז איר זייט דאָ. זאָגט מיר צו, אַז איר ט'ביסט אוועקגיין.

און איידער הילל האָט צייט געהאַט צו ענטפערן, האָט ריוועטשע אַרויפ־געכאַפּט אויף זיך אַ מאַנטל און פאַטשיילע, און אַרויסגעאיילט פון שטוב.

הילל איז אַ צייט געזעסן אַ דערשלאָגענער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ריוועטשעס ווערטער, ווי זי האָט גערעדט מיטן „סין", זיינען געבליבן אַרום אים. געקענט רעכט זיין, אַז די אייגענע ווערטער זאָל ער אַמאָל הערן פון דעם פּאַרמערס ווייב מיסיס פילזבערי. אפשר מיט דער צייט וואָלט יענע מיט אים אויך גערעדט מכוח אַ תכלית. און דאָס וואָס טאַראַס האָט אים ביים געזעגענען זיך אַרויסגעזאָגט, אין יענע רייד איז אויך אַ ממשות פאַראַן. ער איז אין האַרצן צופרידן געווען וואָס זי איז אַוועק ברענגען זיינע לייט אַהער, און ער פאַרשפּאָרט איצטער אַרויסצוגיין אין גאַס.

פאַרן דמיון האָט זיך דערהילן אַ וויג געטאָן די פאַרשנייטע געגנט, וואו ער האָט געלאָזן באַקאַנטע קי און פערד, און אַ פּאַר־פּאַלק, וואָס אים רופט מען גבריאל און זי הייסט מרים.

— צוליב וואָס האָב איך זיך געלאָזט איינרעדן פון טאַטנס בריוו און געקומען אַהער אין משוגעים־הויז? — האָט הילל ביי זיך שטיל געפרעגט.

הילל האָט געשנאַפּט די לופט, האָט געוואָלט שפּירן היים אין דער אייגענער שטוב, וואָס קריינדל האָט געוואָלט מאַכן פאַר אַ היים. ער האָט די פרעמדקייט געשפּירט. ער האָט צונויפגעצויגן זיינע אַקסלען און אַזוי אַן אַ ציל געזעסן. אפילו צו באַגעגענען זיינע לייט האָט זיך אים איצטער ניט געגלוסט.

* * *

באמת איז ניט געווען מער דער כוח, וואָס זאָל האַלטן אינאיינעם די צעבראָכענע לוריא־משפּחה. די שטיפמאַמע ריוועטשע האָט עס אויפריכטיק געוואָלט דערגרייכן, אַז אַרום איר היים זאָלן זיך ווידער צונויפנעמען אַלע קינדער. דאָס איז געבליבן אַ גוטער ווילן, און ניט מער. דאָס נייע לאַנד, וואָס האָט נאָך דערוויל קיין נייע היים פאַר אַ סך פון די יידישע וואָגלער ניט געגעבן, האָט אויך פאַר די לוריאס דערווייל צוגעגרייט עלנט און בענקשאַפט.

דאָס איז אָבער ניט געווען אַלץ. באַזונדערע כאַראַקטערן און באַזונדערע השגות וועגן די נייע מעגלעכקייטן אין דער נייער היים, האָט יעדער מיט־גליד פון דער משפּחה־לוריא געהאַט. צוביסלעך האָט איין קינד פון אַנדערן באַוואוסטזיניק זיך אָנגעהויבן צו דערווייטערן. אשר איז אינגאַנצן פאַרפאַלן געוואָרן. מיט אַלע זייערע חושים אָנען די לוריא־ברידער, אַז אשר איז אַוועק אויף אַ וועג, וואָס פון אים וועט ער זיך צו זיי ניט אומקערן. הילל איז אַוועק אויף זיין אייגענעם וועג. אפשר אַ געזונטער וועג. דערוויל פילט ער אָפּט, אַז ער איז קנעכט ביי יענעם אויף דער ערד, וואָס איז אים אַזוי טייער.

הילל איז געקומען צוריק פון פאַרם, וואו ער האָט שווער געאַרבעט פאַר יענעם. געהייסן האָט עס, אַז דעם פאָטערס בריוו האָט אים־געריסן פון אָרט, ער זאָל צופוס שפּאַנען פון פאַרם קיין ניו־יאָרק, אָבער באמת האָט אים די בענקשאַפט געטריבן צוריק. ער האָט אומגעשפּאַנט אין די ניו־יאָרקער איסט־סייד גאַסן, דאָרטן וואו „די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב זיינען געוואָרן שטשאָבערס", און ווי אַ וויסטער חלום האָט אים

אלץ אויסגעזען. די עטלעכע דאָלער, וואָס ער האָט פאָרן זומער פאַר־דינט, זיינען צערונען געוואָרן. קיין חשק ניט געווען זיך איינצושפּאַנען אין שווערן לאַסט־וואַגן, גיין ארבעטן אין האַפן. און כאָטש ער האָט טאַראַסן צוגעזאָגט, אז ער וועט זיך אומקערן צוריק צו מיסטער פילזבערי אויפן פאַרם, האָט ער דערוויילע פון דעם ניט געטראַכט.

הילל איז איינגעשטאַנען ביים פּאָטער. צוליב געטאָן דעם פּאָטער. ער האָט זיך צוגעקוקט צום פּאָטערס לעבן, און באַמערקט, אז ער איז אנדערש געוואָרן זינט ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין צווייטער ווייב. הילל'ן פאַרדריסט עס ניט. „דער מענטש וויל ניט אונטערגיין, ווי א סך אנדערע אין זיין גלייכן, וואָס זיינען פאַר די פאַר יאָר צעריבן געוואָרן.“ הילל זעט אויך, אז ביים פּאָטער איז ריווטשע די, וואָס דרייט דאָס רעדל, כאָטש זי גייט ניט אַיין שאָפּ אריין אזוי אָפט.

צעטומלט האָט הילל'ן דאָס, וואָס דער פּאָטער האָט זיך צו אים געווענדט מיט א גוטער כוונה:

— כ'קען דיר, מיין זון, ארויסהעלפן מיט א הונדערט דאָלער, זאָלסט עפּעס אָנהייבן טאָן אליין פאַר זיך. מעגסט זיך צוקוקן צו דניאל'ן.

פאַר הילל'ן איז דניאל געווען א שלעכטער ביישפּיל. „ער האָט חזירשע געגנגעלעך“ — ד'האָט הילל געזאָגט אויף זיין עלטערן ברודער — ווען ער וועט אפילו ווערן אַ מיליאָנער אין אמעריקע, וועל איך אויך פון אים ניט האַלטן.“

אָבער ווען דער פּאָטער הייבט אָן מוסרן, דערמאָנט אים אין א תכלית, הייבט אָן צו טאָטשען די בענקשאַפט. ריווטשע האָט עס באַמערקט, און געזאָגט, הילל זאָל עס הערן:

— סלעכט, אַז מענטשן ווערן געבאָרן גרויסהאַלטער. איר זייט אויך א יאָטעבעדאם ביי זיך.

הילל האָט זי אָנגעקוקט גלייך אין די אויגן און גוטמוטיק געשמייכלט.

— כ'מיין, וואָס איך זאָג, הילל. ביסט איר אליין זייט עס, איך אלעמען איז ניסט אָנגעסטאַנען, וואָס אייער טאַטע האָט חתונה געהאַט מיט אַן אָרימער סאָפּ־מיידל.

— מיר זיינען זיך ניט צעלאָפן. אמעריקע בינדט ניט קיין מענטשן — האָט הילל זיך געווערט — אמעריקע צעשיידט זיי און טרייבט יעדן איינעם, ווי דעם וואָלף אַין זיין אייגענער קאַנורע. ניט איר זייט שולדיק, וואָס די קינדער זיינען זיך צולאָפן פון אייך. ווען אפילו די מאַמע אונדזערע לעבט, וואָלט אויך דאָס אייגענע געטראָפן. מיין טאַטע וויל מיך מאַכן פאַר אַ פּעדלער. געגנוג איין פּעדלער אין דער משפחה.

דניאל איז הילל'ן געלעגן אויפן געוויסן. איידער מען האָט פאַרלאָזט רוסלאַנד, האָט זיך דניאל געהיצט, געטעדט פון ארץ ישראל, און געהאַלטן זיך ביים אָנשליסן אָן די „בילויעווצעס“. קומענדיק קיין אמעריקע, הערט מען ניט, דניאל זאָל דערמאָנען ארץ ישראל. נתן גיט זיינע פּייאיקייטן און צייט אוועק צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די יידישע „קנעכט אין נייעם מצרים“. אָבער וואָס טוט דניאל פאַר זיך אליין? „איז ער קראַנק מיט מיר אינאייגעבם זיך דערשלאָגן צו אַ שטיקל ערד?“

אָבער דניאל איז ניט נאָר היללן געלעגן אויפן געוויסן. נאָך מער האָט וועגן אים געטראַכט און באַדויערט די שוועסטער. דניאל איז אין שטאָט, ערגעץ אין די ארומיקע גאַסן, און האלט זיך איינגאנצן באַזונדער. ווען דניאל איז איינמאָל געקומען, געבעטן, אַז קריינדל זאָל מיט אים גיין אויף גרענד סטריט, מחמת, ער וויל פאר איר קויפן א קליידל, ער וועט באַצאָלן; האָט קריינדל זיך אויסגעווינט, און אויף דעם ניט געענטפערט. זי האָט געוואוסט, אַז דניאלס קאָפּ איז פארדרייט מיט עפּעס א שיקסע. שלמה האָט זי געזען. אָבער דער שוויגער שלמה האָט פון דעם ניט געהאלטן, און פון דעם קיינמאָל ניט גערעדט.

דניאל אליין איז געווען אין הוילן פּחד צוליב זיין ריזיקאַלישן שריט וואָס ער האָט געמאַכט. באמת האָט ער זיך אין האַרצן ניט דערוויטערט פון אייגענע. „זאָלן זיי אביסל אונטערוואַרטן, איך וועל דערגרייכן כאָטש עפּעס, יעמאָלט וועלן זיי פאַרשטיין, אַז איך בין אַ ברודער, און האָב זיי אַלעמען אין זינען."

— גיי, דערצייל זיי, אַז אַ האלב־נאַקעטע וועשן, אַ ניט־יידישע, האָט זיך אין מיין האַרצן אריינגעקליבן, און גיט מיר קיין רו ניט... טאַקע, גיי דערצייל דעם טאַטן, אָדער מיינע פּראַקטישע ברידער, כאַ־כאַ־כאַ... אַז איך וועל דערציילן קריינדלען ווי מיין הארץ גייט אויס נאָך אַ אומגליק־לעכער נשמה, וואָס האָט צו מיר די הענט אויסגעשפּרייט, איך זאָל איר מיין לעבן געבן!

מער ווי אַ יאָר האָט ער זיך געשטיקט מיט זיין סוד. האָט געקראָגן אונטערגעשלאָגענע אויגן, אָבער דאָס האָט אים געגעבן מוט, ער זאָל גרייטן אַ היים פאַר דער ליבע, וואָס האָט אים אויף אַזאַ וואונדערלעכן אופן באַגעגנט.

— אוודאי איז קיין תכלית ניט ארומצושלעפּן זיך מיט מיין פּעדלער־קעסטל. אָבער עס איז געווען אַ גאָט, וואָס האָט מיך געפירט צום איסט־ריווער קלאָפּן אין ניט־יידישע טירן. איצטער דאַרף איך עס מער ניט טאָן. אויב איך נעם זי צו פון איר תפיסה, דאַרף איך פאַר איר און פאַר זיך אליין צוגרייטן אַ היים.

יעמאָלט, ווען ער האָט לילִיען בראנדט אומגעריכט באַגעגנט ביי דער איסט־סייד דיספּענסערי, און געפירט זי באַקענען מיט אייגענע, האָט ער איר אין דער שטיל איינגעראַמט זיין אדרעס וואו ער וואוינט. פון יעמאָלט אָן איז די פרעמדע און בלוט־נאָענטע ליליען בראנדט, זיין יונגער כוח, וואָס הויבט אים אויף העכער פון דער איסט־סייד, כאָטש ער האָט נאָך אַ סך פון אירע רייד ניט פאַרשטאַנען.

ליליען בראנדט איז צו אים געקומען פון צייט צו צייט, און ניט שעמענדיק זיך אפילו פאַר די באָרדער־שכנים, וואָס זיינען מיט אים אין צימער געווען.

ווען די באָרדער־שכנים האָבן פאַר העפלעכקייט וועגן זיי געלאָזן אליין, האָט ליליען־בראנדט אים דערציילט אויף גיך, ווי ווייט אומגליקלעך זי איז אָן אים. האָט אים דערציילט, אַז דער מאַן שלאָגט זי גאנצענע טעג. ער שלאָגט זי אָן רחמנות, און פאָדערט זי זאָל וואָס גיכער גיין צום „שמוציקן שיני".

— איך ד'האָב מיט איִם קיינמאָל אָפיציעל ניט חתונה געהאַט. דאָס איז מיין גליק און מיין אומגליק. איך וועל ליב האָבן דיין פאָלק, ווי איך האָב דיך ליב. ראַטעווע מיך ארויס, איך זאָל אַ גאַנץ האַרץ קענען אָפּראַטעווען פאַר דיר. איך האָב מיט אים גערעדט, און ער וועט מיך אָפּלאָזן, זאָגט ער. אָט, זעסט, די בלויע צייכנס אויף מיין אָרעם... דאָס האָט ער מיר געמאַכט. איך בעט ניט, דו זאָלסט גיין מיט איִם זיך אָפּרעכענען. איך ווייס, דו ביסט שטאַרקער פון אים. אָבער נאָר דאָס וויל איך פון דיר, נעם מיך צו דיינע. זיי וועלן ווערן מיין בלוט און פליייש, מיין טייערער.

יעדעס מאָל ווען ליליען בראַנגדט האָט צו אים אַזוי גערעדט און דערמאָנט אים זיינע אייגענע, האָט ער זיך געשפּירט עלנט. זיינע אייגענע זיינען אין אַזאַ צייט געווען פאַר איִם ווייט, הינטער הרי חושך.

— זיי פאַרשטייען מיך ניט. שלמה האָט זי באַגעגנט, און עס קומט אויס, ווי איך האָב זיי מיט דעם פאַרשעמט. קיינער פון זיי דערמאָנט אפילו ניט איר נאָמען.

דעריבער האָט ער אפילו מאַר קיינעם ניט דערציילט, אַז ער האָט געדונגען אַ סטאָר אויף אָרטשאַרד סטריט, קלייבט זיך דאָרטן אריינגעמען סחורה, וואָס ער וועט ארויסגעבן פּעדלער אויף באָרג. „ניט פאַר קיינעם טו איך עס, פאַר איר, וואָס איז גרייט איבערצורייסן מיט איר גאָט און מיט איר פאָלק, פאַר איר טו איך עס".

איינמאָל, באַגעגנדיק אין גאַס גאַר אומגעריכט הילל, ד'האָט דניאל געמאַכט אַ פריילעכן פּנים.

— גוט, הילל, וואָס איך האָב דיך געטראָפן! — האָט דניאל געדריקט וואַרים היללס האַנט.

— וואָס ביסטו אַזוי צופרידן, דניאל?

— איך האָב זיך ניט וואָס צו באַקלאָגן. אַמעריקע האָט מיך ניט באַעוולהט.

— איך באַקלאָג זיך אויך ניט.

— נו גוט, הילל. לאָמיר זיך ניט קריגן. בין צופרידן דיך צו זען. איך האָב וועגן וואָס מיט דיר איבערצורעדן. דווקא מיט דיר, עקשן איינער.

אָבער אין דער לעצטער רגע האָט דניאל באַשלאָסן, צו באַהאַלטן פון היללן זיינע סודות און פּלענער. אויב עס טאָן — זאָל עס זיין פאַר אַלעמען. זאָל אפילו דער טאַטע אויך זיין דערביי.

— וואָס איז, דניאל, פאַרוואָס דערציילסטו ניט?

— כ'קען דרויסן מיט דיר ניט רעדן. בכלל, הילל, בלאָנקעסטו זיך אַרום, ווי אימעצער וואָלט דיך דאָ אָנגעוואָרן. הייב עפּעס אָן צו טאָן. דריי זיך ניט אַרום פּוסט און פּאַס.

דאָס ד'האָט געווירקט, אַז הילל זאָל אָן אַ „גוטן טאָג" זיך אויסדרייען און אַוועק.

אַז דניאל האָט שוין מער ניט געקענט באַהאַלטן זיינע סודות, איז ער אַוועק צו קריינדלען. כאָטש די יינגסטע פון אַלעמען, האָט ער פאַר איר זיין האַרץ אויסגעגאָסן.

— פֿאַר דיר אַליין, קריינדל, ווי פֿאַר אַ פֿרוי, וויל איך עפֿענען מיין האַרץ. איך גיי אינגיכן חרטונה האָבן, קריינדל. מיט איר, שלמה האָט דאָך דיר אוודאי דערציילט... אָבער איידער וואָס, איידער ווען וויל איך, איר אַלע זאָלט זי באַגעגענען. וועסט עס מיר טאָן, קריינדל? פֿאַרבעט אַהער דעם טאַטן, און זע, די קינדער זאָלן דאָ זיין. איך וויל זי ברענגען. זאָלן אַלע זי אָנקוקן. איך וויל — איר אַלע זאָלט זי קענען.

קריינדל איז געזעסן אויפֿן בעט אַ צעטומלטע. זינט מען איז אין אַמעריקע, אַ חוץ אשרן, איז אויך דניאל פֿון אַלעמען אַוועק און פֿירט זיך אַליין זיין וועלט. איצטער גאָר איז ער געקומען אַזאַ צוגעלאָזענער...

— וואָס זיצסטו אַזוי, קריינדל, און זאָגסט גאָרניט? פֿאַרוואָס ביסטו געוואָרן אַזוי טרויעריק?

— וואָס דוכט זיך עס אויס דיר, דניאל. אפֿשר איז מיר ניט אַזוי פֿריילעך ווי מיין ברודער דניאלן. איך טראַכט איצטער טאַקע פֿון מיין ברודער דניאל און פֿון אונז אַלעמען. אַלץ איז דאָ אַוועק מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף.

— כאַ־כאַ־כאַ, ביסט, מיין שוועסטער, געוואָרן אַ גאַנצע פֿילאָזאָפֿקע. ווי אַזוי האָסטו זיך אויסגעלערנט האַלטן אַזוי לאַנג אַ סוד?

— מיר אַלע זיינען אַזוי. דאָס איז אונדזער אומגליק.

— וואָס האָב איך געקענט טאָן, קריינדל? האָב איך געדאַרפֿט קומען און דערציילן, אַז די אויגן האָט מיר ניט אונטערגעשלאָגן אַ באָם, נאָר איר מאָן? וואָס וואָלט איר מיר יעמאָלט געזאָגט? ווי אַזוי וואָלט איר אויף מיר געקוקט?

— ס'איז שוין אַלץ צווישן איך אָפּגעמאַכט?

— כמעט.

— ווער איז זי?

— אַזאַ איידל דהאַרץ איז אויף דער וועלט ניטאָ.

— וואו איז זי?

— זי לעבט שוין באַזונדער. איך האַלט זי אויס.

— זינט ווען?

— זינט נעכטן. זי וויל מער ניט זיין אַליין. זי וויל אייך אַלעמען קענען.

— דו קענסט זי?

— אוי, ווי, ווי איך קען זי!

— קענסט זיך מיט איר צונויפֿרעדן?

— אַ האַרץ דאַרף ניט קיין צונג.

— איך ווינטש דיר גליק, דניאל.

דניאל האָט אַרומגענומען זיין שוועסטער, אָנגעקושט אויף ביידע באַקן, און שטיל געזעדט:

— איך וויל היינט ביינאַכט זי ברענגען אַהער. בעט דעם טאַטן מיט זיין ווייבל אַהער, זאָל זי אויך קומען. קענסט זען, אַז הילל זאָל אויך זיין. מאַכט ניט אויס, זאָל ער זי באַגעגענען. וועסטו עס טאָן, קריינדל? וועסט זען, וואָס פֿאַר אַ פֿריינט זי וועט דיר זיין. זי וועט זיך מגיר זיין, וועט ווערן אַ יידישע טאָכטער... וואָס ווינסטו, קריינע, דיר פֿאַרדריסט? אַז איך האָב דיר אַלץ פֿאַרטרויט, דאַרפֿסטו מיר ניט באַצאָלן פֿאַר דעם

מיט טרערן. הלוואי, קריינע, קריגסטו אויך דיין באַשערטן, וועל איך זיין צופרידן.

— קוק ניט אויף מיר, דניאל. איך דאַנק דיר, וואָס דו ביסט געקומען. איך וועל אַליין אַריבערלויפן צום טאַטן, און אים פאַרבעטן. היללן ווייס איך ניט וואו ער איז איצטער, אָבער נתן, זכריה און שלמה וועלן דאָך זיין.

אין אָוונט איז ישראל לוריא אַריבערגעקומען אינאיינעם מיט ריווטשען. נתן, שלמה און זכריה זיינען שוין געווען אין שטוב.

ריווטשע האָט אַרויסגעטראָטן פאָרויס, האָט נתנען און היללן געדריקט די הענט. זי האָט ניט באַהאַלטן איר צופרידנקייט צו זיין מיט די קינדער אינאיינעם.

— זינט הילל איז געקומען, איז ביי אונדז פריילעכער. וואָס ביסט, ישראל? — האָט ריווטשע הילכיק גערעדט.

אירע רויט־געקרויזטע האָר זיינען געווען פאַרשאַרצט אויף אַרויף און אָפּגעדעקט איר ווייסן שטערן. זי האָט זיך באַוועגט פריי צווישן די קינדער. ישראלן האָט עס הנאה געטאָן.

— נו, וואָס מאַכט איר, — קינדער? — האָט ישראל געפרעגט — קריינדל קומט נאָך אַמאָל, און דו, נתן, שעמסט זיך טאָקע מיטן טאַטן, האַ?

נתן איז געווען צופרידן וואָס אין שטוב האָט דאָס לעבן אַ רודער געטאָן. דעם פאָטער האָט מען ניט דערציילט צוליב וואָס מען האָט אים פאַרבעטן. אָבער ריווטשע האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און געזאָגט:

— דער טאַטע מעג וויסן, אַז דניאל קלייבט זיך חתונה האָבן. ער האָט אַליין געמעגט דערציילן זיין טאַטן.

— דניאל האָט חתונה? מיט וועמען? — האָט ישראל געשטוינט — פאַרוואָס האָט מען עס מיר ביז איצטער ניט דערציילט?

די טיר האָט זיך אויפגעעפנט, דניאל איז אַריבער די שוועל — פירנדיק ביים האַנט לילי׳ען בראַנדט.

די משפחה, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויפן מיטן צימער, האָט אינסטינקטיוו אָפּגעטראָטן אַן אַ זייט, ווי צו מאַכן פּלאַץ פאַר דער שמאַלער, בלאַסער, בלאָנדער און מיט בלוי צעשראָקענע אויגן, לילי׳ען בראַנדט.

קריינדל האָט זיך פּלוצלונג אַ ריס געטאָן פון איר פּלאַץ אַנטקעגן דעם גאַסט, האָט גענומען לילי׳ענס האַנט, זיי האָבן זיך איינס צום אַנדערן אַ צי געטאָן, און שטיל צעקושט.

— אָט, דאָס איז מיין פאָטער, לילי. דאָ זיינען מיינע ברידער, נייטן, הילל, שלמה און זכריה. און דאָס איז מיין שוועסטער. כ׳האָב דיר שוין דערציילט.

דניאל האָט גערעדט אויף זיין האַלב־צעבראָכענעם ענגליש, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס חידוש ביים פאָטער. און נאָך מער חידוש איז געווען פאַר ישראלן, ווען לילי׳ען בראַנט האָט מיט אַ בלאַסן שמייכל זיך געווענדט צו אים, גערעדט אויף אַזאַ ענגליש, וואָס ער האָט קיין וואָרט ניט פאַרשטאַנען.

— איך בין אַזוי גליקלעך — האָט איר שטים געציטערט — ס׳איז מיר טייער, דניאל, צו קענען דיין פאָטער, ברידער און שוועסטער. דניאל

האָט מיר אַזויפיל, אַזויפיל דערציילט פון אייך אַלעמען! איך האָב אַזוי געוואָרט צו קענען אייך אַלעמען. וואונדערלעכע מענטשן זיינען אָנגעקומען פון רוסלאַנד. וואונדערלעכע מענטשן... דערצייל, דניאל, דיין פּאַפּאַ, ווי אַזוי מיר האָבן זיך באַגעגנט. דערצייל זיי אַלעמען...

דער עולם האָט זיך דורכגעוואָרפן מיט די בליקן, געשטוינט פון דעם, וואָס זיי האָבן געהערט און פאַרשטאַנען. ליליענס געשטאַלט איז געווען דורכזיכטיק, באַלויכטן פון גוטסקייט און ערלעכקייט.

ליליען האָט זיך אָנגענומען מיט כוח, און האָט ווידער גערעדט:

— דניאל איז אַ שלעכטער... איר ווייסט גאָרניט וואָס פאַר אַ שלעכטן באַי איר האָט. איך האָב אים געוואָרנט, ער זאָל ניט קריכן אין קיין טראָבל. אוודאי האָט ער אייך צוליב מיר אָנגעטאָן אַ סך חרפּות.

— ווייסט, טאַטע, ווער זי איז? — האָט דניאל זיך געווענדט צום צעטומלטן ישׂראלן — זי איז ניט קיין יידיש־קינד, איז זי ניט. אָבער זאָל עס דיך ניט אַרן. זי וועט זיך מגייר זיין. זי וועט זיין אַ פרומע יידישע טאָכטער.

ישׂראל האָט אָנגעשטעלט אויפן גאַסט די אויגן. ער האָט ניט געגלויבט זיינע אויגן, האָט ניט געגלויבט זיינע אויערן. ער איז געווען צופרידן, וואָס ער קען זיך ניט צונויפרעדן מיט איר, כאָטש אים האָט איר שטים אַזוי נאָענט און אַזוי אמתדיק געקלונגען.

ריוועשע האָט פּלוצלונג ארומגעכאַפּט קריינדלען:

— אוי, ווי זי געפעלט מיר... — האָט זי שטיל אריינגערעדט אין קריינדלען — סאַראַ סיינע זי איז, קינדער... זאָג איר עפּעס, ישׂראל. זי האָט דאָך צו דיר גערעדט, זאָג איר עפּעס.

ליליען בראַנדט האָט געשפּירט, וואָס פאַר אַ צעטומלעניש זי האָט אריינגעבראַכט צו די פאַר איר פרעמדע און נאָענטע מענטשן. זיך האָט זיך אויף אַ ווייל אינגאַנצן פאַרלאָרן. זי האָט געוואַרט, דער פאָטער וועט זיך כאָטש מיט אַ פּאָר ווערטער אָפּרופן. זי איז ארומגעגאַנגען מיט בעטנדיקע בליקן פון איינעם צום אַנדערן, און זיך אָפּגעשטעלט אויף נתנען.

— איר זייט דאָך זיין צווילינג־ברודער. ניט אַזוי שטאַרק ענלעך איינס אויפן אַנדערן. זאָגט איר מיר עפּעס. איך וויל זיך פילן גליקלעך מיט אייך אַלעמען.

— זאָג איר עפּעס — האָט ריוועשע געמינטערט איר מאַן.

— זאָג איר עפּעס, טאַטע, — האָט דניאל געבעטן.

— שטייט דאָך געשריבן: „והאהבת את הגר...” מען זאָל ליב האָבן דעם גר. איז דאָך עס מסתמא אַזוי באַשערט... מסתמא וויל אַזוי גאָט.

ליליען האָט אָנגעקוקט ישׂראלן בשעת ער האָט גערעדט. זי האָט פון זיינע רייד, פון זיינע אויגן ארויסגעלעזן, אַז ער האָט ניט דאַגעגן. זי האָט באַגריפן, אַז ער איז גאָר שטאַרק צערודערט פון דער אומגעריכטער בשורה.

ליליען איז צוגעגאַנגען צו ישׂראלן, פאַרזיכטיק אויפגעהויבן זיין האַנט צו אירע ליפּן, און מיט די אויגן צו די ארומיקע, האָט זי זיך געבעטן:

— איך וועל אַלץ טאָן, איך זאָל אייך ניט זיין דערווידער. איך וועל אַלץ טאָן, ניט צו זיין דערווידער אייער פּאָלק. איך זע, אז איר שרעקט זיך פאר מיר. איך בין א מענטש מיט א האַרץ, וואָס האָט ליב. איך האָב ליב אייער זון און אייער ברודער. דורך איבם וועל איך אייך אלעמען ליב האָבן. און דאָס איז דיין איינציקע שוועסטער, דניאל... דערלויב מיר, דיך ארומצונעמען נאָך אַמאָל און דיר איבערגעבן וואָס איך טראָג פאר אייך אלעמען אין מיין האַרצן.

קריינדל האָט זיך א צי געטאָן צו איר, און ווי א מאַמע, ארייגעכאַפּט די פרעמדע אין אירע אָרעמס. אָן ווערטער האָט קריינדל איר געוואָלט איבערגעבן די מאַס ליבע, וואָס די פרעמדע האָט איצטער אין איר האַרצן אויפגעוועקט.

ליליען האָט זיך מיט אמאָל דערפילט שוואַך און צעבראָכן. זי האָט גאָר אירע כחות אָנגעוואָרן.

— וועסט מיך איצטער, דניאל, אָפּפירן אהיים. איך בין גליקלעך, אָבער דאָס איז צופיל פאר איין מאָל.

זי האָט זיך, מיט די אויגן צו די אָנוועזנדע, דערנענטערט צו דער טיר, און ס׳האָט אויסגעזען, אָט, באַלד וועט זי אנידערפאַלן.

דניאלן האָבן די טרערן געבריט אין די אויגן. ער איז ניט געווען אויף דער ערד. ווען ער האָט גענומען ליליען אונטערן אָרעם, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז אויף אייביק האָט ער זיך פון דער ערד אָפּגעריסן, פון דער ערד און פון זיינע אייגענע, צווישן וועמען ער איז איצטער געשטאַנען. אויך ער האָט זיינע כחות אָנגעוואָרן, איבערגעבנדיק פאַרן טאַטן און ברידער און פאַר קריינדלען דעם גרויסן סוד, וואָס ער האָט אזוי לאַנג אין בלוט געטראָגן.

* * *

— ווער־ווער, דניאל האָט אריינגעריטן אין דער גאָלדענער מדינה אויף אַ ברענענדיק פערדל, כאַ־כאַ־כאַ... איז ווייטער ־פון אַלעמען אוועק. יאָג אים נאָך אויב דו קענסט!

אַזוי האָט הילל זיך צעוויצלט אויף דניאלס חשבון, און ניט געוואוסט, צי זאָל ער אים פאַראַכטן ווי פריער, אָדער ער זאָל גאָר אָנהייבן איבער־וועגן זיינע שלעכטע געפילן צו דניאלן, באַטראַכטן זיין איצטיקן שריט ווי א סימן פון עקשנות און שטאַרקייט.

דניאל איז געוואָרן שם־דבר, ניט נאָר אין דער אייגענער משפחה — דער גאַנצער קרייז וואָס האָט זיך געדרייט אָרום די לוריאס, האָט זיך א טשוכע געטאָן פון פאַרגליווערטקייט.

— איינקלייניקייט, צוגענומען אַזאַ גערעטענע ווייבקע ביי אַ גוי, האָט זי מגיר געווען און איינגעפירט אַזאַ יידישע שטוב.

ניט נאָר דער סקעפּטישער הילל איז מטושטש געוואָרן צוליב דניאלן. דער פאַרזיכטיקער און אויסגערעכנטער נתן איז א צייט שטום געווען. אים איז אין תוך דניאלס אויפטו געווען געפעלן. ער האָט נאָר ניט געקענט סובל זיין, וואָס דניאל האָט זיך אזוי געעקשנט, אז ליליען בראַנדט, און די איצטיקע רות לוריא, זאָל זיך מגיר זיין לויט אַלע יידישע פּיט־שעווקעס. „ער וואָלט מער מענטש אויסגעזען אין מיינע אויגן, ווען ער

טוט אויף אלעמען א שפּיי, לעבט ווי א פרייער מענטש. צייט, יידן זאָלן זיך ניט האַלטן פאַרן איבערשטן פון שטייסל״—האָט נתן ביי זיך געטראַכט.

ביי די לוריאס דאָבן די מחשבות כסדר אוועקגעוואַנדערט אַהין, אויף הענרי סטריט, וואו אין א דריי צימערדיקער דירה, גאַנץ ליכטיק בייטאָג, האָט איינגעאָרדנט זיין גייע היים דניאל לוריא — דער „גוטער ברודער״ פון א סך פעדלער, וועמען ער טיילט אויס סחורה פון זיין „סקלאַד״ אויף אָרטשאַרד סטריט.

— א היים האָט זי אים „איינגעפיקסט״, גאַרניט ווי ביי יידן; אַזוי ריין, ממש עס שמעקט פון יעדן ווינקעלע. ווען ניט די פיר מעשענע, אויסגעשייערטע לייכטער אויפן קאָמאָדע, וואָלטן גאַרניט געקענט גלויבן, אז דאָס איז א יידישע שטוב...

די חתונה איז געווען א שטילע, א בסתרדיקע, ביי לוריא־חלפן אין שאָפ, מחמת מען האָט מורא געהאַט, איר משפחה מיט איר געוועזענעם מאַן וועלן זיך אַראָפּלאָזן „און אַנמאַכן א פאַגראָם חלילה וחס״. כאָטש דריי הונדערט דאָלער האָט דניאל אויסגעצאָלט ליליענס געוועזענעם מאַן, „ער זאָל אויף שטענדיק פאַרפאַלן ווערן פון ניו־יאָרק״ — פונדעסטוועגן איז דער פחד געווען גרויס. טאָמער לאָזן זיך די ניט־יידן אַראָפּ. דניאל האָט אַרויסגעהאָלפן דעם רבי, ר׳ מרדכי ליפשיץ, ביים אויפקלערן דער גרטע ווי שווער ס׳איז צו זיין א ייד.

— זאָג איר, — האָט דער רב אריינגערעדט צו דניאלן, בשעת ליליען איז א בלאַסע געזעסן דערביי — זאָג איר, אז לויט דעם יידישן דין זאָל מען א גר, וואָס באַגערט אריינצוקומען אין כלל ישראל, למען השם אים אָפּרעדן, אָפּוועגדן אים פון צו טאָן אַזאַ זאַך. מחמת גוט איז דעם ניט־יידן אויף דער וועלט, און אויף דעם יידן לאָקערן אלערליי אומגליקן און גזירות. זאָג איר, אז נאָר גרויסע צרות נעמט זי אויף זיך, ווען זי גייט איבער צום יידישן פאָלק און זיין אמונה.

ווען דניאל האָט דער צעשראָקענער און געלייטערטער ליליען פאַרטייטשט וואָס דער רב האָט געזאָגט, האָבן זיך שטילע טרערן געקייקלט ביי איר פון די אויגן, די ליפּן האָבן געציטערט בשעת זי האָט שטיל אַרויסגעזאָגט:

— איך גיי אַהין, וואו מיין מזל פירט מיך. בין גרייט אָנצונעמען די סכנות וואָס באַגלייטן מיך אין וועג צו מיין גליק.

ווי א גרויסע מתנה האָט ליליען צוגענומען דעם נייעם נאָמען רות. אין דער שטיל האָט זי געבעטן, מען זאָל זי אויך אַמאָל רופן ליליען — מחמת, דעם נאָמען האָבן איר געגעבן טאַטע־מאַמע, וואָס לעבן אין דובלין, אין ווייטן אירלאַנד. דניאל האָט אין זיין פרייער צייט מיט איר געלערנט דעם אלף־בית. דערנאָכדעם עברי. ער האָט איר אויך דערקלערט די יידישע דינים. און ליליען־רות האָט איינגעפירט א כשרע קיך.

ישראל לוריא איז געווען שיכור פון נחת. א צייט האָט ער ניט געגלויבט, אז דאָס וואָס מיט אים איז געשען, איז אויף דער וואָר. ישראל לוריא האָט דניאלס באַנייט לעבן פאַרגליכן צו זיין לעבן. אַזוי אויסטערליש איז ער אויפגעריכט געוואָרן צוליב זיין ריוואָשען, און גאָר אויף א פלאַ־פלאַימדיקן אופן איז אויפגעריכט געוואָרן זיין האַלבער בכור. צוליב

דעם האָט ישראל געקוקט אויף דניאלן ווי אויף דאָס גרעסטע פון מענטש־לעכן אויפטו אין נייעם און פרעמדן לאַנד. דניאלס היים איז נאָך ישראלס חתונה געוואָרן דער צווייטער שווערער אַנקער, וואָס האָט די צעטומלטע לוריא־משפּחה שטאַרקער פאַראַנקערט צום ראַנד פון נייעם לאַנד. דעם „ואהבת את הגר" — דו זאָלסט ליב האָבן דעם גר — האָבן די לוריאס מקיים געווען. צוליב דעם איז שוין אַ געוויסע מאָס ליבע אויך אָנגעקומען צו דניאלן, ס'האָט אים געבונדן צו אייגענע, ווען גאָרניט לאַנג האָט עס אויסגעוויזן, אַז דניאל קלייבט זיך אָפּרייסן פון אלעמען און אַוועק זיין אייגענעם וועג.

און קריינדל, כאָטש צום נייעם מיטגליד אין דער לוריא־משפּחה איז איר האַרץ געווען ניט ווינציקער געניגט ווי דעם פּאָטערס, פונדעסט־וועגן, מיט דעם אָנקומען פון פרעמדן אין דער משפּחה אַריין, איז איר לעבן גאַנץ אָפּט אויפגערודערט געוואָרן. אָט איז זי שוין באַלד נײַנצן יאָר אַלט. אָפּטער הייבט זי אָן צו מאַכן איר חשבון הנפש. זי פאַר־נעמט אַ שטים אין זיך, וואָס רופט און פאַרלאַנגט ניט אַוועק פון לעבן.

— יאָרעלעך שטייען ניט אויף אַן אָרט!

קריינדל האָט תחילת געגאַרט צו פאַרנעמען צווישן די זיבן דערוואַק־סענע מאַנצבילן ס'אָרט פון דער אומגעקומענער מאַמען. אָז זי טראַכט איצטער פון דעם, קומט איר אַ פאַרב אין פּנים. זי שעמט זיך אַליין פאַר אירע געוויינען, ווען דער משפּחה־קשר האָט אָנגעהויבן אין אַמעריקע לויז ווערן. קריינדל אַרבעט ביי ציגאַרן. דעם כוח אויסצוטראָגן דעם שאַפּ־לעבן און דערצו גיין מיט אַ גלייכן קאָפּ און מיט אַ פעסטן טראָט, דעם־דאָזיקן כוח וועקט נאָך אַלץ ביי איר דער יונגער בעל־חלומות פאַלק בירשטיין. ער האָט קריינדלען געלערנט, זי זאָל קיין סך ניט פאַרלאַנגען פון לעבן. זי זאָל פאַרזען דאָס שלעכטס אַרום, און נאָר אינזינען האָבן דאָס גוטע אין זיך, אַליין דערציען די אייגענע גוטסקייט צו דער פיינסטער השלמה. פון צייט־צו־צייט רודערט אויף איר לעבן אַ פאַרלאַנג אַרויס־צורייסן זיך פון שאַפּ אין דער פרייער וועלט אַריין. איז פאַלק בירשטיין דער מענטש, וואָס פאַרגרינגערט איר שלעפּן דעם יאָך אויף אירע יונגע פּלייצעס. זי איז געוואָרן נייַנצן יאָר אַלט. זי אַליין האָט דעם טאָג געדענקט, און איז דעריבער דעם טאָג צו דער אַרבעט ניט געגאַנגען. אַ געפיל פון עלנט האָט אַרומגעכאַפּט איר לעבן.

געווען אַ חידוש פאַר קריינדלען אַליין, וואָס נאָך פון אינדערפרי אָן האָט עס זי געצויגן צו פאַרברענגען דעם געבוירנטאָג, ניט מיט פאַלק בירשטיינען, נאָר מיט דער גרטע ליליען־רות. איר איז געלונגען זיך אָפּצוגנבענען פון אַלעמען און אַוועק צו דניאלן, וואָס איז אַ גאַנצן טאָג געווען פאַרנומען אין זיין קראָם. קריינדל איז געגאַנגען צו דניאלן, און אַליין ניט באַגריפן וואָס פאַר אַ פאַרבאָרגענער כוח עס שטויסט זי אַהין. אַ תירוץ האָט זי יאָ געפונען צוליב וואָס זי זאָל גיין. אַ פּאָר דימענטענע אוירינגלעך איז איר איבערגעבליבן נאָך דער מאַמען, דאָס האָט זי באַשטימט אַוועקצוטראָגן צו דער גרטע די אוירינגלעך. אָבער צוזאַמען מיט די אוירינגלעך האָט קריינדל געטראָגן אַן אויפגעשטורעמט געמיט און פאַר־באָרגענע נאָגעניש אַרום האַרצן.

קריינדל האָט זיך לאַנג געפּוצט, געשטאַנען פאַרן שפּיגל און באַטראַכט איר פּנים, ווי זי וואָלט איצטער זיך געקליבן גיין באַגעגענען אַן אומבאַקאַנטן, וואָס וועט איר אומרואיק לעבן מיט אַזאַ שפּרוך איינשטילן. פאַרן חודש, זינט די שטילע חופּה איז פאָרגעקומען איז קריינדל ביי דניאלן עטלעכע מאָל געווען, געפּרעדט מיט ליליען־רות גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, אָבער איצטער, אין דעם טאָג, ווען זי איז געוואָרן ניינצן יאָר אַלט, וויל קריינדל זיך דערנענטערן צו דער פרעמדער וועלט, וואו ס׳איז אפשר פאַראַן אַזאַ פייער, וואָס קען איר לעבן באַלייכטן.

געווען זונטיק בייטאָג, ווען קריינדל איז געגאַנגען צו דניאלן. שבת האָט מען אין די מערערע שוויץ־שעפער ניט געארבעט, און אַ סך ייִדישע קראָמען האָט מען געהאַלטן פאַרמאַכט. דניאל האָט אויך זיין קראָם דערווייל געהאַלטן שבת פאַרמאַכט. זונטיק איז געווען אַ „ברענענדיקער״ אָנהייב־וואָך פאַר די גרינע. דניאל איז אַליין שטוב ניט געווען. קריינדל האָט גערעכנט, זי וועט טרעפן רותן אַ טרויעריקע צוליב איר פאַרשוועכטן זונטיק, דעריבער האָט זי גאַנץ פאַרזיכטיק אָנגעקלאַפּט אין טיר.

רות, ניט גאָר אינגאַנצן נאָך אָנגעטאָן, האָט געפרעגט ווער עס קלאַפּט, און איז געווען שטאַרק פאַרחידושט צו הערן קריינדלס נאָמען. זי האָט אויפגעעפנט די טיר, אריינגעלאָזן קריינדלען און זי אריינגעכאַפּט אין אירע אָרעמס, מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט אָפענע, זשעדנע געפילן געדריקט צו זיך קריינדלען.

— אָ, גאָט מיינער, דו ביסט צו מיר געקומען! דו, קעראָלאַין, פאַר וועמען איך האָב אַזוי מורא געהאַט. יאָ, טייערע, פאַר דיר האָב איך מורא געהאַט מער ווי פאַר וועמען ס׳איז פון דייניקע.

רות האָט זיך פאַרכלינעט מיט די רייד, האָט ווידער אויסגעקושט יעדן ווינקל פון קריינדלס פּנים. זי האָט צוגעצויגן קריינדלען צום בעט, זי אנידערגעזעצט נעבן זיך.

— אָ, קעראָלאַין, ווי גליקלעך איך בין דיך צו האָבן פאַר אַ שוועסטער! דניאל האָט מיר אַ סך דערציילט פון דיר. ער זאָגט, דו ביסט אַ שטרענגע, אַ שטאָלצע. כ׳האָב פאַר דיר דעריבער מורא געהאַט. ביסט אַזאַ שיינע, ביסט אַזאַ טייערע, קעראָלאַין. איצטער וועל איך מיט דיר צום ערשטן מאָל שליסן פריינדשאַפט. זיץ אָט אַזוי, כ׳וועל אויף זיך עפּעס אַרויפכאַפּן.

אין צימער האָט געברענט אַ טשעמהונען אויוועלע, פול אָנגעשאָטן מיט שטיין־קוילן. אין שטוב איז געווען זויבער,אויפגעראַמט, מיט אויסגעשטריקטע גאַרדינען, און טעפּעכלעך אויפן דיל. פיר מעשענע בענטשלייכטער זיינען געשטאַנען אויפן קאָמאָד, צו צוויי פון ביידע זייטן שפּיגל.

קריינדל, ניט קוקנדיק אויף די בענטש־לייכטער, האָט אַליין שטוב געשפּירט ניט־ייִדישעס. דער אופן ווי די שטיקלעך מעבל זיינען געשטאַנען, אפילו דער ריח אין צימער איז איר געווען אַן אומבאַקאַנטער. פאַר די פּאָר מינוט וואָס רות האָט זי געהאַלדזט און געקושט, האָט זי אפילו קיין צייט ניט געהאַט געגוג זיך אָנצוקוקן אין איר פּנים. איצטער, ווען רות איז אריינגעקומען אָנגעטאָן אין אַ נעט גרינלעך, טוכן קליידל, האָט זי אויסגעזען אַ סך יינגער. דאָס בלאַסע, שמאָלע פּנים, די בלוי־

גרינלעכע אויגן און די פלאַקסענע האָר — דאָס אַלץ האָט געשטימט מיט דער פרעמדער זויבערקייט און אָרדענונג אין צימער. קריינדל האָט געוואָלט איצטער רעדן, אַ סך רעדן, נאָר שווערלעך איז איר נאָך אָנגעקומען אויסצודריקן זיך פריי אויף ענגליש מיט אַ מענטשן וואָס ענגליש איז זיין מוטערשפּראַך.

פונדעסטוועגן, נאָך דעם ווי רות, אַ באַרואיקטע און מיט אַ סך ליבלעכקייט אין פּנים, האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבן קריינדלען, גענומען אירע הענט און געקוקט איר גלייך אין די אויגן אריין. — האָט קריינדל פאַרזיכטיק געפרעגט:

— פאַרוואָס האָסטו פאַר מיר מורא געהאַט?

— אַ, מיין טייערע, איך קען מיר קיין חשבון ניט אָפּגעבן.

— אַלע האָבן דיך ליב, מיין טאַטע האָט דיך ליב ווי זיינס אַן אייגן קינד.

— איז דאָס אמת?

— אוודאי. ער האָט דיך ליבער פון מיר... זאָג־זשע מיר, פאַרוואָס האָסטו פאַר מיר מורא געהאַט?

— ווייסט דאָך ווי אַ פרוי קוקט אויף אַ פרוי. אייערע ווייסן דאָך אַלץ. צו זעכצן יאָר בין איך אַ מאַמע געוועזן, און מיין קינד האָב איך אָפּגעגעבן אין אַ קינדערהיים. אייערע קוקן אוודאי קרום אויף מיר.

— אבי דניאל האָט דיך ליב.

— ניין, איך וויל, אַז אַלע איר זאָלט מיך ליב האָבן. אַלע אייערע, אַלע יידן זאָלן מיך ליב האָבן. איך בין דאָך פון מיינעם אַוועקגעגאַנגען.

— כ'האָב דיר געבראַכט אַ מתנה, ליליען.

קריינדל האָט ארויסבאַקומען די אוירינגלעך, פאַרזיכטיק איינגעוויקלטע אין אַ ווייסע טיכעלע.

— זעסט, רות, דאָס זיינען מיין מאַמעס אוירינגלעך. פאַר מיר זיינען זיי איבערגעבליבן. כ'וויל, דו זאָלסט זיי אָנטאָן. דו, און מער קיינער ניט.

רות האָט באַמערקט טרערן אין קריינדלס אויגן. זי האָט ארומגעכאַפּט קריינדלס קאָפּ און געדריקט צו איר ברוסט.

— ס'איז דיינע — האָט רות גערעדט מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם — פאַר דיר, קעראַלאַין, זיינען זיי געבליבן. איך טאָר זיי ניט נעמען.

קריינדל האָט געמאַכט אַ פריילעך פּנים, האָט אויסגעווישט די טרערן, אַן וווערטער האָט זי אויסגעטאָן פון רותס אויערן רויטע, קאָראַלענע אוירינגלעך, און אָנגעטאָן די דימענטענע.

— האָב פאַר מיר קיין מורא ניט, רות. ווען מיין מאַמע וואָלט איצטער געלעבט, וואָלט זי אויך די אוירינגלעך אויסגעטאָן פון אירע אויערן און דיר אָנגעטאָן. יאָ, רות, ביסט מיין שוועסטער. איך וויל דיך ליב האָבן ווי מיין שוועסטער. איך בין ביי מיין מאַמען געוועזן איינע. דאָס איז ניט גוט, רות. בין אויסגעוואַקסן אַ ציטריקע. איצטער בין איך אין אַמעריקע. אַמעריקע האָט פיינט ציטריקע. האַ, וואָס אי, רות, פאַרוואָס ווייסטו?

רות האָט באַהאַלטן איר קאָפּ אין קישן, אַזוי געבליבן אַ ווייל שטיל, פאַרגליווערט. קריינדל האָט געגלעט איר פּלייצע, האָט ניט געפונען קיין פּאַסיקע, נאָנטע ווערטער ווי אַזוי די פרעמדע, און אַזוי וואונדערלעך נאָנטע, מיט אַ פּאָר ווערטער דערוואַרימען און אויפריכטן.

רות האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ; דאָס ליכט אין אירע אויגן האָט געציטערט אין די פולע טרערן־טראָפּנס.

— איך וויין פאַר גליק, קעראַלאַין... מיר איז גוט. איך ווייס אַליין ניט מיט וואָס איך האָב פאַרדינט, אַז מיין לעבן, וואָס איז פול געווען מיט אומגליק, איז מיט אַמאָל אַזוי לויטער געוואָרן. אַז דאָס ליבע, וואָס האָט אַזעלכע ביטערע קלעפּ געקראָגן, זאָל געשווינט ווערן. אָ, אַז איך דערמאָן מיר וואו דניאל האָט מיך געפונען, און פונוואַנען ער האָט מיך ארויסגענומען! אָ, וויפיל שאַנד ער האָט צוליב מיר געהאַט, וויפיל מאָל ער איז באַפאַלן געוואָרן און צעשלאָגן געוואָרן! כ׳ווייס ניט, קעראַלאַין, מיט וואָס איך וועל קענען אים פאַר אַלץ באַלוינען. איך וויל דעריבער זיין גוט, וויל זיין פרום. נעכטן איז ביי מיר געווען שבת, אַ הייליקער טאָג: האָב ליכט געצונדן פרייטיק צונאַכטס. אָ, ווי ליכטיק מיין וועלט איז מיר געוואָרן נאָך דעם ווי איך האָב די ליכט אָנגעצונדן! קיינמאָל, קיינמאָל איז אַ שטוב ניט געווען אַזוי ליכטיק. כ׳האָב גאָרניט געגלויבט, אַז פיר ליכט קענען אַזוי ליכטיק מאַכן דאָס לעבן.

— ביסט שוין פרימער פון מיר, רות. איך בענטש ניט קיין ליכט.

— אַז דו וועסט חתונה האָבן.

— איך ווייס ניט, צי כ׳וועל גאָר חתונה האָבן.

— איך היט אָפּ כשר, קעראַלאַין.

— איך היט ניט אָפּ.

— וואָס?

—יאָ, רות, איך בין דאָ געוואָרן אַ זינדיקע.

— דו, קעראַלאַין, אַ זינדיקע? נאַריש קינד, וואָס דו רעדסט. מיט וויפיל בין איך עלטער פון דיר, מיט דריי יאָר אינגאַנצן, און וואָס איך האָב שוין אין מיין לעבן געהאַט! פרעג אַמאָל דניאלן, זאָל ער דיר דער־ציילן, ווי אַזוי איך האָב אים באַגעגנט. זאָל ער זיך ניט שעמען און דיר אַלץ דערציילן... דיר מעג ער דערציילן. אוודאי וועסטו חתונה האָבן. דניאל האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט שוין אַ יונגנמאַן. ווען וועסטו חתונה האָבן, קעראַלאַין?

ביידע פרויען זיינען שטיל געבליבן. ביי קריינדלען האָבן זיך אויס־געגנומען אַלע ווערטער וואָס זי האָט פאַרמאָגט. אַלץ וואָס רות דהאָט געזאָגט, איז אַזוי קלאָר. רות האָט עס ארויסגערעדט מיט אַ קלינגענ־דיקער שטים. פאַר קריינדלען איז אַלץ געווען פאַרשטענדלעך. אָבער טיפער איז געווען פאַר איר דער סוד, ווי אַזוי איר ברודער דניאל, דער וואָס אינדערהיים איז ער געווען פרימער פון נתנען, און וואָס דאָ איז ער אויך געבליבן אַ דאַוונער, אַ פרומער — ער דווקא האָט זיך אין לעבן באַגעגנט מיט אַ ליליען־בראַנדט, וואָס הייסט איצטער רות. זי רופט קריינדלען שוועסטער, טוליעט זיך אַזוי צו איר. אַזויפיל ליבע ווער־טער האָט זי איר ארויסגעזאָגט; און, קריינדל פילט, אַז פון אַ טיפן קוואַל שפּרודלט די ליבשאַפט פון דער פרעמדער אויף קריינדלס קאָפּ. קריינדלען קומט בשעת מעשה ארויף אויפן זינען פאַלק בירשטיין, וואָס באַמיט זיך אָפּצואווישן פון קריינדלס פאַרשטעלונג, אַז אויף דער וועלט זיינען דאָ

באַזונדערע פעלקער. פאַלק בירשטיין וויל אָפּווישן פון איר פאַרשטע־לונג די באַגריפן פון ייד און ניט־ייד. אָט איז דאָך דער וואונדער געשען!

קריינדל וויל ברענגען אין סדר אירע געדאַנקען, געפינען די פּאַסיקע ווערטער אַנצוהייבן נאָך אַמאָל. זי ווייס אפילו ניט אויף קלאָר וואָס זי וואָלט איצטער מיט דער פרעמדער גערעדט.

מיט אַמאָל האָט קריינדל גענומען און א פרעג געטאָן:

— דו האָסט ליב מיין ברודער?

רות האָט אַנגעשטעלט א פּאָר צעשראָקענע אויגן אויף קריינדלען, זי אָנגעקוקט, ביז אירע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן פול מיט טרערן, און קריינדלס געשטאַלט איז ווי צעשפּליטערט געוואָרן דורך די פאַרטרערטע אויגן.

— איך האָב מיט דעם גאָרניט געמיינט, רורט — האָט קריינדל זיך געפּרואווט פאַרענטפערן.

— האָסט דאָך געפרעגט...

— גאָרניט דאָס, וואָס דו מיינסט, ד׳האָב איך געמיינט.

— האָ?

קריינדל האָט זיך פאַרלאָרן, האָט ניט געוואוסט ווי אזוי צוריק אויפ־צוריכטן די נידערגעשלאָגענע רות.

איך בין געקומען דיר עפּעס פרעגן, רות, און דו ווייסט גאָר... כ׳וויל דיך פרעגן. צי דיר געפעלט דער יונגערמאַן, וואָס דו קלערסט, אז איך וועל מיט אים חתונה האָבן.

— יאָ, ער געפעלט מיר, טייערע — האָט רות, נאָך אַלץ אַ צערודערטע, געגלעט קריינדלס האַנט, — יאָ, ער געפעלט מיר.

— האָסט אים נאָך קיין איינמאָל גוט ניט געזען.

— פונדעסטוועגן געפעלט ער מיר. ניטאָ קיין שלעכטע מענער צווישן אייערע.

קריינדל האָט א שמייכל געטאָן.

— לאַכסט פון מיר, קעראַלאַין?

— ניין, איך טראַכט וואָס פאַר א גוט האַרץ דו האָסט.

— איך בין ניט קיין גוטע. ניין, ווי אזוי איך האָב געבראָכן, צעשטאָכן, מיט אלץ איבערגעריסן... מיט מייניקע, מיט מיין קינד, מיט אלעמען, אלעמען... מיט מיין רעליגיע... און אוועק מיט דעם מענטשן וואָס איך האָב ליב! בין איך אַ שלעכטע, א האַרטע, אָן א ברעקל רחמנות אין האַרצן. יאָ, קעראַלאַין, דאָס בין איך.

רותעס פּנים איז געוואָרן ערנסט, די אויגן גרעסער און האָבן געפינקלט מיט פייער. זי איז ווי אויסגעוואַקסן אין קריינדלס אויגן בשעת זי האָט גערעדט. רות האָט אליין ניט געוואוסט ווי ווייט זי האָט מיט דעם אויפגעמונטערט די אומבאַקאַנטע און פרעמדע שוועסטער אירע.

— נו, — האָט רות מיט דעם אייגענעם פייער ווידער גערעדט — וואָס וואָלט מיין לעבן געווען, ווען איך טו ניט דאָס וואָס איך האָב געטאָן? כ׳האָב געפּאָלגט דעם בליגדן גורל מייגעם, וואָס האָט מיר געהייסן: וואַרף אַוועק דעם מאַן וואָס פון אים האָסטו געהאַט צוויי קינדער. וואַרף אוועק דיין פאַלק, דיין רעליגיע, און באַהעפט זיך מיט דעם פרעמדן מענטשן פון א פרעמד פאַלק, וואָס דו קענסט אפילו ניט! גיב זיך אים אוועק, און

זאָל ער דיך אויף זיינע שטאַרקע אָרעמס אַוועקטראָגן אין אַן אַנדער וועלט, וואו דו וועסט אויפגעריכט ווערן און זיך אַליין געפינען אַן אויסגעלייזטע!

קריינדל האָט אויף דעם ניט געענטפערט. זי האָט באַמערקט, ווי אין דער פרעמדערס אויערן בלישטשען איר מאַמעס אוירינגלעך. איר מאַמע טויבע איז אַ שטילע ווי אַ טויב געווען. און איצטער בלישטשען אירע אוירינגלעך אין די אויערן פון אַ יונגער פרוי, וואָס איז פון דער פרעמד געקומען און איר אַ שוועסטער געוואָרן.

און ווידער שטייט אויף פאַר קריינדלען דאָס געשטאַלט פון דעם יונגען מענטשן פאַלק בירשטיין. און אַ מחשבה לויפט דורך: „איז ער טאַקע דער מענטש וואָס וועט מיך אַרויסטראָגן פון מיין וועלט, אַוועקטראָגן אין אַ פרייער וועלט אַריין?"

— האָסט גוט געטאָן, רות. אַזוי טוט אַ שטאַרקע פרוי. אַזוי טוט אַ שטאַרקער מענטש. טו זיך אָן, רות, קום מיט מיר צו מיר אַהיים, איך וויל מיט דיר אַ סך, אַ סך רעדן. כ׳וויל, מיין ברודער נייטן זאָל דיך בעסער קענען.

— איך וועל קומען, וועל קומען. אָבער איצטער מוז איך גיין, דניאל וואַרט אויף מיר. אוודאי וועל איך קומען, כ׳דאַנק דיר, קרעראַלאַין.

קריינדל האָט זיך מיט איר געזעגנט, און איז אַוועקגעגאַנגען. געגאַנגען אָן ציל איבער די פרעמדע גאַסן. אין די אויערן האָבן געקלונגען דער גרטעס ווערטער.

* * *

אין געמיט איז געוואַקסן די אומרו. נויטיק געווען, צו דער משפחה לוריא זאָל צוקומען אַ יונגע גרטע, לילי׳ען־רות, כדי קריינדל זאָל באַגרייפן, אַז אין לעבן „אויף איר גאַס" קומט ניט דאָס פאַרלאַנגטע אַליין אַנטקעגן.

„איך בין ניט קיין גוטע, ניין. איך האָב צעבראָכן אַלץ וואָס איז מיר געקומען אין וועג, ביז כ׳האָב מיינס דערגרייכט."

דאָס האָט פאַר קריינדלען מודה געווען דניאלס גרטע. קריינדלען איז ניט אַלץ באַוואוסט וואָס יענע האָט הינטער זיך געלאָזן כדי צו קומען צו איר געגאַרטן ציל. אויב דאָס ווערן פון אַ גויע אַ יידיש־קינד איז אַ טייל פון געגאַרטן ציל, איז דאָס פאַר קריינדלען אינגאַנצן אומבאַגרייפלעך. איר פאָטער, ישראל לוריא, איז אויך געגאַנגען צו זיין ציל און צעבראָכן אַלץ וואָס איז געלעגן אין וועג. קריינדל טראַכט פון לעאָנאַרד חלפן: יענער האָט דאָך אויך געהאַט זי, קריינדלען, פאַר אַ ציל. אמת, זי האָט זיך פון אים אָפּגערוקט, אָבער ער האָט גאָר ניט געבראָכן אויף זיין וועג. העכסטנס האָט ער אירע לייט געדהאַלטן ביי זיך אין שאַפּ. און נתן, און מלכה חלפן — וואָס שטערט דאָרטן, די צוויי זאָלן זיין צופרידן און גליקלעך? קריינדל פילט, אַז נתן האָט מלכהן ליב, פונדעסטוועגן זעט זי ווי מלכה שלאָגט זיך ווי אַ פיש אָן אייז, און נתן וויל עס גאָרניט באַמערקן. אַ רעטעניש איז פאַר איר אָטאָ־דער גאַנצער פּלאָנטער.

פאַלק בירשטיין —

— ווער איז דער מענטש, וואָס האָט אין מיר אָפּגעקילט דאָס בלוט, געמאַכט, איך זאָל זיך אונטערגעבן, ניט פאָדערן צופיל פון לעבן; סטריפּן

די ציגאַר־בלעטער און וואַרטן אויף מיינע פיר און אַ האַלב דאָלער אַ וואָך?

צופיל סודות האָט קריינדל געקענט באַהאַלטן. יענעמס סודות האָבן זיך אויסגעמישט מיט אירע אייגענע. זי כאַפּט זיך, אַז דער פּערטער פּרילינג קומט אָן, זינט זי איז מיט איר משפּחה אַוועק פון רוסלאַנד. אין ערשטן פּריליג איז די מאַמע געשטאָרבן. אויפן צווייטן פּריליג האָט דער טאַטע חתונה געהאַט און צעשטערט די נייע היים. און איצטער, דער פּערטער פּריליג דערנענטערט זיך, און אַ עלנט־געפיל כאַפּט קריינדל־ען אַרום.

— פאַרוואָס נעם איך ניט דאָס וואָס מען באָט מיר אָן?

דער עלנט האָט קריינדלען געטריבן אין די גאַסן, און זי ווידער געפירט צו פאַלק בירשטיינען. ער האָט געוואוינט אויף בעקסטער סטריט. אינאיינעם מיט נאָך דריי בחורים האָט ער זיך אויפגעהאַלטן אין אַ דירה פון איין צימער מיט אַ קיך. קריינדל האָט ניט געהאַט צו גיין אַהין צוליב איין איינוואוינער, אַלעקסאַנדער האָט ער געהייסן, אַ האַרבאַטער, מיט אַ קאָפּ נידעריקער פון קריינדלען. ער האָט אויך געהערט צו דער גרופּע פּאָזיטיוויסטן, „גראַז־עסערס". אָבער אַל־עקסאַנדער, כאָטש מיט אַ האַרב פון פאָרנט און מיט אַ האַרב פון הינטן, כאָטש אַ „גראַז־עסער", מיט זיין רונדן פּנים און שווערע שפּאַקולן, וואָס האָבן פאַרשטעלט זיינע קורצזיכטיקע, גרויסע, שוואַרצע אויגן — ער האָט שטענדיק געהאַט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל אַרום זיין מויל. קריינדלען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז פון איר מאַכט ער חוזק.

איצטער אויך, אַז קריינדל איז אָנגעקומען, האָט זי בלויז אַלעקסאַנדערן געטראָפן. ער האָט זיך געעסקט ביים קוילן־אויוועלע, געבראָטן אַ באַנאַנע אויף די קוילן.

קריינדל האָט באַגריסט, און געפרעגט, צי פאַלק בירשטיין איז ניטאָ.

אַלעקסאַנדער, ביים אויוון, האָט זי פון זיין אָרט אָנגעקוקט, ברייט געשמייכלט און ניט געענטפערט.

קריינדל האָט זיך תחילת אביסל דערשראָקן פאַר אים. איז גרייט געווען אַרויסצוגיין. אָבער זי האָט זיך אָנגענומען מיט כוח און געפרעגט:

— נאָר מיך באַגעגנט איר אַזוי, צי דאָס טוט איר מיט יעדן איינעם וואָס קומט אייך אַנטקעגן?

— כ'מאַך פון קיינעם ניט קיין חוזק — האָט אַלעקסאַנדער מיט אַ ברייטן שמייכל געענטפערט — כאָטש פון אייך ווילט זיך מיר זייער אָפּט מאַכן חוזק.

— פאַלק וועט דאָ היינט ניט זיין?

— איר דאַרפט וויסן בעסער.

— ווי קום איך צו וויסן בעסער?

— דעריבער ווילט זיך מיר מאַכן חוזק פון אייך. געבראָטענע באַנאַנעס האָט איר ליב? נאַט, פאַרזוכט.

— קריינדל האָט גענומען ביי אים אַ האַלבע באַנאַנע און פאַרזיכטיק פאַרזוכט. איר האָט שוין אָנגעהויבן הנאה טאָן, וואָס זי איז איצטער מיט אים אַליין געבליבן.

— פאַלק האָט מיר דערציילט, אַז איר סאָטשיגייעט.

— כאַ־כאַ־כאַ... איך פּאַרפּאַס גאָרניט. אַלץ וואָס איך ווייס, זאָג איך. אַלץ וואָס איך זאָג, מיין איך. ביי די כינעזער איז פאַראַן אַ שפּריכ־וואָרט: ווער עס רייט אויף אַ טיגער, דער האָט מורא פון אים אַראָפּ־צוקריכן. האַ, מיס לוריאַ, איר מסתמא רייט אויף אַ טיגער, דעריבער זייט איר אַזוי פאָרזיכטיק מיט יעדן טריט וואָס איר מאַכט. בירשטיין האָט אויף אייך אַ שלעכטן איינפלוס, מיס לוריאַ. קוקט מיך ניט אָן אַזוי בייז. כ'האָב פאַלקן אויך געזאָגט, ער באַהאַנדלט אייך שלעכט.

קריינדלען איז דאָס בלוט געקומען אין פּנים. זי האָט געהאַלטן דאָס שטיקל געבראָטענע באַנאַנע אין האַנט, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט דעם. דער האָרבאַטער אַלעקסאַנדער האָט איר נייגער אָנגעצונדן, זי האָט אים איצטער ווי צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן באַטראַכטן. ערשט איצטער האָט זי באַמערקט זיין רונדן, שווערן קאָפּ און דעם הויכן, בלאַסן שטערן. ער איז געווען אַ גוטער מאַטעמאַטיקער. פאַר די צוויי יאָר אין לאַנד האָט ער דורך די נעכט אַ סך געלערנט. קריינדל האָט פון דעם געוואוסט. און איצטער, ווען זי האָט אויף אים אָנגעהויבן צו קוקן מיט בעסערע אויגן, איז דאָס אַלץ צום גוטן חשבון צוגעקומען.

קריינדלען איז שטאַרק אריין אין זינען וואָס אַלעקסאַנדער האָט געזאָגט וועגן פאַלקן:

— כ'וויל, מיסטער אַלעקסאַנדער, איר זאָלט מיר געבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס פאַלק האָט אויף מיר אַ שלעכטן איינפלוס?

— דערפאַר וואָס ער איז אין אייך פאַרליבט.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט קריינדל זיך הילכיק צעלאַכט.

אַלעקסאַנדער האָט געפּרוּווט אביסל איינציען זיין האָרב, אויסצוזען העכער. צוליב זיין מוח האָט ער אויסגעזען אַ סך עלטער ווי זיינע פיר־און־צוואַנציק יאָר. די שווערע ברילן האָבן צופיל פאַרדעקט זיינע פּולע, שוואַרצע אויגן. ווען קריינדל האָט פּלוצלונג אַזאַ הילכיקן לאַך געטאָן, כאָטש ער איז געווען קורצזיכטיק, האָט ער אויסגעטאָן די ברילן; אים האָט זיך אויס־געדוכט, אַז אָן די ברילן וועט ער איר געזיכט בעסער ארויסזען.

— איר לאַכט פון דעם וואָס איך האָב געזאָגט. כ'ד'האָב עס געמיינט גאַנץ אויפריכטיק.

— איך זע, כ'האָב געמאַכט אַ טעות. אַנשטאָט איינצוליבן זיך אין פאַלקן, האָב איך זיך גאָר געדאַרפט איינליבן אין אייך, מר. אַלעקסאַנדער.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט אַלעקסאַנדער פאַרלייגט די הענט אויפן פאַר־דערשטן האָרב — איר האָט מיר גוט באַצאָלט.

קריינדלען האָט ניט צורו געלאָזן דאָס וואָס אַלעקסאַנדער האָט פריער אַ זאָג געטאָן. איר האָט איצטער אויסגעוויזן, אַז דערדאָזיקער אַלעקסאַנדער האָט גאָר אויף פאַלקן אַ שלעכטן איינפלוס, אָבער זאָגן עס אים איצטער האָט זי ניט געהאַט קיין חשק. איר האָט ווידער אָנגעהויבן צו פאַרדריסן, הלמאי זי איז געבליבן אין צימער, און ניט ארויסגעגאַנגען גלייך ווי זי ד'האָט אויסגעפונען, אַז פאַלק איז ניטאָ.

אַלעקסאַנדער איז מיט אמאָל ערנסט געוואָרן. ער האָט צוריק אָנגע־טאָן זיינע ברילן און איז אריבערגעגאַנגען צום פענצטער, כדי אויסצוקומען אַנטקעגן קריינדלען.

— איך וויל אייך ניט שולדיק זיין קיין ענטפער, מיס לוריא. איך ווייס, אַז פאַלק וועט אויף מיר זיין אין כעס, ווען איר וועט אים דערציילן וואָס איר האָט פון מיר געהערט. אָבער אַזוי איז מיין טבע, יו נאָו. וואָס איך האָב אויפן לונג, איז ביי מיר אויף דער צונג. דעריבער רעכן איך, אַז איך געהער צו דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט, וואו ס׳וועט קיין היפּאָקריטסטוואָ ניט זיין. אַגב, בין איך אַ מאַטעמאַטיקער. ביי מיר איז צוויי און צוויי — פיר. ביי ראָמאַנטיקער איז צוויי און צוויי — פינף. אָט, פאַרוואָס פאַלק בירשטיין האָט אויף אייך אַ שלעכטן איינפלוס, ווייל ער וויל פון אייך מאַכן אַ מיטגליד פון אַ בעסערער צוקונפטיקער געזעלשאַפט, ווי אונדז, קלערט אויף די ריינע לערע פון אַנאַרכיזם. איר זייט עס ניט. אין אייך פעלן די עלעמענטן וואָס קענען די פרוי דערהויבן און זי אנידערשטעלן אין די רייען, וואָס קעמפן פאַר אַ בעסערער געזעלשאַפט.

קריינדלען האָט דאָס בלוט אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין, און אַרום האַרצן האָט אַ קעלט דורכגעריזלט. איר פרויען־אינסטינקט האָט ניט דערלאָזן, דערדאָזיקער מענטש מיטן טאָפּלטן האַרב און סאַרקאַסטישן שמייכל אַרום מויל, פאַר וועמען זי האָט מורא געהאַט, זאָל פילן, אַז ער האָט באַזיגט אַזוי גרינג זיין קרבן. אין דער רגע איז אַלעקסאַנדער פאַר איר געווען אַ רעטעניש. „צוליב וואָס טוט ער עס — האָט זי אַ טראַכט געטאָן — ניט שוין־זשע איז ער אייפערזיכטיק?"

ביי קריינדלען האָט אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק אין קאָפּ, און האָט זי אויפגעמונטערט. זי האָט ענערגיש אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, מיסטער אַלעקסאַנדער, איר זייט אַמאָל געווען איינגעליבט?

— איך?

— יאָ, אייך מיין איך טאַקע.

— איך בין כסדר איינגעליבט.

— ניין, איך וויל וויסן, צי איר זייט אַמאָל געווען איינגעליבט אין אַ פרוי?

— צוליב וואָס ווילט איר עס וויסן?

— כ׳וויל וויסן, צי באַנ׳אייך איז שטענדיק צוויי־מאָל־צוויי פיר, מיסטער אַלעקסאַנדער.

— שטענדיק.

— גייט איר אויף עלען סטריט?

— וואָס מיינט איר דערמיט, מיס לוריא?

— כ׳מיין, וואוהין סע גייען אַלע מענער, וואָס ביי זיי איז אַלץ אויסגערעכנט מאַטעמאַטיש, און ניט ראָמאַנטיש.

— כ׳האָב אייך געהאַלטן פאַר אַ בעסערער, און פאַר אַ באַשיידענער.

— און איך האָב פיינט יונגע מענטשן, וואָס צוויי־מאָל־צוויי איז ביי זיי שטענדיק פיר.

מיט דידאָזיקע ווערטער איז קריינדל אַרויס פון שטוב. דאָס פּנים האָט איר געפלאַמט, זי האָט זיך געשפּירט, גלייך ווי מ׳וואָלט זי אויסגעפּאַטשט מיט אַ נאַסער, אומריינער שמאַטע דאָס פּנים. איר האָט ניט פאַרדראָסן וואָס זי איז געווען אַזוי גראָב צו אים. זי האָט איצטער געאיילט

אהיים. איין מענטשן וואָלט זי איצטער חשק געהאַט צו זען, און דאָס איז הילל. מיט אים קען זי רעדן אָפנהאַרציק וועגן ענינים, וואָס מיט נתנען קען זי ניט. היללן האָט זי חשק אויפצודעקן אירע שמועסן און באַציאונ־גען צו דידאַזיקע מענטשן, וואָס רעדן פון א נייער געזעלשאַפט און פריידיקן פרייע ליבע. זי וויל הערן וואָס הילל, דער וואָס שטרעבט צו זיין פריי דורך זיין שווערער פראַצע, וואָס זאָגט ער וועגן דעם.

אָבער איין שטוב אריינקומענדיק האָט זי געטראָפן פאַלק בירשטיינען און נתנען, און א צולאָג — א ביטערע מחלוקה:

— איר, און אייער גלייכן, איר לעבט ניט מיט דער צייט; איר לעבט גאָרניט אויף אונדזער פּלאַנעט — האָט נתן זיך געהיצט — צי ווייסט איר וואו איר זייט אויף דער וועלט, אויב איר פאַרזעצט אין וואָס פאַר א מצב די ברייטע מאַסן געפינען זיך דאָ? ווי אזוי מיר אלע, איר, און אלע אין אייער גלייכן ווערן דאָ עקספּלואַטירט? אָן א קאַמף וועלן מיר קיין איינע פון אונדזערע פּאָזיציעס ניט אויסבעסערן!

— פאַר וועמען דאגהט איר, פאַר זיך, צי פאַר יענעם? — האָט בירשטיין בנעימותדיק געפרעגט.

אַז מיר וועלן געווינען מער מענטשלעכע רעכט פאַרן אַרבעטער קלאַס, וועט אונדז אלעמען ווערן בעסער.

— וואָס גייט אייך אָן אין לעבן צו שלאָגן זיך פאַרן אַרבעטער־קלאַס?

— אַרבעט איך ניט פערצן, צי פופצן שעה א מעת־לעת? ביי לייטן אַרבעט מען צען שעה א טאָג, און איצטער קעמפט מען פאַר אַכט שעה א טאָג!

— איך האָב אייך געפרעגט עפּעס אַנדערש — האָט בירשטיין געגלעט זיינע שוואַרצע האָר אויף־אַרויף — כ׳פרעג, צי זייט איר אַן אַרבעטער? ניין, איר דאַרפט מיר ניט ענטפערן. איך וועל פאַר אייך ענטפערן. איר זייט אַן אינטעליגענט, וואָס איז פאַרוואָגלט געוואָרן אין דער פּראַק־טישער אַמעריקע, מוזט איר איצטער אַרבעטן, כדי ניט קראַפּירן פון הונגער. ס׳איז צייטווייליק. איר שטאַמט ניט פון אַרבעטער. איר האָט צו דעם ניט געשטרעבט, ווי מיס קעראַלאַין לוריא געהער ניט צום אַרבעטער־קלאַס. און דעריבער זאָג איך אייך, אַז איר קעמפט ניט אייער קאַמף!

— וואָס מיינט איר, כ׳בעט אייך?

— די צייט וועט קומען, ווען מיסטער נייטן לוריא...

— וואָס, נייטן לוריא וועט האָבן אַן אייגענעם שאַפּ? — האָט אים נתן איבערגעשלאָגן.

— דאָס זאָג איך ניט. קיין שאַפּ וועט איר ניט האָבן. מיט די גרינע וואָס קומען אַהער וועט איר זיך ניט שפּילן. כ׳ווייס, אַז מיסטער נייטן לוריא שטודירט ביינאַכט. דאָס לאַנד גיט אלע מעגלעכקייטן, מ׳זאָל פון שפּלות זיך אַרויסרייסן. און מיס קעראַלאַין, —

פאַלק האָט זיך אין דער רגע אָנגעשלאָגן אָן קריינדלס אָנגעצונדענע בליקן. איר פּנים האָט געפלאַמט. אים האָט אויסגעוויזן, אַז אָט באַלד וועט זי אַרויס־שפּרינגען און אים גוט מכבד זיין.

— מיר קריגן זיך ניט, קעראָלאַין — האָט פּאַלק בירשטיין זיך געווענדט צו קריינדלען וואָס האָט נאָך אפילו דעם מאַנטל פון זיך ניט אראָפּגענומען — דאָס שמועסט מען גלאַט אַזוי. איך זאָג, אַז מיסטער בייטן קען ניט די וועלט, און קען ניט דעם מענטשן. איך הייס אים, ער זאָל זיין פּערזענלעכן לעבן באַהיטן און באַשירעמען, זיין אייגענע וועלט אָפּהיטן, און דאָס איז גענוג. ווייטער איז ער קיינעם גאָרנישט ניט שולדיק.

קריינדל האָט אויף דעם ניט געענטפערט. זי ווייס איצטער אַליין ניט, וואָס זי וואָלט מיט פּאַלק בירשטיינען איצטער גערעדט, ווען זי איז מיט אים „אויף פיר אויגן". איצטער, ווען זי קוקט אַריבער צו פּאַלקן, קלינגען נאָך אין אירע אויערן אַלעקסאַנדערס ווערטער: „פּאַלק בירשטיין האָט אויף אייך אַ שלעכטן איינפלוס . . . " ס'איז נאָך איצטער צו פרי וועגן דעם מיט פּאַלקן צו רעדן. דער טרויער האָט קריינדלען די לעצטע צייט אַרומגענומען, זי ווייס דערווייל אַליין ניט פון וואַנען דער דאָזיקער טרויער קוועלט. „ביי אַ מאַטעמאַטיקער איז צוויי מאָל צוויי — פיר, און ביי ראָמאַנטיקער איז צוויי מאָל צוויי — פינף". ווער לעבט מער אין דער וועלט פון חלומות, צי נתן, וואָס איז גרייט אַריינצוּוואַרפן זיך אין קאַמף פאַרן אַרבעטער־קלאַס, צי די דאָזיקע אידעאַליסטן, וואָס קאַמף איז פאַר זיי טריף?

— לאָמיר אוועקלייגן דעם ויכוח אויף אַן אנדערש מאָל, מיסטער לוריא.

— וואָרום וואָס, פאַר אַ מיידל איז דאָס צו הויך? — האָט קריינדל איראָניש א פרעג געטאָן.

— ניין, ניט צוליב דעם, קעראָלאַין. איר ווייסט דאָך ווי פיינט כ'האָב דיספּוטן.

— כ'ווייס . . . — האָט קריינדל שטיל ווי פאַר זיך אַליין געזאָגט.

דער ויכוח איז איבערגעריסן געוואָרן, און ס'איז אָנגעשטאַנען אַ שווערע שטימונג.

— איר ווערט אפשר ארויסגיין אביסל דרויסן, מיס לוריא? — האָט פּאַלק בירשטיין זיך געווענדט צו קריינדלען.

קריינדל האָט געקוקט צום דיל, און ניט געענטפערט.

— וואָס איז מיט אייך, מיס לוריא? כ'האָב זיך מיט אייער ברודער ניט געקריגט; און ווען אַפילו יאָ . . .

— איך בין אַביסל מיד.

— יאָ, כ'האָב געוואָלט פרעגן פאַרוואָס איר זייט היינט ניט געווען צו דער ארבעט.

— וואָס, כ'בין ניט געווען?

— מאַכט ניט קיין חוזק, מ״ס לוריא.

— איך בין היינט ניט געווען, אמת. כ'זוך אַן אַנדער פּלאַץ.

— קיין בעסערע ערטער זיינען סיי־ווי ניטאָ.

— כ'קלער אוועק פון מיין איצטיקן פאַך.

— דאָס איז עפּעס אַנדערש. נאָר ווער איז שולדיק, דער פאַך, צי די מענטשן ביים פאַך?

— ביידע אינאיינעם זיינען שולדיק.

— נו גוט. וועלן מיר זיך מאָרגן זען ביי דער אַרבעט.

פאַלק בירשטיין האָט אַ ווײַלע אַנגעקוקט קרײַנדלען. אין נתנס קעגנוואַרט איז אים ניט אויסגעקומען באַקוועם צוגײן נענטער צו קרײַנדלען, אויספרעגן צוליב וואָס זי האָט געביטן איר מיינונג וועגן פּלאַץ וואו זי אַרבעט, און אויסגעפינען די סיבה פון איר איצטיקן צולהכעיסדיקן האַלטן זיך. דעריבער האָט זיך פאַלק בירשטיין פאַרנייגט, מיט אַ שטילן „גוד־נאַיט" ארויס פון שטוב.

* * *

ליליען־רות איז געשטאַנען אין מיטן צימער און באַטראַכט די ווענט, מחמת צו דניאל לוריאן אין שטוב אַרײַן האָט דער ערב פּסח אַרײַנגעשײַנט, פון ווײַטע ווײַטקייטן אַן אַנגעקומענער. ניט דערפאַר וואָס דניאלס ערשטער פּסח איז דאָס געווען זינט ער האָט חתונה געהאַט און איז געוואָרן פאַר זיך אַליין באַלעבאָס; ניין, דער פּסח איז פון בלאָס־ראָזע פרײַ־פריילינגדיקע צײַטן ארויס און אַרײַן צו דניאלן אין שטוב, וואו די צאַרטע, איבערגעשראָקענע און צובּיסלעך אויסגעלײַזטע ליליען־רות, האָט מיט האַרץ־קלאַפּ און מיט אַ ריזלדיקער וואָרימקייט אַרומגעהאַלטן אָפּגעוואַרט דעם פּסח.

ליליען־רות, זינט זי האָט געמאַכט איר ערשטן געוואַגטן שריט, געלאָזן הינטער זיך אייגן פאַלק און גלויבן, האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין שפּאַנען פאַרויס אין דער נײַער וועלט אַרײַן. דער איצטיקער ערב־פּסח איז געווען דער ערשטער אָפּשטעל אין איר לאַנגער און אויסטערלישער וואַנדערונג. יום־טוב פון באַפרײַאונג. „יידן זײַנען געלאָפן פון קנעכט־שאַפט. געלאָפן אין אַ וויסטעניש אַרײַן, געלאָפן אין אײַלעניש, קיין צײַט ניט געהאַט אַפילו אָפּצובאַקן אַ לייטיש ברויט..." יאָ, מיט איר, וואָס הייסט איצטער ליליען־רות, איז דאָך געשען דאָס אייגענע! אָבער זי איז ניט אין דער וויסטעניש. פון פאַלק און גלויבן — צו פאַלק און גלויבן איז זי געקומען. מיט צערטלעכקייט און ליבשאַפט רינגלען זי אַלע אַרום. מיט דרך ארץ און כמעט מיט אונטערטעניקייט קוקן אַלע נײַ־דערוואָרבענע קרובים צו איר. זי קען אַפילו ניט באַגרײַפן פאַרוואָס דאָס איז אַזוי. זי באַגרײַפט ניט דעם „והאהבת את הגר", זאָלסט ליב האָבן דעם גר. „ניין, יידן זײַנען פול מיט גוטסקייט אין האַרצן" — טראַכט ליליען.

— דניאל, וואָס זאָל איך טאָן, צי זאָל איך אַלעמען אײַנלאַדן צו אונדז אויף פּסח? איך שעם זיך, טאָמער וועל איך ניט וויסן ווי זיך אויפצופירן.

— אַלעמען, אַלעמען, רות. אַלעמען וועל איך פאַרבעטן. שעם זיך ניט, מע וועט דיר העלפן, אָנווײַזן ווי־און־וואָס.

מען האָט אײַנגעלאַדן שפּרהן די פישערקע, זי זאָל ארויסהעלפן מיט אַלץ וואָס זי ווייס און קען. קיין געלט זאָל מען ניט שפּאָרן. אַ סדר זאָל מען פּראַווען ווי עס פּאַסט פאַר די לוריאס. ס'איז נאָר געווען אַ שטיקל מניעה, מחמת, ישראל לוריא האָט דאַמאָלט אויך געוואָלט האָבן בײַ זיך די גאַנצע משפּחה. ריוועשע האָט אים צוגעזאָגט זיך אויסצופײַנען, די קינדער זאָלן גלויבן, אַז אינדערהיים זײַנען זיי אַלע. ס'איז נאָר געווען איצטער די שאלה — וואו זאָל מען דעם ערשטן סדר אָפּריכטן.

— מ'זאָל טאָקע אָפּגעבן כבוד דער גרטע. די גרטע איז בילכער. אַזוי איז געבליבן.

און קריינדל, זי איז אַלץ אָפּטער אריינגעקומען צו דניאלן און זיך ניט געקענט אָנקוקן גענוג אין ליליען־רותעס פּנים. די רעליגיעזע געפילן וואָס האָבן די גרטע ארומגעכאַפּט, האָבן זי ווי קלענער געמאַכט. „פאַר־יידישט געוואָרן" — האָט קריינדל ביי זיך געטראַכט, ווען זי האָט באַמערקט אין דער גרטע אַ רעליגיעזע פאַרלאָרנקייט.

— דיר איז גוט, בעסער פון אונדז אַלעמען, רות. דו וועסט אָפּריכטן דעם ערשטן פּסח זינט דו לעבסט. דו ביסט אין אַ נייער וועלט אריינגעקומען; און איך — אין אַ ניי לאַנד.

ליליען האָט עס ניט גאָר גוט צעקייט; זי האָט אָנגעשטעלט אַ פאַר־חידושט פּנים אויף קריינדלען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי געזאָגט:

— ווייסט, קראַלאַין, איך האָב געלייענט אין דער הייליקער ביבל די מעשה מיט דער אמתער רות. כ'האָב געטראַכט, מיט מיר אליין איז טאַקע געשען דאָס אייגענע. פּונקט ווי יענע רות איז אליין געגאַנגען צו בועזן און האָט זיך געלייגט אין שייער שטרוי ביי זיינע פיס, ער זאָל זי פאַרנעמען צו זיך און געוועלטיקן איבער איר, אַזוי האָב איך געטאָן מיט דניאלן. יאָ, קראַלאַין, איך קוק מיך נאָר ארום און זוך די אמתע נעמי, וואָס האָט זיך מיט דער אמתער רות אומגעקערט פון אַ פרעמד לאַנד צו זיך אהיים. אַמאָל טראַכט איך, אַז דו ביסט נעמי. יענע איז אויך געווען אַזאַ שטרענגע.

— בין איך אַזאַ שטרענגע, רות?

— יאָ, קראַלאַין, מיר דוכט זיך אויס, אַז דו ביסט עס. איך וויל געבן דיר זיך פילן ווי אַ קינד נעבן אַ מאַמען, אָדער ווי אַ ייִנגערע שוועס־טער נעבן אַן עלטערער שוועסטער.

— ווי אַזוי קען איך זיין דיין מאַמע, אויב דו האָסט שוין אַזויפיל אין דיין לעבן איבערגעלעבט?

— אַ שוועסטער קענסטו מיר זיין. איך בין ניט קיין סך עלטער פון דיר. איך האָב געלאָזן הינטער זיך מיין פאָלק, מיין גלויבן; מיין אַמאָליקן געליבטן. מיין פלאָרע, אַז איך וועל זי אריבערנעמען צו זיך, אויב דניאל וועט עס מיר דערלויבן, וועל איך זי אויך מאַכן פאַר אַ יידישע טאָכטער. איך בין יונג, איך הייב נאָך אַלץ אָן פון אָנהויב. כ'שרעק זיך אַזוי, טאָמער מאַך איך אַ פאַלשן שריט. דו, קראַלאַין, ביסט אַן אויסגעפּרוּווטע, אַ דערפאַרענע, קענסט מיר ארויסהעלפן.

קריינדל האָט אין דער רגע איבערגעלעבט איר אייגענע פאַרגאַנגענהייט. אַזוי פרום איז זי געווען אין דער אַלטער היים. און איצטער, עס קלינגט איר פרעמד ליליענס בקשה — מחמת אונטער דעם איינפלוס פון אַ יונגען מענטשן וואָס איז אויפגעקלעטערט און לאכט אויס רעליגיע און טראַ־דיציע, האָט זי אליין אויפגעהערט צו שפּירן די גויטיקייט אין יום־טובים. זי איז געווען צופרידן וואָס זי וועט ניט דאַרפן איינאָרדענען קיין פּסח פאַר זיך אליין. מחמת נתן און הילל דאַרפן דאָס שוין אויך ניט. מער ניט, וואָס מען וועט אפשר דעם פאָטער ניט וועלן אָנטאָן קיין עגמת־נפש, וועט מען גיין צו אים.

און מיט אַמאָל, א קינד פון איירישן פאָלק איז אריינגעקומען אין דער לוריא־משפחה, נעמט זי און בעט קריינדלען, זי זאָל איר לערנען ווי פרום צו זיין!

— ביסט דאָך שוין פרימער פון מיר, ווייסט שוין באַלד בעסער פון מיר ווי אזוי מען גרייט צו דעם פסח! די אַלטע שפרה, זי וועט אונדז אלעמען לערנען.

— איך האָב מורא, דער פּאַפּאַ וועט קומען, ער איז דאָך אַזאַ רעלי־גיעזער מענטש. איך האָב געקויפט נייע כלים, אַ גאַנץ יאָר ניט צורירן זיך צו זיי.

ליליען האָט געבראַכט פון צווייטן צימער אין א קויש אַלע כלים וואָס זי האָט איינגעהאַנדלט; האָט באַוויזן די הגדות וואָס זי האָט איינגעקויפט.

— איך פיל אַזאַ וואַרימקייט אין הארצן, קעראַלאַין. מיר דוכט, ווי איך בין געקומען פון א ווייטן וועג צוגיין, און אָנגעקומען אין א פאַר־כישופטן שלאָס. אין אים איז אזוי לויטער. אין אים גייט קיינמאָל די זון ניט אויס.

— ס'איז דערפאַר וואָס דו האָסט ליב דעם מענטשן, צוליב וועמען דו האָסט אזויפיל צעבראָכן.

— דאָס איז אזוי אמת, קעראָלאַין! ליבע איז א געטלעכע זאַך. ליבע האָט ניט קיין אָנהייב און האָט ניט קיין סוף. מיר איז אזוי גוט, קעראַלאַין, אַזש מיר ווילט זיך וויינען!

ליליען האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צו קריינדלען, וואָס איז געזעסן אויפן ראַנד פון א פאַרבעטעטער בעט, און האָט באַהאַלטן דעם קאָפּ אויף קריינדלס ברוסט.

פאַר קריינדלס דמיון האָט זיך א וויג געטאָן איר גאַנץ לעבן און דער וועג, וואָס זי האָט דורכגעמאַרשירט פון דהיימישן שטעטל איבערן ים, ביז צו דער איצטיקער רגע. קריינדל ווערט אליין פאַרלאָרן אין ראַזן נעפּל, וואָס נעמט מיט אמאָל אָן די פאַרמע פון א רעגנבויגן. און דורך דעם אויסגעבויגענעם רעגנבויגן דערבליקט זי איר אייגענע קינדהייט. א בת־יחידה ביי דער מאַמעס זייט; און ווי ליליען איצטער — אזוי האָט זי, קריינדל, נאָך גאָר ניט לאַנג, צומאָל אזוי געהאַלטן איר קאָפּ אויף דער מאַמעס פאַר דער צייט איינגעפאַלענער ברוסט.

— וואָס בין איך? ווער בין איך? — טראַכט קריינדל, בעת די פרעמדע און נאָנטע ליליען־רות לאָזט אירע טרערן זיך דערשלאָגן צו קריינדלס לייב.

קריינדל שפירט ווי ליליען־רות, וואָס האָט אויף אַזאַ אויסטערלישן אופן געפונען איר גליק, טרינקט זיך איצטער אין איר אייגן גליק, און איר פרייד איז מיט טרויער געמישט. זי, קריינדל, טרינקט פון דעמדאָזיקן טרויער־קוואַל אָן אַ שפור פון פרייד. דער טרויער ציט צו איר פון דער גרטעס וועזן אַרויס, און קריינדל קען זיך אליין קיין קלאָרן חשבון ניט אָפּגעבן פאַרוואָס דאָס איז.

פונדעסטוועגן, אַז ליליען האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, נאָנט אָנגעקוקט קריינדלען — האָט קריינדל, קוקנדיק גלייך אין ליליענס בלויע אויגן אריין, שטיל געזאָגט:

— כ׳האָב ניט געגלויבט, אַז אַ ניט־יידישע מיידל זאָל אַזוי ליב האָבן אַ יידישן מאַן.

ליליען האָט זיך פאַר קריינדלס פראַגע דערשראָקן, איז בלאַס געוואָרן, און מיט אַ ציטער אין שטים געזאָגט:

— האָסט עס ניט געמיינט, קעראָלאַין.

— פאַרגעס, ליליען, וואָס איך האָב פריער געפרעגט. כ׳ווייס, כ׳ווייס וויפיל דו האָסט פון זיך שוין אוועקגעגעבן.

— ניין, קעראָליאַן; פאַרוואָס זאָלסטו מיינען, אַז איך ד׳האָב אַ סך אוועקגעגעבן? פאַרקערט, איך האָב אַלץ געוואונען. דו האָסט אפשר געמיינט, אַז איך האַלט זיך גרויס אין האַרצן, באשר איך בין... איך ווייס נאָר, אַז איך בין שוין ניט די אייגענע. איך בין געשטאָרבן און געבאָרן געוואָרן אויפסניי. געבאָרן געוואָרן אַ יידישקע אין אַ יידישער וועלט. איצטער גיי איך צום ערשטן מאָל אנטקעגן דעם יידישן יום־טוב. דאָס איז מיין ערשטער יום־טוב. און אַז איך טראַכט פון דיין ברודער, פון דניאלן, טראַכט איך ווי גוט מיר איז, וואָס ער פירט מיך צו באַגעגענען אַזאַ גרויסן יום־טוב.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ליליען אַראָפגעבויגן צו זיך קריינדלס קאָפּ, און אים באַשאָטן מיט הייסע קושן:

— זיי ניט קיין זינדיקע, קעראָלאַין. דיר איז גוט. ביסט יונג, ביסט שיין, דאַרפסט נאָר קענען ליב האָבן דעם מאַן וואָס דו וועסט באַגעגענען. אַזוי ליב האָבן — ווי איך האָב מיין דניאלן ליב געקראָגן! ווייסט, קעראָלאַין, אַ פרוי טאָר קיינמאָל ניט מאַכן קיין טעות און מיינען, אַז זי באַדאַרף בלויז געמען ביים מאַן; אַז דער מאַן דאַרף זיך איר אוועקגעבן. ניין, קעראָלאַין, דאָס איז ניט גוט. אַ פרוי קען קיינמאָל ניט זיין גליקלעך אויב זי פאַרלאַנגט עס פון מאַן. אַ פרוי דאַרף זיך אינגאַנצן אוועקגעבן דעם, וועמען זי האָט ליב, יעמאָלט קען זי אַליין זיך באָדן אין ליבע. אוודאי האָב איך עס געטאָן. איך האָב דיין ברודער צום ערשטן מאָל דערזען, ווען איך בין געשטאַנען אַ האַלב־אויסגעטאָנענע איבער אַ באַליע וועש. אַ פאַרע האָט געזעצט פון שמוציקן, צעפאַרעטן וועש און געשלאָגן מיר אין פנים אריין. דאָס איז יעמאָלט געווען מיין וועלט, קעראָלאַין. אַ מאַן האָב איך געהאַט, וואָס ד׳האָט אין מיר ניט געשפּירט, ניט די מאַמע פון זיינע צוויי קינדער און ניט זיין געליבטע. אַ וועשערין בין איך געווען פאַר אים. אַ וועשערין און אַ פאַרזינדיקטע. איך האָב נאָך אפילו מיין לעבן ניט אָנגעהויבן. מיין מאַן האָט מיך געשלאָגן, און די יוגנט האָט זיך ווי אַ קליין קינד אין מיר באַהאַלטן, פונקט ווי אַ קליין קינד באהאלט זיך אויס אין אַ ווינקל פאַר ניט־פאַרדינטע קלעפּ פון אַ בייזן טאַטן, אָדער אַ בייזער מאַמען. קיינער האָט מיין יוגנט ניט אוועקגעהרגעט. ניין. פון דעם מאָמענט, וואָס איך האָב דניאלן באַגעגנט, איז מיין יוגנט, מיין מיידלשע פאַרשעמטקייט ציטיק געוואָרן. איך האָב זיך דיין ברודער אינגאַנצן מיט לייב־און־לעבן אוועקגעגעבן. איצטער גיב איך זיך אינגאַנצן אוועק דיין פאָלק. מיר איז גוט. איך באָד זיך אין גליק.

בשעת ליליען האָט גערעדט, האָט קריינדל פון איר די אויגן ניט אַראָפּגעלאָזן. און פונקט ווי ליליענס שטים ד׳האָט זיך געהויבן און געפאַלן,

אזוי האָט אַ היק־כוואַליע זיך געהויבן און געפאַלן אין קריינדלס וועזן. „אַ פרוי דאַרף ניט נעמען ביים מאַן. זי דאַרף זיך אים אוועקגעבן, יעמאָלט געפינט זי איר יוגנט...״

קריינדלען קלינגען אין די אויערן ליליענס דרייסטע רייד. זי וואָלט אויך וועלן זיין אזוי אַפּנהאַרציק, אויסדערציילן פאַר דער פרעמדער וואָס פאַר אַ שווערע האַנט ס׳האָט זיך אַנגעלייגט פריצייטיק אויף איר יוגנט. נאָר זי ווייס, אַז ליליען וועט עס ניט קענען באַנעמען. אָט איז ליליען אַזוי פאַרכאַפּט פון יידישן פסח, און גאָר ניי־געבאָרן איז זי צוליב דעם וואָס זי האָט זיך מגיר געווען, ארויס פון אַ קריסטלעכער, און אריין אין אַ יידישער וועלט.

פונדעסטוועגן, אַז ליליען האָט געבעטן קריינדלען, אפשר וועט זי שוין די פאָר טעג פאַר פסח בלייבן דאָ אין שטוב, האָט עס קריינדלען שטאַרק צענומען.

— וואָס אַרט דיך, קעראַלאַין, ווער איך בין. מאָל דיר אויס, אַז איך בין דיינע אַ שוועסטער, וואָס איז פון אַ ווייט לאַנד געקומען אהיים; ס׳איז ערב פסח. קיין מאַמע איז ניטאָ. לויטער מאַנצבילן. איך האָב אינדער־פרעמד גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן ווי מ׳גרייט צו אַ יידישן יום־טוב, דעם יום־טוב פון פסח, און דו, די יינגערע שוועסטער, העלפסט מיר ארויס... כאַ־כאַ־כאַ, דאָס איז דאָך שיין, קעראַלאַין!

קריינדל האָט האַרציק געלאַכט. אזוי אויסטערליש איז דאָס איר אויס־געקומען. אָט איז מען געלאָפן פון רוסלאַנד, געלאָפן פון די גוים און פאַגראָמען, און אָט האָלט זי גאָר אַ גויע אין אירע אָרעמס און שפירט, אַז פון דער פרעמדערס לייב ריזלט ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט. קריינדל איז צופרידן געווען וואָס ליליען האָט איר אַנגעבאָטן צו בלייבן ביי איר אין שטוב.

ווי גאָר אין די דהיימישע יונגע יאָרן, בשעת זי האָט צום לעצטן מאָל דער מאַמען ארויסגעהאָלפן צוגרייטן דעם פסח, ראַמען, וואַשן, און מאַכן אַרט פאַרן יום־טוב, וואָס איז אַנגעקומען — אזוי אויך איצטער, אינאיינעם מיט דער גרטע, גאַנץ אָפט מיט אַן אומבאַגרייפלעכער אויפרעגונג און מיט האַרצקלאַפּ, האָט זיך קריינדל באַוועגט איבערן שטוב, און אינ־איינעם מיט דער גרטע אלע ווילע ארויס דרויסן, כדי נאָך עפּעס און נאָך עפּעס אריינברענגען אין שטוב — דעם יום־טוב פולער און שענער מאַכן, ער זאָל ארויסשיינען פון דער גרטעס אויסטערלישער היים. די היים פון איר צוגעקראָגענער נשמה. אזוי טאָג־נאָך־טאָג, שעה־נאָך־שעה — ביז צום סדר.

דער אייגענער יראת־הכבוד געפיל האָט ארומגעכאַפּט כמעט אלע מיטגלידער פון דער לוריא־משפחה. אפילו נתן האָט זיך אונטערגעגעבן. תחילת האָט ער חוזק געמאַכט פון „גרויסן גליק״, וואָס דניאל האָט גע־בראַכט צום יידישן פאָלק און צו די גרינע פעדלער. איצטער, מיט שטילע טריט און מיט פרומקייט האָט זיך דער עולם איינציקווייז געקליבן צום סדר. מ׳האָט מורא געהאַט הויך אויפהייבן די שטים. אפילו ריוועקע לוריא, וואָס האָט אין האַרצן אָפּגעהוזקט פון דעם גאַנצן אָנשטעל ארום דניאלס יונג ווייבל, אפילו זי, ווען זי האָט אויפגעמאַכט די טיר און אריין

צו דניאלן — האָט דער שיין פֿון די געבענטשטע ליכט אויפֿן זויבער־געגרייטן טיש איר אַ שלאַג געטאָן מיט לויטערער וואַרימקייט אַנטקעגן. ווען ליליען איז איר אַרויסגעקומען גאָר נאָענט צו באַגעגענען, און האָט ריוועשען אַ קוש געטאָן, האָט ריוועשען אויסגעוויזן, ווי אַ ליכטיקע וואַרימקייט שלאָגט פֿון דער גרעטעס בלאַס־ראָזן פּנים.

ליליען האָט געקוקט און געפּאַרשט אַלעמענס אויסדרוק אין פּנים. אַזאַ גרויסע משפּחה. אַ גאַנץ יידיש פּאָלק האָט זיך פֿאַרזאַמלט אונטער איר סטעליע! זי באַגרייפֿט ממש ניט ווער ס'איז איר מאַן. זעקס מאַנצבילן, צווישן זיי איז איר מאַן. איר איז שווער איצטער אַרויסצוטיילן באַזונדער דעם מאַן, ווענען זי האָט זיך מיט לייב־און־לעבן איבערגעגעבן.

נאָך דעם ווי מ'האָט זיך אַרומגעזעצט אַרום סדר־טיש, כאָטש זי איז אַליין געזעסן אויבנאָן נעבן דניאלן — האָט זי מער אַריבערגעקוקט צום פֿאָטער, צו ישראל לוריאַן, און אויסגעוויזן האָט איר, ווי זי איז גאָר יונג, ממש אַ קינד, וואָס מ'האָט פֿון דרערד אויפֿגעהויבן און אַנידערגעזעצט ביים טיש צווישן דערוואַקסענע מענטשן, וועמעס לשון זי קען אפילו ניט אויפֿכאַפּן.

ווען זכרידה האָט געפֿרעגט די פֿיר קשיות, האָבן די ווערטער פֿון זיינע ליפּן אַראָפּגעשוועבט און אַרום איר זיך געטראָגן, האָבן זיך אין איר די ליכט־פֿלאַמען אַנגעצונדן און געטאַנצט אויף אירע בלאַס־ראָזע באַקן. ליליען האָט געשפּירט ווי אַלעמענס הערצער קלאַפּן, רופֿן זיך אָפּ אויף איר האַסטיקן האַרץ־קלאַפּ. ס'בלוט האָט איר געררוישט אין די אָדערן און איבערגעשריגן די געדאַנקען וואָס זיינען פֿונערגעצן ווי אַ ווירבל־ווינט אָנגעקומען. ליליען האָט איצטער פֿאַר די געדאַנקען קיין ווערטער ניט פֿאַרמאָגט. איר אייגענע שפּראַך איז אין אַ ראָזן נעפּל אויפֿגעלייזט געוואָרן.

ווען אַלע מאַנצבילן האָבן אַנגעהויבן אויפֿן הויכן קול זאָגן די הגדה, האָט ליליען אויפֿגעהויבן די אויגן צו קריינדלען און זיך אָנגעשלאָגן אויף קריינדלס ברוין־ברענענדיקע אויגן. די גרעטע האָט זיך מיטן גאַנצן וועזן אַ צי געטאָן צו קריינדלען, ווי אַן איבערגעשראָקן קינד ציט זיך צו דער מוטער. קריינדל האָט עס מיט אַלע חושים געשפּירט.

— „נייערט דיין פֿאָלק איז מיין פֿאָלק" — האָט ליליען־רות געמורמלט די ווערטער, וואָס דניאל האָט פֿאַר איר פֿון מגילת־רות אַרויסגעלייענט.

די מאַנצבילן האָבן אויפֿן הויכן קול געזאָגט די הגדה. די ווערטער האָבן געטאַנצט אַרום די פֿלעמלעך פֿון די בענטש־ליכט און זיך אויפֿגעלייזט אין אַ ראָזן נעפּל. אין דעמדאָזיקן נעפּל איז ביסלעכווייז אויפֿגעלייזט געוואָרן ליליענס אַמאָליק לעבן.

קאַפּיטל פערצן

טאָג־איין, טאָג־אויס, כמעט א וואָך צייט, איז די זון אויפגעגאַנגען אונטער א שיטערן, פּייכטן נעפּל, וואָס האָט תחילת פּורפּור־רויט געצונדן די ראַנדן פון הימל און ערד. מיטן וואוקס פון טאָג האָט דער נעפּל אַרום דער זון אין קרייז זיך אָנגעצונדן. ס'האָט אויסגעוויזן, ווי די זון ווערט אין אייגענעם פייער אויפגעלייזט און אָט באַלד וועלן אירע פּייכטע פלאַמען אַראָפּרעגענען צו דער ערד. מענטשן האָבן זיך געקאָרטשעט און ס'האָט זיי געצויגן צו דער ערד. מענטשן האָבן אויף זיך וואַסער געגאָסן צו דערפרישן דאָס פאַרוועלקטע לייב. דער שווייס האָט אינאיינעם מיטן חיות ארויסגעקוואָלן פון לייב און מיט א בייסעניש גלאַנציק פאַר־געלט די הויט אויף די אויסגעמאַטערטע געזיכטער.

די איסט־סייד האָט זיך געפּרעיעט אויף די אייגענע מיסטן. דאָס „גרינע" לעבן דהאָט זיך ווי א בלאָט קעגן פייער צונויפגעוויקלט. דרויסן, האָט אויסגעוויזן, אז אינעווייניק, אין די פאַרדומפּענע דירות אין קילער; און אינעווייניק — האָט לייב־און־לעבן געבענקט, איינמאָל פאַר אלע מאָל זיך אויפצולייזן, אויסשוויצן דאָס גאַנצע חיות, אָפּצאָלן דעם גאַנצן צינז פאַר דער פרייהייט, וואָס מען האָט געקראָגן אין קאָלומבוסעס מדינה.

אין דעם חלפן־לוריא שוויץ־שאָפּ האָבן די פאַרחלשטע אָפּרייטער־הענט באַגלייט די העמדער־נעט אונטער דעם ציק־צאַק פון די נאָדלען ביי די זינגער ניי־מאַשינען. עס האָבן פון די פּרעסערס אויסגעוויקטע פּנימער ברודיקע שווייס־טראָפּנס געטריפט, געפּסיקעט אויף די אָנגעגליטע פּרעס־אייזנס. ישראל לוריא אליין, וואָס האָט די לעצטע צייט זיך אָנגעהויבן אונטערצופוילן, מיט דעם חשבון הנפש, אז ער האָט שוין גענוג זיך אָנגע־אַרבעט, מחמת, איצטער, אז ער גיט ברויט די גרינע שלימזלניקעס, איז רעכט, זיי זאָלן פאַר אים זיך מטריח זיין — דווקא איצטער האָט ער באַשטימט אליין זיך אנידערזעצן ביי א ניי־מאַשין, באַווייזן, אז אפילו אין דידאָזיקע חמימות, ווען מ'מוז, איז גאָרניט שווער. אגב, האָט מען באַדאַרפט פאַרטיק מאַכן א סך באַשטעלונגען, און צוליב די היצן דהאָבן עטלעכע „פאַר הענט" פאַרפעלט צו קומען.

און נאָך עפּעס, גאָר אומגעריכט האָט לוריא געהאַט אַן איבעררייד מיט זיין שותף. דער אלטער חלפן האָט גאַנץ אָפּט געמוסרט ישראלן, הלמאַי ער פּאַטשט ניט אויס דעם „יאבעדניק", אויסן געווען נתנען:

— יאָ, ר' ישראל, איר מעגט זיך אויסריכטן בזיונות. אויב מ'וועט אים ניט אָפּשלאָגן די לונגען, וועלן עס זיין נסים. איך אויף אייער אָרט וואָלט אים פאַרבעטן צו זיך און ווי א טאַטע, וואָלט איך צו אים אויס־

געלאָזן אַלע בייזע חלומות. ער איז אַ ווייסטער יונגאַטש. פאַרטרייבן האָט מען איבם געדאַרפט פון דער יידישער גאַס.

ישראל האָט עס אויסגעהערט און האָט אויף דעם גאָרניט געענטפערט. ער האָט באַגריפן, אז אין מאיר חלפנען רעדט ניט אזוי די שלעכטקייט, ווי דער צער, וואָס נתן האָט פון וועג אַראָפּגעפירט זיין מלכהן. כאָטש דער שמועס איז פאָרגעקומען נאָך דעם, ווי ישראל האָט פאַרוואָרפן א פּאָר ווערטער מכח אַ קליינער הוספדה פאר די אַפּרייטער און די פּרעסער. ישראל האָט עס פאַרזיכטיק געטאָן; מחמת, ישראל האָט גוט געדענקט, אז אין עסק האָט חלפן דאָס געלט אריינגעלייגט. ווען מאיר חלפן האָט גאָר געגומען און ארויפגעצויגן דעם שמועס אויף נתנען, האָט ישראל געשוויגן, און באַשטימט זיך ווידער איינשפּאַנען ביי דער ארבעט, ווי שווער און ביטער די ארבעט זאָל ניט אויסקומען אין אזעלכע חמימות, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן איבער דער שטאָט ניו־יאָרק און אריינגעדרונגען אין זיין שאָפּ אריין.

ווען ישראל לוריא איז אָנגעקומען צו זיין שאָפּ, דאָס מאָל אַרום צען אינדערפרי, האָט ער זיך אויף די טרעפּ אָנגעטראָפן מיטן פאָרמאַן, מיט מאיר חלפנס עלטסטן זון, מיט ביינישן. ישראל האָט זיך פאַרחידושט וואָס ביניש האָט אַראָפּגעגאַיילט פון די טרעפּ און אפילו ניט געענטפערט אויפן „גוט־מאָרגן", וואָס ישראל האָט אים אַנטקעגן געטראָגן. שוין נענטער צום טיר פון שאָפּ, האָבן זיך צו ישראלן דערטראָגן אויפגערעגטע קולות. ווען ער איז אריין אינעווייניק, איז אַלץ מיטאמאָל אנטשוויגן געוואָרן. ישראלן האָט פאַרדראָסן, וואָס מ'היט זיך פאר אים. „איך זיץ דאָך מיט זיי אינאיינעם, פראַצעווע ניט ווינציקער, וואָס האלטן זיי מיך פארן גאַנצן באַלעבאָס?"

ישראל לוריא האָט באַגריפן, אז אין שאָפּ איז עפּעס פאָרגעקומען, אָבער ער האָט באַשטימט גאָרניט צו פרעגן. האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם אַלפּעגענעם קאָפּטן, גענומען אַ פּעקל צוגעשניטענע העמדער־אַרבל, און אָנגעהויבן זיך איינאָרדענען ביי א ניי־מאַשין.

אָבער גאָר אומגעריכט איז הינטער אים אויסגעוואַקסן דער רויט־בערדיקער נח ליפשיץ. זיין רויטע, פליישיקע נאָז איז געווען באַפּערלט מיט בלאָסע שוויס־טראָפּן.

— וואָס וועט זיין דער תכלית מיסטער לוריא — האָט ער ישראלן מיט א מידער שטים אין אויער אריינגעזאָגט.

ישראל לוריא האָט אומגעווענדט דעם קאָפּ, האָט באַמערקט די אויסגעווייקטע פּנימער וואָס זיינען געווענדט צו אים, און די מידע אויגן, וואָס האָבן זיך אָנגעצונדן מיט צאָרן.

— וואָס וועט זיין דער תכלית? — האָט נח ליפשיץ איבערגעפרעגט דאָס אייגענע — איר וועט עס טאַקע אויסזייגן דעם גאַנצן קליאַק פון די ביינער?

ישראל האָט נאָך אַלץ ניט באַגריפן וואָס דאָ קומט פאָר. פון טונקל־באַלויכטענעם דורכגאַנג־צימער האָבן די פּרעסערס זיך אפיר געצויגן מיט די קעפּ פאָרויס. צווישן זיי איז אַן אָנגעשפּיצטער געשטאַנען דער דראַבנער

יאָסל קאַצמאַן, אנטקעגן זיין ברעטלדיקער, שוואַרצער באָרד, האָבן זיינע פאַרטרערטע, דראָבנע, שוואַרצע אויגעלעך געגליט.

ישראל האָט געשפּירט ווי ער ווערט איינגעשרומפּן. ווען ער זאָל איצטער וועלן אויפשטיין, קען ער זיך פון שטול ניט אָפּרייסן.

— כ׳בין, יידן, ניט שולדיק אין דער מוראדיקער היץ — האָט ישראל געשטאַמלט.

מער האָט לוריא ניט געקענט אַרויסרעדן. ס׳האָט אים פאַרקוועטשט אין האַלדז, טרערן האָבן אים א גלי געטאָן אין די אויגן, דווקא צוליב דעם, וואָס נתן איז אים איצטער געקומען אויפן רעיון. אים האָט אויסגעוויזן, אַז אין דעם צאָרן וואָס ברענט איצטער אין די אויגן פון זיינע ארבעטער, האָט זיין זון א שטיקל חלק. ווען זיין נתן וואָלט דאָ איצטער געווען, רעכט, ער וואָלט איצטער אַרויסגעטראָטן אַנטקעגן זיין אייגענעם טאַטן, אריינגעשריגן אים אין פּנים אריין אלץ וואָס ביי דידאָזיקע מענטשן קאָכט איצטער אין האַרצן.

ישראל לוריא האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול, אָביסל מיט א געבוי־גענעם קאָפּ ווי א שולדיקער, האָט ער מיט א הייזעריקער שטים געפרעגט:

— וואָס איז דער מער, יידן, וואָס זייט איר אלע אזוי אויפגעבראכט?

— מ׳קען שוין ניט מער סובל זיין די יסורים, מיסטער לוריא! — האָט נח ליפשיץ אים אריינגעשיפּעט אין פּנים אריין, און אָפּגעטראָטן אויף צוריק צו די פּרעסערס — איר האָט פאַר אונדזערטוועגן דעם גהינום צוגעטראכט, אַך־און־וויי צו אונדז. געמאכט יד־אחת מיטן רשע!

— גאָטס קללה וועט אויף אייער קאָפּ פאַלן, וואָס איר׳ט געמאכט יד־אחת מיט דעם משומד און בלוטזויגער! — האָט דער אויסגעצויגענער, דאַרער מנשה טויב, מיט א תהילים ניגון אַרויסגעזונגען אויף ישראלס זייט, און די בלאָנדע האָר בינטעלעך אויף זיין קנאָכיקן פּנים האָבן אַזש אונטער־געציטערט.

נאָך אים האָבן אנדערע זיך א לאָז געטאָן אראָפּצושרייען פון האַרצן דאָס ביסל ביטערניש וואָס האָט זיך אָנגעקליבן:

— וואָס מיינט איר, ס׳איז שוין גאָר קיין דין און קיין משפּט ניטאָ פאַרן פאַרמאָרדעווען דאָ יידן אין א גהינום?!

— פאַרוואָס און פאַר ווען גיב איך מיין חיות אוועק, איר זאָלט קענען מיט אייער יונג ווייבל לעבן אין אָ לופטיקער דירה?!

— ס׳האָבן רוסישע פּריצים ניט פאַרמאָגט אזא רשעות, ווי דער חלפן און זיינע זינדעלעך, אויסציען זאָלן זיי די פּיס!

— ער׳ט אַראָפּרעכענען, טענהט ער, אויב מ׳וועט זיך פוילן! ברענען זאָל אויף אים די הויט, ווי אין מיר ברענט ס׳גאַנצע לעבן מיינס!

— טפוי, זאָלן זיי ווערן, די יידישע בלוטצאַפּערס.

— איכ׳ל דאָ אויסגיין ווי א ליכט, ר׳ ישראל!

— נעמט ניט פאַר אומגוט וואָס מ׳איז פאַרביטערט... סטייען ניט די כוחות צו פאַרמאָרדעווען זיך ביי די פּרעסאייזנס אין אַזאַ טאָג — איז צו לוריאַן צוגעגאַנגען מיט ווייכע טריט ר׳ צמח צייטלין, דער אַפּרייטער מיט סמיכת אויף רבנות, און ער האָט מיט די פייכטע הענט געגלעט זיין דורכזיכטיקע, שוואַרצע באָרד — די גאַל פּלאַצט, ר׳ ישראל, פאַר ביטער־

גיש רעדט מען וואָס מ׳רעדט. כדאי מ׳זאָל באַקומען כאָטש א שטיקל הוספה אין אַזאַ צייט, ווען ארבעט מוז מען מאַכן צו דער צייט, און די חמימה, רחמנא לצלן, קען פון זינען אין דעררדאַזיקער ענגשאפט.

— בין מוחל הוספור׳ז, — זאָל מען נאַר פון דעם גהינום ארויס. געגוג קילערע דירות, לופטיקע שטיבער פאַראַן אפילו ארום חזיר־מאַרק!

א פאַרסאָפּעטער, ס׳היטל פאַרשאַרצט אויף ארויף, האָט מאיר חלפן אריינגעאיילט, א ווייל געבליבן אין מיטן שאָפּ און מיט א ביסטרען בליק באַטראַכט דעם עולם.

— וואָס, איר ווילט היינט מאכן יום־טוב, דערציילט מען מיר. מאכט אייך יום־טוב! אויפן „חזיר־מאַרק” פעלן גיט קיין הענט.

און צו לוריאַן, וואָס איז געשטאַנען א געבויגענער ביי זיין ניי־מאַשין, האָט מאיר חלפן א לאַך געטאָן:

— וואָס ד׳האָט איר, ר׳ ישראל, געמיינט, איר וועט דאָ קענען זיין א צדיק אין פעלץ ביי אייגענע יידן? וואָס האָט איר געמיינט, אז איר וועט חזירים קאָרמענען מיט זשאַלעדעס, וועלן זיי מיט די שנוקעס ניט אונטעררייען דעם בוים? חזירים, שלעפער! אויב אייך איז דאָ הייס, גייט צום טייך, ט׳איר זיך אָפּקילן, כאַ־כאַ־כאַ...

ווי פון א קייט האָט זיך אָפּגעריסן משה דער האַרבאַטער; ער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין שפּראָץ האָר אויף זיין פנים, איז צוגעשפרונגען צו מאיר חלפנען, האָט אים מיט דער לינקער האַנט אָנגעכאַפּט פאַר זיין געלער באָרד, און מיט דער רעכטער האַנט, אויף־רעכטס און אויף־לינקס, אים אויסגעפּאַטשט ביידע באַקן, און ארויסגעשיפּעט:

ווי קרח ווערסטו דאָ איינגעזונקען ווערן! ווי קרח, וואָס אים איז אלץ קאַרג געווען, ממזר בן הנידה דו!

דאָס אָפּגעטאָן, האָט דער האַרבאַטער משה זיך אָפּגעטראָגן צוריק צום דורכגאַנג־צימער, זיך באַהאַלטן הינטער די פּלייצעס פון די פּרעסער, און געפּילט אין דער זשמענע האָר פון מאיר חלפנס געלער באָרד.

מאיר חלפן איז צעטומלט געוואָרן. א צעשראָקענער האָט ער זיך תחילת געלאָזט לויפן צו דער ארויסגאַנג־טיר, אָבער תיכף האָט ער פאַרקערעוועט צוריק:

— לאָזט מיך צו אים, כ׳וועל אים... ארויס פון דאַנען, פאַרזעעניש!

— האָט מאיר חלפן זיך א לאָז געטאָן צו די פּרעסער.

מ׳האָט מאיר חלפנען פאַרשטעלט דעם וועג. עס האָט אויסגעבראָכן א געשלעג צווישן די ארבעטער גופא. א צד שכנגד, וואָס האָט זיך אָנגענומען פאַר חלפנען, איז פּלוצלונג אויסגעוואַקסן דער מגושמדיקער, שווערער נאַטע בער, האָט זיך ארויסגעשטופּט פאָרויס און אוועקגעלייגט א מענה־לשון:

— יידן, וואָס זינדיקט איר? רשעים וואָס איר זייט... וואָס וואָלט פון אייך געוואָרן, ווען חלילה אזעטיקע ישראל לוריאס און מאיר חלפנס קומען ניט און עפענען ניט אויף קיין שאָפּ; כ׳פרעג אייך, וואָס וואָלט איצטער געווען? כ׳וועל אים דעם האַרבאַטן פאַר זיין חוצפּה דעם קאָפּ פון די פּלייצעס אַראָפּדרייען. כ׳וועל אים פאַר דער חוצפּה...

ווען נאָטע בער האָט זיך געלאָזן ארויסצוהעלפן חלפנען — ד׳האָבן אים גענומען פליִען פּעטש פון אלע זייטן. נאָטע בער האָט זיך פאַרפלאָנטערט און איז אוועקגעפאַלן צווישן די פּעקלעך. א פאַרטומלטע מלחמה האָט אויסגעבראָכן, און ס׳איז שווער געווען צו וויסן ווער־ווֹעמען איז דאָ דער שונא. שפּולקעס פאָדים און פּעק העמדער זיינען געפלויגן איבער די קעפּ. די פּרעסערס האָבן מיט אָנגעגליטע אייזנס זיך געריסן פון דורכגאנג־צימער און געזוכט וועמען דעם קאָפּ צו פּלעטן. פויסטן האָבן געוואָרנט, און מיט פּינע אויף די ליפּן האָט איינס דאָס אַנדערע טויטע קללות אין פּנים אריינגעשליידערט.

— פּרומאַקעס, צדיקים... אַן ארון־קודש, ספר־תורות דאָ אנידער־געשטעלט, זאָלן זיין עדות ווי יידן פאַרצאַפּן יידן ס׳בלוט! — האָט נח ליפּשיץ א פּליק געטאָן דעם פּרוכת פון ארון־קודש, און אויפגעפּראַלט די טירלעך.

ווען די צוויי ספר־תורות אין בלאַס־ווייסע מענטעלעך האָבן זיך באַוויזן אין אָפענעם ארון־קודש, האָט טעלצע די „פּינישערן" א פּאַטש געטאָן מיט די הענט, גאָרניט מיט אירע כוחות האָט זי אויסגעשריגן: „אוי, ווי איז מיר", און אַן אונטערגעזעגטע אוועקגעפאַלן א געחלשטע.

דאָס האָט אַלעמען אָפּגעקילט. מ׳האָט זיך אוועקגעלאָזן אָפּמינטערן די דיקע טעלצע. מ׳האָט געשפּריצט אויף איר וואסער, געטרייסלט אירע הענט און פּיס, ביז זי האָט אויפגעעפנט די אויסגעלאָשענע אויגן, און שטיל געבעטן:

— יידן, האָט רחמנות אויף זיך... יידן...

מיט דעם האָט זיך באַנוצט מאיר חלפן, ער האָט א נעם געטאָן ישראל לוריאן אונטערן אָרעם און אויף גיך אים ארויסגעפירט דרויסן.

— וואָס איז מיט מיר? — האָט ישראל לוריא געווישט דעם שווייס וואָס איז אים אונטערן קאָלנער גערונען — הא, ר׳ מאיר, וואו זיינען מיר אין דער וועלט? זיינען מיר טאָקע אזוי זינדיק?

— ס׳טוט מיר באַנג, ר׳ ישראל, וואָס מיט אייך האָב איך זיך פאַר־בונדן. כ׳שעם זיך עס ניט צו זאָגן. איר זייט ווייך ווי א טייג. מ׳טאָר ניט אזוי. מענטשן, בפרט יידן, דאַרפן וויסן ווער ס׳איז ווער. כ׳קען זיי אויף מיינע פּלייצעס ניט טראָגן. אַז ארבעט באַוויזט זיך, דאַרף מען יאָגן. כ׳ווייס שוין איצטער, אַז ווען ביי אונדז איז ניטאָ קיין מלאכה, איז יעמאָלט פאַר קיינעם ניטאָ. חזירים מוזן וויסן ס׳אָרט!

ישראל איז געבליבן שטיין, האָט שטום אָנגעקוקט מאיר חלפנען. ער האָט אליין ניט געוואוסט וואָס ער זאָל איצטער זאָגן. ער הערט זיך איין צו די מוסר־רייד, און בשעת מעשה שטייט פאַר אים בולט דאָס בילד ווי דער האָרבאַטער האָט מאירן געכאַפּט פאַר דער באָרד און אויסגעפּאַטשט. שוין־זשע האָט זיין שותף פאַרגעסן און ס׳פּלאַמט אים גאָרניט ס׳פּנים?

— איר ווייסט, ר׳ מאיר, לאָמיר זיך אומקערן צוריק אין שאַפּ. ניט רעכט אַזוי צו לאָזן אַלץ אין מיטן. כ׳פאַרשטיי גאָרניט וואָס זיי זיינען מיט אַמאָל אַזוי אַרויס פון די כלים. ניט אַנדערש, אייער זון... כ׳האָב אים באַגעגנט פריער אויף די טרעפּ, אַ צוטראָגענער איז ער געלאָפן, און האָט מיך אַפילו ניט דערקענט. ניט אַנדערש, ער האָט געהאָט מיט זיי

עפּעס אַ סיכסוך. ס׳אי דאָך ניט די היץ וואָס לאָזט ניט לעבן. זייט־זשע מוחל, קומט צוריק, כ׳בין א בעלן מיט זיי איבערצושמועסן.

— וואו קען איך זען אייער זון, ר׳ ישראל?

— אַ וואָסערן מיינט איר?

— איר ווייסט, ווען כ׳מיין. כ׳וועל צו אים אויסלאָזן אַלע מיינע בייזע חלומות!

— כ׳וויל איצטער פון קיין אַנדער זאַך ניט וויסן. כ׳בעט אייך, קומט אַרויף צוריק, לאָז מען זיך דורכשמועסן. אפשר זאָל מען טאַקע אַ זוך טאָן עפּעס אַ לייטישערע דירה. כ׳בין גרייט אָפּצוגעבן מיין אייגענע דירה. ס׳איז ניט קיין יושר אַנידערצושטעלן די פּרעסער אין אַזאַ ענגשאַפט ווי זיי שטייען.

— וואו שטיין, וואָס שטיין? גיט זיי נאָר אַ דאָלער אַ וואָך מער, און שטעלט זיי אַנידער אין בית־הכסא מיט די אייזנס, וועלן זיי אויך זיין צופרידן!

— איר טאָרט אַזוי ניט רעדן, ר׳ מאיר.

—און וואָס וואָלט פון אייך געוועזן ר׳ ישראל, ווען איך נעם אייך ניט צו פאַר קיין שותף? ווי וואָלטן אייך אנדערע באַסעס באַהאַנדלט?

ישראל לוריא האָט זיך געדרוואַיש א קער געטאָן אויף צוריק, האָט פאַרדעקט מיט דער האַנט ס׳מויל, ווי ער וואָלט פאַרשטעלן דעם וועג פאַר די עטלעכע האַרבע ווערטער, וואָס האָבן זיך שיעור ניט אַרויס־געריסן, און האָט אוועקגעאיילט צוריק אין שאַפּ. צו זיין גרויסן חידוש האָט ער געפונען אין שאַפּ אַלץ אין בעסטן סדר, גלייך ווי מיט א ווײַלע צוריק וואָלט דאָ קיין שום זאַך ניט געשען. ס׳איז אים א רעטעניש די גאַנצע זאַך געווען. די ניי־מאַשינען האָבן גערוישט, און די נאָדלען געציקט־צאַקט. די אָנגעגליטע אייזנס האָבן שווער און וואַגיק געקלאַפּט אויף די פּרעס־טישן.

ישראל לוריא האָט אָן ווערטער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן זיין קאַפּטן, ער האָט נאָך אַ בליק געטאָן צום ארון־קודש, און באַמערקט, אז די טירלעך זיינען פאַרמאַכט און דער פּרוכת פאַרצויגן. ס׳איז אים תחילת איינגעפאַלן זיך צו ווענדן צו די אלע וואָס זיינען פאַרטאָן אין דער אַרבעט, אויסשפּרייטן די הענט צו זיי און בעטן מ׳זאָל אים מוחל זיין, אז ער איז גאָר אין דעם ניט שולדיק וואָס דאָס לעבן אין דער גאָלדענער מדינה איז אַזוי שווער און ביטער. זאָל דאָס האַרץ זיך עפענען און אַרויסזאָגן וואָס ער פילט!

— געדעכט איז נתן, וואָס וויל ניט זיין קיין באָס — לויפט אים דורך די מחשבה אין מידן קאָפּ — אוודאי איז ער גערעכט. אָבער וואָס־זשע איז פאַרט דער תכלית? און וואָס וועט אַרויסקומען, אָדער ווער וועט פון דעם געווינען, אז איך וועל שוין שטיין ביי יענעם אין שאַפּ און האַקן מיטן שווערן אייזן, פון זיך די נשמה אַרויסיאָגן, וועמען וועט עס שוין גוט זיין?

ישראל הייבט אָן צו שטעפּן שנעל. דער גערודער פון ניי־מאַשינען פאַרטומלט אויף א ווײַל די מחשבות. די ניי־מאַשין שטעפּט, שטעפּט, און די מחשבות שלאָגן העכער, ווילן זיך אַרויסרייסן און אים מיט זיך

מיטטראָגן. ער איז אין דער רגע מקנא זיינע ארבעטער, די „פארקויפטע ד'הענט", וואָס האָבן זיך באַרואיקט, ווער ביי דער ניי־מאַשין, און ווער אין דושנעם צימער ביי די פרעס־טישן.

— און אפשר איז פאַרט מאַיר חלפן געדעכט, — לויפט דורך אַן אַנדער מחשבה — וואָס וואָלטן דידאָזיקע מענטשן געטאָן, ווען דערדאָזיקער שאָפ חלילה נעמט און מאַכט זיך צו, אדער ברענט אָפּ! טאקע, וואָס וואָלטן זיי געטאָן?

ישראל האָט מיט אַ שטיק פערקאַל געגומען ווישן דעם שווייס פון פּנים, און געפילט אויף דער פּליוצע די בייזע בליקן פון די „הענט" אַרום. און שטיל, גאָר שטיל האָט ער פאַרנומען אַ שטים, וואָס שעפּטשעט אַים אין אויער: „אוודאי איז חלפן געדעכט. ווער ס'קען דאָ ניט לעבן, און ווייסט ניט ווי צו לעבן, איז ניט ווערט וואָס ער לעבט אויף דער וועלט."

ישראל האָט זיך אומגעקערט און געקוקט מיט פאַרטומלטע אויגן. אים האָט אויסגעוויזן, אז ריווטשע שטייט איצטער נעבן אים, זי זאָגט עס אים איצטער דעם ביטערן מוסר אין אויער אריין. ער האָט געפילט אַ ברע־כעניש אין די הענט, און שווער איז אים געווען אַנצואווייזן פאַר דעם צונויפגעלייגטן ארבל דעם וועג אונטערן נאָדל פון דער זינגער־מאַשין.

* * *

לפּנים־וועגן האָבן זיך אין חלפן־לוריא העמדער־שאָפּ די צערודערטע געמיטער איינגעשטילט. די „הענט" האָבן זיך באַרואיקט און געפאָלגט דער ביטערער נויט וואָס האָט געטריבן טאָג־איין, טאָג־אויס צו פאַרדינגען לייב־און־לעבן פאַרן שטיקל חיונה. זיינען אָבער די ביטערע קללות גאָר אינגאַנצן ניט פאַרשטומט געוואָרן. די פולע מאָס ביטערניש, וואָס איז פון צעוויטיקטע געמיטער איבערן גאַנצן שוויק־שאָפּ צעגאָסן געוואָרן, איז אוועקגערונען איבער דער גאַנצער לוריא־משפּחה. קריינדל האָט זיך שטאַרק געגומען צום הארצן, ווען זכריה האָט איר דערציילט וואָס אין שאָפּ איז פאַרגעקומען. אָפּגעשוואַכט פון די גרויסע היצן ביי איר ניט־באַליבטער ארבעט אין ציגארן־שאָפּ, איז קריינדל, צוליבן צוגעקומענעם עגמת נפש, אוועקגעפאַלן און אָפּגעלעגן מער ווי אַ וואָך אָן כּחות.

געווען אַ שבת פאַרנאַכט. די היצן האָבן אַביסל אָפּגעטראָטן. אויסער קריינדלען איז אין שטוב קיינער ניט געווען. אַ בלאַסע האָט זי אומגע־שפּאַנט איבער די צוויי חדרים, און געבליבן שטיין פאַרן שפּיגל אין פאָדערשטן צימער, באַטראכט איר אָפּגעצערט געזיכט. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שמאָל, בלוילעך, ציצן קליידל, וואָס איז פון אַ סך מאָל וואַשן איינגעלאָפן. קינדיש האָט קריינדל אין דעם אויסגעזען. איר איז עס געפעלן. זי האָט באַגערט, אימעצער פון אייגענע זאָל זי קומען זען.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. זי האָט געבעטן אריינקומען, און ווי פאַרחידושט איז זי געוואָרן, ווען אין טיר האָט זיך גאָר אומגעריכט באַוויזן, אַן אויסגעפּוצטער אין זומערדיקן ווייס — לעאָנאַרד חלפן.

קריינדל האָט מיט ביידע הענט פאַרדעקט איר ברוסט און די הינטער־ווײַלעכס אָפּגעטראָטן עטלעכע שריט אין דער טיף פון צימער.

לעאָנאַרד איז מיט אַ געמאַכטער דרייסטקייט געגאַנגען קריינדלען אַנטקעגן, איר דערלאַנגט די האַנט, און מיט זאָרג אין שטים גערעדט:

— האָב געהערט, איר זייט ניט געזונט. איר האָט געמעגט לאָזן וויסן אַן אַלטן פריינט.

קריינדל האָט אים אָנגעקוקט און פריינטלעך געשמייכלט. צוליבן אָפּגעצערטן פּנים זיינען אירע פּולע, ברוינע אויגן געווען גרעסער און פּולער. מיט לעאָנאַרדן האָט זי שוין לאַנג, לאַנג ניט גערעדט. זי געדענקט אַפילו ניט די צייט, ווען צווישן איר און אים האָט זיך אָנגעהויבן דער ברוגז און קאַפּריז, וואָס האָט אַ שייכות מיט ליבע.

קריינדל האָט זיך געשעמט מיט איר אָפּגעלאָזענעם אָנטאָן, כאָטש אין האַרצן איז זי געווען צופרידן, וואָס קיינער איז איצטער אויסער זייביידן אין שטוב ניטאָ.

— וואָס איז אייך, קרעאָלאָין? כ'האָב געהערט, אַז איר זייט געלעגן.

— אפשר בין איך פאַרליבט, כאַ־כאַ־כאַ...

לעאָנאַרד איז צוגעקומען נענטער, האָט זי ארומגענומען און פאַרזיכטיק געקושט אירע אויגן.

— איך בין ניט ווערט, איר זאָלט מיך קושן.

קריינדל האָט אַראָפּגענומען זיינע הענט פון אירע אַקסלען, און גוט־מוטיק אים אָפּגערוקט פון זיך.

— אין מיינע אויגן זייט איר ווערט אַ סך, אַ סך מער — האָט לעאָנאַרד מיט בושה שטיל געזאָגט.

— ניין, ניין, מיסטער זלפן, אַ מענטש וואָס טראַכט וועגן זיך ניט גענוג, איז מער ניט ווערט.

ביי די ווערטער האָט זי אָפּגעטראָטן צום קאָמאָד, מיט די אויגן צום דיל.

לעאָנאַרד האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטול נעבן פענצטער. אין דער רגע האָט ער מער קיין ווערטער ניט פאַרמאָגט. ער האָט באַשטימט גיין צו איר, „זיינס זאָל איבערגיין״. ער האָט זיך אָנגענומען מיט כוח און זיך געלאָזן גיין צו אַ מיידל, וואָס האָט אים ניט איינמאָל באַליידיקט דווקא יעמאָלט, ווען ער האָט צו איר זיין ליבע געטראָגן, מיט אַ צולאָג צו פאַרשאַפן אַ שיין, רייך לעבן אין פרייען לאַנד, און זי האָט זיך פון אים אויסגעלאַכט. איצטער האָט ער ניט געוואוסט אין פאָרויס וואָס ער וועט מיט איר רעדן. איר אָפּגעצערט פּנים, אירע פּולע, גרויסע אויגן און שמאָלע פּלייצקעס, אין דער שטילקייט וואָס רינגלט אים איצטער ארום — זיינען אים אַלע ווערטער ווי אויסגעריסן געוואָרן.

קריינדל האָט פון אונטערן שטערן צו אים אַריבערגעקוקט. אין פאַרגלייך מיט איר איז ער איצטער געווען לייטיש אויסגעפּוצט. פרעמד האָט ער איר אויסגעזען. איר איז אַרויפגעקומען אויפן געדאַנק דער אַמאָליקער שפּאַציר מיט אים איבער דער בויערי, און דער צוזאַמענשטויס וואָס זי האָט געהאַט מיט אים אין אַ דייטשער שענק. ס'איז איר שווער איצטער צו באַנעמען ווי אַזוי זי האָט זיך יעמאָלט געלאָזט פון אים פירן. און נאָך מער באַגרייפט זי ניט ווי אַזוי דער־אָ מענטש האָט יעמאָלט געפּרוּווט זיך דערקלייבן צו איר לייב. זי וויל עס איצטער גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן. פאַרקערט, ווען דאָס טרעפט איצטער, ער זאָל זי פאַרנעמען

ערגעץ אין א שענק אויף דער בויערי, און דאָרטן זיך אויפפירן מיט איר ווי יעמאָלט, זי וואָלט איצטער ניט אַנטלויפן.

קריינדלען האָט די שטילקייט אָנגעהויבן צו דריקן. זי האָט באַשטימט אָנצוהייבן פון א היימישן שמועס:

— וואָס מאַכן ביי אייך אַלע, מיסטער חלפן? — האָט זי פון איר אָרט מיט אַ מונטערער שטים געפרעגט.

— אַ, אונדזערע זיינען אַלרייט. זיי האָט קאָלומבוסעס מדינה גוט אויפגענומען, יו נאָו.

— אייך האָט דאָך אויך קאָלומבוסעס מדינה גוט אויפגענומען.

— כ'האָב זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט.

— כאַ־כאַ־כאַ, די לוריאס זיינען קלאָגמוטערס. אמת, מיסטער חלפן?

— דאָס זאָג איך ניט, יו נאָו. כ'האָב מיר מיין מיינונג וועגן די לוריאס. זיי האָבן ניט געדאַרפט קומען קיין אמעריקע.

— פאַרוואָס? — האָט קריינדל אָנגעשטעלט אויף אים די אויגן.

— פאַרוואָס... אהער דאַרפן נאָר קומען אַזעלכע לייט וואָס פאַר־שטייען זיך ארויפצואַרבעטן, יו נאָו. יעדער איינער קען דאָ האָבן א געלעגנהייט.

— דאָס איז אמת, לעאָנאַרד, די לוריאס טויגן אויף כפרות.

— ניט אַלע לוריאס. דניאל איז אַלרייט. אייער פאָטער וואָלט געוועזן אַלרייט, ווען ער זאָל פאָלגן זיין שותף. נו, פאָלגט ער אימעצן אַנדערש. דעריבער זיצט ער אליין אין שאָפּ, אַרבעט מער ווי זיינע „הענט".

— לאָמיר ניט רעדן פון די לוריאס, לעאָנאַרד.

לעאָנאַרד איז אויפגעשטאַנען, אריבערגעגאַנגען צו קריינדלען, האָט גענומען אירע הענט און צוגעטראָגן צו זיינע ליפּן. זי האָט זיך ניט געוועהרט. א וואַרימקייט האָט א ריזל געטאָן דורך איר לייב, און זי האָט געשפּירט ווי אין איר פּנים האָט זיך דאָס בלוט צעוואַרימט.

— אַלע אייערע זיינען גוטהאַרציקע מענטשן. אייער טאַטע ליידט דערפון וואָס ער האָט א ווייך האַרץ. נאָר איר די איינציקע מאַכט אַן אָנשטעל, יו נאָו. וואָס קען איך טאָן פאַר אייך, קעראָלאַין? כ'וויל אייך ארויספירן פון אייער...

לעאָנאַרדן האָט עס פאַרקוועטשט אין האַלדז. ער האָט די ווייטערדיקע ווערטער ניט געקענט ארויסרעדן.

קריינדל האָט אראָפּגעלאָזן די אויגן. זי האָט זיך צוגעהערט צום דאָס־טיקן האַרץ־קלאַפּ.

— כ'ווייס, לעאָנאַרד, אַז די לוריאס פאַרדינען ניט קיין בעסערס — האָט קריינדל מיט ביטערניש גערעדט — כ'ווייס, לעאָנאַרד, אַז איך בין א שטיק שלים־מזל, ווען כ'האָב געקענט אַזויפיל מאָל בייטן די שעפער: שמאָטעס געקליבן, העמדער געניית, און איצטער וויקלען ציגאַרן... אָבער וואָס איז דער חילוק, לעאָנאַרד? כ'ווייס, אַז איר האָט מיך ליב. ביי מיר איז עס טייער. בין ערלעך צו אייך און זאָג עס אייך ארויס. איר ווילט זיין גוט צו מיר, און איר טוט עס איבער אייערע כחות.

—איך, איבער מיינע כחות? הלוואי וואָלט איר עפּעס מער פון מיר פאַרלאַנגט. פאַר אייך אליין, קעראָלאַין, האָב איך נאָך גאָרניט געטאָן.

איר ווילט פון מיר קיין פּיוועך ניט אָננעמען. כ׳האָב אײַך געוואָלט באַזאָרגן מיט אַלצדינג, איר זאָלט ניט דאַרפן אַרבעטן אין שאָפּ, איר זאָלט זיך קענען לערנען.

— איך לערן זיך וויפיל ס׳האַרץ גלוסט, לעאָנאַרד.

— ניט דאָס האָב איך געמיינט. כ׳האָב געוואָלט פאַר אײַך מאַכן אַ שיינע היים, ווי עס פּאַסט פאַר אײַך.

— כאַ־כאַ־כאַ, פאַר מיר פּאַסט ניט עפּעס בעססערס! פאַר אַ סך גרינע פּאַסט עס ניט.

— איר זייט צו קלוג, קעראָלאַין. יו נאָו, אַ פרוי דאָ אין לאַנד דאַרף אויך נעמען וואָס איר קומט.

—אמעריקע איז אַרום און אומעטום. די „גרינע" וואָס טאַפּטשען זיך דאָ אַרום, זיינען דאָך אויך אין אַמעריקע!

— כ׳ווייס וואָס איר מיינט, יו נאָו. בין ניט מסכים מיט אײַך. איך וועל זיך פונדאַנען אַרויסרייסן. כ׳ווייס, די, וואָס זיינען געקומען פאַר אונדז, יידן פון דייטשלאַנד, דהאָבן זיך אַרויפגעאַרבעט און אַרויסגעקליבן אין דער אַמעריקע, יו נאָו. כ׳קוק זיי נאָך. וועל טרעפן אַהין, קעראָלאַין!

— איר רעדט מיט מיר פון זאַכן וואָס איך באַנעם ניט.

— ס׳איז דערפאַר וואָס איר זייט נאָך אַלץ די אייגענע. איר האַלט זיך גרויס, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ לוריא־טאָכטער. אפילו אייער אַרבעטן אין שאָפּ איז ניט מער ווי אַן אַנשטעל. ווי אייער ברודער, וואָס פאַרדרייט די יידישע אַרבעטער דעם קאָפּ, איז ניט מער ווי אַן אַנשטעל. קיין גוטס קומט פון דעם קיינעם ניט אַרויס.

דער שמועס וואָס איז אַוועק אין דער ניט־געווינטשטער ריכטונג, האָט זיך איבערגעריסן. קריינדל איז מיט שטילע טריט אַוועק אין צווייטן צימער אַריין.

לעאָנאַרד איז געבליבן זיצן אויף זיין אָרט. אַ בלייענע שווערקייט האָט אָנגעגאָסן זיינע אַלע גלידער און ס׳איז קיין מוט ניט געווען אויפ־צושטיין. ער האָט געהערט, אַז קריינדל איז ניט געזונט, איז דאָס געווען ביי אים אַ מין תירוץ אַריבערצוקומען און אַרויסווייזן איר צערטלעכקייט. ער האָט געוואוסט, אַז קריינדל אַרבעט שווער, זי האָט אָפּט עגמת נפש פון אייגענע, און בכלל גייט זי אום די לעצטע צייט פאַראומערט. ער האָט אויך געוואוסט, אַז קריינדל, וואָס איז אומגעגאַנגען און געלאָזט „די אַנאַר־כיסטלעך זאָלן איר דעם קאָפּ פאַרדרייען," איז איצטער גאָר אַליין געבליבן. ער האָט ניט געמאַכט קיין טעות. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געפילט קריינדלען אַזוי נאָענט צו זיך. אין אירע ריידן פילט ער ניט די אַמאָליקע פאַרביסנקייט. זי האָט צום ערשטן מאָל געלאָזט, ער זאָל אירע אויגן קושן, די אויגן, וואָס ער ווערט אין זיי פאַרלאָרן יעדעס מאָל ווען ער קוקט אין זיי.

אים דוכט, אַז קריינדל איז איצטער אין צווייטן צימער אַוועק זיך גוט אויסוויינען. זי וועט צו אים צוריק ניט אַרויסקומען. אָבער ער קען איצ־טער ניט אויפשטיין פון אָרט. אים קומען פאַרן רעיון נאָך אַ פּאָר פּאַסיקע ווערטער וואָס ער האָט פאַרגעסן איר צו זאָגן. מכוח איר פּאָטערס גע־

שעפּטן האָט ער איר געוואָלט גוטע נייס דערציילן. וועגן דעם חלפן־לוריאַ שאַפּ, וואָס וועט בקרוב איבערציען אין אַ גרעסערער דירה...

— אַ שאָד, וואָס כ׳האָב עס איר תיכף ניט דערציילט — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, און אָנגעהויבן מאַכן פּלענער ווי אַזוי אַריינצוגיין אין צווייטן צימער.

די דרויסנטיר האָט זיך געעפֿנט, אין שטוב זיינען אומגעריכט אַריינגעקומען נתן לוריאַ און מלכה חלפן.

— לעאָנאַרד, דו ביסט גאָר דאָ! — האָט מלכה מיט אַ געמאַכטער מונטערקייט אויסגעשריגן.

מלכה איז צוגעגאַנגען צו איר ברודער, און האָט אים אַ קוש געטאָן.

— וואָס זאָגסטו, נייטן, צו אים? איר האַלט אים פֿאַר אַ האַרטן מענטשן, ער איז פּאַרט מיין ברודער. קעראָלאַין איז אין שטוב ניטאָ?

לעאָנאַרד האָט זיך אין דער ערשטער רגע דערפֿילט פֿאַרלאָרן. ווען־עמען־ווען, זיין שוועסטער האָט ער דאָ ניט גערעכנט צו באַגעגענען.

— איר זייט דאָך ניט ברוגז — האָט מלכה באַטראַכט ביידע מענער — איר קענט זיך גאָר ביידע ניט? כאַ־כאַ־כאַ...

לעאָנאַרד חלפן איז צוגעגאַנגען צו נתנען, געגעבן אים די האַנט, געמאַכט זיך אַ דהאַרץ, און געזאָגט:

— מיר זיינען ניט קיין געגנער, ס׳מאַכט ניט אויס, יו נאָו. אפילו געגנער מעגן זיך אויך געבן די הענט. איך זיץ דאָ און טראַכט, מאָדנע מענטשן די לוריאַס... איין דניאל איז סמאַרט. ליליען האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ מענטשן.

— זעסט, מילדרעד, דיין ברודער האָט ניט ליב די לוריאַס, פּונקט ווי דו האָסט זיי ניט ליב. איך האָב ניט ליב די חלפנס, כאַ־כאַ־כאַ.

נתן האָט גוטמוטיק געקלאַפּט מלכהן אין פּלייצע, און געלאַכט.

— אין דעם איז נאָר אַמעריקע שולדיק, נייטן — האָט מלכה, אַ פֿאַר־ליבטע, געקוקט נתנען אין די אויגן אַריין.

— פֿאַרוואָס דווקא אַמעריקע? איך מיט די חלפנס, וואָלט אין רוס־לאַנד אויך זיך אַרומגעקריגט, וואָס ניט, לעאָנאַרד? אין רוסלאַנד, ווען מ׳וואָלט געלאָזט, וואָלטן די חלפנס אויך געריטן אויפֿן פֿערדל, און די לוריאַס וואָלטן שטענדיק געווען אונטערן פֿערדל!

— נייטן, כ׳בעט דיך, קענסט דאָך אַמאָל זיין... דער ברודער מיינט גאָרניט, ער איז געקומען געוואויר ווערן. וואו איז קעראָלאַין?

ביי די ווערטער איז קריינדל אַריינגעקומען פֿון צווייטן צימער. זי האָט זיך איבערגעטאָן, איצטער, אין אַ לענגערער און פֿולער ברוינער קלייד, האָט זי אויסגעזען העכער און עלטער. ס׳פּנים אויפֿגעמונטערט, די פֿול־ברוינע אויגן האָבן וואוילעריש באַטראַכט מלכהן און די צוויי מענער.

— כ׳האָב געהערט פֿון וואָס איר רעדט...

זי איז צוגעגאַנגען צו מלכהן, זי אַרומגענומען און מיט ליבע געקושט אירע ביידע באַקן.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט קריינדל פּלוצלונג אַ לאַך געטאָן — ווערט געווען צו זיין קראַנק, און זען דעם ברודער מיט דער שוועסטער דאָ! כ׳בעט

דיך, נתן, קריג זיך ניט מיט לעאָנאַרדן. ער איז אַזאַ גוטהאַרציקער, אויב ער האָט געקענט נעמען און פאַרבייגן אויף זיינס.

לעאָנאַרד האָט באַטראַכט קריינדלען, ווי זי האָט זיך פאַרענדערט פאַר אַזאַ קורצער ווײַלע. איצטער האָט זי אים ווידער אויסגעזען ווי די אַמאָליקע גרויסהאַלטערקע. ער קוקט אין אירע לאַכנדיקע אויגן און קלערט, צי דידאָזיקע אויגן האָט ער מיט א ווײַלע צוריק געקושט. דוכט אים, אַז ער האָט אַהער דורך א צופאַל פאַרבלאָנדזשעט, געפונען דאָ זיין שוועסטער מיט דעם „יאַבעטניק", מיט דעם, וואָס האָט שוין אַזויפיל עגמת נפש פאַרשאַפט דער חלפן־משפחה. לעאָנאַרדן נעמט אָן א חשק צו באַווייזן, אַז ער „פאַרבלאָנדזשעט ניט", אַז ער „פאַרלירט ניט זיין קאָפּ". לעאָנאַרד פילט ווי ער ווערט איינגעשרומפּן. ער מאַכט פלענער ווי אַזוי ער זאָל זיך קענען וואָס פריער אַרויסרוקן פון שטוב.

מלכה האָט עס באַמערקט:

— זע נאָר, לעאָנאַרד, וואָס האַלסטו זיך אַזוי פונקט ווי ביי שונאים אין שטוב? זיי גוט צו מיין ברודער — האָט מלכה אַרומגענומען קריינד־לען — ער האָט דיך ליב, כאַ־כאַ־כאַ... ער איז מוחל אויף זיינס, און איז געקומען.

— איך בעט דיך, מילדרעד, זאָלסט פאַר מיר ניט רעדן! איך נויטיק זיך איצטער אין קיינעמס הילף ניט. בין געקומען געוואויר ווערן, טוט מיר הנאה וואָס קעראָלאַין פילט זיך שוין בעסער. גוד־באַי, קעראָלאַין, גוד־באַי, נייטן!

לעאָנאַרד האָט אָפּגעווישט מיט דער האַנט דעם שווייס פון שטערן, און איז אַרויס פון שטוב.

— גיי, קעראָלאַין, קער אים אום צוריק — האָט מלכה געבעטן — ס'איז מיר פשוט א רחמנות אויף אים.

קריינדל האָט אָנגעקוקט מלכהן, האָט פאַרטאַיעט געשמייכלט, און אויף דעם גאָרניט געענטפערט.

— ווי פילסטו זיך, קריינדל? — האָט נתן פאַרזאָרגט געפרעגט.

— בין שוין מיד פון אַרומגיין ליידיק. וועל מאָרגן אַוועקגיין צו דער אַרבעט. מיין פלאַץ איז נאָך ניט פאַרנומען.

— כ'וועל דיך ניט לאָזן גיין אַרבעטן ביי ציגאַרן.

— נו, וועל איך גיין צו קאַצמאַנען איבערקלייבן שמאַטעס. קוק מיך אַזוי ניט אָן, מילדרעד! קוקסט נאָך אַלץ אויף מיר, ווי דו וואָלסט געווען די עלטערע. ס'לעבן האָט מיך אויסגעלערנט. קלערסט, איך ווייס ניט וואָס ליבע איז און גרינ, מיינסטו, ווייסט ניט וואָס ליבע איז? דאָס זיינען די לוריאַס אַזוי. זיי האָבן ליב, און די ליבע ברענט אַליין פאַר זיך. וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? איך האָב א סך פרייע צייט, כ'האָב שוין א סך מעגלעכקייט געהאַט אויסצוגעפינען וואָס ליבע באַטייט. נאָר זאָגן זאָג איך אייך, מיר זיינען ליבער די מענער, וואָס באַהאַלטן גאָרניט, ווייסן וואָס זיי ווילן, פאַרוויקלען ניט זייערע פאַרלאַנגען אין כלומרשטער ליבע. מיט יענע בין איך פשוט און פראָסט. זיי ווייז איך אָן צו עלען סטריט, זאָלן זיי אַהין אַוועקטראָגן זייער ליבע, צוצאָלן א דאָלער, מ'זאָל זי אָננעמען. אָבער לייטישע מענטשן, וואָס זאָגן מיר נאָך

צו א שיינע היים, א קארעטע מיט פערד, א דירה אפשר ארום דער פערצנטער סטריט, זיי פארשטיי איך ניט. דיין ברודער וויל צו טייער באצאלן פאר א נאריש מיידל, וואס הייסט קעראלאין לוריא.

נתן איז צוגעגאנגען צו קריינדלען, האט ארומגענומען איר קאפ, און אריינגערעדט איר אין אירע ברוינע האר אריין:

— א מיידל טאר אזוי ניט רעדן. א מיידל טאר אזוי ניט זיין פאר־ביטערט אויפן לעבן. מענטשן האבן דיך ליב, און דו ווילסט די ליבע ניט אננעמען, איז דאס אפשר דיינע א זאך. אז מען האט א מענטשן ניט ליב, דארף מען עס ניט באהאלטן. אבער ווארף זיך ניט מיט ליבע, קריינדל!

קריינדל האט זיך פון אים באפרייט, אפגעטראטן און זיך אנגעשפארט מיטן פלייצע אן קאמאד. איר פנים איז געווען שטארק אויסגעמאטערט, אויסגעצויגן, בלאס־געל. נאר די פולע, ברוינע אויגן האבן אפיר געקוקט צו איר ברודער, און דער בלאנדער, שמאלער מלכה־ן, וואס האט זיך געטוליעט צו נתנען. ס'האט אויסגעוויזן, ווי אט באלד וועט קריינדל צו־זאמענברעכן.

נתן האט עס באמערקט. ער איז צוגעגאנגען צו קריינדלען, האט זי אויפגעהויבן, צוגעטראגן, און זי אנידערגעלייגט אויפן בעט. ער האט זיך צוגעזעצט נעבן איר, געגלעט אירע בלאסע, אפגעצערטע ארעמס.

— ווייסט, נייטן, — האט מלכה שטיל געזאגט — כ'טראכט, דא, אין דער פרייער אמעריקע זיינען יידן געקומען און אליין זיך אנגעווארן. מ'באגעגנט זיך, מ'איז נאנט, און פונדעסטוועגן איז מען איינס פון אנדערן אזוי ווייט, אזוי ווייט!

— איר זייט ביידע געקומען אהער זיך ליב האבן — האט קריינדל מיט א ציטער אין שטים געזאגט — און איך גאר. שעמט זיך ניט פאר מיר...

זי האט מיט איר בלאסן ארעם צוגעדעקט די אויגן, און איר ברוסט האט געצוקט, ווי צו פארהאלטן דאס געוויין, וואס האט אנגעקוואלן אין אלע אירע גלידער.

* * *

גאר אומגעריכט איז צו קריינדלען אנגעקומען די ידיעה, אז יוכבד איז קראנק. איר איז קאלט געווארן. ס'האבן זיך איר אזש די פיס אונטערגעבראכן.

— א זינד, אזוי צו פארגעסן א נאנטן — האט קריינדל אויפן הויכן קול זיך אויסגעמוסרט — נאר זיך אליין האט מען דא אינזינען.

אין אמתן זיינען געווען טיפערע סיבות פארוואס קריינדל האט זיך דערווייטערט פון יוכבדן. קריינדל האט געוואוסט, אז איר ברודער אשר, ווען ער האט אנגעהויבן פארפאלן ווערן אויף ניו־יארקער פארדעכטיקע וועגן, האט ער זיך זייער אפט באגעגנט מיט יוכבדן. קריינדל האט פיינט געהאט דאס פרעמדע פייערל, וואס האט אזוי אפט געברענט אין יוכבדס בלויע אויגן.

ווען קריינדל האט געפרואווט ווירקן אויף יוכבדן, זי זאל זיך ניט לאזן פארפירן פון אשרן, האט יוכבד גאנץ רואיק געענטפערט:

— קיין בעסערס וואָרט אויך מיר ניט אין לעבן, זאָג מיר ניט קיין מוסר, קריינדל.

ווען מיט א האַלב יאָר צוריק האָט קריינדל מיט איר צום לעצטן מאָל גערעדט און ווידער געמוסרט, הלמאַי זי פירט זיך ארום מיט אשרן, האָט יעמאָלט יוכבד שוין א פאַרביטערטע גערעדט:

— האָף דו אויך ניט אויף בעסערס, ביסט אביסל שטאַרקער פון מיר, וועסטו זיך לענגער דערהאַלטן אויף די פיס. זאָג מיר ניט קיין מוסר, קריינדל!

קריינדלען האָט פונדעסטוועגן פאַרדראָסן, הלמאַי זי האָט זיך געדאַרפט דערוויסן פון א ווילדפרעמדער, וואָס וואוינט אין איין פאַרדומפּענעם צימער מיט יוכבדן, אַז יוכבד איז קראַנק. זי האָט איצטער פאַרגעסן אָן די אַלטע תרעומות. מיט א געפּיל פון א שולדיקער האָט זיך קריינדל געלאָזן גיין נאָך דער אומבאַקאַנטער, וואָס האָט געשפּאַנט זייט־ביי־זייט מיט איר אויף הילצערנע, צעבראָכענע און פאַרמיסטיקטע טרעפּ, אין א האַלב־איינגעפאַלענעם טענעמענט־בנין ערגעץ אויף מאַוט סטריט.

— דאָ וועט איר שוין טרעפן אליין, כ'האָב שוין אזוי אויך פאַרשפּע־טיקט צו דער ארבעט.

די באַגלייטערן האָט קריינדלען געלאָזן אליין הינטער דער טיר, און אַראָפּגעאיילט מיט די פינצטערע טרעפּ.

א פאַרדומפּענע וואָרימקייט, אויסגעמישט מיט רוחות פון מענטשלע־כער אומריינקייט, גראבאַל־וואַסער, שוויס־זויערקייט און וואַנצן, האָט א שלאָג געטאָן אין פּנים ווי נאָר קריינדל איז אַריבער די שוועל. א האַלב־נאַקעטע, צעיורענע יידענע, מיט א טונקל־ברוינעם שייטל אראָפּגערוקט ביז צו די אויגן, וואָס האָט זיך געפּאַרעט ביי א פּליטע צווישן אייזערנע ניט־פאַרבעטע בעטלעך, האָט קריינדלען דערקענט:

— אמתע פריינט פאַרגעסן ניט; דהאָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אייך.

כאָטש פאַר האַלבן טאָג, איז אין צימער געווען טונקל. די צוויי אָפענע פענצטער זיינען ארויסגעקומען אויף א גרוי־שוואַרצער וואַנט. כמעט אינגאַנצן פינצטער איז געווען אין צווייטן צימער, וואו אויף איינעם פון דריי אייזערנע בעטלעך איז געלעגן, א צוגעדעקטע מיט א ליילעך, יוכבד.

— קעראַלאַין... כ'דאַנק דיר, קעראַלאַין, אָטאָ־דאָ בין איך... — האָט זיך דערהערט פון דער טונקלקייט יוכבדס שטים.

קריינדל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צו יוכבדן, האָט אונטערגעהויבן איר קאָפּ און געפילט מיט די ליפּן יוכבדס פייכטן שטערן. זי האָט געזוכט גוטע ווערטער אויפצוריכטן די קראַנקע, אָבער אָנשטאָט דעם זיינען גאָר אירע אייגענע טרערן געפאַלן אויף יוכבדס שטערן.

— צינד אָן ס'לעמפּל, קעראַלאַין, כ'וויל דיך זען.

— דרויסן איז אזוי ליכטיק, יוכבר. אָט באַלד, כ'וועל אויסווישן די אויגן. כ'זע דיך, יוכבד.

יוכבד האָט אויסגעשטרעקט די הענט און געגלעט קריינדלס פּנים:

— ווייַן ניט, קעראַלאַין. זיי פריילעך, מיר איז אזוי גוט וואָס דו ביסט געקומען צו מיר! איך בין שוין באַלד גאָר אינגאַנצן געזונט. מאָרגן, איבערמאָרגן וועל איך שוין אראָפּ פון בעט. וועל קומען גלייך

צו דיר, קעראַלאַין. דו האָסט ניט געדאַרפֿט זיין ברגז אויף מיר. כ'האָב שוין אשרן מער ווי פיר חדשים ניט געזען. דו האָסט אים אויך ניט געזען?

קריינדל האָט זיך איינגעהערט צו יוכבדס רייד, און געשפּירט, ווי אין א ביינאכטיקן וואָלקן ווערט איר לעבן פאַרוויקלט. זי וויל צונויפנעמען איר מוט, אפשר אזוינס זאָגן יוכבדן און זי דערמונטערן, און צום סוף גאָר ווערט איר האַרץ ממש צעריסן. א לעבן וועלקט, ווי א פּריצייטיק אָפּגעריסן און פון ווינט אין בלאָטע פאַרטראָגן בלעטל.

— וואָס איז דיר, יוכבד? — האָט קריינדל געגלעט יוכבדס איינגע־פאַלענעם בויך.

— מיר איז שוין איצטער גוט. כ'דהוסט שוין ניט מער. קיין בלוט ווייזט זיך שוין אינגאַנצן ניט. האָב שוין קיין שטעכענישן אויך ניט. בין נאָך אביסל שוואַך.

פּלוצלינג האָט זיך יוכבד צעלאַכט מיט איר קלינגענדיק געלעכטער, ווי אין די גאָר גוטע צייטן.

— ביסט נאָך אַלץ די פריילעכע יוכבד. כ'וועל דיך אפשר ארויס־נעמען פון דאַנען... האַ, וואָס האָסטו געלאַכט, יוכבד?

— אריה פלאָקן האָט מיר געשריבן א בריוו. ער קומט שוין צוריק פון רוסלאַנד. שעלט רוסלאַנד מיט טויטע קללות. ער פרעגט, צי כ'וועל מיט אים חתונה האָבן. האַ, קריינדל, פעלט מיר נאָך דאָ אין בעט אריה פלאָקן, כי־כי־כי.

יוכבדס געלעכטער האָט איבערגעשלאָגן א טעמפּער הוסט.

— כ'זינדיק, קריינדל.

קריינדלען האָט די נייס א קלאַפּ געטאָן איבערן קאָפּ.

— שלעכט דאָרטן. ער שרייבט, אז דאָרטן איז גאָר שלעכט. פונ־דעסטוועגן, ווען איך בלייב דאָרטן, וואָלט איך אין אַזאַ פינצטערניש, אין אַזאַ... האַ, מיינסט ניט, קעראַלאַין, אז מיר האָבן געדאַרפט זיך אומקערן צוריק קיין רוסלאַנד? כ'ווייס, ביסט אויף מיר אין כעס. כ'ווייס, טראַכסט, אַז איך האָב זיך ניט גוט אויפגעפירט, בין איך באַשטראָפט געוואָרן. וואָס קומט ארויס? קאַרג פרומע יידן און נאַרישע מיידלעך דהאָבן דאָ אָנגעהויבן שפּייען מיט בלוט אין דער גילדענער מדינה? אין מיין שאָפּ האָט א פרומען יידי, וואָס דאַווענט דריי מאָל אַ טאָג, ביים פּרעס שטייענדיק, ס'בלוט א כליושטש געטאָן פון האַלדז אויפן הייסן פּרעס, אַזש אַ פאַרע האָט פון פּרעס א שלאָג געטאָן! כ'ווייס, ער איז שוין געשטאָרבן. וואָס קומט אַרויס? איך האָב מיט קיינעם מער ניט געזינדיקט, ווי נאָר מיט דיין ברודער. כ'האָב אשרן געהאט ליב. ס'אי אמרת, ער האָט מיין חיות ווי וואַסער אויסגעטרונקען. איך בין אים מוחל. כ'קלער, ער איז מסתמא ערגעץ אין א טורמע ארייגעפאַלן. ער האָט ניט געוואָלט האַרע־ווען. „וואָס איז דער תכלית?” — האָט ער געטענהט — „אין שאָפּ וויל איך ניט טשאכגען...” ער איז געריכט. הלוואי וואָלט ער געווען איצ־טער נאָנט צו מיר! מיינסט, אז מ'איז קראַנק, דהאָט מען ניט ליב?

אז די אויגן האָבן זיך איינגעלעבט מיט דער טונקלקייט, האָט קריינדל ארויסגעזען יוכבדן. האָט ארויסגעזען אירע בלאָנדע האָר און איר שמאָל איינגעצויגן פּנים — דאָס פייער אין די בלויע אויגן, און די ניט־דערוואַקסענע,

פאַר דער צייט פאַרוועלקטע בריסט, וואָס האָבן אויפגעציטערט דורך דעם פאַנאַנדערגעשפּילטן העמד, ווען יוכבד האָט געלאַכט, אָדער געהוסט.

— זאָג מיר עפּעס, דערצייל מיר עפּעס, קריינדל, דיר איז טרויער־ריק, האַ?

— כ׳טראַכט פון דעם וואָס דו האָסט מיר נאָר וואָס דערציילט, כ׳מיין פון אריה דעמבאָוויצן, אַז ער קומט צוריק גאָר.

— האָסט אימעצן ליב, קרעלאַין? — האָט יוכבד א באַרואיקטע געפרעגט.

— וועמען האָסטו איצטער ליב?

— אוודאי ד׳האָב איך ליב.

— איצטער טראַכט איך פון דיר, יוכבד, ווי אזוי דיר צו העלפן.

— כ׳ווייס, ביסט א גוטע, האָסט א סך געליטן, כ׳ווייס... זעסט ניט אויס גוט, קרעלאַין. וועמען האָסטו ליב, דערצייל מיר. ווייסט, קרעלאַין, איך האָב זיך געדאַרפט בעמען ס׳לעבן גאָר ווען איך בין נאָך געווען געזונט. איצטער האָב איך ניט קיין כח. איצטער גאָר ווילט זיך מיר ווערן געזונט.

אין טיר פון צימער איז געבליבן שטיין די באַלעבאָסטע, און האָט מיט א תחינה־ניגון אריינגערעדט:

— נו, האָט ניט געדאַרפט א בראָך קומען אויף אמעריקע? פון פּאָגראָמען איז מען געלאָפן? אין גהינום איז מען געלאָפן! יידן וועלן דאָ ווי פליגן אויספאַלן. וואָס איז שוין פון מיר געוואָרן... ניט קיין שפּיטאָל איז דאָ, און ניט קיין אָפּטרעט. כ׳לעב אין א שפּיטאָל און אין אַן אָפּטרעט, ווי איז מיר, און ווי איז צו מיין לעבן. איך זאָג איר, זי איז יונג, זאָל זי זיך שמדן! יאָ, שמדן, און אַוועק צו די גוים. וואָס, מיין מאַן וועט ניט אויסשפּייען זיין גאַל? יאָגט ארויס די זעל, מיינע שונאים: פרעסט ניפּענטס... ברענגט דריי דאָלער א וואָך, אָך־און־ווי צו אמעריקע. אפשר וואָלסטו גאָר ארויסגיין אביסל דרויסן — האָט די באַלעבאָסטע מיט אַמאָל געביטן איר ניגון — נעם זיך אָן מיט כח. ס׳איז געווען א ברודער דיינער — האָט זי געגרעדט אויף קריינדלס זייט — זאָל די ערד איבם צונעמען און צוריק זיינע ביינער פאַר די הינט ארויסוואַרפן! צ׳עך אָנגעליגט אויף איר ווייסט לעבן!

— כ׳בעט אייך, מיסיס בלום, לאָזט מיך לעבן — האָט יוכבד שוואַך געבעטן.

— ס׳איז א בראָך צו מיין לעבן! ווער׳ט מיר באַצאָלן דירה־געלט, ווער? כ׳קען עס דען אויסהאַלטן?

— וויפיל קומט אייך? — האָט קריינדל געפרעגט.

— וואָס איז דער חילוק? דו׳סט דאָך מיר ניט באַצאָלן.

קריינדל האָט ארומגענומען יוכבדס קאָפּ, געדריקט צו זיך, און מיט באַהאַלטענער אויפרעגונג גערעדט:

— איך גיי איצטער אוועק, יוכבד, און וועל נאָך היינט זיין ביי דיר. זיי געזונט, יוכבד!

קריינדל האָט ארויסגעאיילט דרויסן. „כ׳מוז זי ראַטעווען!" — האָט קריינדל צו זיך אליין גערעדט.

גאָר צום ערשטן איז איר געקומען אויפן זינען, זי זאָל אוועק צו איר

פּאַטער, דאָרטן איבערשמועסן מיט ריוואַטשען, טאָמער וואָלט זי געפונען פּלאַץ פאַר יוכבדן. שפּעטער איז דניאלס היים געקומען אויפן זינען: אפשר דערציילן אַלץ דער גרטע, זי, ליליען, האָט אַ טייער האַרץ, אפשר וועט יענע איר קענען געבן אַן עצה און, אגב, בעטן עטלעכע דאָלער, צו באַצאָלן דער מיסיס בלום.

ווען קריינדל איז אַרויסגעקומען צו עלען סטריט, איז אויבן פאַר־בייגעלאָפן אַן עלעוועטער־צוג און אַ קנויל רויך, וואָס האָט פון צווישן די רעלסן אַ שפּאַר געטאָן צו דער גאַס אַראָפּ, האָט קריינדלען אין אַ ביטערן רויך־וואָלקן אײַנגעוויקלט. זי האָט דערפילט אַ שוואַכקייט אין די פיס, ווי אַנידערצופאַלן אין מיטן גאַס.

ווי ס'איז האָט זיך קריינדל דערשלעפּט צום פּאַטער. אין טיר איז ריוואַטשע געקומען אַנטקעגן.

— קעראַלאַין! וואָס טוסטו דאָ? דו זאָלסט קומען צו מיר, ס'איז עפּעס ניט אומזיסט.

קריינדל איז געוועזן צופרידן וואָס ריוואַטשע האָט ניט באַמערקט איר מצב:

— איך פיל זיך שולדיק, אַזוי לאַנג אײַך ניט געזען. איך אַרבעט דהיינט ניט, ווײַל איך צו אַלעמען היינט אַריבערגיין און געוואויר ווערן וואָס מ'מאַכט.

קריינדל האָט גערעדט, און אַליין ניט געהערט די ווערטער. מיט צעשטרייטע בליקן האָט זי באַטראַכט די ווענט.

— וואָס ווילסטו, קעראַלאַין, ווילסט עפּעס עסן, טרינקען?

— איך וויל נאָר אַ טרונק וואַסער, מער גאָרניט. שפּעטער אַביסל וועל איך מיט אײַך רעדן. בין געקומען עפּעס דערציילן, און זיך מישב זיין.

ריוואַטשען האָט עס געחידושט:

— אַ סאָד וואָס דער טאַטע איז ניסטאָ. ער איז היינט פרי אַוועק אין סאָפּ. מ'האָט דאָך איבערגעצויגן אין אַ גרעסערער דירה. איצטער ט'מען ניסט זאָגן, אַז ביי חלפן־לוריא אין סאָפּ פאַלן אַרבעטער ווי פליגן. ס'גלויבט זיך מיר גאָרניסט, אַז קעראַלאַין איז אינמיטן העלן טאָג אַרײַנ־געקומען. וואָס ביסטו אומעטיק, קעראַלאַין? כ'וועל דיר מאַכן עפּעס אַן עסן.

— כ'בין זאַט. כ'וויל איצטער גאָרניט מער.

— קעראַלאַין, איך וויל מער דעם סוד ניט אַרומטראָגן. דיר, קעראַ־לאַין, וויל איך דערציילן. נעם מיך אַרום, קעראַלאַין, פילסט גאָרניסט אַטאָ־דאָ?

ריוואַטשע האָט גענומען קריינדלס האַנט און צוגעלייגט צו איר בויך:

— האַ, קעראַלאַין, קיינעם פון די באַקאַנטע און קרובים האָב איך עס ניסט דערציילט. דיין טאַטע ווייס אויך נאָך ניסט דערפון.

קריינדלען האָט דאָס בלוט אַ שלאַג געטאָן אין פּנים אַריין. זי האָט אין ריוואַטשעס אויגן באַמערקט פרייד אויסגעמישט מיט פּחד.

— ס'איז אמת? — האָט קריינדל שטיל געפרעגט.

— כ'האָב מורא, קעראַלאַין. כ'האָב מורא, אַז כ'וועל איצטער באַ־סטראָפט ווערן, פאַרוואָס כ'האָב אייער טאַטן צוגענומען פון אײַך אַלעמען.

כ׳האָב אייך אלעמען געמאַכט פאַר אמתע יתומים. פאַרוואָס סווייגסטו, האָסט אויך מורא?

קריינדל האָט מיט שטאַרע בליקן געקוקט אויף ריווטשען, און פאַר איר דמיון איז גאָר געשטאַנען דאָס פינצטערע, פאַרעיפּושטע צימער, וואו זי האָט איבערגעלאָזן איינע אליין יוכבדן. געקומען זיך מישב זיין מיט דער פּראַקטישער ריווטשען וועגן יוכבדן, און לסוף גאָר נעמט זי די שטיף־מאַמע אריין, און פאַרטרויט איר דעם סוד פון איר שרעק!

— ניט מיר, דעם טאַטן, ער איז איצטער אייער מאַן, אים האָט איר געדאַרפט דערציילן גאָר צום ערשטן.

— דיר פאַרדריסט עס ניסט, קעראַלאַין? זאָג מיר דעם אמת. אָט, אדרבה, קום זעץ דיר אַנידער, קיינער איז ניסטאָ, כ׳וויל מיט דיר רעדן, און אלץ וויל איך דיר דערציילן. דיין טאַטע וויל מיט מיר האָבן א קינד. איך האָב מורא געהאַט...

— איר דאַרפט עס מיר ניט דערציילן. כ׳בין עפּעס אזוי צעטומלט, כ׳ווייס אליין ניט וואָס צו זאָגן. אוודאי זאָלט איר זיך פרייען! אויב איר שעמט זיך, וועל איך אליין דעם טאַטן דערציילן!

ריווטשע האָט קריינדלען ארומגעכאַפּט, מיט ליידנשאַפט געקושט אירע באַקן, אירע אויגן.

— יאָ, קעראַלאַין, צייט, איך זאָל מיט דיר אויך רעדן פון גאַנצן האַרצן. אַ מאַן האָט דיך ליב, ער גייט אויס נאָך דיר. ניסט אַבי־ווי אַ מאַן. ער איז צו יעדער מינוט גרייט מיט דיר חתונה צו האָבן. אזוי איז קיין תכלית ניסט. א מיידל אין דיינע יאָרן טאָר ניסט טריקענען ווי דו טריקנסט. אַ מאַן האָט ליב; אז א מאַן נעמט איין — איז גוט. א מאַן ניט מער, ווי ער נעמט. ער וועט דיך פון סאָף צונעמען. ער וועט דיך אָפּגילטן, קעראַלאַין. ער דהאָט מיר דערציילט א סוד, כ׳זאָל עס דיר דערציילן, און פרעגן. מיר קענסטו געבן אַן ענטפער. כאַ־כאַ־כאַ, וואָלסט ווי איך, אָט אַזוי־אַ גענומען און געוואָרן א מאַמע, כאַ־כאַ־כאַ. יאָ, קעראַ־לאַין, אַ מאַמע איז ניסט קיין יתומה.

קריינדל האָט טיף אָפּגעזיפצט, זיך אַביסל אָפּגערוקט און באַטראַכט ריווטשען. זי האָט ניט באַנומען דער שטיף־מאַמעס באַרעדעווודיקייט, און דעריבער האָט זי אויך קאַלטבלוטיק אויפגענומען אירע רייד מכח דעם מאַן וואָס גייט אויס פאַר איר. קריינדל האָט גוט געוואוסט וועמען איר שטיף־מאַמע איז אויסן, און האָט דעריבער ניט געפונען פאַר נויטיק איבערצו־פרעגן.

— כ׳פאַרשטיי דאָך ניסט, קעראַלאַין, ווי איז דאָס א מיידל מיט אַזאַ קאַלטן לונג־און־לעבער? כ׳קען עס ניסט באַנעמען. וואָס איז מיט דיר, קעראַלאַין?

— צי קען איך דערציילן וואָס מיט מיר איז? ווי אַלט איך בין איצטער, ווייס איך אליין ניט. איר זייט דאָ געוואָרן יינגער פון טאָג־צו־טאָג. כ׳הער וואָס איר רעדט, כאַ־כאַ־כאַ — האָט קריינדל גוטמוטיק אַ לאַך געטאָן — פאַר מיר וואָלט איצטער געווען די גרעסטע פרייד צו זיצן און העלפן אייך זיך פרייען מיט דעם אוצר וואָס איר טראָגט אונטערן האַרצן. אָבער כ׳בין אַזוי קראַנק, אַזוי צעבראָכן, אזוי זינדיק, וואָס כ׳האָב פאַרגעסן

אַזאַ נאָנטע חברטע מיינע, און איצטער שפּייט זי מיט בלוט. ווי קען איך איר העלפן? וואָס זאָל איך איצטער טאָן?

ריווטשע האָט פאַרחידושט געקוקט אויף קריינדלען, וואָס איז געזעסן אַ פאַרלאָרענע, און די אויגן פול איבער די ראַנדן אָנגעגאָסן מיט טרערן.

— וואָס רעדט איר, קעראַלאַין? כ׳פאַרשטיי גאָרניסט וואָס איר רעדט. ווער ספּייט מיט בלוט?

— דוכט מיר, דאָס גאַנצע יידישע לעבן שפּייט מיט בלוט, ריווטשע. אפשר קענט איר מיר באָרגן פינף דאָלער, אפשר.

— אוודאי קען איך, ווייסט ווי דען, אוודאי קען איך!

ריווטשע האָט אַריינגעאיילט אין צווייטן צימער, פון דאָרטן אַרויס־געבראַכט פינף דאָלער און עס אַריינגעלייגט קריינדלען אין האַנט אַריין.

קריינדל האָט אָן ווערטער געקושט ריווטשען, אַרויס פון שטוב, און מיטגענומען מיט זיך ריווטשעס סוד, וואָס האָט נאָך שווערער געמאַכט דעם וועג צוריק צו יוכבדן.

אָבער נאָך מער סודות איז קריינדלען דעם אייגענעם טאָג אויס־געפאַלן. ווען זי איז ווידער געקומען צו יוכבדן, אויפצומונטערן, ברענגען אַביסל געלט, און העלפן זיך שטעלן אויף די פיס — האָט גאָר קריינדלען מיסיס בלום באַגעגנט און איר דערציילט, אז גלייך נאָך דעם ווי זי, קריינדל, איז פון יוכבדן אוועקגעגאַנגען, איז יוכבד אויפגעשטאַנען פון געלעגער, זיך אָרומגעוואַשן, אָנגעטאָן, איינגעפּאַקט איר ביסל זאַכן, און איז אַוועק.

— וואוהין איז זי אוועק? — האָט קריינדל צעשראָקן געפרעגט.

— צי איך ווייס? וועט פאַלן ערגעץ אין מיטן גאַס, אַ מיתה משונה זאָל קומען אויף אַזאַ ווייסט לעבן! בין צופרידן וואָס זי איז אַוועק. בין איר מוחל די פאָר דאָלער.

קריינדל איז אַ צייט געשטאַנען אַ פאַרווירטע, האָט ניט געהאַט קיין מוט אוועקצוגיין. זי איז אַריין אין צווייטן צימער און האָט אַ צייט געקוקט צו די ליידיקע בעטן, וואָס האָבן זיך פון דער טונקלקייט אַרויסגעטיילט.

קאַפּיטל פופצן

לויטערע סוף־זומער טעג האָבן זיך אויסגעשטעלט אַרום דער „גרינער וועלט", וואָס ד'האָט פון רוסלאַנד די בענקשאַפט מיט זיך פאַרנומען און זי אויסגעגאָסן אויף די לעבעדיקע מיסטן פון דער איסט־סייד.

— צייט שוין אַריבערצוקוקן וואָס ביי לייטן טוט זיך. כ'לעבן, מ'מעג אַביסל די גוים אויך נאָכטאָן.

— גוים ווייסן וואו דער זומער טונקט די פיס אין טייך.

— האַרלעם איז גאָר ניט ווייט פון דאַנען; כאָטש אַמאָל די ביינער אויסגלייכן אויפן גראָז, זיין א ציג צווישן ציגן.

— איין קליניקייט, די שיפן מיט די באַרזשעס פירן דאָך איבער־געצן.

— לאָז מען אַרויספאָרן, לאָז מען אַמאָל אַרויסלאָזן דעם טשאַד פון קאָפּ.

— קיין ראָסיי וועט'ן צוריק שוין ניט פאָרן. איז דאָס כדאַי צו דער־גיין כאָטש וואָס מ'פאַרמאָגט דאָ אַרום נעוויאָרק.

די סוף־זומערדיקע טעג זיינען געשטאַנען שיינע און בנעימותדיקע, צו פאַרגיטיקן פאַר די אומדערבאַרימדיקע חמימות, וואָס האָבן אַזוי געפּלאָגט די „קנעכט פון בייעם מצרים" — ווי הילל לוריא האָט די איסט־סיידער שניידער־וועלט אָנגערופן.

גאָרניט ווייט פון דער איסט־סייד שפּרייט זיך א סוף־זומערדיקע, וואַרימע און ליכטיקע וועלט. אַהין פירן די עלעוועטערס מיט די חוצפּה־דיקע לאָקאָמאָטיוון, וואָס פאַרויכערן דאָס לעבן פון די איינוואוינער אויף עלען סטריט. אַהין פירן אויך די שיינע „באַרזשעס" מיטן איסט־ריווער. אַהין קען מען זיך אויך דערשלאָגן צופוס.

— די ניט־יידישע וועלט טרעפט אַהין. אפילו די דייטשע יידן טרעפן אַהין, הלמאי האָט מען זיך דאָ אוועקגעזעצט פאַרפוילט ווערן לעבעדיקער־הייט?

הילל לוריא, וואָס איז באַצייטנס צוריקגעקומען פון פאַרם ביי די פילזבעריס, וואו ער האָט אינאיינעם מיט טאַראַסן געאַרבעט ביז נאָך שניט, האָט איינגערעדט טאַראַסן, ער זאָל אויך אויף א פאָר וואָכן זיך אַראָפּכאַפּן קיין ניו־יאָרק, „א שמעק טאָן די גרויסע שטאָט". טאַראַס ד'האָט דאָס מאָל צו זיין יידיש רעדן מיטגעבראַכט א האַרמאָניקע, איז דעריבער פריילעך געוואָרן אין שטוב, וואו קריינדל מיט די ברידער האָבן געלעבט.

געווען א מילדער און לויטערער זונטיק אינדערפרי. ביי די יונגע לוריאס האָט מען זיך צונויפגענומען. קריינדל האָט זיך געוואָלט קליגן,

אַז אויפֿן „פּיקניק" זאָלן נאָר זיין יונגוואַרג. אָבער קעגן איר חשבון איז קריינדל אריינגעפאַלן צווישן צוויי צדדים. איר צד איז באַשטאַנען פון די אייגענע צוויי ברידער: נתן און הילל. מיט נתנען איז געווען מלכה חלפן. אויך יוכבד, וועמען קריינדל האָט אריינגענומען צו זיך, געהאָלפן זיך שטעלן אויף די פיס — זי איז אויך מיטגעפאָרן. אַן איבערפילטע מיט סוף־זומערדיקן, שטילן טרויער, האָט זיך יוכבד געהאַלטן צווישן די לוריא־בחורים. דער צווייטער צד איז באַשטאַנען פון פאָלק בירשטיינען און האַרבאַטן אַלעקסאַנדערן. די לעצטע צייט האָט קריינדל פאַרבונדן מיט זיי די אַלטע פריינדשאַפט, און די איצטיקע באַגעגעניש, צו מאַכן אַ רייזע אויפן איסט־ריווער, האָט באַדאַרפט די פריינדשאַפט באַפעסטיקן.

אָבער צו זיי איז איצטער צוגעקומען אַ „גרינע" מיידל, אַ פּינישערן ביי קינדער־הייזקעס, מינע הורוויטש. אינגאַנצן אַ יאָר פון רוסלאַנד. און איידער נאָך מ'איז אָוועק צום איסט־ריווער ביי ברום סטריט, אויפצוזעצן זיך אויף דער באַרזשע, האָט מינע הורוויטש אָנגעוואָרן איר גלייכגע־וויכט צווישן די בחורים, און דאָס האָט צופיל געלאַכט אויפן הויכן קול. אירע ראָזע, פּוכיקע באַקן מיט חן־גריבעלעך פון ביידע זייטן, האָבן אַלע־ווײַלע אויפגעפלאַקערט און זיך אויסגעלאַשן. אירע בלויע אויגן זיינען פול געוואָרן מיט פרייד און טרערן.

פון איסט־ריווער האָט געצויגן ניט גאָר קיין פרישער ריח.

— אין נעוויאָרק פיש אין טייך שטינקט — האָט טאַראַס פּילאָזאָ־פּירט — עך, אין דניעפּער־טייך פיש לעבעדיק שפּרינג. ראָסייא מאַטושקאַ, דוראָטשקאַ מיינע!

אויף דער גרויסער שפּאַציר־באַרזשע איז געווען לעבעדיק. איירישע און דייטשע ארבעטער האָבן פאַרנומען מיט זיך ביר, און איידער דאָס שלעפּ־שיפל האָט די באַרזשע פון ברעג אָפּגעפירט, האָט מען אַ שיין ביסל ביר אויסגעזשליאָקעט, און מיט שווער־האַמעטנע פיס געהאָפּקעט און גע־זונגען.

ווען די לוריאס זיינען ארויף אויף דער באַרזשע, האָט מען זיי באַ־געגנט מיט געלעכטער:

— די „שינים" קענען גוט שווימען, כאַ־כאַ־כאַ, שליידערט זיי אין וואַסער, זאָלן זיי שווימען, כאַ־כאַ־כאַ — האָט זיך אַן איירישער יונג געלאָזט אַנטקעגן דעם האַרבאַטן אַלעקסאַנדערן.

טאַראַס האָט פאַנאַנדערגעעפנט זיין האַרמאָניקע און אויפגעשפּילט די שיכורים אנטקעגן:

— טאַנץ, סוקיני סיני, טאַנץ... — האָט טאַראַס געשריגן.

דער איירישער יונג האָט טאַראַסן אַ בריק געטאָן מיט דעם פוס, און אַרויסגעשלאָגן די האַרמאָניקע פון די הענט.

ס'האָט אויסגעבראָכן אַ געשלעג. טאַראַס האָט ניט געוואָלט פאַר־שווייגן. אומגעריכט איז הילל געקומען טאַראַסן צוהילף. ער האָט דעם איירישן פאַרשוין אַ שטויס געטאָן, יענער איז אריינגעפאַלן צווישן זייניקע. אַ געשלעג האָט זיך צעשפּילט, הילל האָט געכאַפּט קלעפּ, אָבער ער האָט די שיכורים רעכטס און לינקס געפּאַטשט און געשליידערט פון זיך.

שפעטער איז נתן אריינגעפאַלן אין געשלעג. מלכה חלפן האָט אים געצויגן צו זיך, אָבער ער איז מיט אימפעט אוועק נאָך היללן. ס'האָט געהאַלטן גאַנץ שמאַל. א צענדליק שיכורים האָבן געשלעפט טאַראַסן צום ראַנד פון דער באַרזשע; זיי וואָלטן אים אין וואַסער אריינגעשליידערט, ווען ניט דער שווער־וואָגיקער פאַליסמאַן, וואָס האָט געהאַלטן אָרדענונג אויף דער באַרזשע. ער האָט זיך מיט זיין שווערן גוף אריינגעשפאַרט צווישן די צוויי פיינטלעכע מחנות און זיי פאַנאַנדערגעטיילט.

— פאָרט אייך אליין מיט די חזירים! — האָט גאָר אומגעריכט פאַלק בירשטיין א געשריי געטאָן, און זיך געלאָזן אַראָפּצוגיין פון דער באַרזשע.

נתן האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג:

— מיסטער, אויב איר וועט דאָ אין לאַנד אַלעמען אָפּטרעטן דעם וועג, וועט איך צעטרעטן!

אָבער פאַלק בירשטיין האָט זיך פון אים ארויסגעריסן, איז געלאָפן וואו די אויגן האָבן אים געטראָגן.

— אין ראַסיי כאַמעס, טשאַרטעס... אין אַמעריקע כאַמעס, סוקיני סינעס — האָט טאַראַס זיך געהיצט — גילעל איז א מאַלאָדעץ. גוט, דאָ זשידעס גיבן צוריק אין מאָרדע.

טאַראַס האָט אויסגעשפיגן אין טייך אריין און האָט זיך אַנידער־געזעצט אן אומעטיקער.

מינע הרוויטש האָט געוואָרפן אן אויג צי מען זעט, און כאַטש אלע האָבן עס באַמערקט, איז זי צוגעגאַנגען צו היללן, האָט אראָפּגעבויגן זיין קאָפּ צו זיך און אים א קוש געטאָן. זי איז רויט געוואָרן, צעשראָקן געקוקט צו קריינדלען.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט יוכבד אַ לאַך געטאָן, און זיך אָפּגעקערט אַן א זייט.

— וואָס קוקט איר מיך אַן אזוי אויף בייז וואונדער? — האָט מינע מיט אַ טאָן פון נצחון געפרעגט — איך האָב אים ליב דערפאַר, וואָס ער האָט באַוויזן, אַז אַ ייד קען אויך געבן צוריק.

דאָס שלעפּ־שיפל האָט די באַרזשע אוועקגענומען פון ברעג און אין רויכקנוילן איינגעוויקלט די פיקניק־לייט. דאָס געמיט איז שווער געוואָרן, די ליכטיקע וועלט האָט אויף א וויל דאָס פנים באַהאַלטן. יוכבד, וואָס איז נאָך גאָר איינגאַנצן צו איר געזונט צוריק ניט געקומען, האָט א בלאַסע, מיט ברייט־צעעפנטע אויגן אריבערגעקוקט צום וואַסער. פיר יונגע מענער, און פונקט פיר מיידלעך, אָבער יוכבד פילט, אַז צווישן די בחורים איז קיין איינער איצטער ניטאָ, וואָס זאָל איר מיט טרויער־פאַרלאָפן לעבן פריידיק אַנצינדן.

און קריינדל, וואָס איז געשטאַנען זייט־ביי־זייט מיט איר און געקוקט צום וואַסער, זי האָט געטראַכט פון איר ברודער הילל, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט פאַרשעמען פון־די שיכורים און עכטע יענקיס. זי טראַכט אויך פון מינע הורוויטש, וואָס האָט געהאַט גענוג מוט צו טאָן דאָס וואָס איר בלוט און הארץ האָבן איר אונטערגעזאָגט. זי קען מינען כמעט איינגאַנצן ניט. קריינדל איז חושד, אַז פאַלק בירשטיין האָט אַן

אויג אויף איר. זי גלויבט אויך, אז דאָס איז געווען די סיבה וואָס בירשטיין איז אראָפּ פון באָרזשע.

גאָר אומגעריכט פּאָר זיך אליין האָט קריינדל אוועקגענומען אָן א זייט מינע הורוויטש, זי ארומגענומען און געקוקט גלייך אין די אויגן אריין.

— כ׳ווייס וואָס איר טראַכט איצטער, קעראָלאַין — האָט ביי מינען ס׳גאַנצע פּנים זיך אָנגעצונדן — אייך פּאַטופּעט זיך ניט אין קאָפּ, ווי אזוי א מיידל קען טאָן דאָס וואָס איך האָב געטאָן. ס׳איז דערפאַר וואָס אייער ברודער איז היינט דער איינציקער מאַן, און איך פיל, אַז איך בין א פרוי, וואָס דאַרף אַזאַ מאַן מיט עפּעס באַצאָלן. יאָ, א פרוי דאַרף אַ מאַן באַצאָלן אין צייט, יעמאָלט פאַרדינט זי כשר וואָס איר קומט פון מאַן.

קריינדל האָט געקוקט אין מינעס חן־גריבעלעך, געוואָלט אין זיי דער־גיין דעם סוד פאַרוואָס בירשטיין האָט די לעצטע חדשים איראָניש גע־שמייכלט יעדעס מאָל ווען ער האָט גערעדט וועגן פרויען. אין האַרצן האָט עס קריינדלען הנאה געטאָן, וואָס מינע האָט גלייך אויף אָן אָרט אַזוי שיין באַלוינט דעם היללן. קריינדל האָט געוואָלט, איר „אויפגעקלער־טער" ברודער הילל זאָל זיך באַגעגענען מיט א פרוי, וואָס זאָל אים עפענען די אויגן אויפן לעבן, און צונעמען ביי אים די ביטערניש מיט וועלכער ער האָט כסדר גערעדט פון יידישן לעבן.

— באַקען זיך נענטער מיט מיין ברודער היללן, ער איז ווערט דו זאָלסט אים קענען נענטער.

— כ׳האָב מורא, כ׳קען זיך נאָך איינליבן אין אים, כאַ־כאַ־כאַ — האָט מינע פאַרטאַיעט אַ לאַך געטאָן.

— ניין, מיך אַרט ניט — האָט קריינדל רואיק גערעדט — מיך אַרט עס ניט. קום, לאָמיר מאַכן פריילעך אַטאַ דעם־אַ דאַרטן.

קריינדל איז מונטערער געוואָרן, איז צוגעגאַנגען צו אַלעקסאַנדערן וואָס איז געזעסן אליין אָן א זייט:

— וואָס זאָגט איר, א ייד דאַרף זיך שטעלן אַנטקעגן, אז א גוי באַליידיקט אים?

— דיין ברודער הילל געפעלט מיר בעסער פון אלע דיינע. בכלל געפעלט איר מיר אלע, וואָס כאַטש איר ארבעט, שלעפּט איר אויף זיך ניט ארויף דעם קבצן.

— איר מיינט אַלע? מסתמא אחוץ דער בת־יחידה קעראָלאַין, כאַ־כאַ־כאַ — האָט קריינדל שטיפעריש אים אריינגעלאַכט אין פּנים.

— קעראָלאַין די בת־יחידה האַלט הויך דעם קאָפּ פאַריסן. ניט שטענדיק געפעלט עס מיר.

— ביי מענער געפעלט אייך, אויב זיי האַלטן דעם קאָפּ פאַריסן, און ביי אַ פרוי, ניט, האַ, מיסטער אלעקסאנדער? אַ מאַן דאַרף זיין מיט א געהויבענעם קאָפּ, און א פרוי, אונטערטעניק, האַ, מיסטער אלעקסאנדער? וואָס־וואָס, איצטער בין איך שוין אין אמעריקע. עפּעס דהאָב איך פאַר זיך אויך דאָ אין לאַנד דערגאַנגען.

— וואָס האָסטו זיך אריינגענומען אין כלל? איך רעד איצטער פון דיין ברודער היללן. ווען איך וואָלט געווען אזוי שטארק ווי ער, וואָלט איך אויך דאָס אייגענע געטאָן.

קריינדלען איז דאָס געווען א חידוש ביז גאָר, אלעקסאנדער זאָל אזויפיל רעדן וועגן איר און אירע ברידער. יעדעס מאָל, ווען מען האָט זיך באַגעגנט, האָט ער אויף איר געקוקט פון אויבן־אַראָפּ. וויפיל מאָל קריינדל האָט געוואָלט, נתן זאָל זיך נעבנטער באַקענען מיט אלעקסאנדערן, איז דאָס איר ניט געלונגען. איצטער איז נתן געזעסן אָן א זייט, און נעבן אים, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף זיינע קני, איז געזעסן מלכה, ביידע שטיל, ביידע אומעטיק. דער צוזאַמענשטויס מיט די שיכורים, פּאַלקס אַראָפּלויפן פון דער באַרזשע, דאָס האָט א תל געמאַכט פון דער מונטער־קייט און דער פרייד, וואָס האָט די יוגנט געפירט צום איסט־ריווער.

מ'איז אַראָפּ פון דער באַרזשע און דערפילט ערד אונטער די פיס. דאָס געמיט האָט אויפגעלעבט. אַראָפּ פון דער באַרזשע, און אריין אין אן אומבאַקאַנטער וועלט, וואו דער סוף־זומער האָט נאָך צווישן שטיינער, שיטערע וועלדלעך און וואַסערלעך געפיטערט פערד, קי און ציגן. די זון האָט אַראָפּגעשיינט אויף גרופּעס פּיקניקלייט, דאָ־און־דאָרטן צעזייטע — א ניט־יידישע וועלט, יונג און אַלט, מען האָט געשפּילט אויף מאַנדאָלינעס, געצימבלט אויף גיטאַרעס, און אויסגעטאַנצט מיט שווערע, האַלב־שיכורע פיס, געטאַפּטשעט די סוף־זומערדיקע ערד.

דערפילט ערד אונטער די פיס — האָט הילל א געשריי געטאָן צו טאַראַסן:

— שפּיל, טאַראַס, הונט דו איינער! שפּיל!

טאַראַס האָט געפאָלגט. ער האָט א רודער געטאָן מיט די אַקסלען, ארויף־און־אַראָפּ מיט די עלנבויגנס, און די האַרמאָניקע האָט געפּירכעט, פון צווישן אירע פאַלדן האָט זיך איבערגעגאָסן א רוסישע קאַזאַצקע.

— קום, שוועסטער! זאָל דיר זיך דוכטן, ס'איז רוסלאַנד. שפּיל וואַרימער, טאַראַס!

הילל האָט אַ כאַפּ געטאָן קריינדלען, האָט זי גרינג א הויב געטאָן אין דער לופטן און אוועקגעשטעלט צוריק אַנטקעגן זיך אויפן גראָז.

— טאַנץ, שוועסטער מיינע! — האָט הילל געקאָמאַנדעוועט — קום, נתן, קום, מילדרעד, קומט אַלע אַהער!

אָבער אויסער היללן און קריינדלען האָט זיך קיינער ניט געלאָזן פאַר־פירן פון טאַראַס ראַזומניס האַרמאָניקע.

— קום דו, יוכבד! — האָט קריינדל צו זיך געצויגן די בלייכע און טרויעריקע יוכבד — קום, הויב אָן טאַנצן!

ס'איז ניט געלונגען אריינצוציען די איבעריקע אין טאַנץ.

— לאָז געמאַך, טאַראַס, — האָט הילל אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ — בענקען צוריק קיין ראַסיי. דיין קאַזאַצקע טויג ניט, טאַראַס.

אין דער פרייער וועלט האָבן זיי זיך מיט אַמאָל דערפילט פרעמד. אן אומעט איז אָלעמען באַפאַלן, און אומנאַטירלעך האָט אויסגעזען ווי קריינדל און הילל האָבן זיך אוועקגעלאָזן טאַנצן.

הילל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן גראָז, צוגערופן יוכבדן, און זי אַנידערגעזעצט נעבן זיך. יוכבד, א מידע, האָט אַנידערגעלייגט דעם קאָפּ אויף זיינע קני. און הילל, וואָס האָט א גאַנצן זומער געשוויגן ווי די ערד, באַאַרבעט די ערד פאַר יענעם, ער, וואָס האָט אַ גאַנצן זומער געטראַכט,

און בלויז מיט טאַראַסן וועך־ניט־איז געטיילט זיינע מחשבות — האָט איצטער געהאַט א פאַרלאַנג צו רעדן, אלע זאָלן הערן:

— אָט, פאַרוואָס יענע דאָרטן טאַנצן, און ביי אונדז הייבן זיך ניט די פיס, ס'איז דערפאַר וואָס יענע טאַנצן אויף זייער ערד. כאָטש זיי זיינען אפשר ווי מיר געקומען פון דער פרעמד, איז זיי די היגע ערד טייער גע־וואָרן. און מיר...

— דאגדה ניט, מיין ברודער — האָט אים נתן איבערגעשלאָגן — יידן וועלן זיך נאָך צו עפּעס דערשלאָגן. אז אונדזער צייט וועט קומען, וועלן מיר אויך טאַנצן.

— יידן, זאָגסטו, וועלן זיך צו עפּעס דערשלאָגן — האָט הילל גאָר אומגעריכט געריידט נתנען אַנטקעגן — א פייג וועלן זיי זיך צו עפּעס דערשלאָגן, אויב זיי האָבן זיך באַזעצט ארום חזיר־מאַרק אין דער פאַר־עיפּושטער איסט־סייד. הא, זאָג מיר, צו וואָס וועלן זיי זיך דערשלאָגן אין נייעם מצרים ביי די אייגענע פּרעהס?!

— זעסטו דאָך ווי ס'ציט די עם־עולמניקעס צוריק אין שטאָט אריין! די ערד קען זיי אויף זיך ניט איינהאַלטן. יידן זיינען שטאָטישע מייז, אָט וואָס יידן זיינען. ביסט אויך א שטאָטישע מויז, דיך ציט אויך אין שטאָט אריין.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט זיך פון אָן א זייט דערהערט אַלעקסאַנדערס סאַרקאַסטישער געלעכטער.

אלעקסאַנדער איז געזעסן אָן א זייט, זיין טאָפּלטער האָרב האָט אים נידעריק צוגעצויגן צו דער ערד. זיין פּנים האָט ברייט געשמייכלט.

— פון וועמען לאַכט איר? — האָט הילל געפרעגט אלעקסאַנדערן.

— פון אייך לאַך איך. ר'זייט אראָפּגעקומען פון פּאַרם לערנען חכמה דעם שטאָטישן מענטשן. סיי־ווי וועט די יידישע נויט ביי אייך קיין עצה ניט פרעגן. די נויט פרעסט מענטשן לעבעדיקערהייט. אזוי וועט זי אונדז אויך געננג ארומפרעסן.

— דאָ איז נאָך אלץ בעסער ווי אין רוסלאנד — האָט מלכה חלפן אריבערגעקוקט צו נתנען.

— אוודאי איז דאָ בעסער ווי אין רוסלאנד — האָט אלעקסאנדער מיט נצחון געריידט — דאָרטן איז דער יידישער חזיר־מאַרק ארומגע־צאַמט ארום־און־ארום; יידן קענען פון אים ניט ארויסקריכן. אָבער דאָ, די שטאַרקערע וועלן די נויט איבערלעבן. וועלן זיך ארויסקלייבן פון דער איסט־סייד. וועלן אויסגעפינען, אַז דאָס גאַנצע לאַנד איז פאַר זיי אָפן. אונדזער פליכט איז אָנצואווייזן די גרינע אויף דער ברייטער, אָפענער וועלט, וואָס הייסט אמעריקע.

— וואָס וועט דאָ ווערן פון יידישן פאָלק? — האָט הילל געפרעגט.

— ניטאָ דאָ קיין יידיש פאָלק — האָט אלעקסאנדער ברייט געשמייכלט — דאָ זיינען פאַראַן אלערליי מענטשן. פאַראַן איירישע מענטשן, דייטשע, ענגלישע און אויך יידישע מענטשן. פון זיי וועט אמאָל ווערן אָן אַמערי־קאַנער פאָלק. איצטער ווילן די יידישע מענטשן עסן, לעבן זיי ווי חזירים!

— מסכים! — איז נתן אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו אַלעקסאַנדערן און געדריקט אים די האַנט — אַלץ וואָס איך וויל פון יידן, זיי זאָלן זיך

אויסגרינען וואָס גיכער און געבן איבער די הענט אייגענע עקספּלואַטאַ־טאָרס. לאָמיר אראָפּנעמען א ביישפּיל פון די דייטשע, אדער אמתע אמע־ריקאַנער אַרבעטער. זיי אַרבעטן צען שעה א טאָג, און קעמפן פאר אַכט שעה ארבעט א טאָג. ביי אונדז איז טאַקע א מצרים מיט אייגענע פּרעהס. אַז יידן וועלן נאָר ארויס פון אייגענעם מצרים, וועלן זיי שוין געפינען דעם וועג צו דער פרייער אַמעריקע.

— וועלן יעמאָלט ניט טרעפן דעם וועג צו דיין סאָציאַליזם — איז הילל אים אריינגעפאַלן אין די רייד — דאָס וואָס אונדזער ברודער דניאל טוט, אָדער וואָס דער טאַטע און די חלפנס טוען, וועגן דעם חלומען אלע גרינע, כאַ־כאַ־כאָ. סיידן די אפשר, וואָס וועלן שוין דאָ אָפּזיצן ווי ווערים אין א כריין אויף העסטער און לודלאָו סטריט.

— און וואָס וואָלט געווען, ווען ס׳וואָלטן זיך יאָ איינגעגעבן די פּלענער פון די עם־עולמניקעס? — האָט נתן עקשנותדיק געפרעגט.

— אַ, יעמאָלט וואָלטן מיר יידן זיך ביסלעכווייז איינגעפלאַנצט ווי יידן, און ניט ווי אלעקסאַנדערס מענטשן. דו, נרתן, האָסט דאָך פון דעם אליין געטראַכט, איידער מ׳איז ארויס פון רוסלאַנד. האָבן מיר דאָך אויסגעלייגט אזוינע פּלענער פּונקט ווי די בילועווצעס האָבן דאָס אויס־געלייגט פאר ארץ ישראל.

— איצטער האָף איך, אז יידן אין פרעמדן, פרייען לאַנד וועלן אפשר אין אייגענעם יחוס פאַרגעסן. איצטער וויל איך ניט, מיר זאָלן דאָ טאָן דאָס אייגענע וואָס די בילויעווצעס. איצטער זע איך, אז ס׳לוינט ניט.

טאַראַס האָט ניט געקענט פאַרטראָגן וואָס זיינע לייט זיינען געוואָרן אומעטיק:

— אַ דאַסאַדנער נאַראַד די יעוורעיעס. ניט טרינק, ניט זינג, ניט טאַנץ... נאָר באַליאַקע, באַליאַקע ווי מודרעצי, דו, גילעל, טאַסקאַיעסט פאַרן טשאָרט. דו נעם די דעווקע — ער האָט באַוויזן אויף מינען — זי זאָל טאַנץ, איך שפּיל!

— טאַראַס איז גערעכט — איז מלכה אויפגעשפּרונגען פון אָרט — שפּיל, טאַראַס! ווער גייט מיט מיר טאַנצן! קום גאָר דו, הילל, דו טאַנץ מיט מיר... שפּיל, טאַראַס! קום, קעראַלאַין! קומט, מיס הורוויטש!

מלכה, אַזן אויפגעמונטערטע, האָט אריינגעצויגן אלעמען אין טאַנץ. זי האָט אָנגעכאַפּט אלעקסאַנדערן, אויפגעהויבן פון אָרט, געוואָלט אים אריינשלעפן אין קרייז, אָבער ער האָט זיך ניט געלאָזן.

טאַראַס האָט א פאַך געטאָן מיט דער האַרמאָניקע און אונטערגע־טופּעט מיט די פיס. נתן און הילל, מיט די הענט אונטער די באַקעס, האָבן געטאַנצט אַנטקעגן די פיר מיידלעך. אמאָל איז קריינדל און אמאָל איז יוכבד אריינגעפאַלן אין היללס אָרעמס, און אַמאָל איז מינע און אַמאָל מלכה אריינגעפאלן אין נתנס הענט.

קריינדל האָט צוגעטאַנצט צו אַלעקסאַנדערן, מיט געוואָלד אים אויפ־געהויבן פון דער ערד, אים א קוש געטאָן:

— איצטער וועט איר מיט מיר טאַנצן! איצטער וועט איר מער ניט לאַכן פון מיר.

אלעקסאנדער האָט געפאָלגט, און זיך אוועקגעלאָזן קריינדלען אנטקעגן. בשעת זיין קורצער, האַרבאַטער גוף האָט זיך געוויגט אויף זיינע דינע פיס — האָבן זיך זיינע פולע, שוואַרצע אויגן אלץ ברייטער אויפגעעפנט. אים האָט אויסגעוויזן, אז די גאַנצע וועלט דרייט זיך אין קרייז ארום אים. די ערד וויגט זיך אונטער אים. קריינדלס וואַרימער אָטעם האָט אים דאָס־מאָל שיכור געמאַכט — אַזש די ערד אונטער אים האָט זיך א וויג געטאָן און אים אויפגעהויבן.

טאַראַס האָט גערודערט מיט די אקסלען, אָרעמס און פינגער, ער האָט זיך געוויגט ארויף־און־אַראָפּ, פון דער האַרמאָניקעס פאַלדן האָבן זיך געריסן קוויטש און באַס, און זיין אייגענע דזשיזעריקע שטים א צולאָג.

— הו־האַ — האָט הילל געטאַנצט, און אלע מאָל ארייגעכאַפּט אן אַנדער מיידל אין קרייז, און ווען מינע הורוויטש איז אים אין די אָרעמס אריינגעפאַלן, האָט ער אין איר לייב זיין גאַנץ האַרץ אויסגעלערט.

יוכבד האָט עס דערקענט. די כחות האָבן זיך ביי איר אויסגעשעפּט. און ווען זי איז ווידער אריינגעפאַלן צו היללן אין די אָרעמס, האָט איר פאַר די אויגן א שווינדל געטאָן. זי האָט זיך ארויסגעגליטשט פון זיינע הענט און געפאַלן א מידע, אן אויסגעלאָשענע אויפן צעטראָטענעם גראָז.

דער טאַנץ איז איבערגעריסן געוואָרן. קריינדל האָט זיך א צעשראָקענע אַראָפּגעלאָזן צו יוכבדן, געגלעט איר קיל, פייכט פנים, און געמונטערט:

— ס'טאַנצט זיך נאָך ניט אזוי גוט אויף דער פרייער פרעמד — האָט אלעקסאנדער צו זיך אליין געזאָגט.

ער איז אויך מיט אמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן נאָכדעם ווי קריינדל האָט אים איבערגעלאָזן גאָר אליין.

פונדערווייטנס האָט זיך דערטראָגן דער פייף פון שלעפּ־שיפל, וואָס האָט מודיע געווען, אז די באַרזשע וואַרט אויפן וואַסער.

קאַפּיטל זעכצן

געווען אַ גרויער און קאַלטער אינדערפרי. שיטערע שנייעלעך האָבן אין קרייז געדרייט פאַר די פענצטער, זיך געקלעפּט און צעגאַנגען אויף די פאַרשטויבטע שויבן פון דעם חלפן־לוריא שאַפּ. ישראל לוריא איז געזעסן ביי דער ניי־מאַשין, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט און אויפגענומען די אומקלאָרע מענטשלעכע קולות הינטערן פענצטער. ער האָט געפילט, ווי פוןביידע זייטן קוקן צו אים אַפיר אנטשוויגן געוואָרענע, קאַלטע ניי־מאַשינען. ער שפּירט, ווען ער הויבט איצטער אויף דעם קאָפּ צו די ניי־מאַשינען, וואָלטן זיינע בליקן זיך אָנגעשלאָגן אָן געבויגענע שאָטנס פון די אַפּרייטער, וואָס האָבן נעכטן אַרום האַלבן טאָג געוואָרפן די אַרבעט.

— ווער איז גערעכט? ווער איז גערעכט...

קלאַפּט אין מוח אַ פראַגע, און פּלאָגט אים די לעצטע צייט, זינט ס׳האָבן זיך צוליב זיין שותפס גייציקייט אָנגעהויבן די צרות אין שאַפּ.

— חלפן טענהט, אַז אויב מ׳דריקט דעם אַרבעטער, קומט דעם אַר־בעטער דערפון אַרויס אַ נוצן. אויב דער באָס וועט ליגן ניין איילן אין דער אדמה, וועט דער אַרבעטער ליגן צען איילן אין דער אדמה... יאָ, ס׳איז דערפאַר — טראַכט ווייטער ישראל לוריא, — וואָס מאיר חלפן האָט אַפילו קיין טאָג ניט געפּרוּווט אַרבעטן פאַר יענעם. אָבער איך, כ׳האָב דאָך אַליין געפילט דעם טעם...

ישראל לוריא איז געקומען פאַרפרי אין שאַפּ, מחמת ער ד׳האָט געהאָפט, אַז אים וועט געלינגען אַליין עפּעס אויפטאָן; אים קען מען דאָך ניט פאַר־ווערן, ער אַליין זאָל טאָן די אַרבעט. צום סוף גאָר, ער וויל אויפהייבן דעם קאָפּ, באַפרייען די הענט, צונויפשטעפן אַ פּאָר העמדער־אַרבל, פּרוּוון צונויפנעמען די מחשבות, אָבער די הענט הייבן זיך ניט. ער ווייס, אַז פאַרן שאַפּ אונטן דרייען זיך איצטער אַרום די סטרייקער, פּיקעטן, ניט צו דערלאָזן סטרייק־ברעכער צום שאַפּ. לוריא איז בכיון פאַרפרי געקומען, כדי מיט די סטרייקער זיך אויסצומיידן.

מיט האַסטיקע טריט, אַ צעטומלטער, איז מאיר חלפן אַריינגעקומען. האָט זיך אַרומגעדרייט אין שאַפּ, ניט געפונען זיך קיין אָרט, נערוועיש געטאַפּט די קאַלטע מאַשינען, די קאַלטע פּרעסאייזנס; און כאָטש ער האָט באַמערקט ישראלן, האָט ער אָבער גערעדט צום שאַפּ, צו די ווענט:

— אין רוסלאַנד האָבן זיי ווי צעשראָקענע מייז מורא געהאַט פאַרן ברויט־געבער. אַמעריקע האָט דאָ געמאַכט פון יעדן גאַרניט אַ חצוף־מחוצף. דעם קאָפּ וועלן זיי ביי מיר ברעכן. כ׳וועל בעסער אַליין איינעמען אַ מיתה משונה, איידער זיי נאָכגעבן.

חלפן איז געבליבן אין מיטן שאַפֿ, פונדערוווייטנס באַטראַכט דעם געבויגענעם שותף זיינעם.

— כ'זע, איר האָט חרטה אויפֿן גאַנצן עסק, מיסטער לוריא. איך האָב אויך חרטה אויפֿן גאַנצן עסק.

ישראל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַנגעשטעלט די אויגן אויף מאיר חלפנען.

— וואָס קוקט איר מיך אָן? איר קלערט, כ'רעד פון היץ, ווען כ'זאָג, אַז אין רוסלאַנד וואָלטן די שמעגעגעס דעם קאָפּ ניט אויפגעהויבן? אמעריקע מאַכט דעם מענטשן קאַליע. אַמעריקע מאַכט פון אים א ניט־פאַרגינער. פאַרוואָס מיינט איר איז מען ארויס אין סטרייק? פאַרגינען ניט וואָס דער באָס פאַרדינט מיט א דאָלער מער! אין רוסלאנד האָבן די נבזהניקעס געוואוסט זייער אָרט, דאָ קריכן זיי אין די אויגן!

— איר רעדט ניט צו דער זאַך, ר' מאיר — האָט ישראל אָנגעהויבן מיט א שפּלער שטים — א מענטש, ווער ער זאָל ניט זיין, איז קודם כל א מענטש. ווי אזוי אייערע זין באהאנדלען די ארבעטער איז אן עוולה. וואָס הייסט, אייער זון נעמט און פּאַטשט אויס א יידן, וואָס איז אין דער היים געווען א בר הוריון, א שענערער ייד פון אייער זון!

— וואָס געווען אין דער היים? — האָט אים מאיר חלפן איבערגעשלאָגן — אין דער היים האָט מען זיך געפּוילט! דאָ איז א בייטש איבער אַלעמענס רוקן...

ישראל האָט אים אָנגעקוקט, און אויף דעם ניט געענטפערט.

— טאָ, וואָס־זשע ווילט איר, מיסטער לוריא? — האָט מאיר חלפן מיטביידע הענט אָנגענומען זיין באָרד און געקוקט צו ישראלן — אדרבה, זאָגט, וואָס ווילט איר, מענטשן זאָלן נעמען בלוטיקע שכירות, און מ'זאָל זיי ניט קענען הייסן מוחל זיין אביסל זיך א ריר טאָן? וואָס מיינט איר, מיסטער לוריא?

דער „מיסטער לוריא" האָט ישראלן, ווי מיט א שפּיציקן אייזן גע־קלאַפּט אין קאָפּ. ביי אים זיינען אָנגעקומען הארבע ווערטער. ער האָט באַמת געוואָלט אויסלאָזן צו זיין שותף אלע בייזע חלומות, אָבער אויפן רעיון איז אים געקומען זיין רבקה, וואָס איז אין די „היכלע חדשים", און זאָגט אים אויך מוסר, אז ער פאַרשטייט ניט ווי מ'דאַרף אין אמעריקע רייסן פון טויט און פון לעבעדיקן, אבי צו זיין מיט לייטן צו גלייך.

ישראל איז צוגעגאנגען גאָר נאָנט צו מאיר חלפנען, און גאַנץ רואיק געפרעגט:

— אויב איר, ר' מאיר, טראָגט זיך ארום מיט א געדאנק, אז איך בין אייך ניט קיין פּאַסיקער שותף, בין איך גרייט אָפּצוטרעטן.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט מאיר חלפן א לאַך געטאָן ישראלן גלייך אין פּנים אריין, און ארויסגעצייַלט פון שאַפֿ.

ישראל לוריא איז א ווייל געבליבן א צעמישטער און א פאַרשעמטער, ער קלערט, מיט ווענען וואָלט ער זיך געקענט דורכרעדן וועגן דעם גאַנצן ענין:

— ניט פאַר מיינע כחות — האָט ישראל צו זיך אליין גערעדט — נאָר גיי, זאָג עס אימעצן, וועט'ן פון דיר לאַכן אין די פויסטן...

איצטער פאַלט אים איין וואָס ער האָט געדאַרפט זאָגן חלפנען: „פאַרוואָס קען מען דאָס ניט זיין אי באָס, אי מענטש? — אָט דאָס האָב איך אים געדאַרפט פרעגן — א מענטש דאַרף מען זיין! פאַר מיין שותפות טו איך גענוג...״ האָב זיך גיט וואָס צו האַלטן פאַר אים מיט א געבויגענעם קאָפּ...

ישראל האָט דערשפירט, ווי ס׳האַרץ ווערט אים אָנגעלאָדן — אַזש אין קאָפּ ווערט אים הייס. ס׳פאַרדריסט אים ביזןביין, פאַרוואָס ער האָט זיך געהאַלטן אזוי שפּלדיק פאַר זיין שותף. אים איז א חידוש, מיט וואָס פאַר א יד־אחת עס האַלטן זיך די ארבעטער. ווי איין מענטש זיינען זיי ארויס פון שאַפּ נאָכדעם ווי בייניש חלפן האָט אויסגעפּאַטשט דעם דאָרן מנשה טויבן, הלמאי יענער האָט אים געענטפערט אנטקעגן. ישראלן חידושט נאָר, הלמאי זיין זון זכריה, וואָס איז נעכטן אין שאַפּ געבליבן ביז ביינאַכט, איז היינט גאָר צו דער ארבעט ניט געקומען.

פון גאַס האָבן זיך דערטראָגן קולות — ווי מען קריגט זיך. באַקאַנטע קולות. ס׳האָט אים א ציִ געטאָן דרויסן.

אָבער אין דער רגע איז ווידער ארויף מאיר חלפן, א צעד־היצטער האָט ער זיך געווענדט צו ישראלן:

— קומט אַראָפּ אין גאַס, איר זייט דאָך אַזאַ שותף צום שאַפּ ווי איך! א העלפּט ארבעטער ווילן גיין ארבעטן, פאַרשטעלט מען זיי דעם וועג. פּיקעטשיקעס אויף מיין קאָפּ! די קעפּ וואָלט איך זיי געשפּאָלטן... קומט אַראָפּ, זאָגט זיי, אז ס׳וועט זיי זיין פינצטער זייער לעבן, אויב זיי וועלן זיך ניט אָפּטראָגן.

ישראל האָט געפאָלגט. ער איז אַראָפּ דרויסן, און איז אריין אין א ווילסטער מחלוקת. דער מגושמדיקער נאָטע בער און דער האַרבאַטער משה האָבן זיך געשפּאַרט צום אריינגאַנג אין שאַפּ, און א עטלעכע ארבעטער, צווישן זיי מנשה טויב, די ברידער גאָלדמאַן און צמח צייטלין האָבן זיי פאַרשטעלט דעם וועג.

— איר האָט אויף מיר ניט קיין דעה, יאַבעדניקעס וואָס איר זייט!

— האָט נאָטע בער געשריגן — ניט אויף אייערע הוצאות בין איך געקומען קיין אַמעריקע; כ׳קען אפילו קיין טאָג ניט איבערקומען אָן מיין ביטערער פּראַצע! אייך איז גוט, איר קענט שטרייקן, שטרייקט אייך געזונטערהייט!

— כ׳דאַרף לעבן, מיין ווייב און קינדער דאַרפן לעבן! — האָט דער האַרבאַטער משה זיך אונטערגעד־היבן מ׳זאָל אים ארויסזען — כ׳ווייס, אַז כ׳וועל דערנידעריקט. כ׳ווייס, אז מ׳איזדעקעוועט זיך פון ארבעטער. אָבער גאָטס קללה וועט אויף זיי קומען סיי־ווי, צי כ׳וועל ארבעטן, צי איך וועל...

— וואָס איז א יוניע? ס׳מיינט יד־אחת, ר׳ משה! — האָט מנשה טויב איינגענומען דעם האַרבאַטן — מ׳וועט אייך ניט לאָזן פאַלן. גייט ניט, בעט איך אייך מיט גוטן. כ׳בין אַזאַ נצרך ווי איר, אָבער באו מים עד נפש... ניטאָ שוין מער קיין כוח איבערצוטראָגן די עוולות. די אָדערן ציט מען פון אונדז ארויס, און מ׳שטייט נאָך אויס בזיונות. כ׳וועל אייך, ר׳ משה, ניט לאָזן ארויפגיין; איבער מיין גוף וועט איר טרעטן, ר׳ משה!

מנשה טויב האָט זיך געשטעלט מיט דער פּלייצע אין איינגאַנג און

מיט בײדע הענט האָט ער זיך אָנגענומען פאַר די בײשטײדלעך, און זײַן קנאַכנדיק פּנים מיט די בלאַנדע האָר־בינטלעך אָנשטאָט א באָרד, האָט געציטערט, װי ער װאָלט זיך קלײבן צו װײנען אויפן הויכן קול.

— אָט איז מיסטער לוריא! — האָט זיך משה טוביה אָנגעצונדן װען ישראל האָט זיך באַװיזן — איר זײט דאָך אויך אַמאָל געװען א פּינצטערער אַרבעטער. איר זײט דאָך נאָך מיט א יידישן פונק אין הארצן, זעט, קײן בלוט זאָל זיך ניט גיסן... פאַרשליסט דעם שאָפּ, און לאָזט זײ ניט אַרײַן די מורדים, די סטאַטשקע־ברעכער!

— װאָס זאָל איך טאָן? װאָס קען איך טאָן? — האָט ישראל זיך געװענדט צו מנשהן — כ׳בין ניט אַלײן דער באַלעבאָס.

— ר׳זײט יאָ באַלעבאָס! פאַר אײַך האָט מען אָפּשיי. זאָג איך, פאַרשליסט דעם שאָפּ, ביז מ׳װעט זיך ניט צונויפנעמען און אויסגלײַכן. א ניש, װעט זיך דאָ גיסן בלוט!

מאיר חלפן איז אונטערגעשפּרונגען, האָט געכאַפּט מנשה טוביה פאַר די לאַצן, און גענומען אים אָפּרײַסן פון אײַנגאַנג. אבער דאָ האָט מנשה טוביה, װי גאַרניט מיט זײַנע אײגענע כּחות, א שפּרונג געטאָן אויף מאיר חלפנען, האָט אים א שלײדער געטאָן צו דער ערד, איז מיט אַלע פיר אויף אים אַרויף, אָנגעהויבן אויף חלפנען רײַסן די קלײדער און מיט א שוים אויף די ליפּן געשריגן:

— רוצחים! גזלנים! פּיאַװקעס! װאָס האָט איר זיך אויף אונדזערע לעבנס אָנגעזעצט?!

מאיר חלפן און מנשה טוביה האָבן זיך אײנס אין אנדערן אײַנגעקלאַמערט, און האָבן זיך געװאַלגערט איבערן פאַרמיסטיקטן און פײַכטן ברוק.

— יידן, ס׳איז חילול השם! יידן, האָט רחמנות — האָט א יידענע זיך צעשריגן אויפן הויכן קול.

ישראל לוריא האָט זיך א װאָרף געטאָן, געװאָלט זײ פאַנאַנדעררײַסן, אָבער אין דער אײגענער צײַט איז אונטערגעקומען א פּאָליסמאַן, מיט זײַן שװערן שטיװל אָנגעהויבן בריקען די צװײ יידישע העלדן, װאָס האָבן זיך אײַנגעגעסן אײנס אין אַנדערן.

— שטײט אויף, קינדער פון ישראל! שטײט אויף, קומט, מירן אײַך לערנען װי צו פײַטן זיך. אין אונדזער לאַנד פײַט מען זיך װי מענטשן, און ניט װי קראַקאָדילן!

דער פּאָליסמאַן האָט זײ בײדן גענומען אונטער די אָרעמס און אַװעק־געפירט.

אין דער רגע האָט זיך ישראל לוריא אַרויסגעריסן פון עולם, איז געלאָפן פון לודלאָו צו העסטער סטריט. ער האָט געהערט װי מען האָט אים נאָכגעשריגן: „מיסטער לוריא, אַנטלויפט ניט, מיסטער לוריא!“ אָבער ער האָט זיך ניט אומגעקוקט. דער אימפּעט האָט אים געפירט צו זײַן פּראַקטישן זון, צו דניאלן. תּחילת האָט ער געקלערט אַרײַנגײן צו אים אין סטאָר אויף אָרטשאַרד סטריט. ער האָט אָבער דערפילט א ברע־כעניש אין אַלע גלידער, און האָט פאַרקערעװעט צו איסט־בראָדװײ און

הענרי סטריט, וואו קריינדל האָט געהאַט איר דירה. אָבער שוין ביים טיר, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק און איז אוועק צו דניאלן אהיים.

זיין שנור, די גרטע לילען־רות, האָט זיך דערשראָקן ווען זי האָט ישראלן דערזען. איר איז שווער געווען מיט אים זיך דורכצורעדן, אויס־פרעגן וואָס מיט אים איז, מחמת ער האָט איר ענגליש שלעכט פאַר־שטאַנען. זיין פּנים איז געווען בלאַס, די באַקן איינגעפאַלן און די אויגן איינגעזונקען אין קאָפּ. ער האָט מיט א רחמנות־בליק אָנגעקוקט זיין שנור, וואָס האָט געהאַלטן אינגמיטן אויפראַמען די שטוב. אים האָט ניט פאַר־דראָסן הלמאי ער איז אהער געקומען, כאָטש ער ד'האָט איצטער געדאַרפט אויסדערציילן וואָס מיט אים איז פאַרלאָפן, און ער קען עס ניט. ער האָט זיך אראָפּגעלאָזן אויף א שטול ביים פענצטער, און שווער איז אים געווען איינצוהאַלטן דעם קאָפּ גלייך. ער האָט געפילט ווי די כחות גייען אים אויס.

— כ'וועל לויפן רופן דניאלן. די מינוט גיי איך שוין!

ווען לילען־רות איז ארויס פון שטוב, איז ישראלן פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ס'האָרץ האָט אים אזוי פאַרקלעמט, ווי אוועקצוחלשן. ער האָט מיט דער האַנט געווישט דעם קאַלטן שוויס, וואָס האָט אים ארויס־געשלאָגן אויפן שטערן, און געפילט, ווי ער ווערט איינגעשרומפּן און געעלטערט. זיינע ליפּן האָבן שטיל געשעפּטשעט: „וואו ביסטו, טויבע?... פאַרוואָס האָסטו מיך אליין איבערגעלאָזן, טויבע?...״ און פאַר זיין דמיון איז איצטער ארויסגעקומען דער ביינאַכט אינמיטן ים, בשעת מען האָט די שיף אויף א רגע אָפּגעשטעלט און זיין פאַרשטאָרבענע ווייב אריין אין ים אריינגעוואָרפן... ער האָט זיך פאַר דער זעאונג דערשראָקן, און אויפגע־שטאַנען פון אָרט. ער האָט מיט דער האַנט געגלעט זיין ברוסט און געגלעט זיין שטערן. „ניט געטאָרט זיך אזוי באַווייזן פאַר דער ניט־יידישער שנור — איז אים א מחשבה אריין אין קאָפּ — נעכאַי וואָלט איך צו קריינדלען אוועק.״

ער האָט געשפּירט, אז צו זיך אהיים, צו זיין רבקהן טאָר ער ניט קומען אין אַזאַ מצב. ער טאָר איר אין איצטיקן מצב ניט פאַרשאַפן קיין צער. איצטער, ווען ער מוז זיין שטאַרק, ווען ער באַדאַרף אָנהייבן באַצייטנס זאָרגן וועגן דעם קינד, וואָס זיין יונגע ווייב טראָגט אונטערן האַרצן, טאָר ער זיך ניט באַווייזן פאַר איר מיט א צעבראָכן געמיט. ער האָט איר אפילו ניט דערציילט וואָס ביי אים אין שאַפּ איז פאַרלאָפן, טאָ ווי קען ער איצטער קומען צו איר?

די כחות האָבן זיך צו אים ביסלעכוויז צוריק אומגעקערט. אין די אויגן איז אים ליכטיקער געוואָרן. אים זיינען אפילו געקומען אויפן שפּיץ צונג די עטלעכע ענגלישע ווערטער, וואָס ער האָט געזאָלט ארויסרעדן צו זיין שנור, און וואָס זיינען אים פאַרשוואונדן, בשעת ער איז אריין אין שטוב. ער האָט זיך באַמיט אויסצוגלייכן די פּלייצע און באַווייזן א מונטער פּנים, ווען זיין שנור וועט זיך אומקערן.

לאָזט זיך אויס, אַז לילען־רות איז צוריק ניט אריינגעקומען. דניאל אליין איז אין געאייל אריינגעקומען, און ווי ער וואָלט שוין פון אלצדינג

געוואוסט, האָט ער צוגעאײלט צום פֿאָטער און אים נאָנט אַרײַנגעקוקט אין די אויגן אַרײַן:

— וואָס איז מיט דיר, טאַטע? — האָט דניאל צעשראָקן געפֿרעגט.

— מיר איז שלעכט, מײַן זון.

— ליליען דהאָט מיך איבערגעשראָקן. זי האָט מיר אָפּגעמאָלן אין וואָס פֿאַר אַ מצב דו ביסט אַרײַנגעקומען...

— וואו איז זי?

— כ׳האָב איר געהייסן רופֿן נתנען. זאָל מען זיך מישב זײַן. כ׳האָב געהערט, אַז בײַ דיר סטרײַקט מען אין שאַפּ. האָב געהערט, ער האָט אויסגעפּאַטשט אַן אַרבעטער.

— וואָס זאָגסטו צו דעם, מײַן זון? האַ, וואָס וועט ווערן פֿון מיר דער תכלית? האַ, האָסט דאָך אַ גלײַכן שכל, וואָס פֿאַר אַן עצה גיט מען זיך איצטער?

אין אײלעניש איז נתן אַרײַנגעקומען:

— כ׳האָב שוין געהערט וואָס בײַ דיר טוט זיך אין שאַפּ:.. וואָס מאַכסטו? — איז נתן צוגעגאַנגען צו ישׂראלן, גענומען זײַן האַנט און געקוקט אים אין פּנים אַרײַן.

ישׂראל האָט אָנגעקוקט בײדע זין. אַ צווילינג. און ווי אָפּגעראָטן זײַ זײַנען אײנס פֿון אַנדערן איצטער אין זײַנע אויגן! ער וויל זיך דער־מאָנען די צײַט ווען ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַלע זײַנע זיבן קינדער, און ער קען עס מער ניט. אַפֿילו זײַן אײנאונאײנציקע טאָכטער, קרײַנדל, ווען זי איז איצטער דערבײַ, וואָלט זי אים איצטער ניט געקענט דערוואַרימען זײַן געמיט. און ריוועשע, זינט זי האָט דערפֿילט, אַז זי דאַרף ווערן אַ מאַמע, קוקט זי מיט שרעק אין זײַנע אויגן. אַפֿילו זײַנע קינדער מײַדט זי אויס צו זען. וואָס קען ער איר דערצײלן, אַז אין האַרצן האַלט זי מיט זײַן שותּף. „אַ מענטש דאַרף זײַן סטאַרק" — האָט אים ריוועשע די לעצטע צײַט ניט אײן מאָל געמוסרט. און צי קען ער קומען און זאָגן ריוועשען, אַז ער וויל ווערן צוריק אַן אַרבעטער, ער וויל ניט זײַן קײן באַס?

— וואָס זאָל איך איצטער טאָן? — האָט פֿונדעסטוועגן ישׂראל זיך געווענדט צו נתנען ווי צו אַן עלטערן — העלפֿט מיר אַרויסצוקריכן פֿון דער בלאָטע.

— ביזט ניט אין קײן בלאָטע, טאַטע — האָט דניאל רואיק זיך אָפּגערופֿן.

— ערגער ווי אין אַ בלאָטע — האָט נתן מיט אַ ביטערן שמײכל געזאָגט — ווער ס׳האָט די מאַה, דער האָט די דעה! חלפֿן האָט אַרײַנ־געלײגט געלט, האָט ער די דעה. ער פּאַטשט די אַרבעטער, וועט׳ן אים געבן איבער די הענט! דו, טאַטע, ביסט דאָך ניט קײן נאַר. ביסט אין דער הײם ניט געווען מיט קײנעם קײן שותּף. דו האָסט קײנעם ניט באַלײדיקט.

— וואָס רעדסטו, מײַן זון? — האָט ישׂראל איבערגעשלאָגן נתנען — צי דען בין איך צו די אַרבעטער שלעכט? צי געדענק איך ניט, אַז כ׳בין געווען אַ האַנט בײַ יענעם? איך רעד זײַ אַפֿילו ניט אויס יעמאָלט,

ווען כ׳וואָלט זיי יאָ באַדאַרפט אויסרעדן. די צייט איז ניט גוט, כדי צו צאָלן שכירות, מוז מען האָבן פון וואָנען צו צאָלן.

— ניט אַרום דעם, טאַטע, גייט אָן דער קאַמף. די קלאָגענדיקע שכירות וואָס ארבעטער קריגן, איז א באַזונדערע זאַך גאָר. ס׳האָט ניט צו טאָן מיט דעם וואָס די באָסעס, גרינגע פּיאָווקעס, נעבעכלעך פון דער היים, האָבן דאָ אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זעצן זיך אָן אויף אייגענע לאַנדסלייט, צאַפּן פון זיי דאָס ביסל חיות אויס. אָך־און־וויי, וואָס איר מאַכט פון אייגענע לאַנדסלייט! יידן, רחמנים בני רחמנים, אז אָך־און־וויי ווי זיי פירן זיך דאָ אויף!

— פרעג איך דאָך, וואָס זאָל איך טאָן? מיר איז עס מיאוס, כ׳בין אויס מענטש. כ׳האָב דיך געבעטן, דו זאָלסט ארבעטן ביי מיר אין שאַפּ, וואָלסט געהאַט אָן אויג אויף דער גאַנצער ארבעט. פאַר דיר וואָלט חלפן געהאַט מער אָבשיי.

דניאל האָט א לאַך געטאָן.

— וואָס לאַכסטו, דניאל? — האָט ישראל פארחידושט געפרעגט.

— נתן און זיינע חברים זיינען שולדיק...

— וואָס שולדיק? — האָט נתן איבערגעשלאָגן — אפשר שולדיק, וואָס גרינגע האָבן אויפגעהערט בויגן דעם קאָפּ, לאָזן זיך מער ניט שפּייען אין פּנים? וואָס מיינסטו, דניאל, אזוי וועט מען עס לאָזן? יידן וועלן זיך מוזן אָפּלערנען ווי ס׳איז ביי לייטן! און א באָס וועט זיך ניט דער־לויבן צו באַהאַנדלען ארבעטער ווי אונדזערע אייגענע טוען מיט די גרינגע לאַנדסלייט. אַז מיר האָבן באַוויזן צו פאַראייניקן די גרינגע ארבע־טער אין די שוויץ־שעפּער, זיי זאָלן וואַרפן די ארבעט, ווען מ׳באַהאַנדלט זיי ווי הינט, געפעלט עס דיר ניט, דניאל?! וואָס הייסט, אזא חלפן, אזא נבזה, פאַטשט זיינע ארבעטער?! וואָס הייסט, ער צווינגט זיצן שפּעטער אין שאַפּ, און פאַדערט, אָפּצואַרבעטן פאַר דער צייט ווען די היצן האָבן געברענט?! יעמאָלט האָט מען געדאַרפט אַרויסרופן דעם סטרייק ביי אים... און דו, טאַטע, זיצסט ביי דער מאַשין, שטעפּסט און שווייגסט; מאַכסט זיך, אז דו ביסט ניט קיין באָס.

— כ׳וועל זיך אָפּרעכענען מיט אים און אַרויסגיין פון געשעפט — האָט ישראל שטיל געזאָגט.

— ביסט משוגע, נתן, אויב דו באַשולדיקסט דעם טאַטן! וואָס הייסט, ער איז דער איינציקער? ער איז דער ערגסטער? וואָס גלייכסטו אונדזער מצב דאָ אין די שעפּער מיט די דייטשע שעפּער? ווי לאַנג זיינען זיי אין לאַנד, און ווי לאַנג זיינען מיר דאָ אין לאַנד? טרעט, טאַטע, ניט אָפּ! דו, נתן, לייג זיך אריין, מ׳זאָל אריינעמען די צוויי ארבעטער וואָס חלפן האָט ארויסגעוואָרפן. העלף ברענגען שלום. וואָס וועט פון דעם ארויס־קומען, אויב דער טאַטע וועט בלייבן אין מיטן גאַס?

— קום מיט מיר אריבער אין שאַפּ, נתן. קום, איך קען מיט אים ניט רעדן. דוכט מיר, מ׳האָט אים ארעסטירט, אפשר דאַרף מען אים גאָר ארויסנעמען. אפשר דאַרף מען זיין זון מודיע זיין.

— ארעסטירט, וועמען, דעם שותף דיינעם? — האָט דניאל זיך גע־חידושט.

— יאָ, ער האָט זיך געשלאָגן מיט די פּיקעטשיקעס, וואָס שטייען פאַרן שאָפּ און לאָזן ניט אַריין די אַרבעטער.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט נתן אויסגעבראָכן מיט אַ געלעכטער — אַך־און־ווי, אַז די פּרומע פּאַליצײַ זוכט שוין יושר בײַ חלפן־לוריאַ!

אויף נתנס געלעכטער איז ליליען־רות צוריק אַרײַנגעקומען; ווי זי וואָלט וויסן וואָס מיט ישראל לוריאַן קומט דאָ פאָר, האָט זיך ליליען געווענדט צו דניאלן:

— איך האָב דיר געזאָגט, דניאל, אַז פּאַפּאַ וועט ניט אויסהאַלטן אין שאָפּ. בעסער נעם אים אַרײַן צו זיך פאַר אַ שותף. בעסער מיט אַן אייגן קינד.

און צו ישראלן איז זי צוגעגאַנגען, אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זײַן אַקסל, געקוקט אים גלײַך אין די אויגן, און מיט ליבשאַפט גערעדט:

— זײַ ניט געפאַלן בײַ זיך, האָסט גוטע קינדער. ניטאָ קיין סך אַזעלכע קינדער ווי דײַנע. מונטערט אויף דעם פּאַפּאַ, און אָט וועל איך מאַכן עפּעס וואָס צו טרינקען!

דער גרטעס רייד זײַנען אַזוי אומגעריכט געווען. ווי אַ גוטע בשורה האָט עס אויף אַ ווײַל געמונטערט דעם נידערגעשלאָגענעם ישראל לוריאַ.

ווי דער שטייגער, האָט לעאָנאַרד זיך אַרײַנגעלייגט און צײַטווײַליק געמאַכט שלום צווישן די צוויי שותפים. ביידן האָט ער געמוסרט און אויפגעוויזן, ווי מיט אײַן האַנט דאַרף מען שטראָפן, און מיט דער אַנדערער גלעטן די אַרבעטער, מחמת, עס איז שוין אַביסל שווער מיט די גרינע, ווען די „פּוסט־און־פּאַסניקעס" האָבן געהאָלפן זיך אויסגרינען.

* * *

בײַ די הורוויטשעס אין קעלער־שטוב איז געווען וואַרים. בײַ די הורוויטשעס האָט געשמעקט מיט ווילגעטש, מיט סאָסנע און דעמבענע ריחות, און מיטן ריח פון פריש־געבאַקענע בייגל.

די וואַרימקייט האָט די הורוויטש־משפחה אַריבערגעבראַכט פון פּאַלעסיע. שמחה — דער טאַטע, טעלצע — די מאַמע, אַברהם און דוד — צוויי בנים, און די בת־יחידה מינע מיט די חן־גריבעלעך אין די רונדע, ראָזע באַקן, אַלע בלאָנדע, בלוט־און־מילך; אַלע מיט אַ סך גוטס אין פּנים פאַר אייגענע און פרעמדע, צופרידענע, „וואָס דער וואָס אין הימל האָט אויסגעלייזט פון פאַרשאָלטענעם רוסלאַנד." די הורוויטש־משפחה: דער טאַטע פון דער היים אַ סטאָליער, האָט דאָ אין „געראַמען קעלער" אויף העסטער סטריט, בײַ די פּייכטע ווענט אַנידערגעשטעלט צוויי וואַרשטאַטן, און אינאיינעם מיט די צוויי זין געשניטן און געהובלעוועט שמעקעדיקע סאָסנע און דעמב־ברעטער, געמאַכט טישן, אַלמערס און היימישע בענקלעך, געמאַכט סטענדערס פאַר מנינים, פאַר דאַוונער און לומדי־תורה. די טאָכטער איז תחילת אַוועק אין שאָפּ אַרבעטן בײַ קינדער־הייזקעס. נאָר מחמת אין קעלער איז געבליבן פון אַ פריערדיקן אײַנוואוינער אַ היימישער באַק־אויוון, האָט טעלצע באַשטימט אַנצוהייבן באַקן בייגל מיט גרויסע לעכער, אַ צולאָג צו דער שפּע. תחילת האָט זי אַליין געבאַקן, און אַליין שפּעטער די בייגל אַרויסגעטראָגן צו פאַרקויפן. דערנאָכדעם האָט זי מינען אײַנגעשפּאַנט אין דער מלאכה פון בייגל באַקן.

און אפשר איז מינע געבליבן לעבן די שטובלייט נאָכדעם ווי זי האָט זיך באַקענט מיט הילל לוריאן, וואָס איז געוואָרן אַן אָפּטער אײַנגייער צו איר אין קעלער. גוט איז איר געווען צו פילן אויף די פּאַרקאַשערטע, רונדע אָרעמס היללס בליקן, און שפּעטער, ווען ער האָט די אויסגעמאַכטע בייגל געוואָרפן אין קאָכיקן קעסל וואַסער, און ליב געהאַט צו זען ווי זי, מינע, כאַפּט דערנאָך די אָפּגעבריטע בייגל ארויס פון קעסל אויף א ברעזענעם פלעקל, לייגט זיי אויס אויף אַ לאַנג געהובלעוועט ברעט און רוקט אין אויוון אריין אנטקעגן א לעבעדיקן פלאַם. מינע האָט געוואוסט, אז אין איר פּנים גייען זיך די פלאַמען בשעת זי רוקט אריין אין אויוון דאָס ברעט מיט די בייגל. זי האָט געוואוסט, אז דורך די חן־גריבעלעך שיקן מענער איבער צו איר האַרצן זייער ליבע.

ביי די הורוויטשעס האָט מען ליב געהאַט צו זען היללן וואָס אָפטער. מ׳האָט אויך ליב געהאַט אויפצונעמען קריינדלען, כאָטש ביי די הורוויטשעס האָט מען ניט געוואוסט אויף קלאָר וואָס פאַר א גוט יאָר ס׳ברענגט זי אריין. יעמאָלט, סוף־זומער, אויפן איסט־ריווער, בשעת הילל האָט אויף דער באַרזשע צעמזיקט די שיכורים וואָס האָבן די יידן באַליידיקט, און מינע האָט אים פאַר אלעמען אין די אויגן א קוש געטאָן — איז עס קריינדלען אריין אין קאָפּ און אין האַרצן. גוט איז איר געווען צו זען ווי איר ברודער הילל, דער פאַרביטערטער הילל, דער שטאַרקער און געוויקסיקער הילל, ווערט פאַרפאַלן אין מינעס חן־גריבעלעך. זי ווייס, אז צוליב דעם איז הילל מער ניט געפאָרן אויפן פאַרם צו די פילזבעריס ארבעטן. טאַראַס איז דאָסמאָל אליין אוועקגעפאָרן.

אין קעלער־שטוב איז געווען וואַרים, ס׳האָט געשמעקט מיט פרישער סאָסנע פון די ווייכע סטרוזשקעס, וואָס האָבן זיך געקרייזלט און געלויכטן איבערן דיל. די מענער זיינען אוועק דאַוונען מעריב אין דערבייאיקן מנין, און די מאַמע האָט זיך אריבערגעכאַפּט צו א שכנטע געוואויר ווערן, צי ס׳לוינט זייערן בורעקעס אויף פּסח. מינען, וואָס איז געשטאַנען, מיט בײדע הענט אין מולטער טייג, האָט פלוצלונג שטאַרק אין האַרצן א קלאַפּ געטאָן, ווען זי איז געבליבן אליין. דאָס פלעמל אין וואַנט־לעמפּל האָט אַזש א ציטער געטאָן, און וואַרימע שטראָמעלעך האָבן גענומען ריזלען אונטער דער הויט. ס׳בלוט האָט איר אונטערגעזאָגט, אז הילל לוריא קומט אָן. איר בלוט האָט דעם דאָזיקן אויפדערנאָכט פאַרמאָגט אַן א שיעור אויגן. זי האָט אין איר בלוט געשפּירט זיין אָנקומען, און זי האָט אליין ניט געוואוסט, צי זאָל זי קנעטן דאָס טייג בשעת ער וועט אריינ־קומען, צי זאָל זי אָנלייגן א פייער אונטערן קעסל וואַסער... דאָס טייג האָט זיך שוין געבלעזלט אונטער אירע הענט, די בלעזלעך האָבן געפּלאַצט און די לופט אין זיי האָט געפּישטשעט אין אויפגעבלאָזענעם טייג. אָבער זי האָט ניט געפּועלט ביי זיך ארויסצונעמען די הענט: „זאָל ער קומען, און זאָל ער טאָן מיט מיר וואָס ער וויל, כ׳וועל די הענט פון טייג ניט ארויסנעמען.“

הילל איז אריינגעקומען און דערשפּירט דעם סאָסנע־ריח פון די געהובלעוועטע און פריש־צעשניטענע ברעטער. ער האָט דערשפּירט דעם ריח פון פריש־פאַרקנעטענעם טייג, און ווען פון דער שוואַך־באַלויכטענער

טונקלקייט האָט צו אים מינע אויפגעהויבן איר בלאָנדן קאָפּ, האָט אים אויסגעוויזן, ווי פון מולטער פרישן טייג איז מינע נאָר וואָס אויפגעגאַנגען, בלויז די הענט זיינען די לעצטע אין טייג געבליבן ביז צו די עלנבויגנס. די רונדע, ראָזע, זאַפטיקע אָרעמס האָבן א ציטער געטאָן, ווען היללס הייסע, ברוינע בליקן זיינען אויף זיי געפאַלן.

מינע האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. דער מאַן וואָס איז איצטער אריינגעקומען צו איר, כאָטש ער איז געווען דער איינציקער אַנטקעגן וועמען איר הארץ האָט זיך די לעצטע צייט געצאַפּלט, איז איצטער פאַר איר אויסגעוואקסן פון דער טונקלקייט, פון צווישן די געהובלעוועטע ברעטער און סטרוזשקעלעך; ניט פון דרויסן איז ער אריינגעקומען, נאָר דאָ אין וואָרימער קעלער־שטוב איז ער אזוי שמעקעדיק ווי די סאָסנע און דעמב־ברעטער, פון די שאָטנס — א ליכטיקער פאר איר אויפגעגאנגען!

הילל איז צו איר פון הינטן פארגאַנגען, האָט זי ארומגענומען אונטער די אָרעמס, אויסגעגלייכט, און ארויסגעצויגן אירע הענט פון טייג. אין פרענז איז דאָס טייג געהאנגען פון אירע פינגער. זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אירע הענט. כדי ניט אויסצושמירן היללן, האָט זי די הענט געהאלטן אויסגעשטרעקט ווייט פון זיך. כאָטש סיי־ווי איז זי ניט געווען בכוח צו נוצן אירע הענט און זיך ווערן פון אים.

ווען ער האָט מיט איין שאַר אויפגעדעקט איר פולע ברוסט, האָט זי סיי־ווי איר ברוסט אים געטראָגן אַנטקעגן. ער האָט זיך מיט די ליפּן אין איר יונג, צאַפּלדיק לייב איינגעזויגן און איז מיט איר ארויפגעפאלן אויפן טרוקענעם מיט סטרוזשקעס אויסגעבעטן וואָרשטאַט.

— כ׳וועל דיר נאָך מיט טייג ס׳פּנים אויסשמירן, כי־כי־כי...

— הא, דו נארישע מויד, האָסט ניט געוואָלט בלייבן אליין אין שטוב!

— האָסט ניט געדאַרפט קומען, האָסט געוואוסט, אז כ׳בין אליין, כי־כי־כי.

— פון דיר שמעקט מיט סאָסנע־סטרוזשקעס און פרישן טייג.

— דריקסט מיך אזוי שטארק צום שאַרפן ראַנד פון וואָרשטאַט, איך האָב א לעבעדיק לייב, כי־כי־כי.

— כ׳ווייס, דו האָסט ליב אימעצן אַנדערש, כ׳ווייס...

— קען איך ניט ליב האָבן צווייען? אין אמעריקע מעג א מיידל, כי־כי־כי.

— ווען כ׳האָב דיך צום ערשטן מאָל דערזען, האָב איך געוואוסט, דו וועסט זיין מיינע.

— ווען איך האָב דיך צום ערשטן מאָל דערזען, האָב איך געוואוסט, וועסט זיין מיינער. אָ, ביסט הונגעריק... דו עסט מיך, דו טרינקסט מיר אויס אלץ פאַר איינמאָל! לאָז איבער אויף נאָך אַמאָל, כי־כי־כי.

— וואָס כ׳וועל אָפּטרינקען, וועט צוריק אָנקוועלן.

— כי־כי־כי...

ס׳האָט דאָס בלוט אין איר געלאַכט. ס׳האָט דאָס גאַנצע לעבן איבער איר זיך אריבערגעבויגן און הייס געאָטעמט אין איר פּנים אריין. אירע אויגן האָבן זיך ענג דערשפּירט אין זייערע ראַמען — אָט שפּרינגען זיי אַרויס! האָט זי די אויגן צוגעמאכט. ס׳איז איר לייב־און־לעבן ענג

געוואָרן אין דער אייגענער הויט, און זי איז גרייט געווען די הויט אויף זיך אויפצורייסן.

— דוכט מיר, טריט הינטער דער טיר!

מינע איז אויפגעשפרונגען, און איז אריין מיטביידע הענט ביז צו די עלנבויגנס אין טייג אריין.

ס'איז געווען אַן אומזיסטע שרעק. קיינער איז ניט אריינגעקומען.

— גיי, הילל, ווער געוואויר ווער איז דאָרטן הינטער דער טיר.

הילל איז ארויסגעגאַנגען דרויסן, און איז אין א ווײַלע ארום צוריק אריינגעקומען. מינע האָט צו אים דעם קאָפּ ניט אויפגעהויבן. ער האָט פונדערווייטנס באַטראַכט איר בויגיקע פלייצע איבערן מולטער, און מיט אַמאָל האָט זיך פאר זיין דמיון א וויג געטאָן דאָס פארשנייטע פעלד, דער פּילזבערי פאַרם און די מיסיס פּילזבערי, וואָס ד'האָט עטלעכע מאָל אים אריינגעלאַכט אזוי באַנט אין פּנים — אַזש אין די אויגן איז אים הייס געוואָרן. „יענע פאַסט גאָרניט פארן פאַרם — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — יענע איז גאָר א שטאָטישע... סארא מילך־און־בלוט זי איז... עך, ווען מ'נעמט זי פונדאַנען ארויס ערגעץ אין פרייען דרויסן!"

— וואו ביסטו? קום אַהער, שטיי נעבן מיר. דערצייל מיר עפּעס — האָט מינע מיט די אויגן אין טייג גערעדט — פון וואָס טראַכסטו?

— כ'טראכט, כ'טראכט... — איז הילל צו איר צוגעגאַנגען, און זיין שווערע האַנט האָט אָנגערירט איר וואַרימען נאַקן — כ'טראַכט דיך ארויסצונעמען פון דאַנען, מיט דיר אינאיינעם אויף א פאַרם. האַ, דער הימל איבער אונדזער קאָפּ, און די ערד, אמת'ע ערד אונטער די פיס! דו וואָלסט געשטאַנען נעבן מיר אין שטאַל, און איך, אַן אונטערגעבויגענער צו דער קו, מעלק און ציפּ פון אירע אייטער ארויס רינעלעך שוימיקע מילך אין שעפל אריין.

מינען איז פון זיינע ווערטער ווידער וואַרים געוואָרן ארום האַרצן, די וואַרימקייט איז פריער ווי א פאָדים געלאָפן ארום די בריסט, און שפּעטער אין א קניילכעלע זיך אויפגעהויבן און ענג געמאכט אין האַלדז.

— כ'טראַכט, כ'האָב שוין גענוג געקנאָטן, בין שוין מיד פון קנעטן.

זי איז צו צום קראַן, האָט אָפּגעוואַשן די הענט און זיי ניט אָפּגעטריקנט. מיט די פייכטע הענט ד'האָט זי ארומגענומען היללס האַלדז, און געגלעט זיין קאָפּ.

— כ'האָב געד'הערט וואָס דו האָסט גערעדט — האָט זי שטיל און מיט א סך ליבשאפט גערעדט, און געאָטעמט וואַרים אין זיין פּנים — דו פארשטייסט גוט צו וואָס מ'קען דערגיין, אויב דאָס וועלן מיר טאָן, און אין קעלער וועלן מיר אזוי פוילן. גוט, ווען ניט אליין, ווען נאָך אימעצער מיט אונדז פארנעמט זיך פונדאַנען און מ'בויט א היים אויף דער ערד אונטער א שיינעם הימל. מיינסט, דיין שוועסטער וואָלט מיט אונדז מיטגעגאנגען?

— כ'טראַכט ניט פון מיינע לייט. זיי זיינען פאַרפאַלענע מענטשן. וועלן שוין טאָן ס'אייגענע וואָס אַלע גרינע. וועלן אין ניו־יאָרק באַגראָבן זייערע יאָרן, איך קען עס ניט. כ'קען ניט ארבעטן אין קיין שאַפּ. כ'וואָלט ביי א פּרעס־אייזן פרעסן די גאנצענע טעג, אדער וויקלען ציגאַרן גאנצענע

טעג, כ'ווייס אליין ניט וואָס מיט מיר וואָלט געשען. אפשר וואָלט איך גאָר פון זינען אראָפּ און דעם שאָפּ צעשמעטערט, כאַ־כאַ־כאַ. כ'טראַכט מער פון דיר, און פון דייניקע.

— דוכט מיר, דער טאַטע גייט!

איצטער איז אויף צום אמתן שמחה הורוויטש אריינגעקומען, פאַר אים איז ניט געווען קיין צייט צו טרעפן היללן.

— מיר שמועסן איצטער מיט אייער מינען, ווי גוט ס'וואָלט געווען, ווען איר און איך גייען גאָר אוועק און קויפן אַ פאַרם; מ'אַנטלויפט פון מצרים, פון די פרעהס... האַ, ווען איך קען עס באַווייזן!

— ס'האָט נאָך צייט — האָט שמחה רואיק געזאָגט, און ארויסגענומען אַ סטרוזשקעלע פון זיין געלער באָרד — אַז מ'נעמט זיך אריין אַ זאַך אין קאָפּ, דאַרף מען האָבן געדולד. ראשית דאַרף מען אָנקלייבן אביסל געלט. אָן געלט איז דאָ אין דער פרייער מדינה ווי אָן אַ וועלט. כ'האָב פיינט צו זיין איבערגעאיילט. כ'הער וואָס דו זאָגסט. מינע האָט מיר שוין אויך דערציילט וואָס דו קלערסט.

הילל האָט זיך איבערגעוואָרפן מיט די בליקן מיט מינען. ער האָט באַמערקט ווי זי איז פון פאָטערס לעצטע ווערטער רויט געוואָרן. אים איז געווען אַ חידוש וואָס מינע האָט גערעדט מיט איר פאָטער וועגן אים. מחמת דעם, איז אים איצטער מיט אמאָל ענג געוואָרן אין קעלער. ער האָט מיט אמאָל דערשפירט אַן אָנגעלאָדנקייט אין אלע גלידער.

— וואָס הערט מען עפּעס ביי אייערע לייט? — האָט שמחה געפרעגט — וואָס הערט מען עפּעס ביי מיסטער לוריא, ביים פאָטער אייערן? האָב אים געזען ביי מעריב. מ'האָט אים אינמיטן מערב פּלוצלונג ארויסגערופן, עפּעס ווידער נייס ביי אים?

הילל האָט געפאָרשט אַ רגע אין שמחהס פּנים, ער האָט געוואָלט דערגיין אַ סוד וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין זיין געלער באָרד.

— וואָס מיינט איר, עפּעס האָט געטראָפן? ווער איז אים געקומען רופן?

— דוכט מיר, אייער יינגסטער ברודער, און אפשר...

היללן האָט ארומגעכאַפּט אַ לייכטע קעלט, און ער איז בלאַס געוואָרן.

מינע האָט עס באַמערקט, און געזאָגט:

— גיי, הילל, ווער געוואויר וואָס דאָרטן איז, און קום מיר שפּעטער דערציילן.

הילל איז ארויס דרויסן. דער קאַלטער ווינט, וואָס האָט אים אַ בלאָז געטאָן אין פּנים אריין, האָט אָפּגעווישט פון פאַר זיינע אויגן דעם הורוויטש־קעלער. די מחשבות האָבן אין אַ זיג־זאַג אַ בליץ געטאָן אין מוח, אלע זייניקע האָבן אַ שוועב געטאָן פאַר זיינע אויגן. פריער די מענער, אָנגעהייבן־דיק פון פאָטער, ביז צום יינגסטן ברודער, זכריהן. דערנאָכדעם זיינען פאָרן געדאַנק אדורך די פרויען: קריינדל, דניאלס ווייב די גרטע, זיין פאָטערס יונגע ווייב ריווטשע, וואָס רעדט מיטן סין. דערנאָכדעם האָבן אלע אינאיינעם אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן, איינציקוויז אָפּגעטראָטן ס'אָרט פאַר ריווטשען.

— זי איז אין די הויכע חדשים. קען זיין, דעריבער האָט מען דעם טאַטן ארויסגערופן.

פונדעסטוועגן איז הילל פו-ער פאַר אלץ אוועק צו קריינדלען און נתנען, אפשר ווייס מען ביי די קינדער עפּעס. אָבער ער האָט די טיר געפונען פאַרשלאָסן. ער האָט פאַרקערעוועט אויפן וועג צו דניאלס וואוינונג, און פּלוצלונג איז אים קריינדל, א צעשראָקענע, געקומען אַנטקעגן.

— וואָסי קריינדל, וואוהין לויפסטו?

— האָ, דניאל... — האָט זיך קריינדל ווי דערשראָקן פאַר אים — דאָס ביסטו, הילל, ריוועטשע גייט צו קינד!

— נו, איז וואָס? אז מען טראָגט, מוז מען געבערן, כאַ־כאַ־כאַ.

— כ'האָב עפּעס מורא, זי גייט זייער שווער צו קינד.

— זיי ניט אזוי צעשראָקן. וואוהין ביסטו געלאָפן?

— כ'ווייס אליין ניט. געוואָלט ארייַן אין שטוב, האָט מען מיך ארויס־געשיקט. הא, וואָס זאָגסטו, הילל?

— וואָס איז מיט דיר? פאַרוואָס שרעקסטו זיך אזוי? ווּעסט באַלד מסתמא הערן, אז דער טאַטע האָט שוין א נייעם יורש, און א פריש־צאַפּלדיקן קדיש.

— קום ארייַן צו דניאלן, מיר איז קאַלט, הילל.

הילל האָט ארומגענומען קרייגדלען. זי האָט מיט איר גאַנצער גרויס געציטערט, און ס'האָט איר געקלאַפּט א צאָן אין א צאָן.

— ביסט דאָך טאַקע א נאַרישע מויד. יעגע גייט צו קינד, און דו ציטערסט. קום אַהין, כ'וויל ארייַנגיין געוואויר ווערן.

— כ'האָב מורא פאַר אירע געשרייען. ס'האָט מיר אויסגעוויזן, זי שרייט אויס אירע לעצטע כחות, זי וויל זיך ראַטעווען.

קריינדל האָט איר פּנים באַגראָבן אויף היללס ברוסט, און האָט שטיל געוויינט.

— הער אויף צו וויינען, דו נאַרישע מויד! וואָס, דו ביסט אין דעם שולדיק? האָסט קיינמאָל ניט געהערט ווי ווייבער שרייען בשעת זיי גייען צו קינד? קום, שטעל פיס, שפּאַן אַביסל גיכער, וועסטו זיך דער־וואַרימען, קום!

הילל האָט זי גענומען אונטערן אָרעם, און איז מיט איר ארויסגע־קומען צו עלען סטריט. ביי אן עפּענטלעך הייזל, אין ליכט פון א רויטער לאַמטערנע, איז געשטאַנען אביסל איינגעבויגן, ווי פאַרטאַיעט א שפּרונג צו טאָן, א יונג מיידל מיט א געפאַרבטן פּנים, אין א לויזער, רויטער בלוזקע און אין א גרין־געפּאַלדעוועט קליידל.

— לאָז די גרינגע זשאַבע, קום ארייַן אהער, כאַ־כאַ־כאַ, קראַסאַוועץ מיינער, קום ארייַן!

הילל האָט געוואָלט שנעלער פאַרבייגיין; אָבער קריינדל האָט אים א צי געטאָן אויף צוריק, און איז געבליבן שטיין פאַרן מיידל.

— וואָס דהאָסטו געזאָגט? — האָט קריינדל געפרעגט.

— כ'האָב אים געזאָגט, ער זאָל אויף דיר א שפּיי טאָן, כאַ־כאַ־כאַ.

— פאַרוואָס זאָל ער אויף מיר א שפּיי טאָן?

— קענסט אים ניט געבן דאָס וואָס ער וויל, כאַ־כאַ־כאַ.

— וואָס וויל ער?
זי האָט פאַרריסן איר געפאַלדעוועט קליידל אנטקעגן קריינדלען, און זיך הייזעריק פאַנאַנדערגעלאַכט.
הילל האָט א שפּיי געטאָן אין איר זייט, האָט קריינדלען א נעם געטאָן אונטערן אָרעם און פאַרקערעוועט אין העסטער סטריט.
— וואוהין פירסטו מיך, הילל? — האָט קריינדל צעשראָקן געפרעגט.
— צום טאַטן, כ'וויל געוואויר ווערן.
זיי זיינען צוגעקומען צום הויז וואו דער פּאָטער האָט געוואוינט. געבליבן שטיין פון דרויסן און זיך איינגעהערט צו די קולות פון דריטן שטאָק. נעבן איינעם פון די פענצטער, אין א דערבייזעדיקער דירה, האָט אימעצער גערימפּלט אויף א פידל. גערימפּלט ארויף־און־אַראָפּ, און אלע אַנדערע מענטשלעכע שטימען איבערגעשריגן.
— קום, קריינדל, לאָמיר ארויפגיין אויף די טרעפּ, קום.
הינטערן פּאָטערס טיר זיינען געשטאַנען דניאל און ליליען־רות, צו־געטוליעט איינס צום אנדערן. דאָס קעראָסין־לעמפּל וואָס האָט געברענט צו באַלייכטן די טרעפּ, האָט אויף זיי געוואָרפן רויטלעכע שאָטנס. ליליען־רות האָט ארומגעכאַפּט קריינדלען און געדריקט צו זיך. פון אינעווייניק האָבן זיך קיין שום קולות ניט דערטראָגן.
— פאַרוואָס איז דאָרטן אזוי שטיל? — האָט קריינדל געפרעגט.
— כ'ווייס ניט, כ'ווייס ניט, קעראַלאַין.
— מיך שרעקט מיין האַרץ, כ'קען עס ניט ארויסזאָגן.
קריינדל האָט ווידער אָנגעהויבן צו ציטערן און וויינען אין דער שטיל.
— קום, קעראַלאַין, קום אריבער צו אונדז. שפּעטער, אַז אַלץ וועט אריבער, וועט מען אונדז אָנזאָגן. קום, קעראַלאַין.
דערוויל איז א בלאָסער, א געבויגענער, ישראל לוריא ארויסגע־קומען, קענטיק, ער האָט געוויינט. ער איז ניט געוועזן פאַרחידושט צו טרעפן די קינדער הינטער דער טיר.
— קום, זון מיינער, דיך מיין איך, דניאל, קום, לאָמיר גיין און בעטן מ'זאָל זאָגן תהילים... קום דו אויך, לאָמיר אלע גיין...
אַ געוויין האָט זיך ארויסגעריסן פון זיין האַלדז און האָט זיין גאַנצן גוף אויפגעטרייסלט. ער האָט אָבער תיכף דעם געוויין דערשטיקט, מיט אַ פאַרויסגעבויגענעם קאָפּ ווי אריבערצופאַלן האָט ער זיך געלאָזט אראָפּ מיט די טרעפּ. דניאל, און נאָך אים הילל, האָבן זיך שטום, אָן ווערטער געלאָזן נאָכן פאָטער.
קריינדל האָט זיך געדריקט צו דער גרטע און געציטערט. ס'האָט איר געקלאַפּט א צאָן אָן א צאָן.
— באַרואיק זיך, קעראַלאַין, באַלד וועט צו אונדז ארויסקומען די גוטע בשורה.
— דיר איז דאָ גוט, דו ביסט אין דיין היים, אין דיין לאַנד. דיר איז גוט. האָסט געזען מיין טאַטן? האָסט אים איצטער געזען...
אַ שאַרפער וויי־געשריי, א צעקרישלטער אין שאַרפע שפּליטערס, האָט זיך דורכגעריסן דורך דער בלינדער טיר. קריינדל האָט זיך געקאָרטשעט, און געטוליעט צו ליליען־רותן, ווי אין איר לייב האָבן זיך די וויי־געשרייען אריינגעשניטן.

קאַפּיטל זיבעצן

ישראל לוריא האָט בידעריק זיין קאָפּ געבויגן, ווי ארום זיינע אייגענע טריט האָט ער געזוכט ליכט. די פרייד, וואָס איז אים אזוי אומגעריכט אנטקעגן געקומען, אָנגעגאָסן זיין לייב מיט יוגנט, האָט זיך אויפגעהויבן און איז פאַרשוואונדן אין די וואָלקנס, וואָס זיינען אָנגעשוואומען פון אלע זייטן און געבליבן הענגען איבער זיין לעבן.

„אוי, מיין הארץ, עס ווערט דאָך מיר צעריסן,
אַז כ׳טו באַטראַכטן מיין נייע היים;
אין האַלדז, אוי, ווערגט מיר יעדער ביסן,
כאָטש דאָלערס טו איך דאָ פאַרדינען סיים...״

ווער האָט עס ישראל לוריאן אריינגעזונגען אין זיין נשמה אריין אין יענע מידע פאַרנאַכטן בשעת ער איז געזעסן ביים ניי־מאַשין א מידער און אויסגעליידיקטער פון יעדן פריידיקן שפּור? ווען איז דאָס געשען, וואָס א רויטהאָריקע ריוווטשע איז געזעסן ביי חלפנען אין שאָפּ אויפן דיל און דהאָט צו אים אין נשמה אריינגעזונגען?

א חלום איז דאָס אַלץ געווען, א חלום און ניט מער. אין חלום האָט ער זיך יעמאָלט מיט איר איבערגעקוקט, און איר מיין פאַרשטאַנען. אין חלום האָט ער זיך נאָכדעם מיט איר באַגעגנט, געוואָרן איר מאַן, ווען זי האָט איר יונג, הייס לייב איבערגעגעבן, און זיין פריצייטיק געבויגענעם קאָפּ אויפגעהויבן, זיין פריצייטיק געבויגענע פּלייצע אויסגעגלייכט.

און אזוי דוכט אים איצטער אויס, אז אין חלום הערט ער אן עופעלע וויינען, אן עופעלע, וואָס מ׳רופט עס רבקה, א נאָמען נאָך דער רויטהאָריקער ריוווטשען וואָס איז אין קימפּעט אויסגעגאנגען — „מחמת ניט באַשערט איז איר געווען דער מאַמעס נחת אין נייעם לאַנד.״

געווען א שבת בייטאָג פאַר פּסח. דרויסן איז געווען זוניק און וואַרים, און ביי לוריאן האָבן זיך פאַרזאַמלט אלע קינדער, און כמעט די גאַנצע חלפן־משפּחה. געקומען איז נאָך מנחם־אבל זיין דעם באַטריבטן ישראלן. כאָטש אין שטוב קלערט מען אריינצונעמען א מאַמען, אן עלטערע פרוי, אן אלמנה, אבער די אמתע מאַמע, וואָס זעט, די לעבעדיקע ווינקלען אין שטוב זאָלן ניט פאַרפינצטערט ווערן, איז קריינדל. זי האָט זיך באַצייטנס אריבערגעקליבן צום טאַטן. א מאַמע צום רויטהאָריקן עופעלע, און א שטיצע צו איר שווער באַשטראָפטן פאָטער.

סיי די חלפנס און סיי די אייגענע לוריא־קינדער שפּירן איצטער ווי גאָר צום ערשטן מאָל איז מען זיך צונויפגעקומען. צוויי וועלטן, וואָס

געהערן זיך איינס מיטן אנדערן גאַר ניט אָן, און פונדעסטוועגן האָט דעם פּאַטערס אומגליק זיי ענג צונויפגעבראַכט, ווי זיי זאָלן זיך ניט וועלן דערווייטערן איינס פון אַנדערן, איז פּאַראַן אַ פאַרבאָרגענע האַנט וואָס ברענגט זיי ווידער צונויף.

דער אלטער חלפן, וואָס האָט נאָך אַלץ אינאיינעם מיט ישראלן דעם העמדער־שאָפּ, און וואָס האָט זיך מיט אים אַזויפיל מאָל געקריגט, געוואָלט ווערן מיט אים אויס שותף, איצטער פאַרדריסט אים, וואָס ער האָט ישראלן אַזויפיל מאָל באַליידיקט, אָנגערופן אים „מלמד" און „בטלן". ישראל לוריאַס באַטריבט געמיט קריכט צו אים אין האַרצן אריין. ער זוכט גוטע ווערטער, טרייסט־ווערטער, ער זאָל זיי קענען אַזוי הויך אַרויסזאָגן, אַלעמען זאָל עס פאַרחידושן. ער וואַרפט אָן אויג אָן א זייט און באַמערקט ווי זיין מלכה זיצט אַזוי נאָענט צו נתנען, און ער וואָלט אויך גערן געוואָלט זען, אַז קריינדל זאָל אַ שמייכל טאָן צו זיין זון לעאָנאַרדן, וואָס זיצט מיט אַ פרום פּנים, מחמת איצטער האָט אים גאָר דאָס לשון אָפּגענומען.

ליליען־רות האַלט זיך נאָענט אַרום קריינדלען. ביידע זייערע פּאַרטאָן אַרום פּליטע, עפּעס גרייט מען צו פאַר די געסט. פון צייט־צו־צייט רוימען זיי ביידע איינס דאָס אַנדערע סודות אַרין אין אויער אַריין. ליליען־רות נעמט ניט צו אירע ליפּן פון קריידלס אויער איידער זי גיט איר אַ קוש אַ צולאָג. ביידע לאַכן איינגעהאַלטן, און ס'מאַכט דעם איינדרוק, אַז קריינדל און ליליען טוען זיך אָן אַ כוח אויפצומונטערן די שטובלייט.

ישראל לוריאַן האָט שטאַרק געקלעמט דאָס האַרץ. ער האָט געוואָלט אויפעפענען פאַר דער וועלט זיינע וואונדן:

— באַשערט געווען איובס צרות זאָלן זיך אויף מיר אַראָפּלאָזן — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ געבראָכענער שטים — נעכאַי וואָלט איך זיך יעמאָלט גאַרניט געריירט פון אָרט. די קינדער האָבן געוואָלט מאַכן די נסיעה, האָב איך זיי געדאַרפט געבן מיין ברכה, און בלייבן אינדערהיים.

ישראל האָט אויפגעהויבן די אויגן און אריבערגעקוקט צו זיין שותף. דווקא פון דעם האַרטן און ענגהאַרציקן שותף זיינעם האָט ער געוואָלט הערן וואָס פאַר אַ טרייסט־ווערטער ער האָט פאַר אים.

— די לעבעדיקע דאַרפן לעבן — האָט מאיר חלפן, מיט אַ טאָן פון אַן עלטערן און קליגערן, אָנגעהויבן — נאָר דער לעבעדיקער מענטש איז עפּעס ווערט. אָט, וואָס איך האָב אייך צו זאָגן, מיסטער לוריא. צו אמעריקע האָט נאָך קיינער ניט צוגעלייגט. און אויב אַן אומגליק איז באַשערט, מיידט ער ניט אויס.

— די אומגליקן האָבן זיך אויף מיר אַראָפּגעלאָזן דווקא יעמאָלט, ווען כ'האָב זיך געלאָזט אין וועג אַריין. מ'איז אינדערהיים ניט געווען פאַר־מעגלעך, און פון קיין אומגליקן ניט געוואוסט. אָבער אַזאַ אומגליק, פריער זייער מאַמע, און איצטער...

ישראל האָט ווידער אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, און מיט אַ טיכל געווישט די טרערן.

לעאָנאַרד חלפן האָט געוואָלט מאַכן אַ גוטן איינדרוק אויף די יונגע

לוריאס, איז גערן געווען, אַז קריינדל און ליליען־רות זאָלן אים באַמערקן. ער איז צוגעגאַנגען צו ישראלן, אים היימיש געקלאַפּט אין פּלייצע:

— נעווערמאַינד, מיסטער לוריא, נאָר דעם מוט ניט אָנגעוואָרן... איר זייט אַרומגערינגלט מיט גוטע קינדער און מיט גוטע פריינט. אוודאי בין איך אייך ניט געקומען טרייסטן, כ׳קען ניט טרייסטן, אָבער איך זאָג: אַמעריקע איז ניט רוסלאַנד! אומגליקן טרעפן דאָרטן פּלענטי. מ׳קען זיך פאַרלאָזן אויף קעראַלאַין. זי וועט אויף מיסטער לוריא נעמען גוטן קער.

קריינדל האָט אומגעווענדט דעם קאָפּ צו לעאָנאַרדן און האָט אים מיט א באַשיידענעם שמייכל באַלוינט פאַר זיינע גוטע רייד.

די לוריא זין זיינען אַלע געווען פאַרטראָגן מיט זייערע אייגענע מחשבות. זיי האָט געגרילצט אין די אויערן חלפנס זיכערע רייד. יעדער איינער פון די קינדער האָט אויף זיין אופן באַגריפן דעם פאָטערס טרויער און אומגליק. סוף־כל־סוף האָבן אַלע קינדער, אריינגערעכנט קריינדלען, לאַנג שוין מוחל געווען דעם פאָטער וואָס ער האָט זיך אַזוי צוגעאיילט נאָך זייער מוטערס טויט און חתונה געהאַט מיט דער רויטהאָריקער, יונגער ריוועטשען. די קינדער האָבן דאָך שוין יעדער איינער געקוקט אין זיין אייגענעם ווינקל, און געטראַכט פון אייגענעם תכלית. איצטער האָט דעם פאָטערס אומגליק זיי צונויפגעבראַכט אינאיינעם. ניט צו טרייסטן דעם פאָטער זיינען זיי געקומען. גיכער האָט זיי צונויפגעבראַכט דאָס נאַטירלעכע געפיל: „זאָל דער פאָטער אָנקוקן זיינע קינדער, און שפּירן, אַז ער איז ניט אַליין." זכריה און קריינדל האָבן סיי־ווי באַשטימט איבערצוגיין וואוינען מיטן פאָטער. און מעגלעך, אַז נתן און שלמה וואָלטן אויך איינגעזען, אַז ס׳איז נאָך ניט שפּעט צו באַנייען די צעפאַלענע היים. די עלטערע קינדער האָבן וועגן דעם דערוויל ניט גערעדט.

מאיר חלפן האָט באַקלערט, אַז איצטער איז די צייט, ער זאָל פּרואוון אָפּווישן אַ פּאָר חטאים וואָס ער איז באַגאַנגען אַנטקעגן זיין שותף, בעת יענער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ ניט־פּראַקטישן מענטשן: „געווען אַן עוולה אָנצורופן אים שטיק מלמד — באַשטימט מאיר חלפן — פאַרט אַ שיינער ייד... אַ כבוד צו האָבן אים פאַר אַ שותף, און אפשר פאַר אַ מחותן..."

ער באַשטימט, פּרואוון באַנייען דעם שמועס וואָס קלעפּט זיך ניט, און אַרויספירן אים אויף שאָפּ־ענינים:

— כ׳וויל אייך אָנזאָגן אַ גוטע נייס, מיסטער לוריא, אַז פאַר דער צייט וואָס איר זייט ניט געווען אין שאָפּ איז מען פאַרוואַלגערט געוואָרן מיט אַרבעט. כ׳האָב געמוזט צונעמען נאָך זעקס מענטשן. כ׳האָף, איר׳ט ניט האָבן דאַגעגן, וואָס כ׳האָב עס געטאָן אויף מיין אייגענעם אחריות.

ישראל לוריא האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, באַטראַכט די קינדער, און שפּעטער געזאָגט צו מאיר חלפנען:

— אין תוך גענומען האָב איך געהאַט ביי זיך אָפּגעמאַכט, כ׳זאָל אַרויס פון שאָפּ גאָר אינגאַנצן. צוליב וואָס איינרייסן די וועלט, אַז דער וואָס אין הימל האָט גאָר אינגאַנצן צוגענומען זיין חסד פון מיר. נאָר

כ׳זע, אַז איר וועט עס ניט דערלאָזן. א פריינט דערקענט מען אין א ערת־צרה. כ׳וועל מאָרגן זיך זעצן צו דער אַרבעט.

— ניט דאָס האָב איך געמיינט, מיסטער לוריא; אדרבה, רוט זיך אָפּ פון שאָפּ. מ׳עט אויסקומען אָן אייך. כ׳דערצייל עס נאָר, איר זאָלט וויסן, אַז מיסטער לוריא איז ניט געבליבן חלילה אינדרויסן.

און צו זייניקע האָט ער זיך געווענדט:

— אויב איר ווילט, קענט איר דאָ בלייבן. איך באַדאַרף נאָך ערגעץ צוגיין.

מאיר חלפן האָט זיך דערקליבן צום טיר. נאָך אים איז מיט שטילע טריט, איינציקווייז, זיין גאַנץ הויזגעזינד ארויסגעגאנגען פון שטוב.

— א רחמנות אויפן פּאָפּאָ — האָט ליליען־רות באַגלייט מיט די בליקן ישראלן צום טיר — לאָמיר, קינדער, אים אויפמונטערן, ער איז זייער געפאַלן ביי זיך.

— ליליען נעמט זיך שטאַרק צום האַרצן — האָט דניאל מיט ליבשאפט אַריבערגעקוקט צו זיין גרטע — זי האָט א טייער האַרץ, האָט דריי טעג נאָכאַנאַנד געוויינט.

ליליען, כאָטש זי האָט שוין פאַרשטאַנען א סך יידישע ווערטער, האָט ניט גאָר גוט באַנומען וואָס דניאל האָט געזאָגט. זי האָט פון זיינע רייד עפּעס אַנדערש פאַרשטאַנען:

— אוודאי האָב איך געזאָגט דניאלן, אַז אויב די קינדער וועלן מיט אים ניט וועלן גיין וואוינען, וועלן מיר אים גאָר אריינגעמען צו זיך, איך וועל האָדעווען דאָס קינד. נו, האָט זיך קעראָלאַין אזוי שיין אָפּגערופן. קום, קעראָלאַין, איצטער, אז די אַלטוואַרג זיינען ארויס, קום, לאָמיר זיי באַוויזן רעבעקאַן.

ליליען־רות איז אריין אין צווייטן צימער, פון דאָרטן ארויסגעבראַכט אין א קישן דאָס קליינע עופעלע.

— האַ, האַ, איר זעט? מיט גאָלדענע האָר! מיט גאָלדענע האָר...

אַוועק די מאַמע, און איבערגעלאָזן א קינד מיט גאָלדענע האָר. האַ, קעראָלאַין, גאָר אָן בויכווייטיק ביסטו געוואָרן אָ מאַמע.

ליליען־רות האָט אונטערגעהאלטן די קישן מיטן קינד, און די מענער האָבן זיך ארומגעשטעלט ארום דער גרטע, אריינגעקוקט אין קישן אריין ווי אויף א גרויס וואונדער. זיי האָבן גאָרניט באַמערקט ווי קריינדל האָט מיט די הענט פאַרדעקט דאָס פּנים, און איז מיט שטילע טריט אריין אין צווייטן צימער אריין.

— קעראָלאַין, ניט א וואונדער ווי א קינד איז געראָטן אין א מאַמען... וואו ביסטו, קעראָלאַין?

ליליען־רות איז מיטן קינד צוריק אריין אין צווייטן צימער, און די מענער האָבן זיך דורכגעוואָרפן מיט די בליקן.

— וואָס וועט איצטער ווערן פון קריינדלען? — האָט גאָר אומגעריכט זכריה א פרעג געטאָן — איז דאָס איר תכלית?

— וואו איז זי אַוועק? — איז נתן צוגעגאַנגען און אריינגעקוקט אין צווייטן חדר אריין.

אין א ווײַלע אַרום האָט ליליען אַרײַנגעפּירט אונטערן אָרעם קרײַנדלען א פאַרווײנטע. איר פּנים איז געווען אײַנגעשרומפּן און די אויגן פאַרגאָסן מיט טרערן.

קרײַנדלס אויסזען האָט אַלעמען צונויפגעדריקט. שלמה, מיט בלאַ־סער טאַבאַק־געלקייט אין פּנים, איז געזעסן אָן אַ זײַט און געווישט די טרערן. דעם טאַטנס טרויער האָט אַלע קינדער צונויפגעבראַכט, כאָטש דער מענטש, צוליב וועמען דער טאַטע זײַערער טרויערט, איז גאָרניט געווען באַליבט ביי אַלע קינדער גלײַך. נתן און שלמה האָבן זיך געהאַלטן ווײַט פון זײַער שטיפמוטער. אָבער איצטער לעבן זיי איבער מיט קרײַנד־לען אײנאײנעם אַ טייל פון דעם טרויער וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט ביים אַרײַנקומען אין לאַנד.

נתן האָט געוואָלט אַ סך פאַרדרוס אַראָפּרעדן פון האַרצן, כאָטש אין דער גרטעס קעגנוואָרט איז אים געווען שווער צו רעדן, פונדעסטוועגן האָט ער זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן, און געזאָגט:

— כ׳פאַרשטיי ניט, קרײַנדל, ווער צווינגט דיך מקריב צו זײַן דײַן גאַנץ לעבן, אוועקצוואַרפן אַלע דײַנע אייגענע פּלענער, און גיין צוריק צום טאַטן, ווערן אַ מאַמע צו אימעצנס אַ קינד?

— ווער וועט אים אַרויסהעלפן אין אַ נויט? — האָט קרײַנדל אַנגע־שטעלט אויף נתנען אירע אויגן — איז טאַקע ישראל לוריא אונדז אַלעמען אַ ווילד־פרעמדער?

— איז ער געקומען ביי דיר זיך נאָכפרעגן, צי ער זאָל חתונה האָבן?

— יאָ, נתן, ער האָט זיך ביי מיר נאָכגעפרעגט. איר מעגט עס אַלע וויסן, אַז דער טאַטע האָט ביי מיר געפרעגט, ווי די קינדער וועלן אויף דעם קוקן. ער איז געווען אַ יונגער מענטש, און וואָס פאַר אַ רעכט האָבן מיר אויף אים געהאַט?

— וואָס פאַר אַ רעכט האָט אימעצער אויף דיר, קרײַנדל? דו ביסט שוין אַלט געוואָרן? האָסט שוין דײַן לעבן אָפּגעשפּילט?

— כ׳ווייס, אַז איך האָב אויף זיך צופיל אָנגענומען.

— נײן, מײַן שוועסטער, האָסט אויף זיך ווינציק אָנגענומען. ווערן אַ מאַמע צו יענעמס קינד, דאָס קען טאָן אַ דינסטמיידל. דער טאַטע קען אַרײַננעמען אַן עלטערע פרוי, וועט זי אים דאָס קינד האָדעווען בעסער פון דיר. דו האָסט אַנדערע פליכטן. דו אַרבעטסט אין אַ שאַפּ. פלאַגסט זיך מיט אַלע אַרבעטער אינאײנעם. קענסט ניט אָנפירן דעם גערעכטן קאַמף אין די שעפער אינאײנעם מיט אונדז אַלעמען? האָסט זיך געמעגט אַרײַנוואַרפן אין אַ נויטיקערער אַרבעט. כ׳האָב עס דיר שוין לאַנג געוואָלט זאָגן.

קרײַנדל ד׳האָט ניט געענטפערט. די איבעריקע קינדער האָבן אויך געשוויגן.

— דניאל, וואָס רעדט אזעלכעס דײַן ברודער נייטן? פאַרוואָס זידלט ער זײַן טײַערע שוועסטער?

די גרטע האָט געקוקט פון איין קינד צום אַנדערן, און האָט זיך געחידושט, זי האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר.

— אפשר איז ער גערעכט — האָט דניאל טרויעריק גערעדט צו דער

גרטע — ער זאָגט, אַז קעראַלאַין טאָר ניט נעמען און אײַנגאַנצן פאַרגעסן אָן זיך. זי איז נאָך יונג, און דאַרף וועגן זיך אַליין אויך טראַכטן, אַט וואָס ער זאָגט.

— האַ, אַט דאָס זאָגט נייטן — האָט ליליען פאַרוואונדערט געקוקט אויף נתנען — ער איז אַ גוטהאַרציקער ברודער, איך ווייס. אַלע זײַט איר גוטהאַרציקע. קעראַלאַין וויל דעם פּאַפּאַ אונטערשטיצן אין אַזאַ שווערער צײַט. אַ גרויס מיטלייד אויף אים. כ׳מיין, ס׳איז גוט אַזוי, אויב זי וויל גיין וואוינען מיטן פּאַפּאַ. איך וועל אַלע טאָג קומען איר ארויסהעלפן. אַז איר וועט אַזוי קוקן אויף אײַער פּאַפּאַס אַ קינד, וועל איך עס גאָר צונעמען צו זיך אײַנגאַנצן.

ליליען־רות האָט געקוקט וואָס פאַר אַן אײַנדרוק אירע רייד מאַכן אויף אַלעמען.

— מעגסט עס הערן, נתן, — האָט זיך דניאל אָפּגערופן — דאָס לעבן איז אַ גרויסער סוד, אַט וואָס איך וויל דיר זאָגן. כ׳פאַרשטיי קריינדלען, כ׳פאַרשטיי פאַרוואָס זי טוט עס, און פאַרוואָס זי וויינט. זי איז די איינציקע וואָס האָט זיך ניט אָפּגעריסן פון אונדז און פון זיך אַליין. דו, נתן, האָסט זיך צופיל אָפּגעפרעמדט פון טאַטן.

— און דו וואָס? — האָט אים נתן טרוקן אַ פרעג געטאָן.

— אמת, כ׳בין אויך ניט בעסער. איך קוק אויך מער אין מיין אייגע־נעם ווינקל אַרײַן. וואָס זאָגסטו, זכריה, דײַן שוועסטער טוט גוט וואָס זי נעמט זיך אונטער ווערן אַ מאַמע פאַר דער צײַט?

— איך בעט אײַך, קינדער! גיט מיר ניט קיין עצה ווי אַזוי צו לעבן... כ׳בעט אײַך, קינדער!

מיט נערוועישע און אונטערגעבראָכענע טריט איז קריינדל אַוועק אין צווייטן צימער.

זכריה האָט זיך אויפגעהויבן, נאָכגעגאַנגען קריינדלען ביז צו דער טיר, און האָט זיך אומגעקערט צוריק. ער האָט געוואָרפן אַ פאַרשעמטן בליק צו דער גרטע, און געזאָגט:

— איך וועל אויך איבערגיין אַהער. וועל זײַן נעבן קריינדלען און איר העלפן. איך זאָג, איר אַלע זאָלט אַריבערקומען אַהער, און זאָל מען זײַן אַלע אינאיינעם. ס׳וועט אַ סך גרינגער זײַן צו לעבן אינאיינעם. וואָס זאָגסטו, שלמה?

— איך גיי ניט צוריק. כ׳האָב אַנדערע פּלענער.

— קענסט ניט דורכפירן דײַנע פּלענער דאָ?

— צוריק גיי איך ניט.

— פאַרוואָס רופסטו עס צוריק?

— קוק אויף קריינדלען, וועסטו פאַרשטיין.

— צו זײַן אַ מענטש, מיינט גיין צוריק?

— אַמאָל הייסט עס גיין צוריק.

— כ׳האָב דיך ליב דערפאַר, שלמה, — האָט נתן אים געקלאַפּט אין פּלייצע. — גוט, שלמה, גיי דיר דײַן אייגענעם וועג, ווי איך וועל גיין מיין אייגענעם וועג.

— נו, גייט איך אלע אייער אייגענעם וועג — האָט זכריה מיט נצחון גערעדט. — איך וועל נאָך היינט אַהער אַריבערציען. וואו קריינדל, דאָרטן וועל איך זיין.

— גוט אַזוי, זכריה — האָט דניאל צופרידן גערעדט — גוט וואָס דו געדענקסט נאָך, אז דו ביסט א מענטש.

— דער טאַטע וועט איינגיכן נאָך אַמאָל חתונה האָבן, ט'איר אים סיי־ווי דאַרפן אָפּטרעטן ס'אָרט.

אויף דעם האָט זיך קריינדל באַוויזן אין טיר און צעשראָקן אָנגע־קוקט נתנען.

— יאָ, שוועסטער מיינע, מעגסט זיך אויף דעם ריכטן. מיר וועט עס ניט אַרן. פאַר מיר וועט עס ניט זיין קיין חידוש.

— אָ, דו שלעכטער, שלעכטער ברודער וואָס דו ביסט. — האָט ליליען ארומגענומען נתנען און געקושט — זאָל קרעלאַין טאָן ווי איר האַרץ זאָגט איר אונטער.

* * *

— קינד מיינס, לייג ניט די טויטע אויף די לעבעדיקע, און באַגראָבן זיך לעבעדיקערהייט איז א נאַרישקייט. וואָס צו גאָט, איז צו גאָט; און וואָס צו לייטן, איז צו לייטן, קינד מיינס. א נשמה אָן אַ גוף איז נאָך ערגער ווי א גוף אָן אַ נשמה. און נאָך עפּעס וויל איך דיר זאָגן, ס'אי א נאַרישקייט, אַז אַ קינד נעמט און ווערט אַ מאַמע צו דערוואַקסענע יידן מיט בערד. קום צו מיר, לאָמיר דיך גאָר אָפּבלאָזן...

מיט דער פולער מאָס גוטסקייט און פאָלקס־חכמה איז געווען אָנגעלאָדן די אלמנה פייגע חנה, וואָס ישראל לוריא האָט אריינגענומען אין שטוב, העלפן אַכטונג געבן אויף דער יתומהלע, וואָס איז אים געבליבן נאָך ריווטשעס פריצייטיקן טויט, און אויך ארויסהעלפן קריינדלען, זי זאָל זיך פון די כחות ניט ארויסשלאָגן.

קריינדל הערט זיך איין צו פייגע חנהס גוטע און קלוגע ווערטער און זי באַנעמט זייער באַטייט. קריינדל פאַרשטייט וואוהין פייגע חנה צילט. זי באַמערקט, ווי אין דער אַל־מנהס באַקן בליט אויף די פאַר דער צייט פאַרוועלקטע יוגנט, בשעת זי רעדט ארום מיט איר דעם ענין חתונה האָבן און קינדער געבערן. קריינדל באַנעמט אויך, אז פייגע חנה, כאָטש זי רעדט עס ניט ארויס, איז איר ניט צום האַרצן וואָס דער האַרבאַטער אלעקסאנדער איז געוואָרן אַן אריינגייער צו איר, צו קריינדלען.

— ווער קען זיין קלוג און פאַרויסזאָגן ביי וועמען דער ליבע איז באַשערט צו וואוינען?

טאַקע ווער קען זיין קלוג און דערוויסן, וואו און אין וואָס פאַר א גאָרטן די ליבע בליט? קריינדל קען זיך קיין חשבון ניט אָפּגעבן וואָס פאַר א גוט יאָר ס'האָט אָנגעטראָגן אלעקסאנדערן אויף איר וועג. כאָטש זי איז צופרידן וואָס אלעקסאנדער, דער גרויסהאַלטער, דער וואָס האָט געקוקט אויף איר פון אויבן־אַראָפּ, דער האָט אויסגעמיטן פאַלק בירשטיינען און אליין צוגעקומען אַזוי נאָענט צו איר דווקא יעמאָלט, ווען דאָס מזל האָט געגומען און זי צוריק פאַרשליידערט אין א זייטיקן, פינצטערן ווינקל.

אלעקסאנדער קומט צו איר אַפּטער. די קניטשן ארום זיינע פּולע, קלוגע, שוואַרצע אויגן זיינען ווי אָפּגעווישט געוואָרן, און ארום זיין ברייט מויל ציטערט א וואָרימער שמייכל. מיט זיין זאַפטיקער שטים רעדט ער צו איר ניט פון זיך, ניט פון איצטיקן שווערן לעבן, נאָר פון צייטן, כאַטש ווייטע, אָבער שיינע און לויטערע, ווען די מענטשן וועלן לעבן פריי אין זייערע באַנעמונגען, און אמתדיק מיט זייערע רייד. ווען מענטשן וועלן ארויסזאָגן דעם אמת פון זייער האַרצן און פאַרלאַנגען פון יענעם אין אַזאַ מאָס, וואָס זאָל דעם געבער באַרייכערן.

קריינדל שפּירט, אז צוליב דעם וואָס זי האָט גענומען און זיך גאָר אינגאנצן אָוועקגעגעבן דעם אומגליקלעכן פּאָטער, דאָס האָט אלעקסאנדערן געבראַכט נענטער צו איר. אלעקסאנדער דערהייבט איר געמיט. ער הייבט זי פון איר שפלן מצב און פילט אָן איר האַרץ צומאָל מיט חשק צום לעבן.

פייגע חנה האָט דאָס קינד ארויסגענומען דרויסן. געווען א מילדער זומערטאָג. קריינדל האָט געוואַרט אויף אלעקסאנדערן, מיט אים ארויס־צוגיין אביסל איבער די גאַסן, ווי זי האָט עס ליב געהאַט צו טאָן. אָבער ווען ער איז געקומען, איז געראַם געוואָרן דער ענגער חדר, און ליכטיקער איז געוואָרן די טונקלקייט וואָס האָט געשלאָגן פון צווייטן צימער. איז מען פאַרבליבן אין שטוב. פייגע חנה, פאַרן ארויסגיין פון שטוב, האָט באַשענקט קריינדלען מיט איר פאַלקס־חכמה, און מיט דער אָנווייזונג, אז די ליבע דאַרף פיינט מ'זאָל „די לעבעדיקע לייגן אויף די טויטע...״

קריינדלען האָט אויסגעוויזן, אז אלעקסאנדער איז אומעטיקער ווי שטענדיק. איר האָט נאָך אויסגעוויזן, אז ער פאַרשטט עפּעס ביי איר אין פּנים. ס'איז געווען אמת.

ער איז געווען אָפנהאַרציק און געפרעגט:

— זאָגט מיר, קעראַלאַין, דעם אמת, איר האָט ליב מיין גוף? איר האָט ליב מיינע צוויי האָרבן, און דעם קאָפּ, ווי ער איז איינגעגראָבן צווישן די אקסלען?

ער האָט באַמערקט ווי ביי קריינדלען האָבן זיך די באַקן אָנגעצונדן. ער האָט אויך געשפּירט ווי א היץ האָט א שלאָג געטאָן אים אין פּנים. אים האָט ניט פאַרדראָסן הלמאי ער האָט עס געפרעגט. ער האָט שוין לאַנג חשק געהאַט דאָס צו טאָן, ער האָט געוואָלט אויספּרואוון אויף קריינדלען און אויף זיך אליין: — „ווי ווייט איז די נשמה געבונדן צום גוף, און ווי ווייט א גוף קען די נשמה האַלטן געפאַנגען.״ אלעקסאנדער האָט נאָך ביז איצטער ניט איבערגעלעבט דאָס גליק צו פאַרפאַלן ווערן מיט לייב־און־לעבן אין א פרויס אָרעמס. און ער האָט נאָך ניט געהאַט אין זיינע אָרעמס די פרוי, וואָס האָט פאַר אים אויפגעעפנט א טיר צום לעבן.

קריינדל איז פון זיינע פּשוטע ווערטער צעטומלט געוואָרן. ס'איז געווען הוילער אמת. וויפיל מאָל זי האָט געפּרואווט אָפּטיילן זיין גייסט פון זיין צעהויקערטן גוף און מיט דעם אליין זיך באַנוגענען — איז איר גאַנצן ווען יעמאָלט א טרויער באַפאַלן, זי האָט געזען בחוש ווי זי ווערט ארויס־געריסן פון לעבעדיקן לעבן. ניט איינמאָל האָט זי אים מיטן געדאַנק

געפּרוּווט אײנשליסן אין אירע אָרעמס, אָדער ארײנפאַלן און פאַרלאָרן ווערן אין זײנע. וואָס פאַר א כח האָט פאַרט געקומען און פאַרקניפּט איר היינט און איר מאַרגן מיט דעם־אָ מענטשן, וועמעס געלײטערטע נשמה איז אײַנגעפּאַסט אין א פאַרקריפּלטן גוף?

— פאַרוואָס ענטפערט איר ניט, קעראַלאַין?

קריינדל האָט ניט געגלויבט, אז אלעקסאנדער וואַרט אויף אַן ענטפער, בשעת ער האָט געפרעגט, צי זי האָט ליב זײן גוף מיט די צוויי האָרבן. אַ ציטער האָט דורכגענומען איר לײב. זי האָט זיך באַמיט, ער זאָל עס ניט באַמערקן. „הלמאי פרעגט ער עס ביי מיר?" — האָט קריינדל א טראַכט געטאָן, און אָנגעשטעלט אויף אים אירע צעשראָקענע אויגן.

— איר פאַרשפּאַרט מיר צו ענטפערן, קעראַלאַין — האָט אלעקסאנדער אָנגענומען איר האַנט, און מיט א ביטערן שמייכל גערעדט — איך האָב געטאָן א נאַרישקייט. ניין, פּשוט אַן עוולה פון מיר, כ׳זאָל עס פון אייך פאַרלאַנגען. איך האָב ניט קיין רעכט צו פאַרלאַנגען, אַ יונגע פרוי זאָל מיך ליב האָבן, און מיר זיך איבערגעבן מיט לייב־און־לעבן. איך מאָן ניט מער וויפיל מיר קומט, קעראַלאַין. זייט מיר מוחל, מיר פאַרדריסט שטאַרק וואָס כ׳האָב עס געפרעגט. פאַרגעסט עס, קעראַלאַין, כ׳בעט אייך.

אין דער רגע האָט זיך קריינדל דערשפּירט ווי זי ווערט אינגאַנצן אויפגעלייזט. אין איר גוף קרייצן זיך דורך צוויי שטראָמען — א קאַלטער און א וואַרימער. ווייגען און לאַכן גלוסט איר גאַנץ לײב. פרייד און פּיין, באַגינען און אָוונט שווינדלען פאַר די אויגן. און אלעקסאַנדערס געשטאַלט, איז עס יונג, זײן גוף שלאַנק און בויגיק; דער פולער קאָפּ — אויף א פעסטן האַלדז און נאַקן, און זײנע אָרעמס, זײנע הענט, זײנע פינגער — גרינע, שמעקעדיקע צווייגן! און אָט שטייט פאַר איר אַן אַלטער, אייגעקאַרטשעטער קריפּל, א פאַרזעעניש מיט צוויי גרויסע אויגן אונטער א שווער צעקנייטשטן שטערן... מיט אַזאַ האָרב, מיט צוויי לאַנגע הענט, וואָס ווילן זי איינקלאַמערן און אזוי לאַנג דריקן צום האָרב — ביז דעם אָטעם וועט עס איר פאַרשלאָגן! זי וועט אזוי דערשטיקט ווערן און בלייבן ליגן מיטן קאַלטן, טויטן קאָפּ אויף זײן האָרב!

אלעקסאנדער איז נאָכגעגאַנגען אירע מחשבות. ער האָט ארויסגע־לייענט פון אירע צעשראָקענע בליקן, און ער האָט געוואָלט פאַריכטן וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט:

— כ׳האָב אייך ליב, קעראַלאַין, און דערפאַר פאַרלאַנג איך ניט פון אייך, איר זאָלט מיר געבן אַן ענטפער. איך פאַרלאַנג פון אייך ניט דאָס, וואָס פאַר א פרוי איז עס שווער צו טאָן. אויב איך קום אהער צו׳ן אייך איז דאָס דערפאַר, וואָס איך וויל אין אייערע פאַרשפּילטע מיידלשע חלומות ארײנטראָגן אביסל אמת. וואָס מיר ציט צו׳ן אייך איז מיר קלאָר. איך בין יונג, כ׳האָב א פאַרלאַנג צו נעמען פון לעבן וואָס מיר קומט; נעמען דאָס נאַטירלעכע פון אַ לעבן, ווי עס פאָדערט דאָס יונגע, דערוואַכטע בלוט. נו, איז מיין יונג בלוט אײַנגעשלאָסן אין אַן אַלטן, צעקריפּלטן גוף. כ׳קען מיין יונגע נשמה ניט ארויסרייסן פון דעם־אָ גוף. און איר, אויך דאָס אייגענע: יונג און פול מיט לעבן — זייט איר געכאַפּט געוואָרן אין אַ קלעם, וואָס אַן אַלטער דור האָט אהער פון רוסלאַנד מיטגעבראַכט.

ברידער, וואָס קענען זיך ניט צופּאַסן צום נייעם לאַנד: אַ טאַטע, וואָס וויל לעבן און ווערט געשטרויכלט. אַייער יונג לעבן צאָלט אומזיסטיקע צינזן פאַר זינד וואָס איר זייט ניט באַגאַנגען. איר זייט, קראַלאַין, אויך אַ פּאַרמשפּטע. מיר האָבן זיך ליב דורך די גראַטעס פון אַ תפיסה. מיר קענען זיך אפילו דורך די גראַטעס אָנרירן מיט די הענט. מיינע הענט גלעטן אייערע, דורך די שפּיצן פינגער ריזלט איבער די יוגנט פון איינעם צום אַנדערן. אָבער ניט מער, קראַלאַין! איך וועל נאָך קומען, קראַלאַין. דערוויל דאַנק איך דערפאַר, וואָס דורך די גראַטעס האָב איך צו אַייך דערגרייכט, וואָס דורך די גראַטעס האָט איר מיר דערלאַנגט אייער האַנט. אַ גוטן טאָג, קראַלאַין.

קריינדל האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, ווען אַלעקסאַנדער, נאָכדעם ווי ער האָט אָנגערירט אירע פינגער מיט זיינע ליפּן, איז אַן איינגע־שרומפּענער ארויס פון שטוב. זי האָט אירע אויגן געהאַלטן צום דיל, און ניט ארויסבאַגלייט דעם גוף, וואָס האָט אָנגעזאַמלט פאַר איר ליבע און קען עס ניט אויסלערן.

— צוליב וואָס האָט ער עס געדאַרפט טאָן? — האָבן אירע ליפּן זיך מיד באַוועגט.

אין שטוב איז אריינגעקומען, אַ גוט אויפגעלייגטער, הילל. ער איז צוגעגאַנגען צו קריינדלען, זי אויפגעהויבן און אַ טריסל געטאָן:

— טשוכע זיך אויס, קריינדל! וועסט דאַרפן זיין אַן אונטערפּירערקע, כאַ־כאַ־כאַ... כ׳קליב זיך חתונה האָבן!

— האַ? — האָט זיך קריינדל אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שווערן חלום.

— גלויבסט ניט? מיט איר, מיט דהורוויטשעס טאָכטער!

— טוסט אַ גלייכע זאַך. זי איז ווערט צו האָבן אַזאַ מאַן ווי דו.

— מיינסט אַזוי?

— אוודאי מיין איך עס. זי איז אַ געזונטע. וועט דיר זיין געטריי. מיט איר וועסטו קענען אויספירן וואָס דו ווילסט.

— ס׳דוכט דיר נאָר אַזוי. פאַר איין זאַך האָב איך מורא, אויב כ׳וועל גיין ווערן אַ פּויער.

— מוזט עס דווקא?

— איר טאַטע וואָלט אויך מיטגיין.

— דאָס איז אַ שפּעטערדיקע זאַך.

— אָ, אָ, זי איז אַ הייסע מויד, ברענט ווי אַ פייער. כ׳האָב נאָר אַביסל מורא, וואָס צו טאָן האָב איך דערוויל ניט. וועל חתונה האָבן, וועל איך מוזן האָבן אַ שטיקל היים.

— איר וועט אריינציען אַהער. איך וועל מיט איר לעבן גוט.

— ניין, קריינדל, דאָס געפעלט מיר ניט. מיר געפעלט בכלל ניט ווי דו האָסט זיך אָפּגעלאָזן. אפילו ער, כ׳האָב אים גאַנץ ליב, פונדעסט־וועגן פאַרדריסט מיך וואָס דו הערסט זיך איין צו זיינע רייד.

קריינדל איז רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן. זי האָט אָנגעקוקט היללן, געוואַרט, ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן.

הילל ד׳האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג וואַרטן:

— זאָל דיך ניט פאַרדריסן וואָס איך זאָג עס דיר — האָט הילל געגלעט אירע האָר — ביסט ביי אונדז איינע, און מיר האָבן זיך אויף דיר אָנגעלייגט, פאַר דער צייט דיך אַלט געמאַכט. וואָס מיט אימעצן זאָל נאָר טרעפן, לויפט מען צו דיר דערציילן. אָט בין איך צו דיר געקומען דערציילן, אַז איך קלייב זיך חתונה האָבן, פונקט ווי דו האָסט שוין דיינע קינדער אויסגעגעבן!

— דו האָסט דאָך עפּעס אַנדערש געמיינט, הילל. שעם זיך ניט, און זאָג.

— איך שעם זיך ניט. ער איז א טויטער מענטש, דיין אלעקסאנדער. ער האָט זיך גאָר אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון לעבן. וואָס קען ער מיט זיין גוף אויספירן? כאָטש געגנוג האָרבאָטע האָבן חתונה געהאט, געהאט קינדער מיט די ווייבער. ניין, קריינדל, דו פאַרדינסט עפּעס בעסערס. איך דערצייל דיר, אז איך וועל אפשר חתונה האָבן, און איך שעם זיך פאַר דיר.

— וואָס איז ווערט א גוף אָן א נשמה, הילל?

— פרעג עס מיך ניט, קריינדל. כ'קען דיר אויף דעם קיין ענטפער ניט געבן. א גוף אָן אַ נשמה — איז אַ שטיק טויט פלייש.

— איז אלעקסאנדער א שטיק טויט פלייש? ער פאַרלאַנגט פון קיינעם גאָרניט. ער וויל פון קיינעם גאָרניט.

— פון דיר וויל ער אויך גאָרניט?

— ער גיט מיר מוט, איך זאָל קענען שטיין אויף די פיס. וואָס גיב איך אים?

— ער באַדאַרף ווינציק. זיין גוף קען קיין סך ניט פאַרנעמען. אָבער דו, ביסט ניט א יונג, געזונט מיידל? דאַרפסטו ניט האָבן אַ מאַן וואָס זאָל זיין געזונט, מיט הייס בלוט און מיט חשק צום לעבן?

— האָב טאַקע חתונה, הילל! איך וועל טאַנצן אויף דיין חתונה ביז פאַרטאָג!

— האָסט מיר ניט געענטפערט. און איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, טשובע זיך אַרויס. קום גאָר מיט מיר אַראָפּ אויף גרענד סטריט, כ'וועל דיר קויפן א קליידל מיט א פּאָר נייע שיך. קום, קריינדל!

— גיי, נאַרישער בחור. מיר פעלט גאָרניט. הלוואי וואָלט איך מיט אים קענען חתונה האָבן. כ'ווייס, ער האָט הייס בלוט אין זיינע אָדערן ווי יעדער איינער פון אונדז. ער האָט אַ וואַרימע, לויטערע נשמה.

— נאָר וואָס?

קריינדל האָט אויף דעם ניט געענטפערט. זי האָט ארומגענומען היללן און האָט אים א קוש געטאָן.

— גוט, הילל, וואָס דו רעדסט מיט מיר פון גאַנצן האַרצן. מ'מעג זיך צו דיר צוהערן. רופסט אָן זאָכן ביי זייער נאָמען.

— טאָ קום מיט מיר, כ'וויל דיר קויפן... יאָ, כ'האָב דיר פאַרגעסן צו דערציילן, אַז שלמה גייט ווערן באַלעבאָס פאַר זיך אַליין. ער, פאַלק בירשטיין, און נאָך אַ דריטער, א מיסטער קאַץ, גייען עפענען אליין פאר זיך א ציגאַרן־שאַפּ.

— וואָס איך הער! — איז קריינדל אויפגעשפּרונגען — ער דראַפּעט זיך אַרויס! פאַרוואָס האָט ער צוגענומען פרעמדע שותפים? אפשר וואָלסטו מיט אים געגאַנגען אינאיינעם?

— איך מיט ציגאַרן? פע־ע... פאַר מיר איז איינס פון די צוויי, אָדער אויף דער ערד, אָדער אין דער ערד, כאַ־כאַ־כאַ. איצטער ווייס איך אַליין ניט וואָס צו טאָן. מינע האָט מיך אָפּגעבריט.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט קריינדל שטיפעריש הילכן אַ ריס געטאָן זיינע האָר — שעמסט זיך גאָרניט?

— וואָס איז זיך דאָ פאַראַן צו שעמען! דאָס איז דיר אמעריקע. אינדערהיים פאַרשטיקט אַ מיידל אין זיך דאָס ביסל פייער. דאָרטן אינ־דערהיים שטיקט מען זיך מיט אייגענע געפילן. דאָ שעמט זיך ניט אַ מיידל אויפצועפענען איר הארץ. אַז איך פאַל אַריין צו איר אין די הענט, ווער איך אַן קאָפּ און פיס. זי וויל חרטונה האָבן — וועל איך! וואָס איז לעבן? וועל חתונה האָבן, זי וועט מיר האָבן געזונטע קינדער, וועל איך וויסן, אַז דאָ אין לאַנד דאַרף איך עפּעס אָנהייבן צו טאָן. דערווייל וועל איך לעבן ביי זיי.

קריינדלען איז הייס געוואָרן אַרום האַרצן. זי איז געווען צופרידן וואָס הילל האָט אַזוי פּשוט און פראָסט פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר איר זיין צוקונפטיק לעבן. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט איר געזונטן ברודער, ווי ער גיט זיך איינגאַנצן אוועק דער פולבלוטיקער מינען. אָבער קריינדל זעט אויך אַרויס ווי איר ברודער וועט מיט דער צייט זיך אָפּלאָזן, פאַר־גרעבט ווערן. און דעריבער קומט ווידער אַרויס פאַרן דמיון אַזוי קלאָר און בולט אַלעקסאַנדערס געשטאַלט. זי וויל מיטן געדאַנק צונויפברענגען מינע הורוויטש מיט אַלעקסאַנדערן. וויל זיך פאַרשטעלן, ווי מינע איז אַ פאַרליבטע אין דעם האַרבאַטן אַלעקסאַנדערן און ווי זי שמעלצט איבער אין איר הייס לייב זיין פאַרקריפּלטן גוף. „יאָ, יענע וואָלט עס געקענט באַווייזן...” לויפט דורך אַ מחשבה — אַזוי דאַרף זיין אַ פרוי. אַזוי האָב איך געדאַרפט זיין.”

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט, קריינדל? דיר געפעלט ניט וואָס איך דערציילט דיר. אוודאי, צוליב וואָס דען באַגעגנט זיך אַ מאַן מיט אַ פרוי? צוליב וואָס איז דאָס גאַנצע פייער וואָס פלאַקערט אין האַרצן ביי פאַרליבטע? ס'איז הייליק פייער, ס'איז אמת פייער. בין מודה, כ'בין געווען אַ קאַלטער מענטש, אַ לוריא בין איך געווען. זי האָט מיך אַ גלי געטאָן, שוועסטערקע. זי האָט אין מיר געפונען דעם מאַן. און איך זאָג דיר, קריינדל, אַז אַ פרוי באַדאַרף אין אַ מאַן אויפזוכן זיינע כחות, וואָס שלאָפן ערגעץ באַהאַלטן. און וואָס, פרעג איך דיך, איז פאַרגעקומען מיטן טאַטן? פאַרוואָס איז ער מיט אַמאָל יעמאָלט יונג געוואָרן? ער איז מיט אונדזער מאַמען געווען אַ זקן. זי האָט אים געקינדלט מיט צווילינגס, און ווייטער וואָס? ער איז דורך ריוועטשען אויפסניי געבוירן געוואָרן. ער האָט נייעם מוט געפונען. ווען זי נעמט ניט און שטאַרבט ניט אוועק — עד, ווי הויך ישראל לוריא וואָלט געשטיגן! זי איז געווען אַלץ. זיין פרישע יוגנט, זיין ניי־געבוירענע גבורה, זיין שטרעבן אַרויסצורייסן זיך

פון אָרימקייט און דלות. און וואָס איז די גרטע פאַר דניאלן? אלץ! זי איז פאַר אים דאָס, וואָס געזונטע ערד איז פאַר אַ געזונטן בוים. דו דערקענסט אונדזער דניאלן? דאָס איז זי, לילין־רות, וואָס האָט אים אָוועקגעשטעלט אויף די פיס, און געהייסן טרעטן דעם ריכטיקן וועג. צי מינע וועט מיך לאַנג אונטערהאַלטן מיט אירע פייערדיקע געבליטן, דאָס ווייס איך ניט. אָבער דערווייל... וואָס האָט מיט דיר לעאָנאַרד חלפן געוועדט, ווען ער האָט דיך צום לעצטן מאָל געזען?

קריינדל האָט זיך דערשראָקן, ווען הילל האָט דערמאָנט לעאָנאַרד חלפנס נאָמען.

— אַנטקעגן וואָס פרעגסטו עס, הילל?

— אַזוי, כ׳וויל וויסן וואו איר האַלט איינס מיטן אַנדערן.

— ער גייט מיך ניט אָן.

— ער שטייגט צוליב דיר!

— איך האָב אים קיין מוט ניט אונטערגעגעבן.

— ער האָט שוין געקענט צען מאָל חתונה האָבן, ווען ער זאָל דיך ניט האָבן אינזינען. צוליב דיר ברעכט ער דעם קאָפּ, צו ווערן דער גרעס־טער עקספּלואַטאַטאָר.

קריינדל האָט זיך פאַררויטלט, אָנגעקוקט היללן, ווי ער וואָלט פון איר געמאַכט א גוטמוטיקן חוזק.

— רעד נאָך, הילל, רעד נאָך, צוליב מיר ווערט ער דער גרעסטער פּאַסקודניאַק? כאַ־כאַ־כאַ, ס׳געפעלט מיר. ס׳איז אפשר אמת. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז אויב כ׳וועל מיט אים חתונה האָבן, וועט ער מיך אין אַ קאַרעטע ארומפירן. וועט ער פונדאַנען ארויסציען אַדהין, וואו די יידישע גבירים וואוינען. כאַ־כאַ־כאַ, דו זאָגסט אויך דאָס אייגענע. אָ, ווען איך זאָל אים טאָקע ליב האָבן... ווען איך זאָל אים קענען ליב האָבן!

קריינדל האָט אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, און געווישט די טרערן.

היללן איז אויך מיט אמאָל טרויעריק געוואָרן.

— מ׳רעדט אַמאָל צופיל און מ׳דערעדט זיך צו נאַרישקייטן. הער אויף צו וויינען. כ׳וויל זיך מיט דיר דורכשמועסן. כ׳וויל דיין עצה, וואָס צו קויפן מינען. כ׳וויל איר קויפן א מתנה. וועסט מיט מיר אפשר ארויס־גיין אביסל אין גאַס.

— גוט, הילל, כ׳וועל באַלד גיין מיט דיר. וועל נאָר ס׳פּנים אָפּוואַשן. מיך אַרט ניט וואָס דו האָסט ארויסגעזאָגט צופיל אמתן. מ׳דאַרף אַמאָל זאָגן וואָס מ׳טראַכט און וואָס מ׳פילט. א ביטערער אמת שאַדט ניט. כ׳לעב אפשר צופיל פאַר יענעם, און פאַרגעס אָן זיך אליין.

אַז קריינדל האָט זיך ארומגעוואַשן, איז זי צוגעגאַנגען צו היללן, האָט מיטביידע הענט געגלעט זיינע באַקן, געקוקט מיט א שמייכל אים אין פּנים אריין, און געפרעגט:

— זאָג מיר, הילל, וואָס איז מער ווערט, א נשמה אָן א גוף, צי א גוף אָן א נשמה?

הילל האָט זיך פאַרטראַכט. אים איז אומעטיק געוואָרן. ער האָט גוט באַגריפן וואוהין קריינדל צילט מיט אירע ווערטער. פונדעסטוועגן האָט ער באַשטימט ניט צו בלייבן קריינדלען שולדיק אַן ענטפער.

— די לוריאס האָבן צופיל נשמה, שאַדט ניט, אַז אַ לוריא־נשמה זאָל זיך טרעפן מיט אַ געזונטן גוף.

— כ'פאַרשטיי וואָס דו מיינסט — האָט קריינדל שטיל געזאָגט — אין אַמעריקע, האָב איך מורא, וועלן מיר אַלע ווערן מער גוף ווי נשמה. איך האָב ליב דעם מענטשן מיט דער גרויסער נשמה. פאַרדריסט מיך, וואָס דו קענסט אים אַזוי ווינציק.

אויף די ווערטער איז אין שטוב אַריינגעקומען פייגע חנה, און האָט אונטערגעהאָצקעט דאָס רויטהאָריקע יתומהלע:

— וואָס אַרט אייך, קינדערלעך, זי וועט שוין צוריק קיין ראָסיי ניט בענקען. איר ט'שוין זיין גוט אין דער גאָלדענער מדינה... האָצאַי, האָצאַי, טאַכטער מיינע! זאָלן שוין די קינדער האָבן נחת. האָצאַי, האָצאַי, טאַכטער מיינע! אַ מחיה דרויסן, וואָס זיצסטו אין שטוב קריינע? זאָג זיי, רבקהלע, טעכטערל, אַז מיר האָבן דאָרטן אין ראָסיי ניט געוואוסט ווי צו לעבן אויף דער וועלט, זאָג זיי, נשמה מיינע.

הילל און קריינדל האָבן זיך צוגעהערט צו פייגע חנהס גאָרניט גע־מיינטע רייד. פאַר זיי ביידן האָבן פייגע חנהס רייד איצטער געהאַט אַ טיפן באַטייט.

קאַפּיטל אַכצן

קריינדלס צווילינג־ברודער, זכריה, זינט די לוריא־משפחה איז אַריי־בערגעקומען קיין אַמעריקע, האָט זיין קאָפּ הויך ניט אויפגעהויבן. מיט די אויגן צו דער ערד, האָט ער זיך צוגעהערט צו די רייד פון זיין אייגן בלוט. פאַרן דמיון זיינען אים גאַנץ אָפט געבליבן שטיין די קינדערשע יאָרן. ווען ער און קריינדל, אַ פאַרליבטער צווילינג, זיינען אומגעלאָפן פאַרשייטע אויף די לאַנקעס הינטערן היימישן שטעטל.

זכריהן איז צומאָל שווער צו גלויבן, אַז אויף אייביק איז ער אַרויס־געריסן געוואָרן פון רוסלאַנד. „יידן זיינען ווי אין חלום פאַרטראָגן גע־וואָרן קיין אַמעריקע, און אַזוי שוין אין חלום וועלן זיי דערלעבן זייערע יאָרן" — דאָס האָט זכריה די לעצטע צייט אָפט געזאָגט צו זיך אַליין. ער האָט געאַרבעט געטריי אין חלפן־לוריא העמדער־שאָפּ, געגאַנגען אָפט אויף מיטינגען, זיך צוגעהערט צו די רעדעס פון אלערליי נאָך ניט קיין געקרוינטע אַרבעטער־פירער אויף דער יידישער איסט־סייד; געגאַנגען הערן די אַנאַרכיסטן־רעוואָלוציאָנערן אין די ניט־יידישע גאַסן, אָבער אָנטייל צו נעמען אין די אלערליי באַוועגונגען האָט ער ניט געהאַט קיין חשק. כאָטש ער האָט פאַרשטאַנען זיין ברודער נתנען, וואָס איז מיט לייב־און־לעבן איבערגעגעבן צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער אין די שוויץ־שעפּער.

אין די פרייע שעהן, אין די שפּעטע שעהן נאָך דער אַרבעט, האָט זכריה זיך געלערנט, און געגלויבט, אַז ווען עס איז וועט ער אָנקומען אויף אַ מעדיצינישן פאַקולטעט. „שאַדט ניט, די גרינגע זאָלן האָבן אַן אייגענעם דאָקטער... הלוואַי וואָלט עס נתן אויך געטאָן..." דורך זיין לערנען און ידיעה אין דער שפּראַך פון לאַנד, איז ער ניט דערנענטערט געוואָרן צום לאַנד, וואָס האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט צו האָפן, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט ער זיך אַרויסקלייבן צו לייטן. צו זיין צווילינג־שוועסטער איז ער געווען צוגעבונדן מיט לייב־און־לעבן. מיט אַ באַדויערן האָבן זיי איינס פון אַנדערן געטראַכט. זכריה האָט באַדויערט הלמאַי קריינדל איז מפקיר אירע יונגע יאָרן, געוואָרן אַ מאַמע צו אַ יתומהלע, געוואָרן אַ מאַמע צו די לוריא־קינדער, עלטערע פון איר. קריינדל האָט געגלויבט אין איר צווילינג־ברודערס פייאיקייטן און באַדויערט, וואָס זעכצן שעה פון מעת לעת פּאַטערט ער אַוועק אין שאָפּ. די צוגעבונדנקייט צו דער אייגענער שוועסטער האָט זכריהן דערווייטערט פון פרעמדע מיידלעך. גאַנץ אָפט האָט אים קריינדל געזאָגט מוסר, הלמאַי ער זוכט ניט אויס עפּעס אַ פיין מיידל פאַר זיך, וואָס זאָל אים אַריינטראָגן מוט און מונטער־קייט אין לעבן. ער האָט זיין שוועסטער אויף דעם קיין ענטפער ניט געגעבן.

איינמאָל, בעת קריינדל האָט מיט אים פאַרצויגן אַ שמועס וועגן דניאלס ווייב, דער גרטע, ווי אַזוי ליליען האָט כמעט פאַרנאַרט צו זיך דניאלן, און אים זיך איבערגעגעבן, האָט זכריה אָראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און איז רויט געוואָרן. דערנאָכדעם האָט ער ווי צו זיך אַליין געזאָגט: „אַזוי דאַרף טאָן אַ מענטש וואָס האָט אַ שטאַרקן ווילן...״ אפילו דאָס וואָס ליליען האָט זיך מגייר געווען, איז איבערגעגאַנגען צום יידישן פאָלק און פירט אַ פרומע יידישע שטוב, אפילו דאָס איז אויך געפעלן זכריהן. כאָטש אַליין, זינט ער איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט ער נאָכגעטאָן נתנען, און פון זיך די פרומקייט אַראָפּגעוואָרפן.

ווען די רייד איז דערנאָך אַרויפגעקומען אויף נתנען און מלכה חלפן, יעמאָלט האָט זכריה גאָר אומגעריכט באַשולדיקט זיין ברודער:

— נתן האָט שוין לאַנג געדאַרפט מיט איר חתונה האָבן — האָט זכריה באַדויערט — ער באַהאַנדלט זי ניט גוט. זי לויפט אים נאָך, און ער מיידט זי אויס.

קריינדל האָט באַטראַכט איר ברודער ווי אַ דערפאַרענעם. זי האָט גוטמוטיק געשמייכלט און געזאָגט:

— קענסט זי ניט. אויב נתן כאַפּט זיך ניט חתונה האָבן, ווייסט ער וואָס ער טוט. הלוואַי גייען זיי זיך פאַנאַנדער.

— פאַרוואָס? — האָט זכריה זיך געחידושט.

— אַ מיידל דערקענט אַ מיידל אַ סך בעסער ווי אַ בחור. איך קען זי אַביסל.

זכריה האָט אָנגעקוקט קריינדלען, ער האָט באַמערקט זאָרג אין איר פנים. מער האָט ער מיט קריינדלען דעם אייגענעם שמועס ניט אָנגעצויגן.

עס איז געווען שפּעט אינאָוונט. זכריה איז געגאַנגען פון שאָפּ, און ווי פאַרחידושט איז ער געווען, ווען כמעט אויף די טרעפּ, אונטן ביים איינגאַנג, איז אים אָנטקעגן געקומען מלכה חלפן. ס'האָט אויסגעזען, ווי זי האָט זיך געקליבן אַרויפצוגיין אויבן.

מלכה האָט אים צוגעצויגן צו זיך, אַרומגענומען און געקושט זיין קאָפּ.

זכריה האָט תחילת געמיינט, אַז מלכה האָט אים אין דער טונקלקייט על פּי טעות פאַרביטן אויף נתנען. ער האָט אָפּגעטראָטן פון איר, און מיט אַ צעשראָקענער שטים געפרעגט:

— דאָס ביסטו דאָך, מילדרעד. איך בין ניט נתן.

— כ'ווייס, אַז דו ביסט ניט נתן.

— וואָס טוסטו דאָ?

— כ'האָב אויף דיר געוואַרט... קום, מיר איז קאַלט.

מלכה האָט אים גענומען אונטערן אָרעם, זיך געדריקט צו אים נעענטער און געציטערט. איר האָט געקלאַפּט אַ צאַן־אָן־אַ־צאַן. זכריה האָט דעם אייגענעם שטורעם דערפילט אין זיין לייב צום ערשטן מאָל. אַ פּחד־געפיל האָט גובר געווען אין דער ערשטער רגע, ווען זי האָט אים אָפּגעפירט פון לודלאָו און זיך פאַרנומען צו העסטער סטריט.

— מילדרעד — האָט זכריה מלכהן אַריינגעקוקט אין פנים — האָסט דערציילט נתנען, אַז...

— ווער איז ער, וואָס כ'זאָל אים דערציילן? — האָט איר שטים געצי־טערט — כ'האָב אים ניט געגנוג ליב געהאַט? האָב איך אים ניט אוועק־געגעבן מיינע אַלע יאָרן זינט מיר זיינען אַריבערגעקומען אַהער? וואָס נאָך קומט אים פון מיר? זיי גוט צו מיר, זכריה. האָב פאַר מיר קיין מורא ניט, רוק זיך ניט אָפּ פון מיר.

זכריה האָט אויף שנעל געוואָלט פאַר זיך קלאָר מאַכן וואָס דאָ קומט פאַר מיט אים. ער האָט מלכהן אין קיין שום זאַך ניט חושד געווען. ער האָט באַגריפן, אַז מלכה חלפן איז אַ באַליידיקטע. ער אַליין האָט דאָך באַשולדיקט אין דהאַרצן זיין עלטסטן ברודער, אַז ער איז ניט גערעכט צו חלפנס טאָכטער, וואָס ער באַהאַלט זיך פון איר אויס די לעצטע צייט. אָבער זכריהן איז בשום אופן ניט קלאָר פאַרוואָס מלכה האָט איצטער אויף אים געוואָרט. פאַרוואָס האָט זי אים באַגעגנט מיט דער ליבשאַפט וואָס זי האָט אפשר געהאַט באַהאַלטן פאַר נתנען!

ווען מ'איז אַרויסגעקומען צו עלען־סטריט, איז זכריה ווידער געבליבן שטיין, און גאַנץ אַריינגעקוקט מלכהן אין פּנים אַריין.

— וואָס באַטראַכטסטו מיך אַזוי? וואָס, גלויבסט ניט דיינע אויגן? דאָס בין איך, דיין ברודערס געליבטע, זיין כלה. אָבער איך קען שוין ניט מער, כ'קען ניט מער. כ'האָב אים פיינט! כ'וויל אים מער ניט קענען!

— קום מיט מיר צו נתנען — האָט זכריה אַ נעם געטאָן מלכהן אונטערן אָרעם — קום, איך וויל מיט אים רעדן. מאַכט ניט אויס, וואָס איך בין אַ יינגערער. איך וועל אים אויסזידלען, ווי אים קומט. כ'ווייס, אַז ער איז אומגערעכט. וואָס, ווילסט ניט גיין צו אים?

— כ'דריי זיך שוין אַרום מער ווי אַ שעה דרויסן. נעם מיך אַיינ־ערגעצן אַריין.

מלכה האָט זיך געדריקט צו אים. זי איז ווי קלענער געוואָרן.

— קוק מיר אָן גלייך אין די אויגן אַריין, זכריה! ביסט דאָך שוין אַ דערוואַקסענער בחור. אַז איך וועל דיך אַזוי ליב האָבן ווי איך האָב ליב געהאַט דיין ברודער, וועסטו מיך אויך אַזוי באַהאַנדלען? איך פרעג דיך...

מער האָט מלכה ניט געקענט רעדן. זי איז געשטאַנען פאַר זכריהן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געוויינט אין דער שטיל.

— מילדרעד, קום נאָר אַריין צו אונדז. קום, קריינדל מעג עס וויסן, מירן איר אַלץ דערציילן.

— מיינסט עס? — האָט מלכה רואיק געפרעגט.

— יאָ, אוודאי מיין איך עס.

— קום אַרויף צו מיר. אָט, ניט ווייט פונדאַנען וואוין איך, קום אַרויף צו מיר.

זכריה האָט זיך געלאָזט פירן. ביידע האָבן דעם גאַנצן וועג ביז מעדיסאָן סטריט געשוויגן. ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין וואוהין זי פירט אים. ער האָט ניט געוואָלט איבערפרעגן, צי זי פירט אים אָפּטמאָל ניט צו אירעקע. אים איז פאַרנעפּלט געוואָרן פאַר די אויגן, פאַרנעפּלט איז אים געוואָרן זיין געדאַנק. ער האָט זיך געלאָזט פון איר פירן

ווי א שולדיקער, פונקט ווי ער גייט איצטער אָפּקומען א שטראָף פאַר זיין ברודערס זינד.

מלכה האָט אויפגעכאַפּט זיינע איצטיקע געפילן, זי איז פאַרלאָפן דעם וועג:

— מיינסט, מיר גייען צו מיינע לייט? איך וואוין שוין ניט מיט זיי. שוין מער ווי צוויי וואָכן, אַז כ׳וואוין ניט מיט זיי. האָב זיך מיט זיי צעקריגט. אַלץ צוליב אים. כ׳וואוין איצטער ביי ווילד־פרעמדע. האָב קיין מורא ניט פאַר מלכהן, זי פאַרמאָגט נאָר א האַרץ מיט ליבע, מער ניט. מיט ליבע דאַרף זיך אַ מענטש ניט באַהאַלטן. יאָ, זכריה, א נאַרישקייט צו באַהאַלטן זיך מיט ליבע.

זי האָט אים אַרויפגעפירט אויף פינצטערע טרעפּ, דערפירט אים ביז צום דריטן שטאָק. און איידער זי האָט געעפנט די טיר אין דירה אַריין, האָט זי אים מיט ליידנשאַפט אַרומגעכאַפּט, זיך איינגעגעסן מיט די ליפּן אין זיין האַלדז, איר ברוסט האָט זיך געצאַפּלט ווי צעשפּרונגען צו ווערן. אַ היץ ד׳האָט אַ שלאָג געטאָן פון איר ברוסט און פּנים, און אים אָנגעצונדן.

— אָ, איך זינדיק ניט קעגן קיינעם, זכריה! דאָס לעבן זינדיקט ניט קיינמאָל, זכריה! כ׳ווייס, דו קענסט שענער ליב האָבן, הייסער ליב האָבן ווי דיין ברודער. אָטאָ־דאָ, זכריה, וואוין איך. איצטער נעם איך דיך ניט אַריין צו זיך. דו וועסט קומען צו מיר, וועסט טרעפן צו מיר. איצטער איז מיר גוט: איצטער בין איך צופרידן, איצטער בין איך גליקלעך. אַ גוטע נאַכט, זכריה.

זי האָט אים נאָך אַמאָל אַרומגענומען, מיט ליבשאַפט געהאַלטן זיין קאָפּ אויף איר ברוסט און געגלעט זיינע הייסע באַקן. ער איז געווען אומטערטעניק, נאָכגעביק. ער האָט געהערט ווי איר האַרץ קלאַפּט אַמאָל העכער און אַמאָל שטילער. קלאַפּט האַסטיק, ד׳האַסטיק, און באַלד ווידער געפאַלן און שטילער. קיין ווערטער האָט ער איצטער ניט פאַרמאָגט. ס׳האָט אים אויסגעוויזן ווי אַ גאַנצע אייביקייט איז ער דאָ הינטער א פרעמדער טיר, א פאַרלאָרענער אויף דער ברוסט פון אַ יונגער פרוי, וואָס ער האָט געקענט אַזוי גוט, און אַזוי אומבאַקאַנט איז זי אים איצטער!

— יאָ, זכריה, וועסט טרעפן דעם וועג אַהער ווען דו וועסט מיך וועלן זען. אַ גוטע נאַכט, זכריה...

שטיל און שנעל האָט זי געעפנט די טיר, זיך אַריינגעשלייכט אין טונקעלן צימער, פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך, און געלאָזן זכריהן פון דרויסן.

זכריה האָט קיין כח ניט געהאַט זיך לאָזן איצטער אַראָפּ מיט די טרעפּ. ער האָט ניט געד׳האַט קיין מוט אָנצוקלאַפּן צו מלכהן אין טיר, אַריינגיין און אויפקלערן וואָס ער טראַכט פון נתנען, פון איר און פון זיך אַליין. אַ מידקייט האָט ער דערפילט אין זיינע קני „צו נתנען, אַלץ אים דערציילן, אויסמוסרן אים...״ ווען דער געדאַנק איז געוואָרן אויף א רגע אויסגעלייטערט, האָט ער באַגריפן, אַז דערוויל האָט ער ניט וואָס צו גיין צו זיין עלטסטן ברודער: „ער האָט אַליין געגנוג שכל, כ׳דאַרף אים קיין שכל ניט לערנען. ביז כ׳וועל אַליין ניט דערגיין וואָס מיט איר איז דער מער...״

זכריה איז א פאַר מאָל אוועקגעגאַנגען פון דעם הויז וואו מלכה חלפן איז, אַן אַנגעצונדענע פון איר אייגענער ליבע, פאַרשוואונדן געוואָרן, אָבער קעגן זיין ווילן האָבן אים די טריט צוריקגעבראַכט צום איינגאַנג. ער איז פאַר דער צייט דערוואַקסענער געוואָרן, ניכטערער און וואַכער. ער האָט געוואָלט פאַר זיך אַליין קלאָר מאַכן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען מיט אים און מיט זיין ברודערס געליבטע. אים איז קלאָר, אַז מלכה האָט ביי זיין שאַפּ אימעצן פון די לוריאַס אָפּגעוואַרט. ווער ווייסט, אפשר ווען זי טרעפט אָן זיין פאָטער, וואָלט זי זיך אויך געלאָזט דערקענען, און אפשר אויסגעגאָסן פאַר אים איר פאַרדראָס. ווי קומט עס אָבער וואָס מלכה האָט זיך אַזוי פאַרלאָרן, גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן וואו זי איז אין דער וועלט?

— וואָס האָט זי געמיינט מיט דעם וואָס זי האָט מיר געד־ייסן געדענ־קען דאָס הויז, איך זאָל קומען צו איר. צוליב וואָס?

ער האָט זיך דערמאָנט וואָס קריינדל האָט אים געזאָגט בעת ס׳איז געקומען צו רייד וועגן נתנען און מלכה חלפן: „מיידלעך קענען מיידלעך בעסער, בחורים קענען זיי ניט...״

— ווייס עפּעס קריינדל וועגן איר, אַז זי פירט זיך ניט גוט אויף? אפשר דעריבער לאָזט זי נתן אַזוי איינע אַליין? ניין, ניט דאָס האָט דאָך קריינדל געמיינט!

זכריה איז שטיל אַרויפגעקומען צו מלכה׳ס טיר אויפן דריטן שטאָק, פאַרזיכטיק אָנגעקלאַפּט אין טיר, און אָנגעשפּיצט די אויערן.

ער האָט געוואַרט א ווײַלע, און ווידער אָנגעקלאַפּט, שוין אַביסל שטאַרקער. פון אינעווייניק האָט זיך קיינער ניט אָפּגערופן. ער האָט אָנגעהויבן חושד זיין, אַז אפשר גאָר האָט ער געטראָפן צו א פרעמדער טיר. ס׳האַרץ האָט אָנגעד־ויבן צו רודערן, ווען ער האָט באַשטימט — זאָל זיין וואָס עס זאָל זיין, אָנצוקלאַפּן שטאַרק, און איינמאָל פאַר אַלע מאָל קלאָר מאַכן.

אָבער א פאַרבאָרגענער כח האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט, אַראָפּגעפירט צוריק פון די טרעפּ אויפן גאַס אַרויס און געפירט צוריק צום חלפן־לוריא־שאַפּ. „ניט אַהיים צו זיך — אין שאַפּ אַריין!״ צוליב וואָס, צוליב ווען, האָט ער אַליין ניט באַגריפן. דער שאַפּ איז נאָך געווען אָפן. דער הויכער, דאַרער מנשה טויב איז נאָך געזעסן און זיך געבלענדט די אויגן ביי דער אַרבעט.

ווען זכריה איז אַריינגעקומען, האָט מנשד־ צוגענומען זיינע אויגן פון דער אַרבעט, אַראָפּגענומען די שפּאַקולן און באַטראַכט זכריהן מיט א ביטערן שמייכל:

— וואָס, געקומען זיצן א משמר? אַז אָך־און־וויי צו אונדזערע נאַ־רישע יאָרן.

מנשה האָט זכריהן נענטער באַטראַכט, און געפרעגט:

—וואָס ביסטו אַזוי בלייך? ווידער עפּעס אַן אומגליק געטראָפן?

—גאָרניט, גאָרניט, מיסטער טויב, כ׳פויל זיך גיין אַהיים. מיר איז אַביסל אומעטיק.

— אַ נאָווענע, אומעטיק אין אמעריקע! מ׳וועט דאָ קראַפּירן, מ׳עט דאָ איינגעמען א מיתד־ משונה... און ווייסטו וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, ביסט

דאָך שוין אַ געכאַפּטער, וועסטו עס ניט גורס זיין. פון רוסלאַנד האָט דער רבונו של עולם אויסגעלייזט; איצטער איז מען, אויפן וועג קיין ארץ ישראל, אַריינגעשפּרונגען ווידער אין אַ מדבר. איז דאָס דער חילוק, וואָס דאָרטן, אין יענעם מדבר, האָבן מיר געהאַט אַ משה רבינו, ער האָט זיך געמיט, אַז יידעלעך זאָל גאָרניט פעלן. ער האָט זיך פּאָסטאַרעט ביים רבונו של עולם, ער זאָל אַראָפּשיקן מן פון הימל, די פיינע, פעטע פייגעלען האָט ער געלאָזן פאַלן, יידן זאָלן זיי כאַפּן. אין אַמאַליקן מדבר זיינען יידן ניט געזעסן און געשטשאַבעט ביז די אויגן זאָלן אַרויסקריכן... און דאָ, מ׳איז זינדיק, מ׳האָט פאַרבראָכן פאַרן רבונו של עולם, זאָגט ער: — פאַרט איך, יידעלעך מיט אַן אָקרענט, שניידט אַליין איבער דעם ים... ניטאָ מער קיין נסים, ניטאָ מער קיין שפּאַלטן דעם ים... און דאָרטן במחילה, אין דער גילדענער מדינה, זייט זיך מפרנס איינער פון אַנדערן. פּשוט און פּראָסט: — איך גריזשע דיך, דו גריזשע מיך, כע־כע־כע... דיר געפעלט ניט אַזאַ פּשטל? מ׳שמועסט, דו רייסט זיך צו ווערן אַ דאָקטער, הלוואי קאָנטשעסטו גיכער, וואָלסטו מיר געגעבן אַ סגולה צו מיינע צע־בראָכענע גלידער.

זכריה האָט געד־הערט דעם לאַנגן טויבס רייד. פאַר זיין דמיון איז איצטער געשטאַנען נתן: „אוי, ווי גוט וואָלט געווען, ווען אַנשטאָט דעמדאָזיקן אויסגעדאַרטן יידן מיט די בלאַנדע האָר־בינטלעך אויף די באַקן, וואָלט איצטער דאָ נתן געווען, אפשר וואָלט איך צום ערשטן מאָל אָפן מיט אים זיך דורכגערעדט, אים אויפגעוויזן, אַז ער האָט גענומען און פאַרגעסן איינגאַנצן אָן זיך אַליין, כאָטש אין די רייד פון דעם אויסגעדאַרטן טויבן שטעקט אַ גרויסער אמת...״

— אָבער וואָס האָט עס פאַרט צו טאָן מיט ניט־באַפרידיקטער ליבע און מיט ניט־באַפרידיקטע פאַרלאַנגען? און ווי אַזוי קען מען טאָקע איגזינען האָבן ליבע, ווען מ׳איז אַזוי פאַרהאָרעוועט, מ׳זעט ממש ניט אַרויס די ליכטיקע וועלט? זי, מלכה חלפן, אַרבעט ניט, די ברידער, די עלטערן האַלטן זי אויס, ווילן זי זאָל חתונה האָבן. און ער?

— מיסטער טויב — האָט זיך זכריה געווענדט צו מנשהן וואָס האָט שוין ווידער געהאַט זיין קאָפּ אין ניי־מאַשין — איר האָט ערגעץ אַ ווייב?

— נאָ דיר גאָר אַ שאלה! ווייסט ווי דען?

— דאָ, אין אַמעריקע איז זי?

— אוודאי, וואָס חידושט עס דיך? כ׳הער, אַז דיין עלטסטער ברודער וועט בקרוב שטעלן חופּה. מיט חלפנס טאָכטער שמועסט מען האָט ער חתונה, אַזוי האָט מיר ר׳ ישראל לוריא געזאָגט.

זכריה האָט דערשפּירט, אַז ניט אין ריכטיקן אָרט געפינט ער זיך איצטער. עס האָט אים אַ ציִ געטאָן צו די „גערמאַניע אַסעמבלי רומס״ וואו עס איז פאַרגעקומען אַ מיטינג לכבוד דעם ערשטן מאַי. ער האָט זיך ניט געריכט צו טרעפן אימעצן פון אייגענע.

* * *

אין „גערמאַניע אַסעמבלי רומס״ איז געווען ענג, הייס, קאָפּ אויף קאָפּ אַ מענטשן־געזעמל, און ס׳האָט געשמעקט מיט ציגאַרן־רויך און ביר. אַ דייטשע וועלט. אַ זיכערע, צופרידן אין איר אומרואיקייט. אַ שווער־

וואָגיקער עולם, וואָס איז געקומען הערן דאָס גרויסע, רעוואָלוציאָנערע וואָרט לכבוד דעם ערשטן מאַי.

אין דער אייגענער צייט איז נתן לוריא דאָרטן געשטאַנען א צוגעקלעפּטער צו דער וואַנט, ניט ווייט פון טיר, און ער האָט זיך געוואָלט איינפּאַסן מיט זיין גאַנצן געמיט אין דער דייטשער ארבעטער־וועלט, וואָס איז געווען פאַרזאַמלט; פרייער אויפאָטעמען צווישן די אויפגעוואַכטע אַרבעטער, וואָס שפּירן די מאַי־ווינטן אַרום זיך. ציט עס אים אבער צו דער וואַנט אָן וועלכער ער איז אָנגעשפּאַרט, ניט דערפאַר וואָס אין דער ענגשאַפט דרייען זיך ארום אין זייערע בלויע רעק די שווערע פּאָליסלייט, נאָר די ביקס, וואָס ליגט אויפן טיש צוגעגרייט פארן רעדנער, די שטומע, קאַלטע ביקס, און דער רעדנער, וואָס דאַרף באַלד בשותפות מיט דער ביקס באווירקן דעם עולם אין אָנגערויכערטן זאַל, דאָס רינגלט אַרום נתנען מיט סודות און אומרואיקייט.

די יונגע, עזותדיקע ווינטן האָבן פון דער ניט־יידישער ארבעטער־וועלט ספּאַזמאַטיש דורכגעבלאָזן דורך דער יידישער איסט־סייד, און געוועקט די געמיטער פון איינצלנע צווישן „די שקלאַפן פון יידישן מצרים...” „קאַמף”, „רעוואָלוציאָן”, „אַכט שטונדן ארבעט”... ווערטער אַלטע, און דאָך אזוי יונג און שאַרף האָבן געפלאָטערט אויף די פליגלען פון פרילינג־ווינטן. נתן לוריא האָט זיין דהאַרץ און פּנים געפּרואווט ווענדן אנטקעגן די געפליגלטע ווערטער, כאָטש אין זיין וועלט, אין יידישן מצרים, האָט דער גרינער אין די שוויץ־שעפּער פון זיך די נשמה אַרויסגעיאָגט. הארץ און מי זיינען געווען פארטאָן צו העלפן די הענט, וואָס האָבן געשטעפּט, געפּרעסט, געשטשאָבעט העמדער, קינדערשע הייזקעס, פון פריען פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. פון דאָרטן, פון די ניט־יידישע געגנטן, וואו מ'האָט אין פרייער צייט א סך ביר געטרונקען, און הויך, פון פולער ברוסט ארויסגעזונגען — פון דאָרטן האָבן די שאַרפע מאַי־ווינטן געבלאָזן. דאָרטן האָט גאַנץ אָפט זיינע גלוטיקע שלאָג־ווערטער, ווי עקספּלאָדירנדיקע פייער־ווערק געשליידערט איבער די קעפּ פון צוהערער דער הייסבלוטיקער אנאַרכיסט־רעוואָלוציאָנער יאָהאַן מאָסט.

נתן האָט געהאַלטן צונויפגעדריקט אין האַנט א ליפלעט, וואו יאָהאַן מאָסט רופט „צום וואָפן, צום וואָפן...” נתן קען ניט באַנעמען, ווי אזוי דער ערלעכער פרייהייטס־קעמפער גלויבט גאָר מיט אַן אמת, אז דער אַרבעטער־קלאַס איז שוין שטאַרק גענוג צו קענען מיט וואָפן אין האַנט אַראָפּשליידערן פון זיך די „לומפּיקע הערשער”. מחמת, ווען נרתן האָט געוואָלט באַגרייפן דעם זין פון באַוואָפנטן קאַמף, האָט אים דער דמיון אוועקגעטראָגן צו דער פאַרלאָרענער היים, צו דער ווייטער, און נאָך אַלץ נאָנטער רוסלאַנד, וואָס ליגט איינגעוויקלט אין שאָטנס פון באַגינען, וואו רעוואָלוציאָנערן גראָבן זיך ווי קראָטן אונטער דער ערד, גראָבן און פירן צו טונעלן צום צאַרס פּאַלאַץ. זיי האָבן שוין דעם צאַר אלעקסאנדער דעם צווייטן אָפּגעראַמט פון וועג, און איצטער גרייטן זיי זיך אוודאי אויפצורייסן דעם טראָן פון אלעקסאנדער דעם דריטן. „דאָרטן איז פאַראַן אין וועמען צילן, און וועמען אָפּצוראַמען פון דער וועלט. דאָרטן איז דער צאַר איינער — טראַכט נתן — טרעפט מען אין אים מיט א קויל — איז אויס

מיט אים! איז עפעס אָפּגעטאָן געוואָרן... אָבער דאָ, יעדער באָס איז אַ צאַר, דאָס לאַנד איז גרויס, און אַזויפיל, אַזויפיל זיינען זיי אומעטום.״

אמת, פון שיקאגע קומען אָן ידיעות, אַז דאָרטן אין דער אַרבעטער־וועלט בונטעווען ניט קיין גרינע שניידערלעך, געבוירענע יידעלעך, וואָס שרעקן זיך פאַר אַ ליאַדע איירישן באָס, וואָס רייסט יידישע בערד; דאָרטן, שמועסט מען, בונטעווען ניט קיין באַנק־קוועטשער, אָנגעלאָדענע מיט דהיימישן פחד פאַרן אוראַדניק, צי פּריסטאַוו... דאָרטן, אין שיקאַגע, שמועסט מען, קלייבן זיך היינטיקן מאַי אַרויסצוקומען און פאָדערן אָן אַכט שעהדיקן אַרבעטסטאָג — די, וואָס אַרבעטן אין שטאָל־פאַבריקן, די וואָס האַמערן און שמידן, מאַכן אַקערס און בראָנעס, שמידן אויס סערפּ און קאָסע. „אויף זיי, אויף די שמידן מיט שטאָלענע מוסקולן און אייזערנעם מוט, אויף זיי איז אַלץ צו גלויבן. אָבער אונדזערע, משטיינסגעזאָגט...״

די נייס פון ווייטן האָבן זיך נתנען יאָ געלייגט אויפן שכל.

נתנס בליק פאַלט אויף די שווערע, מגושמדיקע פאָליסלייט און אין מח טוט אַ בליץ אַ מחשבה:

— אָ, זיי וועלן שוין יאָ שיסן, זיי, אַז מ׳וועט הייסן. זיי האָבן מוט, האָבן ווילדן כח, מ׳באַצאָלט זיי פאַרן שיסן.

דער עולם האָט זיך אַ וויג געטאָן, געצויגן קאָפּ און האַלדז צו דער בינע. אַפּלאָדיסמענטן, „אָך״־אויסגעשרייען, און געדיכטער האָט דער ציגאַרן־רויך זיך אַ קרייזל געטאָן איבער די קעפּ פון דער מענטשן־מאַסע. יאָהאַן מאָסט און אָנגעלאָדענער מיט זיין אייגענעם פייער, האָט זיך באַוויזן אויף דער טריבונע. זיינע בלויע אויגן האָבן שאַרף געצילט, און ווי אימעצן געזוכט אין דער מאַסע. זיינע הענט האָבן פיבעריש געגלעט די ביקס, וואָס איז פאַר אים געלעגן, און די פרומקייט פון פּנים אַרום מויל האָט זיך נאָך מערער געקרימט, ווען זיינע בליקן האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן די פאָליס־לייט, ענג איינגעשפּילעטע אין די בלויע רעק.

אַפריער מילד, מיט אַ רחמנות־ציטער, זיינען די ווערטער זיינע אַוועקגעשוואומען דורך ציגאַרן־רויך און ביר־ריח צו דער פאַרזאַמלטער און צעוואַרימטער מאַסע. ער האָט געמאָלן דאָס בילד פון נויט און פּיין ביי די שקלאַפן פון דער וועלט, די אונטערדריקטע און פאַריאָגטע אַרבע־טער־קלאַסן איבער גאָר דער וועלט. ער האָט געמאָלן אַ בילד פון הונגער און אונטערגאַנג, פון אָפּגעצערטע, מיט בלוט אָפּגעלאָפענע מוטערס אין די נאַסע, קאַלטע און קראַנקע וואוינונגען; און די פאַר דער צייט אומגע־קומענע עופהלעך ביי די לערע בריסט פון פאַרצאָגטע מאַמעס. ער האָט געמאָלן דעם דערשטיקטן וויגעשריי פון די וואָס האָבן ברויט געשאַפן און ליכטיקע, וואַרימע הייזער געבויט, און אַליין קומען זיי אום אין דלות און נויט, ניט זיי עסן דאָס ברויט — די מי פון אייגענע דהענט; און ניט זיי וואוינען אין די ליכטיקע, וואַרימע היימען. זיי אַליין פרעסט און צערט דער הונגער. זייער געביין פוילט און צעפאַלט אין פינצטערע, נאַסע און קאַלטע לעבנס־קאַזאַמאַטן.

פּנימער אין דער מאַסע צוהערער האָבן זיך געקאַרטשעט פאַר ווייטיק, און אין האַלדז האָט זיך אַ פאַרשטיקטער געוויין געקנוילט. דאָס טרויער־בילד וואָס דער רעדנער האָט געמאָלן, דהאָט זיך געוויגט פאַר פאַרטרערטע

אויגן, ארויף־און־אַראָפּ האָבן זייגעווערטער קיל און פּיינלעך געשניטן דאָס האַרץ. ס׳האָט אויסגעוויזן, אַז דער רעדנער האָט פאַר די צוהערער אויפגעעפנט א יאָמער־טאָל, און פאַרגעסן צו ווייזן דעם וועג צו דערלייזונג. ער האָט אראָפּגעריסן דעם שלייער וואָס דעקט איבער און פאַרשטעלט די מידיקייטן פון די פאַרפּייניקטע, און האָט פאַרגעסן אָנצואווייזן אויף די זינדיקע און שולדיקע, וואָס האָבן פארן מענטשן באַשאַפן דעם גרויסן יאָמער־טאָל.

אָבער באַלד האָט דער רעדנער אַ ציטער געטאָן, פון אינערלעכן פייער איז זיין וואָרט ארומגעכאַפּט געוואָרן און זיך אָנגעצונדן בשעת ער האָט גענומען משפּטן די שולדיקע, און אָנרופן די שולדיקע ביי זייערע נעמען. ער האָט ניט געשוינט די רייכע און זאַטע, וואָס האָבן זיך ווי לייז אָנגעזעצט אויף דעם קערפּער פון די שוואַכע, וואָס „ווי פּיאַווקעס האָבן זיי זיך איינגעזויגן אין לייב פון די אויסגעצערטע, נאָגן דאָס בלוט און קוועלן אָן פון אָרימאַנס בלוט ביז צום פּלאַצן!...” ער האָט ניט געשוינט די עקספּלואַטאַטאָרס, וואָס מיט פּילפאַכיקע אָרעמס האָבן זיי ארומגעכאַפּט און זיך איינגעזויגן אין די לייבער פון שוואכע מוטערס און יונגע קינדער, וואָס קיינעמס פּראַצע איז זיי ניט דערווידער — אבי די אייגענע שפּייכלערס פולער, פולער אָנצושטאָפּן! וואָס גייען מיט טעמפּקייט אויף יונגע לעבנס, צעמאָלן זייער געביין מיט רויבערישער תאווה, און קיינמאָל, קיינמאָל ווערן זיי ניט זאַט, קיינמאָל, קיינמאָל שרייט אין זיי ניט אויף דער חיהשער געוויסן — „גענוג!”

— פון וועמען בעט איר אַן אכט־שטונדיקן ארבעטס־טאָג — האָט דער רעדנער סאַרקאַסטיש אריינגעקוקט אין דער צונויפגעשמאָלצענער מאַסע — פון די לייז און פּיאַווקעס? פון די רויבער, וואָס מיט איין האַנט גיבן זיי נאָך, און מיט אַנדערער כאַפּן זיי דיך פאַרן האַלדז? רעוואָלוציאָן! דאָס איז דער איינציקער וואָפן... ארויסשלאָגן די מאַכט פון דעם רויבערס האַנט, און באַפרייען דאָס אָנגערויבטע פון זיינע פארבלוטיקטע הענט! יעדער איינער פון די באַרויבטע זאָל זיך גרייטן צו מעשים. יעדער איינער זאָל וויסן ווי אַזוי מיט געווער זיך צו באַנוצן. דער טעכניקער ביי דער ארבעט דאַרף אויך וויסן ווי די מאַשינען צו מאַכן שווייגן, און דער פייער־לעשער — ווי פייערן צו צינדן. דער וואַסער־דערלאַנגער — ווי דאָס וואַסער צו פאַרשליסן, און דאָס דינסטמיידל — ווי אַזוי סם צו באַנוצן אין די שפּייז פון די הערן... צום וואָפן, צום וואָפן! און זאָל דאָס פאַריאָכטע פאָלק פון זיך אַראָפּוואַרפן די מיאוסע פּאַראַזיטן, וואָס האָבן זיך אויף זיין אָפּגעצערט לייב אָנגעזעצט!

רואיק האָט דער רעדנער גענומען די ביקס, פאַנאַנדערגענומען אויף איינציקע טיילן. רואיק און מעטאָדיש האָט ער באַוויזן דעם עולם ווי אַזוי מ׳באַדאַרף זיך באַגיין מיט א ביקס, ווי אַזוי מ׳זאָל זיך באַגיין מיט אָנגעלאָדענע באָמבעס, ווען די צייט פון קאַמף וועט זיך אָנהייבן.

נתן לוריא איז אויף א ווייל פאַרטראָגן געוואָרן אין א מוראדיקער וועלט פון אומגערעכטיקייט און פאַרברעכן, נויט און פּיין. צווישן אייגענע, האָט ער מיט זיינע מחשבות פאַרבלאָנדזשעט. ער האָט כמעט אָנגעהויבן

צו דערקענען די הונגעריקע, און די זאַטע, וואָס נאָגן ביי זיי דעם קליאַק פון די ביינער, דאָס חיות פון זייער לייב און לעבן.

נאָר אז דער רעדנער האָט אַ רוף געטאָן צו וואָפן, אָנגעהויבן לערנען דעם עולם ווי אזוי מען באַדאַרף זיך באַגיין מיט א ביקס — האָט נתן זיך מיט אַמאָל אויסגעניכטערט, און דאָס געשטאַלט פון די פּאָליסלייט האָט ער מיט אַמאָל באַמערקט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז אַט באלד, ווי אין רוסלאַנד, וועט זיך דער אמתער קאַמף אָנהייבן דאָ אויף אָן אָרט אין זאַל. די פּאָליסלייט וועלן אָנהייבן שיסן אין עולם אריין. א געוואלד, א געיאָמער, און טייכן בלוט! מ'וועט ארעסטירן, שמידן אין קייטן, שיסן, אָדער הענגען...

אָבער אין דער ענגשאַפט איז גאָרניט פּאַרגעקומען. פּאַרקערט, די געמיטער האָבן זיך באַרואיקט. די מענטשן אָטעמען פרייער אָפּ. די פּאָליסלייט האָבן זיך אויך פּאַרקוקט צום רעדנער, וואָס ווייזט ארויס אזא קונציקייט ביים פּאַנאַנדערנעמען די ביקס.

— וואָס איז דאָ? — האָט נתן ביי זיך אליין א פרעג געטאָן — א טעאַטער־שפּיל שפּילט מען דאָ פּאַרן עולם? איז דאָס ערב ערשטער מאַי, אָדער גאָר א שפּיל אַזאַ, אָנצוצינדן דעם עולם?... און די שווערע פּאָ־ליסלייט אין די בלויע, ענג־געפּאַסטע רעק זיינען דאָ אויך געקומען צו אַ טעאַטער־פּאַרשטעלונג!

נתנען האָט ארויסגעשלאָגן אַ קאַלטער שוויס אויפן שטערן, און אַ קילע פייכטקייט האָט ער דערשפּירט אויפן גאַנצן לייב, וואָס האָט געקלעפּט צו זיך דאָס העמד. ס'האָט אים אַ צי געטאָן אין דרויסן, אָפּקילן דעם צעהיצטן מוח און באַקלערן, באַנעמען, אויף וואָס פאַר אַוועלט ער געפינט זיך אליין. חלום און וואָר. די וואָר איז דער עלנט פון דער ארבעטער־וועלט וואָס דער אַנאַרכיסט־רעוואָלוציאָנער האָט נאָרוואָס פּאַר דער מאַסע געמאָלן; און אַ וויסטער חלום איז דאָס בילד ווי דער רעדנער האָט גענומען אַ ביקס און לערנט די מאַסע ווי צו שיסן!

— טאָקע דערפּאַר וואָס די פּאָליציי מאַכט זיך ניט ווויסנדיק, לאָזט די רעוואָלוציאָנערן זאָלן זיך שפּילן מיט געווער, זיך שפּילן מיט פייער, איז א סימן, אַז שוואַך, גאָר שוואַך איז מען דערוויל אין די רייען פון אַרבעטער־קלאַס.

אַ קילער ווינט האָט דורכגענומען זיין גאַנץ לייב ווי נאָר ער איז אַרויס דרויסן. נתן האָט זיך דערשפּירט ווי איין אַ לערער וועלט וואָלט ער געשטאַנען, דער קילער ווינט וועט אים אזוי דורכבלאָזן, ביז ער וועט גאָר איינגעשרומפּן ווערן.

— וואָס ביסטו, נתן, ארויסגעלאָפן פון זאַל? ס'איז דאָך אַזאַ אמת, אלץ אמת וואָס ער האָט געזאָגט...

נתן האָט אָנגעקוקט זיין ברודער זכריהן, וואָס איז פּלוצלונג אויסגע־וואָקסן נעבן אים, און האָט ניט געגלויבט זיינע אויגן און אויערן.

— וואָס איז מיט דיר, נתן, פאַרוואָס ביסטו אַרויס פון זאַל, האָסט זיך דערשראָקן פאַר דער ביקס?

— ווי קומסטו אַהער? — האָט זיך נתן געחידושט.

— כאַ־כאַ־כאַ — מיינסט איך ווייס ניט וואָס עס קומט פאַר אין ניו־יאָרק? איך גיי אים אלעמאָל הערן...

— דו?

— וואונדערסט זיך? ער איז דער איינציקער, וואָס זאָגט אַרויס אַזאַ ביטערן אמת.

נתן האָט צוגעצויגן צו זיך זיין יינגסטן ברודער און האָט אים פון נאָנטן באַטראַכט. ס׳איז אים אפילו אין חלום ניט איינגעפאַלן צו זען דאָ איצטער זיין ברודער זכריהן — אָט דעם שוויגנדיקן, אין זיך באַגראָבענעם זכריהן.

— וואָס זאָגסטו, זכריה, צו אים, איז ער גערעכט, ווען ער הייסט נעמען ביקסן, אָדער ווען ער הייסט, דינסטן זאָלן זיך לערנען ווי אַזוי צו מישן סם? האַ, וואָס זאָגסטו, זכריה?

— די צייט וועט קומען, און די אומגליקלעכע וועלן עס סיי־ווי טאָן. האָבן זיי דען ניט דערהרגעט דעם צאַר אין רוסלאַנד? האַ־האַ, זעסטו דאָך, מיר יידן האָבן זיך דערשראָקן פאַר פּאָגראָמען און אַנטלאָפן קיין אמעריקע. זיי דאָרטן האָבן ניט קיין מורא. זיי וועלן גיין אין פייער אריין. זעסטו דאָך, דאָ אין זאָל זיינען נאָר דייטשן געווען. ביי יידן וואָלט ניט גענומען א רעדנער א ביקס אין האנט, לערנען דעם עולם ווי צו שיסן אין צייט פון אַ רעוואָלוציע.

— ס׳איז א קאָמעדיע די גאַנצע זאַך, זכריה. ווי האָסטו עס ניט פאַרשטאַנען?

— און דאָס וואָס ער האָט דערציילט פון די ליידן?

—דאָס ווייס איך אָן אים.

— ביי אונדז איז דען ניט אַזוי?

— כאַ־כאַ־כאַ... כ׳מאָל מיר אויס ווי ארבעטער וועלן גיין שיסן ישראל לוריאן דעם עקספּלואַטאַטאָר, כאַ־כאַ־כאַ...

— לאָך ניט, נתן, ווער איז ישראל לוריא, און נאָך אַזעטיקע ווי ער? צי זיי ווערן אליין ניט אויסגענאָגט פון אימעצן אנדערש? דאָרטן איז אָן אַנדער וועלט. ער רעדט פון אַנדערע עקספּלואַטאַטאָרס, פון די גרויסע, וואָס האָבן אין זייערע הענט די לוריאס, די חלפנס, די ליפּשיצעס און די ראַבינאָוויטשעס. קום אריין צוריק, נתן, כ׳וויל אים דערערן וואָס ער האָט נאָך וואָס צו זאָגן. נאָך א רעדנער וועט באַלד רעדן.

זכריה האָט גערעדט, און פון געדאנק איז אויף קיין רגע ניט פאַר־שוואונדן מלכהס געשטאַלט. ער האָט חשק געהאַט איבערצורייסן דעם שמועס און דערציילן נתנען וואָס מיט אים איז פּאַרלאָפן. אויסמוסרן דעם עלטערן ברודער, הלמאי ער לאָזט זיין ליבע זאָל אויסגעלאָשן ווערן.

— כאַ־כאַ־כאַ, זכריה גאָר פאַרטיידיקט רעוואָלוציע און טעראָר!

זכריה האָט זיך דערשפּירט אומבאַקוועם. ער האָט געשפּירט ווי זיין עלטסטער ברודער מאַכט פון אים חוזק. ס׳האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער האָט זיך גאָר געלאָזט איצטער דערקענען פאַר נתנען. „ניט געדאַרפט

ארויסקומען — האָט זכריה אַ טראַכט געטאָן — זאָל ער ניט וויסן מיינע וועגן, פונקט ווי איך גיי אים ניט נאָך."

— אַ גוטע נאַכט, נתן, איך גיי נאָך אריין צוריק אין זאַל!

זכריה האָט ניט געוואַרט אפשר וועט נתן אויך מיטגיין, ער ד'האָט געלאָזן נתנען, און אליין פאַרקערעוועט צום זאַל.

אָבער די אמתע מאַי־ווינטן האָבן שטאַרק און שניידנדיק אַ בלאָז געטאָן דורך די ניו־יאָרקער ארבעטער־קוואַרטאַלן מיט עטלעכע טעג שפּע־טער, ווען פון שיקאגע זיינען אָנגעקומען די איינצלהייטן פון דער „היימאַר־קעט" טראַגעדיע, וואו טאַקע די ארבעטער־שמידן זיינען ארויס פון די אַגראַר מאַשין־פאַבריקן צו פאָדערן אַן אַכט שעהדיקן ארבעטסטאָג. אין די צענדליקער טויזנטער זיינען זיי ארויס אין מאַרש, געפירט פון באַרימטע אַנאַרכיסטן־רעוואָלוציאָנערן. אַן אמתע מלחמה האָט אויסגעבראָכן אין שיקאגער גאַסן! פּאָליציי האָט אויף אַן אמתן געשאָסן, און ארבעטער האָבן מיט פייער אויף פייער געענטפערט. אַ באָמבע האָט אויפגעריסן און באַשאָפן אַ חורבן אין די רייען פון דער באַוואָפנטער פּאָליציי. — — — אָנגעקומען ידיעות, אַז די סאַמע באַוואוסטע פירער, די שענסטע רעדנער און פרייהייטס־קעמפער האָט מען ארעסטירט, און אין קייטן געשמידט. מ'וועט זיי משפטן און פאַרמשפּטן. „מ'וועט זיי הענגען, ווי מ'האָט אין רוסלאַנד טעראָריסטן געהאַנגען..." ס'ד'האָט זיך אויך פאַרשפּרייט די נייס, אַז יאָהאַן מאָסטן האָט מען ארעסטירט, ניט אויף דער פאַרזאַמלונג, בשעת ער האָט באַוויזן ווי זיך צו באַגיין מיט אַ ביקס, נאָר שפּעטער, שוין ביי זיך אינדערהיים האָט מען אים ארעסטירט און אין תפיסה אריינגעזעצט. נתן לוריא איז געזעסן ביי זיין באַשיידענעם, ניט־פאַרשפּרייטן טישל און פאַרצייכנט אויף אַ בויגן פּאַפּיר נעמען פון זיינע יוניאָן מיטגלידער, און אגב געגנייגט דעם אויער צום וואַרימען דרויסן. כסדר האָט אים אויסגעוויזן, אַז פון דער לינדער נאַכט ארויס דערנענטערן זיך אומרואיקע אויסגעשרייען.

דורכן אָפענעם פענצטער האָט אינדערקרום אַ מילדער ווינט אַ בלאָז געטאָן און אראָפּגעזעצט דאָס פלעמל אין זיין לאָמפּ. ווען דער ווינט איז פאַרשוואונדן, און דאָס פלעמל האָט זיך באַרואיקט און צוריק אויסגע־גלייכט, האָט זיך אויף אַ ווילע אַ גרוי־ווייסער רויך אַ וויקל געטאָן אינע־וויניק אין גלאָז, געקרייזלט און געצויגן צום דרויסן. דער רויך איז אינ־גאַנצן ארויס, און געלאָזן דאָס גלעזל פון לאָמפּ שווארץ־גרוי פאַררויכערט.

— ליכט און פינצטערגיש אין שטענדיקן קאַמף — האָט נתן געטראַכט. ער איז אויפגעשטאַנען, און אין דער העלפט צוגעמאַכט דאָס פענצטער.

די מחשבות האָבן זיך אַ טראָג געטאָן איבער דער יידישער איסט־סייד. כאָטש ער האָט געוואוסט אַז ער לעבט שוין ניט מער אין רוסלאַנד, פונדעסטוועגן האָבן די ווערטער: „קאַמף", „רעוואָלוציאָן" באַשאָפן אומ־רואיקייט אַרום אים. ער ד'האָט אַ סך מאָל געטראַכט פון ייִנגסטן ברודער, פון דעם שוויגנדיקן זכריהן.

נתן האָט ניט נאָר אויפגענומען די שטימונגען וואָס האָבן די לעצטע טעג געהערשט אין די ארבעטער־גאַסן, ער האָט איבערגעלעבט די אומרו־

איקייט, וואָס נאָר דער ייד דערשפירט אין צייט, ווען אומגערעכטיקייט פלייצט איבער דער מאָס.

מלכה חלפן איז אריינגעקומען, מיט שטילע טריט איז זי צוגעגאַנגען צו נתנען, און ארומגענומען זיין קאָפּ.

— כ׳האָב אויף דיר געוואַרט אַ גאַנצן פאַרנאַכט. אַ, נתן? כ׳האָב מורא, אז דאָ זאָל עפּעס ניט טרעפן, נתן. וואָס מיינסטו? האָסט געהערט וויפיל מענטשן עס זיינען דערהרגעט געוואָרן אין שיקאַגע, און ווי די אר־בעטער האָבן ווי אמתע סאָלדאַטן געשאָסן אין פּאָליציי אריין? האַ, וואָס זאָגסטו, נתן? ווייסט, ביסט בלאַס געוואָרן. האָסט מורא?

נתן האָט אָפּגערוקט פון זיך די פּאַפּירן, און נענטער צו זיך צוגעצויגן מלכהן.

— ווייסט, יידן האָבן מורא, אז פון דעם זאָל חלילה קיין פּאָגראָם ניט אויסברעכן. ס׳איז אַנגעפאַלן אַ פּחד אויף יידן. וואָס זאָגסטו, נתן? פאַרוואָס ביסטו היינט אַזוי? זכריהן האָסטו געזען? ער איז אַ וואוילער יונג.

— כ׳קלער, ווי היינטערשטעליק מיר זיינען. אָט האָב איך דאָ פאַר־צייכנט נעמען פון יידישע ארבעטער. געמאַכט אַ יוניע, מ׳זאָל סטרייקן, טאָמער וועט אַ לעאָנאַרד חלפן אויספּאַטשן אַן ארבעטער וואָס אַרבעט זעכצן שעה אין מערת־לעת און וואָס פאַלט פון די פיס. און דאַרטן קעמפט מען פאַר אַן אַכט שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. וואו זיינען זיי, און וואו זיינען מיר?

נתן האָט גערעדט, ווי ער וואָלט גאָר ניט געהערט וואָס מלכה האָט אים געפרעגט.

— נאַרעלע, נייטן, וואָס האָסטו זיך איינגערעדט, אז יידן זיינען שאָפּ־אַרבעטער? וועל איך שטענדיק ארבעטן? ווערסטו? וועלן דיינע ברידער? ס׳איז נאָר אויף דערוויילע. דעריבער ווילן גאָר יידישע ארבע־טער ניט איינשטעלן ס׳לעבן.

— דער יידישער ארבעטער, ווי דער ניט־יידישער, וועט קעמפן פאר מענטשלעכע רעכט.

— איך צייל די טעג ווען דו וועסט אַוועק פון שאָפּ.

— וואָס וועט יעמאָלט זיין?

— איך האָב דיך ליב. כ׳קען ניט אַנדערש. דער שאָפּ, די ארבעט, און דער באָס; ס׳נעמט דיך אַוועק פון מיר אינגאנצן. כ׳וויל דיך האָבן נאָענט אַ גאַנצן טאָג. שטענדיק, שטענדיק. און דאָס...

מלכה האָט אַראָפּגעשאַרט פון טיש די פּאַפּירן מיט פאַרשריבענע נעמען.

— כ׳וויל דיך ניט לאָזן גיין אין סכנה — האָט איר שטים געצי־טערט — כ׳וויל דו זאָלסט איצטער מיט מיר ארויס דרויסן. קום צו מיר, כ׳האָב מורא אליין.

אומגעריכט פאַר זיך אליין האָט מלכה אויסגעבלאָזן ס׳פייער פון לאָמפּ.

— ניין, מלכה, אזוי וועט עס ניט טויגן. דאָס וואָס דו האָסט זיך אריינ־

גענומען אין קאָפּ, וועט דיך נענטער צו מיר ניט ברענגען. די חלפנס וועלן ניט זיין מיינע וועגווייזער!

— נו, גוט, נו, גוט — האָט מלכהס שטים געציטערט.

נערוועיש האָט זי געזוכט און געפונען שוועבעלעך, און אָנגעצונדן דעם לאָמפּ.

— פון די חלפנס זאָלסטו זיך טאַקע ניט לערנען — האָט מלכה ניט געקוקט אויף נתנס זייט.

זי האָט אויפגעקליבן פון דיל די פּאַפּירן, אנידערגעלייגט צוריק אויפן טיש, און מיט האַסטיקע טריט ארויס פון צימער.

נתן איז א ווייל געבליבן זיצן א דערשטוינטער. מיט ציטערנדיקע פינגער האָט ער געטאַפּט די פּאַפּירן וואָס אויפן טיש. די אויגן האָבן געבלאָנדזשעט צווישן די פאַרצייכנטע נעמען, און אלץ בלאַנק און בלאַנקער האָט דאָס פאַרשריבענע פּאַפּיר אים אויסגעוויזן.

קאַפּיטל ניינצן

נתן לוריאַ, אַ בלאַסער מיט אַן אויסגעצויגענעם פּנים, איז געשטאַנען אַ פּאָר טרעפּלעך העכער און אַנגעגורט זיינע כוחות צו באַווייזן דעם פאַר־זאַמלטן עולם, ווי נוצלעך ס'איז, אַרבעטער זאָלן זיין פּאַראייניקט אין אַ יוניען. נתנס אַנגעשטרענגט לעבן: שאַפּ, אַרבעטער־פאַרזאַרגער, און ס'לערנען אין פרייע, אָפּגעשפּאַרטע שפּעטע שעהן, דאָס האָט איינגעקאַרבט זיין שטערן און איינגעשניטן צייכנס ביי די ווינקלען נאָז און מויל.

געווען אַ קאַלטער, נאַסער שבתצונאַכטס. דער שמאָל־לאַנגער, האַלב אין קעלער, נידעריקער זאַל אויף איסט־בראָדוויי, איז געווען אָנגעפּי־קעוועט מיט אַ „גרינעם" אַרבעטער־עולם פון אַרומיקע דירות און שעפּער. יידן שווארץ־בערדיקע און געל־בערדיקע, פאַרשוירענע און געגאָלטע, אין קאַפּאָטעס און אין קורצע רעקלעך, קאַפּעליושן ברייטראַנדיקע און פלאַכע דענקעס, האָבן זיך געטאָפּטשעט אין דער ענגשאַפּט. אין רויך פון ציגאַרן, פּאַפּיראָסן און ליולקעס, זיינען אומגעשוואומען פליטערלעך פון דער ניט־דערוואָרבענער דלות־שפּראַך: „סלעק", און „לאָקאוט" — — — דאָס „גרינע", וויסטע לעבן האָט, אין פּחד פאַרן מאָרגעדיקן טאָג, צונויפגעבראַכט אַברהם אַבינוס אַמעריקאַנצעס אויסצוהערן, וואָס עס האָבן צו זאָגן די פּירער און עצה־געבער. אויסער דעם, וואָס שברת איז מען געווען פריי, זיינען צוליב „סלעק" סיי־ווי געווען געגנוג ליידיקגייער פאַר דעם מגיד און מטיף, און פאַר דעם „זאָגער", וואָס האָט אָפּגעמאָלן דעם ביטערן מצב פון גרינעם אין קאָלומבוסעס מדינה.

נתן, איידער ער איז אוועק פון שטוב, האָט ער גאָר אומגעריכט געד־האַט אַן איבעררייד מיט מלכהן. ער האָט זי פאַרבעטן, זי זאָל מיט אים גיין אויפן מיטינג. האָט זי, אַ פאַרביטערטע, אים מכבד געווען מיט אַביסל מוסר:

— וועסט האָבן אַזאַ ביטערן סוף ווי אַלע דיינע לאַנדסלייט. אַ חרפּה, אַזאַ מענטש ווי נתן לוריאַ זאָל גיין אַנטקעגן לעבן!

ער האָט אַרויסגעאיילט פון שטוב, ניט געוואָלט הערן אירע ווייטערדיקע רייד. זי איז געקומען אַן אַנגעלאָדענע, האָט ער געלאָזן, זי זאָל איר מוסר אַרויסגיסן פאַר היללן וואָס איז פּונקט געווען אין שטוב. און איצטער גורט נתן אַן זיינע כוחות אָפּצושפּאָרן פון זיך מלכהס ווערטער. ער פּרוּווט צונויפנעמען זיינע געדאַנקען, באַווייזן מיט פּשוטע, קלאָרע ווערטער ווי וויַיט דער יידישער אַרבעטער זינקט דאָ ממש אין פינצטערניש. פון אַנהייב געלינגט עס אים. נתן הייבט אָן מאָלן די יידישע געפאַלנקייט, וואָס מען האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פון רוסלאַנד. אויגן און אויערן שטרענגען

זיך אַן אויפצוכאַפּן זיינע רייד. קאָפּ און נאַקן ציען זיך אָפּיר צו אים, פונקט ווי ביי אים איז פאַראַן די סגולה אַנטקעגן בלוטזייגער דעם באָס, אַנטקעגן סלעק, ווען שטוב איז דאָס ביסל קוילן ניטאָ און דאָס שטיקל ברויט ניטאָ.

— ברידער־אַרבעטער — האָט נתן אַרויסגעשרויפט זיין שטים ביז צו הייזעריקייט — מיר אַליין באַנעמען ניט די אייגענע כוחות. מיר באַטראַכטן די באָסעס פאַר אונדזערע בעלי־טובות, פונקט ווי דאָס איז נאָך אין דער פינצטערער און פאַרשאַלטענער רוסלאַנד. ווען מיר ווען ניט זיין פאַראייניקט, ווען דער באָס וועט קענען כסדר אומבאַשטראָפט אויספּרעסן דאָס בלוט ביי יעדן אַרבעטער באַזונדער, און שפּעטער אים אַרויסוואַרפן פון שאַפּ, יעמאָלט איז פינצטער און ביטער אונדזער לאַגע דאָ. איר ווילט ניט פאַרשטיין, אַז אַרבעטער און באָס קערן זיך אַן שונאים. מיט גוטן וועט דער באָס קיינמאָל ניט נאָכגעבן. אַז איר וועט שווייגן, און ניט פּראָטעסטירן, וועט ער אַליין זיינע פאַרברעכנס ניט דערקענען. ווען מיר וועלן אים ניט באַווייזן, אַז מענטשן זיינען מיר, וועט ער קיין מיטלייד אויפן אַרבעטער ניט האָבן. אָבער ברידער־אַרבעטער, צי דען דאַרפן מיר ביי אונדזערע באָסעס בעטן טובות? צי דאַרפן מיר פאַרלאַנגען רחמנות ביי מענטשן וואָס זייער דהאַרץ איז פאַרשטאָפּט; וואָס מיינען, אַז פאַר אייער אייגענער טובה וועגן גיט איר אַוועק דאָס געזונט, לייב־און־לעבן? אַלע אינאיינעם ברידער־אַרבעטער! נאָר אַז מיר וועלן זיך פאַראייניקן אין אַ יוניען, איינער פאַרן אַנדערן, און אַלע פאַר דעם איינציקן — יעמאָלט וועלן מיר זיין בכוח צו פאָדערן, דער יידישער באָס זאָל אויפן אַרבעטער קוקן ווי אויף אַ מענטשן, וואָס האָט אויך פּראַוו צו לעבן ווי אַ מענטש אויף דער ערד.

אין עולם האָבן זיינע ווערטער געפונען אַן אָפּקלאַנג. ער איז ניט געווען דער איינציקער רעדנער. ביי די לעצטע ווערטער האָט מען אים שטאַרק אָפּלאַדירט. נאָר ווען ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, געוואָלט מיט נאָך שיינע און שטאַרקע ווערטער באַווייזן ווי נויטיק עס איז צו פאַראייניקן זיך אין אַ יוניען, — האָט ער מיט אַמאָל באַמערקט נעבן דער טיר, אַ בלאַסן, אַביסל געבויגענעם, לעאָנאַרד חלפנען.

נתנען האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבן ס'האַרץ צו קלאַפּן. ער האָט זיך אַליין ניט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון פאַרוואָס דאָס איז געשען. זיין שטים, זיין מוט איז מיט אַמאָל געפאַלן. ער איז אַ ווײַלע נאָך געבליבן זיצן נעבן די אַנדערע רעדנער, געוואָלט הערן וואָס אַנדערע האָבן צו זאָגן, אָבער אין קאָפּ האָבן אָנגעהויבן שלאָגן מלכה'ס לעצטע ווערטער, ווי זי וואָלט מיט איר ברודער אים נאָכגעשיקט אירע שטראָף־רייד: „אַ חרפה, אַזאַ מענטש ווי נתן לוריא זאָל גיין אַנטקעגן לעבן".

נתנען האָט עס אַ רודער געטאָן, ער זאָל אַראָפּגיין צו דער טיר, פרעגן לעאָנאַרדן צוליב וואָס ער איז געקומען אַהער. לעאָנאַרד חלפן איז געווען איינער פון די גאָר שטאַרקע אויפגעקומענע באָסעס. ער האָט אַרבעט געקראָגן דירעקט פון די פירמעס, און אַ טייל פון זיין שאַפּ האָט ער אַריבערגעטראָגן אויף דער בויערי. נתן האָט חושד געווען, אַז מלכה,

אנשטאָט צו גיין אַליין הערן וואָס ער האָט עפּעס צו זאָגן צו די גרינע, האָט זי גענומען און אונטערגעשיקט איר ברודער.

נתן האָט אַריבערגעקוקט צו לעאָנאַרדן, אַז ער האָט אויסגעוויזן, אַז לעאָנאַרד האָט אים באַגריסט. נתנען פאַרדריסט ניט הלמאי ער ד'האָט אַזוי ביטער גערעדט קעגן די באָסעס: „אדרבה, זאָל ער הערן, און אפילו אויסטייטשן, אַז איך האָב עס אים געמיינט — האָט נתן געטראַכט — אַ שאָד וואָס זי איז ניטאָ, זי מעג אויך וויסן, אַז מיט די חלפנס וועל איך קיינמאָל קיין שותפות ניט מאַכן...״

פּלוצלונג האָט נתן באַמערקט ווי לעאָנאַרד ווינקט צו אים, ער בעט אים אַראָפּצוקומען צו דער טיר. פאַר די לעצטע פינף־זעקס וואָכן האָט נתן מיט לעאָנאַרדן ניט גערעדט. האָבן זיך אפילו ניט באַגריסט, ווען מ׳האָט זיך פונדערווייטנס אָנגעגעגנט. דווקא דאָס האָט געווירקט, נתן זאָל אויף זיינס מוחל זיין און אַראָפּגיין צו דער טיר.

לעאָנאַרד האָט נתנען וואַרים געדריקט די האַנט און פריינטלעך גע־זאָגט:

— האָב זיך שוין לאַנג געקליבן הערן וואָס נייטן לוריא האָט אונדז עפּעס צו זאָגן. מילדרעד, יו נאָו, זי ד'האָט מיך געשיקט. האָב קיין חרטה ניט. כ׳האָב גאָרניט געוואוסט וואָס פאַר אַ פּייערדיקער שונא איר זייט פון די באָסעס. קומט אַרויס דרויסן, כ׳האָב מיט אייך וועגן עפּעס איבער־צושמועסן. בעסער פון אייך וועט שוין קיינער ניט פריטשן. שאַדט ניט, אויב איר וועט זיי ניט הערן.

נתן האָט געהערט וואָס לעאָנאַרד רעדט, און ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין, צי יענער מיינט עס ערנסט, אָדער ער מאַכט חוזק פון אים.

— כ׳האָב אייך צום ערשטן מאָל געהערט היינט. זייער פיין. אַזוי אַז מ׳רעדט, פאַרשטיי איך!

— כ׳האָב אייך אויך אינזינען געהאַט.

— ווייסט ווי דען? איך בין ניט קיין באָס? יו נאָו, אַזוי האָב איך ליב. אויב אַ שונא, זאָל מען אַרויסזען זיינע ציין! אוודאי זיינען מיר שונאים. דאָס איז ניט געווען אין ראַסיי. דאָרט איז אַן אַרבעטער אַ פריינט. דאָרטן באַנעמט ער, אַז אַן דעם באָס וואָלט ער אויסגעצויגן די פיס פאַר הונגער. אָבער דאָ מיינט ער, אַז ער טוט דעם באָס די גרעסטע טובה. ער האַלט אים אויס. ביג פולס! אַז ביי מיר אַרבעטן איבער הונדערט דרייסיק פאַר ד'הענט, קומט עס אויס, אַז זיי אַלע האָרעווען פאַר מיר, כאַ־כאַ־כאַ. זיי האָרעווען איינס פאַרן אַנדערן, דאָטס אָל! איך ברעך דעם קאָפּ, זיי זאָלן האָבן אַרבעט, זאָלן פאַרדינען די פיידע. זיי דאַרפן אַכטונג געבן, כ׳זאָל האָבן פון וואַנען צו צאָלן די פיידע. וואָס בין איך? ווער בין איך? איך האַלט זייער פיידע ביי זיך ביז צום אויסצאָלן, דאָטס אָל!

נתן האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און ניט באַנומען, וואו ער איז אין דער וועלט מיט לעאָנאַרדן. „צי האָט ער ניט פאַרשטאַנען, אַז מיט די בלוטזייגערס האָב איך אים געמיינט? וואָס מאַכט ער זיך אַזוי גע־פּגרט?״

— כ׳וועל נאָך מוזן אריינגיין צוריק, מיסטער חלפן. דאָ זיינען פאַראַן אַרבעטער פון אייער שאָפּ אויך.

— כ׳האָב געזען.

— זייט איר ניט געקומען אַ קוק געבן, צי פון אייער שאָפּ זיינען אָפּטמאָל...

— יעס, כ׳האָב עס טאַקע געוואָלט זען.

— אַזוי, הייסט עס.

—כאַ־כאַ־כאַ, מיר קערן זיך ניט אָן קיין שונאים. איך האָב אַ שטיקל חלק אין חלפן־לוריא־שאָפּ אויך. מיט אייער פאָטער לעבט איר דאָך בשלום. אייער פאָטער איז אין אייערע אויגן אוודאי ניט קיין עקספּלואַ־טאַטאָר.

נתן האָט נאָך אַלץ ניט געקענט באַנעמען וואָוהין לעאָנאַרד חלפן צילט, און צוליב וואָס ער איז געקומען צום מיטינג.

— צוליב וואָס זייט איר אַהער געקומען, מיסטער לעאָנאַרד? — האָט נתן גאָר ערנסט אַ פרעג געטאָן — אויב איר האָט מיר עפּעס צו זאָגן, קומט אַרויס מיט אָפענע דיבורים!

— אַ באָס מעג אויך גיין הערן וואָס די אַרבעטער־פירער האָבן צו זאָגן. אפשר דאַרף ער הערן און דערפון עפּעס אָפּלערנען. ווי איר האָט היינט גערעדט פאַר די גרינגע קומט אויס, אַז ישראל לוריא, צי לעאָנאַרד חלפן, עסן אויף אַן אָפּרייטער פאַר ברעקפעסט, אַ בייסטערן אויף לאָנטש, און אַ פרעסער אויף סאַפּער, כאַ־כאַ־כאַ...

— פאַרוואָס האָט איר מיך אַרויסגערופן דרויסן מיר עס צו זאָגן? אדרבה, קומט אַריין אינעווייניק, בעט אַ וואָרט, זאָגט אַרויס וואָס איר טראַכט.

לעאָנאַרד האָט ווידער צופרידן אַ לאַך געטאָן אויפן הויכן קול און ניט געענטפערט אויף נתנס רייד.

נתנען איז פריקרע געוואָרן צו בלייבן לענגער מיט לעאָנאַרדן. ער האָט געטראַכט אַ זאָג טאָן אַ גוטע נאַכט און אַריינגיין צוריק אין זאַל אַריין. אָבער לעאָנאַרד חלפן האָט פּלוצלונג געמאַכט אַן ערנסטע מינע און געזאָגט:

— כ׳בין, נייטן, ניט געקומען הערן וואָס מ׳זאָגט אויף די באָסעס. כ׳ווייס, די אַרבעטער זיינען מיר ניט קיין גוטע פריינט. מיר טראַכלט אפילו ניט וואָס זיי זיינען. אַזוי לאַנג ווי זיי וועלן דאַרפן ברויט, און איך וועל געבן צו פאַרדינען אויף ברויט, וועלן זיי שוין אָנקומען צו מיר, ניט איך צו זיי. די וועלט ט׳איר ניט איבערמאַכן. דאָס איז געוועזן אין ראַסיי, און דאָס איז דאָ אוודאי. מער ניט, דאָרטן האָט נאָך אַ מענטש זיך געקענט פאַרלאָזן אויף אַ פריינט, דאָ האָט דער מענטש קיין פריינט. דאָ איז אַ קאַמף פאַר יעדן ביסן ברויט. דאָ קעמפט מען פאַרן ביסל לופט. דאָ שלאָגט זיך יעדער איינער קאָפּ־אָן־וואָנט צו דערשלאָגן זיך צום ביסל לופט. דאָ דראַפּעט זיך יעדערער אַרויסצוקריכן צו לייטן. איינער דראַפּעט זיך אויפן אַנדערנס פּלייצע. איר רופט עס אָן עקספּלואַטאַציע; איך רוף עס אָן קאַמף פאַר רעכט צו לעבן. די צייט וועט אייך אויסלערנען. איר אַליין וועט זיך כאַפּן, אַז איר מאַכט אַ מיסטייק. ווער ס׳גיט די אַרבעט,

און ווער סע מוז טאָן די אַרבעט! אָבער ניט דאָס וויל איך זאָגן. כ׳וויל מיט אייך רעדן וועגן מיין שוועסטער.

— איז איצטער די צייט?

— דווקא איצטער.

נתן ד׳האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס און געוואָלט אַריינגיין צוריק אין זאַל אַריין.

לעאָנאַרד חלפן האָט עס באַמערקט און געזאָגט:

— דאָס איז אויך פּונקט אַזוי וויכטיק ווי אַ מיטינג. ליבע איז לעבן, מיסטער בייטן. די אומגליקלעכע ליבע האָט צונויפגעשלעפּט די לוריאַס מיט די חלפנס און לאָזט זיי ניט אָפּ. איר מאַטערט אומזיסט מיין שוועסטער. אין אירע ליידן זייט איר שולדיק. דאָס איז אויך אַ קראַנקהייט. אויף דעם דאַרף אימעצער אַנווייזן.

נתן איז געבליבן שטיין אַ פּאַראַליזירטער. ער האָט געשפּירט ווי דאָס האַרץ שטעלט זיך אים אָפּ און אַ שטעכעניש האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין ביידע שלייפן.

נתנען פאַלט איין, אַז דער ביטערער לעאָנאַרד חלפן איז גאָר תחילת ניט געקומען אויפן מיטינג כדי איבערצורעדן מיט ז׳אים וועגן זיין שוועסטער. ס׳איז ניט מער ווי אַן אָנשטעל. דער עיקר האָט לעאָנאַרד חלפן אויסן געווען צו פאַרטומלען אים דעם קאָפּ, מחמת ער האָט געזען וואָס פאַר אַן איינדרוק ס׳האָבן געמאַכט אויפן עולם זיינע רייד. ער, לעאָנאַרד, איז פּשוט געקומען אונטערהערן וואָס עס קומט פאַר צווישן די אַרבעטער.

— כ׳פאַרשטיי גאָרניט וואָס פּונקט איצטער זייט איר געקומען רעדן וועגן אייער שוועסטער. זי קען אַליין איר שטעטל באַשטיין. אַ גוטע נאַכט!

נתן האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו לעאָנאַרדן, און איז אַריין צוריק אין געדיכטן עולם.

אין זאַל האָט זיך געטומלט. אין זאַל איז געווען שטאַרק הייס און אָנגערויכערט. דער רויך ד׳האָט געגריזשעט די אויגן. נתן האָט געוואָלט דערגיין וואָס מ׳האָט דאָ נאָך אים צום עולם גערעדט, אָבער דער מענטשלעכער גערויש שטראָמט און מישט זיך אויס מיטן גערויש אין זיין אייגענעם מח. אים איז זיך שווער אויסצומאָלן, אַז מיט אַ ווײַלע צוריק האָט דאָ געהערשט אַ שטילקייט, און ער האָט גערעדט צום עולם. אים איז זיך אפילו שווער צו דערמאָנען איצטער וואָס אַזוינס ער האָט דאָ פריער גערעדט צום עולם.

אַ ברייטבערדיקער, געלער ייד איז צוגעגאַנגען צו נתנען און מיט אַ שמייכל געפרעגט:

— וואָס האָט דער צדיק אין פּעלץ געוואָלט פון אייך?

— וועמען מיינט איר? — האָט נתן אַ צעשטרייטער געפרעגט.

— אים, חלפנען. איר האָט זיי גוט אַריינגעזאָגט. ער׳ט עס אויך געמעגט הערן. געקומען אוודאי אויסשמעקן, צי מ׳וועט זיך טאָקע פאַראייניקן. אוודאי ט׳מען זיך פאַראייניקן! דאָס האָט איר אים געקערט זאָגן. אָהאָ, ט׳מען זיך פאַראייניקן!

נתן האָט כמעט ניט געהערט וואָס דער ייד האָט צו אים גערעדט. ער האָט זיך דורכגעשטופּט צום טיש וואו זיינע מיטהעלפער ד'האָבן פאַר־שריבן נעמען פון אַרבעטער און נעמען פון שעפער. ער האָט זיך אַנט־שולדיקט, אַז דער קאָפּ טוט אים ווי, און איז צוריק אַרויס דרויסן.

— פריי דאַרף אַ מענטש זיין, אויב ער וויל טאָן נוצלעכע און וויכ־טיקע אַרבעט! — האָט נתן צו זיך אַליין גערעדט, און אומגעשפּאַנט היין־און־צוריק מיט איסט־בראָדוויי. אים האָט אָנגעהויבן צו פאַרדריסן זיין שוואַכקייט, וואָס אַנשטאָט אַליין צו פאַרענדיקן די אַרבעט וואָס ער האָט אַזוי גוט היינט ביינאַכט אָנגעהויבן, האָט ער גאָר איבערגעלאָזן פאַר אַנדערע צו טאָן.

— ס'טאָר אַזוי ניט זיין! — האָט ער זיך געמוסרט — אַ מענטש דאַרף וויסן זיין אָרט אין לעבן.

— נייטן! — — —

אים איז פּלוצלונג פון דער נאַכט מלכה חלפן אויסגעוואַקסן אַנטקעגן. זי האָט אים אַרומגעכאַפּט און מיטליידנשאַפט געקושט זיין פּנים.

— נייטן, כ'ווייס, דו זוכסט מיך אַרום — האָט איר שטים געציטערט — כ'ווייס, אַז דו וועסט מיך ניט לאָזן כ'זאָל אויסגיין אין דער שטיל. וואוהין ביסטו געגאַנגען, נייטן?

נתן איז געשטאַנען ווי אַן אונטערגעשניטענער. אַ מידקייט ד'האָט אים אַרומגעכאַפּט. איר נאָענטקייט איז אים אין דער רגע געווען ליב. ער האָט איר וואַרימען אָטעם דערשפּירט.

— נייטן... פאַרוואָס ביסטו אַזוי צעשראָקן? ווילסט מיך איצטער ניט זען? ווילסט ניט? קען איך דיך איבערלאָזן. גלויב מיר, כ'בין ניט געגאַנגען דיך זוכן. ס'האַרץ האָט מיך אהער געצויגן גלאַט אַזוי. כ'האָב געוואוסט, אַז דאָ ערגעץ ביסטו. כאַ־כאַ־כאַ, כ'בין אַזוי נאַריש, ווי אַ קליין קינד לויף איך דיר נאָך.

זי האָט אים ווידער אַרומגעכאַפּט און געקושט זיין פּנים.

— פאַרוואָס האָסטו ליב געקראָגן אַ מענטשן וואָס האָט פאַר דיר גאָר קיין צייט ניט?

— ווען דו וואָלסט מיך ליב האָבן, וואָלסטו שוין געפונען גענוג צייט. דו האָסט מיך ניט ליב, האַ, זיי זיך מודה.

— קום, מילדרעד, לאָמיר אַריינגיין צוריק אַהין אויפן מיטינג, מיר אָרגאַניזירן די אַרבעטער.

— יאָ, נייטן, כ'וועל גיין מיט דיר. כ'האָב דיך שפּעטער אַרומגעזוכט, געוואָלט זאָגן, אַז איך גיי מיט דיר. האָסט געזען לעאָנאַרדן?

— יאָ, כ'ד'האָב גערעדט מיט אים.

— ער האַלט פון דיר זייער. ער איז געגאַנגען דיך הערן.

— אַזוי גאָר?

— וואָס, דו גלויבסט ניט, אַז מיר אַלע האָבן דיך ליב? כאַטש דער טאַטע זאָגט, אַז דו ביסט אונדז אַ שונא, ביסט דיין אייגענעם טאַטן אַ שונא. מיך אַרט עס ניט. דווקא דערפאַר האָב איך דיך ליב. וואָס, ווילסט טאַקע נאָך גיין אַהין? בלייב שוין איצטער מיט מיר, נייטן.

נתן האָט זי געגומען אונטערן אָרעם און צוגעצויגן צו זיך. מלכה איז איצטער געווען פאַר אים אַ רעטעניש.

— וואָס ווילסטו איצטער טאָן, מילדרעד? — האָט נתן שטיל און טרויעריק געפרעגט.

— איצטער וועל איך צו דיר ניט גיין.

מלכה איז געבליבן שטיין, זי האָט אָפּגעשפּילעט זיין מאַנטל, איז אריין מיט דער רעכטער האַנט צו אים אין בוזים אריין.

— ס'איז אזוי וואַרים ביי דיר, נתן... האַ, נתן, אַ מיידל בעט דיך, זאָלסט זי אריינגעמען צו זיך אין הארצן אריין, און ס'האַרץ איז ביי דיר אַזוי ענג. זיינען מיר זיך טאַקע שונאים? טאַ, פאַרוואָס איז מיר אזוי גוט, ווען כ'טוליע מיך אזוי צו דיר, כאַ־כאַ־כאַ... כ'ווייס וואָס דו טראַכסט איצטער פון מיר. ס'אַרט מיר ניט. מעגסט טראַכטן וואָס דו ווילסט. קום, פיר מיך וואו דו ווילסט, מיר אַרט ניט. קום, פיר מיך וואו דו ווילסט, כ'וויל נאָר זיין איצטער נאָענט נעבן דיר...

נתן האָט זי געפירט צו לודלאָו סטריט, צו קריינדלען.

מלכה איז געגאַנגען זייט־ביי־זייט מיט נתנען. כאָטש זי איז געווען אָנגעהאַנגען אויף זיין אָרעם, האָט זי געשפּירט, אז דערדאָזיקער מענטש, וועמען זי האָט ליב, איז מיטן געדאַנק איצטער ערגעץ ווייט פון איר. ער פירט זי צו זיין שוועסטער, וועמען מלכה באַטראַכט פאַר דער אומגליק־לעכסטער פון צווישן די לוריאַס. און פונקט ווי איר ברודער, נעבן וועמען מלכה גייט איצטער, אזוי אויך קריינדל, אָדער קעראָלאַין, ווי מען רופט זי ביי די חלפנס, לעבט בלויז דערפאַר, כדי צו פאַרשאַפן הארצ־ווייטיק איר ברודער לעאָנאַרדן.

— פאַרוואָס קען איך ניט אַ מאָל טאָן מיט דער האַנט און אַ שפּיי טאָן אויף זיי אַלעמען? — עגבערט דער געדאַנק מלכהן — און פאַרוואָס קען איך ניט אַ שפּיי טאָן אויף דעם מענטשן, וואָס איז אויסגעטריקנט, און פאַרמאָגט ניט קיין טראָפּן וואַרימקייט פאַר אַ מיידל וואָס וואָלט פאַר אים דאָס לעבן אוועקגעגעבן?

אַז מען איז געקומען אויף לודלאָו סטריט, האָט מלכה באַפרייט איר האַנט פון נתנס אָרעם, און זיך אָפּגעשטעלט.

— וואָס, ווילסט ניט גיין זען מיין שוועסטער?

— ניין, נייטן — האָט מלכה קאַלט און רואיק געענטפערט.

— וואָס דען ווילסטו איצטער?

— איך וויל אָנווערן דעם וועג צו דיר. איך וויל פאַרגעסן דיין נאָמען. איך זאָל איינמאָל פאַר אלעמאָל באפרייט ווערן פון די בליקן, וואָס האָבן פאַר מיר נאָר שלעכטס.

— איך לאָז עס צו דיר, מילדרעד. אויב דו ווילסט פאַרגעסן מיין נאָמען, איז עס גרינג צו טאָן. וועסט מיר איצטער דערלויבן, איך זאָל דיך אָפּפירן אַהיים.

— איך ווייס גוט מיין וועג. איך בלאָנדזשע ניט. אפילו אין ענגשאַפט, אַז מען וויל, קען מען זיך אויך אויסבאַהאַלטן.

קאַפּיטל צוואַנציק

חול המועד פּסח. דער זוניקער דרויסן האָט פון קעגנאיבער אַ דאַך אַראָפּגעלויכטן צו דניאל לוריאן אין שטוב אַריין, וואו יידן, אַביסל מבושמדיק מיט דער פּסחדיקער משקה ביז האַרצקלעמעניש און זיסלעכן טרויער, זיינען געזעסן אַרום טיש און אַרומגערעדט די נויטיקייט אויפצושטעלן אין דער נייער, יידישער היים גאָטס הויז.

ליליען־רות איז געוועזן אין זיבעטן הימל, וואָס ביי איר אין שטוב האָבן יידן זיך צונויפגענומען צוליב אַזאַ וויכטיקן ענין. צוליב איר איז דניאל פּרימער געוואָרן. צוליב דער גרטע, וואָס האָט ניט געקענט באַנעמען ווי אַזוי מענטשן זיינען אַרויסגעפּאַרן פון דער „אַלטער היים" און דאָרטן איבערגעלאָזן די גאָטספאַרכטיקייט, צוליב דעם האָט דניאל געדאַוונט יעדן טאָג איידער ער איז אַרויס אין געשעפט.

— כ'בין געקומען צו דיין פאָלק און צו דיין גאָט, וויל איך, אַז צוליב מיר, דניאל, זאָל דיין פאָלק און דיין גאָט ניט פאַרשעמט ווערן.

זי האָט ניט געקענט באַנעמען ווי אַזוי דניאלס ברידער דהאָבן אַרויס־געוואָרפן גאָט פון האַרצן. „איין גאָט איז פאַראַן, ער האָט זיין אויג אויף אַלעמען, אויף אַלעמען..." — האָט ליליען ביי זיך געטראַכט בשעת זי האָט דערלאַנגט צום טיש מצה־כרעמזלעך, און געשפּירט ווי יידישע אויגן בענטשן אירע הענט.

אויסער דניאלן זיינען פון אייגענע געווען ישראל לוריא און זיין שותף מאיר חלפן מיטן עלטערן זון בייניש. געווען עטלעכע חשובע דאַוונערס, היימישע למדנים פון דערבייאיקע מנינים. בראש איז געזעסן ר' מרדכי ליפשיץ.

דעם פּלאַן האָט געדאַרפט אויסלייגן מאיר חלפן. ער האָט גערעדט מיט רמזים, באַוויזן, אַז דאָ איז ניט ראַסיי; דאָ איז גאָר אַן אַנדער וועלט, און טאַקע אַנגעוואונקען אויף דניאלס גרטע — ווי דאָ איז אַ פרייע מדינה, וואו „אַ מענטשן איז פאַזוואָלעט צו טאָן אַלץ וואָס זיין האַרץ גלוסט..." און אַרויסגעבראַכט האָט מאיר חלפן אַזאַ פלאַי פלאַימדיקן פּלאַן, וואָס פון אים האָט דעם עולם אַזש אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן, גלייך ווי די ערד האָט זיך אויף אַ רגע אַ הויב געטאָן אין דער הויך און צוריק זיך אַראָפּגעלאָזן.

— איר זאָלט, רבותי אויסהערן מיט קאָפּ, — האָט ער אָנגעהויבן, און געקוקט די צוהערער גלייך אין די אויגן אַריין, געפּאַרשט וואָס פאַר אַן איינדרוק זיין פּלאַן וועט מאַכן — ווי ס'איז ידוע, האָט מען אויך דאָ דעם יידן ניט איי־איי־איי ליב. נו, דאָרטן, אַז דער ייד מאַכט מקלאַמפּערשט ענג, זאָגט מען אים: — זיי זשע מוחל, פאַרנעם זיך פון דאַנען; און אַז

ניט — נאַ דיר אַ פּאַגראָם... אַז ניט — איז גזירות, ביז דו ווערסט שוין, יידעלע, מוחל זיין און לויפן וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. דאָ, רבותי, איז די מעשה גאָר אַנדערש. דאָ האָט מען טאַקע דעם יידן ניט ליב, סע שטעכט זיי אין די אויגן הלמאי דער ייד קומט אַהער. אַטאַ־דאָ אַרום־און־אַרום — האָט מאיר חלפן א פיר געטאָן מיט דער האַנט — וואו יידן האָבן זיך אויסגעשפרייט, האָבן זיי דאָך געוואוינט. אפנים סע שטייט זיי ניט אָן צו לעבן מיט יידן אין שכנות. קלייבן זיך אַרויס פון דאַנען. אוודאי, די דייטשן ציען ארויס ווייטער. און ניט דווקא די דייטשן — די סאַמע געבירטיקע פון דאַנען ציען אין דער שטיל ארויס. נו, דאָ ניט ווייט איז געבליבן שטיין א קלויסטער, א פיינער, געמויערטער קלויסטער, שטיין־און־ציגל, א בנין וואָס סע ליגט אויף אים קדושה... די מתפללים וואוינען שוין העט ווייט פון דאַנען. מ׳שמועסט, זיי וואָלטן דעם קלויסטער אוועק־געגעבן פאַר א שיבעש. וואָס זאָגט איר, יידן, אויף דעם?

דער עולם האָט זיך א וויג געטאָן און זיך באַפעסטיקט מיטן געזעס אין שטול, גלייך ווי דער מאיר חלפן האָט ניט פאַרזיכטיקערהייט ארויס־געלאָזן די סכנה פון איר באַהעלטעניש. שטומע בליקן זיינען געפאַלן אויף דער גרטע, ווי אין איר געשטאַלט האָט מען דערקענט די פרעמדע, ניט־יידישע וועלט, וואָס איז צוליב יידן אריין אין גרימצאָרן.

דער רב האָט געצויגן מיט די אַקסלען, ארויסגעבראַכט פאַר די אויגן זיין שוואַרצע באָרד און געציילט די האָר־שפּיצן, ווי מיט די האָר־שפּיצן פון זיין שוואַרצער באָרד וואָלט ער זיך איצטער וועלן אַן עצה האַלטן.

— פון וואַנען האָט איר אַזאַ ידיעה? געקראָגן, מיסטער חלפן? — האָט ישראל לוריא שטיל געפרעגט.

— וואָס פאַר אַ ידיעה, אַז מ׳קען די טיפלע קריגן?

— ניין, כ׳מיין, אַז די ניט־יידישע שכנים אַנטלויפן פון דעם געגנט.

— ס׳הייסט, מ׳דאַרף זיין א בלינדער דאָס ניט צו זען!

— מען קען זיי ניט אויפווייזן, אַז יידן מיינען ניט קיין שלעכטס?

— צוליב וואָס דערווייזן? — האָט דניאל זיך אָפּגערופן — האָט, רבי, ניט קיין מורא, ווען איר זאָלט מוחל זיין אַראָפּכאַפּן זיך אהין וואו זיי וואוינען, אהין, צום טייל פון מערב־זייט, ט׳איר זען, אַז מ׳איז דאָרטן אונדז ניט מקנא. גייען אַהין וואו ס׳איז בעסער! די צייט וועט קומען, מיר וועלן אויך ארויס פון דאַנען און זוכן א בעסער אָרט צום וואוינען. אוודאי, רבי, דאָ איז אַ לאַנד וואו מענטשן זיינען געגעבן געוואָרן אַלע פּראַוועס.

— פון וואָס רעדט איר דאָ? — איז ליליען־רות, וואָס האָט עפעס יאָ פאַרשטאַנען פון שמועס, צוגעגאַנגען צו דניאלן — וואָס, יידן האָבן מורא פאַר אימעצן?

— ניט דאָס, ליליען, — האָט דניאל געגלעט איר פּלייצע — יידן ווייסן גוט אין וואָס פאַר א לאַנד מ׳איז. גאָטס הויז ווילן יידן דאָ אויפ־שטעלן. נו, אויף דעם דאַרף מען האָבן אַ סך געלט. זאָגט מיסטער חלפן, אַז מ׳קען דאָ אָפּקויפן אַ טשוירטש און מאַכן פאַר א יידישער סינאַ־גאָגע.

— אָ, איך פאַרשטיי! — האָט ליליען פאַרוואונדערט באַטראַכט דעם

עולם — דאָס איז א גרויסע געלעגנהייט. יידן פאַרמאָגן נאָך ניט אזויפיל געלט, אַוודאי, אוודאי.

ליליען איז בלאַס געוואָרן פון דער אויסטערלישער נייס, און איז פלוצלונג אַוועק אין צווייטן חדר. מ'האָט איר א ווײַלע נאָכגעקוקט.

— איר זעט, יידן, אפנים דאָס געפעלט איר אויך ניט. כאָטש זי האָט זיך מגיר געווען — האָט מאיר חלפן פאַר זיך אליין געזאָגט — ווי מיינט איר, רבי, וואָס זאָגט איר, מיסטער לוריא? — האָט ער זיך געווענדט צו ישׂראלן.

— וואָס זאָגט איר, ר' שעפּסל? — האָט דער רב אריבערגעקוקט צו שעפּסל צוקערמאַנען, א פעסטן, געפּיקעוועטן ייד מיט אַ געדיכטער, קליאַטשעוואַטער ברוינער באָרד, אויך א פּעדלער־באַזאַרגער ווי דניאל, וואָס דאַוונט אין איין מנין מיט די לוריאס.

שעפּסל צוקערמאַן האָט א טשמאָקע געטאָן מיט די ליפּן, געוואָרפן א בליק צו דער טיר פון אַנדערן חדר וואו ליליען איז אַוועק, און מיט גרויס פאַרזיכט גערעדט:

— ווי מ'וויל קען מען זאָגן. קיין סכנה זע איך אין דעם ניט. גייען זיי אַוועק פון דאַנען, באשר סע שטייט זיי ניט אָן צו האָבן יידן פאַר שכנים, זאָלן זיי גיין געזונטערהייט. אויב זיי קענען מיט זיך ניט פאַרנעמען זייערע שטיבער, איז ניט שייך, וועלן מיר זיי די שטיבער ניט נאָכטראָגן. נאָר די מעשה, יידן זאָלן שוין זיין אזוי ביי זיך געפאַלן, אזוי זיך אַראָפּלאָזן, נעמען א טיפלע... נע, כ'וויס ניט וואָס איך זאָל אייך זאָגן. סע פאַטופּעט מיר זיך ניט אין קאָפּ. וואָס זאָגט איר, רבי?

ר' מרדכי ליפשיץ האָט געקוקט ווייטער פון זיך. זיין דמיון איז איצטער געווען העט ווייט אין ראַסיי, וואו ער האָט איבערגעלאָזן אַ קלויז, און וואו יידן, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס זיי איז שלעכט, האַלטן זיי דאָרטן אויף די קלויזן זייערע. ער קען זיך ניט אויסמאָלן אַזאַ זאַך, אַז אין א קירכע גאָר... דאָרטן, אין דער היכל, אז מען איז פאַרבייגעגאַנגען אַ קירכע, האָט מען אין דער שטיל געזאָגט: שקץ תשקצנו... זאָל מען דאָ גאָר! „וואו וועט זיין דער עמוד? וואו וועט זיין דער ארון קודש מיט די הייליקייטן? און וואו...” אים ווערט ענג אין קאָפּ. מ'האָט אים געפרעגט זיין מיינונג, און אזוי שווער איז אים צו באַנעמען דעם ענין גלייך אויף אַן אָרט. מ'וואָלט זיך גאָר באַדאַרפט איבערלייגן, מישב זיין, טאָמער טאָקע שטעקט אין דעם א סכנה.

פונדעסטוועגן האָט ער זיך אָנגענומען מיט כוחות און געזאָגט:

— כ'טראַכט, יידן, מ'זאָל וואַרטן ביז גאָט ברוך הוא וועט העלפן, מ'וועט קענען בויען א הויז פאַר אים ווי עס פאַסט. דערווייל מאָנט ער ניט. דערווייל איז אים רעכט וואו מ'איז מתפלל. אבי יידן זיינען מתפלל...

דניאל איז אריינגעגאַנגען אין צווייטן חדר. אים האָט א ציי געטאָן צו דער גרטע. און ווי פאַרוואונדערט איז ער געווען, ווען ער האָט זי געפונען זיצן אויף דער בעט מיט א געבויגענעם קאָפּ און געווישט אין דער שטיל די טרערן!

ליליען האָט זיך ניט געשעמט פאַר דניאלן. האָט אירע טרערן

ניט באַהאַלטן. ניט מער, וואָס זי האָט זיך באַמיט צו ווייזן אים א פריילעך פּנים.

— אַנטשולדיקט מיר, דניאל, — האָט זי געקושט זיין האַנט — איך בין ניט שולדיק. איך ווייס אליין ניט וואָס מיט מיר איז געשען. איך האָב פאַרשטאַנען א סך ווערטער, און איך ווייס אַליין ניט פאַרוואָס מיר איז אַזוי געוואָרן...

— וואָס, ווילסט ניט, אַז יידן זאָלן אין א טשוירטש מאַכן זייער סינאַ־גאָגע? — האָט ער צו איר ווייך גערעדט.

— אָ, ניין, ניט דאָס, דניאל. אדרבה, מיר געפעלט עס.

ליליען האָט אים נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן. זי האָט אים געוואָלט דערציילן, אַז זי אליין האָט שוין אויך באַמערקט ווי די ניט־יידן פאַרלאָזן דעם געגנט, אַנטלויפן פון יידן, ווי זיי וואָלטן זיך מיאוסן צו וואוינען מיט יידן אין שכנות. איר פאַרדריסט פאַרוואָס דאָס איז אזוי, אָבער זי האָט מורא פון דעם הויך צו רעדן. זי האָט מורא דאָס אויפצונעמען מיט איר יידישן מאַן, מחמת דאָס קען אָפּטמאָל שלעכט פאַרשטאַנען ווערן. און אויך איצטער, ווען דאָס איז שוין געקומען צו רייד, וואָלט זי פאַרלאַנגט, איר מאַן זאָל אזוי פילן ווי זי.

— דניאל, איך האָב מיט דיר קיינמאָל ניט גערעדט פון דעם ווי אַזוי איך פיל, ווען איך זע די קריסטן אַנטלויפן פון דעם געגנט וואו יידן קלייבן זיך אריין. ניט איינמאָל האָב איך געוויינט אינדערשטיל. כ׳האָב מורא געהאַט מיט דיר צו רעדן. אָבער איצטער, איך זאָג, ס׳איז א פאַרברעכן אזוי צו טראַכטן פון יידן. ס׳איז א מיאוסע גאוה אזוי זיך צו האַלטן גרויס. ס׳איז א חרפה און אַ שאַנד, אויב קריסטן האַלטן זיך גרויס אנטקעגן יידן. כ׳ווייס איצטער, וואָס עס טרייבט יידן פון זייער לאַנד אַהער. כ׳האָב פאַרשטאַנען וואָס דיין פאָטער האָט נאַרוואָס געזאָגט. ער האָט מורא, אַז דאָ וועט מען אויך יידן אָנהייבן צו טרייבן. אָ, דניאל, איך וועל מיר נעמען דאָס לעבן אויב דאָס וועט געשען! יאָ, דניאל, קוק מיך ניט אָן אַזוי, כ׳וואָלט זיך דאָס לעבן גענומען...

— ווינציק מאָל רייסט מען יידן די בערד, לילי׳עןּ? ווינציק מאָל האָט מען אין מיר געוואָרפן שטיינער אין דעם געגנט וואו כ׳האָב דיך געפונען?

— אָ, ס׳איז שרעקלעך, ס׳איז שרעקלעך, דניאל, אז איך קלער פון דעם! פאַרוואָס ווייסן ניט מענטשן, אז איין גאָט האָט אלעמען באַשאַפן; אַז אלע, אלע מענטשן זיינען קינדער פון איין גאָט? צוליב וואָס האָבן קריסטן געדאַרפט האָבן אַן אייגענע רעליגיע? פאַרוואָס איז זיי שלעכט געוועזן די יידישע? מיר איז אזוי גוט! כ׳בין אזוי גליקלעך, זינט איך בין איבערגעגאַנגען צום יידישן גלויבן.

— קום, ליליען, ארויס צו זיי. האָבן זיך פאַרחידושט וואָס דו ביסט אַוועק גלאַט אַזוי. מיר איז אויך א וואונדער וואָס דו זיצסט דאָ אינדער־שטיל און דו וויינסט.

— יאָ, דניאל, ביסט גערעכט. ווען איך וואָלט געקענט רעדן אזוי גוט ווי דער ראַבאַי, זיי זאָלן פאַרשטיין וואָס איך מיין, וואָלט איך איצטער זיי געזאָגט, זיי זאָלן ניט האָבן קיין מורא. דאָ אין לאַנד ווייסן אלע, אז איין גאָט איז פאַראַן. מאַכט ניט אויס וואָס אלערליי טשוירטשעס האָט

ניו־יאָרק. זע, דניאל, מ׳זאָל דאָרטן טאַקע מאַכן א יידישע סינאַגאָגע. צייט, יידן זאָלן האָבן א שיינע סינאַגאָגע.

— וואָס זאָגסטו, — האָט ישראל זיך געווענדט צו דניאלן, ווען ער איז צוריק אריינגעקומען פון צווייטן חדר — דו ביסט א יינגערער, דיר וועט דאָ אוודאי אויסקומען ניט איין וואָסער אריבערצוגיין.

— כ׳וועל אייך, יידן, פּרואוון איבערגעבן וואָס מיין רות זאָגט. איר פּאַרדריסט הלמאי יידן מיט ניט־יידן קענען צווישן זיך ניט אויסקומען. ס׳איז אַ חרפּה, זאָגט זי, אויב יידן זאָלן גאָט דינען אין אַזעטיקע מנינים, אין אַזעטיקע לעכער ווי יידן דאַוונען דאָ!

— איך זאָג אויך, ס׳איז א חרפּה — האָט מאיר חלפן ווידער אויפ־געלעבט. — אויף אלצדינג האָבן יידן, נאָר ניט אויף א רעכטע שול. דאָס האָט געדאַרפט זיין, מ׳זאָל פון לעצטן אָפּשפּאָרן!

— איך זאָג עס אויך — האָט ישראל לוריא מסכים געווען — נאָר כ׳קען ניט באַנעמען, ווי אייך, מיסטער חלפן, האָט גאָר געקענט אריין די מחשבה, אַז יידן זאָלן זיך פאַרקלייבן אין א טיפלע אריין!

— גאָט איז מיט אייך, ר׳ ישראל... איר זייט פון אייערע ד׳ אמות ניט ארויס. נעכאַי וואָלט איר אַריבער אַמאָל אַהין וואו ס׳לעבן אונדזערע דייטשע ברידער, די גבירים, ט׳איר זען וואָס פּאַר אַ שול זיי האָבן. בין אומישנע געגאַנגען אַהין — זעט אויך אויס ווי א טיפלע. כ׳האָב זיך ניט נאָכגעפרעגט, אפשר האָבן זיי אויך געקויפט אן אלטע טיפלע!

— כאַ־כאַ־כאַ, פּארלאָזט זיך אויף זיי, אויף אונדזערע דייטשע ברידער. זיי האָבן ניט געוואָרט, אימעצער זאָל פּאַר זיי אָפּליידיקן א טשווירטש.

— טאָ, צוליב וואָס זאָלן מיר עס טאָן? — האָט שעפּסל צוקערמאַן זיך אויפגעהויבן פון אָרט — אַז גאָט וועט העלפן, וועלן מיר זיך אויך קענען פּאַרגלייכן מיט לייטן. מאיר חלפן זוכט רק מציאות, אפילו פּאַר גאָטס הויז זוכט ער אויך א מציאה, כאַ־כאַ־כאַ... וואָס, ר׳ מאיר — איז שעפּסל צוגעגאַנגען צו מאיר חלפנען און אים אָנגענומען פאַרן שפּיץ באָרד — איז עס טאַקע אמת אז גוים לאָזן איבער זייערע הייליקע הייזער און אַנטלויפן פון יידן? ס׳איז דאָך ממש משיחס צייטן! וואָס זאָגט איר, רבי?

— אָ, וואו נעם איך פליגל, וואָלט איך געפלויגן צוריק! — האָט ר׳ מרדכי אָפּגעזיפצט — איך זע בחוש, אַז דאָ וועט די תורה בטל ווערן, דאָ וועט דאָס יידישע פאָלק פון זיך אַראָפּוואַרפן דעם עול שמים. וואָס דאָ וועט נאָך זיין באחרית הימים...

אויף די ווערטער איז אריינגעקומען נתן לוריא. ער האָט זיך פאַר־חידושט צו טרעפן דאָ דעם עולם, און דעם כבוד אויפן טיש.

— אָט איז א מענטש וואָס מ׳קען פרעגן אן עצה! — האָט זיך מאיר חלפן אויפגעהויבן און געגאַנגען נתנען אנטקעגן — כ׳ווייס, דו האָסט שוין אויף אונדזערע זאַכן א מאָך געטאָן מיט דער האַנט; ביסט א פּראַק־טישער מענטש, צי יידן דאַוונען, צי זיי לערנען, גייט דיך ניט אָן. פונ־דעסטוועגן...

— כאַ־כאַ־כאַ, פון ווען אָן איז דאָס נתן לוריא געוואָרן אין אייערע אויגן א פּראַקטישער מענטש? — האָט זיך נתן הארציק צעלאַכט.

— לאָך ניט, איך האַלט פון דיר. מאַכט ניט אויס וואָס איך קוק אין מיין זייט, און דו קוקסט זיך אויף דיין זייט. פונדעסטוועגן פאַר־לייקנסט ניט, אַז אַ גאַט איז פאַראַן אויף דער וועלט. כ׳ווייס, אינדערהיים האָסטו אויך אַריינגעקוקט אין אַ ספר, האָסט געקענט פיין אויפכאַפּן אַ בלעטל גמרא... מ׳שמועסט דאָ וועגן דעם וואָס סע מאַכט זיך אָפּצו־קויפן פאַר שפּאָט ביליק אַ טשוירטש, טאַקע אין שכנות דערביי. יידן דאַרפן דאָך אַ טראַכט טאָן פון אַ תכלית! מ׳וועט זי אויסרייניקן און אויס־ראַמען, איבערמאַכן אינעווייניק; פון פאָרנט, דעם דרויסן וועט׳ן צוגעבן אַ יידישן פּנים. האַ, וואָס זאָגסטו?

— דאָ זיצט דאָך דער רב, מסתמא ווייסט ער בעסער פון מיר. איר׳ט מיר מוחל זיין, כ׳האָב ניט געוואוסט, אַז איר דאַרפט דאָ אַזאַ וויכטיקן ענין צו באַקלערן.

נתן האָט זיך פאַרנומען צו דער טיר, גרייט אַרויסצוגיין. דניאל האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג:

— וואָס אַנטלויפסטו? קום, נעם עפּעס אין מויל אַריין! ביסט אַזאַ זעלטענער גאַסט, וואָס אַנטלויפסטו? מיר זיינען שוין באַלד פאַרטיק מיט אונדזער אסיפה. כ׳דאַרף דיך טאַקע האָבן. ליליען וויל דיך אויך זען. גיי אַריין צו איר, זי איז אין אַנדערן חדר.

— קומט, יידן — האָט דער רב זיך פלוצלונג אויפגעהויבן — מ׳מעג דעם ענין ברייט אַרומרעדן, אַז נאָך יידן זאָלן עס הערן. אַ גוטן יום־טוב!

ר׳ מרדכי איז איילנדיק, ווי אַן אָפּגעבריטער, אַרויס פון שטוב. דער עולם יידן איז נאָך אים נאָכגעגאַנגען. נתן און דניאל זיינען געבליבן, און פאַרשנדיק זיך אָנגעקוקט.

— ביסט געוואָרן גאָטס סטראַפּטשע, דניאל... ס׳געפעלט מיר — האָט נתן מיט אַ קאַלטן שמייכל אַ זאָג געטאָן — ס׳איז עכט אַמערי־קאַניש.

— יעדערער זעט די וועלט און דאָס לעבן מיט זיינע אויגן. דו דאַרפסט האָבן יוניענס; די יידן דאַרפן האָבן אַן אָנשטענדיקע שול צו דאַוונען.

— בין מסכים מיט דיר, אָבי דו האַלטסט אַז איך דאַרף האָבן יוניענס.

אין טיר פון צווייטן צימער האָט זיך ליליען־רות באַוויזן, און האָט פאַרוואונדערט געקוקט צום טיש.

— פאַרוואָס זיינען זיי אַלע אַנטלאָפן געוואָרן? פאַרוואָס, דניאל, האָסטו זיי געלאָזן אַזוי גיך אוועקגיין?

— דהעללאָו, ליליען, צוליב מיר זיינען זיי אַנטלאָפן. דער ראַבאַי האָט פאַר מיר מורא, כאַ־כאַ־כאַ — האָט נתן גוטמוטיק געלאַכט.

— יאָ, כ׳ווייס, נייטן, ביסט אַ שלעכטער, אַ שלעכטער. קום צו מיר, שלעכטער מענטש, קום, כ׳וועל דיך אַ קוש טאָן. אמת, דניאל, ער איז אַ שלעכטער? איך זע ביי יידן ווי מ׳איז צעריסן אין דער אייגענער משפחה. כ׳האָב געמיינט, אַז ביי יידן קלעפּט מען זיך איינס צום אַנדערן. האַ, ניט אַזוי, נייטן? קוק מיר ניט אין די אויגן אַריין, נייטן. כ׳האָב פריער געווינט, הלמאי קריסטן אַנטלויפן פון דאַנען צוליב די יידן. האַ, ס׳איז שרעקלעך, אַז מענטשן זאָלן אַזוי איינס דאָס אַנדערע פיינט האָבן.

קום צום טיש, דניאל. קום דו, נייטן, פאַרזוך וואָס כ׳האָב געבאַקן. מ׳האָט עס מיך אויסגעלערנט צו באַקן פונקט ווי ביי יידן!

נתן האָט זיך צוגעהערט צו ליליענס רייד און בשעת מעשה געטראַכט פון זיין ברודער. אין דער רגע האָט ער געפילט ווי דניאל האָט א דהיים צוליב אַט דערדאָזיקער בלאָנדער, ריטלדיקער ליליען־רות. „געקומען צו אים פונדערפרעמד, און האָט פאַר אים איינגעאָרדנט א היים...״ — האָט נתן געטראַכט בשעת זיין בליק איז געפאַלן אויף דעם שיין־געגרייטן טיש.

— וואָס ביסטו אומעטיק, נתן? — האָט אים דניאל ארומגענומען

— ליליען קען א סך זאַכן ניט באַנעמען זינט זי האָט זיך אָנגעהויבן צוצוקוקן צו אונדז. אָט זיינען מיר אלע יידן דאָ אינאיינעם צונויפגעשלעפט געוואָרן, און פונדעסטוועגן רייסט מען זיך אָרום צווישן זיך. וויל איינער אַהין, ציט דער אַנדערער אויף צוריק. היינט גיי דערצייל איר, אז דאָס איז א יידישע חולאת!

— פאַרוואָס, נייטן, האָסטו ניט חרטונה? — איז ליליען צוגעגאַנגען נאָענט און ארומגענומען נתנען ארום האַלדז — ווען דו וואָלסט האָבן א ווייב, וואָלט דיר ניט געווען אומעטיק. וואָלסט ניט אומגעגאַנגען מיט אַזאַ אויסגעצויגענעם פּנים. עקשנים זייט איר אלע ביי די לוריאס. אין דניאל איז נאָכגעביק, כאַ־כאַ־כאַ... אוודאי ביסטו, דניאל, נאָכגעביק, אויב דו האָסט גענומען און חתונה געהאַט מיט אַזאַ מיאוס מיידל ווי איך, און נאָך מיט אַ קינד דערצו, און א ניט־יידישע דערצו. יאָ, דניאל איז זייער נאָכגעביק. ער האָט גאָרניט אנטקעגן, איך זאָל מיין טעכטערל, מיין פלאָרען אריבערנעמען, זי זאָל זיין מיט אונדז. אוודאי וועל איך זי מאַכן פאַר אַ יידיש קינד! אוודאי, נייטן. כ׳וועל ביי קיינעם ניט פרעגן, כ׳וועל זי מאַכן פאַר א גוט יידיש קינד. אויב יידן וועלן טאַקע אָפּקויפן יענע טשוירטש און מאַכן פאַר א סינאַגאָגע, וועל איך האָבן וואָס צו באַווייזן מיין טעכטערל, כ׳וועל איר באַווייזן גאָטס הויז וואָס יידן פאַרמאָגן.

— הערסט, נתן, ווי עס רעדט א מענטש וואָס איז פון אַזאַ פרעמד צו אונדז געקומען!

— ווען ליליען האָט א שוועסטער אין איר געראָטן!

— כ׳האָב א שוועסטער, נייטן! — האָט אים ליליען ארומגעכאַפּט

— אוודאי האָב איך א שוועסטער...

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט נתן האַרציק זיך צעלאַכט.

— פאַרוואָס מאַכט דיין ברודער פון מיר חוזק? — האָט ליליען זיך פאַרשעמט — כ׳מיין וואָס איך זאָג. כ׳וועל פאַר אים קריגן מיין שוועסטער. מאַכט ניט אויס וואָס מיינע האָבן זיך פון מיר אָפּגעזאָגט. כ׳וועל זי דיר ברענגען; אָבער דו זאָלסט זי מאַכן פאַר אַ יידישקע — ווי דניאל האָט עס פון מיר געמאַכט. אָ, זי איז אַ פלאָם־פייער, א גרעסערער פלאָם־פייער ווי איך. אָ, ליזאבעט, ווי קען איך זי פאַרנאַרן צו מיר? ביסט דאָך, דניאל, א קלוגער, דו וועסט מיר העלפן. אין דער נייער סינאַגאָגע וועט מען זיי ביידן, כאַ־כאַ־כאַ.

— ס׳איז טאַקע אמת, אז די גרינגע קלייבן זיך מאַכן פון קלויסטער אַ בית־מדרש? — האָט נתן רואיק געפרעגט.

— וואָס איז דער חילוק?

— ס'איז טאַקע קיין חילוק ניט. דאָ איז קיין גאָט ניטאָ — ניט אין שול און ניט אין קלויסטער.

— וואָס האָט ער געזאָגט, דניאל? — האָט ליליען צעשראָקן געקוקט צו נתנען.

—אז דו וועסט אים בעטן, וועט ער דיר איבערזאָגן.

— א שלעכטע זאַך האָט ער געזאָגט, האַ, נייטן? — איז ליליען צוגעגאַנגען צו נתנען, גענומען אים פאַר די הענט און געקוקט אים גלייך אין די אויגן אריין — א גוטע מיידל וואָלט אין דיר געפונען אַ ים מיט גוטסקייט, ווי איך האָב ביי דניאלן געפונען. אזוי ביסטו א שלעכטער, א שלעכטער ייִנגל.

נתן האָט זי אָנגעקוקט און גוטמוטיק געשמייכלט. ער איז אָן א ציל אומגעגאַנגען אין די גאַסן, און איז איצטער צופרידן געווען וואָס די ליליען־רות האָט אים מיט אזויפיל ליבשאַפט אויפגענומען.

— וואָס קוקסטו מיך אזוי אָן, נייטן? גלויבסט ניט, אז איך האָב אַ שיינע שוועסטער? מיר גלוסט זיך ניט צונויפברענגען איך, כאַ־כאַ־כאַ... ביסט ניט אַזאַ ווי דניאל. ביסט א האַרטער נוס. איך ווייס ווי א מיידל לויפט דיר נאָך. איך האָב מיטלייד מיט איר. אָבער איך האָב מער מיטלייד מיט דיר. דו, נאַרישער ייִנגל וואָס דו ביסט! האָסט שוין געקענט לאַנג האָבן א ווייב, און האָבן מיט איר קינדער. וואָס ניט, דניאל? רייד איך נאַרישקייטן?

דניאל האָט זיך איינגעהערט צו זיין ווייבס רייד. זי האָט אים מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק פאַרטרויט אַ סוד. מיט פרייד האָט זי עס געטאָן. ער שרייבט צו איר באַרעדעוודיקייט און אירע פריי־רעדיקע טרערן צו יענעם סוד. זי וועט אין זיבן חדשים ארום ווערן אַ מאַמע — האָט זי אים דער־ציילט. דעריבער מערקט ער אין איר א געוויסע פאַרלאָרנקייט. אפילו אין אירע רייד מיט נתנען, באַמערקט ער, אז הינטער די רייד איז פאַראַנען אַ געוויסער פּחד, ווי זי וואָלט וועלן עפּעס אין זיך איבערשרייען.

פונדעסטוועגן, ווען ליליען־רות האָט דערציילט וועגן איר שוועסטער ליזאבעט, האָט עס דניאלן געחידושט. מחמת, ליליען־רות האָט אים ביי א געלעגנהייט דערציילט, אז איר ייִנגערע שוועסטער איז שטאַרק אָפּגעראָטן פון איר, און איז א פאַרברענטע קריסטן.

— וואָס זאָגסטו, דניאל, — האָט זיך ליליען אָנגעשלאָגן אָן דניאלס געדאַנקען — זאָל איך זיי צונויפברענגען? וועט ער זי אזוי ליב האָבן ווי דו האָסט מיך ליב? אַ, טייערער דניאל!

נתן האָט געקוקט ווי ליליען־רות איז אוועקגעפאַלן אויף דניאלס האַלדז און זי שטיקט זיך מיט אירע טרערן. עפּעס האָט ער געזאָגט, און בשעת מעשה איז ער מיטן געדאַנק אריבער צו מלכה חלפן: „צוויי וועלטן. זי האָט אים פון א פרעמדער וועלט אזויפיל ליבע געבראַכט. פון דער וועלט, וואו מען האָט אונדז פיינט, האָט זי א ים מיט ליבע מיטגעבראַכט...״

— נעם ניט פאַר אומגוט, נייטן, וואָס איך בין אזוי. איך בין נאָך אַלץ פאַרליבט אין דיין ברודער. אָבער איך ווייס, דו וועסט נאָך אויך אָנטרעפן די פרוי, וואָס וועט דיך ליב האָבן ווי דו פאַרדינסט. ניין, איך וויל דיך מיט מיין שוועסטער ניט באַקענען, כאַ־כאַ־כאַ...

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

ליליען־רות איז געזעסן אין בעט בלויז אין איר נאַכטהעמד, און דורך דער ביינאַכטיקער פינצטערניש אפיר געקוקט צו דער בעט קעגן איבער, וואו, מיט א שטילן, רואיקן און טיפן אָטעמען, איז געשלאָפן איר מאַן דניאל לוריא. מיט די בליקן האָט זי געגרייכט צו זיין געזונטן, שווערלעכן גוף, אין א ווייסן נאַכטהעמד, וואָס איז מיט דעם אָטעם־צוג אויפגעגאנגען און צוריק געזונקען.

זי האָט שוין א פּאָר מאָל געפּרוּווט אַראָפּשטעלן די פיס אויפן דיל, אַריבערגיין צו איר מאַן, אָנרירן אים — זאָל ער וואָך זיין מיט איר. אָבער צום סוף קען זי עס ניט פועלן ביי זיך. ווי נאָר זי שטייט שוין מיט די פיס אויפן דיל, גייט אויף א טונקעלער פאַרהאַנג צווישן איר און איר מאַן און שיידט זיי פאַנאַנדער. ס׳איז אלץ דערפאַר וואָס מיט אריבער צוויי וואָכן צוריק האָט זי מפיל געווען א קינד שוין אין פערטן חודש, וואָס איז אין איר לייב געקוואָלן צוליב איר אוועקגעבן זיך דעם יידישן מאַן. איצטער דוכט זיך איר, אז אפשר צוליב דעם האָט זי דאָס קינד ניט אויסגעטראָגן. „אַן אָנזאָג, אז בלוט מיט פרעמד בלוט זאָל זיך ניט מישן...״ זי האָט צו דניאלן קיין איין וואָרט וועגן איר חשד ניט פאַר־וואָרפן. איר ליבשאַפט צו אים איז ניט פאַרמינערט געוואָרן. ניט מער, וואָס זינט ס׳האָט געטראָפן דאָס אומגליק — הייבט זיך אָפּט אויף א טונקעלער פאַרהאַנג צווישן איר און איר יידישן מאַן דווקא ביינאַכט, דווקא יעמאָלט ווען איר לייב און לעבן הייבט אָן גלוסטן צו אים מיט דער אייגענער בלינדער ליידנשאַפט, ווי יעמאָלט בשעת זי האָט אים גאָר צום ערשטן מאָל באַגעגנט.

געווען א וואַרעמע זומערנאַכט. ליליען־רות איז מיט אלע גלידער אירע געווען וואָך. ווי דאָס מידע לעבן ארום הינטער די פענצטער איז וואָך און קען ניט איינשלאָפן. זי הערט קינדער וויינען אויף די גאַלעגערס, וואָס מאַמעס האָבן פאר זיי אויסגעבעט דרויסן פארן שטוב. זי הערט אויך רייד פון מענטשן וואָס וואַלגערן זיך אויף די דעכער און קענען ניט איינ־שלאָפן. ס׳וואָלט איר אויך איצטער גוט געווען, ווען זי קען ארויס פון שטוב, אזוי אין איין העמד, א באָרוועסע, שטעלן די טריט איבער די קילע שטיינער פון ברוק, גיין אזוי, גיין ביז זי וועט דערגיין...

און דאָ, בשעת זי טראַכט דערפון, ווערט איר שטאַרק פינצטער פאר די אויגן, די קריסטלעכע וועלט פון וואַנען זי איז געקומען, פאַרשווינדט אויף יענער זייט פון א פינצטערן הימל.

זי דערמאָנט זיך, ווי מיט א צייט צוריק איז זי פלוצלונג אוועק צו אירע טאַטע־מאַמע. זי איז יעמאָלט פאַרגאַנגען אין „דריטן חודש״. ס׳האָט

זי געצויגן צו דער מאַמען, איבערגעבן איר די געפילן פון מוטערשאַפט וואָס האָבן אָנגעגאָסן אַלע אירע אבֿרים. און אַגבֿ האָט זי געוואָלט דאָרטן באַגעגענען איר יינגערע שוועסטער ליזאבעט, דערציילן וואָס פֿאַר אַ טייערן חתן זי האָט פֿאַר איר. זי איז אויסן געווען אָפּצומאָלן פֿאַר דער יינגערער שוועסטער איר מאַנס צווילינג־ברודער — נתנען. די עלטערן אירע, וואָס האָבן אין האַרלעם נאָענט צום וואַסער געהאַט אַ שטיקל שטיבל מיט אַ גאָרטן דערבײַ, און וואָס דער פֿאָטער האָט נאָך צופֿאַרדינט ביים אָנלאָדן באַרזשעס — דידאָזיקע היים האָט זי אויפֿגענומען פֿיינטלעך. אַלץ האָט צו איר געקוקט מיט רוגזה. ווען די מאַמע האָט זי אַ קוש געטאָן, איז דאָס געווען נאָר כּדי די טאָכטער זאָל שפּירן דעם קאַלטן אָנריר פֿון אַ באַליידיקטער און פֿאַרשאָלטענער מאַמען. ליליען האָט יעמאָלט מורא געהאַט אויפֿצודעקן פֿאַר דער מאַמען איר סוד. זי האָט איר בויך אײַנגעצויגן, כּדי די מאַמע זאָל זי ניט חושד זײַן.

— זיי זײַנען בעסערע מענטשן פֿון אונדז, זײַנען ערלעכע מענטשן — האָט ליליען עטלעכע מאָל איבערגעחזרט נאָכדעם ווי די מוטער האָט אַ פֿריסקע געטאָן איר אין פּנים אַרײַן:

— אַ טאָכטער, וואָס האָט זיך אַזוי אויסגעשמירט ס׳פּנים, האָב איך ניט געדאַרפֿט איבערן שוועל אַריבערלאָזן.

ווען ליליען איז יעמאָלט צוריקגעקומען אַהיים, אין דער יידישער וועלט, וואָס דניאל דער ייד האָט איר געגעבן, האָט איר די הנאה געטאָן, וואָס קיינער איז אין שטוב ניט געווען. איר גאַנץ לעבן איז געווען אײַנגעטונקען אין בושה. זי האָט זיך געשעמט פֿאַר דער יידישער גאַס, און געשעמט פֿאַר זיך אַליין. זי האָט יעמאָלט מיט די הענט פֿאַרזיכטיק אָנגערירט איר בויך, און ס׳האָט טונקל אַ שווינדל געטאָן פֿאַר די אויגן. אַ היץ האָט אַרויפֿגעשטראָמט פֿון אונטערן האַרצן גלײַך אין פּנים אַרײַן. ווען דניאל איז פֿאַרנאַכט אַרײַנגעקומען פֿון זײַן געשעפֿט, איז זי אַרײַנגעפֿאַלן אין זײַנע אָרעמס; איר גאַנץ לעבן האָט געוויינט אין זײַנע אָרעמס. איר האָט אויסגעוויזן, אַז מיט די טרערן וועט זיך אויפֿלייזן און אויסרינען דער פֿאַרפּלאָנטערטער נפֿש וואָס קוועלט אין איר לײַב.

דניאל האָט יעמאָלט געשוויגן. עפּעס האָט ער יאָ פֿאַרשטאַנען, און פֿאָרט ניט פֿאַרשטאַנען וואָס ביי דער גרטע אין דהאַרצן קומט פֿאָר. ער האָט באַמערקט אַ פֿאַרלאָרנקייט אין אירע אויגן. ער האָט באַמערקט, ווי אין פּנים פֿון דער דרייסטער און מיט לעבנס־חכמה באַשאָנקענער ליליען־רות ציטערט די שרעק, און צומאָל קוקט זי מיט פֿרעמדן פּחד אין זײַן פּנים אַרײַן. דניאל האָט עס פֿאַרטרויט קריינדלען, און געבעטן, אַז קריינדל זאָל אָפּטער קומען פֿאַרברענגען מיט זײַן ווײַב. קריינדל האָט עס גערן געטאָן, און פֿון צײַט־צו־צײַט שוין געבליבן נעכטיקן ביי דניאלן. קריינדל איז צומאָל געווען פֿאַר דער גרטע אַ שטיק ליכט, וואָס באַלײַכט די פֿרעמדע וועלט אַרום.

ווען ליליען האָט גאָר אומגעריכט דערפֿילט פֿריצײַטיק ווייען, ווען ממש צווישן לעבן און טויט איז איר לעבן געהאַנגען — איז קריינדל געווען איר ליכטיקער אָנהאַלט. קריינדל האָט אירע יסורים גרינגער געמאַכט, מיט יסורים־קראַמפּן אין די פֿינגער האָט זיך ליליען געקלאַ־

מערט אַן קריינדלען און געזוכט ביי איר אַן אָנהאַלט אין לעבן. איצטער אויך, כאָטש שוין באַלד דריי וואָכן זינט איר גוף איז אויסגעליידיקט געוואָרן — כדי אָנצופילן ס׳אָרט פון נפש מיט אומבאַגרייפלעכן טרויער, אויב איר אָפּגעצערט לייב בענקט נאָכן אָנריר פון דעם מאַן וואָס אָטעמט אַזוי שטיל און רויִק אין בעט קעגן איבער, איז צו דעם גורם קריינדל, וואָס שלאָפט איצטער אויך אין פאָדערשטן צימער ביים פענצטער. קריינדל און דניאל, און דער לעבעדיקער אָדער וואָס קלאַפּט נאָך אין איר לעבן, דאָס לאָזט זי איצטער ניט וויינען מער, און האַלט זי וואַך אויף איר געלעגער.

איר קומט אויפן זינען נתן לוריא ווען זי האָט צוגעזאָגט צו קריגן פּאַר אים איר ייִנגערע שוועסטער ליזאַבעט. ליליען פילט, אַז צו ווינציק האָט זי אויסגעבעטן מיט „אייגנס" איר וועלט. ווען איר געלינגט אַריינברענגען איר שוועסטער אין דער ייִדישער וועלט, און אַ צוליב דערצו איר אייגן זיבן יעריקע טעכטערל, וואָלט עס איר יעמאָלט ניט געאַרט וואָס אירע טאַטע־מאַמע טראָגן אין האַרצן אויף איר אַ כעס. איצטער איז זי אַליין. דער עיקר, זינט זי האָט אָנגעהויבן צו שוואַנגערן און דערנאָכדעם, ווען זי האָט דאָס קינד מפּיל געווען — שפּירט זי אָפּט ווי זי איז אַליין אַריינגעפאַלן אין אַ טומלדיקער מענטשן־מאַסע, אַזאַ פאַרשמאַיעט מענטשן־געזינדל, וואָס זוכט דאָ פּרנסה מיט אַזאַ זשעדנעקייט און אַזאַ פאַרלאַרנקייט. ייִדן, ייִדן פון רוסלאַנד אַנטלאָפענע. אויסער די לוריאס קען זי קיינעם ניט אַזוי נאָענט. אין די לוריאס האָט זי דערבליקט דאָס ייִדישע פאָלק און עס ליב געקראָגן. ווען זי קוקט אַריין אין דער אַרומיקער ייִדישער וועלט, ווערט איר צומאָל בלאַנק פאַר די אויגן, טונקל פאַרן דמיון. די שטים פון אייגן בלוט רופט און מאָנט. זי דערשרעקט זיך אין אַזאַ רגע. זי קען ניט באַגרייפן ווי דאָס קומט צו איר. אַ געפיל פון בושה צינדט אָן איר פּנים. ליליען וויל זיך פון דידאָזיקע געפילן באַפרייען.

— נתן... — גיט זי אַ טראַכט — ווען ליזאַבעט פאַלט אַריין צו אים! איר וואָלט גוט געווען, ווי מיר איז גוט מיט דניאלן. צוזאַמען וואָלטן מיר מיט אונדזערע מענער אומגעגאַנגען.

דערביי קומט אַן אַ מחשבה:

— און ווי וואָלט געווען ווען יעמאָלט, אַנשטאָט דניאלן, קומט גאָר נתן אַרויף צו מיר אויבן בשעת איך בין געשטאַנען איינגעבויגן איבער דער באַליע און געוואַשן? ווי וואָלט עס יעמאָלט געווען, צי וואָלט איך מיט מיין שוואַכן, אָפּגעצערטן גוף געקענט אים אָנזעטיקן, ווי איך האָב עס געטאָן מיט דניאלן?

ליליען דערשרעקט זיך אַליין פאַר אַזאַ מחשבה. זי איז געטריי דניאלן; ער, דניאל, איז איר געטריי מיט לייב־און־לעבן. „אַ זינד אויפצוברענגען אַזעלכעס פאַרן זינען!" הלוואי כאַפּט זיך דניאל איצטער אויף פון שלאָף און גייט איבער צו איר אין בעט אַריין, זי זאָל זיך קענען איינגראָבן אין זיין שטאַרקן גוף, און אפשר אין דער שטיל וויינען אויף זיין האָריקער ברוסט! אַליין איבערצוגיין צו אים האָט זי ניט קיין מוט. טאָקע דערפאַר וואָס איר גוף האָט ניט אויסגעטראָגן דאָס קינד, וואָס זי

האָט פֿון אים געטראָגן. איר דוכט זיך אויס, אַז דניאל איז עפּעס חושד. אפשר איז ער גאָר חושד, אַז איר ניט־יידישער גוף האָט ניט געוואָלט אויסטראָגן דאָס קינד וואָס אַ יידישער מאַן האָט אין איר פֿאַרפּלאַנצט!

זי איז שטיל אַראָפּ פֿון געלעגער, אַרויס אויף די שפּיץ פֿינגער אין פֿאָדערשטן צימער, און זיך צוגעד־הערט צו קריינדלען. ס'האָט איר גע־חידושט וואָס קריינדל, פּונקט ווי איר ברודער דניאל, שלאָפֿט איצטער אַזוי רואיק. באַזאָכט און טיף אָטעמט זי, בעת פֿון איר האָט זיך דער שלאָף אַזוי אָפּגעטאָן.

זי איז צוגעגאַנגען צו אַ פֿענצטער און אָנגעשטאַרט דעם שטערן אָן דער קילער שויב. דערנאָכדעם האָט זי דאָס פֿענצטער געעפֿנט און געפֿילט די קילקייט וואָס האָט פֿון דער נאַכט געצויגן, באַוועגט דאָס נאַכטהעמד און אָנגערירט איר פּייכט לייב. דורך דעם אָפֿענעם פֿענצטער האָט צו איר דערגרייכט דאָס שפּעט ביינאַכטיקע אָטעמען פֿון דער גאַס, איבערגע־מישט מיט אָפּגעריסענע קולות. אַ פֿרעמדע וועלט רודערט זיך דאָרטן דרויסן און קען ניט איינשלאָפֿן פּונקט ווי זי. יידן, דוכט איר, זיינען שטענדיק וואַך, און ווי קומט עס וואָס דניאל און קריינדל שלאָפֿן אַזוי רואיק?

זי האָט שוין געקלערט גיין צוריק אין צווייטן חדר, אפשר פֿאַרט צוגיין צו דניאלס געלעגער, ער זאָל מיט זיין ליבשאַפֿט איינגעמען איר קראַנק געמיט, אָבער פּלוצלונג, ווי פֿון אַ האַנט אָנגערירט, האָט זיך קריינדל אויפֿגעזעצט אויף איר געלעגער און אָנגעשטעלט די אויגן אויף ליליענס בלייך געשטאַלט.

ליליען האָט עס באַמערקט, זי איז ניט גלייך צוגעגאַנגען צו קריינדלען.

— פֿאַרוואָס שלאָפֿסטו ניט, ליליען? — האָט קריינדל שטיל געפֿרעגט.

— קום צו מיר, ליליען — האָט קריינדל צו איר אויסגעשטרעקט אירע פֿאַרשלאָפֿענע הענט.

ליליען איז צוגעגאַנגען צו קריינדלען, געלאָזט קריינדל זאָל זי אַריינגע־מען אין אירע אָרעמס. ס'איז געווען צום ערשטן מאָל וואָס קריינדל האָט ליליענס לייב אַזוי נאָענט דערפֿילט. דין איז ליליען געווען, דין, בויגיק און נאָכגעביק.

— פֿאַרוואָס שלאָפֿסטו ניט, ליליען? — האָט קריינדל ווידער גע־פֿרעגט און געדריקט די ליפּן צו איר פּייכטן שטערן — דניאל ווייס אַז דו שלאָפֿסט ניט?

— כ'בין צופֿרידן וואָס ער ווייס ניט.

— טוסט ניט גוט, ליליען, ער דאַרף וויסן, אַז דיר איז אומעטיק, אַז דו שלאָפֿסט ניט.

— איך וויל ניט, ער זאָל עס וויסן. כ'וועל ווערן אינגאַנצן געזונט, יעמאָלט וועל איך אים דערציילן, אַז ס'האַרץ טוט מיר וויי.

— זאָרג ניט, ליליען. וועסט נאָך האָבן גענוג קינדער. דאגה ניט. דניאל האָט דיך ליב און דו האָסט אים ליב.

— איך האָב מורא, אַז גאָט האָט מיך באַשטראָפֿט.

— וואָס פֿאַר אַ גאָט מיינסטו? איין גאָט איז פֿאַראַן, ליליען. האָסט דאָך אַליין געזאָגט!

— שווערע געדאַנקען. כ׳ווייס גאָרניט פון וואַנען זיי קומען צו מיר. האָבן זיך אויף מיר אָנגעזעצט.

— כ׳געדענק, ליליען, וואָס דו האָסט מיר אַמאָל געזאָגט: אַ מענטש דאַרף אַלץ צעברעכן אויף זיין וועג וואָס פירט צו זיין גליק, אַזוי האָסטו געזאָגט. כ׳האָב געמיינט, אַז דו ביסט אַזוי גליקלעך.

— אָ, קעראַלאַין, איך בין גליקלעך. אַוודאי איז מיין גליק ניט אויס־צומעסטן. נאָר ווייסטו, מחשבות קומען און מאַטערן. פאַרוואָס האָב איך קיינמאָל ניט מפיל געווען? צוויי קינדער האָב איך געהאַט מיט דעם מאַן וואָס האָט מיך אַזוי שרעקלעך באַהאַנדלט; דער מאַן, וואָס האָט מיך געשלאָגן און מיינע פאַרדינסטן פאַרשיכורט. פון אים האָב איך אויס־געטראָגן צוויי קינדער. און פון דעם מאַן, וואָס צוליב אים בין איך אַוועק פון מיין פאָלק און מיין גלויבן, פון אים האָט מיין לייב דאָס קינד ניט געוואָלט אויפהאַלטן ביז צו דער באַשערטער שעה. לאָז מיך זיך לייגן נעבן דיר, קריינדל.

ליליען האָט זיך אַנידערגעלייגט, כאָטש אין צימער איז געווען וואַרים — האָט ליליען אינגאַנצן געציטערט פון קעלט. קריינדל האָט זי צוגע־צויגן צו זיך כדי צו דערוואַרימען. מיט איר לייב האָט זי געפילט ליליענס אָפּגעצערטן גוף. קריינדלען האָט פאַרדראָסן הלמאַי איר ברודער שלאָפט רואיק און שפּירט גאָרניט ווי ליליען בלאָנדזשעט אום אין דער פינצטער, קען זיך קיין אָרט ניט געפינען.

קריינדל האָט זיך געוואָלט דערקלייבן צו ליליענס אינערער וועלט, באַנעמען פאַרוואָס ס׳האָט זיך פון איר אָפּגעטאָן דאָס גליק — ווען איר ליבע צו דניאלן איז נאָך ניט געמינערט געוואָרן. קריינדל קען ניט באַנעמען אַז דאָס מפּיל זיין איז די אמתע סיבה פון ליליענס טרויער. ס׳קומט אָן אַ מחשבה און באַומרואיקט קריינדלען אויף אַ וויַל: „אפשר ציט עס זי צוריק צו איריקע. זי וויל, דניאל זאָל זי אָפּלאָזן, און האָט מורא מודה צו זיין.״

— טראַכט ניט קיין שלעכטס אויף מיר, קעראַלאַין — האָט ליליען ווי אויפגעכאַפּט קריינדלס מחשבות — איך בין אַ פרוי וואָס האָט שוין פאַרזוכט דעם ביטערן כוס פון לעבן און זיין טעם ליגט מיר אין מיינע געבליטן. דו, קעראַלאַין, ביסט אַ מיידל. דיין לייב איז נאָך ניט אויפגע־ריסן געוואָרן. פאַר דיר איז נאָך ליבע אַ סוד, און אַ מאַן — אַ רעטעניש. אָט, ווי דו פילסט מיין דינעם קערפּער, ער איז שוין ניט איינמאָל אויפגעריסן געוואָרן, שוין ניט איינמאָל האָט אַ מאַן אויף דעמדאָזיקן גוף געברענט. דיר גלויבט זיך עס גאָר ניט. די־אָ קינדערשע בריסט מיינע האָבן שוין צוויי קינדער אויסגעזויגן. זיי האָבן געקענט אויסזויגן אַ קינד פון דעם מאַן וואָס איך האָב.

— ליליען — האָט קריינדל געגלעט אירע שמאָלע פּלייצקעס בעת זי האָט פאַרזיכטיק גערעדט — זינט דו ביסט געגאַנגען געוואויר ווערן דיינע טאַטע־מאַמע, ביסטו ניט די אייגענע.

— האַ, האָסט עס דערקענט? ביסט אַ קלוגע, קעראַלאַין. ס׳איז אפשר אמת. נאָר ניט דערפאַר וואָס מיך האָט צוריק אַהין געצויגן; ניין, קעראַ־לאַין, כ׳וויל נאָך אַמעצן אַוועקנעמען פון דאָרטן און ברענגען אַהער.

ליזאבעטן מוז איך צונעמען פון דאָרטן. כ׳וויל, זי זאָל דערקענען דיינע ברידער. אמת׳, זי איז ניט ווי איך. זי וועט ניט נעמען און איינגאַנצן זיך אוועקגעבן. הא, קעראָלאַין, צוליב וואָס זינדיק איך און רעד אַזעלכע רייד? שרעקלעך וואָס פון דעם איז געוואָרן! ס׳איז שוין באַלד טאָג, און איך האָב נאָך מיט קיין אויג ניט צוגעמאכט. אנטשולדיק מיר, קעראָלאַין, כ׳וועל גיין צוריק, אפשר וועל איך איינשלאָפן. דערציייל גאָרניט קיינעם, דערציייל ניט דניאלן, אז איך בין אומגעגאַנגען ביינאכט. ער וועט האָבן צער. כ׳וויל אים קיין צער ניט פאַרשאַפן. שלאָף, שלאָף, קעראָלאַין. כ׳טו א זינד ווי איך פיר זיך אויף...

אויף מאָרגן איז ליליען־רות אויפגעריכט געוואָרן: — גאָר אומגע־ריכט איז איר שוועסטער ליזאַבעט אַראָפּגעקומען געוואויר ווערן. ליזאַבעט צוויי יאָר יינגער פון איר, אויך א בלאָנדע, שלאַנקע, מיט אַ שמאָלן פּנים און ליכטיק בלויע אויגן אונטער א פאַרשייטן, אָפענעם שטערן. ביים זייט מיט ליליען רותן האָט זי אויסגעזען גרעסער און רואיקער. אויף איר איז קענטיק געווען דער מענטש וואָס האָט זיך אליין גוט איינגעזינבען.

— ס׳האַרץ האָט מיר געזאָגט, אז מיט מיין שוועסטער איז עפּעס ניט גלאַט. דער מאַמען האָט אויך דאָס האַרץ געזאָגט. די מאַמע וויל זיך מיט דיר איבערבעטן — האָט ליזאבעט גערעדט, און בשעת מעשה פאַרקוקט אין אלמער וואָס פאַר בגדים ליליען פאַרמאָגט.

ליליען האָט עס באַמערקט. איר האָט הנאה געטאָן וואָס די שוועסטער שפּירט זיך היימיש. דניאל איז אין שטוב ניט געווען בעת ליזאבעט איז אָנגעקומען. ליליען איז געווען צופרידן וואָס זי ד־האָט א מעגלעכקייט אויג־אויף־אויג בלייבן מיט דער שוועסטער. אין איר איצטיקן גייסטיקן מצב האָט ליליען זיך געשפּירט נעבן איר יינגערער שוועסטער, ווי זי אליין האָט שוין ניט איין לעבן אָפּגעלעבט. איר שוועסטער איז געקומען ווי צו ירשענען דאָס וואָס איז נאָך איר איבערגעבליבן. ס׳האָט איר אָנגע־הויבן קלאַפּן ס׳האַרץ ווען אַזאַ געפיל האָט דורכגענומען איר לייב.

— אפשר געפעלט דיר עפּעס פון מיינע זאכן, ליזאבעט, כ׳האָב צופיל. מעסט אָן, דאָס וואָס דיר געפעלט, נעם דיר.

— נעמען וויל איך ביי דיר גאָרניט, אבער אָנמעסטן גלוסט זיך מיר. קוק ניט וואָס איך טו, כ׳בין א חזיר וואָס איך טו עס.

ליזאבעט האָט מיט א נערוועישן ציטער אין די הענט אראָפּגענומען פון זיך איר קלייד, איר אונטערוועש, און געבליבן שטיין פאַר איר עלטערער בלאַסער שוועסטער אדם־נאַקעט.

— זעסט, ווי פעט כ׳בין געוואָרן, כאָטש כ׳עס גאָרניט אזויפיל. כ׳האָב מורא, אז קיין איין זאַך פון דיינע וועט אויף מיר ניט פּאַסן.

ליליען האָט מיט א וואַרימקייט אין די אויגן באַטראַכט איר שוועס־טער. ליזאבעטס גלידער, ליזאבעטס בריסט — פולער פון אירע, דער־פאַרענערע פון אירע, כאָטש זי איז נאָך א מיידל; כאָטש זי, ליליען, איז שוין שיעור צום דריטן מאָל געוואָרן אַ מאַמע.

— וואָס זאָגן עפּעס אונדזערע אויף מיר, ליזאבעט? קום צו מיר, כ׳וויל דיך א קוש טאָן. אזוי לאַנג ניט געפילט דיין לייב... דערציייל מיר, — האָט ליליען מיט ליידנשאַפט גערעדט און אויסגעקושט יעדן ווינקל

פון איר שוועסטערס לייב — זאָג, מ׳שעלט מיך ניט? מ׳לאַכט ניט פון מיר? וואָס זאָגן זיי עפּעס אויף יידן? האָ, זיי קענען ניט די יידן! ניטאָ אויף דער וועלט אַזעלכע גוטע מענטשן ווי יידן. ניט אַלע יידן, אָבער די לוריאַס, דניאלס ברידער, דער פּאַפּאַ, די שוועסטער — ניטאָ אַזעלכע מענטשן גאָר. האָ? פאַרוואָס ווילסטו מיר ניט דערציילן וואָס מ׳זאָגט אויף מיר?

— וואָס ווייסטו, ליליען? פאַרוואָס ביסטו ניט גליקלעך?

—אָ, ניין, ליזאבעט, אונדזערע ווייסן ניט. כ׳האָב מפּיל געווען. דריי חדשים א קינד. מפּיל געווען. כ׳וועל עס ניט איבערטראָגן. האָב דעריבער באַפוילן דו זאָלסט קומען. כ׳דהאָב זיך ניט געריכט, אז דו וועסט קומען.

— גוט אַזוי! זיי צופרידן וואָס דאָס האָט געטראָפן. צוליב וואָס דאַרפסטו האָבן א קינד פון אַ יידן?

— זינדיקסט, ליזאבעט!

— אוודאי דאַרפסטו זיין צופרידן. גאָט האָט געזען, זאָלסט ניט טראָגן קיין שאַנד אין דיינע געדערים, דעריבער...

— רייד ניט פון גאָט, ליזאבעט. גאָט איז אמתדיק און גוט. ער האָט מיך ניט באַשטראָפט. ער איז צו מיר נאָך צו גוט, ליזאבעט. ביסט מיין שוועסטער, כ׳וויל, דיר זאָל אויך זיין גוט אין לעבן. הער מיך צו, ליזאבעט. כ׳האָב שוין צען לעבנס געלעבט. צען מאָל געשטאָרבן און ווידער לעבעדיק געוואָרן. ווער איז געווען מיין ערשטער מאַן? גאָטס טובה איז עס ניט געווען ווען ער האָט מיין לייב און לעבן אויסגענאָגט. ניטאָ, ליזאבעט, קיין קריסטן און קיין יידן. ניטאָ קיין איירישע און יידן. מענטשן זיינען פאַראַן! גוטע און שלעכטע מענטשן. פריער האָט איבער מיר געהערשט א ברוט, און איצטער — א מענטש מיט א נשמה אין האַרצן. און דו זאָגסט, אז גאָט האָט מיך באַשטראָפט!

ליליען האָט זיך מיט אמאָל דערשפּירט שטאַרקער. פּונקט ווי זי וואָלט איצטער געווען אין אַ געפאַר און מוז זיך מיט אייגענע כוחות אַרויסראַטעווען. זי איז פון אירע אייגענע רייד געשטאַרקט געוואָרן, און זיך דערשפּירט מיט אמאָל ווי אן עלטערע, א דערפאַרענע.

— כאַ־כאַ־כאַ — דהאָט זי אַ לאַך געטאָן, און מיט ליבשאַפט געקוקט איר שוועסטער אין די אויגן — פאַרוואָס שטייסטו אזוי נאַקעט, אימעצער קען דאָך נאָך אַריינקומען! בעסער פּוץ זיך אויס, קלייב אויס וואָס דיר געפעלט און וואָס דיר פּאַסט. אָט, דאָס גרינע קליידל איז אויף מיר צו ברייט, אויף דיר וועט עס זיין פּונקט. און דידאָזיקע הייזלעך... דינע, האָ? פּילט זיך גוט!

— ער קויפט עס דיר אלץ? — האָט ליזאבעט מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם געפרעגט.

— ווען איך זאָל נאָר וועלן! מיר ליגט עס ניט אינזינען. ווען איך זאָל נאָר וועלן האָבן קליידער! האָ, ליזאבעט, דאָס איז ניט אלץ. איך לעב אין א נייער וועלט. אמאָל איז מיר גלייך, ווי איך וואָלט געלעבט אין חלום, אין חלום בין איך פאַרטראָגן געוואָרן אין הימל אריין צווישן צדיקים, וואו אלע, אלע קוקן אויף מיר מיט הוילער גוטסקייט.

איך גאַף און פאַרשטיי ניט פאַרוואָס מ'האָט מיך באַשענקט מיט אַזויפיל גוטס. און אַמאָל, אינמיטן פון אַלדאָס גוטס, הייב איך אָן צו בענקען. ניט צו אים, צום ברוט בענק איך. כ'וויל ניט זיין איינע אַליין. כ'וויל נאָך אימעצן פון מייניקע האָבן נעבן זיך. האַ, דאָס איז דאָך שיין, ליזאַבעט!

— האָט ליליען מיט אַנטציקונג באַטראַכט אויף איר שוועסטער דאָס גרינ, זיידן קליידל, אַרום און אַרום מיט געל באַפּוצט — זע, זאָלסט אָפּטער קומען צו מיר. כ'ווייס, דו טראָגסט אויף מיר קיין כעס ניט. אויף דיר וואַרט נאָך אַ סך גוטס אין לעבן.

— כ'וויל קענען זיינע ביידער — האָט ליזאַבעט שטיל געזאָגט — בשעת אירע בליקן האָבן געבלאַנדזשעט איבער ליליענס בלאַנדן קאָפּ.

— בליב דאָ נעכטיקן, ליזאַבעט, ס'וועט דיר ניט פאַרדריסן, ליזאַבעט.

— כ'וועל בלייבן נעבן דיר, ליליען.

— יאָ, ווערסט פאָלגן דיין שוועסטער?

ליליען האָט צו זיך געדריקט איר פאַרפרעמדטע שוועסטער, און געשפּירט ווי זי ווערט שטאַרקער און שטאַרקער, ווי זי וואָלט אָפּגעהאַלטן אַ זיג איבער איר פאָלק און גאָט, פון וועמען זי איז פאַרפרעמדט געוואָרן און ווערט צוליב דעם אַזוי אָפט באַלוינט מיט אַ פולער מאָס טרויער און בענקעניש.

* * *

הילל לוריא, אַן אויסגעוואָרצלטער, האָט זיך אומגעבלאָנקעט איבער ניו־יאָרק. אוועק פון דער יידישער גאַס זוכן אַרבעט אין האָפן, פון האָפן — צו פאַרמערס אין פעלד; און אין איין העלן פרימאָרגן איז ער ווידער אויסגעוואַקסן מיט זיין איראָנישן שמייכל אויפן „חזיר מאַרק”, וואו גרינע האָבן אַרויסגעבראַכט זייערע הענט צו פאַרדינגען.

— שמיד דאָס אייזן כל זמן ס'איז הייס — האָט הילל געהאַלטן אין איין טענהן, בשעת ער האָט געקראָגן עטלעכע יינגערע און געזינטערע מענטשן וואָס האָבן אים געוואָלט אויסהערן.

— די ערד רופט, די גרויסע רחבות רופט, מ'זאָל גיין פון ניו־יאָרק! איצטער איז נאָך צייט, כל זמן ס'איז נאָך פאַראַן אַביסל קליאַק אין די ביינער. שפּעטער, ווען ס'וועט זיך פאַרגלוסטן אַ שפּיי טאָן אויף ניו־יאָרק, גיין ערגעץ זיך באַזעצן אויף אַ רואיק שטיקל ערד, וועט שוין קיין כוח ניט זיין. מ'ווערט דאָ געבויגן און געעלטערט פאַר דער צייט.

הילל לוריא האָט געהאַלטן אַן אויג אויף דעם „ערב־רב” וואָס האָט געווימלט אין די יידישע גאַסן. ער האָט געציילט די טעג און יאָרן זינט מ'איז אַריין אין קאָלומבוסעס־מדינה, און האָט געהאַלטן, אַז יידן פאַרשפּילן זייערע טעג און יאָרן אַבי צו פאַרדינען אויף אַ שטיקל וויסט לעבן. און איצטער, זינט דעם פאָטער איז עס אַוועק באַרג־אַראָפּ, טראָגט ער צוביסלעך אויך דעם פאָטערס טרויער אין האַרצן.

ער אַליין וואָלט שוין לאַנג אײַנאײַנעם מיט טאַראַס ראַזומנין ערגעץ־וואו פאַרקראָכן צווישן די פאַרמער אַרום ניו־יאָרק, ווען ניט די ליבע ביי די הורוויטשעס. אָבער יעדעס מאָל ווען ער האָט אָנגעהויבן פאַר מינע הורוויטש, מאָלן דאָס געזונטע לעבן ערגעץ אויף אַ שטיקל אייגן ערד ווייט פון ניו־יאָרק, האָט זיך אין אירע באַקן די וואַרימקייט אויסגעלאָשן.

— ווערסט, הילל, די וועלט ניט איבערמאַכן. פון אָנהויב, אַז כ'האָב דיך באַגעגנט, און ד'האָסט מיר אָנגעהויבן צו מאָל'ן גרויסע גליקן אויפן דאָרף, האָב איך יע געהערט, און ניט געהערט וואָס דו רעדסט. מיר איז געווען ליב צו הערן ווי דו רעדסט. כ'האָב ניט געגלויבט, אַז דו מיינסט עס אויף צום אמתן. אדרבה, זאָג וואָס פעלט אונדז אין שטאָט? מ'וועט זיך פון קעלער ארויסקלייבן. וואַרט, וואַרט, ווערסט זען, מ'וועט זיך ארויס־קלייבן פון דאַנען צו לייטן.

מינעס רייד האָבן אים באַליידיקט. ער האָט בשעת מעשה באַמערקט א פרעמדקייט אין איר פנים, ווי זי וואָלט אויף אים א קוק געטאָן פון אויבן־אַראָפּ. ער האָט צוליב דעם א צייט אויסגעמיטן די הורוויטשעס. די געזונטע מינע, וואָס האָט אים געהיילט די בענקשאַפט צום פרייען דרויסן, צו דער ערד — האָט איצטער אויפגעוועקט אין אים א ווייטיקדיקע בענקשאַפט. ס'האָט אים ווידער געטריבן צו אייגענע. די מערסטע פרייע שעהן ד'האָט ער פאַרבראַכט מיט קריינדלען. מ'האָט ארומגערעדט די פאַר־לאַרענע יוגנט און אויסגעלאָשענע האָפענונגען. און יעדעס מאָל, ווען ער איז אַוועק פון קריינדלען, ד'האָט אים פאַרדראָסן הלמאי, אַנשטאָט צו קומען און אויפמונטערן די שוועסטער, האָט ער זי שטענדיק געבראַכט צו טרערן.

דאָס איז געווען שפּעט אין האַרבסט. נאָך א טאָג שווערער ארבעט ערגעץ אין האָפן אין ברוקלין, האָט זיך הילל ביינאַכט דערשלעפּט צו נתנען. אַהין האָט עס אים געצויגן, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז מסתמא וועט מען זיך, ווי דער שטייגער, ווידער קריגן.

ווען ער איז אריין אין צימער, האָט ער נתנען ניט געטראָפן. דער לאָמפּ האָט געברענט אויפן טישל. די „מיסיס" האָט היללן גע'הייסן וואַרטן, באשר נתן איז אַרויס אויף א ווײַלע. הי'ל האָט זיך צוגעזעצט צום טישל און גענומען בלעטערן די ביכער און פּאַפּירן. מעדיצינישע ביכער און פּאָליטישע עקזאַמיע. העפטן פון פּאַרצייכנטע לעקציעס, וואָס ער נעמט אין ביינאַכטיקן קאָלעדזש, און העפטן מיט פאַרצייכנטע נעמען — מיט־גלידער פון געגרינדעטע יוניענס.

— ער גייט אין שפּאָן! — האָט הילל מיט א ביטערן שמייכל א זאָג געטאָן, בלעטערנדיק די העפטן מיט די נעמען — און וואָס וועט פון דידאָזיקע יידן ווערן? אבי א יוניע; אבי מיט פופציק סענט מער פאר דער וואָך.

ווען נתן איז אריינגעקומען, האָט אים הילל באַגעגנט מיט א געמאַכטער מונטערקייט.

— אַ גאַסט, אַ גאַסט, ווי קומסטו איצטער אַהער? — האָט נתן אים געדריקט די האַנט.

— וויפיל איז דער שיעור צו זוכן וואַרימקייט ביי א קאַלטן אויוון, כאַ־כאַ־כאַ. מ'מעג זיך אַמאָל טרעפן מיט אייגענע אויך.

— האָסט עפּעס געד'הערט נייס פון רוסלאַנד? — האָט נתן געפרעגט, און בשעת מעשה געבראַכט צוריק אין אָרדענונג די ביכער און פּאַפּירן אויפן טיש.

— ווי קען איך ווערן אזוי אריינגעטאָן אין אמעריקאַנער קאָכיקן טאָפּ ווי דו? לערן מיך אויס, נתן.

— הלוואי וואָלסטו עס געמיינט אויף צום אמתן.

— כ׳מיין עס ערנסט. צוריק קיין רוסלאַנד קליײַב איך זיך סײַ־ווי ניט.

— דעריבער פאַרדריסט מיך וואָס דו האָסט זיך אזוי אָפּגעלאָזן.

— איך גאָר אָפּגעלאָזן? און איך האָב גאָר געטראַכט, אַז דײַנע גרינע שנײַדערלעך האָבן פאַרגעסן, אַז ס׳איז נאָך פאַראַן אַ וועלט צוליב וועלכער ס׳לוינט צו לעבן און שטאַרבן.

נתן האָט אָנגעשטעלט אויף היללן זײַנע אויגן, געפּאָרשט, צי הילל מיינט עס ערנסט. זינט ער האָט געהערט, אַז הילל קלײַבט זיך חתונה האָבן, האָט ער געגעבן זײַן מיינונג וועגן אים. „ער וועט חתונה האָבן, וועט ער זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ זײַנע וויסטע חלומות וועגן ערד און יידישע דערפער”. צום סוף גאָר!

נתן האָט זיך גלײַך ניט אָפּגערופן. ער האָט געוואַרט, אפשר וועט הילל נאָך עפּעס זאָגן.

— ווען ס׳טו געזען דעם טאַטן? — האָט נתן אומעטיקלעך געפרעגט.

הילל האָט אויף דעם ניט געענטפערט. ס׳איז געווען אַן ענין וועגן וועלכן הילל האָט ניט ליב געהאַט צו רעדן מיט נתנען. דער גרוי־געוואָרענער ישראל לוריא און דאָס רויטהאָריקע יתומהלע, וואָס איז אים געבליבן נאָך זײַן ריוועטשען, און קריינדלס מצב צוליב דעם, פון דעם צו ריידן גלײַכגילטיק האָט הילל ניט געקענט.

— פאַרוואָס ווילסטו, דהילל, ניט ליידן, אַז איך צי אָן אַ שמועס וועגן אייגענע?

— ס׳איז אפשר אמת. מיר איז שווער צו רעדן פון אייגענע. מ׳איז דאָ צעפאַלן געוואָרן. דו ביסט געווען דער ערשטער אָפּצורײַסן זיך און אַוועק, קוקן אָן אַ זײַט, בשעת מ׳האָט זיך געדאַרפט האַלטן אינאיינעם.

נתן האָט אָנגעקוקט היללן. צום ערשטן מאָל האָט ער באַמערקט ווי אין היללס פּנים האָבן די יאָרן אין נײַעם לאַנד געלאָזן צייכנס. ער האָט איצטער ווי צום ערשטן מאָל באַמערקט, אַז הילל האַלט דעם קאָפּ צופיל צווישן די אַקסלען. ער הייבט אָן ווערן גראָאָטן אין דעם פּאָר דער צייט אַלט געוואָרענעם ישראלן.

נתן האָט באַשטימט איבערצוטראָגן דעם שמועס אויף אַן ענין, וואָס זאָל היללן דערוואַרימען.

— דײַן מיס הורוויטש קען מאַכן אַ בחור זאָל בײַטאָג קלײַבן די שטערן פון הימל, כאַ־כאַ־כאַ. ווען האָסטו חתונה?

הילל האָט ניט געענטפערט. ער האָט זיך נאָך מער אָנגעכמורעט.

— אַזאַ מיידל האָט פײַנט נעבעכטיקע לאָקשן — האָט נתן זיך געוויצלט.

— האָסט ניט פון וואָס עפּעס אַנדערש צו רעדן, נתן? ביסט צו ערנסט זאָלסט זיך אָפּגעבן מיט מײַנע הורוויטש.

— ביסט געקומען אַ נעבעכטיקער, הילל. כ׳האָב דיך געפרעגט וואָס דו מאַכסט, ענטפערסטו ניט. געפרעגט, צי דו ביסט געווען בײַם טאַטן — בלאָזסטו זיך. ס׳איז דערפאַר וואָס מיר קערן זיך אָן ברידער. אַז צו מיר

קומט אריין א פשוטער אַפּרייטער, צי א ווילד־פּרעמדער פּרעסער, געפינט מען שוין פון וואָס צו רעדן. אָ מרה־שחורהניק ביסטו געוואָרן!

— יאָ, א מרה־שחורהניק, נתן! — האָט הילל גאָר אומגעריכט אָן אויפגערעגטער אויסגעשריגן. — צוליב אייך אלעמען איז מיר פינצטער פאר די אויגן... וואָס קוועלסטו אזוי אָן פון דיינע שטשאָבונעס, די שניי־דערלעך? אז אָך־און־וויי! ווי וואַנצן זיצן זיי דאָ אָנגעפּיקעוועט אין די פאַרשטונקענע לעכער און שטשאָבען און שטשאָבען! צוליב וואָס איז מען אַהער געקומען? נעבאַי וואָלט מען געזעסן וואו מ׳איז געזעסן. אפשר וואָלט מיט דער צייט דאָרטן געוואָרן בעסער. דאָרטן, כאָטש אין די קליינע שטעטלעך, האָט מען געזען די וועלט פאַר זיך. אָבער דאָ, אין דעם פאַסקודנעם אמעריקאנעם הקדש, וועט אונדז די דער אויפפרעסן אזוי שטשאָבענדיק פון באַגינען ביז שפּעט ביינאכט!

— איך פרעג דיך, הילל, פאַרוואָס האַלטן זיך ניט איין אויף זייערע ערטער ביי דער ערד די עם־עולמניקעס? ווער טרייבט זיי אהער צוריק אין דיין פאַסקודנעם הקדש צו שטשאָבען? פאַרוואָס האלט זיך טאַראָס ראַזומני יאָ איין ביי זיין פאַרמער, און דו קומסט אילעווילע צוריק אין שטאָט אריין?

— אָ, נתן, ביי דיר איז שוין דער מח אויסגעטריקנט געוואָרן!

— כ׳בעט דיך, זיי ניט אויפגערעגט. כ׳האָב דיך עפּעס געפרעגט, מעגסטו מיר ענטפערן.

— כ׳קען ניט לעבן אליין ווי א וואָלף אין פעלד. אַלע אינאיינעם האָבן מיר געדאַרפט זיך לאָזן זוכן א מקום מנוחה ווייט פון ניו־יאָרק. אָט די אַלע גרינע, וואָס לעבן דאָ ווי מייז אין די לעכער, האָבן זיך געדאַרפט צונויפנעמען און ווי איין מענטש גיין זוכן א פריי אָרט אונטערן הימל. צונויפנעמען זיך, און ארויס פון די־אָ אַלע גאַסן ארום, ווי יידן זיינען אמאָל אַרויס פון מצרים! באַדאַי אין א מדבר אריין! באַדאַי נאַקעט און באָרוועס אומגיין! חידושטו זיך, הלמאי סע ציט צוריק אין שטאָט אריין. מיר זיינען דאָך יידן, א יידיש פאָלק! איז דאָס א תכלית א גאַנץ פאָלק זאָל שטשאָבען, שטשאָבען, און מער ווי די פאַר דאָלער פעידע זאָל אין קאָפּ ניט ליגן!? מ׳פוילט דאָ, נתן! און וואָס איז דיין גאַנצער נצחון, אויב דו קענסט די גרינע אונטערשמייסן, זיי זאָלן ארויס אין א שטרייק, אויס־צוקעמפן נעכטיקע טעג און א מיתה־משונה אויף דעם־אָ לעבעדיקן בית־עולם?! אויף א לעבעדיקן בית־עולם וואַלגערן זיך אַלע, און דו באַמערקסט גאָר ניט ווי מיר גייען דאָ ביסלעכווייז אויס! פון אונדז וועט דאָ ווערן אַ באַרג מיסט, נתן!

הילל האָט מיטן פויסט געקלאַפּט אין טיש, אזש דאָס לעמפּל איז שיעור פון טיש ניט אַראָפּגעשפּרונגען. ער האָט זיך געהיצט, און אים איז ניט אָנגעגאַנגען, צי נתן וועט אים יאָ ענטפערן, צי ניט. דאָס וואָס האָט זיך אים אָנגעקליבן אויפן האַרצן האָט ער ניט געהאַט וואו אויסצוגיסן. ער איז אין תוך צופרידן געווען וואָס דווקא ביי נתנען אין צימער האָט גע־פּלאַצט דער געדולד. אים איז אפילו ניט אָנגעגאַנגען צו הערן, וואָס נתן וועט אים אויף דעם ענטפערן.

נתן האָט געוואַרט ביז הילל וועט זיך באַרואיקן. אים איז איצטער ניט געלעגן אינזינען, אַרויסצוקומען און זיך וויצלען איבער זיין אויפגערעגטן ברודער, ווי ער האָט עס אָפט געטאָן. מחמת ער האָט נאָך קיינמאָל היללן ניט געזען אזוי אויפגערעגט. נתן האָט חושד געווען, אז אין דעם שטעקט א פיל טיפערע סיבה, וואָס האָט היללן, א אינערלעך צעטרייסלטן, געבראַכט צו אים. דערצו איז איצטער ניט די צייט ארויסצוברענגען פאַר היללן צום צענטן, צום צוואַנציקסטן מאָל דעם געדאַנק, אַז ס'איז פיל גלייכער, יידן זאָלן דאָ ווערן ארבעטער, אנשטאָט קרעמער — אַז די צוקונפט פון דיער מענטשהייט איז צו טאָן נאָר נוצלעכע ארבעט. „אוודאי וועט עס געשען, ווען קיין אָרט פאַר עקספּלואַטאַציע וועט מער ניט זיין. אין אמעריקע וועט פריער ווי אומעטום איינגעפירט ווערן סאָציאַליזם!” נאָר, גיי זאָג עס היללן, ווען ער האָט זיך אריינגענומען אין קאָפּ ערד! „יידן און ערד...”

נתן האָט אומגעשפאַנט אויף־און־אָפּ, און ניט געוואוסט מיט וואָס איבערצורייסן די שווערע שטימונג וואָס האָט געהערשט ארום אים.

הילל איז געזעסן מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אים איז אליין געוואָרן פאַרדראָסיק, והלמאי צוליב אים האָט זיך געשאַפן די שווערע שטימונג. „געדאַרפט האָט מען אַמאָל אויסלאָזן צו אים אלע בייזע חלומות, אָבער ניט איצטער...” — האָט הילל ביי זיך באַשטימט.

הילל האָט אָנגעהויבן צו מאַכן פּלענער, ווי צו נעמען און ארויסגיין, אָבער אים איז געווען פריקרע אוועקצוגיין א ברוגזער.

גאָר אומגעריכט האָבן זיך דערהערט טריט און באַקאַנטע שטימען. ליליען־רות, און הינטער איר ליזאבעט מוירפי, ליליענס יינגערע שוועסטער, זיינען אריינגעקומען, אין איין רגע איז דאָס פינצטערע שטיל־שווייגן איבערגעריסן געוואָרן.

— כ'האָב געזאָגט, ליזאבעט, אַז מיר וועלן אימעצן געפינען אין שטוב!

— האָט ליליענס שטים צופרידן געקלונגען — אָט דאָס איז נייטן, דער צווילינג־ברודער דניאלס, ליזאבעט... דאָס איז מיין שוועסטער, נייטן. מיין שוועסטער ליזאבעט.

ליליען האָט עפּעס באַמערקט אין היללן. זי איז צו אים צוגעגאַנגען, אים אַ קוש געטאָן:

— ביסט פאַרשלאָפן, הילל — האָט זי געגלעט זיין קאָפּ — טשוכע זיך אויס, זע ס'אַראַ שוועסטער איך האָב. דאָס איז דער פאַרמער אין דער לוריא־משפחה. ווען איך טרעף אים פריער אָן, וואָלט איך זיך גאָר אין אים איינגעליבט, כאַ־כאַ־כאַ.

ליזאַבעט האָט זיך פאַרויטלט. זי האָט געקוקט אויף איר שוועסטער, ווי היימיש זי שפּירט זיך צווישן יידן; האָט ניט געקענט באַנעמען, ווי אַזוי דאָס איז געשען. זי האָט פון אונטער די ברעמען אפיר געקוקט צו די צוויי שטאַרקע מענער. איר איז געווען א חידוש, וואָס ליליען האָט מיט איר גערעדט פון דניאלס צווילינג־ברודער, און ניט פון יינגערן.

— דאָס איז מיסטער הילל לוריא... — האָט ליזאבעט גאָר פון נאָנטן באַטראַכט היללן.

הילל און נתן האָבן זיך נאָך אַלץ ניט באַפרייט פון דעם היציקן שמועס וואָס זיי האָבן צווישן זיך געהאַט מיט א ווײַלע צוריק, כאָטש ביידע זיינען געווען אין האַרצן צופרידן וואָס די געסט זיינען אריינגעקומען. ווען ס׳וואָלט איצטער אריינגעקומען בלויז ליליען, מעגלעך, הילל וואָלט נאָך אַמאָל באַנייט פאַר זיי די טענות וואָס ער האָט געהאַט צו נתנען.

ליליען האָט עפּעס געאַנט; זי איז דאָך אַמאָל געווען דרייסט און געהאַנדלט ווי איר חוש האָט אונטערגעזאָגט.

—, ווי מיר איז גוט, ליזאַבעט, מיט דידאַזיקע מענטשן! — האָט ליליען מיט אַמאָל זיך אָנגעצונדן — דו האָסט ניט געוואָלט פאַרשטיין ווי אַזוי איך האָב גענומען און אינגאַנצן איבערגעריסן מיט אַלעמען און אַוועק צו יידן. וועסט מיט ליכט זוכן צווישן אונדזערע אַזאַ־אָ ברודער.

ליליען איז צוגעגאַנגען צו נתנען, האָט אים אַרומגענומען, גוט אָנגעקוקט זיין פּנים, און, א שטאַרק פאַרוויטלטע, איז זי צוגעגאַנגען צו איר שוועסטער און זיך געשטעלט נעבן איר.

— ס׳איז מיר גוט, ליזאַבעט! כ׳קען זיך פאַרגעסן, און פילן ווי אַן אויסגעלייזטע. כ׳וויס, הילל האָט שוין א מיידל. כ׳פאַרגין איר. נייטן האָט אויך א מיידל געהאַט. זי איז ניט גענוג וואַרים געווען פאַר א יונגן מיסטער לוריאַ, כאַ־כאַ־כאַ, כאַ־כאַ־כאַ.

ליזאַבעט האָט נאַריש געשמייכלט קוקנדיק אויף איר שוועסטער. זי האָט זיך דערשפּירט ווי אין אַ אויסטערלישער וועלט. זי האָט באַטראַכט די יונגע מענער; יונגע און אַזעלכע ערנסטע, אויסגעצויגענע פּנימער. שוואַרצע אויגן מיט פאַרבאַרגענעם פייער. מיט אַזאַ איינעם לעבט איר שוועסטער ווי מאַן־און־ווייב. זי מערקט איצטער, אַז איר שוועסטער איז טאַקע געלייטערט געוואָרן זינט זי לעבט ווי מאַן־און־ווייב מיט אַזאַ־אָ איינעם. ליזאַבעט זוכט ביי זיך עפּעס א פאַסיקן געדאַנק אַרויסצוזאָגן, און מאַכן אַן איינדרוק. איר געפעלט דווקא וואָס ליליען איז אַזוי צוגעלאָזן צו איר מאַנס ברידער. אוודאי ווייסט פון דעם איר מאַן, אים אַרט עס ניט.

— צי קען אַזאַ איינער זיין מיין מאַן, און איך זיין ווייב — איז איר דורכגעלאָפן א מחשבה. זי האָט אַ שוידער געטאָן, און פאַר די אויגן האָט עס אַ שווינדל געטאָן.

הילל איז צו זיך ניט געקומען. ער האָט זיך געשפּירט אומבאַקוועם. אָנגעבנדיק א תירוץ, אַז ער דאַרף נאָך אינערגעצן זיין, האָט ער זיך אומגערעכט מיט אַלעמען געזעגנט, און אַרויס פון שטוב.

— אָ, כ׳האָב אים פאַרגעסן צו זאָגן, אַז דניאל דאַרף אים זייער נויטיק האָבן! איך וועל באַלד אַריינקומען צוריק, ליזאַבעט.

גאָר אומגעריכט איז נתן אַליין געבליבן מיטן אייריש מיידל. אין דער ערשטער רגע האָט ער זיך ניט געכאַפּט וואָס דאָ איז געשען, האָט ניט חושד געווען, אַז ליליען איז בכיוון אַרויסגעגאַנגען, כדי זיי זאָלן בלייבן אַליין.

נתן און ליזאַבעט האָבן ווי צום ערשטן מאָל זיך אָנגעקוקט. ווי פון א ווייטער פרעמד איז יעדערער באַזונדער געקומען און דאָ זיך באַגעגנט,

און קיינער ווייס ניט וואָס דאָס ערשטע וואָרט זאָל זיין, פון וואָס זאָל מען אָנהייבן צו רעדן.

— פאַרוואָס זיינען זיי ארויסגעגאנגען ? — האָט ליזאבעט געקוקט צו דער טיר, און דערנאָך ווידער אָנגעשטעלט איר פנים אויף נתנען.

זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שווארץ טוכן קליידל, ענג געפּאַסט, און איבער דעם אַ גרינער מאַנטל, ברייט פאַנאַנדערגעשפּיליעט. דער קאָפּ איז געווען אָפּגעדעקט. בלאָנדע לאָקן זיינען אריבערגעפאלן און צוגעדעקט א טייל פון דעם יינגלשן, דרייסטן שטערן. אירע בלויע אויגן, ניט קיין גרויסע, דהאָבן שאַרף געפינקלט. איר ברוסט האָט זיך באַוועגט ניט רעגלמעסיק.

נתן האָט עס באַמערקט, און איז אָפּגעטראָטן פון איר עטלעכע טריט. ער איז געווען מיט א קאָפּ העכער פון איר.

ליזאבעט האָט ווי פאר זיך א שטילן לאַך געטאָן, מיט די אויגן אראָפּגעלאָזן, אבער באלד האָט זי דעם קאָפּ אויפגעהויבן, מיט געמאכטער ענערגיע צוגעגאנגען צו נתנען, און געפרעגט:

— ביסט א ייד, ווי מיין שוועסטערס מאַן ?

— בין זיין ברודער.

— ס'איז מיר אַזוי אומנאַטירלעך צו זיין דאָ מיט דיר. און מיין שוועסטער אליין האָט מיך געבראכט, כאַ־כאַ־כאַ.

— פאַרוואָס אומנאַטירלעך ?

— אָ, כ'ווייס ניט, אפשר איז עס אן איינרעדעניש. זעסט ?

ליזאבעט האָט ארויסגעצויגן פון בוזים אויף א דין, זילבערן קייטעלע אַ זילבערן, גלאַנציקן צלמל און עס אונטערגעהויבן צו נתנען.

נתן האָט דאָס צלמל אָנגערירט, און געשפּירט די וואַרימקייט וואָס דער קאַלטער מעטאל האָט מיטגעבראכט פון צווישן אירע בריסט.

— דאָס וואָלט געווען טויט און קאלט ווי מעטאַל, ווען ניט די מענטשלעכע וואַרימקייט — האָט נתן שטיל געזאָגט, באַטראַכטנדיק דאָס צלמל.

איר איז געווען ליב, וואָס ער האַלט דאָס צלמל אין האַנט. אויסטערליש האָט איר געקלונגען זיין שטים. ס'האָרץ האָט דהעכער באַוועגט איר ברוסט. ווי דאָס זילבערנע צלמל וואָלט גערעדט מיטן יונגן יידן פאר אירעטוועגן.

— האָסט עס פיינט ? — האָט איר שטים געציטערט.

— ס'איז ניט שעדלעך. ווען מענטשן וואָלטן אויף דעם ניט אָנגעהאָנגען נאָר זייער שנאה.

— פאַרוואָס שנאה ?

— צוליבן צלם ווייסטו צו מאַכן אן אונטערשייד צווישן ייד און קריסט און פיינט האָבן דעם יידן.

— דאָס לערנט אונדז ליב צו האָבן אַלע מענטשן.

— האָסטו ליב אַלע מענטשן ?

ליזאבעט האָט אויפגעהויבן צו נתנען אירע אויגן, שטיפעריש אַ שמייכל געטאָן, און געזאָגט:

— מיין שוועסטער איז שוין צופיל פאַרליבט אין יידן.

— עס קען זיין — האָט נתן אויך געענטפערט מיט א שמייכל.

— גלויבסט ניט, אז מיין שוועסטער האָט ליב דיין ברודער?
— זי איז צוליב אים געוואָרן אַ יידיש קינד.
— כ׳ווייס. ס׳איז צוליב דעם ביי אונדז געווען אַ גרויסער טרויער — האָט ליזאַבעט אראָפּגעלאָזן די אויגן.

נתן ד׳האָט באַטראַכט איר קאָפּ. אַ ניט־קיין גרויסער, רונדער קאָפּ, אַ ראָזער שרונט האָט זיך דורכגעשלאָגן צווישן די געדיכטע לאָקן. איר האַלדז־און־נאַקן האָט זיך פעסט ארויסגעבויגן פון צווישן די אַקסלען. אַ קלאָרער האַלדז, איבערגעשניטן מיטן זילבערנעם קייטעלע. ער האָט אין געדאַנק געפּרואווט צונויפפירן די צוויי שוועסטער, ליליען די גרטע, און דידאָזיקע מיטן צלמל אויפן האַרצן. „צוליב וואָס האָט זי זיך געלאָזט איינרעדן פון דער שוועסטער, און געקומען אַהער?" — האָט נתן געטראַכט.

ליזאַבעט האָט אַ ציטער געטאָן מיטן גאַנצן גוף, האָט זיך איינגעוויקלט אין גרינעם מאַנטל, און איז ווי געעלטערט געוואָרן. זי איז צוגעגאַנגען צו נתנען, מיט בושה אין די אויגן האָט זי צו אים ארויפגעקוקט, און געזאָגט, נתן זאָל עס גוט באַנעמען:

— צום ערשטן מאָל טרעף איך אַ מאַן וואָס האָט באַמערקט, אַז צווישן מיינע בריסט ליגט שטענדיק אַ צלמל. איך גיי צום גלח זיך מתודה זיין אויף מיינע זינד. כ׳וועל אים דערציילן, אַז איך האָב ליב אַ יידן, כאַ־כאַ־כאַ... דהאַ, מיסטער לוריאַ, פיר מיך אָפּ צו מיין שוועסטער!

אויף די טרעפּ האָט זיך ליזאַבעט געדריקט צו נתנען און געשעפּט־שעט:

— האָסט מיר אַ שלעכטע זאַך געזאָגט, כ׳וועל אפשר וויינען צוליב דעם. האָסט מיר אַזאַ שלעכטע זאַך ניט געדאַרפט זאָגן...

ווען זי טרעפט איצטער איר עלטערע שוועסטער, וואָלט זי געפאַלן אויף איר האַלדז און זיך צעוויינט.

* * *

ליליען־רות האָט אליין ניט געפילט ווי אָפט עס האָבן זיך אין איר געשלאָגן צוויי נשמות: די איינגעפונדעוועטע ניט־יידישע, מיט דער ניי־געבאָרענער יידישער. ס׳איז ניט געווען קיין חשבון הנפש, ווען איר האָט דאָס האַרץ ווי געטאָן אויף דעם, וואָס אירע עלטערן מיידן זי אויס. און עס איז אויך ניט געווען קיין חשבון הנפש, ווען איר האָט אויסגעוויזן, אַז זי טוט ווינציק פאַר דעם פאָטער פון די אַלטע לוריאַס, פאַר ישראלן.

זי אליין האָט געלעבט אין אַן אויסטערלישער וועלט. אין אַ וועלט פון הוילער גוטסקייט. כאָטש יונג, האָט זי פרי אָנגעהויבן טרינקען ביטער־ניש, וואָס דאָס לעבן ד׳האָט איר אונטערגעטראָגן דווקא יעמאָלט, ווען זי איז געווען צווישן אייגענע. עס איז ליכטיקער געוואָרן איר וועלט, ווען זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר פאָלק און גאָט.

נאָר, צי האָט זי זיך טאַקע אָפּגעזאָגט באַוואוסטזיניק פון איר גאָט און פאָלק אויף אַזוי ווייט, אַז אין איר בלוט איז קיין שפּור ניט געבליבן פון דער אַמאָליקער ליליען מוירפּי מיידלוויץ, און שפּעטער — ליליען בראַנדט, ווען דער ערשטער מאַן האָט איר לייב געמאַכט ברוין און בלוי? אומגעריכט איז צו איר געקומען איר יינגערע שוועסטער, אַן ווערטער ביי איר געמאָנט, זי זאָל אָפּצאָלן אַ חוב צו דער וועלט פון וואַנען זי קומט

אַרויס. ליזאבעט האָט עס אַזויפיל ניט געמיינט, אָבער אַזוי איז עס אַרויסגעקומען. ליזאבעט האָט זי אין שפּאַס געוואָרנט, זי זאָל אויס־קויפן אירע זינד מיט דעם, וואָס זי וועט אַ לוריאַ מאַכן פאַר אַ קריסט. ליליען האָט עס אויפגענומען מיט אירע געפילן מער ווי מיט איר שכל, און צוליב דעם אַנגעהויבן צו דערנענטערן ליזאבעטן צו איר שטוב, מיט דעם חשבון, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט ליזאבעט זיך באַגעגענען און ליב קריגן איינעם פון דניאלס ברידער.

מיט נתנען איז ליליען־רות דורכגעפאַלן. ליזאבעט האָט איר דער־ציילט, אַז נתן האָט אויסגעלאַכט דאָס צלמל, וואָס זי טראָגט אויפן האַלדז. „ער איז גאָטס לעסטערער" — האָט ליזאבעט געזאָגט אויף נתנען. זי אַליין האָט עס אָנגענומען פאַר אַ גוטן ענטפער. מחמת, זי אַליין האָט אַפּט געשפּירט אַ קאַלטקייט אין נתנען.

אָבער ליזאבעט איז אַלץ אָפטער געקומען צו איר עלטערער שוועס־טער, אַסך מאָל געבליבן נעכטיקן, און עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז קריינדל איז געוועזן. ליזאבעט און קריינדל האָבן איינמאָלביידע אפילו געשלאָפן אין איין בעט. ליזאבעט האָט פון קריינדלס ליב געוואָלט אַרויס־שפּירן וואָס פאַר אַ נשמות עס האָבן אירע ברידער. ליזאבעט איז גע־שלאָפן מיט איר צלמל אויפן האַלדז, און ביינאַכט, אַרומנעמענדיק קריינד־לען, האָט דאָס צלמל זיך אַריבערגעגליטשט צו קריינדלען. קריינדל האָט עס געשפּירט, און עס האָט געדרעגט איר לייב. ליזאבעט האָט געשפּירט, אַז דאָס צלמל וועט געוויס אָפּטאָן אַן אַקט פון גערעכטיקייט.

— איך וויל זיך איינליבן אין איינעם פון דיינע ברידער, קעראַלאַין, נאָר איך ווייס ניט אין אַ וואָסערן. וועמען האָסטו, קעראַלאַין, צום מיינסטן ליב?

— ווי אַ שוועסטער, קען איך דיר ניט זאָגן וועמען איך האָב ליב צום מיינסטן. מער ניט, מיין צווילינג־ברודער זכריה, ער איז מיר שטאַרק נאָענט. ער לעבט מיט מיר אינאיינעם.

גאַנץ אומגעריכט האָט ליזאבעט אָנגעטראָפן זכריהן, ווען ער איז אַ שבת פאַרנאַכט אַריינגעקומען צו דניאלן. ווען זכריה איז אַריינגעקומען, איז ליזאבעט אַנגעקומען אַנטקעגן פון צווייטן צימער.

— אָ, פון וואַנען האָסטו געוואוסט, אַז איך וואַרט אויף דיר? איך ווייס, ווען ליליען וואָלט איצטער געווען, וואָלט זי דיך אַ קוש געטאָן. וועל איך עס טאָן פאַר אירעטוועגן. איך וועל איר דערציילן, אַז זי איז מיר שולדיק אַ חוב. כאַ־כאַ־כאַ.

זי האָט אַרומגענומען זיין קאָפּ, געפּאָרשט אין זיין פּנים וואָס פאַר אַן איינדרוק זי האָט אויף אים געמאַכט.

זכריה האָט זיך געשפּירט פאַרשעמט און צעטומלט. ער האָט זי מיט אַ פּאָר חדשים צוריק באַגעגנט ביי דניאלן. יעמאָלט האָט זי אים פון אַ זייט באַטראַכט, אומפּריינטלעך האָט זי געקוקט צו אים. און איצטער מיט אַמאָל אַזוי צוגעלאָזן!

אירע הענט, איר פּנים, אירע ליפּן — פון דעם אַלעמען האָט אַ היץ געשלאָגן. ער איז שנעל געקומען צו זיך, און געזאָגט:

— פון וואַנען ווייסטו, אַז דיין שוועסטער וועט זיין צופרידען מיט דעם ווי דו האָסט מיך באַגעגנט?

— איך קען מיין שוועסטער. זי איז פריער פון אלץ א פרוי. זי וויל, איך זאָל אייערע ליב האָבן ווי זי. אָבער איך קען ליב האָבן נאָר איין מענטשן, מער ניט.

ליזאַבעט איז רויט געוואָרן. זי איז ניט געווען זיכער, צי זכריה האָט איר האַנדלונג אָנגענומען פאַר גוט.

— יעס, מיין שוועסטער האָט אייך אלעמען ליב — האָט ליזאבעט אַביסל אונטערגעשטאַמלט — ס'איז ניט קיין וואונדער. פאַר ליבע צאָלט מען מיט ליבע. אַנדערש קען עס ניט זיין. איר איז גוט צווישן אייערע לייט, כאָטש זי האָט אַ פאָר מאָל געוויינט. אָבער פרויען־טרערן האָבן שטענדיק א טאָפּלטן מיין. ליליען האָט מיר דערציילט, אז איר שטודירט...

ווען זי האָט גערעדט, האָט זכריה באַמערקט א געוויסע זאָרג אין איר פנים. איר פנים, וואָס האָט זיך אויסגעלאָשן אויף א ווײַלע, האָט זיך ווידער אָנגעצונדן. זי איז צוגעגאנגען גאָר נאָענט צו אים, און ס'האָט אויסגעוויזן, ווי ניט נאָר מיט די אויגן קוקט זי אים אָן, מיט אלע אירע חושים פאָרשט זי און בליקט דורך ביזן בלוט אריין.

— איך האָב ניט געוואוסט, אז יידן זיינען שעמעוודיקע. פאַרקערט, כ'האָב געמיינט, אז יידן ווייסן גאָרניט וואָס שעמעוודיקייט איז. ביסט אזא שעמעוודיקער... קום, זעץ דיך אַנידער, ביז ליליען וועט אריינקומען, לאָז מיך זיין דיין ליבע שוועגערן.

זי האָט אים נאָך אַמאָל אַרומגענומען. ער האָט זיך ניט געווערט.

— איך געדענק וואָס דיין עלטערער ברודער נייטן האָט מיר געזאָגט. אַ מענטש, האָט ער געזאָגט, איז וואַרים, און מעטאַל איז טויט און קאַלט. וועל עס דיר ניט דערציילן צוליב וואָס ער האָט עס געזאָגט. מיין שוועסטער האָט פאַר איר גליק אסך באַצאָלט. וואָלסטו געקענט פאַר דיין גליק אַזויפיל באַצאָלן?

— ניין.

— פאַרוואָס?

—דיין שוועסטער איז רעליגיעז. זי האָט געוואוסט מיט וואָס זי צאָלט.

— גלויבסט ניט אין גאָט?

— איך גלויב אין מענטשנס אָרנטלעכקייט.

—איך בין אזוי אָרנטלעך ווי מיין שוועסטער.

— איך גלויב עס דיר.

אויף דעם איז אָנגעקומען ליליען־רות. זי איז ניט געווען פאַרחידושט צו טרעפן זכריהן מיט איר שוועסטער אזוי נאָענט.

— איך האָב זיך איינגעליבט אין יינגסטן פון דיינע שוואָגערס! — האָט ליזאבעט איר שוועסטער אָנטקעגן געשריגן.

— דאָס איז גוט, ליזאַבעט.

— ער איז אָבער ניט געראָטן אין דיין דניאלן.

זכריה האָט אַ לאַך געטאָן, און איז אויפגעשטאַנען פון פּלאַץ. ער האָט זיך געפילט פאַרלאָרן, און אליין ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן צו זיין שוועגערן.

ליליען האָט געוואָלט, אז זכריה זאָל זיך פילן באקוועם:

— יעס, זכריה, איך האָב באַשטימט אַריינצונעמען דיין בייבי שוועס־טערל, און זאָל קעראַלאַין ווערן פריי. כ'וועל אפשר מיין פלאַראַן אויך אַריבערנעמען אהער. וועל זיין אַ מאַמע פון צוויי קינדער. יעס, מיינע טייערע, א מענטש דאַרף זיך ניט פאַרגעסן. זיין אייגן גליק איז לידיק, אויב ער פילט ניט אָן מיט יענעמס גליק. ווען איך קלער פון דיין שוועס־טער, קומען מיר טרערן אין די אויגן. און ווען איך קלער פון אייער פאָטער, ווערט מיין נשמה געפּלאָגט. פאַרוואָס קענען מיר אים ניט העלפן?

פון יעמאָלט אָן האָט זכריה אָנגעהויבן טראָגן א סוד אפילו פאַר דער שוועסטער. ער האָט איר ניט דערציילט פון זיינע באַגעגענישן מיט ליזאַבעט, כאָטש די באַגעגענישן האָבן זייביידן ניט געבראַכט נענטער:
— אַלץ צוליבן צלמל, וואָס ליזאַבעט האָט געטראָגן אויפן האַלדז. אָבער ליליען־רות איז צווישן זיי ביידע געשטאַנען און זיי גייסטיק דערנענטערט.

דאָס האָט סוף־כל־סוף אַריינגעבראַכט אומרואיקייט אין זכריהס געמיט. ליליען־רות האָט א פּאָר מאָל צווײדייטיק גערעדט מיט קריינדלען וועגן זכריהן, און דערביי דערמאָנט איר שוועסטער ליזאַבעט.

דאָס איז געווען אין ערשטן מאַי.

זכריה לוריא איז געקומען פון גאַס אַ בלאַסער, א מידער, און זיך אַנידערגעלייגט אויפן געלעגער ביים פענצטער, מיטן פּנים צו דער וואַנט. ער האָט זיך געפוילט צו אַרבעטן. ער איז אומגעגאַנגען אין די גאַסן מיד און טרויעריק.

קריינדל איז אַריינגעקומען פון צווייטן צימער, וואו זי האָט געלייגט דאָס קינד שלאָפן און באַמערקט זכריהן. זי איז תיכף צו אים ניט צוגע־גאַנגען. די לעצטע צייט זעט זי אים אָפטער אַ טרויעריקן. אויספרעגן די סיבות פון זיין טרויער, האָט קריינדל קיין חשק ניט געהאַט, מחמת מיטן אָנקומען פון ווינטער איז איר אויך ניט געווען צו פריילעך אויפן האַרצן.

קריינדל איז שוין געווען גרייט אַרויסצוגיין דרויסן, ווען זכריה האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זי א רוף געטאָן צו זיך.
— וואָס איז מיט דיר, זכריה, ס'טוט דיר וויי דער קאָפּ?
— זעץ זיך נעבן מיר, קריינדל. ס'איז היינט דער ערשטער מאַי, און מיר איז אומעטיק.
— פאַרוואָס, זכריה?
— אפשר ווען איך וואָלט געווען אַן אַרבעטער.
— אַרבעטסט דען ניט?
— כ'וויים ניט. דאָס האָט זיך נתן איינגערעדט, אַז יידן ווערן דאָ אַרבעטער, און וועלן נאָך ווערן סאָציאַליסטן.
— יידן אַרבעטן דאָך. אפשר אַרבעטן זיי צו שווער.
— אַן אַרבעטער איז איין זאַך, און א קנעכט איז עפּעס אַנדערש. הילל איז גערעכט וואָס ער זאָגט, אַז מיר זיינען דאָ אַריינגעפאַלן אין א נייעם מצרים.

— איז דאָס אַלץ צוליב וואָס דיר איז אומעטיק, זכריה?

— איך טראַכט פון דניאלן. ער האָט חתונה געהאַט מיט א גויע, האָט זי גענומען און זיך מגיר געווען, און אים געמאַכט פאַר א יידן. ער דאַוונט דריי מאָל א טאָג. און איך... ווייסט, כ'האָב היינט זיך אָנגעשלאָגן אויף מיינע תפילין, פיר יאָר איז זיי ניט געדאַוונט, זיינען זיי פאַרשימלט געוואָרן.

זכריה איז אַראָפּ פון געלעגער, אַוועק אין צווייטן צימער, פון דאָרטן אַרויסגעבראַכט זיין תפילין־זעקל און באַוויזן קריינדלען דעם של־ראש, ווי די ש'נען זיינען פאַרשימלט געוואָרן:

— זעסט, דער ש' מיינט שד"י, אַלמעכטיקער גאָט... זעסט ווי דאָ איז עס געוואָרן גרין־פאַרשימלט!

קריינדל האָט מיטן פינגער אָנגערירט דעם שימל, און ניט געוואוסט וואָס זי זאָל אויף דעם ענטפערן. זי איז ניט געווען זיכער צי דאָס איז טאַקע די הויפּט סיבה פון זכריהס אומעט. כאָטש קריינדל און זכריה, ווי דער יינגסטער צווילינג, האָבן זיך געדהאַלטן נאָענט, איז זייער טבע די לעצטע צייט ניט געווען צו דערציילן און זיך טיילן מיט איבערלעבונגען.

גאָר אומגעריכט האָט קריינדל א פרעג געטאָן:

— ביסט היינט געווען ביי דניאלן?

— יאָ, כ'בין געווען.

— זי איז דאָרטן געווען?

— וועמען מיינסטו, ליליען?

— כ'מיין איר שוועסטער ליזאַבעט.

זכריה האָט אָנגעקוקט קריינדלען, און איז רויט געוואָרן. אים האָט ניט פאַרדראָסן וואָס קריינדל וויל זיך דערקלייבן צו זיינע געפילן. אים האָט נאָר געחידושט וואָס קריינדל האָט אים געפרעגט וועגן מיידל מיטן צלם אויפן האַלדז, דווקא יעמאָלט ווען ער האָט אַריינגעבראַכט ווייזן ווי זיינע תפילין זיינען פאַרשימלט געוואָרן.

קריינדלען איז אויך דאָס בלוט געקומען אין פּנים אַריין. זי האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן און באַטראַכט די פאַרשימלטע תפילין.

— וואָס מיינסטו, קריינדל, ס'לוינט אויסצובייטן די תפילין אויף א צלם ביי א מיידל אויפן האַלדז?

קריינדל האָט ניט געענטפערט. איר איז ניט אָנגעגאַנגען, צי ליזאַבעט איז פרום, צי ניט; צי ליזאַבעט טראָגט יאָ א צלם אויפן האַלדז, צי ניין. קריינדל האָט ליב געהאַט דניאלס ווייב, ניט דערפאַר וואָס זי האָט זיך מגיר געווען און געוואָרן א פרומע, און האָט נאָך דניאלן פרום געמאַכט. ליליען איז פאַר קריינדלען געווען א ביישפּיל פון גוטסקייט און איבער־געגעבנקייט. ליזאַבעט איז קריינדלען שטאַרק ניט געפעלן געווען. ס'האָט איר ניט געפּאַסט צו רעדן שלעכטס אויף ליזאַבעטן פאַר איר שוועסטער; אָבער איצטער, ווען זכריה קוקט איר אין די אויגן און וואָלט וועלן הערן פון איר א פּאָר ווערטער וועגן ליזאַבעטן, ווייס זי אַליין ניט ווי אַזוי אָנצוהייבן. אגב, ווייס קריינדל ניט, צי דאָס איז טאַקע די סיבה פאַרוואָס זכריה גייט די לעצטע צייט אַרום אַן אומעטיקער.

— איך האָב געמיינט, אַז זי וועט זיך איינליבן אין נתנען. ליליען ווייזט אויס האָט אויך אַזוי געמיינט, צום סוף גאָר! ווען האָסטו זי געזען?

— האָט קריינדל מיט א גוטן שמייכל געקוקט אין זכריהס פאַרשעמטן פּנים אריין.

זכריה, וואָס איז פריער רויט געוואָרן, איז איצטער געוועזן א בלאַסער, און גרויסע טראָפּן שוויס זיינען אים ארויס אויפן שטערן. ער האָט אליין ניט געהאט קיין שליסל צו זיינע געפילן. און באמת איז ליזאבעט אזוי פּלוצלונג אָנגעקומען אויף זיין וועג, ווען ער איז אריינגעקומען צו דניאלן אין שטוב, און זי אליין דאָרטן געטראָפן. דאָס איז געווען מיט חדשים צוריק. ער האָט זיך פאר איר געפילט פאַרשעמט, און זי — איר זיינען די פאַרשעמטע בליקן געפעלן געווען. איר האָט געפעלט לילינס צערט־לעכקייט. איר האָט אויך געפעלט ליליענס אויפריכטיקייט. זי איז אָבער געווען יונג, פולבלוטיק, און די באַגעגעניש מיט די יידן, וואו איר שוועסטער איז „פאַרלאָרן געגאַנגען" — ווי זי האָט זיך געמאָלן ליליענס לעבן — איז איר איינגעפאלן אויסצוקויפן מיט זיך איר שוועסטערס זינד, ווייל איר שוועסטער ליליען האָט געגנומען, חתונה געהאט מיט א יידן און איז מיט אים אוועק צו זיין פאָלק, אָנגענומען זיין גלויבן — ווייל ליזאבעט פאַרקערט, אריבערציען א יידן צו איר פאָלק און איר גלויבן. זי ווייס ניט ווי אַזוי דאָס צו טאָן. זי ווייס ניט ווי ווייט זי טוט א מצוה, ווען זי דערנענטערט זיך מיט איר גוף צו א יידן, און ווי ווייט דאָס איז א זינד פאַר גאָט. פון דער ערשטער באַגעגעניש מיט נתנען האָט זי געפילט, אז נתן איז ניט איר גלייכן. נתן האָט איר אַ זאָג געטאָן יעמאָלט, ווען ער האָט ביי איר ארויסגעצויגן דאָס צלמל פון בוזים ארויס, אז ער האלט פון פרויען, און ניט פון צלם: —„איך גלויב אין לעבן, און ניט אין טויט" — דאָס האָט איר נתן געזאָגט און אָפּגעגאָסן ווי מיט קאָלט וואַסער. אגב איז איר נתן ניט געפעלן געווען. אין אים האָט זי געפילט פרעמדקייט. זכריה, דער יינגסטער פון די לוריאס, האָט איר בלוט אָנגעצונדן ווען זי איז מיט אים געבליבן אליין. יעמאָלט האָבן זיי כמעט גארניט גערעדט, מחמת ליליען איז אריינגעקומען. איז דאָס שווייגן ביי ביידן געוואָרן רעדעוו־דיק, ביידע האָבן שפּעטער איינס דאָס אנדערע ארומגעזוכט.

— דו וואָלסט זיך צוליב א מיידל געשמדט? — האָט קריינדל פּלוצ־לונג א פרעג געטאָן.

— אַנטקעגן וואָס פרעגסט עס מיך?

— אַזוי, כ'וויל וויסן. אלעקסאנדער זאָגט, אז צום בעסטן וואָלט געווען, ווען דער מענש זאָגט זיך וואָס פריער אָפּ פון איינגלויבענישן.

— ניין, דאָס וועל איך ניט טאָן. א פרוי איז ניט ווערט, אז צוליב איר זאָל מען זיך שמדן.

— א פרוי איז לעבן.

— אַמאָל איז עס לעבן, און אַמאָל סם המות!

— ווילסט בלייבן א ייד?

— כ'ווייס ניט. פון יידן וועט אפשר דאָ סיי־ווי ווערן גארניט מיט נישט. אזוי קלער איך. דיין אלעקסאנדער וויל, אז פון יידן זאָל גארניט בלייבן. נתן וויל אויך, אז יידן זאָלן... וואָס נתן וויל, איז אויך א ווינסטער חלום.

קריינדל האָט ארומגעווישט דעם שימל פון די תפילן, זיי א קוש געטאָן, ארייגעלייגט צוריק אין תפילן־זעקל, און גאַנץ ערנסט געזאָגט:

— כ׳וויס, זכריה, אז נתן איז ניט אינגאַנצען אומגערעכט. צו אַרבעטן איז גוט, נאָר ווי מ׳אַרבעט דאָ איז מיאוס. מיך ציט אליין אוועק־צוגיין צוריק אַרבעטן. ווען ניט דאָס קינד, וואָלט איך עס געטאָן. כ׳וויס, זכריה, אז דו וועסט זיך צוליב א מיידל ניט שמדן. נתן וואָלט עס אויך ניט געטאָן. דאַרפסטו צוליב איר ניט זיין אומעטיק.

ביי די ווערטער איז קריינדל אוועק אין צווייטן צימער און מיטגע־נומען מיט זיך די תפילן. זי האָט זיך אריבערגעבויגן צו דער שלאָפנדיקער רבקהלען, און שטיל, ניט אויפצואוועקן דאָס קינד, האָט זי לייכט אָנגע־רירט מיט די ליפּן דעם קינדס שטערן. זי האָט געהערט ווי זכריה איז ארויסגעגאנגען פון שטוב, און ס׳האָט איר געחידושט וואָס ער איז אַוועק און גאָרניט געזאָגט. איר האָט ניט פאַרדראָסן וואָס זי האָט מיט זכריהן אזוי אָפן גערעדט. זי איז אגב געווען זיכער, אז זכריה וועט זיך ניט לאָזן, ליזאבעט זאָל אים דעם קאָפּ פאַרדרייען.

— וואוהין זאָל איך מיך קערן און ווענדן?

מיט דידאָזיקע מחשבות איז זכריה צוריק אראָפּ אין גאַס. ניט וועגן זיך אליין האָט דער יינגסטער פון די לוריאס ביי זיך געפרעגט דעם „וואוהין”? דאָס גאַנצע לעבן איז פאר דעם שטילן זכריהן געווען א טונקעלע רעטעניש.

— וואוהין איז מען געקומען, און וואוהין שלעפּן מיר זיך אלע?

דאָס האָט זכריה גאַנץ אָפט ביי זיך געפרעגט און האָט קיין ענטפער ניט געקראָגן. דאָס לעבן אליין האָט אים קיין ענטפער ניט געגעבן. ניט קיין חידוש וואָס יונג בלוט האָט געבונטעוועט קעגן אַזאַ וויסט לעבן, וואָס איז צום מיינסטן באַשטאַנען פון פופצן־זעכצן שעה פינצטערן שאַפּ. ער איז קיין פולע זיבעצן יאָר ניט אלט געווען ווען ער איז פאַרשלעפּט געוואָרן קיין ניו־יאָרק מיט דער משפחה עלטערע. ער איז נאָך קיין פינף־און־צוואנציק יאָר איצטער ניט אלט, און אים דוכט זיך צומאָל אויס, אז די יוגנט האָט אים אויסגעמיטן, פון רוסלאַנד איז ער שוין געקומען א פאַרזאָרגטער, א דערוואקסענער.

— וואוהין? — האָט ער ווידער ביי זיך אליין געפרעגט, ווען מיט פאַיק סטריט האָט ער דערגרייכט צום איסט־ריווער.

אים איז קריינדל געקומען אויפן זינען. איר גורל האָט ער ניט געקענט אָפּשיידן פון אייגענעם. אים האָט פאַרדראָסן, הלמאי ער איז אזוי קאַלט אוועק פון שטוב. ער האָט אפילו קריינדלען ניט געזאָגט אז ער גייט אוועק. אים איז איינגעפאלן, זיך אומקערן צוריק אין שטוב, הייסן קריינדלען, זי זאָל זיך צוגרייטן, און היינט אָוונט וועלן זיי גיין אינאיינעם ערגעץ באַגעגענען דעם ניי־יאָר אין די גאַסן, און אפשר אויף א מיטינג, זיך פאַרגנבענען אהין וואו נתן וועט רעדן.

ווען זכריה איז ארויפגעקומען צוריק, האָט ער גאָר אומגעריכט געטראָפן אין שטוב אן אויפרודער. ישראל לוריאן איז אין שאַפּ פלוצלונג ניט גוט געוואָרן. א פּאָר אַרבעטער האָבן אים אונטער די הענט געבראַכט צופירן אהיים. ישראל איז געלעגן ביים פענצטער, כאָטש ער האָט זיך

געפילט אביסל בעסער, אָבער זיין אויסזען איז גאָרניט געווען קיין היימ־לעכער. דאָס פּנים געל ווי וואַקס. די אויגן אויסגעלאָשן. ער האָט באַגעגנט זכריהן מיט רחמנות־בליקן. און ווערטער האָט ער אים באַטראַכט. זכריהן האָט עס איינגעשרומפּן. אין שטוב זיינען שוין געווען דניאל און שלמה. דעם פאָטערס בליקן האָבן געבלאַנדזשעט פון איין קינד צום אַנדערן, ווי גאָר צום ערשטן מאָל האָט ער זיי דערזען.

— וואָס איז דיר, טאַטע? — איז זכריה צוגעגאַנגען און גענומען דעם פאָטערס בלייכע האַנט — דיר איז ניט גוט?

ישראל האָט ניט געענטפערט. ער האָט ארויסגעצויגן זיין האַנט פון זכריה'ס האַנט, אַנידערגעלייגט אויף זיין ברוסט, און אָפּגעווענדט די בליקן אין א זייט.

— דו ביסט היינט אין שאָפּ ניט געווען? — האָט שלמה זיך געווענדט צו זכריהן. מסתמא האָט ער ווידער געהאַט א באַגעגעניש מיט חלפנען.

— וואָס זאָל מען טאָן, קינדער? — האָט קריינדל מיט טרערן אין די אויגן אריבערגעקוקט צו דניאלן וואָס איז געזעסן אין א זייט — וואָס וועט זיין דער תכלית, אויב ער אליין קען דעם שאָפּ ניט פירן. דער טאַטע גייט איין פון טאָג־צו־טאָג, און אייך הייבט עס ניט אָן צו אַרן.

— פאַרוואָס מיינסטו, אז אונדז אַרט עס ניט? — האָט שלמה זיך אָפּגערופן — ווי קען מען אים ארויסהעלפן, אז קיינער פון אונדז טויג זיך ניט אויס. דער איינציקער איז נתן, ער וואָלט געקענט זיין א הילף. נו, קענסטו דאָך נתנען! מאיר חלפן האָט געלאָזן דעם שאָפּ אָן ארבעט. ער איז א יאַבעדניק א ייד. טראָגט א כעס אויף נתנען, און אביסל טאַקע אויף קריינדלען אויך, לאָזט ער אויס צום טאַטן.

— קינדער, לאָזט געמאַכט... — האָט ישראל גערעדט מיט א מאַטער, שוואַכער שטים — טוט אייך וואָס איר טוט, און פאַר אייער טאַטן זאָל אייך ניט אַרן. אויב איר האָט תחילת ניט געוואָלט גיין מיטן טאַטן אינאיינעם, איז איצטער שוין צושפּעט. גייט אייך, קינדער, יעדערער זיין וועג. אויב מיר אַרט פאַר עפּעס, איז דאָס פאַר קריינדלען. צוליב מיר איז זי פאַרזעסן געוואָרן אין שטוב.

די קינדער האָבן אויסגעהערט ישראלס ביטערע רייד. ניט געווען קיין מוט אים צו ענטפערן. דניאל איז תחילת געווען קעגן פאָטערס גיין אין שאָפּ ארבעטן. דניאל האָט פון סאַמע אָנהייב אָן געטענהט, אז דער פאָטער זאָל זיך דערשלאָגן צו אַ שטיקל געשעפט, באַדאַי פּעדלען א פאָר יאָר. ער קען עס איצטער דעם פאָטער ניט זאָגן, מחמת פאַר די עטלעכע יאָר איז ישראל געוואָרן אַן אַנדער מענטש. בשעת זיין צווייטע ווייב האָט געלעבט, האָט ער געהאַט מוט און כוח. זינט זי איז געשטאָרבן, איז אים אוועק באַרג־אַראָפּ. דאָס ווייס אויך דניאל. זיין ליליען האָט ניט איינמאָל דערמאָנט, אז ס'וואָלט גוט געווען, מ'זאָל דעם פאָטער גאָר אריינבעמען צו זיך אין שטוב. דניאל איז קעגן דעם, ער וויל ניט מאַכן ישראלן פאַר דער צייט פאַר אַן אָפּגעשלאָגענער הושענה.

— זאָג מיר, זכריה, — האָט דניאל אָנגעהויבן ענערגיש, כדי צו מאַכן אויף אלעמען אַן איינדרוק — פאַרוואָס זאָלסטו זיך ניט א נעם טאָן

און שטעלן דעם שאָפּ אויף די פּיס? אַרבעטסט דאָרטן די גאַנצע צייט, ווייסט וואו־איין און וואו־אויס, אדרבה... וואָס זאָגסטו, קריינדל, וואָלט זכריה'ן ניט געקענט?

זכריה ה'אָט ניט געוואָלט ענטפערן. ער האָט פּשוט ניט געוואָלט, דער פאָטער זאָל הערן זיין מיינונג וועגן גאַנצן ענין. אָבער דניאלס רייד דירעקט צו אים אין קעגנוואָרט פון פאָטער האָבן אים געטראָפן. אוודאי טראַכט ישראל אויך דאָס אייגענע, בשעת אים ווערט שווער זיך אליין ארומצושלאָגן קאָפּ־אָן־וואַנט אין שאָפּ וואָס חלפן האָט אויף אים אָנגעוואָרפן.

— פאַרוואָס זאָל איך פאַרלייגן מיטן קאָפּ, דניאל? דו האָסט ניט געוואָלט ווערן קיין שניידער, הילל האָט ניט געוואָלט, און שלמה האָט זיך אויך אויסגעקליבן עפּעס אנדערש. אויב נתן און איך זיינען אָפּרייטערס, איז עס נאָר דערפאַר וואָס ניט נתן און ניט איך וועלן בלייבן אויף אייביק הענט.

— וואָס־זשע קלערסטו צו זיין? — האָט דניאל איראָניש געפרעגט.

— כ'ווייס ניט. איך געהער ניט צו די, וואָס האָבן זיך אריינגענומען אינזינען רייך צו ווערן אויף יענעמס חשבון. די חלפנס וועלן אלץ אין דער וועלט טאָן אַבי צו ווערן רייך. אָבער איך, אויב איך וועל טאָן דאָס וואָס דער טאַטע טוט, וועל איך בלייבן אויף א גאַנץ לעבן א האַנט ביי יענעם. איך לערן זיך, דניאל. וואָס פון דעם וועט ארויסקומען ווייס איך נאָך אויך ניט.

— קריגט זיך ניט, קינדער, איבער מיר. זאָל אייך זיין גוט. טוט, וואָס איר טוט. פון מיר ה'אָט זיך דאָס מזל אָפּגעטאָן.

ישראל לוריא האָט זיך אויפגעזעצט און געגלעט זיין באָרד. א פאַרב האָט זיך באַוויזן אין פּנים. מיט אלע כוחות האָט ער געוואָלט באַווייזן די קינדער, אז ער איז נאָך ניט קיין פאַרפאַלענער.

— פאַר מיר זאָלט איר ניט דאגהן. פּאַסט מיר גאָרניט, כ'זאָל באַדאַרפן אָנקומען צו קינדער. דאָס איז אמת, כ'האָב זיך ניט געדאַרפט לאָזן איינרעדן פון קינדער און לויפן פון רוסלאַנד. איצטער זע איך אַרויס, אַז אַמעריקע איז א מדינה, וואו מענטשן שלאָגן זיך איבערן שטיקל פּרנסה, ווי הונגעריקע הינט שלאָגט מען זיך איבער א ביין. כאַפּט שוין איינער ארויס דעם ביין, באהאלט ער זיך אין אַ ווינקל און גריזשעט אים אליין. ווען איך זאָל עס וויסן פריער, צי כ'וואָלט עס באַנומען גלייך ווי איך בין אַהער געקומען, וואָלט איך גלייך געצויגן אויף צוריק. איצטער קלער איך, אז איינגאַנצן אראָפּלאָזן די הענט טאָר דאָ א מענטש ניט. מאַיר חלפן איז גערעכט וואָס ער וויל מיך ניט האָבן פאַר קיין שותף. ער וויל פאַר יענעם ניט אוועקגעבן זיינע כוחות. יאָ, קינדערלעך, ניט געוועזן קיין תכלית צו פאַרלאָזן רוסלאַנד. דאָרטן טראַכט נאָך איין מענטש וועגן אַנדערן. דאָ, ווי פיש שלינגט מען דאָ איינס דאָס אנדערע לעבעדיקערהייט.

מיטן רעדן איז ישראל לוריא געשטאַרקט געוואָרן. אים איז געוואָרן גרינגער, ווען ער ה'אָט פאַר די קינדער ארויסגעזאָגט וואָס אים דריקט.

— ווּעסט שפּעטער ארויפקומען אין שאָפּ — האָט ער זיך געווענדט צו זכריה'ן — איך דאַרף זיך מיט דיר וועגן עפּעס משיב זיין.

— כ׳וועל באלד ארויסקומען — האָט זכריה נאָכגעקוקט דעם פּאָטער, וואָס איז מיט שלאָבעריקע טריט ארויס פון שטוב.

— גיי איצטער, זכריה, לאָז אים ניט אליין! — האָט קריינדל מיט שרעק און מיט טרערן אין שטים זיך געווענדט צו זכריהן.

זכריה איז מיט א געבויגענעם קאָפּ ארויסגעגאנגען פון שטוב.

— אויב אזוי וועט עס גיין ווי עס גייט, וועט מען אים געפינען א געהלשטן אין מיטן גאַס. נאָר ווען ס׳איז אן אומגליק קומט מען זיך צונויף. ס׳אי א זינד, קינדער. מ׳טאָר ניט אזוי, קינדער. מ׳עט ביטער באַשטראָפט ווערן, קינדער!

קריינדל האָט זיך צעוויינט, און אוועק אין צווייטן צימער אריין.

דניאל און שלמה זיינען ביידע געבליבן שטיין מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ. קריינדלס ווערטער, איר געוויין האָט ביי זיי דעם באָדן אונטער די פיס צעשווענקט.

קריינע, וואו ביסטו? — האָט דניאל אריינגעקוקט אין צווייטן צימער אריין — קום ארויס, הער אויף צו וויינען. ס׳אי׳אַך ניט אזוי שלעכט ווי דו מאָלסט זיך אויס. קום אריבער צו אונדז, ליליען האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף דיר.

קריינדל איז ארויסגעקומען, די אויגן פאַרגאָסן מיט טרערן:

— איך בעט אייך, קינדער, גייט אריבער צו אים אין שאָפּ, ווערט געוואויר, צי מאיר חלפן איז דאָרט געוועזן. אָדער גייט גאָר אריבער צו חלפענען אהיים, בעט אים, ער זאָל זיך ניט אָפּוואַרפן פון שאָפּ... האָ, קינדער, וועט איר גיין?

— זיי רואיק, קריינדל — האָט שלמה געגלעט איר קאָפּ — איך האָב א שטיקל פּלאַן, מיר איז עפּעס ארויפגעקומען אויפן געדאנק. הער נאָר דו אויף צו וויינען.

פון צווייטן צימער האָט זיך דערטראָגן דעם קינדס געוויין. דאָס יתומהלע האָט זיך אויפגעכאַפּט. קריינדל האָט דאָס רויטהאָריקע יתומהלע אריינגעבראַכט און אָפּגעלאָזן עס אויפן דיל. דאָס קינד האָט אויפגעהויבן די אויגן צו די צוויי פעטערס. אויף א וויל האָט דאָס קינד מיט פונקען פרייד באַלויכטן זייער טרויער.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

דער צפון־מזרח ווינט האָט נידעריק געטראָגן די וואָלקן און אויסגעלאָדן די שנייען איבער ניו־יאָרק. אין קאַלטן גרוי האָבן זיך הימל און ערד אויסגעמישט, און ס׳האָט אויסגעוויזן, אַז גאַסן, מענטשן, אינאיינעם מיט זייערע הייזער, וועלן אויף אייביק פאַרנומען ווערן אין דער ממשלה פון ווינטער. ניו יאָרק האָט גאָר אַזאַ זאַווערוכע ניט געדענקט. טראַמווייען און באַנען זיינען איינגעשלאָפן אין טיפן שניי. וואו מען האָט ניט אָנגעגרייט גענוג קוילן, איז מען געזעסן אין געהאַקטע צרות און געשאָלטן אַמעריקע.

קריינדל לוריא האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטען ביז דרויסן וועט די זאַווערוכע אַנטשוויגן ווערן. אויף איר אייגענעם אחריות איז זי אַוועק צו די חלפנס, פאַרמיידן די צרה וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויפן פאָטער אירן, צוליב דעם וואָס מאיר חלפן האָט שוין כמעט גאָר אינגאַנצן איבערגעריסן מיט ישראל לוריאן. מאיר חלפן האָט פשוט געעפנט אַ באַזונדערן שאַפּ, צוגענומען אַ טייל מענטשן פון חלפן־לוריא־שאַפּ, געלאָזן כמעט אַן אַרבעט די עטלעכע מענטשן, וואָס זיינען דאָרט געבליבן. ישראל לוריא האָט מיט די אייגענע כוחות קיין סך ניט געקענט אויפטאָן. ניט ער האָט געהאַט דעם מוט, און ניט די ענערגיע פאַנאַנדערצואוויקלען די כוחות נאָכדעם ווי ער איז געבליבן אַן אַלמן. אויב זכריה האָט נאָך כסדר געאַרבעט ביי אים אין שאַפּ, איז דאָס נאָר געווען כדי צוליב טאָן קריינדלען. צוליב דעם האָט ער אויך געוואוינט מיט קריינדלען און פאָטער אינאיינעם.

קריינדלען האָט אונטערגעזאָגט דער פרויען־חוש: „אויב גיין צו די חלפנס בעטן אַ טובה, טאָר מען ניט זיין געפאַלן ביי זיך״. זי האָט געוואוסט, אַז ביי די חלפנס וועט איר אויסקומען צו באַגעגענען מענטשן וואָס קוקן נאָך אירע טריט. כאָטש זי איז ניט זיכער אויב לעאָנאַרד וועט דערביי ניט זיין. צו יעדן איינעם וועט זי באַדאַרפן רעדן אַנדערש. צו יעדן איינעם — שמייכלען אַנדערש. און אויב ס׳וועט זיין נייטיק אַרויסזאָגן דעם ביטערן אמת, וועט זי עס טאָן.

קריינדל האָט זיך דעריבער שטאַרק געגרייט, כאָטש מיט קיינעם האָט זי דערפון ניט גערעדט. זי האָט זיך אַרומגעוואַשן, אַ צייט געשטאַנען ביים שפּיגל, געקעמט די האָר און אויפגעוועקט אין זיי דעם פאַרחלשטן אָפּגלאַנץ. זי האָט אָנגעטאָן אַ לייטיש בלוי טוכן קליידל מיט אַ ווייסן קעלנערל. איר פּנים איז די לעצטע צייט שמעלער געוואָרן, די אויגן פולער, און דער שטערן האָט נאָך ניט אָנגעוואָרן די לוריאשע בלאַסע דורכזיכטיקייט.

ס׳איז געווען אַרום ניין אין אָוונט ווען קריינדל האָט זיך דערשלאָגן צו די חלפנס. ווען זי איז אַריין אין שטוב, האָט אין פּנים אַ שלאָג געטאָן די

וואַרעמקייט. אויפן טיש האָט געזאָדן דער סאַמאָוואַר, די משפחה איז געזעסן ביים טיש און געטרונקען טיי. אַלע קינדער, אפילו מלכה, איז אויך געווען אין שטוב.

קריינדלס אָנקומען אין אַזאַ זאַווערוכע האָט זיי אַלעמען פון אָרט אויפ־געהויבן. קריינדל איז אַריינגעקומען מיט אַ סך קוראַזש. אַ טייל פון דעם שניי אויף זיך האָט זי אַריינגעבראַכט אין שטוב; אַראָפּגענומען די טוך און מונטער געטרייסלט דעם קאָפּ, אויפגעלופּטערט די האָר. ס׳בלוט האָט איר אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין.

— אַ גוטן אָוונט אייך! די זאַווערוכע האָט מיך געבראַכט צו אייך, כאַ־כאַ־כאַ. — האָט קריינדל מיט אַ נאַטירלעכער פרייד זיך צעלאַכט.

אין די פאַרוואונדערטע בליקן האָט קריינדל קיין אומפריינטלעכקייט צו זיך ביי די חלפנס ניט באַמערקט. מלכה איז צוגעגאַנגען און געקושט קריינדלס צעפלאַמטע באַקן. ס׳אייגענע האָט געטאָן די מוטער.

— וואָס פאַר אַ גוטער יאָר האָט דיך איצטער געבראַכט אַהער? — האָט נעכע זיך געעסקט אַרום קריינדלען—ווען דו וואָלסט ניט האָבן אַזאַ פריילעך פּנים, וואָלט איך שוין איבערגעקלערט, גאָט ווייסט וואָס ס׳איז שוין ווידער פאַרלאָפן ביי די לוריאס.

קריינדל האָט גוט געהערט וואָס נעכע האָט געזאָגט. זי האָט געפאָרשט אין נעכעס פּנים, צי זי איז טאַקע באמת צופרידן מיט איר אומגעריכטן קומען. נעכעס שטים האָט געקלונגען מיט מוטערלעכער געטריישאַפט.

— וואָס מאַכט דער טאַטע? — האָט מאיר חלפן, מיט די אויגן אין גלאָז טיי, טרוקנדלעך אַ פרעג געטאָן — ער בענקט עפּעס שטאַרק נאָך זיין שותף?

— פאַרוואָס עפּעס ער אַליין? מיר אַלע בענקען נאָכן טאַטנס שותף — האָט קריינדל, מיט אומעט אין פּנים אַ זאָג געטאָן — אייך איז אַ חידוש ווי איך קום איצטער אַהער.

— מיר איז עס ניט קיין חידוש, האָסט געמעגט אָפטער קומען צו אונדז — האָט נעכע אונטערגעטראָגן קריינדלען אַ גלאָז טיי — ביסט געוואָרן פאַר דער צייט אַ מאַמע. וואָס, דאָס יתומהלע גייט שוין אַרום? — האָט נעכע זיך ניט געקענט געוווג אָנקוקן אין קריינדלען.

— לאָמיר צוגיין צום עיקר. אויב קעראַלאַין איז געקומען, מיינט זי ביזנעס — איז לעאָנאַרד צוגעגאַנגען און גענומען קריינדלען ביי דער האַנט — לאָז מיר דיך אַ ביסל אָנקוקן, האָלסט זיך נאָך אַלץ גרויס ביי זיך?

— כ׳בין עס קיינמאָל נישט געווען, לעאָנאַרד. איך בין איצטער נישט גע־קומען פאַר וואוילטאָג. לעאָנאַרד איז גערעכט. ביזנעס איז ביזנעס!

— איי, וואָס הערסטו זיך איין צו לעאָנאַרדן? — האָט מלכה אַרומגענו־מען קריינדלען — קום צום טיש, טרינק א גלאָז טיי. ס׳איז אמת וואָס כ׳האָב געהערט, אַז צונ׳אייך איז געוואָרן אַן איינגייערין אַ נייע שיקסע, ליליענס אַ שוועסטער?

— א דאגה האָסטו, מילדרעד — האָט קריינדל צו זיך געדריקט מלכהן — אַן עבירה צו קוקן אַהין וואו מ׳באַדאַרף נישט.

— אויב אזוי האָבן מיר ניט געדאַרפט קוקן אין לוריאס זייט.

— הער אויף, טאַכטער מײַנע, האָט מאיר חלפן זיך אָפּגערופן, — איך פיר מיט קיינעם קיין ברוגזן ניט. איך מאָן ביי ישראל לוריאַן גאָרנישט. זאָל ער זיך געזונטערהייט שטיין אויף זיינע אייגענע פיס.

פאַר לעאָנאַרדן האָבן זיך אַלע געשטאַלטן אין שטוב איבערגעמישט און געשווינדלט פאַר די אויגן. אויסער איין געשטאַלט — קריינדל איז בולט געשטאַנען פאַר אים. ער הערט ווי די זאַווערוכע בושעוועט דרויסן, און ס'דוכט אים, ווי פון שניי־שטורעם ארויס איז קריינדל אויסגעוואַקסן פאַר זיינע אויגן. ער וואָלט איצטער מיט איר וועגן גאָר עפּעס אַנדערש געדאַרפט רעדן. ער וואָלט איצטער איר געדאַרפט נעמען און דערמאָנען ווי אַזוי ער האָט זיך עטלעכע מאָל ממש דערנידעריקט פאַר איר, צוגעזאָגט איר הרים וגבעות, און ער קען ניט באַגרייפן פאַרוואָס פון דער ערשטער שעה אָן זינט מ'האָט זיך באַגעגנט אויף ניו־יאָרקער ערד, וויל זי אין זיין זייט ניט קוקן. ער איז ניט זיכער מיט וואָס פאַר אַ כונה קריינדל איז איצטער געקומען. ער איז נייגעריק צו הערן וואָס זי האָט צו זאָגן. גלאַט אין דער וועלט אַריין איז זי דאָך איצטער ניט געקומען!

מאיר חלפנען איז אויך איצטער ניט קלאָר, צי קריינדל איז איצטער אַריינגעקומען גלאַט אַזוי, דווקא אין אַ זאַווערוכע איז זי געקומען אַרויסוויזן פריינטשאַפט. אָבער אים ברענט עס, ווען ער זעט זייט־ביי־זייט איצטער זיצן מלכהן מיט קריינדלען, און ער קען ניט באַגרייפן די סיבות וואָס דערלאָזן ניט, ער זאָל האָבן נחת. „אַלץ זאָל גיין ווי ביי לייטן". זיין מלכה האָט ליב נתן לוריאַן, ממש—אַ פּאָר מן השמים. נו, האָט זיך דער גוטער יאָר אריינגעמישט און צעשיידט זיי. און טאַקע לעאָנאַרד, דער גרעאַטענער לעאָנארד, ווי מאיר חלפן באַטראַכט איצטער קריינדלען און לעאָנאַרדן, קען ער ניט באַנעמען ווי אַזוי אַזאַ אָרעם מיידל האָט געקענט נעמען און אַרויסשטעלן אַ צונג דעם גרעאַטענעם זון זיינעם, וואָס האָט זיך שוין באַלד אַרויסגעקליבן מיט לייטן צוגלייך, וואָס איז שוין באַלד אַזאַ יאַטעבעדאַם ווי אַ ליאַדער דייטשער ייד.

מאיר חלפן הייבט אָן חושד זיין קריינדלס קומען. ער איז חושד איר שטאָלצן האַלטן זיך, ווי זי וואָלט געקומען זיך אויסצופּיינען.

— איז וואָס ווע̇סטו פאַרט זאָגן גוטס? — האָט מאיר חלפן אומגעדולדיק באַשטאַנען אויף זיינס — פאַרוואָס טרינקסטו נישט קיין טיי?

קריינדלען איז אויף אַ רגע טונקל געוואָרן פאַר די אויגן. אין דער טונקלקייט האָט אַ מחשבה אַ בליץ געטאָן: „צוליב וואָס בין איך אַהער געגאַנגען, פאַלן כורעים פאַר די דאָזיקע מענטשן, בעטן, מ'זאָל האָבן רחמנות אויף ישראל לוריאַן? די לעצטע זאַך האָט עס געדאַרפט זיין, אויב דו האָסט געקלערט ביי אימעצן בעטן אַ טובה פאַרן טאַטן!"

אין מאיר חלפנען האָט עס געפּוישט אַרויסצוזאָגן דאָס, וואָס ער האָט שוין לאַנג געטראָגן אויפן האַרצן:

— מעגסט אויסהערן, אויב דו ביסט שוין יאָ אַהער אַריינגעפאַלן — האָט מאיר חלפן גערעדט, און דערביי אַריבערגעקוקט צו נעכען — ווען אַזאַ משפחה ווי די לוריאַס איז אַהער אַריבערגעקומען, האָט געקערט זיין אַ ביסל אַנדערש. אַלע ווי איין מענטש האָט איר זיך געקערט צונויפנעמען, זיך האַלטן אינאיינעם און טאָן דאָס וואָס מענטשן באַדאַרפן טאָן אין אַזאַ־אַ לאַנד. איין קליינינקייט, זעקס קינדער כמעט אַלע דערוואַקסענע! און דווקא, מחמת ס'האָט באַנ'איך

פּאַסירט אַזאַ אומגליק ביים אַריינפאָרן אַהער, דווקא דערפאַר האָט איר דעם טאַטן ניט געדאַרפט פאַרלאָזן. ווי איין מענטש זיך איינשפּאַנען אין יאָך און אַרויסקומען אויפן פערד ווי ס׳באַדאַרף צו זיין! די לוריאַס דאַרפן אויף די חלפנס זיך פאַרקוקן? ניין, די חלפנס האָבן געקערט נעמען פון די לוריאַס אַ פרימער. וואָס איז אָבער אַרויסגעקומען? פון סאַמע אָנהייב האָט יעדער איינער באַנ׳אייך פאַרדרייט די נאָז, אַוועק זוכן גליקן אַליין פאַר זיך. אין לעבן האָב איך אַזוינס נישט געזען. צוליב וואָס און ווען בין איך איינגעגאַנגען צו עפּעס אַ שאַפּ אינאיינעם מיטן טאַטן? מחמת מיר האָט אויסגעוויזן, אַז אַלע קינדער וועלן אים קומען צוהילף. אַלע אינאיינעם, און מ׳וואָלט שוין איצטער געריטן אויפן פערד! וואָס קאָן איך טאָן! קריגן זיך מיט מיסטער לוריא, ווען ער שלאָגט מיר איבער די הענט און לאָזט נישט איך זאָל פירן דעם שאַפּ ווי איך וויל? פאַרוואָס איז לעאָנאַרד אַרויס אויפן פערד? מחמת קיינער זאָגט אים ניט קיין דעה. ער טוט ווי זיין שכל וויזט אים אָן. ער נעמט נישט אַריין אין שאַפּ אַ ליאַדע ווּעמען. ער יאָגט דורך די לאַידאַקעס און פוילאַקעס וואָס פאַרנעמען אַן אָרט אומזיסט. נישטאָ אין שאַפּ קיין אומזיסטע ערטער פאַר דאַרמאָיעדניקעס! דירה־געלט קאָסט, און צייט איז אויך עפּעס ווערט דאָ אין לאַנד! כ׳האָב עס מורא אַרויסצוזאָגן, כ׳בין אייך נישט קיין שונא; אָבער כ׳זע שוין אַרויס, אַז פון אייך אַלעמען וועט דאָ ווערן אַ באַרג אַש.

קריינדל איז געזעסן מיט אַ זייט צום טיש, געהאַלטן די גלאָז טיי, און די אויגן האָבן געזוכט אַ פונקט אַרום זיך. ס׳איז איר אין דער רגע שווער געווען אויפצוהייבן די אויגן צו אימעצן פון די שטובלייט. א געדריקטע שטילקייט האָט געהערשט אַרום איר. זי האָט אין דער ערשטער רגע ניט געהאַט קיין מוט אויפצועפענען ס׳מויל און פּרואוון ענטפערן חלפנען. פון חלפנס רייד איז איר אַסך קלאָר געוואָרן. זי האָט באַגריפן וואָס פאַר אַ צוויי פרעמדע וועלטן די לוריאַס און די חלפנס זיינען. זי האָט געשפּירט, אַז אין דעם פאָטערס רייד קלינגט אָפּ דער פאַרדרוס וואָס האָט זיך אָנגעקליבן ביי לעאָנאַרדן און ביי מלכהן. איר פאַרדריסט וואָס זי איז גאָר איצטער געקומען אַהער. אין דער שטיל, אין איילעניש זוכט זי אַן אויסוועג ווי פונדאַנען וואָס פריער אַנטלויפן.

— פּאַ, מאַכסט אַ גרויסן מיסטייק, אויב דו מאַכסט אַוועק מיט דער האַנט די לוריאַס. יעדערער פון זיי ווייס גאַנץ גוט וואָס ער וויל. וואָס נישט, קעראַלאַין? נעווערמאַינד וואָס דער פּאַ האָט געזאָגט. ער האַלט פון מיסטער לוריא. איך אַליין קלייב זיך אַ קוק צו טאָן וואָס אין שאַפּ הערט זיך. זאָל נאָר סלעק אַריבער, וועל איך אפשר אריין, לאָמיר, פּאַ, איצטער פון דעם ניט רעדן.

— טאַקע אין אמתן, וואָס האָסטו זיך גענומען איצטער אויסטענהן מיט קריינדלען, פונקט ווי זי וואָלט געוואוסט וואָס אין שאַפּ טוט זיך?! דערצייל מיר בעסער וואָס דאָס יתומהלע מאַכט. כ׳הער, אַז דו ביסט צו דעם פונקט ווי אַ מאַמע. — איז נעכע צוגעגאַנגען און געגלעט קריינדלס פּלייצע.

קריינדל האָט גוט געהערט וואָס לעאָנאַרד האָט געזאָגט. איר האָט געחידושט, ווי אַזוי לעאָנאַרד האָט פשוט און קלאָר אַרויסגעבראַכט דאָס וואָס זי האָט געהאַט אינזינען בעת זי איז אַהער געגאַנגען. אָבער דווקא צוליב דעם

האָט קריינדל מיט אַמאָל זיך דערשפּירט דערנידעריקט, ווי אַן אָפּגעקומענע גבירנטע, וואָס האָט אָנגעטאָן איר בעסט קלייד, און איז אַוועק צו אַן אויפגע־קומענעם גביר און גראַביונג בעטן אַ טובה. כאָטש זי האָט דאָך אַליין וועגן איר פּאָטערס שאָפּ דערוויל קיין וואָרט ניט פאַרוואָרפן, כאָטש לעאָנאַרד האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פּיל קליגערן ווי זי האָט גערעכנט — האָבן פונדעסט־וועגן טרערן אין די אויגן אַ ברי געטאָן. זי האָט עס געוואָלט באַהאַלטן, האָט זי די אויגן אויפגעהויבן צו מלכהן און געשמייכלט אין פאַרלאָרנקייט. איר איז ניט געלונגען צו פאַרדעקן איר פאַרלאָרנקייט. כאָטש דער ציל פון איר איצטיקן שלעפּן זיך אין אַזאַ זאַווערוכע צו די חלפנס איז דאָך געווען מיט דער כוונה, אפשר וועט זי צוריק דערוואָרעמען די באַציאונגען צווישן די צוויי משפּחות. דערלאָזט אָבער איר איינגעבוירענער שטאָלץ ניט מודה זיין, אַז דאָס איז געווען דער ציל פון איר גיין אַהער. מיט מלכהן האָט זי קיין וואָרט ניט גערעדט. דאָס לשון איז עפּעס ביי די שטובלייט ווי אָפּגענומען געוואָרן צוליב איר. מ׳האָט זי אָנגעקוקט און ווידער באַטראַכט. זי איז ווי איינגעשרומפּן געוואָרן פון די הונגעריקע בליקן, וואָס האָבן זיך אין איר איינגעגעסן.

— וועסט מיך, לעאָנאַרד, אָפּפירן אַהיים. וועל אַליין אפשר ניט טרעפן דעם וועג אין אַזאַ זאַווערוכע, כאַ־כאַ־כאַ. כ׳האָב זיך אָפּגעגנבעט פון שטוב, כאַ־כאַ־כאַ — האָט איר שטים יונג געקלונגען — כ׳וועל נאָך קומען צונ׳אייך אין אַ בעסערן וועטער, כאַ־כאַ־כאַ.

לעאָנאַרד האָט געפאָלגט, האָט זיך וואָרעם אָנגעטאָן און געוואָרט ביי דער טיר אויף קריינדלען. איצטער האָט קריינדל מיט אַמאָל דערשפּירט, אַז צו פרי גייט זי אַוועק. זי האָט שוין אָבער ניט געקענט פאַרריכטן. אַן ווערטער האָט זי געקושט פאַרן אַוועקגיין די דראָבנע נעכען, האָט זיך צעקושט מיט מלכהן און מיט איר יינגערער שוועסטער רחלען. דעם גאַנצן וועג אהיים האָט זי מיט לעאָנאַרדן גאָרניט גערעדט.

שוין ביים הויז איז קריינדל שטיין געבליבן, אויפגעהויבן די אויגן צו לעאָנאַרדן און מיט ליבשאַפט אין שטים געזאָגט:

— איך דאַנק דיר, לעאָנאַרד, כ׳האָב געהערט וואָס דו האָסט אין שטוב גע־זאָגט. כ׳ווייס אויך וואָס דו טראַכסט פון מיר, לעאָנאַרד. אפשר האָב איך גע־דאַרפט מיט דיר מער רעדן, ס׳איז מיר אָבער זייער קאַלט, לאָמיר עס לאָזן אויף אַן אַנדערש מאָל. אַ גוטע נאַכט, לעאָנאַרד.

— אַ גוטע נאַכט, קרעאַלאַין.

ער האָט זיך אַ נייג געטאָן, ווי קריינדלען אַרומצונעמען, אָבער זי האָט זיך שנעל אָפּגעקערט, ווי זי וואָלט עס ניט באַמערקט, אַרויף אין געאייל אויף די פינצטערע טרעפּ, און געבליבן דאָרטן גענוג לאַנג וואָרטן ביז זי איז געווען זיכער, אַז לעאָנאַרד איז שוין אַוועקגעגאַנגען. דאָס הארץ האָט איר שטאַרק געקלאַפּט. זי האָט דערפילט אַ שטעכעניש אין קאָפּ, איןביידע שליפן. אַ היץ האָט אויף אַ ווילע אַ שלאָג געטאָן פון איר גוף און געמאַכט איבעריק דעם וואָרעמען מאַנטל. אָבער באַלד האָט עס איר צוריק אַריינגעוואָרפן אין קעלט, ס׳האָט איר אָנגעהויבן קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן.

איז איר שווער געווען אַריינצוגיין אין שטוב. זי האָט ניט געוואָלט איצ־טער זען דעם פאַראומערטן פאָטער, כאָטש זי וואָלט אים איצטער געקענט אַ סך אַרויסהעלפן און דערהויבן זיין געמיט. איר איז איצט אָנגעגאַנגען איר

אייגן לעבן. אין די הענט פון די מענטשן ביי וועמען זי איז נאָר וואָס געווען, דוכט זיך איר, ליגט ניט נאָר איר פאָטערס גורל, אפילו איר לעבן איז ביי יענע מענטשן אין די הענט. מיט וועמען קען זי זיך איצטער טיילן און איבערגעבן אירע געפילן? פאַר וועמען זאָל זי אויפדעקן איר פאַרבאָרגענע און אומ־באַגרייפלעכע חרפּה?

זי איז אַראָפּ צוריק אין דער זאַווערוכע אַריין, מיט דער דעה צו דער־שלאָגן זיך צו אַלעקסאַנדערן. איר ברודער שלמה, ביי וועמען אין ציגאַרן־שאַפּ אַלעקסאַנדער אַרבעט, האָט ער דערציילט, אַז שוין מער ווי א וואָך צייט ווי אלעקסאנדער קומט ניט ' דער ארבעט, מחמת ער איז ניט געזונט.

ביי אלעקסאנדערן אין צ־ַ־ הּאָט מען ניט געהייצט פון אינדערפרי אָן. ווען זי האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, האָט די מיסיס, אַ פּאַרוויקלטע אין אַ מאַנטל און פּאַטשיילע, זי באַגעגנט מיט אַ פאַרדעכטיק פּנים:

— כ'האָב מורא, אַז ער שלאָפט שוין. מ'וועט אומקומען אין אַזאַ אומ־גליק. נישט געקענט קריגן קיין ביסל קוילן, אַך־און־ווי איז צו מיר! אין דער פינצטערער ראַסיי איז אַזאַ ביטערע גויט נישט געווען.

אָבער אַלעקסאַנדער איז נאָך נישט געשלאָפן. אָן אָנגעפּעלצטער, דער קאָפּ איינגעגראָבן צווישן זיינע האָרבן, איז ער געזעסן ביים טיש, און ביים שיין פון אַ ליכט געלייענט אַ בוך.

קריינדל איז אָן ווערטער צוגעגאַנגען צו אַלעקסאַנדערן, אַרומגענומען זיין קאָפּ און אָנגערירט מיט די ליפּן זיין הויכן שטערן.

— בין געקומען געוואויר ווערן וואָס דו מאַכסט. האָב געהערט, אַז דו ביסט נישט געזונט.

— אַ גרויסן דאַנק דיר דערפאַר — האָט פאַרשנדיק אַלעקסאַנדער זי אַ ווייל אָנגעקוקט — דו קומסט דאָך איצטער נישט פון דער היים. וואו גייט מען אַרום אין אַזאַ זאַווערוכע?

— ביסט גערעכט, כ'גיי ניט פון שטוב. אָבער כ'וועל דיר ניט דער־ציילן פון וואַנען איך גיי. אַן עבירה. האָב פריער געדאַרפט קומען צו דיר, ברענגען קוילן און דערוואַרעמען דיין צימער. ס'איז דאָ אַזוי קאַלט!

— כאַ־כאַ־כאַ, פאַרמאָגסט גוטסקייט פון א געטרייער מאַמען... אפשר דאַרף אַלעקסאַנדער אַ מאַמע, זי זאָל אויף אים אַכטונג געבן. ווער ביסטו, קערעלאַין? — האָט ער שטיל גערעדט, בעת זיין שטים האָט געציטערט פון קעלט און אינערלעכן אויפברויז — אָט אַזוי פאַלסטו צו מיר אַריין בשעת איך קלער, צי אויף דער וועלט איז פאַראַן כאָטש איין פריינט וואָס טראַכט פון מיר. ווי האָסטו זיך דערשלאָגן אַהער?

— די מיסיס האָט מיך מורא געהאַט אַריינצולאָזן, טאָמער בין איך גאָר אַ נישט גוטע, כאַ־כאַ־כאַ. נאָר צי דאַרף אַ מענטש וויסן ווער זיין פריינט איז? זאָגסט דאָך אַליין, אַז אַ מענטש דאַרף לעבן מיט זיין אייגענער גוטס־קייט, און פון איר אָפּשפּאָרן פאַר אימעצן אַנדערש. נו, פאָלג איך, שפּאָר איך אָפּ פאַר אימעצן אַנדערש.

— אויב איך בין דער אימעצער אַנדערש, דאַנק איך דיר. נאָר כ'קלער פונדעסטוועגן, וואָס ציט דיך צו מיר, קערעלאַין? כ'ווייס, דיר שמעקן ניט אונדזערע אידייען, אונדזער צוגאַנג צום לעבן. כ'וויל דיך דעריבער נישט

באַקענען מיט די אַנאַרכיסטישע קרייזן. כ׳וויס, אַזאַ מיידל ווי קעראַלאַין שמעקט נישט קיין פרייע ליבע. טאַ, וואָס זשע דען ברענגט דיך צו מיר פונקט אין אַזאַ צייט, רחמנות? זיי זיך מודה, קעראַלאַין . . . פון וועמעס וועגן האָסטו זיך אַזוי אויסגעפּוצט?

— איך, אויסגעפּוצט? האָב עס גאַרנישט געוואוסט. יאָ, בין געגאַנגען צו די חלפנס, מיין טאַטנס שותף. דער טאַטע האָט געדאַרפט עפּעס איבער־געבן זיין שותף.

איר האָט תיכף פאַרדראָסן הלמאי זי האָט ניט געזאָגט דעם אמת. זי האָט באַמערקט, אַז ער קוקט מיט פאַרדאַכט אויף איר. זי האָט ניט געקענט נעמען צוריק אירע ווערטער.

— אַזוי לויפט מען אַהער פון רוסלאַנד, מ׳לויפט ווי פון אַ פייער אַרויס, מ׳לויפט פון אַ פאַרצווייפלונג . . . ס׳לויפן וועלף, לויפן שעפּסן. אַלע לויפן זיך ראַטעווען, אַלע לויפן אינאיינעם, אָבער דאָ? דאָ, וואָלף בלייבט וואָלף, און שעפּס בלייבט שעפּס! אָ, די וועלף, איך דערשמעק זיי! היט זיך פאַר וועלף, קעראַלאַין!

קריינדל האָט אין געדאַנק מסכים געווען. „אָט בין איך איצטער געווען ביי די וועלף אינדערהיים" — האָט זי געטראַכט, בעת אירע פאַרטרערטע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט איבער די איינגעריכטע ווענט פון שמאָלן, פייכטן צימער. זי האָט אַליין ניט באַגריפן פאַרוואָס איצטער, אַנשטאָט אַרויפגיין צו זיך אין שטוב, איז זי גאָר אַהער אַרויפגעקומען. פונקט ווי זי באַגרייפט אַליין ניט פאַרוואָס איר פאַרכאַפּן ניט דאָס האַרץ יינגערע, געזינטערע מענער. זי קען זיך אַליין ניט אָפּגעבן קיין חשבון. אַלעקסאַנדער איז איר נאָנט און איז איר ווייט. ס׳האָט זי פון די חלפנס געצויגן אַהער, צום קראַנקן אַלעקסאַנדערן. זי איז געווען אומגעדולדיק בשעת לעאָנאַרד חלפן האָט זי באַגלייט אַהיים. זיין האַרץ איז געווען פול מיט גוטסקייט צו איר. ער האָט בפירוש געזאָגט, אַז ער וועט ישראל לוריאַן ניט פאַרלאָזן, און זי האָט אים אפילו קיין פונק וואַרעמקייט ניט געשענקט. פאַרקערט, זי האָט אים פשוט אָפּגענאַרט, כדי איצטער צו קענען זיצן אין קאַלטן צימער און קוקן אויף דעם שטילן קאָפּ צווישן די צוויי האַרבן. זי וויל עפּענען אַ טירעלע צו אַלעקסאַנדערס האַרצן, ער זאָל זי פילן און פאַרשטיין, זי זאָל קענען פאַר אים אויסריידן, אויסדערציילן אַלץ, אַלץ וואָס זי האָלט פאַרבאַרגן אין האַרצן. אפילו איצטער וואָלט איר אַזוי גרינג געווען, ווען זי קען זיך אויסוויינען פאַר אים, איבערגעבן אים איר אינערלעכע בושה, וואָס זי האָט זיך מיאוס געמאַכט, אויסגעפּוצט, און גע־גאַנגען צו די חלפנס אויסהערן זייער מוסר, שמייכלען צו מלכהן, שמייכלען צו לעאָנאַרדן, ער זאָל חושד זיין, אַז זי האָט אים ליב. אוודאי וואָלט איר איצטער געווען גרינגער ווען זי קען זיין אָפנהאַרציק מיט אַלעקסאַנדערן. אָבער זי האָט מורא פאַר אים. זיין פאַרקריפּלטער גוף שטייט ווי אַ פּעסטונג צווישן איר און אים.

קריינדל זוכט פּאַסיקע ווערטער, קלוגע און וואַרעמע ווערטער, און פילט דערביי, אַז ווערטער זיינען גאַרנישט. ווען אַלעקסאַנדער וואָלט אפשר ניט געווען מיט אַזאַ־אַ גוף, ווען ער איז שלאַנק, שטאַרק און געזונט. מעגלעך, זי וואָלט איצטער געלעגן אין זיינע אָרעמס, וואָלט זיך גאָר אינגאַנצן אויפגעלייזט אין זיינע אָרעמס. אָבער איצטער, די קעלט אין שמאָל־לענגלעכן צימער,

דוכט איר, איז ניט צוליב דעם וואָס האָט אויסגעפּעלט קוילן, און דרויסן איז אַזאַ זאַווערוכע; ניין, די קעלט איז איצטער אַרום זיי בײַדן, ווײַל ס׳איז ניטאָ דער לעבעדיקער, וואַרעמער שטראָם וואָס זאָל זיי בײַדן אויפכאַפּן, אַוועקטראָגן אויף הפקר אין אַ וועלט אַרײַן וואו אַלץ ווערט פאַרגעסן, וואו דער שווערסטער אײַז ווערט צעשמאָלצן!

פאַר איר דמיון האָט זיך אַ וויג געטאָן די וואַרעמע, צופרידענע חלפן־היים פון וואַנען זי קומט איצטער, און לעאָנאַרד, וואָס האָט זי אַזוי פאַרזיכטיק געפירט דורך די גאַסן און דערפירט ביז צו אירע טרעפּ. אין אַ פּוסט־קייט האָט זי זיך מיט אַמאָל דערשפּירט. ס׳האַרץ האָט פאַרקלעמט, און זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך.

— מאָרגן, מאָרגן. אפשר וועט ווערן שיין דרויסן. כ׳וואַרט, אַז מאָרגן וועט זײַן שיין און די זון וועט שײַנען. יאָ, אַלעקסאַנדער, וועסט אַרויפקומען צו מיר? איך וועל וואַרטן אויף דיר. איצטער מוז איך גיין אַהיים, דער טאַטע זיצט אַוודאי און וואַרט אויף מיר.

אַלעקסאַנדער האָט באַנומען איר איצטיקן מצב. ־ער האָט פון איר קיינמאָל קיין סך ניט פאַרלאַנגט. פאַרקערט, ער האָט געוואוסט, אַז ער איז צומאָל פאַר איר אַ קוואַל פון יסורים.

פונדעסטוועגן האָט אַלעקסאַנדער געשפּירט, אַז איר „מאָרגן, מאָרגן, אפשר וועט ווערן שיין דרויסן, כ׳וואַרט, אַז מאָרגן וועט זײַן שיין און די זון וועט שײַנען . . . ״ — דאָס איז אויפריכטיק.

— יאָ, קעראָלאַין, אַז ס׳וועט ווערן שיין און זוניק, וועל איך קומען צו דיר. דאָ איז קאַלט, כ׳וויל דיך ניט פאַרהאַלטן.

קריינדל איז געגאַנגען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ אַהיים. האָט געטיאָפּקעט ביז איבער די שיך אין שניי און איז צופרידן געווען וואָס קיינער באַגלייט זי ניט, קיינער באַמערקט ניט די טרערן, וואָס קײַקלען זיך פרײַ איבער די באַקן, פאַלן און ווערן פאַרפאַלן אין קאַלטן שניי.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

אַן אָפּגעגאָסענער מיט שווייס, מיט אַנגעצונדענע אויגן און טרוקענע ליפּן איז ישראל לוריא געשטאַנען אַנגעשפּאַרט אַן צוים פון טשאַטעם סקווער בית־עולם, און זיך געפּרואווט אָפּגעבן אַ חשבון פון זיינע טעג און יאָרן אין ניו־יאָרק. ער ווייס אַליין ניט וואָס האָט אים אַהער צום בית־עולם געצויגן. אפשר די שרעק וואָס ער האָט איבערגעלעבט מיט אַ שעה צוויי צוריק, ווען ער איז אַנגעקומען אויף דער בויערי פונקט, ווען אַ זעקס שטאָקיק הויז האָט זיך אָנגעצונדן, אַ הויז וואו עטלעכע שוויץ־שעפּער זיינען געווען, און ישראל לוריא האָט געזען ווי אַ מענטש, אַן אַנגעצונדענער, איז פון פייער אַרויסגעשפּרונגען אויפן שכנישן דאַך און איז אַזוי אַנידערגעפאַלן. אַ יידישער שאָפּ איז געשטאַנען אין פלאַמען, און פון אים זיינען אַנגעצונדענע יידן געלאָפן!

ישראל לוריא געדענקט אליין ניט ווי לאַנג ער שטייט אַזוי ביים צוים פון בית־עולם. ישראל לוריא האָט צייט. קיין „באָס" איז ער שוין ניט מער. דעם שאָפּ האָט ער אַנגעוואָרן. ער אַרבעט ווידער ביי יענעם: — אַן אָפּרייטער ביי „ניפּעגס". פאַרדינט זעקס דאָלער מיט פופציק סענט אַ וואָך. דערצו האָט ער געדאַרפט מיטברענגען אין שאָפּ זיין אייגענע ניי־מאַשין. און וויפיל ישראל לוריא וויל ניט באַפרייען זיין געדאַנק פון דער שרפה, באַטראַכטן זיין אייגענעם לעבן דאָ ביים בית־עולם שטייענדיק, דוכט זיך אים אויס, אַז ער אַליין איז מיט אַ פּאָר שעה צוריק געשפּרונגען פון אַ ברענענדיקן שאָפּ, ער אַליין איז מיט אַ ווײַלע צוריק געווען אין פלאַמען, ער איז תחית־המתים אויפגעשטאַנען. ניט מער, וואָס דער שווייס רינט פון פּנים, די אויגן ברענען און די ליפּן זיינען אַזוי טרוקן.

אים קומט אויפן רעיון, ווי מיט יאָרן צוריק איז ער דאָ געשטאַנען מיט קריינדלען, געוואָלט קריגן איר צושטימונג אויף זיין ליבע צו אַ רויטהאָריק מיידל, ריוושע דער ליטוועטשקע. אָט, ווי נעכטן איז דאָס געשען. ריוושע איז שוין זיין ווייב געווען. געבאָרן אַ קינד מיט רויטע הערלעך, געשטאָרבן אין קימפּעט, און קריינדל איז געוואָרן די מאַמע פון יתומהלע, וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן רבקה, נאָך דער געשטאָרבענער ריוושען. איבערן שטוב לויפט אום דאָס דריי יאָריקע רבקהלע. אַלץ וואָס אים איז געבליבן פון דער ליבע אין נייעם לאַנד.

אים קומט אויף אַ מחשבה:

אין רוסלאַנד איז דער מענטש געווען רואיק, געלעבט ווי אַ וואָרעם אין כריין. און דאָ: — דער מענטש קען זיך נישט באַרואיקן, טאָר נישט איינשלאָפן, וואָרן אויב חלילה מ'זאָל צומאַכן די אויגן, קען דער וואָרעם נישט האָבן קיין מנוחה אין כריין, מ'טורקעט אים אַרויס.

ער לאָזט דורך פאַרן געדאַנק זיינע קינדער, פון ערשטן ביזן לעצטן, און אים קומט אויס, אַז נאָר דער איין און איינציקער דניאל איז אַ מענטש מיט מענטשן צוגלייך. אים איז אַ חידוש ביז גאָר, וואָס דניאלן האָט אַ ניט־אידישע ווייב געמאַכט אַ היים און גיט אים שלווה. „טשיקאַווע, ווער וואָלט זיך עס איינדערהיים געקענט אויסמאָלן?...״ דערביי טוט אַ שווינדל פאַר די אויגן, ווען ער וויל די אַנדערע קינדער דערבליקן ביי וועלכן ס׳איז תכלית.

זיין געדאַנק וואַנדערט אַריבער צו די חלפנס. ער וויל זיי תופס זיין, צי זיי האָבן גוט געמיינט בעת זיי זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט ווי צו עפּענען אַ שאַפּ אינאיינעם. אים קומט אויס, אַז ס׳וואָלט פאַרט אַרויסגעקומען אַ גוטער שידוך, ווען קריינדל נעמט און האָט חתונה מיט דעם גראַטעגנעם לעאָנאַרדן. קריינדל האָט שוין געקענט זיין אַ באַזאָרגטע מיט אַלץ. און נתן . . . ווען עס קומט צו נתנען, איז ישראל ניט קלאָר וואוהין זיין וועג פירט, און וואו איז זיין תכלית.

און אפשר איז גערעכט הילל. יידן האָבן נישט געטאָרט אַזוי נידעריק פאַלן, פאַרדינגען זיך נאָך ערגער ווי קנעכט אין מצרים. יידן האָבן געדאַרפט גיין, ווערן מענטשן ביי דער ערד. שלווה וואָלט געווען. אַ סך פּראַצע, אָבער אַ תכלית וואָלט דערביי געווען!

ישראל לוריא האָט דערשפּירט, אַז אויגן קוקן אים אָן. ער האָט אַ ציטער געטאָן, אויף שנעל אָפּגעווישט מיט דער האַנט דעם שווייס פון פנים, און ער האָט אַליין ניט געגלייבט זיינע אויגן: אַנטקעגן אים איז געשטאַנען זיין שנורס שוועסטער, דאָס ניט־יידיש מיידל, ליזאַבעט. אַ פאַרחידושטע, מיט אַן אויס־דרוק פון טרויער, איז זי געשטאַנען עטלעכע טריט אָפּגעטראָטן, און אים באַטראַכט.

ווען ישראל לוריא און ליזאַבעט האָבן זיך אָנגעטראָפן מיט די בליקן, האָט זי אַ שמייכל געטאָן. ישראל האָט געענטפערט מיט אַ בלייכן שמייכל. ליב־שאַפט, וואָס זיין שנור ליליען־רות באַווייזט אים יעדעס מאָל ווען ער קומט אַריין אַ טרויעריקער צו דניאלן, האָט ער איצטער דערקענט אין ליזאַבעטס פנים. אַ שאָד נאָר וואָס מיט זיין שנור רעדט ער זיך ווי־עס־איז צונויף, זי מישט שוין אריין אין איר ענגליש אַ סך יידישע ווערטער, ער זאָל פאַרשטיין, אָבער מיט ליזאַבעטן האָט ער נאָך קיינמאָל ניט גערעדט, כאָטש ער האָט זי ביי דניאלן אַ פּאָר מאָל געטראָפן.

ליזאַבעט האָט אים דערלאַנגט די האַנט, און דערלאַנגט פון דער שרעקלע־כער שרפה אויף דער בויערי. זי איז געגאַנגען צו דניאלן, און איז אָנגעקומען פונקט ווען מענטשן זיינען פון פייער געשפּרונגען.

— גייסט אפשר צו מיסטער דניאל לוריא, איך גיי אויך אַהין. אָבער וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק? אַ פאָטער, וואָס האָט אַזעלכע שיינע קינדער, טאָר ניט זיין טרויעריק.

ער האָט האַלב פאַרשטאַנען. איר שטים האָט אים אַזוי ליב געקלונגען. נאָר, ווען זי האָט דערמאָנט זיינע קינדער, האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ: „ס׳וואָלט נאָך פּאַסן צום רומל, נאָך איינער זאָל נעמען און חתונה האָבן מיט אַ גויע...״

אים ווערט הייס אין די אויגן. ווען ער איז איצטער אַליין וואָלט ער איינדערשטיל זיך גוט אויסגעוויינט. זיין טרויער ווערט שווערער מיט יעדן

טראַט וואָס ער מאַכט זייט־ביי־זייט מיט אַזאַ פּרעמדער, וואָס איז אויף אַזאַ אומבאַגרייפלעכן אופן געוואָרן „משפחה". ווען ער וואָלט זיך געקענט צו־נויפריידן מיט איר, איז רעכט, ער וואָלט ביי איר געפרעגט וואָס עס מאַכן אירע טאַטע־מאַמע. זיי זיינען דאָך זיינע מחותנים!

— וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק, מיסטער לוריא? — איז ליזאַבעט ווידער צוגעשטאַנען — מיין שוועסטער האָט דיך אַזוי ליב, זי הערט ניט אויף צו רעדן פון דיר, אַז מיר באַגעגענען זיך. זי האָט ליב געקראָגן יידן צוליב דיין זון. ער איז אַ גוטער מאַן, זעלטן צו געפינען ביי אונדזערע אַזעלכע גוטע מענער. דו וואָלסט לאָזן, דיין זון זאָל חתונה האָבן מיט מיר, און ווערן א קריסט? מיין שוועסטער איז געוואָרן אַן איבערגעגעבענע יידישע טאָכטער, און דיין זון דאַרף ווערן א גוטער קריסט, וועט עס זיין גלייך אויף גלייך, כאַ־כאַ־כאַ.

זי האָט אַרויסגעקוקט צו ישראלן, געפּאַרשט וואָס פאַר אַן איינדרוק אירע רייד מאַכן אויף אים. זי האָט גערעדט מיט אַ פּאַריסנקייט און זיכערקייט פון אַן עלטערן. ער האָט פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט און וואוהין זי צילט. אים איז געווען אַ חידוש וואָס זי רעדט מיט אַזאַ זיכערקייט, פּונקט ווי זי וואָלט שוין אָפּגעקליבן איינעם פון זיינע זין. ער האָט זיך אָבער געמאַכט ווי ער וואָלט גאָרניט פאַרשטאַנען וואָס זי האָט גערעדט צו אים. ער האָט גע־טראַכט גיין צו זיך אַהיים. א מידקייט האָט אָנגעפילט אַלע זיינע גלידער, אָבער צוליב ליזאַבעטן איז ער אַוועק צו דניאלן, און ביים אַריבערטרעטן די שוועל האָט ער אויסגעפונען, אַז אפשר גאָר צום גוטן איז אויסגעפאַלן די באַגעגעניש.

לאָזט זיך אויס, מ'האָט ישראלן אַרומגעזוכט. זיין מצב האָט אָנגערירט דניאלן. ליליען האָט ניט גערוט. זי האָט אויפגערודערט אַלע קינדער, זי איז אַליין אַוועק צו די חלפנס. דאָס וואָס קריינדל האָט ניט אויסגעפירט, האָט די גרעטע אויסגעפירט. זי איז אַוועק צו לעאָנאַרדן און מיט אים געהאַט אַ לאַנגן שמועס. כאָטש אויף איר איז געווען קענטיק, אַז זי קלייבט זיך ווערן אַ מאַמע, האָט זי זיך אויסגעפּוצט און געגאַנגען. זי האָט גערעדט גאַנץ אָפן מיט דעם פּראַקטישן לעאָנאַרדן. זי האָט אויסגעדריקט איר חשד, אַז צוליב די חשבונות וואָס ער האָט מיט לוריאס טאָכטער, און צוליב די חשבונות וואָס דער אַלטער חלפן האָט מיט נתן לוריאן, האָט מען גענומען און דעם „אומגליק־לעכן לוריאן געלאָזן אויפן וואַסער".

ווען ישראל איז איצטער אַריינגעקומען צו דניאלן, האָט ער געטראָפן דעם אַלטן חלפן און זיין זון לעאָנאַרדן. דניאל און שלמה זיינען אויך געווען אין שטוב. אַרום קיך האָבן זיך געעסקט ליליען און קריינדל, ביידע אויס־געפּוצטע, ביידע מיט אַ געוויסער פאַרנעמקייט. ווען ליזאַבעט איז אריינגע־קומען מיט ישראל לוריאן איז דאָס געווען א חידוש פאַר אַלעמען. זי איז צוגעגאַנגען, פריער זיך צעקושט מיט איר שוועסטער, דערנאָכדעם מיט קריינדלען. איר בליק איז געפאַלן אויף דעם שמאָלן, צאַרטן שלמהן. אים האָט זי צום ערשטן מאָל באַגעגנט. ער האָט איר אויסגעזען אָפּגעראָטן פון די אַנדערע קינדער.

קריינדל איז געווען פאַרטאָן אין זיך אַליין. זי האָט געשפּירט ווי זי ווערט אין ערגעץ פאַרשלעפּט פון פרעמדע כוחות. זי האָט ניט אויסגעפרעגט ביי

איר שוועגערין וואָס אַזוינס זי האָט גערעדט מיט לעאָנאַרדן, אָבער זי איז זי־
כער, אַז די פּראַקטישע, הייסבלוטיקע ליליען האָט געוויס אַרויסגעבראַכט איר
נאָמען, און אפשר מיט איר גאַנצן איינגעבראַכן דעם פּאַרביסענעם לעאָנאַרדן.
און דאָס וואָס ליזאַבעט האָט צופעליק באַגעגנט לוריאַן אין גאַס און אים גע־
בראַכט אַהער, ס׳איז אויך פּאַר קריינדלען אַ רעטעניש.

קריינדלס מחשבות האָבן די מאַנצבילן איבערגעשלאָגן. דניאל איז גלייך
צוגעגאַנגען צום ענין:

— הכלל, טאַטע,—האָט דניאל אָנגעהויבן מיט אַ זיכערער שטים—מיר
האָבן זיך דאָ באַגעגנט אָן דיר, געטראַכט צו מיישב זיין זיך מיטן מיסטער
חלפן איידער וואָס, איידער ווען. ביסטו אַזוי אומגעריכט אָנגעקומען. איז דאָס
אפשר צום גוטן. וואָס האָט מיסטער חלפן צו זאָגן?

— איך וועל רעדן פּאַר מיין פּאָטער — האָט לעאָנאַרד אָנגעהויבן, —
כ׳וויל מיסטער לוריא זאָל הערן וואָס אַ יינגערער מענטש האָט צו זאָגן. איך
בין צופרידן וואָס אייער עלטערער זון גייטן איז ניטאָ. איי דאָונט לאַיק הים...
אַזעלכע מענטשן ברענגען שאָדן אַמעריקע. ס׳אי אַ פרייע קאַונטרי, וואו יעדער
קען טאָן וואָס ער וויל, און גייטן מיינט, ער וועט קענען פירן מענטשן פּאַר
דער נאָז. דאָס טויג נישט. ווען מיין פּאַפּאַ וואָלט אַליין געפירט דעם שאַפּ
פון אָנהויב אָן, ווי ער האָט געוואָלט...

ישראל לוריאַן איז געוואָרן קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן. לעאָנאַרדס רייד
האָבן אים געגרילצט אין די אויערן. אומגעריכט איז איצטער געוועזן פּאַר אים
די באַגעגעניש. ער האָט געמיינט, מ׳וועט דאָ רעדן פון עפּעס אַנדערש,
מחמת, ער האָט זיך שוין אָנגעהערט גענוג מוסר פון די חלפנס. ישראל איז
געוואָרן אומגעדולדיק און איבערגעשלאָגן לעאָנאַרדן:

— זייזשע מוחל וואָס איך פּאַל אַריין אין די רייד. ווי איך פאַרשטיי
וויל מען מיך ווידער שטעלן אויף די פיס, מ׳וויל מיך פאַרט מאַכן פּאַר אַ פאַב־
ריקאַנט, ווען איך בין נאָר געוועזן אָן אייזנקרעמער איינדערהיים. וואָס זאָג־
סטו, מיין זון — האָט ער זיך געווענדט צו שלמהן — כ׳פרעג ביי דיר, פאַר־
וואָס ווילן זיי מיך דווקא מאַכן פאַר אַ פאַבריקאַנט, כ׳זאָל נעמען און צאַפּן
דאָס בלוט ביי יידן ווען האָבן נעבעך נישט קיין כוח אַליין אויף די פיס צו
שטיין? העלפט מיר בעסער, כ׳זאָל דאָ עפענען אַ שטיקל אייזן־קרעמל. דאָ
דאַרף אויך אַ מענטש האָבן אַ שלעסל, אַ טשוועקל, אַ פענדל, צי אַ סקאָוועָ־
ראָדע. נאָר אויב איר ווילט מיר נישט קומען צוהילף, וועל איך ווערן אַ
מלמד. יידישע קינדער לויפן אַרום פּוסט־און־פּאַס. מ׳האָט עס מיר אָנגע־
באָטן. ס׳אי אויך אַ תכלית. אימעצער דאַרף עס טאָן. מ׳דאַרף פאַרהיטן
דאָס ביסל יידישקייט. ס׳אי פונקט אַזאַ מיצווה ווי אויסצוצאַפּן ס׳ביסל חיות
פון אָרעמע יידן, וואָס לויפן פון ראַסיי, און ווייסן ניט אין וואָסערע הענט זיי
פאַלן אַריין.

עס איז אָנגעשטאַנען אַ געדריקטע שטילקייט. די מאַנצבילן האָבן עס
אפילו ניט באַמערקט.

— דער טאַטע איז גערעכט — האָט שלמה שטיל זיך אָפּגערופן — וואָס
מיסטער חלפן קען טאָן, קען מיסטער לוריא נישט טאָן.

— דו האָלסט דאָך אויך אַרבעטער! — האָט אים מאיר חלפן איבער־
געשלאָגן — ווי אַזוי קומסטו מיט זיי אויס?

— ביי ציגאַרן אַרבעט מען נישט אַזעלכע לאַנגע שעהן. ביי מיר אַרבעט מען נישט מער ווי צען שעה אַ טאָג. און וויפיל מענטשן אַרבעטן ביי מיר, ועקס מענטשן? איך בין נישט קיין באָס!

— מאָדנע מענטשן די לוריאס! — האָט לעאָנאַרד ווי פאַר זיך אַליין אַ זאָג געטאָן — אויב אַזוי, מיסטער לוריא, — האָט ער זיך געווענדט צו דניאלן — קומט אַריבער צו מיר, אפשר וועלן מיר געפינען אַן עצה ווי... גוד באַי, מיסטער לוריא! ס'וועט זיין אָלרייט...

די חלפנים זיינען אַרויסגעגאַנגען און איבערגעלאָזן אין שטוב אַ גע־דריקטע שטימונג. מ'האָט אַריבערגעקוקט צו ישראלן, וואָס וועט ער זאָגן.

ישראל לוריא האָט אויפגעהויבן די אויגן, באַטראַכט די שטובלייט און מיט אַ טיכל אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים.

— א גרויס אומגליק האָט געטראָפן ניט ווייט פון דאַנען. א שאָפּ מיט מענטשן האָט זיך אָנגעצונדן. אַ גרויס אומגליק. איר ווייסט, קינדער, וואָס איך וועל אייך זאָגן, דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען איר העלפט מיר, כ'זאָל זיך קענען אומקערן צוריק אהיים. וואָלט דאָ די מאַמע געלעבט, אַלע איינ־איינעם, איז עפּעס אַנדערש. איצטער, צוליב מיר...

קריינדל איז צוגעגאַנגען צו ישראלן און האָט אים געגלעט זיין קאָפּ:

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי געפאַלן ביי זיך? — האָט קריינדל גערעדט — הער זיך איין וואָס מענטשן דערציילן. מ'לויפט דאָך אהער פון ראָסיי ווי פון אומגליק! דיר איז שווער אַליין צו פירן אַ שאָפּ, איז נישט. גיי אַרבעטן ביי יענעם. אָדער אפשר... וואָס זאָגסטו, דניאל, זיי ווילן גיין ווידער מיטן טאַטן אין שותפות?

— פרעג ביי רותן, וועט זי דיר עפּעס דערציילן. זאָלסט זיך גאָר ניט דערשרעקן. כ'וועל עס דיר זאָגן אַן אַנדערש מאָל. ווי איך פאַרשטיי וויל לעאָנאַרד אַריינגעמען דעם טאַטן גאָר צו זיך אין שאָפּ, ער וויל אים מאַכן פאַר אַ פאָרמאַן.

— פאַרוואָס האָט ער עס דעם טאַטן גלייך נישט געזאָגט? פאַרוואָס האָט ער אים גאָר אָנגעהויבן צו זאָגן מוסר?

— לאָמיר, קריינדל, איצטער וועגן דעם נישט רעדן. ועסט אפשר, טאַטע, אַריינגיין אין אַנדערן חדר און זיך צושפּאַרן. זעסט אויס פאַרמאַטערט.

ישראל האָט געפאָלגט, ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, און מיט א געבויגענעם קאָפּ איז ער אַוועק אין צווייטן צימער.

פאַרוואָס איז מיסטער לוריא אַזוי טרויעריק? — האָט ליזאַבעט גע־פרעגט — איך האָב אים געטראָפן אָנגעשפּאַרט נעבן דער סעמעטערי אויף טשאַטעם סקווער.

— יעס, ליזאַבעט — האָט לילין געגעבן צו פאַרשטיין איר שוועסטער — יעדער מענטש האָט זיין פּעקל אין לעבן. אַ, וואָס איך האָב זיך שוין דער־וואוסט פון יידישן לעבן זינט דניאל איז מיט מיר! ביי די לוריאס איז פאַראַן אַ וואונד וואָס קען ניט פאַרהיילט ווערן. זייער מאַמע איז געשטאָרבן אויף דער שיף קומענדיק אַהער. מיסטער לוריא, דער פאָטער, האָט שוין התונה געהאַט נאָך אַמאָל דאָ אין לאַנד. די קינדער דערציילן, אז ער איז געווען אַ פאַרליבטער אין זיין צווייטער ווייב ווי אַ יונגער בחור. זי איז געשטאָרבן אין קימפּעט, געלאָזן א רויטהאָריק יתומהלע וואָס קעראָלאַין האָדעוועט. און

געלאָזן ביי מיסטער לוריאן אַ וואונד אין האַרצן. ווי קען אַ מענטש האָבן מוט אָנצוהייבן פונדאָסביי? וואָס אַזוינס וויל ער טאָן? — דהאָט ליליען זיך געווענדט צו דניאַלן, — עפּעס האָט ער געזאָגט, יוואָס איך האָב ניט פאַרשטאַנען.

— ער וועט לערנען מיט די קינדער היברו פון די הייליקע ספרים . . .
די יידישע קינדער גייען אין אַ חדר, אַ סקול אַזאַ, וואו מ׳לערנט מיט זיי פון די הייליקע ספרים, מ׳לערנט זיי זיין פרום און דינען גאָט.

— אַזוי גאָר? — האָט זיך ליליען פאַרחידושט — ער איז אַ געלערנטער ייד, האַ, דניאל? ער איז גערעכט. איך האָב געטראַכט, אַז די גרינע קינדער לויפן דאָ אַרום פּוסט און פּאַס.

אויף דעם האָט מען איר ניט געענטפערט. דניאל און שלמה זיינען געזעסן ביים טיש, יעדערער האָט געקוקט אין אַן אַנדער ווינקל. קריינדל האָט זיך באַמיט צו מאַכן א פריילעכן פּנים, אָבער ס׳איז איר ניט געלונגען.

— אייער פּאַ איז אַ יונגער מענטש, ער דאַרף ניט זיין געפאַלן ביי זיך — האָט ליזאַבעט געזאָגט — און פאַרוואָס קען ער זיך ניט אָפּזוכן אימעצן ווידער, און חתונה האָבן? פאַרוואָס זעט קעראָלאַין ניט, ער זאָל אימעצן באַגעגענען און זיך ווידער פאַרליבן? ער וועט חתונה האָבן, און דו וועסט ווערן א פרייער פויגל. פאַרוואָס טוסטו עס נישט, קעראָלאַין?

— אָ, ליזאַבעט, ליזאַבעט . . . קענסט נישט דאָס לעבן — האָט ליליען אָנגעהויבן מיט א טאָן פון אַ וויסערקע—אומעטום דאָס אייגענע. ביי אַלע מענטשן דאָס אייגענע. די ליבע בלאָנדזשעט אום, און די מענטשן, וואָס זוכן זי אויף, בלאָנדזשען אויך אום. ווער קען וויסן וואָס פאַר יענעם איז גוט? ווען איך וואָלט וויסן וואָס פאַר קעראָלאַין איז גוט, האָב איך אַ סוד, וואָס איז פאַר קיינעם ניט קיין סוד. ווען קעראָלאַין זאָל חתונה האָבן מיט דעם יונגן טשאַלפן, אָט מיט דעם וואָס איז נאָר וואָס אַוועקגעגאַנגען, איז אַלץ געענדיקט! דיר וועט זיין גוט ביי אים, קעראָלאַין. ער וועט נאָך אַמאָל זיין אַ מיליאָנער, קעראָלאַין. דאָ איז דער פּרוי ניט גוט ווען איר קומט אויס צו לעבן מיט אַ מאַן אַן אָרימאַן. וועסט זיין רייך, וועסטו קענען טאָן אַ סך גוטע זאַכן. וועסטו זיין אָרעם, וועסטו אַליין זיך וואַלגערן, און קיינעם וועט דערפון קיין נוץ ניט אַרויסקומען. כאָטש איך האָב מיין דניאלן ליב פאַר עפּעס אַנדערש, כאַ־כאַ־כאַ . . .

ליליען איז צוגעגאַנגען צו דניאלן, אַריבערגעבויגן זיך און אים געקושט אין די אויגן.

— נעם ניט פאַר אומגוט, וואָס כ׳רעד אַזוי. כ׳בין גאָרניט אַזוי פּראַקטיש. כ׳ווייס, קעראָלאַין האָט אים ליב.

קריינדל האָט געשטויגט. זי האָט ניט דערוואַרט, ליליען זאָל אַזוי רעדן. איר איז אויסגעקומען, ווי די גוטהאַרציקע ליליען הייסט, זי זאָל זיך פאַרקויפן צו אַ רייכן מענטשן, כדי מ׳זאָל דעם פאָטער אַריינגעמען צוריק אין שותפות אַריין.

— וואָס זאָגסטו? — האָט קריינדל אָנגעשטעלט אויף דניאלן די אויגן — ביסט מסכים מיט דעם וואָס ליליען האָט נאָרוואָס געזאָגט?

— ווער ווייס וואָס דער מאָרגן קען דאָ ברענגען? נאָר נישט געדאגהט. דעם טאַטן וועלן מיר ניט לאָזן פאַלן. מיר זיינען יידן, ליליען. ביי יידן איז פאַראַן רחמנות.

— וואָס שטייסטו אַזוי פאַרטראַכט, ליזאַבעט? — האָט ליליען זיך געווענדט צו דער שוועסטער.

מיר איז אַזוי קאָמיש צו זיין דאָ מיט דיר; כ'מיין, ניט קאָמיש, אַזוי ניט היימיש צו זיין מיט דיר דאָ. ביסט אַזאַ הויכער — איז ליזאַבעט פּלוצלונג צוגעגאַנגען צו שלמהן — שטעל זיך נעבן מיר, מיט וויפיל ביסטו העכער פון מיר?

ליזאַבעט האָט זיך אַנידערגעשטעלט זייט־ביי־זייט נעבן שלמהן מיט אַ מינע פון נצחון.

קריינדלען האָט אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן דאָס האַרץ, ווי זי וואָלט דער־זען איר ברודער פאַר אַ גרויס אומגליק.

***

נתן לוריא האָט פיינט געקראָגן די חלפנס תכלית שנאה. אים האָט שטאַרק פאַרדראָסן וואָס די קינדער האָבן זיך אַריינגעלייגט אין דעם, אַז די חלפנס זאָלן דעם פאָטער צוריק אריינגעמען פאַר אַ שותף. נתן האָט זיך ניט געקענט אָפּחידושן וואָס דניאלס ווייב, די גרטע, האָט זיך אין דעם אַריינגע־לייגט, אַליין געגאַנגען זיך זען מיט לעאָנאַרדן, און אים מיט זיין פאָטער איינ־געלאַדן צו זיך. עס וואָלט סיי־ווי פון דעם גאָרניט אַרויסגעקומען. ביי די חלפנס איז סיי־ווי געווען אַ געפּיל, ווי וויט מעגלעך זיך אַרויסקלייבן פון דעם געגנט, איבעררייסן אינגאַנצן מיט די לוריאס.

— אין אַ פינצטערער שעה האָבן זיך די קינדער באַגעגנט — האָט גע־קלאָגט די מאַמע־חלפן — לעאָנאַרד האָט שוין געקענט לאַנג חתונה האָבן, און מלכה וואָלט אויך געקראָגן איר באַשערטן.

איצט איז צוגעקומען נאָך אַ צופאַל וואָס האָט געגאָסן בוימל אויפן פייער. אַ סטרייק האָט אויסגעבראָכן ביי לעאָנאַרד חלפנען אין אַ נייעם שאָפּ, וואָס ער האָט אויפגעעפנט אין דעם רומענישן געגנט אויף עלדרידזש סטריט. אין דעם נייעם שאָפּ האָט מען געבייט הויזן. און דאָרטן האָט ער געפאָדערט, די אָפּרייטערס זאָלן ברענגען זייערע אייגענע מאַשינען און נאָדל־פאָדעם. נתן האָט דעם סטרייק אָרגאַניזירט, אויסגעפירט אַז אַלע אַרבעטער זאָלן ווי איין מענטש וואַרפן די אַרבעט. ביים איינגאַנג צום שאָפּ, וואָס איז געווען אין אַ קעלער, האָט ער געטראָפן לעאָנאַרדן. אָן קיין שום שהיות איז לעאָנאַרד נתנען פאַרפאַרן אין באַק אַריין. נתן האָט ניט געלאָזט, זיינס זאָל איבערגיין. גרעסער, און אַ סך שטאַרקער פון לעאָנאַרדן, האָט ער אים אָפּגעצאָלט כופל־כפלים, און דערנאָך אים אַראָפּגעשלידערט פון אַלע טרעפּ אין קעלער אַריין. דאָס איז געשען אויף פיר אויגן, פלינק, קיינער פון די אַרבעטער האָט עס ניט באַמערקט. לעאָנאַרד האָט עס קיינעם ניט דערציילט, און נתן האָט זיך מיט דעם פאַר קיינעם ניט באַרימט. דעם סטרייק האָבן די אַרבעטער געוואו־נען, אָבער דאָס איז אויסגעגאַנגען צו ישראל לוריאס קאָפּ.

ישראל לוריא אַליין, ווי נאָר ער האָט אָפּגעווענדט זיין מחשבה פון די חלפנס, איז ער געווען אַ פאַרלאָרענער. נאָך דער באַגעגעניש ביי דניאלן, האָט ער האָט מודיע געווען, אַז ער גייט ווערן אויס שניידער, אַז ער גייט נאָר צונויפנעמען יידישע קינדער וואָס גייען אים פּוסט אין גאַס, און ווערן זיי מלמד, האָט ער פונדעסטוועגן נאָכגעגעבן דניאלן און זיין שנור, ער זאָל „אויפהייבן דעם קאָפּ און אָנעמען די האַנט פון זיין אַמאָליקן שותף".

צוליב דעם צוזאַמענשטויס מיט נתנען איז ווידער געוואָרן אַ גאַנצע אי־בערקערעניש.

ווען ישראל לוריא איז אַרויפגעקומען צו לעאָנאַרדן אין שאַפּ, האָט אים לעאָנאַרד ווי ניט באַמערקט. ישראל איז געשטאַנען אין מיטן שאַפּ, אַ שווייס האָט אים אַרויסגעשפּאַרט אויפן פּנים. אַ סך פון די אַרבעטער האָבן אים געקענט, האָבן עס באַמערקט, און זיך געחידושט פאַרוואָס דער יונגער חלפן לאָזט אַזאַ שיינעם יידן שטיין, און קוקט זיך אפילו אויף אים ניט אום.

ווען ישראל, אַ פאַרשעמטער און נידערשלאָגענער, האָט שוין געהאַלטן ביים אַרויסגיין, האָט לעאָנאַרד אים ווי צום ערשטן מאָל באַמערקט, און גע־הייסן אַריינקומען אין שאַפּ אין אָוונט נאָך דער אַרבעט.

ישראל האָט עס פאַר די קינדער ניט דערציילט. „אויב מיר איז באַשערט חרפּה, וועל איך עס שוין אליין איבערטראָגן" — האָט ער געטראַכט. און באַ־שטימט: — „ניט נאָכגעבן זיך, אויסטרינקען דעם ביטערן כוס ביזן לעצטן טראָפּן".

ווען ישראל איז אין אָוונט אַריינגעקומען צו לעאָנאַרדן אין שאַפּ, האָט לעאָנאַרד ווי אויף אים געוואַרט. ער האָט שוין איינגעחזרט אַלץ וואָס ער וועט ישראלן זאָגן. און כאָטש ער האָט ביי זיך פאַרגעמאַכט ער זאָל זיך האַלטן רואיק, האָט ער עס פון סאַמע אַנהויב ניט געקענט אויספירן. פאַרקערט, ישראל לוריא, וואָס איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען אַ צעשרויפטער, זיך געגרייט אויסצולאָזן צום יונגן חלפנען אַלע בייזע חלומות, ער איז דווקא רו־איק געווען. ער האָט נאָך בשעת מעשה באַטראַכט לעאָנאַרדן, אין דער מחשבה געוואָלט אים צונויפפירן מיט זיין קריינדלען, און אין דער דאָזיקער רגע האָט אים די הנאה געטאָן וואָס זיין טאָכטער איז אַ מפונקת, און מאַכט ניט קיין וועזן פון עשירות.

— דעם אמת זאָגנדיק — האָט לעאָנאַרד אָנגעהויבן, מיט די אויגן צום פּאָלאָפּ — האָב איך אינדערפרי, ווען איר זייט אַריינגעקומען אין שאַפּ, נישט געוואָלט האָבן מיט אייך קיין שום ביזנעס. נאָר איצטער, אַז ס'האָט זיך שוין געמאַכט אַזוי, וועט עס זיין אַלרייט, אויב כ'וועל אייך אַרויסזאָגן וואָס כ'טראַכט פון אייך און פון אייערע קינדער...

— ס'האָט גאָרניט צו טאָן מיט מיינע קינדער. איך האַלט זיי ניט אויס און זיי האַלטן דערוויל מיך נישט אויס. מיש ניט די קינדער אין דער זאַך.

— ניין, מיסטער לוריא, ס'האָט יאָ צו טאָן מיט אייערע קינדער. צי ווייסט איר, אַז אין מיין שאַפּ אויף עלדרידזש סטריט האָט אייער נתן אַרויסגערופן דעם סטרייק?

— כ'פאַרשטיי אַלץ נישט וואָס דאָס האָט צו טאָן מיט מיר. מיינע קינ־דער זיינען זיך אָוועקגעגאַנגען יעדערער זיין וועג. און איך וויל מיר מיין וועלטל פירן אַליין.

— איר פירט אבער אייער וועלטל ניט אַליין, מיסטער לוריא! איר האָט געפירט אייער וועלטל מיט די חלפנס!

— טאָ, וואָס־זשע ווילסטו מיר מיט דעם אַרויסברענגען?

— מאָלט אייך אויס, אַז דער שאַפּ אויף עלדרידזש האַלטן מיר בשותפות, און איר זיצט אין שאַפּ ווען אייער זון . . .

— איז מיין נתן שטענדיק אומגערעכט? — האָט אים ישראל איבער־געשלאָגן.

— שטענדיק! — האָט לעאָנאַרד קורץ און שאַרף אָפּגעשניטן.

— עס חידושט מיך אויף דיר.

— זעט איר דאָך, מיסטער לוריא, אַז דאָרטן וואו איר האָט געפּסקנט, אַז די גרינגע זיינען גערעכט, האָט אַלץ געפּלאַצט. מיין פאָטער האָט דעריבער מיט אייך נישט געקענט אויסקומען.

— כ׳וואָלט נאָר וועלן וויסן, פאַרוואָס איז דער אַרבעטער קיינמאָל נישט גערעכט?

— ווען איך זאָג קיינמאָל נישט, מיין איך נישט עקזעקטלי קיינ־מאָל נישט, אָבער דער אַרבעטער דאַרף עס נישט וויסן. ס׳איז פאַר זיין טובה וועגן, אויב ער אַרבעט און פרעגט נישט קיין קשיות. איר מוזט באַנעמען וואָס דאָ קומט פאָר. גרינגע לויפן אַהער פון ראַסיי, און ווען מ׳זאָל זיי נישט איינשפּאַנען צו טאָן דאָס וואָס זיי טוען, וואָלטן זיי דאָ ווי די פליגן אויסגע־פאַלן. ווער ט׳עס טאָן? ווער קען עס טאָן? נאָר איינציקע, געציילטע אויף די פינגער קענען פייטן, אַרויפצואַרבעטן אַ שאַפּ, מ׳זאָל קענען צאָלן ווידזשעס. וואָס איז די יוז פון אַרבעט, אַז מ׳צאָלט נישט דעם גרינעם פאַר דער אַרבעט? גייט אַריין אין אַנדערע שעפּער, וועט איר געפינען, אַז אַן אַרבעטער וואָס נעמט פינף, צי זעקס דאָלער אַ וואָך, אים איז דער באָס שולדיק זעכציק דאָלער. איך צאָל אַלעמען אין צייט. איך בין קיינעם נישט שולדיק. איך פאָדער פון מיינע הענט. איך פאָדער אָבער נישט פאַר זיך. זיי קומט אַרויס אַ נוצן. כ׳פאָדער, כ׳זאָל זיי קענען צאָלן ווידזשעס. איך בין איין מענטש, און איך קאָרמע איצטער קרוב צו צוויי הונדערט מענטשן. דאָס מעג אייער זון וויסן!

ישראל לוריא האָט אויסגעהערט לעאָנאַרדס טענות. ניט אַלץ איז אים געקראָכן אין קאָפּ אַריין. די אייגענע תורה האָט ער שוין ניט איינמאָל גע־הערט פון מאיר חלפנען. ווען ניט ישראלס גערולד, וואָלט מען זיך ניט איינמאָל געריסן ביי די בערד. אָבער איצטער הערט ער די תורה פון מאירס זון. ער הערט עס פון אַ מענטשן וואָס רעדט איצטער, און זיין שטים קלינגט מיט פאַרדראָס און גאווה. ער רעדט מיט באַרימעריי און סטראַ־שונקעס.

ישראלן הייבט אָן צו פאַרקלעמען ביים האַרצן. „צוליב וואָס און ווען באַדאַרף איך אויסשטיין בזיונות, אויב די קינדער ליגן נישט אויף מיינע פּלייצעס? אפילו קריינדלען וויל איך דאָך אויך נישט, זי זאָל זיך פאַר־שמירן דאָס פּנים . . . צוליב וואָס־און־ווען די בזיונות?״

פונדעסטוועגן זוכט ישראל ווערטער ווי אַזוי אָנצוהייבן. ווי אַן על־טערער, באַווייזן אַ יינגערן, אַז אַ מענטש דאַרף וויסן וואו ער שטייט איין אויף דער ערד.

כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת — האָט ישראל אָנגעהויבן מיט אַ ביטערן שמייכל — אויף דעם אַלעמען וואָס דו האָסט מיר נאָר וואָס אויפגעקלערט, ווילט זיך מיר דיר ניט ענטפערן. ווערסטו מיך פרעגן, פאַרוואָס? וועל איך זיך נישט שעמען דיר צו זאָגן. טאַקע ווי דו זאָגסט, יידן לויפן פון ראַסיי און ווייסן נישט וואָס זיי דערוואַרטן דאָ. און ווען נישט די שעפּער און די

פינצטערע אַרבעט וואָס זיי קריגן, וואָלטן זיי טאַקע אויסגעפאַלן אין די גאַסן . . . זאָלסטו מיר מוחל זיין פאַר מיינע רייד. כ׳מיין נישט דיך, נאָר מיר קומט אויס, אַז דאָ פאַלט אויס דאָס אייגענע ווי אין צייט פון אַ מגפה, בשעת בהמות פאַלן ווי פליגן, איז יעמאָלט אַ יום־טוב פאַר די הינט, וואָס פרעסן וויפיל עס קריכט נאָר אין זיי אַריין. אַזוי איז דאָ מיט די יידן וואָס קומען אַהער. פאַלן אַוועק ווי בהמות בשעת אַ מגפה, און הינט פאַשען זיך מיט זייער פלייש און בלוט. אַז אַך־און־וויי איז צו אונדז . . .

דאָס אָפּגעזאָגט, האָט ישראל לוריא דערשפירט ווי אַ שטיין איז אים אַראָפּגעפאַלן פון האַרצן. אים האָט נאָר פאַרדראָסן וואָס זיין נתן האָט עס ניט אונטערגעהערט. כאָטש ער איז אַ סך מאָל ניט מסכים מיט זיין זון, אָבער איצטער האָט אים הנאה געטאָן וואָס ער האָט געגומען און אַריינגעזאָגט דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס איז שיער ניט געוואָרן זיין איידעם.

— אויב אַזוי, מיסטער לוריא, וועלן מיר קיין מחותנים ניט זיין. כ׳מיין, אין שאַפּ האָט איר גאָרנישט וואָס צו טאָן. ווען אפילו איר זאָלט וועלן נאָר אַרבעטן ווי אַן אָפּרייטער, איז מיר אויך שווער. עקסקיוז מי, מיסטער לוריא.

ביי לעאָנאַרדן האָט אַ ציטער געטאָן די שטימע. ישראל האָט באַמערקט ווי טרערן האָבן ביי אים אַ בלישטש געטאָן אין די אויגן.

אַ ווײַלע איז אַנגעשטאַנען אַ שטילשווייגן. די ניי־מאַשינען, די פעק אָנגעגנייטע און צוגעשניטענע העמדער אויף די טישען און אויפן דיל, האָט אויס־געוויזן, אַז זיי זיינען איצטער וואַך געוועזן, און באַלד, באַלד וועט זיך דער־הערן אַ צופרידענער געלעכטער פון די שאַטנס, וואָס די אַרבעטער האָבן דאָ איבערגעלאָזן. די שאַטנס וועלן זיך צעלאַכן צופרידן, וואָס דער באָס זיצט איצטער אַנטקעגן לוריאן אַ נידערשלאָגענער, און אָט־אָט צעוויינט ער זיך ווי אַ קליין קינד!

ישראל לוריא האָט באַגריפן, אַז לעאָנאַרדס דערשלאָגנקייט קומט ניט אינגאַנצן פון די עטלעכע בייזע ווערטער וואָס ער האָט אים נאַרוואָס אַריינגע־זאָגט. ישראל וויל מער ניט עפענען זיין מויל. ער פילט אָבער אויך, אַז איצטער אויפהייבן זיך און אַרויסגייך, פאַסט ניט. „יעדער מענטש, ווי שלעכט ער זאָל נישט זיין, האָט אַ רגע פון חרטה" — טראַכט ישראל. און מחמת ער איז דאָך געקומען צו אים אין שאַפּ, ער איז געקומען זוכן ביי חלפנען אַ טובה, דעריבער האָט ישראל געוואַרט ביז דער יונגער חלפן וועט קומען צו זיך, און אפשר אָנהייבן צוריק פון דעם עיקר ענין.

לעאָנאַרד האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים, אָנגעשטעלט אויף ישראלן אַ פּאָר אויסגעלאָשענע אויגן, אַ ווײַלע אים אָנגעקוקט, און דערנאָכדעם, ציילנדיק די ווערטער, האָט ער געזאָגט:

— כ׳ווייס, ס׳איז ניט גאָר אינגאַנצן געווען אַ משוגעת דאָס וואָס די חלפנטע און די לוריאס מוזן זיך אָבער און ווידער צונויפקומען. כאָטש וואָס ווייטער קומט עס אויס, אַז סוף כל סוף וועלן מיר ווערן שונאים. איך וויל אייך פרעגן זייער פליין, און איר זאָלט מיר ענטפערן: — וואָס האָט צו מיר אייער טאָכטער? פאַרוואָס שליידערט זי צוריק אין פּנים מיין גוטסקייט?

ישראל לוריא, אויף אַלץ האָט ער זיך געקענט ריכטן, אָבער ניט אַז לע־אָנאַרד חלפן זאָל גאָר איצטער דערמאָנען קריינדלס נאָמען. דעריבער פאַר־

דריסט ישראלן הלמאי ער האָט אַרויסגעבראַכט דעם פאַרגלייך מיט דער מגפה צווישן בהמות, און די הינט וואָס פאַשען זיך מיט די נבלות. ישראל באַטראַכט דעם האַרטנעקיקן לעאָנאַרדן, ער דערקענט ווי לעאָנאַרד איז צע־בראָכן און פאַרביטערט. „ווער ווייסט — טוט ישראל אַ טראַכט — אפשר זיין האַרטקייט שטאַמט פון פאַרביטערטקייט. ווען קריינדל איז זיין ווייב, זי, מיט איר גוט האַרץ, וואָלט זי אים אַוודאי איבערגעמאַכט, זי וואָלט אים גע־מאַכט פאַר אַ נוח לבריות . . . "

— איר ענטפערט מיר נישט, מיסטער לוריא, אויף דעם וואָס איך האָב אייך געפרעגט.

— כ׳האָב דיר פריער געזאָגט, אז איך האָב אויף מיינע קינדער קיין דעה ניט. אין ראָסיי האָט עס געקענט זיין אַנדערש. דאָרטן האָט אַ קינד קיין טריט נישט געטאָן אָן טאַטע־מאַמעס וויסן. אָבער דאָ, כ׳זע דאָך וואָס פאַר אַן איבערקערעניש ס׳איז געוואָרן. צי האָב איך מיר געקענט אויסמאָלן אפילו אין חלום, מיין ערשטע שנור זאָל גאָר שטאַמען פון ניט־יידן? אמת, זי האָט אַ יידיש האַרץ און זי האָט זיך דאָך מגייר געווען. און ווי, ווען זי באַ־שטייט אויף דעם, ער זאָל זיך שמדן? וואָס וואָלט יעמאָלט געווען, וואָלט ער געקומען און געפרעגט ביים טאַטן וואָס צו טאָן? אוודאי וויל איך, מיין איין־און־איינציקע טאָכטער זאָל ניט פאַרזעסן ווערן. אוודאי וויל איך, אויב שוין חתונה האָבן, זאָל עס זיין מיט אַ לייטישן מענטשן, און זי זאָל נישט באַ־דאַרפן חלילה לעבן אין אָרעמקייט. אין ראָסיי האָט מיך אָרעמקייט ניט גע־שראָקן. אָבער דאָ, דאָ פאַלט מיך אָן אַ פחד, אַז איך באַקלער זיך, וואו מ׳איז אויף דער וועלט.

— איר האָט מיר נאָך אַלץ ניט געענטפערט אויף דעם וואָס איך האָב אייך געפרעגט.

— אוודאי האָב איך פאַרשטאַנען וואָס דו האָסט מיך געפרעגט. א ביסל ביסטו אַליין שולדיק. דו אַליין האַלסט זיך מיט גאווה. דאַרפט אויף דיינס פאַרבויגן.

— צופיל האָב איך אויף מיינס פאַרבויגן. איר ווייסט ניט ווי ווייט כ׳האָב זיך דערנידעריקט פאַר איר. געווען אַלערליי צייטן. באַלד ווי מ׳האָט זיך באַגעגנט, האָב איך זי גאָר איינגאַנצן נישט פאַרשטאַנען. יעמאָלט האָב איך געמיינט, אַז אַ בחור, אַ געזונטער, אַ פאַרדינער, קומט צו אַ מיידל, בעט נישט קיין נדן, וויל זי נעמען ווי זי שטייט־און־גייט, דאַרף זי מיט פאַרמאַכטע אויגן לויפן דעם בחור אַנטקעגן. בין מודה, כ׳האָב זי ניט גוט געקענט.

— אפשר קענסטו זי איצטער אויך ניט.

— אָ, איצטער קען איך די לוריאס! ביליוו מי . . . כ׳קען די ברידער און קען די שוועסטער. כ׳ווייס, ס׳איז א פאַרפאַלענע זאַך. ס׳ציט זי אַהין, וואו א גאַר אַנשטענדיקער מענטש גייט ניט.

ישראל איז בלאַס געוואָרן. ער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס לעאָנאַרד מיינט מיט די לעצטע ווערטער.

לעאָנאַרד אַליין האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט נישט קלאָר אַרויס־געזאָגט וואָס ער האָט געמיינט.

— כ׳מיין ניט צו באַרעדן אייער טאָכטער. קעראַלאין איז אַ מיידל

מיט אַ שטאַרקן ווילן. פונדעסטוועגן הערט זי זיך איין צו די ווילדע רייד פון די אַנאַרכיסטלעך. ס'אי אַ געפּערלעכער וועג פאַר אַ מיידל!

— לאָמיר אפשר פון דעם ניט ריידן גאָר איינגאַנצן — האָט ישראל געווישט דעם שווייס פון שטערן — איך רעד ניט הײַנטער די אויגן וועגן מיינע קינדער. אוודאי וויל איך גאָרנישט זאָגן אויף מיין טאָכטער.

— טאָ לאָמיר פאַרגעסן וואָס מיר האָבן בכלל גערעדט. כ'האָב געמוזט אַראָפּוואַרפן אַ שטיין פון האַרצן. און איר אפשר אויך. כ'האָב געזאָגט דאָס וואָס כ'האָב ניט געדאַרפט זאָגן, און איר נעמט ניט אָן אַלץ פאַר גוט געלט. כ'בין ניט קיין גזלן. כ'פאַרגין די אַרבעטער, און מיר וועט ניט אַרן אַז איך וועל זיי קענען געבן אפילו מיט גאַנצע פינף דאָלאַר אַ וואָך מערער. כ'וועל קענען געבן, וועל איך! כ'בין ניט קיין הונט... די גרינע זיינען אין מיינע אויגן ניט קיין נבילות. נאָו סער! מיך פאַרדריסט ביז גאָר וואָס איך האָב עס פון אייך געהערט. נאָר, כ'בין מוחל. וואוהין גייט איר איצטער, איר גייט אפשר צו זיך אַהיים? כ'וועל מיטגיין. כ'וויל, אייער טאָכטער זאָל הערן פון וואָס מיר האָבן צו רעדן.

אויף ישראלן האָבן די לעצטע רייד געמאַכט גאָר אַ פאַרקערטן רושם. קריינדל איז ביי ישראלן געווען ווי אַן אויג אין קאָפּ. ער האָט געהאַלטן פון איר שכל און פון איר גוט הארץ. ווען ער האָט אין דער שטיל אַמאָל פאַר־גאָסן טרערן אויף דעם חורבן וואָס איז אָנגעשטאַנען אין זיין לעבן, האָט ער ניט נאָר באַקלאָגט ריוועשעס טויט, נאָר אויך קריינדלס מזל, וואָס איר איז אויסגעפאַלן צו ווערן אַ מאַמע און האָדעווען אַ יתומהלע, וואָס ריוועשע האָט אים איבערגעלאָזן. וויפיל ישראל לוריא זאָל ניט באַגערן, זיין בת־יחידה זאָל אויפגעריכט ווערן, וואָלט ער אָבער ניט געוואָלט, זיין קינד זאָל חתונה האָבן מיט א מאַן וואָס זי האָט ניט ליב. „יאָ, דעם אַ מענטשן, הפּנים, האָט זי ניט ליב. אפשר ווייס זי וואָס זי טוט".

— כ'קלער, מיין טאָכטער איז איצטער גאָר ניטאָ אין שטוב, — האָט ישראל געזאָגט, און געפּילט, ווי לעאָנאַרד איז אים חושד, אַז ער וויל אים ניט צונויפברענגען מיט זיין טאָכטער.

— טאָ זאָגט זשע מיר, וואָס וואָלט איר געקענט טאָן אין מיין שאַפּ, און ניט קאַליע מאַכן די אַרבעטער, כאַ־כאַ־כאַ? — האָט לעאָנאַרד אומגעריכט אַ פרעג געטאָן.

— ס'קען זיין, איך מאַך זיי קאַליע; און ס'קען אויך זיין, אַז מירביידע זיינען אומגערעכט. הפּנים מיר וועט אויסקומען צו טאָן וואָס איך האָב שוין פון אַפריער באַטראַכט. כ'וועל זאָגן מיין טאָכטער, אַז דו ווילסט זי קומען זען. אַ גוטע נאַכט.

מיט אַ געבויגענעם קאָפּ איז ישראל לוריא אַרויסגעגאַנגען פון שאַפּ. מיט אונטערגעבראָכענע פיס האָט זיך ישראל געשלעפּט מיט דער הייסער גאַס צו זיך אַהיים, געטראַכט וואָס ער וועט קריינדלען דערציילן.

* * *

אין דער אייגענער צייט איז פאַלק בירשטיין געזעסן אַנטקעגן קריינדלען, און איר פאַרגעלייענט פון וואָכנבלאַט „דער פאָלקס מליץ־יושר" געדאַנקען וועגן קאַמף מיט רעליגיע:

„... מיר פאַרערן די מיינונג פון יעדער רעליגיאָן זאָלאַנג זי לעשט ניט אויס די לאָמפּע פון וויסנשאַפט און פּראָגרעס; אונד מיר רעספּעקטירן די רעליגיעזע פּרינציפּן פון יעדן מענטשן, כאָטש די פּרינציפּן שטייען אויף אַ פאַלשן פונדאַמענט. אָבער צו גלייכן צייט באַטראַכטן מיר רעליגיאָן ווי אַ ווילדע חיה טמאה, ווען זי פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פּרינצעסין פון פינסטערקייט און פאַנאַטיזמוס...״

ער האָט אויפגעהערט לייענען, און געוואַרט וואָס קריינדל וועט אים אויף דעם זאָגן.

— וואָס איז אַזוינס אַ ווילדע חיה טמא? — האָט קריינדל אַ פרעג געטאָן.

— כאַ־כאַ־כאַ, א ווילדע חיה טמאה איז, לאָמיר זאָגן, א ווילד חזיר. קריינדל האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן.

— וואָס, דיר געפעלט נישט דער פאַרגלייך? ווער ס'איז דרייסט, און האָט דעם מוט, ער מעג עס זאָגן. יידן זיינען אַנטלאָפן פון דער פינצטערער און פאַנאַטישער רוסלאַנד, און האָבן די פינצטערניש און דעם פאַנאַטיזם אַהער אַריבערגעבראַכט.

פאַלק האָט באַמערקט, אַז אויף קריינדלען האָט זיין דערקלערונג דעם פאַרלאַנגטן איינדרוק ניט געמאַכט. ס'האָט אים פאַרדראָסן הלמאי ער האָט עס גאָר אָנגעהויבן.

געוואָן שפּעט אין אָוונט. דאָס קינד איז שוין געשלאָפן אין צווייטן חדר. קריינדל האָט אַביסל אָפּגעאָטעמט פרייער, כאָטש פאַלק בירשטיין, וואָס האָט אָנגעהויבן ווידער ארויפצוקומען, איז ניט געווען קיין אָנגעלייגטער גאַסט. דער שמועס האָט זיך אָנגעהויבן צוליב דעם וואָס די יידישע אַנאַרכיסטן האָבן געגרייט אַ באַל צו כל־נדרי, און מ'האָט זיך געריכט, אַז דאָס וועט פירן צו געשלעגן.

— הייסט עס, גלייבסט אויך נישט אין גאָט. איצטער פאַרשטיי איך פאַרוואָס מ'טאָר קיין אַנאַרכיסט נישט געטרויען.

— די איינציקע מענטשן וואָס מ'מעג אָנגעטרויען.

— אפשר אַ גמילת־חסד מעג מען זיי געטרויען. אָבער אַ פרוי קען איר ליבע זיי ניט אָנטרויען. כ'האַלט ניט פון ליבע אויף באָרג.

דערביי איז קריינדל רויט געוואָרן. זי האָט אַ בליק געטאָן פונדערזייט, וואָס פאַר אַן איינדרוק אירע ווערטער האָבן געמאַכט אויף פאַלקן. ער איז אויך רויט געוואָרן. זיין פּנים האָט אויסגעזען נאַריש אין אירע אויגן.

— הער, קעראַלאַין, — האָט פאַלק גענומען איר האַנט — ליבע האָט פיינט פּראַקטישע מיידלעך. דו רעדסט נישט מיט דער שפּראַך פון ליבע.

— ליבע האָט אפשר גאַרנישט קיין לשון. ליבע רעדט מיטן האַרצן. דאָרטן וואו דער מענטש האָט זיין גאָט, רעדט עס אויך אַרויס פון האַרצן. איך האָב קיינעם נישט ליב, דעריבער רעד איך.

— וואָס הייסט ביי דיר ליבע, קעראַלאַין? דערקלער עס מיר.

— כ'קען עס דיר ניט פאַרטייטשן.

— ביסט קלוג געגוג.

— אויסשלאָפן זיך קען אַ מיידל מיט אַבי־וואָס פאַר אַ מאַן. אָבער ליב האָבן אַ גאַנץ לעבן, קען מען נישט אַבי וועמען.

— ס'איז די פּסיכאָלאָגיע פון א פּראַקטישער בורזשואַזנער מיידל, וואָס וויל זיך באַזאָרגן מיט ליבע אויף אַ לעבנלאַנג. ליבע איז לעבן. לעבן איז אין יעדער רגע וואָס אַ מענטש פילט דאָס לעבן. אַ פּרוי אין די אָרעמס פון אַ מאַן, איז אין די אָרעמס פון לעבן. וואָס שפּעטער וועט זיין, טראַכט ניט אַן אמתער אַנאַרכיסט. ווי דו טראַכסט, געהער עס צו דער פינצטערניש מיט וועלכער די רעליגיאָן האָט פאַרשלייערט די פרוי.

— האָסט מיך ליב? — האָט קריינדל אַ פרעג געטאָן.

— כ'האָב אויף דעם נישט קיין ענטפער — האָט פאַלק זיך אָפּגערופן אַ באַליידיקטער.

— איך האָב ליב אַן אין איינציקן אַנאַרכיסט, אַלעקסאַנדערן.

— אָבער מיט אים וועסטו ניט חתונה האָבן.

— מיינסט אוודאי דערפאַר וואָס ער איז אַ האָרבאַטער?

פאַלק האָט אויף דעם ניט געענטפערט.

— אַ מאַן, וואָס קען רעליגיע פאַרגלייכן צו אַ ווילדן חזיר, ער קען ניט ליב האָבן. פאַר אַזאַ מאַן האָב איך מורא. אין גאָט גלייב איך אפשר אויך ניט, אָבער אין ליבע גלייב איך.

פאַלק האָט זי אַרומגעכאַפּט, זיך איינגעגעסן מיט די ליפּן אין איר האַלדז.

קריינדל האָט זיך ניט געווערט. ווען ער האָט זי אָפּגעלאָזן, האָט זי באַהאַלטן דאָס פנים אויפן אָרעם, און איר קערפּער האָט אַ פּאָר מאָל אַ צוק געטאָן פון שטילן געוויין.

פאַלק בירשטיין האָט געוואַרט ביז זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט זי מער ניט אַנגערירט. אין צווייטן צימער האָט זיך אַ רודער געטאָן דאָס קינד. קריינדל האָט אַ ווײַלע אַנגעשפּיצט די אויערן, דערנאָכדעם איז זי אויפגעשטאַנען, און ניט וואַרפנדיק קיין בליק אויף בירשטיינס זייט, איז זי אַוועק אין צווייטן צימער.

* * *

קריינדל איז געווען צופרידן וואָס זי האָט געקראָגן אַ געלעגנהייט צו בלייבן אַליין, איבערלופטערן פאַר זיך בירשטיינס רייד, און זיין פלוצלונגן אַרויפפאַלן אויף איר האַלדז.

— וואָס וויל ער פון מיר? — האָבן אירע ליפּן שטיל געשעפּטשעט בשעת זי איז געשטאַנען פאַרן בעטל פון קינד, וואָס איז ווידער איינגעשלאָפן.

זי האָט אַנגערירט ס'אָרט אויפן האַלדז וואו ער האָט זיך איינגעזויגן מיט די ליפּן. דאָס פלאַץ איז געווען פייכט. ס'האָט איר אָפּגעטרייסלט. איר האָט פאַרדראָסן וואָס ער האָט זי געזען אין טרערן. זי האָט ניט געהאַט קיין חשק אַרויסצוגיין צו אים מער. איר איז בכלל געווען אַ חידוש וואָס פאַר דער לעצטער וואָך האָט ער זיך צוויי מאָל באַוויזן. נאָך מער חידוש, וואָס בירשטיין האָט אַנגעהויבן אַריינצוקומען?

קריינדל האָט אַנגעהויבן זוכן אַן אויסוועג ווי אַזוי צו באַפרייען זיך פון גאַסט. צום בעסטן, ווען אימעצער קומט אריין, זי זאָל מיט אים ניט דאַרפן בלייבן אַליין.

פאַלק האָט זיך באַוויזן אין טיר פון צווייטן צימער

— וואָס ביסטו פון מיר אַנטלאָפן, קרעלאַין? — האָט ער שטיל געפרעגט.

קריינדל האָט באַמערקט זיין בלאַס פּנים. זיין שטים האָט געציטערט. זי האָט אים ניט געענטפערט.

— קעראַלאַין, כ'וויל אַוועקגיין.

קריינדל האָט ניט געענטפערט. זי האָט געפילט, אַז ער איז אַ צוגעשמידטער צום אָרט, ער וועט ניט אַוועקגיין. כאָטש זי האָט פאַר אים קיין מורא ניט, פונדעסטוועגן האָט איר ס'האַרץ אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן.

— קעראַלאַין, קען איך אַריינגיין? כ'וויל זען דאָס קינד — האָט פאַלקס שטים הייזעריקלעך געציטערט.

און ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, איז פאַלק אַריין שטיל אויף די שפּיץ פינגער, און אָנשטאָט צום קינדערשן בעטעלע, האָט ער אַרומגעכאַפּט קריינדלען און איז מיט איר אַוועקגעפאַלן אויפן בעט קעגנאיבער.

— וואָס ווילסטו טאָן מיט מיר?! — האָט קריינדל שטיל געפרעגט, ניט אויפצואוועקן דאָס קינד.

— כ'האָב ליב, קעראַלאַין! — האָט פאַלק געציטערט מיטן גאַנצן גוף.

— אויב דו האָסט מיך ליב, בעט איך דיך, לאָז מיך אָפּ און גיי אַרויס פון דאַנען!

— קעראַלאַין, טרייב מיך נישט אַרויס.

ער האָט אַ פּאָר מאָל געפּרוּווט פאַרדרייען אירע הענט אויף אַהינטער, אָבער זי האָט זיי צוריק באַפרייט.

— קעראַלאַין . . . מיר זיינען פרייע מענטשן. ווי דו לעבסט, איז טויט, קעראַלאַין!

זי האָט געהערט זיינע ווערטער, אָבער ס'איז איצטער ניט געווען קיין צייט מיט אים זיך אויסצוטענהן. נאָריש האָט איר געקלונגען זיין שטים, און פאַרדומפּן זיין אָטעם. זי האָט זיך געוואָלט פון אים באַפרייען, אָבער ער איז געווען שטאַרקער פון איר. אַ רגע האָט אויסגעוויזן, ער וועט זי איינברעכן, זי וועט אונטער זיין שטאַרקער ברוסט זיך אונטערגעבן.

— נישט רעליגיע איז אַ ווילדער חזיר; דו ביסט אַ ווילדער חזיר! — האָט זי אים אַ שיפּע געטאָן אין פּנים אַריין, און ווי אַן אַנגעצויגענער בויגן ווען מ'לאָזט אים פריי, אַזוי האָבן אירע פאַרבאָרגענע כוחות אויפגעברויזט. זי האָט זיך מיט אים אינאיינעם אויסגעגלייכט, אים אָפּגעשניטן פון זיך, און אַריין אין ליכטיקן צימער. זי האָט אויף שנעל געבראַכט אין אָרדענונג אירע צעפּאַטלטע האָר, אויסגעגלעטיקט אויף זיך דאָס קלײדל און אַרויפגעצויגן העכער די זאָקן, ווי זי וואָלט זיך געאיילט אַרויסצוגיין דרויסן.

אָבער אין דער אייגענער צייט איז פאַלק בירשטיין אַרויסגעקומען פון טונקעלן צימער, אַ בלאַסער, מיט אַן אויסגעצויגענעם פּנים, גלעטנדיק זיינע האָר, איז ער געבליבן שטיין מיט דער פּלייצע צו דער דרויסנטיר, און מיט אַ דערשלאָגענער שטים האָט ער זיך געווענדט צו קריינדלען:

— פאַרגיב מיר, קעראַלאַין. כ'האָב געמאַכט אַ מיסטייק. כ'האָב זיך שלעכט אויפגעפירט. יעדערער דאַרף וויסן זיין אָרט. ווער עס באַגרייפט נישט דעם זינען פון הייליקער פרייהייט, דער געהער ניט צו אונדז. כ'האָב געמאַכט אַ מיסטייק, קעראַלאַין.

קריינדל האָט אים פון איר פּלאַץ באַטראַכט פון קאָפּ ביז צו די פיס. אירע בליקן זיינען געפאַלן אויף זיינע הענט וואָס זיינען אַראָפּגעהאַנגען. לאַנ-

גע בלאָסע הענט. איר האָט זיך ניט געגלייבט, אַז די אייגענע הענט האָבן זי אָט ערשט ניט לאַנג אַרומגעכאַפּט, און געוואָלט זיך דערקלייבן צו איר לייב.

— כ'בין אויף דיר נישט אין כעס, בירשטיין. כ'ווייס, ווילסט איצטער אַוועקגיין, און קיינמאָל מער נישט אַריינקומען צו מיר. זאָג איך דיר, איצטער געדענק איך גאָרנישט.

— נייך, קעראַלאַין, ביסט ניט קיין נאַר. דאַרפסט אַזוי ניט רעדן. כ'וויל זאָלסט מיך אַרויסלאָזן פון שטוב.

— איך האַלט דיך ניט ביים האַנט.

— יאָ, ס'איז אמת.

פאַלק האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו דער טיר, אָבער אין דער אייגענער צייט האָט זיך די טיר געעפנט, און ישראל לוריא, אַן אויפגעלייגטער, מיט אַ פאַרב אין די באַקן, איז אַריינגעקומען. קענטיק, ער איז צופרידן גע־ווען וואָס ער האָט געטראָפן אויסער קריינדלען נאָך אַ מענטשן אין שטוב.

— כ'וויל טאַקע מיט דיר עפּעס רעדן — האָט ישראל פאַלקן פאַר־שטעלט דעם וועג — וואָס אײַלסטו זיך אַוועקצוגיין.

— כ'בין שוין דאָ צו לאַנג געזעסן.

— זאָג מיר, איז טאַקע אמת, אַז די משומדים וועלן פאַרשטערן די ימים נוראים ?

— ניט ביי מיר דאַרפט איר פרעגן.

— כ'פרעג עס דיך, מחמת דו דאַרפסט עס וויסן.

— וואָס איז דער חילוק ? פריער, אָדער שפּעטער. סיי־ווי הערן דאָ יידן אויף צו גלייבן אין גאָט. אַ סך אַרבעטן אום שבת, רויכערן פּאַפּיראָסן אום שבת, האָבן אָפּגעגאָלט די בערד, ווייבער וואַרפן אַראָפּ די שייטלעך. פאַרוואָס טאָר מען זיך פון דעם אַלעמען ניט אויסלאַכן ? אַ גוטע נאַכט, קעראַלאַין. אַ גוטע נאַכט, מיסטער לוריא !

פאַלק בירשטיין איז מיט באַזאַכטע טריט אַרויס פון שטוב.

— וואָס ביסטו, קריינדל, אַזוי אומעטיק ? כ'ווייס, אַז איך טו אַן אומרעכט וואָס איך האָב גענומען און דיך געמאַכט פאַר אַ ניאַנקע.

ישראל איז צוגעגאַנגען נענטער צו קריינדלען און געגלעט איר קאָפּ.

— זאָל עס דיר ניט אַרן, טאַטע.

— סטייטש, דו זאָלסט עס זאָגן ! אוודאי אַרט עס מיך גאָר אַ סך. גאָר־ניט פון דעם וויל איך מיט דיר רעדן. כ'האָב זיך דורכגערעדט מיט יידן וואָס זיינען געקומען פון ראַסיי. ווי איך דערקען אַן זיי, איז דאָרטן גאָרניט אַזוי שפּלדיק. כ'וויל דיר זאָגן אויב דו וואָלסט מסכים געווען . . .

— וואָס מיינסטו — האָט קריינדל אָנגעשטעלט אויפן פאָטער אירע אויגן.

— פשוט און פּראָסט, פאַרנעמען דעם העקל מיטן פּעקל, און פאָרן צוריק. איך וועל נאָך ראַסיי דערקענען. מענטשן וועלן מיך אויך דערקענען.

— פאַרוואָס אַזוי פּלוצלינג ?

— אוודאי וועל איך עס ניט טאָן אַליין. די קינדער זאָלן זיך דאָ בלייבן. אָבער פאַר דיר איז דאָ ניט קיין תכלית. אַז כ'וועל אַלץ צונויפנעמען, וואָלט פאַר דיר זיך אָנגעקליבן אַ שטיקל נדן אויך.

קריינדלען איז א בייסעניש באַפאַלן דאָס פּנים. „איז צוליב דעם גאָר קוקט ער אויס אַזוי מונטער... — האָט קריינדל א טראַכט געטאָן — און ווי, ווען ער דערוואוסט זיך וואָס דער באַלוואַן האָט נאַרוואָס געוואָלט פון מיר?"

— אויב דו קלערסט פאָרן צוריק, פרעג איך דיך ניט פאַרוואָס. אפשר איז פאַר דיר דאָרט מער תכלית. אָבער איך... פאַר דיר מיינען די יאָרן דאָ אין לאַנד גאָרניט. ביסט נאָך אַ יונגערמאַן; אָבער איך, כ'בין שוין אַן עלטער מיידל.

— וואָס רעדסטו, נאַרישע מויד? רעדסט עפּעס גאָרניט צו דער זאַך. מיט וועמען דען קען איך זיך האַלטן אַן עצה, מיט די קינדער? זיי זיינען מיר ווי פאַרפרעמדט געוואָרן. זעסט דאָך, וועמען ס'איז דאָ גוט אַוועק־געגאַנגען, און מיט מיר גייט עס באַרג־אַראָפּ. ס'כאַפּט מיר אָן אַ פחד, ווען כ'טראַכט וואָס דאָ איז פון יידן געוואָרן. זאָל איך מיר גאָר קענען אויסמאָלן, אַז ערב יום כיפּור וועלן די צולהכעיסניקעס שפּייען אויף אַלץ מיט אַן אַנדער. כ'הער, אַז שלמה גייט אויך מיט זיי. זאָל איך עס בעסער ניט דער־לעבן צו זען. וואָס איז מיט דיר, קריינדל, פאַרוואָס ענטפערסטו מיר ניט? איז עפּעס מיטן קינד חלילה?

ישׂראל איז אַריין אין צווייטן צימער אַ קוק טאָן צום קינד.

קריינדל איז געזעסן מיט די אויגן פאַרטראָגן. זי האָט יאָ געהערט און ניט געהערט וואָס ישׂראל האָט גערעדט. אירע געדאַנקען זיינען געווען מיט פאַלקן, מיט דעם באַשיידענעם און געלאַסענעם מענטשן, וואָס האָט אַזוי אָפּט צו איר גערעדט פון אַ פרייער געזעלשאַפט, פון אַ צוקונפט, ווען אַלע מענטשן וועלן זיין פריי צו טאָן וואָס זיי ווילן.

— איך בין אַ פּראַקטישע, אַ בורזשואַזנע מיידל, האָט ער מיר אויפ־געוואָרפן. איז טאַקע ליבע אַן אויסגעטראַכטע זאַך? דאַרפן טאַקע בחור און מיידל אָט אַזוי זיך באַגעגענען, אַזוי זיך פאַנאַנדערגיין?

ווען קריינדל וואָלט איצטער געקענט נעמען פּשוט און פּראָסט און דערציילן דעם פאָטער וואָס אַ יונגערמאַן האָט מיט אַ ווילע צוריק פון איר געוואָלט, און ווי זי האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן, אים נאָך אָנגערופן ווילדער חזיר דערצו, וואָס וואָלט איר טאַטע, ישׂראל לוריא, געזאָגט אויף דעם? „אים איז דאָ שלעכט וואָס מ'האָט אויפגעהערט זיין פרום; און איך, צוליב וואָס זאָל איך אַנטלויפן פון אַמעריקע צוריק קיין רוסלאַנד, כדי כ'זאָל פאַר אַביסל נדן קריגן אַ חתן. אַז כ'וועל אים געבן נדן, וועט ער מעגן מיט מיר שלאָפן; און אַז אַ בחור קומט אָט אַזוי, גאָר אָן נדן, ווי פאַלק בירשטיין האָט נאָר וואָס..."

איר גאַנץ לייב האָט אויפגעשוידערט. זי האָט מורא צו טראַכטן פון דעם. זי קען אָבער אויך ניט שמועסן מיטן פאָטער וועגן אַוועקפאָרן פון אַמעריקע צוריק קיין רוסלאַנד. זי שפּירט, ווי דער געדאַנק איז איר שטומפּיק געוואָרן, ממש זי הערט ניט וואָס דער פאָטער רעדט צו איר.

ישׂראל לוריא איז צוריק אַריינגעקומען. קענטיק געווען אָן זיינע אַנגע־צונדענע אויגן, אַז ער האָט דאָרטן אין דער פינצטער לעבן קינדס בעטל אין דער שטיל געוויינט.

— קום צו מיר, טאַטע, זעץ דיך אַזוי אויפן בעט, כ'וועל זיך לייגן און אָנשפּאַרן אויף דיר דעם קאָפּ. דער קאָפּ טוט מיר אַ ביסל ווי... אָט, גוט

אזוי . . . דערצייל מיר, פאַרוואָס האָסטו פּלוצלונג גענומען קלערן וועגן פאָרן צוריק? ווי וועסטו דאָרטן לעבן איינער אַליין?

— האָסט מסתמא פאַרהערט. כ'האָב געקלערט, אַז דו וועסט מיט מיר מיטפאָרן. דאָס קינד וועלן מיר פאַרנעמען.

— און די אַלע קינדער וועסטו דאָ איבערלאָזן?

— ווי זיי וועט געפעלן. דניאל האָט חתונה געהאַט, ער וועט שוין דאָ בלייבן. נתן איז אַוודאי אַן אַמעריקאַנער. שלמה און הילל — ווער ווייסט זיי... זכריה לערנט זיך געשמאַק.

ישראל איז שטיל געבליבן. ער האָט געהערט קריינדלס רייד, און אים איז טרויעריק געוואָרן.

— יידן האָבן אהער ניט געטאָרט זיך לאָזן — האָט ער גערעדט ווי צו זיך אַליין — מ'לויפט פון פייער, און מ'פאַלט אין טיפן וואַסער אַריין. אויב דאָס קען ווערן פון קינדער, גאָטס לעסטערער! מיט דניאלן האָט עס אָפּגעגליקט, זי האָט זיך מגייר געווען. און ווי וואָלט געווען ווען זי איז זיך ניט מגייר? און וואָס וועט זיין, אויב די שוועסטער אירע, די שיקסע, וועט נעמען און פאַרדרייען זכריהן דעם קאָפּ, און ער גאָר וועט זיך שמדן? האָב איך עס געדאַרפט דערלעבן? האָב איך ניט געדאַרפט נעמען און נאָכטאָן דער מאַמען?

קריינדל האָט זיך אויפגעזעצט, באַטראַכט אַ ווײַלע דעם פאָטער. זי מיטן פאָטער — צוויי יתומים פאַרלוירענע, וואָס האָבן דעם וועג אָנגעוואָרן!

— כ'וויל ניט, טאַטע, זאָלסט אַזוי קלערן. ניט אַלץ וואָס מיט יידן אין רוסלאַנד איז גוט געווען. דעם יידן איז דאָ פאָרט בעסער ווי דאָרטן.

— וואָלטן יידן אזוי געפּראַצעוועט דאָרטן, ווי זיי טוען עס דאָ, וואָלטן יידן דאָרטן אויך אַנדערש אויסגעזען. וואָס האָבן דאָ יידן פון דער פּראַצע?

— אימעצער וועט יאָ עפּעס האָבן.

ישראל האָט אָפּגעזיפצט. ער האָט אַריינגעקוקט קריינדלען נאָענט אין די אויגן אַריין.

— כ'לאָז דיך ניט לעבן. ביסט יונג, ווילסט זיך אַרויסדרייסן. פונדעסטוועגן, ווען דו פאָלגסט מיך, טו אַ מאַך מיט דער האַנט אויף די אַ בחורים־לעך, אַט־אָ די מיסטערלעך. זע, זאָלסט קומען צו אַ תכלית. ווען איך זע דיך אַ חתונה געהאַטע, וואָלט איך רואיק געקענט נעמען און אַוועקפאָרן. ווען האָסטו אים צום לעצטן מאָל געזען.

— וועמען מיינסטו?

— כ'מיין חלפנס זון.

— איך געדענק אַליין ניט.

— אפשר איז ער דיין זיווג. באַקלער זיך, טאַכטער מיינע.

— מיינסט עס טאַקע?

— יאָ, מיין טאָכטער. האָב שוין לאַנג געקלערט דיר זאָגן. ער איז דער איינציקער פון די אַלע וואָס איך קען, וואָס וועט אויסוואַקסן אַן עושר. ער וואַקסט פון יאָר צו יאָר.

— אויב איך זאָל וויסן, אַז דיר וועט גוט ווערן, וואָלט איך מיט אים חתונה געהאַט.

— וואָס הייסט, מיר וועט גוט ווערן?

— ער וועט דיר אַרויסהעלפן מיטן שאַפּ, מיט געלט, דאָס מיין איך.

ישראל איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, האָט אָנגעקוקט מיט חידוש קריינדלען.

— וואָס, כ׳האָב געזאָגט אַ נאַרישקייט?

— צי דו קלערסט, כ׳זאָל נעמען און דיך פאַרקויפן?!

— האָסט דאָך אַליין געזאָגט, איך זאָל מיט אים חתונה האָבן. נאָך אימע־צער האָט עס מיר געהייסן טאָן.

— זינדיקסט, מיין טאָכטער!

— איך זינדיק ניט. אדרבה, כ׳וויל . . .

— כ׳וויל עס פון דיר מער ניט הערן.

— אָבער קריינדל האָט אַליין צום ערשטן מאָל זיך צוגעהערט צו אירע אייגענע רייד. נאָכדעם וואָס איז געשען אין צווייטן צימער מיט פאַלקן, איז לעאָנאַרד חלפן אַרויסגעשוואומען פאַרן רעיון. דער פאָטער האָט דערמאָנט זיין נאָמען פונקט אין דער צייט, ווען זי האָט באַגערט אימעצער זאָל זיין נאָמען דערמאָנען.

אין דער אייגענער צייט האָט קריינדל געשפּירט, ווי די עלטער וואָלט זיך איבער איר אַראָפּגעלאָזן און לעשט ביי איר אויס יעדן שפּור פון לעבן.

— לאָמיר, טאַטע, פון דעם איצטער ניט רעדן. ווי איך וויל, דו זאָלסט וועגן דיין פאַרן צוריק קיין ראַסיי איצטער ניט רעדן. וועסט דאָך זיין אין שטוב, איך וועל זיך אַביסל אַריבערכאַפּן צו דניאלן.

קריינדל איז אַרויס דרויסן. זי האָט געשלונגען די לופט מיט דעם געפיל, ווי זי וואָלט איצטער געלאָפן פון אַ פאַרשפּאַרטער תפיסה וואו זי איז שיער ניט דערשטיקט געוואָרן.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

— די פּעדים, וואָס בינדן אונדז מיט ראַסיי זיינען, דוכט מיר, נאָך שטאַרקער ווי געווען, כאָטש גאָט ווייסט, צי מ׳וועט זיך אַהין ווען ס׳איז אַמאָל ווידער דערקלייבן און אָנקלאַפּן אין אַ היימישער טיר. ס׳איז אַלץ דערפאַר וואָס ניט אַזוי גיך קען מען פאַרבייטן היים אויף היים. ערשט איצטער באַנעם איך, אַז דאָרטן האָבן מיר איבערגעלאָזן ס׳גאַנצע ביסל יידן. דאַרומעך, בשעת מ׳כאַפּט דעם אָטעם נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט, איז דאָ אומעטיק. ווען אַ יום טוב דערגענטערט זיך, און מ׳ווייסט ניט ווי אַזוי דעם יום טוב צו באַשיינען מיט אמתער שמחה, ווי דאָס איז געווען אין פינצטערן ראַסיי . . .

אַזוי האָט פאַמעלעך ישראל לוריא געזיפצט די ווערטער, און באַטראַכט זיין גרוי געוואָרענע שוואַרצע באָרד. ער האָט געציילט די ווערטער, געוואָלט, זיינע רייד זאָלן אַריינדרינגען די געסט און אייגענע קינדער אין האַרצן אַריין.

ס׳איז געווען אַ זומערדיקער שבת פאַרנאַכט ביי לוריאן אין פאָדערשטן צימער, וואו לכבוד דער משפחה חפץ איז תחילת די גאַנצע לוריא משפחה געווען פאַרזאַמלט. נאָר איצטער זיינען אויסער ישראלן נאָך געזעסן אַרום טיש קריינדל, נתן און זכריה. די משפחה חפץ, צוויי זין און איין טאָכטער, ווייטע קרובים פון לוריאס צד, איז מיט אַ וואָך צייט צוריק אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע, און אַלע האָבן שוין געאַרבעט אין פאַרשיידענע שעפּער. אין די היימען פון די לוריאס האָט מען זיך דערוויַיל אויפגעהאַלטן ביז־ווען, ביז־וואָס. ס׳אי געווען דער ערשטער שבת וואָס מ׳האָט זיך אַלע אינאיינעם צונויפגע־גומען, איינס דאָס אַנדערע אויפסניי גוט אָנקוקן, נאָך אַמאָל, און ווידער אַמאָל אַרומרעדן דעם תכלית אין נייעם לאַנד.

ירחמיאל חפץ, דער פאָטער, אַ ייד אין די פופציקער, האָט געהאַט אַ שטאַרקע ענלעכקייט צו לוריאן. אויך ער, אין אַ שכנותער שטאָט, האָט גע־האַנדלט מיט אייזן און תבואה, און געווען אַ קבצן אַ ייד. אויך ער איז גע־בליבן אַן אלמן מיט אַ יאָר צוריק. מחמת דעם אפשר האָט עס אים געריסן צו לאָזן זיך קיין אַמעריקע. ער האָט איצטער זיך איינגעהערט צו ישראלס רייד און געקוקט אויף די לוריא־קינדער, געוואָלט אין זייערע אויגן ארויט־לייענען דעם אומעט פון וועלכן ישראל לוריא האָט נאָר וואָס גערעדט.

ירחמיאל חפץ האָט גלעטנדיק די באָרד מיט ישוב הדעת גערעדט:

— איך קלער, אַ וואָס מער יידן ס׳קומען אַהער, דאַרפט איר זיך דאָ פילן בעסער און שטאַרקער. דאָ וועט מן הסתם דאַרפן ווערן אַ יידישע היים. צום סוף גאָר זע איך, אַז באַנ׳אייך איז דער היפּוך. וואָס מער יידן ס׳קומען אַהער, ווערט עס אַלץ אומעטיקער אויפן האַרצן. מסתמא טאַקע דערפאַר וואָס מ׳זעט ניט קיין האָפענונג ווען ס׳איז צו זאָגן: השיבנו באַזאַד.

די צוויי חפץ־זין, ביידע אין פאָטער געראָטן, זלמן און נפתלי, זיינען געזעסן מיט פאַרטרערטע אויגן. זיי האָבן אינדערהיים איבערגעלאָזן ווייבער

און קינדער. זייערע מחשבות זיינען געווען אין די געפלען איבער דעם גרויסן ים, וואָס טיילט אָפּ די אַלטע היים פון אַמעריקע. זיי האָבן יאָ געהערט, און ניט געהערט די רייד פון דעם „דערפאַרענעם" ישראל לוריא. די טאָכטער, דינה חפץ, איר איז די נייע היים גריילעך געפעלן געוואָרן פון ערשטן טאָג אָן. ביי דער צוויי און צוואַנציק יעריקער דינהן זיינען אָנעקוואָלן קלאָרע ווערטער, זי האָט געזוכט אַ געלעגנהייט אַרויסצואָגן וואָס זי טראַכט.

— אויב מ'האָט געפילט, אַז מען וועט זיך ניט קענען אָפּרייסן גאָר אינגאַנצן פון ראַסיי, האָט מען זיך גאָר אינגאַנצן ניט געדאַרפט לאָזן אין וועג אַריין. נאָר, כאָטש איך בין דאָ אין לאַנד ניט מער ווי איין וואָך, פונדעסטוועגן קען איך זאָגן, איך פיל מיך דאָ ווי ביי זיך אין לאַנד.

— ווי אין ראַסיי? — האָט זכריה אַ פרעג געטאָן.

— הלוואי פאַרגעס איך ראַסיי וואָס פריער.

— שוין אַזוי היימיש מיט אַמאָל, מיין טאָכטער? — האָט ירחמיאל חפץ ברייט געשמייכלט.

— יאָ, טאַטע. דאָ שפּיר איך מיך ווי אין אַן אייגן לאַנד.

זכריה האָט אַ פאַרטאָיעטן לאַך געטאָן און איז איבערגעגאַנגען נעענטער צו קריינדלען, וואָס איז געזעסן זייט־ביי־זייט מיט דינהן.

דינה און קריינדל האָבן איינס דאָס אַנדערע פאַר דער צייט דערקענט. דינה איז צייטווייליק איינגעשטאַנען ביי די לוריאס. זי איז געשלאָפן מיט קריינדלען אין איין בעט. פוןביידן האָט געשמעקט מיט טאַבאַק־ריח, מחמת קריינדל, וואָס האָט ווידער געאַרבעט ביי ציגאַרן, האָט צוגערעדט דינהן צו לערנען זיך די אייגענע אַרבעט וואו מ'קען פאַרדינען אביסל מער.

קריינדלען האָט ניט געחידושט וואָס דינה האָט אין אַזאַ קורצער צייט דערשפּירט אין ניויאָרק „אַן אייגן לאַנד". וואָרום וואָס איז לאַנד אָן דעם נאָענטן מענטשן? איז דען ניו־יאָרק ניט ענג געוואָרן פאַר ישראל לוריאן, מחמת דאָס נאָענטע און טייערע איז פאַר אים אויף אייביק אוועק פון דער וועלט?... אין בעט נאָך דער אַרבעט, איידער מ'איז איינגעשלאָפן, האָט קריינדל ליב געהאַט צו הערן ווי די „גרינע" דינה רעדט ווי אַן אויסגע־פּרוּווטע. ניט זי באַקלאָגט זיך אויף דעם וואָס זי האָט גלייך געמוזט אוועק־גיין אַרבעטן, ניט זי באַדויערט וואָס קריינדל איז איינגעשפּאַנט אין אַזאַ שווערן יאָך. דינה באַדויערט אפילו ניט, וואָס די שוויץ־שעפּער האָבן איינ־געשלונגען דעם גרעסטן צאָל גרינע און נאָגן ביי זיי דאָס חיות אויס. קריינדל ברענגט אין איר געדאַנק צונויף די שוואַרץ־חנעוודיקע, מיט די שווערלעך רונדע גלידער, דינה — מיט איר ברודער נר'תנען. צוליב דינהן קומט כמעט יעדן טאָג נתן אַריין אין אָוונט. נתן איז פריער זייער זעלטן געקומען צום פאָטער אין שטוב אַריין. קריינדל קען ניט אויסחשבונען, ווען דינה טרעפט זיך אויג אויף אויג מיט נתנען. אָבער דינה און נתן האָבן כמעט איין קוק אויפן לעבן, און דאָס וואָס דינה רעדט וועגן אַמעריקע, וועגן אַרבעט און וועגן יידן, איז עס פונקט ווי דינה וואָלט איבערגעזאָגט נתנס ווערטער. קריינדל באַמערקט אויך אין איר עלטסטן ברודערס אויגן אַן אומגעריכט פייערל וואָס באַלייכט זיין פּנים מיט גוטסקייט. צו איר, צו קריינדלען, קוקט ער אַריבער מיט מער צערטלעכקייט. און איצטער, ווען דינה האָט רואיק

דערציילט ווי זי פילט זיך דאָ אין דער נייער היים, האָט קריינדל אַ קוק געטאָן אויף נתנס זייט, זי האָט געוואַרט, אַז נתן זאָל זיך אויף דעם אָפּרופן, ניט זכריה.

נתן האָט פון אויבן־אַראָפּ אַ קוק געטאָן אויף זכריהן און געפרעגט:

— דאָרטן איז מען געווען אין אַן אייגענער היים, זכריה? זאָלסט זיך צום טאַטן ניט גלייכן. אים וויל איך ניט איבעררעדן. כ׳וויל אים ניט איינרעדן, אַז אים איז דאָ בעסער ווי אין רוסלאַנד. אויב אַפילו דער טאַטע זאָל באמת וועלן פאָרן צוריק, וועל איך זיך אים ניט שטעלן אין וועג. אָבער יונגע מענטשן, וואָס זיינען פון דאָרטן געלאָפן, מחמת עס איז געוואָרן אַ מורא צו לעבן דאָרטן, יונגע מענטשן, אויב זיי פילן אַז דאָ איז אונדזער לאַנד, איז גוט. דאָ איז אונדזער לאַנד! — האָט נתן העכער אַריבערגערעדט אויף דינהס זייט. אַרבעט? דאָרטן איז אַרבעט אַ שאַנד. שטאַרקע, פאַרהאָרעוועטע הענט, איז דאָרטן אַ בזיון אין דער משפחה! מיידלעך פון בעלי־מלאכות, זיי העלפט קיין נדן ניט אויב זיי ווילן קריגן אַ חתן מיט אידעלע הענט.

— וואָלסט, מיין זון, געוואָלט, אַלע יידן זאָלן אַוועק פון ראַסיי?

— מיך אַרט ניט! — האָט נתן געענטפערט.

— יאָ, ס׳קען אַמאָל געמאָלט זיין.

— ווען אַפילו דאָרטן וועט מען אויף יידן אָנהייבן קוקן ווי אויף מענטשן?

— דאָס וועט אַזוי גיך ניט זיין. דאָרטן וועט דעם יידן ווערן אַלץ ערגער און ערגער.

— וועלן יידן קענען פאַרגעסן זייערע בית־עולמס אויך?

— האָ?... — האָט נתן אַנגעשטעלט אַ פאַרחידושט פנים.

— אויב יידן וועלן פון דאָרטן אַוועק און די בית־עולמס וועלן זיי איבערלאָזן, וועלן זיי דאָ קיין מנוחה ניט האָבן.

אַלע אַנוועזנדע האָבן אַנגעשטעלט די אויגן אויף ירחמיאלן. מיט אַזאַ פשוטן אמת האָט ער אַפילו נתנען צעטומלט.

— ס׳איז געווענדט וועד־וועמען ס׳האָט איבערגעלאָזן אויפן דאָרטיקן בית־עולם — האָט גאָר אומגעריכט זיך קריינדל אָפּגערופן — אונדזער מאַמע ליגט ערגעץ אין ים. גוט וואָס דינה וויל דאָ מאַכן איר היים. וואָס מער יידן ס׳וועלן קומען אַהער, אַלץ גרינגער וועט מען פאַרגעסן אָן דעם וואָס מ׳האָט דאָרטן איבערגעלאָזן.

ביי ד דאַזיקע ווערטער האָט אימעצער אַנגעקלאַפּט אין טיר. קריינדל איז אויפגעשטאַנען, געעפנט די טיר, און ווי פאַרחידושט איז זי געווען, ווען ניט געבעטן, נאָר אומגעריכט איז לעאָנאַרד חלפן אריינגעקומען.

ישראל לוריא איז לעאָנאַרדן געגאַנגען אַנטקעגן, אים אָפּגעגעבן שלום עליכם, און געבעטן זיצן. שוין מער ווי אַ האַלב יאָר זינט לעאָנאַרד איז ניט געווען ביי די לוריאַס. מ׳קען זאָגן, אַז פאַר די לעצטע חדשים זיינען כמעט איבערגעריסן געווען אַלע פעדים, וואָס האָבן אַמאָל די צוויי משפחות געבונדן איינס צום אַנדערן. מען האָט נאָר ביי די לוריאַס געוואוסט, אַז לעאָנאַרד „וואַקסט“. צווישן די לאַנדסלייט האָט מען שוין געשאַצט זיין פאַרמעגן. פון די לוריאַס האָט קיינער ניט געאַרבעט ביי די חלפנס. מ׳האָט אַפילו געשמועסט, אַז די חלפנס קלייבן זיך אַרויסציען אין אַ געגנט נעענטער

צו די דייטשן, מחמת לעאָנארד האָט א גרויסן העמדער־שאָפּ בשותפות מיט א דייטשן יידן.

— דאָס איז מיסטער חלפן — האָט ישראל פאָרגעשטעלט לעאָנאַרדן פאַר די געסט, — כמעט אין איין צייט אַראָפּגעקומען מיט אונדז, און איז שוין לאַנג אין די פעדערן.

— וואָס הייסט דאָ באָנ'איך אין די פעדערן? — האָט ירחמיאל חפץ געפרעגט.

— ווען א מענטש קען געבן ארבעט מער ווי הונדערט מענטשן, און צאָלן אין צייט שכירות, מיינט עס דאָ אין די פעדערן.

די געסט האָבן באַטראַכט לעאָנאַרדן.

לעאָנאַרד האָט זיך מיט די אויגן אַנגעטראָפן מיט נתנען, און האָט איר־ראָניש אָ שמייכל געטאָן.

נתן האָט עס באַמערקט:

— דאָס איז מיסטער חלפן, מיט וועמען מיר לעבן נישט בשלום . . . מיר זיינען ניט קיין גוטע פריינט. מיר שלאָגן זיך אַמאָל אויך. שרעקט זיך ניט — האָט נתן אריבערגעקוקט צו דינהן, וואָס האָט פאַרוואונדערט געוואָרפן די אויגן אַמאָל צו לעאָנאַרדן, און אַמאָל צו נתנען — מיר קריגן זיך ניט איבער א ירושה, כאַ־כאַ־כאַ! איך דערלאָז ניט, מיסטער לעאָנאַרד חלפן זאָל קענען גרינג נתעשר ווערן. נאָר גאָרניט; ביי די חלפנס אין שאָפּ איז זייער גרינג צו פירן אָ סטרייק. אַז מ'געווינט דעם סטרייק, צאָלט ער פּינקטלעך. וואָס מאַכט איר, מיסטער חלפן? — איז נתן פּלוצלונג צוגעגאַנגען צו לע־אָנאַרדן, און דערלאַנגט אים די האַנט.

קריינדלען איז געקומען דאָס בלוט אין פּנים אַריין. שנעל, שנעל זיינען די מחשבות איבערגעלאָפן פון לעאָנאַרדן צו איר פאָטער, און פון לעאָנאַרדן צו נתנען, וואָס האָט אים אַזוי פריינטלעך באַגעגנט. זי האָט פון דער זייט אויף אים אַ בליק געטאָן. לעאָנאַרד האָט אויסגעזען אַ ביסל געעלטערט און פאַרזאָרגט. ווי זיין שטייגער, איז לעאָנאַרד געווען ריין אַנגעטאָן, זיין העלער אַנצוג זויבער אויסגעפּרעסט.

— אַ חידוש, אַ חידוש — האָט ישראל גערעדט מיט התפּעלות — אַזוי גאָר אין מיטן העלן שבת. וואָס מאַכט מען באָנ'איך? וואָס מאַכט דער טאַטע? כ'האָב געהערט, אַז ער איז געווען ניט מיט אַלעמען.

לעאָנאַרד חלפן האָט איצטער געזוכט פון וואָס אָנצוהויבן. כאָטש לפנים ווען האָט עס געהייסן, אַז ער קומט צו ישראל לוריאן פרעגן אן עצה וועגן פאָטער, וואָס זינט ער איז זיך מיט אים, מיט לוריאן, צעגאַנגען, גייט ער אַרום ווי אַן אַ קאָפּ; אָבער, ווען שוין ביי די לוריאס אין שטוב, בפרט ווען נתן האָט אים אַזוי פריינטלעך באַגעגנט, האָט לעאָנאַרד באַשטימט אָנ־הויבן פון עפּעס אַנדערש:

— ווייזט אויס, יידן לויפן טאַקע אויף צום אמתן פון ראַסיי . . . מ'שמו־עסט, אַז ענגלאַנד און אמעריקע וועלן זיך אריינלייגן אין דעם, מ'זאָל יידן לאָזן צורו אין ראַסיי.

— יידן אליין וועלן שוין קיין רו ניט האָבן. א קליינינקייט, אַזויפיל יידן זיינען שוין דאָ! משפחות זיינען צעריסן געוואָרן, אַט, ווי מיר אַליין. כאָטש ווייטע קרובים מיט די לוריאס, פונדעסטוועגן, זינט זיי האָבן אוועקגעוואָרפן

ראַסיי, האָט עס שוין געצויגן, און ממש געריסן פון אָרט. ווי איך הער, זייט איר דאָ פון די ערשטע. אוודאי, ווער ס'איז געקומען פריער, האָט פאַרכאַפּט דעם פעטערן ביסן.

— כאַ־כאַ־כאַ . . . האָט לעאָנאַרד אַ לאַך געטאָן — דעם פעטערן ביסן. ניטאָ דאָ קיין פעטערע, און קיין מאַגערע ביסנס. דאָ קען יעדערער טאָן ווי אים לייגט זיך אויפן האַרצן. אָט אַזוי, יו נאָו, בין איך אַ פאַבריקאַנט, דאָ רופט מען עס: — אַן עקספּלואַטאַטאָר, כאַ־כאַ־כאַ... מיסטער נייטן לוריא איז אַ רעוואָלוציאָנער, ער פירט דעם סטרייק, כ'מיין די סטאַטשקע ביי מיר אין שאַפּ. קיינער זעצט אים ניט אין טורמע, קיינער שפּאַלט מיר ניט דעם קאָפּ, כאַ־כאַ־כאַ! און אַ מיידל, אַז זי קומט אַהער, איר איז גאָר וואויל ווי די וועלט! ניט גאָר דאַרף זי ניט קיין נדן, מ'דאַרף איר נאָך צוצאָלן, ערשט דעמאָלט וויל זי, יו נאָו.

— דאָס געפעלט מיר — האָט דינה געזאָגט צו קריינדלען, און ניט אָפּגעריסן די אויגן פון לעאָנאַרדן — איך בין מסכים מיט נתנען, אַז דאָ איז אונדזער אייגן לאַנד.

— אוודאי איז דאָ אונדזער לאַנד! — האָט לעאָנאַרד גערעדט מיט אַ באַזונדערן חשק — אייך וועט זיין גוט, יו נאָו.

מיט אמאָל האָט לעאָנאַרדן אָנגעהויבן צו קוועטשן אַרום האַרצן. און די ענגשאַפט איז אים אַריבער צום האַלדז. ער רעדט, און רעדט, ער הערט זיך אַליין אײַן צו זיינע רייד, כמעט יעדערער האָט זיך אָפּגערופן אויף זיינע רייד, נאָר קריינדל זיצט מיט פאַרשנורעוועטע ליפּן און רעדט אפילו קיין וואָרט ניט אַרויס. ס'ווערט אים פאַרנעפּלט פאַר די אויגן. אַלע, וואָס געפינען זיך איצטער אין צימער, ווערן פאַרבלייכט אין נעפּל, נאָר איינע, קריינדל, טיילט זיך אַזוי קלאָר אַרויס פון נעפּל. זי האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, קוקט אויף אירע הענט, אָבער לעאָנאַרד פילט, ווי זי האָט זיך גאָר איצטער פאַרקליבן מיט אירע הענט צו זיין האַרצן און זי האָט איינגעקרעמפּט זיין האַרץ, אַזש אַ שווייס שלאָגט אים אַרויס אויפן שטערן.

— זיך, לעאָנאַרד — האָט ישראל לוריא זיך אָפּגערופן, — דערצייל וואָס מ'הערט עפּעס ביי דיר.

— ביי מיר אין הויזן־שאַפּ האָט יענע וואָך געטראָפן אַן אומגליק מיט אַן אַרבעטער, אַן עלטערער ייד, אַ פּרעסער. זיין מיטן דער אַרבעט איז אים ניט גוט געוואָרן, ער האָט אָפּגעלאָזט דעם הייסן פּרעס פון האַנט, דער פּרעס איז אים געפאַלן אויף די פיס און צעשלאָגן אים די פינגער פון דער רעכטער פוס. איין פינגער גאָר אינגאַנצן צעשעדיקט.

לעאָנאַרדן איז מיט אַמאָל גרינגער געוואָרן. ער האָט מיט אַמאָל געקראָגן אַן אָנהאַלט:

— כ'וויל זיך טאַקע מיט נייטענען וועגן דעם ענין דורכשמועסן. איך בין וויליק אים צו באַצאָלן פאַר אַ חודש צייט זיינע גאַנצע ווידזשעס, אויב ער וועט ווערן געזונט, קען ער גיין צו דער אַרבעט. כ'וועל אים צוריק צונעמען.

— דאָס איז פיין, — האָט ישראל לוריא געזאָגט.

— פאַראַן דאָ יושר באַנ'אייך — האָט חפץ מסכים געווען.

— אָבי נתן האָט פאַר מיר אָפּגעמאָלן די היגע באַלעבאַטים פאַר גאָר אומברחמנותדיקע מענטשן, — האָט דינה שטיל געזאָגט.

— ווערסט זיך אַ סך, אַ סך נאָך דערוויסן מיט דער צייט — האָט נתן רואיק זיך אָפּגערופן —אַוודאי איז גוט ווען אַ באָס פאַרשטייט אַליין זיינע פליכטן צום אַרבעטער. איך ווייס, מיסטער חלפן, — האָט נתן זיך געווענדט אויף לעאָנאַרדס זייט — איך האָף, דאָס וועט זיין אַ גוטער אָנהויב. מ׳וועט אים דאַרפן אַראָפּנעמען איין פינגער.

— אַזוי גאָר! — האָט זיך לעאָנאַרד פאַרחידושט וואָס נתן ווייס אַלע איינצלהייטן — מסתמא וועל איך אים דאַרפן באַצאָלן פאַרן רופא אויך. אַוודאי וועל איך עס טאָן.

קריינדל האָט געהערט די רייד, און ניט געגלייבט אירע אייגענע אויערן. זי האָט אויפגעהייבן די אויגן צו לעאָנאַרדן און באַמערקט ווי פאַר דער קורצער צייט וואָס ער איז דאָ, איז אים זיין פּנים פאַרשמעלערט געוואָרן. גאַרניט דער פאַרעקשנטער און אין־זיך־איינגעגלייבטער לעאָנאַרד. זי פילט, ווען קיינער איז איצטער אויסער זייביידן אין צימער ניט פאַראַן, וואָלט זי אים פון אַ סך זאַכן נאָך אויסגעפרעגט, און טאַקע וועגן דעם אומגליקלעכן יידן וואָלט זי מיט אים געשמועסט. זי וואָלט אים אויך אַ סך שלעכטע זאַכן מוחל געווען. זי וואָלט אים אפשר דערציילט וואָס זי טראַכט פון אים. זי וואָלט אים דער־ציילט, אַז נאָר צוליב אים אַרבעט זי ניט ביי העמדער, צי מאַנטלען. צוליב אים זיצט זי, ניט ביי קיין ניי־מאַשין, נאָר ביי דעם ביטערן טאַבאַק.

— קום ירחמיאל, זיי זשע מוחל, לאָמיר גאָר אַריבערגיין אין אונדזער מנין, היינט וועט מען מסתמא דאַווענען פאַרפרי מינחה.

ירחמיאל חפץ און זיינע צוויי זין האָבן שטיל געפאָלגט און אַרויס פון שטוב.

— קום, נתן, פיר מיך אַביסל איבער די גאַסן — האָט דינה זיך אויפ־געהויבן פון אָרט און גענומען נתנען אונטערן אָרעם — מירן באַלד קומען צוריק, קריינדל. גוד־באַי, מיסטער חלפן — האָט דינה דערלאַנגט לעאָ־נאַרדן די האַנט — כ׳זאָג נאָך ניט גוט אַרויס דעם גוד־באַי, כאַ־כאַ־כאַ.

— גוד־באַי — האָט נתן גע׳דריקט לעאָנאַרדן די האַנט — דו גייסט, זכריה, צי דו בלייבסט אין שטוב?

זכריה האָט זיך פויל אויפגעהויבן פון פּלאַץ, און אַוועק צו דער טיר.

גאַנץ אומגעריכט פאַר לעאָנאַרדן און פאַר קריינדלען איז דער עולם אַרויס פון שטוב. נעלם געוואָרן. ביידע האָבן געפילט, ווי דאָס אַוועקגיין פון די שטובלייט וואָלט געווען עפּעס אַן אָפּגערעדטע זאַך.

קריינדל האָט זיך אויסגעגלייכט און אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו לע־אָנאַרדן, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן צימער אַ צעטומלטער.

— קום אַהער, זעץ זיך נעבן מיר, כ׳וויל דיך באַטראַכטן. כ׳האָב גע־הערט וואָס דו האָסט דערציילט.

לעאָנאַרד האָט געפאָלגט, זיך צוגעזעצט נעבן קריינדלען, גענומען איר האַנט און איר אַריינגעקוקט גלייך אין די אויגן אַריין.

— האָסט טאַקע רחמנות אויף די מענטשן וואָס אַרבעטן פאַר דיר, לעאָנאַרד?

קריינדל האָט געפאָרשט וואָס לעאָנאַרד האָט אויפן האַרצן.

— זאָג, לעאָנאַרד, ווי נעמסטו פּלוצלונג און קומסט אַזוי אַריין ? אַזוי לאַנג, אזוי לאנג האָב איך דיך ניט געזען. האָב א סך מאָל געוואָלט אריבערגיין צו דיר און . . .

— און אַוודאי רעדן וועגן מיסטער לוריאַן.

— ניט אַזוי צוליב דעם אַליין. מיינסט ניט, לעאָנאַרד, ס'איז אַ גרויס רחמנות אויף די אַלטע יידן נעבעך, וואָס דאַרפן שטיין אין אזא פאַרשטיקטער היץ און אַוועקגעבן גאָר זייער חיות ביי די שווערע פּרעס־אייזנס ? כ'האָב אַ סך מאָל געוואָלט מיט דיר רעדן פון דעם.

לעאָנאַרדן איז אַזש הייס געוואָרן אין די אויגן. בשעת קריינדל האָט צו אים גערעדט פון מענטשלעכקייט און גוטער באַנעמונג מיט די ארבעטער.

— וואָס וואָלסטו געטאָן, קעראָלאַין, ווען איך נעם און גיב דיר איבער מיינע דריי שעפּער, און זאָג: נאַ, קעראָלאַין, פיר ווי דו פאַרשטייסט, טו ווי דיר געפעלט, באַהאַנדל די אַרבעטער ווי דיר פאַלט איין. פּליז, קעראָלאַין, נעם איך און זאָג, זיי דו דער באָס ! ווי וואָלסטו עס אויסגעפירט ? יאָ, כ'וויל דיר דערציילן — האָט לעאָנאַרד ניט געוואַרט אויף איר ענטפער — כ'גיי איבערבייטן מיין פאַמיליען־נאָמען, יו נאָו . . . דאָ דאַרף זיך אַ ייד ניט האַלטן ביי זיין אַלטן נאָמען, אויב ער וויל ניט. דער טייטש פון חלפן מיינט: א מענטש וואָס בייט געלט אויף פּראָצענט. חלפן מיינט א פּראָצענטניק. כ'וויל אַזאַ נאָמען ניט האָבן. כ'וועל אויסבייטן אויף אַן אַנדער נאָמען. ביסט צופרידן, קעראָלאַין ?

— איך האָב מיט דיר אַ סך, אַ סך צו רעדן, לעאָנאַרד. כ'האָב דיר נאָך ניט געענטפערט אויף דעם וואָס דו האָסט מיך נאָר וואָס געפרעגט. אָבער איצטער וויל איך שווייגן. לאָז מיר איצטער זיין שטיל.

קעראָלאַין האָט איינגעגראָבן איר קאָפּ אויף זיין ברוסט, און מיט אַלע אירע חושים פאַרנומען ווי זיין איבערגעשראָקן האַרץ שלאָגט אזוי אומרואיק. לאַנג, לאנג האָבן זיי ביידע געשוויגן.

פאַר קריינדלען זיינען איצטער פאַרבייגעגאַנגען איינס ביי איינס די יאָרן זינט זי איז אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע. זי האָט געוואָלט אַליין פאַר זיך קלאָר מאַכן, פאַרוואָס זי האָט זיך כסדר דערווייטערט פון דעם מענטשן, וואָס האָט אַזויפיל געטאָן פאַר איר משפחה, און כסדר געזוכט אַ דער־נעענטערונג מיט איר. ווען ער האָט זי צום ערשטן מאָל באַגעגנט איז זי געווען אין זיבעצטן יאָר. די איינציקע פרוי צווישן זעקס ברידער. אלעמענס טרויער האָט יעמאָלט אין איר פּנים רעפלעקטירט.

— צי האָט ער יעמאָלט מיך באַמערקט, און צוליב מיר האָט ער אַזויפיל מאָל אַרויסגעהאָלפן אונדזער משפחה ?

זי איז ניט בלינד צו זען וואָס פון איר איז געוואָרן פאַר די אַכט יאָר אין לאַנד, און וואָס פון אים איז געוואָרן. „וואָס האָט אים צוגעקלעפּט צו אונדזער אָרעמקייט ? — טראַכט קריינדל — צי האָט ער דען ניט געקענט געפינען אַ מיידל וואָס וואָלט אים געהאָלפן אין זיינע אונטערנעמונגען ?"

בשעת מעשה קאָן זי אויך ניט פאַרשטיין פאַרוואָס איר ברודער נתן האָט פון זיך אָפּגעשטויסן לעאָנאַרדס שוועסטער. זי באַמערקט, ווי איר ברודער נתן איז גאָר אַן אַנדערער געוואָרן זינט די משפחה חפץ איז געקומען — אַלץ צוליב אַ מיידל דינה, וואָס איז מיטגעקומען מיט זיי. זי פּרוּווט פאַר־

גלייכן ביידע מיידלעך, מלכהן מיט דינהן, און איר דוכט זיך אויס, אַז אויך דאָס איז ניט צו פאַרשטיין. מלכה איז שענער, מער פרוי, און האָט אַזויפיל ליבע אַרויסגעוויזן נתנען.

און זי אַליין, אַפילו איצטער, ווען אַלערליי כוחות שטויסן זי צו דעם מענטשן וואָס זיצט נעבן איר, ווען זי אַליין שפירט אַרום זיך אַזויפיל עלנט און זיין נאָענטע געטריישאַפט, האָט זי איצטער קיין איין פּאַסיק וואָרט ניט, מיט דעם צו באַלוינען לעאָנאַרדן פאַר זיין גוטסקייט. אַפילו דאָס, וואָס האָט מיט איר געטראָפן אין דעם ביר־הויז אויף דער בויערי מיט יאָרן צוריק, פּלאָנ־טערט זיך פאַרן געדאַנק. און בשעת ער וואָרט ביז זי וועט אָפּכאַפּן דעם אָטעם עפּעס זאָגן, פאַלן אירע בליקן אויף זיינע הענט. זי וויל דערקענען, צי דאָס זיינען די אייגענע הענט, וואָס האָבן אַמאָל, גאָר אַמאָל זיך געוואָלט דערקלייבן צו איר לייב. זי קוקט אויף די הענט, אַזעלכע איידעלע, ווייכע הענט, און זיי געהערן צו דעם מין הענט, וואָס איר איז דערווידער.

—איך האָב דיך פריער עפּעס געפרעגט, פּאַרוואָס, קעראַלאַין, ווילסטו מיר ניט ענטפערן?

קריינדל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט אים אָנגעקוקט און בלאָס געשמייכלט.

— פאַרדין איך ניט קיין ענטפער, קעראַלאַין?

— ס'איז אפשר דערפאַר וואָס שטענדיק רעדסטו מיט מיר וועגן רייכ־קייט; און איך ווייס פון וואַנען רייכקייט קומט.

— פון וואָס דען זאָל איך מיט דיר ריידן, ווען איך וויל דיר געבן אַ פּיקטשור פון אַ בעסער לעבן?

— איך ווייס ניט, לעאָנאַרד. דו אַליין ווייסט, אַז איך קען ניט פירן קיין ביזנעס ווי דו. קיינער פון די לוריאס קען ניט מאַכן אַ לעבן פון יענעם. איך ווייס גוט, אַז מיין טאַטן האַלט איר אין שאָפּ נאָר פאַר רחמנות וועגן. מיין טאַטע איז אויך אַזוי.

— יעסט קענען מיט געלט טאָן וואָס דיר וועט זיין אויפן האַרצן. מיט געלט קען מען אַ סך גוטס טאָן.

— איך קלער ניט פון דעם, לעאָנאַרד. איך שעם זיך דיר ניט צו זאָגן, אַז דו האָסט זיך איינגעליבט ניט אין קיין יונג מיידל, נאָר אין אַן אַלטער מאַ־מען, וואָס שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט, וויל האָבן אַ היים פאַר אירע קינדער.

לעאָנאַרד האָט אַ לאַך געטאָן.

— לאַך ניט פון מיר, לעאָנאַרד.

— ניין, איך לאַך ניט פון דיר. איך וויל דיר זאָגן, אַז ניט ביי מיר אין שאָפּ, אין מיין היים האָט ישראל לוריא געקענט געפינען אַ היים. יעס, קע־ראַלאַין, אַפילו פון דעם האָב איך איבערגעטראַכט.

לעאָנאַרד האָט אַליין ניט געפילט, ווי מיט די לעצטע ווערטער האָט ער און איין רגע צוריק אויפגעשטעלט די וואַנט צווישן זיך און קריינדלען. מיט איר בעסטן ווילן אַרויסצוטיילן לעאָנאַרדן פון צווישן זיינע אייגענע, קען זי עס ניט דערגרייכן. ער איז איר געקומען זאָגן, אַז ער גייט איבערבייטן זיין נאָ־מען, און זי קען עס ניט באַנעמען. „מיטלען רייך צו ווערן, דאָס איז אַלץ וואָס ער זוכט".

— דו האָסט מיך ניט ליב. דו האָסט קיינעם פון אונדזער פאַמיליע ניט ליב. איך פיל עס, ווען איך זיץ נעבן דיר. איך פרעג ניט פאַרוואָס דאָס איז אַזוי.

— ווייל דו קומסט שטענדיק אונדז העלפן. אפילו מיר קומסטו העלפן. איך זוך ניט קיין הילף פאַר זיך. און דו זוך ניט קיין הילף פאַר אונדזער משפחה.

— דאַרף איך באַשטראָפט ווערן דערפאַר וואָס איך טו אַ פייוואָר? דאַרף איך באַשטראָפט ווערן דערפאַר וואָס איך גיב הונדערטער משפחות צום לעבן?

— מיינסט, דו טוסט טובות. אָבער ניט אַלעמען קומט אָן גרינג אָנצו־נעמען אַ טובה. איך דאַנק דיר, לעאָנאַרד, פאַר אַלץ וואָס דו האָסט געטאָן פאַר אונדז.

ביי די ווערטער האָט זי אים שנעל ארומגענומען, אַ קוש געטאָן זיין פּנים, און מיט געאיילטע טריט איז זי אַריין אין צווייטן צימער, האָט זיך אַריבער־געבויגן איבערן קינד און שטיל געשלונגען די טרערן.

זי האָט שפּעטער געהערט ווי לעאָנאַרד שפּאַנט אויף־און־אָפּ אין צימער. ווען ער האָט מיט אַ מאַטער שטים געזאָגט „גוד באַי״, האָט זי אים אָפּגעענט־פערט, און ניט געהאַט קיין חרטה אויף איר באַהאַלטן זיך אין צווייטן צימער בשעת ער איז ארויסגעגאנגען.

* * *

לעאָנאַרד חלפן איז געזעסן אנטקעגן זיין „ברויטגעבער״, מיסטער מאַריץ אַדלער, און געפּילט אַ בייסעניש אין זיין גאַנץ לייב. די הויט האָט זיך גע־רונצלט אויף זיין שטערן. ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין צוליב וואָס דער דייטשער ייד, אין מיטן פון אַזאַ גוטער שעה, בשעת מ׳האָט אַרומגערעדט ביזנעס און דערפאָלג, זאָל גאָר נעמען און פאַרן „אָסט־יידן״ ארויסלייגן אַלץ וואָס ער האָט אויף זיין לונג־און־לעבער.

ס׳איז געווען ביי אַדלערן אין אָפיס. מיסטער מאַריץ אַדלער האָט גע־האַלטן צווישן די באַקציינער אַ שווערן ציגאַר, האָט אים געקייט, געפּיפּקעט. דורך זיינע שווערע, קופּער־רויטלעכע וואָנצעס און באַקנבערד האָט זיך דער רויך דורכגעקרייזלט און פאַרוואָלקנט לעאָנאַרדס צעשראָקן פּנים.

— די אָסט־יודן — האָט מיסטער מאַריץ אַדלער, מיט אַ געדיכטער האַלדז־שטים, אינאיינעם מיטן ציגאַרן־רויך אַרויסגעשפּאַרט די ווערטער — מיר האָבן נאָך דריבן פון זיי געאָנט. דרעקיק אונד פיגלינגע. ווען מאַן רודפט, ווען מאַן שפּוקט אינס פּרצוף, גיבט מאַן ניכט קיין ווידערשטאַנד, נור מאַן נימט דאָס ביסכן אונגעציפער, און מאַן מאַכט פליטה קיין אמעריקאַ.

כמעט אַ דריטל פון זיין ארבעט האָט לעאָנאַרד חלפן געקראָגן פון דעם דאַזיקן דייטשן יידן, וואָס איז קיין אַמעריקע אַריבערגעקומען מיט אַ פינף און צוואַנציק יאָר פריער. לעאָנאַרד איז אים געפעלן געווען פאַר זיין פּינקט־לעכקייט און פאַר דער „קאָרעקטער אַרבעט״. איצטער איז ביי אים לעאָנאַרד חלפן געזעסן און מיט אומגעדולד געוואָלט אויסהערן פּלענער, וועגן דעם „טיילוויזן שותפות״, וואָס אַדלער האָט געהאַלטן ביים שליסן מיט אים.

— אפשר איז דאָס אַ סימן פון היימישקייט — האָט לעאָנאַרד אַ טראַכט געטאָן.

שוין באלד דריי יאָר, אַז לעאָנאַרד נעמט ביי אים צוגעשניטענע העמדער פּאַרטיק צו מאַכן. קיינמאָל האָט מאָריץ אַדלער ניט פאַרוואָרפן קיין שלעכט וואָרט וועגן די רוסישע יידן. אדרבה, ווען ער האָט ביי אים אַמאָל אויסגעפרעגט וואָס מען הערט עפּעס צווישן די רוסישע יידן וואָס אַנטלויפן פון פּאָגראָמען־לאַנד, האָט ער יעמאָלט געגרעדט מיט אַ מינע פון רחמנות. ער האָט ניט באַהאַלטן די בלוט־קרובהשאפט, וואָס הערשט צווישן רוסישע און דייטשע יידן, און מיט אַמאָל גאָר . . .

לעאָנאַרד האָט באמת געוואָלט ענטפערן. ער האָט אפילו געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט אַדלערן געוואָלט זאָגן, אַז ווען מ׳וואָלט אין רוסלאַנד לאָזן יידן טאָן וואָס זיי ווילן ווי אין דייטשלאַנד; ווען מ׳וואָלט אין רוסלאַנד געלאָזט יידן וואוינען וואו זיי ווילן, האָט געקענט רעכט זיין . . . „יאָ, אוודאי פעלט ניט די רוסישע יידן קיין סמיקלקע אין קאָפּ״. לעאָנאַרד האָט געהערט פון די „באַרימטע יידן״ וואָס לעבן אין מאָסקווע און אין פּעטערבורג; יידן וואָס זיינען קרוב למלכות . . . נאָר מחמת לעאָנאַרד באַגרייפט ניט צוליב וואָס מאָריץ אדלער האָט גאָר אינגאַנצן אַנגעהויבן אַזאַ שמועס, און מחמת טאָקע ער האָט מורא מיט זיין ברויטגעבער איינצורייסן — האָט ער זיך איינגעקאָרטשעט אין זיין אייגענער פעל און אפיר געקוקט דורכן ציגאַרן־רויך צום צופרידענעם פּנים מיט די באַקנבערד פון דעם דייטשן יידן.

מאָריץ אדלער, כאָטש ער האָט באַמערקט אַז דאָס „אָסט־יידלעכן״ קעגן איבער שפּירט זיך אומבאַקוועם, האָט ער פונדעסטוועגן שוין אויסגעלייגט זיינע טענות ניט אַזוי פאַר לעאָנאַרדן, ער אַליין האָט געוואָלט אַראָפּרעדן פון האַרצן וואָס ביי אים האָט זיך אָנגעקליבן. ניט נאָר זיין אייגענער שכל איז אים בייגעשטאַנען, נאָר טאָג־איין, טאָג־אויס הערט ער עס אין דעם קרייז פון זייניקע. „אַ חרפּה און אַ שאַנד ברענגען די רוסישע יידן אַהער״. „גידער־געשלאָגנקייט און פאַלשקייט״... „בעטלער און פיזישע קריפּלס״; „שנאָ־רער און טרוסן״ . . . אויב די דייטשע יידן וואָס זיינען אַריבער מיט אַ צוואַנציק, דרייסיק יאָר פריער האָבן דערהויבן אין אַמעריקע דעם יידישן נאָמען, האָבן אַרויסגערופן צו זיך גרויס דרך ארץ צווישן די געבוירענע, איידעלע קינדער פון לאַנד, אויב דאָס איז דערגרייכט געוואָרן, מ׳זאָל אויף דעם דייטשן יידן קוקן מיט דרך ארץ ווי אויף דעם דייטשן ניט־יידן וואָס העלפט בויען אַמעריקע . . . „זייט די רוסישע יודען געקאָמען זינד איסט דער יודישע נאָמע שאַן באַלד צו שאַנד און שפּאָט . . . ״

— ניע ווערדן וויר די אָסט־יודן אַלס אונזערע בלוט־פערוואַנדטע אַנערקענען!

דאָס האָט מאָריץ אַדלער אָפּגעזאָגט, איז אריבערגעגאנגען צו לעאָנאַרדן און פאָטערלעך אַנידערגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל.

— אָבער אויסנאַמען גיבט עס, זי זינד אַלרייט . . . — האָט ער לעאָנאַרדן געקלאַפּט אין פּלייצע — זי זינד קיין אָסט־יודע. וויר ווערדן נאָך פיל גוטע ביזנעס טון.

לעאָנאַרד איז אַן אָפּגעקאָכטער אַרויס פון מאָריץ אַדלערס אָפיס. כאָטש די בעסטע האָפענונגען זיינען מקוים געוואָרן. דער דייטשער ייד האָט אים צוגעזאָגט נאָך מער ווי ער האָט געהאָפט, ממש ער נעמט און מאכט אים פאַר

א שותף צו זיינע ביזנעס! אָבער דאָס וואָס דער דייטשער ייד האָט אַריינגעזאָגט וועגן די „אָסט־יודן", איז לעאָנאַרדן אַריין אין דער זיבעטער ריפּ אַריין.

ס'איז געווען אַ לויטערער, וואַרעמער נאָך סוכּות פאַרנאַכט. לעאָנאַרד האָט מיט גרענד סטריט געשלעפּט די פיס זיינע צו דער איסט־סאַיד, וואו אין זיינע שפּעטער אַרבעטן איצטער רוסישע יידן, שטעפּן, שטשאָבען, פּרעסן, און מאַכן פאַרטיק העמדער פאַר דעם דאָזיקן מאַריץ אַדלער מיט די רויטלעכע באַקנבערד. אין רוסלאַנד האָט לעאָנאַרד קיינמאָל קיין דייטשן יידן ניט באַגעגנט. ביים אָנקומען אין קעסל־גאַרדן, אין הכנסת אורחים דערביי, וואו ער האָט די ערשטע צרות געקראָגן, וואו ער האָט דאָס ערשטע ביסל „וואַרימס" געקראָגן אין מויל אַריין, דאָרטן האָט ער געהערט, אַז דייטשע יידן זיינען גרויסע בעלי־צדקה, גיבן געלט אונטערצושטיצן די גרינע. שפּעטער האָט ער זיך דערוואוסט פון דער „צדקה גדולה" וואָס די דייטשע יידן האָבן אויפגעשטעלט צו העלפן די אומגליקלעכע און נויטבאַדערפטיקע.

— בין איך א שנאָרער, אַ טרוס?...

לעאָנאַרדן הייבט אָן צו פאַרדריסן אויף זיך אַליין הלמאַי ער האָט פאַרשוויגן, הלמאַי ער האָט ניט גענומען און ניט אַריינגעזאָגט דעם גרויס־האַלטער, אַז ער, לעאָנאַרד אַליין, וואָס איז מיט ניין יאָר צוריק געקומען אין לאַנד אַריין, בעטלט ביי קיינעם ניט. ער אַליין גיט אַרבעט אַזויפיל מענטשן, און די מענטשן וואָס אַרבעטן אין זיינע שעפּער, זיינען אויך ניט קיין בעטלער. „זי זינד אַלרייט, זי זינד אָן אויסנאַם..." — האָט אים דער דייטשער ייד געקלאַפּט אין פּלייצע. „און קריינדל זאָגט, אַז איך האָב אַ האַרט האַרץ דעריבער גייט עס מיר גוט אין אַמעריקע... וואָס וואָלט זי געזאָגט אויף דעם ווען זי הערט וואָס מאַריץ אַדלער האָט מיר אַריינגעזאָגט?"

ס'איז שוין געווען טונקל דרויסן ווען לעאָנאַרד איז, אַ מידער, אַרויפגעקומען צו זיך אין שאָפּ אויף לודלאָו סטריט. די אַרבעטער זיינען שוין אָוועק פון שאָפּ, נאָר ביי איין ניי־מאַשין, קאָפּ און לייב־און־לעבן אין דער אַרבעט, איז געזעסן שמואל זאַלצמאַן, אַ ייד אַ למדן פונדערהיים, און וואָס דאָ האָט ער זיך מיט דער גרעסטער התמדה אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. מיט אים פאַרוואָרפט אַמאָל לעאָנאַרד אַ פּאָר ווערטער וועגן זייטיקע ענינים.

— העללאָ, מיסטער זאַלצמאַן! — האָט אים לעאָנאַרד פון נאָענטן גריסט — ס'איז שיין דרויסן, געכאַי וואָלט איר אַרויס כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט.

זאַלצמאַן האָט אויף אים אָנגעשטעלט זיינע בלויע אויגן און געלע באָרד, ברייט אַ שמייכל געטאָן, ווי איינער זאָגט: „ס'איז גוט דעם באָס צו הייסן זיין קנעכט כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט!"

— וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? כ'מיין וואָס איך זאָג.

— אפשר ווערט עס נאָך אַזוי געמאָלט זיין אַמאָל, ווי די ציצעליסטלעך זאָגן, אַז מ'וועט אַרבעטן פון שעה, און נישט פון שטיק, מ'וועט אַרבעטן ווי ביי לייטן צען שעה אַ טאָג און נישט מער, יעמאָלט וועט זיין צייט צו כאַפּן אַביסל פרישע לופט. אָבער דערווייל, אַז מ'מוז פון זיך אַרויסיאָגן די נשמה כדי צוזיפּצושלאָגן אויף אַ שיפסקאַרטע... כ'נעם אַריבער מיין משפּחה בקרוב!

אַ ווײַלע האָבן זיי בײדע געשוויגן. לעאָנאַרד וואָלט וועלן, אַז דער ייִד שמואל זאַלצמאַן זאָל אויף אים קוקן ווי אויף זײַן גלײַכן. ער באַמערקט ווי דער הײמישער למדן, וואָס האָט דעם קאָפּ אָפּגעווענדט צו אים, קוקט אים אָן — אָבער זײַנע הענט זײַנען געבליבן אויף דער ניי־מאַשין, גלײַך ווי די הענט בעטן בײַ זאַלצמאַנען שטומערהייט, ער זאָל די אויגן אומווענדן צו זיי, מחמת זיי דאַרפן די העמדערנעט לאָזן אונטערן נאָדל אַרונטער.

— כ׳קלער, מיסטער זאַלצמאַן, ס׳וואָלט אפשר גלײַכער געווען, ווען ייִדן בלײַבן זיצן אין ראַסיי.

מיסטער חלפן זאָל עס זאָגן!

—אָוודאי מיין איך עס. אויף איין ייִדן וואָס אַרבעט זיך אַרויף ווערן הונדערט ייִדן . . .

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט זאַלצמאַן אַ לאַך געטאָן און האָט זיך פאַר־נומען ווידער מיטן שטעפּן.

אָבער לעאָנאַרד האָט אים ניט אָפּגעלאָזן:

— כ׳וועל אײַך באַצאָלן פאַר אַ שעה ארבעט, שמועסט מיט מיר אַ ביסל.

— אַפּנים, די געשעפטן גייען נישט שלעכט, וואָס?

— אײַך פּאַסט נישט צו זיצן גלאַט אַזוי און רעדן מיטן באָס? איך בין נישט קיין באָס. דער אמתער באָס איז דער דײַטשער מאַנופעקטשורער, בײַ וועמען איך נעם אַרבעט. איך, וואָס בין איך?

— ווער ס׳האָט די מאה, דער האָט די דעה . . . אַזוי איז עס אומעטום, אַזוי איז עס אין אַמעריקע אויך. נאָר וואָס מיסטער חלפן זאָגט, אַז ייִדן האָבן זיך נישט געדאַרפט לאָזן אַהער, בין איך מיט דעם נישט מסכים. אויב צוליב דעם מ׳זאָל קענען ווערן אויסגעריסן, ווי מיר ווערן דאָ, איז נישט שײַך; אָבער ווי מ׳שמועסט טאַקע בײַ די ציציעליסטן, איז רעכט, אַז אין מלאכה וועט ליגן מזל וברכה. פּשוט נבלה בשוק ואַל תצטרך לבריות האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט. שינד אָפּ אַ נבלה אין מיטן מאַרק אַבי דו זאָלסט צו קיין מענטשן ניט באַדאַרפן אָנקומען. דאָס וואָס איך טו איז דאָך ניט ערגער ווי שינדן אַ נבלה אין מיטן מאַרק.

— איר קענט ישראל לוריאן?

— אוודאי קען איך אים, איז וואָס?

— ער האָט מיר אַמאָל אַרײַנגעזאָגט, אַז מיר, די ייִדישע באָסעס, זײַנען די הינט, און די אַרבעטער זײַנען נבלות.

— דאָס איז אויך אמת — האָט זאַלצמאַן גאַנץ רואיק געזאָגט. — די אַלע חברה וואָס זײַנען געוואָרן באָסעס, וועלן מיט דער צײַט ווערן גבירים אַדירים. און מיר . . .

גאַנץ אומגעריכט פאַר לעאָנאַרדן איז אין שאַפּ אַרײַנגעקומען נתן לוריא.

לעאָנאַרד האָט זיך אָפּגעריסן פון זאַלצמאַנען, איז געגאַנגען נתנען אַנטקעגן און דערלאַנגט אים בײדע הענט.

— וואָס ט׳איר זאָגן גוטס? — האָט לעאָנאַרד אַרויפגעקוקט צו נתנען

— נישט אַנדערש איר האָט געשפּירט, אַז איך טראַכט פון אײַך. איר האָט צײַט?

— איך האָב צייט. כ'האָב געוואָלט וועגן עפּעס איבעררעדן.

— אויב אַזוי, וועל איך אפשר אַריינגיין צו אייער פּאָטער, צו מיסטער לוריא. יו נאָו, כ'בין היינט עפּעס . . . נישט פּאַר זיך אַליין בין איך באַליי־דיקט. אַדרבה, כ'וויל אימעצער זאָל עס מיר אויפקלערן. איר וועט עס מיר קענען אויפקלערן. איז מאַקע אמת, אַז די רוסישע יידן זיינען טרוסן מיט דעם וואָס זיי זיינען אַנטלאָפן פון ראַסיי?

נתן האָט אַנגעקוקט לעאָנאַרדן, ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין פון וואַנען ס'קומט צו דעם לעאָנאַרדן אַזאַ פראַגע.

— די דייטשע יידן זאָגן, אַז די אָסט־יודן ברענגען אָן אַהער אומריינ־קייטן, יו נאָו; ס'איז פאַר זיי אַ חרפּה, זאָגן זיי, צו באַגעגענען זיך מיט רוסישע יידן.

— און ווי אַזוי באַגעגנט זיך מיט אים מיסטער לעאָנאַרד חלפן? ער נעמט דאָך ביי די דייטשע יידן אַרויס אַרבעט. אַזוי, אַזוי, די אָסט־יודן טוען זיי אָן חרפּהס!

— מאָריץ אַדלער האָט עס מיר היינט אַריינגעזאָגט. פונדעסטוועגן וועך איך זיינער אַ פּאַרטנער.

— אַזוי, אַזוי . . . — האָט נר־תן זיך פאַרקוקט צום איינאונאיינציקן אָפּעריי טער וואָס איז נאָך געזעסן ביים מאַשין — איר האָט אים געקערט זאָגן, אַז די אָסט־יודן וואָס קומען אַהער, אַרבעטן פאַר זייבעטוועגן. ס'וועט קומען אַ צייט, אַז די דייטשע יידן וועלן אַרבעטן פאַר די רוסישע יידן. צייטן בייטן זיך. אַהער אין לאַנד קומען אַלע מיט די אייגענע רעכט. אויב זיי האָט זיך איינגעגעבן אַריבערצוקומען אַהער מיט עטלעכע צענדליק יאָר פריער, האָבן זיי נאָך דערוויל נישט געקראָגן דעם מאָנאָפּאָל אויף אָנשטענדי־קייט. וועך ס'אַרבעט, דער איז נישט קיין טרוס. וועך ס'אַרבעט, דער בויט. אָט, וואָס איר האָט אים געקערט זאָגן! אויב זיי מיינען, אַז מיר זיינען די ווערים, איז אייער מאָריץ אַדלער דער באַרג מיסט! אָט, וואָס איר האָט אים געדאַרפט זאָגן.

אַ ווײַלע זיינען ביידע אַנטשוויגן געוואָרן. ביידנס בליקן זיינען געפאַלן אויף שמואל זאַלצמאַנען, וואָס האָט אָוועקגעלייגט די אַרבעט און באַהאַלטן דעם קאָפּ אויף זיינע אַרעמס אַזוי ביים מאַשין זיצנדיק.

— מיסטער זאַלצמאַן, גייט אַהיים . . . — האָט לעאָנאַרד זיך אָפּגערופן.

שמואל זאַלצמאַן האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אויסגעווישט די אויגן. אַזוי, אָן אַ „גוטע נאַכט", איז ער פאַרבייגעגאַנגען לעאָנאַרדן און נתנען, און אַרויס פון שאָפּ.

אַלץ אַרום אין שאָפּ איז מיט אַמאָל שטיל געוואָרן. ביי ביידן האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבן הויך צו קלאַפּן. נתן איז געווען צופרידן וואָס ער איז געבליבן אויג־אויף אויג מיט לעאָנאַרדן. ס'אייגענע האָט לעאָנאַרד געפילט.

— אָט דער ייד וואָס איז איצטער נאַרוואָס אַרויסגעגאַנגען איז מיר אַ סך טייערער ווי אייער מיסטער אַדלער, ביי וועמען איר נעמט אָן אַרבעט פאַר דעם דאָזיקן יידן.

לעאָנאַרד האָט אויף דעם ניט געענטפערט. אין קאָפּ איז אים געווען ענג און שווער. אין דער ערשטער רגע האָט ער באמת געוואָלט טרעפן אָן עלטערן, צי אַ קליגערן פון זיך, און אַרומרעדן מיט אים דאָס וואָס דער

דייטשער ייד האָט אים אַריינגעזאָגט. אָבער ביסלעכווייז איז לעאָנאַרד גע־קומען צו זיך. דער יונגער באָס וואָס קלייבט זיך אַריין אין די פעדערן, האָט דערפילט זיינע פעדערן. ער ווייס נאָר ניט צוליב וואָס נתן לוריא איז אַריינ־געקומען. אים פאַרדריסט שוין אביסל וואָס ער האָט דעם שמועס מיט דעם דייטשן פאַרטנער גאָר אינגאַנצן ארויסגעטראָגן דרויסן. לעאָנארד האָט איצטער געוואַרט, נתן זאָל אַרויסקומען מיט רייד, אויפקלערן צוליב וואָס ער איז געקומען. ער האָט ניט געדאַרפט לאַנג וואַרטן.

נתן האָט גאַנץ רואיק באַטראַכט לעאָנאַרדן, וואָס האָט זיך אַנידערגע־זעצט ביי דער אייגענער ניי־מאַשין וואָס שמואל זאַלצמאַן האָט איבערגעלאָזן. נתן האָט זיך געזעצט אנטקעגן אים און רואיק אָנגעהויבן:

— כ׳וויל וויסן, צי באַנ׳איך וואָלט זיין פלאַץ פאַר אַ מיידל, זי איז...

נתן האָט באַמערקט אין לעאָנאַרדס אויגן אַ פרעמד פייערל, און האָט דעריבער ניט געקענט ענדיקן.

— מיר איז נישט קיין דיפערענס ווער דאָס איז. כ׳וועל זען מאַכן אַן אָרט.

— איך וויל, איר זאָלט יאָ וויסן. דאָס איז מיין קרובה. איר האָט זי מיט אַ פּאָר חדשים צוריק באַגעגנט ביים טאַטן אין שטוב.

— וואָס וויל זי טאָן ביי מיר?

— זי האָט געאַרבעט ביי ציגאַרן. כאָטש דאָרטן פאַרדינט מען בעסער. כ׳וויל, זי זאָל איבערגיין אַרבעטן אַהער.

— זי אַרבעט אינאיינעם מיט קעראָלאַין. וואָלט איר אפשר פועלן, אַז קעראָלאַין זאָל אויך אָוועקוואַרפן די ציגאַרן־אַרבעט?

— אויף איר האָט קיינער נישט קיין דעה.

— איר וועט מיר טאָן אַ פּיוואָר, נייטן.

— אויב דאָס ליגט אין מיינע הענט, וועל איך.

— כ׳ווייס, איר האַלט זיך ווייטלעך פון מיסטער לוריאס הויז. כ׳ווייס, אַז איר מישט זיך נישט אין קעראָלאַינס ביזנעס. כ׳טראַכט פון איר היינט דעם גאַנצן טאָג. פאַרפאַלן, מ׳מוז גלייבן אין מזל. מיט אייך האָב איך נאָך קיינמאָל ערנסט ניט גערעדט. כ׳האָב אַמאָל עפּעס אַנדערש געטראַכט וועגן אייך. איצטער טראַכט איך ווידער אַנדערש. איצטער קלער איך, אַז די אַרבעטער דאַרפן האָבן אַן אייגענעם מענטשן וואָס זאָל זייערס אָפּהיטן. איר ווילט עס, כאָטש קיינער האָט אייך נישט געבעטן. כ׳ווייס, איר האָט פון דעם גאָרנישט. דאָס זיינען די לוריאס! איר ווילט, אַז אייער קרובה זאָל אָנ־הייבן ביי מיר אַרבעטן; און איך וויל, קעראָלאַין זאָל גאָר אינגאַנצן אויפהערן אַרבעטן.

— מיר איז ליב, ווען זי דאַרף צו קיינעם נישט אָנקומען. גוט וואָס זי אַרבעט. וואָלט זי נאָר אַרבעטן, און זיין אַ קעמפערקע פאַר אירע שוועסטער וואָס ארבעטן אין די שעפּער, יעמאָלט וואָלט עס מיר נאָך ליבער געווען. קוקט מיך אַזוי נישט אָן . . . אין אייך, מיסטער לעאָנאַרד חלפן, שלאָגן זיך צוויי נאַטורן. איר זייט אַ בעסערער מענטש ווי איר ווייזט זיך אויס.

— בין איך פון די ערגסטע באָסעס, האַ?

— דאָס זאָג איך נישט. ביי אייך איז פאַראַנען אַ שטאַרקער פאַרלאַנג אַרויפצואַרבעטן זיך גרויס; און אויב אַ מענטש האָט עס זיך אַריינגע־

נומען אינזינען, וועט ער גיין אויף דעם וועג. כאָטש היינט פאַרדריסט איך הלמאַי דער דייטשער ייד האָט אַזוי שלעכט גערעדט אויף די רוסישע יידן, אָבער אין האַרצן זייט איר דידאָזיקע רייכע ברידער אונדזערע, די בעל־גאווהדיקע ברידער, מקנא.

— כ׳לערן זיך פון זיי.

— איך זאָג נישט, אַז פון די דייטשע יידן איז נישטאָ וואָס זיך צו לערנען. איך זאָג נאָר, אַז מיר וועלן אויף אונדזער אופן זיי אַניאָגן!

— ווען וויל זי אָנקומען צו מיר אַרבעטן? — האָט לעאָנאַרד קילבלעך אַ פרעג געטאָן, כדי איבערצורייסן דעם שמועס.

— אַפילו מאָרגן.

— פאַרוואָס האָט זי פונקט אויסגעקליבן מיין שאַפּ?

— אייער שאַפּ איז גוט פאַר איר.

— זי איז פון די אויפגעקלערטע?

— יאָ, וועט ניט שאַטן, אויב זי וועט אימעצן אויפקלערן.

— כ׳האָב פאַר דעם קיין מורא נישט. עך, נייטן, נייטן — האָט לעאָנאַרד פלוצלונג געביטן דעם טאָן — איר ווילט דערוויזן, אַז מענטשן מוזן זיין שונאים צווישן זיך. יענע ווילן ווידער באַווייזן, אַז דייטשע יידן זיינען רייך, און רוסישע זיינען אומריין. וואָס וועט פון דעם אַלעמען אַרויסקומען?

— דאָס וועט די צייט באַווייזן. גוט אַזוי, וואָס מענטשן דערקענען איינס ס׳אַנדערע. גוט וואָס ביי די גרינגע וועלקט מען ניט גאָר איינגאַנצן. גוט, וואָס אַ מיסטער חלפן גייט נאָכטאָן דעם מיסטער מאָריץ אַדלער; און גוט, זייער גוט, וואָס יידישע אַרבעטער־פירער ווילן די יידישע אַרבעטער ארויספירן אויף דעם דרך פון די דייטשע. זאָל זי מאָרגן ארויפקומען צו דער אַרבעט?

— יאָ.

— כ׳וויל נישט, זי זאָל אין אַבי־ווי אַ שאַפּ אַרבעטן. דאָ איז אַ סך לופטיקער.

לעאָנאַרד האָט אָנגעקוקט נתנען און גוטמוטיק געשמייכלט. ער האָט מיט אים געוואָלט נאָך אַמאָל אָנציען דעם שמועס וועגן קריינדלען, אָבער נתן האָט אים דערלאַנגט די האַנט און איז ארויסגעגאַנגען.

— די אָסט־יודן זיינען פייגלינגע, שאַנד־און־שפּאָט ברענגען זיי אַהער ... איז דאָס אמת?

דורך לעאָנאַרדס קאָפּ זיינען געקראָכן די מחשבות איינאיינעם מיט מיס־טער מאָריץ אַדלערס רייד. ער האָט אָנגעקוקט די שטומע מאַשינען — ווי ער וואָלט פון זיי געזוכט אַן ענטפער.

עס איז פאַראַן איין מענטש, וואָס וואָלט מיט אים געקענט מיטפילן, און דאָס איז קריינדל לוריא. האָט ער אָבער ביז איצטער ניט געטראָפן דעם וועג צו איר האַרצן. ווי גוט וואָלט אים איצטער געווען, ווען ער קען איר דער־ציילן וואָס ער לעבט איבער, אָבער ער ווייס, אַז זי וועט אים ניט פאַרשטיין.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

זכריה לוריא, מיט אַ שעמעוודיקייט אין פּנים, האָט פּאַר קריינדלען פאַרגעלייענט אַ פּאָר פערזן וואָס ער האָט אין אַן אומעטיקער שעה אָנגעשריבן.

קריינדל האָט פון זיין האַנט אַרויסגענומען דאָס פאַרשריבן זייטל פּאַפּיר און עס געלייענט אַליין אינדערהויך:

די יאַרעלעך לויפן מיטן ווינט,
די טעג באַגראָבן אין זאַמד.
אַוואו איז מיין היים, אַוואו איז מיין לאַנד?
ווי איז מיר, ווי איז מיר, ווינד.

כ׳שטיי פאַרטרויערט און פרעג:
פאַרוואָס איז מיין לעבן אַזוי וויסט?
כ׳וואַלגער זיך דאָ אויפן מיסט.
צי ט׳נעמען צו מיין עלנט אַ ברעג?

— איז דיר טאַקע, זכריה, אַזוי אומעטיק? — האָט קריינדל ווי גאָר צום ערשטן מאָל באַטראַכט איר ברודער.

— דיר איז אויך אומעטיק גענוג, קריינדל. אַלע די, וואָס האָבן דאָ זייער היים נישט געפונען, זיי איז אומעטיק.

— כ׳ ווייס, דיר קומט אָן שווער די אַרבעט אין שאָפּ.

— זעסטו, דאָס נישט. אַרבעט איז פאַר אונדז ניי, און מ׳מעג זיך צוגעוואוינען צו דעם.

— וואָס זשע דען, זכריה, מיינסטו מיט דעם „פאַרוואָס איז מיין לעבן אַזוי וויסט, כ׳וואַלגער זיך דאָ אויפן מיסט״?

— איך שרייב, איך וואַלגער זיך, מיין איך נישט דווקא זיך אַליין. כ׳מיין אַלעמען, סיי די וואָס זיינען שוין געקומען, און סיי די וואָס וועלן נאָך קומען. מיר שרעקט צו זען ווי אַזוי פיל יידן קומען, און ווי אַלע דעפּטשען זיך אויף איין אָרט.

כ׳קלער, זכריה, דו דאַגהסט אומזיסט. די צייט וועט קומען און באַווייזן עפּעס אַנדערש — ווי דאָס איז מיט דניאלן. ער האָט חתונה געהאַט, ער האָט שוין אַ קינד, ער האָט אַ היים. ער טראַכט נישט פון קיין אַנדער היים. ער וואַלגערט זיך נישט אויפן מיסט. נתן אַרבעט. נתן קעמפט דאָ פאַר די אַרבעטער, זיי זאָלן קענען לעבן דאָ אַ גרינגער לעבן, ער טראַכט אויך נישט פון אַן אַנדער היים. אַז הילל וועט אויך חתונה האָבן, אים וועט זיך

איינגעבן צו קריגן אַ אייגן שטיקל ערד דאָ ערגעץ נישט ווייט, וועט עס אויך זיין היללס היים.

— נישט דאָס איז אַלץ. אַ מענטש איז אַ מענטש פאַר זיך אַליין. אָבער אַ מענטש קער זיך נאָך עפּעס אָן מיט אימעצן אויך. איין ייד קער זיך אָן מיט דעם אַנדערן יידן. כל זמן מ'איז געזעסן דאָרטן אַלע אינאיינעם האָט יעדערער געהאַט זיין אייגענע היים. אָבער איצטער, די לויפן אַהער, די לויפן אַהין; מיר זיינען דאָ, יענע זיינען געבליבן דאָרטן. דעריבער איז מיר אומעטיק. און דאָ נאָך, אַז אויב איינעם גייט עס אַוועק גוט, איז אויף זיין חשבון ליידן און וואַלגערן זיך הונדערטער, אפשר טויזנטער. און ווייסט נאָך, קריינדל, וואָס איך טראַכט, אַז דאָ וועלן מיר אַלע, די ערשטע, אויס־שטאַרבן ווי אַמאָל יידן אין דער מדבר, און אונדזערע קינדער, וואָס האָבן קיינמאָל רוסלאַנד נישט געקענט, פון יענע יידן נישט געוואוסט, זיי וועט דאָ זיין גוט. פאַר זיי וועט אַמעריקע זיין זייער לאַנד.

דער שמועס איז פאָרגעקומען ביי דניאלן אין שטוב, וואוהין ביידע זיינען געקומען געוואויר ווערן צו דער קימפּעטאָרן: ליליען־רות האָט מיט מזל געהאַט אַ יינגל. ס'איז געווען שפּעט אין האַרבסט, אויף מאָרגן נאָכן ברית. ליליען און דאָס קינד זיינען שוין געשלאָפן. דניאל איז נאָך געווען אין זיין געשעפט.

זכריה איז די לעצטע צייט צוביסלעך רעדעווודיק געוואָרן. מער פון אַלץ האָט עס זיין שוועסטער געחידושט. זיין באַרעדעוודיקייט האָט זי ווינציקער באַגריפן ווי זיין פריערדיק שטילשווייגן.

— און ווי וועט זיין, זכריה, אַז דו וועסט נאָך אַמאָל ענדיקן דאָקטער, וועסטו האָבן אַ גרויסע פּראַקטיקע, אַ שיינע היים, אַ שיינע, גוטע ווייב, אַט ווי זי למשל — דערביי האָט קריינדל אָנגעוויזן מיט דער האַנט צו דער טיר פון צווייטן צימער.

פון צווייטן צימער האָט זיך דערהערט ליליענס שטים. זי האָט גע־פרעגט, צי אימעצער איז פאַראַן אין שטוב.

ביידע זיינען אויף די שפּיץ פינגער אריין צו דער קימפּעטאָרן אין צימער. הינטער אַ פאַרהאַנגענעם בעט מיט צוויי ליילעכער, און מיט אַ שיר־המעלות צוגעשפּילעט צו איינעם פון די ליילעכער, איז געלעגן ליליען־רות. אַ קליין לעמפּל האָט באַלויכטן דאָס צימער. ליליען, אָן אויסגעבלייכטע, דאָס פּנים פאַרשמעלט, איז געלעגן אַ ביסל אויף אַ זייט, און דאָס עופעלע נעבן איר. דאָס קינד האָט געזויגן איר ברוסט. די רונד־לענגלעכע און ניט קיין שווערע ברוסט האָט בלייך ארויסגעקוואָלן פון דער פאַנאַנדערגעשפּילע־טער, ווייסער העמד. דאָס קינד איז אַלע־ווײַלע אַריינגעפאַלן אין טיפן שלאָף, פאַרגעסן אָן זייגן, כּאָטש מיטן נאָפּל אין מויל, און באַלד האָט דאָס יונגע, הונגעריקע לייב אַ מאָן געטאָן, און די ליפּן, דער גומען און די צונג, האָבן געשלונגען, געשלונגען די ברוסט מיטן מילך אינאיינעם.

אַ ווײַלע זיינען קריינדל און זכריה זייט־ביי־זייט געשטאַנען און גע־קוקט ווי דאָס קינד גראָבט זיך אין דער ליילעכער, מאַמעשער ברוסט.

— ער איז אַ פּרעסערל, מיין זון. ער דאַרף עסן פאַר צווייען, סיי פאַרן יידן און סיי פאַרן קריסט, כאַ־כאַ־כאַ.

ליליען האָט געלאַכט אין זיך, ניט איבערצושלאָגן דעם קינדס זויגן.

— קום אהער, זכריה, זעץ דיך נעבן מיר... גיב מיר דיין האַנט, האָסט די אייגענע הענט ווי דניאל. אַלע האָט איר די אייגענע הענט. הא, קעראַלאַין, ניט דניאל איז מער מענטש פון זיינע ברידער? ער האָט שוין געקענט לאַנג חתונה האָבן, און פון אים זאָל אַ פרוי, אָט ווי איך איצטער, ליגן און געבן זויגן אַ קינד. און דו, קעראַלאַין, מיינסט, דו באַגייסט נישט אַ זינד וואָס דו טריקנסט אַזוי לאַנג? אַ פרוי טאָר נישט טריקענען אַזוי לאַנג. אַ מאַן דאַרף אַ פרוי ניט לאָזן טריקענען אַזוי לאַנג. מיר איז גוט. איך בין מיד, און מיר איז גוט... הא, א פרעסערל וואָס ער איז! אין וועמען איז ער געראָטן, קעראַלאַין?

קריינדל און זכריה האָבן זיך איינגעהערט צו דער גרטעס רייד. ביידן איז הייס געוואָרן פון אירע רייד.

ליליען האָט עס אין זיי דערקענט. איר האָט זיך געגלוסט אַפילו אַ זינדיק טאָן מיט די מחשבות אויף זייער חשבון:

— יאָ, מיינע טייערע, איך זאָג וואָס איך מיין, און וואָס איך פיל. כ׳בין קיינמאָל ניט געווען קיין שעמעוודיקע. האָב געטאָן וואָס מיין האַרץ האָט מיר געהייסן טאָן. האָב אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס מיין האַרץ האָט געפילט. געווען צייטן ווען כ׳האָב מורא געהאַט, אַז איך בין אַ זינד באַגאַנגען קעגן מיינע, קעגן מיין פאָלק און רעליגיע. דאָס איז געווען יעמאָלט, ווען כ׳האָב ס׳ערשטע קינד מיט דניאלן מפיל געווען. אָבער איצטער טראַכט איך אַנ־דערש. מיר געפעלט וואָס נעכטן האָט מען מיין קינד איינגעשניטן זיין לייב, געמאַכט אין אים אַ צייכן, אַז ער איז אַ ייד. ער וועט זיין אַ גוטער ייד. דוד, אַ שיינער נאָמען דוד פאַר אַ יידן. דייוויד לוריא... ער וועט זיין אַ וויכ־טיקער ייד; איך וועל שוין זען. דאָס איז שיין. האָב חתונה, זכריה! האָב דו חתונה, קעראַלאַין... טוט ביידע וואָס איך האָב געטאָן.

קריינדל האָט זיך אַריבערגעבויגן צו דער קימפעטאָרן און האָט מיט די ליפּן אָנגערירט איר שטערן. דערנאָכדעם האָט זי מיט די ליפּן אָנגערירט די ברוסט פון וואָבען דאָס קינד האָט געזויגן.

— זיי געזונט, ליליען! גוד־באַי... כ׳הער, אַז די פרוי איז שוין אַריינגעקומען, קענען מיר שוין גיין. שלאָף געזונטערהייט!

— בויג זיך אַראָפּ צו מיר, זכריה, כ׳וויל דיך אַ קוש טאָן איידער דו גייסט אַוועק.

זכריה האָט זיך אַריבערגעבויגן צו דער קימפעטאָרן, און איר דערלאַנגט זיין פּנים.

— האָב חתונה, זכריה — האָט זי אים געקושט זיינע באַקן — זאָל א פרוי ניט טריקענען צוליב דיר...

אין טיר האָט זיך גאָר באַוויזן ליליען־רותס שוועסטער—ליזאבעט, ממש ווי אַן עלעקטריזירטע האָט זי זיך א ריס געטאָן צו קריינדלען, ארומגעכאַפּט און געדריקט צו זיך:

— אָ, מיין טייערע, פאַרוואָס האָב איך דיך ניט געקענט מיט צוויי, דריי יאָר פריער? איך וואָלט פאַר דיר שוין געהאַט אויסגעזוכט דעם שענסטן חתן, טייערע מיינע. און דיין ברודער — האָט זי אויסגעשטרעקט די האַנט צו זכריהן — אים וואָלט איך וועלן קענען אַ ביסל בעסער, לאָזט ער זיך ניט. האָט ער מורא פאַר אַמעריקאַנער מיידלעך, כאַ־כאַ־כאַ.

די אומדערוואַרטעטע באַגעגעניש האָט זיי ביידן צעטומלט.

קריינדל איז געקומען צו זיך, און געזאָגט:

— מיין פאָטער האָט נאָר איין מיידל מיטגעבראַכט, ווייסט זי נישט וואָס צו טאָן אין אַמעריקע. פאַרוואָס, ליליען, האָט מיך דיין שוועסטער אַזוי ליב?

— אַלץ קומט לאַנגזאַם, מיין טייערע — האָט ליליען מוטערלעך גע־רעדט — מען דערקענט יידן. ביסלעכוויז דערקענט מען זיי. מיין שוועסטער האָט אויך אָנגעהויבן צו דערקענען יידן. גוט וואָס זי האָט אָנגעהויבן פון די לוריאַס. וואָס טוסטו דאָרטן, זכריה?

ליזאַבעט האָט גענומען זכריהן פאַרן האַנט און האָט אים צוגעפירט צו דער קימפעטאָרן.

— ביסט פאַר מיין שוועסטער אַ טייערער ברודער. מעגסט שטיין נעענטער. פאַרוואָס ביסטו אַזאַ שעמעוודיקער?

— זי איז פאַר מיר מער ווי אַ שוועסטער — האָט זכריה געזאָגט — זי איז אַ פריינט, וואָס איז פון יענער זייט האָריזאָנט געקומען. ברידער זוכן דעם וועג ווי צו פאַרפאַלן ווערן איינס פון אַנדערן. אָבער אַזאַ פריינט ווי דיין שוועסטער איז געקומען און געבראַכט מיט זיך אייביקע ליבע.

— דו הערסט, ליליען, וואָס מיסטער לוריאַ זאָגט אויף דיר? — האָט זיך ליזאַבעט געזעצט נעבן דער שוועסטער — כאַ־כאַ־כאַ, דיין קינד איז אינ־גאַנצן יידיש. קיין שפור ניטאָ פון די מוירפיס. כאַ־כאַ־כאַ, ביסט צופרידן, ליליען?

— זאָל מיין דייוויד זיין אַזוי גוט ווי זיינע אַנקלס, וועל איך זיין די גליקלעכסטע מאַמע אויף דער וועלט.

אומגעריכט האָט קריינדל זיך אַראָפּגעבויגן צו דער קימפעטאָרן, אַ קוש געטאָן, און געזאָגט:

— דער פּאַ איז אַליין אין שטוב. איך האָב צוגעזאָגט, אַז איך וועל זיך נישט זאַמען. אפשר ווּעסטו, זכריה, דאָ בלייבן?

אָבער זכריה איז געווען דאַסמאָל צופרידן וואָס קריינדל האָט זיך אָנ־געהויבן גרייטן אהיים.

— וואו איז גליק? — האָט זכריה געפרעגט קריינדלען ווען מען איז אַרויס דרויסן — איז אפשר נתן גערעכט וואָס ער זאָגט, אַז דניאל האָט פון איר ניט געדאַרפט מאַכן קיין יידיש קינד. איצטער איז זי גליקלעך. וואַרט וואַרט ביז איר קינד וועט אויסוואַקסן ווי אַ ייד און וועט זיך דערוויסן, אַז ער האָט געקענט זיין אַ געזונטער אַמעריקאַנער . . .

קריינדל האָט געהערט איר ברודערס רייד. אין האַרצן האָט זי מיט אים מיטגעפילט.

— זאָלסט זיך היטן, און האַלט זיך פונדערווייטנס. פאַר דער ליזאַבעט האָב איך מורא. פונקט ווי איר שוועסטער רות האָט אַ האַרץ פול מיט ליבע צו יידן, האָט ליזאַבעט אַ האַרץ פול מיט גאַל פאַר יידן.

מער האָבן זיי ביזן שטוב ביידע ניט גערעדט. אַרויפקומענדיק צו זיך, האָבן זיי געפונען ישראל לוריאַן ווי ער איז געזעסןביים טיש, דעם קאָפּ אָנגעשפאַרט אויף ביידע הענט. ער האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן, ווי ער וואָלט ניט געהערט, אַז די קינדער זיינען אַריינגעקומען.

קריינדל איז צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער צום פאָטער און שטיל געפרעגט:

— שלאָפסט, טאַטע?

ישראל לוריא האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. מיט רויט־אָנגעוויינטע אויגן האָט ער אָנגעקוקט זיינע קינדער און גאָרניט געזאָגט.

— וואָסי, פּאַ, פילסט זיך נישט גוט? רות האָט דיר געשיקט אַ גרוס. זי בעט, זאָלסט זי קומען זען.

ישראל לוריא האָט מיט דער האַנט געווישט דאָס פּנים, ווי אָפּצואווישן אַ שווערן חלום.

— קוקט זיך נישט איין אויף מיר, קינדער. גייט איך אייער אייגענעם וועג. איר זייט יונג, פאַר אייך וואַרט נאָך דאָס לעבן.

— וואָס האָסטו זיך איינגערעדט, אַז דו ביסט אַלט? פרעג אים, זכריה, וואָס האָט ער זיך איינגערעדט, אַז ער האָט שוין אָפּגעלעבט זיין לעבן?

ישראל לוריא האָט אָפּגעזיפצט, איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַריינגעקוקט אין דער נאַכט אַריין.

— וואָס זוכסטו, טאַטע? — האָט קריינדל אַ צעשראָקענע געפרעגט.

— צי איך ווייס, וואָס איך זוך... מיין אָנגעוואָרענע וועלט וועל איך שוין נישט געפינען. איך טראַכט, וואָס אַזוינס האָב איך געדאַרפט טאָן, און נישט געטאָן? צי האָב איך זיך טאָקע געדאַרפט אַנלייגן אויף די קינדער, אויסקוקן, זיי זאָלן מיך טראָגן אויף די פּלייצעס. צי האָב איך אַזוי שטאַרק גע־זינדיקט? פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ שטראָף? פאַרוואָס האָבן מיך מענטשן איינגערעדט צו פאָרן קיין אַמעריקע, ווען דאָ איז גאָר אַ וואַלד מיט חיות, וואו איינער פרעסט דעם אַנדערן?

די קינדער האָבן זיך דורכגעוואָרפן מיט די בליקן און זיך ניט אָפּגע־רופן. כאָטש ביידע האָבן געוואוסט דעם פאָטערס געמיט, אָבער איצטער זיי־נען זיי גאָר געווען צעטומלט. אַזאַ פאַרלאָרנקייט האָבן זיי אין אים ניט געזען.

— האָט איר עפּעס געהערט פון היללן? — האָט ישראל אָנגעשטעלט די אויגן אויפן צווילינג — פאַרוואָס האָט ער נישט חתונה? וואָס שלעפּט ער זיך אַרום ערגעץ צווישן נישט־יידן? אפשר, ווען ער קומט צוריק, הייבט עפּעס אָן צו טאָן אינאיינעם מיט מיר... איך וועל קראַפּירן, אויב מיר וועט נאָך אויסקומען אָנהאַלטן אַ שאַפּ מיט די חלפנס. איך וויל נישט זיין קיין באַלעבאָס איבער יענעם. איך קען עס נישט, אפשר וואָלסטו, זכריה, גע־בעטן היללן, ער זאָל קומען, און מ׳זאָל עפּעס אינאיינעם... איך האָב אַפילו נישט קיין אַדרעס צו אים.

— איך ווייס דיר, טאַטע, נישט וואָס צו זאָגן. דו ביסט נידערגעשלאָגן, איך פיל אויך אַזוי. געקומען אַהער אַ גרודע געזונטע מענטשן, און דאָ איז מען צעשאָטן געוואָרן.

— ביסט געקומען אַהער אַ יינגל און איצטער ביסטו זעקס און צוואַנציק יאָר אַלט — האָט קריינדל געווישט די טרערן. — די יאָרן זיינען געלאָפן, און מיר האָבן זיך דאָ געוואַלגערט ווי אויף אַ מיסט. איך ווייס, אַז דער טאַטע מיינט אויך נישט, אַז דאָס שטיקל ברויט איז אַלץ וואָס אַ מענטש דאַרף דאָ.

— וועסט, זכריה, אפשר אָנשרייבן היללן...

זכריה און קריינדל האָבן זיך איבערגעקוקט.

— פאַרוואָס ענטפערסטו מיר נישט, זכריה?
זכריה האָט אים אָנגעקוקט און ניט געענטפערט.

ישראל לוריא איז אַריין אין צווייטן צימער. זכריה און קריינדל, פאַר־לאָרענע, זיינען געבליבן זיצן ביט וויסנדיק מיט וואָס צו העלפן זייער פאָטער. די לעצטע צייט טראַכט ישראל לוריא פון היללן מער ווי פון די אַנדערע קינדער.

און הילל?

געווען אַ אומרואיקע נאַכט. יעדעס מאָל האָט איינער דעם אַנדערנס שטילע טריט געהערט אומבלאָנדזשענדיק איבערן צימער. צופיל האָט מען די נאַכט געטראַכט פון דעם ברודער הילל, אויף וועמען דער פאָטער האָט גע־וואָלט אָנהענגען די לעצטע האָפענונג.

און הילל?

* * *

רויט און אָנגעשטרענגט איז די זון אַרויסגעקומען אַהינטער די אָפּגע־זומערטע און געלבלעך־גרויע, אָפּגעשניטענע קוקורוזע און ווייצנפעלדער, אַ ווייל זיך באַהאַלטן אונטער אַן אויסגעצויגענעם, שמאָלן וואָלקן, און פון דאָרטן אין אַ ווײַלע אַרום אַרויסגעקומען שוין העלער און וואַרימער, אָנגע־צונדן די שווערע טוי־טראָפּנס, וואָס זיינען געלעגן אויף די ערשטע, אַראָפּ־געפאַלענע קליאָן־בלעטער הינטער פּילזבעריס שטאָל.

הילל לוריא איז געשטאַנען מיטן פּלייצע צו דער זון, געשפּירט, ווי די זון זויגט אויס די באַגינענדיקע קילקייט וואָס איז אומגעגאַנגען העכער, צווישן זיינע אַקסלען. אין קאָפּ ביי אים זיינען אומגעקראָכן אין קרייז נעכטיקע טעג און פוילע מחשבות.

אַ ווייס־רויטלעכער האָן, הינטער אים דריי ווייסע הינער, איז געקומען צו שפּאַנען מיט זיינע באַפעדערטע פיס, דער צונטער־רויטער קאַם אויף אַ זייט אַראָפּגעהאַנגען. אַנקומענדיק אַנטקעגן היללס שווערע, אָנגעשטיוולטע פיס, איז דער האָן געבליבן שטיין, אויפגעהייטערט זיינע פליגל, פאַרריסן דעם קאָפּ, אַרויסגעלאָזן אַ צעצויגענעם קוקו—רעקו—ראָאָ אַנטקעגן דער זון, און אָנגעהויבן פאַנאַנדערגראַבלען מיט זיינע באַפּעדערטע פיס אַ פרישע, געל־רונדיק בערגעלע פערדיש מיסט. פון פאַנאַנדערגערירטן מיסט האָבן אַ שיין געטאָן ניט קיין פאַרדייעטע האָבער־קערנער. דער האָן האָט די קערנער מיטן שנאָבל אַרויסגעפּיקט פון מיסט אַרויס, און דערלאַנגט צו זיינע הינער.

היללס מחשבות זיינען אויף אַ ווייל שטיין געבליבן אין אַ קרייז. אין סאַמע מיטן האָט פאַרן דמיון זיך אַרויסגעטיילט מיסיס פּילזבערי, און נעכטי־קער אָוונט דאָ הינטער דער שטאָל.

פאַר די ניין יאָר אין לאַנד האָט דאָ הילל דריי זומערן אָפּגעזומערט. צוויי זומערן איינאיינעם מיט טאַראַס ראַזומנין. פאַר די זומערס וואָס ער איז ביי די פּילזבעריס ניט געווען, איז ער שווערער געוואָרן, און מיסטער גבריאל פּילזבערי איז אויך שווערער געוואָרן. קיין קינדער זיינען נאָך אַלץ ביי די פּילזבעריס ניט געווען. אויף איר איז עס קענטיק. אַ טרוקנקייט האָט זיך פאַרקליבן אין איר פּנים, כאָטש איר גוף איז רונדער געוואָרן. ס'האָט אויס־געזען ווי אין בלאָנדן, און באַזוניקטן פּנים האָט זיך אַריינגעקליבן דאָס קאַלטע פייער, וואָס פאַרצערט פון אינעווייניק די קליאָן־ און דעמב־בלעטער סוף

זומער. מיסטער פילזבערי איז מיט אַ טאָג צוריק געפאָרן קיין ניו־יאָרק זוכן אַ סוחר פאַר זיין פּאַרק. און שוין אויפן וואָגן זיצנדיק האָט היללן אַ זאָג געטאָן: „זיי נישט קיין נאַר, קריך נישט זוכן עפּעס בעסערס. אויב דו וועסט ביי מיר ווינטערן, וועל איך זען, וואָס כ׳קען טאָן פאַר דיר."

אַז דער האָן האָט פאַר יעדער הון באַזאָרגט צו עטלעכע קערנדלעך, האָט ער ווידער פאַררייסן דעם קאָפּ, פאַרמאַכט די אויגן, און אַ קריי געטאָן. ווען דער האָן האָט צוריק זיינע אויגן אויפגעעפנט, איז נעבן אים געשטאַנען איינע פון די הינער אַזוי נאָענט און אונטערטעניק, און נאָך איידער ער האָט אַרום איר מיטן פליגל אָפּגעצייכענט אַ קרייז, האָט זי פאַרמאַכט די אויגן, זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער פייכטער און באַמיסטיקטער ערד, מיט אַ ציטער אונטער די פליגל געוואַרט, ביז דער האָן האָט אויף איר מיט זיין גאַנצן גוף אויפגעשווידערט; נידעריקער האָט זיך איר גוף נאָכגעגעבן, איינאיינעם מיט זיין ליבשאַפט האָט זי זיך אויף דער ערד געשפּרייט.

הילל האָט דערהערט טריט. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס זיינען מיסיס פילזבעריס טריט. אויסער איר איז אויפן פאַרם קיינער ניט געווען. הילל האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, געבליבן אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט פון שטאַל. אים האָט אויסגעוויזן, אַז די שטאַל־וואַנט איז וואַרימער געוואָרן.

מיסיס פילזבערי איז מיט שנעלע טריט אַרויסגעקומען, שאַרף אַ קערעווע געטאָן צו היללס זייט, און געבליבן שטיין עטלעכע טריט אָפּגעטראָטן. האָט אָפּגעמאָסטן היללן פון קאָפּ ביז די פיס, און אַ לאַך געטאָן. דער לאַך איז געווען אַ טרוקענער, ס׳פּנים האָט זיך אין דעם ניט באַטייליקט.

— ווי מיינסטו, מיסטער פילזבערי וועט היינט קומען צוריק? — האָט זי אים מיט אַן ערנסטער מינע אַ פרעג געטאָן.

הילל האָט אומגעווענדט דאָס פּנים צו איר, געוואַרט, זי זאָל אים זאָגן וואָס צו טאָן אויפן פאַרם. אויף איר פראַגע האָט ער ניט געענטפערט.

— איך מיין, ער׳ט היינט נישט באַוויזן צו קומען. איך וויל אים מאַכן אַ סורפּרייז, אויב דו וועסט מיר העלפן.

דערביי איז זי צוגעגאַנגען גאָר נאָענט צו היללן, אַרויפגעקוקט אים גלייך אין פּנים אַריין.

— ביסט הונגעריק, צי דו קענסט אַ ביסל וואַרטן?

— יעס, מיסיס פילזבערי, בין אַ ביסל הונגעריק. ביסט היינט שפּעט געשלאָפן.

— כ׳האָב געוואַרט, זאָלסט אַריינקומען פרעגן, וואָס מיר האָבן היינט צו טאָן. מיסטער פילזבערי האָט דיר געהייסן צעאַקערן דאָס קוקורוזע־פעלד, וועסט עס טאָן מאָרגן. כ׳וויל ניט, זאָלסט שפּאַנען דעם קאַטשענעוואָטן פערד. היינט וויל איך מאַכן אַ סורפּרייז מיסטער פילזבערי.

ביי די רייד האָט זי אים פונאַנדערגעשפּילעט זיין ברוין־געקעסטלט בייקענעם לייבל, פאַנאַנדערגעשפּילעט זיין העמד, און זיך געשפּילט מיט די געדיכטע, שוואַרצע, דראַטיקע האָר אויף זיין ברוסט.

— כ׳האָב געוואוסט, אַז דו האָסט אַ באַוואַקסענע ברוסט. כ׳האָב עס פאַרשטאַנען. מיסטער פילזבעריס ברוסט איז נאַקעט ווי די־אַ ברעט, כאַ־כאַ־כאַ. נישט קיין וואונדער, וואָס כ׳קען פון אים נישט ווערן קיין מאַמע. ברוגלל . . . שווער צו לעבן אויפן פאַרם, אויב דאָס לייב קען נישט זיין ווי

די ערד, וואָס לאָזט זיך צעאַקערן, מ׳זאָל זייען אין איר... ווי אונדזערע קי, ווי די גרויע קליאַטשע, אַפילו ווי די־אָ הינער, ברולל . . .

היללן האָט אַ היץ אַ שלאָג געטאָן אין פּנים, אַרום די קני איז אים שוואַך געוואָרן. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַן ענג־פאַרשפּילעטן, פּורפּור־רויטלעכן, מיט די אייגענע הענט אויסגעשטריקטן סוועטער — אַן אָפּשלאָג פון דער רויטקייט אין איר פּנים. אויף די פיס — פאַנאַנדערגעשפּילעטע שיך אָן זאָקן. פון דער רעכטער זייט איז דאָס בייקענע, ראָז־גרויע קליידל געווען הויך אונטערגעשטעקט, און אָפּגעדעקט דאָס ווייסע אונטערקליידל מיט שפּיצן. דאָס אונטערקליידל האָט אויסגעזען צו ווייס אַנטקעגן דעם פאַרמיסטיקטן גרונט הינטער דער שטאָל.

מיסיס פילזבערי האָט באַמערקט ווי היללס בליקן גייען אום איבערן ווייסן אונטערקלייד, האָט זי זיך איינגעבויגן, מיט דער האַנט אויסגעגלעט די שפּיצן, און ווי צו זיך געזאָגט:

— כ׳האָב אפשר נישט געדאַרפט אָנטאָן אַזאַ ריינע אונטערקלייד ווען איך גיי שלאַכטן אַ חזיר. יאָ, כ׳וויל, זאָלסט מיר העלפן שלאַכטן אַ חזיר. וויל עס מאַכן מיין מאַן אַ סורפּרייז.

היליל האָט ברייט אַ שמייכל געטאָן. זיינע אויגן, וואָס האָבן זיך אָנגע־גאָסן מיט וואַרימקייט, האָבן אומגעבלאַנדזשעט איבער זיין באַלעבאָסטעס קערפּער. אין קאָפּ, ווי אין לייכטן נעפּל, האָט זיך איבערגעמישט זיין לעבן דאָ אויפן פאַרם. זיין שווערע טאָג־טעגלעכע אַרבעט, די פעלדער, לאַנקעס, קי מעלקן, דאָס עסן אין קיך, און מיסטער גבריאל פילזבערי און זיין ווייב, וואָס קיינמאָל האָט הילל ניט געהערט, זיי זאָלן אייגס אויפן אַנדערן אַ שלעכט וואָרט פאַרוואַרפן.

און איצטער — — —

זי האָט נאָך איר רעכטע האַנט ניט צוגענומען פון זיין האַריקער ברוסט, פונקט ווי איר שמאָלע, דינהויטיקע האַנט, האָט פאַרבלאָנדזשעט ביי אים אויפן ברוסט צווישן זיינע שוואַרצע, שטאַרקע האָר. אים פאַלט ניט איין צו נעמען און זיך אָפּרוקן פון וואַנט, אָדער אַראָפּנעמען איר האַנט, און פרעגן וואָס ער באַדאַרף היינט טאָן. אים איז ניט צו פאַרשטיין, פאַרוואָס זיין באַלע־באָסטע איז היינט איינגעפאַלן, ער זאָל איר העלפן שלאַכטן אַ חזיר! ס׳קומען זיך ביי אים אין געדאַנק ניט צונויף, ניט איר פּנים, און ניט אירע הענט מיט דעם פאַרלאַנג, ער זאָל איר העלפן טאָן אַזאַ מגובלדיקע אַרבעט.

— וואַרט, ביז מיסטער פילזבערי וועט קומען, ער וויס ווי אַזוי.

— יאָ, ס׳איז אמת, דאָס איז אַ מאַנס אַרבעט, אָבער דו ביסט דאָך אויך אַזאַ מאַן ווי מיסטער פילזבערי.

— איך בין אַ ייד — האָט היליל אַ שטאַמל געטאָן.

דאָס אַרויסגעזאָגט, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שרעק, ס׳האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן. שוין דעם דריטן זומער וואָס ער אַרבעט ביי די פילזבעריס. אמת, זי האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן צו אים פריינדשאַפט; אָבער דאָס איז ניט געווען אומנאַטירלעך, פונקט ווי מיסטער פילזבערי האָט עס געטאָן. כאָטש זיין באַלעבאָס איז אַוועק אַזש קיין ניו־יאָרק, אָבער . . .

מיסיס פילזבערי האָט אַ שמייכל געטאָן. די אויגן האָבן געגליט, און איר פּנים איז בלאַסער געוואָרן.

— כ'ווייס, אַז דו ביסט אַ ייד. האָסט דאָך מיר שוין אַמאָל דערציילט, אַז דו האָסט נאָך פינף ברידער און אַ שוועסטער. כ'ווייס אַפילו, אַז ביי אייך זיינען פאַראַן צוויי־צווילינגס. אַ גליקלעכע מאַמע געווען אייערע. איך נעם אויף זיך די זינד. כ'ווייס, אַז יידן טאָרן נישט עסן קיין חזיר. דו ביסט דאָך נישט אַזוי רעליגיעז. קום, מירן אויסקלייבן דעם חזיר וואָס מיסטער פילזבערי האָט געדעכנט צו שלאַכטן.

הילל איז געשטאַנען אַ צוגעוואַקסענער צו דער ערד. די זון האָט גע־גאָסן איר וואַרימקייט אויף זיין רעכטער באַק, און געבלענדט דאָס אויג. עס פעלט אים לשון, ער זאָל קענען מיט איר איצטער רעדן. ער פילט אָבער, אַז מיסיס פילזבערי וויל גאָרניט, ער זאָל מיט איר רעדן אַ סך.

— ווילסטו נישט העלפן?

— לאָז עס, ביז מיסטער פילזבערי וועט קומען.

— קענסט ניט זען קיין בלוט... כ'געדענק, כ'האָב דיך געבעטן, זאָלסט פאַר מיר אָפּהאַקן ס'קעפּל ביי אַ הון, האָסטו זיך אויך אויסגעדרייט, און נישט געטאָן.

דערווייל האָט זיך פון שטאָל־בוידעם דערטראָגן דער קאָ־קאָ־דאָק פון אַ הון.

מיסיס פילזבערי האָט זיך אַ רודער געטאָן, אַוועקגענומען איר האַנט פון היללן און זיך איינגעהערט.

— דאָס וועסטו מיר שוין יאָ העלפן! דריי הינער לייגן זיך ערגעץ אויפן בוידעם אין היי. מ'מוז אויסגעפינען זייערע נעסטן. אוודאי, אפשר צוואַנציק אייער ליגן דאָרטן. קום, וועסטו מיר העלפן אַרויפקריכן אויפן בוידעם. ס'וועט זיין שיין, אַז מיר וועלן זיי פּאַקן, אַטאָ־די שלעכטע הינער!

מיסיס פילזבערי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, אַוועק אין שטאָל. הילל איז איר נאָכגעגאַנגען.

— איכל קריכן די ערשטע אויפן לייטער, און דו זאָלסט אַכטונג געבן, כ'זאָל נישט אַראָפּפאַלן.

הילל האָט אַ לאַך געטאָן, ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן אויף דעם. זי האָט געקלעטערט אַרויף אויפן לייטער, און געוואַרט, ביז ער וועט איר נאָכקומען. היללן האָט געשווינדלט פאַר די אויגן. זי האָט געקלעטערט אויפן לייטער, איר געשטאַלט איז פאַר אים אַלץ יינגער און גרינגער געוואָרן.

ווען זי איז אַריין אין טרוקענעם היי, איז זי געבליבן וואַרטן אויף היללן. זי האָט אויסגעשטרעקט צו אים איר האַנט, געוואַרט, ער זאָל איר האַנט אָננעמען. דער זיסער היי־ריח מיט דעם ריח פון טרוקענעם קלעווער האָט דורך די נאָז־לעכער זיך צעגאָסן איבערן גאַנצן לייב. כאָטש כמעט יעדן טאָג איז ער דאָ; אַ סך נעכט איז ער שוין געשלאָפן אין דעם אייגענעם היי, אָבער איצטער רוישט דאָס היי מיט אַזאַ שמעקעדיקן, טרוקענעם גע־רויש, בשעת זיי טרעטן און זינקען אין דעם.

מיסיס פילזבערי האָט זיך אָן עפּעס פאַרטשעפּעט, זי איז אַוועקגע־פאַלן מיט אַ געלעכטער, און אויסגעצויגן די הענט צו אים, ער זאָל זי אויפ־הייבן.

— דו, ראַסקל איינער! זאָגסט, אַז דו שטאַמסט פון יידן. ווער ווייס דאָ וואו ייד, און וואו נישט ייד, כאַ־כאַ־כאַ . . .

אַ הון, וואָס איז געזעסן ערגעץ פֿאַרשטעקט אונטער דער סטרעכע, האָט זיך איבערגעשראָקן, זיך אַרויסגעריסן, און איז מיט אַ קאָ־קאָ־קאָקאָ־דאָק אַראָפּגעפֿלויגן פֿון בוידים.

— האַ, וואָס האָב איך דיר געזאָגט, דאָ זייַנען זיי! וווּ מיר ס'אָרט וואו דו שלאָפֿסט . . . אָטאָ־דאָ, וואו דאָס היי איז אייַנגעפּרעסט, שלאָפֿסטו, האַ! ווי טוסטו, אַז ס'איז קאַלט בייַנאַכט? קענסט זיך דערוואַרימען מיט דעם היי? האַ, טרוקענע היי, דער ריח שיכורט, און ברענגט אויף זינדיקע מחשבות. דו ביסט אַ ייִד, זאָגסטו, ווילסט מיט מיר נישט גיין דאָרטן בלוט פֿאַרגיסן, האַ, דו ראַסקל איינער! אָבער אַ מאַן ביסטו, אַ שטאַרקערער פֿון מיסטער פּילזבערי . . .

א שאַר מיט דער האַנט, און זי האָט פֿאַנאַנדערגעשפּילעט איר סוועטער, אַ ריס געטאָן אויף אַרויף ס'אונטערלייַבל, אַראָפּגעפּליקט פֿון זיך דאָס אונ־טערקליידל, און איידער הילל האָט צייט געהאַט צו באַנעמען וואָס זי טוט, ווי איינע וואָס שפּרינגט אַ נאַקעטע אין וואַסער אַריין, האָט זי קאָפּ אַראָפּ זיך אַ טוק געטאָן און איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אין שמעקעדיקן היי.

אַ ווײַלע איז הילל געשטאַנען שטיל, ביז צו די קני אין היי, געקוקט צום אָרט, וואו זי, א נאַקעטע, איז פֿאַרשוואונדן. זי האָט דעם אָטעם אייַנגעהאַלטן. אַ ווייַלע האָט אים אויסגעוויזן, ווי אונטער דעם היי צעוואַקסט זיך איר נאַקע־טער גוף; אָט גרייכן שוין אירע פֿיס ביז צו דער וואַנט, באַלד וועט זי מיט איר גוף דערגרייכן ס'אָרט וואו ער שטייט . . . און אָט, דוכט אים, זי ווערט אונטערן היי אַלץ קלענער, און קלענער; ווען ער זאָל וועלן זי איצטער אויפֿ־זוכן, וואָלט ער עס בשום אופֿן ניט געקענט.

ער האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן, אפֿשר וואָלט גלייכער געווען, ווען ער נעמט שטיל און גנבעט זיך אַראָפּ פֿון בוידים, אויסמיידן די געפֿאַר וואָס רוקט זיך אויף אים. ווער ווייס, דער מאַן קען זיך דערוויסן, אָדער ער קען נעמען פֿלוצלונג און אָנקומען, וועט כאַפּן זיין ביקס, דערשיסן זיי ביידן, ווי ער שיסט פֿעלד־הינט אָדער האָזן!

מיט אַמאָל האָט מיסיס פּילזבערי אַ לויכט געטאָן פֿאַר די אויגן מיט איר נאַקעטקייט! איז אויפֿגעשפּרונגען, אין אירע אָרעמס אַ בונט היי; מיטן בונט היי איז זי היללן אַנטקעגן געלאָפֿן, אַרויפֿגעוואָרפֿן זיך אויף אים, און ביידע זייַנען אַוועקגעפֿאַלן. ביידע האָבן זיך אין טרוקענעם היי געוויקלט, ווי צוויי וואַסער־לייבן אין ים. דאָס היי האָט געווירבלט, געראָשט און געכוואַליעט. אָט איז זי אויבן און ער אונטן; דאָס טרוקענע היי וויקלט זיי איין, רוישט שיכור און זיס.

פֿון אונטערן היי, וואָס האָט זיך אויף אַ ווײַלע אייַנגעשטילט, האָט זיך דורכגעריסן איר שטים. זי האָט געלאַכט און געוויינט, ווי געבעטן, מ'זאָל זי ראַטעווען פֿון אַ סכנה. אַ פֿאַרלאָרענע אין איר רוישיקער תאוה. ביז ס'איז גאָר אינגאַנצן שטיל געוואָרן.

שפּעטער איז הילל אַרויסגעקראָכן פֿון אונטערן היי אַליין, האָט זיך אַרומגעקוקט, אויפֿגעהויבן, געשמעקט איר צעריסן קליידל, און איז שטיל אַראָפּגעקראָכן פֿון בוידים. ער האָט אייַנגעשפּאַנט דאָס קאַשטענעוואַטע פֿערד אין אַקער, אוועק פֿאַנאַנדערצואַקערן דאָס אָפּגעזומערטע קוקרוזע־פֿעלד, וואָס איז פֿאַרלאָפֿן הינטערן שטאַל צו מזרח־זייט.

מיט אַ שעה שפּעטער איז מיסיס פּילזבערי אַרויסגעקומען צו היללן אין פעלד. מיט זיכערע, געמאָסטענע טריט איז זי אים אַנגעקומען אַנטקעגן, ווי צו פאַרשטעלן אים דעם וועג. הילל האָט איינגעהאַלטן ס׳פערד, געוואַרט, זי זאָל אָנהייבן רעדן.

איר פּנים איז געווען רואיק, אָבער בלאַס. די בלויע אויגן העלער, מיט אַ לייכטן גרין אין זיי. די זון האָט אויףביידן געלויכטן. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גרין קלייד, הויך פאַרשפּילעט. שיך־און־זאָקן אויף די פיס.

— ביסט גאָרנישט הונגעריק? — האָט זי מיט אַ געטריישאַפט אין שטים, רואיק געפרעגט.

— נאָך נישט — האָט ער געענטפערט, און די אויגן געהאַלטן צו דער אויפגעאַקערטער בראָזנע.

— זיי ניט קיין קינד, קום אין שטוב, כ׳האָב דיר צוגעגרייט פרישטיק.

— ווען מיינסטו וועט מיסטער פּילזבערי קומען?

— כ׳וויס נישט; היינט פאַרנאַכט, אָדער מאָרגן.

הילל האָט זי באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס. ער האָט געוואָלט אין איר דערקענען די פריערדיקע באַלעבאָסטע זיינע, וואָס האָט מיט אַמאָל פון זיך אַראָפּגעשליידערט אַלע חרפּות, זיך איבערגעגעבן אין פייער פון איר ליידנשאַפט. קיין שפּור איז פון יענער ניט געבליבן. פאַר אים איז געשטאַנען די געטרייע ווייב פון זיין באָס, וואָס פאַרשטייט די חכמה פון אַרבעט, און ניט צו ווערן פאַרפוילט. ער האָט חשק געהאַט איר זאָגן אַ פּאָר גוטע ווערטער, אָבער ער קען עס איצטער ביי זיך ניט פּועלן. „מאָלע וואָס אַ מענטש טוט אָפּ אין אַ שעה ווען אים באַפאַלן זינדיקע געפילן״ — טוט ער אַ טראַכט. אים קומען פאַרן געדאַנק צוויי מענטשן: זיין באַלעבאָס און מינע הורוויטש. מינע איז שוין כמעט זיין כלה. אויך זי האָט אין אים אַ פּאָר מאָל אויפגעוועקט „זינדיקע״ געפילן. אין געדאַנק שטעלט ער אַנידער זייט־ביי־זייט די יידישע מינע הורוויטש, און די־אַ מיסיס פּילזבערי. ער קוקט איצטער אָן זיין באַלעבאָסטע, און אַ געפיל פון דרך ארץ וועקט זיך ביי אים.

— ביסט אַ ביסל דערשראָקן — האָט זי געגומען ביי אים די בייטש און מיטן בייטש־שטעקל אָנגערירט די פייכטע, צעאַקערטע ערד — מיר זיינען דאָ היינט אַליין. אַ שטאָט־מענטש קען עס באַטראַכטן פאַר אַ זינד, אָבער נישט אַ מענטש, וואָס אַקערט די ערד, וואָס פירט די קו צום בוהאַי, די קליאַטשע — צום אָבער, כאַ־כאַ־כאַ.

זי האָט גערעדט רואיק, און מיט אַ קלינגענדיקער שטים. איר פּנים, וואָס איז מיט אַ ווײַלע צוריק געווען בלאַס, ווי דאָס בלוט וואָלט פון דעם אַרויסגערונען, איז ראָז געוואָרן. פאַרשוואונדן דער פריערדיקער פּורפּור־רויט פון די באַקן.

— קום, וועלן מירביידע עסן. כ׳האָב געוואַרט אויף דיר.

הילל האָט אויסגעשפּאַנט דאָס פערד פון אַקער, אָפּגעלאָזן עס פריי, און זייט־ביי־זייט געגאַנגען מיט דער מיסיס פּילזבערי. אַ גאַנצן וועג צום שטוב האָבן זיי קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

שוין ביים עסן, ווען זי האָט די ערשטע לעפל קאַשע מיט מילך אַראָפּ־געשלונגען, האָט זי צו אים אויפגעהויבן די אויגן, און געזאָגט:

— ס'איז פון מיר געווען נישט גוט, דיך צו בעטן, זאָלסט מיר העלפן שלאַכטן אַ חזיר. ס'איז נישט קיין ווייבערשע אַרבעט. ווען אַפּילו מיין מאַן, נאָכדעם ווי ער דערלאַנגט דעם חזיר איבערן קאָפּ, ער זאָל אָוועקפּאַלן, און שטעכט אים אַריין צווישן די פאָדערשטע פיס אין האַרצן אַריין דאָס מעסער, איז נישט מיינע ביזנעס אונטערצוהאַלטן אַ בעקן, דאָס בלוט אויפצונעמען. כ'וועל עס טאָקע מער נישט טאָן.

הילל האָט אויף דעם ניט געענטפערט. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָבן זיי ביידע אַ ווײַלע געגעסן.

ווען זי איז אויפגעשטאַנען, צוגענומען די אויסגעליידיקטע טעלער, און האָט געבראַכט קאַווע פאַר אים און פאַר זיך, האָט זי רואיק, געשעפטלעך געזאָגט:

— כ'וועל איבעררעדן מיט מיסטער פילזבערי, ער זאָל דיך אָפּשטעלן אויפן ווינטער. אָן דיר זיינען די ווינטערס געווען זייער אומעטיקע.

— כ'וועל אפשר היינטיקן ווינטער חתונה האָבן — האָט הילל ווי פאַר זיך געזאָגט, און ניט אויפגעהויבן די אויגן צו איר.

— אָ, יעס, קלייבסט זיך גאָר חתונה האָבן! — האָט איר שטים אַ ציטער געטאָן.

הילל האָט צו איר אויפגעהויבן זיינע אויגן, שווייגנדיק זי אָנגעקוקט. ער האָט זיך געטראָפן מיט אירע בליקן. זי האָט אויפגעהויבן דאָס טעפּעלע קאַווע, און ניט דערטראָגן צום מויל.

גאַנץ רואיק האָט זי אים אַ פרעג געטאָן:

— און ווי, אויב איך וועל פון דיר געבערן אַ קינד?

הילל'ן איז דאָס בלוט געקומען אין פּנים אַריין. ער האָט גוטמוטיק געשמייכלט.

— כ'ווייס, מיין מאַן איז שולדיק וואָס איך האָב נישט קיין קינד. — האָט זי ווי פריער, רואיק גערעדט — כ'שפּיר עס אין מיין בלוט. אין מיר איז נישט קיין מניעה. יאָ, פון דיר קען איך האָבן אַ קינד. מיין מאַן איז אַ בלאָנ־דער, איך — מיט גרין־בלויע אויגן. מיין קינד וועט געבערן ווערן אָט אַזוי ווי דו.

הילל האָט אָנידערגעשטעלט די קאַווע, און איז בלאַס געוואָרן. ער האָט זיך ניט געריכט, אַז דאָס וועט זי נעמען און אים זאָגן. הילל האָט זיך ניט דערשראָקן. אַ געפיל פון ערנסטן אחריות האָט אים ארומגעכאַפּט צו דער־דאָזיקער פרוי, וואָס איז אים מיט אַמאָל נאָך פרעמדער געוואָרן. ער פּרוווט זיך דערמאָנען וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען אויפן בוידים אין די היי. אַ שטורעם־ווינט איז זיי ביידן באַפאַלן, געטראָגן צווישן הימל און ערד אין אַ וועלט, וואו אַלץ ווערט פאַרגעסן, ניטאָ קיין פליכטן, ניטאָ קיין חשבון. און איצטער נעמט די פרוי, וואָס האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָן אַלץ פאַרגעסן — זי דערמאָנט אים גאָר!

— וואָס האָט זי געפרעגט? . . .

אַ ווײַלע האָט ער זי אָנגעקוקט, האָט זיך אָנגענומען מיט כּוח, און געפרעגט:

— ווילסט, כ'זאָל זיין דער פאָטער פון קינד?

— אָ, דאָס וועלן מיר שוין שפּעטער זען. איצטער וויל איך פון דיר, זאָלסט אויפן ווינטער פון דאַנען ניט אַוועקפאָרן.

— ווי, אויב מיסטער פּילזבערי דאַרף מיך נישט האָבן?

— איך דאַרף דיך האָבן.

זי האָט אים אַ ווייל אָנגעקוקט, און שטיל געפרעגט:

— איך האָב ליב דעם מיסטער פּילזבערי. כ׳וויל אים נישט אָפּנאַרן הינטער זיינע פּלייצעס.

— לאָמיר איצטער מער פון דעם נישט רעדן.

מיסיס פּילזבערי האָט זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ, אַריבערגעגאַנגען צו היללן, אַרומגענומען זיין קאָפּ, מיט הונגעריקע, הייסע ליפּן זיך איינגעגעסן אין זיינע ליפּן. דערנאָכדעם איז זי מיט זיכערע טריט ארויס פון שטוב.

אין אָוונט איז מיסטער פּילזבערי געקומען אַהיים. הילל איז נאָך געווען אין פעלד ווען זיין באַלעבאָס איז אָנגעקומען. שפּעטער ווי זיין שטייגער, איז דאָסמאָל הילל געבליבן אין פעלד. מיסטער פּילזבערי האָט זיך געחידושט ווי הילל האָט באַוויזן פאַר איין טאָג אַזויפיל פעלד פאַנאַנדעראַקערן. ער האָט אויך באַמערקט, ווי זיין אַרבעטער איז שטאַרק אומעטיק.

— מיסיס פּילזבערי זאָגט מיר, אַז דו בענקסט שוין ווידער קיין ניו־יאָרק. אויב דו האָסט חשק, בלייב דעם ווינטער מיט אונדז. כ׳וועל זיך דורכריידן מיט מיסיס פּילזבערי. זי וועט אויך ניט האָבן קעגן דעם, זאָלסט דאָ ווינטערן. יעס, מיסיס פּילזבערי האָט געהייסן, זאָלסט אַריינקומען, דיין סאַפּער וועט קאַלט ווערן.

הילל האָט אויף דעם גאָרניט געענטפערט. ער איז ניט געגאַנגען אין שטוב אַריין עסן. אָנשטאָט דעם איז ער אַרויף אויפן בוידים אין די היי. געווען שוין שטאָק־פינצטער, ווען ער איז אַרויף אויפן בוידים. ער האָט געשנאָפּט מיט דער נאָז, געוואָלט אויסשפּירן דאָס אָרט וואו אינדערפרי האָט אים דער שטורעם אַוועקגעריסן.

— וואָס איז געווען מיט מיר? — האָט ער געצויגן אין זיך דעם ריח פון טרוקענעם היי — און וואָס מיינט עס, וויל זי טאַקע ניט, כ׳זאָל פון דאַנען אַוועק? האָט זי עס אים געהייסן?

אַ רגע ווערט אים גרינגער אויפן האַרצן. זי אַליין וויל פון אים פּטור ווערן. „אפשר טוט זי ס׳אייגענע מיט אַנדערע אַרבעטער אויך?“ — פאַלט אים איין אַ געדאַנק. אָבער אין אַ רגע אַרום פאַרדריסט אים, הלמאַי ער איז חושד.

ער האָט זיך געגראָבן אַלץ טיפער און טיפער אין היי, אַנטשלאָפן ווערן און אין אַלץ פאַרגעסן, אָבער וואָס טיפער ער האָט זיך אַריינגעגראָבן אין היי אַריין, אַלץ וואַכער איז ער געוואָרן. צומאָל קומט אים פאַרן דמיון זיין ברודער דניאל און לילי׳ען־רות. ער פּרואווט די צוויי ווייבער אַוועקשטעלן אין דמיון איינס נעבן אַנדערן.

מיט אַמאָל קומט מינע הורוויטש פאַר די אויגן. זי, די געזונטע, די פּוכיקע, ברייט־פּנימדיקע און הייסע מינע, וואָס וואַרט אויף אים טאָג־אויף־טאָג, ער זאָל שוין קומען און חתונה האָבן! און אָט איז ווידער די מיסיס פּילזבערי! ער גראָבט זיך טיף אין היי, און זי — נאָך אים . . .

אינדערפרי איז מיסיס פילזבערי געקומען צו אים אין שטאַל בעת ער האָט געמאָלקן די קי:

— פאַרוואָס ביסטו נעכטן נישט אַריינגעקומען עסן סאַפּער?

הילל האָט זיך צוגעהערט צום געדויש פון די מילך־שנירעלעך אין שעפל, און ניט אויפגעהויבן די אויגן צו איר. ער האָט געשפּירט אירע בליקן, וואָס פאַלן אויף זיינע הענט.

— כ׳האָב געמאַכט פאַר דיר אַ געלעגער אין שטוב, און דו . . . ענדיק מעלקן און קום אַריין, פרישטיק וואַרט אויף דיר.

מער האָט זי גאָרניט געזאָגט, איז אַוועק צוריק אין שטוב.

ווען הילל איז געזעסן ביים טיש אין קיך און געגעסן זיין פרישטיק, איז מיסטער פילזבערי אַריינגעקומען, אַנידערגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל, און געזאָגט:

— כ׳האָב איבערגערעדט מיט מיסיס פילזבערי. מיר ווילן דיך לאָזן צוריק קיין ניו־יאָרק. מיסיס פילזבערי מיינט, מיר ווילן דעם ווינטער קענען אויסקומען אַליין ווי פאַראַיאָרן. פרילינגצו, סט׳האָבן חשק . . . מירן אויף דיר וואַרטן.

דעם אייגענעם פאַרנאַכט האָט הילל, מיטן פּעקל אויף אַ שטעקן, זיך אַוועק־געלאָזן פון פילזבעריס פאַרם. קאָפּ־און־האַלדז פאַרויס, אַהין, וואו ניו־יאָרק איז געלעגן. וואָס וויטער ער האָט געלאָזן הינטער זיך דעם פאַרם, אַלץ גריב־גער זיינען געוועזן זיינע טריט. אַלץ בולטער זיינען זייניקע אַרויסגעקומען פאַרן דמיון.

תחילת האָט ער געשפּאַנט קרעפטיק און מונטער. אָבער, ווי נאָר דער פילזבערי פאַרם איז פון די אויגן אינגאַנצן פאַרשוואונדן, איז אים מיט אַמאָל אַ מידקייט באַפאַלן. ער האָט זיך קוים דערקליבן צו אַ קליאָן־בוים ביים זייט פון אימעצנס אַ פעלד, מיט די צווייגן צום האַרבסט. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דר׳ערד זיך אָנגעשפּאַרט מיטן עלנבויגן אָן זיין פּעקל, געהערט ווי איינציקווייז רייסן זיך אָפּ די האַרבסט־בלעטער פון די צווייגן און פאַלן צו דער ערד.

פאַרן דמיון איז אים אַלץ קלערער אַרויסגעשוואומען דאָס צופרידענע, געזונט פּנים פון מינע הורוויטש, און די חן־גריבעלעך אין די באַקן. ער האָט אויפגעהויבן אַ בלאַט פון דער ערד און באַטראַכט די אָדערלעך וואָס שפּרייטן זיך איבערן בלאַט.

— אַזויפיל לעבן נאָך אין בלאַט, און פאַלט שוין אַזוי באַצייטנס פון בוים אַראָפּ . . .

טרערן האָבן אַ ברי געטאָן די אויגן.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

ישראל לוריא און זיין ייִנגסטער זון, זכריה,ביידע באַלאָדענע מיט ניי־מאַשינען אויף די פּלייצעס, האָבן געשפּאַנט זייט־ביי־זייט מיט איסט־בראָדוויי, געדרעפּטשעט דעם שוואַרצגעוואָרענעם, אין דער פרילינגזון אָפּגעווייכטן שניי. דרך אגב, האָט מען זיך דורכגעוואָרפן מיט ווערטער, אָנגערירט נאָנטע, בלוטיקע וואונדן.

— מיר איז נאָר אַ חידוש ווי מענטשן פאַלן דאָ נישט אין מיטן גאַס. — האָט ישראל גערעדט אין שוואַרצן שניי אַריין.

כאָטש זכריה האָט געוואוסט וואוהין זיין פאָטער צילט מיט די ווערטער, האָט ער פונדעסטוועגן געפרעגט:

— וואָס מיינסטו מיט דעם, טאַטע?

— אַז עפּעס אַנדערש ווערט מען נישט, אַז רק פון דיר קומט אָפּ, קומט אָפּ, און קומט נישט צו, וואָס־זשע איז דער תכלית פון גאַנצן לעבן?

זכריה, מיט די אויגן אין שוואַרצן שניי, האָט כמעט ווי פאַר זיך גערעדט:

— נישט אַלע קלערן אַזוי. אָט זעסטו, סטראַיען דאָרטן יידן עפּעס אַ שולכל צום דאַוונען. יענע יידן מסתמא האָבן שוין פאַרגעסן פונוואַנען זיי זיינען געקומען.

— גאָט וועט אין היגע שולן נישט וואוינען.

— דאָרטן, מיינסטו, האָט גאָט געוואוינט אין יידישע שולן?

— דאָ זע איך נישט דעם תכלית, צוליב וועלכן אַ מענטש זאָל אַוועקגעבן זיין גאַנץ לעבן.

זכריה האָט געשוויגן. די לעצטע חדשים האָט זכריה אָנגעהויבן זיך צו דערנענטערן צום פאָטער. דאָס איז געשען נאָך דעם ווי קריינדל האָט זיך גוט אויסגעוויינט פאַר זכריהן, געבעטן, ער, דער איינציקער, זאָל כאָטש זיין אַ שטיקל אָנלען פאַרן פאָטער, וואָס גייט ממש איין. ס'איז געבליבן, זכריה, אינאיינעם מיטן פאָטער, זאָלן אַריינגעמען אין שטוב אַריין ניי־מאַשינען, קריגן „פון דרויסן" אַרבעט. כאָטש קריינדל האָט ניט גע־וואָלט האָבן קיין שאַפּ אין שטוב, איז זי געווען גליקלעך וואָס זכריה האָט איינגעשטימט אַרויסצוהעלפן דעם פאָטער. די ניי־מאַשינען האָבן זיי געטראָגן פון די שעפּער וואו ביידע האָבן די לעצטע צייט געאַרבעט ביי נייען הייזן. איצטער האָט מען זיך געקליבן איבערצוגיין צוריק צו דער סאַמע ערשטער פּראָפעסיע — צו העמדער־נייען.

ווען זיי האָבן איבערגעשניטן קאַנעל און אַריין אין לודלאָו סטריט, האָט זכריה אביסל אויסגעגלייכט די פּלייצע, אַרויפגעקוקט צום פאָטער, און מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— אפשר פּאַסט עס נישט פאַר מיר צו זאָגן. די גלייכסטע זאַך, טאַטע, וואָלט געווען, ווען דו נעמסט און האָסט נאָך אַמאָל חתונה.

ישראל איז שיער אונטער דער ניי־מאַשין ניט אוועקגעפאַלן. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט איין האַנט פֿון זכריהן, און מיט דער אַנדערער פֿאַר דער ברוסט.

— וואָס אי, טאַטע?! — האָט זכריה זיך דערשראָקן.

— גאָרנישט, גאָרנישט, מיין זון. כ׳האָב אפשר נישט געדאַרפֿט מיט דיר אָנהייבן דעם גאַנצן שמועס.

מער האָבן זיי ניט גערעדט.

אַרויפֿקומענדיק אויפֿן דריטן שטאָק, אויף לודלאָו סטריט, וואו ישראל לוריא האָט געלעבט, און דאָס יתומהלע, די רויטהאָריקע רבקהלע, איז ישראלן אַנטקעגן געלאָפֿן, האָט ישראל לוריא, מיט דער מאַשין אויף דער פּלייצע, זיך אויסגעגלייכט, און געזאָגט ווי פֿאַר זיך אַליין:

—אַ מענטש איז נישט קיין שטיין. שטאַרקער פֿון קיין שטיין איז ער אויך נישט.

אין שטוב איז קריינדל ניט געווען. זי האָט געאַרבעט ביי ציגאַרן. אויף דער שטוב און אויף רבקהלען האָט די אַלטע פֿייגע־חנה אַכטונג געגעבן.

ווען ישראל לוריא האָט די משא פֿון פּלייצע אַראָפּגענומען, האָט ער דאָס קינד אויפֿגעהויבן, אַריינגעקוקט אין די ליכטיקע, ברוינע אויגן אַריין, און געזאָגט אויף זכריהס זייט:

— אַ מענטש טאָר נישט זינדיקן מיט זיינע רייד. כ׳האָב געהערט וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. ס׳חידושט מיך...

— פֿאַרוואָס, מחמת אַ קינד זאָגט עס דיר?

— בכלל, ווייס איך דיר ניט וואָס צו ענטפֿערן אויף דעם.

אַ ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן. מ׳האָט זיך פֿאַרנומען מיטן איינשטעלן די ניי־מאַשינען ביי די פֿענצטער.

— איר׳ט שוין מסתמא בלייבן אין שטוב אַ ווײַלע. כ׳וועל זיך אַרויס־כאַפּן איינקויפֿן. כ׳וועל די קליינע אויך אַרויסנעמען דרויסן. די זון וואַ־רימט דרויסן, זאָגט מען, גאָר אַ מחיה.

פֿייגע־חנה מיטן קינד זיינען אַרויסגעגאַנגען. ביידע מענער האָבן זיך אַנידערגעזעצט און אַ צייט געשוויגן.

זכריה האָט אויפֿגעהויבן די אויגן צום פֿאָטער, און מיט אַ פֿאַרשעמט־קייט אין פּנים געזאָגט:

— האָסט אַ טבע אַרומצוגיין און זיפֿצן. מעגסט זיך אַמאָל צונויפֿריידן מיט אַ קינד. מיר זיינען אַלע דערוואַקסענע קינדער. טאָרסט נישט זיין אַליין. די קינדער וועט אַ סך גרינגער ווערן, אויב דו וועסט נעמען און חתונה האָבן. דאַרפֿסט עס צוליב קריינדלען טאָן.

תחילת האָבן זכריהס רייד ישראלן געקריצט אין אויער: „ווי קומט עס, אַן אייגן קינד זאָל אַזוי רעדן צו אַ טאַטן!“ — האָט ישראל געטראַכט, און געזוכט אַ חשד אין זונס רייד. מחמת גיכער האָט ער דאָס געקענט דערוואַרטן אַמאָל פֿון קריינדלען, אָבער ניט פֿון זכריהן. אָבער שפּעטער, ווען זכריה האָט דערמאָנט קריינדלס נאָמען, האָט ישראל אַליין געוואָלט עפּעס מער הערן פֿון זיין זון.

ישראל האָט לאַנג ניט געדאַרפֿט וואַרטן.

— כ׳האָב וועגן דעם, טאַטע, שוין לאַנג געטראַכט. איצטער, אַז כ׳האָב

איינגעשטימט אוועקצוגיין פון שאָפּ און אינאיינעם מיט דיר... איכל דיר העלפן אַרויפאַרבעטן אַ קליינעם שאָפּ! דאָס וואָס איך האָב אַמאָל נישט געוואָלט טאָן. קוק מיך נישט אַזוי אָן, טאַטע. מוזט זיך שטעלן אויף די פיס!

ישראל לוריא איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט אויף דעם ניט געענטפערט. אַ סך, גאָר אַ סך האָט ער איצטער געקענט זאָגן זיין זון, ווען ער אַליין וואָלט אַזוי יונג געווען; ווען ער וואָלט בכלל געקענט נעמען און אַראָפּרעדן פון האַרצן וואָס ער פילט. ער וואָלט דעם זון איצטער דערציילט, אַז אַ ניי לעבן האָט זיך באמת פאַר אים אָנגעהויבן דאָ אין לאַנד יעמאָלט, ווען ריוועטשע איז אים ווי אַ שטיק ליכט אויפגעגאַנגען אין פינצטערן שאָפּ, וואו ער האָט אַמאָל העמדער געניית. ריוועטשע האָט זיין פּלייצע אויסגעגלייכט. זי האָט פאַר אים אַפּגעדעקט דעם זינען פון לעבן, דעם זינען פון אָפּזיצן פופצן שעה ביי דער ניי־מאַשין, כדי צו קענען ברענגען איינמאָל אין אַ פאַר וואָכן די שכירות צו דער איבערגעגעבענער ריוועטשען, וואָס האָט געהאַט פרייד אין איר לייב, יוגנט אין איר בלוט. אַ קוואַל פון געזאַנג, וואָס האָט אין אים אויפגעוועקט די איינגעשלאָפענע יוגנטלעכע כוחות. זי האָט אים באַלויכטן די דלד אָמות וואו ער איז געשטאַנען, און וואו ער איז געגאַנגען. קיין שום זאַך איז אים יעמאָלט ניט שווער געווען. נאָך ריוועטשעס טויט... גיי, דערצייל עס אַן אייגן קינד!

זכריה האָט אָנגעקוקט ישראלן. ער האָט באַגריפן וואָס ביים פאָטער קומט איצטער פאָר אין האַרצן.

— כ'וועל אַריבערגיין צו די חלפנס אין שאָפּ — האָט זיך ישראל פלוצלונג אויפגעהויבן — וועל זיך מיט אים דורכריידן.

ישראל איז מיט שנעלע און דראָבנע טריט אַרויס פון שטוב, ווי ער וואָלט פון אימעצן אַנטלויפן.

זכריה האָט אים נאָכגעקוקט. אים האָט ניט פאַרדראָסן הלמאַי ער האָט דעם פאָטער אַזאַ אומגעריכטן רודער געטאָן. ער האָט איינגעשטעלט די ניי־מאַשין, און זיך אַנידערגעזעצט אַרבעטן. אַ פאָר פעקלעך צוגעשניטענע העמדער האָט ישראל נאָך מיט אַ טאָג פריער געבראַכט. אים האָט אָנגעהויבן צו חידושן וואָס דער פאָטער, אַנשטאָט אָן ענטפער, האָט ניט גענומען און אַ ביסל אַ ריר געטאָן זיינע, זכריהס וואונדן! אפשר דערפאַר, וואָס זכריהס לעבן האָט צערודערט אַ ניט־יידיש מיידל, ליזאַבעט, וואָס האָט אים באַוויזן וואָס פאַר אַ בלוט אונטערן קאַלטן צלמל זידט. זי, ליליענס שוועסטער, וואָס האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ חתונה האָבן מיט אַ יידן, דווקא מיט אַ לוריא, איז ניט ווי איר שוועסטער ליליען־רות, וואָס האָט זיך מגייר געווען און דניאלן נאָך געמאַכט פאַר אַ פרימערן יידן ווי ער איז געווען. ליזאַבעט האָט אין זכריהן אויפגעוועקט זיין פאַרשלאָפענע יוגנט, און געשטעלט צווישן זיך און אים דאָס זילבערנע צלמל. שמד. דווקא איבערגיין צום קאַטוילישן גלויבן וויל זי פון אים.

— ליליען־רות וועט נאָך אַמאָל באַשטראָפט ווערן פאַר איר אָפּזאָגן זיך פון איר גלויבן. אַז דו וועסט זיך שמדן, וועסטו אויסקויפן אירע זינד. וועט עס זיין גלייך־אויף־גלייך.

דאָס האָט אים ליזאַבעט געזאָגט גאָר צום לעצטן מאָל ווען ער האָט זי ביי דניאלן באַגעגנט.

— אוודאי האָט איצטער דער טאַטע ניט געקענט נעמען און הייסן חתונה האָבן. אפשר איז דער טאַטע צוליב דעם אַזוי אַנטלאָפן פון שטוב — טוט זכריה אַ טראַכט.

אין שטוב איז אַריינגעקומען מינע הורוויטש. זי האָט געפרעגט, צי הילל איז נישטאָ. געפינענדיק זכריהן אַליין אין שטוב, האָט איר גאַר ס'לשון אָפּגענומען.

זכריה איז צופרידן געווען וואָס מינע הורוויטש איז איצטער אַרייַנ־געקומען. אים איז אויך דאָס בלוט געקומען אין פּנים אַריין. ער האָט זיך אומגעדרייט צו מינען מיטן פּנים, געוואַרט, ביז זי איז צו אים צוגעגאַנגען, און דערלאַנגט איר האַנט.

—הילל האָט געזאָגט, אַז ער וועט דאָ היינט זיין — האָט זי מיט אָנגעצונדענע באַקן אַראָפּגעקוקט צו זכריהן.

פון דער מינע הורוויטש האָט געשלאָגן מיט צאַפּלדיקע כוחות. אין קעלער מיט איריקע, וואו זי האָט געלעבט און אַלץ נאָך געבאַקן בייגל, אַנטקעגן געקומען דעם פּאַטערס פּאַרדינסטן ביי זיין סטאָלעריי, אין יענעם האַלב־פינצטערן, פּאַרדומפּענעם קעלער האָט איר לעבן געבליט, און פון איר האָט געשמעקט מיט צייטיקע פעלדער, אַלץ צוליב דער ליבע צו היללן, וואָס האָט איר פאַרשאַפט אַ סך צער. ווען הילל איז אויף ווינטער געקומען קיין ניו־יאָרק פון פאַרם וואו ער האָט געאַרבעט, האָט ער מיט זיך דעם ריח פון פעלד מיטגעבראַכט.

מינע איז געבליבן שטיין נעבן זכריהן, געקוקט צו זיינע הענט, געקוקט צום אָרט וואו די מאַשין־נאָדל מיטן ווייסן פאָדים איז געבליבן שטיל. מיט איר זייט האָט מינע אָנגערירט זכריהס אַקסל.

— אַזוי, ווי הילל האָט פיינט שניידעריי! — האָט מינע אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זכריהס אַקסל — ער איז געךעכט. אַז ער קומט פון פאַרם, כאָטש ער פּראַצעוועט דאָרטן גענוג שווער, איז ער פונדעסטוועגן שטאַרק ווי אַ בער, כאַ־כאַ־כאַ.

זכריה האָט אַראָפּגענומען איר האַנט פון זיין אַקסל און אַרויפגעקוקט אין אירע בלויע אויגן. ער האָט געוואָלט פון אירע אויגן אַרויסלייענען ווי שטאַרק זי האָט ליב היללן.

איצטער, בעת זי האָט דערמאָנט היללן, איז זי געוואָרן אומעטיק. אין די באַקן האָט זיך דאָס בלוט אויסגעלאָשן.

— וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן? — האָט מינע צוריק אָנידערגעלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסל — דיין ברודער האָט מיר אָפּגעטאָן אַ כישוף. כ'האָב שוין לאַנג געקענט האָבן חתונה. האָבן אָן אייגענע היים, ווען נישט הילל. כ'האָב אים ליב. וואָס־זשע קומט אַרויס, אויב זומער נעמט ער און גייט אַוועק, מיך לאָזט ער אַליין. ער וויל, דער טאַטע זאָל אַוועקוואַרפן די שטאָט; מיר אַלע זאָלן אינאיינעם אַוועק לעבן אויפן דאָרף. איך האָב מורא אַוועק פון אייגענע. דאָ זיינען יידן אַרום, און דאָרטן . . . הילל דערציילט, אַז מ'זעט דאָרטן נישט קיין יידישן דאָרפסמענטשן פאַר קיין רפואה. ער דערציילט, אַז די דאָרפישע מענטשן זיינען דאָ גוטע. כאַ־כאַ־כאַ . . . ער דערציילט מיר, ווי די באַלעבאַסטע, וואו ער האָט זומער געאַרבעט, איז גוט צו אים. כאַ־כאַ־כאַ . . .

זכריהן איז געוואָרן אומעטיק פון מינעס רייד. אָגב, זעט ער מינען צום ערשטן מאָל אַזאַ אומעטיקע. אים חידושט, צי האָט זי דאָ טאַקע געזאָלט באַגעגענען היללן, אָדער זי איז גלאַט אַזוי אַריינגעקומען אַראָפּרעדן פון האַרצן איר פּאַרדראָס.

דערווייל איז הילל אַריינגעקומען.

— העללאָ, דאָ ביסטו טאַקע! — האָט הילל זיך אַ לאָז געטאָן צו מינען — דו, שיקסע מיינע! דיר איז אומעטיק געוואָרן, ווילסט נישט באַקן מער קיין בייגל, זאָגט מען מיר!

הילל האָט אַ נעם געטאָן מינען, און ווי מ׳הייבט אויף אַ בונט היי אויפן גאָפּל, אַזוי האָט ער זי אַ הייב געטאָן און אַרויפגעזעצט אויפן אַקסל.

— זעסט, זכריה, אַזאַ גרויסע מויד, און וויינען קען זי ווי אַ מיידעלע פון דריי יאָר. זי וויל מיך פאַרבראָקן אין אַ פאַרדומפּענעם קעלער. דאָרטן וועלן מיר אָנהייבן צו קינדלען, כאַ־כאַ־כאַ . . . און איך וויל זי אַרויספירן אין דער פרייער אַמעריקע, אונטער בלויע הימלען, אויף אַ גוטער ערד, אַ געבערקע אַ ערד! ס׳אי נאָך אַ גליק, וואָס דער ניו־יאָרקער קעלער האָט דיך נישט אויפגעפרעסן, וואָס דו ביסט נאָך . . .

הילל האָט מינען אַנידערגעלייגט אויפן געלעגער, אָן דער מינדסטער חרפּה פאַרן ברודער, האָט ער מינעס ברוסט פונאַנדערגעשפּילעט, מיט די ליפּן זיך איינגעגעסן אין איר לייב.

— האָ, זכריה, ווי נעם איך זי שוין אַוועק פון ניו־יאָרק! כ׳מוז מיט איר חתונה האָבן. אַז נישט, וועלן מיר ביידע האָבן אַ וויסט לעבן.

הילל האָט היימיש צוריק פאַרשפּילעט מינעס בלוזע, האָט זי אַנידער־געזעצט אויפן בעט, און געדריקט צו זיין ברוסט איר קאָפּ.

— פאַרוואָס האָט איר נישט חתונה? — האָט זכריה רואיק געפרעגט

— אַז מ׳האָט זיך אַזוי ליב!

מינע האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און מיט דער האַנט אויסגעווישט די טרערן.

— זי איז מיך חושד — האָט הילל געזייט די ווערטער — זי גלייבט מיר נישט, אַז כ׳האָב זי ליב. זי מיינט, כ׳האָב אימעצן אַנדערש אויפן פאַרם.

— ס׳איז נישט אמת, הילל! — האָט מינע זיך קינדיש געברוגזט — כ׳האָב דאָס קיינמאָל נישט געזאָגט.

— נו, טראַכסטו פון דעם.

— פאַרוואָס זאָל איך נישט טראַכטן, הילל? אַז דו קענסט מיך לאָזן אויף אַ גאַנצן זומער, כ׳זאָל דאָ טריקענען אין ניו־יאָרק!

— וואָס זאָל איך טאָן, אויב אַליין קען איך נישט באַוויזן צו קויפן אַ שטיקל לאַנד! און דו ווילסט גאָר פון ניו־יאָרק נישט אַוועק, וואָס־זשע קען איך טאָן? דאַרפסט מיך נישט חושד זיין, אַז כ׳האָב אימעצן אַנדערש ליב.

— זאָג מיר, זכריה, קענסטו אים נישט איבעררעדן, געבן אים צו פאַר־שטיין, אַז דאָ אין שטאָט שטעלן זיך אָפּ די יידן, וואָס קומען אַריבער. דאָ מאַכן יידן אַ היים. אינאיינעם וועט מען נישט פאַרפאַלן ווערן. דאָרטן ערגעץ, מ׳עט לעבן ווי פּויערים, מ׳עט האָבן קינדער, וועלן זיי ווערן גוים. איך זאָג עס שטענדיק היללן.

— ביי מיר איז רעכט חתונה צו האָבן אַפילו היינט!

— ניין, הילל. דאָס וועסטו ביי מיר נישט אויספירן. כ'ווייס וואָס נאָך דער חתונה קען זיין. אויב דו וועסט זיך פילן אומגליקלעך אין ניו־יאָרק, וועל איך כסדר טראַכטן, אַז צוליב מיר ביסטו אומגליקלעך. וואָס מיינסטו. חתונה האָבן, ווערן אַ מאַמע, און . . . דאָס איז אַלץ וואָס איך וויל? דאָ אין אַמעריקע וויל עס קיין שום יונג מיידל נישט טאָן.

אַלע דריי זיינען אַ ווײַלע געזעסן שטיל און אומעטיק. זכריה, וואָס האָט היינט שוין אָנגערירט אַ קראַנקע וואונד ביים פּאָטער, האָט איצטער ניט געהאַט קיין חשק צו פאַרפירן אַ שמועס מיט היללן. ער ווייס, וואָס הילל קען אים אַריינזאָגן. ווען מינע וואָלט אין שטוב ניט געווען, וואָלט זכריה אפשר געזאָגט היללן, ער זאָל זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ זיינע פּאַרמס. ער זאָל טאָן וואָס ער, אָדער נתן טוען. אַרבעטן און שטודירן. ער, הילל, וואָס איז פון רוסלאַנד אַרויסגעפאָרן ניט מיט ווינציקער וויסן ווי נתן, איז דאָ אין זכריהס אויגן שטאַרק פאַרגרעבט געוואָרן. זכריה האָט עס איצטער מורא אָנצורירן.

— וואָס שווייגסטו, זכריה?

מינע איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו זכריהן, אַרומגענומען זיין קאָפּ, און מיט אַ ציטער אין שטים גערעדט:

— כ'ווייס, זכריה, וואָס דו טראַכסט פון מיר. אַ מיידל, קלערסטו, דאַרף זיך נישט דראָפּען אויף די גלייכע ווענט, אויב אַ בחור האָט זי נישט ליב. אַ מיידל דאַרף פאַרשטיין, אַז אויב אַ בחור גיט נישט נאָך אירע פאַרלאַנגען, איז אַ סימן, ער האָט זי נישט ליב . . . אויב אַ בחור קען אַוועק זומער נאָך זומער און זיין געליבטע לאָזן זי זאָל טשיאַכנען, איז אַ סימן, ער האָט זי נישט ליב! און אַז איך טראַכט, אַז ער האָט דאָרטן אימעצן אויפן פאַרם, וואו ער איז שוין געווען צום דריטן זומער, קומט מיר אויך גאַרנישט דערפאַר.

מינע, מיט איר אַראָפּרעדן פון האַרצן דעם פאַרדראָס, איז געוואָרן ערנסטער און טריקענער. זי איז פאַר דער קורצער צייט ווי געעלטערט געוואָרן. זי איז אויפגעשטאַנען, אויסגעגלעט אויף זיך אירע מלבושים, פאַרשאַרצט אויף־אַרויף די בלאָנדע האָר, און איז מיט נערוועזע טריט אַרויס פון שטוב.

— וואָס זאָגסטו צו איר? — האָט הילל, אַ דערשלאָגענער, שטיל גע־פרעגט.

— זי איז גערעכט — האָט זכריה געענטפערט. ווי זי רעדט, ביסטו איר אַ סך שולדיק. האָסט זי ליב, כ'ווייס עס.

— כ'לייקן עס נישט. זי איז די גוטסקייט אַליין. געזונט, נישט קיין צעבראָכענער מענטש . . .

— דעריבער זאָג איך, האָב חרטה מיט איר.

— כ'וועל מיט איר נאָר חתונה האָבן, ווען כ'וועל זיין זיכער, אַז זי וועט מיט מיר גיין אויפן לאַנד. כ'האָב עס נישט געקענט אויספירן אין ראַסיי. כ'וויל דאָ נישט פוילן אין שטאָט ווי איר אַלע!

— כ'האָב דיר נישט וואָס אויסצוזעצן, הילל. ביסט פאַר זיך גערעכט. פאַרוואָס אָבער ווילסטו דווקא אַליין, און גייסט נישט אַוועק צו די עם־עולמניקעס? זיי האָבן דאָך ערגעץ נישט ווייט אַ קאָלאָניע!

— כ'וויל זיך מיט קיינעם נישט קהלן. ס'וועט סאַי־ווי פון זייערע

קאַלאַניעס גאַרניט אַרויסקומען. כ'הער, מ'קריגט זיך דאָרטן אַרום. איך ווייס וואָס איך וויל. קיינער וועט מיר נישט איינרעדן. אין שטאָט איז דעם יידנס קבר. אויב זי האָט מיך ליב, וועט זי מיר נאָכגיין וואו איך וויל, וואו איך בין שטאַרק און קען פאַרדינען מיין ברויט.

— ווילסט אין פעלד, צווישן נישט־יידן געבערן קינדער, זיי זאָלן דיר ווערן פרעמד, אונדז אַלעמען פרעמד?

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט הילל זיך צעלאַכט.

— נישטאָ פון וואָס צו לאַכן, הילל. דאָ, אין דער יידישער ענגשאַפט בויט זיך אַ יידישע וועלט.

— די ערד איז מיין פריינט, מיין ווייב, מיינע קינדער, מיין היים, וואָס דאַרף איך מער? איך וועל זיין דער ערשטער. נאָך מיר וועט צוקומען אַ צווייטער, אַ דריטער. אַזוי־אַרום וועלן מיר אויפבויען אַ געזונטן, יידישן ישוב אין פרייען לאַנד. דו מיינסט, אַז דאָ אין ניו־יאָרק איז אַ מענטש פריי, אַ טעות, זכריה! דאָרטן איז אַ מענטש פריי.

— און וואָס וועט זיין, אויב זי וויל נישט גיין ווערן אַ פויערטע?

— האַ, דאָס מיינסטו, זכריה? ווען איך וואָלט נישט האָבן קיין איידל־קייט; ס'האָט געקענט רעכט זיין . . . כ'האָב זי געקאָנט האָבן אין מיינע הענט! אַז כ'נעם זי אַריין אין מיינע אָרעמס, פאַרלירט זי דעם קאָפּ. כ'זאָל וועלן, קען איך מאַכן, זי זאָל מיט מיר חתונה האָבן.

— טו נישט אַזאַ זאַך — האָט זכריה ערנסט, מעשה עלטערער, געוואָרנט דעם ברודער.

— האָב קיין מורא נישט. הילל האָט נאָך זיין קאָפּ נישט פאַרלאָרן. מסתמא וועל איך מיט איר חתונה האָבן. אַ פּאָר יאָר אַרבעטן ערגעץ אין פאַרט. שפּעטער וועלן מיר זען!

— טו איר נישט אָן קיין צער. זי האָט דיך ליב.

— דאַרפסט מיך ניט לערנען ווי ליב צו האָבן. הלוואי וואָלסטו ניט אַרומגעגאַנגען אַ מילכיקער איבער ניו־יאָרקער גאַסן.

אין דער אייגענער צייט איז אָנגעקומען ישראל מיט אַ פּאַק צוגעשניטענע העמדער אויפן פּלייצע.

ביידע זין זיינען אים אַנטקעגן געגאַנגען, געהאָלפן אַראָפּנעמען די משא פון זיין פּלייצע.

— וואָס טוסטו עפּעס דאָ, הילל? האָסט געוואוסט, אַז מיר הייבן צוריק אָן עפּעס צו טאָן ביי זיך אין שטוב?

— הלוואי זאָל עס זיין אין אַ גוטער שעה, טאַטע! — האָט הילל געמונ־טערט ישראלן — אפשר וועל איך חתונה האָבן, און זיך זעצן זייט־ביי־זייט דאָ מיט אייך, ווערן אָן אָפּערייטער . . .

ישראל האָט אָנגעקוקט היללן, געפּאַרשט, צי ער מיינט עס ערנסט.

— באַווייז מיר, זכריה, ווי מ'שטעפּט. ס'איז אַזוי שווער ווי צו אַקערן?

— טו דיר שוין דיין זאַך, מיין זון — האָט ישראל זיך אַנידערגעזעצט ביי דער מאַשין.

ישראל און זכריה האָבן זיך אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס צום שטוב, דאָס האָבן אָנגעהויבן די ניי־מאַשינען ווי געניטע שניידער.

הילל איז געשטאַנען הינטער זיי, געשפּירט ווי דער דיל וויגט זיך אונ־טער זיינע פיס.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

— געוואָרט, געוואָרט, און זיך פּאָרט דערוואָרט. ווערסט ביי אים האָבן א ליכטיקע דאָליע, טאָכטער מיינע...

אַזוי האָט די איינגעטריקנטע נעבעך חלפן געריכט צו זיך, ווען אירע הענט האָבן געגלעט מלכהס אויסשטייער, וואָס מ'האָט נאָך פון ראַסיי מיט־גענומען. טישטעכער און האַנטעכער פון היימישן לייוונט, קישנס און אַ פּערענע פון היימיש־געפליקטע פעדערן, סאַמאָראָ־גער פוך! באַשר אין אַמעריקע, האָט מען געשמועסט, קריגט מען ניט קיין גוט שטיקל לייוונט. אין אַמעריקע ווייסט מען ניט פון אַ היימיש ביסל פוך.

— געוואָרט, געוואָרט, און זיך פּאָרט דערוואָרט... — האָט בשעת מעשה נעבעך חלפן געטענהט צו מלכה'ן, וואָס האָט דער מאַמען געהאָלפן איבער־שיטן די קישן אין פרישע איינשיטן.

אין אמתן, האָט סיי די מאַמע און סיי מלכה עפּעס אַנדערש געטראַכט:

— געוואָרט, געוואָרט, און זיך נישט דערוואָרט!

דעריבער האָבן מאַמע און טאָכטער געהאַט אַזוי ווינציק פון וואָס צו רעדן, בשעת מ'האָט פון די קישנס איבערגעשאָטן דעם פוך אין פרישע איינשיטן.

דער בחור, מיט וועמען מלכה חלפן האָט זיך געקליבן חתונה האָבן, איז מיט עטלעכע חדשים צוריק געקומען פון רוסלאַנד. „מ'האָט אים אויס־געשריבן פון ראַסיי פאַר מלכהס־וועגן...״ אַ ווייטער קרוב, אַ זילבערמאַן, דוד זילבערמאַן, וואָס האָט אינדערהיים זיך געשניטן צו ווערן אַ רב, און דאָ, מיט חלפנס הילף, איז ער גאָר אין אַ קורצער צייט געוואָרן אַ באָס איבער אַ פּאָר צענדליק גרינע פּאָר הענט. דוד זילבערמאַן, וואָס ד'האָט ליב געהאַט, מלכה זאָל אים רופן „דייוויד״, האָט געוואוסט, אַז מלכה האָט געוואָרט, און זיך ניט דערוואָרט אויף נתן לוריאַן. מלכה אַליין האָט אים דערציילט. „וואָס געוועזן איז געוועזן...״ — האָט מלכה אַ פאַרטראַכטע יעמאָלט גערעדט צו איר דייווידן, בשעת די אויגן האָבן געקוקט אינדערוויט — „אַמעריקע איז נישט ראַסיי. דאָ לויפט אַ מיידל נישט נאָך דעם בחור. דאָ האָט אַ מיידל אירע אייגענע פּראָוועס...״

כאָטש מלכה האָט אויך געוואוסט, אַז סיי אין ראַסיי און סיי אין דער פרייער אַמעריקע, האָט א מיידל ניט קיין „פּראָוו״ איבער אירע אייגענע גע־פילן, איבער איר אייגן האַרץ. די דראָבנע נעבעך, וואָס איז, דוכט זיך, מיט איר לייב־און־לעבן געוועזן איינגעטונקט אין דעם ווייסן פוך, וואָס מ'האָט אַזש פון ראַסיי מיטגעבראַכט, איז נאָכגעגאַנגען דער טאָכטערס מחשבות. באַשר די מאַמע ד'האָט געוואוסט, אַז די טאָכטער איז מיט אַ פּאָר טעג צוריק

געגאַנגען צו די לוריאַס, זיי פאַרבעטן אויף דער חתונה, און, אַגב, זיך באַ־געגנט מיט נתנען. זיי זיינען איינמאָל אַפילו אינאיינעם געגאַנגען אין יידישן טעאַטער אויף דער בויערי.

נעכע האָט זיך אויסגעהיט אַנצוהייבן מיט מלכהן אַ שמועס וועגן די לוריאַס. זי האָט ניט געקענט באַנעמען ווי אַזוי איר קלוגע טאָכטער זאָל אויף אירס נאָכגעבן. אָבער איצטער, ביים צוגרייטן דעם אויסשטייער, זיינען צו לאַנג דער מאַמעס און דער טאָכטערס אויגן געווען אין די איינשיטן.

ווען נעכע האָט אירע אויגן אויפגעהויבן, אַריבערגעקוקט צו מלכהן, האָט זי באַמערקט ווי ביי מלכהן קוועלן די טרערן פון די אויגן, און מיט שווערע טראָפּנס ־ פאַלן זיי אין פוך אַריין.

— כ׳האָב געמיינט, ביסט קלוגער. זאָלן שוין בעסער מיינע שונאים וויינען. ניטע, טאָכטער מיינע.

מלכה האָט זיך אויפגעהויבן, אָפּגעפּולעט פון זיך די פעדערן, און איז אַוועק אין צווייטן צימער אַריין.

ווען נעכע זאָל וועלן פרעגן ביי מלכהן: — וואָס פאַר אַ גוט יאָר ס׳האָט זי געטריבן צו האָבן אַ באַגעגעניש מיטן „גרויסהאַלטער״, מיט נתן לוריאַן, וואָלט מלכה קיין ענטפער אויף דעם ניט געהאַט. מלכה איז פשוט און פראָסט אַוועק צו נתנען אַהיים, ווי אין גאָר די גוטע צייטן האָט זי געשמייכלט, אים אַרומגענומען און געקושט בשעת ער איז קעגן איר אויפגעשטאַנען. ס׳איז געווען אַרום שבועות. באַוואוסט געווען, אַז אין עטלעכע טעג אַרום, שבת נאָך שבועות, וועט מלכה חלפן גיין צו דער חופה.

נתן איז געווען גוט אויפגעלייגט צו איר. ער האָט ניט געוואַרט, זי זאָל אים עפּעס זאָגן. ער אַליין האָט אָנגעהויבן פון עיקר ענין:

— דאָ איז אַמעריקע, מילדרעד — האָט נתן געהאַלטן איר שמאָלע האַנט — צוליב דעם אַליין ד׳האָט געלוינט קומען אַהער. אַ מענטש איז דאָ פריי. אַ מענטש איז דאָ אַליין אויף זיך באַס. מיסטער זילבערמאַן מעג וויסן, אַז דו ביסט געגאַנגען צו דיין אַלטן ליובאַוויניק, כאַ־כאַ־כאַ.

פון נתנס מונטערער שטים האָט מלכהן פאַרקלעמט ביים האַרצן. זי האָט אירע טרערן גובר געווען, מיט אַ געמאַכטן שמייכל האָט זי געזאָגט:

— מיינסטו, נייטן, איך ווייס נישט, אַז כ׳לעב אין דער פרייער אַמעריקע? כ׳ווייס, אַז אַ מענטש איז דאָ פריי!

— רעד נישט אַזוי פאַרביטערט, מילדרעד. די לוריאַס און די חלפנס זיינען כמעט אין איין צייט געקומען קיין אַמעריקע. די חלפנס איז אַוועק גוט. מ׳דאַרף גאָר בעסער נישט האָבן. די לוריאַס . . . ווער זיינען די לוריאַס? שלעפּערס, פּראָלעטאַריער משטיינסגעזאָגט.

— מאַך נישט אַוועק די לוריאַס מיט דער האַנט — האָט מלכה בלאָס געשמייכלט — די לוריאַס האָבן זיך נאָר איינגערעדט, אַז זיי זיינען ס׳אויבער־שטע פון שטייסל. דו ביסט . . .

מלכה האָט ניט אַרויסגעזאָגט דאָס איבעריקע. געמיינט האָט זי צו זאָגן, אַז ער, נתן, איז דער גרעסטער בעל גאוה ביי די לוריאַס.

נתן האָט עס פאַרשטאַנען. ער ד׳האָט זיך אויף דעם ניט אָפּגערופן. ער האָט זיך צוגעזעצט נענטער צו איר אויפן בעט, גענומען איר שמאָלע, ניט־

אויסגעהאָרעוועטע האַנט, און באַטראַכט די פינגער. ער האָט גערעדט ווי צו אירע פינגער:

— פאַרשטייסט, מילדרעד, איך האָב כסדר געוואוסט מיין אָרט אין לעבן. אפשר בין איך פאַרפירט, קען איך עס איצטער נישט זאָגן. כ׳האָב פון ערשטן טאָג אָן געזען, אַז אונדזערע יידן וואָס לויפן אַהער פון דער פינצטערער רוסלאַנד, ווערן דאָ אַרבעטער קעגן זייער ווילן, טאָקע נישט מער ווי צו ראַטעווען זיך, פאַרדינען אויפן שטיקל ברויט און דאַך איבערן קאָפּ . . . כ׳האָב גלייך אַרויסגעזען די מיאוסע עקספּלואַטאַציע, ווי מ׳נאָגט דאָ אויס די גריגע. מיט גוטן, צי מיט בייזן, ווערן מיר דאָ אַן אַרבעטער־קלאַס. מיר איז נישט איינגעפאַלן צו טאָן ס׳אייגענע ווי דיין ברודער. לאָמיר זאָגן, ווי לעאָנאַרד, וואָס איז שוין איצטער אַ גאַנצער אַמעריקאַנער מאַנופעקטשורער. זעסט, איך בין געבליבן דער אַרבעטער. געבליבן צווישן די קנעכט. כאָטש קיינער האָט נישט געבעטן, האָב איך זיך איינגעשפּאַנט אַכטונג צו געבן, מ׳זאָל ניט איבערכאַפּן די מאָס. אַ לעאָנאַרד חלפן זאָל באַגרייפן, אַז ער האַלט מענטשן אין שאָפּ, און נישט קיין פערד.

— אוי, ווי האַרט דו ביסט געוואָרן, נייטן! — האָט מלכה אַרויפגעקוקט צו נתנען.

— אָט, זאָגסטו, איך בין האַרט געוואָרן... דאָס איז די מעשה מיל־דרעד. נייטן לוריא וועט מסתמא אַלע יאָרן בלייבן אַ קבצן, און אַ קעמפער. און דו, ווי האָסטו זיך גאָר געקענט איינריידן, אַז דו האָסט אַזאַ־אַ מענטשן ליב?

— וועסט ווערן אַ לאָיער, און וועסט אַ מאָך טאָן מיט דער האַנט אויף דער איסט־סייד.

— מאַכסט אַ טעות, מילדרעד. אויב איך וועל אַמאָל ווערן אַ לאָיער . . . כ׳ווייס אָגב נישט, צי דאָס וועט אַמאָל זיין, וועל איך אַלץ פון דער איסט־סייד ניט אנטלויפן. דערווייל זע איך פאַר זיך ניט קיין אנדער ציל ווי אויסצוקעמפן פאַר די יידישע אַרבעטער ס׳אייגענע וואָס די נישט־יידישע האָבן שוין דאָ אין פרייען לאַנד.

מלכה איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און אויסגעהערט. זי האָט אים יאָ געגלויבט, און ניט געגלויבט. זי האָט ניט געוואָלט גאָר אינגאַנצן בלייבן אָן אַן ענטפער, כאָטש ניט צוליב דעם דאָזיקן שמועס איז זי צו אים געקומען.

— אַן איינרעדעניש, נייטן, אַז אַלץ וועט שוין אָט אַזוי בלייבן, אַז יידן וועלן זיך דאָ ניט אויסרייסן, און . . .

— און ווער וועט ביי די חלפנס אין שאָפּ אַרבעטן? — האָט נתן איבער־געשלאָגן.

— פאַרוואָס דערמאָנסטו מיט אַזויפיל ביטערקייט כסדר די חלפנס, פונקט ווי די חלפנס וואָלטן געווען די ערגסטע אויסוואורפן?!

— כ׳מיין עס נישט, מילדרעד. פאַרקערט, כ׳האַלט, אַז דיין לעאָנאַרד איז אוודאי נישט פון די ערגסטע. נאָר אַז מ׳רעדט, איז גוט צו דערמאָנען פאַר אַ ביישפיל אייגענע, נאָענטע.

— אייגענע, נאָענטע? — האָט זיך מלכה געחידושט — מיר זיינען נאָך קיינמאָל אַזוי ווייט נישט געווען איינס פון אַנדערן.

— סוף־כל־סוף וועט קריינדל אַריינפּאַלן צו די חלפּנס אין משפּחה אַריין.
— קעראַלאַין?!
— וואָס חידושטו עס דיר?
— קעראַלאַין . . . קיינער פאַרשטייט זי נישט.

ביי מלכהן האָבן די אויגן אַ גלי געטאָן. זי איז אויפגעשטאַנען, אָנ־געשפּאַרט איר קאָפּ אויף נרתנס אַקסל, און שטיל, מיט אַ ציטער אין שטים, געבעטן:

— וועסט זיין ביי מיר אויף דער חתונה, נייטן? האַ? ס'איינציקע וואָס כ'בעט ביי דיר. מער ניט ווי צוליב דעם בין איך געקומען. גלויב מיר, נייטן.

מלכה האָט עס ניט באַהאַלטן פון אייגענע. זי האָט באַרעכטיקט איר גיין צו נתנען מיט דעם, וואָס זי איז צו ישראל לוריאן אויך געגאַנגען.

— מ'איז אַמאָל געווען נאָענט. מ'איז אַמאָל געווען אויסגעקניפּט איינס מיטן אַנדערן. אפשר וועט לעאָנאַרד . . .

מלכה האָט טאַקע אויסגעפירט. ס'איז געווען באַשטימט, ישראל לוריא זאָל זיין אונטערפירער פון חתנס צד, וואָס האָט דאָ דערווייל נאָך קיינעם ניט געהאַט. ס'איז ביי ישראלן געווען אַנגעלייגט.

אין אַ ווײלע אַרום איז מלכה צוריק אַריינגעקומען פון צווייטן צימער. די אויגן שטאַרק פאַרוויינט, רויט. זי האָט געקוקט צו דער מוטער, וואָס האָט שוין איבערגעשאָטן דעם פּוך און האָט איצטער פאַרנייט די איינשיטן.

— זיי נישט אין כעס אויף מיר, מאַמע, וואָס איך וויין. מיר בענקט זיך צוריק קיין ראָסיי, דערומעך וויין איך.
— ווּעמען האָסטו דאָרטן?
— טאַקע דערפאַר, וואָס כ'האָב דאָרטן קיינעם נישט, בענקט זיך מיר. נאָך דער חתונה, וועל איך פאָרן געוואויר ווערן ווי דאָרטן זעט אויס.

מלכה איז אַריבערגעגאַנגען צו דער מוטער, זי אַ קוש געטאָן, און געזאָגט:

— האָב נישט קיין יסורים, מאַמע. מיין נישט, כ'בין איינגעליבט אין די לוריאס. כ'האָב זיי קיינמאָל נישט ליב געהאַט. ס'איז געווען אַן אָנשיקע־ניש וואָס מ'האָט זיך אַזוי דערנענטערט. אַן אומגליק פאַר לעאָנאַרדן. ס'האָט געקענט זיין אַן אומגליק פאַר מיר אויך.

— אויב דו מיינסט עס, בין איך אוודאי צופרידן — האָט נעכע אָוועק־געלייגט די נאָדל — דאָ איז שלעכט צו לעבן אין אַרימקייט. ערגער צען מאָל ווי אין ראָסיי. מיט אים וואָלסטו שוין אָפּגעלעבט אין דחקות. כ'זאָג מיר מיינס, אויב אַ מענטש וויל נישט אַריינטאָן קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, כדי צו ווערן אַ מענטש מיט מענטשן צוגלייך . . .
— וואָס מיינסטו, נייטן לוריא איז קיין מענטש נישט?

מ'האָט אַנגעקלאַפּט אין טיר, און, ממש ניט צום גלויבן, קריינדל לוריא איז אַריינגעקומען!

קריינדל איז געקומען ווי אַן אייגענע, מיט אַ סך פרייד אין האַרצן. מיט אַ סך גוטסקייט און קרובהשאַפט. געקומען העלפן, צוגרייטן וואָס מ'דאַרף. געקומען אַ ביסל „פאַנאַנדערדרוקן די ווענט", דער עולם געסט זאָל אַן אָרט געפינען . . ." איז געקומען, אפשר דאַרף מען העלפן אויפהענגען די נייע

פאַרהענגלעך אויף די פענצטער, און דער עיקר — געבן מלכה׳ן צו פילן, אַז אַפילו אין דער „משוגענער אַמעריקע״, וואו יעדער איינער האָט אינזיינען זיך אַליין, האָט מלכה אויך גינציקע פריינט.

ביידע פרויען זיינען איר אַנטקעגן געגאַנגען.

— כאַ־כאַ־כאַ, ווי איר זייט אויסגעטונקט אין פעדערן! ווייכע קישנס, מילדרעד . . . היימישע קישנס . . . הלוואי זאָלסטו, מילדרעד, אין נחת זיי באַנוצן!

מ׳האָט זיך איינמאָל, און צוויי מאָל צעקושט. מ׳האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט קריינדלען. ווי אַ שטיק זון האָט זי זיך איצטער אַריינגעריסן. אַ גוטער סימן איז דאָס בייביידן געווען.

נעכע האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן, און געזאָגט:

— מ׳קען אַמאָל נישט וויסן ווער ס׳איז דיין פריינט, און ווער דיין אומפריינט.

— קריינדל איז שטענדיק געווען אונדזער פריינט — האָט זיך מלכה אָפּגערופן, איז צוגעגאַנגען און אַרומגענומען קריינדלען — קוק מיך נישט אָן אַזוי אין פּנים. כ׳האָב היינט געוויינט. אַ סך געוויינט.

— אינדערהיים ה׳אָבן כלות געוויינט פאַר דער חתונה; מיט וואָס איז דאָ אַנדערש? — האָט נעכע פון זיך אַראָפּגעבלאָזן די פעדערן — ווע[ס]סט דאָך מסתמא דאָ פאַרווײלן. כ׳וועל באַלד אַריינקומען.

ווען נעכע איז אַרויסגעגאַנגען, האָבן ביידע מיידלעך זיך אָנגעקוקט, און אַ צייט געשוויגן.

— יעס, קעראָליין — האָט מלכה זיך אָפּגערופן — כ׳האָב שוין לאַנג אַזויפיל נישט געוויינט ווי נעכטן און היינט. אַז איך האָב געקענט פולען ביי זיך צו גיין באַגעגענען ניטעניען, איז אַ סימן, אַז אַ פרוי האָט אַ שוואַכער האַרץ פון אַ מאַן.

קריינדל האָט געשוויגן. זי האָט ניט געוואוסט, אַז מלכה האָט ערב איר חתונה ביי זיך געפּועלט, גיין צו איר ברודער. קריינדל האָט איצטער אויף דעם זיך ניט געוואָלט אָפּרופן. אַ צו אָפענע וואונד ה׳אָט זי ניט געוואָלט אָנרירן ביי מלכהן. ס׳האָט איר פאַרדראָסן, הלמאי די רייד זיינען גלייך אַרויפגעקומען אויף נתנען. כאָטש זי, קריינדל אַליין, איז איצטער געקומען, אָנצוקניפּן די פעדים וואָס האָבן אַמאָל געהאַלטן די צוויי משפּחות געבונדן. זי אַליין האָט געטראָגן אַהער א מונטער האַרץ און פריילעך פּנים. זי וויל זיך ניט באַטייליקן אין מלכהס איבערלעבונגען, אויב זי קען מלכהן ניט אויפמונטערן, איז גלייכער גאָר אינגאַנצן אפשר אַרויסגיין וואָס פריער.

קריינדל האָט אויפשנעל צונויפגענומען די מחשבות. האָט ניט פאַר־לאָרן איר מוטיקן אויסזען.

— גוט, מילדרעד, וואָס דו האָסט חתונה. דיר וועט זיין גוט. דיר וועט זיך לעבן בעסער ווי אַ סך פון אונדזערע מיידלעך. כ׳האָב אים געזען. כ׳האָב מיט אים גערעדט. ער איז אַזוי שטאַרק ענלעך אויף לעאָנאַרדן! אַ פּראַק־טישער מענטש. ער ווייסט צוליב וואָס ער איז געקומען קיין אַמעריקע. די לוריאַס וועלן זיך נאָך אַמאָל אַרומשלעפּן ווי בעטלער אין אַמעריקע.

די ווערטער ה׳אָבן זיך ביי קריינדלען אויסגענומען. קריינדל פילט, אַז דאָס וואָס זי האָט אַרויסגעזאָגט, איז ניט געווען צו דער זאַך.

קריינדל האָט געמערקט ווי אין מלכהן רודערט עס. מלכה ברעכט זיך, איז שוין אַ פּאָר מאָל געבליבן שטיין מיטן פּנים אין פענצטער, מלכה וועט אַט באַלד זיך פאַנאַנדערוויינען. קריינדל האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי דאָס צו פאַרמיידן. קריינדל האָט מיט איר חוש געשפּירט, אז מלכה, וואָס האָט מיט אַ געוויסן שטאָלץ זיך אויסגעדרייט צו נתנען, געלאָזט, די עלטערן זאָלן פאַר איר אויסשרייבן אַ חתן „פונדערהיים", פון דער אייגענער משפּחה, לעבט איצטער איבער אַ טיפן ווייטיק. ניט צוליב נייגעריקייט איז קריינדל געגאַנגען צו די חלפנס. קריינדלס בלייבן זיצן אַ מיידל אַזוי לאַנג האָט נאָך אויך געהאַט אַ זינען, אויב מ'האָט אין געדאַנק געהאַלטן די צווי משפּחות פאַרבונדן אינאיינעם.

— מילדרעד . . . — איז קריינדל צוגעגאַנגען נענטער, געגלעט מלכהס שמאָלע פּלייצעס — טו נישט דאָס וואָס דיר איז נישט צום האַרצן. בעסער איינמאָל קלאָגן, איידער אַ לעבנלאַנג, מילדרעד!

דאָס האָט מלכהן מיט אַמאָל אונטערגעבראָכן. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט און אָנגעהויבן וויינען אויפן הויכן קול. דאָס וואָס זי האָט ניט געקענט טאָן אין קעגנוואָרט פון דער אייגענער מוטער, האָט זי פריי און אָפן געטאָן פאַר קריינדלען. מלכה האָט באַוויינט איר אייגענע יוגנט, וואָס איז אַכט יאָר ווי אַ שאָטן נאָכגעגאַנגען אַ מענטשן, אַ ווילד־פרעמדן. מלכה האָט געקלאָגט אויפן הויכן קול, גלייך ווי זי וואָלט באַקלאָגן אַ נאָענטן פריינט וואָס איז פאַר דער צייט פון דער וועלט געגאַנגען. איר איז גוט געווען צו וויינען אין קעגנוואָרט פון אַ מענטשן, וואָס ווייס פון איר ביטערן מזל, פון איר ניט־אויסגעשפּילטער ליבע. מלכה וויינט, און איז פול מיט דאַנק צו קריינדלען, וואָס איז געקומען, געגעבן איר אַ געלעגנהייט אַזוי זיך אויסצוואוויינען.

קריינדל איז געשטאַנען נעבן בעט, געהאַלטן איר האַנט אויף מלכהס פּלייצעס, געפילט, ווי מלכהס לעבן קאָרטשעט זיך און שוידערט אויף ווי אין קאַנוואולסן. זי האָט ביי זיך ניט געהאַט קיין איין וואָרט וואָס זאָל פּאַסן, מיט אים אָנצוהייבן און באַרואיקן דאָס מיידל, וואָס האָט איר האַרץ אָנגעוואָרן, נאָכלויפנדיק איר ברודער. בפרט, צייטן זיינען געווען וואָס אויך קריינדל האָט געשאָלטן דעם טאָג, וואָס די חלפנס און די לוריאס האָבן זיך באַגעגנט. און פּונקט ווי מלכה איז ווי אַ שאָטן נאָכגעגאַנגען נתנען, אַזוי גייט דאָך מלכהס ברודער, לעאָנאַרד, ווי אַ שאָטן נאָך קריינדלען.

— ווער ווייס — לויפט קריינדלען דורך אַ מחשבה — אפשר וועל איך נאָך אַזוי ליגן און וויינען אויפן הויכן קול ווען מיין צייט וועט קומען, ווען איך וועל זיך דאַרפן אונטערגעבן, ווען איך וועל שוין ניט האָבן מער וואָס צו פאַרלירן.

מלכה האָט זיך איינגעשטילט. האָט זיך אויפגעזעצט, אָנגעשטעלט ס'פּנים צו קריינדלען. דאָס שמאָלע פּנים איז געווען געל, איינגעשרומפּן. די אויגן — רויט און איינגעזונקען אין קאָפּ. אירע דורכזיכטיקע, בלאָנדע האָר, מאָט מיט פעדערן־שטויב איבערגעמישט.

— קום צו מיר, קעראָלאַין. זעץ זיך נעבן מיר. אַ דאַנק דיר וואָס דו ביסט געקומען. כ'האָב עס געמוזט. הלוואַי וואָלט איך געקענט מיין גאַנץ לעבן אויסוויינען. קען מען דאָס נישט טאָן. איך האָב ליב געהאַט אַ מענטשן

מיטן גאַנצן האַרצן, האָט ער מיך ניט ליב געהאַט. כ'האָב צו אים גאָרניט. מיך פאַרדריסט נאָר, וואָס ער גלויבט מיר ניט, אַז איך וואָלט אים ליב געהאַט אַפילו אין אָרימקייט. יעס, קעראַלאַין, כ'ווייס, האָסט אויך נישט ליב מיין ברודער . . . האַ, וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן, קעראַלאַין?

— וואָס איז ליבע, מילדרעד? — האָט קריינדל שטיל, און מיט אַ ציטער אין שטים, געפרעגט.

— האַ, וואָס מיינסטו, קעראַלאַין?

— דאָרטן איז די ליבע נישט געווען פריי. אַ מיידל איז נישט פריי מיט איר ליבע. איך פרעג, צי מוז מען חתונה האָבן נאָר מיט דעם מענטשן וואָס מ'האָט ליב? מיין טאַטע האָט זיבן קינדער געהאַט מיט אַ פרוי וואָס ער האָט נישט ליב געהאַט.

— אין זיין צווייטער ווייב איז ער געווען פאַרליבט.

— איז זי געשטאָרבן.

— מיינסטו, קעראַלאַין, מיט אמתער ליבע איז מען נישט גליקלעך?

— כ'ווייס נישט, מילדרעד.

— וועסט אויך חתונה האָבן אָן ליבע?

— כ'ווייס ניט, מילדרעד. מיך פאַרדריסט וואָס דו ווײנסט אַזוי. כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, כ'האָב נישט געגלייבט, אַז דו וועסט אַזוי וויינען.

— איינמאָל פאַר אַלע מאָל, קעראַלאַין! וועל מער ניט וויינען. כ'וועל אים זיין אַ געטרייע ווייב. כ'ווינש נאָר דיין ברודער, אַז די סאָציאַליסטקע זיינע זאָל אים זיין אַזוי געטריי.

אויף דעם האָט זיך קריינדל ניט אָפּגערופן. אָגב, איז שוין מער קיין געלעגנהייט ניט געווען צו רעדן. די מוטער איז אַריינגעקומען און מיט אַ צופרידן פּנים דערציילט, אַז זי איז געווען ביי לעאָנאַרדן אין שאַפּ, געוואָלט זען לעאָנאַרדן, בעטן ער זאָל אויף אַ ווײַלע קומען אַהיים, איז ער שטאַרק פאַרנומען.

— נו, פון וואָס האָט איר דאָ ביידע געשמועסט? נישט, אַ געראָטענער איז איר חתן? יעדן איינעם שיקט צו דער וואָס אין הימל זיין זיווג. מיר האָבן די שענסטע כלי־זמרים באַשטעלט. ממש ווי אין ראָסיי . . . מ'וועט טאַנצן ווי אין ראָסיי. באַוויז, מיין קינד, קריינדלען די טישטעכער און די ליילעכער . . . באַוויז, מיין קינד . . . אַזוינס קריגט מען דאָ נישט. ס'איז נאָך פון ראָסיי!

מלכה האָט צוליב געטאָן דער מוטער, געעפנט דעם קאָמאָד, שטום, און שטיל אָנגעהויבן אויסצולייגן איר אויסשטייער פאַר קריינדלען.

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

די „אַנשי אמת וצדק" האָבן זייערס אויסגעפּירט. די דורשטיקע נשמות האָבן זייער בעכער פריידן געקראָגן. די פרייד האָט דעם צעבער אָנגעפילט ביז צו די ראַנדן, און ווען שוין איבער די ראַנדן, האָט פרייד אינאיינעם מיט לייד געשטראָמט.

חנוכּת־הבית. די „אַנשי אמת וצדק" האָבן זייערס אויסגעפּירט: צו ימים נוראים איז די שול פאַרטיק געוואָרן.

— איז מיט ראַסיי טאָקע שוין אַ נעכטיקער טאָג? איז די שול אַ באַוויז?

— ווילט זיך נישט גלויבן, אַז דאָרטן ט׳מען מער קיינמאָל נישט געפונען ס׳אָרט, וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן.

— דאָרטן האָט מען גאָט געדינט. דאָ פאַרגעסט מען אים.

— מיט דער דאָזיקער שול ט׳מען זיך נישט אויסקויפן פאַר היגע זינד.

— ס׳וועלן זיין געגנוג בעלי־בתּים צו קומען אַהער, לערנען אַ בלעטל גמרא.

— זאָגט וואָס איר ווילט, דאָרטן איז געווען קדושה־אין גאָטס הויז, און דאָ . . .

— כ׳מע . . . אַנשי אמת וצדק . . . דער נאָמען פּאַסט זיך נישט. דאָ ערשט האָט מען אויף דעם אַ מאָך געטאָן מיט דער האַנט. יעדערער פאַר זיך, רק פאַר זיך. זאָל דיין ברודער מיטן קאָפּ פאַרלייגן! וואו דיר אמת? וואו דיר צדק?

— איז דאָס טאָקע דערפאַר, וואָס גאָטס הויז איז ביז איצטער נישט געשטאַנען צווישן אונדז.

— צי איז דען דאָ פאַראַן צייט ערלעך צו האַלטן אַ שבת ווי אינדערהיים, אַרויסטאָן זיך פון דאגות־פּרנסה, אײנגאַנצן אָפּגעבן לייב־און־לעבן פאַר שבתדיקער שלוה? ווער פאַר אַ בלעטל גמרא, ווער פאַר אַ פּרק משניות, ווער פאַר אַ שטיקל אַגדה, און ווער פאַר אַ קאַפּיטל תהילים . . .

— פונדעסטוועגן, זעסטו דאָך! בעסער שפּעטער ווי גאָרנישט. בעסער שפּעטער ווי קיינמאָל נישט.

— מיר, שוין ווי מיר. כ׳קלער נאָר, צי וועלן אונדזערע קינדער אַכטונג געבן, די שכינה זאָל אין אַ ווינקל נישט פאַרגיסן קיין טרערן.

— וואו דיר דאָ שכינה? ווער דיר דאָ שכינה? ס׳דוכט זיך מיר, גאָר איבגיכן וועט דער שמש דאַרפן שטיין פאַרן קלויז, אַריינבעטן יידן פון דער גאַס, שלעפּן זיי פאַר די פּאָלעס, כדי זיי מצרף זיין צו אַ מנין . . .

— האָט איר געזען ווי די איירישע גויים זיינען אַנטלאָפן, און איבערגעלאָזן אַ פּאָר לייזיקע קלויסטערס! ווער קען עס קאָווירן, אַז יידן וועלן דאָ אייביק זיצן אין דערדאָזיקער ענגשאַפט? ס׳קען חלילה פון דער שול ווערן אַ קלויסטער!

— צוליב וואָס דאגהן וואָס וועט זיין איבערמאָרגן? איצטער איז די נשמה דורשטיק. איצטער איז אונדזער דאָליע וויסט, זאָל מען וויסן, אַז כאָטש גאָטס ד״הויז האָבן מיר אויפגעריכט. קיינער שענקט עס אונדז נישט. קיינער פאַרוועט עס אונדז נישט צו טאָן. אַן אָרון־קודש, אַ שיינער ווי ביי מיר אין שטעטל! אפשר נאָך אַ שענערער, מיט ספר־תורות וועט ער זיין אָנגעפּיקעוועט. אונדזער ר׳ מרדכי ליפשיץ וועט אויף גאָטס הויז אַכטונג געבן. אָט אַזוי טוט זיך עס ווי ס׳רעדט זיך? וואוהין וועל איך גיין? אוודאי וועל איך געפינען בעסערס. אויף אַלע מיינע יאָרעלעך בין איך דאָ פאַרפּעקלט. מיין האַרץ איז מיר פול אָט ביז אַהער!

ס׳איז געווען אַ וואָך פאַר פּסח אַרום האַלבן טאָג. דאָס לעצטע האָט מיט התלהבות אַרויסגעזאָגט שמחה הורוויטש דער סטאָליער, וואָס האָט מיט אַ סך יראת שמים אין האַרצן געבאַליטורט די טירלעך פון אָרון־קודש. ער מיט זיין זון האָבן געמאַכט די סטאָליערישע אַרבעט אינעווייניק. פאַר זיין טירחה האָט ער גאָרניט גענומען. עטלעכע פון די „אַנשי אמת־וצדק" האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער אַרבעט און זיך צוגעקוקט ווי גאָטס ד״הויז ווערט באַשיינט.

— פאַרן באַלעמער? פאַרן אָרון־קודש? — ...ין קליינִיקייט... וואָס נאָך קען איך באַווייזן אין נייעם לאַנד? — האָט שמחה הורוויטש צוגעגעבן.

די שול פון די „אַנשי אמת וצדק" איז געווען גאַנץ באַשיידן. איין שטאָק. א געמויערטער. צו פיר פענצטער אין די זייטיקע ווענט. צו איין פענצטער פון ביידע זייטן אָרון־קודש אין מיזרח. מיט דינע ברעטלעך האָט מען איבערגעצאַמט א ווענטל אין מערב־זייט פאַר די נשים. א באַשיידענעם טייל האָט מען פאַר זיי אָפּגעגעבן.

ימים נוראים איז ישראל לוריא געווען בעל־תפילה אין אַ פּשוטן מנין. מ׳האָט פון אים געלעקט די פינגער. כאָטש אין שכנישע מנינים האָבן זיך געציקלט אויף זייערע בייקעלכלעך אמתע מנגנים. אויף מאיר הלפנען האָט מען געשמועסט, אַז ער האָט מנדב געווען ביד רחבה. דאַרומעך האָט מען אים אָן קיין שום שהיות געמאַכט פאַר דעם גבאי. „פּרעזידענט" האָט עס געהייסן. מאיר חלפן האָט ד״הנאה געהאַט פון דעם שינוי־השם. די ערשטע טעג פּסח, כאָטש צוויי טעג האָט מען די תורה געלייענט, איז פונדעסטוועגן קאַרגלעך געווען עליות, מ׳זאָל אַלעמען קענען מפצה זיין. דער רב אין זיין דרשה, דעם ערשטן טאָג פּסח, פאַרן אויסנעמען, האָט דעם נאָמען פון שול צעלייגט אויף טעלערלעך. ער האָט מסביר געווען וואָס א מ ת מיינט, און וואָס צ ד ק מיינט. אויף אמת און צדק איז ביז איצטער געשטאַנען די וועלט, און אויף אמת און צדק וועט זי שטיין אין די דורות וואָס וועלן נאָך קומען. מאַכט ניט אויס, צי דאָס איז ראָסיי, צי דאָס איז ס׳נייע לאַנד, וואָס הייסט אַמעריקע.

אמת, די אַפּערייטער, די פּרעסער, וואָס האָבן דאָ געאַרבעט עבודת פּרך, אַלץ צוליבן טאָג־טעגלעכן פּת־לחם; דידאָזיקע, וואָס האָבן אויך אָפּגעשפּאָרט פון זייערע שווער־פאַרהאָרעוועטע „ווײַדזשעס" און מיטגעהאָלפן, אַז גאָטס הויז זאָל אַרויסקומען פון צווישן די הייזער, וואָס נאָר איין גאָט אין הימל ווייסט ווער ס׳האָט זיי דאָ אויפגעשטעלט, דידאָזיקע סאַמאָראָדנע אמת וצדניקעס ד״האָבן שוין אין האַרצן שטאַרק מהרהר געווען, באַשר די מיזרח־שטעט האָט מען שוין איינגעטיילט צו די וואָס דאָ זיינען זיי געוואָרן ס׳אויבער־שטע פון שטייסל. און צו דער תורה האָט מען ביידע טעג פּסח זייערע לייט

אויפגערופן. אמת, מ׳האָט די עליות פאַרקויפט. יעדער איינער, פון אָפּעריי־
טער ביזן פּרעסער, פון פעדלער ביזן קאָנטראַקטער, האָבן געקענט קויפן וואָס
פאַר אַן עליה זייער האַרץ האָט באַגערט; אָבער אַזוי איז אויסגעקומען, וואָס
שלישי האָט באַקומען דער, וואָס ביי אים האָט דער אמת אונטערגעהונקען.
און מפטיר איז אויך אַריינגעפאַלן צו דעם, וואָס צדק האָט ביי אים ניט
גענעכטיקט. צוליב דעם טאָקע, דעם לעצטן טאָג חול־המועד, ביים פאַלירן
דעם אָרון־קודש, ביים פאַרענדיקן די טרעפּלעך צום אָרון־קודש, און ביים צו־
שלאָגן די לעצטע ברעטלעך צום ווענטל וואָס האָט אָפּגעצאַמט די ווייבערשע
שול, זיינען שוין אין גאַנס הויז געפאַלן ווערטער, שטעכיקע ווי תשעה־באָב
בערעלעך.

פונדעסטוועגן איז דער לעצטער טאָג פּסח געווען אַ טאָג, וואָס די פרייד
האָט ביי אַלעמען געגרייכט ביז צו די הימלען. ישראל לוריא האָט אויף אַ וויל
דעם קאָפּ אויפגעהויבן, ווי איבער אים וואָלט די האָפענונג אַ לויכט געטאָן,
און דערמאָנט, אַז לעבן איז נאָך כדאַי.

כאָטש ישראל האָט געהאָפט, אַז ער וועט זיך קענען „באַווייזן פאַר לייטן״,
אין דער נייער שול וועט ער שטיין אַרומגערינגלט מיט אַלע זיינע זין;
לאָזט זיך אויס, אַז מער ווי דניאל, הילל און שלמה זיינען ניט אָנטקעגן געקומען
זיינע געפילן. אויף נתנען האָט זיך ישראל ניט גערעכט, אַז ער וועט קומען
אין שול אַריין. כאָטש ער געהער ניט צו די „אַנאַרכיסטלעך וואָס פאַרשווערן
גאָטס נאָמען.״ נתן איז אַרויסגעטאָן פון דעם אַלעמען. זאָל ער גיין זיין אייגע־
נעם וועג. ווער ווייסט, אפשר, ווען אין ראַסיי, וואָלט ער שוין אויך נישט
געדאַוונט. אָבער אויף זכריהן, האָט זיך ישראל ניט גערעכט, ער זאָל נעמען
און אַזוי אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט אויפן פּסח דווקא ווען מ׳האָט אַן אייגענע
שול דערלעבט. אמת, ישראל האָט אויף זיינס פאַרבויגן. ער האָט אפילו
ניט געפרעגט ביי זכריהן וואו ער איז געווען, ווי ער האָט אים ניט נאָכגע־
קוקט דעם לעצטן יום כיפּור, צי ער האָט געפאַסט, צי ניין. ישראל האָט זיין
ספר־תורה אַוועקגעשענקט צו די „אַנשי אמת וצדק״. געגנוג געווען, זיין האַרץ
זאָל דער ספר־תורה נאָכגיין. נחת האָט ישראל געהאַט פון דניאלן. זיין
ליליען־רות איז געשטאַנען אין שול מיט אַלע פרומע ווייבער. ישראלן האָט
עס זיין האַרץ געוואַרימט. די טרערן האָבן בשעת מעשה ווי מיט אַ טוי
באַדעקט די אויגן, ווען ער האָט פון דניאלן מיט דער גרטע געטראַכט.

— אָבער פאַרוואָס איז ישראל לוריאן פאַרט אַזוי טרויעריק געוואָרן
דווקא יעמאָלט, ווען די אַלע „אַנשי אמת וצדק״ האָבן פון זיך דעם עול פּרנסה
אַראָפּגעוואָרפן, גאַר די פרייד פון סאַמע דעק אויסגעסקראַבעט, לחיים גע־
נומען, און געהאָפקעט אַרום באַלעמער אין דער נייער שול?

עטלעכע מאָל האָבן לאַנדסלייט אים געזוכט, פון אַ ווינקל אַרויסגע־
שלעפּט, ער זאָל זיך משמח זיין. צו דער תורה האָט מען אים אויפגערופן ווי
עס פּאַסט פאַר אים, ווי ער אַליין וואָלט אַ רייכער קאָנטראַקטער געווען.
דאָס האָט דניאל אַזוי געוואָלט. ער האָט דעם „מתן־בסתר״ געגעבן, ישראל
לוריא זאָל אפילו ניט וויסן וואָס דער שלישי וועט אָנטרעפן. ישראל האָט
דעם טלית אַראָפּגערוקט איבערן פּנים בעת די ברכה מאַכן. דער בעל־
קריאה האָט אויף גיך אָפּגעווישט אַ טרער, וואָס איז פון ישראלס אויגן
אַראָפּגעפאַלן און זיך צעגאָסן איבערן פאַרמעט.

ישראלן זיינען אויפן זינען געקומען זיינע אייגענע קינדער, און אשר, וואָס אינדערהיים האָט ער זיך געשניטן צו זיין . . . מאַלע וואָס אַזאַ זשוואָווער, געזונטער בחור וואָלט געווען! אַ פּחד צו טראַכטן וואָס פון אים איז געוואָרן! און צוויי זין האָבן זיך גאָר אינגאַנצן אָפּגעזאָגט אַריינצושמעקן אין דער נייער שול אַריין. „טאָ פאַר וועמען איז דאָס אַלץ?"

די בכבודיקע עליה איז אים ניט וואויל באַקומען. דניאל האָט עפּעס אין ישראלן באַמערקט, געטראַכט, אַז ישראלן איז, ווי דער שטייגער, שווער געוואָרן אויפן ד'הארצן. מיט ניין יאָר צוריק פרילינג איז מען דאָך געקומען קיין אַמעריקע זיך זעצן שבעה! ווען די אמתע שמחה האָט זיך אָנגעהויבן, אויף די געדעקטע טישן האָט זיך משקה באַוויזן, און אַ שפּע פאַרבייסעכץ, האָט ישראל געמאַכט אַ צייכן צו דניאלן, ער זאָל אים פירן אַהיים.

— ס'איז מיר עפּעס אַזוי . . . זאָלן זיך יידן לכבוד דער נייער שול משמח זיין . . .

דניאל האָט דעם בלאַסן און געבויגענעם ישראלן אונטערן האַנט אַרויסגעפירט פון דער נייער שול. ער האָט אים געוואָלט פירן צו זיך אַהיים. אָבער ישראלן האָט עס געצויגן צום אייגענעם געלעגער אויף לודלאָו סטריט.

תחילת האָט ישראל זיך צוגעשפּאַרט ביים פענצטער, ווי אין צימער איז אים ווינציק לופט געווען. פאַר זיינע אויגן האָט זיך די גאַנצע וועלט געוויגט. יבם, איסט־סייד, שאָפּ, און אייזנקראַם . . . טויבע . . . ריוועטשע . . .

— וואו בין איך, זון מיינער? — האָט ישראל אויפגעהויבן די מידע, שוואַרצע אויגן צו דניאלן — ווי אַלץ טראָגט זיך עס פאַרן רעיון! אָט בין איך דאָ, און אָט מעבר לים . . . אַפּנים, ס'בענקט זיך צוריק. האַ, דניאל . . . האָסט געקערט בלייבן אין שול. דער ערשטער פּסח אין אַן אייגענער שול. האַ, האָסט עפּעס געוואָלט זאָגן, דניאל?

ישראל האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט נאָך אַ לעבעדיקן נפש געזוכט אַרום זיך. זיין בליק איז געפאַלן אויף די צוויי איבערגעדעקטע ניי־מאַשינען ביי די פענצטער. אים האָט אויסגעוויזן, אַז די מאַשינען רירן זיך אונטערן צודעק.

— געקומען מעבר לים, דאָ געוואָרן... יאָ, דניאל, וואָלסט עס אַמאָל געגלויבט? ווען איז מען געקומען אַהער? דוכט זיך ערשט נעכטן איז מען אַהער געקומען, און פונדעסטוועגן, אַ גאַנץ לעבן שוין אַוועקגעלאָפן!

דניאל איז געשטאַנען איבערן פאָטער, געהערט זיינע רייד, אים איז געוואָרן אונהיימלעך מיטן פאָטער אַליין. אים האָט אַרומגעכאַפּט אַן אומרואיק געפיל. אויך פון אים איז די נייע שול אַנטלאָפן געוואָרן. דער דמיון האָט זיך אַוועקגעטראָגן צוריק קיין רוסלאַנד, וואו אַרום לוריאַס אייזנקרעמל האָט שטענדיק זיך געדרודערט אַ לעבעדיקע גרודע מענטשן. טאַטע־מאַמע, זיבן קינדער . . . דאגורת גאָר אַנדערע, פּחדים גאָר אַנדערע. „דאָרטן וואָלט נאָך די מאַמע געלעבט . . . דאָרטן וואָלט דער טאַטע . . ." און איצטער. ער קוקט אָן דעם פאָטער און פילט, ביים פאָטער רינען אויס אַלע כוחות, און ער קען זיך גאָר קיין עצה ניט געבן.

— איך וועל דיך אפשר אַריינפירן אַהין, וועסט זיך לייגן אויפן בעט, ד'האָ, טאַטע?

— דאָ איז ליכטיקער. ס'וועט מיר ווערן בעסער.

אַ ביסל שפּעטער זיינען קריינדל און ליליען־רות אָנגעקומען. ישראל האָט זיך שוין געהאַט אונטערגעגעבן. ער איז געלעגן אין צווייטן צימער אַ פֿאַרמוחטער.

די פֿרויען האָבן דערשפּירט סכּנה. האָבן זיך אַ ווייל אָן ווערטער אָנגעקוקט, האָבן עפּעס פֿאַרשטאַנען. אַ חידוש וואָס קריינדל האָט קיין טרערן ניט באַוויזן.

דווקא די גרטע האָט ניט געקענט באַהאַלטן די טרערן:

— אַ רחמנות אויפֿן פּאַ . . . פֿאַרוואָס האָבן מיר אַלע ניט געקענט עפּעס צוטראַכטן פֿאַר אים, כּדי אים זאָל דאָ זיין בעסער אין דעם נייעם לאַנד? פֿאַרוואָס קענען מיר אַלע ניט אַרויסרייסן דעם פּאַ פֿון זיין שטענדיקן טרויער?

קריינדל האָט איר אויף דעם ניט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערן. קריינדל האָט גוט געשפּירט דעם פֿאָטערס מצב. „יעדער איינער ברענגט דאָ אַ קרבן, יעדער איינער באַצאָלט מיט עפּעס פֿאַר דעם איבערבייט. ווער ס׳צאָלט מער, ווער ס׳צאָלט ווייניקער . . .“ נאָר גיי, דערקלער עס ליליען־רותן, כאָטש זי איז געוואָרן אַ ייִדיש קינד, כאָטש זי איז אַזוי ייִדיש פֿרום.

— וואָס מיינסטו, קעראַלאַין, איז אים? — האָט ליליען־רות ווידער געפֿרעגט — פֿאַרוואָס שטאַרקט אים גאָרניט די נייע סינאַגאָגע וואָס ער אַליין האָט געהאָלפֿן בויען?

דער טאָג איז אַריבער אין טיפֿן שווייגן. די קינדער האָבן זיך געביסן די ליפּן, ניט צו וויינען.

מוצאי־יום־טוב זיינען ביינאַכט זיינען די עלטערע חלפֿנס אַראָפּגעקומען מבקר־חולה זיין ישראלן. געקומען מאיר חלפֿן, נעכע און לעאָנאַרד. קריינדל האָט זיי אויפֿגענומען אַ מונטערע, מעשה באַלעבאָסטע געבעטן זיצן און געמאַכט אַ פֿריילעך פּנים.

— איר האָט זיך גוט דערשראָקן! כ׳האָף, מאָרגן וועט ער אויפֿשטיין. כ׳קען מיין טאַטן, עפּעס רוקט זיך אויף אים אַלע ווײַלע אָן, און ער גיט זיך אונטער. מ׳דערציילט, ביי אייך אין שול איז געווען פֿריילעך.

— פֿאַרוואָס עפּעס באַנ׳אייך אין שול? — האָט מאיר חלפֿן אַ פֿרעג געטאָן.

— איר זייט דאָך די דאַוונער.

— וואָס, דו ווערסט חתונה האָבן, וועט דיין מאַן גיין אין דער שול, און דו אויך.

קריינדל האָט אַ לאַך געטאָן און אַראָפּגעלאָזן די אויגן.

— פֿאַרוואָס האָסטו זיך פֿאַרשעמט? — האָט נעכע געפֿרעגט.

— פֿאַרוואָס? כ׳בין גאָרנישט זיכער, אַז כ׳וועל חתונה האָבן. און אויב כ׳וועל יאָ חתונה האָבן, וועט מיין מאַן אפֿשר גאָרניט זיין קיין פֿרומער.

— וואָס האָט עס צו טאָן מיטן מאַן, אויב מ׳איז אַליין פֿרום?

— ווי דער מאַן דאַוונט, אַזוי בעט זיין ווייב זיך אויס אַ גוט יאָר.

מאיר חלפֿנען האָט דער שמועס אַ ביסל גערופֿעט.

— וואָלט מען אפֿשר געקענט צו אים אַרייַנגיין?

— אַוודאי, מיסטער חלפֿן. דוכט מיר, ער שלאָפֿט נישט.

— קען איך אויך אַרייַנגיין צו אים? — האָט לעאָנאַרד געפֿרעגט.

— אַוודאי, לעאָנאַרד!

ביידע מענער זיינען אַוועקגעגאַנגען אין אַנדערן צימער. קריינדל איז געבליבן אַליין מיט נעכען.

נעכע, ניט וואַרטנדיק קריינדל זאָל עפּעס זאָגן, איז אויפגעשטאַנען פון פלאַץ, צוגעגאַנגען און זי אַרומגענומען:

— מאַכסט זיך מקלאָמפּערשטן, אַז דיר איז גוט אויפן האַרצן. כ׳ווייס וואָס ביי דיר אין האַרצן טוט זיך. זיי זיינען איצטער דאָרטן, הערן נישט . . . ביי מיר איז געבליבן, אַז היינט זאָל מען רעדן פון דיין און מיין זונס גליק. כ׳וויל עס נישט אָפּלייגן.

קריינדל האָט געהאַלטן איר קאָפּ אויף נעכעס ברוסט, זיך איינגעהערט צו נעכעס האַרצקלאַפּ און רייד. ס׳איז איר פּאַרגעקומען, ווי זי איז איצטער אין רוסלאַנד, און איר אייגענע מאַמע רעדט צו איר וועגן אַ חתן וואָס איז צו איר געקומען. איר איז געוועזן פינצטער פאַר די אויגן. ווי ווייט פון זיך זי האָט מיטן רעיון ניט געפּרוּווט אַריבערקוקן, איז אַלץ געוועזן שטאָק פינצטער. זי קען ניט באַגרייפן וואָס דווקא איצטער, ווען דער פאָטער איז פּלוצלונג איינגעפאַלן, איז איר דאָס האַרץ אַזוי פאַרגליווערט. פון איר פאָטערס טרויער טרינקט זי אויך. איר פאָטערס קוקן אויף זיינע טעג דאָ ווי אויף אַ פאַרשפּילט לעבן איז גורם, וואָס אין אַזאַ פינצטערניש שלאָגט זיך דער רעיון אָן, ווי נאָר זי וויל אַריבערקוקן וויטער איבער דער איצטיקער טרויעריקער שעה.

— פאַרוואָס זאָגסטו מיר גאָרנישט, קריינדל? וואָס איז אים, דעם טאַטן דיינעם?

— האָט אָנגעוואָרן זיין מוט.

— אַ נאַרישקייט.

די מאַנצבילן זיינען אַרויסגעקומען פון ישראלן — ביידע אומעטיקע, ביידע מיט געבויגענע קעפּ.

— וואָס הערט זיך? — האָט נעכע אָנגעשטעלט די אויגן אויף איר מאַן.

— אַ מענטש פאַלט, דאַרף מען אים אויפהייבן. אַפילו אַ פערד לדהבדיל, הייבט מען אויך אויף, ווען ס׳פאַלט אין מיטן גאַס.

— כ׳האָב איצטער נישט קיין צייט — האָט זיך לעאָנאַרד אָפּגערופן — מאָרגן, קעראַלאַין, וועל איך אַהער אַריבערקומען, יו נאָו . . . כ׳האָב מיט דיר פון וואָס צו רעדן. דער אַלד מען געפעלט מיר נישט. כ׳וועל שיקן אַ דאָקטער.

אינאיינעם מיט לעאָנאַרדן זיינען מאיר און נעכע אויך אַרויסגעגאַנגען.

קריינדל איז תיכף אַריינגעגאַנגען צום פאָטער אין טונקעלן צימער אַריין.

— מאַך אַ ביסל ליכטיקער, טאָכטער מיינע — האָט ישראל מיט אַ שוואַכער שטים זיך געווענדט צו קריינדלען.

קריינדל האָט אַ ביסל העכער אַרויסגעדרייט דעם קנויט. ס׳פייער פון קעראָסין־לאָמפּ האָט ישראלס בלאַס פּנים באַשאָטנט רויט.

— זעץ זיך נעבן מיר, קריינע. פאַרוואָס לאָזטו מיך רק אַליין?

— וואָס איז דיר, טאַטע?

— ס׳אייגענע ווי מיט יעדן איינעם, וואָס האָט דורכגעשטופּט זיין לעבן.

— כ׳בעט דיך, רעד נישט אַזוי, טאַטע.

— פאַרוואָס זאָל איך נישט זאָגן דעם אמת וואָס מיט מיר איז? די

כוחות גייען אויס, מחמת ס׳אי נישטאָ צוליב וואָס, און צוליב ווען איינצו־רייסן די וועלט.

— אויב נישט צוליב די עלטערע קינדער, איז צוליב ריווטשעלען . . .

— איך דאגה נישט צוליב איר. זי וועט נישט פאַרפאַלן ווערן. רות גיט אויף איר אַכטונג ווי אויף אַן אייגן קינד. נאָר איין זאַך וויל איך זאָלסט מיר צוליב טאָן... מאַך צו דעם אַלעמען א סוף, וועל איך זיין רואיק.

— וואָס מיינסטו?

— איז ער דאָ געווען. וואָס קומט ער אַהער? געקומען ווי אַן אייגענער...

— לאָמיר איצטער פון דעם נישט רעדן, טאַטע. דערציייל מיר בעסער ווי איז דאָס געווען אין דער נייער שול.

ישראל האָט געשוויגן. ער האָט שווער אַ פּאָר מאָל אַ זיפץ געטאָן, און צוגעמאַכט די אויגן.

אַ ווײַלע איז געווען שטיל. ישראל איז געלעגן אויף דער פּלייצע, זיין האַלב־גרויע באָרד האָט צוגעדעקט זיין האַלדז און טייל ברוסט צווישן דער פאַנאַנדערגעשפּילעטער העמד. זיין ברוסט איז שטיל אויפגעגאַנגען, און צוריק אַראָפּגעזונקען.

קריינדל האָט איבערגעקלערט דעם פאָטערס ווערטער, און זיי פאַרבונדן מיט דעם איצטיקן חלפן־באַזוך. איר פאַרדריסט הלמאַי זי האָט זיך געמאַכט כלא ידע, געלאָזן דעם פאָטער אַן אַ תשובה. ישראל איז איינגעשלאָפן. ווען ער עפנט איצטער אויף די אויגן, שטעלט אַן די בליקן אויף איר, וואָלט זי זיך צעוויינט, און געזאָגט, אַז ווייטער לאָזט זי ניט מער, איר לעבן זאָל געפירט ווערן פון עקשנות און נאַרישקייט. און כדי אים אַליין, דעם פאָטער צו דערמונטערן, וועט זי, איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַשטימען נאָכצוגעבן.

ישראל האָט אויף אַ ווייל אויפגעעפנט די אויגן. די בליקן האָבן גע־בלאָנדזשעט איבער די ווענט, איבער דער בעט אַנטקעגן, איבער קריינדלען. מיט דער אייגענער צעשטרייטקייט וואָס ער האָט באַטראַכט די ווענט, זיינען זיינע בליקן געפאַלן אויף קריינדלען.

קריינדלען איז באַפאַלן אַ פּחד.

— וואָס אי, טאַטע, וואָס קוקסטו אַזוי? וועמען זוכסטו?

— כ׳זוך די קינדער . . . וואו זיינען די קינדער? . . .

— אָט בין איך דאָך נעבן דיר!

— אַלע קינדער . . . כ׳וויל זען אַלע קינדער . . . ס׳האַרץ איז שפּלדיק . . . קריינע, רוף מיר די קינדער! . . .

אין דער אייגענער צייט האָבן זיך איינציקווייז אין טיר באַוויזן: דניאל, הילל, נתן, שלמה און זכריה. די קינדער זיינען געבליבן שטיין אין אַ קרייז אַרום פאָטערס געלעגער, און האָבן אויף אים אַנגעשטעלט זייערע צעשראָקענע אויגן.

— האַ, וואו בין איך, קינדער? לאָזט מיך ניט אליין. כ׳האָב מורא אליין. מיר איז דאָ פרעמד אליין...

די קינדער האָבן זיך שטום און שטיל איבערגעוואָרפן מיט די בליקן. די קינדער האָבן ביים זייט פון געפאַלענעם פאָטער זיך אינאיינעם דערשפּירט, און האָבן ניט געוואוסט ווי אַזוי דעם פאָטער איצטער אויפצוהייבן און שטאַרקן.

* * *

איצטער זיינען פינף לוריא־זין: נתן, דניאל, הילל, שלמה און זכריה געזעסן אויף פוסבענקעלעך, אָנגעזאָקנטע, אין טיפן שווייגן, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. נעבן זכריהן איז געזעסן קריינדל. געפעלט האָט אָשר.

כאָטש ס'איז שוין געווען דער דריטער טאָג זינט מ'האָט ישראל לוריאן צום ערשטן און לעצטן מאָל אַריבערגעפירט אויף דער אַנדערער זייט איסטריווער, איז נאָך ביי די קינדער קיין לעבעדיק ו רט ניט געבאָרן געוואָרן איבערצורייסן דאָס שטילשווייגן. אין שווערן טרויער האָט געגליווערט ס'בלוט. געווען אַ פּאָר וואָכן נאָך פּסח. די זון האָט וואַרים דרויסן געשיינט. דאָסמאָל איז מען געזעסן שבעה ביי דניאלן אין שטוב.

אַ באַצוואונגענע פון דעם אייגענעם טרויער, מיט אַ געפיל פון יראת־הכבוד צו די דערוואַקסענע מענטשן, וואָס זיצן געבויגן מיטן קאָפּ צום דיל, איז מיט שטילע טריט אומגעגאַנגען, זיך אָפּגעגעבן מיט שטוביקע פליכטן — ליליען־רות. „אויסטערלישע מענטשן זיינען די יידן. דוכט זיך, אַזוי פאַרהאַוועט, אַזוי פאַריאָגט, און פונדעסטוועגן . . . דוכט זיך גאָרניט קיין פרומע, דהאַלטן ניט פון גלויבן אין גאָט, און פונדעסטוועגן . . .”

דאָס איינציקע, וואָס האָט געוועקט ס'לעבן אַרום; ס'איינציקע וואָס האָט אַלע ווילע דערמאָנט, אַז „וואָס די ערד נעמט צו — ווערט פאַרגעסן, און אַז דער לעבעדיקער דאַרף לעבן און נישט טראַכטן פון טויט — — —” זיינען עס געווען די צוויי קינדערלעך וואָס האָבן זיך געשפּילט אין צווייטן חדר, אַלעווילע מיט פרייד און געלעכטער זיך אַריינגעריסן אין טרויער אַריין, און אים מיט ליכטיקייט אָנגעצונדן. דאָס איז געווען דניאלס ייִנגעלע, דודל, און ישראל לוריאס קיילעכדיקע יתומהלע, רבקהלע מיטן גאָלדענעם קאָפּ. יעדעס מאָל ווען זייער געלעכטער האָט זיך צעשאָטן איבערן דיל, יעדעס מאָל ווען די קינדערשע טריטעלעך האָבן אויפגעוועקט דעם מיט טרויער־באַלאָדענעם דיל, האָבן אַלע דערוואַקסענע געשמייכלט. זיינען ליכטיקער געוואָרן די פּנימער ביי די דערוואַקסענע מענטשן.

— צי האָט דער טרויער אַלע קינדער דערנענטערט, אויף ווייטער זיי פאַרקניפּט אין איין קשר?

שווער צו זאָגן.

דער איינציקער, וואָס איז ווי אַ זון, מיט זיין קאָפּ און האַרץ נאָכגעגאַנגען דעם פאָטער, ווען דאָס נייע לאַנד האָט ניט געגעבן די געגאַרטע הײם, איז געווען דער ייִנגסטער זון, זכריה. ער אַליין האָט קיין באָדן אונטער זיינע פיס דערווייל ניט געשפּירט. מיט אָפענע אויגן איז ער אומגעגאַנגען, אַלץ באַמערקט, אָבער ניט אַלץ האָט ער ווי אייגנס אויפגענומען. זיין פאָטער, ישראל לוריא, וואָס איז אייגנפאַלן, ווען יידן האָבן זיך משמח געווען, געטאַנצט און אויסגעשריגן ווײ־און־וויטיק פון האַרצן אַרום באַלעמער פון דער נייער שול — איז געווען פאַר זכריהן אַ צייכן, אַז אַ סך, אַ סך פון די וואָס האָבן אַרויסגעוואַנדערט פון „פינצטערן רוסלאַנד”, וועלן אין ניו־יאָרק, ביים ראַנד פון לאַנד, אויסשטאַרבן, ווי גאָר אַמאָל אין מדבר. ווער ס'וועט אויסלעבן די גאַנצע פערציק יאָר אין מדבר, און ווער „ס'וועט די פיס אויסציִען פאַר דער צייט”, ווי דאָס האָט געטאָן ישראל לוריא. אמת, דניאל איז שוין אַ ייד אַ נגיד, אַ בעל־משפּחה, דאָ איז זיין היים. נתן האָט זיין לעבן פאַרבונדן מיט דעם אַרבעטער און זיינע קאַמפן פאַר אַ בעסערער צייט.

הילל וועט סוף־כל־סוף זיך פאַרקניפּן מיט דער ערד. שלמה, אָשר, קריינדל... פּאָר זכריהן שפּרייט זיך אויס אַ נעפּל ווען ער טראַכט פון דער צוקונפט וואָס וואַרט אויף אים דאָ אין ניו־יאָרק צווישן אייגענע און פרעמדע.

אַריינגעקומען טאַראַס ראַזומני, אַן אויסגעפּוצטער אין אַ נייעם, צע־קנייטשטן, טונקל־בלויען אַנצוג. ער איז געבליבן שטיין אין טיר מיט דעם קאַפּעליוש אין האַנט, אַ פּריטשמעלעטער.

— וואָס, אַ מענטש געשטאָרב? — האָט ער געגאַפט — אַלבעטשע מיסטער לוריא געשטאָרב. גוטן מענטש אַמעריקע פרעסט ווי אַ סוויניאַ.

טאַראַס האָט זיך דריי מאָל איבערגעצלמט און מיט אַ געבויגענעם קאָפּ געבליבן שטיין ביי דער טיר.

— קום אַריין, טאַראַס — האָט אים דהילל פון זיין פּלאַץ אַ ווינק געטאָן
— קום אַריין, מאַך אַ ביסל פריילעכער.

— אַז מיסטער לוריא שטאַרב, טאַראַס ניש גיי שטאַרב . . . אַלבעטשע, איך אזוי אויף דר׳ערד זיצן. וויפיל אַ מענטש אף דר׳ערד זיץ, אויב אַ טאַטע שטאַרב?

— מיר זיצן שוין דריי טעג, טאַראַס. נאָך פיר טעג געבליבן. דו דאַרפסט נישט זיצן אויף דרערד. דערציי׳ל, ווען פאַרסטו אָפּ קיין ראַסיי?

— איך שוין ניש פאַר, גילעל. וואַרעס, סוקיני־סינעס. צוויי הונדערט דאָלאַרן געווען, און שען ניעמאַ. לאַבוסעס איינגערעדט, דו טאַראַס פאַר ראַסיי, דו זיי אַ בראַט . . . אַ שנאַפּס ניש שאַדט. איך קלער, אַ שנאַפּס מיט טאָוואַרישטשי. נו, האָבן אויסגעמאַניעט, אַלע דאָלאַרן אויסגעזשליאַקעט. אָט וואָס ווערט צוויי־הונדערט דאָלאַרן!

טאַראַס האָט אויסגעקערט די הויזנקעשענעס און אויסגעשפּיגן:

— וואָס איך פאַרן ראַסייאַ? מאַטושקאַ ראַסייאַ פּלענטי בעדניאַקעס האָב. איך זעצן אָט אַזוי; ניש זיי גרעך, איך זיץ ווי דו, גילעל. אין האַרץ אַזאַ־אַ טאָסקאַ! אָט, טשאָרט, וואָס אַ טאָסקאַ!

טאַראַס ראַזומני האָט אַראָפּגעצויגן זיינע שטיבלעטן, זיך אַנידערגע־זעצט אויפן דיל נעבן היללן, און געקראַצט זיין צעשויבערטן קאָפּ.

היללס קאַמעראַד, טאַראַס, מיט זיין אַנטיילנעמען ניט געבעטענערהייט אין טרויער פון דער לוריא־משפחה, איז געווען אַזוי אומגעריכט, אַז דער טרויער האָט אָנגעהויבן פאַנאַנדערצושווימען ביי אַ טייל פון די שבעה־זיצער. די לעצטע פאַר יאָר האָט טאַראַס געאַרבעט ערגעץ אין אַ קוילן־מינע. פאַר דער צייט האָט ער זיך אַ פּאָר מאָל באַוויזן אין ניו־יאָרק, געקומען געוואויר־ווערן, צי הילל האָט שוין אַן אייגענעם פאַרם, ער, טאַראַס, זאָל קענען אָנ־הויבן ביי אים צו אַרבעטן. מיט אַ האַלב יאָר צוריק, אַז ער איז אַראָפּגע־קומען קיין ניו־יאָרק, האָט ער דערציילט, אַז אַמעריקע געפעלט אים ניט, באַשר ער ווערט אַלט און שוואַך פאַר דער צייט. האָט ער דעריבער באַשטימט, אויב ער וועט אָפּשפּאָרן גענוג אויף אַ שיפסקאַרטע, און נאָך קענען פירן אַ ביסל דאָלאַרן אַהיים אין אוקראַינע, אַנצוקומען „ווי אַן אַמעריקאַנעץ״, וועט ער יעמאָלט פאָרן אַהיים. מיט אַ טאָג צען צוריק איז ער ווידער אַראָפּגעקומען, מודיע געווען, אַז ער פאָרט טאַקע אַהיים. אַ חוץ אַ שיפסקאַרטע האָט ער פאַרמאָגט מער ווי הונדערט דאָלער מזומנים. נו, ווי ער דערציילט, האָבן אים „סוקיני־סינעס״ געהאָלפן דאָס געלט אויסצוזשליאַקען.

דהיללן האָט עס געראָפּעט צום וואָכן. אים האָט אויסגעוויזן, אַז טאַראַס האָט זיך אַנידערגעזעצט שבעה נאָך זײַנע פֿאַרשוווּנדענע דאָלאַרן. ס׳איז איצטער ניט געווען די פּאַסיקע צײַט אויסצופֿרעגן בײַ אים, ווי־און־ווען האָט ער זײַן שווער־פֿאַרהאָרעוועט געלט פֿאַרטאָכלעוועט.

טאַראַס איז געזעסן, דער קאָפּ אויף בײדע הענט, און די אויגן אײַנגעגעבערט אין דיל. אַלעמענס בליקן זײַנען געווען צו אים געווענדט. אַלעמענס מחשבות האָבן זיך געקרײַזט אַרום אים.

— טאַראַס, האַ, טאַראַס! הייב אויף דעם קאָפּ. ס׳איז גענוג קלאָגעדיק אָן דיר.

— דאָסאַדנע מיר, גילעל, באַ קאָלומבוסן.

ליליען־רות האָט ניט געקענט באַנעמען וואָס דאָ קומט פֿאָר. ליליען־רות האָט אײַנאײַנעם מיט דהילאלן איבערגעלעבט ישׂראל לוריאַס פּריצײַטיקן טויט. פֿון פּסח אָן, זינט ישׂראל איז אײַנגעפֿאַלן, אין משך פֿון די פֿאַר וואָכן, וואָס ישׂראל איז געלעגן אין בעט, האָט ליליען־רות זײַט־בײַ־זײַט מיט קרײַנדלען, ווי אַ לײַבלעכע טאָכטער, געטאָן אַלץ, ישׂראלן צו דערמונטערן און דערמוטיקן. צו דער לויה איז זי געגאַנגען זײַט־בײַ־זײַט מיט קרײַנדלען, און בײַ איר, פּונקט ווי בײַ קרײַנדלען, האָט זיך ס׳לעבן געקאַלישעט פֿאַר טרויער און ווייטיק. טאַראַסן האָט זי עטלעכע מאָל געזען בײַ די לוריאַס. זי האָט אים ניט פֿאַרשטאַנען. ניט זײַן יידיש־רעדן, ניט זײַן חברן זיך מיט הילעלן איז איר געווען פֿאַרשטענדלעך. פֿון אַלע קינדער דהאָט ליליען־רות הילעלן צום ווינציקסטן באַנומען. אַ מענטש מיט פֿײַאיקײַט, וואָס האָט געקענט טאָן ס׳אײגענע וואָס דניאל, נעמט און פֿאַרדינגט זיך צו אַ פֿאַרמער אויף אַ גאַנצן זומער. און ווײַטער גייט ער אין די פֿאָרטן טאָן שווערע אַרבעט. דער טיפֿער טרויער האָט אַנגעהאַלטן די גאַנצע דרײַ טעג שבעה. אַזאַ שטילשווײַגן, גלײַך ווי די פֿינף ברידער און אײַנאײַנציקע שוועסטער האָבן אויף אַ צײַט ס׳לשון אָנגעוואָרן. ליליען האָט עס איבערגעלעבט. ליליען האָט זיך אין דעם באַטײַליקט.

— אָבער טאַראַס, ווי קומט ער אַרײַן אין מיטן?

איר איז דאָס שטילשווײַגן שווער געוואָרן. די גרטע וואָלט שוין געוואָלט הערן רייד פֿון די דערוואַקסענע מענער. איר ווערט מיט אַמאָל אַ חידוש ווי אַזוי די ניט־רעליגיעזע קינדער, וואָס האָבן „אַפֿילו פֿאַר גאָט קיין מורא ניט" — זיי האָט דעם טאַטנס טויט געבראַכט צום זינען. מיט אַמאָל פֿאַלט איר אײַן אַ מחשבה, צי דידאָזיקע מענער, וואָס זיצן אויף פּוסבענקעלעך, ניט אָנגעשוכט, נאָכדעם ווי זיי וועלן אויפֿשטיין פֿון שבעה, אויסגלײַכן די פּלייצעס, אָנטאָן די שיך, און אַ טראַכט טאָן פֿון די ערשטע שריט אין דער רוישיקער וועלט — „צי וועלן זיי שוין בלײַבן אַזוי נאָענט צווישן זיך אויף שפּעטער? צי וועט זיי דעם פֿאָטערס טויט פֿאַרבינדן צווישן זיך? און אפֿשר גאָר וועלן זיי זיך נאָך מער דערווײַטערן איינס פֿון אַנדערן!"

— זאָג מיר, קעראָלאַין — איז ליליען־רות שטיל צוגעגאַנגען צו קרײַנדלען — אויב בײַ יידן איז אײַנגעפֿירט ווען אַ פֿרעמדער, אַפֿילו אַ ניט־ייד, קומט אַרײַן צו יידן אין שטוב און טרעפֿט אַזאַ טרויער, זאָל ער זיך אויך אַנידערזעצן ווי איר אַלע, טאָ פֿאַרוואָס זאָגט מיר דניאל, אַז איך דאַרף עס ניט טאָן?

— זעץ דיך, ליליען, דאָ נעבן מיר. מיר איז צוליב אים נאָך טרויעריקער געוואָרן.

ליליען־רות האָט אָנגעשטעלט די אויגן אויף טאַראַסן וואָס איז נאָך אַלץ געזעסן מיטן קאָפּ אויף ביידע הענט געבויגן, מיט די אויגן צום דיל. זי האָט געוואָלט, אימעצער זאָל איר דידאַזיקע רעטעניש באַשיידן.

— זאָג מיר, קעראַלאַין, — האָט ליליען־רות שטיל געפרעגט — ווי איז דאָס ביי יידן, דער טויט פון עלטערן דערנענטערט די קינדער איינס צום אַנדערן, צי דאָס דערווייטערט זיי נאָך מער?

— כ׳טראַכט אויך ס׳אייגענע, ליליען, וואָס וועט זיין, אַז מ׳וועט אויפשטיין, און יעדער איינער וועט דאַרפן אַנדערהייבן צוריק . . .

— זאָג איר דעם אמת, קריינדל — האָט זיך נתן אָפּגערופן — ס׳לעבן אַליין בינדט סיי אייגענע און סיי פרעמדע.

—ביים פּאַטערס לעבן זייט איר געווען ווי דערווייטערט איינס פון אַנדערן — האָט ליליען־רות ניט געוואַרט אויף קריינדלס ענטפער — מיר האָט פּאַרדראָסן אויף אייך. איר זייט אַלע אינטעליגענטע מענטשן.

— מאַכסט אַ טעות, ליליען, ווען דו מיינסט, אַז דווקא אינטעליגענטע מענטשן האַלטן זיך אין אַן ענגן בונד מיט אייגענע. דאָס איז ביי מענטשן גיכער אַ פּרימיטיווער געפיל וואָס בינדט קינדער צו עלטערן.

— ווילסט מיר איינרעדן, אַז בילדונג דערווייטערט מענטש פון מענטש!

— האָט ליליען־רות אָנגעשטעלט איר פאַרוואונדערט פּנים אויף נתנען.

— פון דיר אַליין איז אַ באַוויז — האָט נתן געשמייכלט. — האָסט ליב געקראָגן אַ מאַן וואָס הייסט דניאל לוריא, האָסטו גענומען און אינגאַנצן איבערגעריסן מיט דיינע.

— וואָס, מיינסטו, בין איך?

— אין מיינע אויגן האָסטו זיך אויפגעהויבן העכער איבער די פּרימיטיווע געפילן.

— אויב אַזוי, האָב איך נאָר געדאַרפט ליב האָבן מיין מאַן; אָבער איך האָב אייך אַלעמען ליב ווי מיינע אייגענע ברידער. קעראַלאַין איז מיר פּונקט אַזוי טייער ווי מיין אייגענע שוועסטער. אפשר נאָך טייערער. און אייער פּאַטער, מיסטער לוריא . . .

ביים דערמאָנען דעם נאָמען „לוריא״ האָט דער גרטע פּאַרקוועטשט אין דהאַלדז. זי האָט זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט, געבליבן שטיין מיטן פּנים צו דער וואַנט און האָט שטיל געווישט די טרערן.

— פאַרוואָס זאָלסטו אַזוי רעדן, נתן, ווען ס׳איז נישט אמת? — האָט קריינדל מיט פאַרוואורף אָנגעהויבן — אויב צוליב דעם האָבן מיר געדאַרפט קומען קיין אַמעריקע כדי אויסצוגעפינען, אַז עלטערן מיט קינדער קערן זיך גאָרנישט אָן, איז נישט ווערט געווען צו קומען אַהער!

— אפשר ביסטו גערעכט.

— כ׳ווייס, דו מיינסט עס נישט.

— איז געוויס גוט. איך האָב פון רוסלאַנד מער נישט געטראַכט. דער טאַטע האָט געבענקט צוריק. כ׳בין זיכער, ווען מיר שיקן אים צוריק אַהין, וואָלט ער אפשר . . . זעסט דאָך, אַז די שול איז פּאַרטיק געוואָרן און מ׳האָט

אים אין איר אויפגערופן צו דער תורה — האָט זיך די ערד אונטער זיינע פיס א וויג געטאָן.

— אויב אַזוי, נתן, חידושט זיך, וואָס דו ביסט איצטער דאָ מיט אונדז.

— באַגלייטן אַ פאָטער צו זיין אייביקער רו, און באַלד זיך פאַרנעמען מיט די בלאָטיקע ביזנעס, דאָס איז אַ זינד און אַ באַליידיקונג פאַר די לעבעדיקע.

מ׳האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

ליליען־רות איז געגאַנגען אויפעפענען די טיר. אַ הויכער, מיט אַ שמאָל־אויסגעצויגענעם פּנים, האָט זיך באַוויזן אריה דעמבאָוויק.

אריה האָט אַ ווילע באַטראַכט די שטובלייט, האָט זיך געקווענקלט, צי ער זאָל אָנהייבן, צי ניט. ער האָט ניט געקענט אויסהאַלטן, און געזאָגט:

— איר האָט זיך פאַרמאַכט אין שטוב, זיצט שבעה, ווייסט גאָרנישט וואָס אויף דער וועלט טוט זיך. אָנגעקומען נייעס, וויסטע נייעס. מ׳טרייבט יידן פון מאָסקווע! מ׳טרייבט זיי אַרויס פון ראַסיי. יידן דאָרטן פאַסטן, קלאָגן, וויינען. האַ, וואָס ט׳זיין?

— וואו ס׳טו עס געהערט? — איז נתן אויפגעשטאַנען פון דיל.

— ס׳קילינגט שוין די גאַס מיט דעם! מ׳טרייבט יידן פון מאָסקווע, ווי מ׳טרייבט הינט. אַז ברעכן זאָלן זיי די קעפּ!

— גוט אַזוי! — איז הילל אויפגעשטאַנען — זאָלן זיי קומען אַהער!

— וואָס וועט פון זיי זיין דער תכלית? וועלן ווערן דאָ פעדלער, ווי איך, אָדער דער רוח ווייסט וואָס...

— כ׳בין אַ בעלן אַרויסגיין אין גאַס. — האָט זיך זכריה אַ ריס געטאָן פון אָרט, און גענומען אָנטאָן די שיך.

— ווער האָט דיך געבעטן, זאָלסט קומען און זאָגן אַזאַ נייעס? — האָט הילל אַ ברוגזער זיך געווענדט צו אריהן — אַ נאָווענע, מ׳טרייבט יידן! זעסט דאָך, מ׳זיצט שבעה.

— און ווען דו וואָלסט געזעסן דאָרטן שבעה, אַ פּאָגראָם ברעכט אויס, איז וואָס, וואָלסטו געזעסן אַזוי, געוואָרט, מ׳זאָל קומען און דיר צעפּלעטן דעם קאָפּ?

— פּכע, מ׳טרייבט יידן פון מאָסקווע! וואָס פאַר יידן זיינען עס דאָרטן געזעסן? ווער האָט זיי געקענט? ווער האָט פון זיי געוואוסט? צוליב זיי מאַכט מען דאָרט פּאָגראָמען אויף אונזערע יידן — האָט זיך הילל געקאָכט.

דערנאָכדעם איז הילל אויך אויפגעשטאַנען, און גענומען אָנטאָן די שיך.

— וואָס גערעכט, איז גערעכט, אריה. ווען איך בין איצטער דאָרטן, ווען איך... כ׳קען שוין מער ניט איינזיצן, דער טאַטע ט׳מיר מוחל זיין.

הילל איז אַרויס פון שטוב. נאָך אים זיינען נתן און זכריה אַרויס־געגאַנגען.

דניאל איז אויפגעשטאַנען אַ צעטראָגענער. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, אַרויסגעקוקט, אָנגעשפּיצט די אויערן, ווי גאָר נאָענט וואָלטן געשען די שרעקלעכע געשעענישן וואָס אריה דערציילט.

—דאַרפסט אויף מיר נישט זיין אין כעס, דניאל, דהלמאי כ׳בין פּונקט אין מיטן שבעה... א פחד כאַפּט ארום. איין קליינקייט, אַזויפיל יידן!

וואוהין טרייבט מען זיי? וואָס וועט פון זיי ווערן? אַ פּחד, אַז מ׳טראַכט פון דעם.

ביי די ווערטער איז אריה אַרויס פון שטוב.

טאראס האָט זיך אויפגעהויבן, שווייגנדיק צוריק אָנגעטאָן די שיך, און איז אַרויס פון שטוב.

— קום, דניאל, לאָמיר ארויסגיין געוואויר ווערן. ניט קיין קלייניקייט, קום. מירן נאָר געוואויר ווערן. באלד וועלן מיר אריינגיין צוריק.

דניאל האָט געפּאָלגט שלמהן.ביידע האָבן אָנגעטאָן די שיך און ארויס דרויסן.

ליליען, וואָס איז געשטאַנען אַ צעטומלטע, ניט באַגריפן וואָס דאָ קומט פאָר, נאָכדעם ווי אלע מענער זיינען ארויסגעגאנגען, איז א צעשראָקענע צוגעגאַנגען צו קריינדלען:

— האָ, וואָס איז געשען, קעראַלאַין?

— שלעכט, ליליען. אונדז איז שלעכט.

— ווער טרייבט עס יידן?

— כ׳ווייס נישט, ליליען. אין רוסלאַנד, ליליען.

— וואָס וויל מען פון יידן?

— אונדז איז שלעכט, ליליען. הלוואי זאָלסטו פון דעם נישט וויסן. הלוואי ווייסן מיר דאָ נישט פון דעם. כ׳וויל וויינען, און קען נישט מער וויינען, ווי כ׳וואָלט שוין אַלע מיינע טרערן אויסגעוויינט. זעסט, אַפילו זיצן זיבן טעג און טרויערן נאָכן טאַטן קען מען דאָ נישט.

— אַ סך יידן וועלן קומען אַהער, דאָס האָט ער געמיינט?

— אַוודאי, ליליען. איצטער וועלן גאָר אַ סך יידן קומען. דאָ וועט ווערן ענג, האָב איך מורא. אוי, ווי ענג ס׳קען דאָ ווערן!

— ס׳איז גוט אַזוי, קעראַלאַין, וואָס זיי קומען. אויף יעדן איינעם וואָס שטאַרבט דאָ, וועלן קומען צען. דאַרפסט זיך פרייען, קעראַלאַין. כ׳וואָלט נאָר וועלן וויסן פאַרוואָס דהאָט מען דאָרטן אַזוי פיינט יידן?

קריינדל איז געזעסן ווי פריער. די אויגן האָבן געקוקט אינדערוויט. זי האָט זיך אַריבערגעטראָגן מיטן דמיון קיין רוסלאַנד און נאָך אַמאָל איבערגע־לעבט איר אייגענעם וואָגלען. נאָך אַמאָל האָט זי געזען די שורות יידן, אויף וועגענער און צופוס, באַלאָדענע מיט זייער דלות, מיט קליינע קינדער אַרומ־גערינגלט, און אַזוי גנבעט מען דורך די פינצטערע נעכט די גרעניץ...

— אַ שאָד, ליליען, וואָס דער טאַטע איז געשטאָרבן. כ׳ווייס וואָס אים האָט דערקירצט זיינע יאָרן. ווען ער לעבט איצטער, און ער הערט וואָס עס טוט זיך דאָרטן. אָ, ווען ער לעבט, וואָלט ער איצטער נישט געבענקט אַהין!

— וואָס איז פאַרט דאָרטן, קעראַלאַין?

— אַז איך טראַכט פון דעם, דוכט זיך מיר, אַ פינצטערע נאַכט איז דאָרטן. זעסט, אַפילו אַזאַ מענטש ווי טאראס איז פון דאָרטן אַנטלאָפן, און דאָ קלעפּט ער זיך צו יידן. דאָ איז ליכטיקער, ליליען.

— טאַקע דאָ איז ליכטיקער, קעראַלאַין?

אין ליליענס פּנים האָט זיך אַ פּלוצלונגע פרייד אָנגעצונדן.

— ווי גוט מיר איז, וואָס איך ווייס אַלץ. מיט יעדער טרויעריקער גע־שעעניש ווער איך אַלץ קליגער. אויך היינט האָבן מיר זיך געעפנט די אויגן.

מיר איז גוט וואָס איך בין געוואָרן אַ יידיש קינד. מיר איז גוט, וואָס כ'האָב דיך פּאַר אַ שוועסטער, קערהאַלאַין!

ביי די ווערטער איז דניאל צוריק אַריינגעקומען און צו זיך גערעדט:

— דער בעכער פון צאָרן איבער יידנס קעפּ. דער בעכער פון צאָרן איבער אונדזער אַלעמענס קעפּ . . .

שטיל און שטום האָט דניאל אויסגעטאָן די שיך, און זיך אַראָפּגעלאָזן צום דיל.

* * *

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער זיינען ביי דניאל לוריאַן אַרום טיש געזעסן יידן מיט געבויגענע קעפּ, מיט ווייטיק אין האַרצן און שרעק אין דער נשמה. דער רעיון האָט וואו פאַרטראָגן: „אַמעריקע", „ימען", „פרעמדע שטעט און מענטשן". די נשמות, אָפּגעטיילט פון גוף, האָבן זיך געטראָגן הין־און־צוריק פון אַמעריקע ביז ראָסיי, און פון דאָרטן — צוריק, ביז קעסלגאַרדן, ביז „נעוו־יאָרק".

דאָס זיינען ארויפגעקומען פון דער שול „אנשי אמת וצדק", דער רב ר' מרדכי ליפשיץ מיט נאָך עטלעכע יידן. דניאל האָט נאָך מעריב (ער האָט געזאָגט קדיש נאָכן פאָטער) פאַרנומען די יידן, מחמת ביי דניאלן זיינען געווען געסט פון ראָסיי — ווייטע קרובים. בעריש לוריא מיט זיין משפּחה: אַ מאַמע מיט צוויי טעכטער און איין זון.

— אין פלוג האָט מען געקענט מיינען, ס'איז משיחס צייטן; אָט באַלד וועלן יידן אויסגעלייזט ווערן פון גלות! ווען־זשע וואָלט עס גערעדט געווען? ווען יידן ציען קיין ארץ־ישראל. לויפן אָבער יידן דיק אַהער, רק אַהער. און אַז אַהער וועלן שוין אריבערציען זעכציק מאָל זעכציק טויזנט יידן, וואָס וועט דערנאָך טרעפן? אַז נישט דאָ איז די גאולה. אַז נישט דאָ איז ארץ־ישראל. דאַרומעד בין איך אַ חסר־דעות. איך באַנעם נישט דעם גאַנצן ענין. ווען איך בין איצטער דאָרטן, מעלד איך אייך, איז יעבור עלי מה, וואָלט איך פון דאָרטן ניט געלאָפן!

אַזוי האָט בנעימותדיק גערעדט ר' מרדכי ליפשיץ, און פאַנאַנדערגעקעמט מיט פינף פינגער זיין שוואַרצע באָרד.

— ס'ערשטע האָט מען זיך גענומען פאַר די יידן פון מאָסקווע. פון זיי האָט זיך ס'פייער צעפלאַקערט. איז דאָס נישט אומזיסט. געקראָכן צו שטאַרק אין די אויגן אַריין . . . — האָט בעריש לוריא, מיט אַ ביסל אָבשיי שטיל גערעדט.

— וואָס, פרעג איך אייך, האָבן יידן זיך געשטופּט קיין מאָסקווע און קיין פעטערסבארג? — האָט געטענהט ביאַמע זיידמאַן, אַ הערינג־קרעמער אויף העסטער סטריט — ווי זאָגט דאָרטן דער נביא? מהרסיך ומחריביך ממך יצאו... פון דיר, פון דיר אליין קומען ארויס דיינע אָנשיקענישן וואָס טוען דיר אָן צרות. אוודאי האָבן נישט יידן פון קליינע שטעטלעך ענג געמאַכט די גויים!

— גוט, זאָלן זיי קומען אַהער! זאָלן זיי שמעקן פּאַטשעמאַ פונט ליכאַ; זאָלן זיי זיך פּרעגלען ווי מיר ביי די פּרעסאייזנס, אָדער זיצן פופצן שעה געבויגן איבער דער קאַטערינקע.

— און אפשר טאַקע משיחס צייטן! — האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ חלום שמחה סעלצער, אַ מענטש מיט סמיכה אויף רבנות פונדערהיים, און דאָ אַן אַפּערייטער ביי קינדער־הייזקעס, וואָס האָט ביסלעכווייז, קלערנדיק פון תכלית, זיין רויטלעך בערדל גאָר אינגאַנצן אויסגעצופּט — אפשר טאַקע משיחס צייטן! מיר הייבט זיך דער מוח בשעת כ׳מאַך צו די אויגן און הייב אָן באַטראַכטן די ביטערע צייטן וואָס האָבן זיך אָנגערוקט אויף יידן אין ראַסיי. צי דען באַשטייען משיחס־צייטן פון איינאײנציקן טאָג, צי פון אַ יאָר? משיחס־צייטן מיינט, צייטן! — האָט שמחה סעלצער געקוועטשט דעם „צ״ פון צייטן — דורות גאַנצע, יאָרן אין די הונדערטער געדויערן די חבלי־משיח . . . ווען דער נביא האָט אַ פרעג געטאָן: שומר מה־מליל? שומר, וואָס הערט מען עפּעס פון דער נאַכט אַרויס? . . . געדענקט איר וואָס דער שומר האָט געענטפערט? געקומען איז שוין דער פרימאָרגן, און נאָך אַמאָל נאַכט, און די גאולה? עט, וויט! טויזנטער יאָרן געדויערן שוין די חבלי־משיח. כסדר ווייען ווי פון אַ יולדת, און די דערלייזונג איז וויט. איצטער יאָגט מען יידן פון דאָרטן, אַ קימלען שוין עטלעכע הונדערט יאָר האָבן יידן געלעבט אין ראַסיי. אַהין זיינען זיי דאָך אויך אַנטלאָפן פון די מדינות וואו מ׳האָט זיי געוואָלט פאַרטיליקן.

— וואָס־זשע וועט זיין מיט יידן דאָ? — האָט ר׳ מרדכי געפרעגט.

— דאָ וואָס וועט מיט זיי זיין? דאָ וועלן זיך אויך נאָך אָנהייבן די חבלי־משיח. ס׳פאָלק פון לאַנד וועט טענהן, אַז מיר האָבן זיי ענג געמאַכט. איין קלייניקייט, דער פּן־ירבו... די מורא, טאָמער וועלן יידן זיך פאַרמערן און אַלץ פאַרכאַפּן! דאָס איז דאָך נאָך געווען בימי פרעה מלך מצרים!

שמחה סעלצער דהאָט מיט ניצחון פאַרענדיקט. ער איז אויפגעשטאַנען פון זיין פּלאַץ, איבערגעגאַנגען צום גאַסט, צו בעריש לוריאַן, און איִם גע־מונטערט:

— נו, מילא, אַז איר זייט שוין ביי אונדז אין דער גליקלעכער מדינה, זאָלט איר זיך טאַקע אָנידערזעצן ביי דער קאַטערינקע, און פאַרגעסן אין ראַסיי. פאַרגעסן, אויסמעקן פון זכרון!

— נישט מיט מרה־שחורה זאָלט איר, מיסטער סעלצער, קומען אָפּגעבן שלום־עליכם די פּליטים פון ראַסיי — האָט זיך דניאל אָפּגערופן — מיט מרה־שחורה לעבט מען נישט. זאָלן אַהער קומען וואָס מער יידן. דאָ וועלן יידן נישט פאַרפאַלן ווערן. דאָ האָרעוועט מען טאַקע אַ סך, אָבער ס׳אי פאַראַן אַ זינען אין דער האָרעוואַניע. איז אונדז שווער, וועט אונדזערע קינדער זיין גרינג. מיר איז דאָ גוט. כ׳וויל, אייך אַלעמען זאָל זיין ווי מיר. אוודאי דאַרף קיינער נישט נאָכטאָן מיין טאַטן. ער האָט געבענקט. הלוואי וואָלט ער נאָך איצטער געלעבט, געזען ווי יידן לויפן פון ראַסיי, אפשר וואָלט ער זיינע אויגן אויפגעעפנט און געזען, אַז צום גוטן איז געווען זיין אַריבער־פּעקלען זיך מיט דער גאַנצער משפחה אַהערצוצו נאָך מיט אַריבער ניין יאָר צוריק.

— דער פּחד, דער פּחד . . . אָט, ווי בשעת מ׳וואַרפט אַ שטיין אין איין פויגל אויף אַ בוים, לאָזן זיך אַלע פויגל אוועק אויף די פליגל, אַ פּחד באַפאַלט אַלעמען! אָט אַזוי איז דאָס מיט יידן. געוואָרפן אַ שטיין אין

די יידן פון מאָסקווע און פעטערסבורג, האָבן זיך אַלע יידן אַ רודער געטאָן וואו ראַסיי האָט אַן עק, און מ׳לויפט!

בעריש לוריא, מיט שרעק אין פּנים, דהאָט שטיל גערעדט, ער האָט זיך אַרומגעקוקט צי מ׳הערט זיך חלילה ניט אונטער — אַוודאי, ס׳גלויבט זיך מיר נאָך אַלץ נישט, צי כ׳בין שוין אויף צום אמתן אויסגעלייזט געוואָרן.

— אַ פּחד, וואָס אין קעסל־גאָרדן טוט זיך אָפּ!

— ווייזט זיך אַרויס, אונדזערע דייטשע ברידער זיינען מענטשן מיט לב־טוב.

— אַוודאי, אין צייט פון סכנה דערקענט מען ווער ס׳איז אַ ברודער. אַוודאי זיינען זיי אונדזערע ברידער.

— זאָל שוין גאָט רחמנות האָבן!

צוביסלעך האָט זיך דער פרעמדער עולם אויפגעהויבן, מיט געבויגענע קעפּ איז מען אַרויס פון שטוב.

אין צייט פון שמועס איז ליליען־רות געשטאַנען אַ צוגעקלעפּטע צו קריינדלען, מיט אַלע חושים אָנגעשפּיצט, געוואָלט אויפכאַפּן וואָס די יידן רעדן. זייער אומרואיקייט איז צו איר איבערגעגאַנגען; ווי אויף איר וואָלטן זיך שווערע כמאַרעס אָנגערוקט. ווען קריינדל איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ליליען זיך געווענדט צו דניאלן:

—איז דאָס אמת, אַז דאָ אין לאַנד ווערט מען אויך אָנהייבן פיינט האָבן יידן, כ׳מיין אַרויסטרייבן יידן?

— חלילה, וואָס פאַלט עס דיר איין?!

— כ׳האָב אַ ביסל פאַרשטאַנען וואָס מ׳האָט דאָ גערעדט.

— זעסטו דאָך, אַז דו האָסט נישט פאַרשטאַנען. יידן ציען אַהער ווייל דאָ באַשיצט מען זיי. ביסט דאָך צופרידן, וואָס מער יידן קומען אַן אַהער!

—— וואָס איז מיט דיר, ליליען? — איז דניאל צוגעגאַנגען, אַרומגענומען זיין ווייב און געדריקט צו זיך — פאַרוואָס ביסטן אַזוי טרויעריק? זיי וועלן דאָך ביי אונדז נישט דאַרפן בלייבן לאַנג, מאָרגן וועלן מיר פאַר זיי אויסגעפינען אַ דירה.

— אָ, דניאל . . . ווי קומסטו מיר דאָס צו זאָגן?! צי דען מאַכן זיי מיר ענג אין שטוב? זאָלן זיי דאָ זיין ווי לאַנג זיי וועלן דאַרפן. איך בין צעטומלט געוואָרן, זינט ס׳האָבן זיך דאָ באַוויזן אַזויפיל יידן. צעשראָקענע, אויסגעמאַטערטע . . . גיב מיר צו פאַרשטיין, דניאל, פאַרוואָס טרייבט מען פון דאָרטן די יידן?

— מיר איז שווער צו געבן צו פאַרשטיין.

ליליען האָט מיט אַ ציטער אין שטים גערעדט און אַריינגעקוקט דניאלן אין די אויגן אַריין:

— אַ סך זאַכן דערקלערסטו מיר ניט. כ׳בין דאָך אַ יידיש קינד ווי איר אַלע. און ווי ס׳קומט, אַז איך קען עפּעס ניט פאַרשטיין . . .

— וואָס טוסטו, ליליען, פאַרוואָס וויינסטו?

— יאָ, כ׳בין באַליידיקט.

— כ׳האָב גאָרנישט געמיינט מיט דעם, ליליען. צי דען קען איך דיר אויפקלערן פאַרוואָס קריסטן האָבן פיינט יידן? פרעג די קריסטן, זאָלן זיי דיר זאָגן, ווייסן זיי אַליין ניט פאַרוואָס.

— כ׳האָב פֿאַרשטאַנען וואָס מיסטער סעלצער האָט געזאָגט! אַז דאָ וועט מען אויך שלעכטס טאָן יידן, האָט ער געזאָגט... ס׳מוז דאָך זיין אַ פֿאַרוואָס, אויב יידן ריכטן זיך אַליין, אַז מ׳וועט זיי טרייבן פֿון אומעטום! איז דאָס אמת, אַז מ׳האָט זיי פֿיינט דערפֿאַר וואָס זיי האַלטן זיך גרויס ביי זיך?

— חלילה, יידן האַלטן זיך נידעריק ווי דאָס גראָז.

— ווייסטו אַליין ניט. יידן זיינען גרויסהאַלטער.

— ליליען, דו זאָלסט עס זאָגן! בין איך עס? איז מיין פֿאַרשטאָרבענער פֿאָטער געווען אַזוי? זיינען מיינע ברידער, איז קעראַלאַין אַ גרויסהאַלטערקע?

— מיין שוועסטער, ליזאַבעט, זאָגט עס.

— פֿון וואַנען ווייס ליזאַבעט דאָס צו זאָגן?

— זי ווייס שוין גאָר גוט. זי איז איינגעליבט אין זכריהן, בעט אים, ער זאָל איבערגיין צום קאַטוילישן גלויבן, פֿאַסט עס אים ניט. דיר וואָלט אויך ניט געפֿאַסט, ווען איך פֿאַרלאַנג עס פֿון דיר.

— ליליען...

— יאָ, דניאל, ס׳איז אַן אמת!

— ס׳פֿאַרדריסט דיך אפֿנים וואָס דו ביסט געוואָרן אַ יידיש קינד.

— ניין, ניין, ניין... פֿאַרשטייסט מיך ניט, דניאל. איך רעד איצטער פֿון ליזאַבעטן און דיין ברודער. מיט אונדז האָט עס ניט וואָס צו טאָן.

— אַ ביסל האָט עס מיט אונדז אויך צו טאָן. אויף דיר איז אָנגעפֿאַלן אַ שרעק די לעצטע צייט זינט יידן האָבן אָנגעהויבן אָהער...

— ניט קיין שרעק, דניאל... מיר איז פֿיינלעך צו פֿילן, אַז איך שטאַם אָפּ פֿון דער קריסטלעכער וועלט, וואָס טוט אָן אַזעלכע צרות יידן. מיטן געדאַנק האָב איך זיך ניט אויסגעמעקט פֿון יעניקע. כ׳האָב ליב דאָס איירישע פֿאָלק, פּונקט ווי כ׳האָב ליב אַלע גוטע מענטשן.

— דאָס איז זייער שיין, ליליען. כ׳וויל נאָר, דו זאָלסט פֿאַרשטיין, אַז דו ביסט רעליגיעז פּונקט ווי איך בין עס. דו ביסט איבערגעגאַנגען צום יידישן גלויבן, אָבער דו גלויבסט אין דעם אייגענעם גאָט וואָס דיינע עלטערן. מיין ברודער זכריה, פּונקט ווי נייטן, ער איז ניט רעליגיעז. ווען זי פֿאָדערט ניט פֿון אים, ער זאָל זיך שמדן, וואָלט ער מיט איר אפֿשר חתונה געהאַט.

— ווייסט ניט אַלץ, דניאל.

— אַדרבה, אויב איך ווייס ניט, קלער עס מיר אויף.

— כ׳וועל עס ניט דערציילן.

— דו באַהאַלטסט פֿון מיר קיינמאָל גאָרניט!

— אפֿשר טו איך טאַקע ניט גוט וואָס איך דערצייל דיר אַלץ.

דניאל האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן, און איז טרויעריק געוואָרן. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט צום טיש, און אַריבערגעקוקט צו דער טיר.

אַ ווייילע איז געווען שטיל. דניאלן האָט שטאַרק ווי געטאָן, הלמאי דער שמועס האָט זיך גאָר אָנגעהויבן. פֿאַר אים איז איצטער זיין גרטע געווען אַ רעטעניש. עפּעס טראָגט זי אַ פֿאַרדראָס אַרום צוליב איר שוועסטער, און ער קען ניט באַגרייפֿן פֿאַרוואָס ליליען האָט פּלוצלונג דאָס אויפֿגעדעקט פֿאַר אים.

— ווער קען זיך דערקלײַבן צו יענעמס סודות? אפשר ווערט איר פּריק־רע צו לעבן צווישן אַזויפיל יידן — לויפט אים דורך אַ געדאַנק.

דניאלן באַאומרואיקט דאָס, וואָס ליליען האַלט זיך ביי אירס, גאָרניט ווי דער שטייגער אירער צו זיין נאָכגעביק. ער זוכט ביי זיך די פּאַסיקע ווערטער מיט וואָס אָנצודרייבן:

— ביסט נאָך אַלץ ברוגז? קום צו מיר . . . — האָט דניאל צו איר אויסגעשטרעקט זיינע אָרעמס, און געמאַכט אַ פריינטלעכן פנים — ביסט דאָך אַזאַ גוטע, ווי קומט עס צו דיר, זאָלסט גאָר צוליב אַזאַ זאַך?

— פאַרשטייסט מיך ניט. ניין, פאַרשטייסט מיך ניט . . . — האָט ליליען פון איר אָרט זיך הייס פאַרטיידיקט — מיר איז שווער אויף דער נשמה. פאַר מיינע אויגן שטעלן זיך אויס אַזעלכע שרעקלעכע בילדער! כ׳פאַרשטיי עס ניט. ס׳איז ניט קיין מלחמה דאָרטן פון וואַנען יידן לויפן. פאַרוואָס שלאָגט מען זיי? פאַרוואָס טרייבט מען זיי? דאָס אַליין וויל איך, אימעצער זאָל מיר אויפקלערן. זיינען דאָרט די רוסישע קריסטן אַזעלכע גזלנים? האָסט מיר דערציילט, ווי מ׳האָט יידן אַמאָל געטריבן פון שפּאַניע אויך, און פון דייטשלאַנד אויך . . . ווען איך מיט דיר קום וואוינען אין רוסלאַנד, וואָלט מען אונדז פון דאָרטן געטריבן! געמאַכט אויף אונדז פּאָגראָמען? דאָס מיינסטו?

— יאָ, ליליען.

— איז אפשר ליזאַבעט גערעכט וואָס זי וויל ניט ווערן קיין יידיש קינד. כ׳האָב געקלערט צורעדן ליזאַבעטן, זי זאָל ווערן אַ יידיש קינד. איצטער וועל איך עס ניט טאָן.

דניאל האָט געשוויגן.

— וואָס שוויגסטו? פאַרוואָס זאָגסטו גאָרניט, דניאל?

— מיר איז טרויעריק וואָס יידן מוזן זיך מיט די וואָרצלען אַרויסרייסן פון זייער היימלאַנד.

— כ׳ווייס וואָס דו טראַכסט פון מיר איצטער — איז ליליען צוגעגאַנגען, אַרומגענומען דניאלס קאָפּ און אַ קוש געטאָן — וואָס דו זאָלסט ניט טראַכטן פון די קריסטן, האָט עס ניט צו טאָן מיט מיר. איך בין רעליגיעז, ס׳איז אמת. בין עס ניט איצטער געוואָרן. כ׳בין, ווי מיין שוועסטער, דאָס שטענ־דיק געווען. נאָר צוליב דיר בין איך גרייט געווען אַלץ פאַרגעסן. דערפאַר, דניאל, וואָס יעמאָלט, ווען דו ביסט צו מיר אַרויפגעקומען מיט דיין קעסטל סחורה, און כ׳האָב, אַ האַלב־נאַקעטע, געוואַשן וועש. איך האָב זיך דיר אַוועקגעגעבן, און דו האָסט מיך ניט אָנגענומען פאַר איינער פון עלען־סטריט, דעריבער בין איך צוליב דיר געוואָרן אַ יידיש קינד! כ׳האָב ניט קיין חרטה. כ׳בין גליקלעך וואָס אונדזער קינד איז אַ ייד. יאָ, דאָס, דניאל, איז מיין סוד! איך האָב ניט צו טייער באַצאָלט פאַר מיין גליק. כ׳האָב דעריבער דאָס יידישע גלויבן מיט דיין פאָלק צוגערעכנט צו מיין געווינס. נאָר כ׳טראַכט עפּעס אַנדערש. איך קען ניט פאַרשטיין פאַרוואָס די יידן לאָזן זיך, מ׳זאָל זיי טרייבן. פאַרוואָס פייטן זיי ניט? אַז מ׳מאַכט אַ פּאָגראָם, פאַרוואָס לאָזן זיי זיך? איך קוק אָן דיינע לייט, דיין אָנקל און די קינדער — זיי געפעלן מיר. גוטע מענטשן; און איך קען ניט פאַרשטיין פאַרוואָס זיי פייטן ניט . . .

— האָסט, לייליען, אַליין געגעבן דעם ענטפער, ווען דו האָסט געזאָגט, גוטע, ערלעכע מענטשן. דאָס זיינען מיר. דעריבער קענען מיר נישט פּייטן.

— גוט, דניאל. איך וועל שוין אימעצן אַנדערש פרעגן . . . כ׳וועל דעם ראַביי פרעגן פאַרוואָס מ׳טרייבט יידן. איצטער וויל איך דיך בעטן, דערצייל ניט זכריהן וואָס איך האָב דיר געזאָגט. כ׳טראַכט אויך, ווען זי האָט אים אזוי ליב ווי איך דיך, אפשר וואָלט זי געטאָן דאָס אייגענע.

— ער בעט דאָך ניט, זי זאָל ווערן אַ יידיש קינד.

— לאָמיר פון דעם ניט רעדן מער. כ׳וויל דיך עפּעס אַנדערש פרעגן. זאָג מיר, פאַרוואָס שטעלן זיך די יידן אַלע אָפּ אין דערדאָזיקער ענגשאַפט ? אונדזער לאַנד איז דאָך אַזוי גרויס און ברייט. ניטאָ קיין ברעג, אַזוי גרויס איז אונדזער לאַנד !

— זיי קומען אַהער צעטראָגענע. פון דאָרטן יאָגט מען זיי. ס׳גלויבט זיך נישט, אַז דאָ וועלן זיי האָבן פרידן. נו, קלעפּט מען זיך איינס צום אַנדערן. היימלעכער צווישן אייגענע. די צייט וועט קומען, מ׳וועט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, וועסטו זען . . . מירן נאָך אויך אַמאָל אַרויס פון דער אייגענער ענגשאַפט. אונדזער זון, אַז ער וועט אויסוואַקסן, פאַר אים וועט דאָס גאַנצע לאַנד זיין אָפן !

— און פאַר אונדז ?

— איך וועל דיר פאַרטייטשן וואָס דער מיסטער סעלצער האָט געזאָגט. ער איז נאָך געלערנטער פון ראַביי. ער האָט דערציילט, ווי דער נביא פרעגט ביים שומר אויף דער וואַנט פון ירושלים, מיט טויזנטער יאָרן צוריק איז דאָס געווען ; שומר, דערצייל מיר וואָס הערט מען פון דער נאַכט אַרויס ? ענטפערט דער שומר : דער פרימאָרגן איז געקומען, דער טאָג איז ווידער אַוועק, די נאַכט איז שוין ווידער דאָ . . . די נאַכט וועט זיך לאַנג, לאַנג ווידער ציען ! מיר יידן זיינען פאַרטריבענע אין גלות. דער גלות איז געגליכן צו נאַכט. שטאָק־פינצטער. שומר, מה מליל ? — — — האָט דניאל אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו דער סטעליע — ש ו מ ר מ ה מ ל י ל ? — — — — —

לייליען־רות האָט אַנגעקוקט איר מאַן, און איר האָט זיך אויסגעדוכט, גלייך ווי זי הייבט מיט אים אָן וואַנדערן אין אַ פינצטערער נאַכט אַריין.

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

אין די נייע רדיפות אויף יידן אין רוסלאַנד, אין דער בהלה, אין דעם פרישן שטראָם יידישע וואַנדערער וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערגרייכן ניו־יאָרקער ברעג — האָט לעאָנאַרד חלפן אַרויסגעזען פאַר זיך מזל וברכה. מער מענטשן. מער הענט. מער גרינע. ביליקער אַרבעט, און אַ סך אַרבעט. די אויסגעגרינטע וועלן מער ניט זיין קיין יחסנים.

אין דעם פרישן אומגליק, אין דעם נייעם יידישן גלות האָט לעאָנאַרד חלפן געשפּירט זיין אייגענעם שטייגן. ער האָט זיך דערפאַר צוגעאיילט איבערבייטן זיין נאָמען. פאַר דער נייער צייט—אַ נייער נאָמען. אַנשטאָט לייבל חלפן — לעאָנאַרד סטאָן!

טאַטע־מאַמע האָבן געהאַט צער הלמאי לעאָנאַרד האָט זיך אַריינגענומען אינזינען איבערצובייטן זיין נאָמען. כאָטש מ׳האָט צו אים אַרויפגעקוקט ווי אויף אַ מענטשן, וואָס האָט מיט זיינע אייגענע עלנבויגנס זיך דורכגעשפּאַרט אַ וועג און אַרויס אויפן פערד, אָבער אַ נאָמען בייטן!

— פון דער אייגענער הויט קריכט מען נישט, זון מיינער — האָט מאיר חלפן ניט געקענט זיך מער ווערגן מיט זיין פאַרדראָס — מיט וואָס איז סטאָן מער כבוד אין אַמעריקע ווי חלפן? שעמסט זיך אַפּנים מיט דיין אַפּשטאַם!

וואָס האָט אויף דעם לעאָנאַרד געקענט דעם טאַטן ענטפערן? זאָגן אים דאָס וואָס ער האָט אַמאָל קריינדלען אינדערשטיל פאַרטרויט, אַז ער שעמט זיך מיט אַ נאָמען ווי חלפן, מחמת דער טייטש דערפון מיינט: געלט־בייטער, פּראָצענטניק? אַ געפּיל אַזאַ, וואָס לעאָנאַרד ווייס אליין ניט פון וואַנען עס שטאַמט, האָט אין אים געגעבערט: „גיי, טו אַפּ אַזאַ זאַך, וואָס זאָל פאַר אַלעמען קלאָר מאַכן, אַז דער לייבל חלפן, וואָס איז אַמאָל געקומען פון ראָסיי, איז דאָ שוין ווייט, ווייט ניט דער אייגענער. אַפילו דער נאָמען איז ניט דער אייגענער. לייבל חלפן, איז ניט מער לייבל חלפן, נאָר — לעאָנאַרד סטאָן!"

— דער נייער נאָמען וועט עפענען אַ טיר אין אַ רייכערער וועלט אַריין.

אויך דאָס האָט לעאָנאַרד בחוש געזען.

זינט ער האָט זיין נאָמען געביטן איז ער שוין געווען צוגאַסט אין דער יאַהודימשער צדקה־גדולה פאַר די „גרינע פון רוסלאַנד". ניט ווי אַ נבנע, טובות בעטן, נאָר ווי איינער, וואָס איז געקומען מיט מיסטער אַדלערן צו ווערן אַ באַשיידענער מיטגליד מיט אַ געוויסן אַפּצאָל!

און נאָך עפּעס: פון צווישן די הונדערטער „קאָקרעטש־באָסעס" אויף דער איסט־סייד, איז לעאָנאַרד שוין ווייט געווען אָפּגעשיידט. „ווײדזשעס" צאָלט ער אין צייט. אין זיין שאָפּ איז אַ ביסל ליכטיקער. קיין סטרייקס זיינען אַ צייט ביי אים כמעט ניט געווען. אַפילו דער לעצטער סטרייק אין

איינעם פון זיינע שעפער, וואו די אפערייטערס האבן געפאדערט, ער זאל אוועקשטעלן ביי־מאשינען אויף זיין חשבון, און ניט דער ארבעטער זאל באדארפן קומען מיט זיין אייגענער קאטערינקע אויפן פלייצע, דאס האט אויך לעאנארד נאכגעגעבן.

— יו נאו, מ׳דארף פארשטיין וואו צו זאגן יא, און וואו ניין — האט ער פאר זיך אליין גערעדט — מ׳דארף פארשטיין וואס איז מיינס, און וואס איז דיינס.

פונדעסטוועגן האט לעאנארדן שטארק ווי געטאן הלמאי אין זיין אייגענער משפחה קוקט מען אויף אים אזוי קרום.

— זון מיינער, כ׳זע שוין ארויס מיין מזל, אך־און־ווי וואס דא וועט פון מיר ווערן — האט בשעת מעשה די מאמע נעבעך געלאזן פריי די טרערן, דער זון זאל עס זען — וואס איז גבירישקייט, אויב מ׳נעמט און מ׳שעמט זיך מיט אן אייגענעם נאמען?

ניט די גבירישקייט אליין, האט נעבעך געפילט, שטעלט זיך ווי א וואנט אנידער צווישן איר, דער יידישער מאמע פון ראסיי, און איר זון, וואס פרוּווט, ווי איר מאן זאגט, ארויסקריכן פון דער אייגענער הויט. ס׳איז דאס נייע לאנד וואס הייבט אן פאדערן צינזן, דאס האט נעבעך בחוש אנגעהויבן ארויסצוזען, כאטש זי האט ניט גאר קלאר באנומען פארוואס עס מוז אזוי זיין.

ווען לעאנארד האט מיט א יאר צוריק דערציילט קריינדלען, אז ער קלייבט זיך איבערבייטן זיין נאמען, האט אים אויסגעוויזן, אז איר איז דאס געפעלן געווען. און איצטער, ווען ער האט געקראגן א געלעגנהייט מיט איר צו פארברענגען א ביסל, און דערציילט איר, אז פון חלפן האט ער אויס־געביטן אויף סטאן, איז קריינדל רויט געווארן, ווי זי וואלט זיך פארשעמט:

— פארוואס זאגסטו מיר גארנישט אויף דעם, קעראלאין?

— ווער ווייס, ווען איך וואלט פארשטאנען, יעמאלט, בשעת מ׳האט מיר א נאמען געגעבן קריינדל, אפשר וואלט איך זיך צעוויינט און געבעטן, מ׳זאל מיר געבן אן אנדער נאמען.

— ווען מיין נאמען איז לעאנארד לוריא, וואלט מיר קיינמאל ניט איינ־געפאלן אים איבערצובייטן.

— נישט פון זיין נאמען אנטלויפט א מענטש. פון זיך אליין וויל א מענטש אנטלויפן, קען ער דאך נישט אנטלויפן פון זיך, נעמט ער און בייט אויס זיין נאמען. צוליב וואס זאלסטו וועלן אנטלויפן פון זיך אליין? ביסט אימעצן שולדיק דערפאר וואס דיר איז גוט אוועקגעגאנגען אין אמעריקע? נאר גיי דערקען א מענטשן, אויב דער מענטש אליין קען זיך נישט!

דאס האט קריינדל בשעת מעשה צוגעגעבן, און זיך פארקוקט איינדער־ווייט.

— פון חלפן ווערט אין אמעריקע טשאלפן. אבער אזא נאמען ווי סטאן וועט בלייבן סטאן, כא־כא־כא.

דאס וואס זיין נייער נאמען האט ניט אויסגענומען ביי אייגענע, האט דווקא געווירקט, לעאנארד זאל באווייזן מיט וואס סטאן איז לייטישער ווי חלפן.

אין שאפ האבן עס בייזע צינגער אנדערש צעקייט. ס׳פאסט אים.

— אָט דאָס איז ער, אַ האַרץ פון אַ שטיין! — האָט זיך דינה חפץ צעשריגן איינמאָל אויפן הויכן קול, אַלע אין שאַפּ זאָלן עס הערן.

די דינה חפץ, נתן לוריאַס כלה, וואָס האָט ביי אים אין העמדער־שאַפּ געאַרבעט, און וואָס מיט איר האָט לעאָנאַרד גאַנץ אָפט געפּרואווט פאַרפירן אַ שטיקל שמועס, זי האָט אים באַגריסט, און מיט אַ שמייכל אין פּנים געזאָגט:

— איך וואָלט שוין מיין נאָמען געביטן אויף עפּעס ווייכערס ווי אַ שטיין.

לעאָנאַרד האָט דעם שטאָך גוט פאַרשטאַנען. אַ נאַרישע שוואַכקייט, ווי לעאָנאַרד האָט אַ סך מאָל באַטאָנט, האָט אים געטריבן צוליב טאָן דעם „יאַבעדניק" נתן לוריאַן, און אַריינגענומען אין שאַפּ זיין קרובה און כלה דינה חפץ. ס'האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז פון איר וועט ער האָבן צרות. אָפּטמאָל האָט לעאָנאַרד חושד געווען, אַז נתן האָט בכיוון צו אים אין שאַפּ אַריינגעזעצט די דינה חפץ, זי זאָל אים אָנטאָן צרות, בונטעווען די אַרבעטער, און „אויפוועקן ביי זיי די נישט פאַרגינערישקייט". כאָטש ס'איז גאָר איבגאַנצן ניט נויטיק געווען נתן זאָל איר געבן עצות. ווען איר געשליפן צינגל האָט זיך צעוויגט, האָבן די פּיס ביי די אָפּערייטער אויף די טרעטערס נאָכגעלאָזן, די נאָדלען האָבן זיך פאַמעלעכער אָנגעהויבן צו טוקן און מיטשלעפּן דעם פאָדים אין שטאָף אַריין. די עלטערע, פרומע יידן ביי די פּרעסן, זיינען אויך געבליבן רואיק, מיט דער מורא ניט צו פאַרברענען דאָס, וואָס איז אונטערן פּרעס געבליבן אין סכנה.

א לידעלע האָט דינה חפץ געזונגען, האָט קיינער ניט געוואוסט פון וואַנען עס שטאַמט. דוכט זיך גאָר אָן אַ קול צום זינגען, נאָר אַז זי האָט אָנגעהויבן אַלץ האַסטיקער און האַסטיקער וויגן די פּיס אויפן טרעטער, האָט זי קלאָמפּערשט אַריינגעטענהנט אין דער נאָדל אַריין, וואָס האָט אַלץ האַסטיקער זיך אַליין איבערגעיאָגט אין שטעפּן:

„ווען ס'איז קאַלט, און ווען ס'איז הייס,
ווען ס'איז ביטער, און ווען ס'איז גוט.
טראָפּעלעך, טראָפּעלעך טריפט דער שווייס,
טראָפּעלעך, טראָפּעלעך טריפט דאָס בלוט . . ."

דאָ האָבן אַלע פאַרשטאַנען ווען זי מיינט, ווען שווייס, ווען בלוט ס'טריפט און טריפט.

און ווען זי האָט אָנגעהויבן אויף איר ד'האַלב־מאַנסבילשער ברוסט־שטים, ווי אַ זאָגערקע:

„אַ בוים ביי מיין פענצטער, ער וואַקסט און בליט,
ווייט איז מיין היים, כ'קען נישט קומען אַהין.
דער קאַטערזשניק איז צו דער טאַטשקע געשמידט,
דער אָפּערייטער איז געשמידט צום מאַשין . . ."

יעמאָלט האָבן באַשיינפּערלעך פון אָפּערייטער ביזן פינישער און בייס־טער, יעדער איינציקער האָט זיך אַליין דערקענט. די האַרצקלעמעניש איז בשעת מעשה אויף יעדן איינעם געפאַלן. כאָטש יעדער איינער האָט באַגערט, זי זאָל זינגען און זאָגן פון פרי ביז נאכט און ניט מיד ווערן.

ס'איז געווען אַ טאָג פאַר ערב תשעה־באָב. די היץ האָט געשטיקט. די אַרבעט איז געקראָכן פון האַלדז. אַ בענקעניש, אַ נאָגעניש האָט ס'האַרץ

אַרומגעכאַפּט. די בענקעניש איז שטיל, נעפּלדיק געשוואומען איבערן שאַפּ און אַפילו דערגרייכט צו די עלטערע יידן, צו די פּרעסערס, און שווער איז געוואָרן דעם פּרעס אויפצוהייבן.

ברוך זלמן רייכער, א פּעסטער, שוואַרץ־בערדיקער, בעסאַראַבער ייד אין די מיטעלע יאָרן, האָט די הענט אויפגעהויבן איבער דער מאַשין ווי צו דוכנען, און מיט א בעקישער שטים זיך אָנגעהויבן צו ציקלען:

— אוי, ווי איז מיר, אלי ציון ועריה . . . טאַטע־פּאָטער, וואו איז מען אין דער וועלט? . . . אַ־לי ציון ו—ע־רי—ה . . . אוי, טאַטע־פּאָטער!

— איר הערט, יידן, חברה זאָגן, אַז מ׳באַדאַרף נישט פּאַסטן תשעה־באָב, אַרויסוואַרפן די קינות, באַשר מ׳איז שוין אויסגעלייזט געוואָרן פון גלות; באַשר, מ׳איז שוין אין אַ פרייער מדינה. און איך זאָג: אַ־לי ציון ו—ע—רי—ה . . . אין גלות איז מען! אַ גרעסער גלות ווי גלות־ראַסיי. באַשר דאָרטן האָב איך געהאַט איין צרה אויפן קאָפּ, פּאָניע קוואַס! אַז כ׳האָב געוואָלט, האָב איך אים אַרויסגעשטעקט אַ צונג און געוויזן אַ פייג. אָבער דאָ, אין דער פרייער מדינה, ווי זינגסטו דאָרטן, מיס חפץ? דער קאָנטערזשאָן איז צום טאַטשקע געשמידט, דער אָפּערייטער איז געשמידט צום מאַשין . . . אוי, אלי ציון ורעיה! . . .

דינה חפץ, די איינציקע פרוי אָפּערייטערן אין שאַפּ, וואָס איז געזעסן דריי מאַשינען אָפּגעטראָטן פון ברוך זלמנען, האָט ווי צו זיך אין דער צונויפגעסטריגעוועטער העמד אַריינגעזאָגט:

— דאָ וועט נאָך ווערן אויס גלות, ווען מ׳וועט זיך באַפרייען פון די אַלערליי באָסעס, גרויסע און קליינע. די קאָנטערזשאָנעס שיקט מען אין ראַסיי קיין סיביר. מיר זיינען אַליין געקומען, אויף אייגענע הוצאות זיינען מיר געקומען און זיך אַליין צוגעשמידט צו דער מאַשין. די טראָפּפּעלעך שוויס רינען, רינען, די טראָפּעלעך בלוט טריפן, טריפן . . .

אַן עלטערע פרוי, ציליע זייטשיק, וואָס איז געזעסן אויפן דיל און איינגעבויגן קנעפּלעך, איז אַ ווײַלע געבליבן מיט אַ פאָדים אויף די ליפּן, זיך פאַרקוקט אויף דינהס זייט, און זיך צעלאַכט.

— וואָס לאַכט איר? — האָט דינה זיך צו איר געווענדט.

— כ׳לאַך, וואָס מ׳לייגט זיך פייגעלעך אין בוזים. דעם אָרימאַן איז אומעטום שלעכט. דעם אָרימאַן וועט כסדר אַלץ אויספאַלן באַקאָם. אַ נייעס, באָסעס אויף אונדזערע קעפּ! אַוואו זיינען נישטאָ קיין באָסעס? סיידן אפשר אין קבר, דאָרטן וועלן מיר נישט האָבן קיין באָס אויפן קאָפּ.

— ניין, מומעשי, — האָט דינה חפץ געטענהט — נאָר אַן איינרעדעניש, אַז דעם אָרימאַן וועט זיין אייביק שלעכט. ווער איז דער מיסטער טשאַלפּן־סטאָן, וואָס איז ער געווען איידער ער איז געקומען קיין אַמעריקע?

— מ׳שמועסט, אַז די חלפנס זיינען געווען גבירים־אדירים איידער זיי זיינען אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע. — האָט ציליע ניט נאָכגעגעבן.

— און אַז דאָרטן, איז וואָס? דאָרטיקע גבירישקייט איז אפשר אַ חזקה אויף אַמעריקע אויך?

— אַז מיר זיינען געבליבן שלים־מזלניקעס אין אַמעריקע אויך, ווער איז שולדיק?

— ווען ס'איז באַשערט צו זיין קבצן, ער וועט בלייבן קבצן אַפילו ווען משיח וועט קומען.

— פאַראַן נעבעכדיקע פערדלעך, וואָס לאָזן מ'זאָל זיי שפּאַנען, און פאַראַן פערדלעך וואָס גיבן אַ בריק אין די ציינער . . .

— ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, ווען מיר זאָלן זיין פערד!

דער עולם האָט צוביסלעך איבערגעלאָזן די מאַשינען, די פּרעסן, און מ'האָט זיך אַרומגעשטעלט אַרום דינהן.

— ס'פּאַסט אים זיין נייער נאָמען! קיינעם פון אונדז איז גאָרניט איינגעפאַלן צו גיין דאָ איבערבייטן אונדזערע היימישע נעמען. אים, דעם חם, אים איז דאָס אַריין אין קאָפּ. אָפּשניידן זיך גאָר אינגאַנצן פון זיינע ברידער, אָפּפרעמדן זיך פון אייגענע לאַנדסלייט, באַשר, ער איז פון אונדזער פראַצע רייך געוואָרן. באַשר, ער טרינקט אונדזער בלוט . . . מ י ס ט ע ר ס ט אַ ן . . . אוי, איז אַ שטיין!

— אַ מילשטיין, כאַ־כאַ־כאַ — דהאָט זיך אַן עלטערער ייד צעלאַכט.

— לאָך נישט, זיידע. טאַקע אַ מילשטיין, וואָס מאָלט און צערייבט אונדז, אַרויסצוקריגן פון אונדז וואָס מער און מער, טפוי, זאָל עס ווערן!

אויף דעם איז לעאָנאַרד סטאַן אַריינגעקומען. ער איז געבליבן אין טיר, און רואיק באַטראַכט דעם עולם.

דער עולם האָט שטיל, ווי געכאַפּט געוואָרן ביי אַ גנבה, זיך אומגעקערט צוריק צו דער אַרבעט. בלויז דינה חפץ איז געבליבן נעבן איר מאַשין, אַנגעקוקט דעם געפּלעפּטן לעאָנאַרדן.

לעאָנאַרד האָט לאַנג ניט געוואַרט. ווען אַלע זיינען שוין ווידער געווען מכלומרשט פאַרנומען מיט דער אַרבעט, איז ער מיט ווייכע טריט צוגעגאַנגען צו דינה חפץ, און רואיק געפרעגט:

— אַטאָ די מאַשין וואָס איר נוצט, איז אייערע אַן אייגענע, אָדער זי געהער צום שאַפּ?

— זי געהער צום שאַפּ — האָט דינה געענטפערט, און ניט צוגענומען די אויגן פון לעאָנאַרדס פּנים.

— וויל איך, איר זאָלט איבערלאָזן די מאַשין דאָ, און אַרויסוואָקן פון שאַפּ.

— כ'פאַרשטיי ניט וואָס איר מיינט.

— כ'האָב איינגעקויפט מאַשינען פאַר די אַרבעטער, ניט פאַר קיין בונטאָווששיקעס.

— וואָס מיינט איר, אַן אַרבעטער אַרויסוואַרפן פון שאַפּ איז גרינגער ווי אַ נאָמען אַרויסוואַרפן?

— קיין אַרבעטער וואַרף איך ניט אַרויס.

— ניין?

— עקסקיוז מי . . . כ'האָב ניט קיין צייט מיט אייך זיך אויסצוטענהן!

— פאַר אויפקלערן דעם אמת צו אַרבעטער טרייבט מען מיך פון שאַפּ . . . — האָט דינה זיך געווענדט צום גאַנצן שאַפּ — כ'האָף, איר זייט ניט קיין פערד, איר זייט מענטשן! איר וועט אויך מיטגיין מיט מיר! זאָל מיסטער סטאַן נישט מיינען, ער איז געוואָרן אַן אמתער יענקי מיט דעם וואָס ער איז ניט מער קיין לייבל חלפן . . . זאָל ער זיך איצטער גיין צו די יענקיס לערנען ווי צו באַהאַנדלען אַרבעטער!

דינה חפץ האָט אין איינציקן ניש איבערגעריסן דעם פּאָדים וואָס האָט געהאַלטן פאַרבונדן אָן אַרבל מיט דער ניי־מאַשין, אַ שליידער געטאָן דעם אַרבל פון זיך, און איז אַרויס פון שאַפּ.

אויף מאָרגן האָט דער שאַפּ גערוט. לעאָנאַרד האָט עס צוגעשריבן צום ערב תשעה־באָב. אָבער אויף מאָרגן נאָך תשעה־באָב איז קלאָר געוואָרן, אַז פון זיין שאַפּ זיינען אַלע אַרבעטער אַוועק אין אַ סימפּאַטיע־סטרייק צוליב דעם, וואָס ער האָט דינה חפץ אַרויסגעשיקט פון שאַפּ.

לעאָנאַרד, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז די סטרייקער שפּילן זיך מיט פייער, מחמת ער קען קריגן צען גרינע אויפן פּלאַץ פון איין אויסגעגרינטן, האָט ער פונדעסטוועגן ניט געוואָלט דערדאָזיקער סטרייק זאָל זיך פאַרציען. תחילת האָט ער געטראַכט גיין צו נתן לוריאַן, זיך באַקלאָגן אויף זיין כלה. טאָקע האָבן מיט נתנען אַ שטיקל וויכוח, צי דאָס איז רעכט אַזוי, נעמען אין מיטן העלן טאָג אָפּרייסן מענטשן פון דער אַרבעט, און דרשענען פאַר זיי! אָבער די פּיס, קעגן זיין ווילן, האָבן אים אוועקגעטראָגן אויף לודלאָו סטריט. געוועזן שוין שפּעט אין אָוונט בשעת ער איז צו די לוריאַס אַריינגעקומען. זכריה איז נאָך געזעסן ביי דער ניי־מאַשין און פאַרטיק געמאַכט אַ קליינע באַשטעלונג וואָס ער האָט נאָך געדאַרפט ערגעץ אָפּטראָגן.

זכריה איז געווען פאַרחידושט, לעאָנאַרד זאָל אינמיטנדרינען אַריינקומען. ער האָט איבערגעריסן די אַרבעט, געוואַרט וואָס לעאָנאַרד וועט עפּעס זאָגן.

לעאָנאַרד איז ביי זיך שפּלער געוואָרן. ער האָט מיטן בליק אומגעבלאָנדזשעט איבערן צימער, געוואָלט קריינדלס שפּורן ערגעץ דערקענען. ער איז צוגעגאַנגען, אַרויפגעלייגט די האַנט זכריהן אויפן פּלייצע, און געזאָגט:

— ס'איז ווערט צו זען ווי אַ מענטש אַרבעט אַליין פאַר זיך און דאַרף צו קיינעם ניט אָנקומען.

זכריה האָט אַ שמייכל געטאָן, ער האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל זאָגן אויף דעם.

— אוודאי איז דער שאַפּ נישט ווערט מ'זאָל אים ליב האָבן, כאַ־כאַ־כאַ. אוודאי איז אַליין פאַר זיך, אָן אַ באָס, אַ סך ליבער. נישטאָ צוליב וואָס אַרויסצורופן אַ סטרייק. נישטאָ צוליב וועמען אַרויסצוגיין אין סטרייק, כאַ־כאַ־כאַ.

— זיצט, — האָט זכריה זיך אָפּגעקערט פון מאַשין — כ'וויס איצטער ניט ווי כ'זאָל אייך רופן, מיסטער חלפן, צי מיסטער סטאָן . . .

— רוף מיך ווי דו ווילסט. האָסט דאָך מסתמא געהערט, אין מיין העמדער־שאַפּ איז אַ סטרייק.

— יאָ, אַ סטרייק? צוליב וואָס?

— כ'האָב דיינע אַ קרובה אַרויסגעיאָגט פון שאַפּ.

— צוליב דעם האָבן אַלע געוואָרפן די אַרבעט?

— זעסטו דאָך!

— ווייזט אויס, אַרבעטער קומען פאַרט צום שכל.

— אַלץ שווערער ווערט אָנצוהאַלטן אַ שאַפּ. ווען איך וואָלט טאָקע געווען דער האַרטער מענטש, ווי מ'פאַרשרייט מיך, האָב איך איצטער גע־

דאַרפֿט מאַכן אַ לאַקאָוט. דורכיאָגן זיי אַלעמען פֿון שאַפּ. כ׳קען אַפּאָרדן האַלטן מיין העמדער־שאַפּ געשלאָסן ביז זיי וועלן זיך אַרומקוקן, אַז אויב מ׳וויל עסן, דאַרף מען זיך ניט צוהערן צו די בונטאָווטשיקעס. כ׳האָב זיי אויף אַלץ נאָכגעגעבן. ווילט איר יוניעס, האָט איר יוניעס. ווילט איר, כ׳זאָל אַריינשטעלן מאַשינען, האָט איר מאַשינען! איך אַנטלויף ניט מיט קיינעמס ווײַדזשעס. ווי די קאַקרעטש־באַסעס . . .

אויף דעם איז קריינדל אַריינגעקומען. זי איז שוין געווען צוריק פֿון דער אַרבעט, נאָר זי איז אַראָפּגעגאַנגען עפּעס אַריינברענגען פֿון קרעמל.

— אַ גאַסט, אַ גאַסט, מיסטער לעאָנאַרד סטאָן! . . . ווי קומסטו איצטער אַהער? האָסט שוין געגעסן סאַפּער? וועסט מיט אונדז אפשר טרינקען טיי?

— טהענקס, קעראָלאַין. כ׳בין ניט הונגעריק, כ׳בין ניט דורשטיק. כ׳גיי שוין באַלד אַוועק.

— ביסט דאָך איצטער נאָרוואָס אַריינגעקומען, וואָס איילסטו זיך?

— בין מקנא דיין ברודער, וואָס האָט אַ שאַפּ אַליין פֿאַר זיך, האָט קיין באָסעס ניט איבערן קאָפּ!

— אוודאי איז דאָס גוט אַזוי. וואָלט איך נאָר ליב האָבן נייען העמדער, כאַ־כאַ־כאַ . . .

לעאָנאַרד האָט געפּרוּווט פֿאַרגלייכן אין געדאַנק דינהס חפץ און קריינדלען: „צי וואָלט קריינדל אויך אַזוי זיך אויפֿגעפֿירט אין שאַפּ ווי דינה חפץ?“

— ווייסט, קעראָלאַן, ביי מיר אין העמדער־שאַפּ איז אַ סטרייק. כ׳האָב דורכגעיאָגט דיין ברודערס מיידל, די מיס חפץ, זייענדיק איר אַלע גרינע נאָכגעגאַנגען, כאַ־כאַ־כאַ.

— אַזוי באַדאַרף עס צו זיין לעאָנאַרד. יעדערער פֿאַר זיך, טויג ניט. אַלע פֿאַר איינעם, דאָס איז גוט.

— ס׳איז זייער פֿיין, אַלע פֿאַר איינעם . . . ווי איז אָבער, אַז דער איינער האָט גאָרנישט אינזינען זיך אַליין?

— אוי, לעאָנאַרד, לעאָנאַרד! מ׳האַלט דיך פֿאַר אַ גוטן באָס, און דו ווילסט נאָר . . . זעץ דיר אַנידער, פֿאַרגעס, אַז דו האָסט אַ שאַפּ, פֿאַרגעס, אַז ביי דיר איז אין שאַפּ אַ סטרייק. קום, זכריה, זעץ דיך צום טיש. כ׳האָב גענוג שאַפּ אַ גאַנצן טאָג. סט׳עסן אַ בייגל מיט פּוטער, לעאָנאַרד? אַ נייע בעקערקע האָט זיך דאָ באַזעצט; האָסט נאָך אַזעלכע בייגל נישט געגעסן. ווי ווילסטו, כ׳זאָל דיר אים צעשפּאַלטן, אָדער וועסט איבם אַזוי־אַ, אַ גאַנצן . . . כאַ־כאַ־כאַ, דיר איז ביטער אויפֿן האַרצן, און איך . . . מיינסט, כ׳ווייס נישט, אַז ביי דיר איז אַ סטרייק?

— איז דער באָס קיינמאָל ניט גערעכט אַנטקעגן די אַרבעטער?

— קיינמאָל נישט, לעאָנאַרד. אַן אַרבעטער וויל פֿאַרדינען אויף חיונה. אַ באָס וויל ווערן רייך. דאָס איז, לעאָנאַרד, דער חילוק.

— כ׳פֿאַרשטיי, קעראָלאַין . . . — האָט לעאָנאַרד פֿילדייטיק געקייט דעם בייגל מיט פּוטער.

— אוודאי וואָלט אַ לוריא ניט געקענט זיין קיין באָס.

— וויצל זיך ניט, קעראָלאַין — האָט זכריה זיך געווענדט אויף קריינדלס זייט.

— איך ווילצל זיך נישט, זכריה, כ׳בין אויך אַן אַרבעטאָרן. אויב ביי אונדז וועט אויסברעכן אַ סטרייק, וועל איך אויך מיטגיין!

לעאָנאַרד ד׳האָט געקייט דעם בייגל, און געפּרוּווט צעקייען דעם מיין פון קריינדלס ווערטער. ער האָט אַ ווײַלע געקייט און געשוויגן.

— וואָס זאָגסטו? — האָט לעאָנאַרד זיך געווענדט אויף זכריהס זייט, וואָס האָט געהאַלטן די אויגן אין דעם גלאָז טיי — דיין שוועסטער איז גערעכט?

זכריה האָט אָפּגערוקט פון זיך דאָס גלאָז, און זיך אויסגעגלייכט.

— קלאַסנקאַמף איז ניט אַבי־ווי אַ קאַמף. ווען אַפילו די אַרבעטער וואָלטן דערווייל ניט געוואונען דעם קאַמף, טאָרן זיי זיך פון אים ניט אָפּזאָגן, אויב מ׳רופט אין קאַמף.

— פאַרוואָס אַרבעטסטו ניט אין אַ שאַפּ?

— איך בין ניט קיין קעמפער. כ׳זוך פאַר זיך נאָר אַ ווינקל וואו צו לעבן מיין באַשיידן לעבן.

— זיי אַ גוטער, כאָטש דו ביסט שוין איצטער מיסטער סטאָן. לאָז צו וויסן, מ׳זאָל קומען צו דער אַרבעט. גיב נאָך.

— שטענדיק ווען איך קום אַהער פאַרגעס איך, אַז כ׳בין אַ ביג באָס, כאַ־כאַ־כאַ. מ׳האָט מיר שוין אויפגעוואָרפן אַפילו מיין נייעם נאָמען. זאָלן זיי ניט מיינען, אַז אַ שטיין איז אַזוי שטאַרק און האַרט . . . כ׳וועל דיר פאָלגן, קעראָלאַין.

לעאָנאַרד האָט גערעדט, געקייט דעם בייגל וואָס קריינדל האָט אים באַשמירט מיט פּוטער. ווען זכריה איז איצטער ניט דערביי, וואָלט ער קריינדלען איצטער אַרומגענומען און אָן ווערטער וואָלט ער איר געדאַנקט, פאַרוואָס זי האָט אים אַרויסגעהאָלפן אין אַזאַ שווערער שעה.

— מאָרגן עפן איך דעם שאַפּ. זאָלן זיי וויסן, אַז מיסטער סטאָן איז אַ בעסערער מענטש ווי מיסטער חלפן, כאַ־כאַ־כאַ.

יענעם אָוונט איז לעאָנאַרדן שווער געווען אוועקצוגיין פון לודלאָו סטריט.

— אַ כישוף האָט זי מיר אָפּגעטאָן — האָט לעאָנאַרד צו זיך אַליין גערעדט, ווען ער האָט שפּעטער געזוכט דעם וועג אַהיים — ווען וועט נעמען צו דעם אַלעמען אַ סוף?

קאַפּיטל דרייסיק

אַלעקסאַנדער איז געלעגן קראַנק. ס׳האַרץ אָפּגעשוואַכט, אַ מידער — האָט ער געפּילט ווי די כוחות גייען אים אויס, כאָטש מיט אַ חודש צוריק האָט ער נאָך פאַמעלעך געאַרבעט אין אַ ציגאַרן־שאָפּ. איצטער איז זיין פּנים געוואָרן געל ווי אַ טאַבאַק־בלאַט. בלאַסלעך־געלע זיינען געוואָרן זיינע צוויי שמאָלע הענט מיט די לאַנגע, טרוקענע פינגער, וואָס זיינען געלעגן אויפן צודעק.

געוואָרן אַרום האַלבן טאָג. כאָטש זיין פאַרדומפּן צימערל האָט געהאַט אַ פענצטער, איז עס אַרויסגעקומען צום הויף. ווען קריינדל איז אַריינגעקומען, האָט זי ס׳לעמפּל אָנגעצונדן. קריינדל האָט אים אויך געבראַכט אַ גרוס, אַז דרויסן פאַלט אַ גרינגער שניי. ער האָט מיט זיין האַנט אָנגערירט די שניי־פליטערלעך אויף איר מאַנטל, וואָס האָבן געהאַלטן אין צעגיין.

פאַרן חודש איז קריינדל ביי אַלעקסאַנדערן שוין צום זעקסטן מאָל. אַלעקסאַנדער האָט עס ביז איצטער ניט אַרויסגעזאָגט, ווי ווייט ער שאַצט אָפּ איר קומען דווקא ווען ער ליגט קראַנק. זי האָט אים געבראַכט וואַרימע מילך אין אַ פלעשל, איינגעוויקלט, ס׳זאָל ניט קאַלט ווערן. ער האָט די מילך געטרונקען פון איר האַנט. די ווערטער, וואָס ער האָט געהאַט פאַר אירטוועגן, האָט ער קיין חשק ניט געהאַט אַרויסצוזאָגן. ער האָט ניט געוואָלט פאַרשאַפן קריינדלען אומזיסטיקן טרויער.

אַלעקסאַנדער דערקענט אָן קריינדלס פּנים ווי שווער ס׳איז דאָס שטיל־שוויגן. ער האָט גענומען איר האַנט, און, ווי צו אירע פינגער, וואָס זיינען אין זיין האַנט געלעגן צוגעפּרעסט, האָט ער גערעדט:

— כ׳ווייס, קרייַנדל, דיין געוויסן איז רואיק. גוט אַזוי. ווען כ׳ווייס, אַז דו ביסט מיר עפּעס שולדיק, וואָלט איך נישט פאַרלאַנגט, זאָלסט צו מיר קומען, כאָטש דו קומסט אַליין.

— פאַרוואָס, אַלעקסאַנדער? — האָט קריינדל רואיק געקוקט אין זיינע טיפע, שוואַרצע אויגן.

— איך מאָן נישט ביי קיינעם, ווייל מיר קומט גאָרנישט ביי קיינעם. פאַרקערט, כ׳טראַכט אָפּט, מיט דיין קומען צו מיר צאָלסטו מיר פון דיין אייגענעם פאַרמעגן . . . כ׳טראַכט נאָך, ווען איך קום דיר נישט אָן אויף דיין וועג מיט עטלעכע יאָר צוריק, וואָלסטו שוין לאַנג חתונה געהאַט, קינדער געבאָרן . . .

קריינדל איז געזעסן אויפן ראַנד פון זיין בעט. זי איז געוואָרן אומגע־דולדיק, כאָטש זי האָט אים ניט געוואָלט איבערשלאָגן.

אַלעקסאַנדער האָט עס אין איר דערקענט. ער האָט גוטמוטיק גע־שמייכלט, און דערנאָכדעם ווידער געזאָגט:

— פֿאַרשטיי מיך, קעראַלאַין. דו, ווי איך, ביסט געקומען קיין אַמעריקע און מיטגעבראַכט מיט זיך אַ האַרץ, אַ נשמה. נישט איך, נישט דו, ווי טויזנ־טער אַנדערע, האָבן ניט געוואוסט אין פּאַרויס וואָס זיי וועלן דאָ געפינען, און וואָס דאָ וואַרט אויף זיי. איך בין געלאָפן פון פינצטערן רוסלאַנד איינער־אַליין; כ'מיין, געוואָלט זיין איינער־אַליין. קיינער זאָל ביי מיר ניט מאָנען קיין חשבון פאַר מיין לעבן. אַן אַ פּאַספּאַרט לעבן! אַן אונטערקוקער, אַן אויספאַרשער. דאָרטן, אין פינצטערן רוסלאַנד, וואָלט איך פאַר מיין אומ־שולדיקן אַנאַרכיזם געזעסן אין תפיסה. אַפילו צו דענקען פריי בין איך דאָרטן נישט געווען באַרעכטיקט. דאָ בין איך פריי. און נאָך אַ זאַך: די נאַטור האָט מיך באַשענקט מיט א פיזישן מום. א קריפּל. מיין האַרב... דעריבער האָב איך נישט גענומען ס'רעכט צו פאָדערן פאַר מיין גוף דאָס וואָס אים קומט נישט.

— ניין, ניין, אַלעקסאַנדער — ד'האָט קריינדל זיך געוועקט — רעד ניט אַזוי . . . דערנידעריקסט זיך. באַליידיקסט אַפילו מיך, אויב דו רעדסט אַזוי!

— גוט, קעראַלאַין . . . נאָר פאַרוואָס זאָלסטו וועלן פאַרקוקן דעם אמת? האָב איך דיך ווען ס'איז געהאַלטן אין מיינע אָרעמס? האָסטו דען געוואָלט ווען ס'איז אַזוי פאַרלאָרן גיין און פאַרגעסן זיך אין מיינע אָרעמס? איז דערדאַזיקער האָרב נישט געשטאַנען צווישן אונדז, קעראַלאַין? זיי רואיק, כ'וועל דיך לאָזן רעדן. כ'וויל נאָר ענדיקן, און זאָגן, אז פונדעסטוועגן טראָג איך אין האַרצן נאָר דיין געשטאַלט. כאָטש דו האָסט פון מיר גאָרנישט דערוואַרט, פונדעסטוועגן פאַלסטו צו מיר שטענדיק אַריין אין אַזאַ צייט, וואָס נאָר דו אַליין פאַסט זיך אַריין סיי אין מיין פרייד און סיי אין מיין טרויער.

— כ'וועל אויך נישט חתונה האָבן, אַלעקסאַנדער.

— דאָס איז נישט גוט.

— כ'וויס אויך נישט וואָס ליבע איז. די צייט איז מיר אַוועק צווישן אַרבעט, און . . .

— דיין פאָטער איז געשטאָרבן. ער האָט דיך באַפרייט. דאָס קינד זיינס, הער איך, איז ביי דיין ברודער.

— דוכט מיר, כ'האָב שוין אָפּגעלעבט אפשר הונדערט יאָר.

— כאַ־כאַ־כאַ־כאַ . . .

— וואָס לאַכסטו?

— ס'וועלן אַראָפּ פון דיין לעבנסוועג די, וואָס זיינען ווי שטיינער געלעגן.

— וואָס מיינסטו?

— דייניקע האָבן דיך עקספּלואַטירט.

— כ'האָב מיט מיין גוטן ווילן געטאָן פאַר מיין טאַטן אַלץ וואָס איך האָב געטאָן.

— אַוודאי ד'האָסטו עס געטאָן מיטן גוטן ווילן. ער האָט עס אויך פון דיר נישט געפאָדערט. דו אַליין האָסט אים דיין יוגנט אַוועקגעגעבן. ביסט געווען אַ מאַמע צו זיין קינד, אַ מאַמע צו אים אַליין. ביסט כסדר מאַמע. אַפילו צו מיר קומסטו ווי אַ גוטע, געטרייע מאַמע. היינטיקן ווינטער וועט עס נעמען אַ סוף.

קריינדל האָט זיך אָפּגעקערט מיטן פּלייצע צו אים און באַהאַלטן איר פּנים אין די הענט.

אַלעקסאַנדער האָט געגלעט איר פּלייצע, און ווידער גערעדט:

— יעס, קעראַלאַין, דיין פאָטער האָט דאָ זיין רו נישט געפונען. ער, ווי טויזנטער אין זיין גלייכן, ווי דאָס וועט מן־הסתם זיין מיטן גאַנצן ערשטן דור רוסישע יידן, זיי ווערן ווי אַלטע, אונטערגעפוילטעביימער אין וואַלד אָוועקפאַלן, כדי אויף זייער אָרט, און פון זייער פאַרפוילטן גוף געגנערט, זאָלן אויפגיין געזונטע, זאַפטיקע ביימער. אַ ניי לאַנד נעמט צו קרבנות. רוסישע יידן פּאַסן זיך דערוייל נישט אַריין אין נייעם לאַנד אַריין. דיר, קעראַלאַין, קומט אַ שענער לעבן. ביסט עס ווערט. דאַרפסט נישט לעבן אין אָרימקייט, אין שמוציקן דלות. אויב דיר וועט זיין גוט, וועסט זיין רייך, וועסטו קענען טאָן אַ סך גוטס. וועסטו אָבער ווערן דאָ צעטראָטן, זיך וואַלגערן אַן אָפּגעלאָזטע, אַ פאַרשטויסענע פון לעבן גופא . . .

קריינדל האָט צו אים אומגעווענדט אַ פאַרוויינט פּנים, נייגעריק געהערט וואָס ער רעדט.

— יאָ, קעראַלאַין . . . דאָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן. אין אָרימקייט וועט דיין גוטסקייט אויסגערונען ווערן. דיין לעבן וועט גאָרנישט זיין ווערט, מחמת דו לעבסט נישט פאַר זיך אַליין. דעריבער דאַרפסטו האָבן די מעג־לעכקייט צו קענען לעבן פאַר די, וואָס זיינען אין נויט. כ'זע אַרויס די נויט, וואָס וועט נאָך לאַנג, לאַנג געוועלטיקן אין דער ענגשאַפט וואָס האָט אונדז אויפגענומען. האָב חתונה מיט אים. ער האָט דיך ליב. ער וועט אַמאָל ווערן רייך . . . אַז דו וועסט וועלן, וועסטו איבער זיין רייכקייט דערשן. ער וועט עקספּלואַטירן מענטשן. יעס, קעראַלאַין, ער איז דער אמתער עקס־פּלואַטאַטאָר. דו וועסט אים עקספּלואַטירן. דיר וועט ער אין אַלץ נאָכגעבן.

קריינדל איז אויפגעשטאַנען, אַוועק צו דער טיר, און געבליבן מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן טיר. טרערן האָבן געפּלאָסן און געפאַלן צו אירע טריט. זי האָט דאָסמאָל געהערט פון אַלעקסאַנדערן דעם ביטערן אמת. קריינדל האָט מיט אַמאָל דערשפּירט, אַז אירע געפילן צו אַלעקסאַנדערן זיינען פאַר־שוועכט געוואָרן. אַלעקסאַנדער אַליין האָט עס געטאָן מיט דעם, וואָס ער האָט איר אָנגעוויזן אויף די שריט וואָס זי האָט געדאַרפט מאַכן באַלד ווי איר פאָטער איז געשטאָרבן.

קריינדל כאַפּט זיך איצטער, אַז זינט איר פאָטער איז געשטאָרבן, האָט זי אָפּטער אָנגעהויבן באַזוכן דעם קראַנקן אַלעקסאַנדערן. „איז דאָס ערלעכ־קייט, וואָס האָט אים געטריבן, מיך הייסן חתונה האָבן; אָדער פאַרביטערט־קייט, וואָס ער אַליין איז קראַנק, פאַרקריפּלט?"

— קעראַלאַין, נעם עס נישט פאַר אומגוט. כ'האָב דיר נישט געמיינט ווייט צו טאָן. אַן אמת מוז מען אַרויסזאָגן ווען מען שפּירט, אַז דאָס וועט פירן צו יענעמס גליק. כ'וויס דיין כאַראַקטער, כ'וויס דיין גוט האַרץ. כ'בין אָבער זיכער, זאָג איך דיר נאָך אַמאָל, דו וועסט פאַרלאָרן גיין, אויב דאָ אין פרייען לאַנד וועסטו זיך וואַלגערן אויף אונדזער גרויסן מיסטבאַרג, אין געשטאַלט פון נייעם געטאָ, וואָס יידן האָבן שוין באַשאַפן אין נייעם לאַנד. איצטער שטראָמען אַהער פון רוסלאַנד פרישע טויזנטער, און צענדליקער טויזנטער. לויפן פון אַן אומגליק, ווי פון אַן ערדציטערניש דאָ זיך ראַ־

טעווען. עקספּלואַטאַציע וואָרט אויף זיי. דאָס שיינע אין אונדזער גייסט וועט דאָ אַרויס שוויס צערונען ווערן. דער ערשטער דור פּוילט דאָ, ווערט צעפאַלן. אַ טייל פון די קינדער וועלן זיך אַרויסרייסן, און אפשר פאַרדינען אַ ביסל פרייהייט. דיך, קעראָלאַין, וויל איך זען . . .

קריינדל האָט מער צו אים איר פּנים ניט געווענדט. זי איז נאָך אַ רגע געבליבן שטיין אין דער אָפענער טיר, ווי צו דערהערן זיינע לעצטע ווערטער. ער איז שטיל געבליבן. זי האָט שטיל, גאָר שטיל צוגעמאַכט הינ־טער זיך די טיר, ווי ניט אויפצואוועקן אַ קליין קינד וואָס איז נאָרוואָס איינגעשלאָפן.

קריינדל איז אויף די שפּיץ פינגער, פאַרזיכטיק, אַראָפּ פון די טרעפּ. איר האָט אַויסגעוויזן, אַז אַלעקסאַנדערס בליקן גייען איר נאָך טרעפּ־נאָך־טרעפּ.

זי האָט פרייער אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם ווען זי האָט דערגרייכט די גאַס. מיט פעסטע טריט האָט זי אַוועקגעשפּאַנט צו דער בויערי; זי איז אַוועק מיט דער דעה צוצוקומען צו דער אַכטער סטריט, דאָרטן בעטן אין דער יידישער צדקה־גדולה שטיצע פאַר אַן אָרימן אַרבעטער וואָס איז קראַנק און ליגט צובעט. אָבער ווען זי איז צוגעקומען צו די „אַטלאַנטיק־גאַרדנס" אויף דער אייגענער בויערי, האָבן זיך אירע פיס ווי אונטערגעבראָכן, און ס'האַרץ האָט האַסטיק אָנגעהויבן צו האַמערן. אַזוי בולט איז פאַרן דמיון אַרויס־געקומען דער זונטיק בייטאָג מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען לעאָנאַרד חלפן האָט זי אַהער אַרויסגענומען, און ווי זי איז דערנאָך פון אים געלאָפן אַ באַליידיקטע. לעאָנאַרד . . . אַלעקסאַנדער . . .ביידע נעמען האָבן זיך אָנ־געהויבן פּלאָנטערן און טאַנצן פאַר די אויגן. זי האָט דערשפּירט אַ מיד־קייט אין די פיס, געפילט, אַז צום צדקה־גדולה וועט זי זיך ניט דערשלעפּן, און זי וועט אָפילו קיין מוט ניט האָבן צו רעדן. האָט זי פאַרקערעוועט צוריק אהיים, צו לודלאָו סטריט.

קריינדל האָט געשפּאַנט אַהיים, מיט דער דעה, ווען זי וועט אַריינקומען אין שטוב וועט זי דערציילן זכריהן אַלץ, אַלץ וואָס אַלעקסאַנדער האָט איר געזאָגט. אָבער נאָך אויף די טרעפּ האָט זי דערהערט באַקאַנטע קולות. אין שטוב האָט מען זיך געקריגט, און העכער פון אַלעמען האָט זיך אַרויסגע־טיילט הילדס קריגערישע שטים.

קריינדל האָט אַריינגעאיילט אין שטוב, געטראָפן אָשרן און הילדן, ביידע שטאַרק אויפגערעגטע. הילד, אַ צעשויבערטער און אַ צעפלאַמטער, און אָשר — מיט רויטע, אויסגעוויינטע אויגן. זכריה איז געזעסן אָן אַ זייט אַ בלאַסער און האָט געביסן די נעגל פון די פינגער.

אָשר, דער געראָטענער און געזונטער אָשר, וואָס איז אין רוסלאַנד געווען דער מאַמעס נחת און וואָס דאָ אין פרייען לאַנד איז ער אַוועק אויף זיין אייגענעם, פאַרדעכטיקן וועג, איז צו אים אין שיקאַגאָ, וואו ער האָט זיך אַויפגעהאַלטן, אָנגעקומען די נייעס פון זיין פאָטערס טויט מיט אַכט חדשים שפּעטער. ער איז אַ צעטרייסלטער געקומען צו זיינע ברידער, ביי זיי צו געפינען אַ טרייסט.

ווען קריינדל איז אַריינגעקומען, איז אָשר גאָר צעיאָכמערט געוואָרן:

— אדרבה, זאָל זי זיין אַן עדות — איז אשר געגאַנגען קריינדלען אַנט־קעגן — בין איך איינמאָל אַהער נישט געקומען צו איר, געבראַכט געלט, גע־וואָלט מאַכן פאַר אייך גרינגער? שניידערוקעס איז מען גאָר געוואָרן. ישראל לוריא אַ שניידער! נתן אַ שניידער . . . זכרידה אַ שניידער . . . קריינדל מאַכט ציגאַרן . . . טו העלל מיט אייערע שניידערוקעס!

— דער טאַטע איז אַוועק פאַר דער צייט פון דער וועלט נישט צוליב דעם וואָס מיר אַלע אַרבעטן. אפשר האָט אים צופיל געפּלאָגט דער נחת וואָס דו האָסט אים אָנגעטאָן — האָט קריינדל גערעדט, מיט אַ זייט צו אשרן.

— וואָס פאַר אַ חרפּות האָב איך דיר אָנגעטאָן?

— האָסט אונדז קיינמאָל נישט דערציילט וואָס דו טוסט, פונוואַנען דו האָסט געלט.

— איז דאָס אייערע ביזנעס?

— אונדז גייט עס אָן, אשר. ווען דו וואָלסט זיך פון אונדז גאָר אינגאַנצן אָפּגעזאָגט, איז עפּעס אַנדערש. דו זאָגסט זיך פון אונדז נישט אָפּ. נישט מער, וואָס דיר איז ניט געווען צו דער האַנט אָנצופירן דיינע ביזנעס דאָ אונטער דער סאַמער נאָז, אויף עלען־סטריט, ביסטו אַוועק קיין שיקאַגע.

אשר איז געשטאַנען אַ דערשלאָגענער. להיפּוך צו הילדס שרייען אויפן הויכן קול, האָט קריינדל גערעדט שטילער ווי געוויינטלעך. זי האָט גערעדט צו איר ברודער, און אין אירע אויערן האָבן נאָך געקלונגען אַלעקסאַנדערס לעצטע רייד: „מ׳פוילט אויפן גרויסן מיסטבאַרג וואָס יידן האָב דאָ באַשאַפן און געשטאַלט פון נייעם געטאָ . . .״ זי איז צופרידן וואָס זי קען איצטער רעדן, בלוטיקן און רעדן, כדי אַלעקסאַנדערס ווערטער און געשטאַלט זאָלן אויף אַ ווייל פון איר פאַרשווינדן.

— כ׳ווייס ניט וואָס הילל און זכרידה האָבן דיר געזאָגט. כ׳האָב געהערט הינטער דער טיר, אַז איר האָט זיך געקריגט. ניטאָ זיך וואָס צו קריגן. דער טאַטע איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־פעלער; ער האָט דאָ קיין גוטס ניט דערלעבט. דער טאַטע ליגט איינער־אַליין אויף אַ היגן בית־עולם.

— הייסט, נאָך דיר קומט אויס, אַז צוליב מיר האָט דער טאַטע געקראָגן אַ האַרץ־פעלער? און אייער לעבן דאָ אין דידאָזיקע פאַרשטונקענע הייזער, אין די פאַסקודנע גאַסן איז גאַרניט? ווי אויפן מיסט פּלאָדזשען זיך דאָ ווערים, אַזוי־אַ . . .

קריינדלען האָבן זיינע לעצטע ווערטער אויפגעשווידערט. פּונקט דאָס אייגענע האָט איר געזאָגט אַלעקסאַנדער. ווי איז דאָס מעגלעך, אַז דער רייכער, ערלעכער אַלעקסאַנדער זאָל פּונקט אַזוי קוקן אויפן לעבן פון די גרינע ווי דער ברודער אירער, דער אויסוואורף?

— וואָס מיינסטו מיט דעם, אשר? — האָט קריינדל אָנגעשטעלט אויף אים די אויגן — ווער, מיינסטו, זיינען עס די ווערים וואָס האָבן זיך אויס־געפּלאָדזשעט? וועמען מיינט ער, הילל?

הילל איז געזעסן מיט פאַרביסענע ליפּן. אויך אים האָבן אשרס ווערטער אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַריין. אויך הילל האָט נאָך ביז איצטער ניט שלום געמאַכט מיט דער איסט־סיידער ווירקלעכקייט, מיטן לעבן פון די שוויץ־שעפּער. ניט איינמאָל האָט הילל די אייגענע ווערטער אַרויסגעשריגן צו

נתנען און צו זכריהן. אָבער ווי קומט אַשר, וואָס האָט אויסגעקליבן דעם שמוציקסטן רינשטאָק פון וואַנען ער ווערט געגערט — — —

— ניטאָ זיך צוליב וואָס צו קריגן, אַשר — האָט הילל מיט גאַל גערעדט — איצטער, אַז דער טאַטע ליגט שוין אין דר׳ערד פון נייעם לאַנד, די מאַמע, אפשר וואַשט נאָך דעם ים אירע ביינער ערגעץ, איצטער, אַז מ׳וויל, זיינען מיר זיבן קינדער. אַ שבט אַ גאַנצער, אויסגעקניפּט און אויסגעבונדן. און אויב מ׳וויל, איז זינט דעם טאַטנס טויט ניטאָ שוין מער קיין קשר וואָס זאָל אונדז בינדן. אַ סימן, מיר קלאַטשען זיך אַרום אַלע באַזונדער. ווען גייט עס אָן וואָס אַשר טוט? ווען גייט עס אָן וואָס הילל טוט? טאַקע אין אמתן, זכריה, כ׳פרעג דיך, וואָס עסן מיר זיך אָפּ ס׳הארץ הלמאי אשר וויל דווקא זיך אַרויסווייזן פאַר אַ צדיק? אַהער זיינען יידן געקומען, כאַטש זיי זיצן אינאיינעם, וועלן זיי זיך צעשיידן. איינער וועט פון אַנדערן ניט וועלן וויסן. זאָל נאָר אביסל בעסער ווערן; זאָלן נאָר די שווערע צייטן, וואָס רוקן זיך, פאַרשווינדן. טאַקע, אשר, וואָס שטופּט דיך אזוי, מ׳זאָל נעמען ביי דיר געלט?

אַנגעשטאַנען אַ געדריקטע שטילקייט. די דריי מענער זיינען געזעסן מיט די אויגן צום דיל. קריינדל האָט זיך אָן אַ ציל אומגעדרייט אין צימער, מיט נערוועישע באַוועגונגען צוגעקליבן אַ ביסל דאָס צימער. זי האָט זיך אַ ווײַלע צוגעזעצט נעבן זכרידס ניי־מאַשין, געצויגן דעם פאָדים פון שפּול אַראָפּ. ניט קוקנדיק צום שטוב, האָט זי מיט אַ שמייכל געפרעגט:

— כ׳ווייס פון וואָס דו מאַכסט א לעבן. האָסט דאָך אַזאַ שאָפּ מיט רויטע לאַמטערנעס פאַרן טיר . . . וויפל מיידלעך אַרבעטן ביי דיר?

די מענער האָבן די אויגן ניט אויפגעהויבן צו איר. אַשר איז געזעסן אַ פאַרגליווערטער.

— מסתמא האָט דיר יוכבד געגעבן צו וויסן, אַז דער טאַטע איז געשטאָרבן? וואָס מאַכט זי? זי איז מיט דיר אין שיקאַגע?

אַשר האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

הילל און זכריהן איז געפעלן געוווען קריינדלס דרייסטיקייט, איר פּשוטער צוגאַנג צום ענין, וואָס האָט זיי געעגבערט. ביידע האָבן געוואָלט, קריינדל זאָל נאָר רעדן.

— כ׳ווייס, אַשר, וואָס דו ווילסט מיר ענטפערן — האָט קריינדל ווידער רואיק אָנגעהויבן — ביסט ניט געקומען אַהער אויסצוציען די פיס, פאַרדינענדיק אויף אַ לעבן. ביסט ניט דער איינציקער וואָס איז אַהער געקומען מאַכן אַ גרינג לעבן. זיינען גאַנץ פרומע יידן, די פון עסעקס סטריט, פון עלען־סטריט, וואָס האַנדלען מיט מיידלשע לייבער . . . ווילסטו מיר זאָגן, אַז די מיידלעך אין די באָרדעלן לעבן בעסער ווי די בייסטערנס, אָדער די פיני־שערנס אין די שעפּער . . . שעם זיך נישט, קענסט עס אַרויסזאָגן. וואָס, טאַקע אין אמתן, אַראָפּגעקומען ישראל לוריא מיט זיבן קינדער, אַ שיינער תכלית געוואָרן דאָ פון זיי! דאַרפן טאַקע אַלע זיין קבצנים? אויב איינער קען האָבן אַ גרינגע דאַליע, פאַרוואָס טאַקע ניט? פאַרוואָס זאָלן מיר אויף אים אָנפאַלן? . . . דהילל, דניאל און שלמה זאָגן דריי מאָל אין טאָג קדיש נאָכן טאַטן. זכריה און נתן האָבן זיך פון דעם אָפּגעזאָגט. דו זאָגסט דאָך אויך נישט מסתמא קיין קדיש נאָכן טאַטן . . .

— ס'א ליגן! — איז אַשר אויפגעשפּרונגען — אַלץ וואָס דו רעדסט איז כזוב ושקר . . . כ'וויל עס מער פון דיר ניט הערן! כ'וויל איצטער פון אייך גאָרניט מער. כ'וויל נאָר, איר זאָלט מיר וויזן וואו דער טאַטע ליגט באַגראָבן . . . כ'וויל אים שטעלן אַ מצבה. מער וויל איך גאָרניט. וועל איך אַוועק, איר זאָלט אַפילו ניט וויסן וואו מיין געביין איז אַהינגעקומען! אַוואו ליגט דער טאַטע באַגראָבן?!

— כ'ווייס אַליין נישט — האָט הילל שטיל געענטפערט — ערגעץ אין אַ ניי לאַנד, וואָס הייסט אַמעריקע, ליגט ער באַגראָבן. אַ מצבה וועט מען אים שטעלן צום יאָר.

— וויל איך שטעלן די מצבה.

— האָסט דאָך מסתמא נאָך ניט פאַרגעסן די תורה, וואָס דו האָסט אײַנ־דערהיים געלערנט: אתנן זונה . . . די מתּנה פון אַ קורווע איז פאַרדהאָסט צו גאָט . . . צוליב דיינער אַ מצבה וועט דער טאַטע ניט האָבן קיין רו אין זיין קבר אין נייעם לאַנד!

אַשר איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט ווי מ'וואָלט אונטער אים הייס וואַסער אונטערגעגאָסן, און איז געלאָפן פון שטוב.

אַ ווײַלע זיינען אַלע געבליבן געפּלעפּטע, מיט די אויגן צו דער אָפענער טיר. נאָר אומגעריכט איז דאָס געשען. קריינדל האָט אַשרן אַ סך מער אַריינגעזאָגט ווי הילל, פונדעסטוועגן איז ער געזעסן און אויסגעהערט. קריינדל האָט אַפילו קלאָר ניט אויפגעכאַפּט וואָס הילל האָט אים געזאָגט.

— וואו זיינען מיר אינדערוועלט? — האָט זכריה ווי צו זיך אַליין גע־רעדט — איז דאָס געוואָרן פון אונדזער ברודער? ווי אַזוי איז עס געשען? ווי איז דאָס מעגלעך, אַז דאָ אין פרייען לאַנד זאָל אַשר אַוועק אויף אַזאַ מיאוסן וועג? מיר פאַרדריסט וואָס ער איז אַנטלאָפן. ס'קומט אַזוי אויס. אַלע מאָל, ווען ער קומט אַהער, טרייבט מען אים פּשוט אַרויס פון שטוב. דו, הילל, ביסט געוועזן אומגעדולדיק. איידער קריינדל איז אַריינגעקומען האָסטו זיך שיער ניט געוואָרפן אויף אים שלאָגן.

— צוליבן כבוד פון געשטאָרבענעם טאַטן האָב איך אים ניט צעבראָכן די ביינער, אים ניט צעפּראַסקעט זיין מיאוסע צורה!

— ביסט ניט פּטור פון אים — האָט זכריה ווידער געזאָגט. — ער וועט נאָך שטייגן און שטייגן. פון אַלערליי פאַרברעכנס וועט ער רייכער און רייכער ווערן. פאַר אים וועט שטענדיק זיין אַ קערן צו נעמען אַמאָל, אַראָפּ־קומען און וועלן זיך אויסשפּייען. אַז ער האָט אַן אייגענעם באַרדאַק, איז באַוואוסט. אַז ער פירט אַן מיט אַ באַנדע שלעגער, וואָס צעמזיקן די פּיקעטס אַרום אַ שאַפּ וואו ס'ברעכט אויס אַ סטרייק . . . נתן האָט באַוויזן מיט אותות ומופתים, אַז דאָס טוט ער אין שיקאַגע. דאָס האָט ער נאָך געטאָן פאַר דריי־יאָרן אין ניו־יאָרק. אַזעלכע מענטשן וואַקסן אין אַמעריקע ווי אויף הייוועז.

— אַזאַ וויסטער חלום! ס'איז מיר ביטער ביז צום וויינען, און ס'ווילט זיך מיר לאַכן . . . ווען דער טאַטע וואָלט איצטער געלעבט, און וואָלט דאָ געווען . . . אַזוי, סאַראַ וויסטער חלום! ווי ס'איז פאַר מיר אַ וויסטער חלום דער יידישער גלות וואָס ציט זיך אַהער. דער מוח קערט זיך מיר איבער. מ'האָט שוין אַנגעשטאָפּט אַלע שפּער מיט גרינע דערשטיקט צו ווערן.

— ביי דיין לעאָנאַרדן—האָט הילל געֶרעדט אויף קריינדלס זייט—זיצט מען קאָפּ־אויף־קאָפּ. זיין זשניווע! ער איז אויך דער גרויסער צדיק אין פּעלץ, דיין לעאָנאַרד . . .

— פאַרוואָס איז ער עפּעס מיין לעאָנאַרד, הילל — האָט קריינדלען אָנגע־כאַפּט אַ בייסעניש אין די ליפּן.

— אפשר מאַך איך אַ טעות.

האַ?

—כ'האָב גאָרניט געמיינט, קריינדל. ס'איז מיר פינצטער פאַר די אויגן. קום, זכריה!—האָט הילל זכריהן אַ רודער געטאָן—לאָמיר לויפן פון דאַנען כל־זמן ס'איז נאָך ניט שפּעט; כלזמן ס'איז נאָך פאַראַן כוח אָנצוהייבן עפּעס אַנדערש. קומט מיט מיר צו דער ערד . . . זכריה. מירןביידן צוזיפשלאָגן אַ ביסל געלט און קום צו דער ערד, זכריה!

מער ווי די ווענט האָבן יעמאָלט זיין רוף ניט געהערט.

איצטער איז קריינדל לוריא געזעסן שבעה. זי אַליין. נאָך וועמען? נאָך איר אייגענעם חלום, וואָס איז אויף אייביק אויסגעגאַנגען, איז זי געזעסן שבעה. ביז איצטער האָט זי נאָך אַלץ געגלויבט אין אַ נס, וואָס וועט זי באַפרייען פון משפּחה־פּלאָנטער וואוהין דאָס לעבן האָט זי אַריינגעוואָרפן, און ווי אַ יונג מיידעלע וועט זי לויפן איר געליבטן אַנטקעגן. נאָך יענעם גלויבן איז קריינדל געזעסן שבעה.

דאָס נייע, פרייע לאַנד האָט איר די אויגן געעפנט און אָנגעוויזן אויף אַן אָפענער וועלט. נאָר יעדעס מאָל, ווען זי האָט געקלערט אָנהייבן בויען איר אייגן לעבן אין נייעם לאַנד, האָט זי זיך דערשפּירט אין אַ פאַרשלאָסע־נעם קרייז, אין משפּחה־קרייז, וואו זי האָט געטרונקען טרויער און פּיין מיט דער פול ער מאָס. אַרבעט איז קריינדלען געווען ליב. ווען זי האָט געאַרבעט, האָט זי זיך געשפּירט פריי. לייבל חלפן, און איצטיקער לעאָנאַרד סטאָן, ווען ער האָט זיך געשדכנט צו איר, אָנגעגעבן אין נדן, אַז ער וועט פאַר איר אויסבויען אַ רייכע היים, ער האָט אַליין ניט באַגריפן ווי מיט דעם האָט ער ביי איר גאָר פאַרשפּילט. נאָר יעמאָלט, ווען לעאָנאַרד האָט נאָכגעגעבן סטרייקער, ווען ער איז צו קריינדלען געקומען, דערציילט, אַז ער דהאָט זיינע „גרינע הענט" געהעכערט שכירות, נאָר יעמאָלט האָט ער איר האַרץ געוואונען.

אָבער ניט לעאָנאַרדס ליבע האָט קריינדלען געוואַרימט און באַלויכטן איר אייגענע וועלט. אין יענע שווערע שעהן, ווען קריינדלען האָט אויס־געוויזן, אַז אַלץ אַרום איז פאַר איר שוין פאַרשפּילט, אירע יונגע יאָרן האָבן אָפּגעוועלקט, יעמאָלט איז זי אַוועק צו אַלעקסאַנדערן, צו דעם קריפּל ציגאַרן־מאַכער און זיין געלייטערט לעבן. ער האָט אַרום זיך אָפּגעצייכנט אַ קרייז און פון אים אַרויסגעקוקט מיט פאַראַכטונג צו דער יידישער וועלט, צום נייעם יידישן געטאָ, ווי אַלעקסאַנדער האָט די יידישע איסט־סייד אָנגערופן. אַהין איז קריינדל אַוועק און מיט זיך מיטגעטראָגן איר עלנט.

אין אַלעקסאַנדערס ד' אמות האָט זיך קריינדל כמעט שטענדיק גע־שפּירט געלייטערט און באַרואיקט. נעבן אים האָט זי באַגריפן דעם זינען פון לעבן. דורך אים האָט זי געקראָגן כוח ניט פאַרלאָרן צו גיין אין די

שווערע שעהן, ווען זי האָט גאָר איר ווידערשטאַנד אָנגעוואָרן. געווען צייטן, ווען קריינדל האָט געטראַכט אָוועקצוגעבן זיך גאָר אינגאַנצן אַלעק־סאַנדערן, אַרבעטן פאַר אים, אַכטונג געבן אויף זיין שוואַכן גוף, ווי אַ מאַמע גיט אַכטונג אויף איר שוואַך קינד.

אַלעקסאַנדער האָט עס גוט באַנומען. קלאָר און אָפן האָט ער קריינדלען כסדר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער פאַרלאַנגט ניט, זי זאָל זיך פאַר אים מפקיר זיין. כאָטש ער איז אַ קריפּל, איז ער אַ מאַן. ער פאַרלאַנגט אויך פון אַ פרוי די ליבע צו אַ מאַן. „מיין האַרב איז די גרעניץ צווישן מיר און דיר. ווי צוויי געליבטע וועלן מיר זיך קיינמאָל נישט צונויפקומען.״ פון אָזאַ אמת איז קריינדל שטענדיק אַ צייט געווען צעבראָכן. נאָך אָזאַ אמת איז שטענדיק קריינדל אָוועק פון אַלעקסאַנדערן מיט דער דעה, מער צו אים שוין ניט קומען. אָבער ביסלעכווייז איז אַלעקסאַנדערס געשטאַלט ווידער אויפגעגאַנגען. זיינע גרויסע, קלוגע אויגן זיינען איר נאָכגעגאַנגען, יעמאָלט האָט זי ווי אַ שולדיקע זיך באַמיט צו באַפרייען פון אַלטן פאַרדראָס, איז ווידער אַ יום־טובדיקע אָוועק צו אַלעקסאַנדערן.

אַלעקסאַנדער איז געשטאָרבן. זי איז די איינציקע וואָס זיצט נאָך אים שבעה. מיט אַ פאָר שעה פריער, איידער ער איז אויסגעגאַנגען, איז זי געווען ביי אים. זי האָט אים מילך געבראַכט. פאַר די עטלעכע וואָכן וואָס ער איז מיט זיין קראַנק האַרץ געלעגן אין בעט, האָט זי אים כמעט יעדע וואָך באַזוכט. ער האָט כסדר צו איר גערעדט, און זי האָט אים רואיק אויסגע־הערט. אָבער קיינמאָל האָט אַלעקסאַנדער איר אָזאַ ביטערן אמת ניט אַרויס־געזאָגט ווי צום לעצטן מאָל, אַ פאָר שעה פאַר זיין טויט.

—צי האָט ער געשפּירט, אַז ער זעט זי און רעדט צו איר צום לעצטן מאָל!

אין צימער איז אויסער קריינדלען קיינער ניט געווען. זכריה׳ס ביי־מאַשין איז געשטאַנען אַריבערגעדעקט, מחמת, די אַרבעט איז ווי אויסגערונען געוואָרן. זכריה שלאָגט אָפּ די טירן. זוכט אַרבעט, און ס׳ווערט וואָס אַ טאָג ערגער. קריינדל גייט ניט אַרויס דרויסן. ווי פון אַ וווייטער וועלט קומען צו איר אָפּקלאַנגען פון די טרויעריקע ידיעות אין דער יידישער וועלט. שעפער האָבן זיך צוגעמאַכט. אַרבעטסלאָזיקייט וואַקסט. „גאַטס צאָרן האָט זיך אויס־געגאָסן איבער דער איסט־סייד״. גרינע וואָלגערן זיך מיט די בעבעכעס דרויסן. מ׳וואַרפט מענטשן פון די דירות אַרויס. און איר שבעה זיצן — אַלץ אינאיינעם קומט זיך צונויף און פאַרנעפּלט דעם געדאַנק. ס׳פאַרדריסט איר ניט וואָס די רויטהאָריקע יתומהלע רבקהלע איז ביי דניאלן. ליליען־רות גיט אויף דעם אַכטונג ווי אויף אַן אייגן קינד. גוט איז איר צו זיין גאָר אַליין. גוט וואָלט איר געווען, ווען דער קשר מיטן פריערדיקן לעבן װערט גאָר אינגאַנצן איבערגעריסן. ווען זי וועט אויפשטיין שבעה, זאָל זי ארויס דרויסן און קיינעם, קיינעם ניט דערקענען.

קריינדל וויל איר איצטיקן טרויער צונויפברענגען אינאיינעם מיט איר טרויער יעמאָלט אויף דער שיף, ווען מ׳האָט איר טויטע מאַמע אין ים אַריינ־געוואָרפן. זי וויל פאַרגלייכן צום טרויער, ווען ישראל לוריא, איר פאָטער, איז געשטאָרבן. אָבער טרויער מיט טרויער מישט זיך ניט אויס!

קיינער פון די ברידער האָט ביז איצטער ניט געפּרואווט פּאַרוואַרפן אַ וואָרט אַנטקעגן איר שבעה זיצן נאָך אַ מענטשן, וואָס איז לויט זייער באַגריף געווען צו איר אַ ווילד־פרעמדער. איר פאַלט ניט איין צו דערציילן אַפילו זכריהן וואָס אַלעקסאַנדער האָט צו איר גערעדט צום לעצטן מאָל. דער עיקר האָט זי מורא אַרויפצוברענגען אויף די ליפּן דאָס, וואָס אַלעקסאַנדער האָט איר אָנגעזאָגט, זי זאָל זיך ראַטעווען פון אָרימקייט און דלות, אויב זי ד'האָט באמת אַ גוט האַרץ און וויל לעבן פאַר יענעם. אַלעקסאַנדער האָט איר אויך געהייסן חתונה האָבן. אַלעקסאַנדער האָט דערביי ניט דערמאָנט לעאָנאַרדס נאָמען. ער האָט אַפילו ניט אָנגעוואונקען, זי זאָל גיין אויפזוכן דעם מאַן, וואָס שוין באַלד צען יאָר ווי ער גייט איר נאָך ווי אַ שאָטן. איז פונדעסטוועגן קריינדלען קלאָר, אַז אַלעקסאַנדער האָט אין דער לעצטער שעה פון זיין לעבן געוואָלט איר אָנווייזן דעם וועג אין לעבן.

אָבער דווקא איצטער, ווען אַלעקסאַנדער איז שוין אויך אַוועק רוען זיין אייביקע רו אויף דעם אומבאַקאַנטן בית־עולם, האָט זיך אויפגעעפנט אַ פינצטערער תהום צווישן איר און דעם אייביקן מענטשן, וואָס איז מיט לייב־און־לעבן געווען צו איר געבייגט.

געווען שפּעטלעך אין אָוונט. קריינדל איז געזעסן און זיך איינגעהערט צו דער טיר און צום דרויסן. ס'האָט זי געחידושט, וואָס זכריה איז פאַרפאַלן געוואָרן אויף אַ גאַנצן טאָג, און וואָס בכלל פאַר די לעצטע פאַר טעג האָט זיך ניט געוויזן קיינער פון די עלטערע קינדער.

מיט אַמאָל האָט זיך די טיר געעפנט. אין שטוב זיינען אַריינגעקומען איינס ביי איינס: הילל, דניאל, נתן, שלמה'ה און זכריה. די פינף ברידער האָבן זיך באַגעגנט און אָפּגערעדט צווישן זיך, מ'זאָל קומען אינאיינעם אויפמונטערן די אייניקע שוועסטער. מ'האָט אין פאָרויס צווישן זיך אָפּגערעדט ניט אַריינצוקריכן קריינדלען אין די עצמות אַריין צוליב איר שבעה זיצן. פאַרקערט, מ'זאָל איר דווקא מיטפילן אין איר צער און טרויער, ביז מ'וועט דערגיין וואָס זי קלערט צו טאָן, ווען זי וועט אויף מאָרגן אויפשטיין פון שבעה.

— איר'ט זיך אָפּגערעדט דאָ צו באַגעגענען? פון וואַנען קומט איר איצטער אַלע?

קריינדל איז אויפגעשטאַנען פון דיל, געגאַנגען די ברידער אַנטקעגן.

— כאַ־כאַ־כאַ, ס'וואָלט גאָרניט געווען נאַריש, מ'זאָל אַזוי כסדר זיין אינאיינעם — האָט הילל אַרומגענומען קריינדלען — וואָס זאָגסטו, מ'וואָלט אפשר טאַקע געדאַרפט אינאיינעם . . . ס'וועט באַלד נישט זיין מיט וואָס צו צאָלן דירה־געלט.

— וואו האָט איר זיך אַלע באַגעגנט? — האָט קריינדל, אַ צופרידענע, ווידער געפרעגט.

— אַוואו? פרעג שוין גאָרניט אַוואו — האָט ווייטער הילל זיך געווויצלט — כ'האָב דיר גאָר מורא צו דערציילן. נאָר לאָמיר לאָזן אַ געלעכטער אָן א זייט. מ'איז געקומען ארומרעדן מיט דיר א וויכטיקן ענין. זכריה קלייבט זיך האָבן חתונה!

קריינדל ד'האָט אָנגעשטעלט פאַרחידושטע אויגן אויף זכריהן.

— וואָס איז מיט דיר, הילל? — האָט זכריה זיך געברוגזט — מ'קען טאַקע מיינען, אַז דו האָסט עפּעס אויסגעטרונקען!

— קינדער, מאַכט זיך ניט נאַריש — האָט נתן זיך אַריינגעמישט — איך האָב געוואָלט, מ'זאָל אַלע אינאיינעם זיך באַגעגענען. טאַקע צוליב דיר, קריינדל. זיצסט שבעה. ס'איז דיינער אַ געפיל. בין איך נישט געקומען דיר זאָגן, אַז דו טוסט אַ נאַרישקייט. ליבע איז אַ זעלטענער פאַרמעגן. ווער עס פאַרמאָגט ליבע אין האַרצן, דער איז יעמאָלט אַ געבענטשטער מענטש. ווען ער לעבט, וואָלט מיר נישט געאַרט ווען דו נעמסט און האָסט חתונה מיט אים, כאָטש ער איז געווען מיט אַ האַרב פון פאַרנט און מיט אַ האַרב פון הינטן. איז ער געשטאָרבן, און דו זיצסט שבעה . . . אַ באַוויזז, אַז איך האָב ניט געמאַכט קיין טעות. מסתמא איז ער דיר געווען דער נאָענטסטער מענטש.

— כ'האָב געמיינט, נתן וויל עפּעס אַנדערש זאָגן — דהאָט דניאל זיך אָפּגערופן — כ'האָב געמיינט, דו וועסט אָנהייבן רעדן פון אַ תכלית. די צייט איז אַ שווערע. מיט וואָס אַ טאָג וועט אַלץ שווערער ווערן. די גרינע וואָס קומען אָן, פאַלן אַריין אין אַ אומגליק. איצטער, זאָג איך, איז צייט, קריינדל זאָל אַ קלער טאָן פון אַ תכלית. קריינדל טאָר נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט לעאָנאַרדן. ס'איז נישט קיין קלייניקייט.

— כ'וויל וויסן, צי איר זייט צו מיר געקומען ווי ברידער, צי ווי שדכנים? פאַרוואָס מוז איך חתונה האָבן?

קריינדל האָט זיך ניט געקענט באַהערשן. זי האָט אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט און געווישט די טרערן.

די ברידער זיינען געזעסן מיט געבויגענע קעפּ. יעדער איינער אויף זיין אופן האָט געטראַכט וועגן זיך און וועגן דער שוועסטער, וואָס איז גאָר אינגאַנצן געבליבן אַליין, אַפילו פון אייגענע ברידער דערווייטערט.

צום טיפסטן האָט איצטער קריינדלס מצב דערפילט דער שטילער, שטענדיק שווייגנדיקער שלמה:

— כ'טראַכט, מיר האָבן זיך געטראָפן אַלע אינאיינעם, אָפּגערעדט גיין צו קריינדלען און איר זאָגן אַ פּאָר גוטע ווערטער. טאַ, פאַרוואָס איז אַזוי אומעטיק געוואָרן? הער זיך איין, — האָט שלמה גערעדט אויף קריינדלס זייט, וואָס איז נאָך געשטאַנען ביים פענצטער — מיר דוכט, דו טראָגסט עפּעס אַ כעס אויף דיינע ברידער. איך זאָג, ס'איז פאַראַן פאַרוואָס אין כעס צו זיין. איצטער זע איך עס אַרויס.

— וואָס מיינסטו? — האָט נתן געפרעגט.

— צי דו ווייסט, אַז מיר זיינען שוין באַלד צען יאָר אין לאַנד? קומענדיק אַהער האָט זיך יעדער איינער פון אונדז ווי פון אַ קייט אָפּגעריסן און זיך געלאָזן לויפן. יעדערער איז אַוועק אין זיין זייט. אַלעמאָל טרעפט אונדז אָן אַנדער קלאַפּ, מ'זאָל זיך אָפּשטעלן און אַרומקוקן. דער לעצטער קלאַפּ איז דעם טאַטנס טויט געווען. מיר האָבן זיך אַלע ווי אויסגעטשוכעט. קריינדל, אפנים ניט. קריינדל באַשולדיקט אונדז אין טאַטנס פריציייטיקן טויט אויך. קריינדל באַשולדיקט אונדז, אַז מיר זיינען דאָ געוואָרן אויס מענטשן.

— דאָ ווערט אַ מענטש אַ חזיר, וואָס האָט נאָר אײנזינען זײַן קאַריטע — האָט זכריה מיט בײזקײט אַרויסגערעדט.

— דו, זכריה, זאָלסט עס זאָגן! — האָט זיך דניאל אָפּגערופֿן — צי מיר זײַנען געקומען אַהער זיך קריגן? צי האָב איך אפֿשר ניט געהאַט קײן פֿראָווי חתונה האָבן און מאַכן אַ לעבן פֿאַר זיך? וואָס, ס'איז געווען פֿון מיר אַ פֿאַרברעכן חתונה צו האָבן? ס'האָט דאָך געקענט טרעפֿן, אַז נתן זאָל חתונה האָבן, און דו, הילל, אויך. וואָס וואָלט יעמאָלט געשען? וואָס האָט עס מיט קרײַנדלען צו טאָן? זי איז אַן עקשן. האָט זיך פֿריער אײַנגערעדט, אַז זי מוז מיטן קאָפּ פֿאַרלײגן צוליבן טאַטן. נו, האָט דער טאַטע גענומען און האָט חתונה געהאַט. צוגעקראָגן נאָך אַ קינד! פֿון װעמעס װעגן האָט זי געדאַרפֿט זאָרגן? זי וויל דווקא גײן און פֿוילן אין שאַפֿ, איז דאָס אַ תּכלית? איז דאָס פֿאַר זכריהן אַ תּכלית? און אפֿילו פֿאַר נתנען איז דאָס אַ תּכלית? איז מילא. פֿאַר מאַנצבילן אַרט מיך ניט. כ'ווײס, נתן, זכריה, זײ װעלן דערבײַ ניט בלײַבן. אויב נתן וועט אפֿילו חתונה האָבן צו פֿינף און דרײַסיק יאָר, מאַכט עס דאָ אין לאַנד ניט אויס. קרײַנדל איז שוין זעקס און צוואַנציק יאָר אַלט... אויף וואָס און ווען האָט זי פֿאַרשוווענדט אירע טעג און יאָרן?

— וואָס ווילסטו פֿון מיר? — האָט קרײַנדל אָפּגעוווענדט איר קאָפּ צו דניאלן — בין איך ווען־עס־איז געקומען צו אימעצן זיך באַקלאָגן? אויב איך אַרבעט אין שאַפּ, איז דאָס מײַנע אַ זאַך.

— ניטאָ מער קײן אַרבעט אין די שעפּער.

— שלאָג מיר ניט איבער, דניאל. כ'האָב צו דיר גאָרניט. כ'האָב צו קײנעם גאָרניט. האָט איך יאָ חתונה, האָט ניט חתונה, ניט בײַ מיר דאַרפֿט איר קומען פֿרעגן. נאָך דער מאַמעס טויט, גלײַך ווי מ'איז אַראָפּ פֿון שיף, האָב איך געזען ווי איר האָט זיך פֿון אַ קײט אָפּגעריסן, און יעדערער איז אוועק זײַן וועג. איז גוט. גײט אײַך יעדערער זײַן וועג. אָבער צוליב וואָס מיר קומען איצטער דערמאָנען, אַז איך ווער באַלד זעקס און צוואַנציק יאָר?

— ס'האָט צו טאָן מיט דײַן שבעה זיצן! — האָט דניאל קאַלט אָפּגעענטפֿערט.

— כ'זיץ שבעה נאָך דעם מענטשן, וואָס האָט מיר געהאָלפֿן געפֿינען אַ זינען אין לעבן. ער, דער אײנציקער, האָט מיר אונטערגעגעבן מוט אין די שווערסטע מינוטן פֿון מײַן לעבן דאָ אין לאַנד. נאָר צוליב אים בין איך ניט צעבראָכן געוואָרן, ווי אַ סך אַנדערע מײדלעך, וואָס דאָס פֿינצטערע לעבן האָט פֿון זײ געמאַכט אַ תּל.

— קרײַנע — האָט נתן געוואָלט זײַן צערטלעך — רעג זיך ניט אויף. ווער ס'דאַרף צעבראָכן ווערן, ווערט צעבראָכן. און ווער ס'קומט אַרויס פֿון אונדזער ייִדישן מיסטבאַרג נאָך אַ שטאַרקערער! איך, פֿאַרקערט, בין דיר ניט געקומען דערמאָנען ווי אַלט דו ביסט. קוק מיך אַזוי ניט אָן. זיצסט שבעה נאָך אַ מענטשן וואָס דו האָסט געהאַט ליב, ווילסט אַ מענטש אָפּצאָלן דעם לעצטן חוב, איז דאָס ערלעך פֿון דיר. וואָלט יענער מענטש איצטער געלעבט, איז עפּעס אַנדערש. אַז מ'האָט ליב, איז מען גליקלעך

אין א פאַרשטויסענעם ווינקל פון לעבן אויך. אָבער איצטער, ער איז מער ניטאָ, בין איך דיר געקומען זאָגן, שוועסטער מיינע: אַנטלויף פון דער תורה, וואָס ער האָט מיר דיר איינגעקנעלט!

— וואָס האָט ער מיט מיר איינגעקנעלט?

— אַז צוליב אייגענעם גליק דאַרף מען ניט קעמפן מיט קיינעם; אַז גליק און גוטסקייט זאָל מען נאָר ביי זיך אין האַרצן זוכן, און אַלץ אַרום דיר מעג איינבעמען א מיתה משונה.

— געפעלט עס דיר ניט?

— און ווי, אויב דו ביסט אַרומגערינגלט מיט וועלף, מיט פּיאַווקעס? און ווי, אויב דו ביסט אין אַ פּאַסטקע? פאַר א מרה שחורהניצע האָט ער דיך געמאַכט. כ׳בין געקומען, ניט ווי דיין עלטערער ברודער, נאָר ווי א פריינט בין איך דיר געקומען זאָגן: טי ויד אַ רודער, טרייסל פון זיך אַראָפּ די מרה שחורה. לעבן איז קאַמף! ג איז די איינציקע הילף וואָס איך קען דיר אַרויסווייזן. אפשר, ווען מיר זיינען אַריבערגעקומען אַהער, ווען יעמאָלט וואָלט די מאַמע אויף אַזאַ אופן ניט געשטאָרבן, ס׳וואָלט דאָ געוואָרן א היים, יעמאָלט אפשר... אָבער איצטער, באַלד צען יאָר אין פרייען לאַנד; נאָר א נאַר קען זיך דעפּטשען אויף איין אָרט!

— כ׳וויל וויסן, צי אייך וואָלט געאַרט, ווען איך נעם און גיי אַוועק אויף עלען סטריט, און דאָרטן אין די הייזלעך מיט די רויטע לאַמטערנעס גיי איך זוכן מיין גליק?

— וואָס איז דאָס פאַר א משל? — האָט דניאל א צעטומלטער גע־פרעגט.

— וואָס זיינען עס טאַקע פאַר א רייד? — האָט שלמה געגאַפּט.

— דהערט ניט וואָס זי רעדט, זי מאַכט חוזק — האָט הילל געשמייכלט פאַרוואונדערט.

— וואָס מיינסטו טאַקע מיט דעם צו זאָגן? — איז נתן צוגעגאַנגען און אַריינגעקוקט קריינדלען אין פּנים אַריין.

— איר האָט זיך דערשראָקן ווען כ׳האָב עס אייך דערמאָנט! וואָס אי, איר זייט מיינע ברידער, און כ׳וואָלט אייך ניט געדאַרפט אָנטאָן קיין חרפּה? הייסט עס, איר זייט נאָך אַלץ מיינע ברידער... בעט איך אייך, זאָרגט ניט פאַר מיין תכלית. רעדט בעסער אַרום אייער אייגענעם מצב אין דער־אָ שווערער צייט וואָס רוקט זיך אָן!

ביי די ווערטער איז קריינדל אַריין אין צווייטן צימער און געלאָזן די ברידער אליין.

די פינף ברידער זיינען געבליבן געפּלעפטע. זייער מיין איז געווען אַ גוטער. געקלערט קומען, אויפמונטערן די שוועסטער, און טאַקע אַרומ־רעדן אביסל דעם אייגענעם מצב. דניאל האָט אפילו געוואָלט אין ליליענס נאָמען קריינדלען פאַרבעטן, זי זאָל אַריבערגיין צו זיי וואוינען. צום סוף האָט זיך גאָר אויסגעלאָזן וואָס קריינדל איז אזוי פאַרביטערט, ממש שווער צו רעדן צו איר.

— וואָס זאָגסטו, זכריה? איר זייט דאָך אינאיינעם. וואָס זיינען אירע פּלענער? — האָט נתן, מעשה עלטערער, זיך געווענדט צו זכריהן — צי האָט איר פון וואַנען און מיט וואָס זיך דורכצושלאָגן?

זכריה איז געזעסן ביי זיין ניי־מאַשין, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנט, ווי ער וואָלט זיך גאָרניט צוגעהערט צו נתנס רייד. ער, זכריה, האָט יאָ געקענט זיין שוועסטער. ער האָט געוואוסט וואָס זי לעבט איבער די לעצטע צייט. אָבער ס'איז צוגעקומען די ארבעטלאָזיקייט, וואָס האָט זכריהן נידערגעשלאָגן. אים איז ניט געלעגן שטאַרק אין קאָפּ נאָכ־צוטראַכטן זיין שוועסטערס גייסטיקן מצב. איידער אַלעקסאַנדער איז גע־שטאָרבן, האָט קריינדל נאָך געאַרבעט ביי ציגאַרן און פאַרדינט זעקס דאָלער אַ וואָך. זכריה האָט חושד געווען, אַז אַ טייל פון איר פאַרדינסט גיט זי אויס אויפן קראַנקן אַלעקסאַנדערן. אויב זי האָט מיט זכריהן ניט גערעדט פון איר באַציאונגען מיט אַלעקסאַנדערן, האָט ער קריינדלען געלאָזן צורו. ווען זי האָט זיך נאָך אַלעקסאַנדערן אָנידערגעזעצט שבעה, איז ביי אים רעכט געווען, אַז אפשר גאָר האָט זי אינדערשטיל מיט אים חתונה געהאַט, כאָטש אַלעקסאַנדער האָט פון חתונה־צערעמאָניעס ניט געהאַלטן.

— כ'זאָג, ס'איז געווען איבעריק די גאַנצע זאַך — האָט זכריה זיך אָפּגערופן — אויב מ'האָט גערעכנט קומען און אָביסל פאַרברענגען, אָביסל זיך נאָריש מאַכן, איז עפּעס אַנדערש. אויב אָבער איר זייט געקומען מיט פּלענער צו איר, וואָס פאַר אַ פּלענער האָט איר פון אירעטוועגן, חתונה האָבן? איז איצטער ניט די צייט צו רעדן מיט איר וועגן דעם! אפשר גאָר וואָלט מען טאַקע געדאַרפט אַרומרעדן אונדזער אייגענעם מצב. איך גיי אום אָן אַרבעט. הילל גייט אום אָן אַרבעט. באַלד, באַלד וועט מסתמא נתן אויך... ס'וואַלגערן זיך מענטשן איינס אויפן אַנדערן. דניאל האָט אינזינען, קריינדל זאָל גיין איבערבעטן לעאָנאַרדן, זיך וואַרפן אין זיינע אָרעמס. כ'האָב מורא, אַז לעאָנאַרדן אליין ליגט איצטער ניט אינזינען זיין אַלטע ליבע.

— גיי אריין צו איר, הילל. זע וואָס זי טוט דאָרטן — האָט זיך דניאל אָפּגערופן.

— כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת, קינדער, ערשט איצטער פיל איך ווי פּאַסקודנע אונדז אַלעמען איז דאָ אין דער גילדענער אַמעריקע. איז טאַקע דער טאַטע שוין אויך געשטאָרבן? ווי איז עס אים דאָרטן אויף אַזאַ אומבאַקאַנטן בית־עולם? — האָט הילל זיך געוויצלט.

דניאל האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און איז אריין אין צווייטן צימער. די ברידער האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן און געוואַרט. אין אַ ווײַלע אַרום איז דניאל צוריק ארויסגעקומען ווי אַן אָפּגעשמיסענער:

— ליגט מיטן פּנים אין קישן און וויינט. זאָל זי זיך אויסוויינען. איך גיי אהיים, וועל צו איר מיינע אריבערשיקן.

— וואַרט, איך גיי אויך — האָט זיך נתן אָפּגערופן.

הילל איז אויך מיט זיי אַרויסגעגאַנגען. געבליבן זיינען שלמה און זכריה. אַ ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן. געזעסן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן צום צווייטן צימער.

— אָט אַזוי זעט מען זיך איינמאָל אין אַ יובל, נאָר ווען עס איז אַ צרה. דערמאָנט מען זיך מ'איז ברידער. וואָס מיינסטו, זי איז ניט גע־רעכט?

— כ'ווייס, שלמה, אַז קריינדל איז געדעכט. זי האָט אויף וואָס צו קלאָגן.

— איז דאָס נאָר ביי אונדז אליין אַזוי?

— ס'איז אַ היגע מכה. האַרי־אָפּ... מ'יאָגט דעם ווינט. מ'וויל אין איין טאָג רייך ווערן.

— כאַ־כאַ־כאַ — די לוריאַס רייך ווערן!

— ווי מ'שפּילט דאָ אין לאַנד, אַזוי טאַנצן די לוריאַס.

— איר דאָט אויף דער הוצאה?

זכריה האָט ניט געענטפערט.

אין דער אייגענער צייט איז קריינדל אריינגעקומען. מיט שטילע טריט, אין זאָקן, ביידע הענט פאַרבראָכן אויפן קאָפּ, און דאָס פּנים אויסגעלאָשן. זי האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזן אויפן פוסבענקעלע.

די צוויי ברידער האָבן ניט געהאַט קיין מוט די שטילקייט איבערצו־רייסן.

קאַפּיטל איין און דרייסיק

אוי, ניט קיין פּריציייטיקער ערב־פּסח איז אָנגעקומען, ווען בלאָטיקער שניי און גרוי־שוואַרצער אייז איז נאָך געווען צונויפגעוואַקסן מיט איסט־סיידער מיסטן. ס'איז ניט געווען ריין צו מאַכן לכבוד פּסח די הינקעדיקע בעטן, טאַפּטשאַנעס און צעפליקטע מאַטראַצן, וואָס מ'האָט אין פראָסט אַרויסגעשלעפּט, די וואַנצן אויסצופּרירן. ס'איז נאָך ווייט צו פּורים. און פרילינג — העט ווייט אויף דער אַנדערער זייט איסט־ריווער!

דאָס האָט מען די „גרינע" פון דער ענגשאַפט, פון די פינצטערע, פאַרפעסטעטע טענעמענט־דירות, אַרויסגעשליידערט אינאיינעם מיט די בעבעכעס צום ווינטערדיקן דרויסן אַרויס פאַר ניט צאָלן קיין דירה־געלט. אויפן מיסט אַרויס האָט מען אויך מיט די בעבעכעס אַרויסגעשטעלט די שפּייזער, די „קאַטערינקעס", די ניי־מאַשינען ביי די קאַקרעטש־באָסעס. מחמת די „העגט" זיינען איבעריק געוואָרן דווקא יעמאָלט, ווען פון דער פינצטערער רוסלאַנד האָבן זיך עדה־ווייז יידן אַרויסגעריסן פון איינגעזעסענעם כלל און פאַרטראָגן געוואָרן צו קאָלומבוסן אויף די יידישע מיסטן, בשעת די אויסגעגרינטע האָבן ניט געהאַט וואו די העגט צו פאַרדינגען.

א רעטעניש איז עס נאָר געווען פאַרן גרעסטן טייל גרינע פאַר וועמען דאָס אומגליק האָט זיך ווי א שטראָמיק וואַסער אַ טראָג געטאָן און פאַרשווענקט דאָס טראָפּעלע מנוחה, וואָס מען האָט נאָך זעכצן שעה אַרבעט אָרויסגעצויגן. דער עקאָנאָמישער קריזיס איז ניט געווען קיין רעטעניש פאַרן איינגעבירגערטן אמעריקאַנער, וואָס האָט געוואוסט דעם באַטייט פון דער מלחמה צווישן די צוויי הויפּט־פאַרטייען, די רעפּובליקאַנער און די דעמאָקראַטן.

דער קאַמף האָט זיך אין גרונט אָנגעהויבן נאָך מיט אַכט יאָר פריער, ווען אין פיר און אַכציקסטן יאָר האָט דער רעפּובליקאַנער פּרעזידענט־קאַנדידאַט בלעין פאַרלאָרן, און דער דעמאָקראַטישער גאָווערנאָר פון ניו־יאָרק סטייט, וואָס „איז געלאָפן" פאַר פּרעזידענט, האָט געוואונען. אמת, אין אַכט און אַכציקסטן יאָר, ווען גראָווער קליוולאַנד איז געלאָפן כאָפן א צווייטן טערמין, איז ער דורכגעפאַלן, און דער רעפּובליקאַנער קאַנדידאַט בענדזשאמין העריסאָן איז דערוויילט געוואָרן פאַר פּרעזידענט. אָבער אין צוויי און ניינציקסטן יאָר, ווען גראָווער קליוולאַנד האָט זיך פאַרמאָסטן מיט העריסאָנען, איז ער, קליוולאַנד, ווידער דערוויילט געוואָרן און דורך דעם געהויבן דעם פּרעסטיזש פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. וואָל־סטריט, וואָס איז געווען גוף און נשמה פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, האָט דאָסמאָל זיך אונטערגענומען צו לערנען בלק מיטן פאָלק, וואָס האָט זיך אַ שפּיל געטאָן און אויסגעקליבן דעם דעמאָקראַט קליוולאַנד.

וואָל־סטריט האָט זיך אונטערגענומען צו באַווייזן, אַז דער, וואָס האָט די מאה, דער האָט די דעה. וואָל־סטריט האָט צוריקגעצויגן קרעדיטן און דאָס ביסל געלט אין מזומן ערגעץ פאַרשטעקט. מיט אַמאָל איז דאָס ביסל מזומן אויסגערונען געוואָרן. אינדוסטריעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט צוליב דעם, וואָס די מערערע בענק האָבן זיך דערפילט שמאָל און קיין קרעדיטן ניט ארויסגעגעבן. א סך בענק, וואָס זיינען מיט זייערע קאַפּיטאַלן געווען אָפּהענטיק פון וואָל־סטריט, האָבן געקראַכט, און מיט דעם איז פאַרשוואונדן דאָס ביסל דלות וואָס אָרימע דעפּאָזיטאָרס האָבן אין די בענק אריינגע־לייגט. ארבעטער זיינען ארויסגעשליידערט געוואָרן, זייערע דהענט האָט מען ניט געדאַרפט. א פּאַניק איז באַפאַלן דעם אָלרייטניק ווי דעם קבצן, דעם אַלטגעזעסענעם, ווי דעם גרינהאָרן, דאָס געלט איז פאַרגליווערט געוואָרן, אָדער אויסגערונען ביי דער מערהייט. און די, וואָס האָבן דאָס „קניפּעלע" געראַטעוועט, האָבן דאָס ביסל מזומן פאַרשטופּט ערגעץ טיף, מען זאָל עס אליין ניט קענען געפינען און אויסגעבן. מענטשן האָבן מורא געהאַט אויסצוגעבן דעם דאָלער אויף אַ בגד, טאָמער וועט מען דעם סענט באַדאַרפן אויפן שטיקל ברויט. מענטשן האָבן אויפגעהערט צו קויפן, ניט נאָר לוקסוס־זאַכן, אפילו פון דעם סאַמע נויטיקסטן האָט מען זיך אָפּגעזאָגט. מענטשן־מחנות, נידערגעשלאָגענע, מיט פאַרפינצטערטע מחשבות האָבן זיך אומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן, זיך פאַרזאַמלט אַרום אַ צוגעמאַכטער באַנק און אליין ניט געוואוסט וועמען צו שעלטן און קעגן וועמען צו פּראָטעסטירן. מען האָט ניט געוואוסט וועמען צו שעלטן, צי דעם דעמאָקראַטישן, אויס־געקליבענעם פּרעזידענט גראָווער קליוולאַנד, צי דעם דורכגעפאַלענעם רעפּובליקאַנער בענדזשאַמין העריסאָן.

אויף דער יידישער איסט־סייד האָט זיך ממש גאָטס קללה אראָפּגעלאָזן. אין די שוויץ־שעפּער איז מען ניט געווען זעלבשטענדיק. די ארבעט אין די שוויץ־שעפּער האָט מען שוין פון דער צווייטער האַנט געקראָגן, פון די גרויסע קאָנטראַקטאָרס, צום מערסטן דייטשע יידן, וואָס זיינען מיט א פּאָר צענדליק יאָר פריער גליקלעך געווען צו קומען קיין אמעריקע. ווען ביי די גרויסע ברויטגעבער האָט זיך אַלץ אָפּגעשטעלט, איז עס אויסגעפאַלן צו די גריינע באַלעבאַטים, וואָס האָבן אפילו אין דער „נאָרמאַלער" צייט ניט שטענדיק געצאָלט אין צייט זייערע „הענט". איצטער, ווען די ארבעט איז אויסגערונען געוואָרן, די גרעסטע מאַנופעקטשורערס האָבן זייערע שע־פּער צוגעמאַכט, האָבן שוין די קאַקרעטש־באַסעס ניט געהאַט וואוהין די הענט אויסצושטרעקן.

ניט נאָר דהאָבן זיך שוויץ־שעפּער צוגעמאַכט, און די הענט אַוועקגע־שיקט; פאַר ניט צאָלן קיין דירה־געלט האָט מען די באַסעס אינאיינעם מיט די ניי־מאַשינען אַרויסגעשליידערט צום דרויסן.

— ווי איינער וואָס לויפט פון פייער און פאַלט אריין גאָר אין א טיפן וואַסער; ווי איינער וואָס לויפט פון הונגעריקע וועלף און פאַלט אריין צו א מחנה הונגעריקע לייבן, אזוי איז עס מיט אונדז יידן.

דאָס האָט הילל לוריא, א צעבראָכענער, נידערגעשלאָגענער, געטענהט צו זיך אליין, זיצנדיק אויפן וואַרשטאַט ביי שמחה הורוויטש דעם סטאָליער.

— אויף אלץ און אלעמען האָט זיך דאָס אומגליק אויסגעגאָסן, גלייך ווי מענטשן וואָלטן שוין גאָר קיין העמד צום לייב ניט געדאַרפט!

איינס אויפן אַנדערן, איינס נעבן אַנדערן זיינען די געלעגערס געוואַקסן אין די פינצטערע לעכער, וואו מען האָט דירה־געלט געצאָלט, און פון די ארויסגעשליידערטע א פרנסה געמאַכט. אויך ביי שמחה הורוויטשן אין קעלער, וואו הילל האָט זיך אומגעדרייט, אנשטאָט סטאָלעריי, האָט מען דריי משפחות אריינגעלאָזן. דער סטאָלערישער וואַרשטאַט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א פלאַץ צום שלאָפן.

הילל איז געזעסן אויפן וואַרשטאַט, נאָכגעקוקט די אָפּגעלאָזענע מינע, וואָס נאָך צוויי ראָזע רעדעלעך זיינען אין אירע פּוכיקע באַקן איבערגעבליבן, און געטראַכט:

— איך אליין בין ווערט דעם שטעקן וואָס כ׳האָב פאַר דריי יאָרן זי ניט אַ נעם געטאָן, און ארויסגעטראָגן פון דעמדאָזיקן קעלער אויף דער ליכטיקער וועלט ערגעץ אין גרינעם פעלד!

יידן האָבן זיך געחקירהט, געוואָלט דערגיין פון וואַנען דאָס אומגליק האָט זיך אַראָפּגעלאָזן. יידן האָבן איצטער צייט געהאַט אפילו אין מיטן וואָך צו דאַווענען דריי מאָל א טאָג. האָבן צייט געהאַט פון וואָך מאַכן שבת, און צייט איז געווען צו באַטראַכטן די וועלט סיי פאַרן דאַווענען, און סיי נאָכן דאַווענען.

— דאָס קריגן זיך די רעפּובליקאַנצעס מיט די דעמאָקראַטשיקעס. פּרעזידענט קליוולאַנד באַווייזט די רעפּובליקאַנצעס: אָט אַזוי וועלן אייך די קעפּ ליגן אין דר׳ערד, אויב איר וועט מיך אַראָפּזעצן פון בענקל...

— וואָס איז עס פאַר אַ משל? אדרבה, פאַרקערט זעט עס מיר אויס: מחמת די דעמאָקראַטשיקעס האַלטן די לייצעס, און די רעפּובליקאַנצעס זיצן אויפן וואָגן און האַלטן דאָס קניפּעלע, באַווייזן זיי טאַקע פאַר דער וועלט: „אָט זעט אונדזערע פירער, זעט אונדזער פּרעזידענט קליוולאַנד, אַז אַך־און־ווי וואוהין ער וועט אונדז פאַרפירן!” ס׳הייסט, טי מואוו, א יאַ זדרואוו. דו ביסט טאַקע פּרעזידענט, אָבער געלט האָב איך. וואָל־סטריט האָט זיך צעבונטעוועט! זיי האַלטן די געלט־זעק, דאָרטן האָט מען דעם טייסטער פאַרמאַכט. מ׳לאָזט ניט ארויס ס׳געלט פון האַנט, נו, ווערט מען דערשטיקט.

— טאָ פאַרוואָס זיינען די בענק איינגעזונקען געוואָרן? פאַרוואָס אַזויפיל באַנקראָטן? וואו איז אהינגעקומען ס׳ביסל אָפּגעשפּאָרט געלט וואָס מ׳האָט אין באַנק אריינגעלייגט? וואו איז עס אַהינגעקומען?

— אָט דאָס טענה׳ט מען דאָך... ס׳איז אַ מלחמה צווישן צוויי צדדים, מ׳שרעקט אָן דעם עולם, מ׳זאָל נאָך אַמאָל די דעמאָקראַטשיקעס ניט צולאָזן צום שיסל!

— וואָס, איר ווילט מיר דווקא איינרעדן, אַז דאָס איז א צרות־הכלל? אַז דאָרטן ביי די אמעריקאַנצעס איז אויך אַזאַ קללה פון גאָט? ס׳איז אַן אָפּגערעדטע זאַך, אַנצושרעקן פאָלק ישראל וואָס לאָזט זיך אַהער ראַטעווען. ס׳איז א גאָט־זאַך.

— כ׳מעע, רעדסט ווי א מלמד. פאַר וועמען האָט מען דאָ געבייט, פאַר וועמען האָט מען דאָ געהאָוועט? זיי ליגן נאָך טיפער אין דער אדמה.

ביסט געווען אויף בראַדוויי? גייסט אַרויס אויף דער בויערי? חושך! ניטאָ מער די הוליאַנקעס. אַלץ איז זיי אויסגעפאַלן באַקאַם.

— אָבער יידן האָבן דאָך דאָ אין אַלץ פאַרגעסן, הפקר פּעטרישקע; אַרויסגעריטן אויפן גילדענעם פערדל! פאַבריקאַנטלעך, שטשאָבונעס! ס׳גאַנצע יידישע פאָלק האָט זיך ווי אַ טייך צום ים אוועקגעלאָזן! זאָגט מען זיי: — האַלט אָפּ! פאַר אַלץ מוז זיין אַ גרענעץ. אוודאי וועטן אַ־הער מער ניט לויפן!

— מ׳דאַרף קלאַפּן טרעוואָגע, יידן זאָלן זיך פון ראַסיי ניט רירן. טאַקע שרייבן זיי דעם גאַנצן אמת, אַז אַן אומגליק האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אונדזער לעבן, אַז קיין תכלית איז דאָ ניטאָ פאַר יידן. זאָלן זיי וואַרטן דאָרטן, ביז גאָט וועט רחמנות האָבן, און מ׳וועט יידן לאָזן אַיינזיצן אויף אַן אָרט.

— הימל און ערד און שווינדל! מ׳האָט אונדז אַ־הער פאַרנאַרט. אונדזער בלוט, אונדזערע כוחות אויסגענאָגט, און ווייטער — חשכות אָן אַ סוף!

— אַז כ׳האָב געאַרבעט, געווען פאַריאָגט פון באַגינען ביז שפּעט ביי־נאַכט מיט דער פינצטערער פרנסה, איז מיר אין קאָפּ ניט געלעגן צו באַ־טראַכטן מיין מערכה. וואו דער צעבראָכענער קאָפּ איז אוועקגעפאַלן, איז רעכט געווען. אָבער איצטער, אויב ס׳וועט לאַנג אַזוי געדויערן, וועלן לייז און וואַנצן אויפפרעסן!

פון די קרוב צו צוויי־הונדערט פאַר הענט, וואָס האָבן געאַרבעט אין לעאָנאַרד סטאַנס שעפּער, האָט ער קוים באַוויזן אַ דריטל אויפצוהאַלטן ביי דער אַרבעט. פאַר דער צייט האָבן זיך באַוויזן ביי אים גרויע האָר ביי ביידע שלייפן. זיין קאָפּ איז טיפער געזונקען צווישן די אַקסלען. אַרבע־טער האָבן אָפּגעשלאָגן די טירן פון זיין שאָפּ. בלייכע פּנימער, אויס־געצויגענע, פאַרחלשטע הענט; אויסגעלאָשענע אויגן און פאַרטריקנטע ליפּן. דאָס טרויער־בילד האָט זיך איינגעגעסן אין זיין דמיון. ער איז אַ סך וויכער געוואָרן.

אים איז איינגעפאַלן זיך מישב צו זיין מיט נתן לוריאַן וואָס צו טאָן:

— פאַרוואָס זאָל איינער האָבן אַלץ, און דער אַנדערער גאָרניט? גליי־כער צעטיילן, יעדער איינער זאָל עפּעס פאַרדינען. וואָס זאָגט איר אויף דעם, נייטן?

— ס׳וואָלט אַוודאי געווען אַ יושר, די באָסעס זאָלן אויפהערן אינזינען האָבן נאָר זיך אַליין.

— איך מיין עפּעס אַנדערש. כ׳מיין, אַז אַנשטאָט וואָס איצטער אַרבעטן ביי מיר קרוב צו הונדערט פאַר הענט אַ גאַנצן טאָג, איז ניט אַ יושר, יו נאָו, כ׳זאָל צעטיילן האַלב־אויף־האַלב: אַנשטאָט וואָס איינער זאָל פאַר־דינען זעקס דאָלער אַ וואָך, צי פינף איז גלייכער, צוויי זאָלן פאַרדינען צו דריי דאָלער אַ וואָך.

— אָט דאָס מיינט איר? כ׳ווייס ניט, לעאָנאַרד, וואָס כ׳קען אייך אַן עצה געבן. די צרה, וואָס אפילו די וואָס אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג, האָט מען אויך ביי זיי די ווידזשעס געשניטן.

— אַנדערש האָב איך ניט געקענט. סלעק וועט אַריבער, ווען איך וועל אַרויס נאַקעט ווי די מאַמע האָט מיך געהאַט, וועט פאַר קיינעם קיין

גוטס פון דעם ניט ארויסקומען. די שטאַרקערע מוזן דאָך איבערלעבן די שווערע צייט. וואָס קען איך טאָן, אויב קרובים זיינען אָנגעקומען און מ׳ליגט זיך אָן אויף מיר? אגב, וואָס טוען דאָרט אייערע, כ׳האָב זיי א צייט ניט געזען.

נתן האָט באטראַכט דעם נידערגעשלאָגענעם לעאָנארדן, און ניט גע־וואוסט וואָס צו ענטפערן. ס׳איז אים ניט איינגעפאַלן בעטן ביי לעאָנאַרדן, ער זאָל אפשר פאר אים געפינען ארבעט ביי זיך אין שאַפּ. זיינע שוועס־טערקינדער, די חפצס, האָט מען שוין צוויי מאָל פון דירה ארויסגעוואָרפן, און ער, נתן, האָט זיך דעם קאָפּ געבראָכן ווי אזוי ער זאָל זיי איינערגעצן אריינשפּאַרן. דער סוף איז געווען, אַז דניאל האָט די משפחה חפץ צו זיך אריינגענומען.

נתן אליין, אלע זיינע האָפענונגען צו אָרגאַניזירן די ארבעטער אין יוניאָנס, זיינען צערונען געוואָרן. אַלץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א וויסטן חלום. וואו יוניענס, ווען יוניענס — אז מ׳האָט געדאנקט גאָט, אויב אַ באָס האָט די הענט פאר חצי־חינם געוואָלט געבן אַן אָרט ביי זיך אין דער ענגשאפּט! וואו סטרייק, און ווען סטרייק פאר ניט צאָלן ווידזשעס ארבעטער, צי פאר ניט־פאַרדינטע באַליידיקונגען, צי פאַר ארויסוואַרפן ארבעטער פון שאַפּ ארויס? צי איז דען געווען א זינען אויפצומאָנען פאַר קריוודעס, ווען קיין ארבעט איז ניט געווען; ווען ס׳רוב קלענערע באַסעס האָט מען פון די דירות ארויסגעוואָרפן אינאיינעם מיט די בעבעכעס! אַ יאוש איז נתנען באַפאַלן. אפילו דאָס שטודירן איז אין קאָפּ ניט גע־קראָכן. שלמה לוריא איז איצטער איינער אַליין געווען דער באָס איבער זיך אַליין. איינער אליין האָט ער געמאכט ציגארן און ווי ס׳איז זיך דורכגעשלאָגן.

הילל האָט א טאָג אין וואָך געשלעפּט לאַסטן אין ברוקלינער פּאָרט. די איבעריקע טעג האָט ער זיך געוואַלגערט ביי די הורוויטשעס, געקוקט ווי מינעס מידע הענט און אָרעמס קנעטן דאָס בייגל־טייג.

דער ווינטער האָט זיך געצויגן. ס׳האָט אויסגעוויזן, צום ווינטער וועט שוין קיין סוף ניט קומען. ס׳וועלן שוין קיינמאָל, קיינמאָל ניט צעשמאָלצן ווערן די אייזיקע מיסטבערג אין גאַס; קיינמאָל וועלן שוין פון גאַס ניט איינגעשטילט ווערן די געוויינען פון מאַמעס, געוויינען פון הונ־געריקע קינדער.

אין אַזאַ־אָ אינדערפרי האָט מען פון א פערטן שטאָק אויף לודלאָו סטריט ארויסגעוואָרפן אין גאַס ארויס קריינדלס און זכריהס ביסל בעבע־כעס. זכריה איז דערביי ניט געווען. ער איז גאָר אהיים ניט געקומען נעכטיקן, מחמת אימעצער האָט אים צוגעזאָגט ארבעט ערגעץ אין ברוקלין, איז ער אַהין אַוועק און דאָרט געבליבן.

קריינדל האָט צו קיינעם ניט געוואָלט אָנקומען. זי האָט אפילו פון זכריהן פארלייקנט ווי שמאָל ס׳האָלט מיט דירה־געלט. איר לעבן איז געווען לער. איר מוט — צום ברודיקן ברוק געבויגן, וואו זי איז טאָג־איין טאָג־אויס אומגעגאַנגען און זיך צוגעהערט צו איר אייגן הארץ.

גלייכגילטיק האָט זי געקוקט, ווי פרעמדע, האַרטע און פאַרמרה־שחורהדיקע מענער, וואָס האָבן רעכט עס צו טאָן, האָבן צונויפגעבונדן

אירע זאַכן, צונויפגעשלעפּט דאָס ביסל מעבל, די ניי־מאַשינען, גלייך ווי זי וואָלט מיט דעם אַלעמען קיין שייכות ניט געהאַט. גלייך ווי דורך אַ טעות געפינט זי זיך אין די צוויי חדרים שוין קאַרגע צען יאָר.

ווען זי איז שוין מיט איר „פּאַרמעגן" געלעגן אויפן ברוק, האָט עס איר אויף אַ האָר ניט געחידושט. אירע צעשטרייטע בליקן האָבן געבלאָנדזשעט אין קרייז אַרום איר פּאַרמעגן, ווי ווייטער פון דעם קרייז איז פאַר איר דער וועג אַ פאַרמאַכטער. מיד און שווער האָבן זיך די מחשבות באַוועגט, אַוועקגעקראָכן צו אייגענע מענטשן, אייגענע ברידער; און מיט ליידיקן, נאָך שווערער, האָבן זיך די מחשבות צוריק צו איר אומגעקערט. קריינדל זוכט, זי פּרוּווט געפינען אַ שולדיקן אין איר איצטיקן מצב, און זי קען קיינעם ניט באַשולדיקן. ניט אירע ברידער, און פרעמדע אַוודאי ניט. מיט די ברידער האָט זי כמעט ווי איבערגעריסן. זי אַליין האָט זיך פון זיי אַלעמען דערווייטערט, ווען מ'האָט פון איר אָנגעהויבן אָפּצולאָכן, נאָכדעם ווי זי איז אויפגעשטאַנען פון שבעה נאָך אַלעקסאַנדערן, און זיך „ניט געגנומען אין די הענט אַריין". אפילו צו דניאלן האָט קריינדל אויפגעהערט צו גיין, נאָכדעם ווי ליליען־רות האָט איר גענומען זאָגן מוסר און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי פאַרשטייט ניט דאָס לעבן, מחמת זי פאַרוואַרפט פון זיך די געלעגנהייטן וואָס איר זיינען געגעבן געוואָרן.

קריינדל איז געזעסן אויף אַ ווייכן פּעקל, וואו אין אַ ליילעך איז אַ פּערענע און אַ קישן געווען איינגעבונדן. די מחשבות זיינען אַוועקגעקראָכן אויף צוריק מיט צען יאָר, צום טאָג ווען איר טאַטע, און נאָך איבם, די זיבן קינדער זיינען געבויגענע אַרויס פון קעסל־גאָרדן. ווי יעמאָלט האָט זיך באַוויזן אַ בלאָנדער, אויסגעבלייכטער יונגערמאַן, וואָס האָט גע־הייסן לייבל חלפן. דער ייִנגערער לייבל חלפן האָט עס יעמאָלט זיי געהאָלפן דינגען די־אַ דירה פון וואַנען מ'האָט זי היינט „אַרויסגעשטעלט". דער אייגענער מענטש האָט כמעט פאַר דער גאַנצער לוריא־משפחה אויסגעלייגט אַ וועג צו זיצן ביי ניי־מאַשינען. „וואָס האָט ער יעמאָלט געמיינט? — טראַכט קריינדל — האָט ער אינזינען געהאַט זיין אייגענע טובה, און האָט די לוריאַס פאַרנומען פאַר אייגענע לייבקנעכט?"

פון העסטער סטריט האָט זיך דערטראָגן אַ געיאָמער, און באַלד האָט אַריינגעקערעוועט אין לודלאָו סטריט אַריין אַ לויה: צוויי ברוינע פערד, מיט שוואַרץ אַריבערגעדעקט, האָבן אַריינגעשלעפּט אין לודלאָו סטריט אַ פלאַכן וואָגן, און אויף אים אַ שוואַרצער אָרון. הינטער דעם, ענג צונויפגעשלאָגן, אונטער די הענט, מיט געבויגענע קעפּ — די באַגלייטער. אַלע האָבן געדעפּטשעט דעם פאַרמיסטיקטן, אייזיקן וועג, און געשוויגן. נאָר אין סאַמע מיטן האָט אַ פרוי, די טוך אויף די אַקסלען, ס'קאָפּ־טיכל פאַר־שאַרצט אויף־אַרויף, אַפּדעקנדיק יונגע, בלאָנדע האָר, זי האָט איינגעטענהט מסתמא צום מענטשן וואָס איז געלעגן אַ קאַלטער אין שוואַרצן אָרון:

— אַ דונער האָט געדאַרפט אַראָפּפאַלן פון הימל און מיך דערשלאָגן, כ'זאָל דיך איצטער ניט דאַרפן פירן באַגראָבן אין דער קאַלטער ערד אַריין! פאַרוואָס איז די שיף ניט איינגעזונקען געוואָרן אין מיטן ים מיט אונדזער געביין אינאיינעם, איידער מ'איז געקומען אהער אויף אומגליק און אַזאַ וויסטן לעבן, ווי איז מיר... פאַרוואָס האָט מיך דער פינצטערער ים ניט

איינגעשלונגען, כ'זאָל אויסגעלייזט ווערן פון די צרות, וואָס כ'האָב דאָ געהאַט אויסצושטיין?! הלוואַי וואָלט מיין געביין אין ים איינגעזונקען געוואָרן, איידער מיינע פיס האָבן אהער דערגרייכט! וואָס וועט איצטער פון דיינע עופּהלעך ווערן? פינצטער איז מיר מיין וועלט... פינצטער איז מיר מיין לעבן... פינצטער איז מיר מיין לעבן — — —

די לעצטע ווערטער זיינען איבערגעבליבן ארום קריינדלען, נאָכדעם ווי די לויה האָט זיך אַרויסגעקערעוועט פון לודלאָו, און איז פאַרשוואונדן, און פאַרשטומט געוואָרן אויף קאַנעל.

קריינדלען דוכט זיך אויס, אַז זינט זי איז אין ניו־יאָרק, האָט זי געזען מער לויות ווי חתונות. אין איר אייגענער משפחה זיינען אויך מער לויות ווי חתונות פאָרגעקומען. איר איז שווער צו באַנעמען, וואָס מיט אַמאָל איז זי צוגעבונדן געוואָרן צו אַ באַרג צעבראָכן מעבל, פּעקלעך, בעט־געוואַנט, און אַט אַזוי ביים באַרג בעבעכעס וועט זי דאָ...

קריינדל שפּירט ווי פון רגע־צו־רגע ווערט זי געעלטערט. אָבער, ווען זי וואָלט איצטער אויפגעשטאַנען און געוואָלט גיין פון דאַנען, איז ניטאָ וואוהין. די גאַנצע וועלט איז פאַר איר פאַרשלאָסן געוואָרן. דער וועג צו אייגענע איז פאַרדרייט און אָפּגעמעקט... די פרעמדע וואָס בלאָנקען זיך אום הין־און־צוריק, ציען פאַרביי לודלאָו, פאַרקערעווען אויף קאַנעל; אדער קומען אָן פון קאַנעל און פאַרנייגן צו העסטער סטריט, דאָס אַלץ האָט פאַר איר ניט מער ממשות ווי די לויה וואָס האָט נאָרוואָס פאַרבייגעצויגן. פאַר־קערט, די יידענע, וואָס האָט באַקלאָגט איר ביטער לעבן, האָט פאַרט דאָ אַרום איר ביסל בעבעכעס געלאָזן עטלעכע ווערטער... „הלוואַי וואָלט מיין געביין אין ים איינגעזונקען געוואָרן, איידער מיינע פיס האָבן אהער דערגרייכט...״ דידאָזיקע קלאָג־רייד זיינען געבליבן אויף לודלאָו סטריט, קלינגען אָפּ אין קריינדלס אויערן, ברענגען צו איר די פינצטערע נאַכט, בשעת מ'האָט איר מאַמען אין ים אריינגעוואָרפן, איידער מ'איז אָנגעקומען אין קעסל־גאַרדן.

ליליען־רות האָט זי עטלעכע מאָל געלערנט צו פאַרשטיין, אַז מ'טאָר זיך ניט שטעלן מיט דער פּלייצע צום לעבן. מ'דאַרף זיך צוהערן צום אייגע־נעם האַרצן, ווי זי אַליין האָט עס געטאָן... קריינדל וויל עס אָנמעסטן צו איר לעבן. זי לויפט דורך מיט איר דמיון די צען יאָר און וויל זיך דער־מאָנען ווען־און־וואָס איז דאָס לעבן איר געקומען אנטקעגן, ארויסגעבראַכט איר דאָס גליק, און זי קען ניט. מחמת איצטער קען זי איר לעבן ניט אָפּרייסן פון דעם גאַנצן אַרום, אפילו פון די מענטשן וואָס שלעפּן זיך פאַרביי ווי שאָטנס, ווער מיט אַ ניי־מאַשין אויף דער געבויגענער פּלייצע, און ווער — מיט זיין קעסטל פּעדלער־סחורה. איין גרויסע לויה! פינצטער, פינצטער אַרום!

מיט אַמאָל איז זכריה אָנגעקומען. ער האָט זיינע אויגן ניט געגלויבט ווען ער האָט דרויסן פאַרן הויז געפונען קריינדלען אַן ארויסגעשליידערטע פון דירה. קריינדל האָט אים אויסגעזען אויף צען יאָר געעלטערט. ער איז געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטער, ניט געקענט ס'מויל עפענען.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן, זכריה? כ'האָב געוואוסט, אַז מיט דעם וועט זיך אויסלאָזן.

— ווען האָט עס געטראָפן?
— מיט אַ פּאָר שעה צוריק.
— וואָס וועט זיין?
— ווען כ׳וואָלט זיך געקענט אויפהייבן, אַ שפּיי טאָן אויף דעם אַלע־מען, אפשר וואָלט איך באַקלערט וואָס צו טאָן. אָבער מיט דעם ביסל מיסט... וואָס, מירן עס אפשר נעמען אויף די פּלייצעס און אוועקטראָגן?
— אַזאַ אומגליק ט׳זיך אָראָפּגעלאָזן! אויף יעדן פּלאַץ וואו מ׳דאַרף אפילו קיין איין פּאָר דהענט ניט, וואַרטן דרייסיק פּאָר. די ארבעט איז ממש אויסגערונען געוואָרן. אויב ס׳וועט לאַנג אזוי אַנהאַלטן, ט׳מען אומקומען. פונדעסטוועגן, וואָס האָסטו דאָ אַן מיר באַטראַכט צו טאָן?
— כ׳טראַכט איצטער גאָר אינגאַנצן ניט. ס׳איז מיר פינצטער אין קאָפּ.
— קיינער פון די קינדער ווייסט ניט, אַז דו ליגסט אזוי אין גאָס?
— כ׳וויל זיי גאָרניט לאָזן צו וויסן.
— כ׳וועל אַריבערגיין צו דניאלן.
— כ׳פאַרוועהר עס דיר צו טאָן, זכריה!
— דער איינציקער מענטש, ביי וועמען כ׳קען עפּעס בעטן.
— כ׳האָב דרייסיק סענט... קום, מירן גיין אינערגעצן עפּעס עסן. כ׳בין הונגעריק. דער קאָפּ טוט מיר שטאַרק וויי, אפשר, אז כ׳וועל אָפּעסן, וועל איך ווערן שטאַרקער.
— ביסט הונגעריק... ווייסט וואָס, אפשר וועט זיך געפינען אַ בעלן, וואָס זאָל אָפּקויפן אָטאָ־דעם גאַנצן כלאָם. צוליב וואָס דאַרפן מיר האָבן אַ שטוב? איך וועל ערגעץ געפינען פאַר זיך אַן אָרט וואו צו נעכטיקן, און דו...
— ווילסט מיט מיר איינאיינעם ניט לעבן, זכריה?
— אפשר גוט אזוי, וואָס מ׳האָט אונדז פון דער דירה ארויסגעוואָרפן. אַן אומגליקלעכע שטוב געוועזן, און ניט מער. טפוי, אויף דעם! — האָט זכריה אויסגעשפּיגן אויפן ביסל פאַרמעגן.
— ווילסט גיין לעבן אליין, זכריה?
— יאָ, קריינדל — האָט זכריה רואיק געזאָגט — מיר וואָלט זיך געוועלן ערגעץ פאַרפאַלן ווערן. דעריבער בין איך ניט געקומען אהיים נעכטיקן... וואָס קוקסטו מיך אזוי אָן, קריינדל?
— גאָרניט, זכריה. זאָגסט, מ׳זאָל עס אַלץ פאַרקויפן; ווער ט׳עס קויפן? ווער דאַרף עס האָבן?
— ווייסט וואָס, כ׳וועל אריבערגיין צו לעאָנאַרדן! כ׳וועל אים זאָגן... וואָס זאָל איך אים זאָגן, קריינדל?
קריינדל האָט גלייך ניט געענטפערט. זי איז אויפגעשטאַנען, אויס־געגלייכט די פּלייצע, אויסגעגלעט דעם מאַנטל אויף זיך, שטייף פאַרבונדן ס׳טיכל ארום קאָפּ, און ארויסגעשטעלט די אויערן צום דרויסן.
— וואָס קלייבסטו זיך טאָן, קריינדל?
— גוט, זכריה, גיי אריבער צו לעאָנאַרדן. קענסט אים דערציילן.
קריינדל האָט געוואָרט ביז זכריה איז אוועקגעגאַנגען. זי האָט אים נאָכגעקוקט ביז ער איז פאַרפאַלן געוואָרן אויף קאַנעל סטריט.

אַ ווייל האָט איר האַרץ אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן; שטאַרק ביז ווייטיק. זי האָט זיך אַזש געמוזט צוריק אַנידערזעצן. דער ווייטיק אַרום האַרצן איז אַלץ טעמפּער און עקשנותדיקער געוואָרן. זי האָט דערשפּירט, אויב זי וועט דאָ נאָך אַביסל בלייבן, וועט זי קיין כּוח ניט האָבן אויפֿצושטיין. נאָכן האַרץ־קלאַפּ האָט עס ווי מיט אַ שפּיציקן האַמער אָנגעהויבן האַמערן איןביידע שלייפֿן. באַלד האָט זיך פֿאַר די אויגן אַ פֿינצטערניש אויסגע־שפּרייט. די גאַס, דאָס ביסל כלאָם פֿאַר איר איז אין פֿינצטערניש איינ־געזונקען געוואָרן.

קריינדל האָט אָנגעהויבן זאַמלען אַלע כּוחות, ניט צו חלשן, און ניט אַנידערפֿאַלן דאָ נעבן דעם אַרויסגעשליידערטן פֿאַרמעגן. „אוי, וויינען, וויינען... ווען איך קען איצטער אַזוי יאָמערן אויפֿן הויכן קול ווי יענע פּרוי, וואָס איז נאָך איר געשטאַרבענעם מאַן נאָכגעגאַנגען און געיאָמערט... אוי, וויינען, קלאָגן אויף די פֿאַרשפּילטע צען יאָר. הייסט עס, זכריה וויל שוין אויך זיין אַליין. זאָל ער. זאָל ער...‟

קריינדל האָט זיך דערשפּירט צו שוואַך צו בלייבן אין גאַס. מיט די לעצטע כּוחות איז זי אויפֿגעשטאַנען, אַוועק אין דער ריכטונג צו הענרי סטריט. זי האָט זיך אַפֿילו ניט אומגעקוקט אויף צוריק, וואו זי האָט איר „פֿאַרמעגן‟ איבערגעלאָזן. זי האָט זיך ווי־עס־איז דערשלעפּט צו דניאלן. גאָר די כּוחות האָט זי אָנגעוואָרן נאָכדעם ווי זי איז ליליען־רותן אין די אָרעמס אַריינגעפֿאַלן.

ליליען האָט זי גאָרניט אויסגעפֿרעגט. מיט די ליפּן האָט זי געפּילט קריינדלס הייסן קאָפּ, קריינדלס קאַלטע הענט. ליליען־רות האָט פֿאַר איר אויסגעבעט אַ בעט. קריינדל האָט זיך געלאָזט אויסטאָן. ליליען־רות האָט קריינדלען צו זיך אין בעט אַריינגעלייגט און געשיקט רופֿן צו איר אַ דאָקטאָר.

* * *

ס'איז געווען ערבֿ־פּסח, פּונקט צען יאָר זינט די לוריאס זיינען גע־קומען קיין ניו־יאָרק, אויף לודלאָו סטריט, ווען קריינדל האָט זיך אויפֿ־געהויבן פֿון איר זעקס וואָכיקער, שווערער קראַנקייט. דער פֿרילינג האָט זי באַגעגנט אַן אויסגעלייזטע פֿון אַ סך קראַנקייטן. איר איז איצטער קלאָר געווען, אַז אַ מענטש, וואָס האָט זי די גאַנצע צען יאָר ליב געהאַט, האָט פֿון איר קראַנקן בעט ניט אָפּגעטראָטן.

דער מענטש איז געווען דער אַמאָליקער לייבל חלפֿן, און איצטיקער לעאָנאַרד סטאָן.

סוף פֿון ערשטן טייל